STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05111

HABRIS HAHADOSHE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הַבְּרִית הַחֲדָשָׁה

דָאס נֵייעֶ טֶעסְטַאמֶענְט

פוּן אוּנְזֶערֶעם הַאר'ן אוּן רֶעטֶער

יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ

נֵייא אִיבֶּערְזֶעצְט אוּן רֶעוִידִירְט

לאנדאן

בריטיש און אויסלענדישע ביבעלגעזעלשאפט

1928

The New Testament in Yiddish.
B.F.B.S. Revision Committee.

PRINTED IN GREAT BRITAIN.

From J. GINSBURG'S
LIBRARY

אינהאלטס פערצייכניס
פֿון דעם
נייעם טעסטאמענט.

	זייטע.	קאפּ.
מתי	5	28
מרקוס	63	16
לוקאס	100	24
יוחנן	163	21
אפאסטעלגעשיכטע	208	28
רומער	270	16
א קארינטער	294	16
ב קארינטער	316	13
גאלאטער	331	6
עפֿעזער	338	6
פֿיליפּער	346	4
קאלאסער	351	4
א טעסאלוניקער	356	5
ב טעסאלוניקער	361	3
א טימותיוס	364	6
ב טימותיוס	370	4
טיטוס	374	3
פֿילעהמון	377	1
עברים	378	13
יעקב	396	5
א פעטרוס	402	5
ב פעטרוס	408	3
א יוחנן	413	5
ב יוחנן	418	1
ג יוחנן	419	1
יהודה	420	1
דיא אנטפלעקונג פֿון יוחנן	422	22

דִיא הֵיילִיגֶע בְּשׂוֹרָה טוֹבָה נָאךְ מַתַּי

א 1 דָאס בּוּךְ פוּן דֶעם יִחוּס פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, דֶער זוּהְן פוּן דָוִד, דֶער זוּהְן
פוּן אַבְרָהָם.
2 אַבְרָהָם הָאט גֶעבּוֹירֶען יִצְחָק, אוּן יִצְחָק הָאט גֶעבּוֹירֶען יַעֲקֹב, אוּן יַעֲקֹב,
הָאט גֶעבּוֹירֶען יְהוּדָה אוּן זַיינֶע בְּרִידֶער, 3 אוּן יְהוּדָה הָאט גֶעבּוֹירֶען
פֶּרֶץ אוּן זֶרַח פוּן תָּמָר, אוּן פֶּרֶץ הָאט גֶעבּוֹירֶען חֶצְרוֹן, אוּן חֶצְרוֹן הָאט
גֶעבּוֹירֶען רָם, 4 אוּן רָם הָאט גֶעבּוֹירֶען עַמִּינָדָב, אוּן עַמִּינָדָב הָאט גֶע־
בּוֹירֶען נַחְשׁוֹן, אוּן נַחְשׁוֹן הָאט גֶעבּוֹירֶען שַׂלְמוֹן, 5 אוּן שַׂלְמוֹן הָאט גֶעבּוֹירֶען
בּוֹעַז פוּן רָחָב, אוּן בּוֹעַז הָאט גֶעבּוֹירֶען עוֹבֵד פוּן רוּת, אוּן עוֹבֵד הָאט
גֶעבּוֹירֶען יִשַׁי, 6 אוּן יִשַׁי הָאט גֶעבּוֹירֶען דָוִד הַמֶּלֶךְ.
אוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעבּוֹירֶען שְׁלֹמֹה פוּן אִיהְר וָואס אִיז גֶעוֶוען דָאס
ווייבּ פוּן אוּרִיָה, 7 אוּן שְׁלֹמֹה הָאט גֶעבּוֹירֶען רְחַבְעָם, אוּן רְחַבְעָם הָאט
גֶעבּוֹירֶען אֲבִיָה, אוּן אֲבִיָה הָאט גֶעבּוֹירֶען אָסָא, 8 אוּן אָסָא הָאט גֶעבּוֹירֶען
יְהוֹשָׁפָט, אוּן יְהוֹשָׁפָט הָאט גֶעבּוֹירֶען יְהוֹרָם, אוּן יְהוֹרָם הָאט גֶעבּוֹירֶען
עֻזִיָהוּ, 9 אוּן עֻזִיָהוּ הָאט גֶעבּוֹירֶען יוֹתָם, אוּן יוֹתָם הָאט גֶעבּוֹירֶען
אָחָז, אוּן אָחָז הָאט גֶעבּוֹירֶען חִזְקִיָהוּ, 10 אוּן חִזְקִיָהוּ הָאט גֶעבּוֹירֶען מְנַשֶּׁה,
אוּן מְנַשֶּׁה הָאט גֶעבּוֹירֶען אָמוֹן, אוּן אָמוֹן הָאט גֶעבּוֹירֶען יֹאשִׁיָהוּ, 11 אוּן
יֹאשִׁיָהוּ הָאט גֶעבּוֹירֶען יְכָנְיָהוּ אוּן זַיינֶע בְּרִידֶער אִין דֶער צַייט פוּן דֶער
פֶערְטְרֵייבּוּנְג קַיין בָּבֶל.
12 אוּן נָאךְ דֶער פֶערְטְרֵייבּוּנְג קַיין בָּבֶל הָאט יְכָנְיָהוּ גֶעבּוֹירֶען שְׁאַלְתִּיאֵל,
אוּן שְׁאַלְתִּיאֵל הָאט גֶעבּוֹירֶען זְרֻבָּבֶל, 13 אוּן זְרֻבָּבֶל הָאט גֶעבּוֹירֶען אֲבִיהוּד,
אוּן אֲבִיהוּד הָאט גֶעבּוֹירֶען אֶלְיָקִים, אוּן אֶלְיָקִים הָאט גֶעבּוֹירֶען עַזוּר, 14 אוּן
עַזוּר הָאט גֶעבּוֹירֶען צָדוֹק, אוּן צָדוֹק הָאט גֶעבּוֹירֶען יָכִין, אוּן יָכִין הָאט
גֶעבּוֹירֶען אֱלִיהוּד, 15 אוּן אֱלִיהוּד הָאט גֶעבּוֹירֶען אֶלְעָזָר, אוּן אֶלְעָזָר הָאט
גֶעבּוֹירֶען מַתָּן, אוּן מַתָּן הָאט גֶעבּוֹירֶען יַעֲקֹב, 16 אוּן יַעֲקֹב הָאט גֶעבּוֹירֶען
יוֹסֵף דֶעם מַאן פוּן מִרְיָם, פוּן וֶועלְכֶער אִיז גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען יֵשׁוּעַ דֶער
הֵייסְט מָשִׁיחַ.
17 אוּן אַלֶע דוֹרוֹת פוּן אַבְרָהָם בִּיז דָוִד זֶענֶען גֶעוֶוען פִיעֶרְצֶען דוֹרוֹת: אוּן
פוּן דָוִד בִּיז דֶער פֶערְטְרֵייבּוּנְג קַיין בָּבֶל פִיעֶרְצֶען דוֹרוֹת: אוּן פוּן דֶער פֶער־
טְרֵייבּוּנְג קַיין בָּבֶל בִּיז מָשִׁיחַ פִיעֶרְצֶען דוֹרוֹת.

18 אוּן דִיא גֶעבּוּרְט פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען: וֶוען זַיינֶע מוּטֶער
מִרְיָם אִיז גֶעוֶוען פֶערְקְנַסְט צוּ יוֹסֵף, אוּן אֵיידֶער זַייא זֶענֶען צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען,
אִיז זִיא גֶעפִינֶען גֶעוָוארֶען מְעוּבֶּרֶת פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. 19 אָבֶּער ווייל אִיהְר
מַאן יוֹסֵף אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִיק, אַזוֹי הָאט עֶר זִיא נִיט גֶעוָואלְט עֶפֶענְטְלִיךְ בֶּע־
שֶׁעהְמֶען, אוּן הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט זִיא שְׁטִילֶערְהֵייט אָפְּצוּלָאזֶען. 20 אוּן וִוִיא
עֶר הָאט זִיךְ דָאס אִיבֶּערְלֶעגְט, זֶעה, הָאט זִיךְ אַ מַלְאָךְ פוּן דֶעם הַאר'ן צוּ

אִיהְם בֶּעוִויזֶען אִין אַ חָלוֹם, אוּן גֶעזָאגְט, יוֹסֵף, בֶּן דָוִד, פָאַרְכְט דִיךְ
נִיט צוּ דִיר צוּ גֶעמֶען דַיין ווַייבּ מִרְיָם: וָוארִין דָאס וָואס אִיז אִין אִיהְר
עֶמְפְּפַאנְגֶען אִיז פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. 21 אוּן זִיא וֶועט גֶעוִוינֶען אַ זוּהְן, אוּן
דוּא זָאלְסְט זַיין נָאמֶען רוּפֶען יֵשׁוּעַ, וָוארִין עֶר וֶועט זַיין פָאלְק רֶעטֶען פוּן
זַייעֶרֶע זִינְד. 22 אוּן דָאס אַלֶעס אִיז גֶעשֶׁעהֶען, כְּדֵי עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערֶען
וָואס אִיז גֶעזָאגְט פוּן דֶעם הַאר'ן דוּרְךְ דֶעם נָבִיא, דֶער זָאגְט,

23 זֶעה, דִיא יוּנְגְפְרוֹיא וֶועט שְׁוַואנְגֶער וֶוערֶען, אוּן וֶועט גֶעוִוינֶען אַ זוּהְן,
אוּן מֶען וֶועט זַיין נָאמֶען רוּפֶען עִמָנוּאֵל,

וָואס אִיז פֶערְטַייטְשְׁט גָאט מִיט אוּנְז. 24 אוּן וֶוען יוֹסֵף אִיז אוֹיפְגֶע־
שְׁטַאנֶען פוּן שְׁלָאף, הָאט עֶר גֶעטְהוּן אַזוֹי וִויא דֶער מַלְאָךְ פוּן דֶעם הַאר'ן
הָאט אִיהְם גֶעהֵייסֶען, אוּן עֶר הָאט זַיין ווַייבּ צוּ זִיךְ גֶענוּמֶען, 25 אוּן עֶר
הָאט זִיא נִיט דֶערְקָאנְט בִּיז זִיא הָאט גֶעבּוֹירֶען אַ זוּהְן; אוּן עֶר הָאט זַיין
נָאמֶען גֶערוּפֶען יֵשׁוּעַ.

ב 1 אוּן וֶוען יֵשׁוּעַ אִיז גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען אִין בֵּית־לֶחֶם פוּן יְהוּדָה, אִין
דִיא טֶעג פוּן הוֹרְדוֹס הַמֶלֶךְ, זֶעה, חֲכָמִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן מִזְרַח קַיין
יְרוּשָׁלַיִם. 2 אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, וְואוּ אִיז דֶער וֶועלְכֶער אִיז גֶעבּוֹירֶען
גֶעוָוארֶען דֶער מֶלֶךְ פוּן דִיא יוּדֶען? וָוארִין מִיר הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען זַיין
שְׁטֶערְן אִין מִזְרַח, אוּן מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּנְז צוּ אִיהְם צוּ בִּיקֶען.
3 אוּן וֶוען הוֹרְדוֹס הַמֶלֶךְ הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקֶען,
אוּן גַאנְץ יְרוּשָׁלַיִם מִיט אִיהְם. 4 אוּן עֶר הָאט פֶערְזַאמֶעלְט אַלֶע עֶרְשְׁטֶע
כֹּהֲנִים אוּן סוֹפְרִים פוּן דֶעם פָאלְק, אוּן הָאט זֵייא גֶעפְרֶעגְט וְואוּ זָאל
דֶער מָשִׁיחַ גֶעבּוֹירֶען וֶוערֶען. 5 אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אִין בֵּית
לֶחֶם פוּן יְהוּדָה וָוארִין אַזוֹי שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען דוּרְךְ דֶעם נָבִיא,

6 אוּן דוּא בֵּית לֶחֶם, לַאנְד פוּן יְהוּדָה,
בִּיסְט נִיט דִיא קְלֵיינְסְטֶע צְווִישֶׁען דִיא טוֹיזֶענְדֶע פוּן יְהוּדָה;
וָוארִין פוּן דִיר וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ גֶעוֶועלְטִיגֶער,
דֶער וֶועט זַיין אַ פַּאסְטוּךְ אִיבֶּער מֵיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל.

7 דַאן הָאט הוֹרְדוֹס גֶערוּפֶען דִיא חֲכָמִים שְׁטִילֶערְהֵייט, אוּן הָאט בֵּייא
זֵייא גוּט אוֹיסְגֶעפָארְשְׁט דִיא צֵייט וֶוען דֶער שְׁטֶערְן הָאט זִיךְ בֶּעוִויזֶען.
8 אוּן עֶר הָאט זֵייא גֶעשִׁיקְט קַיין בֵּית־לֶחֶם, אוּן גֶעזָאגְט, גֶעהְט אוּן
פָארְשְׁט גַאנְץ גוּט וֶועגֶען דֶעם יוּנְגֶען קִינְד; אוּן וֶוען אִיהְר וֶועט אִיהְם
גֶעפִינֶען, בְּרֶענְגְט מִיר תְּשׁוּבָה, אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ גֶעהֶען מִיךְ צוּ אִיהְם צוּ
בִּיקֶען. 9 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען דֶעם מֶלֶךְ אוֹיסְגֶעהֶערְט, זֶענֶען זֵייא
אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען; אוּן זֶעה, דֶער שְׁטֶערְן, וֶועלְכֶען זֵייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אִין מִזְרַח,
אִיז פָאר זֵייא גֶעגַאנְגֶען, בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהֶען
אִיבֶּער דֶעם אָרְט וְואוּ דָאס יוּנְגֶע קִינְד אִיז גֶעוֶועזֶען. 10 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען
גֶעזֶעהֶען דֶעם שְׁטֶערְן, אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא זִיךְ גֶעפְרֵייעֶט מִיט זֶעהְר גְרוֹיסֶע פְרֵייד.

23 יְשַׁעְיָה ז׳ יד׳. 6 מִיכָה ה׳ א׳.

11 און ווען זייא זענען אים הויז אריינגעקומען, האבען זייא געזעהען דאס
יונגע קינד מיט זיינע מוטער מרים, און זייא זענען אנידערגעפאלען, און
האבען זיך צו איהם געביקט. און זייא האבען אויפגעמאכט זייערע אוצרות
און האבען איהם געבראכט מתנות, גאלד און ווייהרויך און געווירץ. 12 און
זייא זענען געווארנט געווארען פון גאט אין א חלום, אז זייא זאלען זיך ניט
אומקעהרען צו הורדוס, אזוי זענען זייא צוריקגעגאנגען צו זייער לאנד ביי
איין אנדערן וועג.

13 און ווען זייא זענען צוריקגעגאנגען, זעה, האט זיך א מלאך פון גאט בעוויזען
צו יוסף אין א חלום, און געזאגט, שטעה אויף און נעם דאס יונגע קינד און
זיינע מוטער, און אנטלויף קיין מצרים, און זייא דארט ביז איך וועל דיר
זאגען; ווארין הורדוס וועט דאס יונגע קינד זוכען כדי ער זאל עס אומ־
ברענגען. 14 אזוי איז ער אויפגעשטאנען און האט גענומען דאס יונגע קינד
און זיינע מוטער ביי נאכט, און איז אוועקגעגאנגען קיין מצרים; 15 און ער
איז דארט געוועזען ביז הורדוס איז געשטארבען; כדי עס זאל מקוים ווערען
דאס ווארט, וואס איז געזאגט געווארען פון דעם האר'ן דורך דעם נביא,
דער זאגט, פון מצרים האב איך גערופען מיין זוהן.

16 ווען הורדוס האט געזעהען אז ער איז אויסגעשפעט געווארען פון דיא
חכמים, האט ער זיך זעהר דערצערנט, און האט אהינגעשיקט און געהרגעט
אלע קינדער וואס זענען געוועזען אין בית לחם און אין אלע איהרע גרענצען, פון
צוויא יאהר אלט אן און דרונטער, נאך דער צייט נאך וואס ער האט אויסגע־
פארשט ביי דיא חכמים. 17 דאן איז מקוים געווארען וואס איז געזאגט
דורך ירמיה הנביא, דער זאגט,

18 א קול איז געהערט געווארען אין רמה,
א קלאג און געוויין און גרוים ביטערנים,
רחל וויינט איבער איהרע קינדער,
און וויל ניט געטרייסט ווערען, ווייל זייא זענען ניט דא.

19 און ווען הורדוס איז געשטארבען, אזוי האט זיך א מלאך פון גאט
בעוויזען אין א חלום צו יוסף אין מצרים, 20 און האט געזאגט, שטעה אויף
און נעם דאס יונגע קינד און זיינע מוטער, און געה קיין ארץ ישראל; ווארין
דיא זענען געשטארבען וואס האבען געזוכט דאס לעבען פון דעם יונגען קינד.
21 אזוי איז ער אויפגעשטאנען און האט גענומען דאס יונגע קינד און זיינע
מוטער, און איז געקומען קיין ארץ ישראל. 22 אבער ווען ער האט געהערט
אז ארקלוס האט רעגירט אין יהודה אנשטאט זיין פאטער הורדוס, האט ער
מורא געהאט דארט אהין צו געהען; און ווען ער איז געווארנט געווארען
אין א חלום, איז ער אוועקגעגאנגען צו דער געגענד פון דעם לאנד גליל,
23 און ער איז געקומען און האט געוואוינט אין א שטאדט וואס הייסט נצרת;
כדי עס זאל מקוים ווערען וואס איז געזאגט דורך דיא נביאים, אז ער זאל
גערופען ווערען נצרי.

18 ירמיה לא׳ טו׳

ג 1 אִין יֶענֶע טֶעג אִיז יוֹחָנָן הַמְטַבֵּל גֶעקוּמֶען אוּן הָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט אִין דֶער
מִדְבָּר פוּן יְהוּדָה, 2 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, טְהוּט תְּשׁוּבָה; וָוארִין דָאס מַלְכוּת
הַשָּׁמַיִם אִיז נָאהֶענְט. 3 וָוארִין דָאס אִיז דֶער, פוּן וֶועלְכֶען יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא הָאט
גֶערֶעט, דֶער זָאגְט,

אַ קוֹל פוּן אֵיינֶעם וָואס רוּפְט אוֹיס אִין דֶער מִדְבָּר,
מַאכְט פַארְטִיג דֶעם וֶועג פוּן דֶעם הַאר'ן,
מַאכְט גְלַייךְ זַיינֶע שְׁטֶעגֶען.

4 אוּן דֶער דָאזִיגֶע יוֹחָנָן אִיז אָנְגֶעטְהוּן גֶעוֶועזֶען מִיט אַ קְלֵייד פוּן קֶעמֶעל
הָאר אוּן אַ לֶעדֶערְנֶען גַארְטֶעל אַרוּם זַיינֶע לֶענְדֶען; אוּן זַיינֶע שְׁפֵּייז אִיז גֶעוֶוען
הֵיישְׁרֶעקֶען אוּן ווִילְדֶער הָאנִיג. 5 דַאן זֶענֶען צוּ אִיהְם אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען גַאנְץ
יְרוּשָׁלַיִם אוּן גַאנְץ יְהוּדָה, אוּן דִיא גַאנְצֶע גֶעגֶענְד פוּן יַרְדֵן; 6 אוּן זַייא
הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט בֵּייא אִיהְם טוֹבֵל'ן אִים שְׁטְרוֹים יַרְדֵן, אוּן הָאבֶּען מִתְוַדֶה
גֶעוֶוען זַייעֶרֶע זִינְד. 7 אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אַז פִילֶע פוּן דִיא פְּרוּשִׁים
אוּן צְדוּקִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע טְבִילָה, הָאט עֶר צוּ זַייא גֶעזָאגְט,
אִיהְר שְׁפְּרָאצוּנְג פוּן שְׁלַאנְגֶען, וֶוער הָאט אֵייךְ גֶעוָוארְנְט אַז אִיהְר זָאלְט
אַנְטְרִינֶען פוּן דֶעם גְרִימְצָארְן וָואס וֶועט קוּמֶען? 8 דְרוּם בְּרֶענְגְט פְּרוּכְט
ווִירְדִיג פוּן תְּשׁוּבָה: 9 אוּן דֶענְקְט נִיט אִין אֵייעֶר הַארְץ צוּ זָאגֶען, מִיר
הָאבֶּען אַבְרָהָם פַאר אוּנְזֶער פָאטֶער; וָוארִין אִיךְ זָאג אֵייךְ אַז גָאט קֶען
פוּן דִיזֶע שְׁטֵיינֶער אוֹיפְשְׁטֶעלֶען קִינְדֶער צוּ אַבְרָהָם. 10 אוּן דִיא הַאק לִיגְט
שׁוֹין אוֹיף דֶער וָוארְצֶעל פוּן דִיא בֵּיימֶער; דְרוּם אִיטְלִיכֶער בּוֹים וָואס
בְּרֶענְגְט נִיט גוּטֶע פְּרוּכְט וֶועט אָפְּגֶעשְׁנִיטֶען, אוּן אִין פֵייעֶר אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען
וֶוערֶען. 11 אִיךְ בִּין אֵייךְ טוֹבֵל מִיט וַואסֶער צוּ דֶער תְּשׁוּבָה: אָבֶּער דֶער
וֶועלְכֶער קוּמְט נָאךְ מִיר אִיז שְׁטַארְקֶער ווִיא אִיךְ, דֶעם אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְט
זַיינֶע שִׁיךְ צוּ טְרָאגֶען; עֶר וֶועט אֵייךְ טוֹבֵל'ן מִיט דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוּן
מִיט פֵייעֶר; 12 זַיינֶע ווִינְדְשׁוּפֶעל אִיז אִין זַיינֶע הַאנְד, אוּן עֶר וֶועט זַיינֶע
שֵׁייעֶר גוּט אוֹיסְרֵיינִיגֶען; אוּן וֶועט דָאס קָארְן זַאמְלֶען אִין זַיינֶע שְׁפֵּייכְלֶער
אַרַיין, אָבֶּער דָאס שְׁטְרוֹיא וֶועט עֶר פֶערְבְּרֶענֶען מִיט אוּנְפֶערְלָאשֶׁענֶעם
פֵייעֶר.

13 דַאן אִיז יֵשׁוּעַ גֶעקוּמֶען פוּן גָלִיל צוּם יַרְדֵן צוּ יוֹחָנָן, אַז עֶר זָאל זִיךְ בֵּייא
אִיהְם לָאזֶען טוֹבֵל'ן. 14 אָבֶּער יוֹחָנָן הָאט אִיהְם פֶערְוֶועהְרְט, אוּן גֶעזָאגְט,
אִיךְ דַארְף מִיךְ לָאזֶען בֵּייא דִיר טוֹבֵל'ן, אוּן קוּמְסְט דוּא צוּ מִיר? 15 אוּן יֵשׁוּעַ
הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, לָאז עֶס אִיצְט אַזוֹי זַיין, וָוארִין
עֶס גֶעבִּירְט אוּנְז אַזוֹי אַלֶע גֶערֶעכְטִיגְקֵייט צוּ דֶערְפִילֶען. דַאן הָאט עֶר אִיהְם גֶע-
לָאזְט. 16 וֶוען יֵשׁוּעַ אִיז גֶעטוֹבֵלְט גֶעוָוארֶען, גְלַייךְ אִיז עֶר אוֹיס דֶעם וַואסֶער
אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען: אוּן זֶעה, דֶער הִימֶעל הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעמַאכְט, אוּן עֶר הָאט
גֶעזֶעהֶען דֶעם גֵייסְט פוּן גָאט אַרוּנְטֶערְקוּמֶען אַזוֹי ווִיא אַ טוֹיב, קוּמֶענְדִיג
אוֹיף אִיהְם: 17 אוּן זֶעה, אַ קוֹל פוּן הִימֶעל הָאט גֶעזָאגְט, דָאס אִיז מֵיין גֶע-
לִיבְּטֶער זוּהְן, אִין וֶועלְכֶעם אִיךְ הָאבּ ווָאוֹילְגֶעפֶעלֶען.

3 ישעיה מ׳ ג׳

מתּי ד

ד 1 דאַן אִיז יֵשׁוּעַ גֶעפִֿיהְרְט גֶעוָוארֶען דוּרְךְ דֶעם גַייסְט אִין דֶער מִדְבָּר אַרַיין,
כְּדֵי פוּן דֶעם שָׂטָן גֶעפְּרִיפְֿט צוּ וֶוערֶען. 2 אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעפַֿאסְט פִֿיעֶרְצִיג
טֶעג אוּן פִֿיעֶרְצִיג נֶעכְט, אִיז עֶר דֶערְנָאךְ הוּנְגְרִיג גֶעוָוארֶען. 3 אוּן דֶער פְּרִי־
פֶֿער אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֶוען דוּא בִּיסְט דֶער זוּהְן פוּן
גָאט, בֶּעפֶֿעהְל אַז דִיזֶע שְׁטֵיינֶער זָאלֶען בְּרוֹיט וֶוערֶען. 4 אוּן עֶר הָאט גֶע־
עֶנְטְפֶֿערְט אוּן גֶעזָאגְט, עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, דֶער מֶענְשׁ זָאל נִיט לֶעבֶּען
פוּן בְּרוֹיט אַלֵיין, נֵייעֶרְט פוּן אִיטְלִיכֶען וָוארְט וָואס גֶעהְט אַרוֹיס פוּן דֶעם
מוֹיל פוּן גָאט. 5 דַאן נֶעמְט אִיהְם דֶער שָׂטָן צוּ דִיא הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט, אוּן
שְׁטֶעלְט אִיהְם אוֹיף דֶער שְׁפִּיץ פוּן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, 6 אוּן זָאגְט צוּ אִיהְם
וֶוען דוּא בִּיסְט דֶער זוּהְן פוּן גָאט, וַוארְף דִיךְ אַרוּנְטֶער; וָוארִין עֶס שְׁטֶעהְט
גֶעשְׁרִיבֶּען,

אַז עֶר וֶועט זַיינֶע מַלְאָכִים וֶועגֶען דִיר בֶּעפֶֿעהְלֶען;
אוּן זַייא וֶועלֶען דִיךְ אוֹיף דִיא הֶענְד טְרָאגֶען,
אַז דוּא זָאלְסְט נִיט דַיין פוּס אָנְשְׁטוֹיסֶען קֶעגֶען אַ שְׁטֵיין.

7 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, עֶס שְׁטֶעהְט אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבֶּען, דוּא זָאלְסְט
נִיט פְּרִיפֶֿען דֶעם הַאר'ן דַיין גָאט. 8 אוּן דֶער שָׂטָן גֶעמְט אִיהְם ווִידֶער אוֹיף
אַ הוֹיכֶען בַּארְג, אוּן ווַייזְט אִיהְם אַלֶע קֶענִיגְרַייכֶע פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן זֵייעֶרֶע
הֶערְלִיכְקֵייט: 9 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דָאס אַלֶעס וֶועל אִיךְ דִיר
גֶעבֶּען, וֶוען דוּא וֶועסְט אַנִידֶערְפַֿאלֶען אוּן וֶועסְט דִיךְ צוּ מִיר בִּיקֶען. 10 דַאן
זָאגְט יֵשׁוּעַ צוּ אִיהְם, גֶעה אַוֶועק פוּן מִיר, שָׂטָן: וָוארִין עֶס שְׁטֶעהְט
גֶעשְׁרִיבֶּען, דוּא זָאלְסְט דִיךְ בִּיקֶען צוּ דֶעם הַאר'ן דַיין גָאט, אוּן אִיהְם אַלֵיין
זָאלְסְט דוּא דִינֶען. 11 דַאן הָאט אִיהְם דֶער שָׂטָן פֶערְלָאזְט; אוּן זֶעה, מַלְאָכִים
זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען אוּן הָאבֶּען אִיהְם בֶּעדִינְט.

12 אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז יוֹחָנָן אִיז אִיבֶּערְגֶעלִיפֶֿערְט גֶעוָוארֶען, אַזוֹי
אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען קֵיין גָלִיל: 13 אוּן עֶר הָאט פֶערְלָאזְט נְצָרֶת, אוּן אִיז
גֶעקוּמֶען אוּן הָאט גֶעווָאוינְט אִין כְּפַרְנַחוּם, וָואס אִיז בֵּיים בָּארְטֶען פוּן דֶעם
יַם, אִין דֶער גֶעגֶענְד פוּן זְבֻלוּן אוּן נַפְתָּלִי: 14 כְּדֵי עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערֶען
וָואס אִיז גֶעזָאגְט דוּרְךְ יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא, דֶער זָאגְט,

15 דָאס לַאנְד זְבֻלוּן אוּן דָאס לַאנְד נַפְתָּלִי,
דֶער וֶועג פוּן דֶעם יַם, אוֹיף יֶענֶער זַייט פוּן יַרְדֵן,
גָלִיל פוּן דִיא גוֹיִם,
16 דָאס פָאלְק וָואס זִיצְט אִין פִינְסְטֶערְנִיס
הָאט גֶעזֶעהֶען אַ גְרוֹיס לִיכְט,
אוּן צוּ דִיא וָואס זִיצֶען אִים לַאנְד אוּן שָׁאטֶען פוּן טוֹיט,
אִיז לִיכְט אוֹיפְגֶעגַאנְגֶען:

17 פוּן דֶער צַייט אָן הָאט יֵשׁוּעַ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ פְּרֶעדִיגֶען אוּן צוּ זָאגֶען, טְהוּט
תְּשׁוּבָה וָוארִין דָאס מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם אִיז נָאהֶענְט:

תהלים צא׳ יא׳, יב׳ 6 דברים ו׳ טז׳ 7 ישעיה ח׳ כג׳; ט׳ א׳, 15

18 אוּן גֶעהֶענְדִיג בַּיים יַם פוּן גָלִיל הָאט עֶר גֶעזֶעהֶען צְווייא בְּרִידֶער, שִׁמְעוֹן
דֶער הֵייסְט פֶּעטְרוּס, אוּן אַנְדְרֵי זַיין בְּרוּדֶער, וָואס הָאבֶּען גֶעוָוארְפֶען אַ נֶעץ אִים
יַם אַרַיין: וָוארִין זַייא זֶענֶען פִישֶׁער גֶעוֶוען. 19 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט,
פָאלְגְט מִיר נָאךְ, אוּן אִיךְ וֶועל אֵייךְ מַאכֶען צוּ פִישֶׁער פוּן מֶענְשֶׁען. 20 אוּן
גְלֵייךְ הָאבֶּען זַייא זֵייעֶרֶע נֶעצֶען פֶערְלָאזְט, אוּן הָאבֶען אִיהְם נָאכְגֶעפָאלְגְט.
21 אוּן וֶוען עֶר אִיז פוּן דָארְטֶען ווייטֶער גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶעהֶען צְווייא
אַנְדֶערֶע בְּרִידֶער, יַעֲקֹב, דֶעם זוּהְן פוּן זַבְדַי, אוּן זַיין בְּרוּדֶער יוֹחָנָן, אִין אַ
שִׁיף מִיט זֵייעֶר פָאטֶער זַבְדַי, אוּן זַייא הָאבֶּען צוּרֶעכְט גֶעמַאכְט זֵייעֶרֶע נֶעצֶען;
אוּן עֶר הָאט זַייא גֶערוּפֶען. 22 אוּן גְלֵייךְ הָאבֶּען זַייא פֶערְלָאזְט דָאס שִׁיף
אוּן זֵייעֶר פָאטֶער, אוּן הָאבֶּען אִיהְם נָאכְגֶעפָאלְגְט.

23 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין גַאנְץ גָלִיל, אוּן הָאט גֶעלֶערְנְט אִין זֵייעֶרֶע
שׁוּלֶען, אוּן הָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן דֶעם קֶענִיגְרֵייךְ, אוּן
הָאט גֶעהֵיילְט אַלֶערְלֵייא קְרַאנְקְהֵייט אוּן שְׁמֶערְצֶען צְווִישֶׁען דֶעם פָאלְק.
24 אוּן זַיין שֵׁם אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין גַאנְץ סוּרְיָא: אוּן זַייא הָאבֶּען
צוּ אִיהְם גֶעבְּרַאכְט אַלֶערְלֵייא קְרַאנְקֶע, אוּן דִיא וָואס זֶענֶען גֶעפְּלָאגְט גֶעוֶועזֶען
מִיט פֶערְשִׁידֶענֶע קְרֶענְק אוּן שְׁמֶערְצֶען, אוּן וָואס הָאבֶּען גֶעהַאט שֵׁדִים, אוּן
דִיא מְשׁוּגָעִים אוּן גִיכְטְבְּרִיכִיגֶע; אוּן עֶר הָאט זַייא גֶעהֵיילְט. 25 אוּן פִיל לֵייט
זֶענֶען אִיהְם נָאכְגֶעגַאנְגֶען פוּן גָלִיל אוּן פוּן דֶעקַאפָּלִיס אוּן פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּן
פוּן יְהוּדָה אוּן פוּן יֶענֶער זַייט יַרְדֵן:

ה 1 אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען דִיא לֵייט, אִיז עֶר אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם
בַּארְג; אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט, זֶענֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּ אִיהְם
גֶעקוּמֶען: 2 אוּן עֶר הָאט זַיין מוֹיל אוֹיפְגֶעמַאכְט אוּן הָאט זַייא גֶעלֶערְנְט אוּן
גֶעזָאגְט,

3 גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִיא וָואס הָאבֶּען אַ נִידְרִיגֶעם גֶעמִיט; וָוארִין דָאס מַלְכוּת
הַשָּׁמַיִם אִיז זֵייעֶרְם.

4 גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִיא וָואס טְרוֹיעֶרְן; וָוארִין זַייא וֶועלֶען גֶעטְרֵייסְט וֶוערֶען.

5 גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִיא זַאנְפְטְמִיטִיגֶען; וָוארִין זַייא וֶועלֶען דִיא עֶרְד יַרְשֶׁענֶען.

6 גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִיא וָואס הוּנְגֶערְן אוּן דוּרְשְׁטֶען נָאךְ גֶערֶעכְטִיגְקֵייט; וָוארִין
זַייא וֶועלֶען גֶעזֶעטִיגְט וֶוערֶען.

7 גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִיא בַּארֶעמְהֶערְצִיגֶען; וָוארִין זַייא וֶועלֶען בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייט
דֶערְלַאנְגֶען.

8 גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִיא וָואס הָאבֶּען אַ רֵיינֶעם הַארְץ; וָוארִין זַייא וֶועלֶען גָאט
זֶעהֶען.

9 גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִיא וָואס מַאכֶען שָׁלוֹם; וָוארִין זַייא וֶועלֶען גֶערוּפֶען וֶוערֶען
זִיהְן פוּן גָאט.

10 גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִיא וָואס וֶוערֶען פֶערְפָאלְגְט פוּן גֶערֶעכְטִיגְקֵייט וֶועגֶען;
וָוארִין דָאס מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם אִיז זֵייעֶרְם.

11 גֶעבֶּענְשְׁט זֶענְט אִיהְר וֶוען מֶען וֶועט אֵייךְ מְבַזֶה זַיין אוּן פֶערְפָאלְגֶען, אוּן
וֶוען מֶען וֶועט פַאלְשְׁהֵייט אוּן אַלֶערְלֵייא שְׁלֶעכְטֶע זַאכֶען אוֹיף אֵייךְ רֶעדֶען
פוּן מֵיינֶעטְוֶועגֶען. 12 פְרֵייעֶט אֵייךְ, אוּן זַייט פְרֶעהְלִיךְ; וָוארִין אֵייעֶר שְׂכַר
אִיז גְרוֹים אִים הִימֶעל; וָוארִין אַזוֹי הָאבֶען זֵייא פֶערְפָאלְגְט דִיא נְבִיאִים וָואס
זֶענֶען פָאר אֵייךְ גֶעוֶועזֶען.
13 אִיהְר זֶענְט דָאס זַאלְץ פוּן דֶער עֶרְד; אָבֶּער וֶוען דָאס זַאלְץ פֶערְלִירְט
דֶעם טַעַם, מִיט וָואס זָאל עֶס גֶעזַאלְצֶען וֶוערֶען? עֶס טוֹיגְט גָאר נִיט מֶעהְר
נוּר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען אוּן צוּטְרֶעטֶען פוּן מֶענְשֶׁען צוּ וֶוערֶען. 14 אִיהְר זֶענְט
דָאס לִיכְט פוּן דֶער וֶועלְט. אַ שְׁטָאדְט וָואס לִיגְט אוֹיף אַ בַּארְג קֶען נִיט
פֶערְבָּארְגֶען זַיין. 15 מֶען צִינְדֶעט אוֹיךְ נִיט אָן אַ לִיכְט, אוּן זֶעצְט עֶס אוּנְטֶער
אַ מֶעסְטֶעל, נֵייעֶרְט אוֹיף אַ לֵייכְטֶער; אוּן עֶס לֵייכְט צוּ אַלֶע דִיא וָואס זֶער-
גֶען אִים הוֹיז. 16 אַזוֹי לָאזְט אֵייעֶר לִיכְט לֵייכְטֶען פָאר מֶענְשֶׁען, אַז זֵייא
זָאלֶען זֶעהֶען אֵייעֶרֶע גוּטֶע וֶוערְק, אוּן זָאלֶען לוֹיבֶּען אֵייעֶרֶעם פָאטֶער דֶער
אִיז אִים הִימֶעל.
17 מֵיינְט נִיט אַז אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דִיא תּוֹרָה אָדֶער דִיא נְבִיאִים צוּ צוּשְׁטֶער-
רֶען; אִיךְ בִּין נִיט גֶעקוּמֶען צוּ צוּשְׁטֶערֶען, נֵייעֶרְט צוּ דֶערְפִילֶען. 18 דֶען
בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, בִּיז דֶער הִימֶעל אוּן דִיא עֶרְד וֶועלֶען פֶערְגֶעהֶען, וֶועט נִיט
אֵיין יוּד, אָדֶער אֵיין קְלֵיינֶער פּוּנְקְט פֶערְגֶעהֶען פוּן דֶער תּוֹרָה, בִּיז אַלֶעס
וֶועט גֶעשֶׁעהֶען. 19 דְרוּם וֶוער עֶס וֶועט צוּשְׁטֶערֶען אֵיינֶע פוּן דִיזֶע
קְלֵיינְסְטֶע מִצְוֹת אוּן וֶועט מֶענְשֶׁען אַזוֹי לֶערְנֶען, דֶער וֶועט הֵייסֶען דֶער
קְלֵיינְסְטֶער אִים מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם: אָבֶּער וֶוער עֶס וֶועט זֵייא טְהוּן אוּן לֶעה-
רֶען, דֶער וֶועט גְרוֹים הֵייסֶען אִים מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם. 20 וָוארִין אִיךְ זָאג אֵייךְ,
אַז וֶוען אֵייעֶר צִדְקוֹת וֶועט נִיט בֶּעסֶער זַיין וִויא דִיא צִדְקוֹת פוּן דִיא
סוֹפְרִים אוּן דִיא פְּרוּשִׁים, אַזוֹי וֶועט אִיהְר גֶעוִויס נִיט אַרֵיינְקוּמֶען אִים מַלְכוּת
הַשָּׁמַיִם.
21 אִיהְר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען צוּ דִיא אִין אַלְטֶע
צֵייטֶען, דוּא זָאלְסְט נִיט הַרְגֶענֶען. אוּן וֶוער עֶס וֶועט הַרְגֶענֶען וֶועט שׁוּלְדִיג זַיין צוּם
מִשְׁפָּט: 22 אָבֶּער אִיךְ זָאג אֵייךְ, אַז יֶעדֶער וָואס וֶועט זִיךְ אוּמְזוּסְט דֶערְ-
צֶערְנֶען אוֹיף זַיין בְּרוּדֶער וֶועט שׁוּלְדִיג זַיין צוּם מִשְׁפָּט; אוּן וֶוער עֶס וֶועט
זַיין בְּרוּדֶער רוּפֶען רֵיקָא, וֶועט שׁוּלְדִיג זַיין צוּ דֶעם סַנְהֶדְרִין; אוּן וֶוער עֶס
וֶועט זָאגֶען דוּא נַאר, דֶער וֶועט שׁוּלְדִיג זַיין צוּם פֵייעֶר פוּן גֵיהִנָם. 23 דְרוּם
וֶוען דוּא ווִילְסְט מַקְרִיב זַיין דַיין קָרְבָּן אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ, אוּן דוּא וֶועסְט דִיךְ
דָארְט דֶערְמָאהְנֶען אַז דַיין בְּרוּדֶער הָאט עֶפֶּעס קֶעגֶען דִיר, 24 אַזוֹי לָאז דָארְט
אִיבֶּער דַיין קָרְבָּן פָאר דֶעם מִזְבֵּחַ אוּן גֶעה אוּן אִיבֶּערְבֶּעט דִיךְ צוּעֶרְשְׁט מִיט
דַיין בְּרוּדֶער, אוּן דֶערְנָאךְ זָאלְסְט דוּא קוּמֶען אוּן מַקְרִיב זַיין דַיין קָרְבָּן.
25 מַאךְ בַּאלְד שָׁלוֹם מִיט דַיין קְרִיגֶער, ווַייל דוּא בִּיסְט נָאךְ מִיט אִיהְם אוֹיף
דֶעם וֶועג: כְּדֵי דֶער קְרִיגֶער זָאל דִיךְ נִיט אִיבֶּערְעֶנְטְפֶערֶען צוּם שׁוֹפֵט, אוּן
דֶער שׁוֹפֵט וֶועט דִיךְ אִיבֶּערְעֶנְטְפֶערֶען צוּם שׁוֹטֵר, אוּן דוּא וֶועסְט אִין דֶעם

גֶעפֶענְגְנִים אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען װֶערֶען. 26 בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ דִיר, דוּא װֶעסְט פוּן
דָארְטֶען נִיט אַרױסְקוּמֶען בִּיז דוּא װֶעסְט בֶּעצָאהְלֶען דִיא לֶעצְטֶע פְּרוּטָה.
27 אִיהְר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען דוּא זָאלְסְט נִיט מְנַאֵף
זַיין: 28 אָבֶּער אִיךְ זָאג אֵייךְ, אַז װֶער עֶס קוּקְט אױף אַ פְרױא נָאךְ אִיהְר
צוּ גְלִיסְטֶען, דֶער הָאט שׁוֹין מִיט אִיהְר מְנַאֵף גֶעװֶען אִין זַיין הַארְץ. 29 אוּן
װֶען דַיין רֶעכְטֶעס אױג שְׁטְרױכֶעלְט דִיךְ, רַייס עֶס אַרױס, אוּן װַארְף עֶס
אַװֶעק פוּן דִיר; וָוארִין עֶס אִיז גוּט פַאר דִיר אַז אֵיינְס פוּן דַיינֶע גְלִידֶער
זָאל פֶערְלִירֶען װֶערֶען אוּן דַיין גַאנְצֶער לֵייבּ זָאל נִיט אִין גֵיהִנָם אַרַיינְגֶע־
וָוארְפֶען װֶערֶען. 30 אוּן װֶען דַיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד שְׁטְרױכֶעלְט דִיךְ, הַאק זִיא
אָפּ, אוּן װַארְף זִיא אַװֶעק פוּן דִיר, וָוארִין עֶס אִיז גוּט פַאר דִיר אַז אֵיינְס פוּן
דַיינֶע גְלִידֶער זָאל פֶערְלִירֶען װֶערֶען אוּן דַיין גַאנְצֶער לֵייבּ זָאל נִיט אִין
גֵיהִנָם אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען װֶערֶען. 31 עֶס אִיז אױךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען, אַז װֶער
עֶס װִיל זִיךְ פוּן זַיין װַייבּ שֵׁיידֶען, זָאל אִיהְר גֶעבֶּען אַ גֵט: 32 אָבֶּער אִיךְ
זָאג אֵייךְ, אַז װֶער עֶס װֶעט זִיךְ פוּן זַיין װַייבּ שֵׁיידֶען, חוּץ פוּן װֶעגֶען זְנוּת,
מַאכְט עֶר זִיא פַאר אַ זוֹנָה, אוּן װֶער עֶס נֶעמְט אַ גְרוּשָׁה, דֶער אִיז אַ
נוֹאֵף.

33 װִידֶער הָאט אִיהְר גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען צוּ דִיא אִין
אַלְטֶע צֵייטֶען, דוּא זָאלְסְט נִיט פַאלְשׁ שְׁװֶערֶען, אָבֶּער זָאלְסְט צוּם הַאר'ן
דַיינֶע שְׁבוּעוֹת הַאלְטֶען: 34 אָבֶּער אִיךְ זָאג אֵייךְ, אִיהְר זָאלְט גָאר נִיט שְׁװֶער־
רֶען; נִיט בַּיים הִימֶעל, וָוארִין עֶר אִיז דֶער שְׁטוּהְל פוּן גָאט: 35 אוּן
נִיט בַּייא דֶער עֶרְד, וָוארִין זִיא אִיז זַיינֶע פוּסְבַּאנְק; אוּן נִיט בַּייא יְרוּשָׁלַיִם,
וָוארִין עֶס אִיז דִיא שְׁטָאדְט פוּן דֶעם גְרױסֶען מֶלֶךְ. 36 אױךְ זָאלְסְט דוּא נִיט
שְׁװֶערֶען בַּייא דַיינֶעם קָאפּ, וָוארִין דוּא קֶענְסְט נִיט אֵיין אֵיינְצִיגֶעם הָאר װַייס
אָדֶער שְׁװַארְץ מַאכֶען. 37 לָאז אָבֶּער אֵייעֶר וָוארְט זַיין יָא יָא, נֵיין נֵיין, אָבֶּער
וָואס אִיז מֶעהְר װִיא דִיזֶע אִיז פוּן דֶעם שְׁלֶעכְטֶען.

38 אִיהְר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען, אֵיין אױג פַאר אֵיין
אױג אוּן אַ צָאהְן פַאר אַ צָאהְן: 39 אָבֶּער אִיךְ זָאג אֵייךְ, אִיהְר זָאלְט נִיט
װִידֶערְשְׁטֶעהֶען דֶעם שְׁלֶעכְטֶען; נֵייעֶרְט װֶען אֵיינֶער װֶעט דִיךְ שְׁלָאגֶען אױף
דִיא רֶעכְטֶע בַּאק, אַזױ שְׁטֶעל אִיהְם אױךְ דִיא אַנְדֶערֶע אױף. 40 אוּן װֶען
אֵיינֶער װִיל זִיךְ מִיט דִיר קְרִיגֶען בַּיים גֶערִיכְט דַיין קְלֵייד אַװֶעקְצוּנֶעמֶען,
אַזױ לָאז אִיהְם אױךְ אִיבֶּער דַיין מַאנְטֶעל. 41 אוּן װֶען אֵיינֶער װֶעט דִיךְ
נֶעטִיגֶען דוּא זָאלְסְט מִיט אִיהְם גֶעהֶען אֵיינֶע מֵייל, אַזױ גֶעה מִיט אִיהְם צְװֵייא.
42 גִיבּ צוּ דֶעם וָואס בֶּעט פוּן דִיר, אוּן פוּן דֶעם וָואס װִיל פוּן דִיר לֵייהֶען
זָאלְסְט דוּא דִיךְ נִיט אַװֶעקְקֶעהְרֶען.

43 אִיהְר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען, דוּא זָאלְסְט דַיין חַבֵר
לִיבֶּען אוּן דַיין פֵיינְד הַאסֶען; 44 אָבֶּער אִיךְ זָאג אֵייךְ, לִיבְּט אֵייעֶרֶע פֵיינְד,
אוּן בֶּעט פַאר דִיא וָואס פֶערְפָאלְגֶען אֵייךְ: 45 אַז אִיהְר זָאלְט זַיין זִיהְן
פוּן אֵייעֶר פָאטֶער אִים הִימֶעל; וָוארִין עֶר לָאזְט זַיינֶע זוּן שַׁיינֶען אױף דִיא

שְׁלֶעכְטֶע אוּן אוֹיף דִיא גוּטֶע, אוּן עֶר לָאזְט רֶעגְנֶען אִיבֶּער דִיא גֶערֶעכְטֶע אוּן
אוּנְגֶערֶעכְטֶע. 46 וָוארִין וֶוען אִיהְר וֶועט נוּר לִיבֶּען דִיא וָואס לִיבֶּען אֵייךְ,
וָואס פַאר אַ שְׂכַר הָאט אִיהְר? טְהוּן נִיט דִיא שְׁטֵייעֶרְאֵיינְנֶעמֶער אוֹיךְ אַזוֹי?
47 אוּן וֶוען אִיהְר גְרִיסְט נוּר אֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, וָואס טְהוּט אִיהְר מֶעהְר וִויא
זֵייא? טְהוּן נִיט דִיא גוֹיִם אוֹיךְ אַזוֹי? 48 דְרוּם זָאלְט אִיהְר זַיין פָאלְקָאמֶען,
אַזוֹי וִויא אֵייעֶר הִימְלִישֶׁער פָאטֶער אִיז פָאלְקָאמֶען.

ו 1 הִיט אֵייךְ אַז אִיהְר זָאלְט נִיט אֵייעֶרֶע צְדָקָה גֶעבֶּען פָאר מֶענְשֶׁען, כְּדֵי
אִיהְר זָאלְט פוּן זֵייא גֶעזֶעהֶען וֶוערֶען, וֶוען נִיט הָאט אִיהְר קֵיין שְׂכַר פוּן
אֵייעֶר פָאטֶער אִים הִימֶעל. 2 דְרוּם וֶוען דוּא גִיבְּסְט צְדָקָה, זָאלְסְט דוּא נִיט
פָאר דִיר מִיט אַ שׁוֹפָר בְּלָאזֶען, אַזוֹי וִויא דִיא הֵייכְלֶער טְהוּן אִין דִיא שׁוּלֶען
אוּן אִין דִיא גַאסֶען, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען פוּן מֶענְשֶׁען גֶעלוֹיבְּט וֶוערֶען. בֶּאֱמֶת
זָאג אִיךְ אֵייךְ, זֵייא הָאבֶּען זֵייעֶר שְׂכַר אַוַדַאי בֶּעקוּמֶען. 3 אָבֶּער וֶוען דוּא
גִיבְּסְט צְדָקָה, לָאז נִיט דֵיינֶע לִינְקֶע הַאנְד וִויסֶען וָואס דֵיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד
טְהוּט: 4 אַז דֵיינֶע צְדָקָה זָאל זַיין פֶערְבָּארְגֶען; אוּן דֵיין פָאטֶער דֶער זֶעהְט אִים
פֶערְבָּארְגֶענֶען וֶועט דִיר בֶּעצָאהְלֶען.

5 אוּן וֶוען אִיהְר בֶּעטֶעט, זַייט נִיט וִויא דִיא הֵייכְלֶער; וָוארִין זֵייא הָאבֶּען לִיב
צוּ בֶּעטֶען וֶוען זֵייא שְׁטֶעהֶען אִין דִיא שׁוּלֶען אוּן אוֹיף דִיא עֶקֶען פוּן דִיא
גַאסֶען, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען פוּן מֶענְשֶׁען גֶעזֶעהֶען וֶוערֶען. בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ,
זֵייא הָאבֶּען זֵייעֶר שְׂכַר אַוַדַאי בֶּעקוּמֶען. 6 אָבֶּער וֶוען דוּא בֶּעטֶעסְט, גֶעה
אִין דֵיינֶע שְׁטוּב אַרֵיין, אוּן שְׁלִיס צוּ דִיא טְהִיר, אוּן בֶּעט צוּ דֵיין פָאטֶער דֶער
אִיז אִים פֶערְבָּארְגֶענֶען, אוּן דֵיין פָאטֶער דֶער זֶעהְט אִים פֶערְבָּארְגֶענֶען וֶועט
דִיר בֶּעצָאהְלֶען. 7 אוּן וֶוען אִיהְר בֶּעטֶעט פְּלוֹידֶערְט נִיט, אַזוֹי וִויא דִיא גוֹיִם
טְהוּן; וָוארִין זֵייא מֵיינֶען זֵייא וֶועלֶען דֶערְהֶערְט וֶוערֶען דוּרְךְ פִיל רֶעדֶען.
8 דְרוּם זַייט נִיט גְלֵייךְ אַזוֹי וִויא זֵייא; וָוארִין אֵייעֶר פָאטֶער וֵוייסְט וָואס אִיהְר
בֶּעדַארְפְט, נָאךְ אֵיידֶער אִיהְר אִיהְם דְרוּם בֶּעטֶעט. 9 דְרוּם זָאלְט אִיהְר אַזוֹי
בֶּעטֶען,

אוּנְזֶער פָאטֶער דֶער דוּא בִּיסְט אִים הִימֶעל,
גֶעהֵיילִיגְט זָאל וֶוערֶען דֵיין נָאמֶען.
10 דֵיין קֶענִיגְרֵייךְ זָאל קוּמֶען.
דֵיין וִוילֶען זָאל גֶעטְהוּן וֶוערֶען
אוֹיף דֶער עֶרְד אַזוֹי וִויא אִים הִימֶעל.
11 גִיב אוּנְז הֵיינְט אוּנְזֶער טֶעגְלִיכֶעס בְּרוֹיט.
12 אוּן פֶערְגִיב אוּנְז אוּנְזֶערֶע שׁוּלְדֶען, אַזוֹי וִויא מִיר פֶערְגֶעבֶּען אוּנְזֶערֶע
שׁוּלְדִיגֶער.
13 אוּן פִיהְר אוּנְז נִיט אִין פְּרִיפוּנְג, נֵייעֶרְט בֶּעהִיט אוּנְז פוּן דֶעם שְׁלֶעכְטֶען.
וָוארִין דֵיין אִיז דָאס קֶענִיגְרֵייךְ, אוּן דִיא מַאכְט, אוּן דִיא הֶערְלִיכְקֵייט, אוֹיף עֶבִּיג.
אָמֵן.

14 וָוארִין וֶוען אִיהְר וֶועט מֶענְשֶׁען זֵייעֶרֶע פֶעהְלֶער פֶערְגֶעבֶּען, אַזוֹי וֶועט אֵייךְ
אֵייעֶר הִימְלִישֶׁער פָאטֶער אוֹיךְ פֶערְגֶעבֶּען: 15 אָבֶּער וֶוען אִיהְר וֶועט מֶענְשֶׁען
זֵייעֶרֶע פֶעהְלֶער נִיט פֶערְגֶעבֶּען, אַזוֹי וֶועט אֵייעֶר פָאטֶער אֵייעֶרֶע פֶעהְלֶער
אוֹיךְ נִיט פֶערְגֶעבֶּען.
16 אוּן וֶוען אִיהְר פַאסְט, זֵייט נִיט וִויא דִיא הֵייכְלֶער בֶּעטְרִיבְּט. וָוארִין זֵייא
מַאכֶען אַ טְרוֹיעֶרִיג פָּנִים, אַז דִיא לֵייט זָאלֶען זֶעהֶען אַז זֵייא פַאסְטֶען.
בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ זֵייא הָאבֶּען זֵייעֶר שְׂכַר אַוַדַאי בֶּעקוּמֶען. 17 אָבֶּער וֶוען
דוּא פַאסְט, אַזוֹי זַאלְבּ דֵיין קָאפּ אוּן וַואשׁ דֵיין פָּנִים: 18 אַז דוּא זָאלְסְט נִיט
אוֹיסְזֶעהֶען פָאר מֶענְשֶׁען אַז דוּא פַאסְט, נֵייעֶרְט פָאר דֵיין פָאטֶער דֶער אִיז
אִים פֶערְבָּארְגֶענֶען; אוּן דֵיין פָאטֶער דֶער זֶעהְט אִים פֶערְבָּארְגֶענֶען וֶועט דִיר
בֶּעצָאהְלֶען.
19 זַאמֶעלְט אֵייךְ נִיט קֵיין אוֹצְרוֹת אוֹיף דֶער עֶרְד, וְואוּ דִיא מִילְבּ אוּן רָאסְט
פֶערְדַארְבֶּען, אוּן וְואוּ גַנָבִים אֵיינְבְּרֶעכֶען אוּן גַנְבֶענֶען: 20 אָבֶּער זַאמֶעלְט אֵייךְ
אוֹצְרוֹת אִים הִימֶעל, וְואוּ דִיא מִילְבּ אוּן רָאסְט פֶערְדַארְבֶּען נִיט, אוּן וְואוּ
גַנָבִים בְּרֶעכֶען נִיט אֵיין אוּן גַנְבֶענֶען נִיט: 21 וָוארִין וְואוּ אֵייעֶר אוֹצָר אִיז,
דָארְט וֶועט אֵייעֶר הַארְץ אוֹיךְ זֵיין. 22 דָאס אוֹיג אִיז דָאס לִיכְט פוּן דֶעם
לֵייבּ, דְרוּם וֶוען דֵיין אוֹיג אִיז אֵיינְפַאךְ, אַזוֹי וֶועט דֵיין גַאנְצֶער לֵייבּ לִיכְטִיג
זֵיין. 23 אָבֶּער וֶוען דֵיין אוֹיג אִיז בֵּייז, אַזוֹי וֶועט דֵיין גַאנְצֶער לֵייבּ זֵיין פִינְסְ־
טֶער. דְרוּם וֶוען דָאס לִיכְט וָואס אִיז אִין דִיר אִיז פִינְסְטֶערְנִיס, וְויא גְרוֹיס
אִיז דִיא פִינְסְטֶערְנִיס! 24 קֵיינֶער קֶען צְווייא הַארֶען דִינֶען; וָוארִין עֶנְטְוֶועדֶער
עֶר וֶועט אֵיינֶעם הַאסֶען אוּן דֶעם אַנְדֶערֶען לִיבּ הָאבֶּען, אָדֶער עֶר וֶועט זִיךְ
הַאלְטֶען בֵּייא אֵיינֶעם אוּן וֶועט דֶעם אַנְדֶערֶען פֶערְאַכְטֶען. אִיהְר קֶענְט נִיט
דִינֶען גָאט אוּן מָמוֹן: 25 דְרוּם זָאג אִיךְ אֵייךְ, זָארְגְט נִיט פַאר אֵייעֶר לֶעבֶּען,
וָואס אִיהְר זָאלְט עֶסֶען אוּן וָואס אִיהְר זָאלְט טְרִינְקֶען; אוֹיךְ נִיט פַאר אֵייעֶר
לֵייבּ וָואס אִיהְר זָאלְט אָנְטְהוּן. אִיז נִיט דָאס לֶעבֶּען מֶעהְר וְויא דָאס עֶסֶען,
אוּן דֶער לֵייבּ וְויא דָאס מַלְבּוּשׁ? 26 קוּקְט אָן דִיא פֵייגֶעל פוּן דֶעם הִימֶעל,
וָוארִין זֵייא זֵייעֶן נִיט אוּן שְׁנֵיידֶען נִיט, אוּן זַאמְלֶען נִיט אִין שְׁפֵּייכְלֶער; אוּן
אֵייעֶר הִימְלִישֶׁער פָאטֶער שְׁפֵּייזְט זֵייא. זֵייט אִיהְר נִיט פִיל בֶּעסֶער וְויא זֵייא?
27 אוּן וֶוער אִיז דָא צְוִוישֶׁען אֵייךְ וָואס קֶען דוּרְךְ זֵיין זָארְגֶען אֵיין אֵייל צוּ
זֵיינֶע לֶענְג צוּזֶעצֶען? 28 אוּן וָוארוּם זָארְגְט אִיהְר פַאר קְלֵיידוּנְג? קוּקְט אָן
דִיא רוֹיזֶען אוֹיף דֶעם פֶעלְד וְויא זֵייא וַואקְסֶען; זֵייא אַרְבֵּייטֶען נִיט אוּן שְׁפִּי־
נֶען נִיט; 29 אוּן אִיךְ זָאג אֵייךְ אַז אוֹיךְ שְׁלֹמֹה אִין זֵיינֶע גַאנְצֶע הֶערְלִיכְקֵייט
אִיז נִיט גֶעקְלֵייד גֶעוֶוען אַזוֹי וְויא אֵיינְס פוּן דִיזֶע. 30 אוּן וֶוען גָאט בֶּע־
דֶעקְט אַזוֹי דָאס גְרָאז פוּן דֶעם פֶעלְד, וָואס הֵיינְט אִיז דָא אוּן מָארְגֶען וֶוערְד
עֶס אִים פֵייעֶר אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען, וֶועט עֶר נִיט פִיל מֶעהְר אֵייךְ קְלֵיידֶען, אִיהְר
קְלֵיינְגְלוֹיבִּיגֶע? 31 דְרוּם זָאלְט אִיהְר נִיט זָארְגֶען אוּן זָאגֶען, וָואס וֶועלֶען מִיר
עֶסֶען? אָדֶער וָואס וֶועלֶען מִיר טְרִינְקֶען? אָדֶער מִיט וָואס וֶועלֶען מִיר זִיךְ
קְלֵיידֶען? 32 וָוארִין דִיא גוֹיִם זוּכֶען דָאס אַלֶעס. וָוארִין אֵייעֶר הִימְלִישֶׁער פָאטֶער

װײסט אַז אִיהְר בֶּעדַארְפְט דָאס אַלֶעס. 33 אָבֶּער זוּכְט צוּעֶרְשְׁט זַײנֶע
קֶענִיגְרַײךְ אוּן זַײן גֶערֶעכְטִיגְקַײט, אוּן דָאס אַלֶעס װֶעט אַײךְ צוּגֶעגֶעבֶּען
װֶערֶען. 34 דְרוּם זָאלְט אִיהְר נִיט זָארְגֶען פַאר דֶעם מָארְגֶעדִיגֶען טָאג; װָארִין
דֶער מָארְגֶענְדִיגֶע טָאג װֶעט פַאר דָאס זַײנִיגֶע זָארְגֶען. עֶס אִיז גֶענוּג פַאר
דֶעם טָאג זַײן אִיבֶּעל.

ז 1 רִיכְטֶעט נִיט, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט נִיט גֶערִיכְטֶעט װֶערֶען. 2 װָארִין מִיט
דֶעם גֶערִיכְט װָאס אִיהְר רִיכְטֶעט, װֶעט אִיהְר גֶערִיכְטֶעט װֶערֶען; אוּן מִיט
דֶעם מָאס װָאס אִיהְר מֶעסְט, װֶעט אַײךְ גֶעמָאסְטֶען װֶערֶען. 3 אוּן פַארְװָאס
זֶעהְסְט דוּא דֶעם שְׁפָּאן װָאס אִיז אִין דַײן בְּרוּדֶערְס אױג. אוּן בֶּעטְרַאכְסְט נִיט
דֶעם בַּאלְקֶען װָאס אִיז אִין דַײן אױג? 4 אָדֶער װִיא דַארְפְסְט דוּא זָאגֶען צוּ
דַײן בְּרוּדֶער, לָאז מִיךְ אַרױסְנֶעמֶען דֶעם שְׁפָּאן פוּן דַײן אױג, דֶערְװַײל דָא
אִיז אַ בַּאלְקֶען אִין דַײן אַײגֶענֶען אױג? 5 הֵײכְלֶער, נֶעם צוּעֶרְשְׁט אַרױס דֶעם
בַּאלְקֶען פוּן דַײן אױג; אוּן דַאן װֶעסְט דוּא קְלָאר זֶעהֶען דֶעם שְׁפָּאן אַרױס
צוּ נֶעמֶען פוּן דַײן בְּרוּדֶערְס אױג.

6 גִיבְּט נִיט דָאס הֵײלִיגֶע צוּ הִינְד, אוּן װַארְפְט נִיט דִיא פֶּערְלֶען פָאר דִיא
חֲזִירִים, װָארִין זַײא װֶעלֶען זַײא מִיט זַײעֶרֶע פִיס צוּטְרֶעטֶען, אוּן װֶעלֶען זִיךְ
אוּמְקֶעהְרֶען אוּן אַײךְ צוּרַײסֶען.

7 בֶּעט אוּן עֶס װֶעט אַײךְ גֶעגֶעבֶּען װֶערֶען; זוּכְט אוּן אִיהְר װֶעט גֶעפִינֶען;
קְלַאפְּט אָן, אוּן עֶס װֶעט אַײךְ אוֹיפְגֶעמַאכְט װֶערֶען: 8 װָארִין אִיטְלִיכֶער װָאס בֶּע־
טֶעט בֶּעקוּמְט; אוּן דֶער װָאס זוּכְט גֶעפִינְט; אוּן צוּ דֶעם װָאס קְלַאפְּט אָן װֶעט
עֶס אוֹיפְגֶעמַאכְט װֶערֶען. 9 אָדֶער װֶעלְכֶער מֶענְשׁ אִיז דָא צְװִישֶׁען אַײךְ, דֶעם
זַײן זוּהְן װֶעט בֶּעטֶען בְּרױט, װֶעט עֶר אִיהְם גֶעבֶּען אַ שְׁטֵײן? 10 אָדֶער װֶען עֶר
װֶעט אִיהְם בֶּעטֶען אַ פִישׁ, װֶעט עֶר אִיהְם גֶעבֶּען אַ שְׁלַאנְג? 11 װֶען אִיהְר דֶען
װָאס זֶענְט שְׁלֶעכְט, װַײסְט װִיא גוּטֶע מַתָּנוֹת צוּ גֶעבֶּען צוּ אַײעֶרֶע קִינְדֶער,
װִיא פִיל מֶעהְר װֶעט אַײעֶר פָאטֶער דֶער אִיז אִים הִימֶעל גוּטֶעס גֶעבֶּען צוּ
דִיא װָאס בֶּעטֶען פוּן אִיהְם? 12 דְרוּם אַלֶעס װָאס אִיהְר װִילְט אַז דִיא מֶענְ־
שֶׁען זָאלֶען צוּ אַײךְ טְהוּן, טְהוּט אִיהְר אוֹיךְ אַזױ צוּ זַײא; װָארִין דָאס אִיז
דִיא תּוֹרָה אוּן דִיא נְבִיאִים.

13 גֶעה אַרַײן דוּרְךְ דִיא עֶנְגֶע טְהִיר. װָארִין דִיא טְהִיר אִיז בְּרֵײט, אוּן דֶער
װֶעג אִיז גְרױס װָאס פִיהְרְט צוּם פֶערְדַארְבֶּען, אוּן פִילֶע זֶענֶען דִיא װָאס גֶעהֶען
דַאדוּרְךְ. 14 װַײל דִיא טְהִיר אִיז עֶנְג אוּן דֶער װֶעג אִיז שְׁמָאל װָאס פִיהְרְט
צוּם לֶעבֶּען, אוּן װֶענִיג זֶענֶען דִיא װָאס גֶעפִינֶען אִיהְם.

15 הִיט אַײךְ פַאר דִיא פַאלְשֶׁע נְבִיאִים, װָאס קוּמֶען צוּ אַײךְ אִין קְלֵײדֶער פוּן
שָׁאף, אוּן אִינְעװֶענִיג זֶענֶען זַײא רַײסֶענְדֶע װֶעלְף. 16 בַּײא זַײעֶרֶע פְרוּכְט זָאלְט
אִיהְר זַײא דֶערְקֶענֶען. קְלױבְּט מֶען דֶען װַײנְטְרױבֶּען פוּן דֶערְנֶער, אָדֶער פֵײ־
גֶען פוּן דִיסְטְלֶען? 17 אַזױ יֶעדֶער גוּטֶער בױם טְרָאגְט גוּטֶע פְרוּכְט, אָבֶּער אַ
פוּילֶער בױם טְרָאגְט שְׁלֶעכְטֶע פְרוּכְט. 18 אַ גוּטֶער בױם קָאן נִיט טְרָאגֶען
קֵײנֶע שְׁלֶעכְטֶע פְרוּכְט, אוּן אַ פוּילֶער בױם קָאן נִיט טְרָאגֶען קֵײנֶע גוּטֶע

פְּרוּכְט. 19 אִיטְלִיכֶער בּוֹים וָואס טְרָאגְט נִיט קֵיינֶע גוּטֶע פְּרוּכְט וֶועט אָפְּגֶעהַאקְט
אוּן אִים פֵייעֶר אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען. 20 דְרוּם זָאלְט אִיהְר זֵייא דֶערְקֶענֶען בֵּייא זֵייעֶרֶע
פְּרוּכְט. 21 נִיט יֶעדֶער וָואס זָאגְט צוּ מִיר, הַאר, הַאר, וֶועט אַרֵיינְקוּמֶען אִים
מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם; נֵייעֶרְט דֶער וָואס טְהוּט דֶעם ווִילֶען פוּן מֵיין פָּאטֶער דֶער
אִיז אִים הִימֶעל. 22 עֶס וֶועלֶען פִילֶע צוּ מִיר זָאגֶען אִין יֶענֶעם טָאג, הַאר,
הַאר, הָאבֶּען מִיר נִיט אִין דֵיין נָאמֶען נְבוּאוֹת גֶעזָאגְט, אוּן אִין דֵיין נָאמֶען
שֵׁדִים אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען, אוּן אִין דֵיין נָאמֶען פִילֶע ווְאוּנְדֶער גֶעטְהוּן? 23 אוּן
דַאן וֶועל אִיךְ צוּ זֵייא בֶּעקֶענֶען, אִיךְ הָאבּ אֵייךְ קֵיינְמָאל נִיט גֶעקֶענְט; גֶעהְט
אַוֶועק פוּן מִיר, אִיהְר וָואס טְהוּט אִיבֶּעל:
24 דְרוּם אִיטְלִיכֶער וָואס הֶערְט דִיזֶע מֵיינֶע וֶוערְטֶער, אוּן טְהוּט זֵייא, דֶער
וֶועט גֶעגְלִיכֶען זֵיין צוּ אַ קְלוּגֶען מַאן, וָואס הָאט גֶעבּוֹיעֶט זֵיין הוֹיז אוֹיף דֶעם
פֶעלְזֶען. 25 אוּן דֶער פְּלַאצְרֶעגֶען אִיז גֶעפַאלֶען, אוּן דִיא שְׁטְרוֹימֶע זֶענֶען
גֶעקוּמֶען, אוּן דִיא ווִינְדֶען הָאבֶּען גֶעבְּלָאזֶען, אוּן הָאבֶּען גֶעשְׁטוֹיסֶען אוֹיף דֶעם
הוֹיז אוּן עֶס אִיז נִיט אֵיינְגֶעפַאלֶען; וָוארִין עֶס אִיז אוֹיף דֶעם פֶעלְזֶען גֶעגְרִינְ־
דֶעט גֶעוֶועזֶען. 26 אוּן אִיטְלִיכֶער וָואס הֶערְט דִיזֶע מֵיינֶע וֶוערְטֶער, אוּן טְהוּט
זֵייא נִיט, דֶער וֶועט גֶעגְלִיכֶען זֵיין צוּ אַ נַארִישֶׁען מַאן, וָואס הָאט גֶעבּוֹיעֶט
זֵיין הוֹיז אוֹיף דֶעם זַאמְד: 27 אוּן דֶער פְּלַאצְרֶעגֶען אִיז גֶעפַאלֶען, אוּן דִיא
שְׁטְרוֹימֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען, אוּן דִיא ווִינְדֶען הָאבֶּען גֶעבְּלָאזֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען
אָנְגֶעשְׁלָאגֶען אָן דִיזֶען הוֹיז אוּן עֶס אִיז אֵיינְגֶעפַאלֶען; אוּן דֶער פַאל דֶערְפוּן
אִיז גְרוֹיס גֶעוֶועזֶען.
28 אוּן וֶוען יֵשׁוּעַ הָאט דִיזֶע וֶוערְטֶער גֶעעֶנְדִיגְט, זֶענֶען דִיא לֵייט עֶרְשְׁטוֹינְט
גֶעוָוארֶען אִיבֶּער זֵיינֶע לֶעהְרֶע: 29 וָוארִין עֶר הָאט זֵייא גֶעלֶעהְרְט ווִיא אֵיינֶער
וָואס הָאט מַאכְט, אוּן נִיט אַזוֹי ווִיא דִיא סוֹפְרִים.
ח 1 אוּן וֶוען עֶר אִיז פוּן דֶעם בַּארְג אַרוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען, אַזוֹי זֶענֶען אִיהְם פִיל
לֵייט נָאכְגֶעגַאנְגֶען. 2 אוּן זֶעה, אַ קְרֶעצִיגֶער אִיז צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען אוּן הָאט
זִיךְ צוּ אִיהְם גֶעבִּיקְט, אוּן גֶעזָאגְט, הַאר, וֶוען דוּא ווִילְסְט, קֶענְסְט דוּא מִיךְ
רֵיינִיגֶען. 3 אוּן עֶר הָאט זֵיינֶע הַאנְד אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט, אוּן הָאט אִיהְם אָנְגֶע־
רִיהְרְט, אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ ווִיל; זֵייא גֶערֵיינִיגְט. אוּן גְלֵייךְ אִיז עֶר פוּן זֵיינֶע
קְרֶעץ גֶערֵיינִיגְט גֶעוָוארֶען. 4 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, זֶעה, דוּא זָאלְסְט
עֶס קֵיינֶעם נִיט זָאגֶען; נֵייעֶרְט גֶעה אוּן ווַייז דִיךְ פָאר דֶעם כֹּהֵן, אוּן זֵייא
מַקְרִיב דָאס קָרְבָּן וָואס מֹשֶׁה הָאט בֶּעפוֹילֶען, פַאר אַ צֵייגְנִיס צוּ זֵייא.
5 אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען קֵיין כְּפַר נָחוּם, אַזוֹי אִיז אַ הוֹיפְּטְמַאן צוּ אִיהְם
גֶעקוּמֶען אוּן הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטֶען, 6 אוּן גֶעזָאגְט, הַאר, מֵיין דִינֶער לִיגְט
אִין דֶעם הוֹיז גִיכְטְבְּרִיכִיג, אוּן אִיז זֶעהְר גֶעפֵּיינִיגְט. 7 אוּן עֶר הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל קוּמֶען אוּן אִיהְם הֵיילֶען. 8 אוּן דֶער הוֹיפְּטְמַאן הָאט
גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, הַאר, אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְט אַז דוּא זָאלְסְט אוּנְטֶער
מֵיין דַאךְ קוּמֶען; אָבֶּער זָאג נוּר אַ וָוארְט אַזוֹי וֶועט מֵיין דִינֶער גֶעהֵיילְט
וֶוערֶען. 9 וָוארִין אִיךְ בִּין אוֹיךְ אַ מַאן אוּנְטֶער הֶערְשַׁאפְט, אוּן הָאבּ חַיִל

אונטער מיר; און איך זאג צו איינעם געה אהין, אזוי געהט ער; און צו איין
אנדערען, קום אהער, אזוי קומט ער; און צו מיין קנעכט, טהוא דאס, אזוי
טהוט ער עס. 10 און ווען ישוע האט דאס געהערט, האט ער זיך געוואונ־
דערט און געזאגט צו דיא וואס זענען איהם נאכגעגאנגען, באמת זאג איך
אייך אזעלכען גלויבען האב איך ניט געפינען אפילו אין ישראל. 11 און איך
זאג אייך, אז פילע וועלען קומען פון מזרח און פון מערב, און וועלען זיצען
מיט אברהם און יצחק און יעקב אים מלכות השמים: 12 און דיא קינדער
פון דעם קעניגרייך וועלען ארויסגעווארפען ווערען אין דיא אויסערע פינסטער־
ניס; דארט וועט זיין געוויין און ציינקריצען: 13 און ישוע האט געזאגט צום
הויפטמאן, געה אוועק, אזוי וויא דוא האסט געגלויבט זאל דיר געשעהען.
און דער דינער איז געזונד געווארען אין יענער שעה.
14 און ווען ישוע איז געקומען אים הויז פון פעטרוס, האט ער געזעהען
אז זיינע שוויגער ליגט קראנק פון פיבער. 15 אזוי האט ער איהרע האנד
אנגעריהרט, און דאס פיבער האט זיא פערלאזט, און זיא איז אויפגעשטאנען
און האט זייא בעדינט. 16 און ווען עס איז אבענד געווען, האט מען צו איהם
געבראכט פילע וואס האבען געהאט שדים; און ער האט דיא רוחות ארויסגע־
טריבען מיט א ווארט, און געהיילט אלערלייא קראנקע. 17 אז עס זאל מקוים
ווערען וואס עס איז געזאגט דורך ישעיה הנביא דער זאגט, ער האט
אונזערע קרענק אויף זיך גענומען, און האט אונזערע וועהטיג געטראגען.
18 און ווען ישוע האט דיא לייט ארום זיך געזעהען, האט ער געהייסען אוועק
געהען אויף יענער זייט פון דעם ים. 19 און א סופר איז צו איהם געקומען, און
האט צו איהם געזאגט, לעהרער, איך וועל דיר נאכפאלגען וואו אהין דוא וועסט
געהען. 20 און ישוע האט צו איהם געזאגט, דיא פוקסען האבען גרובער, און
דיא פייגעל פון דעם הימעל האבען נעסט; אבער דער בן־אדם האט ניט
וואו דעם קאפ אנידער צו לעגען. 21 און איין אנדערער פון זיינע תלמידים
האט צו איהם געזאגט, האר, דערלויב מיר צוערשט צו געהען און מיין פא־
טער בעגראבען. 22 און ישוע האט צו איהם געזאגט, פאלג מיר נאך, און
לאזען דיא טויטע זייערע אייגענע טויטע בעגראבען.
23 און ווען ער איז אים שיף אריינגעגאנגען, האבען איהם זיינע תלמידים
נאכגעפאלגט. 24 און זעה, א גרויסער שטורם איז געווען אויף דעם ים, ביז
דאס שיף איז בעדעקט געווען מיט דיא וועלען; און ער האט געשלאפען.
25 און זייא זענען צו איהם געקומען און האבען איהם אויפגעוועקט, און גע־
זאגט, האר, העלף אונז; מיר ווערען פערלוירען. 26 און ער האט צו זייא
געזאגט, ווארום פארכט איהר אייך, איהר קליינגלויביגע? דאן איז ער אויפ־
געשטאנען און האט דעם ווינד און דעם ים אנגעשריען און עס איז גאנץ
שטיל געווארען. 27 און דיא מענשען האבען זיך פערוואונדערט, און געזאגט,
וואס פאר א מאן איז ער, אז דער ווינד און דער ים געהארכען איהם?
28 און ווען ער איז געקומען אויף דיא אנדערע זייט פון דעם ים צום לאנד פון דיא

גַדְרִים, אַזוֹי הָאבֶּען אִיהם בֶּעגֶעגֶענְט צְווייא בֶּעזֶעסֶענֶע פוּן שֵׁדִים, וָואס זֶענֶען
גֶעקוּמֶען פוּן צְווִישֶׁען דִיא קְבָרִים, אוּן זֵייא זֶענֶען גֶעוֶוען זֶעהר פִירְכְטֶערְלִיךְ,
אַז קֵיינֶער הָאט נִיט גֶעקָאנְט בֵּייא דִיזֶעם וֶועג פַארְבֵּייא גֶעהֶען. 29 אוּן זֶעה,
זֵייא הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט, וָואס הָאבֶּען מִיר מִיט דִיר צוּ טְהוּן דוּא
זוּהְן פוּן גָאט? בִּיסְט דוּא אַהֶער גֶעקוּמֶען אוּנְז צוּ פְּלָאגֶען פָאר דֶער צֵייט?
30 אוּן עֶס אִיז ווַייט פוּן זֵייא גֶעוֶוען אַ סְטַאדֶע פוּן פִילֶע חֲזֵירִים פַּאסֶען. 31 אוּן
דִיא שֵׁדִים הָאבֶּען אִיהם גֶעבֶּעטֶען, אוּן גֶעזָאגְט, וֶוען דוּא ווִילְסְט אוּנְז אַרוֹיסְ־
טְרֵייבֶּען, אַזוֹי שִׁיק אוּנְז אַוֶועק אִין דֶער סְטַאדֶע פוּן חֲזֵירִים. 32 אוּן עֶר
הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, גֶעהְט אַהִין. אַזוֹי זֶענֶען זֵייא אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען
גֶעקוּמֶען אִין דִיא חֲזֵירִים; אוּן זֶעה, דִיא גַאנְצֶע סְטַאדֶע הָאט זִיךְ
אַרוּפְּגֶעוָוארְפֶען פוּן אַ הוֹיכֶען אָרְט אִים יַם אַרֵיין, אוּן אִיז אוּמְגֶעקוּמֶען
אִים ווַאסֶער. 33 אוּן דִיא פַּאסְטוּכֶער זֶענֶען אַוֶועקְגֶעלָאפֶען, אוּן זֶענֶען
אִין דֶער שְׁטָאדְט אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען אַלֶעס דֶערְצֶעהְלְט, אוּן אוֹיךְ ווִיא
עֶס אִיז דֶערְגַאנְגֶען מִיט דִיא בֶּעזֶעסֶענֶע פוּן שֵׁדִים. 34 אוּן זֶעה, דִיא גַאנְצֶע
שְׁטָאדְט אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען יֵשׁוּעַ עֶנְטְגֶעגֶען צוּ גֶעהֶען; אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען
אִיהם גֶעזֶעהֶען, הָאבֶּען זֵייא גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל אַוֶועקְגֶעהֶען פוּן זֵייעֶרֶע
גְרֶענְצֶען.

ט 1 אוּן עֶר אִיז אִים שִׁיף אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפָאהְרֶען, אוּן אִיז
גֶעקוּמֶען אִין זֵיינֶע שְׁטָאדְט אַרֵיין. 2 אוּן זֶעה, מֶען הָאט צוּ אִיהם גֶעבְּרַאכְט
אֵיינֶעם וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גִיכְטְבְּרִיכִיגֶער, אוּן עֶר אִיז גֶעלֶעגֶען אוֹיף אַ בֶּעט;
אוּן ווִיא יֵשׁוּעַ הָאט גֶעזֶעהֶען זֵייעֶר גְלוֹיבֶּען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם גִיכְטְבְּרִי־
כִיגֶען, זֵייא גֶעטְרֵייסְט, קִינְד, דֵיינֶע זִינְד זֶענֶען פֶערְגֶעבֶּען. 3 אוּן זֶעה, עֶטְלִיכֶע
פוּן דִיא סוֹפְרִים הָאבֶּען צוּ זִיךְ גֶעזָאגְט, דִיזֶער לֶעסְטֶערְט גָאט. 4 אוּן יֵשׁוּעַ
ווִיסֶענְדִיג זֵייעֶרֶע גֶעדַאנְקֶען הָאט גֶעזָאגְט, פַארְוָואס הָאט אִיהר שְׁלֶעכְטֶע
גֶעדַאנְקֶען אִין אֵייעֶרֶע הֶערְצֶער? 5 וָוארִין וֶועלְכֶעס אִיז גְרִינְגֶער, צוּ זָאגֶען,
דֵיינֶע זִינְד זֶענֶען פֶערְגֶעבֶּען; אָדֶער צוּ זָאגֶען, שְׁטֶעה אוֹיף אוּן גֶעה אַרוּם?
6 אָבֶּער אַז אִיהר זָאלְט ווִיסֶען אַז דֶער בֶּן־אָדָם הָאט מַאכְט אוֹיף דֶער עֶרְד
זִינְד צוּ פֶערְגֶעבֶּען, (דַאן זָאגְט עֶר צוּם גִיכְטְבְּרִיכִיגֶען) שְׁטֶעה אוֹיף, נֶעם דֵיין
בֶּעט, אוּן גֶעה אַהֵיים. 7 אוּן עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען.
8 אוּן וֶוען דִיא לֵייט הָאבֶּען דָאס גֶעזֶעהֶען, הָאבֶּען זֵייא זִיךְ פֶערְוָואוּנְדֶערְט, אוּן
הָאבֶּען גָאט גֶעלוֹיבְּט, דֶער הָאט גֶעגֶעבֶּען אַזֶעלְכֶע מַאכְט צוּ מֶענְשֶׁען.

9 אוּן וֶוען יֵשׁוּעַ אִיז פוּן דָארְטֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזֶעהֶען אַ
מַאן דֶער אִיז גֶעזֶעסֶען אִים הוֹיז פוּן שְׁטֵייעֶר, דֶער הֵייסְט מַתִּי, אוּן עֶר
הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט, פָאלְג מִיר נָאךְ. אַזוֹי אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן הָאט
אִיהם נָאכְגֶעפָאלְגְט.

10 אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען וֶוען עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען אִים הוֹיז בֵּיים עֶסֶען, זֶעה, עֶס זֶענֶען
פִילֶע שְׁטֵייעֶרְאֵיינְנֶעמֶער אוּן זִינְדֶער גֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען זִיךְ אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט מִיט
יֵשׁוּעַ אוּן זֵיינֶע תַּלְמִידִים. 11 אוּן וֶוען דִיא פְּרוּשִׁים הָאבֶּען דָאס גֶעזֶעהֶען, הָאבֶּען

וויא געזאגט צו זיינע תלמידים, פארוואס עסט אייער לעהרער מיט דיא שטייער־
איינגעמער און דיא זינדער? 12 און ווען ער האט דאס געהערט, האט ער צו
זייא געזאגט, דיא וואס זענען געזונד בעדארפען ניט קיין דאקטאר, נייערט דיא
וואס זענען קראנק. 13 אבער געהט און לערנט וואס דאס בעדייט, איך בעגעהר
גנאד און ניט קרבנות; וואריין איך בין ניט געקומען דיא צדיקים צו רופען,
נייערט דיא זינדער.
14 דאן זענען דיא תלמידים פון יוחנן צו איהם געקומען און האבען געזאגט,
פארוואס פאסטען מיר און דיא פרושים, און דיינע תלמידים פאסטען ניט?
15 און ישוע האט צו זייא געזאגט, וויא קענען דיא אונטערפיהרער טרויערן ווען
דער חתן איז בייא זייא? אבער דיא טעג וועלען קומען ווען דער חתן וועט
פון זייא אוועקגענומען ווערען, און דאן וועלען זייא פאסטען. 16 און קיינער
פערעכט ניט איין אלטעס קלייד מיט א שטיק פון ניט געוואלקעוועטען טוך;
וואריין דאס צוגעפליקטע רייסט אפ פון דעם קלייד, און עס וועט איין ערגערער ריס.
17 מען גיסט אויך ניט קיין נייען וויין אין אלטע לאגעל אריין; וואריין זאנסט
ווערען דיא לאגעל צוריסען, און דער וויין ווערד אויסגעגאסען און דיא לאגעל
ווערען פערדארבען; נייערט מען גיסט נייען וויין אין נייע לאגעל אריין, און
אזוי ווערען זייא ביידע גאנץ בעהאלטען.
18 און דערווייל ער האט דיזעס מיט זייא גערעט, זעה, איז איין אויבערשטער
געקומען, און האט זיך צו איהם געביקט און געזאגט, מיינע טאכטער איז
איצט געשטארבען; אבער קום דוא און לעג דיינע האנד אויף איהר, אזוי
וועט זיא לעבען. 19 און ישוע איז אויפגעשטאנען און איז איהם נאכגעגאנגען
און אויך זיינע תלמידים. 20 און זעה, א פרויא וואס האט צוועלף יאהר דעם
בלוטגאנג געהאט, איז צו איהם געקומען פון הינטען און האט אנגעריהרט
דעם זוים פון זיין קלייד. 21 וואריין זיא האט אין זיך געטראכט, ווען איך וועל
נור זיין קלייד אנריהרען, אזוי וועל איך געזונד ווערען. 22 און ישוע האט זיך
אומגעקעהרט, און האט זיא געזעהען און געזאגט, זייא געטרייסט מיינע טאכ־
טער, דיין גלויבען האט דיך געזונד געמאכט. און דיא פרויא איז געזונד
געווארען פון יענער שעה. 23 און ווען ישוע איז אריינגעקומען אים הויז
פון דעם אויבערשטען, און האט געזעהען דיא פייפער און דאס געטומעל פון
דיא לייט, 24 אזוי האט ער געזאגט, געהט ארויס; וואריין דאס מעדעל איז ניט
טויט, נייערט זיא שלאפט. און זייא האבען איהם אויסגעלאכט. 25 און ווען
דיא לייט זענען ארויסגעטריבען געווארען, איז ער אריינגעגאנגען און האט זיא
אנגענומען בייא דער האנד; און דאס מעדעל איז אויפגעשטאנען. 26 און דער
שם דערפון איז אויסגעגאנגען אים גאנצען לאנד.
27 און ווען ישוע איז פון דארטען אוועקגעגאנגען, זענען איהם צווייא בלינדע
נאכגעגאנגען, און האבען געשריגען און געזאגט, דערבארם דיך איבער אונז,
זוהן פון דוד. 28 און ווען ער איז אים הויז אריינגעקומען, זענען דיא בלינדע

13 הושע ו׳, ו׳

צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען; אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, גְלֵייבְּט אִיהְר אַז אִיךְ קֶען
אִים שְׁטַאנְד דָאס צוּ טְהוּן? זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, יָא, הַאר. 29 דַאן
הָאט עֶר זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען אָנְגֶערִיהְרְט אוּן גֶעזָאגְט, נָאךְ אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען אַזוֹי זָאל
אֵייךְ גֶעשֶׁעהֶען. 30 אוּן זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען זֶענֶען אוֹיפְגֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען. אוּן יֵשׁוּעַ
הָאט זֵייא גֶעוָוארְנְט אוּן גֶעזָאגְט, זֶעהְט אַז קֵיינֶער זָאל עֶס נִיט וִויסֶען.
31 אָבֶּער וֶוען זֵייא זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, הָאבֶּען זֵייא אִיהְם בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט
אִים גַאנְצֶען לַאנְד.

32 אוּן וֶוען זֵייא זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאט מֶען צוּ אִיהְם גֶעבְּרַאכְט אַ שְׁטוּ־
מֶען מַאן, וָואס אִיז בֶּעזֶעסֶען פוּן אַ שֵׁד. 33 אוּן וֶוען דֶער שֵׁד אִיז אַרוֹיסְגֶע־
טְרִיבֶּען גֶעוָוארֶען, הָאט דֶער שְׁטוּמֶער גֶערֶעט, אוּן דִיא לֵייט הָאבֶּען זִיךְ פֶערְ־
וָואוּנְדֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, אַזֶעלְכֶעס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִיט גֶעזֶעהֶען גֶעוָוארֶען
אִין יִשְׂרָאֵל. 34 אָבֶּער דִיא פְּרוּשִׁים הָאבֶּען גֶעזָאגְט, עֶר טְרֵייבְּט אַרוֹיס דִיא
שֵׁדִים דוּרְךְ דֶעם הַאר'ן פוּן דִיא שֵׁדִים.

35 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין אַלֶע שְׁטֶעדְט אוּן דֶערְפֶער, אוּן הָאט גֶע־
לֶעהְרְט אִין זֵייעֶרֶע שׁוּלֶען, אוּן גֶעפְּרֶעדִיגְט דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן דֶעם קֶענִיגְרֵייךְ,
אוּן גֶעהֵיילְט אַלֶערְלֵייא קְרַאנְקְהֵייט אוּן אַלֶערְלֵייא שְׁמֶערְצֶען. 36 אוּן וֶוען עֶר הָאט
גֶעזֶעהֶען דִיא לֵייט הָאט עֶר אִיבֶּער זֵייא רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, וָוארִין זֵייא זֶענֶען
גֶעוֶוען פֶערְשְׁמַאכְט אוּן פֶערְשְׁפְּרֵייט וִויא שָׁאף וָואס הָאבֶּען קֵיין פַּאסְטוּךְ נִיט.
37 דַאן הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זֵיינֶע תַּלְמִידִים, דֶער קָארְנְשְׁנִיט אִיז גְרוֹיס, אָבֶּער
דִיא אַרְבֵּייטֶער זֶענֶען וֶוענִיג. 38 דְרוּם בֶּעט צוּם הַאר'ן פוּן דֶעם קָארְנְשְׁנִיט, אַז
עֶר זָאל אַרוֹיסְשִׁיקֶען אַרְבֵּייטֶער צוּ זֵיין קָארְנְשְׁנִיט. י 1 אוּן עֶר הָאט גֶערוּפֶען
זֵיינֶע צְוֶועלְף תַּלְמִידִים אוּן הָאט זֵייא גֶעגֶעבֶּען מַאכְט אִיבֶּער אוּנְרֵיינֶע גֵייסְטֶער,
אַז זֵייא זָאלֶען זֵייא אַרוֹיסְטְרֵייבֶּען, אוּן זָאלֶען הֵיילֶען אַלֶערְלֵייא קְרַאנְקְהֵייט
אוּן אַלֶערְלֵייא שְׁמֶערְצֶען.

2 אוּן דָאס זֶענֶען דִיא נֶעמֶען פוּן דִיא צְוֶועלְף שְׁלוּחִים; דֶער עֶרְשְׁטֶער שִׁמְעוֹן,
דֶער הֵייסְט פֶּעטְרוּס, אוּן זֵיין בְּרוּדֶער אַנְדְרַי; יַעֲקֹב דֶער זוּהְן פוּן זַבְדִי, אוּן
זֵיין בְּרוּדֶער יוֹחָנָן; 3 פִּילִיפּוּס, אוּן בַּר־תַּלְמַי; תּוֹמָא אוּן מַתַּי דֶער שְׁטֵייעֶר־
אֵיינְנֶעמֶער; יַעֲקֹב דֶער זוּהְן פוּן חַלְפַי, אוּן תַּדַּי; 4 שִׁמְעוֹן הַקַּנָּאִי, אוּן יְהוּדָה
אִישׁ קְרִיּוֹת, דֶער וָואס הָאט אִיהְם אוֹיךְ פֶערְמַסֶערְט. 5 דִיזֶע צְוֶועלְף הָאט יֵשׁוּעַ
אוֹיסְגֶעשִׁיקְט, אוּן הָאט זֵייא בֶּעפוֹילֶען אוּן גֶעזָאגְט,

גֶעהְט נִיט אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן דִיא גוֹיִם אוּן קוּמְט נִיט אַרֵיין אִין קֵיינֶע שְׁטָאדְט
פוּן דִיא שֹׁמְרוֹנִים. 6 אָבֶּער גֶעהְט לִיבֶּער צוּ דִיא פֶערְלוֹירֶענֶע שָׁאף פוּן דֶעם הוֹיז
יִשְׂרָאֵל. 7 אוּן וֶוען אִיהְר גֶעהְט אַהִין, פְּרֶעדִיגְט אוּן זָאגְט, דָאס מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם
אִיז נָאהֶענְט גֶעקוּמֶען. 8 הֵיילְט דִיא קְרַאנְקֶע, וֶועקְט אוֹיף דִיא טוֹיטֶע,
רֵיינִיגְט דִיא קְרֶעצִיגֶע, טְרֵייבְּט אַרוֹיס דִיא שֵׁדִים; אוּמְזוּסְט הָאט אִיהְר
עֶמְפְּפַאנְגֶען, אוּמְזוּסְט גִיבְּט. 9 נֶעמְט נִיט קֵיין גָאלְד מִיט, אוּן קֵיין זִילְבֶּער,
אוּן קֵיין קוּפֶּער אִין אֵייעֶרֶע בֵּייטַארְטֶעל, 10 אוּן אוֹיךְ נִיט קֵיינֶע רֵייזֶע טַאשׁ
אוֹיף דֶעם וֶועג, אוּן קֵיינֶע צְוֵוייא רֶעק, אוּן קֵיינֶע שִׁיךְ, אוּן קֵיין שְׁטֶעקֶען;

ווארין דער ארבייטער איז ווערט זיין עסען. 11 און אין וואס פאר א שטאדט
אדער דארף איהר וועט אריינקומען, פרעגט נאך ווער איז דארט א ווירדיגער
מאן, און בלייבט ביי איהם ביז איהר וועט פון דארטען אוועקגעהען. 12 און
ווען איהר קומט אין א הויז אריין, אזוי זאלט איהר עס גריסען. 13 און ווען
דאס הויז איז ווערט, זאל אייער פרידען דרויף קומען; ווען עס איז אבער
ניט ווערט, אזוי זאל זיך אייער פרידען צו אייך אומקעהרען. 14 און ווער עס
וועט אייך ניט אויפנעמען און וועט אייערע ווערטער ניט הערען, ווען איהר
געהט ארויס פון דעם הויז אדער פון דער שטאדט, שאקעלט אפ דעם שטויב
פון אייערע פים. 15 באמת זאג איך אייך, עס וועט אים יום הדין גרינגער זיין
פאר דעם לאנד פון סדום און עמורה, וויא פאר יענע שטאדט.
16 זעהט, איך שיק אייך אויס וויא שאף צווישען וועלף; דרום זייט קלוג וויא
דיא שלאנגען, און איינפאך וויא דיא טויבען. 17 אבער היט אייך פאר
דיא מענשען; ווארין זייא וועלען אייך איבערגעבען צו דיא סנהדרין, און
וועלען אייך שמייסען אין זייערע שולען; 18 און איהר וועט געפיהרט ווערען
פאר פירשטען און קעניגען מייגעט וועגען, פאר איין עדות צו זייא און דיא גוים:
19 און ווען זייא וועלען אייך איבערגעבען, אזוי זארגט ניט וויא און וואס איהר
זאלט רעדען; ווארין צו דער שעה וועט אייך געגעבען ווערען וואס איהר
זאלט רעדען. 20 ווארין איהר זענט ניט דיא וואס רעדען, נייערט עס איז דער
גייסט פון אייער פאטער דער רעט אין אייך. 21 און ברודער וועט ברודער
איבערגעבען צום טויט, און דער פאטער זיין קינד; און קינדער וועלען אויפ־
שטעהען קעגען זייערע עלטערן, און וועלען זייא אומברענגען. 22 און איהר
וועט געהאסט ווערען פון אלע מענשען מיין נאמענס וועגען; אבער דער
וואס האלט אויס ביז צום סוף וועט גערעטעט ווערען. 23 און ווען זייא וועלען
אייך פערפאלגען אין דיזער שטאדט, אזוי אנטלויפט צו דיא אנדערע; ווארין
באמת זאג איך אייך, איהר וועט ניט דורכגעהען דיא שטעדט פון ישראל, ביז
דער בן אדם וועט קומען.
24 דער תלמיד איז ניט איבער זיין לעהרער, און דער קנעכט איז ניט איבער
זיין האר'ן. 25 עס איז גענוג פאר דעם תלמיד אז ער זאל זיין אזוי וויא זיין
לעהרער, און דער קנעכט אזוי וויא זיין האר. ווען זייא האבען דעם בעל
הבית גערופען בעלזבוב, וויא פיל מעהר וועלען זייא זיין הויזגעזינד אזוי
רופען! 26 דרום פארכט אייך ניט פאר זייא; ווארין קיין זאך איז ניט פערהוי־
לען, וואס וועט ניט אנטפלעקט ווערען, און קיין זאך איז ניט פערבארגען, וואס
וועט ניט בעקאנט ווערען; 27 וואס איך זאג אייך אין דער פינסטערניס, דאס
זאגט ביים ליכט; און וואס איהר הערט מיט דעם אויער אריין, דאס רופט
אויס אויף דיא דעכער. 28 און פארכט אייך ניט פאר דיא וואס טייטען דעם
גוף, אבער קענען ניט טייטען דיא זעלע: נייערט פארכט אייך ליבער פאר
דעם וואס קען טייטען דיא זעלע און דעם גוף אין גיהנם. 29 פערקויפט מען
ניט צוויא פייגעל פאר א פרוטה? און קיינס פון זייא פאלט ניט צו דער ערד

אָהְן אֵייעֶר פָאטֶער; 30 דֶען אַפִילוּ דִיא הָאר פוּן אֵייעֶר קָאפּ זֶענֶען אַלֶע גֶע־
צֵיילְט. 31 דְרוּם פָארְכְט אֵייךְ נִיט, אִיהְר זֶענְט מֶעהְר וֶוערְט וִויא פִילֶע פֵייגֶעל.
32 יֶעדֶען נוּן וָואס וֶועט מִיךְ בֶּעקֶענֶען פָאר מֶענְשֶׁען, דֶעם וֶועל אִיךְ בֶּעקֶענֶען
פָאר מֵיין פָאטֶער דֶער אִיז אִים הִימֶעל; 33 וֶוער עֶס וֶועט אָבֶער מִיךְ פֶערְ־
לֵייקֶענֶען פָאר מֶענְשֶׁען, דֶעם וֶועל אִיךְ אוֹיךְ פֶערְלֵייקֶענֶען פָאר מֵיין פָאטֶער
דֶער אִיז אִים הִימֶעל.

34 דֶענְקְט נִיט אַז אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען שָׁלוֹם צוּ שִׁיקֶען אוֹיף דֶער עֶרְד; אִיךְ בִּין
נִיט גֶעקוּמֶען שָׁלוֹם צוּ שִׁיקֶען, נֵייעֶרְט אַ שְׁוֶוערְט. 35 וָוארִין אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען
אַפְּצוּזוּנְדֶערְן אַ מֶענְשׁ פוּן זֵיין פָאטֶער, אוּן אַ טָאכְטֶער פוּן אִיהְרֶע מוּטֶער,
אוּן אַ שְׁנוּר פוּן אִיהְרֶע שְׁוִויגֶער; 36 אוּן דִיא פֵיינְד פוּן אַ מֶענְשֶׁען וֶועלֶען זֵיין
אֵיינֶענֶעם הוֹיזְגֶעזִינְד זֵיין. 37 וֶוער עֶס לִיבְּט פָאטֶער אָדֶער מוּטֶער מֶעהְר וִויא
מִיךְ, דֶער אִיז מֵיינֶער נִיט וֶוערְט; אוּן וֶוער עֶס לִיבְּט זוּהְן אָדֶער טָאכְטֶער
מֶעהְר וִויא מִיךְ, דֶער אִיז מֵיינֶער נִיט וֶוערְט. 38 אוּן וֶוער עֶס נֶעמְט נִיט זֵיין
קְרֵייץ אוּן פָאלְגְט מִיר נָאךְ, דֶער אִיז מֵיינֶער נִיט וֶוערְט. 39 דֶער וָואס
גֶעפִינְט זֵיינֶע זֶעלֶע, וֶועט זִיא פֶערְלִירֶען אוּן דֶער וָואס פֶערְלִירְט זֵיינֶע זֶעלֶע
מֵיינֶעט וֶועגֶען, דֶער וֶועט זִיא גֶעפִינֶען.

40 דֶער וָואס נֶעמְט מִיךְ אוֹיף, נֶעמְט אוֹיף דֶעם דֶער הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט.
41 דֶער וָואס נֶעמְט אוֹיף אַ נָבִיא אִים נָאמֶען פוּן אַ נָבִיא וֶועט נֶעמֶען דֶעם
שְׂכַר פוּן אַ נָבִיא; אוּן דֶער וָואס נֶעמְט אוֹיף אַ צַדִיק אִים נָאמֶען פוּן אַ צַדִיק
וֶועט נֶעמֶען דֶעם שְׂכַר פוּן אַ צַדִיק. 42 אוּן דֶער וָואס וֶועט גֶעבֶּען צוּ
טְרִינְקֶען נוּר אַ בֶּעכֶער מִיט קַאלְטֶעם וַואסֶער צוּ אֵיינֶעם פוּן דִיזֶע קְלֵיינֶע, אִים
נָאמֶען פוּן אַ תַּלְמִיד, בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, עֶר וֶועט נִיט פֶערְלִירֶען זֵיין שְׂכַר.
יא 1 אוּן עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען וֶוען יֵשׁוּעַ הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט זֵיינֶע צְוֶועלְף תַּלְמִידִים
צוּ בֶּעפֶעהְלֶען, אַזוֹי אִיז עֶר פוּן דָארְטֶען וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען צוּ לֶעהְרֶען אוּן
צוּ פְּרֶעדִיגֶען אִין זֵייעֶרֶע שְׁטֶעדְט.

2 אוּן וֶוען יוֹחָנָן הָאט גֶעהֶערְט אִים גֶעפֶענְגְנִיס דִיא מַעֲשִׂים פוּן דֶעם מָשִׁיחַ,
הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט דוּרְךְ זֵיינֶע תַּלְמִידִים אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, 3 בִּיסְט
דוּא דֶער וֶועלְכֶער זָאל קוּמֶען, אָדֶער זָאלֶען מִיר וַוארְטֶען אוֹיף אֵיין אַנְדֶערְן?
4 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, גֶעהְט אוּן דֶער־
צֶעהְלְט יוֹחָנָן וָואס אִיהְר הֶערְט אוּן זֶעהְט; 5 דִיא בְּלִינְדֶע זֶעהֶען וִוידֶער, אוּן
דִיא לָאמֶע גֶעהֶען אַרוּם, דִיא קְרֶעצִיגֶע וֶוערֶען גֶערֵיינִיגְט, אוּן דִיא טוֹיבֶּע
הֶערֶען, דִיא טוֹיטֶע שְׁטֶעהֶען אוֹיף, אוּן צוּ דִיא אָרְמֶע וֶוערְד דִיא בְּשׂוֹרָה
טוֹבָה גֶעפְּרֶעדִיגְט. 6 אוּן גֶעבֶּענְשְׁט אִיז דֶער וָואס וֶועט זִיךְ נִיט אָן מִיר
שְׁטְרוֹיכְלֶען. 7 אוּן וִויא זֵייא זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, הָאט יֵשׁוּעַ אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ
דִיא לֵייט צוּ זָאגֶען פוּן וֶועגֶען יוֹחָנָן, וָואס זֶענְט אִיהְר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶער
מִדְבָּר אַרֵיין צוּ זֶעהֶען? אַ רָאהְר וָואס שָׁאקֶעלְט זִיךְ פוּן דֶעם וִוינְד? 8 וָואס
דֶען זֶענְט אִיהְר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּ זֶעהֶען? אַ מֶענְשׁ אָנְגֶעקְלֵייד אִין פֵיינֶע

36 מִיכָה ז׳ ו׳

קְלֵיידֶער? זֶעהְט, דִיא גֶעקְלֵיידֶעטֶע אִין פֵיינֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען אִין דִיא הֵייזֶער
פוּן קֶענִיגֶע. 9 פַארְוָואס דֶען זֶענְט אִיהְר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען? צוּ זֶעהֶען אַ נָבִיא?
יָא אִיךְ זָאג אֵייךְ, אוּן נָאךְ מֶעהְר וִויא אַ נָבִיא. 10 דָאס אִיז דֶער, פוּן וֶועלְכֶעם
עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען,

וֶעה אִיךְ שִׁיק מֵיין מַלְאָךְ פָאר דִיר,
דֶער וֶועט דֵיין וֶועג פָאר דִיר צוּבְּרֵייטֶען.

11 בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, צְווִישֶׁען דִיא וָואס זֶענֶען גֶעבּוֹירֶען פוּן ווייבֶּער אִיז
קֵיין גְרֶעסֶערֶער וִויא יוֹחָנָן הַמְטַבֵּל נִיט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען; אָבֶּער דֶער קְלֵיינְסְ־
טֶער אִים מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם אִיז גְרֶעסֶער וִויא עֶר. 12 אוּן פוּן דִיא טֶעג פוּן יוֹחָנָן
הַמְטַבֵּל אָן בִּיז אִיצְט טְהוּט דָאס מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם לֵיידֶען גֶעוַואלְט אוּן דִיא
גֶעוַואלְטִיגֶע עֶרְרוֹיבֶּערְן עֶס. 13 וָוארִין אַלֶע נְבִיאִים אוּן דִיא תּוֹרָה הָאבֶּען
נְבִיאוּת גֶעזָאגְט בִּיז יוֹחָנָן; 14 אוּן אוֹיבּ אִיהְר ווִילְט דָאס אָנְנֶעמֶען, דִיזֶער אִיז
אֵלִיָּה וֶועלְכֶער זָאל קוּמֶען. 15 דֶער וָואס הָאט אוֹיעֶרֶען צוּ הֶערֶען לָאז עֶר
הֶערֶען. 16 צוּ וָואס אָבֶּער זָאל אִיךְ דִיזֶעם דוֹר פֶערְגְלֵייכֶען? עֶס אִיז גְלֵייךְ
צוּ קִינְדֶער וָואס זִיצֶען אוֹיף דֶעם מַארְק, אוּן רוּפֶען זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, 17 אוּן
זָאגֶען,

מִיר הָאבֶּען צוּ אֵייךְ גֶעפֵּייפְט, אוּן אִיהְר הָאט נִיט גֶעטַאנְצְט;
מִיר הָאבֶּען צוּ אֵייךְ גֶעקְלָאגְט, אוּן אִיהְר הָאט נִיט גֶעטְרוֹיעֶרְט.

18 וָוארִין יוֹחָנָן אִיז גֶעקוּמֶען, נִיט עֶסֶענְדִיג אוּן נִיט טְרִינְקֶענְדִיג, אוּן זֵייא
הָאבֶּען גֶעזָאגְט, עֶר הָאט אַ שֵׁד. 19 דֶער בֶּן אָדָם אִיז גֶעקוּמֶען עֶסֶענְדִיג אוּן
טְרִינְקֶענְדִיג, אוּן זֵייא זָאגֶען, זֶעהְט, דֶער מֶענְשׁ אִיז אַ פְרֶעסֶער אוּן אַ זוֹיפֶער,
אַ פְרֵיינְד פוּן שְׁטֵייעֶרְאֵיינְנֶעמֶער אוּן זִינְדֶער. אוּן דִיא חָכְמָה אִיז גֶערֶעכְטְ־
פֶערְטִיגְט גֶעוָוארֶען פוּן אִיהְרֶע וֶוערְק.

20 דַאן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטְרָאף רֶעדֶען צוּ הַאלְטֶען צוּ דִיא שְׁטֶעדְט אִין
וֶועלְכֶע זֵיינֶע מֵייסְטֶע נִסִּים זֶענֶען גֶעשֶׁעהֶען, ווייל זֵייא הָאבֶּען נִיט קֵיינֶע
תְּשׁוּבָה גֶעטְהוּן. 21 וֶועה צוּ דִיר, כּוֹרָזִין! וֶועה צוּ דִיר, בֵּית־צַיְדָה! וָוארִין וֶוען
דִיא נִסִּים וָואס זֶענֶען אִין אֵייךְ גֶעטְהוּן גֶעוָוארֶען זָאלְטֶען גֶעטְהוּן וֶוערֶען אִין
צוֹר אוּן צִידוֹן, אַזוֹי וָואלְטֶען זֵייא שׁוֹין לַאנְג תְּשׁוּבָה גֶעטְהוּן אִין זַאק אוּן אַשׁ.
22 אָבֶּער אִיךְ זָאג אֵייךְ, עֶס וֶועט אִים יוֹם הַדִּין גְרִינְגֶער זֵיין פַאר צוֹר אוּן
צִידוֹן וִויא פַאר אֵייךְ. 23 אוּן דוּא כְּפַר־נַחוּם, דוּא בִּיסְט דֶערְהוֹיבֶּען בִּיז צוּם
הִימֶעל? דוּא וֶועסְט אַרוּנְטֶערְקוּמֶען בִּיז צוּם שְׁאוֹל אַרַיין; וָוארִין וֶוען
דִיא נִסִּים וָואס זֶענֶען אִין דִיר גֶעטְהוּן גֶעוָוארֶען זָאלְטֶען גֶעטְהוּן וֶוערֶען אִין
סְדוֹם, אַזוֹי וָואלְט עֶס גֶעבְּלִיבֶּען בִּיז צוּם הֵיינְטִיגֶען טָאג. 24 אָבֶּער אִיךְ זָאג
אֵייךְ, עֶס וֶועט גְרִינְגֶער זֵיין פַאר דֶעם לַאנְד סְדוֹם אִים יוֹם הַדִּין, וִויא פַאר
דִיר.

25 אִין יֶענֶער צֵייט הָאט יֵשׁוּעַ גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ דַאנְק דִיר,
פָאטֶער, הַאר פוּן הִימֶעל אוּן עֶרְד, דֶער דוּא הָאסְט דִיזֶע זַאכֶען פֶערְהוֹילֶען

10 מלאכי ג׳ א׳

פוּן דִיא קְלוּגֶע אוּן פֶערְשְׁטֶענְדִיגֶע, אוּן הָאסְט זֵייא אַנְטְפְּלֶעקְט צוּ קְלֵיינֶע
קִינְדֶער ; 26 יָא ! אָ פָּאטֶער, וָוארִין עֶס אִיז דִיר אַזוֹי וְואוֹילְגֶעפֶעלֶען. 27 אַלֶעס
אִיז מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען פוּן מֵיין פָּאטֶער ; אוּן קֵיינֶער קֶענְט נִיט דֶעם זוּהְן
אוֹיסֶער דֶער פָּאטֶער ; אוּן קֵיינֶער קֶענְט נִיט דֶעם פָּאטֶער, אוֹיסֶער דֶער זוּהְן,
אוּן דֶער צוּ וֶועלְכֶעם דֶער זוּהְן וֶועט אִיהְם וֶועלֶען אַנְטְפְּלֶעקֶען. 28 קוּמְט צוּ
מִיר אַלֶע דִיא וָואס זֶענֶען מִיד אוּן הָאבֶּען אַ שְׁוֶוערֶע לַאסְט אוֹיף זִיךְ, אוּן
אִיךְ וֶועל אֵייךְ רוּה גֶעבֶּען. 29 נֶעמְט מֵיין יָאךְ אוֹיף אֵייךְ, אוּן לֶערְנֶעט פוּן
מִיר, וָוארִין אִיךְ בִּין זַאנְפְטְמִיטְהִיג אוּן דֶעמִיטְהִיג אִים הַארְץ, אוּן אִיהְר
וֶועט גֶעפִינֶען רוּה צוּ אֵייעֶרֶע זֶעלֶען. 30 וָוארִין מֵיין יָאךְ אִיז אַנְגֶענֶעהְם, אוּן
מֵיינֶע לַאסְט אִיז לֵייכְט.

יב 1 אִין יֶענֶער צֵייט אִיז יֵשׁוּעַ גֶעגַאנְגֶען אִים שַׁבָּת דוּרְךְ דֶעם וַואקְסֶענְדֶען
קָארְן, אוּן זֵיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען הוּנְגְרִיג גֶעוֶועזֶען, אוּן הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען זַאנְ־
גֶען אָפְּצוּרֵייסֶען אוּן צוּ עֶסֶען. 2 ווִיא דִיא פְּרוּשִׁים הָאבֶּען דָאס גֶעזֶעהֶען,
הָאבֶּען זֵייא צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, זֶעה, דֵיינֶע תַּלְמִידִים טְהוּן דָאס וָואס מֶען
דַארְף נִיט טְהוּן אִים שַׁבָּת. 3 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, הָאט אִיהְר נִיט
גֶעלֵיינְט וָואס דָוִד הָאט גֶעטְהוּן וֶוען עֶס הָאט אִיהְם גֶעהוּנְגֶערְט, אוּן דִיא וָואס
זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶועזֶען ? 4 ווִיא עֶר אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אִים הוֹיז פוּן גָאט,
אוּן הָאט גֶעגֶעסֶען דָאס לֶחֶם הַפָּנִים, וָואס אִיז אִיהְם נִיט דֶערְלוֹיבְּט גֶעוָוארֶען
צוּ עֶסֶען, אוֹיךְ נִיט צוּ דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶועזֶען, נֵייעֶרְט פַאר דִיא
כֹּהֲנִים אַלֵיין ? 5 אָדֶער הָאט אִיהְר נִיט גֶעלֵיינְט אִין דֶער תּוֹרָה, ווִיא דִיא
כֹּהֲנִים זֶענֶען אִים שַׁבָּת אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מְחַלֵּל שַׁבָּת, אוּן זֶענֶען אוּנְשׁוּלְדִיג ?
6 אָבֶּער אִיךְ זָאג אֵייךְ, אַז דָא אִיז אֵיינֶער דֶער אִיז גְרֶעסֶער ווִיא דָאס בֵּית
הַמִּקְדָּשׁ. 7 וֶוען אִיהְר וָואלְט אָבֶּער ווִיסֶען וָואס דָאס בֶּעדֵייט, אִיךְ בֶּעגֶעהְר
גְנָאד אוּן נִיט קָרְבָּנוֹת, אַזוֹי וָואלְט אִיהְר נִיט פֶערְשׁוּלְדִיגְט דִיא אוּנְשׁוּלְדִיגֶע ;
8 וָוארִין דֶער בֶּן אָדָם אִיז הַאר פוּן דֶעם שַׁבָּת.

9 אוּן עֶר אִיז פוּן דָארְטֶען ווֵייטֶער גֶעגַאנְגֶען אוּן אִיז גֶעקוּמֶען אִין זֵייעֶרֶע שׁוּל
אַרֵיין : 10 אוּן זֶעה, דָא אִיז גֶעוֶועזֶען אַ מַאן וָואס הָאט גֶעהַאט אַ פֶערְדַארְטֶע
הַאנְד. אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיז עֶס דֶערְלוֹיבְּט אִים
שַׁבָּת צוּ הֵיילֶען ? כְּדֵי זֵייא זָאלֶען אִיהְם קֶענֶען פֶערְקְלָאגֶען. 11 אָבֶּער עֶר
הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וֶועלְכֶער מֶענְשׁ אִיז דָא צְווִישֶׁען אֵייךְ, וָואס זָאל הָאבֶּען
אֵיין שָׁאף, אוּן עֶס וֶועט אִין אַ גְרוּבּ אַרֵיינְפַאלֶען אִים שַׁבָּת, וֶועט עֶר עֶס נִיט
אָנְנֶעמֶען אוּן אַרוֹיסְהֵייבֶּען ? 12 ווִיא פִיל מֶעהְר דֶען אִיז אַ מֶענְשׁ בֶּעסֶער ווִיא
אַ שָׁאף ! דְרוּם אִיז עֶס דֶערְלוֹיבְּט גוּטֶעס טְהוּן אִים שַׁבָּת. 13 דַאן הָאט עֶר
צוּם מַאן גֶעזָאגְט, שְׁטְרֶעק אוֹיס דֵיינֶע הַאנְד. אוּן עֶר הָאט זִיא אוֹיסְגֶע־
שְׁטְרֶעקְט, אוּן זִיא אִיז ווִידֶער גֶעוָוארֶען גֶעזוּנְד אַזוֹי ווִיא דִיא אַנְדֶערֶע. 14 אוּן
וֶוען דִיא פְּרוּשִׁים זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאבֶּען זֵייא אֵיין עֵצָה גֶעהַאלְטֶען קֶענֶען
אִיהְם אַז זֵייא זָאלֶען אִיהְם אוּמְבְּרֶענְגֶען. 15 אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט דָאס גֶעווִאוּסְט,

ירמיה ו׳ טז׳, לא׳ כה׳ 28   הושע ו׳ ו׳. 7

און אִיז פוּן דָארְטְּעָן אַװעקְגֶעגַאנְגֶען; און פִילֶע זֶענֶען אִיהְם נָאכְגֶעגַאנְגֶען, און
עֶר הָאט זֵייא אַלֶע גֶעהֵיילְט, 16 און עֶר הָאט זֵייא בֶּעפוֹילֶען אַז זֵייא זָאלֶען
אִיהְם נִיט בֶּעקַאנְט מַאכֶען; 17 כְּדֵי עֶס זָאל מְקוּיָם װערֶען װָאס אִיז גֶעזָאגְט
דוּרְךְ יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא, דֶער זָאגְט

18 זֶעה, מֵיין קְנֶעכְט, דֶעם אִיךְ הָאבּ אוֹיסְדֶערְװֶעהְלְט,
מֵיין גֶעלִיבְּטֶער אִין װֶעלְכֶעם מֵיינֶע זֶעלֶע הָאט װאוֹילְגֶעפֶעלֶען;
אִיךְ װֶעל מֵיין גֵייסְט אוֹיף אִיהְם גֶעבֶּען,
און עֶר װֶעט דֶערְקְלֶערֶען דָאס גֶערִיכְט צוּ דִיא פֶעלְקֶער.
19 עֶר װֶעט נִיט צַאנְקֶען, און װֶעט נִיט שְׁרֵייעֶן;
און מֶען װֶעט זֵיין קוֹל נִיט הֶערֶען אִין דִיא גַאסֶען.
20 אַ צוּשְׁטוֹיסֶענֶעם רָאהְר װֶעט עֶר נִיט צוּבְּרֶעכֶען,
און רֵייכֶענְדִיגֶע פְלַאקְס װֶעט עֶר נִיט פֶערְלֶעשֶׁען,
בִּיז עֶר װֶעט אוֹיסְשִׁיקֶען דָאס גֶערִיכְט צוּם זִיג.
21 און דִיא פֶעלְקֶער װֶעלֶען הָאפֶען אִין זֵיין נָאמֶען.

22 דַאן הָאט מֶען צוּ אִיהְם גֶעבְּרַאכְט אֵיינֶעם װָאס הָאט גֶעהַאט אַ שֵׁד, בְּלִינְד
און שְׁטוּם; און עֶר הָאט אִיהְם גֶעהֵיילְט, אַז דֶער בְּלִינְדֶער און שְׁטוּמֶער
הָאט גֶערֶעט און גֶעזֶעהֶען. 23 און אַלֶע לֵייט הָאבֶען זִיךְ גֶעװאוּנְדֶערְט און
גֶעזָאגְט, אִיז דָאס נִיט דֶער זוּהְן פוּן דָוִד? 24 און װֶען דִיא פְּרוּשִׁים הָאבֶען
דָאס גֶעהֶערְט, הָאבֶען זֵייא גֶעזָאגְט, עֶר טְרֵייבְּט נִיט אַנְדֶערְשׁ אַרוֹיס דִיא
שֵׁדִים דֶען נוּר דוּרְךְ בַּעַלְזְבוּב, דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען פוּן דִיא שֵׁדִים. 25 אָבֶּער
יֵשׁוּעַ װִיסֶענְדִיג זֵייעֶרֶע גֶעדַאנְקֶען הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיטְלִיכֶעס קֶענִיגְרֵייךְ
װָאס אִיז צוּטְהֵיילְט קֶעגֶען זִיךְ, און אִיטְלִיכֶע שְׁטָאדְט אָדֶער הוֹיז װָאס
אִיז צוּטְהֵיילְט קֶעגֶען זִיךְ קֶען נִיט בֶּעשְׁטֶעהֶען; 26 און װֶען דֶער שָׂטָן טְרֵייבְּט
אַרוֹיס דֶעם שָׂטָן, אַזוֹי אִיז עֶר צוּטְהֵיילְט קֶעגֶען זִיךְ; און װִיא אַזוֹי קָאן זֵיין
קֶענִיגְרֵייךְ בֶּעשְׁטֶעהֶען? 27 און װֶען אִיךְ טְרֵייבּ אַרוֹיס דִיא שֵׁדִים דוּרְךְ בַּעַל־
זְבוּב, דוּרְךְ װֶעמֶען טְרֵייבֶען זֵייא אֵייעֶרֶע זִיהְן אַרוֹיס? דְרוּם זָאלֶען זֵייא
אֵייעֶרֶע רִיכְטֶער זֵיין. 28 אָבֶּער װֶען אִיךְ טְרֵייבּ אַרוֹיס דִיא שֵׁדִים דוּרְךְ דֶעם
גֵייסְט פוּן גָאט, אַזוֹי אִיז דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט צוּ אֵייךְ גֶעקוּמֶען. 29 אָדֶער
װִיא אַזוֹי קֶען אֵיינֶער אַרֵיינְקוּמֶען אִים הוֹיז פוּן אַ שְׁטַארְקֶען מַאן, און אִיהְם
זֵיינֶע זַאכֶען רוֹיבֶּען, נוּר אַז עֶר װֶעט צוּעֶרְשְׁט דֶעם שְׁטַארְקֶען בִּינְדֶען? און
דֶערְנָאךְ װֶעט עֶר אִיהְם זֵיין הוֹיז רוֹיבֶּען. 30 װֶער עֶס אִיז נִיט מִיט מִיר, דֶער
אִיז קֶעגֶען מִיר; און װֶער עֶס זַאמֶעלְט נִיט מִיט מִיר, דֶער צוּשְׁפְּרֵייט. 31 דְרוּם
זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז אַלֶע זִינְד און לֶעסְטֶערְן װֶעלֶען דֶעם מֶענְשֶׁען פֶערְגֶעבֶּען
װֶערֶען, אָבֶּער דָאס לֶעסְטֶערְן קֶעגֶען דֶעם גֵייסְט װֶעט דֶעם מֶענְשֶׁען נִיט
פֶערְגֶעבֶּען װֶערֶען. 32 און װֶער עֶס װֶעט רֶעדֶען אַ װָארְט קֶעגֶען דֶעם בֶּן אָדָם,
װֶעט עֶס אִיהְם פֶערְגֶעבֶּען װֶערֶען, אָבֶּער װֶער עֶס װֶעט רֶעדֶען קֶעגֶען דֶעם
רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אִיהְם װֶעט עֶס נִיט פֶערְגֶעבֶּען װֶערֶען, נִיט אוֹיף דִיזֶער װֶעלְט,

18 ישעיה מב׳ א׳־ד׳.

און ניט אויף יענער וועלט. [33] ענטוועדער מאכט דעם בוים גוט, און דיא
פרוכט גוט, אדער מאכט דעם בוים שלעכט און דיא פרוכט שלעכט; וואריו
אן דער פרוכט דערקענט מען דעם בוים. [34] איהר שפראצונג פון שלאנגען, וויא
אזוי קאנט איהר גוטעס רעדען, ווען איהר זענט שלעכט? ווארין פון דעם וואס
דאס הארץ איז איבערפילט רעט דאס מויל. [35] א גוטער מענש ברענגט
ארויס גוטעס פון דעם גוטען שאץ, און א שלעכטער מענש ברענגט ארויס
שלעכטעס פון דעם שלעכטען שאץ. [36] אבער איך זאג אייך, אז פאר יעדעם
אוננוצליכעןווארט, דאס דיא מענשען וועלען רעדען, וועלען זייא רעכענשאפט
געבען אים יום הדין. [37] ווארין בייא דיינע ווערטער וועסט דוא גערעכטפער-
טיגט ווערען, און בייא דיינע ווערטער וועסט דוא פערשולדיגט ווערען.
[38] דאן האבען עטליכע פון דיא סופרים און פרושים געענטפערט און געזאגט,
לעהרער, מיר ווינשען היינט פון דיר א צייכען צו זעהען. [39] און ער האט
געענטפערט און האט צו זייא געזאגט, א שלעכטעס דור און פון זנות זוכט א
צייכען, און עס וועט זייא קיין אנדערעס צייכען ניט געגעבען ווערען, אויסער
דעם צייכען פון יונה הנביא. [40] ווארין אזוי וויא יונה איז געוועזען אין דיא
געדערם פון דעם פיש דרייא טעג און דרייא נעכט, אזוי וועט דער בן אדם
זיין דרייא טעג און דרייא נעכט אים הארץ פון דער ערד. [41] דיא מענשען פון
נינוה וועלען אויפשטעהען צום געריכט מיט דיזעם דור, און וועלען עס פער-
שולדיגען, ווארין זייא האבען תשובה געטהון בייא דער פרעדיגט פון יונה;
און זעה, דא איז א גרעסערער וויא יונה. [42] דיא מלכה פון תימן וועט
אויפשטעהען צום געריכט מיט דיזעם דור, און וועט עס פערשולדיגען, ווארין זיא
איז געקומען פון דיא עקען פון דער וועלט צו הערען דיא חכמה פון שלמה;
און זעה, דא איז א גרעסערער וויא שלמה. [43] און ווען דער אונריינע גייסט
געהט ארויס פון א מענשען, אזוי וואנדערט ער ארום אין ערטער אהן וואסער,
און זוכט רוה, און געפינט עס ניט. [44] דאן זאגט ער, איך וועל ווידער צוריק
געהען אין מיין הויז אריין פון וואנען איך בין ארויסגעגאנגען; און ווען ער
קומט, געפינט ער עס לעדיג און אויסגעקעהרט און געפוצט. [45] דאן געהט
ער און נעמט מיט זיך זיבען אנדערע גייסטער נאך ערגער וויא ער אליין,
און זייא קומען אריין און וואוינען דארט; און דער סוף פון דיזעם מענשען איז
נאך ערגער וויא פריהער; אזוי וועט עס אויך זיין מיט דיזעם שלעכטען דור.
[46] דערווייל ער האט נאך צו דיא לייט גערעט, זעה, זענען נון זיינע מוטער
און ברידער פון דרויסען געשטאנען, און האבען מיט איהם געוואלט רעדען.
[47] און איינער האט צו איהם געזאגט, זעה, דיינע מוטער און דיינע ברידער
שטעהען דרויסען און ווילען מיט דיר רעדען. [48] און ער האט געענטפערט
און געזאגט צו דעם וואס האט איהם דאס געזאגט, ווער איז מיינע מוטער,
און ווער זענען מיינע ברידער? [49] און ער האט אויסגעשטרעקט זיינע האנד
קעגען זיינע תלמידים און געזאגט, זעהט, מיינע מוטער און מיינע ברידער!

[41] יונה ג׳ ה׳. [42] מלכים א׳ י׳ א׳.

50 וָוארִין וָוער עֶס וָועט טְהוּן דֶעם ווילֶען פוּן מֵיין פָאטֶער דֶער אִיז אִים הִימֶעל,
דֶער אִיז מֵיין בְּרוּדֶער, אוּן מֵיינֶע שְׁוֶועסְטֶער, אוּן מֵיינֶע מוּטֶער.
יג 1 אִין יֶענֶעם טָאג אִיז יֵשׁוּעַ אוֹים דֶעם הויז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִיךְ
אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט בֵּיים יַם. 2 אוּן פִיל לֵייט הָאבֶּען זִיךְ צוּ אִיהְם פֶערְזַאמֶעלְט,
אַזוֹי אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיךְ צוּ זֶעצֶען אִין אַ שִׁיף; אוּן אַלֶע דִיא לֵייט זֶענֶען
גֶעשְׁטַאנֶען בֵּיים בָּארְטֶען. 3 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא פִיל גֶערֶעט אִין מְשָׁלִים
אוּן גֶעזָאגְט, זֶעה, אַ זֵייעֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶן; 4 אוּן וִויא עֶר הָאט
גֶעזֵייעֶט, זֶענֶען עֶטְלִיכֶע זָאמֶען גֶעפַאלֶען בֵּיים וֶועג, אוּן דִיא פֵייגֶעל זֶענֶען
גֶעקוּמֶען אוּן הָאבֶּען זֵייא אוֹיפְגֶעפְרֶעסֶען; 5 אוּן אַנְדֶערֶע זֶענֶען גֶעפַאלֶען אוֹיף
שְׁטֵיינֶערְדִיגֶען גְרוּנְד, וְואוּ זֵייא הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט פִיל עֶרְד; אוּן גְלֵייךְ זֶענֶען
זֵייא אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרָאצְט, ווייל זֵייא הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט קֵיינֶע טִיפֶע עֶרְד;
6 אוּן וִויא דִיא זוּן אִיז אוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, זֶענֶען זֵייא פֶערְטְרִיקֶענְט; אוּן ווייל זֵייא
הָאבֶּען קֵיינֶע וְואוּרְצֶעל נִיט גֶעהַאט, זֶענֶען זֵייא פֶערְדַארְט גֶעוָוארֶען. 7 אוּן
אַנְדֶערֶע זֶענֶען גֶעפַאלֶען צְווִישֶׁען דֶערְנֶער; אוּן דִיא דֶערְנֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶע-
גַאנְגֶען אוּן הָאבֶּען זֵייא דֶערְשְׁטִיקְט; 8 אוּן אַנְדֶערֶע זֶענֶען גֶעפַאלֶען אוֹיף
גוּטֶען גְרוּנְד, אוּן הָאבֶּען גֶעטְרָאגֶען פְרוּכְט, עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְטְפֶעלְטִיג, אוּן
עֶטְלִיכֶע זֶעכְצִיגְפֶעלְטִיג, אוּן עֶטְלִיכֶע דְרֵייסִיגְפֶעלְטִיג. 9 דֶער וָואס הָאט
אוֹיעֶרֶען צוּ הֶערֶען לָאז עֶר הֶערֶען.

10 אוּן דִיא תַּלְמִידִים זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען אוּן הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
פַארְוָואס רֶעדְסְט דוּא צוּ זֵייא אִין מְשָׁלִים? 11 אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן
הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, צוּ אֵייךְ אִיז גֶעגֶעבֶּען אַז אִיהְר זָאלְט ווִיסֶען דִיא סוֹדוֹת
פוּן דֶעם מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם, אָבֶּער צוּ זֵייא אִיז עֶס נִיט גֶעגֶעבֶּען. 12 וָוארִין וָוער
עֶס הָאט, צוּ דֶעם וָועט גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען, אוּן עֶר וָועט אִיבְּרִיג הָאבֶּען; אָבֶּער
דֶער וָואס הָאט נִיט, פוּן דֶעם וָועט דָאס וָואס עֶר הָאט אַוֶועקְגֶענוּמֶען וֶוערֶען.
13 דֶעסְטְוֶועגֶען רֶעד אִיךְ צוּ זֵייא אִין מְשָׁלִים, וָוארִין זֶעהֶענְדִיג זֶעהֶען זֵייא דָאךְ
נִיט, אוּן הֶערֶענְדִיג הֶערֶען זֵייא דָאךְ נִיט, אוּן פֶערְשְׁטֶעהֶען אוֹיךְ נִיט.
14 אוּן אִין זֵייא אִיז דֶערְפִילְט דִיא נְבוּאָה פוּן יְשַׁעְיָה, וֶועלְכֶע זָאגְט,

הֶערֶענְדִיג וָועט אִיהְר הֶערֶען, אוּן נִיט פֶערְשְׁטֶעהֶען;
אוּן זֶעהֶענְדִיג וָועט אִיהְר זֶעהֶען, אוּן נִיט אֵיינְזֶעהֶען;
15 וָוארִין דָאס הַארְץ פוּן דִיזֶעם פָאלְק אִיז פֶעט גֶעוָוארֶען,
אוּן זֵייעֶרֶע אוֹיעֶרֶען זֶענֶען שְׁוֶוער צוּ הֶערֶען,
אוּן זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען זֶענֶען צוּגֶעמַאכְט;
אַז זֵייא זָאלֶען נִיט זֶעהֶען מִיט זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען,
אוּן הֶערֶען מִיט זֵייעֶרֶע אוֹיעֶרֶען,
אוּן פֶערְשְׁטֶעהֶען מִיט זֵייעֶר הַארְץ,
אוּן זִיךְ אוּמְקֶעהְרֶען,
אוּן אִיךְ זָאל זֵייא הֵיילֶען.

16 אָבֶּער גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען אֵייעֶרֶע אוֹיגֶען ווייל זֵייא זֶעהֶען, אוּן אֵייעֶרֶע

אויעֶרֶען ווייל זֵייא הֶערֶען. 17 וָוארִין בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז פִילֶע נְבִיאִים
און צַדִיקִים הָאבֶּען פֶערְלַאנְגְט צוּ זֶעהֶען וָואס אִיהְר זֶעהְט, און הָאבֶּען עֶס
נִיט גֶעזֶעהֶען; און צוּ הֶערֶען וָואס אִיהְר הֶערְט, און הָאבֶּען עֶס נִיט גֶעהֶערְט.
18 דְרוּם הֶערְט אִיהְר דָאס מָשָׁל פוּן דֶעם זֵייעֶר. 19 אִיטְלִיכֶער וָואס הֶערְט דָאס
וָוארְט פוּן דֶעם קֶענִיגְרֵייךְ און פֶערְשְׁטֶעהְט עֶס נִיט, אַזוֹי קוּמְט דֶער שְׁלֶעכְטֶער,
און רֵייסְט אוּיס דָאס וָואס אִיז גֶעזֵייעֶט גֶעוָוארֶען אִין זֵיין הַארְץ. דָאס אִיז דָאס
וָואס אִיז גֶעזֵייעֶט גֶעוָוארֶען בֵּיים וֶועג. 20 און דָאס וָואס אִיז גֶעזֵייעֶט גֶעוָוארֶען
אוֹיף דֶעם שְׁטֵיינֶערְדִיגֶען גְרוּנְד אִיז דֶער וָואס הֶערְט דָאס וָוארְט, און גְלֵייךְ
נֶעמְט עֶר עֶס אָן מִיט פְרֵייד; 21 אָבֶּער עֶר הָאט נִיט אִין זִיךְ קֵיינֶע וְוארְצֶעל, און
בְּלֵייבְּט נוּר פַאר אַ צֵייט; און וֶוען עֶס קוּמֶען לֵיידֶען און פֶערְפָאלְגוּנְג וֶועגֶען
דֶעם וָוארְט, אַזוֹי גְלֵייךְ וֶוערְד עֶר גֶעשְׁטְרוֹיכֶעלְט. 22 און דָאס וָואס אִיז גֶעזֵייעֶט
גֶעוָוארֶען צְווִישֶׁען דֶערְנֶער, אִיז דֶער וָואס הֶערְט דָאס וָוארְט, און דִיא זָארְגֶען
פוּן דֶער וֶועלְט, און דֶער בֶּעטְרוּג פוּן רֵייכְטוּם, דֶערְשְׁטִיקְט דָאס וָוארְט, און
עֶס בְּלֵייבְּט אָהְן פְרוּכְט. 23 און דָאס וָואס אִיז גֶעזֵייעֶט גֶעוָוארֶען אוֹיף גוּטֶען
גְרוּנְד אִיז דֶער וָואס הֶערְט דָאס וָוארְט און פֶערְשְׁטֶעהְט עֶס, און טְרָאגְט
אוֹיךְ פְרוּכְט, עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְטְפֶעלְטִיג, און עֶטְלִיכֶע זֶעכְצִיגְפֶעלְטִיג, און
עֶטְלִיכֶע דְרֵייסִיגְפֶעלְטִיג.

24 און עֶר הָאט צוּ זֵייא אֵיין אַנְדֶערֶעס מָשָׁל פָארְגֶעלֶעגְט און גֶעזָאגְט, דָאס
מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם אִיז גְלֵייךְ צוּ אַ מַאן וָואס זֵייעֶט גוּטֶען זָאמֶען אִין זֵיין פֶעלְד;
25 און וֶוען דִיא מֶענְשֶׁען זֶענֶען גֶעשְׁלָאפֶען, אִיז זֵיין פֵיינְד גֶעקוּמֶען, און הָאט
גֶעזֵייעֶט אוּנְקְרוֹיט צְווִישֶׁען דֶעם ווייץ, און אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. 26 און וֶוען
דָאס גְרָאז הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרָאצְט, און הָאט פְרוּכְט גֶעטְרָאגֶען, אַזוֹי הָאט זִיךְ
דָאס אוּנְקְרוֹיט אוֹיךְ גֶעווִיזֶען. 27 און דִיא קְנֶעכְט פוּן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת זֶענֶען
גֶעקוּמֶען און הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, הָאסְט דוּא נִיט גֶעזֵייעֶט גוּטֶען
זָאמֶען אִין דֵיין פֶעלְד? פוּן וַואנֶען הָאט עֶס דֶען דָאס אוּנְקְרוֹיט? 28 און עֶר
הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אַ פֵיינְד הָאט דָאס גֶעטְהוּן. און דִיא קְנֶעכְט הָאבֶּען צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, ווילְסְט דוּא דֶען אַז מִיר זָאלֶען אוֹיסְגֶעהֶען און עֶס אֵיינְזַאמְלֶען?
29 און עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, נֵיין; וָוארִין טָאמֶער וֶוען אִיהְר וֶועט דָאס
אוּנְקְרוֹיט אֵיינְזַאמְלֶען וֶועט אִיהְר דֶערְמִיט דֶעם ווייץ אוֹיךְ אוֹיסְוְוארְצְלֶען.
30 לָאזְט זֵייא בֵּיידֶע צוּזַאמֶען וַואקְסֶען בִּיז צוּ דֶער שְׁנִיטְצֵייט, און אִין דֶער
שְׁנִיטְצֵייט וֶועל אִיךְ זָאגֶען צוּ דִיא שְׁנִיטֶער, זַאמֶעלְט צוּעֶרְשְׁט אֵיין דָאס אוּנְקְרוֹיט,
און בִּינְד עֶס אִין בִּינְדֶעלֶעךְ, אַז מֶען זָאל עֶס פֶערְבְּרֶענֶען; אָבֶּער זַאמֶעלְט
אֵיין דֶעם ווייץ אִין מֵיינֶע שְׁפֵּייכְלֶער אַרֵיין.

31 און עֶר הָאט צוּ זֵייא אֵיין אַנְדֶערֶעס מָשָׁל פָארְגֶעלֶעגְט און גֶעזָאגְט, דָאס מַלְכוּת
הַשָּׁמַיִם אִיז גְלֵייךְ צוּ אַ זֶענְפְקָארְן, וָואס אַ מַאן הָאט גֶענוּמֶען און גֶעזֵייעֶט
אִין זֵיין פֶעלְד; 32 דָאס אִיז קְלֵיינֶער ווִיא אַלֶע זָאמֶען, אָבֶּער וֶוען עֶס וַואקְסְט
אוֹיף אַזוֹי אִיז עֶס גְרֶעסֶער ווִיא אַלֶע קְרֵייטֶער, און וֶוערְד אַ בּוֹים, אַזוֹי אַז
דִיא פֵייגֶעל פוּן הִימֶעל קוּמֶען און בֶּעזֶעצֶען זִיךְ צְווִישֶׁען דִיא צְווייגֶען.

33 און ער האט נאך איין אנדערעס משל צו זייא געזאגט; דאס מלכות השמים
איז גלייך צו זויערטייג, וואס א פרויא האט גענומען און פערבארגען אין
דרייא מאס מעהל, ביז דאס גאנצע איז געזייערט געווארען.
34 דאס אלעס האט ישוע געזאגט צו דיא לייט אין משלים, און אהן משלים
האט ער צו זייא ניט גערעט; 35 כדי עס זאל מקוים ווערען וואס עס איז
געזאגט דורך דעם נביא, דער זאגט,

איך וועל אויפמאכען מיין מויל אין משלים,
איך וועל רעדען וואס איז פערבארגען געוועזען פון דער גרינדונג פון דער וועלט.

36 דאן האט ער דיא לייט אוועקגעשיקט, און איז אים הויז אריינגעקומען. און
זיינע תלמידים זענען צו איהם געקומען און האבען געזאגט, דערקלעהר אונז
דאס משל פון דעם אונקרויט פון דעם פעלד. 37 און ער האט געענטפערט
און געזאגט, דער וואס זייעט דעם גוטען זאמען איז דער בן אדם, 38 דאס
פעלד איז דיא וועלט; דער גוטע זאמען זענען דיא קינדער פון דעם קעני-
גרייך; און דאס אונקרויט זענען דיא קינדער פון דעם שלעכטען. 39 דער
פיינד וואס האט עס געזייעט איז דער שטן; דיא שניטצייט איז דאס ענד פון
דעם צייטאלטער, און דיא שניטער זענען דיא מלאכים. 40 דרום אזוי וויא
דאס אונקרויט ווערד איינגעזאמעלט און פערברענט אים פייער, אזוי וועט
עס אויך זיין ביים ענד פון דעם צייטאלטער. 41 דער בן אדם וועט זיינע
מלאכים שיקען, און זייא וועלען איינזאמלען פון זיין קעניגרייך אלע שטרויכ-
לונגען, און דיא וואס טהון אונרעכט, 42 און זייא וועלען זייא אים פייעריגען
אויפען אריינוואַרפען; דארט וועט זיין געוויין און ציינקריצען. 43 דאן וועלען
דיא צדיקים שיינען וויא דיא זון אים קעניגרייך פון זייער פאטער. דער
וואס האט אויערען צו הערען, לאז ער הערען.

44 דאס מלכות השמים איז גלייך צו א שאץ וואס איז פערבארגען אים
פעלד, וועלכעס א מאן געפינט און פערבארגט עס, און פאר שמחה געהט
ער אוועק, און פערקויפט אלעס וואס ער האט, און קויפט דאס פעלד.

45 ווידער, דאס מלכות השמים איז גלייך צו א סוחר וואס זוכט גוטע פערל;
46 און ווען ער האט געפינען א זעהר טהייערע פערל, אזוי איז ער געגאנגען
און האט אלעס פערקויפט און האט זיא געקויפט.

47 ווידער, דאס מלכות השמים איז גלייך צו א נעץ, וואס ווערד אים ים
אריינגעווארפען, און פאנגט פון אלערלייא מינים; 48 און ווען עס איז פול
געווארען, האט מען עס צום ברעג ארויסגעצויגען, און מען האט זיך אנידער-
געזעצט און איינגעזאמעלט דיא גוטע אין כלים אריין, און דיא שלעכטע
האט מען אוועקגעווארפען. 49 אזוי וועט עס זיין ביים ענד פון דעם צייטאל-
טער; דיא מלאכים וועלען אויסגעהען, און וועלען אפשיידען דיא רשעים פון
צווישען דיא צדיקים, 50 און זייא וועלען זייא אים פייעריגען אויפען אריינ-
וואַרפען; דארט וועט זיין געוויין און ציינקריצען.

35 תהלים עח׳ ב׳,

51 הָאט אִיהְר דָאס אַלֶעס פֶערְשְׁטַאנֶען ? זַייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
יָא. 52 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, דְרוּם אִיטְלִיכֶער סוֹפֵר וָואס אִיז גֶעלֶערְנְט
צוּם מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם אִיז גְלַייךְ צוּ אַ בַּעַל הַבַּיִת, וָואס בְּרֶענְגְט אַרוּיס פוּן
זַיין שַׁאץ נַייעֶ אוּן אַלְטֶע זַאכֶען.
53 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וֶוען יֵשׁוּעַ הָאט דִיזֶע מְשָׁלִים גֶעעֶנְדִיגְט, אִיז עֶר פוּן
דָארְטֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. 54 אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין זַיין אֵייגֶענֶען לַאנְד אַרַיין,
אוּן עֶר הָאט זַייא גֶעלֶעהְרְט אִין זַייעֶרֶע שׁוּלֶען, אַז זַייא זֶענֶען עֶרְשְׁטוֹינְט
גֶעוָוארֶען אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, וִויא קוּמְט צוּ אִיהְם דִיזֶע חָכְמָה אוּן דִיא נִסִּים ?
55 אִיז עֶר נִיט דֶער זוּהְן פוּן דֶעם בּוֹימֵייסְטֶער ? אוּן הֵייסְט נִיט זַיינֶע מוּטֶער
מִרְיָם ? אוּן זַיינֶע בְּרִידֶער יַעֲקֹב אוּן יוֹסֵי אוּן שִׁמְעוֹן אוּן יְהוּדָה ? 56 אוּן
זֶענֶען נִיט זַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְן אַלֶע בֵּייא אוּנְז ? פוּן וַואנֶען דֶען הָאט דִיזֶער דָאס
אַלֶעס ? 57 אוּן זַייא הָאבֶּען גֶעשְׁטְרוֹיכֶעלְט אַן אִיהְם. אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זַייא
גֶעזָאגְט, אַ נָבִיא אִיז נִיט אָהְן כָּבוֹד, אוֹיסֶער אִין זַיין לַאנְד אוּן אִין זַיין הוֹיז.
58 אוּן עֶר הָאט דָארְט נִיט פִיל נִסִּים בֶּעוִויזֶען פוּן וֶועגֶען זַייעֶר אוּנְגְלוֹיבֶּען.
יד 1 אִין יֶענֶער צַייט הָאט הוֹרְדוֹס דֶער פִירְפִירְשְׁט גֶעהֶערְט דֶעם שֵׁם פוּן
יֵשׁוּעַ ; 2 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ זַיינֶע קְנֶעכְט, דָאס אִיז יוֹחָנָן הַמְטַבֵּל, עֶר אִיז
פוּן דִיא טוֹיטֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן דְרוּם ווִירְקֶען אִין אִיהְם דִיא נִסִּים. 3 וָוארִין
הוֹרְדוֹס הָאט יוֹחָנָן גֶענוּמֶען, אוּן הָאט אִיהְם גֶעבּוּנְדֶען, אוּן אִים גֶעפֶּענְגְנִים
אַרַיינְגֶעזֶעצְט דוּרְךְ הוֹרְדְיָא דֶעם ווייבּ פוּן זַיין בְּרוּדֶער פִילִיפּוּס. 4 וָוארִין יוֹחָנָן
הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט, עֶס אִיז נִיט רֶעכְט אַז דוּא זָאלְסְט זִיא הָאבֶּען. 5 אוּן עֶר
הָאט אִיהְם גֶעוָואלְט הַרְגֶענֶען, אָבֶּער עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פַאר דִיא לַייט,
וַוייל זַייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ נָבִיא. 6 אוּן וֶוען מֶען הָאט גֶע־
הַאלְטֶען דֶעם גֶעבּוּרְטְסְטָאג פוּן הוֹרְדוֹס, הָאט דִיא טָאכְטֶער פוּן הוֹרְדְיָא
אִין מִיטֶען גֶעטַאנְצְט, אוּן זִיא אִיז הוֹרְדוֹס גֶעפֶעלֶען. 7 דְרוּם הָאט עֶר אִיהְר
צוּגֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁבוּעָה, אַז עֶר וֶועט אִיהְר גֶעבֶּען וָואס זִיא וֶועט פֶערְלַאנְגֶען.
8 אוּן אַז זִיא אִיז גֶעוֶוען פְרִיהֶער אָנְגֶעלֶערְנְט פוּן אִיהְרֶע מוּטֶער, הָאט זִיא
גֶעזָאגְט, גִיבּ מִיר דֶעם קָאפּ פוּן יוֹחָנָן הַמְטַבֵּל אוֹיף אַ שִׁיסֶעל. 9 אוּן דֶער
מֶלֶךְ אִיז טְרוֹירִיג גֶעוֶוען ; דָאךְ וֶועגֶען דֶער שְׁבוּעָה, אוּן דִיא וָואס זֶענֶען
מִיט אִיהְם גֶעזֶעסֶען, הָאט עֶר בֶּעפוֹילֶען אַז מֶען זָאל אִיהְר גֶעבֶּען ; 10 אוּן
עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט, אוּן הָאט יוֹחָנָן גֶעקֶעפְּט אִים גֶעפֶּענְגְנִים. 11 אוּן זַיין קָאפּ
אִיז גֶעבְּרַאכְט גֶעוָוארֶען אוֹיף אַ שִׁיסֶעל, אוּן אִיז צוּם מֶעדֶעל גֶעגֶעבֶּען, אוּן זִיא
הָאט אִיהְם גֶעבְּרַאכְט צוּ אִיהְרֶע מוּטֶער. 12 אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעקוּ־
מֶען, אוּן הָאבֶּען גֶענוּמֶען דֶעם גוּף, אוּן הָאבֶּען אִיהְם בֶּעגְרָאבֶּען ; אוּן זַייא
זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן הָאבֶּען עֶס דֶערְצֶעהְלְט צוּ יֵשׁוּעַ.
13 אוּן וֶוען יֵשׁוּעַ הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר אַלֵיין פוּן דָארְטֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְ־
גֶען אִין אַ שִׁיף אִין אַ ווִיסְטֶען אָרְט אַרַיין ; אוּן וֶוען דִיא לַייט הָאבֶּען דָאס
גֶעהֶערְט זֶענֶען זַייא אִיהְם נָאכְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִיא שְׁטֶעדְט צוּ פוּס. 14 אוּן
יֵשׁוּעַ אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט גֶעזֶעהֶען פִיל לַייט ; אוּן עֶר הָאט אִיבֶּער

זײא רַחֲמָנות גֶעהַאט, און הָאט גֶעהֵײלְט זײעֶרֶע קְרַאנְקֶע. 16 און װֶען עֶס אִיז
אָבֶענְד גֶעװָארֶען, זֶענֶען דִיא תַּלְמִידִים צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען און הָאבֶּען גֶעזָאגְט,
דָאס אִיז אַ מִדְבָּר, און דִיא צֵײט אִיז שׁוין פַארְבֵּײא; שִׁיק דִיא לֵײט אַװֶעק אַז
זײא זָאלֶען גֶעהֶען אִין דֶערְפֶער אַרֵײן, און זָאלֶען זִיך קױפֶען צוּם עֶסֶען. 16 אָבֶּער
יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זײא גֶעזָאגְט, זײא בֶּעדַארְפֶען נִיט אַװֶעק צוּ גֶעהֶען, גִיבְּט אִיהְר
זײא צוּ עֶסֶען. 17 און זײא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מִיר הָאבֶּען דָא נִיט
מֶעהְר װִיא פִינְף בְּרױט און צְװײא פִישׁ. 18 און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, בְּרֶענְגְט זײא
אַהֶער צוּ מִיר. 19 און עֶר הָאט גֶעהֵײסֶען דִיא לֵײט זָאלֶען זִיך אַנִידֶערְזֶעצֶען
אױף דֶעם גְרָאז; און עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִיא פִינְף בְּרױט און דִיא צְװײא פִישׁ,
הָאט אַרױפְגֶעזֶעהֶען קֶעגֶען הִימֶעל, הָאט אַ בְּרָכָה גֶעמַאכְט, הָאט דָאס בְּרױט
צוּבְּרָאכֶען, און הָאט עֶס גֶעגֶעבֶּען צוּ זײנֶע תַּלְמִידִים, און דִיא תַּלְמִידִים צוּ
דִיא לֵײט. 20 און זײא הָאבֶּען אַלֶע גֶעגֶעסֶען, און זֶענֶען זַאט גֶעװָארֶען, און
זײא הָאבֶּען אױפְגֶעהױבֶּען װָאס אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען פוּן דִיא בְּרֶעקְלֶעך צְװֶעלְף
קֶערְבּ פוּל. 21 און דִיא װָאס הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען זֶענֶען גֶעװֶען אַן עֶרֶך פוּן פִינְף
טױזֶענְד מֶענֶער, חוּץ פְרױעֶן און קִינְדֶער.
22 און גְלֵײך הָאט יֵשׁוּעַ זײנֶע תַּלְמִידִים גֶעצְװוּנְגֶען אִין אַ שִׁיף אײנְצוּטְרֶע־
טֶען, און פָאר אִיהְם אַרִיבֶּערְצוּשִׁיפֶען צוּ דִיא אַנְדֶערֶע זֵײט, בִּיז עֶר װֶעט דִיא
לֵײט אַװֶעקְשִׁיקֶען. 23 און װֶען עֶר הָאט דִיא לֵײט אַװֶעקְגֶעשִׁיקְט, אִיז עֶר
אַלֵײן אַרױפְגֶעגַאנְגֶען אױף דֶעם בַּארְג צוּ בֶּעטֶען; און װֶען עֶס אִיז אָבֶענְד
גֶעװָארֶען אִיז עֶר דָארְט אַלֵײן גֶעװֶען. 24 און דָאס שִׁיף אִיז שׁוין גֶעװֶען פִילֶע
פוּרְסֶען פוּן דֶעם לַאנְד, און אַרוּמְגֶעטְרִיבֶּען פוּן דִיא װֶעלֶען; דֶען דֶער װִינְד
אִיז קֶעגֶען זײא גֶעװֶען. 25 און אִין דִיא פִיעֶרְטֶע װַאך פוּן דֶער נַאכְט אִיז
יֵשׁוּעַ צוּ זײא גֶעקוּמֶען, אױף דֶעם יַם אַרוּמְגֶעהֶענְדִיג. 26 און װִיא דִיא תַּלְמִידִים
הָאבֶּען אִיהְם גֶעזֶעהֶען אױף דֶעם יַם אַרוּמְגֶעהֶען, הָאבֶּען זײא זִיך דֶערְשְׁרָא־
קֶען און גֶעזָאגְט, דָאס אִיז אַ גֵײסְט; און זײא הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען פַאר מוֹרָא.
27 און גְלֵײך הָאט יֵשׁוּעַ צוּ זײא גֶערֶעט און גֶעזָאגְט, זײט גֶעטְרֵײסְט; אִיך בִּין
עֶר; פָארְכְט אײך נִיט. 28 און פֶּעטְרוּס הָאט אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט,
הַאר, װֶען דוּא בִּיסְט עֶר, אַזױ לָאז מִיך צוּ דִיר קוּמֶען אױף דֶעם װַאסֶער.
29 און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, קוּם. און פֶּעטְרוּס אִיז אַרוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם
שִׁיף, און אִיז גֶעגַאנְגֶען אױף דֶעם װַאסֶער אַז עֶר זָאל קוּמֶען צוּ יֵשׁוּעַ.
30 אָבֶּער װֶען עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אַז דֶער װִינְד אִיז שְׁטַארְק, הָאט עֶר מוֹרָא
גֶעהַאט; און װֶען עֶר הָאט אָנְגֶעהױבֶּען צוּ זִינְקֶען, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגֶען און
גֶעזָאגְט, הַאר, רֶעטֶע מִיך. 31 און גְלֵײך הָאט יֵשׁוּעַ דִיא הַאנְד אױסְגֶעשְׁטְרֶעקְט
און הָאט אִיהְם אָנְגֶענוּמֶען, און הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אָ, דוּא קְלֵײנְגְלױבִּי־
גֶער, פַארְװָאס הָאסְט דוּא גֶעצְװײפֶעלְט? 32 און װֶען זײא זֶענֶען אִים שִׁיף
אַרֵײנְגֶעגַאנְגֶען, הָאט זִיך דֶער װִינְד גֶעשְׁטִילְט. 33 און דִיא װָאס זֶענֶען גֶעװֶען
אִים שִׁיף הָאבֶּען זִיך צוּ אִיהְם גֶעבִּיקְט, און הָאבֶּען גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת דוּא בִּיסְט
דֶער זוּהְן פוּן גָאט.

34 און זַייא הָאבֶּען זיךְ אַריבֶּערְגֶעשִׁיפְּט און זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם לַאנְד גְנֵיסַר.
35 און וֶוען דִיא בֶּעווֹאוינֶער פוּן יֶענֶעם אָרְט הָאבֶּען אִיהְם דֶערְקַאנְט הָאבֶּען
זַייא אַרוּמְגֶעשִׁיקְט אִין דִיא גַאנְצֶע גֶעגֶענְד, און הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעבְּרַאכְט
אַלֶע קְרַאנְקֶע: 36 און זַייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעבֶּעטֶען אַז זַייא זָאלֶען נוּר אָנְרִיהְ־
רֶען דֶעם זוים פוּן זַיין קְלֵייד, און אַלֶע דִיא וָואס הָאבֶּען אָנְגֶעריהְרְט זֶענֶען
גַאנְץ גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען.

טו

1 דַאן זֶענֶען פְּרוּשִׁים און סוֹפְרִים גֶעקוּמֶען צוּ יֵשׁוּעַ פוּן יְרוּשָׁלַיִם,
און הָאבֶּען גֶעזָאגְט, 2 פַארְוָואס זֶענֶען דֵיינֶע תַּלְמִידִים עוֹבֵר דִיא
אִיבֶּערְלִיפֶערוּנְג פוּן דִיא עֶלְצְטֶע? וָוארִין זַייא וַואשֶׁען זיךְ נִיט דִיא הֶענְד וֶוען
זַייא עֶסֶען בְּרוֹיט. 3 און עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט,
פַארְוָואס זֶענְט אִיהְר אוֹיךְ עוֹבֵר דָאס גֶעבָּאט פוּן גָאט דוּרְךְ אֵייעֶרֶע אִיבֶּערְלִי־
פֶערוּנְג? 4 וָוארִין גָאט הָאט גֶעבָּאטֶען און גֶעזָאגְט, דוּא זָאלְסְט עֶהְרֶען דֵיין
פָאטֶער און דֵיינֶע מוּטֶער; און דֶער וָואס שֶׁעלְט פָאטֶער אָדֶער מוּטֶער, דֶער
זָאל גֶעוִויס שְׁטַארְבֶּען. 5 אָבֶּער אִיהְר זָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט זָאגֶען צוּ זַיין
פָאטֶער אָדֶער מוּטֶער, דָאס אִיז אַ קָרְבָּן וָואס דוּא זָאלְסְט פוּן מִיר הֲנָאָה
הָאבֶּען, 6 עֶר וֶועט נִיט עֶהְרֶען זַיין פָאטֶער אָדֶער זַיינֶע מוּטֶער. און אִיהְר
הָאט דָאס גֶעבָּאט פוּן גָאט צוּשְׁטֶערְט דוּרְךְ אֵייעֶרֶע אִיבֶּערְלִיפֶערוּנְג. 7 אִיהְר
הֵייכְלֶער, יְשַׁעְיָה הָאט מִיט רֶעכְט אוֹיף אֵייךְ נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט, זָאגֶענְדִיג,

8 דִיזֶעס פָאלְק עֶהְרֶעט מִיךְ מִיט זַייעֶרֶע לִיפֶּען,
אָבֶּער זַייעֶר הַארְץ אִיז וַוייט פוּן מִיר;
9 אָבֶּער אוּמְזוּסְט פָארְכְטֶעט עֶס מִיךְ,
און לֶערְנְט אַזֶעלְכֶע לֶעהְרֶע וָואס זֶענֶען גֶעבָּאטֶע פוּן מֶענְשֶׁען.

10 און עֶר הָאט דִיא לֵייט צוּ זיךְ גֶערוּפֶען, און הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, הֶערְט צוּ
און פֶערְשְׁטֶעהְט; 11 נִיט דָאס וָואס קוּמְט אִין מוֹיל אַרֵיין מַאכְט דֶעם מֶענְשׁ
אוּנְרֵיין, נֵייעֶרְט דָאס וָואס גֶעהְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל דָאס מַאכְט דֶעם מֶענְשׁ
אוּנְרֵיין. 12 דַאן זֶענֶען דִיא תַּלְמִידִים צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען און הָאבֶּען צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, וֵוייסְט דוּא אַז דִיא פְּרוּשִׁים וֶוען זַייא הָאבֶּען דָאס וָוארְט גֶעהֶערְט
זֶענֶען גֶעשְׁטְרוֹיכֶעלְט גֶעוָוארֶען? 13 און עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט,
אִיטְלִיכֶע פְלַאנְץ וָואס מֵיין הִימְלִישֶׁער פָאטֶער הָאט נִיט גֶעפְלַאנְצְט וֶועט אוֹיס־
גֶעווֹאוּרְצֶעלְט וֶוערֶען. 14 לָאזְט זַייא גֶעהֶען; זַייא זֶענֶען בְּלִינְדֶע פִיהְרֶער פוּן
דִיא בְּלִינְדֶע; און וֶוען אַ בְּלִינְדֶער פִיהְרְט אַ בְּלִינְדֶען, אַזוֹי פַאלֶען זַייא בֵּיידֶע
אַרֵיין אִין אַ גְרוּבּ. 15 און פֶּעטְרוֹס הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
דֶערְקְלֶער אוּנְז דָאס מָשָׁל. 16 און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זֶענְט אִיהְר אוֹיךְ אָהְן
פֶערְשְׁטַאנְד? 17 פֶערְשְׁטֶעהְט אִיהְר נִיט, אַז אַלֶעס וָואס גֶעהְט אִין מוֹיל אַרֵיין
גֶעהְט אִין בּוֹיךְ אַרֵיין, און וֶועט צוּם מִיסְט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען? 18 אָבֶּער דָאס
וָואס גֶעהְט אַרוֹיס פוּן דֶעם מוֹיל דָאס קוּמְט פוּן דֶעם הַארְץ; און דָאס
מַאכְט דֶעם מֶענְשׁ אוּנְרֵיין. 19 וָוארִין פוּן דֶעם הַארְץ קוּמֶען אַרוֹיס בֵּייזֶע

שמות כא׳ יז׳ 4   דברים ה׳ טז׳ 6   ישעיה כט׳ יג׳ 7

גֶעדַאנְקֶען, רְצִיחָה, נִיאוּף, זְנוּת, גְנֵבוֹת, פַאלְשֶׁע עֵדוּת זָאגֶען, לֶעסְטֶערוּנְגֶען ;
20 דָאס זֶענֶען דִיא זַאכֶען וָואס מַאכֶען דֶעם מֶענְשׁ אוּנְרֵיין ; אָבֶּער צוּ
עֶסֶען מִיט אוּנְגֶעוואַשֶׁענֶע הֶענְד מַאכְט נִיט דֶעם מֶענְשׁ אוּנְרֵיין.
21 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז פוּן דָארְטֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶער גֶעגֶענְד
פוּן צוֹר אוּן צִידוֹן. 22 אוּן זֶעה, אַ כְּנַעֲנִית פְרוֹיא אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דִיזֶע
גְרֶענְצֶען, אוּן הָאט גֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט, דֶערְבַּארְם דִיךְ אִיבֶּער מִיר, הַאר, דוּא
זוּהְן פוּן דָוִד, מֵיינֶע טָאכְטֶער וֶוערְד זֶעהְר גֶעפְּלָאגְט פוּן אַ שֵׁד. 23 אָבֶּער עֶר
הָאט אִיהְר קֵיין וָוארְט נִיט גֶעעֶנְטְפֶערְט. אוּן זֵיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען צוּ אִיהְם
גֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם גֶעבֶּעטֶען אוּן גֶעזָאגְט, שִׁיק זִיא אַוֶועק ; וָוארִין זִיא
שְׁרֵייט אוּנְז נָאךְ. 24 אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין נִיט גֶע־
שִׁיקְט אוּיסֶער צוּ דִיא פֶערְלוֹירֶענֶע שָׁאף פוּן דֶעם הוֹיז יִשְׂרָאֵל. 25 אוּן זִיא
אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט זִיךְ צוּ אִיהְם גֶעבִּיקְט אוּן גֶעזָאגְט, הַאר, הֶעלְף מִיר.
26 אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, עֶס אִיז נִיט פֵיין אַוֶועקְצוּנֶעמֶען דָאס
בְּרוֹיט פוּן דִיא קִינְדֶער אוּן עֶס צוּ וַוארְפֶען פָאר דִיא הִינְדְלֶעךְ ; 27 אוּן זִיא
הָאט גֶעזָאגְט, יָא הַאר ; אָבֶּער דִיא הִינְדְלֶעךְ עֶסֶען אוֹיךְ פוּן דִיא בְּרֶעקְלֶעךְ וָואס
פַאלֶען אַרוּפּ פוּן דֶעם טִישׁ פוּן זֵייעֶרֶע הַארֶען. 28 דַאן הָאט יֵשׁוּעַ גֶעעֶנְטְפֶערְט
אוּן הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, אָ פְרוֹיא, גְרוֹיס אִיז דֵיין גְלוֹיבֶּען ; עֶס זָאל דִיר
גֶעשֶׁעהֶען אַזוֹי וִויא דוּא ווִילְסְט. אוּן אִיהְרֶע טָאכְטֶער אִיז גֶעהֵיילְט גֶעוָוארֶען
פוּן יֶענֶער שָׁעָה.
29 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז פוּן דָארְטֶען ווַייטֶער גֶעגַאנְגֶען, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם יַם פוּן
גָלִיל ; אוּן עֶר אִיז אוֹיף דֶעם בַּארְג אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ דָארְט
אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט. 30 אוּן פִיל לֵייט זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, וָואס הָאבֶּען מִיט
זִיךְ גֶעהַאט לָאמֶע, הִינְקֶענְדִיגֶע, בְּלִינְדֶע, שְׁטוּמֶע, אוּן פִילֶע אַנְדֶערֶע, אוּן זֵייא
הָאבֶּען זֵייא אַנִידֶערְגֶעוָוארְפֶען פָאר זֵיינֶע פִיס ; אוּן עֶר הָאט זֵייא גֶעהֵיילְט.
31 אַזוֹי אַז דִיא לֵייט הָאבֶּען זִיךְ פֶערְוָואוּנְדֶערְט וֶוען זֵייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אַז
דִיא שְׁטוּמֶע רֶעדֶען, דִיא הִינְקֶענְדִיגֶע זֶענֶען גֶעזוּנְד, אוּן דִיא לָאמֶע גֶעהֶען
אַרוּם, אוּן דִיא בְּלִינְדֶע זֶעהֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעלוֹיבְּט דֶעם גָאט פוּן יִשְׂרָאֵל.
32 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט זֵיינֶע תַּלְמִידִים צוּ זִיךְ גֶערוּפֶען אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ
רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיא לֵייט, וָוארִין זֵייא זֶענֶען שׁוֹין דְרֵייא טֶעג מִיט מִיר גֶעבְּלִי־
בֶּען, אוּן הָאבֶּען נִיט וָואס צוּ עֶסֶען, אוּן אִיךְ ווִיל זֵייא נִיט אַוֶועקְשִׁיקֶען נִיכְטֶערְן,
כְּדֵי זֵייא זָאלֶען נִיט פֶערְשְׁמַאכְטֶען אוֹיף דֶעם וֶועג. 33 אוּן זֵיינֶע תַּלְמִידִים
הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, פוּן וַואנֶען זָאלֶען מִיר נֶעמֶען אִין דֶער מִדְבָּר אַזוֹי
פִיל בְּרוֹיט אַזוֹי פִיל לֵייט זַאט צוּ מַאכֶען ? 34 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט,
ווִיא פִיל בְּרוֹיט הָאט אִיהְר ? אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, זִיבֶּען, אוּן עֶטְלִיכֶע
פִישְׁלֶעךְ. 35 אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען אַז דִיא לֵייט זָאלֶען זִיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד
אַנִידֶערְזֶעצֶען ; 36 אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִיא זִיבֶּען בְּרוֹיט אוּן דִיא פִישׁ ; אוּן
הָאט אַ בְּרָכָה גֶעמַאכְט אוּן הָאט זֵייא צוּבְּרָאכֶען, אוּן הָאט זֵייא גֶעגֶעבֶּען צוּ
דִיא תַּלְמִידִים, אוּן דִיא תַּלְמִידִים צוּ דִיא לֵייט. 37 אוּן זֵייא הָאבֶּען אַלֶע

גֶעגֶעסֶען אוּן זֶענֶען זַאט גֶעוָוארֶען; אוּן זֵייא הָאבֶּען אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען וָואס אִיז
אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען פוּן דִיא בְּרֶעקְלֶעךְ זִיבֶּען קֶערְבּ פוּל. 38 אוּן דִיא וָואס הָאבֶּען
גֶעגֶעסֶען זֶענֶען גֶעוֶוען פִּיעֶר טוֹיזֶענְד מֶענֶער, חוּץ פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער. 39 אוּן
וֶוען עֶר הָאט דִיא לֵייט אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט, אִיז עֶר אִין אַ שִׁיף אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן
אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִיא גְרֶענְצֶען פוּן מַגְדָן.

טז 1 אוּן דִיא פְּרוּשִׁים אוּן צַדוּקִים זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען
אִיהְם גֶעפְּרִיפְט, אוּן פוּן אִיהְם פֶערְלַאנְגְט, אַז עֶר זָאל זֵייא וַוייזֶען אַ צֵייכֶען
פוּן הִימֶעל. 2 אָבֶּער עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וֶוען עֶס
אִיז אָבֶּענְד גֶעוָוארֶען זָאגְט אִיהְר, עֶס וֶועט שֶׁעהְנֶעס וֶועטֶער זַיין, וָוארִין דֶער
הִימֶעל אִיז רוֹיט. 3 אוּן אִין דֶער פְרִיה, עֶס וֶועט הֵיינְט זַיין אַ שְׁטוּרְם, וָוארִין
דֶער הִימֶעל אִיז רוֹיט אוּן טְרִיבּ. אִיהְר הֵייכְלֶער! אִיהְר קֶענְט פֶערְשְׁטֶעהֶען
דָאס אָנְזֶעהֶען פוּן דֶעם הִימֶעל, אָבֶּער דִיא צֵייכֶען פוּן דִיא צֵייטֶען קֶענְט
אִיהְר נִיט פֶערְשְׁטֶעהֶען? 4 אַ שְׁלֶעכְטֶעס דוֹר אוּן פוּן זְנוּת זוּכְט אַ צֵייכֶען, אוּן
עֶס וֶועט זֵייא קֵיין אַנְדֶערֶעס צֵייכֶען נִיט גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען, אוֹיסֶער דֶעם
צֵייכֶען פוּן יוֹנָה. אוּן עֶר הָאט זֵייא פֶערְלָאזְט אוּן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

5 אוּן וֶוען דִיא תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע זֵייט פוּן דֶעם
יַם, הָאבֶּען זֵייא פֶערְגֶעסֶען בְּרוֹיט מִיטְצוּנֶעמֶען. 6 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא
גֶעזָאגְט, זֶעהְט צוּ אוּן הִיט אֵייךְ פַאר דֶעם זוֹיעֶרְטֵייג פוּן דִיא פְּרוּשִׁים אוּן
צַדוּקִים. 7 אוּן זֵייא הָאבֶּען בֵּייא זִיךְ גֶעדַאכְט אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דָאס אִיז
וַוייל מִיר הָאבֶּען נִיט מִיטְגֶענוּמֶען קֵיין בְּרוֹיט. 8 אוּן יֵשׁוּעַ דָאס וִויסֶענְדִיג
הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, פַארְוָואס דֶענְקְט אִיהְר צְוִוישֶׁען אֵייךְ, אִיהְר קְלֵיינְגְלוֹיי-
בִּיגֶע, וַוייל אִיהְר הָאט קֵיין בְּרוֹיט נִיט? 9 פֶערְשְׁטֶעהְט אִיהְר נָאךְ נִיט אוּן
גֶעדֶענְקְט אִיהְר נִיט דִיא פִינְף בְּרוֹיט פַאר דִיא פִינְף טוֹיזֶענְד, אוּן וִויא פִיל
קֶערְבּ אִיהְר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען? 10 אוּן אוֹיךְ דִיא זִיבֶּען בְּרוֹיט פַאר דִיא פִיעֶר
טוֹיזֶענְד, אוּן וִויא פִיל קֶערְבּ אִיהְר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען? 11 וִויא פֶערְשְׁטֶעהְט
אִיהְר נִיט אַז אִיךְ הָאבּ צוּ אֵייךְ נִיט גֶערֶעט פוּן בְּרוֹיט? אָבֶּער אִיהְר זָאלְט
אֵייךְ הִיטֶען פַאר דֶעם זוֹיעֶרְטֵייג פוּן דִיא פְּרוּשִׁים אוּן צַדוּקִים. 12 דַאן הָאבֶּען
זֵייא פֶערְשְׁטַאנֶען אַז עֶר הָאט זֵייא נִיט גֶעהֵייסֶען זִיךְ הִיטֶען פַאר דֶעם זוֹיעֶר-
טֵייג פוּן בְּרוֹיט, נֵייעֶרְט פַאר דִיא לֶעהְרֶע פוּן דִיא פְּרוּשִׁים אוּן צַדוּקִים.

13 אוּן וֶוען יֵשׁוּעַ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶער גֶעגֶענְד פוּן קֵיסָרְיָא פִילִיפּוּס, אַזוֹי הָאט
עֶר זֵיינֶע תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט, וֶוער זָאגֶען דִיא מֶענְשֶׁען אַז דֶער
בֶּן אָדָם אִיז? 14 אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, עֶטְלִיכֶע זָאגֶען, יוֹחָנָן הַמְטַבֵּל; אוּן
אַנְדֶערֶע, אֵלִיָה; אוּן אַנְדֶערֶע, יִרְמְיָה, אָדֶער אֵיינֶער פוּן דִיא נְבִיאִים. 15 עֶר הָאט
צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וֶוער זָאגְט אִיהְר אַז אִיךְ בִּין? 16 אוּן שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס הָאט
גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, דוּא בִּיסְט דֶער מָשִׁיחַ, דֶער זוּהְן פוּן דֶעם לֶעבֶּעדִיגֶען
גָאט. 17 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גֶעבֶּענְשְׁט בִּיסְט
דוּא, שִׁמְעוֹן בַּר יוֹנָה; וָוארִין פְלֵיישׁ אוּן בְּלוּט הָאבֶּען דָאס דִיר נִיט אַנְטְפְּלֶעקְט,
נֵייעֶרְט מֵיין פָאטֶער דֶער אִיז אִים הִימֶעל. 18 אוּן אִיךְ זָאג דִיר אַז דוּא בִּיסְט

פֶּעטְרוּס, אוּן אוֹיף דִיזֶען פֶעלְזֶען וֶועל אִיךְ מֵיינֶע גֶעמֵיינְדֶע בּוֹיעֶן ; אוּן דִיא
טְהִירֶען פוּן שְׁאוֹל וֶועלֶען זַייא נִיט אִיבֶּערְוֶועלְטִיגֶען. 19 אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבֶּען
דֶעם שְׁלִיסֶעל פוּן דֶעם מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם ; אוּן וָואס דוּא וֶועסְט בִּינְדֶען אוֹיף
דֶער עֶרְד, וֶועט זַיין גֶעבּוּנְדֶען אִים הִימֶעל ; אוּן וָואס דוּא וֶועסְט לוֹיסְמַאכֶען
אוֹיף דֶער עֶרְד, וֶועט זַיין לוֹיסְגֶעמַאכְט אִים הִימֶעל. 20 דַאן הָאט עֶר דִיא
תַּלְמִידִים פֶערְבָּאטֶען, אַז זַייא זָאלֶען קֵיינֶעם נִיט זָאגֶען, אַז עֶר אִיז דֶער מָשִׁיחַ.

21 פוּן דֶענְצְמָאל אָן הָאט יֵשׁוּעַ אָנְגֶעהוֹיבֶּען זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּ וַוייזֶען, אַז עֶר
מוּז גֶעהֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן פִיל לֵיידֶען פוּן דִיא עֶלְצְטֶע, אוּן עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים
אוּן סוֹפְרִים, אוּן מוּז גֶעהַרְגֶעט וֶוערֶען, אוּן אוֹיפְשְׁטֶעהֶען אִים דְרִיטֶען טָאג.
22 אוּן פֶּעטְרוּס הָאט אִיהְם גֶענוּמֶען אוּן אָנְגֶעהוֹיבֶּען אִיהְם אָנְצוּשְׁרֵייעֶן אוּן
גֶעזָאגְט, חָלִילָה הַאר ; דָאס זָאל דִיר נִיט גֶעשֶׁעהֶען. 23 אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ
אוּמְגֶעקֶעהְרְט אוּן הָאט צוּ פֶּעטְרוּס גֶעזָאגְט, גֶעה הִינְטֶער מִיר, שָׂטָן, דוּא בִּיסְט אַ
שְׁטְרוֹיכְלוּנְג צוּ מִיר ; דֶען דוּא מֵיינְסְט נִיט גָאטֶעס זַאכֶען נֵייעֶרְט דִיא פוּן
מֶענְשֶׁען. 24 דַאן הָאט יֵשׁוּעַ גֶעזָאגְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים, וֶוער עֶס וִויל מִיר
נָאכְפָאלְגֶען, דֶער זָאל זִיךְ זֶעלְבְּסְט פֶערְלֵייקְנֶען, אוּן זַיין קְרֵייץ אוֹיפְנֶעמֶען
אוּן מִיר נָאכְפָאלְגֶען. 25 וָוארִין וֶוער עֶס וִויל זַיינֶע זֶעלֶע רֶעטֶען, דֶער וֶועט עֶס
פֶערְלִירֶען ; אוּן וֶוער עֶס וֶועט זַיינֶע זֶעלֶע פֶערְלִירֶען פוּן מֵיינֶעט וֶועגֶען, דֶער
וֶועט עֶס גֶעפִינֶען. 26 וָוארִין וָואס וֶועט עֶס דֶעם מֶענְשֶׁען הֶעלְפֶען, וֶוען עֶר
זָאל גֶעוִוינֶען דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן וֶועט פֶערְלִירֶען זַיינֶע זֶעלֶע ? אָדֶער וָואס
וֶועט אַ מֶענְשׁ גֶעבֶּען אוּם זַיינֶע זֶעלֶע ? 27 וָוארִין דֶער בֶּן אָדָם וֶועט קוּמֶען
אִין דֶער הֶערְלִיכְקֵייט פוּן זַיינֶעם פָאטֶער מִיט זַיינֶע מַלְאָכִים ; אוּן דַאן וֶועט עֶר
בֶּעצָאהְלֶען אִיטְלִיכֶען נָאךְ זַיין וֶוערְק. 28 בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, עֶס זֶענֶען אֵיי־
נִיגֶע וָואס שְׁטֶעהֶען דָא וָואס וֶועלֶען דֶעם טוֹיט נִיט פֶערְזוּכֶען, בִּיז זַייא וֶועלֶען
זֶעהֶען דֶעם בֶּן אָדָם קוּמֶען אִין זַיין קֶענִיגְרֵייךְ.
יז 1 אוּן נָאךְ זֶעקְס טֶעג הָאט יֵשׁוּעַ גֶענוּמֶען פֶּעטְרוּס, אוּן יַעֲקֹב, אוּן זַיין
בְּרוּדֶער יוֹחָנָן, אוּן הָאט זַייא אַרוֹיפְגֶעבְּרַאכְט אוֹיף אַ הוֹיכֶען בַּארְג בֵּייא זִיךְ
אַלֵיין. 2 אוּן עֶר אִיז פָאר זַייא פֶערְעֶנְדֶערְט גֶעוָוארֶען, אוּן זַיין פָּנִים הָאט
גֶעשֵׁיינְט וִויא דִיא זוּן, אוּן זַיינֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען וַויים גֶעוֶועזֶען וִויא דָאס לִיכְט.
3 אוּן זֶעה, הָאבֶּען זִיךְ מֹשֶׁה אוּן אֵלִיָּה צוּ אִיהְם בֶּעוִויזֶען, אוּן הָאבֶּען מִיט
אִיהְם גֶערֶעט. 4 אוּן פֶּעטְרוּס הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט צוּ יֵשׁוּעַ, הַאר,
עֶס אִיז גוּט פַאר אוּנְז דָא צוּ זַיין ; אוֹיב דוּא ווִילְסְט, וִויל אִיךְ דָא מַאכֶען
דְרֵייא גֶעצֶעלְטֶען, אֵיינְס פַאר דִיר, אוּן אֵיינְס פַאר מֹשֶׁה, אוּן אֵיינְס פַאר
אֵלִיָּה. 5 דֶערְוַוייל עֶר הָאט נָאךְ גֶערֶעט, זֶעה, הָאט זַייא אַ לִיכְטִיגֶע וָואלְקֶען
בֶּעדֶעקְט, אוּן זֶעה, אַ קוֹל הָאט אוֹיס דֶער וָואלְקֶען גֶעזָאגְט, דָאס אִיז מֵיין
גֶעלִיבְּטֶער זוּהְן אִין וֶועלְכֶעם אִיךְ הָאבּ ווֹאוילְגֶעפֶעלֶען, הֶערְט אִיהְם צוּ. 6 אוּן
וֶוען דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט, זֶענֶען זַייא אוֹיף זַייעֶר פָּנִים גֶעפַא־
לֶען אוּן הָאבֶּען זִיךְ זֶעהְר גֶעפָארְכְטֶען. 7 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז צוּ זַייא גֶעקוּמֶען,

און האט זייא אנגעריהרט און געזאגט, שטעהט אויף און פארכט אייך ניט.
8 און ווען זייא האבען זייערע אויגען אויפגעהויבען, האבען זייא קיינעם ניט
געזעהען אויסער ישוע אליין.

9 און ווען זייא זענען ארונטערגעגאנגען פון דעם בארג, האט זייא ישוע
געבאטען און געזאגט, איהר זאלט קיינעם ניט זאגען פון דער ערשיינונג, ביז
דער בן אדם וועט אויפשטעהען פון דעם טויט. 10 און דיא תלמידים האבען
איהם געפרעגט און געזאגט, פארוואס זאגען דיא סופרים אז אליה מוז צו־
ערשט קומען? 11 און ער האט געענטפערט און געזאגט, אליהו קומט באמת
און וועט אלעס צורעכט מאכען; 12 אבער איך זאג אייך, אז אליהו איז שוין
געקומען, און זייא האבען איהם ניט דערקאנט נייערט האבען מיט איהם
געטהון וואס זייא האבען געוואלט. אזוי וועט דער בן אדם אויך פון זייא
ליידען. 13 דאן האבען דיא תלמידים פערשטאנען אז ער האט צו זייא גערעט
פון וועגען יוחנן המטבל.

14 און ווען זייא זענען געקומען צו דיא לייט, אזוי איז א מאן צו איהם גע־
קומען, און האט זיך פאר איהם געקניעט און געזאגט, 15 האר, דערבארם
דיך איבער מיין זוהן; ווארין ער איז משוגע און ליידעט זעהר; ווארין ער
פאלט אפט אין פייער אריין און אפט אין וואסער אריין. 16 און איך האב
איהם געבראכט צו דיינע תלמידים, און זייא האבען איהם ניט געקאנט היילען.
17 און ישוע האט געענטפערט און געזאגט, א, איהר אונגלויביגעס און פער־
קעהרטעס דור, וויא לאנג וועל איך בייא אייך זיין? וויא לאנג וועל איך מיט
אייך אויסהאלטען? ברענגט איהם אהער צו מיר. 18 און ישוע האט איהם
אנגעשריגען, און דער שד איז פון איהם ארויסגעגאנגען, און דער יונג איז
געזונד געווארען פון יענער שעה. 19 דאן זענען דיא תלמידים געקומען צו
ישוע בייא זיך אליין, און האבען געזאגט, פארוואס האבען מיר איהם ניט
געקאנט ארויסטרייבען? 20 און ער האט צו זייא געזאגט, וועגען אייערע
אונגלויבען; ווארין באמת זאג איך אייך, ווען איהר זאלט האבען גלויבען
וויא א זענפקארן, אזוי וועט איהר זאגען צו דיזען בארג, זייא אוועקגעריקט
פון היר דארטען; אזוי וועט ער אוועקגעריקט ווערען; און קיין זאך וועט אייך
ניט אונמעגליך זיין.

22 און ווען זייא זענען צוריקגעקומען אין גליל, האט ישוע צו זייא געזאגט,
דער בן אדם וועט איבערגעליפערט ווערען אין דיא הענד פון מענשען;
23 און זייא וועלען איהם הרגענען, און אים דריטען טאג וועט ער ווידער
אויפשטעהען, און זייא זענען זעהר טרויעריג געוועזען.
24 און ווען זייא זענען געקומען קיין כפרנחום, זענען דיא וואס נעמען אפ
דעם האלבען שקל געקומען צו פעטרוס, און האבען געזאגט, צאהלט אייער
לעהרער ניט דעם האלבען שקל? 25 ער האט געזאגט יא. און ווען ער איז

21 אבער דיזער ארט געהט ניט אנדערש ארויס אויסער דורך געבעט און פאסטען.

אִין הויז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, הָאט צוּ אִיהְם יֵשׁוּעַ צוּעֶרְשְׁט גֶעזָאגְט, ווִיא דֶענְקְסְט
דוּא, שִׁמְעוֹן? פוּן וֶועמֶען נֶעמֶען דִיא קֶענִיגֶע פוּן דֶער עֶרְד צִינְס אָדֶער שְׁטֵייעֶר,
פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אָדֶער פוּן פְרֶעמְדֶע? 26 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
פוּן פְרֶעמְדֶע; אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דְרוּם זֶענֶען דִיא זִיהְן פְרֵייא.
27 אָבֶּער אַז מִיר זָאלֶען זֵייא נִיט שְׁטְרוֹיכְלֶען מַאכֶען, אַזוֹי גֶעה צוּם יַם, אוּן
וַוארְף אֵיין אַנְגֶעל, אוּן נֶעם דֶעם פִישׁ וָואס וֶועט צוּם עֶרְשְׁטֶען אַרוֹיפְקוּמֶען;
אוּן וֶוען דוּא וֶועסְט אוֹיפְמַאכֶען זַיין מוֹיל, אַזוֹי וֶועסְט דוּא גֶעפִינֶען אַ מַטְבֵּעַ*;
נֶעם דָאס, אוּן גִיבּ עֶס צוּ זֵייא פַאר מִיר אוּן פַאר דִיר.
יח אִין יֶענֶער צֵייט זֶענֶען דִיא תַּלְמִידִים גֶעקוּמֶען צוּ יֵשׁוּעַ, אוּן הָאבֶּען גֶע־
זָאגְט, וֶוער דֶען אִיז גְרֶעסֶער אִים מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם? 2 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זִיךְ
גֶערוּפֶען אַ קְלֵיינֶעס קִינְד, אוּן הָאט אִיהְם אִין מִיטֶען גֶעשְׁטֶעלְט, 3 אוּן גֶעזָאגְט,
בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז וֶוען אִיהְר וֶועט אֵייךְ נִיט בֶּעקֶעהְרֶען אוּן וֶועט זַיין
אַזוֹי ווִיא קְלֵיינֶע קִינְדֶער, וֶועט אִיהְר נִיט אַרֵיינְקוּמֶען אִים מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם.
4 וֶוער דֶען וֶועט זִיךְ דֶערְנִידְרִיגֶען אַזוֹי ווִיא דָאס קְלֵיינֶע קִינְד, דֶער אִיז
דֶער גְרֶעסֶערֶער אִים מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם. 5 אוּן וֶוער עֶס וֶועט אוֹיפְנֶעמֶען אַ קְלֵיינֶעס
קִינְד אִין מֵיין נָאמֶען, דֶער נֶעמְט מִיךְ אוֹיף; 6 אָבֶּער וֶוער עֶס וֶועט שְׁטְרוֹיכְ־
לֶען אֵיינֶעם פוּן דִיזֶע קְלֵיינֶע וָואס גְלוֹיבֶּען אָן מִיר, אַזוֹי אִיז פַאר אִיהְם בֶּעסֶער
אַז אַ מִיהְלְשְׁטֵיין זָאל אוֹיף זַיין הַאלְז גֶעהָאנְגֶען וֶוערֶען, אוּן אַז עֶר זָאל דֶער־
טְרוּנְקֶען וֶוערֶען אִין דֶער טִיפֶענֶעס פוּן דֶעם יַם. 7 וֶועה צוּ דֶער וֶועלְט פוּן
וֶועגֶען שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען! וָוארִין עֶס אִיז גֶעטִיג אַז שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען מוּזֶען קוּמֶען,
אָבֶּער וֶועה צוּ דֶעם מֶענְשֶׁען דוּרְךְ וֶועמֶען דִיא שְׁטְרוֹיכְלוּנְג קוּמְט! 8 אוּן וֶוען
דֵיינֶע הַאנְד אָדֶער דֵיין פוּס מַאכְט דִיךְ שְׁטְרוֹיכְלֶען, הַאק זֵייא אָפּ, אוּן וַוארְף
זֵייא אַוֶועק פוּן דִיר; עֶס אִיז גוּט פַאר דִיר אִין לֶעבֶּען אַרֵיינְצוּגֶעהֶען
הִינְקֶענְדִיג אָדֶער לָאם, אֵיידֶער דוּא זָאלְסְט הָאבֶּען צְווֵייא הֶענְד אָדֶער צְווֵייא
פִים אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען צוּ וֶוערֶען אִים עֶבִּיגֶען פֵייעֶר. 9 אוּן וֶוען דֵיין אוֹיג מַאכְט
דִיךְ שְׁטְרוֹיכְלֶען, רֵייס עֶס אוֹיס אוּן וַוארְף עֶס אַוֶועק פוּן דִיר; עֶס אִיז גוּט פַאר
דִיר אִין לֶעבֶּען אַרֵיינְצוּגֶעהֶען מִיט אֵיין אוֹיג, אֵיידֶער דוּא זָאלְסְט הָאבֶּען צְווֵייא
אוֹיגֶען אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען צוּ וֶוערֶען אִים פֵייעֶרִיגֶען־גֵיהִנָּם. 10 הִיט אֵייךְ אַז אִיהְר
זָאלְט נִיט פֶערַאכְטֶען אֵיינֶם פוּן דִיזֶע קְלֵיינֶע; וָוארִין אִיךְ זָאג אֵייךְ, אַז זֵייעֶרֶע
מַלְאָכִים אִים הִימֶעל זֶעהֶען אִימֶער דָאס פָּנִים פוּן מֵיין פָאטֶער דֶער אִיז אִים
הִימֶעל. 12 וָואס דַאכְט זִיךְ אֵייךְ? וֶוען אַ מֶענְשׁ וֶועט הָאבֶּען הוּנְדֶערְט שָׁאף,
אוּן אֵיינֶס פוּן זֵייא פֶערְלִירְט זִיךְ, וֶועט עֶר דֶען נִיט אִיבֶּערְלָאזֶען דִיא נֵיין אוּן
נֵיינְצִיג אוֹיף דִיא בֶּערְג, אוּן וֶועט אַוֶועקְגֶעהֶען אוּן זוּכֶען דָאס פֶערְלוֹירֶענֶע?
13 אוּן וֶוען עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אַז עֶר גֶעפִינְט עֶס, בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז עֶר פְרֵייעֶט
זִיךְ מֶעהְר אִיבֶּער דֶעם, ווִיא אִיבֶּער דִיא נֵיין אוּן נֵיינְצִיג וָואס זֶענֶען נִיט
פֶערְלוֹירֶען גֶעגַאנְגֶען. 14 אַזוֹי אִיז עֶס נִיט דֶער ווִילֶען פוּן אֵייעֶר פָאטֶער דֶער

11 וָוארִין דֶער בֶּן אָדָם אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רֶעטֶען דָאס וָואס אִיז פֶערְלוֹירֶען.
27 גר׳ אסתירא

אִיז אִים הִימֶעל, אַז אֵיינֶם פוּן דִיזֶע קְלֵיינֶע זָאל פֶערְלוֹירֶען ווֶערֶען.
15 אוּן ווֶען דֵיין בְּרוּדֶער הָאט גֶעזִינְדִיגְט קֶעגֶען דִיר, גֶעה אוּן שְׁטְרָאף אִיהְם
צְווִישֶׁען דִיר אוּן אִיהְם אַלֵיין; ווֶען עֶר ווֶעט דִיךְ צוּהֶערֶען, אַזוֹי הָאסְט דוּא דֵיין
בְּרוּדֶער גֶעווָאוּנֶען. 16 אָבֶּער ווֶען עֶר ווֶעט דִיךְ נִיט צוּהֶערֶען, נֶעם מִיט דִיר
נָאךְ אֵיינֶעם אָדֶער צְווֵייא, אַז דוּרְךְ דֶעם מוֹיל פוּן צְווֵייא אָדֶער דְרֵייא עֵדוֹת
זָאל יֶעדֶע זַאךְ בֶּעשְׁטֶעטִיגְט ווֶערֶען. 17 אוּן ווֶען עֶר ווֶעט זֵייא נִיט צוּהֶערֶען
זָאג עֶס צוּ דֶער קְהִילָה; אוּן ווֶען עֶר ווֶעט צוּ דֶער קְהִילָה אוֹיךְ נִיט צוּהֶערֶען,
אַזוֹי זָאל עֶר בֵּייא דִיר זֵיין ווִיא אַ גוֹי אוּן ווִיא אַ שְׁטֵייעֶרְאֵיינְנֶעמֶער. 18 בֶּאֱמֶת
זָאג אִיךְ אֵייךְ, דָאס ווָאס אִיהְר ווֶעט בִּינְדֶען אוֹיף דֶער עֶרְד ווֶעט זֵיין גֶעבּוּנְ־
דֶען אִים הִימֶעל, אוּן דָאס ווָאס אִיהְר ווֶעט לוֹיסְמַאכֶען אוֹיף דֶער עֶרְד ווֶעט זֵיין
לוֹיסְגֶעמַאכְט אִים הִימֶעל. 19 בֶּאֱמֶת ווִידֶער זָאג אִיךְ אֵייךְ, ווֶען צְווֵייא פוּן
אֵייךְ ווֶעלֶען אֵיינִיג ווֶערֶען אוֹיף דֶער עֶרְד אִיבֶּער יֶעדֶע זַאךְ ווָאס זֵייא ווֶעלֶען
בֶּעטֶען, אַזוֹי ווֶעט עֶס פַאר זֵייא גֶעטְהוּן ווֶערֶען פוּן מֵיין פָאטֶער דֶער אִיז אִים
הִימֶעל. 20 ווָארִין ווְאוּ צְווֵייא אָדֶער דְרֵייא קוּמֶען צוּזַאמֶען אִין מֵיין נָאמֶען,
דָא בִּין אִיךְ אִין מִיטֶען פוּן זֵייא.
21 דַאן אִיז פֶּעטְרוּס צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, הַאר, ווִיא פִיל מָאל
זָאל מֵיין בְּרוּדֶער קֶעגֶען מִיר זִינְדִיגֶען, אוּן אִיךְ זָאל אִיהְם פֶערְגֶעבֶּען? בִּיז
זִיבֶּען מָאל? 22 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אִיךְ זָאג דִיר נִיט בִּיז זִיבֶּען
מָאל, נֵייעֶרְט בִּיז זִיבְּצִיג מָאל זִיבֶּען. 23 דְרוּם אִיז דָאס מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם גְלֵייךְ
צוּ אַ קֶענִיג, ווָאס הָאט גֶעווָאלְט רֶעכְנוּנְג נֶעמֶען פוּן זֵיינֶע קְנֶעכְט. 24 אוּן ווֶען
עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ רֶעכְנֶען, הָאט מֶען אִיהְם גֶעבְּרַאכְט אַ בַּעַל חוֹב פוּן
צֶעהְן טוֹיזֶענְד צֶענְטְנֶער זִילְבֶּער. 25 אוּן ווֶען עֶר הָאט נִיט גֶעהַאט צוּ בֶּעצָאהְ־
לֶען, אַזוֹי הָאט אִיהְם זֵיין הַאר גֶעהֵייסֶען פֶערְקוֹיפֶען, אוּן זֵיין ווַייבּ אוּן
קִינְדֶער, אוּן אַלֶעס ווָאס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן צוּ בֶּעצָאהְלֶען. 26 דֶער קְנֶעכְט
אִיז דֶען אַנִידֶערְגֶעפַאלֶען, אוּן הָאט זִיךְ צוּ אִיהְם גֶעבִּיקְט אוּן גֶעזָאגְט, הַאר,
הָאבּ גֶעדוּלְד מִיט מִיר, אוּן אִיךְ ווֶעל דִיר אַלֶעס בֶּעצָאהְלֶען. 27 אוּן דֶער הַאר
הָאט אוֹיף דִיזֶעם קְנֶעכְט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן הָאט אִיהְם בֶּעפְרֵייעֶט אוּן הָאט
אִיהְם דֶעם חוֹב פֶערְגֶעבֶּען. 28 אוּן ווִיא יֶענֶער קְנֶעכְט אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען,
הָאט עֶר גֶעפִינֶען אֵיינֶעם פוּן דִיא מִיטְקְנֶעכְט, ווָאס אִיז אִיהְם שׁוּלְדִיג גֶעווֶען
הוּנְדֶערְט גְרָאשֶׁען; אוּן עֶר הָאט אִיהְם אָנְגֶענוּמֶען בֵּיים הַאלְז, אוּן הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, בֶּעצָאהְל מִיר דֶעם חוֹב. 29 אַזוֹי אִיז דֶער מִיטְקְנֶעכְט, פָאר
זֵיינֶע פִיס גֶעפַאלֶען, אוּן הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטֶען אוּן גֶעזָאגְט, הָאבּ גֶעדוּלְד מִיט
מִיר, אוּן אִיךְ ווֶעל דִיר אַלֶעס בֶּעצָאהְלֶען. 30 אָבֶּער עֶר הָאט נִיט גֶעווָאלְט,
אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אִיהְם אִים גֶעפֶענְגְנִיס אַרֵיינְגֶעווָארְפֶען, בִּיז עֶר
ווֶעט בֶּעצָאהְלֶען דֶעם חוֹב. 31 אוּן ווֶען דִיא מִיטְקְנֶעכְט הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען ווָאס
עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען, זֶענֶען זֵייא זֶעהְר בֶּעטְרִיבְּט גֶעווָארֶען, אוּן זֵייא זֶענֶען גֶעקוּ־
מֶען אוּן הָאבֶּען זֵייעֶר הַאר'ן דֶערְצֶעהְלְט אַלֶעס ווָאס אִיז גֶעשֶׁעהֶען. 32 דַאן

16 דברים יט׳ טו׳ — 23 גר׳ דינר

הָאט אִיהְם זַיין הַאר גֶערוּפֶען, אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דוּא שְׁלֶעכְטֶער
קְנֶעכְט, אִיךְ הָאבּ דִיר פֶערְגֶעבֶּען דֶעם גַאנְצֶען חוֹב ווייל דוּא הָאסְט מִיךְ
גֶעבֶּעטֶען; 33 הָאסְט דוּא אוֹיךְ נִיט גֶעזָאלְט רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף דַיין מִיטְקְנֶעכְט,
אַזוֹי וִויא אִיךְ הָאבּ אוֹיף דִיר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט? 34 אוּן זַיין הַאר אִיז אִין כַּעַס
גֶעוָוארֶען, אוּן הָאט אִיהְם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צוּ דִיא פַּיינִיגֶער, בִּיז עֶר וֶועט
אַלֶעס בֶּעצָאהְלֶען וָואס עֶר אִיז אִיהְם שׁוּלְדִיג גֶעוֶוען. 35 אַזוֹי וֶועט מֵיין הִימְ־
לִישֶׁער פָאטֶער אוֹיךְ טְהוּן צוּ אַייךְ, וֶוען אִיהְר וֶועט נִיט אִיטְלִיכֶער זַיין בְּרוּדֶער
פוּן אַייעֶרֶע הֶערְצֶער פֶערְגֶעבֶּען.

יט 1 אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען וֶוען יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִיזֶע וֶוערְטֶער, אִיז עֶר
אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן גָלִיל, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען אִין דִיא גְרֶענְצֶען פוּן יְהוּדָה, אוֹיף
דִיא אַנְדֶערֶע זַייט יַרְדֵן; 2 אוּן פִיל לֵייט זֶענֶען אִיהְם נָאכְגֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶר
הָאט זַייא דָארְט גֶעהַיילְט.
3 אוּן דִיא פְּרוּשִׁים זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם גֶעפְּרִיפְט
אוּן גֶעזָאגְט, מֶעג מֶען זַיין ווייבּ שֵׁיידֶען וֶועגֶען יֶעדֶער זַאךְ? 4 אוּן עֶר הָאט
גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, הָאט אִיהְר דֶען נִיט גֶעלֵיינְט, אַז דֶער וֶועלְכֶער הָאט
זַייא בֶּעשַׁאפֶען פוּן אָנְהֵייבּ, הָאט זַייא זָכָר אוּן נְקֵבָה בֶּעשַׁאפֶען, 5 אוּן הָאט
גֶעזָאגְט, דֶעסְטְוֶועגֶען זָאל אַ מֶענְשׁ פֶערְלָאזֶען זַיין פָאטֶער אוּן זַיינֶע מוּטֶער,
אוּן זָאל זִיךְ בֶּעהֶעפְטֶען אָן זַיין ווייבּ, אוּן דִיא צְווייא זָאלֶען צוּ אֵיין פְלֵייש
זַיין? 6 אַזוֹי דֶען זֶענֶען זַייא נִיט מֶעהְר צְווייא, נֵייעֶרְט אֵיין פְלֵייש, דְרוּם וָואס
גָאט הָאט אִינְאֵיינֶעם פֶערְאֵיינִיגְט, דָאס זָאל קֵיין מֶענְשׁ נִיט צוּשֵׁיידֶען. 7 זַייא
הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, פַארְוָואס הָאט דֶען משֶׁה גֶעבָּאטֶען אַז מֶען זָאל
אִיהְר אַ גֵט גֶעבֶּען אוּן זִיא שֵׁיידֶען? 8 עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, וֶועגֶען
אַייעֶרֶע הַארְטְהַארְצִיגְקֵייט הָאט משֶׁה אַייךְ דֶערְלוֹיבְּט אַייעֶרֶע ווייבֶּער צוּ שֵׁיי־
דֶען; אָבֶּער פוּן אָנְהֵייבּ אִיז עֶס נִיט אַזוֹי גֶעוֶוען. 9 אוּן אִיךְ זָאג אַייךְ, אַז
וֶוער עֶס וֶועט זַיין ווייבּ שֵׁיידֶען חוּץ וֶועגֶען זְנוּת, אוּן נֶעמֶען אֵיין אַנְדֶערֶע, דֶער
אִיז מְזַנֶּה; אוּן דֶער וָואס נֶעמְט דִיא גְרוּשָׁה אִיז מְזַנֶּה. 10 זַיינֶע תַּלְמִידִים
הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֶוען דִיא זַאךְ אִיז אַזוֹי צְווִישֶׁען מַאן אוּן ווייבּ, אַזוֹי
אִיז עֶס נִיט גוּט חֲתוּנָה צוּ הָאבֶּען. 11 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, נִיט
אַלֶע קֶענֶען דָאס וָוארְט אָנְנֶעמֶען, אוֹיסֶער דִיא צוּ וֶועמֶען עֶס אִיז גֶעגֶעבֶּען.
12 וָוארִין עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען פֶערְשְׁנִיטֶענֶע, וָואס זֶענֶען אַזוֹי גֶעבּוֹירֶען פוּן
זֵייעֶר מוּטֶערְס לֵייבּ, אוּן עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען פֶערְשְׁנִיטֶענֶע, וָואס זֶענֶען
פֶערְשְׁנִיטֶען גֶעוָוארֶען בַּייא מֶענְשֶׁען, אוּן עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען פֶערְשְׁנִיטֶענֶע,
וָואס הָאבֶּען זִיךְ זֶעלְבְּסְט פֶערְשְׁנִיטֶען וֶועגֶען דֶעם מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם. וֶוער עֶס
קָאן דָאס אָנְנֶעמֶען, לָאז עֶר אָנְנֶעמֶען.
13 דַאן הָאט מֶען צוּ אִיהְם גֶעבְּרַאכְט קְלֵיינֶע קִינְדֶער כְּדֵי עֶר זָאל דִיא הֶענְד
אוֹיף זַייא לֶעגֶען אוּן בֶּעטֶען; אוּן דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען זַייא אָנְגֶעשְׁרִיגֶען.

4,8 בראשית א׳ כז, ב׳ כד.

14 אָבֶער יֵשׁוּעַ הָאט גֶעזָאגְט, לָאזְט דִיא קִינְדֶערְלֶעךְ אוּן פֶערְבִּיט זֵייא נִיט צוּ
מִיר צוּ קוּמֶען, וָוארִין פוּן אַזֶעלְכֶע אִיז דָאס מַלְכוּת הַשָׁמַיִם. 15 אוּן עֶר הָאט
דִיא הֶענְד אוֹיף זֵייא גֶעלֶעגְט, אוּן אִיז פוּן דָארְטֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.
16 אוּן זֶעה, אֵיינֶער אִיז צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען אוּן הָאט גֶעזָאגְט, לֶעהְרֶער וָואס
פַאר אַ גוּטֶעס זָאל אִיךְ טְהוּן כְּדֵי אִיךְ זָאל בֶּעקוּמֶען עֶבִּיגֶעס לֶעבֶּען? 17 אוּן
עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, פַארְוָואס פְרֶעגְסְט דוּא מִיךְ וֶועגֶען דֶעם
גוּטֶע? אֵיינֶער אִיז דֶער גוּטֶער; אָבֶער וֶוען דוּא ווִילְסְט אִין לֶעבֶּען
אַרֵיינְקוּמֶען, אַזוֹי הִיט דִיא מִצְוֹת. 18 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֶועלְכֶע?
אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעזָאגְט, דוּא זָאלְסְט נִיט טֵייטֶען, דוּא זָאלְסְט נִיט מְזַנֶה זַיין,
דוּא זָאלְסְט נִיט גַנְבֶענֶען, דוּא זָאלְסְט נִיט פַאלְשׁ עֵדוּת זָאגֶען, 19 עֶהְרֶע דֵיין
פָאטֶער אוּן דֵיינֶע מוּטֶער, אוּן, דוּא זָאלְסְט לִיבֶּען דֵיין חַבֵר ווִיא זִיךְ זֶעלְבְּסְט.
20 דֶער יוּנְגֶע מַאן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דָאס אַלֶעס הָאבּ אִיךְ גֶעהַאלְטֶען;
וָואס פֶעהְלְט מִיר נָאךְ? 21 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֶוען דוּא ווִילְסְט
פָאלְקָאמֶען זַיין, אַזוֹי גֶעה, פֶערְקוֹיף וָואס דוּא הָאסְט, אוּן גִיבּ צוּ דִיא
אָרְמֶע אוּן דוּא וֶועסְט הָאבֶּען אַ שַׁאץ אִים הִימֶעל; אוּן קוּם, פָאלְג מִיר
נָאךְ. 22 אוּן ווִיא דֶער יוּנְגֶע מַאן הָאט דָאס וָוארְט גֶעהֶערְט אִיז עֶר אַוֶועקְ־
גֶעגַאנְגֶען טְרוֹירִיג; וָוארִין עֶר הָאט גֶעהַאט פִיל פֶערְמֶעגֶען.
23 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵיינֶע תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ אַז אַ
רֵייכֶער וֶועט שְׁוֶוערְלִיךְ אַרֵיינְקוּמֶען אִים מַלְכוּת הַשָׁמַיִם. 24 אוּן ווִידֶער זָאג
אִיךְ אֵייךְ, עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַאר אַ קֶעמֶעל דוּרְכְצוּגֶעהֶען דוּרְךְ דֶעם לָאךְ פוּן
אַ נָאדֶעל, ווִיא פַאר אַ רֵייכֶען אַרֵיינְצוּקוּמֶען אִים קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט. 25 אוּן
וֶוען דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט, זֶענֶען זֵייא זֶעהְר עֶרְשְׁטוֹינְט גֶעוָוא־
רֶען, אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, וֶוער קָאן דֶען גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען? 26 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט
זֵייא אָנְגֶעזֶעהֶען, אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, בֵּייא מֶענְשֶׁען אִיז דָאס אוּנְמֶעגְלִיךְ;
אָבֶער בֵּייא גָאט אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ. 27 דַאן הָאט פֶּעטְרוּס גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, זֶעה, מִיר הָאבֶּען אַלֶעס פֶערְלָאזְט, אוּן הָאבֶּען דִיר
נָאכְגֶעפָאלְגְט; וָואס וֶועלֶען מִיר דֶערְפָאר הָאבֶּען? 28 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא
גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז אִיהְר וָואס הָאט מִיר נָאכְגֶעפָאלְגְט, אִין
דֶער ווִידֶערְגֶעבּוּרְט, וֶוען דֶער בֶּן אָדָם וֶועט זִיצֶען אוֹיף זֵיין שְׁטוּהְל פוּן הֶערְ־
לִיכְקֵייט, אַזוֹי וֶועט אִיהְר אוֹיךְ זִיצֶען אוֹיף צְוֶועלְף שְׁטוּהְלֶען אוּן וֶועט מִשְׁפָּטֶען
דִיא צְוֶועלְף שְׁבָטִים פוּן יִשְׂרָאֵל. 29 אוּן אִיטְלִיכֶער וָואס הָאט פֶערְלָאזְט הֵייזֶער,
אָדֶער בְּרִידֶער אָדֶער שְׁוֶועסְטֶער, אָדֶער פָאטֶער, אָדֶער מוּטֶער, אָדֶער קִינְדֶער,
אָדֶער פֶעלְדֶער, פוּן מֵיין נָאמֶען'ס וֶועגֶען, דֶער וֶועט בֶּעקוּמֶען הוּנְדֶערְט מָאל
אַזוֹי פִיל, אוּן עֶבִּיגֶעס לֶעבֶּען יַרְשֶׁענֶען. 30 אָבֶער פִילֶע וָואס זֶענֶען עֶרְשְׁטֶע
וֶועלֶען זֵיין לֶעצְטֶע, אוּן לֶעצְטֶע וֶועלֶען זֵיין עֶרְשְׁטֶע.
כ 1 דֶען דָאס מַלְכוּת הַשָׁמַיִם אִיז גְלֵייךְ צוּ אַ בַּעַל הַבַּיִת, וָואס אִיז אִים מָארְגֶען
פְרִיה אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אַרְבֵּייטֶער צוּ דִינְגֶען פַאר זֵיין ווַיינְגָארְטֶען. 2 אוּן עֶר

19 שמות כ׳ יב׳: ויקרא יט׳ יח׳: דברים ח׳ טז׳

הָאט זִיךְ פֶערְגְלַייכְט מִיט דִיא אַרְבֵּייטֶער פַאר אַ גְרָאשֶׁען * אַ טָאג, אוּן הָאט
זַייא אַרַיינְגֶעשִׁיקְט אִין זַיין ווַיינְגָארְטֶען. 3 אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין דִיא
דְרִיטֶע שָׁעָה אוּן הָאט גֶעזֶעהֶען אַנְדֶערֶע לֶעדִיג שְׁטֶעהֶען אוֹיף דֶעם מַארְק;
4 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, גֶעהְט אִיהְר אוֹיךְ אִין דֶעם ווַיינְגָארְטֶען אַרַיין,
אוּן אִיךְ וֶועל אֵייךְ גֶעבֶּען וָואס רֶעכְט אִיז. 5 אַזוֹי זֶענֶען זַייא אַהִין גֶעגַאנְגֶען.
אוּן עֶר אִיז ווִידֶער אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין דִיא זֶעקְסְטֶע אוּן נַיינְטֶע שָׁעָה, אוּן
הָאט אוֹיךְ אַזוֹי גֶעטְהוּן. 6 אוּן אִין דִיא עֶלְפְטֶע שָׁעָה אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְ־
גֶען, אוּן הָאט גֶעפִינֶען אַנְדֶערֶע לֶעדִיג שְׁטֶעהֶען, אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט,
פַארְוָואס שְׁטֶעהְט אִיהְר דֶעם גַאנְצֶען טָאג לֶעדִיג? 7 זַייא הָאבֶּען צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, ווַייל קֵיינֶער הָאט אוּנְז נִיט גֶעדוּנְגֶען. אַזוֹי הָאט עֶר צוּ זַייא
גֶעזָאגְט, גֶעהְט אִיהְר אוֹיךְ אִים ווַיינְגָארְטֶען אַרַיין. 8 אוּן אוֹיף דֶעם אָבֶּענְד
זָאגְט דֶער הַאר פוּן דֶעם ווַיינְגָארְטֶען צוּ זַיין פֶערְוַואלְטֶער, רוּף דִיא אַרְבֵּייטֶער
אוּן בֶּעצָאהְל זַייא זַייעֶר לוֹין, אוּן הֵייבּ אָן פוּן דֶעם לֶעצְטֶען בִּיז צוּם עֶרְשְׁטֶען.
9 אוּן דִיא וָואס זֶענֶען גֶעדוּנְגֶען גֶעוֶוען אִין דִיא עֶלְפְטֶע שָׁעָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען,
אוּן הָאבֶּען בֶּעקוּמֶען אִיטְלִיכֶער אַ גְרָאשֶׁען.* 10 אוּן וֶוען דִיא עֶרְשְׁטֶע זֶענֶען גֶע־
קוּמֶען, אַזוֹי הָאבֶּען זַייא גֶעדַאכְט אַז זַייא וֶועלֶען מֶעהְר בֶּעקוּמֶען, אוּן זַייא
הָאבֶּען אוֹיךְ בֶּעקוּמֶען אִיטְלִיכֶער אַ גְרָאשֶׁען. 11 אוּן וֶוען זַייא הָאבֶּען עֶס
בֶּעקוּמֶען, הָאבֶּען זַייא גֶעמוּרְמֶעלְט קֶעגֶען דֶעם בַּעַל הַבַּיִת, 12 אוּן הָא־
בֶּען גֶעזָאגְט, דִיזֶע לֶעצְטֶע הָאבֶּען גֶעאַרְבֵּייט אֵיינֶע שָׁעָה, אוּן דוּא הָאסְט
זַייא גְלֵייךְ מִיט אוּנְז גֶעמַאכְט, וָואס הָאבֶּען דֶערְטְרָאגֶען דִיא לַאסְט פוּן דֶעם
טָאג אוּן דִיא בְּרֶענֶענְדִיגֶע הִיץ. 13 אָבֶּער עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט
צוּ אֵיינֶעם פוּן זַייא, מַיין פְרֵיינְד, אִיךְ טְהוּא דִיר נִיט קֵיין אוּנְרֶעכְט; הָאסְט דוּא
נִיט מִיט מִיר פֶערְגְלַייכְט פַאר אַ גְרָאשֶׁען? 14 נֶעם דִיר דָאס דֵיינִיגֶע, אוּן גֶעה
אַוֶועק; אִיךְ וִויל דִיזֶען לֶעצְטֶען גֶעבֶּען אַזוֹי ווִיא דִיר. 15 מֶעג אִיךְ נִיט טְהוּן
מִיט מֵיין אֵייגֶענֶעם וָואס אִיךְ וִויל? אָדֶער אִיז דֵיין אוֹיג שְׁלֶעכְט ווַייל אִיךְ בִּין
גוּט? 16 אַזוֹי וֶועלֶען דִיא לֶעצְטֶע זַיין עֶרְשְׁטֶע אוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע לֶעצְטֶע.
17 אוּן וֶוען יֵשׁוּעַ אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִיא
צְוֶועלְף תַּלְמִידִים אָן דֶער זַייט, אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג הָאט עֶר צוּ זַייא גֶעזָאגְט,
18 זֶעה מִיר גֶעהֶען אַרוֹיף קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן דֶער בֶּן אָדָם וֶועט אִיבֶּערְגֶעלִיפֶערְט
וֶוערֶען צוּ דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן דִיא סוֹפְרִים; אוּן זַייא וֶועלֶען אִיהְם פֶער־
שׁוּלְדִיגֶען צוּם טוֹיט, 19 אוּן זַייא וֶועלֶען אִיהְם אִיבֶּערְלִיפֶערֶען צוּ דִיא גוֹיִם אַז
זַייא זָאלֶען אִיהְם אוֹיסְשְׁפָּאטֶען אוּן שְׁמֵייסֶען אוּן קְרֵייצִיגֶען; אוּן אִים דְרִיטֶען
טָאג וֶועט עֶר אוֹיפְשְׁטֶעהֶען.
20 דַאן אִיז צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען דִיא מוּטֶער פוּן דִיא קִינְדֶער פוּן זַבְדִי מִיט
אִיהְרֶע זִיהְן, אוּן הָאט זִיךְ צוּ אִיהְם גֶעבִּיקְט, אוּן עֶפֶּעס פוּן אִיהְם פֶערְלַאנְגְט.
21 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, וָואס ווִילְסְט דוּא? זִיא הָאט צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, גֶעבִּיט אַז דִיזֶע מֵיינֶע צְווֵייא זִיהְן זָאלֶען זִיצֶען, אֵיינֶער צוּ דֵיינֶע

* גר׳ דינר 2,9

רֶעכְטֶע הַאנְד אוּן אֵיינֶער צוּ דֵיינֶע לִינְקֶע אִין דֵיין קֶענִיגְרֵייךְ. 22 אָבֶּער יֵשׁוּעַ
הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיהְר ווַייסְט נִיט וָואס אִיהְר פֶערְלַאנְגְט;
קָאנְט אִיהְר טְרִינְקֶען דֶעם כּוֹס וָואס אִיךְ וֶועל טְרִינְקֶען? זַייא הָאבֶּען צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, מִיר קָאנֶען. 23 עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, מֵיין כּוֹס וֶועט אִיהְר
טְרִינְקֶען, אָבֶּער צוּ זִיצֶען צוּ מֵיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד אוּן צוּ מֵיינֶע לִינְקֶע הַאנְד
אִיז נִיט מֵיין צוּ גֶעבֶּען, נֵייעֶרְט צוּ דִיא פַאר וֶועמֶען עֶס אִיז אָנְגֶעבְּרֵייט פוּן
מֵיין פָאטֶער. 24 אוּן ווִיא דִיא צֶעהְן הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶס זַייא
פֶערְדְרָאסֶען אִיבֶּער דִיא צְווַייא בְּרִידֶער. 25 אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט זַייא צוּ זִיךְ
גֶערוּפֶען אוּן גֶעזָאגְט, אִיהְר ווַייסְט אַז דִיא פִירְשְׁטֶען פוּן דִיא פֶעלְקֶער הֶערְ־
שֶׁען אִיבֶּער זַייא, אוּן דִיא פָארְנֶעהְמֶע גֶעוֶועלְטִיגֶען אִיבֶּער זַייא. 26 עֶס זָאל
נִיט אַזוֹי זַיין צְווִישֶׁען אֵייךְ; נֵייעֶרְט וֶוער עֶס ווִיל גְרוֹיס זַיין צְווִישֶׁען אֵייךְ, דֶער
זָאל זַיין אֵייעֶר בֶּעדִינְטֶער; 27 אוּן וֶוער עֶס ווִיל דֶער עֶרְשְׁטֶער זַיין צְווִישֶׁען
אֵייךְ, דֶער זָאל זַיין אֵייעֶר קְנֶעכְט; 28 אַזוֹי ווִיא דֶער בֶּן אָדָם אִיז נִיט גֶעקוּמֶען
בֶּעדִינְט צוּ וֶוערֶען, נֵייעֶרְט צוּ בֶּעדִינֶען, אוּן זַיין לֶעבֶּען צוּ גֶעבֶּען אֵיין אוֹיסְ־
לֶעזוּנְג פַאר פִילֶע.
29 אוּן וֶוען זַייא זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן יְרִיחוֹ זֶענֶען אִיהְם פִיל לֵייט
נָאכְגֶעגַאנְגֶען. 30 אוּן זֶעה, צְווַייא בְּלִינְדֶע זֶענֶען גֶעזֶעסֶען בַּיים וֶועג, אוּן וֶוען
זַייא הָאבֶּען גֶעהֶערְט אַז יֵשׁוּעַ גֶעהְט פַארְבַּייא, הָאבֶּען זַייא גֶעשְׁרִיגֶען אוּן
גֶעזָאגְט, הַאר, דֶערְבַּארְם דִיךְ אִיבֶּער אוּנְז, דוּא זוּהְן פוּן דָוִד. 31 אוּן דִיא לֵייט
הָאבֶּען זַייא אָנְגֶעשְׁרִיגֶען, אַז זַייא זָאלֶען שְׁטִיל שְׁווַייגֶען; אָבֶּער זַייא הָאבֶּען
נָאךְ מֶעהְר גֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט, הַאר, דֶערְבַּארְם דִיךְ אִיבֶּער אוּנְז, דוּא
זוּהְן פוּן דָוִד. 32 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען, אוּן הָאט זַייא גֶערוּפֶען אוּן גֶע־
זָאגְט, וָואס ווִילְט אִיהְר אַז אִיךְ זָאל אֵייךְ טְהוּן? 33 זַייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, הַאר, אַז אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען זָאלֶען אוֹיפְגֶעמַאכְט וֶוערֶען. 34 אוּן יֵשׁוּעַ
הָאט אוֹיף זַייא רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, אוּן הָאט זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען אָנְגֶערִיהְרְט, אוּן
גְלֵייךְ זֶענֶען זַייא זֶעהֶענְדִיג גֶעוָוארֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם נָאכְגֶעפָאלְגְט.

כא

1 אוּן וֶוען זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶענֶעהֶנְט צוּ יְרוּשָׁלַיִם, אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען
קַיין בֵּית־פַּגֵי צוּם הַר הַזֵּתִים, דַאן הָאט יֵשׁוּעַ אוֹיסְגֶעשִׁיקְט צְווַייא תַּלְמִידִים,
2 אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, גֶעהְט אַהִין צוּם דָארְף וָואס אִיז קֶעגֶען אֵייךְ, אוּן
גְלֵייךְ וֶועט אִיהְר גֶעפִינֶען אֵיין עֶזֶעל אָנְגֶעבּוּנְדֶען, אוּן אַ פִילְכֶען דֶערְבַּייא;
בִּינְד זַייא אוֹיף, אוּן בְּרֶענְגְט זַייא צוּ מִיר. 3 אוּן וֶוען אֵיימִיצֶער וֶועט אֵייךְ
עֶפֶּעס זָאגֶען, אַזוֹי זָאגְט אִיהְר אַז דֶער הַאר בֶּעדַארְף זַייא; אוּן עֶר וֶועט זַייא
בַּאלְד שִׁיקֶען. 4 אוּן דָאס אִיז גֶעשֶׁעהֶען, כְּדֵי עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערֶען וָואס אִיז
גֶעזָאגְט דוּרְךְ דֶעם נָבִיא, דֶער זָאגְט,

5 זָאגְט צוּ דֶער טָאכְטֶער פוּן צִיוֹן,
זֶעה, דֵיין קֶענִיג קוּמְט צוּ דִיר,
זַאנְפְטְמִיטִיג אוּן רֵייטֶענְדִיג אוֹיף אֵיין עֶזֶעל,

5 זכריה ט׳ ט׳.

מתי כא

אוּן אוֹיף אַ פִילְכֶען, דָאס יוּנְגֶע פוּן אֵיינֶע עֶזֶעלִין.
6 אוּן דִיא תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבֶּען גֶעטְהוּן אַזוֹי וִויא יֵשׁוּעַ הָאט
זֵייא בֶּעפוֹילֶען, 7 אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעבְּרַאכְט דָאס עֶזֶעל אוּן דָאס פִילְכֶען, אוּן
הָאבֶּען זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער דְרוֹיף גֶעלֶעגְט, אוּן הָאבֶּען אִיהְם אוֹיף זֵייא גֶעזֶעצְט.
8 אוּן אַ סַךְ לֵייט הָאבֶּען זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג; אוּן
אַנְדֶערֶע הָאבֶּען אָפְּגֶעשְׁנִיטֶען צְווייגֶען פוּן דִיא בֵּייםֶער אוּן הָאבֶּען זֵייא אוֹיסְ-
גֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג. 9 אוּן דִיא לֵייט וָואס זֶענֶען פָאר אִיהְם אוּן נָאךְ
אִיהְם גֶעגַאנְגֶען הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט,

הוֹשַׁעְנָא צוּם זוּהְן פוּן דָוִד,
גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער וֶועלְכֶער קוּמְט אִים נָאמֶען פוּן דֶעם הַאר'ן,
הוֹשַׁעְנָא אִין דֶער הוֹיךְ.

10 אוּן וֶוען עֶר אִיז קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, אִיז דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאדְט
בֶּעוֶועגְט גֶעוָוארֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, וֶוער אִיז דִיזֶער? 11 אוּן דִיא לֵייט
הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דָאס אִיז דֶער נָבִיא יֵשׁוּעַ פוּן נְצֶרֶת אִין גָלִיל.
12 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען
אַלֶע דִיא וָואס הָאבֶּען פֶערְקוֹיפְט אוּן גֶעקוֹיפְט אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּן הָאט אוּמְ-
גֶעוָוארְפֶען דִיא טִישׁ פוּן דִיא גֶעלְדְוֶועקְסְלֶער, אוּן דִיא שְׁטוּהְלֶען פוּן דִיא וָואס
הָאבֶּען דִיא טוֹיבֶּען פֶערְקוֹיפְט; 13 אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, עֶס שְׁטֶעהְט
גֶעשְׁרִיבֶּען, מֵיין הוֹיז זָאל גֶערוּפֶען וֶוערֶען אַ הוֹיז פוּן גֶעבֶּעט, אָבֶּער אִיהְר
הָאט דֶערְפוּן גֶעמַאכְט אַ הֵייל פוּן רוֹיבֶּער. 14 אוּן עֶס זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּ-
מֶען בְּלִינְדֶע אוּן קְרוּמֶע אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן עֶר הָאט זֵייא גֶעהֵיילְט.
15 אוּן וֶוען דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן סוֹפְרִים הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען דִיא וְואוּנְדֶער
וָואס עֶר הָאט גֶעטְהוּן, אוּן דִיא קִינְדֶער וָואס הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ
אוּן גֶעזָאגְט, הוֹשַׁעְנָה צוּם זוּהְן פוּן דָוִד, אַזוֹי הָאט עֶס זֵייא פֶערְדְרָאסֶען,
16 אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הֶערְסְט דוּא וָואס דִיזֶע זָאגֶען? אוּן יֵשׁוּעַ
הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, יָא, הָאט אִיהְר קֵיינְמָאל נִיט גֶעלֵיינְט, פוּן דֶעם מוֹיל
פוּן יוּנְגְלִינְגֶע אוּן קִינְדֶער הָאסְט דוּא לוֹיבּ פָאלְקוּמֶען גֶעמַאכְט? 17 אוּן עֶר
הָאט זֵייא פֶערְלָאזְט, אוּן אִיז אוֹיס דֶער שְׁטָאדְט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען קֵיין בֵּית עֲנְיָה,
אוּן הָאט דָארְט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט.
18 אוּן צוּ מָארְגֶען פְרִיה וֶוען עֶר אִיז אִין דֶער שְׁטָאדְט אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען,
אִיז עֶר הוּנְגְרִיג גֶעוָוארֶען. 19 אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אַ פֵייגֶענְבּוֹים אוֹיף דֶעם
וֶועג, אוּן אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען דֶערְצוּ, אוּן הָאט דְרוֹיף נִיט מֶעהְר גֶעפִינֶען חוּץ
בְּלֶעטְלֶעךְ אַלֵיין, אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, עֶס זָאל נִיט מֶעהְר קֵיינֶע
פֵּרוֹת אוֹיף דִיר וַואקְסֶען אוֹיף עֶבִּיג. אוּן בַּאלְד אִיז דֶער פֵייגֶענְבּוֹים פֶערְדַארְט
גֶעוָוארֶען. 20 אוּן וֶוען דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען דָאס גֶעזֶעהֶען, הָאבֶּען זֵייא זִיךְ
גֶעוְואוּנְדֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, וִויא בַּאלְד אִיז דֶער פֵייגֶענְבּוֹים פֶערְדַארְט גֶעוָוארֶען?
21 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ,

תהלים קיח׳, כה׳ כו׳. 9 ישעיה נו׳ ז׳: ירמיה ז׳ יא׳. 1 תהלים ח׳ ג׳, 16

װען אִיהְר זָאלְט הָאבֶּען גְלױבֶּען, און זָאלְט נִיט צְװייפְלֶען, אַזוי װעט אִיהְר
נִיט אַלֵיין טְהון װָאס אִיז גֶעשֶׁעהֶען צום פֵייגֶענְבּוים ; נֵייעֶרְט װען אִיהְר װעט
אױךְ זָאגֶען צו דִיזֶעם בַּארג, דוא זָאלְסְט דִיךְ אױפְהֵייבֶּען און זָאלְסְט אִים יַם
אַרֵיינְגֶעװָארְפֶען װערֶען, אַזוי װעט עֶס גֶעשֶׁעהֶען ; 22 און אַלֶעס װָאס אִיהְר
װעט פֶערלַאנְגֶען אִים גֶעבֶּעט מִיט אֱמוּנָה, אַזוי װעט אִיהְר עֶס דֶערְהַאלְטֶען.
23 און װען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִים בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַרֵיין, זֶענֶען צו אִיהְם גֶעקוּמֶען
דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים און דִיא עֶלְצְטֶע פון דֶעם פָאלְק, װען עֶר הָאט גֶעלֶעהְרְט,
און זֵייא הָאבֶּען צו אִיהְם גֶעזָאגְט, דוּרְךְ װָאס פַאר אַ מַאכְט טְהוּסְט דוא דִיזֶע
זַאכֶען ? און װער הָאט דִיר דִיזֶע מַאכְט גֶעגֶעבֶּען ? 24 און יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְ־
פֶערְט און הָאט צו זֵייא גֶעזָאגְט, אִיךְ װִיל אֵייךְ אױךְ אֵיין זַאךְ פְרֶעגֶען, און װען
אִיהְר װעט מִיר דָאס זָאגֶען, אַזוי װעל אִיךְ אֵייךְ אױךְ זָאגֶען דוּרְךְ װָאס פַאר
אַ מַאכְט אִיךְ טְהוּא דִיזֶע זַאכֶען. 25 דִיא טְבִילָה פון יוֹחָנָן פון װַאנֶען אִיז זִיא
גֶעװֶעזֶען, פון דֶעם הִימֶעל, אָדֶער פון מֶענְשֶׁען ? און זֵייא הָאבֶּען זִיךְ מִיט אֵיינְ־
אַנְדֶער אִיבֶּערְלֶעגְט און גֶעזָאגְט, װען מִיר װעלֶען זָאגֶען פון דֶעם הִימֶעל, דַאן
װעט עֶר זָאגֶען, פַארְװָאס הָאט אִיהְר אִיהְם דֶען נִיט גֶעגְלױבְּט ? 26 און װען מִיר
װעלֶען זָאגֶען פון מֶענְשֶׁען, אַזוי הָאבֶּען מִיר מוֹרָא פַאר דִיא לֵייט, װָארִין אַלֶע
הַאלְטֶען יוֹחָנָן פַאר אַ נָבִיא. 27 און זֵייא הָאבֶּען צו יֵשׁוּעַ גֶעעֶנְטְפֶערְט און
גֶעזָאגְט, מִיר װִיסֶען נִיט. אַזוי הָאט עֶר צו זֵייא גֶעזָאגְט, אִיךְ װעל אֵייךְ אױךְ
נִיט זָאגֶען דוּרְךְ װָאס פַאר אַ מַאכְט אִיךְ טְהוּא דִיזֶע זַאכֶען. 28 אָבֶּער װָאס דֶענְקְט
אִיהְר ? אַ מַאן הָאט גֶעהַאט צְװייא זִיהְן ; און עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צום עֶרְשְׁ־
טֶען און הָאט גֶעזָאגְט, מֵיין זוּהְן, גֶעה און אַרְבֵּייט הֵיינְט אִין מֵיין װיינְגָארְטֶען.
29 און עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט, דָא בִּין אִיךְ הַאר, און אִיז נִיט גֶעגַאנְגֶען.
30 און עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צום אַנְדֶערֶען, און הָאט אױךְ אַזוי גֶעזָאגְט ; און עֶר הָאט
גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט, אִיךְ װִיל נִיט, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ בֶּעדַאכְט און
אִיז גֶעגַאנְגֶען. 31 װעלְכֶער פון דִיא צְװייא הָאט גֶעטְהוּן דֶעם װִילֶען פון דֶעם
פָאטֶער ? זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דֶער אַנְדֶערֶער. יֵשׁוּעַ הָאט צו זֵייא גֶעזָאגְט,
בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז דִיא שְׁטֵייעֶרְאֵיינְנֶעמֶער און דִיא הוּרֶען װעלֶען
פְרִיהֶער פון אֵייךְ אַרֵיינְקוּמֶען אִים קֶענִיגְרֵייךְ פון גָאט. 32 װָארִין יוֹחָנָן אִיז צו
אֵייךְ גֶעקוּמֶען אִים װעג פון גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, און אִיהְר הָאט אִיהְם נִיט גֶעגְלױבְּט ;
אָבֶּער דִיא שְׁטֵייעֶרְאֵיינְנֶעמֶער און דִיא הוּרֶען הָאבֶּען אִיהְם גֶעגְלױבְּט ; און
װען אִיהְר הָאט דָאס גֶעזֶעהֶען, הָאט אִיהְר אֵייךְ דָאךְ נִיט בֶּעדַאכְט אַז אִיהְר
זָאלְט אִיהְם גְלױבֶּען.
33 הֶערְט צו אֵיין אַנְדֶערֶעס מָשָׁל, דָא אִיז גֶעװֶען אַ בַּעַל הַבַּיִת, װָאס הָאט
גֶעפְלַאנְצְט אַ װיינְגָארְטֶען, און אַ צוים דְרוּם גֶעמַאכְט, און אַ קֶעלְטֶער דְרִינֶען
גֶעגְרָאבֶּען, און הָאט גֶעבּױעֶט אַ טְהוּרְם, און עֶס פֶערְדוּנְגֶען צו װיינְגֶערְטְנֶער,
און אִיז אַװעקְגֶעפָאהְרֶען. 34 און װען דִיא צֵייט פון פְרוּכְט אִיז גֶעקוּמֶען, אַזוי
הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט זֵיינֶע קְנֶעכְט צו דִיא װיינְגֶערְטְנֶער, אַז זֵייא זָאלֶען זֵיינֶע
פְרוּכְט צוּנֶעמֶען. 35 און דִיא װיינְגֶערְטְנֶער הָאבֶּען זֵיינֶע קְנֶעכְט גֶענוּמֶען, און

אֵיינֶעם גֶעשְׁלָאגֶען אוּן אֵיינֶעם הָאבֶּען זַייא אוּמְגֶעבְּרַאכְט, אוּן אֵיין אַנְדֶערֶען
גֶעשְׁטֵיינִיגְט. 36 ווִידֶער הָאט עֶר אַנְדֶערֶע קְנֶעכְט גֶעשִׁיקְט, מֶעהְר ווִיא דִיא
עֶרְשְׁטֶע; אוּן זַייא הָאבֶּען צוּ דִיזֶע אוֹיךְ אַזוֹי גֶעטְהוּן. 37 דֶערְנָאךְ הָאט עֶר
זַיין זוּהְן צוּ זַייא גֶעשִׁיקְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, זַייא וֶועלֶען מֵיין זוּהְן עֶהְרֶען.
38 אָבֶּער וֶוען דִיא ווַיינְגֶערְטְנֶער הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען דֶעם זוּהְן, אַזוֹי הָאבֶּען זַייא
צְווִישֶׁען אֵיינַאנְדֶער גֶעזָאגְט, דָאס אִיז דֶער יוֹרֵשׁ; קוּמְט, לָאזֶען מִיר אִיהְם
הַרְגֶענֶען אוּן זַיינֶע יְרוּשָׁה צוּנֶעמֶען. 39 אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם גֶענוּמֶען, אוּן
אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען אוֹיס דֶעם ווַיינְגָארְטֶען, אוּן גֶעהַרְגֶעט. 40 דְרוּם וֶוען דֶער הַאר
פוּן דֶעם ווַיינְגָארְטֶען וֶועט קוּמֶען, וָואס וֶועט עֶר טְהוּן צוּ דִיזֶע ווַיינְגֶערְטְנֶער?
41 זַייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, עֶר וֶועט דִיזֶע רְשָׁעִים שְׁרֶעקְלִיךְ פֶערְנִיכְטֶען,
אוּן וֶועט דֶעם ווַיינְגָארְטֶען אִיבֶּערְגֶעבֶּען צוּ אַנְדֶערֶע ווַיינְגֶערְטְנֶער, וָואס וֶועלֶען
אִיהְם דִיא פְרוּכְט אָפְּגֶעבֶּען אִין זַיינֶע צֵייט. 42 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט,
הָאט אִיהְר קֵיינְמָאל נִיט גֶעלֵיינְט אִין דֶער שְׁרִיפְט,

דֶער שְׁטֵיין וֶועלְכֶע דִיא בּוֹימֵייסְטֶער הָאבֶּען פֶערְוָוארְפֶען,
דֶער אִיז צוּם עֶקְשְׁטֵיין גֶעוָוארֶען;
דָאס אִיז גֶעשֶׁעהֶען פוּן דֶעם הַאר'ן,
אוּן עֶס אִיז וְואוּנְדֶערְלִיךְ אִין אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען.

43 דְרוּם זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט וֶועט פוּן אֵייךְ אַוֶועקְגֶענוּ־
מֶען וֶוערֶען, אוּן וֶועט גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען צוּ אַ פָאלְק וָואס בְּרֶענְגְט זַיינֶע פְרוּכְט.
44 אוּן וֶוער עֶס וֶועט פַאלֶען אוֹיף דִיזֶעם שְׁטֵיין דֶער וֶועט צוּבְּרָאכֶען וֶוערֶען;
אָבֶּער אוֹיף וֶועמֶען עֶר וֶועט פַאלֶען דֶעם וֶועט עֶר צוּמָאלֶען. 45 אוּן וֶוען דִיא
עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן דִיא פְּרוּשִׁים הָאבֶּען זַיינֶע מְשָׁלִים גֶעהֶערְט, אַזוֹי הָאבֶּען
זַייא גֶעווָאוּסְט אַז עֶר רֶעט פוּן זַייא; 46 אוּן וֶוען זַייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעזוּכְט
צוּ נֶעמֶען, הָאבֶּען זַייא מוֹרָא גֶעהַאט פַאר דִיא לֵייט, וָוארִין זַייא הָאבֶּען אִיהְם
גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ נָבִיא.

כב 1 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זַייא אִין מְשָׁלִים ווִידֶער
גֶערֶעט אוּן גֶעזָאגְט, 2 דָאס מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם אִיז גְלֵייךְ צוּ אַ קֶענִיג וָואס הָאט
גֶעמַאכְט אַ חֲתוּנָּה פַאר זַיין זוּהְן; 3 אוּן הָאט זַיינֶע קְנֶעכְט גֶעשִׁיקְט צוּ רוּפֶען
דִיא וָואס זֶענֶען אֵיינְגֶעבֶּעטֶען גֶעוָוארֶען צוּ דֶער חֲתוּנָּה; אוּן זַייא הָאבֶּען נִיט
גֶעוָואלְט קוּמֶען. 4 אַזוֹי הָאט עֶר ווִידֶער אַנְדֶערֶע קְנֶעכְט גֶעשִׁיקְט אוּן גֶעזָאגְט,
זָאגְט צוּ דִיא וָואס זֶענֶען אֵיינְגֶעבֶּעטֶען, זֶעהְט, אִיךְ הָאבּ מֵיינֶע סְעוּדָה פַארְטִיג
גֶעמַאכְט, מֵיינֶע רִינְדֶער אוּן מֵיינֶע פֶעטֶע אָקְסֶען זֶענֶען גֶעשָׁאכְטֶען, אוּן אַלֶעס
אִיז פֶערְטִיג; קוּמְט צוּ דֶער חֲתוּנָּה. 5 אָבֶּער עֶס הָאט זַייא גָאר נִיט גֶעהַארְט,
אוּן זַייא זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אֵיינֶער אִין זַיין פֶעלְד אַרַיין, דֶער אַנְדֶערֶער צוּ
זַיין הַאנְדֶעל. 6 אוּן דִיא אִיבְּרִיגֶע הָאבֶּען גֶענוּמֶען דִיא קְנֶעכְט אוּן הָאבֶּען
זַייא מִיט שַׁאנְד בֶּעהַאנְדֶעלְט אוּן אוּמְגֶעבְּרַאכְט. 7 אוּן דֶער קֶענִיג אִיז
אִין כַּעַס גֶעוָוארֶען, אוּן הָאט זַיינֶע הֶערְשַׁארֶען אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט, אוּן

42 תהלים קיח׳ כב׳ כג׳

הָאט יֶענֶע רוֹצְחִים אוּמְגֶעבְּרַאכְט, אוּן הָאט זֵייעֶרֶע שְׁטָאדְט פֶערְבְּרֶענְט.
8 דַאן הָאט עֶר צוּ זֵיינֶע קְנֶעכְט גֶעזָאגְט, דִיא חַתוּנָה אִיז אִיצְט פַארְטִיג, אָבֶּער
דִיא וָואס זֶענֶען אֵיינְגֶעבֶּעטֶען גֶעוָוארֶען זֶענֶען נִיט וֶוערְט. 9 דְרוּם גֶעהְט אִיהְר
צוּ דִיא הוֹיפְּטְגַאסֶען, אוּן וֶועמֶען אִיהְר וֶועט גֶעפִינֶען בֶּעט אֵיין אוֹיף דֶער
חַתוּנָה. 10 אוּן דִיא קְנֶעכְט זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִיא הוֹיפְּטְגַאסֶען, אוּן
הָאבֶּען אֵיינְגֶעזַאמֶעלְט אַלֶע וֶועלְכֶע זֵייא הָאבֶּען גֶעפִינֶען, שְׁלֶעכְטֶע אוּן גוּטֶע,
אוּן דִיא חַתוּנָה אִיז גֶעוֶועזֶען פוּל מִיט גֶעסְט. 11 אוּן וֶוען דֶער קֶענִיג אִיז אַרֵיינְ־
גֶעקוּמֶען דִיא גֶעסְט צוּ זֶעהֶען, אַזוֹי הָאט עֶר דָארְט גֶעזֶעהֶען אַ מַאן וָואס
הָאט נִיט אָנְגֶעטְהוּן קֵיין חַתוּנָה קְלֵייד; 12 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
פְרֵיינְד, וִויא אַזוֹי בִּיסְט דוּא אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אָהְן אַ חַתוּנָה קְלֵייד? אוּן עֶר אִיז
פֶערְשְׁטוּמְט גֶעוָוארֶען. 13 דַאן הָאט דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט צוּ דִיא בֶּעדִינְטֶע, בִּינְד
אִיהְם הֶענְד אוּן פִּיס, אוּן וַוארְפְט אִיהְם אַרוֹיס אִין דִיא אוֹיסֶערֶע פִינְסְטֶערְ־
נִיס; דָארְט וֶועט זֵיין גֶעוֵויין אוּן צֵיינְקְרִיצֶען. 14 וָוארִין פִילֶע זֶענֶען בֶּערוּפֶען,
אָבֶּער וֶוענִיג זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט.
15 דַאן זֶענֶען דִיא פְּרוּשִׁים אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאבֶּען אֵיין עֵצָה גֶעהַאלְטֶען,
וִויא זֵייא זָאלֶען אִיהְם אִין רֶעד פַאנְגֶען. 16 אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶע־
שִׁיקְט זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, מִיט דִיא לֵייט פוּן הוֹרְדוֹס, אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט,
לֶעהְרֶער, מִיר וֵויסֶען אַז דוּא בִּיסְט אֵיין אֱמֶתֶער מֶענְשׁ, אוּן לֶעהְרְסְט דֶעם
וֶועג פוּן גָאט אִין וָואהְרְהֵייט, אוּן פְרֶעגְסְט נָאךְ קֵיינֶעם נִיט, וָוארִין דוּא בִּיסְט
קֵיינֶעם נִיט נוֹשֵׂא פָּנִים. 17 דְרוּם זָאג אוּנְז וִויא דֶענְקְסְט דוּא? מֶעג מֶען גֶעבֶּען
מַס צוּם קֵיסָר אָדֶער נִיט? 18 אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט זֵייעֶר רִשְׁעַת בֶּעמֶערְקְט אוּן
גֶעזָאגְט, וָוארוּם פְּרִיפְט אִיהְר מִיךְ אִיהְר הֵייכְלֶער? 19 וֵוייזְט מִיר דָאס גֶעלְד
פוּן מַס. אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעבְּרַאכְט אַ מַטְבֵּעַ*. 20 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא
גֶעזָאגְט, וֶועמֶעס אִיז דָאס בִּילְד, אוּן דִיא אוֹיפְשְׁרִיפְט? 21 זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט,
צוּם קֵיסָר דַאן הָאט עֶר צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, דְרוּם גִיבְּט דֶעם קֵייזֶער וָואס אִיז
צוּם קֵיסָר אוּן צוּ גָאט וָואס אִיז צוּ גָאט. 22 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט,
הָאבֶּען זֵייא זִיךְ פֶערְוָואוּנְדֶערְט, אוּן הָאבֶּען אִיהְם אָפְּגֶעלָאזְט אוּן זֶענֶען
אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.
23 אִין דֶעמְזֶעלְבִּיגֶען טָאג זֶענֶען דִיא צַדוּקִים צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, וָואס
זָאגֶען עֶס וֶועט נִיט קֵיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים זֵיין. אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם
גֶעפְרֶעגְט 24 אוּן גֶעזָאגְט, לֶעהְרֶער, מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אֵיינֶער שְׁטַארְבְּט
אוּן הָאט קֵיינֶע קִינְדֶער נִיט, אַזוֹי זָאל זֵיין בְּרוּדֶער זֵיין וַוייבּ יְהַיירַאטֶען, אוּן
זָאל אוֹיפְשְׁטֶעלֶען זָאמֶען צוּ זֵיין בְּרוּדֶער. 25 עֶס זֶענֶען בֵּייא אוּנְז גֶעוֶועזֶען זִיבֶּען
בְּרִידֶער, אוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט חַתוּנָה גֶעהַאט, אוּן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּן
ווייל עֶר הָאט נִיט גֶעהַאט קֵיין זָאמֶען, אַזוֹי הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זֵיין וַוייבּ
צוּ זֵיין בְּרוּדֶער. 26 אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועזֶען מִיט דֶעם צְוֵוייטֶען, אוּן דֶעם דְרִיטֶען,
בִּיז דִיא זִיבֶּען. 27 אוּן צוּלֶעצְט פוּן אַלֶע אִיז דָאס וַוייבּ גֶעשְׁטָארְבֶּען. 28 דְרוּם

* גר׳ דינר 19   24 בראשית לח׳ ח׳: דברים כה׳ ה׳ ו׳

אִין תְּחִיַּת הַמֵּתִים וֶועמֶעס וֶועט זִיא זֵיין פוּן דִיא זִיבֶּען? וָוארִין זֵייא אַלֶע
הָאבֶּען זִיא גֶעהַאט. 29 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיהְר פֶערְ־
פִיהְרְט אֵייךְ וַוייל אִיהְר קֶענְט נִיט דִיא שְׁרִיפְט, אוּן אוֹיךְ נִיט דִיא מַאכְט פוּן
גָאט. 30 וָוארִין אִין תְּחִיַּת הַמֵּתִים וֶועט מֶען נִיט חַתוּנָה הָאבֶּען אוּן נִיט חַתוּנָה
מַאכֶען, נֵייעֶרְט זֵייא וֶועלֶען זֵיין וִויא דִיא מַלְאָכִים אִים הִימֶעל. 31 אוּן וֶועגֶען
תְּחִיַּת הַמֵּתִים, הָאט אִיהְר נִיט גֶעלֵיינְט וָואס אִיז צוּ אֵייךְ גֶעזָאגְט פוּן גָאט,
זָאגֶענְדִיג, 32 אִיךְ בִּין דֶער גָאט פוּן אַבְרָהָם, אוּן דֶער גָאט פוּן יִצְחָק, אוּן דֶער
גָאט פוּן יַעֲקֹב? גָאט אִיז נִיט דֶער גָאט פוּן דִיא טוֹיטֶע, נֵייעֶרְט פוּן דִיא
לֶעבֶּעדִיגֶע. 33 אוּן וֶוען דִיא לֵייט הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט, אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא זִיךְ
פֶערְוְואוּנְדֶערְט אִיבֶּער זֵיינֶע לֶעהְרֶע.

34 אוּן וֶוען דִיא פְּרוּשִׁים הָאבֶּען גֶעהֶערְט, אַז עֶר הָאט דִיא צַדוּקִים שְׁטִיל
גֶעמַאכְט, הָאבֶּען זֵייא זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט. 35 אוּן אֵיינֶער פוּן זֵייא, אַ בַּעַל תּוֹרָה,
הָאט אִיהְם גֶעפְּרִיפְט אוּן גֶעפְרֶעגְט, 36 לֶעהְרֶער, וָואס פַאר אַ מִצְוָה
אִיז דִיא גְרוֹיסֶע אִין דֶער תּוֹרָה? 37 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דוּא
זָאלְסְט דֶעם הַאר'ן דֵיין גָאט לִיבֶּען מִיט דֵיין גַאנְצֶען הַארְץ, אוּן מִיט דֵיינֶע
גַאנְצֶע זֶעלֶע, אוּן מִיט דֵיין גַאנְצֶען גֶעמִיט; 38 דָאס אִיז דִיא גְרוֹיסֶע אוּן דִיא
עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה. 39 אוּן דִיא צְווייטֶע אִיז גְלֵייךְ צוּ אִיהְר, דוּא זָאלְסְט לִיבֶּען
דֵיינֶען חַבֵר וִויא זִיךְ זֶעלְבְּסְט. 40 אִין דִיזֶע צְווייא מִצְוֹת הֶענְגְט דִיא גַאנְצֶע
תּוֹרָה אוּן דִיא נְבִיאִים.

41 אוּן וֶוען דִיא פְּרוּשִׁים הָאבֶּען זִיךְ אֵיינְגֶעזַאמֶעלְט, הָאט זֵייא יֵשׁוּעַ גֶעפְרֶעגְט
42 אוּן גֶעזָאגְט, וָואס דֶענְקְט אִיהְר פוּן דֶעם מָשִׁיחַ? וֶועמֶעס זוּהְן אִיז עֶר?
זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דֶער זוּהְן פוּן דָוִד. 43 עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט,
וִויא אַזוֹי דֶען דָוִד אִים גֵייסְט רוּפְט אִיהְם הַאר, וֶוען עֶר זָאגְט,

44 דֶער הַאר הָאט צוּ מֵיין הַאר'ן גֶעזָאגְט,
זֶעץ דִיךְ צוּ מֵיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד,
בִּיז אִיךְ וֶועל לֶעגֶען דֵיינֶע פֵיינְד אוּנְטֶער דֵיינֶע פִּיס.

45 דֶען, וֶוען דָוִד רוּפְט אִיהְם הַאר, וִויא אַזוֹי אִיז עֶר זֵיין זוּהְן? 46 אוּן קֵיינֶער
הָאט אִיהְם נִיט גֶעקָאנְט עֶנְטְפֶערֶען אֵיין וָוארְט. אוּן פוּן יֶענֶעם טָאג אָן הָאט
זִיךְ קֵיינֶער נִיט אוּנְטֶערְשְׁטַאנֶען אִיהְם נָאךְ עֶפֶּעס צוּ פְרֶעגֶען.

כג 1 דַאן הָאט יֵשׁוּעַ גֶערֶעט צוּ דִיא לֵייט אוּן צוּ זֵיינֶע תַּלְמִידִים. 2 אוּן גֶע־
זָאגְט, דִיא סוֹפְרִים אוּן דִיא פְּרוּשִׁים זִיצֶען אוֹיף דֶעם שְׁטוּהְל פוּן משֶׁה; 3 דְרוּם
אַלֶעס וָואס זֵייא הֵייסֶען אֵייךְ הַאלְטֶען, דָאס טְהוּט אוּן הַאלְט, אָבֶּער נָאךְ
זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טְהוּט נִיט; וָוארִין זֵייא זָאגֶען אוּן טְהוּן עֶס נִיט. 4 אָבֶּער זֵייא
בִּינְדֶען שְׁוֶוערֶע לַאסְטֶען וָואס מֶען קָאן נִיט דֶערְטְרָאגֶען, אוּן לֶעגֶען זֵייא אוֹיף
דִיא אַקְסֶעל פוּן מֶענְשֶׁען, אָבֶּער זֵייא אַלֵיין ווִילֶען זֵייא נִיט מִיט אַ פִינְגֶער
אוֹיפְהֶעבֶּען. 5 אוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טְהוּן זֵייא אַז זֵייא זָאלֶען גֶעזֶעהֶען
וֶוערֶען פוּן מֶענְשֶׁען; דֶען זֵייא מַאכֶען בְּרֵייט זֵייעֶרֶע תְּפִלִּין, אוּן מַאכֶען לַאנְג

44 תְּהִלִּים קי׳ א׳ — 32 שְׁמוֹת ג׳ ו׳

דִיא צִיצִית, 6 אוּן הָאבֶּען לִיבּ אוֹיבֶּען אָן צוּ זִיצֶען אוֹיף סְעוּדוֹת, אוּן צוּ
שְׁטֶעהֶען אוֹיבֶּען אָן אִין דִיא שׁוּלֶען, 7 אוּן אַז מֶען זָאל זַייא גְרִיסֶען אִין דִיא
גַאסֶען, אוּן דִיא מֶענְשֶׁען זָאלֶען זַייא רוּפֶען רַבִּי. 8 אָבֶּער אִיהְר זַייט נִיט גֶע־
רוּפֶען רַבִּי, וָוארִין אֵיינֶער אִיז אֵייעֶר לֶעהְרֶער, אוּן אִיהְר אַלֶע זֶענְט בְּרִידֶער.
9 אוּן אִיהְר זָאלְט קֵיינֶעם נִיט רוּפֶען אֵייעֶר פָאטֶער אוֹיף דֶער עֶרְד, וָוארִין
אֵיינֶער אִיז אֵייעֶר פָאטֶער, דֶער אִיז אִים הִימֶעל. 10 אוּן אִיהְר זַייט אוֹיךְ נִיט
גֶערוּפֶען פִיהְרֶער, וָוארִין אֵיינֶער אִיז אֵייעֶר פִיהְרֶער, דֶער מָשִׁיחַ. 11 אָבֶּער דֶער
גְרֶעסֶערֶער צְווִישֶׁען אֵייךְ זָאל אֵייעֶר בֶּעדִינְטֶער זַיין. 12 אוּן וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ
זֶעלְבְּסְט דֶערְהֵייבֶּען, דֶער וֶועט דֶערְנִידֶערִיגְט וֶוערֶען; אוּן וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ
דֶערְנִידְרִיגֶען, דֶער וֶועט דֶערְהֵייבְּט וֶוערֶען.

13 אָבֶּער וֶועה צוּ אֵייךְ סוֹפְרִים אוּן פְּרוּשִׁים, אִיהְר הֵייכְלֶער! וָוארִין אִיהְר
פֶערְשְׁלִיסְט דָאס מַלְכוּת הַשָּׁמַיִם פָאר דִיא מֶענְשֶׁען, וָוארִין אִיהְר זֶעלְבְּסְט קוּמְט
נִיט אַרֵיין אוּן דִיא וָואס ווִילֶען אַרֵיינְקוּמֶען לָאזְט אִיהְר נִיט אַרֵיין.

15 וֶועה צוּ אֵייךְ סוֹפְרִים אוּן פְּרוּשִׁים, אִיהְר הֵייכְלֶער! וָוארִין אִיהְר פָאהְרְט
אַרוּם אִיבֶּער דֶעם יַם אוּן דִיא יַבָּשָׁה, אַז אִיהְר זָאלְט מַאכֶען אַ גֵר, אוּן וֶוען
עֶר אִיז דָאס גֶעוָוארֶען, אַזוֹי מַאכְט אִיהְר אִיהְם פַאר אַ בֶּן גֵיהִנָּם נָאךְ צְווֵייא
מָאל מֶעהְר וִויא אִיהְר.

16 וֶועה צוּ אֵייךְ, בְּלִינְדֶע פִיהְרֶער, וָואס אִיהְר זָאגְט, וֶוער עֶס שְׁוֶוערְט בֵּייא
דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דָאס אִיז גָאר נִיט; אָבֶּער וֶוער עֶס שְׁוֶוערְט בֵּיים גָאלְד פוּן
בֵּית הַמִּקְדָּשׁ דֶער אִיז שׁוּלְדִיג. 17 אִיהְר נַארֶען אוּן בְּלִינְדֶע, וָוארוּם וֶועלְכֶעס אִיז
גְרֶעסֶער, דָאס גָאלְד אָדֶער דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס הֵיילִיגְט דָאס גָאלְד?
18 אוּן וֶוער עֶס שְׁוֶוערְט בֵּיים מִזְבֵּחַ, דָאס אִיז גָאר נִיט; אָבֶּער וֶוער עֶס שְׁוֶוערְט
בֵּיים קָרְבָּן וָואס אִיז דְרוֹיף, דֶער אִיז שׁוּלְדִיג. 19 אִיהְר בְּלִינְדֶע, וָוארוּם וֶועלְכֶעס
אִיז גְרֶעסֶער, דָאס קָרְבָּן אָדֶער דֶער מִזְבֵּחַ וָואס הֵיילִיגְט דָאס קָרְבָּן? 20 דְרוּם
וֶוער עֶס שְׁוֶוערְט בֵּיים מִזְבֵּחַ, דֶער שְׁוֶוערְט דֶערְבֵּייא, אוּן בֵּייא אַלֶעס וָואס אִיז
דְרוֹיף. 21 אוּן וֶוער עֶס שְׁוֶוערְט בֵּיים בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶער שְׁוֶוערְט דֶערְבֵּייא, אוּן
בֵּייא אִיהְם דֶער ווָאוֹינְט דְרִינֶען. 22 אוּן וֶוער עֶס שְׁוֶוערְט בֵּיים הִימֶעל, דֶער
שְׁוֶוערְט בֵּייא דֶעם שְׁטוּהְל פוּן גָאט, אוּן בֵּייא אִיהְם דֶער זִיצְט דְרוֹיף.

23 וֶועה צוּ אֵייךְ סוֹפְרִים אוּן פְּרוּשִׁים אִיהְר הֵייכְלֶער! וָוארִין אִיהְר גִיבְּט
מַעֲשֵׂר פוּן מִינְט אוּן עֲנִים אוּן קִימֶעל, אוּן לָאזְט אוֹיס דִיא וִויכְטֶעגֶערֶע זַאכֶען
פוּן דֶער תּוֹרָה, דָאס גֶערֶעכְט, דִיא בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייט אוּן דֶען גְלוֹיבֶּען; דִיזֶע
זַאכֶען בֶּעדַארְפְט אִיהְר צוּ טְהוּן, אוּן יֶענֶע נִיט צוּ אוֹיסְלָאזֶען. 24 אִיהְר בְּלִינְדֶע
פִיהְרֶער, דִיא זֵייהֶען אוֹיס דִיא פְלִיג אוּן פֶערְשְׁלִינְגֶען דָאס קֶעמֶעל.

25 וֶועה צוּ אֵייךְ סוֹפְרִים אוּן פְּרוּשִׁים, אִיהְר הֵייכְלֶער! וָוארִין אִיהְר רֵיינִיגְט

---

14 וֶועה צוּ אֵייךְ סוֹפְרִים אוּן פְּרוּשִׁים, אִיהְר הֵייכְלֶער! וָוארִין אִיהְר שְׁלִינְגְט
אֵיין דִיא הֵייזֶער פוּן אַלְמָנוֹת, אוּן פַאר אֵיין אוֹיסְרֶעד זֶענְט אִיהְר לַאנְג מִתְפַּלֵּל;
דְרוּם וֶועט אִיהְר מֶעהְר מִשְׁפָּט דֶערְהַאלְטֶען.

דֶעם בֶּעכֶער און דיא שִׁיסֶעל פון אויסְוָועניג, אָבֶּער אִינְוָועניג זֶענֶען זֵייא פול
מִיט רויב און אוּנְרֵיינִיגְקֵייט. 26 דוא בְּלִינְדֶער פְּרוּשׁ, רֵייניג צוּם עֶרְשְׁטֶען דֶעם
בֶּעכֶער און דיא שִׁיסֶעל פון אִינְוָועניג, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען אויך רֵיין זֵיין פון
אויסְוָועניג.

27 וְועה צוּ אֵייךְ סוֹפְרִים און פְּרוּשִׁים, אִיהְר הֵייכְלֶער! וָוארִין אִיהְר זֶענְט
גְלֵייךְ צוּ אִיבֶּערְגֶעוֵוייסְטֶע קְבָרִים וָואס זֶעהֶען שֶׁעהְן אוֹיס פוּן דְרוֹיסֶען, אָבֶּער
אִינְוָועניג זֶענֶען זֵייא פול מִיט טוֹיטֶע בֵּיינֶער, און יֶעדֶע אוּנְרֵיינִיגְקֵייט.
28 אַזוֹי זֶענְט אִיהְר אוֹיךְ, פוּן דְרוֹיסֶען שֵׁיינְט אִיהְר צוּ דִיא מֶענְשֶׁען פְּרוּם,
אָבֶּער אִינְוָועניג זֶענְט אִיהְר פול מִיט חֲנִיפָה און אוּנְרֶעכְט.

29 וְועה צוּ אֵייךְ סוֹפְרִים און פְּרוּשִׁים, אִיהְר הֵייכְלֶער, וָוארִין אִיהְר בּוֹיעֶט
דִיא קְבָרִים פוּן דִיא נְבִיאִים, און פֶּערְצִירְט דִיא מַצֵּבוֹת פוּן דִיא צַדִיקִים,
30 און אִיהְר זָאגְט, וֶוען מִיר וָואלְטֶען גֶעוֶוען אִין דִיא צֵייטֶען פוּן אוּנְזֶערֶע פֶּע־
טֶער, אַזוֹי וָואלְטֶען מִיר נִיט מִיט זֵייא קֵיין טְהֵייל גֶעהַאט אִים בְּלוּט פוּן דִיא
נְבִיאִים. 31 אַזוֹי זֶענְט אִיהְר צוּ אֵייךְ זֶעלְבְּסְט עֵדוּת, אַז אִיהְר זֶענְט דִיא קִינְדֶער
פוּן דִיא וָואס הָאבֶּען דִיא נְבִיאִים אוּמְגֶעבְּרַאכְט. 32 מַאכְט אִיהְר אוֹיךְ פוּל דָאס
מָאס פוּן אֵייעֶרֶע פֶּעטֶער. 33 אִיהְר שְׁלַאנְגֶען, דִיא שְׁפְּרַאצוּנְג פוּן עֶגְדִיסֶען, וִויא
אַזוֹי וֶועט אִיהְר אַנְטְרִינֶען דָאס מִשְׁפָּט פוּן גֵיהִנָם? 34 דְרוּם זֶעהְט אִיךְ שִׁיק
צוּ אֵייךְ נְבִיאִים און חֲכָמִים און סוֹפְרִים, און עֶטְלִיכֶע פוּן זֵייא וֶועט אִיהְר
הַרְגֶענֶען און קְרֵייצִיגֶען; און עֶטְלִיכֶע וֶועט אִיהְר שְׁמֵייסֶען אִין אֵייעֶרֶע שׁוּלֶען,
און וֶועט זֵייא יָאגֶען פוּן אֵיינֶע שְׁטָאדְט צוּ דִיא אַנְדֶערֶע; 35 כְּדֵי עֶס זָאל אוֹיף
אֵייךְ קוּמֶען אַלֶעס אוּנְשׁוּלְדִיגֶעס בְּלוּט וָואס אִיז פֶּערְגָאסֶען גֶעוָוארֶען אוֹיף דֶער
עֶרְד, פוּן דֶעם בְּלוּט פוּן הֶבֶל הַצַדִיק בִּיז צוּם בְּלוּט פוּן זְכַרְיָה בֶּן בֶּרֶכְיָה,
וֶועלְכֶען אִיהְר הָאט אוּמְגֶעבְּרַאכְט צְווִישֶׁען דֶעם הֵיכָל און דֶעם מִזְבֵּחַ. 36 בֶּאֱמֶת
זָאג אִיךְ אֵייךְ, דָאס אַלֶעס וֶועט קוּמֶען אִיבֶּער דִיזֶען דוֹר.

37 יְרוּשָׁלַיִם! יְרוּשָׁלַיִם! וָואס הָאסְט גֶעטֵייטֶעט דִיא נְבִיאִים, און גֶעשְׁטֵיינִיגְט
דִיא וָואס זֶענֶען גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארֶען צוּ דִיר, וִויא פִיל מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט
דֵיינֶע קִינְדֶער אֵיינְזַאמְלֶען וִויא אַ הִין זַאמֶעלְט אֵיין אִיהְרֶע יוּנְגֶע אוּנְטֶער
אִיהְרֶע פְלִיגֶעל, און אִיהְר הָאט נִיט גֶעוָואלְט. 38 זֶעה וֶוערְד אֵייךְ אֵייעֶר הוֹיז
ווִיסְט פֶּערְלָאזְט. 39 וָוארִין אִיךְ זָאג אֵייךְ, פוּן אִיצְט אָן וֶועט אִיהְר מִיךְ נִיט
זֶעהֶען בִּיז אִיהְר וֶועט זָאגֶען, גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער, וֶועלְכֶער קוּמְט אִים נָאמֶען
פוּן דֶעם הַאר'ן.

כד

1 און יֵשׁוּעַ אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, און אִיז פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען,
און זֵיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען אוּם אִיהְם צוּ ווַייזֶען דִיא גֶעבֵּיידֶע
פוּן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ. 2 און עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט,
זֶעהְט אִיהְר נִיט דָאס אַלֶעס? בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, עֶס וֶועט הִיר נִיט אִי־
בֶּערְבְּלֵייבֶּען אֵיין שְׁטֵיין אוֹיף אֵיינְאַנְדֶערֶען, וָואס וֶועט נִיט צוּוָוארְפֶען וֶוערֶען.

35 בראשית ד׳ח׳: דברי הימים ב׳ כד׳ כ׳־כב׳. 39 תהלים קיח׳ כו׳.

[3] און װען ער איז געזעסען אויף דעם הר הזיתים, אַזוי זענען זײנע תּלמידים
צו איהם געקומען בײא זיך אַלײן, און האבען געזאגט, זאג אונז װען דיזע
זאַכען װעלען געשעהען, און װאס איז דאס צײכען פון דײן קומען און פון
דעם ענד פון דעם צײטאַלטער ? [4] און ישוע האט געענטפערט און האט צו
זײא געזאגט, זעהט אַז קײנער זאָל אײך ניט פערפיהרען. [5] װארין פילע װער־
לען קומען אין מײן נאמען, און װעלען זאגען, איך בין דער משיח ; און זײא
װעלען פילע פערפיהרען. [6] און איהר װעט הערען פון מלחמות, און נאכריכט
פון מלחמות ; זעהט אַז איהר זאָלט אײך ניט דערשרעקען ; װארין דיזע זאַכען
מוזען געשעהען, אָבער דער סוף איז נאך ניט. [7] װארין אַ פאָלק װעט אויפ־
שטעהען קעגען אײנאַנדערען פאָלק, און אַ קעניגרײך קעגען אײנאַנדערען
קעניגרײך, און עס װעט זײן הונגערסנויט און ערדציטערנים אין פערשידענע
ערטער. [8] דאס אַלעס איז דער אָנהײב פון צרות. [9] דאַן װעלען זײא
אײך איבערגעבען צו צרה און װעלען אײך הרגענען, און איהר װעט געהאַסט
װערען בײא אַלע פעלקער מײן נאמענס װעגען. [10] און דאַן װעלען פילע
שטרויכלען, און װעלען אײנער דעם אַנדערען איבערענטפערען, און אײנער
דעם אַנדערען האַסען. [11] און עס װעלען אויפשטעהען פילע פאַלשע נביאים,
און װעלען פילע פערפיהרען ; [12] און װײל דאס אונרעכט װעט זיך פערמעה־
רען, װעט די ליבע פון פילע קאַלט װערען. [13] אָבער דער װאס האַלט אויס
ביז צום סוף, דער װעט גערעטעט װערען. [14] און דיזע בשורה טובה פון דעם
קעניגרײך װעט געפּרעדיגט װערען אין די גאַנצע װעלט פאַר אַ צײגנים צו
אַלע פעלקער, און דאַן װעט דער סוף קומען.

[15] דרום װען איהר װעט זעהען די גרײעל פון דער פערװיסטונג, װאס איז
געזאגט פון דניאל הנביא שטעהענדיג אים הײליגען אָרט ; דער װאס לײנט
לאָז ער פערשטעהען ; [16] דאַן לאָזען די װאס זענען אין יהודה אַנטלויפען
צו די בערג ; [17] און דער װאס איז אויף דעם דאך לאָז ער ניט אַרונטער־
געהען אום די זאַכען פון דעם הויז צו נעמען ; [18] און דער װאס איז אים
פעלד לאָז ער זיך ניט צוריק אומקעהרען אום זײן קלײד צו נעמען. [19] און
װעה צו די װאס זענען מעוברת, און די װאס געבען צו זײגען, אין יענע
טעג. [20] אָבער בעט איהר אַז אײער אַנטלויפען זאָל ניט זײן אים װינטער,
אָדער אים שבּת ; [21] װארין דאַן װעט זײן אַ גרויסע צרה, אַזעלכע װאס איז
ניט געװעזען פון אָנהײב דער װעלט ביז אַצונד, און װעט אויך ניט מעהר זײן.
[22] און װען דיזע טעג זאָלען ניט פערקירצט װערען, אַזוי װאָלט קײן מענש ניט
גערעטעט געװאָרען ; אָבער װעגען די אויסדערװעהלטע װעלען יענע טעג
פערקירצט װערען. [23] דאַן װען אײנער װעט צו אײך זאָגען, זעהט, היר איז
דער משיח אָדער דאָ ; גלויבט עס ניט. [24] װארין עס װעלען אויפשטעהען
פאַלשע משיחים און פאַלשע נביאים, און זײא װעלען גרויסע צײכען און

[6] ישעיה יט׳ ב׳: ד״ה ב׳ טו׳ ו׳. [15] דניאל ט׳ כו׳, כז׳: יב׳ יא׳.
[21] יואל ב׳ ב׳ [24] דברים יג׳ א׳-ג׳.

וואונדער ווייזען, אז זייא זאלען פערפיהרען ווען עס זאל מעגליך זיין אפילו
דיא אויסדערוועהלטע. 25 זעהט, איך האב אייך פריהער אנגעזאגט. 26 דרום
ווען זייא וועלען צו אייך זאגען, זעהט, ער איז אין דער מדבר, אזוי געהט
ניט ארויס; זעהט, ער איז אין דיא קאמערן, אזוי גלויבט עס ניט; 27 וואדרין
אזוי וויא דער בליץ געהט אויס פון מזרח און שיינט ביז צו מערב, אזוי וועט
אויך זיין דאס קומען פון דעם בן אדם. 28 וואו דיא נבלה איז דארט וועלען
זיך דיא אדלער פערזאמלען.

29 און גלייך נאך דער צרה פון יענע טעג וועט דיא זון פינסטער ווערען,
און דיא לבנה וועט ניט געבען איהר ליכט, און דיא שטערען וועלען פון
הימעל פאלען, און דיא קרעפטע פון הימעל וועלען זיך בעוועגען; 30 און
דאן וועט זיך בעווייזען דאס צייכען פון דעם בן אדם אין הימעל, און דאן
וועלען אלע געשלעכטער פון דער ערד טרויערן, און וועלען זעהען דעם
בן אדם קומענדיג אין דיא וואלקען פון הימעל מיט קראפט און גרויסע הער-
ליכקייט. 31 און ער וועט ארויסשיקען זיינע מלאכים מיט א גרויס קול פון
א שופר, און זייא וועלען איינזאמלען זיינע אויסדערוועהלטע פון דיא פיער
ווינדען פון איין עק הימעל ביז צום אנדערען.

32 אבער לערנט א משל פון דעם פייגענבוים, ווען זיינער צווייג וועט נאך
פריש, און ברענגט ארויס בלעטער, אזוי ווייסט איהר אז דער זומער איז
נאהענט. 33 אזוי אויך איהר, ווען איהר וועט דאס אלעס זעהען, זאלט איהר
וויסען אז עס איז נאהענט בייא דער טהיר. 34 באמת זאג איך אייך, דיזעס
דור וועט ניט פערגעהען, ביז דאס אלעס וועט געשעהען. 35 הימעל און ערד
וועלען פערגעהען, אבער מיינע ווערטער וועלען ניט פערגעהען. 36 אבער
פון יענעם טאג און דער שעה וויים קיינער ניט, אויך ניט דיא מלאכים פון
הימעל, אויך ניט דער זוהן, נייערט דער פאטער אליין. 37 וואדרין אזוי וויא
דיא טעג פון נח, אזוי וועט זיין דאס קומען פון דעם בן אדם. 38 וואדרין אזוי
וויא אין דיא טעג וואס זענען געוועזען פאר דעם מבול, זייא האבען געגעסען
און געטרונקען און האבען חתונה געמאכט און חתונה געהאט ביז צום טאג
ווען נח איז אריינגעגאנגען אין דער תיבה, 39 און זייא האבען ניט געוואוסט
ביז דאס מבול איז געקומען און האט זייא אלע אוועקגעטראגען; אזוי וועט
אויך זיין דאס קומען פון דעם בן אדם. 40 דאן וועלען צוויא זיין אויף איין
פעלד; איינער וועט אוועקגענומען ווערען, און איינער וועט איבערגעלאזט
ווערען. 41 צוויא פרויען וועלען מאלען בייא איינע מיהל; איינע וועט אוועק-
גענומען ווערען, און איינע איבערגעלאזט ווערען. 42 דרום וואכט, וואדרין איהר
ווייסט ניט אין וועלכעם טאג אייער האר וועט קומען. 43 אבער דאס ווייסט
ווען דער בעל הבית וואלט וויסען אין וועלכער וואך פון דער נאכט
דער גנב וועט קומען, אזוי וואלט ער געוואכט, און וואלט ניט געלאזט זיין

29 ישעיה יג׳ י׳: לד׳ ד׳ 30 דניאל ז׳ יג׳ יד׳: זכריה יב׳ י׳
31 ישעיה מ׳ יג׳: דברים ל׳ ד׳.

הויז איינברעכען. 44 דרום זייט איהר אויך בערייט, וואָרין דער בן אדם קומט
אין א שעה, פון וועלכע איהר דענקט ניט. 45 ווער איז דען דער געטרייע
און קלוגע קנעכט דעם זיין האר האט געשטעלט איבער זיין הויזגעזינד, אז
ער זאל זייא געבען זייערע שפייז צו דער צייט? 46 געבענשט איז דער קנעכט,
וועלכען זיין האר, ווען ער קומט, וועט איהם געפינען אזוי טהון. 47 באמת זאג
איך אייך, אז ער וועט איהם בעשטעלען איבער זיין גאנצען פערמעגען. 48 אָבער
ווען יענער שלעכטער קנעכט וועט זאגען אין זיין הארץ, מיין האר זאמט זיך
צו קומען; 49 און וועט אנהייבען זיינע מיטקנעכט צו שלאגען און צו
טרינקען מיט דיא שכורים; 50 אזוי וועט דער האר פון יענעם קנעכט קומען
אין א טאג דעם ער ערוואַרטעט, און אין א שעה פון דער ער ווייסט ניט,
51 און ער וועט איהם צושניידען, און איהם געבען זיין טהייל צווישען דיא
הייכלער, דאָרט וועט זיין געוויין און ציינקריצען.

כה 1 דאַן וועט דאס מלכות השמים געגלייכט זיין צו צעהן יונגפרויען, וואס
האבען גענומען זייערע לאמפען, און זענען דעם חתן ענטגעגען געגאנגען.
2 און פינף פון זייא זענען נאַריש געוועזען און פינף קלוג. 3 וואָרין דיא נאַ־
רישע האבען גענומען זייערע לאמפען און האבען ניט קיין עהל מיטגענומען;
4 אָבער דיא קלוגע האבען גענומען עהל אין זייערע כלים מיט זייערע לאמפען.
5 און ווען דער חתן האט זיך געזאמט, אזוי האבען אלע געדרימעלט געוואָרען
און זענען איינגעשלאפען. 6 אָבער אין מיטען דער נאכט איז געוואָרען א
געשריי, זעהט, דער חתן! געהט איהם ענטגעגען. 7 דאן זענען אלע דיזע
יונגפרויען אויפגעשטאַנען און האבען זייערע לאמפען צורעכט געמאכט. 8 און
דיא נארישע האבען געזאגט צו דיא קלוגע, גיבט אונז פון אייער עהל; וואָרין
אונזערע לאמפען געהען אויס. 9 און דיא קלוגע האבען געענטפערט און
געזאגט, ניין, טאמער וועט ניט גענוג זיין פאַר אונז און פאר אייך; געהט
ליבער צו דיא קרעמער און קויפט אייך. 10 און ווייא זייא זענען געגאנגען
קויפען איז דער חתן דערווייל געקומען, און דיא וואס זענען פאַרטיג געוועזען,
זענען מיט איהם אַריינגעגאנגען צו דער חתונה; און דיא טהיר איז צוגעשלאסען
געוואָרען. 11 און דערנאך זענען דיא אַנדערע יונגפרויען אויך געקומען און
האבען געזאגט, האר, האר, עפען אונז. 12 אָבער ער האט געענטפערט און
געזאגט, באמת זאג איך אייך, איך קען אייך ניט. 13 דרום וואכט, וואָרין איהר
ווייסט ניט דעם טאג און דיא שעה,

14 וואָרין דאס מלכות השמים איז אזוי וויא א מאן וואס איז אוועקגעפאהרען,
און האט זיינע קנעכט גערופען און האט זייא זיין פערמעגען איבערגעגעבען,
15 און ער האט איינעם פינף צענטנער זילבער געגעבען און איין אנדערען
צוויא און איין אנדערען איינס; איטליכען נאך זיינע קראפט; און איז אוועק־
געפאהרען. 16 דער וואס האט בעקומען דיא פינף צענטנער זילבער איז גלייך
געגאנגען און האט דערמיט געהאנדעלט, און פערדינט אנדערע פינף צענטנער.
17 אזוי אויך דער וואס האט דיא צוויא בעקומען האט אויך פערדינט אנדערע

צְווייא. 18 אָבֶּער דֶער וָואס הָאט דֶעם אֵיינֶעם בֶּעקוּמֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט
גֶעגְרָאבֶּען אִין דֶער עֶרְד, אוּן הָאט דָאס גֶעלְד פוּן זַיינֶעם הַאר'ן פֶערְבָּארְגֶען.
19 אוּן נָאךְ אַ לַאנְגֶע צֵייט אִיז דֶער הַאר פוּן דִיזֶע קְנֶעכְט צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, אוּן
הָאט זִיךְ מִיט זַייא בֶּערֶעכֶענְט. 20 אוּן דֶער וָואס הָאט דִיא פִינְף צֶענְטְנֶער
זִילְבֶּער בֶּעקוּמֶען אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט גֶעבְּרַאכְט אַנְדֶערֶע פִינְף צֶענְטְנֶער,
אוּן הָאט גֶעזָאגְט, הַאר, דוּא הָאסְט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען פִינְף צֶענְטְנֶער זִילְבֶּער,
זֶעה, אִיךְ הָאבּ מִיט זַייא פֶערְדִינְט נָאךְ פִינְף צֶענְטְנֶער. 21 אוּן זַיין הַאר הָאט
צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גַאנְץ שֶׁעהְן דוּא גוּטֶער אוּן גֶעטְרֵייעֶר קְנֶעכְט; דוּא בִּיסְט
גֶעטְרֵייא גֶעוֶועזֶען אִיבֶּער וֶוענִיג, אַזוֹי וֶועל אִיךְ דִיךְ אֵיינְשְׁטֶעלֶען אִיבֶּער פִילֶע
זַאכֶען; קוּם אַרֵיין צוּ דֶער פְרֵייד פוּן דֵיינֶעם הַאר'ן. 22 דֶער וָואס הָאט דִיא
צְווייא צֶענְטְנֶער זִילְבֶּער בֶּעקוּמֶען אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען אוּן הָאט גֶעזָאגְט, הַאר,
דוּא הָאסְט מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צְווייא צֶענְטְנֶער זִילְבֶּער, זֶעה, אִיךְ הָאבּ מִיט
זַייא פֶערְדִינְט נָאךְ צְווייא צֶענְטְנֶער. 23 זַיין הַאר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גַאנְץ
שֶׁעהְן, דוּא גוּטֶער אוּן גֶעטְרֵייעֶר קְנֶעכְט; דוּא בִּיסְט גֶעטְרֵייא גֶעוֶועזֶען אִיבֶּער
וֶוענִיג, אַזוֹי וֶועל אִיךְ דִיךְ אֵיינְשְׁטֶעלֶען אִיבֶּער פִילֶע זַאכֶען; קוּם אַרֵיין צוּ
דֶער פְרֵייד פוּן דֵיינֶעם הַאר'ן. 24 אוּן דֶער וָואס הָאט דֶעם אֵיינֶעם צֶענְטְנֶער
זִילְבֶּער בֶּעקוּמֶען אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען אוּן הָאט גֶעזָאגְט, הַאר, אִיךְ ווֵייס אַז
דוּא בִּיסְט אַ הַארְטֶער מֶענְשׁ, דוּא שְׁנֵיידְסְט וְואוּ דוּא הָאסְט נִיט גֶעזֵייעֶט,
אוּן זַאמֶעלְסְט אֵיין פוּן וַואנֶען דוּא הָאסְט נִיט צוּשְׁטְרֵייט; 25 אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ
גֶעפָארְכְטֶען, אוּן בִּין גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאבּ דֵיין צֶענְטְנֶער זִילְבֶּער אִין דֶער עֶרְד
פֶערְבָּארְגֶען, זֶעה, דוּא הָאסְט דָאס דֵיינִיגֶע. 26 אוּן זַיין הַאר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט
אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דוּא שְׁלֶעכְטֶער אוּן פוֹילֶער קְנֶעכְט, דוּא הָאסְט
גֶעווְאוּסְט אַז אִיךְ שְׁנֵייד וְואוּ אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעזֵייעֶט, אוּן זַאמֶעל אֵיין פוּן וַואנֶען
אִיךְ הָאבּ נִיט צוּשְׁטְרֵייט; 27 דְרוּם הָאסְט דוּא גֶעזָאלְט מֵיין גֶעלְד אַרֵיינְלֶעגֶען
בֵּייא דִיא וֶועקְסְלֶער, כְּדֵי וֶוען אִיךְ וֶועל קוּמֶען זָאל אִיךְ אָפְּנֶעמֶען דָאס מֵיי-
נִיגֶע מִיט פְּרָאצֶענְט. 28 דְרוּם נֶעמְט פוּן אִיהְם אַוֶועק דֶעם צֶענְטְנֶער זִילְבֶּער,
אוּן גִיבְּט עֶס צוּ דֶעם וָואס הָאט דִיא צֶעהְן צֶענְטְנֶער. 29 וָוארִין אִיטְלִיכֶער וָואס
הָאט צוּ דֶעם וֶועט גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען, אוּן עֶר וֶועט נָאךְ אִיבְּרִיג הָאבֶּען; אָבֶּער
דֶער וָואס הָאט נִיט פוּן דֶעם וֶועט אוֹיךְ דָאס וָואס עֶר הָאט אַוֶועקְגֶענוּמֶען
וֶוערֶען. 30 אוּן וַוארְפְט אַרוֹיס דֶעם אוּנְנִיצִיגֶען קְנֶעכְט צוּ דֶער פִינְסְטֶערְנִיס
דְרוֹיסֶען, דָארְט וֶועט זַיין גֶעווֵיין אוּן צֵיינְקְרִיצֶען.

31 וֶוען דֶער בֶּן אָדָם וֶועט קוּמֶען אִין זַיינֶע הֶערְלִיכְקֵייט, אוּן אַלֶע מַלְאָכִים
מִיט אִיהְם, דַאן וֶועט עֶר זִיצֶען אוֹיף זַיין כִּסֵא הַכָּבוֹד; 32 אוּן אַלֶע פֶעלְקֶער
וֶועלֶען פָאר אִיהְם פֶערְזַאמֶעלְט וֶוערֶען; אוּן עֶר וֶועט זַייא פוּן אֵיינַאנְדֶער
שֵׁיידֶען, אַזוֹי וִויא אַ פַּאסְטוּךְ שֵׁיידֶעט אָפּ דִיא שָׁאף פוּן דִיא צִיגֶען; 33 אוּן
עֶר וֶועט שְׁטֶעלֶען דִיא שָׁאף צוּ זַיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד, אוּן דִיא צִיגֶען צוּ דִיא
לִינְקֶע. 34 דַאן וֶועט דֶער קֶענִיג זָאגֶען צוּ דִיא אָן זַיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד, קוּמְט
אִיהְר גֶעבֶּענְשְׁטֶע פוּן מֵיין פָאטֶער, עֶרְבְּט דָאס קֶענִיגְרֵייךְ וָואס אִיז אָנְגֶעבְּרֵייט

פַאר אֵייךְ פוּן דֶער גְרִינְדוּנְג פוּן דֶער וֶועלְט; 35 וָוארִין אִיךְ בִּין הוּנְגְרִיג
גֶעוֶועזֶען אוּן אִיהְר הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען צוּ עֶסֶען; אִיךְ בִּין דוּרְשְׁטִיג גֶעוֶועזֶען אוּן
אִיהְר הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען צוּ טְרִינְקֶען; אִיךְ בִּין אֵיין אוֹרֵחַ גֶעוֶועזֶען אוּן אִיהְר
הָאט מִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען; 36 אִיךְ בִּין נַאקֶעט גֶעוֶועזֶען אוּן אִיהְר הָאט מִיךְ גֶע־
קְלֵייד; אִיךְ בִּין קְרַאנְק גֶעוֶועזֶען אוּן אִיהְר הָאט מִיךְ בֶּעזוּכְט; אִיךְ בִּין אִים
גֶעפֶּענְגְנִיס גֶעוֶועזֶען אוּן אִיהְר זֶענְט צוּ מִיר גֶעקוּמֶען. 37 דַאן וֶועלֶען דִיא צַדִיקִים
צוּ אִיהְם עֶנְטְפֶערֶען אוּן זָאגֶען, הַאר, וֶוען הָאבֶּען מִיר דִיךְ הוּנְגְרִיג גֶעזֶעהֶען,
אוּן הָאבֶּען דִיר גֶעגֶעבֶּען צוּ עֶסֶען? אָדֶער דוּרְשְׁטִיג, אוּן הָאבֶּען דִיר גֶעגֶעבֶּען
צוּ טְרִינְקֶען? 38 אוּן וֶוען הָאבֶּען מִיר דִיךְ אֵיין אוֹרֵחַ גֶעזֶעהֶען אוּן הָאבֶּען דִיךְ
אוֹיפְגֶענוּמֶען? אָדֶער נַאקֶעט אוּן הָאבֶּען דִיךְ גֶעקְלֵייד? 39 אוּן וֶוען הָאבֶּען
מִיר דִיךְ קְרַאנְק גֶעזֶעהֶען אָדֶער אִין גֶעפֶּענְגְנִיס, אוּן זֶענֶען צוּ דִיר גֶעקוּמֶען?
40 אוּן דֶער קֶענִיג וֶועט עֶנְטְפֶערֶען אוּן וֶועט צוּ זֵייא זָאגֶען, בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ
אֵייךְ, אַז דָאס וָואס אִיהְר הָאט גֶעטְהוּן צוּ אֵיינֶעם פוּן דִיא קְלֵיינְסְטֶע פוּן
דִיזֶע מֵיינֶע בְּרִידֶער, הָאט אִיהְר עֶס צוּ מִיר גֶעטְהוּן. 41 דַאן וֶועט עֶר זָאגֶען
אוֹיךְ צוּ דִיא אָן זֵיינֶע לִינְקֶע הַאנְד, גֶעהְט אַוֶועק פוּן מִיר אִיהְר פֶערְפְלוּכְטֶע,
צוּם עֶבִּיגֶען פֵייעֶר, וָואס אִיז אָנְגֶעבְּרֵייט פַאר דֶעם שָׂטָן אוּן זֵיינֶע מַלְאָכִים;
42 וָוארִין אִיךְ בִּין הוּנְגְרִיג גֶעוֶועזֶען אוּן אִיהְר הָאט מִיר נִיט גֶעגֶעבֶּען צוּ עֶסֶען;
אִיךְ בִּין דוּרְשְׁטִיג גֶעוֶועזֶען אוּן אִיהְר הָאט מִיר נִיט גֶעגֶעבֶּען צוּ טְרִינְקֶען;
43 אִיךְ בִּין אֵיין אוֹרֵחַ גֶעוֶועזֶען, אוּן אִיהְר הָאט מִיךְ נִיט אַרֵיינְגֶענוּמֶען; אִיךְ בִּין
נַאקֶעט גֶעוֶועזֶען, אוּן אִיהְר הָאט מִיךְ נִיט גֶעקְלֵייד; אִיךְ בִּין קְרַאנְק גֶעוֶועזֶען
אוּן אִים גֶעפֶּענְגְנִיס, אוּן אִיהְר הָאט מִיךְ נִיט בֶּעזוּכְט. 44 דַאן וֶועלֶען זֵייא אוֹיךְ
צוּ אִיהְם עֶנְטְפֶערֶען אוּן זָאגֶען, הַאר, וֶוען הָאבֶּען מִיר דִיךְ הוּנְגְרִיג גֶעזֶעהֶען,
אָדֶער דוּרְשְׁטִיג, אָדֶער אֵיין אוֹרֵחַ, אָדֶער נַאקֶעט, אָדֶער קְרַאנְק, אָדֶער אִים
גֶעפֶּענְגְנִיס, אוּן הָאבֶּען דִיךְ נִיט בֶּעדִינְט? 45 דַאן וֶועט עֶר צוּ זֵייא עֶנְטְפֶערֶען
אוּן זָאגֶען, בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז דָאס וָואס אִיהְר הָאט נִיט גֶעטְהוּן צוּ
אֵיינֶעם פוּן דִיזֶע קְלֵיינְסְטֶע, הָאט אִיהְר עֶס נִיט צוּ מִיר גֶעטְהוּן. 46 אוּן דִיזֶע
וֶועלֶען אַוֶועקְגֶעהֶען צוּ עֶבִּיגֶע שְׁטְרָאף, אָבֶּער דִיא צַדִיקִים צוּם עֶבִּיגֶען לֶעבֶּען.

כו 1 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וֶוען יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַלֶע דִיזֶע וֶוערְטֶער,
הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זֵיינֶע תַּלְמִידִים, 2 אִיהְר ווייסְט אַז נָאךְ צְווייא טֶעג וֶועט
זֵיין פֶּסַח, אוּן דֶער בֶּן אָדָם וֶועט אִיבֶּערְגֶעלִיפֶערְט וֶוערֶען כְּדֵי עֶר זָאל גֶעקְרֵייצִיגְט וֶוערֶען. 3 דַאן הָאבֶּען זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים, אוּן דִיא
עֶלְצְטֶע פוּן דֶעם פָאלְק, צוּם פַּאלַאסְט פוּן דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען
קַיָפָא; 4 אוּן זֵייא הָאבֶּען אֵיין עֵצָה גֶעהַאלְטֶען, אַז זֵייא זָאלֶען יֵשׁוּעַ נֶעמֶען
מִיט לִיסְט, אוּן זָאלֶען אִיהְם אוּמְבְּרֶענְגֶען. 5 אָבֶּער זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, נִיט
אִים יוֹם טוֹב, אַז עֶס זָאל נִיט זֵיין קֵיין גֶערַאשׁ אִים פָאלְק.
6 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז גֶעוֶועזֶען אִין בֵּית־הִינִי, אִים הוֹיז פוּן שִׁמְעוֹן דֶעם מְצוֹרָע,
7 אוּן אַ פְרוֹיא אִיז צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען וָואס הָאט גֶעהַאט אֵיין אַלְבַּאסְטֶער קְרִיגֶעל

מִיט טְהֵייעֶרֶען עֶהְל, אוּן זִיא הָאט עֶס אוֹיסְגֶעגָאסֶען אוֹיף זַיין קָאפּ װֶוען
עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען בֵּיים טִישׁ. 8 וְוִיא דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען דָאס גֶעזֶעהֶען הָאט
עֶס זֵייא פֶערְדְרָאסֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, צוּ וְואס זָאל דִיא פֶערְשְׁוֶוענְ־
דוּנְג זַיין? 9 וָוארִין דָאס הָאט גֶעקָאנְט פֶערְקוֹיפְט וֶוערֶען פַאר פִיל גֶעלְד, אוּן
צוּ דִיא אָרְמֶע גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען. 10 אוּן וֶוען יֵשׁוּעַ הָאט דָאס גֶעוְואוּסְט, אַזוֹי הָאט
עֶר צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וָוארוּם זֶענְט אִיהְר דִיא פְרוֹיא מְצַעֵר? וָוארִין זִיא הָאט
אַ גוּטֶעס וֶוערְק אָן מִיר גֶעטְהוּן. 11 וָוארִין דִיא אָרְמֶע הָאט אִיהְר תָּמִיד מִיט
אֵייךְ, אָבֶּער מִיךְ הָאט אִיהְר נִיט תָּמִיד. 12 וָוארִין וֶוען זִיא הָאט דִיזֶעס עֶהְל
אוֹיף מֵיין לֵייבּ אוֹיסְגֶעגָאסֶען, אַזוֹי הָאט זִיא דָאס גֶעטְהוּן פַאר מֵיינֶע קְבוּרָה.
13 בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אִין דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט וְואוּ דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה וֶועט
גֶעפְּרֶעדִיגְט וֶוערֶען, דָא וֶועט מֶען אוֹיךְ דֶערְצֶעהְלֶען וָואס זִיא הָאט צוּ מִיר
גֶעטְהוּן, צוּ אִיהְר אָנְדֶענְקֶען.

14 דַאן אִיז אֵיינֶער פוּן דִיא צְוֶועלְף, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען יְהוּדָה אִישׁ קְרִיּוֹת,
אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים. 15 אוּן הָאט גֶעזָאגְט, וָואס וִוילְט אִיהְר
מִיר גֶעבֶּען, אוּן אִיךְ וֶועל אִיהְם צוּ אֵייךְ אִיבֶּערְלִיפֶערֶען? אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ
מִיט אִיהְם פֶערְגְלֵייכְט פַאר דְרֵייסִיג שְׁטִיק זִילְבֶּער. 16 אוּן פוּן דֶענְצְמָאל אָן
הָאט עֶר אַ גֶעלֶעגֶענְהֵייט גֶעזוּכְט, אַז עֶר זָאל אִיהְם צוּ זֵייא פֶערְמַסֶרְן:

17 אוּן אִים עֶרְשְׁטֶען טָאג פוּן חַג הַמַּצּוֹת זֶענֶען דִיא תַּלְמִידִים גֶעקוּמֶען צוּ
יֵשׁוּעַ, אוּן הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וְואוּ ווִילְסְט דוּא אַז מִיר זָאלֶען דִיר אָנְ־
בְּרֵייטֶען פֶּסַח צוּ עֶסֶען? 18 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, גֶעהְט אִין דֶער שְׁטָאדְט
אַרַיין צוּ אַ מַאן אוּן זָאגְט אִיהְם, דֶער לֶעהְרֶער זָאגְט, מֵיינֶע צֵייט אִיז נָאהֶענְט,
אִיךְ וֶועל בֵּייא דִיר הַאלְטֶען פֶּסַח מִיט מֵיינֶע תַּלְמִידִים. 19 אוּן דִיא תַּלְמִידִים
הָאבֶּען גֶעטְהוּן אַזוֹי וִויא יֵשׁוּעַ הָאט זֵייא גֶעהֵייסֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען פֶּסַח
פַארְטִיג גֶעמַאכְט: 20 אוּן וֶוען עֶס אִיז אָבֶּענְד גֶעוָוארֶען הָאט עֶר זִיךְ אַנִידֶער
גֶעזֶעצְט מִיט דִיא צְוֶועלְף תַּלְמִידִים; 21 אוּן דֶערְוַויל זֵייא הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען,
הָאט עֶר גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז אֵיינֶער פוּן אֵייךְ וֶועט מִיךְ
פֶערְמַסֶרְן. 22 אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ זֶעהְר בֶּעטְרִיבְּט, אוּן יֶעדֶער פוּן זֵייא הָאט
אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען, הַאר, בִּין אִיךְ עֶס? 23 אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן
גֶעזָאגְט, דֶער וָואס טוּנְקְט אֵיין זַיינֶע הַאנְד מִיט מִיר אִין דֶער שִׁיסֶעל דִיזֶער
וֶועט מִיךְ פֶערְמַסֶרְן. 24 דֶער בֶּן אָדָם גֶעהְט אַוֶועק אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט
גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף אִיהְם, אָבֶּער וֶועה צוּ דֶעם מֶענְשֶׁען דוּרְךְ וֶועלְכֶען דֶער בֶּן אָדָם וֶועט
פֶערְמַסֶרְט וֶוערֶען; עֶס וָואלְט גוּט פַאר יֶענֶעם מֶענְשֶׁען גֶעוֶוען וֶוען עֶר וָואלְט
נִיט גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען. 25 אוּן יְהוּדָה, וָואס הָאט אִיהְם פֶערְמַסֶרְט הָאט
גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, רַבִּי, בִּין אִיךְ עֶס? עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט דוּא
הָאסְט עֶס גֶעזָאגְט. 26 אוּן דֶערְוַויל זֵייא הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען, אַזוֹי הָאט יֵשׁוּעַ
גֶענוּמֶען בְּרוֹיט, אוּן הָאט אַ בְּרָכָה גֶעמַאכְט, אוּן הָאט עֶס צוּבְּרָאכֶען, אוּן
גֶעגֶעבֶּען צוּ דִיא תַּלְמִידִים, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, נֶעמְט עֶסְט, דָאס אִיז מֵיין לֵייבּ,

[31] זכריה יג׳ ז׳.

27 און עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ כּוֹס און הָאט אַ בְּרָכָה גֶעמַאכְט, און הָאט צוּ
זַייא גֶעגֶעבֶּען און גֶעזָאגְט, טְרִינְקְט אַלֶע דֶערְפוּן; 28 וָוארִין דָאס אִיז מֵיין
בְּלוּט פוּן דֶער בְּרִית חֲדָשָׁה וָואס אִיז פֶערְגָאסֶען פַאר פִילֶע צוּ פֶערְגֶעבּוּנְג פוּן
זִינְד. 20 אָבֶּער אִיךְ זָאג אֵייךְ, אַז אִיךְ וֶועל פוּן אַצוּנְד אָן נִיט מֶעהְר טְרִינְ־
קֶען פוּן דִיזֶער פְרוּכְט פוּן דֶעם ווַיינְשְׁטָאק, בִּיז אָן דֶעם טָאג וֶוען אִיךְ טְרִינְק
עֶס מִיט אֵייךְ נֵייא אִין דֶעם קֶענִיגְרֵייךְ פוּן מֵיין פָאטֶער. 30 און וֶוען זַייא
הָאבֶּען הַלֵל גֶעזוּנְגֶען, זֶענֶען זַייא אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען צוּם הַר הַזֵיתִים: 31 דַאן
הָאט יֵשׁוּעַ צוּ זַייא גֶעזָאגְט, דִיזֶע נַאכְט וֶועט אִיהְר אַלֶע אֵייךְ אָן מִיר שְׁטְרוּיכְ־
לֶען; וָוארִין עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, אִיךְ וֶועל שְׁלָאגֶען דֶעם פַּאסְטוּךְ און דִיא
שָׁאף פוּן דֶער סְטַאדֶע וֶועלֶען צוּשְׁטְרֵייט וֶוערֶען; 32 אָבֶּער נָאךְ מֵיינֶע
אוֹיפֶערְשְׁטֶעהוּנְג וֶועל אִיךְ פָאר אֵייךְ גֶעהֶען קֵיין גָלִיל. 33 און פֶּעטְרוּס הָאט
גֶעעֶנְטְפֶערְט און הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֶוען אַלֶע זָאלֶען אָן דִיר שְׁטְרוּיכְלֶען,
אַזוֹי וֶועל אִיךְ אָן דִיר קֵיינְמָאל נִיט שְׁטְרוּיכְלֶען. 34 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶע־
זָאגְט, בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ דִיר, אַז אִין דִיזֶער נַאכְט אֵיידֶער דֶער הָאן וֶועט קְרֵייעֶן
וֶועסְט דוּא מִיךְ דְרֵייא מָאל פֶערְלֵייקְנֶען: 35 פֶּעטְרוּס הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
וֶוען אִיךְ מוּז מִיט דִיר שְׁטַארְבֶּען, וֶועל אִיךְ דִיךְ נִיט פֶערְלֵייקְנֶען; אַזוֹי
הָאבֶּען אוֹיךְ אַלֶע תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט:

36 דַאן אִיז יֵשׁוּעַ מִיט זַייא גֶעקוּמֶען צוּ אֵיין אָרְט וָואס וֶוערְט גֶערוּפֶען
גַתְשְׁמָנֵי; און עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ דִיא תַּלְמִידִים, זִיצְט אִיהְר דָא, בִּיז אִיךְ וֶועל
אַהִין דָארְטֶען גֶעהֶען און בֶּעטֶען. 37 און עֶר הָאט מִיט זִיךְ גֶענוּמֶען פֶּעטְרוּס
און דִיא צְווייא זִיהְן פוּן זַבְדִי, און הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען טְרוֹירִיג און בֶּעטְרִיבְּט צוּ
זַיין. 38 דַאן הָאט עֶר צוּ זַייא גֶעזָאגְט, מֵיינֶע זֶעלֶע אִיז זֶעהְר טְרוֹירִיג בִּיז
צוּם טוֹיט, בְּלֵייבְּט דָא און וַואכְט מִיט מִיר. 39 און עֶר אִיז אַבִּיסֶעל ווַייטֶער
גֶעגַאנְגֶען, און אִיז אוֹיף זַיין פָּנִים גֶעפַאלֶען, און הָאט גֶעבֶּעטֶען און גֶעזָאגְט,
מֵיין פָּאטֶער, אוֹיבּ עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ, לָאז דִיזֶער כּוֹס פוּן מִיר פַארְבֵּייא גֶעהֶען;
אָבֶּער דָאךְ נִיט אַזוֹי ווִיא אִיךְ ווִיל, נֵייעֶרְט אַזוֹי ווִיא דוּא ווִילְסְט. 40 און עֶר
אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִיא תַּלְמִידִים, און הָאט זַייא שְׁלָאפֶענְדִיג גֶעפִינֶען, און הָאט
גֶעזָאגְט צוּ פֶּעטְרוּס, קֶענְט אִיהְר דֶען נִיט מִיט מִיר וַואכֶען אֵיינֶע שָׁעָה?
41 וַואכְט און בֶּעט אַז אִיהְר זָאלְט נִיט קוּמֶען צוּ נִסָיוֹן; דֶער גֵייסְט אִיז ווִילִיג
אָבֶּער דָאס פְלֵיישׁ אִיז שְׁוַואךְ. 42 און עֶר אִיז ווִידֶער דָאס צְווייטֶע מָאל
אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען און הָאט גֶעבֶּעטֶען און גֶעזָאגְט, מֵיין פָּאטֶער, וֶוען דִיזֶער כּוֹס
קֶען נִיט פוּן מִיר פַארְבֵּייא גֶעהֶען סַיידֶען אִיךְ זָאל אִיהְם טְרִינְקֶען, אַזוֹי לָאז
דַיין ווִילֶען גֶעשֶׁעהֶען. 43 און עֶר אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען און הָאט זַייא שְׁלָא־
פֶענְדִיג גֶעפִינֶען, וָוארִין זַייעֶרֶע אוֹיגֶען זֶענֶען שְׁוֶוער גֶעוֶועזֶען. 44 און עֶר הָאט
זַייא פֶערְלָאזְט, און אִיז ווִידֶער אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, און הָאט דָאס דְרִיטֶע מָאל
גֶעבֶּעטֶען, און הָאט דִיא זֶעלְבִּיגֶע וֶוערְטֶער ווִידֶער גֶעזָאגְט. 45 דַאן אִיז עֶר
גֶעקוּמֶען צוּ דִיא תַּלְמִידִים און הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, שְׁלָאפְט ווַייטֶער און
רוּהְט אֵייךְ אָפּ; זֶעהְט דִיא שָׁעָה אִיז נָאהֶענְט און דֶער בֶּן אָדָם וֶוערְד פֶּער־

מַסֶערְט אִין דִיא הֶענְד פוּן דִיא זִינְדֶער. 46 שְׁטֶעהְט אוּיף, לָאזְט אוּנְז גֶעהֶען;
זֶעהְט דֶער אִיז נָאהֶענְט וָואס פֶערְמַסֶערְט מִיךְ. 47 אוּן דֶערְוַוייל עֶר הָאט נָאךְ
גֶערֶעט, זֶעה, יְהוּדָה אֵיינֶער פוּן דִיא צְוֶועלְף אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן מִיט אִיהְם פִיל
לֵייט מִיט שְׁוֶוערְטֶען אוּן שְׁטֶעקֶען פוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן עֶלְצְטֶע פוּן
דֶעם פָאלְק; 48 אוּן דֶער מוֹסֵר הָאט זֵייא גֶעגֶעבֶּען אַ צֵייכֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט,
דֶעם וָואס אִיךְ וֶועל קִישֶׁען, דָאס אִיז עֶר, נֶעמְט אִיהְם. 49 אוּן גְלֵייךְ אִיז עֶר
גֶעקוּמֶען צוּ יֵשׁוּעַ, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, שָׁלוֹם רַבִּי, אוּן הָאט אִיהְם גֶעקִישְׁט.
50 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, פְרֵיינְד צוּ וָואס בִּיסְט דוּא גֶעקוּמֶען? דַאן
זֶענֶען זֵייא צוּגֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען זֵייעֶרֶע הֶענְד אוּיף יֵשׁוּעַ גֶעלֶעגְט אוּן הָאבֶּען
אִיהְם גֶענוּמֶען. 51 אוּן זֶעה, אֵיינֶער פוּן דִיא וָואס זֶענֶען גֶעוֶועזֶען מִיט יֵשׁוּעַ,
הָאט דִיא הַאנְד אוּיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט, אוּן זֵיין שְׁוֶוערְט אַרוּיסְגֶעצוֹיגֶען, אוּן גֶעשְׁלָאגֶען
דֶעם קְנֶעכְט פוּן דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל, אוּן הָאט אִיהְם זֵיין אוֹיעֶר אָפְּגֶעשְׁנִיטֶען.
52 דַאן הָאט יֵשׁוּעַ צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, שְׁטֶעק דֵיין שְׁוֶוערְט צוּרִיק אִין אִיהְר אָרְט
אַרֵיין, וָוארִין אַלֶע דִיא וָואס נֶעמֶען דָאס שְׁוֶוערְט וֶועלֶען אוּמְקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם
שְׁוֶוערְט; 53 אָדֶער מֵיינְסְט דוּא אַז אִיךְ קֶען נִיט מֵיין פָאטֶער בֶּעטֶען, אוּן עֶר
וֶועט מִיר צוּשְׁטֶעלֶען מֶעהְר וִויא צְוֶועלְף מַחֲנוֹת פוּן מַלְאָכִים? 54 וִויא אַזוֹי
דֶען וֶועט דִיא שְׁרִיפְט דֶערְפִילְט וֶוערֶען אַז עֶס מוּז אַזוֹי גֶעשֶׁעהֶען? 55 אִין
יֶענֶער שָׁעָה הָאט יֵשׁוּעַ גֶעזָאגְט צוּ דִיא לֵייט, זֶענְט אִיהְר אַרוּיסְגֶעקוּמֶען וִויא
קֶעגֶען אַ רוֹיבֶּער מִיט שְׁוֶוערְטֶען אוּן שְׁטֶעקֶען אוּם מִיךְ צוּ נֶעמֶען? טֶעגְלִיךְ
בִּין אִיךְ גֶעזֶעסֶען אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּן הָאבּ גֶעלֶעהְרְט, אוּן אִיהְר הָאט מִיךְ
נִיט גֶענוּמֶען; 56 אָבֶּער דָאס אִיז אַלֶעס גֶעשֶׁעהֶען, כְּדֵי דִיא שְׁרִיפְטֶען פוּן דִיא
נְבִיאִים זָאלֶען דֶערְפִילְט וֶוערֶען. דַאן הָאבֶּען אִיהְם אַלֶע תַּלְמִידִים פֶערְלָאזְט
אוּן זֶענֶען אַוֶועקְגֶעלָאפֶען.

57 אוּן דִיא וֶועלְכֶע הָאבֶּען יֵשׁוּעַ גֶענוּמֶען הָאבֶּען אִיהְם אַוֶועקְגֶעפִיהְרְט צוּ
קַיָפָא דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל, וְואוּ דִיא סוֹפְרִים אוּן דִיא עֶלְצְטֶע זֶענֶען פֶערְזַאמֶעלְט
גֶעוֶועזֶען. 58 אוּן פֶּעטְרוֹס אִיז אִיהְם פוּן וַוייטֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען בִּיז צוּם פַּאלַאסְט
פוּן דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל, אוּן אִיז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזֶעסֶען מִיט דִיא בֶּעדִינְטֶע,
כְּדֵי עֶר זָאל זֶעהֶען דֶעם סוֹף. 59 אוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים, אוּן דָאס גַאנְצֶע
סַנְהֶדְרִין הָאבֶּען פַאלְשֶׁע עֵדוּת גֶעזוּכְט אוּיף יֵשׁוּעַ, אַז זֵייא זָאלֶען אִיהְם טֵייטֶען;
60 אוּן פִילֶע פַאלְשֶׁע עֵדוּת זֶענֶען גֶעקוּמֶען אָבֶּער זֵייא הָאבֶּען קֵיינֶע גֶעפִינֶען;
אָבֶּער צוּלֶעצְט זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵייא 61 אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דִיזֶער הָאט
גֶעזָאגְט אִיךְ קָאן דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ פוּן גָאט צוּשְׁטֶערֶען אוּן עֶס אִין דְרֵייא
טֶעג אוּיפְבּוֹיעֶן. 62 אוּן דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אִיז אוּיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן הָאט צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, עֶנְטְפֶערְסְט דוּא גָאר נִיט? וָואס אִיז דָאס וָואס דִיזֶע זָאגֶען עֵדוּת
קֶעגֶען דִיר? 63 אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט גֶעשְׁוִויגֶען. אוּן דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, אִיךְ בֶּעשְׁוֶוער דִיךְ בֵּיים לֶעבֶּעדִיגֶען גָאט, דוּא זָאלְסְט אוּנְז
זָאגֶען אוֹיבּ דוּא בִּיסְט דֶער מָשִׁיחַ, דֶער זוּהְן פוּן גָאט. 64 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, דוּא הָאסְט עֶס גֶעזָאגְט; דָאךְ זָאג אִיךְ אֵייךְ, פוּן אִיצְט אָן וֶועט

אִיהְר זֶעהֶען דֶעם בֶּן אָדָם זִיצֶען אָן דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן דֶער גְבוּרָה, און
קוּמֶען אוֹיף דִיא וָואלְקֶען פוּן דֶעם הִימֶעל. 65 דַאן הָאט דֶער כֹּהֵן גָדוֹל זַיינֶע
קְלֵיידֶער צוּרִיסֶען, און הָאט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט גֶעלֶעסְטֶערְט; וָואס בֶּעדַארְפֶען
מִיר נָאךְ מֶעהְר עֵדוּת? זֶעהְט, אִיצְט הָאט אִיהְר גֶעהֶערְט זַיינֶע לֶעסְטֶערוּנְג;
66 וָואס דֶענְקְט אִיהְר? און זֵייא הָאבֶּען גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט, עֶר אִיז דֶעם
טוֹיט שׁוּלְדִיג. 67 דַאן הָאבֶּען זֵייא אִיהְם אִין פָּנִים גֶעשְׁפִּיגֶען און הָאבֶּען אִיהְם
גֶעשְׁלָאגֶען, און אַנְדֶערֶע הָאבֶּען אִיהְם גֶעפַּאטְשְׁט, 68 און הָאבֶּען גֶעזָאגְט, זָאג
אוּנְז נְבוּאוֹת, דוּא מָשִׁיחַ, וֶוער אִיז דֶער וָואס הָאט דִיךְ גֶעשְׁלָאגֶען? 69 און
פֶּעטְרוּס אִיז גֶעזֶעסֶען דְרוֹיסֶען אִים הוֹיף; און אַ דִינְסְטְמֶעדֶעל אִיז צוּ אִיהְם
גֶעקוּמֶען און הָאט גֶעזָאגְט, דוּא בִּיסְט אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט יֵשׁוּעַ פוּן גָלִיל.
70 און עֶר הָאט פָאר זֵייא אַלֶע גֶעלֵייקֶענְט און הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ ווֵייס נִיט
וָואס דוּא זָאגְסְט. 71 און וֶוען עֶר אִיז צוּם טוֹיעֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אַזוֹי הָאט
אִיהְם אֵיינֶע אַנְדֶערֶע גֶעזֶעהֶען, און הָאט גֶעזָאגְט צוּ דִיא וָואס זֶענֶען דָארְט
גֶעוֶוען, דִיזֶער אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט יֵשׁוּעַ הַנָצְרִי. 72 און עֶר הָאט ווִידֶער גֶע־
לֵייקֶענְט מִיט אַ שְׁבוּעָה, אִיךְ קֶען נִיט דֶעם מַאן. 73 און נָאךְ אַ קְלֵיינֶע ווַיילֶע
זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִיא וָואס זֶענֶען דֶערְבֵּייא גֶעשְׁטַאנֶען, און הָאבֶּען גֶעזָאגְט צוּ
פֶּעטְרוּס, בֶּאֱמֶת דוּא בִּיסְט אוֹיךְ אֵיינֶער פוּן זֵייא, וָוארִין דַיין לָשׁוֹן מַאכְט דִיךְ
דֶערְקֶענֶען. 74 דַאן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ פְלוּכֶען און צוּ שְׁוֶוערֶען, אִיךְ קֶען
נִיט דֶעם מַאן; און גְלֵייךְ הָאט דֶער הָאן גֶעקְרֵייעֶט. 75 און פֶּעטְרוּס הָאט גֶע־
דֶענְקְט דָאס וָוארְט פוּן יֵשׁוּעַ ווִיא עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אֵיידֶער דֶער
הָאן וֶועט קְרֵייעֶן, וֶועסְט דוּא מִיךְ דְרֵייא מָאל פֶערְלֵייקֶענֶען; און עֶר אִיז
אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען און הָאט בִּיטֶער גֶעווֵיינְט.

כז 1 און וֶוען עֶס אִיז מָארְגֶען פְרִיה גֶעוָוארֶען הָאבֶּען אַלֶע עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים
און דִיא עֶלְצְטֶע פוּן דֶעם פָאלְק אֵיין עֵצָה גֶעהַאלְטֶען אִיבֶּער יֵשׁוּעַ אַז זֵייא
זָאלֶען אִיהְם טֵייטֶען; 2 און זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעבּוּנְדֶען און אַוֶועקְגֶעפִיהְרְט,
און הָאבֶּען אִיהְם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צוּ פִּילָטוּס דֶעם גוּבֶערְנֶער. 3 דַאן וֶוען
יְהוּדָה וָואס הָאט אִיהְם פֶערְמַסֶערְט הָאט גֶעזֶעהֶען אַז עֶר אִיז פֶערְשׁוּלְדִיגְט
גֶעוֶוען הָאט עֶר חֲרָטָה בֶּעקוּמֶען, און הָאט צוּרִיק גֶעבְּרַאכְט דִיא דְרֵייסִיג זִילְ־
בֶּער שְׁטִיק צוּ דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים און דִיא עֶלְצְטֶע, 4 און הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ
הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, אַז אִיךְ הָאבּ פֶערְמַסֶערְט אוּנְשׁוּלְדִיגֶעס בְּלוּט; און זֵייא הָאבֶּען
גֶעזָאגְט, וָואס אִיז דָאס צוּ אוּנְז? זֶעה דוּא דֶערְצוּ. 5 און עֶר הָאט דִיא זִילְבֶּער
שְׁטִיק אַנִידֶערְגֶעוָוארְפֶען אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, און אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, און הָאט
זִיךְ גֶעהַאנְגֶען. 6 און דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים הָאבֶּען דִיא זִילְבֶּער שְׁטִיק גֶענוּמֶען
און הָאבֶּען גֶעזָאגְט, עֶס אִיז נִיט רֶעכְט אַז מֶען זָאל זֵייא אִין דֶעם אוֹצָר
אַרֵיינְוַוארְפֶען, ווַייל זֵייא זֶענֶען דֶער פְּרֵייז פוּן בְּלוּט. 7 און זֵייא הָאבֶּען אֵיין
עֵצָה גֶעהַאלְטֶען, און הָאבֶּען דֶערְפַאר גֶעקוֹיפְט דָאס פֶעלְד פוּן דֶעם טֶעפֶּער
כְּדֵי פְרֶעמְדֶע דְרִינֶען צוּ בֶּעגְרָאבֶּען. 8 דְרוּם וֶוערְט יֶענֶעם פֶעלְד גֶערוּפֶען דָאס
פֶעלְד פוּן בְּלוּט בִּיז צוּם הֵיינְטִיגֶען טָאג. 9 דַאן אִיז דֶערְפִילְט גֶעוָוארֶען וָואס

אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען דוּרְךְ יִרְמְיָה הַנָבִיא זָאגֶענְדִיג, אוּן זַייא הָאבֶּען גֶענוּמֶען
דִיא דְרֵייסִיג זִילְבֶּער שְׁטִיק דֶעם פְּרֵייז פוּן אִיהְם וָואס אִיז גֶעשַׁאצְט גֶעוֶוען,
וֶועלְכֶען דִיא קִינְדֶער פוּן יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען גֶעשַׁאצְט, 10 אוּן זַייא הָאבֶּען זַייא
גֶעגֶעבֶּען פַאר דֶעם פֶעלְד פוּן דֶעם טֶעפֶּער אַזוֹי וִויא דֶער הַאר הָאט מִיר
גֶעבָּאטֶען.

11 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פָאר דֶעם גוּבֶערְנֶער, אוּן דֶער גוּבֶערְנֶער הָאט
אִיהְם גֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט, בִּיסְט דוּא דֶער קֶענִיג פוּן דִיא יוּדֶען? אוּן יֵשׁוּעַ
הָאט גֶעזָאגְט, דוּא זָאגְסְט עֶס. 12 אוּן וֶוען עֶר אִיז פֶערְקְלָאגְט גֶעוֶוען פוּן דִיא
עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן דִיא עֶלְצְטֶע, הָאט עֶר גָאר נִיט גֶעעֶנְטְפֶערְט. 13 דַאן הָאט
פִּילָטוּס צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הֶערְסְט דוּא נִיט וִויא שְׁוֶוערֶע זַאכֶען זַייא זָאגֶען
עֵדוּת קֶעגֶען דִיר? 14 אוּן עֶר הָאט אִיהְם נִיט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַ וָוארְט, אַז דֶער
גוּבֶערְנֶער הָאט זִיךְ זֶעהְר פֶערְוָואוּנְדֶערְט. 15 אוּן דֶער גוּבֶערְנֶער פְלֶעגְט אוֹיף
דֶעם יוֹם טוֹב אַ גֶעפַאנְגֶענֶעם פְּרֵייא לָאזֶען צוּם פָאלְק, וֶועלְכֶען זַייא הָאבֶּען
גֶעוָואלְט. 16 אוּן דַאן הָאבֶּען זַייא גֶעהַאט אַ וָואוִיל בֶּעקַאנְטֶען גֶעפַאנְגֶענֶעם וָואס
הָאט גֶעהֵייסֶען בַּר־אַבָּא. 17 אוּן וֶוען זַייא הָאבֶּען זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט, הָאט
פִּילָטוּס צוּ זַייא גֶעזָאגְט, וֶועמֶען ווִילְט אִיהְר אַז אִיךְ זָאל צוּ אֵייךְ בֶּעפְרֵייעֶן?
בַּר־אַבָּא אָדֶער יֵשׁוּעַ וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען מָשִׁיחַ? 18 וָוארִין עֶר הָאט גֶעוְואוּסְט,
אַז זַייא הָאבֶּען אִיהְם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען פַאר קִנְאָה.

19 אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען אוֹיף דֶעם רִיכְטֶער שְׁטוּהְל, הָאט זַיין ווייבּ צוּ
אִיהְם גֶעשִׁיקְט אוּן גֶעזָאגְט, הָאבּ דוּא גָאר נִיט צוּ טְהוּן מִיט יֶענֶעם צַדִיק,
וָוארִין אִיךְ הָאבּ הֵיינְט פִיל גֶעלִיטֶען אִין אַ חָלוֹם וֶועגֶען אִיהְם. 20 אָבֶּער דִיא
עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן דִיא עֶלְצְטֶע הָאבֶּען דִיא לֵייט אִיבֶּערְגֶערֶעט, אַז זַייא זָאלֶען
פֶערְלַאנְגֶען בַּר־אַבָּא, אוּן זָאלֶען יֵשׁוּעַ אוּמְבְּרֶענְגֶען. 21 אוּן דֶער גוּבֶערְנֶער
הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, וֶועלְכֶען פוּן דִיא צְווֵייא ווִילְט
אִיהְר אַז אִיךְ זָאל צוּ אֵייךְ בֶּעפְרֵייעֶן? אוּן זַייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, בַּר־אַבָּא.
22 פִּילָטוּס הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, וָואס זָאל אִיךְ דֶען טְהוּן צוּ יֵשׁוּעַ, וָואס
וֶוערְט גֶערוּפֶען מָשִׁיחַ? אַלֶע הָאבֶּען גֶעזָאגְט לָאז עֶר גֶעקְרֵייצִיגְט וֶוערֶען. 23 אוּן
עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וָואס פַאר שְׁלֶעכְטֶעס הָאט עֶר גֶעטְהוּן? אָבֶּער זַייא הָאבֶּען
נָאךְ מֶעהְר גֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט, לָאז עֶר גֶעקְרֵייצִיגְט וֶוערֶען. 24 אוּן וִויא
פִּילָטוּס הָאט גֶעזֶעהֶען אַז עֶס נוּצְט גָאר נִיט, נֵייעֶרְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ
גְרֶעסֶערֶעס גֶעטוּמֶעל, הָאט עֶר גֶענוּמֶען וַואסֶער, אוּן הָאט זִיךְ דִיא הֶענְד אָפְּגֶע־
וַואשֶׁען פָאר דִיא לֵייט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין אוּנְשׁוּלְדִיג וֶועגֶען דֶעם
בְּלוּט פוּן דִיזֶעם צַדִיק; זֶעהְט אִיהְר דֶערְצוּ. 25 אוּן דָאס גַאנְצֶע פָאלְק הָאט
גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, זַיין בְּלוּט זָאל זַיין אוֹיף אוּנְז אוּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע
קִינְדֶער. 26 דַאן הָאט עֶר צוּ זַייא בֶּעפְרֵייעֶט בַּר־אַבָּא, אוּן הָאט גֶעלָאזְט יֵשׁוּעַ
שְׁלָאגֶען, אוּן הָאט אִיהְם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אַז עֶר זָאל גֶעקְרֵייצִיגְט וֶוערֶען.

27 דַאן הָאבֶּען דִיא סָאלְדָאטֶען פוּן דֶעם גוּבֶערְנֶער גֶענוּמֶען יֵשׁוּעַ צוּם

9 זכריה יא׳ יב׳, יג׳.

גֶערִיכְטְסְהוֹיף, און הָאבֶּען דִיא גַאנְצֶע בַּאנְדֶע צוּ אִיהְם פֶּערְזַאמֶעלְט. 28 און זֵייא
הָאבֶּען זֵיינֶע קְלֵיידֶער אָפְּגֶעצוֹיגֶען און אִיהְם אָנְגֶעטְהוּן אַ רוֹיטֶען מַאנְטֶעל;
29 און זֵייא הָאבֶּען גֶעפְלָאכְטֶען אַ קְרוֹין פוּן דֶערְנֶער און הָאבֶּען עֶס אוֹיף זֵיין,
קָאפּ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט, און אַ רָאהְר אִין זֵיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד, און הָאבֶּען זִיךְ פָאר
אִיהְם אַנִידֶערְגֶעקְנִיעֶט, און הָאבֶּען אִיהְם אוֹיסְגֶעשְׁפֶּעט און גֶעזָאגְט, שָׁלוֹם, מֶלֶךְ
פוּן דִיא יוּדֶען; 30 און וֶוען זֵייא הָאבֶּען אוֹיף אִיהְם גֶעשְׁפִּיגֶען הָאבֶּען זֵייא
גֶענוּמֶען דָאס רָאהְר און הָאבֶּען אִיהְם דֶעם קָאפּ גֶעשְׁלָאגֶען. 31 און וֶוען זֵייא
הָאבֶּען אִיהְם אוֹיסְגֶעשְׁפֶּעט הָאבֶּען זֵייא אִיהְם דֶעם מַאנְטֶעל אָפְּגֶעצוֹיגֶען און
הָאבֶּען אִיהְם זֵיינֶע קְלֵיידֶער אָנְגֶעטְהוּן און הָאבֶּען אִיהְם אַוֶועקְגֶעפִיהְרְט גֶע־
קְרֵייצִיגְט צוּ וֶוערֶען. 32 און וֶוען זֵייא זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאבֶּען זֵייא
גֶעטְרָאפֶען אַ מַאן פוּן קוּרֵינִי, און זֵיין נָאמֶען אִיז גֶעוֶוען שִׁמְעוֹן; דֶעם הָאבֶּען
זֵייא גֶעצְוָואוּנְגֶען אַז עֶר זָאל זֵיין קְרֵייץ טְרָאגֶען. 33 און וֶוען זֵייא זֶענֶען גֶע־
קוּמֶען צוּ אֵיין אָרְט וָואס וֶוערְט גֶערוּפֶען גָלְגָלְתָּא, וָואס הֵייסְט אֵיין אָרְט פוּן
אַ קָאפְּשֵׁייטֶעל, 34 הָאבֶּען זֵייא אִיהְם גֶעגֶעבֶּען צוּ טְרִינְקֶען וויין גֶעמִישְׁט מִיט
גַאל, און וֶוען עֶר הָאט עֶס פֶּערְזוּכְט הָאט עֶר נִיט גֶעוָואלְט טְרִינְקֶען. 35 און
וֶוען זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעקְרֵייצִיגְט, הָאבֶּען זֵייא זֵיינֶע קְלֵיידֶער צוּטְהֵיילְט און
הָאבֶּען דְרוֹיף גוֹרָל גֶעוָוארְפֶען; 36 און וִויא זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט
הָאבֶּען זֵייא אִיהְם דָארְט גֶעהִיט; 37 און אִיבֶּער זֵיין קָאפּ הָאבֶּען זֵייא אוֹיפְ־
גֶעזֶעצְט זֵיינֶע בֶּעשׁוּלְדִיגוּנְג גֶעשְׁרִיבֶּען, דִיזֶער אִיז יֵשׁוּעַ דֶער קֶענִיג
פוּן דִיא יוּדֶען. 38 דַאן זֶענֶען צְוֵוייא רוֹיבֶּער מִיט אִיהְם גֶעקְרֵייצִיגְט גֶעוֶוען,
אֵיינֶער צוּ דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד, און אֵיינֶער צוּ דִיא לִינְקֶע. 39 און דִיא וָואס
זֶענֶען פַארְבֵּייא גֶעגַאנְגֶען הָאבֶּען אִיהְם גֶעלֶעסְטֶערְט, און הָאבֶּען זֵייעֶרֶע קֶעפּ
גֶעשָׁאקֶעלְט, 40 און הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דוּא וָואס וַוארְפְּסְט אֵיין דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ
און בּוֹיעֶסְט עֶס אוֹיף אִין דְרֵייא טֶעג, רֶעטֶע דִיךְ זֶעלְבְּסְט, וֶוען דוּא בִּיסְט
דֶער זוּהְן פוּן גָאט, און קוּם אַרוּפּ פוּן דֶעם קְרֵייץ. 41 גְלֵייךְ דֶעם הָאבֶּען
דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים און דִיא סוֹפְרִים און דִיא עֶלְצְטֶע אוֹיסְגֶעשְׁפֶּעט און
גֶעזָאגְט; 42 עֶר הָאט אַנְדֶערֶע גֶערֶעטֶעט, זִיךְ אַלֵיין קֶען עֶר נִיט רֶעטֶען, עֶר
אִיז דֶער קֶענִיג פוּן יִשְׂרָאֵל, לָאז עֶר אִיצְט אַרוּפְּקוּמֶען פוּן דֶעם קְרֵייץ און מִיר
וֶועלֶען אִיהְם גְלוֹיבֶּען. 43 עֶר הָאט פֶּערְטְרוֹיעֶט אוֹיף גָאט, לָאז עֶר אִיהְם אִיצְט
מַצִּיל זֵיין, וֶוען עֶר וִויל אִיהְם הָאבֶּען; וָוארִין עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין דֶער
זוּהְן פוּן גָאט, 44 און דִיא רוֹיבֶּער וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעקְרֵייצִיגְט גֶעוָוארֶען
הָאבֶּען אִיהְם אוֹיךְ גֶעזִידֶעלְט.

45 און פוּן דִיא זֶעקְסְטֶע שָׁעָה אִיז גֶעוֶוען פִינְסְטֶערְנִיס אִיבֶּער דֶעם גַאנְצֶען
לַאנְד, בִּיז צוּ דִיא נֵיינְטֶע שָׁעָה. 46 און אוּם דִיא נֵיינְטֶע שָׁעָה הָאט יֵשׁוּעַ גֶע־
שְׁרִיגֶען מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל, און הָאט גֶעזָאגְט, אֵלִי אֵלִי לָמָה שְׁבַקְתַּנִי; דָאס
הֵייסְט, מֵיין גָאט, מֵיין גָאט, וָוארוּם הָאסְט דוּא מִיךְ פֶּערְלָאזְט? 47 און עֶטְלִיכֶע
פוּן דִיא וָואס זֶענֶען דֶערְבֵּייא גֶעשְׁטַאנֶען, וֶוען זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט

46 תהלים כב׳ ב׳.

הָאבֶּען גֶעזָאגְט, עֶר רוּפְט אֵלִיָה. 48 אוּן גְלֵייךְ אִיז אֵיינֶער פוּן זֵייא צוּגֶעלָאפֶען,
אוּן הָאט גֶענוּמֶען אַ שְׁוַואם, אוּן הָאט עֶס גֶעפִילְט מִיט עֶסִיג, אוּן הָאט עֶס
אַרוֹיפְגֶעלֶעגְט אוֹיף אַ רָאהְר אוּן אִיהְם גֶעגֶעבֶּען צוּ טְרִינְקֶען. 49 אוּן דִיא
אִיבְּרִיגֶע הָאבֶּען גֶעזָאגְט, לָאז זֵיין, מִיר וֶועלֶען זֶעהֶען אוֹיבּ אֵלִיָה וֶועט קוּמֶען
אִיהְם צוּ רֶעטֶען. 50 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט ווִידֶער גֶעשְׁרִיגֶען מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל אוּן
אוֹיסְגֶעלָאזְט דִיא נְשָׁמָה. 51 אוּן זֶעה, דִיא פָּרוֹכֶת פוּן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז
אִין צְווֵייעֶן צוּרִיסֶען גֶעוָוארֶען, פוּן אוֹיבֶּען בִּיז אַרוּפּ, אוּן דִיא עֶרְד הָאט
גֶעצִיטֶערְט, אוּן דִיא פֶעלְזֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעשְׁפַּאלְטֶען; 52 אוּן דִיא קְבָרִים הָא־
בֶּען זִיךְ אוֹיפְגֶעמַאכְט, אוּן פִילֶע לֵייבֶּער פוּן דִיא הֵיילִיגֶען וָואס הָאבֶּען
גֶעשְׁלָאפֶען זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, 53 אוּן זֶענֶען פוּן דִיא קְבָרִים אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען
נָאךְ זֵיינֶע אוֹיפֶערְשְׁטֶעהוּנְג, אוּן זֶענֶען אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אִין דִיא הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט,
אוּן הָאבֶּען זִיךְ צוּ פִילֶע בֶּעוִויזֶען. 54 אוּן דֶער הוֹיפְּטְמַאן אוּן דִיא וָואס הָאבֶּען
מִיט אִיהְם גֶעהִיט יֵשׁוּעַ, וֶוען זֵייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען דָאס עֶרְדְצִיטֶערְנִיס, אוּן
דָאס וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶען, הָאבֶּען זֵייא זִיךְ זֶעהְר גֶעפָארְכְטֶען אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט,
דִיזֶער אִיז גֶעווִיס גֶעוֶועזֶען דֶער זוּהְן פוּן גָאט. 55 אוּן עֶס זֶענֶען דָארְט פִילֶע פְרוֹיעֶן
גֶעוֶועזֶען וָואס הָאבֶּען דָאס פוּן ווַייטֶען צוּגֶעזֶעהֶען, וֶועלְכֶע הָאבֶּען יֵשׁוּעַ פוּן
גָלִיל נָאכְגֶעפָאלְגְט, אוּן הָאבֶּען אִיהְם בֶּעדִינְט; 56 אוּן עֶס אִיז צְווִישֶׁען זֵייא
גֶעוֶועזֶען מִרְיָם הַמַגְדָלִית, אוּן מִרְיָם דִיא מוּטֶער פוּן יַעֲקֹב אוּן יוֹסֵי, אוּן דִיא
מוּטֶער פוּן דִיא זִיהְן פוּן זַבְדִי.

57 אוּן וֶוען עֶס אִיז אָבֶּענְד גֶעוָוארֶען אִיז גֶעקוּמֶען אַ רֵייכֶער מַאן פוּן הָרָמָתַיִם,
וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען יוֹסֵף, וָואס אִיז אוֹיךְ אַלֵיין גֶעוֶועזֶען אַ תַּלְמִיד פוּן יֵשׁוּעַ.
58 עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ פִּילָטוּס, אוּן הָאט גֶעבֶּעטֶען פַאר דֶעם לֵייבּ פוּן יֵשׁוּעַ.
דַאן הָאט פִּילָטוּס בֶּעפוֹילֶען אִיהְם דֶעם לֵייבּ צוּ גֶעבֶּען. 59 אוּן יוֹסֵף הָאט
גֶענוּמֶען דֶעם לֵייבּ, אוּן הָאט אִיהְם אֵיינְגֶעווִיקֶעלְט אִין אַ רֵיין לֵיילֶעךְ; 60 אוּן
הָאט אִיהְם אַרֵיינְגֶעלֶעגְט אִין זֵיין אֵייגֶענֶעם נֵייעֶן קֶבֶר, וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶע־
הַאקְט אִים פֶעלְז, אוּן הָאט אַרוֹיפְגֶעלֶעגְט אַ גְרוֹיסֶען שְׁטֵיין אוֹיף דֶער טְהִיר
פוּן דֶעם קֶבֶר, אוּן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. 61 אוּן עֶס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶועזֶען מִרְיָם
הַמַגְדָלִית, אוּן דִיא אַנְדֶערֶע מִרְיָם, וָואס זֶענֶען גֶעזֶעסֶען קֶעגֶען דֶעם קֶבֶר.

62 אוּן צוּ מָארְגֶען, וָואס אִיז נָאךְ עֶרֶב יוֹם טוֹב, הָאבֶּען זִיךְ דִיא עֶרְשְׁטֶע
כֹּהֲנִים אוּן דִיא פְּרוּשִׁים פֶערְזַאמֶעלְט בַּייא פִּילָטוּס, 63 אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, הֶערְר,
מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז יֶענֶער בֶּעטְרִיגֶער הָאט גֶעזָאגְט וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט,
נָאךְ דְרֵייא טֶעג וֶועל אִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעהֶען. 64 דְרוּם בֶּעפֶעהְל אַז מֶען זָאל דָאס
קֶבֶר בֶּעוַואכֶען בִּיז צוּם דְרִיטֶען טָאג, כְּדֵי זֵיינֶע תַּלְמִידִים זָאלֶען נִיט קוּמֶען, אוּן
אִיהְם גַנְבֶנֶען אוּן דֶעם פָאלְק זָאגֶען אַז עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן דִיא טוֹיטֶע;
אוּן דִיא לֶעצְטֶע בֶּעטְרִיגֶערֵייא וֶועט עֶרְגֶער זֵיין ווִיא דִיא עֶרְשְׁטֶע. 65 פִּילָטוּס
הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיהְר הָאט אַ וַואךְ, גֶעהְט אוּן מַאכְט עֶס זִיכֶער ווִיא
אִיהְר ווֵייסְט. 66 אוּן זֵייא זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאבֶּען דָאס קֶבֶר זִיכֶער גֶעמַאכְט
דוּרְךְ פֶערְזִיגְלֶען, אוּן הָאבֶּען אַ וַואךְ גֶעשְׁטֶעלְט.

כח 1 און שְׁפֶּעט נָאךְ מוֹצָאֵי שַׁבָּת, וֶוען עֶס הָאט אָנְגֶעהויבֶּען לִיכְטִיג צוּ
וֶוערֶען, קֶעגֶען דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג אִין דֶער וָואךְ, אִיז מִרְיָם הַמַּגְדָּלִית און דִיא
אַנְדֶערֶע מִרְיָם גֶעקוּמֶען דָאס קֶבֶר צוּ זֶעהֶען. 2 און זֶעה, עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אַ
גְרוֹיס עֶרְדְצִיטֶערְנִיס, וָוארִין אַ מַלְאָךְ פוּן דֶעם הַאר'ן אִיז אַרוּפְּגֶעקוּמֶען פוּן הִימֶעל,
און אִיז גֶעגַאנְגֶען און הָאט אַוֶועקְגֶעקְוַאלְט דֶעם שְׁטֵיין און אִיז דְרוֹיף גֶעזֶעסֶען;
3 און זַיינֶע גֶעשְׁטַאלְט אִיז וִויא אַ בְּלִיץ גֶעוֶוען, און זַיינֶע קְלֵיידוּנְג ווייס וִויא שְׁנֵייא.
4 און דִיא וֶועכְטֶער הָאבֶּען גֶעצִיטֶערְט פַאר מוֹרָא פוּן אִיהְם, און זֶענֶען וִויא טוֹיטֶע
גֶעוָוארֶען. 5 און דֶער מַלְאָךְ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און הָאט צוּ דִיא פְרוֹיעֶן גֶעזָאגְט,
פָארְכְט אֵייךְ נִיט, וָוארִין אִיךְ ווייס אַז אִיהְר זוּכְט יֵשׁוּעַ דֶער אִיז גֶעקְרֵייצִיגְט
גֶעוָוארֶען 6 עֶר אִיז נִיט דָא, וָוארִין עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַזוֹי וִויא עֶר הָאט
גֶעזָאגְט; קוּמְט און זֶעהְט דֶעם אָרְט וְואוּ דֶער הַאר אִיז גֶעלֶעגֶען. 7 און גֶעהְט
גֶעשְׁווִינְד און זָאגְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז עֶר אִיז פוּן דִיא טוֹיטֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען;
און זֶעהְט, עֶר גֶעהְט פָאר אֵייךְ קֵיין גָלִיל. דָארְט וֶועט אִיהְר אִיהְם זֶעהֶען;
זֶעהְט, אִיךְ הָאבּ עֶס אֵייךְ גֶעזָאגְט. 8 און זֵייא זֶענֶען גֶעשְׁווִינְד אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען
פוּן דֶעם קֶבֶר מִיט מוֹרָא און מִיט גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, און זֶענֶען גֶעלָאפֶען עֶס צוּ
דֶערְצֶעהְלֶען צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים. 9 און זֶעה יֵשׁוּעַ הָאט זֵייא בֶּעגֶעגֶענְט און גֶע־
זָאגְט, שָׁלוֹם צוּ אֵייךְ; און זֵייא זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען און הָאבֶּען אִיהְם
אָנְגֶעהַאלְטֶען בֵּייא דִיא פִיס, און הָאבֶּען זִיךְ צוּ אִיהְם גֶעבִּיקְט. 10 דַאן הָאט
יֵשׁוּעַ צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, פָארְכְט אֵייךְ נִיט; גֶעהְט און זָאגְט צוּ מֵיינֶע בְּרִידֶער אַז
זֵייא זָאלֶען אַוֶועקְגֶעהֶען קֵיין גָלִיל, און דָארְט וֶועלֶען זֵייא מִיךְ זֶעהֶען.

11 און דֶערְוַויילֶע זֵייא זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, זֶעה עֶטְלִיכֶע פוּן דֶער וַואךְ זֶענֶען אִין
דֶער שְׁטָאדְט אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, און הָאבֶּען דֶערְצֶעהְלְט צוּ דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אַלֶעס
וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶען. 12 און זֵייא הָאבֶּען זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט מִיט דִיא עֶלְצְטֶע, און
הָאבֶּען אֵיין עֵצָה גֶעהַאלְטֶען, און הָאבֶּען גֶעגֶעבֶּען פִיל גֶעלְד צוּ דִיא סָאלְדָא־
טֶען; 13 און הָאבֶּען גֶעזָאגְט, זָאגְט אִיהְר אַז זַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען
בֵּייא דֶער נַאכְט, און הָאבֶּען אִיהְם גֶעגַנְבֶעט, דֶערְוַויילֶע מִיר הָאבֶּען גֶעשְׁלָאפֶען;
14 און וֶוען דֶער גוּבֶערְנֶער וֶועט דָאס הֶערֶען, אַזוֹי וֶועלֶען מִיר אִיהְם אִיבֶּערְ־
רֶעדֶען, און וֶועלֶען אֵייךְ זִיכֶער מַאכֶען. 15 און זֵייא הָאבֶּען גֶענוּמֶען דָאס גֶעלְד,
און הָאבֶּען גֶעטְהוּן אַזוֹי וִויא זֵייא זֶענֶען גֶעלֶעהְרְט גֶעוֶוען, און דִיזֶע רֶעד אִיז
צְווִישֶׁען דִיא יוּדֶען פֶערְשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארֶען בִּיז צוּם הֵיינְטִיגֶען טָאג.

16 און דִיא עֶלְף תַּלְמִידִים זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען קֵיין גָלִיל, צוּם בַּארְג וְואוּ יֵשׁוּעַ הָאט
זֵייא בֶּעפוֹילֶען. 17 און וֶוען זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעזֶעהֶען, הָאבֶּען זֵייא זִיךְ צוּ אִיהְם
גֶעבִּיקְט; אָבֶּער עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען גֶעצְווַייפֶעלְט. 18 און יֵשׁוּעַ אִיז צוּ זֵייא גֶעקוּמֶען,
און הָאט מִיט זֵייא גֶערֶעט און גֶעזָאגְט, אַלֶע מַאכְט אִיז מִיר גֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען
אִים הִימֶעל און אוֹיף דֶער עֶרְד; 19 דְרוּם גֶעהְט און מַאכְט תַּלְמִידִים פוּן אַלֶע
פֶעלְקֶער, אִין דֶעם אִיהְר טוֹבֵלְט זֵייא אִים נָאמֶען פוּן דֶעם פָאטֶער, און פוּן דֶעם זוּהְן,
און פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, 20 און לֶעהְרְט זֵייא צוּ הִיטֶען אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ אֵייךְ
גֶעבָּאטֶען; און זֶעהְט, אִיךְ בִּין אַלֶע טָעג מִיט אֵייךְ בִּיז צוּם עֶנְד פוּן דֶעם צֵייטַאלְטֶער.

דיא הייליגע בשורה טובה נאך מרקוס

א [1] דער אנהייב פון דער בשורה טובה פון ישוע המשיח. [2] אזוי וויא עס
שטעהט געשריבען אין דעם נביא ישעיה,

זעה, איך שיק מיין מלאך פאר דיר,
דער וועט דיין וועג פאר דיר אנברייטען:
[3] א קול פון איינעם וואס רופט אין דער מדבר,
מאכט פארטיג דעם וועג פון דעם האר'ן,
מאכט גלייך זיינע שטעגען.

[4] און יוחנן איז געוועזן אין דער מדבר, און האט געפרעדיגט דיא טבילה פון
תשובה צו פערגעבונג פון זינד. [5] און עס זענען צו איהם ארויסגעגאנגען
דאס גאנצע לאנד יהודה, און אלע לייט פון ירושלים; און זענען פון איהם
געטובלט געוועזן אים שטרוים ירדן, און האבען מתודה געווען זייערע זינד.
[6] און יוחנן איז געקלייד געווארען אין קעמעל האר, און א גארטעל פון
פעל ארום זיינע לענדען, און ער האט געגעסען היישרעקען און ווילדען
האניג. [7] און ער האט געפרעדיגט און געזאגט, א שטארקערער פון מיר קומט
נאך מיר, וואס איך בין ניט ווערט אז איך זאל מיך ארופבייגען און דאס שנירעל
פון זיינע שיך אויפבינדען. [8] איך האב אייך געטובלט מיט וואסער, אבער ער
וועט אייך טובלן מיט דעם רוח הקודש.

[9] און עס איז געוועזן אין יענע טעג, אז ישוע איז געקומען פון נצרת אין גליל,
און איז געטובלט געוועזן פון יוחנן אים ירדן. [10] און גלייך וויא ער איז אויס
דעם וואסער ארויסגעקומען, האט ער געזעהען אז דער הימעל האט זיך גע־
שפאלטען, און דעם גייסט ארופקומענדיג וויא א טויב אויף איהם. [11] און א
קול איז געוועזן פון הימעל, דוא ביסט מיין געליבטער זוהן, אין דיר האב איך
וואוילגעפעלען.

[12] און גלייך האט דער גייסט איהם ארויסגעטריבען אין דער מדבר אריין. [13] און
ער איז דארט געוועזן פיערציג טעג, און איז געפריפט געוועזן פון דעם שטן;
און ער איז געוועזן מיט דיא ווילדע חיות, און דיא מלאכים האבען איהם בעד־
דינט.

[14] און נאכדעם וויא יוחנן איז איבערגעענטפערט געווארען, איז ישוע געקומען
קיין גליל, און האט געפרעדיגט דיא בשורה טובה פון דעם קעניגרייך פון גאט.
[15] און ער האט געזאגט, דיא צייט איז דערפילט, און דאס קעניגרייך פון גאט
איז נאהענט, טהוט תשובה, און גלויבט אין דער בשורה טובה.

[16] און ווען ער איז געגאנגען ביים ים פון גליל, האט ער געזעהען שמעון און
זיין ברודער אנדרי, וואס האבען געווארפען א נעץ אים ים אריין, ווארין זייא

[2] מלאכי ג׳ א׳. [3] ישעיה מ׳ ג׳.

זֶענֶען פִישֶׁער גֶעוֶועזֶן. 17 און יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, פָאלְגְט מִיר
נָאךְ, אוּן אִיךְ וֶועל אֵייךְ מַאכֶען פִישֶׁער פוּן מֶענְשֶׁען. 18 אוּן גְלֵייךְ הָאבֶּען זֵייא
זֵייעֶרֶע נֶעצֶען פֶערְלָאזְט אוּן הָאבֶּען אִיהְם נָאכְגֶעפָאלְגְט. 19 אוּן וִויא עֶר אִיז
פוּן דָארְטֶען אַבִּיסֶעל ווייטֶער גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶעזֶעהֶען יַעֲקֹב דֶעם זוּהְן פוּן
זַבְדַי, אוּן זֵיין בְּרוּדֶער יוֹחָנָן, אוֹיךְ זֵייא זֶענֶען גֶעוֶועזֶן אִים שִׁיף צוּרֶעכְטְמַא־
כֶענְדִיג דִיא נֶעצֶען. 20 אוּן גְלֵייךְ הָאט עֶר זֵייא גֶערוּפֶען. אוּן זֵייא הָאבֶּען
פֶערְלָאזְט זֵייעֶר פָאטֶער זַבְדַי אִים שִׁיף מִיט דִיא גֶעדוּנְגֶענֶע לֵייט, אוּן הָאבֶּען
אִיהְם נָאכְגֶעפָאלְגְט.

21 אוּן זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען קֵיין כְּפַר־נַחוּם. אוּן גְלֵייךְ אִיז עֶר אַם שַׁבָּת גֶעגַאנְגֶען
אִין דֶער שׁוּל אַרֵיין, אוּן הָאט גֶעלֶעהְרְט. 22 אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעוְואוּנְדֶערְט
אִיבֶּער זֵיינֶע לֶעהְרֶע: וָוארִין עֶר הָאט זֵייא גֶעלֶעהְרְט אַזוֹי וִויא אֵיינֶער וָואס
הָאט מַאכְט, אוּן נִיט אַזוֹי וִויא דִיא סוֹפְרִים. 23 אוּן גְלֵייךְ אִיז עֶס גֶעוֶועזֶן אִין
זֵייעֶרֶע שׁוּל אַ מַאן מִיט אֵיין אוּנְרֵיינֶען גֵייסְט, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגֶען אוּן
גֶעזָאגְט: 24 וָואס הָאבֶּען מִיר מִיט דִיר צוּ טְהוּן, דוּא יֵשׁוּעַ הַנָּצְרִי? בִּיסְט דוּא
גֶעקוּמֶען אוּנְז צוּ פֶערְדַארְבֶּען? אִיךְ קֶען דִיךְ וֶוער דוּא בִּיסְט, דֶער הֵיילִיגֶער
פוּן גָאט. 25 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט אִיהְם אָנְגֶעשְׁרִיגֶען, אוּן גֶעזָאגְט, זֵייא פֶערְשְׁטוּמְט
אוּן גֶעה אַרוֹיס פוּן אִיהְם. 26 אוּן דֶער אוּנְרֵיינֶע גֵייסְט הָאט אִיהְם צוּרִי־
סֶען, אוּן הָאט גֶעשְׁרִיגֶען מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל, אוּן אִיז פוּן אִיהְם אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען.
27 אוּן זֵייא זֶענֶען אַלֶע עֶרְשְׁטוֹינְט גֶעוָוארֶען אַזוֹי אַז זֵייא הָאבֶּען צְווִישֶׁען אֵיינַאנְדֶער
גֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט, וָואס אִיז דָאס? אַ נֵייעֶ לֶעהְרֶע מִיט מַאכְט; עֶר
בֶּעפֶעהְלְט אוֹיךְ דִיא אוּנְרֵיינֶע גֵייסְטֶער אוּן זֵייא גֶעהָארְכֶען אִיהְם.
28 אוּן זֵיין שֵׁם אִיז גְלֵייךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִיבֶּערַאל אִין דִיא גַאנְצֶע גֶעגֶענְד
פוּן גָלִיל.

29 אוּן גְלֵייךְ זֶענֶען זֵייא אוֹיס דֶער שׁוּל אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִים
הוֹיז אַרֵיין פוּן שִׁמְעוֹן אוּן אַנְדְרַי, מִיט יַעֲקֹב אוּן יוֹחָנָן. 30 אוּן דִיא שְׁוִויגֶער
פוּן שִׁמְעוֹן אִיז גֶעלֶעגֶען מִיט פִיבֶּער; אוּן גְלֵייךְ הָאבֶּען זֵייא אִיהְם פוּן אִיהְר
גֶעזָאגְט. 31 אוּן עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיא אָנְגֶענוּמֶען בַּייא דֶער הַאנְד,
אוּן הָאט זִיא אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען; אוּן דָאס פִיבֶּער הָאט זִיא פֶערְלָאזְט, אוּן זִיא
הָאט זֵייא בֶּעדִינְט.

32 אוּן וֶוען עֶס אִיז אָבֶענְד גֶעוָוארֶען וֶוען דִיא זוּן אִיז אוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען, הָאט
מֶען צוּ אִיהְם גֶעבְּרַאכְט אַלֶע דִיא וָואס זֶענֶען קְרַאנְק גֶעוֶועזֶן אוּן וָואס הָא־
בֶּען שֵׁדִים גֶעהַאט. 33 אוּן דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאדְט אִיז פֶערְזַאמֶעלְט גֶעוֶועזֶן פָאר
דֶער טְהִיר. 34 אוּן עֶר הָאט גֶעהֵיילְט פִילֶע וָואס זֶענֶען קְרַאנְק גֶעוֶועזֶן אוֹיף
פֶערְשִׁידֶענֶע קְרֶענְק, אוּן הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פִילֶע שֵׁדִים; אוּן הָאט דִיא
שֵׁדִים נִיט גֶעלָאזְט רֶעדֶען, אַז זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעקֶענְט.

35 אוּן אִין דֶער פְרִיה, וִויא עֶס אִיז נָאךְ פִינְסְטֶער גֶעוֶועזֶן, אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן
אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן גֶעקוּמֶען צוּ אַ ווּיסְטֶען אָרְט, אוּן הָאט דָארְט גֶעבֶּעטֶען.
36 אוּן שִׁמְעוֹן אוּן דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶועזֶן הָאבֶּען אִיהְם נָאכְגֶעפָאלְגְט.

37 אוּן װֶען זַייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעפִינֶען, הָאבֶּען זַייא צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אַלֶע
לַייט זוּכֶען דִיךְ. 38 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, לָאזֶען מִיר גֶעהֶען צוּ אַנְ־
דֶערֶע עֶרְטֶער צוּ דִיא שְׁטֶעדְט װָאס זֶענֶען נָאהֶענְט אַז אִיךְ זָאל דָארְט אוֹיךְ
פְּרֶעדִיגֶען; װָארִין דֶערְפַאר בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען. 39 אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן
הָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט אִין זַייעֶרֶע שוּלֶען אִין גַאנְץ גָלִיל, אוּן הָאט דִיא שֵׁדִים
אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען.
40 אוּן אַ קְרֶעצִיגֶער אִיז צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטֶען, אוּן
הָאט פָאר אִיהְם אַנִידֶערְגֶעקְנִיעֶט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, װֶען דוּא װִילְסְט,
קֶענְסְט דוּא מִיךְ רֵיין מַאכֶען. 41 אוּן עֶר הָאט זִיךְ אִיבֶּער אִיהְם דֶערְבַּארְמְט,
אוּן הָאט דִיא הַאנְד אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט, אוּן הָאט אִיהְם אָנְגֶערִיהְרְט, אוּן הָאט
צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אִיךְ װִיל, זַייא גֶערֵיינִיגְט. 42 אוּן גְלַייךְ זֶענֶען דִיא קְרֶעץ
פוּן אִיהְם אַװֶעקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶר אִיז גֶערֵיינִיגְט גֶעװָארֶען, 43 אוּן װֶען עֶר
הָאט אִיהְם שַׁארְף אָנְגֶעזָאגְט, הָאט עֶר אִיהְם גְלַייךְ אַװֶעקְגֶעשִׁיקְט, 44 אוּן הָאט
צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, זֶעה, דוּא זָאלְסְט קֵיינֶעם נִיט זָאגֶען; נֵייעֶרְט גֶעה אַװֶעק אוּן
װַייז דִיךְ פָאר דֶעם כֹּהֵן, אוּן זַייא מַקְרִיב פַאר דֵיינֶע רֵיינִיגוּנְג װָאס מֹשֶׁה הָאט
גֶעבָּאטֶען פַאר אַ צֵייגְנִיס צוּ זַייא. 45 אַבֶּער עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט
אָנְגֶעהוֹיבֶּען פִיל צוּ פְּרֶעדִיגֶען, אוּן דִיא זַאךְ צוּ רִיהְמֶען, אַזוֹי אַז עֶר הָאט נִיט
מֶעהְר גֶעקֶענְט עֶפֶענְטְלִיךְ אִין אַ שְׁטָאדְט אַרֵיינְקוּמֶען; נֵייעֶרְט עֶר אִיז דְרוֹיסֶען
אִין װִיסְטֶע עֶרְטֶער גֶעװֶען, אוּן מֶען אִיז צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען פוּן אַלֶע זַייטֶען.
ב 1 אוּן נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג אִיז עֶר װִידֶערְגֶעקוּמֶען קֵיין כְּפַרְנַחוּם אוּן עֶס אִיז
בֶּעקַאנְט גֶעװָארֶען אַז עֶר אִיז אִים הוֹיז. 2 אוּן פִילֶע הָאבֶּען זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט אַזוֹי
אַז עֶס אִיז נִיט מֶעהְר פְּלַאץ גֶעװֶען פַאר זַייא, נִיט אַמָאל פָאר דֶער טְהִיר. אוּן
עֶר הָאט צוּ זַייא גֶערֶעט דָאס װָארְט. 3 אוּן זַייא זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, אוּן
הָאבֶּען גֶעבְּרַאכְט אַ גִיכְטְבְּרִיכִיגֶען, װָאס אִיז פוּן פִיעֶר מֶענְשֶׁען גֶעטְרָאגֶען
גֶעװָארֶען. 4 אוּן װֶען זַייא הָאבֶּען נִיט גֶעקֶענְט צוּקוּמֶען צוּ אִיהְם דוּרְךְ דִיא
לֵייט, אַזוֹי הָאבֶּען זַייא אוֹיפְגֶעדֶעקְט דֶעם דַאךְ װוּא עֶר אִיז גֶעװֶען אוּן הָאבֶּען
אִיהְם אוֹיפְגֶעבְּרָאכֶען, אוּן אַרוּפְּגֶעלָאזְט דָאס בֶּעט אוֹיף װֶעלְכֶעם דֶער גִיכְטְ־
בְּרִיכִיגֶער אִיז גֶעלֶעגֶען. 5 אוּן װֶען יֵשׁוּעַ הָאט גֶעזֶעהֶען זַייעֶר גְלוֹיבֶּען, הָאט
עֶר צוּם גִיכְטבְּרִיכִיגֶען גֶעזָאגְט, מֵיין זוּהְן, דֵיינֶע זִינְד זֶענֶען דִיר פֶערְגֶעבֶּען.
6 אָבֶּער עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא סוֹפְרִים זֶענֶען דָארְט גֶעזֶעסֶען, אוּן הָאבֶּען זִיךְ גֶע־
טְרַאכְט אִין זַייעֶרֶע הֶערְצֶער; 7 פַארְװָאס רֶעט דִיזֶער אַזוֹי? עֶר לֶעסְטֶערְט. װֶער
קֶען זִינְד פֶערְגֶעבֶּען אוֹיסֶער גָאט אַלֵיין? 8 אוּן יֵשׁוּעַ, גְלַייךְ װִיסֶענְדִיג אִין זַיין
גַייסְט אַז זַייא הָאבֶּען אִין זִיךְ אַזוֹי גֶעטְרַאכְט, הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, פַארְװָאס
דֶענְקְט אִיהְר אַזֶעלְכֶעס אִין אֵייעֶרֶע הֶערְצֶער? 9 װָאס אִיז גְרִינְגֶער, צוּ זָאגֶען
צוּ דֶעם גִיכְטְבְּרִיכִיגֶען, דֵיינֶע זִינְד זֶענֶען דִיר פֶערְגֶעבֶּען? אָדֶער צוּ זָאגֶען,
שְׁטֶעה אוֹיף, נֶעם דֵיין בֶּעט, אוּן גֶעה אַרוּם? 10 אָבֶּער אַז אִיהְר זָאלְט װִיסֶען
אַז דֶער בֶּן אָדָם הָאט מַאכְט זִינְד צוּ פֶערְגֶעבֶּען אוֹיף דֶער עֶרְד, זָאגְט עֶר
צוּם גִיכְטְבְּרִיכִיגֶען, 11 אִיךְ זָאג דִיר, שְׁטֶעה אוֹיף, אוּן נֶעם דֵיין בֶּעט, אוּן

געה אין דיין הויז. 12 און גלייך איז ער אויפגעשטאנען, און האט גענומען
זיין בעט, און איז ארויסגעגאנגען פאר זייא אלע; אזוי אז זייא אלע זענען
ערשטוינט, און האבען געלויבט גאט, און געזאגט, מיר האבען אזעלכעס
קיין מאל ניט געזעהען.

13 און ער איז ווידער ארויסגעגאנגען צו דער זייט פון דעם ים; און אלע לייט
זענען צו איהם געקומען, און ער האט זייא געלעהרט. 14 און ווען ער איז
פארבייא געגאנגען, האט ער געזעהען לוי, דעם זוהן פון חלפי, זיצענדיג אים
הויז פון שטייער און ער האט איהם געזאגט פאלג מיר נאך. און ער איז אויפגע-
שטאנען, און האט איהם נאכגעפאלגט. 15 און עס איז געשעהען ווען ער איז
געזעסען ביים טיש אין זיין הויז, אז פילע שטייעראייננעמער און זינדער זענען
אויך געזעסען מיט ישוע און זיינע תלמידים. ווארין עס זענען געווען פילע
וואס זענען איהם נאכגעגאנגען. 16 און ווען דיא סופרים און דיא פרושים
האבען געזעהען אז ער עסט מיט שטייעראייננעמער און זינדער, האבען
זייא געזאגט צו זיינע תלמידים, ער עסט און טרינקט מיט שטייעראייננעמער
און זינדער. 17 און ווען ישוע האט דאס געהערט, האט ער צו זייא געזאגט,
דיא וואס זענען געזונד בעדארפען קיין דאקטאר ניט, נייערט דיא וואס זענען
קראנק; איך בין ניט געקומען דיא צדיקים צו רופען, נייערט דיא זינדער.

18 און דיא תלמידים פון יוחנן און דיא פרושים האבען געפאסט. און זייא
זענען געקומען און האבען צו איהם געזאגט, פארוואס פאסטען דיא תלמידים
פון יוחנן און פון דיא פרושים, אבער דיינע תלמידים פאסטען ניט? 19 און
ישוע האט צו זייא געזאגט, קענען דיא אונטערפיהרער פאסטען, דערווייל
דער חתן איז נאך בייא זייא? אזוי לאנג וויא זייא האבען דעם חתן מיט זיך,
קענען זייא ניט פאסטען. 20 אבער דיא טעג וועלען קומען, ווען דער חתן וועט
פון זייא אוועקגענומען ווערען, און דאן וועלען זייא פאסטען אין יענעם טאג.
21 קיינער פעררעכט ניט איין אלטעס קלייד מיט א שטיק פון ניט געוואלקעוועטען
טוך, ווארין אזוי דען רייסט דאס צוגעפליקטע אפ דערפון, דאס נייע פון דעם
אלטען, און עס וועט איין ערגערער ריס. 22 און קיינער גיסט ניט נייען וויין
אין אלטע לאגעל אריין; ווען אזוי, וועט דער וויין דיא לאגעל צורייסען, און
דער וויין און דיא לאגעל ווערען פערדארבען. נייערט מען גיסט נייען וויין אין
נייע לאגעל אריין.

23 און עס איז געשעהען, ווען ער איז ארומגעגאנגען אים שבת דורך דעם
וואקסענדען קארן, אז זיינע תלמידים האבען אנגעהויבען א וועג צו מאכען,
מיט אפרייסען פון דיא זאנגען. 24 און דיא פרושים האבען צו איהם געזאגט,
זעה, ווארום טהון זייא אים שבת וואס איז ניט דערלויבט? 25 און ער האט
צו זייא געזאגט, האט איהר קיין מאל ניט געליינט וואס דוד האט געטהון,
ווען ער האט נויט געהאט און איז הונגריג, און דיא וואס זענען מיט איהם
געווען? 26 וויא ער איז אריינגעגאנגען אים הויז פון גאט, אין דער צייט פון
אביתר דעם כהן גדול, און האט געגעסען דעם לחם הפנים, וואס איז ניט

דֶערְלויבְּט צוּ עֶסֶען אויסֶער דִיא כֹּהֲנִים, אוּן עֶר הָאט אויךְ גֶעגֶעבֶּען צוּ דִיא
וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶוען? 27 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, דֶער שַׁבָּת
אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען פַאר דֶעם מֶענְשֶׁען אוּן נִיט דֶער מֶענְשׁ פַאר דֶעם שַׁבָּת.
28 אַזוֹי דֶען אִיז דֶער בֶּן אָדָם הַאר אויךְ אִיבֶּער דֶעם שַׁבָּת.

ג 1 אוּן עֶר אִיז וִוידֶער גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל אַרַיין; אוּן עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶוען
אַ מַאן וָואס הָאט גֶעהַאט אַ פֶערְדַארְטֶע הַאנְד. 2 אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם גֶע־
וַואכְט, אויבּ עֶר וֶועט אִיהְם הַיילֶען אִים שַׁבָּת, כְּדֵי זַייא זָאלֶען אִיהְם פֶערְ־
קְלָאגֶען. 3 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם מַאן וָואס הָאט גֶעהַאט דִיא פֶערְדַארְטֶע
הַאנְד, שְׁטֶעה אויף אִין מִיטֶען. 4 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, מֶעג מֶען
אַם שַׁבָּת גוּטֶעס טְהוּן, אָדֶער שְׁלֶעכְטֶעס? לֶעבֶּען רֶעטֶען, אָדֶער טֵייטֶען?
אוּן זַייא הָאבֶּען שְׁטִיל גֶעשְׁווִיגֶען. 5 אוּן עֶר הָאט אויף זַייא אַרוּמְגֶעזֶעהֶען
מִיט צָארְן, אוּן אִיז בֶּעטְרִיבְּט גֶעוֶוען אִיבֶּער דִיא הַארְטִיגְקֵייט פוּן זֵייעֶרֶע הֶערְ־
צֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם מַאן, שְׁטְרֶעק אויס דֵיינֶע הַאנְד; אוּן עֶר הָאט זִיא
אויסְגֶעשְׁטְרֶעקְט, אוּן זַיינֶע הַאנְד אִיז וִוידֶער גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען. 6 אוּן וִויא דִיא
פְּרוּשִׁים זֶענֶען אַרויסְגֶעגַאנְגֶען, גְלֵייךְ הָאבֶּען זַייא אַיין עֵצָה גֶעהַאלְטֶען קֶעגֶען
אִיהְם מִיט דִיא לֵייט פוּן הוֹרְדוֹס, כְּדֵי זַייא זָאלֶען אִיהְם אוּמְבְּרֶענְגֶען.

7 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּם יַם, אוּן אַ סַךְ מֶענְשֶׁען
זֶענֶען אִיהְם נָאכְגֶעגַאנְגֶען; אוּן פוּן גָלִיל, אוּן פוּן יְהוּדָה, 8 אוּן פוּן יְרוּשָׁלַיִם, אוּן
פוּן אֱדוֹם, אוּן פוּן דִיא אַנְדֶערֶע זַייט יַרְדֵן, אוּן פוּן דֶער גֶעגֶענְד פוּן צוֹר אוּן
צִידוֹן, אַ סַךְ מֶענְשֶׁען וֶוען זַייא הָאבֶּען גֶעהֶערְט וָואסְפַאר וֶוערְק עֶר הָאט
גֶעטְהוּן זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען. 9 אוּן עֶר הָאט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶע־
זָאגְט, אַז זַייא זָאלֶען אִיהְם אָנְבְּרֵייטֶען אַ קְלֵיינֶעם שִׁיף, פוּן וֶועגֶען דִיא
לֵייט, אַז זַייא זָאלֶען אִיהְם נִיט שְׁטִיפֶּען. 10 וָוארִין עֶר הָאט פִילֶע גֶעהֵיילְט,
אוּן דִיא וָואס הָאבֶּען גֶעהַאט פְּלָאגֶען זֶענֶען אִיהְם אִיבֶּערְפַאלֶען, אַז זַייא
זָאלֶען אִיהְם אָנְרִיהְרֶען. 11 אוּן דִיא אוּנְרֵיינֶע גֵייסְטֶער, וֶוען זַייא הָאבֶּען אִיהְם
גֶעזֶעהֶען, זֶענֶען פָאר אִיהְם אַנִידֶערְגֶעפַאלֶען; אוּן הָאבֶּען גֶעשְׂרִיגֶען אוּן גֶע־
זָאגְט, דוּא בִּיסְט דֶער זוּהְן פוּן גָאט. 12 אוּן עֶר הָאט זַייא אָנְגֶעשְׂרִיגֶען אַז
זַייא זָאלֶען אִיהְם נִיט בֶּעקַאנְט מַאכֶען.

13 אוּן עֶר אִיז אויף דֶעם בַּארְג אַרויפְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט צוּ זִיךְ גֶערוּפֶען וֶועֶ־
מֶען עֶר הָאט גֶעוָואלְט, אוּן זַייא זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען. 14 אוּן עֶר הָאט
אֵיינְגֶעשְׁטֶעלְט צְוֶועלְף אַז זַייא זָאלֶען מִיט אִיהְם זַיין, אוּן אַז עֶר זָאל זַייא אויס־
שִׁיקֶען צוּ פְּרֶעדִיגֶען. 15 אוּן אַז זַייא זָאלֶען הָאבֶּען מַאכְט שֵׁדִים אַרויס צוּ־
טְרֵייבֶּען. 16 אוּן עֶר הָאט דִיא צְוֶועלְף אֵיינְגֶעשְׁטֶעלְט, אוּן צוּ שִׁמְעוֹן הָאט עֶר דֶעם
נָאמֶען גֶעגֶעבֶּען פֶּעטְרוֹס; 17 אוּן יַעֲקֹב דֶער זוּהְן פוּן זַבְדִי, אוּן יוֹחָנָן דֶעם
בְּרוּדֶער פוּן יַעֲקֹב, אוּן צוּ זַייא הָאט עֶר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבֶּען בְּנֵי רָגֶשׁ, וָואס
הֵייסְט זִיהְן פוּן דוּנֶער; 18 אוּן אַנְדְרַי, אוּן פִילִיפּוֹס, אוּן בַּר־תַּלְמַי, אוּן מַתַּי,
אוּן תּוֹמָא, אוּן יַעֲקֹב דֶער זוּהְן פוּן חַלְפַי, אוּן תַּדַּי, אוּן שִׁמְעוֹן הַקַּנָּאִי; 19 אוּן
יְהוּדָה אִישׁ קְרִיּוֹת, וָואס הָאט אִיהְם אויךְ פֶערְמַסֶערְט.

און זייא זענען אין א הויז געקומען. 20 און דיא לייט זענען ווידער צוזאַ־
מענגעקומען, אַזוי אַז זייא האָבען אויך קיין ברויט ניט געקענט עסען. 21 און
ווען זיינע קרובים האָבען דאָס געהערט, זענען זייא אַרויסגעגאַנגען אום איהם
צו האַלטען; וואָרין זייא האָבען געזאָגט, אַז ער איז פון זינען געקומען. 22 און
דיא סופרים וואָס זענען אַרונטערגעקומען פון ירושלים האָבען געזאָגט, ער האָט
בעל־זבוב, און ער טרייבט אַרויס דיא שדים דורך דעם פירשט פון דיא שדים.
23 און ער האָט זייא גערופען, און האָט צו זייא גערעדט אין משלים, וויא אַזוי
קען דער שטן דעם שטן אַרויסטרייבען? 24 און ווען אַ קעניגרייך איז צו־
טיילט קעגען זיך, אַזוי קען דאָס קעניגרייך ניט בעשטעהען. 25 און ווען אַ הויז
איז צוטיילט קעגען זיך, אַזוי קען יענעם הויז ניט בעשטעהען. 26 און ווען
דער שטן שטעהט אויף קעגען זיך, און איז קעגען זיך צוטיילט, אַזוי קען ער ניט
בעשטעהען, נייערט ער האָט איין ענד. 27 אָבער קיינער קען ניט אַריינקומען אין
הויז פון אַ גבור, און זיינע כלים רויבען, אויסגענומען אַז ער וועט צוערשט דעם
גבור בינדען, און דאַן וועט ער זיין הויז רויבען. 28 באמת זאָג איך אייך, אַז
אַלע זינד וועלען צו דיא זיהן פון מענשען פערגעבען ווערען, און דיא
לעסטערונגען וואָס זייא וועלען לעסטערן; 29 אָבער דער וואָס וועט לעסטערן
קעגען דעם רוח הקדש, דער האָט אויף עביג קיינע פערגעבונג ניט, נייערט
ער איז פערשולדיגט פון איין עביגע זינד. 30 וואָרין זייא האָבען געזאָגט, ער
האָט איין אונריינעם גייסט.

31 און זיינע מוטער און זיינע ברידער זענען געקומען, און זענען געשטאַנען
דרויסען, און האָבען געשיקט איהם רופען. 32 און דיא לייט זענען אַרום איהם
געזעסען, און האָבען צו איהם געזאָגט, זעה, דיינע מוטער און דיינע ברידער
דרויסען זוכען דיך. 33 און ער האָט געענטפערט און האָט צו זייא געזאָגט,
ווער איז מיינע מוטער און מיינע ברידער? 34 און קוקענדיג אויף דיא וואָס
זענען אַרום איהם געזעסען, האָט ער געזאָגט, זעה מיינע מוטער און מיינע
ברידער! 35 וואָרין ווער עס וועט טהון דעם ווילען פון גאָט, דער איז מיין
ברודער, און שוועסטער, און מוטער.

ד 1 און ער האָט ווידער אָנגעהויבען צו לעהרען ביים דעם ים, און אַ סך
לייט האָט זיך צו איהם פערזאַמעלט, אַזוי אַז ער איז אין אַ שיף אַריינגעגאַנגען,
און איז דרויף געזעסען אים ים, און אַלע לייט זענען אויף דעם לאַנד ביים
ים געווען. 2 און ער האָט זייא פיל געלעהרט אין משלים, און האָט צו זייא
געזאָגט אין זיינע לעהרע, 3 הערט צו, זעה, דער זייער איז אַרויסגעגאַנגען צו
זייען. 4 און עס איז געשעהען ווען ער האָט געזייעט, זענען עטליכע געפאַלען
ביים וועג, און דיא פייגעל זענען געקומען, און האָבען זייא אויפגעפרעסען.
5 און אַנדערעס איז געפאַלען אויף דעם שטיינערדיגען גרונד, וואו עס האָט
ניט געהאַט פיל ערד; און גלייך האָט עס אַרויסגעשפּראָצט, ווייל עס האָט
ניט געהאַט קיינע טיפע ערד. 6 און ווען דיא זון איז אויפגעגאַנגען אַזוי איז
עס דערהיצט געוואָרען, און ווייל עס האָט ניט געהאַט קיינע וואָרצעל איז עס

פֶערְדַארְט גֶעוָוארֶען. 7 און אַנְדֶערֶעס אִיז גֶעפַאלֶען צְווִישֶׁען דִיא דֶערְנֶער, און
דִיא דֶערְנֶער זֶענֶען אויפְגֶעוַואקְסֶען, און הָאבֶּען עֶס דֶערְשְׁטִיקְט, און עֶס הָאט
נִיט קֵיינֶע פְרוּכְט גֶעגֶעבֶּען. 8 און אַנְדֶערֶעס אִיז גֶעפַאלֶען אויף דֶעם גוּטֶען
גְרוּנְד און הָאט גֶעבְּרַאכְט פְרוּכְט וָואס אִיז אויפְגֶעגַאנְגֶען, און הָאט זִיךְ
גֶעמֶעהְרְט, און הָאט גֶעטְרָאגֶען דְרַייסִיגְפֶעלְטִיג און זֶעכְצִיגְפֶעלְטִיג און הוּנְ־
דֶערְטְפֶעלְטִיג. 9 און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דֶער וָואס הָאט אויעֶרֶען צוּ הֶערֶען לָאז
עֶר הֶערֶען.

10 און וֶוען עֶר אִיז אַלֵיין גֶעוֶוען, הָאבֶּען דִיא וָואס זֶענֶען אַרוּם אִיהְם מִיט
דִיא צְוֶועלְף גֶעפְרֶעגְט וֶועגֶען דִיא מְשָׁלִים. 11 און עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אֵייךְ
אִיז גֶעגֶעבֶּען דֶער סוֹד פוּן דֶעם קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט; אָבֶּער צוּ דִיא וָואס זֶענֶען
דְרויסֶען גֶעשֶׁעהְט אַלְדִינְג דוּרְךְ מְשָׁלִים. 12 כְּדֵי זֶעהֶענְדִיג זָאלֶען זֵייא זֶעהֶען,
און נִיט אֵיינְזֶעהֶען; און הֶערֶענְדִיג זָאלֶען זֵייא הֶערֶען, און נִיט פֶערְשְׁטֶעהֶען;
אַז זֵייא זָאלֶען זִיךְ נִיט בֶּעקֶעהְרֶען, און דִיא זִינְד זֵייא פֶערְגֶעבֶּען וֶוערֶען. 13 און
עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, ווייסְט אִיהְר נִיט דִיזֶעס מָשָׁל? וִויא אַזוֹי וֶועט אִיהְר
אַלֶע מְשָׁלִים וִויסֶען? 14 דֶער זֵייעֶר זֵייעְט דָאס וָוארְט. 15 און דָאס זֶענֶען דִיא
בֵּיים וֶועג, אִין וֶועמֶען דָאס וָוארְט אִיז גֶעזֵייעְט גֶעוָוארֶען; און וֶוען זֵייא הֶערֶען
אַזוֹי קוּמְט גְלֵייךְ דֶער שָׂטָן, און נֶעמְט אַוֶועק דָאס וָוארְט וָואס אִיז אִין זֵייא
גֶעזֵייעְט גֶעוָוארֶען. 16 און דָאס זֶענֶען אויךְ דִיא וָואס זֶענֶען גֶעזֵייעְט אויף דֶעם
שְׁטֵיינֶערְדִיגֶען גְרוּנְד, וֶועלְכֶע, וֶוען זֵייא הֶערֶען דָאס וָוארְט, נֶעמֶען זֵייא עֶס
גְלֵייךְ אויף מִיט פְרֵייד; 17 און זֵייא הָאבֶּען נִיט קֵיין וָוארְצֶעל אִין זִיךְ, און
בְּלֵייבֶּען נוּר פַּאר אַ צַייט; דֶערְנָאךְ וֶוען לֵיידֶען און פֶערְפָאלְגוּנְגֶען קוּמֶען
דוּרְךְ דֶעם וָוארְט, שְׁטְרויכְלֶען זֵייא גְלֵייךְ. 18 און אַנְדֶערֶע זֶענֶען דִיא וָואס
זֶענֶען צְווִישֶׁען דֶערְנֶער גֶעזֵייעְט; דָאס זֶענֶען דִיא וָואס הֶערֶען דָאס וָוארְט,
19 און דִיא זָארְגֶען פוּן דֶער וֶועלְט, און דִיא בֶּעטְרִיגֶערֵייא פוּן רֵייכְטוּם, און
דָאס גְלוּסְטֶען פוּן אַנְדֶערֶע זַאכֶען, קוּמֶען אַרֵיין און דֶערְשְׁטִיקֶען דָאס וָוארְט,
און עֶס בְּלֵייבְּט אָהְן פְרוּכְט. 20 און דָאס זֶענֶען דִיא וָואס זֶענֶען גֶעזֵייעְט
גֶעוָוארֶען אויף גוּטֶען גְרוּנְד; וֶועלְכֶע הֶערֶען דָאס וָוארְט און נֶעמֶען עֶס אויף,
און טְרָאגֶען פְרוּכְט, דְרֵייסִיגְפֶעלְטִיג, און זֶעכְצִיגְפֶעלְטִיג, און הוּנְדֶערְטְפֶעלְטִיג.

21 און עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, בְּרֶענְגְט מֶען דֶען אַרֵיין אַ לַאמְפֶּע אַז מֶען
זָאל עֶס שְׁטֶעלֶען אוּנְטֶער אַ מֶעסְטֶעל, אָדֶער אוּנְטֶער אַ בֶּעט, און נִיט אַז
מֶען זָאל עֶס אַרויפְשְׁטֶעלֶען אויף אַ גֶעשְׁטֶעל? 22 וָוארִין קֵיין זַאךְ אִיז נִיט
פֶערְבָּארְגֶען, וָואס זָאל נִיט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען. און קֵיין זַאךְ אִיז נִיט פֶערְהוּילֶען
וָואס וֶועט נִיט בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט וֶוערֶען. 23 וֶוער עֶס הָאט אויעֶרֶען צוּ הֶערֶען,
לָאז עֶר הֶערֶען. 24 און עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, גִיבְּט אַכְטוּנְג וָואס אִיהְר
הֶערְט; מִיט דֶעם מָאס וָואס אִיהְר מֶעסְט וֶועט אֵייךְ אויךְ גֶעמָאסְטֶען וֶוערֶען;
און מֶעהְר וֶועט אֵייךְ גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען. 25 וָוארִין דֶער וָואס הָאט, צוּ דֶעם
וֶועט גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען; און דֶער וָואס הָאט נִיט, פוּן דֶעם וֶועט אויךְ דָאס

[12] ישעיה ו׳ ט׳, י׳.

וואס ער האט אוועקגענומען ווערען.
26 און ער האט געזאגט, דאס קעניגרייך פון גאט איז אזוי וויא א מאן דער
ווארפט זאמען אים גרונד. 27 און ער שלאפט, און ער שטעהט אויף ביא
נאכט און ביא טאג, און דער זאמען שפּראצט ארויס, און וואקסט אויף, וויא
ער ווייסט ניט. 28 דיא ערד ברענגט פון זיך זעלבסט פרוכט, צום ערשטען דאס
גראז, דערנאך דיא זאנג, דערנאך דעם פולען ווייץ אין דער זאנג. 29 אבער
ווען דיא פרוכט איז צייטיג, גלייך שיקט ער דיא קאסע ארויס, ווארין דיא
שניטצייט איז געקומען.
30 און ער האט געזאגט, וויא אזוי זאלען מיר פערגלייכען דאס קעניגרייך פון
גאט? אדער וואספאר א משל זאלען מיר דעם געבען? 31 עס איז וויא א
זענפקארן, וואס ווען עס איז אויף דער ערד געזייעט, איז קלייגער וויא אלע
זאמען וואס זענען אויף דער ערד. 32 און ווען עס איז געזייעט געווארען וואקסט
עס אויף, און ווערט גרעסער וויא אלע קרייטער, און בעקומט גרויסע צווייגען,
אזוי אז דיא פייגעל פון דעם הימעל קענען אונטער זיין שאטען וואוינען.
33 און ער האט צו זיא דאס ווארט גערעט דורך פילע אזעלכע משלים, אזוי וויא
זיא האבען עס צו הערען געקענט; 34 אבער אהן א משל האט ער צו זיא ניט גערעט,
און אלעס צו זיינע תלמידים האט ער אויסגעלעגט ווען זיא זענען אליין געווען.
35 און אין יענעם טאג, ווען עס איז אבענד געווארען, האט ער צו זיא געזאגט,
לאזען מיר אריבערגעהען אויף דיא אנדערע זייט. 36 און ווען זיא האבען דיא לייט
אוועקגעשיקט, האבען זיא איהם אריבערגענומען אין דעם שיף אזוי וויא ער
איז געווען, און עס זענען מיט איהם געווען נאך אנדערע שיפען. 37 און עס
איז געשעהען א גרויסער שטורמווינד, און דיא וועלען זענען אים שיף
אריינגעקומען, אזוי אז עס איז שוין פול געווארען. 38 און ער איז אויף דיא
אונטערשטע זייט פון דעם שיף געווען שלאפענדיג אויף דעם קישען. און
זיא האבען איהם אויפגעוועקט און האבען צו איהם געזאגט, לעהרער, בעקי־
מערסט דוא דיך ניט אז מיר געהען פערלוירען? 39 און ער איז אויפגעשטאנען,
און האט דעם ווינד אנגעשריגען, און האט צום ים געזאגט, זייא שטיל,
זייא פערשטומט! און דער ווינד האט אויפגעהערט, און עס איז א גרויסע
שטילע געווארען. 40 און ער האט צו זיא געזאגט, פארוואס זענט איהר אזוי
שרעקענדיג? וויא איז עס אז איהר האט קיין גלויבען ניט? 41 און זיא האבען
זיך שרעקליך געפארכטען, און האבען געזאגט איינער צום אנדערען, וואס
פאר איינער איז דער, אז אויך דער ווינד און דער ים געהארכען איהם?
ה 1 און זיא זענען געקומען אויף דיא אנדערע זייט פון דעם ים, צום לאנד
פון דיא גרשים. 2 און וויא ער איז ארויסגעקומען פון דעם שיף, האט איהם
גלייך בעגעגענט פון דיא קברים א מאן מיט איין אונריינעם גייסט; 3 דער האט
זיינע וואוינונג געהאט צווישען דיא קברים; און קיינער האט איהם ניט געקענט
בינדען, אויך ניט מיט א קעט. 4 ווארין ער איז אפט געבונדען געווארען

29 יואל ד׳ יג׳, 32 יחזקאל יז׳ כג׳,

מִיט בֶּענְדֶער אוּן מִיט קֶעטֶען, אוּן עֶר הָאט דִיא קֶעטֶען צוּרִיסֶען, אוּן דִיא
בֶּענְדֶער צוּבְּרָאכֶען; אוּן קֵיינֶער הָאט נִיט כֹּחַ גֶעהַאט אִיהְם אֵיינְצוּשְׁטִילֶען.
5 אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען נַאכְט אוּן טָאג צְווִישֶׁען דִיא קְבָרִים אוּן אִין דִיא
בֶּערְג, אוּן הָאט גֶעשְׁרִיגֶען, אוּן זִיךְ מִיט שְׁטֵיינֶער גֶעשְׁנִיטֶען. 6 אוּן וֶוען עֶר
הָאט יֵשׁוּעַ פוּן ווַייטֶען גֶעזֶעהֶען, אִיז עֶר צוּגֶעלָאפֶען אוּן הָאט זִיךְ צוּ אִיהְם
גֶעבִּיקְט; 7 אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגֶען מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל אוּן גֶעזָאגְט וָואס הָאבּ
אִיךְ מִיט דִיר צוּ טְהוּן, יֵשׁוּעַ, זוּהְן פוּן גָאט דֶעם אַלֶערְהֶעכְסְטֶען? אִיךְ
בֶּעשְׁוֶוער דִיךְ בֵּייא גָאט, פְּלָאג מִיךְ נִיט. 8 וָוארִין עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
גֶעה אַרוֹיס פוּן דֶעם מַאן, אוּנְרֵיינֶער גֵייסְט. 9 אוּן עֶר הָאט אִיהְם גֶעפְרֶעגְט,
וָואס אִיז דֵיין נָאמֶען? אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, מֵיין נָאמֶען אִיז לְגִיוֹן; וָוארִין
מִיר זֶענֶען פִילֶע. 10 אוּן עֶר הָאט אִיהְם זֶעהְר גֶעבֶּעטֶען, אַז עֶר זָאל זֵייא נִיט
אַרוֹיסְשִׁיקֶען פוּן דֶעם לַאנְד. 11 אוּן עֶס אִיז דָארְט אוֹיף דֶעם בַּארְג גֶעוֶוען
אַ גְרוֹיסֶע סְטַאדֶע פוּן חֲזִירִים פַּאסֶען. 12 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעבֶּעטֶען
אוּן גֶעזָאגְט, שִׁיק אוּנְז אִין דִיא חֲזִירִים, אַז מִיר זָאלֶען צְווִישֶׁען זֵייא אַרֵיינְ־
קוּמֶען. 13 אוּן עֶר הָאט זֵייא דֶערְלוֹיבְּט. אוּן דִיא אוּנְרֵיינֶע גֵייסְטֶער זֶענֶען
אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אִין דִיא חֲזִירִים; אוּן דִיא סְטַאדֶע
הָאט זִיךְ אַרוּנְטֶערְגֶעשְׁטִירְצְט פוּן אַ מְשׁוּפֶּע אָרְט אִים יַם אַרֵיין קֶעגֶען צְווֵייא
טוֹיזֶענְד, אוּן זֶענֶען דֶערְטְרוּנְקֶען גֶעוָוארֶען אִים יַם. 14 אוּן דִיא פַּאסְטוּכֶער פוּן
דִיא חֲזִירִים זֶענֶען אַנְטְלָאפֶען, אוּן הָאבֶּען עֶס דֶערְצֶעהְלְט אִין דֶער שְׁטָאדְט אוּן
אִין דִיא פֶעלְדֶער. אוּן זֵייא זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּ זֶעהֶען וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶען.
15 אוּן זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ יֵשׁוּעַ, אוּן הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען דֶעם וָואס הָאט
גֶעהַאט דִיא לְגִיוֹן פוּן דִיא שֵׁדִים וִויא עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען אָנְגֶעקְלֵייד אוּן
בֵּיים שֵׂכֶל; אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען. 16 אוּן דִיא וָואס הָאבֶּען עֶס גֶע־
זֶעהֶען, הָאבֶּען דֶערְצֶעהְלְט וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶען צוּ דֶעם וָואס הָאט גֶעהַאט דִיא
שֵׁדִים, אוּן וֶועגֶען דִיא חֲזִירִים. 17 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ
בֶּעטֶען אַז עֶר זָאל פוּן זֵייעֶרֶע גְרֶענְצֶען אַוֶועקְגֶעהֶען. 18 אוּן וִויא עֶר אִיז אִים
שִׁיף אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען, הָאט אִיהְם דֶער וָואס הָאט גֶעהַאט דִיא שֵׁדִים גֶעבֶּעטֶען
אַז עֶר זָאל בֵּייא אִיהְם זֵיין. 19 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט אִיהְם נִיט גֶעלָאזְט, נֵייעֶרְט
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גֶעה אַהֵיים צוּ דֵיינֶע פְרֵיינְד, אוּן דֶערְצֶעהְל צוּ זֵייא
וָואס דֶער הַאר הָאט מִיט דִיר גֶעטְהוּן, אוּן וִויא עֶר הָאט זִיךְ אִיבֶּער דִיר
דֶערְבַּארְמְט. 20 אוּן עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ פְּרֶעדִיגֶען
אִין דֶעקַאפָּאלִיס וָואס יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעטְהוּן; אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע
פֶערְוָואוּנְדֶערְט.

21 אוּן וֶוען יֵשׁוּעַ אִיז ווִידֶער אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ שִׁיף אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע
זֵייט, הָאבֶּען זִיךְ פִיל לֵייט אַרוּם אִיהְם פֶערְזַאמֶעלְט, אוּן עֶר אִיז בֵּיים יַם
גֶעוֶוען. 22 אוּן עֶס אִיז צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען אֵיינֶער פוּן דִיא עֶלְצְטֶע פוּן דֶער
שׁוּל, מִיט דֶעם נָאמֶען יָאִיר, אוּן וֶוען עֶר הָאט אִיהְם גֶעזֶעהֶען אִיז עֶר אִיהְם
צוּ דִיא פִיס גֶעפַאלֶען; 23 אוּן עֶר הָאט אִיהְם זֶעהְר גֶעבֶּעטֶען אוּן גֶעזָאגְט,

מֵיינֶע טָאכְטֶער אִיז אַם שְׁטַארְבֶּען, קוּם אוּן לֶעג דֵיינֶע הֶענְד אוֹיף אִיהְר,
אַז זִיא זָאל גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען אוּן לֶעבֶּען. 24 אוּן עֶר אִיז מִיט אִיהְם גֶעגַאנְגֶען.
אוּן פִיל לֵייט זֶענֶען אִיהְם נָאכְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם גֶעדְרֶענְגְט.
25 אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹיא וָואס הָאט גֶעהַאט אַ בְּלוּטְגַאנְג צְוֶועלְף יָאהְר;
26 אוּן זִיא הָאט פִיל גֶעלִיטֶען אוּנְטֶער פִילֶע דָאקְטָארֶען, אוּן הָאט אוֹיסְגֶעגֶעבֶּען
אַלֶעס וָואס זִיא הָאט גֶעהַאט, אוּן עֶס הָאט אִיהְר נִיט גֶעהָאלְפֶען, נֵייעֶרְט זִיא
אִיז נָאךְ עֶרְגֶער גֶעוָוארֶען. 27 וֶוען זִיא הָאט גֶעהֶערְט וֶועגֶען יֵשׁוּעַ, אִיז זִיא
גֶעקוּמֶען צְווִישֶׁען דִיא לֵייט פוּן הִינְטֶער אִיהְם, אוּן הָאט אָנְגֶערִיהְרְט זֵיין
קְלֵייד. 28 וָוארִין זִיא הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אִיךְ זָאל נוּר זֵיין קְלֵייד אָנְרִיהְרֶען,
וֶועל אִיךְ גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען. 29 אוּן גְלֵייךְ אִיז אִיהְר בְּלוּטְגַאנְג פֶערְטְרִיקֶענְט
גֶעוָוארֶען, אוּן זִיא הָאט גֶעפִיהְלְט אִין אִיהְרֶעם לֵייבּ אַז זִיא אִיז גֶעהֵיילְט פוּן
אִיהְרֶע פְּלָאג. 30 אוּן גְלֵייךְ הָאט יֵשׁוּעַ גֶעפִיהְלְט אַז קְרַאפְט אִיז פוּן אִיהְם
אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען; אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט צְווִישֶׁען דִיא לֵייט אוּן גֶעזָאגְט,
וֶוער הָאט מֵיינֶע קְלֵיידֶער אָנְגֶערִיהְרְט? 31 אוּן זֵיינֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, דוּא זֶעהְסְט אַז דִיא לֵייט דְרֶענְגֶען דִיךְ, אוּן דוּא זָאגְסְט, וֶוער הָאט
מִיךְ אָנְגֶערִיהְרְט? 32 אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקוּקְט צוּ זֶעהֶען וֶוער עֶס הָאט
דָאס גֶעטְהוּן. 33 אוּן דִיא פְרוֹיא הָאט זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען אוּן הָאט גֶעצִיטֶערְט,
ווייל זִיא הָאט גֶעוְואוּסְט וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶען צוּ אִיהְר; אוּן זִיא אִיז גֶעקוּמֶען אוּן
אִיז פָאר אִיהְם אַנִידֶערְגֶעפַאלֶען, אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט דִיא גַאנְצֶע
וָואהְרְהֵייט. 34 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, מֵיינֶע טָאכְטֶער, דֵיין גְלוֹיבֶּען
הָאט דִיךְ גֶערֶעטֶעט, גֶעה אִין פְרִידֶען, אוּן זַייא גֶעהֵיילְט פוּן דֵיינֶע פְּלָאג.
35 דֶערְווייל עֶר הָאט נָאךְ גֶערֶעט, זֶענֶען עֶטְלִיכֶע גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם הוֹיז פוּן דֶעם
עֶלְצְטֶען פוּן דֶער שׁוּל, אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דֵיינֶע טָאכְטֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען,
פַארְוָואס בֶּעמִיהְסְט דוּא נָאךְ דֶעם לֶעהְרֶער? 36 אוּן ווִיא יֵשׁוּעַ הָאט גֶעהֶערְט
דָאס וָוארְט וָואס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם עֶלְצְטֶען פוּן
דֶער שׁוּל, פָארְכְט דִיךְ נִיט, גְלוֹיבּ נוּר. 37 אוּן עֶר הָאט קֵיינֶעם נִיט גֶעלָאזְט
אִיהְם צוּ בֶּעגְלֵייטֶען, אוֹיסֶער פֶּעטְרוֹס אוּן יַעֲקֹב אוּן יוֹחָנָן דֶער בְּרוּדֶער פוּן
יַעֲקֹב. 38 אוּן זַייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִים הוֹיז אַרֵיין פוּן דֶעם עֶלְצְטֶען פוּן דֶער
שׁוּל; אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען דָאס גֶעטוּמֶעל, אוּן דִיא וָואס הָאבֶּען זֶעהְר גֶע-
ווֵיינְט אוּן גֶעקְלָאגְט. 39 אוּן עֶר אִיז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט,
פַארְוָואס לַארְמְט אִיהְר אוּן ווֵיינְט? דָאס מֶעדֶעל אִיז נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען, נֵייעֶרְט
זִיא שְׁלָאפְט. 40 אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם אוֹיסְגֶעלַאכְט. אָבֶּער עֶר הָאט זַייא אַלֶע
אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען, אוּן הָאט גֶענוּמֶען דֶעם פָאטֶער אוּן דִיא מוּטֶער פוּן דֶעם
מֶעדֶעל אוּן דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶוען, אוּן אִיז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען ווּאוּ
דָאס מֶעדֶעל אִיז גֶעלֶעגֶען. 41 אוּן עֶר הָאט דָאס מֶעדֶעל בַּייא דֶער הַאנְד
גֶענוּמֶען אוּן הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, טַלְיְתָא קוּמִי, ווָאס אִיז פֶערְטֵייטְשְׁט, מֶע-
דֶעל, אִיךְ זָאג דִיר, שְׁטֶעה אוֹיף. 42 אוּן גְלֵייךְ אִיז דָאס מֶעדֶעל אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען,
אוּן אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען; וָוארִין זִיא אִיז צְוֶועלְף יָאהְר אַלְט גֶעוֶוען. אוּן גְלֵייךְ

זענען זייא אויסער זיך געוועזען פאר גרויסען ערשטוינען. 43 און ער האט זייא
זעהר פערבאטען, אז קיינער זאל דאס ניט וויסען; און ער האט געהייסען
אז מען זאל איהר געבען צו עסען.

ו 1 און ער איז פון דארטען אוועקגעגאנגען, און איז געקומען צו זיין פאטער־
לאנד. און זיינע תלמידים זענען איהם נאכגעגאנגען. 2 און ווען דער שבת
איז געקומען, האט ער אנגעהויבען צו לעהרען אין דער שול; און פילע וואס
האבען איהם געהערט האבען זיך פערוואונדערט און געזאגט, פון וואנען
האט דיזער דיזע זאכען און וואס איז דאס פאר א חכמה וואס איז איהם
געגעבען, און אזעלכע נסים וואס זענען געשעהען דורך זיינע הענד? 3 איז ער
ניט דער בוימייסטער, דער זוהן פון מרים, און דער ברודער פון יעקב און יוסי
און יהודה און שמעון? און זענען ניט זיינע שוועסטער דא מיט אונז? און
זייא האבען אן איהם געשטרויכעלט. 4 און ישוע האט צו זייא געזאגט, א
נביא איז ניט אהן כבוד, אויסער אין זיין אייגען לאנד, און צווישען זיינע
קרובים, און אין זיין אייגען הויז. 5 און ער האט דארט ניט קיינע גבורה געקענט
טהון, חוץ אז ער האט זיינע הענד געלעגט אויף עטליכע קראנקע, און
האט זייא געהיילט. 6 און ער האט זיך געוואונדערט איבער זייער אונגלויבען.
און ער איז ארומגעגאנגען אין די דערפער און האט געלעהרט.
7 און ער האט צו זיך גערופען די צוועלף, און האט זייא אנגעהויבען
אויסצושיקען צו צוויא, און האט צו זייא געגעבען מאכט איבער אונריינע
גייסטער. 8 און ער האט זייא אנגעזאגט אז זייא זאלען גאר ניט מיטנעמען
אויף דעם וועג, אויסער נור א שטעקען; ניט קיין ברויט און ניט קיינע רייזע
טאש, און ניט קיין געלד אים גארטעל. 9 אבער זייא זאלען געהען אין שיך
אנגעטהון, און זאלען ניט אנטהון צוויא רעק. 10 און ער האט צו
זייא געזאגט, ווען איהר וועט קומען אין א הויז אריין, בלייבט דרינען ביז
איהר וועט פון דארטען אוועקגעהען. 11 און וואספאר איין ארט וועט אייך
ניט אויפנעמען, און זייא וועלען אייך ניט הערען, ווען איהר געהט פון
דארטען אוועק, שאקעלט אפ דעם שטויב פון אייערע פיס, פאר א צייגניס
קעגען זייא. 12 און זייא זענען אויסגעגאנגען, און האבען געפרעדיגט אז מען
זאל תשובה טהון. 13 און זייא האבען ארויסגעטריבען פילע שדים, און פילע
קראנקע מיט עהל געזאלבט, און האבען זייא געהיילט.
14 און הורדוס המלך האט וועגען איהם געהערט, וואר'ין זיין נאמען איז
בעקאנט געווארען; און ער האט געזאגט, יוחנן המטבל איז פון די טויטע
אויפגעשטאנען, דרום ווירקען די נסים אין איהם. 15 און אנדערע האבען
געזאגט, אז ער איז אליה, און אנדערע האבען געזאגט, אז ער איז א נביא,
אזוי ויא איינער פון די נביאים. 16 אבער ווען הורדוס האט דאס געהערט,
האט ער געזאגט, דער איז יוחנן, דעם איך האב דעם קאפ ארופגענו־
מען; ער איז אויפגעשטאנען. 17 דען ער הורדוס האט געשיקט און האט
יוחנן גענומען, און האט איהם אים געפענגניס געבונדען וועגען הורודיא,

דֶעם װײַבּ פוּן זַײן בְּרוּדֶער פִּילִיפּוּס, װײל עֶר הָאט זִיא גֶעהֵײראַטֶעט. 18 וָוארִין יוֹחָנָן
הָאט צוּ הוֹרְדוֹס גֶעזָאגְט, דוּא מֶעגְסְט נִיט הָאבֶּען דָאס װײבּ פוּן דֵיין בְּרוּדֶער.
19 אוּן הוֹרוֹדְיָא הָאט אִיהְם פֵיינְד גֶעהַאט, אוּן הָאט אִיהְם גֶעוָואלְט הַרְגֶענֶען,
אוּן זִיא הָאט נִיט גֶעקֶענְט. 20 וָוארִין הוֹרְדוֹס הָאט זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען פַאר יוֹחָנָן,
װײל עֶר הָאט גֶעװאוּסְט אַז עֶר אִיז אַ גֶערֶעכְטֶער אוּן הֵיילִיגֶער מַאן, אוּן עֶר
הָאט אִיהְם בֶּעשִׁיצְט; אוּן וֶוען עֶר הָאט אִיהְם גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֶעהְר
בֶּעזָארְגְט גֶעוֶוען, אוּן הָאט אִיהְם גֶערְן גֶעהֶערְט. 21 אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אֵין אַ פַּא־
סֶענְדִיגֶען טָאג וֶוען הוֹרְדוֹס הָאט אוֹיף זַיין גֶעבּוּרְטְסְטָאג אַ סְעוּדָה גֶעמַאכְט צוּ
זַיינֶע גְרוֹיסֶע לֵייט אוּן אָפִיצִיעֶרֶע אִיבֶּער טוֹיזֶענְד, אוּן צוּ דִיא עֶלְצְטֶע פוּן גָלִיל;
22 אוּן וֶוען דִיא טָאכְטֶער פוּן דִיזֶער הוֹרוֹדְיָא אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אוּן הָאט גֶע־
טַאנְצְט, אוּן הוֹרְדוֹס וָואוֹילְגֶעפֶעלֶען אוּן דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם
גֶעזֶעסֶען; אַזוֹי הָאט דֶער קֶענִיג צוּם מֶעדֶעל גֶעזָאגְט, פֶערְלַאנְג פוּן מִיר וָואס
דוּא ווִילְסְט, אוּן אִיךְ וֶועל עֶס דִיר גֶעבֶּען. 23 אוּן עֶר הָאט אִיהְר גֶעשְׁוָוארֶען,
וָואס דוּא וֶועסְט פוּן מִיר פֶערְלַאנְגֶען וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבֶּען, בִּיז צוּ דֶער הֶעלְפְט
פוּן מֵיין קֶענִיגְרֵייךְ. 24 אוּן זִיא אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט צוּ אִיהְרֶע מוּטֶער
גֶעזָאגְט, וָואס זָאל אִיךְ פֶערְלַאנְגֶען? אוּן זִיא הָאט גֶעזָאגְט, דֶעם קָאפּ פוּן
יוֹחָנָן הַמְטַבֵּל. 25 אוּן גְלֵייךְ אִיז זִיא אֵיילֶענְדִיג אַרֵיינְגֶעקוּמֶען צוּם קֶענִיג, אוּן
הָאט פֶערְלַאנְגְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ וִויל אַז דוּא זָאלְסְט מִיר גְלֵייךְ גֶעבֶּען אוֹיף
אַ שִׁיסֶעל דֶעם קָאפּ פוּן יוֹחָנָן הַמְטַבֵּל. 26 אוּן דֶער קֶענִיג אִיז זֶעהְר טְרוֹי־
רִיג גֶעוָוארֶען, אָבֶּער וֶועגֶען דֶער שְׁבוּעָה אוּן דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם
גֶעוֶוען, הָאט עֶר אִיהְר נִיט גֶעוָואלְט אָפְּזָאגֶען. 27 אוּן גְלֵייךְ הָאט דֶער קֶענִיג
גֶעשִׁיקְט אַ לֵייבְּוֶועכְטֶער, אוּן הָאט בֶּעפוֹילֶען זַיין קָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען. אוּן עֶר
אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אִיהְם גֶעקֶעפְּט אִים גֶעפֶענְגְנִיס, 28 אוּן הָאט זַיין קָאפּ
גֶעבְּרַאכְט אוֹיף אַ שִׁיסֶעל, אוּן הָאט עֶס גֶעגֶעבֶּען צוּם מֶעדֶעל, אוּן דָאס מֶעדֶעל
הָאט עֶס גֶעגֶעבֶּען צוּ אִיהְרֶע מוּטֶער. 29 אוּן וֶוען זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען דֶערְפוּן
גֶעהֶערְט, זֶענֶען זַייא גֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען גֶענוּמֶען זַיין לֵייבּ, אוּן הָאבֶּען אִיהְם
אַרֵיינְגֶעלֶעגְט אִין אַ קֶבֶר.

30 אוּן דִיא אַפָּאסְטֶעל הָאבֶּען זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט צוּ יֵשׁוּעַ אוּן הָאבֶּען אִיהְם
אַלֶעס דֶערְצֶעהְלְט, וָואס זַייא הָאבֶּען גֶעטְהוּן, אוּן וָואס זַייא הָאבֶּען גֶעלֶעהְרְט.
31 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, קוּמְט אִיהְר זֶעלְבְּסְט אַלֵיין אִין אַ ווִיסְטֶען
אָרְט אַרֵיין, אוּן רוּהְט אַייךְ אוֹיס אַבִּיסֶעל. וָוארִין פִילֶע זֶענֶען אַרֵיין אוּן
אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זַייא הָאבֶּען נִיט פַּאסֶענְדִיגֶע צַייט גֶעהַאט אוֹיךְ צוּ עֶסֶען.
32 אוּן זַייא זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ שִׁיף בֵּייא זִיךְ אַלֵיין אִין אַ ווִיסְטֶען
אָרְט אַרֵיין. 33 אוּן פִילֶע הָאבֶּען זַייא גֶעזֶעהֶען אַוֶועקְגֶעהֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם
דֶערְקַאנְט, אוּן זֶענֶען אַהִינְגֶעלָאפֶען צוּ פוּס פוּן אַלֶע שְׁטֶעדְט, אוּן זֶענֶען פְרִיהֶער
ווִיא זַייא אָנְגֶעקוּמֶען. 34 אוּן ווִיא יֵשׁוּעַ אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזֶעהֶען פִיל
לֵייט, אוּן עֶר הָאט אִיבֶּער זַייא רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, וָוארִין זַייא זֶענֶען גֶעוֶוען ווִיא
שָׁאף וָואס הָאבֶּען קֵיין פַּאסְטוּךְ נִיט. אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען זַייא פִילֶע

זַאבֶּען צוּ לֶערְנֶען. 35 אוּן װֶען עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט גֶעװָארֶען, זֶענֶען זַיינֶע
תַּלְמִידִים צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דֶער אָרְט אִיז אַ װִיסְטֶער,
אוּן עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט גֶעװָארֶען; 36 שִׁיק זֵייא אַװֶעק, אַז זֵייא זָאלֶען גֶעהֶען
אַרוּם דִיא פֶּעלְדֶער אוּן אִין דִיא דֶערְפֶער, אוּן זָאלֶען זִיךְ קוֹיפֶען װָאס צוּ עֶסֶען.
37 אָבֶּער עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, גִיבְּט אִיהְר זֵייא צוּ עֶסֶען.
אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט זָאלֶען מִיר אַװֶעקְגֶעהֶען אוּן קוֹיפֶען פַאר
צְװֵייא הוּנְדֶערְט גְרָאשֶׁען * בְּרוֹיט, אוּן זָאלֶען זֵייא גֶעבֶּען צוּ עֶסֶען? 38 אוּן עֶר
הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, װִיא פִיל בְּרוֹיט הָאט אִיהְר? גֶעהְט אוּן זֶעהְט. אוּן
װֶען זֵייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען הָאבֶּען זֵייא גֶעזָאגְט, פִינְף, אוּן צְװֵייא פִישׁ. 39 אוּן
עֶר הָאט זֵייא גֶעהֵייסֶען זִיךְ אַנִידֶערְזֶעצֶען שׁוּרוֹת װֵיים אוֹיף דֶעם גְרִינֶען
גְרָאז. 40 אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט אִין שׁוּרוֹת, צוּ הוּנְדֶערְט אוּן צוּ
פִינְפְצִיג. 41 אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִיא פִינְף בְּרוֹיט אוּן דִיא צְװֵייא פִישׁ, אוּן
הָאט אַרוֹיפְגֶעבְּלִיקְט צוּם הִימֶעל, אוּן הָאט אַ בְּרָכָה גֶעמַאכְט, אוּן הָאט דָאס
בְּרוֹיט צוּבְּרָאכֶען, אוּן עֶס גֶעגֶעבֶּען צוּ דִיא תַּלְמִידִים אַז זֵייא זָאלֶען עֶס פָאר
זֵייא פָארְלֶעגֶען; אוּן דִיא צְװֵייא פִישׁ הָאט עֶר פֶערְטְהֵיילְט צוּ אַלֶע. 42 אוּן
זֵייא הָאבֶּען אַלֶע גֶעגֶעסֶען, אוּן זֶענֶען זַאט גֶעװָארֶען. 43 אוּן זֵייא הָאבֶּען
אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען פוּן דִיא בְּרֶעקְלֶעךְ צְװֶעלְף קֶערְבּ פוּל אוּן פוּן דִיא פִישׁ.
44 אוּן דִיא װָאס הָאבֶּען דָאס בְּרוֹיט גֶעגֶעסֶען זֶענֶען פִינְף טוֹיזֶענְד מַאן גֶעװֶעזֶען.
45 אוּן גְלֵייךְ הָאט עֶר זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעצְװָאוּנְגֶען אַז זֵייא זָאלֶען אִים שִׁיף
אַרֵיינְגֶעהֶען, אוּן זָאלֶען פְרִיהֶער אַרִיבֶּערְגֶעהֶען צוּ דִיא אַנְדֶערֶע זֵייט קֵיין
בֵּית־צַיְדָה, בִּיז עֶר װֶעט דִיא לֵייט אַװֶעקְשִׁיקֶען. 46 אוּן װֶען עֶר הָאט פוּן
זֵייא אָפְּשִׁיד גֶענוּמֶען אִיז עֶר אוֹיף דֶעם בַּארְג אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען מִתְפַּלֵל צוּ זַיין.
47 אוּן װֶען עֶס אִיז אָבֶענְד גֶעװָארֶען אִיז דָאס שִׁיף אִין מִיטֶען יַם גֶעװֶעזֶען, אוּן
עֶר אַלֵיין אוֹיף דֶעם לַאנְד. 48 אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אַז זֵייא הָאבֶּען זִיךְ
שְׁװֶער בֶּעמִיהְט מִיט דֶעם רוּדֶערֶען, װָארִין דֶער װִינְד אִיז קֶעגֶען זֵייא גֶעװֶעזֶען.
אוּן קֶעגֶען דֶעם פִיעֶרְטֶען מִשְׁמָר פוּן דֶער נַאכְט אִיז עֶר צוּ זֵייא גֶעקוּמֶען
אַרוּמְגֶעהֶענְדִיג אוֹיף דֶעם יַם; אוּן עֶר הָאט זֵייא גֶעװָאלְט פַארְבֵּייא גֶעהֶען.
49 אוּן װִיא זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעזֶעהֶען אַרוּמְגֶעהֶענְדִיג אוֹיף דֶעם יַם, הָאבֶּען
זֵייא גֶעדַאכְט אַז עֶס אִיז אַ גֵייסְט, אוּן זֵייא הָאבֶּען אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען; 50 װָארִין
זֵייא הָאבֶּען אִיהְם אַלֶע גֶעזֶעהֶען, אוּן הָאבֶּען זִיךְ דֶערְשְׁרָאקֶען. אוּן גְלֵייךְ
הָאט עֶר מִיט זֵייא גֶערֶעט, אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, זֵייט גֶעטְרֵייסְט; אִיךְ
בִּין עֶס; פָארְכְט אֵייךְ נִיט. 51 אוּן עֶר אִיז צוּ זֵייא אִים שִׁיף אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען.
אוּן דֶער װִינְד הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט; אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ זֶעהְר אִיבֶּער דֶעם מָאס
פֶערְװִואוּנְדֶערְט. 52 װָארִין זֵייא הָאבֶּען נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען אִיבֶּער דֶעם בְּרוֹיט,
אָבֶּער זֵייעֶר הַארְץ אִיז פֶערְהַארְטֶעט גֶעװֶעזֶען.
53 אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעשִׁיפְט אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם לַאנְד
צוּ גְנֵיסַר, אוּן הָאבֶּען זִיךְ גֶעאַנְקֶערְט צוּם בָּארְטֶען. 54 אוּן װֶען זֵייא זֶענֶען

* גר׳ דינר

פון דעם שיף ארויסגעקומען, האט מען איהם גלייך דערקאנט 55 און זענען
ארומגעלאפען אים גאנצען געביט, און האבען אנגעהויבען ארומצוטראגען
אויף די בעטען די וואס זענען קראנק געוועזען, וואו זייא האבען געהערט
אז ער איז דארט. 56 און וויא ער איז אריינגעקומען אין די דערפער,
אדער שטעדט, אדער פעלדער, האבען זייא די קראנקע אנידערגעלעגט אין
די מארקען, און האבען איהם געבעטען אז זייא זאלען נור אנריהרען די
עקען פון זיין קלייד; און די וואס האבען איהם אנגעריהרט זענען גערע־
טעט געווארען.

ז 1 און די פרושים און עטליכע פון די סופרים, וואס זענען געקומען פון
ירושלים, האבען זיך צו איהם פערזאמעלט, 2 און האבען געזעהען אז
עטליכע פון זיינע תלמידים עסען ברויט מיט אונריינע, דאס הייסט אונגע־
וואשענע הענד. 3 ווארין די פרושים און אלע יודען עסען ניט ווען זייא
וואשען ניט זארגפעלטיג זייערע הענד, ווייל זייא האלטען די איבערליפערונג
פון די זקנים. 4 און וויא זייא קומען פון דעם מארק עסען זייא ניט ווען
זייא רייניגען זיך ניט; און דא זענען פילע אנדערע זאכען וואס זייא האבען
אנגענומען צו האלטען, וויא די טבילה פון בעכער, און טעפ, און קופערנע
כלים. 5 און די פרושים און סופרים האבען איהם געפרעגט, פארוואס
געהען דיינע תלמידים ניט נאך דער איבערליפערונג פון די זקנים, אבער
עסען ברויט מיט אונגעוואשענע הענד? 6 און ער האט צו זייא געזאגט,
ישעיה האט רעכט נבואות געזאגט אויף אייך הייכלער, וויא עס שטעהט
געשריבען,

דיזעס פאלק עהרט מיך מיט די ליפען,
אבער זייער הארץ איז ווייט פון מיר;
7 אבער אומזונסט בעטען זייא מיך אן,
און לעהרען לעהרען וואס זענען געבאטע פון מענשען.

8 איהר האט פערלאזט די מצוה פון גאט, און האלט די איבערליפערונג
פון מענשען. 9 און ער האט צו זייא געזאגט, וואויל פערדארפט איהר דאס
געבאט פון גאט אז איהר זאלט האלטען אייערע איבערליפערונג. 10 ווארין
משה האט געזאגט, עהרעט דיין פאטער און דיינע מוטער, און ווער עס
שעלט פאטער אדער מוטער דער זאל געווים שטארבען; 11 אבער איהר
זאגט, ווען א מענש וועט זאגען צו זיין פאטער אדער זיינע מוטער, דאס איז
א קרבן, דאס הייסט א נדבה, וואס דוא קענסט פון מיר בעקומען; 12 איהר
לאזט איהם גאר ניט מעהר טהון פאר זיין פאטער אדער זיינע מוטער;
13 און איהר מאכט שוואך דאס ווארט פון גאט דורך אייערע איבערליפערונג,
וואס איהר האט איבערגעליפערט; און גלייך דעם טהוט איהר פילע
אזעלכע זאכען. 14 און ער האט צו זיך ווידער גערופען די לייט, און האט צו
זייא געזאגט, הערט מיך אלע צו, און פערשטעהט. 15 קיין זאך פון

שמות כ׳ יב׳ : כא׳ יז׳. 10 ישעיה כט׳ יג׳ 6

אויסְוֶוענִיג פוּן דֶעם מֶענְשֶׁען וָואס קוּמְט אִין אִיהְם אַרֵיין קֶען אִיהְם אוּנְרֵיין
מַאכֶען; נֵייעֶרְט דִיא זַאכֶען וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם מֶענְשֶׁען מַאכֶען אִיהְם
אוּנְרֵיין. 17 אוּן וֶוען עֶר אִיז אִים הוֹיז פוּן דִיא לֵייט גֶעגַאנְגֶען הָאבֶּען אִיהְם
זֵיינֶע תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט וֶועגֶען דֶעם מָשָׁל. 18 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט,
זֶענְט אִיהְר אוֹיךְ אַזוֹי אָהְן פֶערְשְׁטַאנְד? פֶערְשְׁטֶעהְט אִיהְר נִיט, אַז אַלֶעס
וָואס קוּמְט פוּן אוֹיסְוֶוענִיג אִין אַ מֶענְשֶׁען אַרֵיין קֶען אִיהְם נִיט אוּנְרֵיין
מַאכֶען? 19 וָוארִין עֶס קוּמְט נִיט אִין זֵיין הַארְץ אַרֵיין, נֵייעֶרְט אִין בּוֹיךְ,
אוּן גֶעהְט צוּם מִיסְט אַרוֹיס; אַזוֹי הָאט עֶר אַלֶע זַאכֶען רֵיין גֶעמַאכְט.
20 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דָאס וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם מֶענְשֶׁען, דָאס מַאכְט
דֶעם מֶענְשֶׁען אוּנְרֵיין. 21 וָוארִין פוּן אִינֶעוֶוענִיג פוּן דֶעם הַארְץ פוּן דֶעם מֶענְשֶׁען,
קוּמֶען אַרוֹיס שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, נִיאוּף, גְנֵיבָה, רְצִיחָה, 22 זְנוּת, גְלוּסְטֶען,
רִשְׁעוּת, בֶּעטְרִיגֶערַייא, אוֹיסְגֶעלַאסֶענְהֵייט, אַיין אִיבֶּעל אוֹיג, לֶעסְטֶערוּנְג,
שְׁטָאלְץ, נַארִישְׁקֵייט; 23 אַלֶע דִיזֶע שְׁלֶעכְטִיגְקֵייטֶען קוּמֶען אַרוֹיס פוּן אִינֶעוֶוענִיג,
אוּן מַאכֶען דֶעם מֶענְשֶׁען אוּנְרֵיין.

24 אוּן עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן אִיז פוּן דָארְטֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִיא
גְרֶענְצֶען פוּן צוֹר אוּן צִידוֹן. אוּן עֶר אִיז אִין אַ הוֹיז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט
נִיט גֶעוָואלְט אַז קֵיינֶער זָאל וִויסֶען, אוּן עֶר הָאט נִיט גֶעקֶענְט פֶערְבָּארְגֶען
בְּלֵייבֶּען. 25 אַבֶּער גְלֵייךְ הָאט אַ פְרוֹיא, וָואס אִיהְרֶע טָאכְטֶער הָאט גֶעהַאט
אַיין אוּנְרֵיינֶען גֵייסְט, פוּן אִיהְם גֶעהֶערְט, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אִיז אִיהְם צוּ
דִיא פִּים גֶעפַאלֶען; 26 אוּן דִיא פְרוֹיא אִיז גֶעוֶוען אַ יְוָנִית פוּן אֲרַם צוֹר.
אוּן זִיא הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל דֶעם שֵׁד אַרוֹיסְטְרֵייבֶּען אוֹיס אִיהְרֶע
טָאכְטֶער. 27 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, לָאזֶען צוּעֶרְשְׁט דִיא קִינְדֶער זַאט
וֶוערֶען, וָוארִין עֶס אִיז נִיט גוּט דָאס בְּרוֹיט פוּן דִיא קִינְדֶער אַוֶועקְצוּנֶעמֶען,
אוּן פָאר דִיא הִינְדְלֶעךְ צוּ וַוארְפֶען. 28 אוּן זִיא הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, יָא, הַאר; אוֹיךְ דִיא הִינְדְלֶעךְ אוּנְטֶער דֶעם טִישׁ עֶסֶען פוּן דִיא
קִינְדֶערְס בְּרֶעקְלֶעךְ. 29 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, וֶועגֶען דִיזֶעם וָוארְט
גֶעה אַוֶועק; דֶער שֵׁד אִיז פוּן דֵיינֶע טָאכְטֶער אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען. 30 אוּן וֶוען זִיא
אִיז אִין אִיהְר הוֹיז גֶעקוּמֶען, הָאט זִיא גֶעפִינֶען דָאס מֶעדְעל לִיגֶענְדִיג אוֹיף
דֶעם בֶּעט, אוּן דֶער שֵׁד אִיז פוּן אִיהְר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען.

31 אוּן עֶר אִיז וִוידֶער אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דִיא גְרֶענְצֶען פוּן צוֹר, אוּן אִיז
גֶעקוּמֶען דוּרְךְ צִידוֹן צוּם יַם פוּן גָלִיל, אִין מִיטֶען דִיא גְרֶענְצֶען פוּן דֶעקַאפָּאלִיס.
32 אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעבְּרַאכְט אַ טוֹיבֶּען אוּן שְׁטוּמֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם
גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל דִיא הַאנְד אוֹיף אִיהְם לֶעגֶען. 33 אוּן עֶר הָאט אִיהְם
אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן דִיא לֵייט בֵּייא זִיךְ אַלֵיין, אוּן הָאט דִיא פִינְגֶער אִין זֵיינֶע
אוֹיעֶרֶען אַרֵיינְגֶעלֶעגְט, אוּן הָאט גֶעשְׁפִּיגֶען, אוּן הָאט זֵיינֶע צוּנְג אָנְגֶערִיהְרְט;
34 אוּן עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעזֶעהֶען צוּם הִימֶעל, אוּן הָאט גֶעזִיפְצְט, אוּן הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, אֶפַּתַּח, וָואס הֵייסְט, עֶפֶען דִיךְ אוֹיף. 35 אוּן זֵיינֶע אוֹיעֶרֶען

16 דֶער וָואס הָאט אוֹיעֶרֶען צוּ הֶערֶען לָאז עֶר הֶערֶען.

זֶענֶען עֶפֶּענְדִיג גֶעוָוארֶען, אוּן דָאס בַּאנְד פוּן זַיינֶע צוּנְג אִיז גְלֵייךְ לוֹיס גֶעוָוארֶען
אוּן עֶר הָאט רִיכְטִיג גֶעשְׁפְּרָאכֶען. 36 אוּן עֶר הָאט זֵייא גֶעבָּאטֶען אַז זֵייא זָאלֶען
קֵיינֶעם נִיט זָאגֶען; אָבֶּער וָואס מֶעהְר עֶר הָאט זֵייא גֶעבָּאטֶען, הָאבֶּען זֵייא
עֶס נָאךְ פִיל מֶעהְר בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט. 37 אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אִיבֶּער דֶעם מָאס
פֶּערוָואוּנְדֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, עֶר הָאט אַלֶע זַאכֶען גוּט גֶעטְהוּן; עֶר מַאכְט
אוֹיךְ דִיא טוֹיבֶּע הֶערֶען אוּן דִיא שְׁטוּמֶע רֶעדֶען.

ח 1 אִין יֶענֶע טֶעג וֶוען דִיא לֵייט זֶענֶען וִוידֶער זֶעהְר פִיל גֶעוֶועזֶען אוּן הָאבֶּען גָאר
נִיט צוּ עֶסֶען גֶעהַאט, הָאט יֵשׁוּעַ גֶערוּפֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן הָאט צוּ זֵייא
גֶעזָאגְט; 2 אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיא לֵייט וָוארִין שׁוֹין דְרֵייא טֶעג בְּלֵייבֶּען
זֵייא בֵּייא מִיר, אוּן הָאבֶּען גָאר נִיט צוּ עֶסֶען. 3 אוּן וֶוען אִיךְ וֶועל זֵייא
פַאסְטֶענְדִיג אַהֵיים שִׁיקֶען, וֶועלֶען זֵייא פֶערְשְׁמַאכְטֶען אוֹיף דֶעם וֶועג; אוּן עֶטְ־
לִיכֶע פוּן זֵייא קוּמֶען פוּן וַוייטֶען אַהֶער. 4 אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען אִיהְם
גֶעעֶנְטְפֶערְט, וִויא אַזוֹי קֶען מֶען דִיזֶע מִיט בְּרוֹיט זֶעטִיגֶען דָא אִין אַ מִדְבָּר?
5 אוּן עֶר הָאט זֵייא גֶעפְרֶעגְט, וִויא פִיל בְּרוֹיט הָאט אִיהְר? אוּן זֵייא הָאבֶּען
גֶעזָאגְט, זִיבֶּען. 6 אוּן עֶר הָאט דִיא לֵייט גֶעהֵייסֶען אוֹיף דֶער עֶרְד זִיךְ אַנִידֶער־
זֶעצֶען, אוּן הָאט גֶענוּמֶען דִיא זִיבֶּען בְּרוֹיט, אוּן הָאט אַ בְּרָכָה גֶעמַאכְט, אוּן
הָאט זֵייא צוּבְּרָאכֶען אוּן גֶעגֶעבֶּען צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים, אַז זֵייא זָאלֶען פָּאר
זֵייא פָּארְלֶעגֶען; אוּן זֵייא הָאבֶּען זֵייא פָּאר דִיא לֵייט פָּארְגֶעלֶעגְט. 7 אוּן זֵייא
הָאבֶּען גֶעהַאט עֶטְלִיכֶע פִישְׁלֶעךְ; אוּן עֶר הָאט דֶערִיבֶּער אַ בְּרָכָה גֶעמַאכְט,
אוּן הָאט אוֹיךְ זֵייא גֶעהֵייסֶען פָּארְלֶעגֶען. 8 אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען אוּן זֶענֶען
זַאט גֶעוָוארֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען פוּן דִיא אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע
בְּרֶעקְלֶעךְ זִיבֶּען קֶערְבּ. 9 אוּן זֵייא זֶענֶען קֶעגֶען פִיעֶר טוֹיזֶענְד גֶעוֶועזֶען, אוּן עֶר
הָאט זֵייא אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט. 10 אוּן גְלֵייךְ אִיז עֶר אִין אַ שִׁיף אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען מִיט
זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען אִין דֶער גֶעגֶענְד פוּן דַלְמָנוּתָא.

11 אוּן דִיא פְּרוּשִׁים זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען מִיט אִיהְם אַ
וִכּוּחַ, אוּן הָאבֶּען פוּן אִיהְם פֶערְלַאנְגְט אַ צֵייכֶען פוּן דֶעם הִימֶעל, אִיהְם
צוּ פְּרִיפֶען. 12 אוּן עֶר הָאט טִיף גֶעזִיפְצְט אִין זַיין גֶעמִיט אוּן גֶעזָאגְט, וָוארוּם
זוּכְט דִיזֶעם דוֹר אַ צֵייכֶען? בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, עֶס וֶועט צוּ דִיזֶעם דוֹר קֵיין
צֵייכֶען נִיט גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען. 13 אוּן עֶר הָאט זֵייא פֶערְלָאזְט, אוּן אִיז וִוידֶער
אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אִיז אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע זַייט אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען.

14 אוּן זֵייא הָאבֶּען פֶערְגֶעסֶען בְּרוֹיט מִיטְצוּנֶעמֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען נִיט
מֶעהְר וִויא אֵיין בְּרוֹיט גֶעהַאט מִיט זִיךְ אִים שִׁיף. 15 אוּן עֶר הָאט זֵייא
גֶעבָּאטֶען אוּן גֶעזָאגְט, זֶעהְט צוּ, הִיט אֵייךְ פַאר דֶעם זוֹיעֶרְטֵייג פוּן דִיא
פְּרוּשִׁים, אוּן פַאר דֶעם זוֹיעֶרְטֵייג פוּן הוֹרְדוֹס. 16 אוּן זֵייא הָאבֶּען צְוִוישֶׁען זִיךְ
גֶעטַענְהֶעט וַוייל זֵייא הָאבֶּען נִיט קֵיין בְּרוֹיט. 17 אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעוָואוּסְט,
אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, פַארְוָואס הָאט אִיהְר גֶעטַענְהֶעט וַוייל אִיהְר הָאט
נִיט קֵיין בְּרוֹיט? פֶערְנֶעמְט אִיהְר נָאךְ נִיט, אוּן פֶערְשְׁטֶעהְט אִיהְר נָאךְ נִיט?

הָאט אִיהְר אַייעֶר הַארְץ פֶערְשְׁטָאקְט? 18 הָאט אִיהְר אוֹיגֶען אוּן זֶעהְט נִיט,
אוּן אוֹיעֶרֶען אוּן הֶערְט נִיט? אוּן גֶעדֶענְקְט אִיהְר נִיט? 19 וֶוען אִיךְ הָאבּ צוּ־
בְּרָאכֶען דִיא פִינְף בְּרוֹיט פַאר דִיא פִינְף טוֹיזֶענְד, וִויא פִיל קֶערְבּ פוּל מִיט
בְּרֶעקְלֶעךְ הָאט אִיהְר אוֹיפְגֶעהוֹיבֶען? זַייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, צְוֶועלְף.
20 אוּן וֶוען דִיא זִיבֶּען פַאר דִיא פִיעֶר טוֹיזֶענְד, וִויא פִיל קֶערְבּ פוּל מִיט
בְּרֶעקְלֶעךְ הָאט אִיהְר אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען? אוּן זַייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, זִיבֶּען. 21 אוּן
עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, פֶערְשְׁטֶעהְט אִיהְר נָאךְ נִיט?
22 אוּן זַייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין בֵּית צַיְדָה. אוּן זַייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶע־
בְּרַאכְט אַ בְּלִינְדֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל אִיהְם אָנְרִיהְרֶען.
23 אוּן עֶר הָאט דֶעם בְּלִינְדֶען אָנְגֶענוּמֶען בַּייא דֶער הַאנְד, אוּן הָאט אִיהְם
אַרוֹיסְגֶעפִיהְרְט אוֹיס דֶעם דָארְף, אוּן הָאט גֶעשְׁפִּיגֶען אִין זַיינֶע אוֹיגֶען, אוּן הָאט
דִיא הֶענְד אוֹיף אִיהְם גֶעלֶעגְט, אוּן הָאט אִיהְם גֶעפְרֶעגְט, זֶעהְסְט דוּא עֶפֶּעס?
24 אוּן עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעקוּקְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ זֶעה מֶענְשֶׁען וָוארִין אִיךְ זֶעה
זַייא אַזוֹי וִויא בֵּיימֶער אַרוּמְגֶעהֶענְדִיג. 25 דֶערְנָאךְ הָאט עֶר ווִידֶער דִיא הֶענְד
אוֹיף זַיינֶע אוֹיגֶען גֶעלֶעגְט, אוּן עֶר הָאט שַׁארְף גֶעקוּקְט, אוּן אִיז גֶעהֵיילְט
גֶעוָוארֶען, אוּן הָאט אַלְדִינְג פוּן ווַייטֶען גֶעזֶעהֶען. 26 אוּן עֶר הָאט אִיהְם צוּ
זַיין הוֹיז גֶעשִׁיקְט אוּן גֶעזָאגְט, דוּא זָאלְסְט נִיט אַרַיינְקוּמֶען אוֹיךְ אִים דָארְף.

27 אוּן יֵשׁוּעַ אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִיא דֶערְפֶער פוּן
קֵיסָרִין פוּן פִילִיפּוֹס; אוּן אוֹיף דֶעם וֶועג הָאט עֶר זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט,
אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, וֶוער זָאגֶען דִיא מֶענְשֶׁען אַז אִיךְ בִּין? 28 אוּן זַייא
הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, יוֹחָנָן הַמְטַבֵּל; אוּן אַנְדֶערֶע אֵלִיָה; אָבֶּער אַנְדֶערֶע,
אַייגֶער פוּן דִיא נְבִיאִים. 29 אוּן עֶר הָאט זַייא גֶעפְרֶעגְט, וֶוער זָאגְט אִיהְר
אַז אִיךְ בִּין? אוּן פֶּעטְרוֹס הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דוּא
בִּיסְט דֶער מָשִׁיחַ. 30 אוּן עֶר הָאט זַייא גֶעבָּאטֶען אַז זַייא זָאלֶען קֵיינֶעם נִיט
זָאגֶען פוּן אִיהְם. 31 אוּן עֶר הָאט זַייא אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ לֶעהְרֶען, אַז דֶער בֶּן אָדָם
מוּז פִיל לֵיידֶען, אוּן פֶערְוָוארְפֶען וֶוערֶען פוּן דִיא עֶלְצְטֶע אוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע
כֹּהֲנִים אוּן דִיא סוֹפְרִים, אוּן גֶעטֵייטֶעט וֶוערֶען, אוּן נָאךְ דְרַייא טֶעג ווִידֶער
אוֹיפְשְׁטֶעהֶען. 32 אוּן עֶר הָאט דָאס וָוארְט עֶפֶענְטְלִיךְ גֶעזָאגְט. אוּן פֶּעטְרוֹס
הָאט אִיהְם גֶענוּמֶען, אוּן הָאט אִיהְם אָנְגֶעהוֹיבֶּען אָנְצוּשְׁרַייעֶן. 33 אָבֶּער עֶר
הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט. אוּן הָאט זַיינֶע תַּלְמִידִים אָנְגֶעזֶעהֶען, אוּן הָאט פֶּעטְרוֹס
אָנְגֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט, גֶעה אַוֶועק פוּן מִיר, שָׂטָן, וָוארִין דוּא טְרַאכְטְסְט
נִיט אוֹיף דִיא זַאכֶען פוּן גָאט, נַייעֶרְט דִיא זַאכֶען פוּן מֶענְשֶׁען. 34 אוּן עֶר הָאט
דִיא לֵייט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּ זִיךְ גֶערוּפֶען, אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, וֶוער
עֶס ווִיל מִיר נָאכְקוּמֶען, דֶער זָאל זִיךְ אַלֵיין פֶערְלֵייקֶענֶען, אוּן זָאל אוֹיפְנֶעמֶען
זַיין קְרַייץ אוּן מִיר נָאכְפָאלְגֶען; 35 וָוארִין וֶוער עֶס ווִיל זַיין לֶעבֶּען רֶעטֶען,
דֶער וֶועט עֶס פֶערְלִירֶען; אָבֶּער וֶוער עֶס ווִיל זַיין לֶעבֶּען פֶערְלִירֶען פוּן מֵיינֶעט

18 ירמיה ה׳ כא׳: יחזקאל יב׳ ב׳.

וֶועגֶען אוּן וֶועגֶען דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה, דֶער וֶועט עֶס רֶעטֶען. 36 וָוארִין וִויא
וֶועט אַ מֶענְשׁ גֶעהָאלְפֶען וֶוערֶען וֶוען עֶר וֶועט גֶעוִוינֶען דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן
זַיין לֶעבֶּען פֶערְלִירֶען ? 37 וָוארִין וָואס וֶועט אַ מֶענְשׁ גֶעבֶּען פַאר אַיין אוֹיסְ־
לֶעזוּנְג פַאר זַיין לֶעבֶּען ? 38 דְרוּם וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ שֶׁעהְמֶען מִיט מִיר אוּן
מִיט מֵיינֶע וֶוערְטֶער אִין דִיזֶעם דוֹר פוּן זִינְד אוּן זְנוּת, אַזוֹי וֶועט זִיךְ דֶער
בֶּן אָדָם מִיט אִיהְם אוֹיךְ שֶׁעהְמֶען, וֶוען עֶר קוּמְט אִין דֶער הֶערְלִיכְקֵייט פוּן
ט זַיין פָאטֶער מִיט דִיא הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים. 1 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת
זָאג אִיךְ אֵייךְ, עֶס זֶענֶען עֶטְלִיכֶע וָואס שְׁטֶעהֶען דָא, וָואס וֶועלֶען נִיט
פֶערְזוּכֶען דֶעם טוֹיט, בִּיז זֵייא וֶועלֶען זֶעהֶען דָאס קֶענִיגְרַייךְ פוּן גָאט קוּמֶען
מִיט מַאכְט.

2 אוּן נָאךְ זֶעקְס טֶעג הָאט יֵשׁוּעַ גֶענוּמֶען פֶּעטְרוּס אוּן יַעֲקֹב אוּן יוֹחָנָן, אוּן
הָאט זֵייא אוֹיפְגֶעבְּרַאכְט אוֹיף אַ הוֹיכֶען בַּארְג בֵּייא זִיךְ אַלֵיין. אוּן עֶר אִיז
פָאר זֵייא פֶערְעֶנְדֶערְט גֶעוָוארֶען ; 3 אוּן זֵיינֶע קְלֵיידֶער זֶענֶען גְלַאנְצֶענְדִיג
גֶעוָוארֶען, זֶעהְר וַוייס אַזוֹי וִויא קֵיין וֶועשֶׁער אוֹיף דֶער עֶרְד הָאט זֵייא גֶעקֶענְט
וַוייס מַאכֶען. 4 אוּן אֵלִיָּה אוּן משֶׁה הָאבֶּען זִיךְ צוּ זֵייא בֶּעוִויזֶען, אוּן הָאבֶּען
גֶערֶעט מִיט יֵשׁוּעַ. 5 אוּן פֶּעטְרוּס הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ יֵשׁוּעַ גֶעזָאגְט,
רַבִּי, עֶס אִיז גוּט פַאר אוּנְז דָא צוּ זַיין ; אוּן לָאזֶען מִיר מַאכֶען דְרַייא גֶעצֶעלְ־
טֶען, אֵיינְס פַאר דִיר, אוּן אֵיינְס פַאר משֶׁה, אוּן אֵיינְס פַאר אֵלִיָּה. 6 וָוארִין עֶר
הָאט נִיט גֶעוְואוּסְט וָואס עֶר זָאל עֶנְטְפֶערֶען, וָוארִין זֵייא זֶענֶען זֶעהְר דֶערְ־
שְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען. 7 אוּן עֶס אִיז אַ וָואלְקֶען גֶעקוּמֶען אוּן הָאט זֵייא בֶּעדֶעקְט,
אוּן אַ קוֹל אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דֶער וָואלְקֶען, דִיזֶער אִיז מֵיין זוּהְן דֶער
גֶעלִיבְּטֶער, הֶערְט אִיהְם צוּ. 8 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען זִיךְ פְלוּצְלִינְג אוּמְגֶעזֶעהֶען,
הָאבֶּען זֵייא קֵיינֶעם נִיט מֶעהְר גֶעזֶעהֶען, אוֹיסֶער יֵשׁוּעַ אַלֵיין מִיט זֵייא.

9 אוּן דֶערְוַוייל זֵייא זֶענֶען פוּן דֶעם בַּארְג אַרוּפְגֶעגַאנְגֶען, אַזוֹי הָאט עֶר זֵייא
פֶערְבָּאטֶען אַז זֵייא זָאלֶען קֵיינֶעם נִיט דֶערְצֶעהְלֶען וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען,
סַיידֶען וֶוען דֶער בֶּן אָדָם וֶועט פוּן דִיא טוֹיטֶען אוֹיפְשְׁטֶעהֶען. 10 אוּן זֵייא הָאבֶּען
דָאס וָוארְט בֵּייא זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען, אוּן הָאבֶּען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען גֶעפְרֶעגְט,
וָואס אִיז דָאס אוֹיפְשְׁטֶעהֶען פוּן דִיא טוֹיטֶע. 11 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶע־
פְרֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט, פַארְוָואס זָאגֶען דִיא פְּרוּשִׁים אַז אֵלִיָּה מוּז צוּעֶרְשְׁט
קוּמֶען ? 12 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אֵלִיָּה קוּמְט צוּעֶרְשְׁט אוּן שְׁטֶעלְט
אַלֶעס צוּרֶעכְט ; אוּן וִויא שְׁטֶעהְט עֶס גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף דֶעם בֶּן אָדָם, אַז עֶר
זָאל פִיל לֵיידֶען, אוּן פֶערְאַכְטֶעט וֶוערֶען ? 13 אָבֶּער אִיךְ זָאג אֵייךְ, אַז אֵלִיָּה
אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעטְהוּן וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעוָואלְט,
אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף אִיהְם.

14 אוּן וֶוען עֶר אִיז צוּ דִיא תַּלְמִידִים גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזֶעהֶען אַרוּם זֵייא פִיל לֵייט
אוּן סוֹפְרִים וָואס הָאבֶּען מִיט זֵייא אַ וִכּוּחַ גֶעהַאט. 15 אוּן גְלֵייךְ אַזוֹי וִויא אַלֶע
לֵייט הָאבֶּען אִיהְם גֶעזֶעהֶען, הָאבֶּען זֵייא זִיךְ פֶערְוְואוּנְדֶערְט, אוּן זֶענֶען צוּגֶעלָאפֶען

7 דברים יח׳ טו׳. 12 מלאכי ג׳ כג׳.

אוּן הָאבֶּען אִיהְם גֶעגְרִיסְט. 16 אוּן עֶר הָאט זֵייא גֶעפְרֶעגְט, אִיבֶּער וָואס הָאט
אִיהְר מִיט זֵייא אַ וִכּוּחַ? 17 אוּן אֵיינֶער פוּן דִיא לֵייט הָאט צוּ אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט,
לֶעהְרֶער, אִיךְ הָאבּ מֵיין זוּהְן צוּ דִיר גֶעבְּרַאכְט, וָואס הָאט אַ שְׁטוּמֶען גֵייסְט; 18 אוּן
וְויא אַהִין עֶר נֶעמְט אִיהְם, אַזוֹי צוּרֵייסְט עֶר אִיהְם, אוּן עֶר שׁוּימְט, אוּן קְרִיצְט
מִיט דִיא צֵיין, אוּן וֶוערְד פֶערְדַארְט; אוּן אִיךְ הָאבּ צוּ דֵיינֶע תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט
אַז זֵייא זָאלֶען אִיהְם אַרוֹיסְטְרֵייבֶּען, אוּן זֵייא הָאבֶּען נִיט גֶעקֶענְט. 19 אוּן עֶר
הָאט צוּ זֵייא גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, אָ אִיהְר אוּנְגְלוֹיבִּיגֶעס דוֹר, וְויא לַאנְג
זָאל אִיךְ בֵּייא אֵייךְ זֵיין? וְויא לַאנְג זָאל אִיךְ אֵייךְ לֵיידֶען? בְּרֶענְגְט אִיהְם
אַהֶער צוּ מִיר. 20 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם צוּ אִיהְם גֶעבְּרַאכְט. אוּן וֶוען עֶר
הָאט אִיהְם גֶעזֶעהֶען, אַזוֹי גְלֵייךְ הָאט דֶער גֵייסְט אִיהְם צוּרִיסֶען; אוּן עֶר אִיז
צוּ דֶער עֶרְד גֶעפַאלֶען, אוּן הָאט זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט אוּן גֶעשׁוּימְט. 21 אוּן עֶר
הָאט זֵיין פָאטֶער גֶעפְרֶעגְט, וְויא לַאנְג אִיז עֶס זִינְט דָאס אִיז אִיהְם גֶעשֶׁעהֶען?
אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, פוּן קִינְדְהֵייט אָן. 22 אוּן אָפְט וַוארְפְט עֶר אִיהְם אִין
פֵייעֶר אַרֵיין אוּן אָפְט אִין וַואסֶער, אַז עֶר זָאל אִיהְם אוּמְבְּרֶענְגֶען; אָבֶּער וֶוען
דוּא קֶענְסְט עֶפֶּעס טְהוּן, אַזוֹי דֶערְבַּארְם דִיךְ אִיבֶּער אוּנְז אוּן הֶעלְף אוּנְז.
23 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דָאס וֶוען דוּא קֶענְסְט; אַלֶע זַאכֶען זֶענֶען
מֶעגְלִיךְ צוּ דֶעם וָואס גְלוֹיבְּט. 24 גְלֵייךְ הָאט דֶער פָאטֶער פוּן דֶעם קִינְד
גֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ גְלוֹיבּ, הֶעלְף מֵיין אוּנְגְלוֹיבֶּען. 25 אוּן וֶוען יֵשׁוּעַ
הָאט גֶעזֶעהֶען אַז דִיא לֵייט לוֹיפֶען צוּנוֹיף, אַזוֹי הָאט עֶר דֶעם אוּנְרֵיינֶען גֵייסְט
אָנְגֶעשְׁרִיגֶען, אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דוּא שְׁטוּמֶער אוּן טוֹיבֶּער גֵייסְט, אִיךְ
בֶּעפֶעהְל דִיר, גֶעה אַרוֹיס פוּן אִיהְם, אוּן קוּם נִיט מֶעהְר אִין אִיהְם אַרֵיין.
26 אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגֶען אוּן הָאט אִיהְם זֶעהְר צוּרִיסֶען אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶע-
גַאנְגֶען; אוּן עֶר אִיז וְויא אַ טוֹיטֶער גֶעוָוארֶען, אַזוֹי אַז פִילֶע הָאבֶּען גֶעזָאגְט,
עֶר אִיז טוֹיט. 27 אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט אִיהְם אָנְגֶענוּמֶען בֵּייא דֶער הַאנְד, אוּן הָאט
אִיהְם אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען, אוּן עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען. 28 אוּן וֶוען עֶר אִיז אִים הוֹיז
אַרֵיינְגֶעקוּמֶען הָאבֶּען אִיהְם זֵיינֶע תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט בֵּייא זִיךְ אַלֵיין, פַארְוָואס
הָאבֶּען מִיר אִיהְם נִיט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְטְרֵייבֶּען? 29 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט,
דִיזֶער מִין קֶען נִיט אַנְדֶערְשׁ אַרוֹיסְגֶעהֶען, אוֹיסֶער דוּרְךְ תְּפִלָּה.
30 אוּן וֶוען זֵייא זֶענֶען פוּן דָארְטֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, זֶענֶען זֵייא דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען
דוּרְךְ גָלִיל, אוּן עֶר הָאט נִיט גֶעוָואלְט אַז קֵיינֶער זָאל וִויסֶען. 31 וָוארִין
עֶר הָאט זֵיינֶע תַּלְמִידִים גֶעלֶעהְרְט, אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, דֶער בֶּן אָדָם
וֶועט אִיבֶּערְגֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוערֶען אִין דִיא הֶענְד פוּן מֶענְשֶׁען, אוּן זֵייא וֶועלֶען
אִיהְם הַרְגֶענֶען, אוּן וֶוען עֶר וֶועט גֶעהַרְגֶעט וֶוערֶען נָאךְ דְרֵייא טֶעג וֶועט עֶר
אוֹיפְשְׁטֶעהֶען. 32 אוּן זֵייא הָאבֶּען דָאס וָוארְט נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען, אוּן הָאבֶּען זִיךְ
גֶעפָארְכְטֶען אִיהְם צוּ פְרֶעגֶען.
33 אוּן זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען קֵיין כְּפַרְנַחוּם. אוּן וֶוען עֶר אִיז אִים הוֹיז גֶע-
קוּמֶען, הָאט עֶר זֵייא גֶעפְרֶעגְט, וָואס אִיז דָאס וָואס אִיהְר הָאט צְווִישֶׁען אֵייךְ
גֶעטַעֲנָהֶעט אוֹיף דֶעם וֶועג? 34 אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעשְׁווִיגֶען; וָוארִין זֵייא הָאבֶּען

אויף דעם וועג זיך מיטאיינאנדער געקריגט ווער איז דער גרעסערער. 35 און ער
האט זיך אנידערגעזעצט, און האט גערופען דיא צוועלף, און האט צו זייא
געזאגט, ווען איינער וויל זיין דער ערשטער, דער וועט זיין דער לעצטער פון
אלע, און דער בעדינטער פון אלע. 36 און ער האט גענומען א קליינעס קינד און
האט עס אין מיטען געשטעלט, און האט עס אין דיא ארמע גענומען, און
האט צו זייא געזאגט, 37 ווער עס וועט איינם פון אזעלכע קינדער אויפנעמען
אין מיין נאמען דער נעמט מיך אויף; און ווער עס וועט מיך אויפנעמען,
דער נעמט ניט מיך אויף, נייערט דעם וועלכער האט מיך געשיקט.
38 יוחנן האט צו איהם געזאגט, לעהרער, מיר האבען איינעם געזעהען וואס
טרייבט ארויס שדים אין דיין נאמען, וועלכער פאלגט ניט אונז נאך; און מיר
האבען איהם פערבאטען, ווייל ער האט אונז ניט נאכגעפאלגט. 39 אבער
ישוע האט געזאגט, פערבוט איהם ניט; ווארין עס איז קיינער ניט פארהאנען
וואס וועט טהון א וואונדער אין מיין נאמען, און וועט קענען געשווינד
שלעכטעס רעדען אויף מיר; 40 ווארין דער וואס איז ניט קעגען אונז דער
איז פאר אונז. 41 ווארין ווער עס וועט אייך געבען צו טרינקען א בעכער
וואסער אין מיין נאמען, ווייל איהר געהערט צו משיח, באמת זאג איך אייך,
ער וועט זיין שכר ניט פערלירען. 42 און ווער עס שטרויכעלט איינעם
פון דיא קליינע וואס גלויבען, גוט איז עס פאר איהם נאך מעהר געוועזען,
ווען א מיהלשטיין וואלט ארום זיין האלז געהאנגען, און ער וואלט אים ים
אריינגעווארפען. 43 און ווען דיינע האנד דיך שטרויכעלט, האק זיא אפ; עס
איז גוט פאר דיר, אז דוא זאלסט אריינגעהען אים לעבען א קאליקע, איי־
דער דוא זאלסט בײדע הענד האבען, און זאלסט אוועקגעהען אין גיהנם
צום אונפערלאשענען פייער. 44 און ווען דיין פוס דיך שטרויכעלט, האק איהם
אפ; עס איז גוט פאר דיר, אז דוא זאלסט אריינגעהען אים לעבען הינקענדיג,
איידער דוא זאלסט ביידע פיס האבען און זאלסט אין גיהנם אריינגעווארפען
ווערען; 45 און ווען דיין אויג דיך שטרויכעלט, רייס עס ארויס; עס איז גוט
פאר דיר, אז דוא זאלסט אריינגעהען אים קעניגרייך פון גאט מיט איין אויג,
איידער דוא זאלסט ביידע אויגען האבען און זאלסט אין גיהנם אריינגעווארפען
ווערען; 46 וואו זייער ווארם שטארבט ניט, און דאס פייער איז ניט פער־
לאשען. 47 ווארין איטליכער וועט געזאלצען ווערען מיט פייער. 48 זאלץ איז
גוט; אבער ווען דאס זאלץ וועט אונזאלציג ווערען, מיט וואס וועט איהר עס
זאלצען? האט זאלץ אין אייך זעלבסט, און לעבט אין פרידען מיט איינאנ־
דער.

י 1 און ער איז פון דארטען אויפגעשטאנען און איז געקומען צו דיא גרענצען
פון יהודה, און דיא אנדערע זייט ירדן; און דיא לייט האבען זיך ווידער צו
איהם פערזאמעלט, און ער האט זייא ווידער געלעהרט, אזוי וויא עס איז זיינע
געוואוינהייט געוועזען. 2 און דיא פרושים זענען צו איהם געקומען, און האבען

46 ישעיה סו׳ כד׳.

אִיהם גֶעפְרֶעגְט, אִיז עֶס דֶערלויבְּט אַז אַ מַאן זָאל זַיין ווַייבּ שֵׁיידֶען? אוּן
הָאבֶּען אִיהם גֶעפְּרִיפְט. 3 אָבֶער עֶר הָאט גֶעעֶנְטפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶע־
זָאגְט, וָואס הָאט אַייךְ מֹשֶׁה גֶעבָּאטֶען? 4 אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, מֹשֶׁה
הָאט דֶערְלויבְּט אַז אַ מַאן זָאל שְׁרֵייבֶּען אַ גֶט אוּן זָאל זִיא שֵׁיידֶען. 5 אָבֶער
יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וֶועגֶען אֵייעֶרֶע הַארְטֶע הֶערְצֶער הָאט עֶר אֵייךְ
דִיזֶעם גֶעבָּאט גֶעשְׁרִיבֶּען. 6 אָבֶער פוּן דֶעם אָנְהֵייבּ פוּן דֶער בֶּעשֶׁעפֶענִיס הָאט
עֶר זֵייא זָכָר אוּן נְקֵבָה בֶּעשַׁאפֶען. 7 דְרוּם זָאל אַ מַאן פֶערְלָאזֶען זַיין פָאטֶער אוּן
זַיינֶע מוּטֶער, אוּן זָאל זִיךְ בֶּעהֶעפְטֶען צוּ זַיין ווַייבּ, 8 אוּן דִיא צְווייא זָאלֶען זַיין
אֵיין פְלֵיישׁ; אַזוֹי אַז זֵייא זֶענֶען נִיט מֶעהְר צְווייא, נֵייעֶרְט אֵיין פְלֵיישׁ.
9 דְרוּם וָואס גָאט הָאט פֶערְאֵיינִיגְט, דָאס זָאל קֵיינֶער נִיט צוּשֵׁיידֶען. 10 אוּן אִים
הויז הָאבֶּען אִיהם דִיא תַּלְמִידִים ווִידֶער גֶעפְרֶעגְט וֶועגֶען דִיזֶער זַאךְ.
11 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט זַיין ווַייבּ שֵׁיידֶען אוּן וֶועט
אֵיין אַנְדֶערֶע נֶעמֶען, בֶּעגֶעהְט עֶר זְנוּת מִיט אִיהְר; 12 אוּן וֶוען זִיא פוּן
אִיהְר מַאן זִיךְ שֵׁיידֶעט, אוּן הָאט חַתוּנָה מִיט אֵיין אַנְדֶערֶען, בֶּעגֶעהְט זִיא זְנוּת.
13 אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהם גֶעבְּרַאכְט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַז עֶר זָאל זֵייא
אָנְרִיהְרֶען. אָבֶער דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען זֵייא אַנְגֶעשְׁרִיגֶען. 14 אוּן וֶוען יֵשׁוּעַ
הָאט דָאס גֶעזֶעהֶען, הָאט עֶס אִיהם פֶערְדְרָאסֶען, אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט,
לָאזְט דִיא קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ מִיר קוּמֶען, פֶערְבִּיט זֵייא נִיט; וָוארִין פוּן
אַזֶעלְכֶע אִיז דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט. 15 בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, וֶוער עֶס וֶועט
נִיט אָנְנֶעמֶען דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט ווִיא אַ קְלֵיינֶעס קִינְד, דֶער זָאל נִיט דְרִינֶען
אַרֵיינְקוּמֶען. 16 אוּן עֶר הָאט זֵייא אִין דִיא אָרְמֶע גֶענוּמֶען, אוּן הָאט דִיא הֶענְד
אויף זֵייא גֶעלֶעגְט, אוּן הָאט זֵייא גֶעבֶּענְשְׁט.
17 אוּן דֶערְווַייל עֶר אִיז אִים וֶועג אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִיז אִיהם אֵיינֶער אַנְטְקֶעגֶען
גֶעלָאפֶען, אוּן הָאט פָאר אִיהם אַנִידֶער גֶעקְנִיעֶט, אוּן הָאט אִיהם גֶעפְרֶעגְט, גוּטֶער
לֶעהְרֶער, וָואס זָאל אִיךְ טְהוּן אַז אִיךְ זָאל עֶבִּיגֶעס לֶעבֶּען יַרְשְׁנֶען? 18 אוּן יֵשׁוּעַ
הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט, פַארְוָואס רוּפְסְט דוּא מִיךְ גוּט? קֵיינֶער אִיז גוּט, אוֹיסֶער
אֵיינֶער, דֶער אִיז גָאט. 19 דוּא קֶענְסְט דִיא גֶעבָּאטֶע, דוּא זָאלְסְט נִיט טֵייטֶען,
דוּא זָאלְסְט נִיט מְזַנֶה זַיין, דוּא זָאלְסְט נִיט גַנְבֶנֶען, דוּא זָאלְסְט נִיט פַאלְשׁ
עֵדוּת זָאגֶען, דוּא זָאלְסְט נִיט בֶּערוֹיבֶּען, עֶהְרֶע דַיין פָאטֶער אוּן מוּטֶער. 20 אוּן
עֶר הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט, לֶעהְרֶער, אַלֶע דִיזֶע הָאבּ אִיךְ גֶעהַאלְטֶען פוּן מֵיין
יוּגֶענְד אָן. 21 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט אִיהם אָנְגֶעזֶעהֶען, אוּן הָאט אִיהם גֶעלִיבְּט, אוּן
הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט, אֵיין זַאךְ פֶעהְלְט דִיר, גֶעה אוּן פֶערקוֹיף וָואס דוּא
הָאסְט, אוּן גִיבּ צוּ דִיא אָרְמֶע, אוּן דוּא וֶועסְט הָאבֶּען אַ שַׁאץ אִים הִימֶעל;
אוּן קוּם, פָאלְג מִיר נָאךְ. 22 אוּן עֶר אִיז טְרוֹירִיג גֶעוֶועזֶען אִיבֶּער דִיזֶעם וָוארְט,
אוּן אִיז בֶּעטְרִיבְּט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, וָוארִין עֶר הָאט פִיל פֶערְמֶעגֶען גֶעהַאט.
23 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעזֶעהֶען, אוּן הָאט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט,

4 דברים כד׳ א׳. 6 בראשית א׳ כז׳.
7 בראשית ב׳ כד׳. 19 שמות כ׳ יב׳־יז׳: דברים ה׳ טז׳־יח׳ כד׳ יד׳.

וויא שווער וועלען דיא וואס רייכטום האבען אים קעניגרייך פון גאט ארייןקומען.
[24] און דיא תלמידים זענען ערשטוינט געוועזען איבער זיינע ווערטער. אבער ישוע
האט ווידער געענטפערט און האט צו זייא געזאגט, קינדער, וויא שווער איז
עס אים קעניגרייך פון גאט אריינצוקומען! [25] עס איז גרינגער פאר א קעמעל
דורך דעם לאך פון א נאדעל דורכצוגעהען, וויא פאר א רייכען אים קעניגרייך
פון גאט אריינצוקומען. [26] און זייא האבען זיך נאך מעהר פערוואונדערט, און
האבען איינער צום אנדערען געזאגט, ווער קען דען גערעטעט ווערען? [27] און
ישוע האט זייא אנגעזעהען און האט געזאגט, ביי מענשען איז דאס אונמעג־
ליך, אבער ניט ביי גאט; ווארין ביי גאט אלעס איז מעגליך. [28] און
פעטרוס האט אנגעהויבען צו איהם צו זאגען, זעה, מיר האבען אלעס פער־
לאזט, און האבען דיר נאכגעפאלגט. [29] ישוע האט געזאגט, באמת זאג איך
אייך, עס איז ניט דא איינער וואס האט פערלאזט הויז, אדער ברידער, אדער
שוועסטער, אדער מוטער, אדער פאטער, אדער קינדער, אדער פעלדער,
מיינעט וועגען און וועגען דער בשורה טובה, [30] וואס וועט ניט בעקומען
הונדערטפעלטיג איצט אין דיזער צייט, הייזער און ברידער, און שוועסטער, און
מוטער, און קינדער, און פעלדער, מיט פערפאלגונג, און אים קומענדיגען
צייטאלטער עביגעס לעבען. [31] און פילע וואס זענען ערשטע, וועלען זיין
לעצטע, און דיא לעצטע, ערשטע.

[32] און זייא זענען אויף דעם וועג געוועזען קיין ירושלים צו געהען; און ישוע
איז פאר זייא געגאנגען; און זייא האבען זיך פערוואונדערט, און דיא וואס
זענען נאכגעגאנגען האבען זיך געפארכטען. און ער האט ווידער גענומען
דיא צוועלף, און האט זייא אנגעהויבען צו זאגען וואס עס וועט צו איהם
געשעהען, [33] זעהט, מיר געהען ארויף קיין ירושלים, און דער בן אדם וועט
איבערגעליפערט ווערען צו דיא כהנים און סופרים; און זייא וועלען איהם
דן זיין צום טויט, און וועלען איהם איבערגעבען צו דיא גוים; [34] און זייא
וועלען איהם אויסשפעטען און וועלען איהם שמייסען און וועלען אויף איהם
שפייען און וועלען איהם אומברענגען; און נאך דרייא טעג וועט ער ווידער
אויפשטעהען.
[35] און יעקב און יוחנן דיא זיהן פון זבדי זענען צו איהם געקומען און
האבען געזאגט, לעהרער, מיר ווילען אז דוא זאלסט אונז טהון וואס מיר ווע־
לען דיך בעטען. [36] און ער האט צו זייא געזאגט, וואס ווילט איהר אז איך
זאל אייך טהון? [37] און זייא האבען צו איהם געזאגט, גיב אונז אז מיר
זאלען זיצען איינער צו דיינע רעכטע האנד, און איינער צו דיינע לינקע
האנד, אין דיינע הערליכקייט. [38] אבער ישוע האט צו זייא געזאגט, איהר
ווייסט ניט וואס איהר פערלאנגט. קענט איהר דעם כוס טרינקען וואס איך
טרינק? און מיט דער טבילה געטובלט מיט דער איך בין געטובלט? [39] און

[37] בראשית יח׳ יד: איוב יג׳ ב׳.

זַייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מִיר קֶענֶען. אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט,
אִיהְר װֶעט טְרִינְקֶען דֶעם כּוֹס װָאס אִיךְ טְרִינְק, אוּן מִיט דֶער טְבִילָה מִיט דֶער
אִיךְ בִּין גֶעטוּבֶלְט װֶעט אִיהְר אוֹיךְ גֶעטוּבֶלְט װֶערֶען; [40] אָבֶּער צוּ זִיצֶען צוּ
מֵיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד אוּן צוּ מֵיינֶע לִינְקֶע הַאנְד אִיז נִיט מֵיין צוּ גֶעבֶּען, נֵייעֶרְט
צוּ דִיא פַּאר װֶעמֶען עֶס אִיז אָנְגֶעבְּרֵייט. [41] אוּן װֶען דִיא צֶעהְן הָאבֶּען דָאס
גֶעהֶערְט, הָאבֶּען זַייא אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֵּייז צוּ זַיין אִיבֶּער יַעֲקֹב אוּן יוֹחָנָן. [42] אוּן
יֵשׁוּעַ הָאט זַייא צוּ זִיךְ גֶערוּפֶען, אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, אִיהְר װֵייסְט אַז
דִיא װָאס זֶענֶען אָנְגֶעזֶעהֶען װִיא פִירְשְׁטֶען פוּן דִיא גוֹיִם, הֶערְשֶׁען אִיבֶּער זַייא,
אוּן דִיא גְרוֹיסֶע צְװִישֶׁען זַייא גֶעװֶעלְטִיגֶען אִיבֶּער זַייא. [43] אָבֶּער עֶס זָאל נִיט
אַזוֹי זַיין צְװִישֶׁען אַייךְ, נֵייעֶרְט דֶער װָאס װִיל גְרוֹיס זַיין צְװִישֶׁען אַייךְ, דֶער
זָאל זַיין אַייעֶר בֶּעדִינְטֶער; [44] אוּן דֶער װָאס װִיל דֶער עֶרְשְׁטֶער זַיין צְװִישֶׁען
אַייךְ, דֶער זָאל זַיין קְנֶעכְט פוּן אַלֶע. [45] װָארִין דֶער בֶּן אָדָם אִיז אוֹיךְ נִיט
גֶעקוּמֶען בֶּעדִינְט צוּ װֶערֶען, נֵייעֶרְט צוּ בֶּעדִינֶען, אוּן זַיין לֶעבֶּען צוּ גֶעבֶּען
אַיין אוֹיסְלֶעזוּנְג פַאר פִילֶע.

[46] אוּן זַייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין יְרִיחוֹ; אוּן װֶען עֶר אִיז פוּן יְרִיחוֹ אַרוֹיס־
גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן פִיל לֵייט, אִיז דֶער בְּלִינְדֶע בֶּעטְלֶער בַּר־טִימַי,
דֶער זוּהְן פוּן טִימַי, גֶעזֶעסֶען בַּיים װֶעג. [47] אוּן װִיא עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶר
אִיז יֵשׁוּעַ הַנּוֹצְרִי, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ שְׁרַייעֶן, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, יֵשׁוּעַ
בֶּן דָוִד, דֶערְבַּארְם דִיךְ אִיבֶּער מִיר. [48] אוּן פִילֶע הָאבֶּען אִיהְם אָנְגֶעשְׁרִיגֶען
אַז עֶר זָאל שְׁװַייגֶען. אָבֶּער עֶר הָאט נָאךְ פִיל מֶעהְר גֶעשְׁרִיגֶען, דוּא זוּהְן פוּן
דָוִד, דֶערְבַּארְם דִיךְ אִיבֶּער מִיר. [49] אוּן יֵשׁוּעַ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהֶען, אוּן הָאט
גֶעזָאגְט, רוּפְט אִיהְם. אוּן זַייא הָאבֶּען דֶעם בְּלִינְדֶען גֶערוּפֶען, אוּן הָאבֶּען צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, זַייא גֶעטְרַייסְט, שְׁטֶעה אוֹיף, עֶר רוּפְט דִיךְ. [50] אוּן עֶר הָאט
זַיין מַאנְטֶעל אַרוּפְגֶעװָארְפֶען, אוּן אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ
יֵשׁוּעַ. [51] אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, װָאס װִילְסְט
דוּא אַז אִיךְ זָאל דִיר טְהוּן? אוּן דֶער בְּלִינְדֶער הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, רַבּוֹנִי,
אַז אִיךְ זָאל זֶעהֶענְדִיג װֶערֶען. [52] אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גֶעה אַװֶעק,
דַיין גְלוֹיבֶּען הָאט דִיךְ גֶערֶעטֶעט. אוּן גְלֵייךְ אִיז עֶר זֶעהֶענְדִיג גֶעװָארֶען, אוּן
הָאט יֵשׁוּעַ אוֹיף דֶעם װֶעג נָאכְגֶעפָאלְגְט.

יא [1] אוּן װֶען זַייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאהֶענְט צוּ יְרוּשָׁלַיִם, קַיין בֵּית־פַּגֵי אוּן
בֵּית־הִינִי בַּיים הַר הַזֵּיתִים, הָאט עֶר אַװֶעקְגֶעשִׁיקְט צְװַייא פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים,
[2] אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, גֶעהְט אִין דָארְף אַרַיין, װָאס אִיז קֶעגֶען אַייךְ,
אוּן גְלֵייךְ װִיא אִיהְר װֶעט דְרִינֶען אַרַיינְקוּמֶען, װֶעט אִיהְר גֶעפִינֶען אַ יוּנְג
עֶזֶעל אָנְגֶעבּוּנְדֶען, אוֹיף װֶעלְכֶעם קַיין מֶענְשׁ אִיז נָאךְ נִיט גֶעזֶעסֶען; לָאזְט עֶס
לוֹיז, אוּן בְּרֶענְגְט עֶס. [3] אוּן װֶען אֵיימִיצֶער װֶעט צוּ אַייךְ זָאגֶען, פַארְװָאס
טְהוּט אִיהְר דָאס? אַזוֹי זָאגְט, אַז דֶער הַאר בֶּעדַארְף עֶס; אוּן גְלֵייךְ װֶעט עֶר
עֶס אַהֶער שִׁיקֶען. [4] אוּן זַייא זֶענֶען אַװֶעקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבֶּען גֶעפִינֶען דָאס
יוּנְגֶע עֶזֶעל אָנְגֶעבּוּנְדֶען דְרוֹיסֶען בַּייא דֶער טְהִיר װָאוּ דִיא װֶעגֶע שֵׁיידֶען זִיךְ;

מַרקוּס יא

און זֵייא הָאבֶּען עֶס לויז גֶעלָאזְט. 5 און עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא וָואס זֶענֶען דָארְט
גֶעשְׁטַאנֶען הָאבֶּען צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וָואס טְהוּט אִיהְר, אַז אִיהְר לָאזְט לויז דָאס
יוּנְגֶע עֶזֶעל? 6 און זֵייא הָאבֶּען צוּ זֵייא גֶעזָאגְט אַזוֹי וִויא יֵשׁוּעַ הָאט זֵייא
גֶעהֵייסֶען. און זֵייא הָאבֶּען זֵייא גֶעלָאזְט גֶעהֶען. 7 און זֵייא הָאבֶּען דָאס יוּנְגֶע
עֶזֶעל גֶעבְּרַאכְט צוּ יֵשׁוּעַ, און הָאבֶּען זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער דְרוֹיף גֶעלֶעגְט; און עֶר
אִיז דְרוֹיף גֶעזֶעסֶען. 8 און פִילֶע הָאבֶּען זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער אוֹיף דֶעם וֶועג
אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט; און אַנְדֶערֶע צְוַוייגֶען וָואס זֵייא הָאבֶּען אָפְּגֶעשְׁנִיטֶען פוּן דִיא
פֶעלְדֶער. 9 און דִיא וָואס זֶענֶען פָאר אִיהְם גֶעגַאנְגֶען, און דִיא וָואס זֶענֶען
אִיהְם נָאכְגֶעגַאנְגֶען, הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען און גֶעזָאגְט,

הוֹשַׁעְנָא;

גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער וֶועלְכֶער קוּמְט אִים נָאמֶען פוּן דֶעם הַאר׳ן;

10 גֶעלוֹיבְּט אִיז דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן אוּנְזֶער פָאטֶער דָוִד, וָואס קוּמְט;

הוֹשַׁעְנָא אִין דֶער הֵייךְ.

11 און עֶר אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִין בֵּית הַמִּקְדָשׁ; און וֶוען עֶר
הָאט אוֹיף אַלֶעם אַרוּמְגֶעזֶעהֶען, און עֶס אִיז שׁוֹין אָבֶענְד גֶעוָוארֶען, אִיז עֶר
אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען קֵיין בֵּית־הִינִי מִיט דִיא צְוֶועלְף.

12 און צוּ מָארְגֶען פְרִיה, וֶוען זֵייא זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן בֵּית־הִינִי, אִיז
עֶר הוּנְגְרִיג גֶעוָוארֶען. 13 און עֶר הָאט דֶערְזֶעהֶען פוּן וֵוייטֶען אַ פֵייגֶענְבּוֹים,
וָואס הָאט בְּלֶעטֶער גֶעהַאט, און עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זֶעהֶען אוֹיבּ עֶר וֶועט
עֶפֶּעס דְרוֹיף גֶעפִינֶען. און וֶוען עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר נִיט מֶעהְר
גֶעפִינֶען וִויא בְּלֶעטֶער; וָוארִין עֶס אִיז נִיט דִיא צֵייט פוּן פֵייגֶען גֶעוֶועזֶען. 14 און
עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, קֵיינֶער זָאל נִיט מֶעהְר פוּן
דִיר קֵיינֶע פֵּירוֹת עֶסֶען אוֹיף עֶבִּיג. און זֵיינֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען עֶס גֶעהֶערְט.

15 און זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם. און וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין בֵּית
הַמִּקְדָשׁ, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַרוֹיסְצוּטְרֵייבֶּען דִיא וָואס הָאבֶּען פֶערְקוֹיפְט און
גֶעקוֹיפְט אִין בֵּית הַמִּקְדָשׁ, און הָאט אוּמְגֶעוָוארְפֶען דִיא טִישׁ פוּן דִיא וֶועקְסְ־
לֶער, און דִיא שְׁטוּהְלֶען פוּן דִיא טוֹיבֶּענְהֶענְדְלֶער; 16 און עֶר הָאט נִיט
גֶעלָאזְט אַז אֵיימִיצֶער זָאל אַ כֵּלִי דוּרְכְטְרָאגֶען דוּרְךְ דֶעם בֵּית הַמִּקְדָשׁ. 17 און
עֶר הָאט גֶעלֶעהְרְט און הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, שְׁטֶעהְט עֶס דֶען נִיט גֶעשְׁרִיבֶּען,
מֵיין הוֹיז זָאל גֶערוּפֶען וֶוערֶען אַ הוֹיז פוּן גֶעבֶּעט צוּ אַלֶע פֶעלְקֶער? אָבֶּער
אִיהְר הָאט עֶס גֶעמַאכְט צוּ אַ הֵייל פוּן רוֹיבֶּער. 18 און דִיא סוֹפְרִים און דִיא
עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט, און זֵייא הָאבֶּען גֶעזוּכְט וִויא זֵייא זָאלֶען
אִיהְם אוּמְבְּרֶענְגֶען; וָוארִין זֵייא הָאבֶּען זִיךְ פַאר אִיהְם גֶעפָארְכְטֶען, וַוייל אַלֶע
דִיא לֵייט הָאבֶּען זִיךְ פֶערְוָואוּנְדֶערְט אִיבֶּער זֵיינֶע לֶעהְרֶע.

19 און וֶוען עֶס אִיז אָבֶענְד גֶעוָוארֶען, זֶענֶען זֵייא אוֹיס דֶער שְׁטָאדְט אַרוֹיסְ־
גֶעגַאנְגֶען.

20 און אִין דֶער פְרִיה וֶוען זֵייא זֶענֶען פַארְבֵּייא גֶעגַאנְגֶען, הָאבֶּען זֵייא גֶעזֶעהֶען

תהלים קיח׳ כה׳ כו׳. 9   ישעיה נו׳ ז׳; ירמיה ז׳ יא׳. 16

דֶעם פֵייגֶענְבּוים פֶערְדַארְט פוּן דֶער וְואוּרְצֶעל. 21 אוּן פֶּעטְרוּס הָאט זִיךְ דֶערְ־
מָאהְנְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, רַבִּי, זֶעה, דֶער פֵייגֶענְבּוים וָואס דוּא הָאסְט
גֶעשָׁאלְטֶען אִיז פֶערְדַארְט גֶעוָוארֶען. 22 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט
צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, הָאט גְלוֹיבֶּען אִין גָאט. 23 בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, וֶוער עֶס
וֶועט זָאגֶען צוּ דִיזֶעם בַּארְג, זַייא אָװעקְגֶערִיקְט אוּן אִים יַם אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען,
אוּן וֶועט נִיט צְווֵייפְלֶען אִין זַיין הַארְץ, נֵייעֶרְט הָאט גְלוֹיבֶּען אַז דָאס וָואס עֶר
זָאגְט וֶועט גֶעשֶׁעהֶען, אַזוֹי וֶועט דָאס צוּ אִיהְם זַיין. 24 דְרוּם זָאג אִיךְ אֵייךְ,
אַלֶעס וָואס אִיהְר בֶּעטֶעט אוּן פֶערְלַאנְגְט, גְלוֹיבְּט אַז אִיהְר דֶערְהַאלְט,
אוּן עֶס וֶועט צוּ אֵייךְ זַיין. 25 אוּן וֶוען אִיהְר שְׁטֶעהְט אוּן בֶּעטֶעט, אַזוֹי פֶערְ־
גִיבְּט וֶוען אִיהְר הָאט עֶפֶּעס קֶעגֶען אֵיינֶעם, אַז אֵייעֶר פָאטֶער דֶער אִיז אִים
הִימֶעל זָאל אֵייךְ אוֹיךְ פֶערְגֶעבֶּען אֵייעֶרֶע פֶעהְלֶער.
26 אוּן זֵייא זֶענֶען ווִידֶער גֶעקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם; אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרוּמְגֶע־
גַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן
דִיא סוֹפְרִים אוּן דִיא עֶלְצְטֶע; 27 אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מִיט וָואס
פַאר אַ מַאכְט טְהוּסְט דוּא דִיזֶע זַאכֶען? אוּן וֶוער הָאט דִיר דִיזֶע מַאכְט גֶעגֶע־
בֶּען אַז דוּא זָאלְסְט דִיזֶע זַאכֶען טְהוּן? 28 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיךְ
וֶועל אֵייךְ אוֹיךְ אַ זַאךְ פְרֶעגֶען, אוּן עֶנְטְפֶערְט מִיר, אוּן אִיךְ וֶועל אֵייךְ זָאגֶען
מִיט וָואס פַאר אַ מַאכְט אִיךְ טְהוּא דִיזֶע זַאכֶען. 29 דִיא טְבִילָה פוּן יוֹחָנָן אִיז
זִיא פוּן הִימֶעל גֶעוֶועזֶען, אָדֶער פוּן מֶענְשֶׁען? עֶנְטְפֶערְט מִיר. 30 אוּן זֵייא הָאבֶּען
צְווִישֶׁען זִיךְ אִיבֶּערְלֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט, וֶוען מִיר וֶועלֶען זָאגֶען פוּן הִימֶעל, אַזוֹי
וֶועט עֶר זָאגֶען, פַארְוָואס הָאט אִיהְר דֶען אִיהְם נִיט גֶעגְלוֹיבְּט? 31 אָבֶּער וֶוען
מִיר וֶועלֶען זָאגֶען, פוּן מֶענְשֶׁען, אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען פַאר דִיא
לֵייט; וָוארִין אַלֶע הָאבֶּען אַוַדַאי גֶעהַאלְטֶען יוֹחָנָן פַאר אַ נָבִיא. 32 אוּן זֵייא
הָאבֶּען גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאבֶּען צוּ יֵשׁוּעַ גֶעזָאגְט, מִיר ווִיסֶען נִיט. אוּן יֵשׁוּעַ
הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וֶועדֶער זָאג אִיךְ אֵייךְ מִיט וָואס פַאר אַ מַאכְט אִיךְ
טְהוּא דִיזֶע זַאכֶען.

יב 1 אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ זֵייא צוּ רֶעדֶען אִין מְשָׁלִים, אַ מַאן הָאט
גֶעפְלַאנְצְט אַ ווַיינְגָארְטֶען, אוּן הָאט אַ צוֹים אַרוּם אִיהְם גֶעמַאכְט, אוּן הָאט
גֶעגְרָאבֶּען אַ קֶעלְטֶער, אוּן אַ טְהוּרְם גֶעבּוֹיעֶט, אוּן הָאט אִיהְם פֶערְדוּנְגֶען צוּ
ווַיינְגֶערְטְנֶער, אוּן אִיז אַוֶועקְגֶעפָאהְרֶען. 2 אוּן מִיט דֶער צֵייט הָאט עֶר אַ
קְנֶעכְט גֶעשִׁיקְט צוּ דִיא ווַיינְגֶערְטְנֶער, אַז עֶר זָאל פוּן זֵייא נֶעמֶען דִיא פְרוּכְט
פוּן דֶעם ווַיינְגָארְטֶען. 3 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶענוּמֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם
גֶעשְׁלָאגֶען, אוּן לֶעדִיג אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט. 4 אוּן עֶר הָאט ווִידֶער צוּ זֵייא אֵיין
אַנְדֶערֶען קְנֶעכְט גֶעשִׁיקְט; אִיהְם הָאבֶּען זֵייא אוֹיךְ דֶעם קָאפּ צוּשְׁלָאגֶען, אוּן
הָאבֶּען מִיט שַׁאנְד בֶּעהַאנְדֶעלְט. 5 אוּן עֶר הָאט אֵיין אַנְדֶערֶען גֶעשִׁיקְט; אִיהְם
הָאבֶּען זֵייא אוֹיךְ גֶעהַרְגֶעט; אוּן נָאךְ פִילֶע אַנְדֶערֶע, עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען זֵייא
גֶעשְׁלָאגֶען, אוּן עֶטְלִיכֶע גֶעהַרְגֶעט. 6 אוּן עֶר הָאט נָאךְ אֵיין אֵיינְצִיגֶען גֶעלִיבְּטֶען

[1] ישעיה ה׳, א׳ ב׳.

זוהן געהאט, איהם האט ער צולעצט צו זייא געשיקט און האט געזאגט, זייא
וועלען מיין זוהן עהרען. 7 אָבער יענע וויינגערטנער האבען איינער צום
אנדערען געזאגט, דאס איז דער יורש, קומט און לאזט אונז איהם הרגענען,
און דיא ירושה וועט אונזער זיין. 8 און זייא האבען איהם גענומען און האבען
געהרגעט, און האבען איהם אוים דעם וויינגארטען ארויסגעווארפען. 9 וואס
וועט דער האר פון דעם וויינגארטען טהון? ער וועט קומען און וועט דיא
וויינגערטנער אומברענגען, און וועט דעם וויינגארטען צו אנדערע געבען.
10 האט איהר אויך ניט געליינט דיזע שריפט?

דער שטיין וואס דיא בוימייסטער האבען פערווארפען,
דער איז צום עקשטיין געווארען;
11 דאס איז געשעהען פון דעם האר'ן,
און עס איז וואונדערליך אין אונזערע אויגען.

12 און זייא האבען איהם געזוכט צו נעמען, און האבען זיך געפארכטען פאר
דיא לייט; ווארין זייא האבען געוואוסט אז ער האט קעגען זייא דאס משל
געזאגט; און זייא האבען איהם פערלאזט, און זענען אוועקגעגאנגען.

13 און זייא האבען צו איהם געשיקט עטליכע פון דיא פרושים און פון
הורדוס לייט, אז זייא זאלען איהם פאנגען מיט א ווארט. 14 און זייא זענען
געקומען און האבען צו איהם געזאגט, לעהרער, מיר וויסען אז דוא ביסט
וואהרהאפטיג, און פרעגסט נאך קיינעם ניט, ווארין דוא ביסט קיין מענשען
נושא פנים; נייערט דוא לעהרסט דעם וועג פון גאט אין וואהרהייט. איז עס
דערלויבט מס צו געבען צום קיסר, אדער ניט? זאלען מיר געבען, אדער
ניט געבען? 15 אָבער ער האט געוואוסט זייערע פערשטעלעריא, און האט
צו זייא געזאגט, פארוואס פריפט איהר מיך? ברענגט מיר א גראשען,* אז
איך זאל עס זעהען. 16 און זייא האבען עס געבראכט. און ער האט צו זייא
געזאגט, וועמעס איז דאס בילד און דיא אויפשריפט? און זייא האבען צו
איהם געזאגט, צום קיסר. 17 און ישוע האט צו זייא געזאגט, גיבט דעם
קיסר וואס איז צו קיסר, און צו גאט וואס איז צו גאט. און זייא האבען
זיך פערוואונדערט איבער איהם.

18 און דיא צדוקים זענען צו איהם געקומען, וואס זאגען אז עס איז קיין
תחית המתים, און זייא האבען איהם געפרעגט און געזאגט; 19 לעהרער, משה
האט אונז געשריבען, אז ווען דער ברודער פון א מענשען וועט שטארבען, און
וועט איבערלאזען זיין ווייב, און וועט קיינע קינדער ניט לאזען, זאל זיין
ברודער זיין ווייב נעמען, און זאל זאמען אויפשטעלען צו זיין ברודער. 20 עס
זענען זיבען ברידער געוועזען; און דער ערשטער האט גענומען א ווייב, און
איז געשטארבען, און האט קיין זאמען ניט געלאזט. 21 און דער צווייטער האט
זיא גענומען, און איז געשטארבען, און האט קיין זאמען ניט געלאזט; און אזוי

* גר' דינר — תהלים קיח' כב', כג'.

19 בראשית לח' ח': דברים כה' ה', ו'.

אויך דער דריטער. [22] און דיא זיבען האבען ניט געלאזט קיין זאמען. צולעצט
פון אלע איז דיא פרויא אויך געשטארבען. [23] אין תחית המתים, ווען זייא
וועלען אויפשטעהען, וועמעס ווייב וועט זיא זיין? וואריז דיא זיבען האבען
זיא געהאט פאר א ווייב. [24] ישוע האט צו זייא געזאגט, פערארט איהר אייך
דען ניט, ווייל איהר קענט ניט דיא שריפט, אויך ניט דיא מאכט פון גאט?
[25] ווארין ווען זייא וועלען פון דיא טויטע אויפשטעהען, אזוי וועלען זייא ניט
חתונה האבען, און ניט חתונה מאכען, נייערט זייא זענען וויא דיא מלאכים
אים הימעל. [26] אבער וועגען דיא טויטע, אז זייא אויפשטעהען, האט איהר
ניט געלעזענט אים ספר פון משה, וויא גאט האט צו איהם גערעט פון דעם
דארנבוש און האט געזאגט, איך בין דער גאט פון אברהם, און דער גאט
פון יצחק, און דער גאט פון יעקב? [27] ער איז ניט דער גאט פון דיא טויטע,
נייערט פון דיא לעבעדיגע. איהר פערארט אייך זעהר.

[28] און איינער פון דיא סופרים איז געקומען, וואס האט זייא געהערט
טענהען, און האט געוואוסט אז ער האט זייא גוט געענטפערט; און ער האט
איהם געפרעגט, וואספאר א מצוה איז דיא ערשטע פון אלע? [29] און ישוע
האט געענטפערט, דיא ערשטע איז, הער ישראל, דער האר אונזער גאט איז
איין האר; [30] און דוא זאלסט דעם האר'ן דיין גאט ליבען מיט דיין גאנצען
הארץ, און מיט דיינע גאנצע זעלע, און מיט דיין גאנצען געמיט, און מיט
דיינע גאנצע קראפט. [31] דיא צווייטע איז דיזע, דוא זאלסט דיין געזעלען ליבען
וויא דיך זעלבסט; עס איז ניט קיינע אנדערע מצוה גרעסער וויא דיזע. [32] און
דער סופר האט צו איהם געזאגט, גוט לעהרער, דוא האסט וואהרהאפטיג
געזאגט אז ער איז איינער, און עס איז קיין אנדערער ניט חוץ איהם; [33] און
איהם צו ליבען מיט דעם גאנצען הארץ, און מיט דעם גאנצען געמיט, און
מיט דיא גאנצע קראפט, און זיין געזעלען צו ליבען וויא זיך זעלבסט, איז
מעהר וויא אלע עולות און זבחים. [34] און ווען ישוע האט געזעהען אז ער האט
קלוג געענטפערט, האט ער צו איהם געזאגט, דוא ביסט ניט ווייט פון דעם
קעניגרייך פון גאט. און קיינער האט זיך ניט געוואגט איהם נאך עפעס
מעהר צו פרעגען.

[35] און ישוע האט געענטפערט און געזאגט, ווען ער האט געלעהרט אין
בית המקדש, וויא אזוי זאגען דיא סופרים אז דער משיח איז דער זוהן פון
דוד? [36] דוד זעלבסט האט געזאגט דורך דעם רוח הקודש,

דער האר האט געזאגט צו מיין האר'ן, זיץ דוא צו מיינע רעכטע האנד,
ביז איך וועל לעגען דיינע פיינד אונטער דיינע פיס.

[37] דרום דוד אליין רופט איהם האר, און וויא אזוי איז ער דען זיין זוהן?
און פיל לייט האבען איהם גערן געהערט. [38] און ער האט געזאגט אין
זיינע לעהרע, היט אייך פאר דיא סופרים, וואס בעגעהרען צו געהען אין

[29,30] דברים ו׳ ד׳, ה׳. [26] שמות ג׳ ו׳.
[36] תהלים קי׳ א׳. [33] שמואל א׳ טו׳ כב׳. [31] ויקרא יט׳ יח׳.

לַאנְגֶע קְלֵיידֶער, אוּן גֶעגְרִיסְט צוּ וֶוערֶען אִין דִיא גַאסֶען, 39 אוּן צוּ שְׁטֶעהֶען
אוֹיבֶּען אָן אִין דִיא שׁוּלֶען, אוּן צוּ זִיצֶען אוֹיבֶּען אָן אוֹיף סְעוּדוֹת; 40 וָואס
עֶסֶען אוֹיף דִיא הַייזֶער פוּן אַלְמָנוֹת, אוּן פַאר אַיין אוֹיסְרֶעד בֶּעטֶען זַייא לַאנְג,
דִיזֶע וֶועלֶען אַ גְרֶעסֶערֶען מִשְׁפָּט בֶּעקוּמֶען. 41 אוּן עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען קֶעגֶען דֶעם
אוֹצָר, אוּן הָאט גֶעזֶעהֶען וִויא דִיא לֵייט וַוארְפֶען גֶעלְד אִין דֶעם אוֹצָר אַרַיין,
אוּן פִילֶע רֵייכֶע הָאבֶּען פִיל אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען. 42 אוּן אֵיינֶע אָרְמֶע אַלְמָנָה אִיז
גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען צְוֵויא פְּרוּטוֹת, וָואס מַאכֶען אוֹיס אַ פִירְ־
טֶעל גְרָאשֶׁען. 43 אוּן עֶר הָאט זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּגֶערוּפֶען אוּן הָאט צוּ זַייא
גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז דִיזֶע אָרְמֶע אַלְמָנָה הָאט מֶעהְר אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען
וִויא אַלֶע וָואס הָאבֶּען אִין דֶעם אוֹצָר אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען. 44 וָוארִין אַלֶע הָאבֶּען
אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען פוּן דֶעם וָואס זַייא הָאבֶּען אִיבְּרִיג, אָבֶּער זִיא הָאט פוּן אִיהְרֶע
אָרְמְקֵייט אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען אַלֶעס וָואס זִיא הָאט, אִיהְרֶע גַאנְצֶע מִחְיָה.

יג 1 אוּן דֶערְוֵויל עֶר אִיז פוּן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאט אֵיינֶער
פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, לֶעהְרֶער, זֶעה, וָואסְפַאר שְׁטֵיינֶער אוּן
וָואסְפַאר גֶעבֵּיידֶע עֶס זֶענֶען, 2 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, זֶעהְסְט דוּא
דִיזֶע גְרוֹיסֶע גֶעבֵּיידֶע? דָא וֶועט נִיט בְּלֵייבֶּען אֵיין שְׁטֵיין אוֹיף אֵיינַאנְדֶערֶען
וָואס וֶועט נִיט צוּוָוארְפֶען וֶוערֶען.

3 אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען אוֹיף דֶעם הַר הַזֵּיתִים קֶעגֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ,
הָאבֶּען אִיהְם פֶּעטְרוּס אוּן יַעֲקֹב אוּן יוֹחָנָן אוּן אַנְדְרֵי בֵּייא זִיךְ זֶעלְבְּסְט גֶע־
פְרֶעגְט; 4 זָאג אוּנְז וֶוען וֶועלֶען דִיזֶע זַאכֶען זַיין אוּן וָואס אִיז דָאס צֵייכֶען וֶוען
דִיזֶע אַלֶע וֶועלֶען דֶערְפִילְט וֶוערֶען? 5 אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ זַייא
צוּ זָאגֶען, הִיט אֵייךְ אַז קֵיינֶער זָאל אֵייךְ נִיט פֶערְפִיהְרֶען. 6 וָוארִין פִילֶע
וֶועלֶען קוּמֶען אִין מֵיין נָאמֶען, אוּן וֶועלֶען זָאגֶען אִיךְ בִּין עֶר, אוּן וֶועלֶען פִילֶע
פֶערְפִיהְרֶען. 7 אוּן וֶוען אִיהְר וֶועט הֶערֶען פוּן מִלְחָמוֹת אוּן נָאכְרִיכְטֶען פוּן
מִלְחָמוֹת, דֶערְשְׁרֶעקְט אֵייךְ נִיט. דָאס מוּז גֶעשֶׁעהֶען, אָבֶּער דֶער סוֹף אִיז
נָאךְ נִיט דָא. 8 וָוארִין אַ פָאלְק וֶועט אוֹיפְשְׁטֶעהֶען קֶעגֶען אַ פָאלְק, אוּן אַ
קֶענִיגְרֵייךְ קֶעגֶען אַ קֶענִיגְרֵייךְ. עֶס וֶועט זַיין עֶרְדְצִיטֶערְנִים אִין עֶטְלִיכֶע עֶרְטֶער,
עֶס וֶועט זַיין הוּנְגֶער; דִיזֶע זֶענֶען דֶער אָנְהֵייבּ פוּן צָרוֹת. 9 אוּן גִיבְּט
אַכְטוּנְג אוֹיף אֵייךְ זֶעלְבְּסְט; זַייא וֶועלֶען אֵייךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּען צוּ דִיא סַנְהֶדְרִין, אוּן
אִין דִיא שׁוּלֶען וֶועט אִיהְר גֶעשְׁלָאגֶען וֶוערֶען, אוּן אִיהְר וֶועט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט
וֶוערֶען פָאר פִירְשְׁטֶען אוּן קֶענִיגֶען פוּן מֵיינֶעט וֶועגֶען, פַאר אַ צֵייגְנִיס צוּ זַייא.
10 אוּן דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה זָאל צוּעֶרְשְׁט גֶעפְּרֶעדִיגְט וֶוערֶען צוּ אַלֶע פֶעלְקֶער.
11 אוּן וֶוען זַייא וֶועלֶען אֵייךְ אַוֶועקְפִיהְרֶען אוּן אִיבֶּערְגֶעבֶּען, זָארְגְט נִיט וָואס
אִיהְר זָאלְט רֶעדֶען, נֵייעֶרְט וָואס עֶס וֶועט אֵייךְ גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען אִין יֶענֶער
שָׁעָה, דָאס זָאלְט אִיהְר רֶעדֶען; וָוארִין עֶס אִיז נִיט אִיהְר דִיא רֶעדֶען, נֵייעֶרְט
דֶער רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ. 12 אוּן אַ בְּרוּדֶער וֶועט אַ בְּרוּדֶער אִיבֶּערְגֶעבֶּען צוּם טוֹיט,
אוּן אַ פָאטֶער אַ קִינְד; אוּן קִינְדֶער וֶועלֶען אוֹיפְשְׁטֶעהֶען קֶעגֶען זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן,

8 ישעיה יט׳ ב׳: דברי הימים ב׳ טו׳ ו׳.

און וועלען זייא טייטען; 13 און איהר וועט געהאסט ווערען ביי אלע פון
וועגען מיין נאמען; אבער דער וואס האלט אוים ביז צום סוף, דער וועט
גערעטעט ווערען.

14 און ווען איהר וועט זעהען דיא אומווירדיגקייט פון דעם גרייעל שטעהענ־
דיג וואו עס קעהר ניט צו שטעהען, דער וואס ליינט לאז ער פערשטעהען,
דאן לאזען דיא וואס זענען אין יהודה אנטלויפען צו דיא בערג; 15 און דער
וואס איז אויף דעם דאך, לאז ער ניט אריינקומען אום עפעס אויס זיין הויז
צו נעמען; 16 און דער וואס איז אים פעלד, לאז ער זיך ניט צוריק אומקעהר־
רען זיינע קליידער צו נעמען. 17 אבער וועה צו דיא וואס זענען מעוברת, און
דיא וואס געבען צו זייגען אין יענע טעג. 18 אבער בעט אז עס זאל ניט
זיין אים ווינטער; 19 וואָרין אין יענע טעג וועט זיין א צרה, וואס אזעלכע איז
ניט געוועזען פון אנהייב פון דער בעשעפענים וואס גאט האט בעשאפען ביז
אצונד, און עס וועט אויך ניט מעהר אזוי זיין. 20 און ווען דער האר וואלט
ניט פערקירצט דיא טעג, וואלט קיין מענש ניט גערעטעט געווארען. אבער
פון וועגען דיא אויסדערוועהלטע וואס ער האט אויסדערוועהלט, האט ער דיא
טעג פערקירצט. 21 און דאן ווען איינער וועט צו אייך זאגען, זעהט, היר איז
דער משיח, זעהט דארט, גלויבט ניט. 22 און עס וועלען אויפשטעהען פאלשע
משיחים און פאלשע נביאים, און וועלען ווייזען צייכען און וואונדער, כדי צו
פערפיהרען אפילו דיא אויסדערוועהלטע, ווען עס זאל מעגליך זיין. 23 אבער
היט אייך; איך האב אייך אלעס פריהער געזאגט. 24 אבער אין יענע טעג,
נאך יענע צרה, וועט דיא זון פינסטער ווערען, און דיא לבנה וועט ניט געבען
איהר ליכט; 25 און דיא שטערען פון דעם הימעל וועלען ארופפאלען, און דיא
קרעפטע וואס זענען אים הימעל וועלען בעוועגט ווערען; 26 און דאן וועלען
זייא זעהען דעם בן אדם קומענדיג אין דיא וואלקען מיט א גרויסע מאכט
און הערליכקייט; 27 און דאן וועט ער זיינע מלאכים אויסשיקען און וועט
זיינע אויסדערוועהלטע איינזאמלען פון דיא פיער ווינדען, פון דעם עק פון דער
ערד ביז צום עק פון הימעל.

28 אבער לערנט א משל פון דעם פייגענבוים. ווען זיין צווייג איז נון פריש,
און ברענגט ארויס בלעטער, אזוי ווייסט איהר אז דער זומער איז נאהענט.
29 אזוי אויך איהר, ווען איהר וועט זעהען אז דיזע זאכען געשעהען, ווייסט אז
עס איז נאהענט ביי דער טהיר. 30 באמת זאג איך אייך, דיזעס דור וועט
ניט פארבייא געהען, ביז דאס אלעס וועט געשעהען; 31 הימעל און ערד ווער־
לען פארבייא געהען, אבער מיינע ווערטער וועלען ניט פארבייא געהען.
32 אבער פון יענעם טאג אדער דער שעה ווייס קיינער ניט, אויך ניט דיא
מלאכים אים הימעל, און אויך ניט דער זוהן, אויסער דער פאטער. 33 היט

14 דניאל ט׳ כז׳, יא׳ לא׳, יב׳ יא׳.
19 יואל ב׳ ב׳: דניאל יב׳ א׳.
22 דברים יג׳ ב׳־ד׳.
24 ישעיה יג׳.י׳, כד׳ כג׳.
26 דניאל ז׳ יג׳.
27 דברים ל׳ ד׳: זכריה ב׳ י׳: דניאל ז׳ ב׳.

אֵייךְ, וַואכְט; וָוארִין אִיהְר ווייסְט נִיט וֶוען דִיא צַייט אִיז. 34 עֶס אִיז אַזוֹי וִויא
אַ מַאן וָואס פָאהְרְט אַוֶועק, אוּן לָאזְט זַיין הויז, אוּן גִיבְּט דִיא מַאכְט צוּ זַיינֶע
קְנֶעכְט, אוּן צוּ אִיטְלִיכֶעם זַיינֶע אַרְבֵּייט, אוּן בֶּעפֶעהְלְט דֶעם וֶועכְטֶער אַז עֶר
זָאל וַואכֶען. 35 דְרוּם וַואכְט אִיהְר, וָוארִין אִיהְר ווייסְט נִיט וֶוען דֶער הַאר פוּן
דֶעם הויז וֶועט קוּמֶען, אוֹיף דֶעם אָבֶענְד, אָדֶער אִין מִיטֶען דֶער נַאכְט, אָדֶער
וֶוען דֶער הָאן קְרֵייעֶט, אָדֶער אִין דֶער פְרִיה. 36 אַז עֶר זָאל נִיט פְּלוּצְלִינְג קוּ־
מֶען, אוּן אֵייךְ שְׁלָאפֶענְדִיג גֶעפִינֶען. 37 אוּן וָואס אִיךְ זָאג צוּ אֵייךְ, דָאס זָאג
אִיךְ צוּ אַלֶע, וַואכְט.
יד 1 אוּן נָאךְ צְוֵויא טֶעג אִיז פֶּסַח גֶעוֶועזֶען, אוּן דֶער חַג הַמַּצוֹת. אוּן דִיא
עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן דִיא סוֹפְרִים הָאבֶּען גֶעזוּכְט וִויא אַזוֹי זַייא זָאלֶען אִיהְם
נֶעמֶען מִיט לִיסְט אוּן זָאלֶען אִיהְם טֵייטֶען. 2 אוּן זַייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, נִיט
אַם יוֹם טוֹב, כְּדֵי עֶס זָאל נִיט זַיין אַ רַעשׁ צְווִישֶׁען דֶעם פָאלְק.
3 אוּן וֶוען עֶר אִיז אִין בֵּית הִינִי גֶעוֶועזֶען אִים הויז פוּן שִׁמְעוֹן דֶעם קְרֶעצִיגֶען,
וִויא עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען בַּיים טִישׁ, אִיז גֶעקוּמֶען אַ פְרוֹיא וָואס הָאט גֶעהַאט אֵיין
אַלְבַּאסְטֶער קְרִיגֶעל מִיט זַאלְבּ פוּן זֶעהְר טְהֵייעֶרֶען מֹר; אוּן זִיא הָאט דָאס
קְרִיגֶעל צוּבְּרָאכֶען, אוּן הָאט עֶס אוֹיף זַיין קָאפּ אוֹיסְגֶעגָאסֶען. 4 אוּן עֶס זֶענֶען
אֵייניגֶע גֶעוֶוען וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעעֶרְגֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, צוּ וָואס אִיז דִיזֶע
פֶערְשְׁוֶועְנְדוּנְג פוּן דֶעם מֹר גֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען? 5 וָוארִין דִיזֶעס מֹר הָאט
גֶעקָאנְט פֶערְקוֹיפְט וֶוערֶען פַאר מֶעהְר וִויא דְרֵייא הוּנְדֶערְט גִילְדֶען,* אוּן צוּ
דִיא אָרְמֶע גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען. אוּן זַייא הָאבֶּען קֶעגֶען אִיהְר גֶעמוּרְמֶעלְט.
6 אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט גֶעזָאגְט, לָאזְט זִיא גֶעהֶען, וָוארוּם קְרֶענְקְט אִיהְר זִיא? זִיא
הָאט אַ גוּטֶעס וֶוערְק אָן מִיר גֶעטְהוּן; 7 וָוארִין דִיא אָרְמֶע הָאט אִיהְר תָּמִיד
מִיט אֵייךְ, אוּן וֶוען אִיהְר ווילְט קֶענְט אִיהְר זַייא גוּטֶעס טְהוּן, אָבֶּער מִיךְ הָאט
אִיהְר נִיט תָּמִיד. 8 זִיא הָאט גֶעטְהוּן וָואס זִיא הָאט גֶעקֶענְט, זִיא אִיז פָאר־
גֶעקוּמֶען כְּדֵי זִיא זָאל מֵיין לֵייבּ צוּ דֶער קְבוּרָה זַאלְבֶּען. 9 בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ
אֵייךְ, וְואוּ דִיא בְּשׂוּרָה טוֹבָה וֶועט גֶעפְּרֶעדִיגְט וֶוערֶען אִין דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט,
אַזוֹי וֶועט מֶען דָאס אוֹיךְ דֶערְצֶעהְלֶען וָואס זִיא הָאט גֶעטְהוּן צוּ אִיהְר אַנְ־
דֶענְקֶען. 10 אוּן יְהוּדָה אִישׁ קְרִיּוֹת אֵיינֶער פוּן דִיא צְוֶועלְף אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען
צוּ דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים, כְּדֵי עֶר זָאל אִיהְם צוּ זַייא אִיבֶּערְגֶעבֶּען. 11 אוּן וִויא
זַייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט, הָאבֶּען זַייא זִיךְ גֶעפְרֵייעֶט, אוּן הָאבֶּען אִיהְם פֶערְ־
שְׁפְּרָאכֶען גֶעלְד צוּ גֶעבֶּען. אוּן עֶר הָאט גֶעזוּכְט וִויא עֶר קֶען אִיהְם גוּנְסְטִיג
אִיבֶּערְגֶעבֶּען.
12 אוּן אִין דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג פוּן חַג הַמַּצוֹת, וֶוען זַייא פְלֶעגֶען צוּ שֶׁעכְטֶען
דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח, הָאבֶּען זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וְואוּ ווילְסְט דוּא אַז
מִיר זָאלֶען גֶעהֶען אוּן אָנְבְּרֵייטֶען אַז דוּא זָאלְסְט עֶסֶען דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח? 13 אוּן
עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט צְוֵויא פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, גֶעהְט
אִין דֶער שְׁטָאדְט אַרֵיין, אוּן אַ מַאן וֶועט אֵייךְ בֶּעגֶעגְנֶען, וָואס טְרָאגְט אַ קְרוּג

* גר' דינר

מִיט וַואסֶער, פָאלְגְט אִיהְם נָאךְ; [14] אוּן וְואוּ אַהִין עֶר וֶועט אַרַיינְגֶעהֶען,
זָאגְט צוּ דֶעם בַּעַל הַבַּיִת, דֶער לֶעהְרֶער זָאגְט, וְואוּ אִיז מֵיין צִימֶער וְואוּ אִיךְ
זָאל עֶסֶען דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח מִיט מֵיינֶע תַּלְמִידִים? [15] אוּן עֶר וֶועט אֵייךְ וַוייזֶען
אַ גְרוֹיסֶע אוֹיבֶּערֶע שְׁטוּב, אוֹיסְגֶעצִירְט אוּן אָנְגֶעבְּרֵייט; אוּן דָארְט זָאלְט אִיהְר
פַּארְטִיג מַאכֶען פַאר אוּנְז. [16] אוּן דִיא תַּלְמִידִים זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן
זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין דֶער שְׁטָאדְט אַרַיין, אוּן זַייא הָאבֶּען גֶעפִינֶען אַזוֹי וִויא עֶר
הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט; אוּן זַייא הָאבֶּען פַּארְטִיג גֶעמַאכְט דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח.
[17] אוּן וֶוען עֶס אִיז אָבֶענְד גֶעוָוארֶען אִיז עֶר גֶעקוּמֶען מִיט דִיא צְוֶועלְף.
[18] אוּן וֶוען זַייא הָאבֶּען זִיךְ אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט אוּן הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען, הָאט יֵשׁוּעַ
גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז אֵיינֶער פוּן אֵייךְ וָואס עֶסְט מִיט מִיר וֶועט
מִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּען. [19] זַייא הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען טְרוֹירִיג צוּ זַיין, אוּן הָאבֶּען
אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערֶען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, בִּין אִיךְ עֶס? [20] אוּן עֶר הָאט
צוּ זַייא גֶעזָאגְט, עֶס אִיז אֵיינֶער פוּן דִיא צְוֶועלְף, וָואס טוּנְקְט מִיט מִיר אֵיין
אִין דֶער שִׁיסֶעל. [21] וָוארִין דֶער בֶּן אָדָם וֶועט גֶעהֶען אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט
גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף אִיהְם; אָבֶּער וֶועה צוּ דֶעם מֶענְשׁ דוּרְךְ וֶועמֶען דֶער בֶּן אָדָם
וֶועט אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען; עֶס וָואלְט גוּט גֶעוֶוען פַאר יֶענֶעם מֶענְשֶׁען וֶוען
עֶר וָואלְט נִיט גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען. [22] אוּן דֶערְוַוייל זַייא הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען, הָאט
עֶר גֶענוּמֶען בְּרוֹיט אוּן הָאט אַ בְּרָכָה גֶעמַאכְט, אוּן הָאט עֶס צוּבְּרָאכֶען, אוּן
צוּ זַייא גֶעגֶעבֶּען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, נֶעמְט, דָאס אִיז מֵיין לֵייבּ. [23] אוּן עֶר הָאט
גֶענוּמֶען אַ כּוֹס, אוּן הָאט אַ בְּרָכָה גֶעמַאכְט, אוּן הָאט עֶס צוּ זַייא גֶעגֶעבֶּען;
אוּן זַייא הָאבֶּען אַלֶע דֶערְפוּן גֶעטְרוּנְקֶען. [24] אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט,
דָאס אִיז מֵיין בְּלוּט פוּן דֶעם בּוּנְד, וָואס אִיז פֶערְגָאסֶען פַאר פִילֶע. [25] בֶּאֱמֶת
זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז אִיךְ וִויל נִיט מֶעהְר טְרִינְקֶען פוּן דֶער פְּרוּכְט פוּן דֶעם
וַויינְשְׁטָאק, בִּיז אָן דֶעם טָאג וֶוען אִיךְ וֶועל עֶס טְרִינְקֶען נַייא אִין דֶעם קֶענִיג-
רַייךְ פוּן גָאט. [26] אוּן וֶוען זַייא הָאבֶּען הַלֵּל גֶעזוּנְגֶען זֶענֶען זַייא אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען
צוּם הַר הַזֵּיתִים. [27] אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, אִיהְר אַלֶע וֶועט אֵייךְ
שְׁטְרוֹיכְלֶען, וָוארִין עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, אִיךְ וֶועל דֶעם הִירְט שְׁלָאגֶען, אוּן
דִיא שָׁאף וֶועלֶען צוּשְׁפְּרֵייט וֶוערֶען. [28] אָבֶּער נָאךְ מֵיינֶע אוֹיפְשְׁטֶעהוּנְג וֶועל
אִיךְ פָאר אֵייךְ גֶעהֶען קַיין גָלִיל. [29] אוּן פֶּעטְרוּס הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֶוען
אַלֶע זָאלֶען זִיךְ שְׁטְרוֹיכְלֶען, אַזוֹי וֶועל אִיךְ דָאךְ נִיט. [30] אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ דִיר, אַז הַיינְט אִין דִיזֶער נַאכְט, אֵיידֶער דֶער
הָאן וֶועט צְווייא מָאל קְרֵייעֶן, וֶועסְט דוּא מִיךְ דְרֵייא מָאל פֶערְלֵייקֶענֶען.
[31] אָבֶּער עֶר הָאט נָאךְ אֵייפְרִיגֶער גֶערֶעט, וֶוען אִיךְ זָאל מוּזֶען מִיט דִיר
שְׁטַארְבֶּען, וִויל אִיךְ דִיךְ נִיט פֶערְלֵייקֶענֶען. גְלֵייכְדֶעם הָאבֶּען אוֹיךְ אַלֶע
גֶעזָאגְט

[32] אוּן זַייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אֵיין אָרְט, וָואס אִיז גֶערוּפֶען גַת שְׁמָנִי, אוּן

[24] שמות כד׳ ח׳: זכריה ט׳ יא׳,
[18] תהלים מא׳ י׳,
[27] זכריה יג׳ ז׳,
[26] תהלים קיג׳-קיח׳.

עֶר הָאט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט, זִיצְט דָא בִּיז אִיךְ וֶועל בֶּעטֶען. 33 אוּן עֶר
הָאט מִיט זִיךְ גֶענוּמֶען פֶּעטְרוּס אוּן יַעֲקֹב אוּן יוֹחָנָן, אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען
דֶערְשְׁרָאקֶען אוּן טְרוֹיעריג צוּ זַיין; 34 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, מַיינֶע זֶעלֶע
אִיז זֶעהְר טְרוֹיעריג בִּיז אָן דֶעם טוֹיט; בְּלֵייבְּט דָא אוּן וַואכְט. 35 אוּן עֶר אִיז
אַבִּיסֶעל וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, אוּן אִיז צוּ דֶער עֶרְד גֶעפַאלֶען, אוּן הָאט גֶעבֶּעטֶען
אַז, וֶוען עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ, זָאל דִיא שָׁעָה פוּן אִיהְם פַארְבֵּייא גֶעהֶען. 36 אוּן עֶר
הָאט גֶעזָאגְט, אַבָּא, פָאטֶער, אַלֶעס אִיז מֶעגְלִיךְ בֵּייא דִיר; נֶעם אַוֶועק דִיזֶען
כּוֹס פוּן מִיר; דָאךְ נִיט וָואס אִיךְ ווִיל, נֵייעֶרְט וָואס דוּא ווִילְסְט. 37 אוּן עֶר
אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט זַייא שְׁלָאפֶענְדִיג גֶעפִינֶען, אוּן הָאט צוּ פֶּעטְרוּס גֶעזָאגְט,
שִׁמְעוֹן, שְׁלָאפְסְט דוּא? הָאסְט דוּא נִיט גֶעקֶענְט וַואכֶען אֵיין שָׁעָה? 38 וַואכְט
אוּן בֶּעט, אַז אִיהְר זָאלְט נִיט צוּ נִסָיוֹן קוּמֶען; דֶער גֵייסְט אִיז ווִילִיג,
אָבֶּער דָאס פְלֵייש אִיז שְׁוַואךְ. 39 אוּן עֶר אִיז ווִידֶער אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט
גֶעבֶּעטֶען, אוּן הָאט דָאס דָאזִיגֶע וָוארְט גֶעזָאגְט. 40 אוּן וֶוען עֶר אִיז ווִידֶער
גֶעקוּמֶען, הָאט עֶר זַייא שְׁלָאפֶענְדִיג גֶעפִינֶען, וָוארִין זַייעֶרֶע אוֹיגֶען זֶענֶען
שְׁוֶוער גֶעוֶוען; אוּן זַייא הָאבֶּען נִיט גֶעווָאוּסְט וָואס זַייא זָאלֶען אִיהְם עֶנְטְפֶע־
רֶען. 41 אוּן עֶר אִיז דָאס דְרִיטֶע מָאל גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט,
שְׁלָאפְט וַוייטֶער אוּן רוּהְט; עֶס אִיז גֶענוּג, דִיא שָׁעָה אִיז גֶעקוּמֶען, זֶעה, דֶער
בֶּן אָדָם אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אִין דִיא הֶענְד פוּן זִינְדֶער. 42 שְׁטֶעהְט אוֹיף, לָאזְט
אוּנְז גֶעהֶען; זֶעה דֶערְיֶענִיגֶע אִיז נָאהֶענְט וָואס מִיךְ פֶערְמַסֶערְט.
43 אוּן גְלֵייךְ דֶערְווַייל עֶר הָאט נָאךְ גֶערֶעט, אִיז יְהוּדָה, אֵיינֶער פוּן דִיא
צְוֶועלְף גֶעקוּמֶען, אוּן מִיט אִיהְם פִיל לֵייט מִיט שְׁוֶוערְט אוּן שְׁטֶעקֶען פוּן דִיא
עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן סוֹפְרִים אוּן עֶלְצְטֶע. 44 אוּן דֶער וָואס הָאט אִיהְם פֶערְמַ־
סֶערְט הָאט זַייא גֶעגֶעבֶּען אַ צֵייכֶען אוּן גֶעזָאגְט, דֶעם וָואס אִיךְ וֶועל קִישֶׁען
דֶער אִיז עֶר; נֶעמְט אִיהְם אוּן פִיהְרְט אִיהְם זִיכֶער אַוֶועק. 45 אוּן גְלֵייךְ וֶוען
עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִיז עֶר צוּ אִיהְם צוּגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, רַבִּי, אוּן
הָאט אִיהְם גֶעקִישְׁט. 46 אוּן זַייא הָאבֶּען זַייעֶרֶע הֶענְד אוֹיף אִיהְם גֶעלֶעגְט, אוּן
הָאבֶּען אִיהְם גֶענוּמֶען. 47 אוּן אֵיינֶער פוּן דִיא וָואס זֶענֶען דֶערְבֵּייא גֶעשְׁטַאנֶען
הָאט זַיין שְׁוֶוערְט אַרוֹיסְגֶעצוֹיגֶען, אוּן הָאט גֶעשְׁלָאגֶען דֶעם קְנֶעכְט פוּן דֶעם
כֹּהֵן הַגָּדוֹל, אוּן הָאט אִיהְם דָאס אוֹיעֶר אָפְּגֶעשְׁנִיטֶען. 48 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶע־
עֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, זֶענְט אִיהְר אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען ווִיא קֶעגֶען אַ
רוֹיבֶּער מִיט שְׁוֶוערְט אוּן שְׁטֶעקֶען אוּם מִיךְ צוּ נֶעמֶען. 49 אִיךְ בִּין טֶעגְלִיךְ
מִיט אֵייךְ גֶעוֶוען אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּן הָאבּ גֶעלֶעהְרְט, אוּן אִיהְר הָאט מִיךְ
נִיט גֶענוּמֶען; אָבֶּער דִיא שְׁרִיפְטֶען בֶּעדַארְפֶען דֶערְפִילְט צוּ וֶוערֶען. 50 אוּן זַייא
הָאבֶּען אִיהְם אַלֶע פֶערְלָאזְט, אוּן זֶענֶען אַוֶועקְגֶעלָאפֶען. 51 אוּן אַ יוּנְגֶער מַאן
הָאט אִיהְם נָאכְגֶעפָאלְגְט, וָואס הָאט גֶעהַאט אַ לֵיילֶעךְ אַרוּם זַיין נַאקֶעטֶען
לֵייבּ, אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם גֶענוּמֶען. 52 אוּן עֶר הָאט דָאס לֵיילֶעךְ אִיבֶּערְגֶע־
לָאזְט, אוּן אִיז פוּן זַייא נַאקֶעט אַוֶועקְגֶעלָאפֶען.

34 תהלים מג׳ ה׳.

מַרקוּס יד

53 און זֵייא הָאבֶּען יֵשׁוּעַ אַוֶועקְגֶעפִיהְרְט צוּם כֹּהֵן הַגָּדוֹל, און אַלֶע דִיא עֶרְשְׁטֶע
כֹּהֲנִים און דִיא עֶלְצְטֶע און דִיא סוֹפְרִים הָאבֶּען זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט. 54 און פֶּעטְרוּס
אִיז אִיהְם פוּן ווייטֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען בִּיז אִין פַּאלַאסְט אַרֵיין פוּן דֶעם כֹּהֵן
הַגָּדוֹל, און אִיז גֶעזֶעסֶען מִיט דִיא בֶּעדִינְטֶע, און הָאט זִיךְ גֶעוַוארְמְט בֵּיים
פֵייעֶר. 55 און דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים און דָאס גַאנְצֶע סַנְהֶדְרִין הָאבֶּען גֶעזוּכְט
עֵדוּת קֶעגֶען יֵשׁוּעַ, אַז זֵייא זָאלֶען אִיהְם טֵייטֶען; און זֵייא הָאבֶּען נִיט גֶעפִינֶען.
56 דֶען פִילֶע הָאבֶּען פַאלְשֶׁע עֵדוּת גֶעזָאגְט קֶעגֶען אִיהְם, אָבֶּער זֵייעֶר עֵדוּת
אִיז נִיט אֵיינִיג גֶעוֶוען. 57 און עֶטְלִיכֶע זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען און הָאבֶּען פַאלְשֶׁע
עֵדוּת גֶעזָאגְט קֶעגֶען אִיהְם, און הָאבֶּען גֶעזָאגְט, 58 מִיר הָאבֶּען אִיהְם גֶעהֶערְט
זָאגֶען אַז אִיךְ וֶועל אַרוּפְוָוארְפֶען דָאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס אִיז מִיט הֶענְד גֶעמַאכְט,
און נָאךְ דְרֵייא טֶעג וֶועל אִיךְ אוֹיפְבּוֹיעֶן אֵיין אַנְדֶערֶעס וָואס אִיז נִיט מִיט
הֶענְד גֶעמַאכְט. 59 און אוֹיךְ נִיט אַזוֹי אִיז זֵייעֶר עֵדוּת אֵיינִיג גֶעוֶוען. 60 און דֶער
כֹּהֵן הַגָּדוֹל אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִין מִיטֶען, און הָאט יֵשׁוּעַ גֶעפְרֶעגְט און גֶע־
זָאגְט, עֶנְטְפֶערְסְט דוּא גָאר נִיט? וָואס זָאגֶען דִיזֶע עֵדוּת קֶעגֶען דִיר? 61 אָבֶּער עֶר
הָאט גֶעשְׁוִויגֶען, און הָאט גָאר נִיט גֶעעֶנְטְפֶערְט. דֶער כֹּהֵן הַגָּדוֹל הָאט אִיהְם
ווִידֶער גֶעפְרֶעגְט, און הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, בִּיסְט דוּא דֶער מָשִׁיחַ, דֶער זוּהְן
פוּן דֶעם גֶעבֶּענְשְׁטֶען? 62 און יֵשׁוּעַ הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין; און אִיהְר וֶועט
זֶעהֶען דֶעם בֶּן אָדָם זִיצֶען צוּ דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן דֶער גְבוּרָה, און קוּמֶענְדִיג
אִין דִיא וָואלְקֶען פוּן דֶעם הִימֶעל. 63 און דֶער כֹּהֵן הַגָּדוֹל הָאט זֵיינֶע קְלֵיידֶער
צוּרִיסֶען, און הָאט גֶעזָאגְט, וָואס בֶּעדַארְפֶען מִיר נָאךְ מֶעהְר עֵדוּת? 64 אִיהְר
הָאט גֶעהֶערְט דִיא לֶעסְטֶערוּנְג; וָואס שֵׁיינְט אֵייךְ? און זֵייא הָאבֶּען אִיהְם
אַלֶע גֶעמִשְׁפָּט אַז עֶר אִיז דֶעם טוֹיט שׁוּלְדִיג. 65 און עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען אָנְגֶע־
הוֹיבֶּען אוֹיף אִיהְם צוּ שְׁפֵּייעֶן, און זֵיין פָּנִים צוּ דֶעקֶען, און אִיהְם צוּ שְׁלָאגֶען,
און צוּ אִיהְם צוּ זָאגֶען, זָאג נְבוּאוֹת; און דִיא בֶּעדִינְטֶע הָאבֶּען אִיהְם
גֶעפַּאטְשְׁט.

66 און וֶוען פֶּעטְרוּס אִיז הִינְטֶען גֶעוֶוען אִים פַּאלַאסְט, אִיז אֵיינֶע פוּן דִיא
דִינְסְטְמֶעדֶעל פוּן דֶעם כֹּהֵן הַגָּדוֹל גֶעקוּמֶען; 67 און זִיא הָאט גֶעזֶעהֶען פֶּעטְרוּס
ווִיא עֶר הָאט זִיךְ גֶעוַוארְמְט, און הָאט אִיהְם אָנְגֶעזֶעהֶען און גֶעזָאגְט, דוּא
בִּיסְט אוֹיךְ מִיט יֵשׁוּעַ הַנָּצְרִי גֶעוֶוען. 68 אָבֶּער עֶר הָאט גֶעלֵייקֶענְט און גֶע־
זָאגְט, אִיךְ ווֵיים נִיט, און פֶערְשְׁטֶעה נִיט וָואס דוּא זָאגְסְט. און עֶר אִיז
אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דְרוֹיסֶען אִים פָארְהוֹיף. 69 און דָאס דִינְסְטְמֶעדֶעל הָאט אִיהְם
גֶעזֶעהֶען, און הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען ווִידֶער צוּ זָאגֶען צוּ דִיא וָואס זֶענֶען דֶערְבֵּייא
גֶעשְׁטַאנֶען, דִיזֶער אִיז אֵיינֶער פוּן זֵייא. 70 אָבֶּער עֶר הָאט ווִידֶער גֶעלֵייקֶענְט.
און נָאךְ אַ קְלֵיינֶע ווֵיילֶע הָאבֶּען דִיא וָואס זֶענֶען דֶערְבֵּייא גֶעשְׁטַאנֶען
ווִידֶער גֶעזָאגְט צוּ פֶּעטְרוּס, בֶּאֱמֶת דוּא בִּיסְט אֵיינֶער פוּן זֵייא, וָוארִין דוּא
בִּיסְט אוֹיךְ פוּן גָּלִיל. 71 און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ פְלוּכֶען און צוּ שְׁוֶוערֶען,
אִיךְ קֶען נִיט דֶעם מֶענְשֶׁען פוּן דֶעם אִיהְר רֶעט. 72 און גְלֵייךְ הָאט דֶער הָאן

62 דניאל ז׳ יג׳: תהלים קי׳ א׳.

צום צווייטען מאל געקרייעט. און פעטרוס האט זיך דערמאהנט אן דעם
ווארט וואס ישוע האט צו איהם געזאגט, איידער דער האן וועט צוויא מאל
קרייען, וועסט דוא מיך דריא מאל פערלייקנען. און ווען ער האט זיך דאס
איבערגעלעגט האט ער געוויינט.

טו [1] און גלייך אין דער פריה האבען דיא ערשטע כהנים מיט דיא עלצטע
און דיא סופרים און דעם גאנצע סנהדרין איין עצה געהאלטען, און האבען
ישוע געבונדען און אוועקגעפיהרט, און איבערגעגעבען צו פילטוס. [2] און
פילטוס האט איהם געפרעגט, ביסט דוא דער קעניג פון דיא יודען? און ער
האט געענטפערט און האט צו איהם געזאגט, דוא זאגסט עס. [3] און דיא
ערשטע כהנים האבען איהם פערקלאגט. [4] און פילטוס האט איהם ווידער
געפרעגט און געזאגט, ענטפערסט דוא גאר ניט? זעה, וויא שווערע זאכען
זייא פערקלאגען דיך. [5] אבער ישוע האט ווידער גאר ניט געענטפערט, אזוי
אז פילטוס האט זיך פערוואונדערט. [6] נון ער פלעגט זייא אין יום טוב איין
געפאנגענעם צו בעפרייען, וועלכען זייא האבען בעגעהרט. [7] און עס איז דא
געוועזען איינער וואס האט געהייסען בר־אבא, וואס איז געפאנגען מיט דיא וואס
האבען איין אויפשטאנד געמאכט, און האבען אין דעם אויפשטאנד א רציחה
בעגאנגען. [8] און דיא לייט זענען ארויפגעגאנגען און האבען אנגעהויבען צו
בעטען, אז ער זאל זייא טהון וויא נאך זיינע געוואוינהייט. [9] און פילטוס האט
זייא געענטפערט און געזאגט, ווילט איהר אז איך זאל צו אייך בעפרייען דעם
קעניג פון דיא יודען? [10] ווארין ער האט געוואוסט אז דיא ערשטע כהנים
האבען איהם איבערגעגעבען וועגען קנאה. [11] אבער דיא ערשטע כהנים האד־
בען דיא לייט אנגערייצט, אז ער זאל זייא ליבער בעפרייען בר־אבא. [12] און
פילטוס האט ווידער געענטפערט און האט צו זייא געזאגט, וואס דען, זאל איך
טהון צו דעם וואס איהר רופט דעם קעניג פון דיא יודען? [13] און זייא האבען
ווידער געשריגען, קרייציג איהם. [14] און פילטוס האט צו זייא געזאגט, וואס
פאר שלעכטעס האט ער דען געטהון? אבער זייא האבען נאך מעהר גע־
שריגען, קרייציג איהם. [15] און פילטוס האט געוואלט דיא לייט צוליב טהון,
און האט צו זייא בעפרייעט בר־אבא, און ווען ער האט ישוע געלאזט שלאגען,
האט ער איהם איבערגעגעבען אז ער זאל געקרייציגט ווערען.

[16] און דיא סאלדאטען האבען איהם אריינגעפיהרט אין דעם הויף אריין, וואס
הייסט פרעטאריאום, און זייא האבען צוזאמענגערופען דיא גאנצע באנדע.
[17] און זייא האבען איהם אנגעטהון א פורפור קלייד, און האבען געפלאכטען
א קרוין פון דערנער, און האבען עס אויף זיין קאפ געלעגט; [18] און זייא
האבען איהם אנגעהויבען צו גריסען שלום, קעניג פון דיא יודען; [19] און זייא
האבען איהם געשלאגען איבער דעם קאפ מיט א ראהר, און האבען אויף
איהם געשפיגען, און האבען געקניעט, און האבען זיך צו איהם געביקט.
[20] און ווען זייא האבען איהם אויסגעשפעט, האבען זייא איהם דאס פורפור
קלייד אפגעצויגען, און האבען איהם אנגעטהון זיינע אייגענע קליידער. און

זַייא הָאבֶּען אִיהְם אַרויסְגֶעפִיהְרְט אַז זַייא זָאלֶען אִיהְם קְרֵייצִיגֶען.
21 אוּן זַייא הָאבֶּען גֶעצְווְאוּנְגֶען אֵיינֶעם פַארְבֵּייא גֶעהֶענְדֶען, שִׁמְעוֹן פוּן
קוּרִינִי, דֶעם פָאטֶער פוּן אַלֶכְּסַנְדֶר אוּן רוּפוּס, וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן פֶעלְד,
אַז עֶר זָאל טְרָאגֶען זַיין קְרֵייץ. 22 אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעפִיהְרְט צוּ דֶעם
אָרְט גָלְגָלְתָּא, דָאס הֵייסְט פֶערְטֵייטְשְׁט שֵׁייטֶעלְפְלַאץ. 23 אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם
גֶעגֶעבֶּען ווַיין גֶעמִישְׁט מִיט מֹר, אָבֶּער עֶר הָאט עֶס נִיט גֶענוּמֶען. 24 אוּן זַייא
הָאבֶּען אִיהְם גֶעקְרֵייצִיגְט, אוּן הָאבֶּען זִיךְ זַיינֶע קְלֵיידֶער מִיטְגֶעטְהֵיילְט, אוּן
הָאבֶּען דְרוֹיף גוֹרָל גֶעוָוארְפֶען וָואס אִיטְלִיכֶער זָאל נֶעמֶען. 25 אוּן עֶס אִיז גֶע־
וֶוען דִיא דְרִיטֶע שָׁעָה אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעקְרֵייצִיגְט. 26 אוּן דִיא אוֹיפְ־
שְׁרִיפְט פוּן זַיינֶע פֶערְשׁוּלְדִיגוּנְג אִיז אוֹיבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען גֶעוָוארֶען, דֶער קֶענִיג
פוּן דִיא יוּדֶען. 27 אוּן זַייא הָאבֶּען גֶעקְרֵייצִיגְט צְווַייא רוֹיבֶּער מִיט אִיהְם,
אֵיינֶעם צוּ זַיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד, אוּן אֵיינֶעם צוּ דִיא לִינְקֶע. 29 אוּן דִיא וָואס
זֶענֶען פַארְבֵּייא גֶעגַאנְגֶען הָאבֶּען אִיהְם גֶעלֶעסְטֶערְט, אוּן הָאבֶּען גֶעשָׁאקֶעלְט
מִיט דִיא קֶעפּ, אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, אַהַא! דוּא וָואס אַרוּפְוַוארְפְסְט דָאס בֵּית
הַמִּקְדָּשׁ, אוּן בּוֹיעֶסְט עֶס אוֹיף אִין דְרֵייא טֶעג, 30 רֶעטֶע דִיךְ זֶעלְבְּסְט, אוּן
קוּם אַרוּפּ פוּן דֶעם קְרֵייץ. 31 אַזוֹי אוֹיךְ הָאבֶּען דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים צְווִישֶׁען
זִיךְ גֶעשְׁפֶּעט אוּן הָאבֶּען מִיט דִיא סוֹפְרִים גֶעזָאגְט, אַנְדֶערֶע הָאט עֶר גֶערֶע־
טֶעט זִיךְ זֶעלְבְּסְט קֶען עֶר נִיט רֶעטֶען; 32 לָאז דֶער מָשִׁיחַ, דֶער קֶענִיג פוּן
יִשְׂרָאֵל, אִיצְט אַרוּפְקוּמֶען פוּן דֶעם קְרֵייץ, אַז מִיר זָאלֶען זֶעהֶען אוּן גְלוֹיבֶּען.
אוּן דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעקְרֵייצִיגְט הָאבֶּען אִיהְם גֶעזִידֶעלְט.
33 אוּן אִין דִיא זֶעקְסְטֶע שָׁעָה אִיז עֶס פִינְסְטֶער גֶעוֶוען אִיבֶּער דֶעם גַאנְצֶען
לַאנְד, בִּיז צוּ דִיא נֵיינְטֶע שָׁעָה. 34 אוּן אִין דִיא נֵיינְטֶע שָׁעָה הָאט יֵשׁוּעַ גֶע־
שְׁרִיגֶען מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, אֱלָהִי! אֱלָהִי! לָמָה שְׁבַקְתַּנִי, דָאס
אִיז פֶערְטֵייטְשְׁט, מֵיין גָאט, מֵיין גָאט, וָוארוּם הָאסְט דוּא מִיךְ פֶערְלָאזְט.
35 אוּן עֶטְלִיכֶע וָואס זֶענֶען דֶערְבֵּייא גֶעשְׁטַאנֶען, וֶוען זַייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט,
הָאבֶּען גֶעזָאגְט, זֶעה, עֶר רוּפְט אֵלִיָּה. 36 אוּן אֵיינֶער אִיז צוּגֶעלָאפֶען אוּן הָאט
אָנְגֶעפִילְט אַ שְׁוָואם מִיט עֶסִיג, אוּן הָאט עֶס אוֹיף אַ רָאהְר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט,
אוּן הָאט אִיהְם גֶעגֶעבֶּען צוּ טְרִינְקֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, לָאז אִיהְם זַיין, מִיר
וֶועלֶען זֶעהֶען אוֹיבּ אֵלִיָּה וֶועט קוּמֶען, כְּדֵי עֶר זָאל אִיהְם אַרוּפְנֶעמֶען. 37 אוּן
יֵשׁוּעַ הָאט גֶעשְׁרִיגֶען מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל, אוּן הָאט דִיא נְשָׁמָה אוֹיסְגֶעלָאזְט.
38 אוּן דִיא פָּרוֹכֶת פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אִין צְווֵייעֶן צוּרִיסֶען גֶעוָוארֶען, פוּן
אוֹיבֶּען בִּיז אַרוּפּ. 39 אוּן וֶוען דֶער הוֹיפְּטְמַאן וָואס אִיז קֶעגֶען אִיהְם גֶעשְׁטַאנֶען
הָאט גֶעזֶעהֶען אַז עֶר הָאט אַזוֹי דִיא נְשָׁמָה אוֹיסְגֶעלָאזְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט,
בֶּאֱמֶת דִיזֶער מַאן אִיז גֶעוֶוען דֶער זוּהְן פוּן גָאט. 40 אוּן עֶס זֶענֶען אוֹיךְ פְרוֹיעֶן

24 תהלים כב׳ יט׳. 34 תהלים כב׳ ב׳. 36 תהלים סט׳ כב׳.

---

28 אוּן דִיא שְׁרִיפְט אִיז מְקוּיָּם גֶעוָוארֶען וָואס זָאגְט, אוּן עֶר אִיז גֶערֶעכֶענְט
גֶעוָוארֶען מִיט דִיא אִיבֶּערְטְרֶעטֶער.

ישעיה נג׳ ב׳.

גֶעוֶוען וָואס הָאבֶּען פוּן וַוייטֶען צוּגֶעזֶעהֶען, אוּן צְווִישֶׁען זֵייא אִיז גֶעוֶוען מִרְיָם
הַמַּגְדָלִית, אוּן מִרְיָם דִיא מוּטֶער פוּן יַעֲקֹב דֶעם קְלֵיינֶעם, אוּן דִיא מוּטֶער פוּן
יוֹסֵי, אוּן שְׁלוֹמִית; 41 דִיזֶע הָאבֶּען אִיהְם נָאכְגֶעפָאלְגְט וֶוען עֶר אִיז אִין גָלִיל
גֶעוֶוען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם בֶּעדִינְט, אוּן פִילֶע אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם
אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם.

42 אוּן וֶוען עֶס אִיז אָבֶּענְד גֶעוָוארֶען, ווייל עֶס אִיז דִיא אַנְבְּרֵייטוּנְג גֶעוֶוען,
דָאס הֵייסְט עֶרֶב שַׁבָּת; 43 אַזוֹי אִיז גֶעקוּמֶען יוֹסֵף הָרָמָתִי, אֵיין אָנְגֶעזֶעהֶענֶער
יוֹעֵץ, וָואס הָאט אוֹיךְ אַלֵיין גֶעוַוארְט אוֹיף דֶעם קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט, אוּן הָאט
זִיךְ גֶעוָואגְט, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פִּילָטוֹס, אוּן הָאט גֶעבֶּעטֶען פַאר דֶעם לֵייבּ
פוּן יֵשׁוּעַ. 44 אוּן פִּילָטוֹס הָאט זִיךְ גֶעוְוּאוּנְדֶערְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין טוֹיט; אוּן
עֶר הָאט גֶערוּפֶען דֶעם הוֹיפְּטְמַאן, אוּן הָאט אִיהְם גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר אִיז
שׁוֹין לַאנְג טוֹיט. 45 אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעוְוּאוּסְט פוּן דֶעם הוֹיפְּטְמַאן, הָאט
עֶר דֶעם לֵייבּ צוּ יוֹסֵף גֶעגֶעבֶּען. 46 אוּן עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט אַ לֵיילֶעךְ, אוּן הָאט
אִיהְם אַרוּפְּגֶענוּמֶען אוּן אִין דֶעם לֵיילֶעךְ אֵיינְגֶעוִויקֶעלְט, אוּן אַרֵיינְגֶעלֶעגְט אִין
אַ קֶבֶר וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיס אַ פֶעלְז אוֹיסְגֶעהַאקְט, אוּן הָאט אַרוֹיפְגֶעוַואלְ־
גֶערְט אַ שְׁטֵיין אוֹיף דֶער טְהִיר פוּן דֶעם קֶבֶר. 47 אוּן מִרְיָם הַמַּגְדָלִית, אוּן
מִרְיָם דִיא מוּטֶער פוּן יוֹסֵי הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען וְואוּ עֶר אִיז גֶעלֶעגְט גֶעוָוארֶען.

טז 1 אוּן וֶוען דֶער שַׁבָּת אִיז פָארִיבֶּער, אַזוֹי הָאבֶּען מִרְיָם הַמַּגְדָלִית אוּן
מִרְיָם דִיא מוּטֶער פוּן יַעֲקֹב, אוּן שְׁלוֹמִית גֶעקוֹיפְט גֶעוִוירְץ, אַז זֵייא זָאלֶען
גֶעהֶען אוּן זָאלֶען אִיהְם אֵיינְזַאלְבֶּען. 2 אוּן זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם קֶבֶר אָן
דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג פוּן דֶער וָואךְ גַאנְץ פְרִיה, וֶוען דִיא זוּן אִיז אוֹיפְגֶעגַאנְגֶען.
3 אוּן זֵייא הָאבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ גֶעזָאגְט, וֶוער וֶועט אוּנְז דֶעם שְׁטֵיין אַוֶועקְוַואלְ־
גֶערְן פוּן דֶער טְהִיר פוּן דֶעם קֶבֶר? 4 אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אוּמְגֶעזֶעהֶען, אוּן
הָאבֶּען דֶערְזֶעהֶען אַז דֶער שְׁטֵיין אִיז אַוֶועקְגֶעוַואלְגֶערְט גֶעוָוארֶען; דֶען עֶר
אִיז זֶעהְר גְרוֹיס גֶעוֶוען. 5 אוּן זֵייא זֶענֶען אִין דֶעם קֶבֶר אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, אוּן
הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אַ יוּנְגֶען מַאן זִיצֶען צוּ דִיא רֶעכְטֶע זֵייט, גֶעקְלֵייד אִין אַ וַוייס
קְלֵייד; אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ דֶערְשְׁרָאקֶען. 6 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, דֶערְ־
שְׁרֶעקְט אֵייךְ נִיט; אִיהְר זוּכְט יֵשׁוּעַ הַנָּצְרִי דֶער אִיז גֶעקְרֵייצִיגְט גֶעוָוארֶען; עֶר
אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, עֶר אִיז נִיט דָא; זֶעהְט דֶעם אָרְט וְואוּ זֵייא הָאבֶּען אִיהְם
גֶעלֶעגְט. 7 אָבֶּער גֶעהְט אוּן זָאגְט צוּ זֵיינֶע תַּלְמִידִים אוּן צוּ פֶּעטְרוֹס, אַז עֶר
גֶעהְט פָאר אֵייךְ קֵיין גָלִיל; דָארְט וֶועט אִיהְר אִיהְם זֶעהֶען וִויא עֶר הָאט צוּ
אֵייךְ גֶעזָאגְט. 8 אוּן זֵייא זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען אַוֶועקְגֶעלָאפֶען פוּן
דֶעם קֶבֶר, וָוארִין צִיטֶערְנִיס אוּן שְׁרֶעקֶען זֶענֶען זֵייא אָנְגֶעקוּמֶען; אוּן זֵייא
הָאבֶּען צוּ קֵיינֶעם גָאר נִיט גֶעזָאגְט, וָוארִין זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען.

9 אוּן וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פְרִיה אִין דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג פוּן דֶער וָואךְ,
הָאט עֶר זִיךְ צוּם עֶרְשְׁטֶען בֶּעווִיזֶען צוּ מִרְיָם הַמַּגְדָלִית, פוּן וֶועלְכֶע עֶר הָאט
זִיבֶּען שֵׁדִים אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען. 10 זִיא אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט עֶס דֶערְצֶעהְלְט
צוּ דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶוען, דֶערְווייל זֵייא הָאבֶּען גֶעטְרוֹיעֶרְט אוּן

מרקוס טז

גֶעוויינְט. 11 און וֶוען זַייא הָאבֶּען גֶעהֶערְט אַז עֶר לֶעבְּט, און אִיז פוּן אִיהְר
גֶעזֶעהֶען גֶעוָוארֶען, הָאבֶּען זַייא נִיט גֶעגְלויבְּט.

12 דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אִין אֵיין אַנְדֶערֶע גֶעשְׁטַאלְט בֶּעווִיזֶען צוּ צְווייא פוּן
זַייא, אַזוֹי ווִיא זַייא זֶענֶען אִין פֶעלְד אַרײַנְגֶעגַאנְגֶען. 13 און זַייא זֶענֶען אַוֶועקְ־
גֶעגַאנְגֶען און הָאבֶּען עֶס דֶערְצֶעהְלְט צוּ דִיא אִיבְּרִיגֶע; און זַייא הָאבֶּען זַייא
אויךְ נִיט גֶעגְלויבְּט.

14 צוּלֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ בֶּעווִיזֶען צוּ דִיא עֶלְף, וֶוען זַייא זֶענֶען גֶעזֶעסֶען בֵּיים
טִישׁ, און הָאט זַייא פֶערְגֶעוָוארְפֶען זַייעֶר אוּנְגְלויבֶּען און פֶערְהַארְטֶעס הַארְץ,
ווייל זַייא הָאבֶּען נִיט גֶעגְלויבְּט דִיא וָואס הָאבֶּען אִיהְם גֶעזֶעהֶען נָאכְדֶעם עֶר
אִיז אויפְגֶעשְׁטַאנֶען; 15 און עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, גֶעהְט אִין דִיא גַאנְצֶע
וֶועלְט, און פְּרֶעדִיגְט דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה צוּ אִיטְלִיכֶע בֶּעשֶׁעפֶענִים. 16 דֶער וָואס
גְלויבְּט און וֶוערְד גֶעטוּבֶלְט דֶער וֶועט גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען, אָבֶּער דֶער וָואס
גְלויבְּט נִיט וֶועט פֶערְשׁוּלְדִיגְט וֶוערֶען. 17 און דִיזֶע צֵייכֶען וֶועלֶען נָאכְפָאלְגֶען
דִיא וָואס גְלויבֶּען, זַייא וֶועלֶען שֵׁדִים אַרויסְטְרַייבֶּען אִין מֵיין נָאמֶען, זַייא וֶועלֶען
רֶעדֶען מִיט נַייעֶ שְׁפְּרַאכֶען, 18 זַייא וֶועלֶען שְׁלַאנְגֶען אויפְהֵייבֶען, און וֶוען זַייא
וֶועלֶען עֶפֶּעס טוֹיטְלִיכֶעס טְרִינְקֶען, אַזוֹי וֶועט עֶס זַייא נִיט שָׁאדֶען, זַייא וֶוע־
לֶען זַייעֶרֶע הֶענְד לֶעגֶען אויף קְרַאנְקֶע, און זַייא וֶועלֶען גֶעזוּנְד וֶוערֶען.

19 און נָאכְדֶעם ווִיא דֶער הַאר הָאט צוּ זַייא גֶערֶעט אִיז עֶר אַרויפְגֶענוּמֶען
גֶעוָוארֶען אִים הִימֶעל, און הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּ דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן גָאט.
20 און זַייא זֶענֶען אַרויסְגֶעגַאנְגֶען און הָאבֶּען אִין אַלֶע עֶרְטֶער גֶעפְּרֶעדִיגְט, און
דֶער הַאר הָאט מִיט זַייא גֶעווִירְקְט, און הָאט דָאס וָוארְט בֶּעשְׁטֶעטִיגְט דוּרְךְ
דִיא צֵייכֶען וָואס הָאבֶּען נָאכְגֶעפָאלְגְט.

[19] תהלים קי׳ א׳.

דִיא הֵיילִיגֶע בְּשׂוֹרָה טוֹבָה נָאךְ לוּקַאס

1 זִינְט דֶעם פִילֶע הָאבֶּען אוּנְטֶערְנוּמֶען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלֶען אַ דֶערְצֶעהְלוּנְג פוּן
דִיא זַאכֶען וָואס זֶענֶען צְווִישֶׁען אוּנְז זִיכֶער דֶערְפִילְט גֶעוָוארֶען; 2 וִויא זֵייא
הָאבֶּען אוּנְז אִיבֶּערְלִיפֶערְט, וָואס הָאבֶּען פוּן אָנְהֵייבּ אָן זֶעלְבְּסְט גֶעזֶעהֶען, אוּן
זֶענֶען דִיא דִינֶער פוּן דֶעם וָוארְט גֶעוֶוען; 3 אַזוֹי הָאבּ אִיךְ עֶס אוֹיךְ פַאר
גוּט אֵיינְגֶעזֶעהֶען, נָאכְדֶעם וִויא אִיךְ הָאבּ פוּן אָנְהֵייבּ אַלֶעס זָארְגְפֶעלְטִיג
נָאכְגֶעפָארְשְׁט, אַז אִיךְ זָאל דִיר שְׁרֵייבֶּען כְּסֵדֶר, מֵיין לִיבֶּער תְּאוֹפִילוֹס; 4 אַז
דוּא זָאלְסְט וִויסֶען דִיא זִיכֶערְהֵייט פוּן דִיא זַאכֶען אִין וֶועלְכֶע דוּא בִּיסְט
גֶעלֶערְנְט.

5 עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אִין דִיא טֶעג פוּן הוֹרְדוֹס, קֶענִיג פוּן יְהוּדָה, אִיז אַ כֹּהֵן
גֶעוֶוען פוּן דֶעם מִשְׁמָר פוּן אֲבִיָּה, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען זְכַרְיָה; אוּן זֵיין ווייבּ
אִיז גֶעוֶוען פוּן דִיא טֶעכְטֶער פוּן אַהֲרֹן, אוּן זִיא הָאט גֶעהֵייסֶען אֱלִישֶׁבַע.
6 אוּן זֵייא בֵּיידֶע זֶענֶען גֶערֶעכְט גֶעוֶוען פָאר גָאט, אוּן זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע
מִצְוֹת אוּן גֶעזֶעצֶע פוּן דֶעם הַאר'ן אָהְן טַאדֶעל. 7 אוּן זֵייא הָאבֶּען קֵיין קִינְד
נִיט גֶעהַאט, וָוארִין אֱלִישֶׁבַע אִיז אֵיין עֲקָרָה גֶעוֶוען, אוּן זֵייא בֵּיידֶע זֶענֶען שׁוֹין
אִין אִיהְרֶע יָאהְרֶען אַלְט גֶעוֶוען.

8 אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶערְוַוייל עֶר הָאט גֶעדִינְט פָאר גָאט אִין דֶעם סֵדֶר פוּן
זֵיין מִשְׁמָר, 9 אַזוֹי אִיז עֶס גֶעוֶוען נָאךְ דֶער גֶעוואוֹינְהֵייט פוּן דֶער כְּהוּנָּה זֵיין
גוֹרָל, אַז עֶר זָאל אַרֵיינְגֶעהֶען אִים הֵיכָל פוּן דֶעם הַאר'ן אוּם צוּ רֵייכֶערְן
קְטוֹרֶת; 10 אוּן דָאס גַאנְצֶע פָאלְק הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען דְרוֹיסֶען, אִין דֶער
שָׁעָה פוּן קְטוֹרֶת. 11 אוּן אַ מַלְאָךְ פוּן דֶעם הַאר'ן הָאט זִיךְ צוּ אִיהְם בֶּעווִיזֶען,
אוּן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען צוּ דִיא רֶעכְטֶע זֵייט פוּן דֶעם מִזְבַּח הַקְטוֹרֶת. 12 אוּן וֶוען
זְכַרְיָה הָאט אִיהְם גֶעזֶעהֶען הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקֶען, אוּן אַ מוֹרָא אִיז אוֹיף
אִיהְם גֶעפַאלֶען. 13 אָבֶּער דֶער מַלְאָךְ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, פָארְכְט דִיךְ נִיט,
זְכַרְיָה, וָוארִין דֵיין גֶעבֶּעט אִיז דֶערְהֶערְט גֶעוָוארֶען, אוּן דֵיין ווייבּ אֱלִישֶׁבַע
וֶועט דִיר גֶעווינֶען אַ זוּהְן, אוּן דוּא זָאלְסְט זֵיין נָאמֶען רוּפֶען יוֹחָנָן; 14 אוּן דוּא
וֶועסְט הָאבֶּען שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, אוּן פִילֶע וֶועלֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אִיבֶּער זֵיין גֶע־
בּוּרְט. 15 וָוארִין עֶר וֶועט זֵיין גְרוֹיס פָאר דֶעם הַאר'ן; אוּן עֶר זָאל נִיט טְרִינְקֶען
קֵיין וויין אוּן קֵיין שֵׁכָר, אוּן עֶר וֶועט דֶערְפִילְט וֶוערֶען מִיט דֶעם רוּחַ הַקֹּדֶשׁ
נָאךְ פוּן זֵיין מוּטֶערְס לֵייבּ; 16 אוּן פִילֶע פוּן דִיא קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל וֶועט עֶר
ווידֶערְקֶעהְרֶען צוּם הַאר'ן זֵייעֶר גָאט; 17 אוּן עֶר וֶועט פָאר אִיהְם גֶעהֶען אִים
גֵייסְט אוּן קְרַאפְט פוּן אֵלִיָּה, אַז עֶר זָאל ווידֶערְקֶעהְרֶען דִיא הֶערְצֶער פוּן דִיא
פֶעטֶער צוּ דִיא קִינְדֶער, אוּן דִיא ווידֶערְשְׁפֶּענִיגֶע צוּ דֶער חָכְמָה פוּן דִיא
צַדִּיקִים, אָנְצוּבְּרֵייטֶען פַאר דֶעם הַאר'ן אַ פָארְבֶּערֵייטֶעטֶעס פָאלְק. 18 אוּן
זְכַרְיָה הָאט צוּ דֶעם מַלְאָךְ גֶעזָאגְט, מִיט וָואס זָאל אִיךְ דָאס וִויסֶען? וָוארִין
אִיךְ בִּין אֵיין אַלְטֶער מַאן, אוּן מֵיין ווייבּ אִיז שׁוֹין אַלְט אִין אִיהְרֶע

17 מלאכי ג׳ כג׳, כד׳.

יָאהְרֶען. [19] אוּן דֶער מַלְאָךְ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אִיךְ
בִּין גַבְרִיאֵל, וָואס שְׁטֶעהְט פָאר גָאט, אוּן אִיךְ בִּין גֶעשִׁיקְט מִיט דִיר צוּ רֶעד־
דֶען, אוּן צוּ דִיר דִיזֶע בְּשׂוֹרָה צוּ בְּרֶענְגֶען; [20] אוּן זֶעה, דוּא וֶועסְט שְׁטוּם וֶוערֶען,
אוּן וֶועסְט נִיט קֶענֶען רֶעדֶען, בִּיז צוּ דֶעם טָאג וֶוען דָאס וֶועט גֶעשֶׁעהֶען; ווייל
דוּא הָאסְט נִיט גֶעגְלוֹיבְּט מֵיינֶע וֶוערְטֶער, וָואס וֶועלֶען דֶערְפִילְט וֶוערֶען אִין
זֵייעֶרֶע צֵייט. [21] אוּן דָאס פָאלְק הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף זְכַרְיָה, אוּן הָאט זִיךְ
גֶעוְואוּנְדֶערְט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי לַאנְג גֶעזָאמְט אִים הֵיכָל. [22] אוּן וֶוען עֶר
אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר מִיט זֵייא נִיט גֶעקֶענְט רֶעדֶען; אוּן זֵייא הָאבֶּען
בֶּעמֶערְקְט, אַז עֶר הָאט אַיין עֶרְשֵׁיינוּנְג אִים הֵיכָל גֶעזֶעהֶען. אוּן עֶר הָאט
צוּ זֵייא גֶעוִוינְקְט, אוּן אִיז שְׁטוּם גֶעבְּלִיבֶּען. [23] אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וֶוען דִיא
טֶעג פוּן זֵיינֶע עֲבוֹדָה הָאבֶּען זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט, אִיז עֶר אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען.
[24] אוּן נָאךְ דִיזֶע טֶעג אִיז זֵיין ווייבּ אֶלִישֶׁבַע מְעוּבֶּרֶת גֶעוָוארֶען, אוּן זִיא הָאט
זִיךְ פֶערְבָּארְגֶען פִינְף חֳדָשִׁים, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, [25] אַזוֹי הָאט דֶער הַאר צוּ
מִיר גֶעטְהוּן אִין דִיא טֶעג וֶוען עֶר הָאט מִיךְ אָנְגֶעזֶעהֶען אַוֶועקְצוּנֶעמֶען מֵיינֶע
שַׁאנְד פוּן צְווִישֶׁען דִיא מֶענְשֶׁען.
[26] אוּן אִים זֶעקְסְטֶען חוֹדֶשׁ אִיז דֶער מַלְאָךְ גַבְרִיאֵל גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארֶען פוּן
גָאט צוּ אַ שְׁטָאדְט אִין גָלִיל, וָואס הֵייסְט נְצֶרֶת, [27] צוּ אַ בְּתוּלָה פֶערְקְנַסְט
צוּ אַ מַאן וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען יוֹסֵף, פוּן דֶעם הוֹיז פוּן דָוִד, אוּן דִיא בְּתוּלָה
הָאט גֶעהֵייסֶען מִרְיָם. [28] אוּן עֶר אִיז צוּ אִיהְר גֶעקוּמֶען אוּן הָאט גֶעזָאגְט,
פְרֵידֶען צוּ דִיר, בֶּעגְנֶעדִיגְטֶע; דֶער הַאר זֵייא מִיט דִיר. [29] אוּן זִיא אִיז דֶערְ־
שְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען אִיבֶּער דֶעם וָוארְט, אוּן הָאט זִיךְ גֶעדַאכְט, וָואסְפַאר אַ
גְרוּס אִיז דָאס? [30] אוּן דֶער מַלְאָךְ הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, פָארְכְט דִיךְ נִיט,
מִרְיָם, וָוארִין דוּא הָאסְט גְנָאד בֵּייא גָאט גֶעפִינֶען; [31] אוּן זֶעה, דוּא וֶועסְט
מְעוּבֶּרֶת וֶוערֶען, אוּן וֶועסְט גֶעוִוינֶען אַ זוּהְן, אוּן זָאלְסְט זֵיין נָאמֶען רוּפֶען
יֵשׁוּעַ. [32] עֶר וֶועט גְרוֹיס זֵיין, אוּן וֶועט אָנְגֶערוּפֶען וֶוערֶען דֶער זוּהְן פוּן דֶעם
אוֹיבֶּערְשְׁטֶען, אוּן דֶער הַאר גָאט וֶועט אִיהְם גֶעבֶּען דֶעם שְׁטוּהְל פוּן זֵיין
פָאטֶער דָוִד; [33] אוּן עֶר וֶועט רֶעגִירֶען אִיבֶּער דֶעם הוֹיז פוּן יַעֲקֹב אוֹיף עֶבִּיג,
אוּן צוּ זֵיין קֶענִיגְרֵייךְ וֶועט קֵיין עֶנְד נִיט זֵיין. [34] אוּן מִרְיָם הָאט צוּם מַלְאָךְ
גֶעזָאגְט, וִויא אַזוֹי וֶועט דָאס גֶעשֶׁעהֶען, דֶען אִיךְ קֶען נִיט קֵיין מַאן? [35] אוּן
דֶער מַלְאָךְ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ
וֶועט אוֹיף דִיר קוּמֶען, אוּן דִיא מַאכְט פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען וֶועט דִיךְ אִיבֶּערְ־
שַׁאטֶען; דְרוּם וֶועט אוֹיךְ דָאס הֵיילִיגֶע גֶעבּוֹירֶענֶע אָנְגֶערוּפֶען וֶוערֶען דֶער זוּהְן
פוּן גָאט. [36] אוּן זֶעה, דֵיינֶע קְרוֹבָה אֶלִישֶׁבַע אִיז אוֹיךְ מְעוּבֶּרֶת גֶעוָוארֶען מִיט
אַ זוּהְן אוֹיף אִיהְר עֶלְטֶער; אוּן דָאס אִיז דֶער זֶעקְסְטֶע חוֹדֶשׁ בֵּייא אִיהְר,
וֶועלְכֶע אִיז גֶערוּפֶען אַיין עֲקָרָה. [37] וָוארִין בֵּייא גָאט אִיז קֵיין זַאךְ נִיט אוּנְמֶעגְ־
לִיךְ. [38] אוּן מִרְיָם הָאט גֶעזָאגְט, זֶעה, דִיא דִינֶערִין פוּן דֶעם הַאר'ן, לָאז
עֶס מִיר גֶעשֶׁעהֶען אַזוֹי וִויא דוּא הָאסְט גֶעזָאגְט. אוּן דֶער מַלְאָךְ אִיז פוּן
אִיהְר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

39 און מִרְיָם אִיז אויפְגֶעשְׁטַאנֶען אִין דִיזֶע טֶעג, און אִיז גֶעשְׁווִינְד גֶעגַאנְגֶען
צוּם גֶעבִּירְג צוּ אַ שְׁטָאדְט יְהוּדָה, 40 און אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אִים הויז פוּן
זְכַרְיָה, און הָאט אֱלִישֶׁבַע גֶעגְרִיסְט. 41 און עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וֶוען אֱלִישֶׁבַע
הָאט גֶעהֶערְט דֶעם גְרוּס פוּן מִרְיָם, אִיז דָאס קִינְד גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין אִיהְר
לֵייבּ. און אֱלִישֶׁבַע אִיז דֶערְפִילְט גֶעוָוארֶען מִיט דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, 42 און
הָאט אויסְגֶערוּפֶען מִיט אַ הויךְ קוֹל און גֶעזָאגְט, גֶעבֶּענְשְׁט בִּיסְט דוּא צְווִישֶׁען
פְרויעֶן, און גֶעבֶּענְשְׁט אִיז דִיא פְרוּכְט פוּן דֵיין לֵייבּ. 43 און פוּן וַואנֶען קוּמְט
דָאס צוּ מִיר, אַז דִיא מוּטֶער פוּן מֵיין הַאר'ן זָאל צוּ מִיר קוּמֶען? 44 וָוארִין
זֶעה, גְלֵייךְ וִויא דִיא שְׁטִימֶע פוּן דֵיין גְרוּס אִיז צוּ מֵיינֶע אויעֶרֶען גֶעקוּמֶען, הָאט
דָאס קִינְד גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין מֵיין לֵייבּ פַאר פְרֵייד. 45 און גֶעבֶּענְשְׁט אִיז זִיא
וָואס גְלויבְּט, וָוארִין עֶס וֶועט דֶערְפִילְט וֶוערֶען דָאס וָואס אִיז צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט
גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם הַאר'ן. 46 און מִרְיָם הָאט גֶעזָאגְט,

מֵיינֶע זֶעלֶע דֶערְהֵייבְּט דֶעם הַאר'ן,
47 און מֵיין גֵייסְט הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייעֶט אִין גָאט מֵיין רֶעטֶער;
48 וָוארִין עֶר הָאט אָנְגֶעזֶעהֶען דִיא נִידְרִיגְקֵייט פוּן זֵיינֶע דִינֶערִין.
וָוארִין זֶעה, פוּן אִיצְט אָן וֶועלֶען מִיךְ אַלֶע דוֹרוֹת גְלִיקְלִיךְ הֵייסֶען;
49 וָוארִין דֶער מֶעכְטִיגֶער הָאט אָן מִיר גְרויסֶע זַאכֶען גֶעטְהוּן,
און הֵיילִיג אִיז זֵיין נָאמֶען.
50 און זֵיינֶע גְנָאד אִיז צוּ דִיא וָואס פָארְכְטֶען אִיהְם פוּן דוֹר צוּ דוֹר.
51 עֶר הָאט גְבוּרוֹת גֶעטְהוּן מִיט זֵיין אָרְם;
עֶר הָאט צוּשְׁפְּרֵייט דִיא שְׁטָאלְצֶען אִין דִיא גֶעדַאנְקֶען פוּן זֵייעֶרֶעם
הַארְץ.
52 עֶר הָאט אַרוּפְגֶעוָוארְפֶען דִיא מֶעכְטִיגֶע פוּן זֵייעֶרֶע שְׁטוּהְלֶען, און
הָאט דֶערְהוֹיבֶּען דִיא נִידְרִיגֶע;
53 דִיא הוּנְגְרִיגֶע הָאט עֶר גֶעזֶעטִיגְט מִיט גוּטֶע זַאכֶען, און דִיא רֵייכֶע
הָאט עֶר לֶעדִיג אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט.
54 עֶר הָאט גֶעהָאלְפֶען זֵיין קְנֶעכְט יִשְׂרָאֵל,
און הָאט גֶעדֶענְקְט אָן זֵיינֶע בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייט,
55 אַזוֹי וִויא עֶר הָאט גֶערֶעט צוּ אוּנְזֶערֶע אָבוֹת,
צוּ אַבְרָהָם און צוּ זֵיין זָאמֶען אויף עֶבִּיג.
56 און מִרְיָם אִיז גֶעבְּלִיבֶּען מִיט אִיהְר קֶעגֶען דְרֵייא חֳדָשִׁים, און הָאט זִיךְ
אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּ אִיהְר הויז.
57 און צוּ אֱלִישֶׁבַע אִיז דִיא צֵייט דֶערְפִילְט גֶעוָוארֶען אַז זִיא זָאל גֶעווינֶען, און
זִיא הָאט גֶעווינֶען אַ זוּהְן. 58 און אִיהְרֶע שְׁכֵנִים און קְרוֹבִים הָאבֶּען גֶעהֶערְט אַז
דֶער הַאר הָאט מִיט אִיהְר גְרויס חֶסֶד גֶעטְהוּן, און זֵייא הָאבֶּען זִיךְ מִיט אִיהְר
גֶעפְרֵייעֶט. 59 און עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אִים אַכְטֶען טָאג אַז זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען
דָאס קִינְד מַל צוּ זֵיין, און זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶערוּפֶען זְכַרְיָה, נָאךְ דֶעם נָאמֶען
פוּן זֵיין פָאטֶער. 60 אָבֶּער זֵיינֶע מוּטֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט, נִיט

אַזוי, נָייעֶרְט עֶר זָאל גֶערוּפֶען וֶוערֶען יוֹחָנָן. 61 אוּן זַייא הָאבֶּען צוּ אִיהְר גֶע־
זָאגְט, עֶס אִיז קֵיינֶער נִיט צְווִישֶׁען דֵיינֶע קְרוֹבִים וָואס אִיז גֶערוּפֶען בַּייא דִיזֶעם
נָאמֶען. 62 אוּן זַייא הָאבֶּען גֶעוִוינְקְט צוּ זַיין פָאטֶער וָואסְפַאר אַ נָאמֶען עֶר
וִויל אִיהְם גֶעבֶּען. 63 אוּן עֶר הָאט פֶערְלַאנְגְט אַ שְׁרַייבְּטָאפֶעל, אוּן הָאט גֶע־
שְׁרִיבֶּען, זַיין נָאמֶען אִיז יוֹחָנָן; אוּן זַייא אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ פֶערְוְואוּנְדֶערְט.
64 אוּן גְלֵייךְ זֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן זַיין צוּנְג אוֹיפְגֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען, אוּן עֶר הָאט
גֶערֶעט אוּן הָאט גָאט גֶעלוֹיבְּט. 65 אוּן אַ פָארְכְט אִיז גֶעפַאלֶען אוֹיף אַלֶע
שְׁכֵנִים, אוּן אַלֶע דִיזֶע זַאכֶען זֶענֶען דֶערְצֶעהְלְט גֶעוָוארֶען אִין דֶעם גַאנְצֶען
גֶעבִּירְג פוּן יְהוּדָה; 66 אוּן אַלֶע וָואס הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט הָאבֶּען עֶס זִיךְ צוּ
הַארְץ גֶענוּמֶען, אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, וָואסְפַאר אַ קִינְד וֶועט דָאס זַיין? וָוארִין
דִיא הַאנְד פוּן דֶעם הַאר'ן אִיז מִיט אִיהְם גֶעוֶועזֶען.

67 אוּן זַיין פָאטֶער זְכַרְיָה אִיז דֶערְפִילְט גֶעוֶועזֶען מִיט דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּן
הָאט מִתְנַבֵּא גֶעוֶועזֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט,

68 גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער הַאר דֶער גָאט פוּן יִשְׂרָאֵל,
וָוארִין עֶר הָאט בֶּעזוּכְט אוּן הָאט אוֹיסְלֶעזוּנְג גֶעוִוירְקְט פַאר זַיין פָאלְק;
69 אוּן הָאט אוּנְז אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ הָארְן פוּן יְשׁוּעָה
אִין דֶעם הוֹיז פוּן זַיין קְנֶעכְט דָוִד.
70 אַזוֹי וִויא עֶר הָאט גֶערֶעט דוּרְךְ דֶעם מוֹיל פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע נְבִיאִים
פוּן עֶבִּיג אָן,
71 אַז מִיר זָאלֶען גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען פוּן אוּנְזֶערֶע פֵיינְד, אוּן פוּן דֶער
הַאנְד פוּן אַלֶע וָואס הָאבֶּען אוּנְז פֵיינְד;
72 אַז עֶר זָאל חֶסֶד טְהוּן מִיט אוּנְזֶערֶע אָבוֹת,
אוּן זָאל גֶעדֶענְקֶען זַיין הֵיילִיגֶען בְּרִית;
73 דִיא שְׁבוּעָה וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁוָואוֹירֶען צוּ אוּנְזֶער פָאטֶער אַבְרָהָם,
74 אַז עֶר זָאל אוּנְז גֶעבֶּען אַז מִיר זָאלֶען גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען פוּן דֶער
הַאנְד פוּן אוּנְזֶערֶע פֵיינְד,
אִיהְם צוּ דִינֶען אָהְן פָארְכְט,
75 אִין הֵיילִיגְקַייט אוּן גֶערֶעכְטִיגְקַייט פָאר אִיהְם אַלֶע אוּנְזֶערֶע טֶעג.
76 אוּן דוּא, קִינְד, וֶועסְט גֶערוּפֶען וֶוערֶען אַ נָבִיא פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען;
וָוארִין דוּא וֶועסְט גֶעהֶען פָאר דֶעם הַאר'ן זַיין וֶועג צוּ בֶּערֵייטֶען,
77 צוּ גֶעבֶּען דֶערְקֶענְטְנִים פוּן יְשׁוּעָה צוּ זַיין פָאלְק,
אִין דִיא פֶערְגֶעבּוּנְג פוּן זַייעֶרֶע זִינְד,
78 דוּרְךְ דִיא בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקַייט פוּן אוּנְזֶערֶען גָאט,
אִין דֶעם דֶער אוֹיפְגַאנְג פוּן דֶער הֵייךְ הָאט אוּנְז בֶּעזוּכְט,
79 צוּ לֵייכְטֶען צוּ דִיא וָואס זִיצֶען אִין דֶער פִינְסְטֶער אוּן אִים שָׁאטֶען
פוּן טוֹיט,
צוּ פִיהְרֶען אוּנְזֶערֶע פִיס אִין דֶעם וֶועג פוּן שָׁלוֹם.
80 אוּן דָאס קִינְד הָאט גֶעוַואקְסֶען, אוּן הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִים גֵייסְט, אוּן

עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען אִין דֶער מִדְבָּר בִּיז צוּם טָאג וֶוען עֶר הָאט זִיךְ בֶּעווִיזֶען צוּ
יִשְׂרָאֵל.

ב 1 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אִין יֶענֶע טֶעג, אַז אַ גֶעבָּאט אִיז אוֹיסגֶעגַאנְגֶען פוּן
דֶעם קֵיסָר אויגוּסְטוּס אַז דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל אֵיינְגֶעשְׁרִיבֶּען וֶוערֶען. 2 דִיזֶע
אֵיינְשְׁרֵייבּוּנְג אִיז צוּעֶרְשְׁט גֶעשֶׁעהֶען, דֶערְוַוייל קוּרִינְיוּס אִיז גֶעוֶועזֶען גוּבֶּערְנֶער
פוּן סוּרְיָא. 3 אוּן אַלֶע זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אֵיינְגֶעשְׁרִיבֶּען צוּ וֶוערֶען, אִיטְלִיכֶער
צוּ זַיינֶע אֵייגֶענֶע שְׁטָאדְט. 4 אוּן יוֹסֵף אִיז אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען פוּן גָלִיל פוּן דֶער
שְׁטָאדְט נְצָרֶת קֵיין יְהוּדָה צוּ אַ שְׁטָאדְט פוּן דָוִד, וָואס אִיז גֶערוּפֶען בֵּית לֶחֶם,
וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען פוּן דֶעם הוֹיז אוּן דֶער מִשְׁפָּחָה פוּן דָוִד; 5 אַז עֶר
זָאל אֵיינְגֶעשְׁרִיבֶּען וֶוערֶען מִיט מִרְיָם זַיינֶע פֶערְקְנַסְטֶע, אוּן זִיא אִיז מְעוּבֶּרֶת
גֶעוֶועזֶען. 6 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען דֶערְוַוייל זַייא זֶענֶען דָארְט גֶעוֶועזֶען, זֶענֶען אִיהְרֶע
טֶעג דֶערְפִילְט גֶעוָוארֶען אַז זִיא זָאל גֶעווִינֶען; 7 אוּן זִיא הָאט גֶעווִינֶען אִיהְר
עֶרְשְׁט גֶעבּוֹירֶענֶע זוּהְן, אוּן הָאט אִיהְם אֵיינְגֶעווִיקֶעלְט אִין ווִינְדְלֶעךְ, אוּן הָאט
אִיהְם אִין אַ שְׁלוֹיב אַרֵיינְגֶעלֶעגְט, וָוארִין עֶס אִיז קֵיין אָרְט נִיט גֶעוֶועזֶען אִין דֶעם
גַאסְטְהוֹיז.

8 אוּן עֶס זֶענֶען פַּאסְטוּכֶער גֶעוֶועזֶען אִין דִיזֶעלְבִּיגֶע גֶעגֶענְד, וָואס הָאבֶּען גֶע־
נֶעכְטִיגְט אוֹיף דֶעם פֶעלְד, אוּן הָאבֶּען גֶעהִיט זֵייעֶרֶע סְטַאדֶע בֵּייא נַאכְט.
9 אוּן אַ מַלְאָךְ פוּן דֶעם הַאר'ן אִיז בֵּייא זַייא גֶעשְׁטַאנֶען, אוּן דִיא הֶערְלִיכְקֵייט
פוּן דֶעם הַאר'ן הָאט אַרוּם זַייא גֶעשֵׁיינְט, אוּן זַייא הָאבֶּען זִיךְ זֶעהְר גֶעפָארְכְ־
טֶען. 10 אוּן דֶער מַלְאָךְ הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, פָארְכְט אֵייךְ נִיט, וָוארִין אִיךְ
בְּרֶענְג אֵייךְ אַ בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, וָואס וֶועט זַיין צוּ אַלֶע פֶעלְ־
קֶער; 11 וָוארִין הַיינְט אִיז צוּ אֵייךְ גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען אֵיין עֶרֶעטֶער אִין דֶער
שְׁטָאדְט פוּן דָוִד, וֶועלְכֶער אִיז דֶער הַאר מָשִׁיחַ. 12 אוּן דָאס וֶועט אֵייךְ זַיין
אַ צֵייכֶען; אִיהְר וֶועט דָאס קִינְד גֶעפִינֶען אֵיינְגֶעווִיקֶעלְט אִין ווִינְדְלֶעךְ, אוּן
עֶס לִיגְט אִין אַ שְׁלוֹיב. 13 אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז מִיט דֶעם מַלְאָךְ גֶעוֶועזֶען אַ גְרוֹיסֶע
שַׁאר פוּן הִימֶעל, וָואס הָאבֶּען גֶעלוֹיבְּט גָאט אוּן גֶעזָאגְט;

14 עֶהְרֶע צוּ גָאט אִין דֶער הֵייךְ
אוּן פְרִידֶען אוֹיף דֶער עֶרְד,
צְווִישֶׁען דִיא מֶענְשֶׁען גוּטֶעס ווִילֶען.

15 אוּן עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען וֶוען דִיא מַלְאָכִים זֶענֶען פוּן זַייא אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אִין
הִימֶעל אַרֵיין, הָאבֶּען דִיא פַּאסְטוּכֶער אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען גֶערֶעט, לָאזֶען מִיר
אִיצְט גֶעהֶען קֵיין בֵּית לֶחֶם, אוּן זֶעהֶען דִיזֶע זַאךְ וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶען, וֶועלְכֶע
דֶער הַאר הָאט אוּנְז צוּ ווִיסֶען גֶעטְהוּן. 16 אוּן זַייא זֶענֶען אֵיילֶענְדִיג אַוֶועקְ־
גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבֶּען גֶעפִינֶען מִרְיָם אוּן יוֹסֵף אוּן דָאס קִינְד לִיגֶענְדִיג אִין
אַ שְׁלוֹיב; 17 אוּן וֶוען זַייא הָאבֶּען דָאס גֶעזֶעהֶען, הָאבֶּען זַייא בֶּעקַאנְט גֶע־
מַאכְט דִיא זַאךְ וָואס אִיז צוּ זַייא גֶערֶעט גֶעוֶועזֶען וֶועגֶען דִיזֶעם קִינְד. 18 אוּן אַלֶע וָואס
הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט הָאבֶּען זִיךְ פֶערְוִוּאוּנְדֶערְט אִיבֶּער דִיא זַאכֶען וָואס דִיא
פַּאסְטוּכֶער הָאבֶּען צוּ זַייא גֶערֶעט; 19 אָבֶּער מִרְיָם הָאט זִיךְ אַלֶע דִיזֶע זַאכֶען

אִין אַכְט גְעֶנוּמֶען, אוּן הָאט דַארִיבֶּער גְעטְרַאכְט אִין אִיהָר הַארְץ. 20 אוּן דִיא
פַּאסְטוּכֶער זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקֶעהְרְט, אוּן הָאבֶּען גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט גָאט פַאר
אַלֶע זַאכֶען וָואס זַייא הָאבֶּען גֶעהֶערְט אוּן גֶעזֶעהֶען, אַזוֹי וִויא עֶס אִיז צוּ זַייא
גֶערֶעט גֶעוָוארֶען.
21 אוּן וֶוען אַכְט טֶעג זֶענֶען דֶערְפִילְט גֶעוָוארֶען אִיהְם מַל צוּ זַיין, הָאט
מֶען אִיהְם אַ נָאמֶען גֶעגֶעבֶּען יֵשׁוּעַ, וָואס אִיז גֶערוּפֶען פוּן דֶעם מַלְאָךְ אֵיידֶער
עֶר אִיז עֶמְפְּפַאנְגֶען גֶעוָוארֶען אִין דֶעם לֵייבּ.
22 אוּן וֶוען דִיא טֶעג פוּן זַייעֶרֶע רֵיינִיגוּנְג זֶענֶען דֶערְפִילְט גֶעוֶוען נָאךְ
תּוֹרַת מֹשֶׁה, הָאבֶּען זַייא אִיהְם אַרוֹיפְגֶעבְּרַאכְט קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, אַז זַייא זָאלֶען
אִיהְם פָאר דֶעם הַארְ'ן שְׁטֶעלֶען, 23 אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין
דֶער תּוֹרָה פוּן דֶעם הַארְ'ן, אַז אִיטְלִיכֶער זָכָר וָואס עֶפֶענְט דֶעם מוּטֶערְלֵייבּ
זָאל הֵיילִיג צוּם הַארְ'ן גֶערוּפֶען וֶוערֶען; 24 אוּן אַז זַייא זָאלֶען בְּרֶענְגֶען אַ
קָרְבָּן, אַזוֹי וִויא עֶס אִיז גֶעזָאגְט אִין דֶער תּוֹרָה פוּן דֶעם הַארְ'ן, אַ פָּאר
טוּרְטֶעל טוֹיבֶּען, אָדֶער צְווייא יוּנְגֶע טוֹיבֶּען.
25 אוּן זֶעה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַאן אִין יְרוּשָׁלַיִם, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען שִׁמְעוֹן,
אוּן דִיזֶער מַאן אִיז גֶערֶעכְט אוּן פְרוּם גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף דֶער
נֶחָמָה פוּן יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אִיז אוֹיף אִיהְם גֶעוֶוען. 26 אוּן עֶס אִיז
אִיהְם אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארֶען דוּרְךְ דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אַז עֶר וֶועט נִיט זֶעהֶען דֶעם
טוֹיט אֵיידֶער עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען דֶעם מָשִׁיחַ פוּן דֶעם הַארְ'ן. 27 אוּן עֶר אִיז
גֶעקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם גֵייסְט אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אַרֵיין; אוּן וֶוען דִיא עֶלְטֶערְן
הָאבֶּען דָאס קִינְד יֵשׁוּעַ אַרֵיינְגֶעבְּרַאכְט, אַז זַייא זָאלֶען מִיט אִיהְם טְהוּן נָאךְ
דֶעם מִנְהָג פוּן דֶער תּוֹרָה, 28 אַזוֹי הָאט עֶר אִיהְם אִין זַיינֶע אָרְמֶע גֶענוּמֶען,
אוּן הָאט גָאט גֶעלוֹיבְּט אוּן גֶעזָאגְט;

29 אַצוּנְד שִׁיקְסְט דוּא אַוֶועק דֵיין קְנֶעכְט, הַאר,
נָאךְ דֵיין וָוארְט אִין פְרִידֶען;
30 וָוארִין מֵיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען דֵיינֶע יְשׁוּעָה גֶעזֶעהֶען,
31 וָואס דוּא הָאסְט אָנְגֶעבְּרֵייט פָאר אַלֶע פֶעלְקֶער;
32 אַ לִיכְט צוּ דֶערְלֵייכְטֶען דִיא פֶעלְקֶער,
אוּן דִיא הֶערְלִיכְקֵייט פוּן דֵיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל.

33 אוּן זַיין פָאטֶער אוּן זַיינֶע מוּטֶער הָאבֶּען זִיךְ פֶערְוְואוּנְדֶערְט אִיבֶּער דִיא
זַאכֶען וָואס זֶענֶען פוּן אִיהְם גֶערֶעט גֶעוָוארֶען. 34 אוּן שִׁמְעוֹן הָאט זַייא גֶע-
בֶּענְשְׁט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּ מִרְיָם זַיינֶע מוּטֶער, זֶעה, עֶר אִיז גֶעזֶעצְט צוּם
פַאל אוּן אוֹיפְשְׁטֶעהֶען פוּן פִילֶע אִין יִשְׂרָאֵל, אוּן צוּ אַ צֵייכֶען וָואס וֶועט
וִוידֶערְשְׁפְּרָאכֶען וֶוערֶען; 35 אוּן אוֹיךְ דוּרְךְ דֵיינֶע אֵייגֶענֶע זֶעלֶע וֶועט אַ שְׁוֶוערְט
דוּרְכְגֶעהֶען, אַז דִיא גֶעדַאנְקֶען פוּן פִילֶע הֶערְצֶער זָאלֶען אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען.
36 אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ נְבִיאָה, חַנָּה דִיא טָאכְטֶער פוּן פְּנוּאֵל, פוּן שֵׁבֶט
אָשֵׁר; זִיא אִיז שׁוֹין זֶעהְר אַלְט גֶעוֶוען, אוּן הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט אַ מַאן זִיבֶּען

שמות יג׳ ב׳, 22
ויקרא א׳ יד׳, יב׳ ח׳, 23

יָאהְר פוּן אִיהְרֶע יוּנְגְפֶערְשַׁאפְט; 37 אוּן זִיא אִיז גֶעוֶועֶן אַיין אַלְמָנָה קֶעגֶען פִיעֶר
אוּן אַכְצִיג יָאהְר, וֶועלְכֶע הָאט נִיט אָפְּגֶעלָאזְט פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, גֵייעֶרְט הָאט
גֶעדִינְט מִיט פַאסְטֶען אוּן גֶעבֶּעט טָאג אוּן נַאכְט. 38 אוּן צוּ דִיא זֶעלְבִּיגֶע
שָׁעָה אִיז זִיא גֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט גֶעדַאנְקְט גָאט, אוּן הָאט פוּן אִיהְם
גֶערֶעט צוּ אַלֶע וָואס הָאבֶּען גֶעוַוארְט אוֹיף דֶער אוֹיסְלֶעזוּנְג פוּן יְרוּשָׁלַיִם.
39 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען אַלֶעס דֶערְפִילְט נָאךְ דֶער תּוֹרָה פוּן דֶעם הַאר'ן, הָאבֶּען
זֵייא זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט קֵיין גָלִיל צוּ זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע שְׁטָאדְט נְצָרֶת.
40 אוּן דָאס קִינְד הָאט גֶעוַואקְסֶען, אוּן אִיז שְׁטַארְק גֶעוָוארֶען אוּן דֶערְפִילְט
מִיט חָכְמָה, אוּן דִיא גְנָאד פוּן גָאט אִיז אוֹיף אִיהְם גֶעוֶועֶן.
41 אוּן זֵיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַלֶע יָאהְר גֶעגַאנְגֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם צוּם חַג
הַפֶּסַח. 42 אוּן וֶוען עֶר אִיז צְוֶועלְף יָאהְר אַלְט גֶעוָוארֶען, זֶענֶען זֵייא אַרוֹיפְגֶע־
גַאנְגֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם נָאךְ דֶעם מִנְהָג פוּן יוֹם טוֹב; 43 אוּן וֶוען דִיא טֶעג זֶענֶען
גֶעעֶנְדִיגְט גֶעוָוארֶען הָאבֶּען זֵייא זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט, אוּן דָאס קִינְד יֵשׁוּעַ אִיז
צוּרִיק גֶעבְּלִיבֶּען אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן זֵיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבֶּען עֶס נִיט גֶעוְואוּסְט.
44 אָבֶּער זֵייא הָאבֶּען גֶעדַאכְט אַז עֶר אִיז צְוִוישֶׁען דִיא אוֹרְחִים, אוּן זֵייא זֶענֶען
גֶעגַאנְגֶען אַ טָאג רֵייזֶע, אוּן הָאבֶּען אִיהְם גֶעזוּכְט צְוִוישֶׁען זֵייעֶרֶע קְרוֹבִים אוּן
בֶּעקַאנְטֶע; 45 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען אִיהְם נִיט גֶעפִינֶען זֶענֶען זֵייא קֵיין יְרוּשָׁלַיִם
אוּמְגֶעקֶעהְרְט אוּן הָאבֶּען אִיהְם גֶעזוּכְט. 46 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען נָאךְ דְרֵייא
טֶעג הָאבֶּען זֵייא אִיהְם גֶעפִינֶען אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ זִיצֶענְדִיג צְוִוישֶׁען דִיא לֶעהְ־
רֶער, וִויא עֶר הָאט זֵייא צוּגֶעהֶערְט אוּן הָאט זֵייא גֶעפְרֶעגְט; 47 אוּן אַלֶע וָואס
הָאבֶּען אִיהְם גֶעהֶערְט זֶענֶען עֶרְשְׁטוֹינְט גֶעוָוארֶען אִיבֶּער זֵיין פֶערְשְׁטַאנְד אוּן
זֵיינֶע תְּשׁוּבוֹת. 48 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעזֶעהֶען הָאבֶּען זֵייא זִיךְ גֶע־
וְואוּנְדֶערְט, אוּן זֵיינֶע מוּטֶער הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מֵיין קִינְד, וָוארוּם הָאסְט
דוּא אוּנְז אַזוֹי גֶעטְהוּן? זֶעה, דֵיין פָאטֶער אוּן אִיךְ הָאבֶּען דִיךְ מִיט דַאֲגוֹת
גֶעזוּכְט. 49 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וָוארוּם הָאט אִיהְר מִיךְ גֶעזוּכְט?
ווייסְט אִיהְר נִיט אַז אִיךְ מוּז זֵיין אִים הוֹיז פוּן מֵיין פָאטֶער? 50 אוּן זֵייא
הָאבֶּען נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען דָאס וָוארְט וָואס עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶערֶעט. 51 אוּן עֶר
אִיז מִיט זֵייא אַרוּפְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען קֵיין נְצָרֶת, אוּן אִיז צוּ זֵייא
אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶעוֶועֶן. אוּן זֵיינֶע מוּטֶער הָאט אַלֶע דִיזֶע וֶוערְטֶער בֶּעהַאלְטֶען
אִין אִיהְר הַארְץ.
52 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז גֶעוַואקְסֶען אִין חָכְמָה אוּן אִין עֶלְטֶער, אוּן אִין גְנָאד מִיט
גָאט אוּן מֶענְשֶׁען.

ג 1 אוּן אִים פִינְפְצֶענְטֶען יָאהְר פוּן דֶער רֶעגִירוּנְג פוּן דֶעם קֵיסַר טִיבֶּרְיוּס,
וֶוען פָּנְטִיוּס פִּילָטוּס אִיז גוּבֶּערְנֶער פוּן יְהוּדָה גֶעוֶועֶן, אוּן הוֹרְדוּס דֶער
טֶטְרַארְכִים פוּן גָלִיל, אוּן זֵיין בְּרוּדֶער פִילִיפּוּס דֶער טֶטְרַארְכִים פוּן דֶער גֶע־
גֶענְד פוּן אִיטוּרְיָא אוּן טְרַאכוֹנָא, אוּן לוּסַאנִיַאס דֶער טֶטְרַארְכִים פוּן אַבִּילֶענָא;
2 וֶוען חָנָן אוּן קַיָפָא זֶענֶען דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים גֶעוֶועֶן, אִיז דָאס וָוארְט פוּן
גָאט גֶעקוּמֶען צוּ יוֹחָנָן, דֶעם זוּהְן פוּן זְכַרְיָה, אִין דֶער מִדְבָּר. 3 אוּן עֶר אִיז

לוקאס ג

געקומען צו דיא גאנצע געגענד פון ירדן, און האט געפּרעדיגט דיא טבילה
פון תשובה צו דער פערגעבונג פון זינד; 4 אזוי וויא עס שטעהט געשריבען אין
דעם ספר פון דיא ווערטער פון ישעיה הנביא;
א קול פון דעם וואס רופט אויס אין דער מדבר,
מאכט פארטיג דעם וועג פון דעם האר'ן,
מאכט גלייך זיינע שטעגען.
5 איטליכעס טהאל זאל אויסגעפילט ווערען,
און איטליכער בארג און הייך זאלען דערנידריגט ווערען,
און דער קרימע וועג זאל גלייך ווערען,
און דיא שלעכטע וועגע זאלען גלאט ווערען;
6 און אלעס פלייש זאל זעהען דיא ישועה פון גאט.
7 דרום האט ער געזאגט צו דיא לייט וואס זענען ארויסגעגאנגען כדי ביא
איהם געטובלט צו ווערען, שפּראצונג פון שלאנגען, ווער האט אייך געווארנט
אז איהר זאלט אנטרינען פון דעם קומענדיגען צארן? 8 דרום ברענגט פרוכט
ווירדיג פון תשובה; און הייבט ניט אן זיך איינצורעדען, מיר האבען אברהם
פאר אונזער פאטער; ווארין איך זאג אייך, אז גאט קען פון דיזע שטיינער
אויפשטעלען קינדער צו אברהם. 9 און דיא האק ליגט שוין ביא דער ווארר־
צעל פון דיא ביימער; דרום איטליכער בוים וואס ברענגט ניט קיינע גוטע
פרוכט וועט אפּגעשניטען, און אין דעם פייער אריינגעווארפען. 10 און דיא
לייט האבען איהם געפרעגט און געזאגט, וואס זאלען מיר דען טהון? 11 און
ער האט געענטפערט און האט צו זייא געזאגט, דער וואס האט צווייא רעק
לאז ער געבען צו דעם וואס האט קיינם ניט; און דער וואס האט שפּייז לאז
ער דאס גלייכע טהון. 12 און עס זענען אויך שטייערארייננעמער געקומען
געטובלט צו ווערען, און זייא האבען צו איהם געזאגט, לעהרער, וואס זאלען
מיר טהון? 13 און ער האט צו זייא געזאגט, פאדערט ניט מעהר וויא עס
איז אייך בעשטימט. 14 און דיא סאלדאטען האבען איהם אויך געפרעגט און
געזאגט, און מיר, וואס זאלען מיר אויך טהון? און ער האט צו זייא געזאגט,
טהוט קיינעם ניט קיין געוואלט, און פערקלאגט קיינעם ניט פאלשערהייט, און
זייט צופרידען מיט אייערע שכירות.
15 און דערווייל דאס פאלק האט געווארט, און אלע האבען געדאכט אין
זייערע הערצער וועגען יוחנן, אויב ער איז דער משיח, 16 האט יוחנן געענט־
פערט און האט צו אלע געזאגט, איך טובל אייך מיט וואסער, אבער עס קומט
א שטארקערער וויא איך, וואס איך בין ניט ווערט אויפצובינדען דאס שנירעל
פון זיינע שיך, ער וועט אייך טובלן מיט דעם רוח הקודש און מיט פייער;
17 און דיא ווארפשויפעל איז אין זיינע האנד אום זיינע שייער גוט אויסצוריי־
ניגען, און דאס קארן איינצוזאמלען אין זיינע שפּייכלער אריין, אבער דאס
שטרוי וועט ער פערברענען מיט אונפערלאשענעם פייער.

4 ישעיה מ׳ ג׳־ה׳.

18 דְרוּם הָאט עֶר גֶעוָוארְנְט וֶועגֶען פִילֶע אַנְדֶערֶע זַאכֶען אוּן הָאט צוּ דֶעם פָאלְק
גֶעפְּרֶעדִיגְט. 19 אָבֶּער הוֹרְדוֹס דֶער טֶטְרַארְכִים, וֶוען עֶר אִיז פוּן אִיהְם גֶעטַאדֶעלְט
גֶעוָוארֶען וֶועגֶען הוֹרְדְיָא, דֶעם ווַייבּ פוּן זַיין בְּרוּדֶער פִילִיפּוּס, אוּן וֶועגֶען
אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶע וָואס הוֹרְדוֹס הָאט גֶעטְהוּן; 20 הָאט עֶר דָאס אוֹיךְ אִיבֶּער
אַלֶעם צוּגֶעזֶעצְט, אַז עֶר הָאט יוֹחָנָן אַיינְגֶעשְׁלָאסֶען אִים גֶעפֶענְגְנִיס.
21 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וֶוען אַלֶע לַייט זֶענֶען גֶעטוּבֶלְט גֶעוָוארֶען, אוּן אוֹיךְ
יֵשׁוּעַ אִיז גֶעטוּבֶלְט גֶעוָוארֶען אוּן הָאט גֶעבֶּעטֶען, הָאט זִיךְ דֶער הִימֶעל אוֹיפְ־
גֶעמַאכְט, 22 אוּן דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אִיז אוֹיף אִיהְם אַרוּפְּגֶעקוּמֶען אִין לֵייבְּלִיכֶער
גֶעשְׁטַאלְט, ווִיא אַ טוֹיבּ, אוּן אַ קוֹל אִיז פוּן דֶעם הִימֶעל גֶעקוּמֶען, דוּא בִּיסְט
מֵיין גֶעלִיבְּטֶער זוּהְן, אִין דִיר אִיז מֵיין וְואוֹילְגֶעפֶעלֶען.
23 אוּן יֵשׁוּעַ זֶעלְבְּסְט הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ זַיין קֶענֶען דְרַייסִיג יָאהְר אַלְט,
אוּן אִיז גֶעוֶוען ווִיא מֶען הָאט אִיהְם גֶעהַאלְטֶען דֶער זוּהְן פוּן יוֹסֵף, זוּהְן פוּן
עֵלִי, 24 זוּהְן פוּן מַתָּת, זוּהְן פוּן לֵוִי, זוּהְן פוּן מַלְכִּי, זוּהְן פוּן יַנַּי, זוּהְן פוּן
יוֹסֵף, 25 זוּהְן פוּן מַתִּתְיָה, זוּהְן פוּן אָמוֹץ, זוּהְן פוּן נַחוּם, זוּהְן פוּן חֶסְלִי, זוּהְן
פוּן נַגַּי, 26 זוּהְן פוּן מַחַת, זוּהְן פוּן מַתִּתְיָה, זוּהְן פוּן שִׁמְעִין, זוּהְן פוּן יוֹסֵךְ,
זוּהְן פוּן יוֹדָה, 27 זוּהְן פוּן יוֹחָנָן, זוּהְן פוּן רֵישָׁא, זוּהְן פוּן זְרֻבָּבֶל, זוּהְן פוּן
שְׁאַלְתִּיאֵל, זוּהְן פוּן נֵרִי, 28 זוּהְן פוּן מַלְכִּי, זוּהְן פוּן אַדִּי, זוּהְן פוּן קוֹסָם, זוּהְן
פוּן אַלְמָדָם, זוּהְן פוּן עֵר, 29 זוּהְן פוּן יֵשׁוּעַ, זוּהְן פוּן אֱלִיעֶזֶר, זוּהְן פוּן יוֹרִים,
זוּהְן פוּן מַתָּת, זוּהְן פוּן לֵוִי, 30 זוּהְן פוּן שִׁמְעוֹן, זוּהְן פוּן יְהוּדָה, זוּהְן פוּן
יוֹסֵף, זוּהְן פוּן יוֹנָם, זוּהְן פוּן אֶלְיָקִים, 31 זוּהְן פוּן מַלְיָא, זוּהְן פוּן מַנָּא, זוּהְן
פוּן מַתַּתָּא, זוּהְן פוּן נָתָם, זוּהְן פוּן דָוִד, 32 זוּהְן פוּן יִשַׁי, זוּהְן פוּן עוֹבֵד, זוּהְן
פוּן בּוֹעַז, זוּהְן פוּן שַׂלָא, זוּהְן פוּן נַחְשׁוֹן, 33 זוּהְן פוּן עַמִינָדָב, זוּהְן פוּן אַדְמִין,
זוּהְן פוּן אַרְנִי, זוּהְן פוּן חֶצְרוֹן, זוּהְן פוּן פֶּרֶץ, זוּהְן פוּן יְהוּדָה, 34 זוּהְן פוּן
יַעֲקֹב, זוּהְן פוּן יִצְחָק, זוּהְן פוּן אַבְרָהָם, זוּהְן פוּן תָּרַח, זוּהְן פוּן נָחוֹר, 35 זוּהְן
פוּן שְׂרוּג, זוּהְן פוּן רְעוּ, זוּהְן פוּן פֶּלֶג, זוּהְן פוּן עֵבֶר, זוּהְן פוּן שָׁלַח, 36 זוּהְן
פוּן קֵנָם, זוּהְן פוּן אַרְפַּכְשַׁד, זוּהְן פוּן שֵׁם, זוּהְן פוּן נֹחַ, זוּהְן פוּן לֶמֶךְ, 37 זוּהְן
פוּן מְתוּשֶׁלַח, זוּהְן פוּן חֲנוֹךְ, זוּהְן פוּן יֶרֶד, זוּהְן פוּן מַהֲלַלְאֵל, זוּהְן פוּן קֵנָם,
38 זוּהְן פוּן אֱנוֹשׁ, זוּהְן פוּן שֵׁת, זוּהְן פוּן אָדָם, זוּהְן פוּן גָאט.
ד 1 אוּן יֵשׁוּעַ דֶערְפִילְט מִיט דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט פוּן
דֶעם יַרְדֵן, אוּן אִיז אִים גֵייסְט גֶעפִיהְרְט גֶעוָוארֶען אִין דֶער מִדְבָּר; 2 אוּן עֶר אִיז
גֶעפְּרִיפְט גֶעוָוארֶען בֵּייא דֶעם שָׂטָן פִיעֶרְצִיג טֶעג. אוּן אִין יֶענֶע טֶעג הָאט עֶר
גָאר נִיט גֶעגֶעסֶען, אוּן וֶוען זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט אִיז עֶר הוּנְגְרִיג גֶעוָוארֶען.
3 אוּן דֶער שָׂטָן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֶוען דוּא בִּיסְט דֶער זוּהְן פוּן גָאט,
זָאג צוּ דִיזֶעם שְׁטֵיין אַז עֶר זָאל בְּרוֹיט וֶוערֶען. 4 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ
אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, אַז דֶער מֶענְשׁ זָאל נִיט לֶעבֶּען
פוּן בְּרוֹיט אַלֵיין. 5 אוּן עֶר הָאט אִיהְם אַרוֹיפְגֶעפִיהְרְט אוּן הָאט אִיהְם גֶעווִי־
זֶען אַלֶע קֶענִיגְרֵייכֶע פוּן דֶער וֶועלְט אִין אֵיין אוֹיגֶענְבְּלִיק. 6 אוּן דֶער שָׂטָן

4 דברים ח׳ ג׳.

הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אִיךְ װֶעל דִיר גֶעבֶּען דִיזֶע גַאנְצֶע מַאכְט אוּן זֵייעֶרֶע
הֶערְלִיכְקֵייט, װָארִין עֶס אִיז מִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען, אוּן אִיךְ גִיבּ עֶס צוּ װֶעמֶען
אִיךְ װִיל; 7 דְרוּם װֶען דוּא װֶעסְט דִיךְ פָאר מִיר בִּיקֶען, אַזוֹי װֶעט דָאס אַלֶעס
דֵיין זֵיין. 8 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, עֶס
שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, דוּא זָאלְסְט דִיךְ בִּיקֶען צוּ דֶעם הַאר'ן דֵיין גָאט, אוּן
אִיהְם אַלֵיין זָאלְסְט דוּא דִינֶען. 9 אוּן עֶר הָאט אִיהְם גֶעפִיהְרְט קֵיין יְרוּשָׁלַיִם,
אוּן הָאט אִיהְם גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶער שְׁפִּיץ פוּן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָשׁ, אוּן הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, װֶען דוּא בִּיסְט דֶער זוּהְן פוּן גָאט, װַארְף דִיךְ פוּן דָארְטֶען אַרוּנְ־
טֶער; 10 װָארִין עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, אַז עֶר װֶעט זֵיינֶע מַלְאָכִים בֶּעפֶעהְלֶען
װֶעגֶען דִיר, אַז זֵייא זָאלֶען דִיךְ הִיטֶען, 11 אוּן זֵייא װֶעלֶען דִיךְ אוֹיף דִיא
הֶענְד טְרָאגֶען, אַז דוּא זָאלְסְט נִיט דֵיין פוּס אֵיינְשְׁטוֹיסֶען אָן אַ שְׁטֵיין. 12 אוּן
יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, עֶס אִיז גֶעזָאגְט, דוּא
זָאלְסְט נִיט פְּרִיפֶען דֶעם הַאר'ן דֵיין גָאט. 13 אוּן װֶען דֶער שָׂטָן הָאט גֶעעֶנְ־
דִיגְט דִיא גַאנְצֶע פְּרִיפוּנְג, אִיז עֶר פוּן אִיהְם אַװֶעקְגֶעגַאנְגֶען בִּיז אוֹיף אַ צֵייט.
14 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז צוּרִיקְגֶעקֶעהְרְט אִין דֶער מַאכְט פוּן דֶעם גֵייסְט קֵיין גָלִיל;
אוּן אַ שֵׁם אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין דִיא גַאנְצֶע אוּמְגֶעגֶענְד װֶעגֶען אִיהְם.
15 אוּן עֶר הָאט גֶעלֶעהְרְט אִין זֵייעֶרֶע שׁוּלֶען, אוּן אִיז פוּן אַלֶע גֶעלוֹיבְּט גֶעװֶען.
16 אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קֵיין נְצָרֶת, װוּא עֶר אִיז אוֹיפְגֶעצוֹיגֶען גֶעװָארֶען; אוּן
עֶר אִיז אַם שַׁבָּת נָאךְ זֵיין מִנְהָג גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל אַרֵיין, אוּן אִיז אוֹיפְגֶע־
שְׁטַאנֶען צוּ לֵיינֶען. 17 אוּן מֶען הָאט אִיהְם גֶעגֶעבֶּען דָאס בּוּךְ פוּן יְשַׁעְיָה
הַנָבִיא. אוּן װִיא עֶר הָאט דָאס בּוּךְ אוֹיפְגֶעמַאכְט, הָאט עֶר גֶעפִינֶען דֶעם
אָרְט װוּא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען;

18 דֶער גֵייסְט פוּן דֶעם הַאר'ן אִיז אוֹיף מִיר,
װֵייל עֶר הָאט מִיךְ גֶעזַאלְבְּט אוּם צוּ דִיא אָרְמֶע דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה
צוּ פְּרֶעדִיגֶען;
עֶר הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּ דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע בֶּעפְרֵייהוּנְג אוֹיסְצוּרוּפֶען,
אוּן דִיא בְּלִינְדֶע זֶעהֶענְדִיג צוּ מַאכֶען,
דִיא צוּשְׁלָאגֶענֶע פְרֵייא צוּ לָאזֶען,
19 צוּ פְּרֶעדִיגֶען דָאס אָנְגֶענֶעהְמֶע יָאהְר פוּן דֶעם הַאר'ן.

20 אוּן עֶר הָאט דָאס בּוּךְ צוּגֶערָאלְט, אוּן הָאט עֶס גֶעגֶעבֶּען צוּם חַזָן, אוּן
הָאט זִיךְ אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט; אוּן דִיא אוֹיגֶען פוּן אַלֶע װָאס זֶענֶען אִין דֶער שׁוּל
גֶעװֶען הָאבֶּען אוֹיף אִיהְם גֶעקוּקְט. 21 אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ זֵייא צוּ
זָאגֶען, הֵיינְט אִיז דִיזֶע שְׁרִיפְט אִין אֵייעֶרֶע אוֹיעֶרֶען מְקוּיָם גֶעװָארֶען. 22 אוּן
אַלֶע הָאבֶּען אוֹיף אִיהְם צֵייגְנִים גֶעגֶעבֶּען, אוּן הָאבֶּען זִיךְ פֶערְװָואוּנְדֶערְט
אִיבֶּער דִיא גְנֶעדִיגֶע װֶערְטֶער װָאס זֶענֶען פוּן זֵיין מוֹיל אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן
זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, אִיז עֶר נִיט דֶער זוּהְן פוּן יוֹסֵף? 23 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא

8 דברים ו׳ יג׳.	10,11 תהלים עא׳ יא׳, יב׳.
12 דברים ו׳ יו׳.	18,19 ישעיה סא׳ א׳, ב׳.

גֶעזָאגְט, אִיהְר וֶועט גֶעווִיס צוּ מִיר דִיזֶעס שְׁפְּרִיכְוָוארְט זָאגֶען, רוֹפֵא, הֵייל דִיךְ
אַלֵיין; וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אִין כְּפַר־נַחוּם, דָאס
טְהוּא אוֹיךְ דָא אִין דֵיין אֵייגֶענֶען לַאנְד. 24 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת זָאג
אִיךְ אֵייךְ, אַז קֵיין נָבִיא אִיז נִיט אָנְגֶענוּמֶען אִין זֵיין אֵייגֶענֶען לַאנְד. 25 אוּן
בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, עֶס זֶענֶען פִּילֶע אַלְמָנוֹת גֶעוֶוען אִין יִשְׂרָאֵל אִין דִיא
טֶעג פוּן אֵלִיָה, וֶוען דֶער הִימֶעל אִיז פֶערְשְׁלָאסֶען גֶעוָוארֶען דְרֵייא יָאהְר אוּן
זֶעקְס חֳדָשִׁים, וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יַקְרוּת אִים גַאנְצֶען לַאנְד, 26 אוּן
צוּ קֵיינֶעם פוּן זֵייא אִיז אֵלִיָה גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארֶען אוֹיסֶער קֵיין צָרְפַת אִין צִידוֹן,
צוּ אֵיין אַלְמָנָה. 27 אוּן פִּילֶע קְרֶעצִיגֶע זֶענֶען אִין יִשְׂרָאֵל גֶעוֶוען צוּ דֶער צֵייט
פוּן אֱלִישָׁע הַנָבִיא, אוּן קֵיינֶער פוּן זֵייא אִיז גֶערֵיינִיגְט גֶעוָוארֶען, אוֹיסֶער נַעֲמָן
דֶער אֲרַמִי. 28 אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען אִין דֶער שׁוּל גֶעוֶוען זֶענֶען דֶערְפִּילְט מִיט כַּעַס,
וֶוען זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט; 29 אוּן זֵייא זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן הָאבֶּען
אִיהְם אוֹיס דֶער שְׁטָאדְט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם גֶעפִיהְרְט בִּיז צוּ
דֶער שְׁפִּיץ פוּן דֶעם בַּארְג, אוֹיף דֶעם זֵייעֶרֶע שְׁטָאדְט אִיז גֶעבּוֹיעֶט גֶעוָוארֶען, אַז
זֵייא זָאלֶען אִיהְם אַרוּנְטֶערְוַוארְפֶען. 30 אָבֶּער עֶר אִיז צְוִוישֶׁען זֵייא דוּרְכְגֶע־
גַאנְגֶען, אוּן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

31 אוּן עֶר אִיז אַרוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען קֵיין כְּפַר־נַחוּם, אַ שְׁטָאדְט אִין גָלִיל;
אוּן עֶר הָאט זֵייא גֶעלֶעהְרְט אַם שַׁבָּת. 32 אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ פֶערְוְוִאוּנְדֶערְט
אִיבֶּער זֵיינֶע לֶעהְרֶע, וָוארִין זֵיין וָוארְט אִיז מִיט מַאכְט גֶעוֶוען. 33 אוּן עֶס אִיז
גֶעוֶוען אַ מַאן אִין דֶער שׁוּל וָואס הָאט גֶעהַאט אַ גֵייסְט פוּן אֵיין אוּנְרֵיינֶעם
שֵׁד, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגֶען מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל; 34 אַךְ, וָואס הָאבֶּען מִיר מִיט
דִיר צוּ טְהוּן, יֵשׁוּעַ הַנָצְרִי? בִּיסְט דוּא גֶעקוּמֶען אוּנְז צוּ פֶערְדַארְבֶּען? אִיךְ
קֶען דִיךְ וֶוער דוּא בִּיסְט, דֶער הֵיילִיגֶער פוּן גָאט. 35 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט אִיהְם
אָנְגֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט, זֵייא פֶערְשְׁטוּמְט, אוּן גֶעה אַרוֹיס פוּן אִיהְם. אוּן
דֶער שֵׁד הָאט אִיהְם גֶעוָוארְפֶען אִין מִיטֶען אַרֵיין, אוּן אִיז פוּן אִיהְם אַרוֹיסְגֶע־
גַאנְגֶען, אוּן הָאט אִיהְם קֵיין שָׁאדֶען גֶעטְהוּן. 36 אוּן אַ שְׁרֶעקֶען אִיז אוֹיף זֵייא
אַלֶע גֶעפַאלֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען מִיט אֵיינַאנְדֶער גֶערֶעט אוּן גֶעזָאגְט, וָואס אִיז
דָאס פַאר אַ וָוארְט, אַז עֶר בֶּעפֶעהְלְט דִיא אוּנְרֵיינֶע רוּחוֹת מִיט גֶעוַואלְט אוּן
מִיט מַאכְט, אוּן זֵייא קוּמֶען אַרוֹיס? 37 אוּן אַ שֵׁם וֶועגֶען אִיהְם אִיז אוֹיסְגֶע־
גַאנְגֶען אִין יֶעדֶעם אָרְט אִין דֶער גֶעגֶענְד.

38 אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶער שׁוּל, אוּן אִיז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִין
דֶעם הוֹיז פוּן שִׁמְעוֹן. אוּן דִיא שְׁוִויגֶער פוּן שִׁמְעוֹן אִיז גֶעלֶעגֶען מִיט אַ
שְׁטַארְקֶען פִיבֶּער; אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעבֶּעטֶען וֶועגֶען אִיהְר. 39 אוּן עֶר
אִיז אִיבֶּער אִיהְר גֶעשְׁטַאנֶען, אוּן הָאט דָאס פִיבֶּער אָנְגֶעשְׁרִיגֶען, אוּן עֶס הָאט
זִיא פֶערְלָאזְט; אוּן גְלֵייךְ אִיז זִיא אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן הָאט זֵייא בֶּעדִינְט.

40 אוּן וֶוען דִיא זוּן אִיז אוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע דִיא וָואס הָאבֶּען גֶעהַאט
קְרַאנְקֶע מִיט פֶערְשִׁידֶענֶע וֶועהְטִיג הָאבֶּען זֵייא גֶעבְּרַאכְט צוּ אִיהְם; אוּן עֶר
הָאט אוֹיף יֶעדֶען גֶעלֶעגְט דִיא הֶענְד, אוּן הָאט זֵייא גֶעהֵיילְט. 41 אוּן שֵׁדִים

זֶענֶען אויךְ פוּן פִילֶע אַרויסְגֶעגַאנְגֶען, און הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען און גֶעזָאגְט, דוּא
בִּיסְט דֶער זוּהְן פוּן גָאט. און עֶר הָאט זֵייא אָנְגֶעשְׁרִיגֶען, און הָאט זֵייא נִיט
גֶעלָאזְט רֶעדֶען, וָוארִין זֵייא הָאבֶּען גֶעוְואוּסְט אַז עֶר אִיז דֶער מָשִׁיחַ.
42 און וֶוען עֶס אִיז טָאג גֶעוָוארֶען, אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, און אִיז גֶעקוּמֶען
צוּ אַ ווִיסְטֶען אָרְט. און דִיא לֵייט הָאבֶּען אִיהְם גֶעזוּכְט, און זֶענֶען צוּ אִיהְם
גֶעקוּמֶען, און הָאבֶּען אִיהְם אויפְגֶעהַאלְטֶען אַז עֶר זָאל פוּן זֵייא נִיט אַוֶועקְגֶע־
הֶען. 43 אָבֶּער עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיךְ מוּז פְּרֶעדִיגֶען דָאס קֶענִיגְרַייךְ
פוּן גָאט אויךְ אִין אַנְדֶערֶע שְׁטֶעדְט, וָוארִין דֶערְפַאר בִּין אִיךְ גֶעשִׁיקְט. 44 און
עֶר הָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט אִין דִיא שׁוּלֶען פוּן גָלִיל.

ה

1 און עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וֶוען דִיא לֵייט הָאבֶּען זִיךְ צוּ אִיהְם גֶעדְרֶענְגְט אַז זֵייא
זָאלֶען הֶערֶען דָאס וָוארְט פוּן גָאט, אִיז עֶר גֶעשְׁטַאנֶען בֵּיים יַם גְנִיסָר; 2 און
עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען צְווייא שִׁיפֶען, וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בֵּיים יַם; און דִיא
פִישֶׁער זֶענֶען פוּן זֵייא אַרויסְגֶעגַאנְגֶען, און הָאבֶּען זֵייעֶרֶע נֶעצֶען גֶעוַואשֶׁען.
3 און עֶר אִיז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אֵיינֶעם פוּן דִיא שִׁיפֶען, וָואס הָאט גֶעהֶערְט
צוּ שִׁמְעוֹן, און הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל אַבִּיסֶעל אַוֶועקְפָאהְרֶען פוּן
דֶעם לַאנְד. און עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען און הָאט דִיא לֵייט גֶעלֶעהְרְט פוּן דֶעם שִׁיף.
4 און וֶוען עֶר הָאט אויפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ שִׁמְעוֹן,
פָאהְרְט ווייטֶער צוּ דֶער טִיף און לָאזְט אַרוּפ אֵייעֶרֶע נֶעצֶען צוּ פַאנְגֶען. 5 און
שִׁמְעוֹן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט, מֵייסְטֶער, מִיר הָאבֶּען גֶעאַרְבֵּייט דִיא
גַאנְצֶע נַאכְט, און הָאבֶּען גָאר נִיט גֶעפַאנְגֶען; אָבֶּער אויף דֵיין וָוארְט וֶועל אִיךְ
דִיא נֶעצֶען אַרוּפְלָאזֶען. 6 און ווִיא זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעטְהוּן, הָאבֶּען זֵייא גֶע־
פַאנְגֶען אַ סַךְ פִישׁ; און זֵייעֶר נֶעץ אִיז צוּרִיסֶען גֶעוָוארֶען. 7 און זֵייא הָאבֶּען
גֶעווִינְקְט צוּ זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים אִין דֶעם אַנְדֶערֶען שִׁיף, אַז זֵייא זָאלֶען קוּמֶען און
זָאלֶען זֵייא הֶעלְפֶען; און זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען און הָאבֶּען בֵּיידֶע שִׁיפֶען אָנְגֶע־
פִילְט, אַזוֹי אַז זֵייא הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ זִינְקֶען. 8 און וֶוען שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוֹס הָאט
דָאס גֶעזֶעהֶען, אִיז עֶר יֵשׁוּעַ צוּ דִיא פִיס גֶעפַאלֶען און הָאט גֶעזָאגְט, הַאר,
גֶעה אַוֶועק פוּן מִיר, וָוארִין אִיךְ בִּין אַ זִינְדִיגֶער מֶענְשׁ. 9 וָוארִין עֶס אִיז אויף
אִיהְם אַ שְׁרֶעק אָנְגֶעקוּמֶען און אויף אַלֶע וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶועזֶען, וֶוע־
גֶען דִיא פִישׁ וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעפַאנְגֶען; 10 און גְלֵייכְדֶעם אויךְ יַעֲקֹב און
יוֹחָנָן דִיא זִיהְן פוּן זַבְדַי, וָואס זֶענֶען חֲבֵרִים גֶעוֶועזֶען מִיט שִׁמְעוֹן. און יֵשׁוּעַ
הָאט גֶעזָאגְט צוּ שִׁמְעוֹן, פָארְכְט דִיךְ נִיט, פוּן אַצוּנְד אָן וֶועסְט דוּא מֶענְשֶׁען
פַאנְגֶען. 11 און וֶוען זֵייא הָאבֶּען דִיא שִׁיפֶען צוּם לַאנְד גֶעבְּרַאכְט, הָאבֶּען זֵייא
אַלֶעס פֶערְלָאזְט, און הָאבֶּען אִיהְם נָאכְגֶעפָאלְגְט.
12 און עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען אִין אֵיינֶע פוּן דִיא שְׁטֶעדְט, זֶעה,
עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶועזֶען אַ מַאן פוּל פוּן קְרֶעץ; און וֶוען עֶר הָאט יֵשׁוּעַ גֶעזֶעהֶען,
אִיז עֶר אויף זֵיין פָּנִים גֶעפַאלֶען, און הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטֶען און גֶעזָאגְט, הַאר,
וֶוען דוּא ווִילְסְט, קֶענְסְט דוּא מִיךְ רֵיין מַאכֶען. 13 און עֶר הָאט דִיא הַאנְד
אויסְגֶעשְׁטְרֶעקְט, און הָאט אִיהְם אָנְגֶערִיהְרְט און גֶעזָאגְט, אִיךְ ווִיל, זֵייא רֵיין

גֶעמַאכְט; אוּן גְלֵייךְ הָאבֶּען דִיא קְרֶעץ אִיהְם פֶערְלָאזְט. 14 אוּן עֶר הָאט אִיהְם
אָנְגֶעזָאגְט, אַז עֶר זָאל דָאס קֵיינֶעם נִיט זָאגֶען; נֵייעֶרְט גֶעה אוּן וַוייז דִיךְ פָאר
דֶעם כֹּהֵן, אוּן בְּרֶענְג אַ קָרְבָּן פַאר דֵיינֶע רֵיינִיגוּנְג אַזוֹי וִויא מֹשֶׁה הָאט גֶע־
בָּאטֶען, פַאר אַ צֵייגְנִים צוּ זֵייא. 15 אָבֶּער דֶער בֶּערִיכְט וֶועגֶען אִיהְם אִיז נָאךְ
מֶעהְר גֶעוָוארֶען, אוּן אַ סַךְ לֵייט זֶענֶען צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען צוּ הֶערֶען אוּן גֶע־
הֵיילְט צוּ וֶוערֶען פוּן זֵייעֶרֶע קְרַאנְקְהֵייטֶען. 16 אוּן עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אִין
דֶער מִדְבָּר אַרֵיין, אוּן הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען.

17 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אִין אֵיינֶעם פוּן דִיא טֶעג, וִויא עֶר הָאט גֶעלֶעהְרְט,
זֶענֶען פְּרוּשִׁים אוּן גֶעזֶעצְלֶעהְרֶער גֶעזֶעסֶען, וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן אַלֶע דֶערְ־
פֶער פוּן גָלִיל אוּן פוּן יְהוּדָה אוּן פוּן יְרוּשָׁלַיִם; אוּן דִיא מַאכְט פוּן דֶעם
הַאר׳ן אִיז גֶעוֶוען אוּם זֵייא צוּ הֵיילֶען. 18 אוּן זֶעה, עֶס זֶענֶען מֶענְשֶׁען וָואס
הָאבֶּען גֶעבְּרַאכְט אוֹיף אַ בֶּעט אַ מַאן וָואס אִיז גִיכְטְבְּרִיכִיג גֶעוֶוען, אוּן זֵייא
הָאבֶּען גֶעזוּכְט וִויא אִיהְם אַרֵיין צוּ בְּרֶענְגֶען אוּן פָאר אִיהְם אַנִידֶער צוּ לֶעגֶען.
19 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען קֵיין פְּלַאץ נִיט גֶעפִינֶען וִויא זֵייא זָאלֶען אִיהְם אַרֵיינְ־
בְּרֶענְגֶען וֶועגֶען דִיא לֵייט, אַזוֹי זֶענֶען זֵייא אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם דַאךְ,
אוּן הָאבֶּען אִיהְם אַרוּפְגֶעלָאזְט מִיט דֶעם בֶּעט דוּרְךְ דִיא צִיגֶעל אִין מִיטֶען
פָאר יֵשׁוּעַ. 20 אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען זֵייעֶר גְלוֹיבֶּען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט,
מֶענְשׁ, דֵיינֶע זִינְד זֶענֶען דִיר פֶערְגֶעבֶּען. 21 אוּן דִיא סוֹפְרִים אוּן דִיא פְּרוּשִׁים
הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ צוּ טַעֲנֶהֶען, אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט וֶוער אִיז דִי־
זֶער, דֶער רֶעט לֶעסְטֶערוּנְג? וֶוער קֶען זִינְד פֶערְגֶעבֶּען, אוֹיסֶער גָאט אַלֵיין?
22 אָבֶּער יֵשׁוּעַ וִויסֶענְדִיג זֵייעֶרֶע גֶעדַאנְקֶען הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא
גֶעזָאגְט, וָוארוּם טַעֲנֶהֶעט אִיהְר אִין אֵייעֶרֶע הֶערְצֶער? 23 וָואס אִיז גְרִינְגֶער, צוּ
זָאגֶען דֵיינֶע זִינְד זֶענֶען דִיר פֶערְגֶעבֶּען, אָדֶער צוּ זָאגֶען שְׁטֶעה אוֹיף, אוּן גֶעה
אַרוּם? 24 אָבֶּער אַז אִיהְר זָאלְט וִויסֶען אַז דֶער בֶּן אָדָם הָאט מַאכְט זִינְד צוּ
פֶערְגֶעבֶּען אוֹיף דֶער עֶרְד, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם גִיכְטְבְּרִיכִיגֶען, אִיךְ זָאג דִיר
שְׁטֶעה אוֹיף, אוּן נֶעם דֵיין בֶּעט אוּן גֶעה אִין דֵיין הוֹיז. 25 אוּן בַּאלְד אִיז עֶר
אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פָאר זֵייא, אוּן הָאט גֶענוּמֶען דָאס אוֹיף וָואס עֶר אִיז גֶעלֶעגֶען,
אוּן אִיז אִין זֵיין הוֹיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט גָאט גֶעלוֹיבְּט. 26 אוּן זֵייא זֶענֶען אַלֶע
אוֹיסֶער זִיךְ גֶעוֶוען פַאר עֶרְשְׁטוֹינֶען, אוּן הָאבֶּען גָאט גֶעלוֹיבְּט, אוּן זֵייא הָאבֶּען
זִיךְ זֶעהְר גֶעפָארְכְטֶען אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, מִיר הָאבֶּען הַיינְט וְואוּנְדֶערְלִיכֶע
זַאכֶען גֶעזֶעהֶען.

27 אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶעזֶעהֶען אַ שְׁטֵייעֶרְאֵיינְנֶעמֶער
וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען לֵוִי, וָואס אִיז גֶעזֶעסֶען אִין דֶעם הוֹיז פוּן שְׁטֵייעֶר, אוּן
עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, פָאלְג מִיר נָאךְ. 28 אוּן עֶר הָאט אַלֶעס פֶערְלָאזְט,
אוּן אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן הָאט אִיהְם נָאכְגֶעפָאלְגְט. 29 אוּן לֵוִי הָאט פַאר
אִיהְם גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אִין זֵיין הוֹיז; אוּן עֶס זֶענֶען דָא גֶעוֶוען פִיל
לֵייט פוּן דִיא שְׁטֵייעֶרְאֵיינְנֶעמֶער, אוּן אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעזֶעסֶען
בֵּיים טִישׁ. 30 אוּן זֵייעֶרֶע פְּרוּשִׁים אוּן סוֹפְרִים הָאבֶּען גֶעמוּרְמֶעלְט קֶעגֶען זֵיינֶע

תַּלְמִידִים, אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, פַארְוָואס עֶסְט אִיהְר אוּן טְרִינְקְט מִיט שְׁטֵייעֶרְ־
אֵיינֶעמֶער אוּן זִינְדֶער? 31 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט,
דִיא וָואס זֶענֶען גֶעזוּנְד בֶּעדַארְפֶען נִיט קֵיין רוֹפֵא, נֵייעֶרְט דִיא וָואס זֶענֶען
קְרַאנְק; 32 אִיךְ בִּין נִיט גֶעקוּמֶען צוּ רוּפֶען דִיא צַדִיקִים, נֵייעֶרְט דִיא זִינְדֶער
צוּ תְּשׁוּבָה. 33 אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דִיא תַּלְמִידִים פוּן יוֹחָנָן
פַאסְטֶען אָפְּטְמָאל אוּן זֶענֶען מִתְפַּלֵל, אוּן גְלֵייכְדֶעם אוֹיךְ דִיא תַּלְמִידִים פוּן
דִיא פְּרוּשִׁים, אָבֶּער דֵיינֶע תַּלְמִידִים עֶסֶען אוּן טְרִינְקֶען. 34 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ
זֵייא גֶעזָאגְט, קֶענְט אִיהְר דִיא אוּנְטֶערְפִיהְרֶער פַאסְטֶען מַאכֶען, בִּשְׁעַת דֶער
חָתָן אִיז מִיט זֵייא? 35 אָבֶּער דִיא טֶעג וֶועלֶען קוּמֶען וֶוען דֶער חָתָן וֶועט פוּן
זֵייא אַוֶועקְגֶענוּמֶען וֶוערֶען, דַאן וֶועלֶען זֵייא פַאסְטֶען אִין יֶענֶע טֶעג. 36 אוּן עֶר
הָאט צוּ זֵייא אַ מָשָׁל גֶעזָאגְט, קֵיינֶער צוּרֵייסְט נִיט אַ שְׁטִיק פוּן אַ נֵייעֶן קְלֵייד
אוּן לֶעגְט עֶס אוֹיף אֵיין אַלְטֶען קְלֵייד; וֶוען אַזוֹי, דָאס שְׁטִיק וָואס אִיז פוּן דֶעם
נֵייעֶן צוּרֵייסְט אוֹיךְ דָאס נֵייעֶ אוּן פֶערְגְלֵייכְט זִיךְ נִיט מִיט דֶעם אַלְטֶען. 37 אוּן
קֵיינֶער גִיסְט נִיט נֵייעֶן וַויין אִין אַלְטֶע לָאגֶעל אַרֵיין; וֶוען אַזוֹי, צוּשְׁפַּאלְט דֶער
נֵייעֶר וַויין דִיא לָאגֶעל, אוּן עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעגָאסֶען, אוּן דִיא לָאגֶעל וֶוערֶען
פֶערְדָארְבֶּען; 38 נֵייעֶרְט נֵייעֶר וַויין מוּז אִין נֵייעֶ לָאגֶעל אַרֵיינְגֶעגָאסֶען וֶוערֶען.
39 אוּן קֵיינֶער וָואס הָאט אַלְטֶען וַויין גֶעטְרוּנְקֶען וִויל נֵייעֶן הָאבֶּען; וָוארִין עֶר
זָאגְט, דֶער אַלְטֶער אִיז בֶּעסֶער.

ו 1 אוּן עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אוֹיף אַ שַׁבָּת אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ דִיא קָארְן
פֶעלְדֶער; אוּן זֵיינֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען אָפְּגֶערִיסֶען דִיא זַאנְגֶען אוּן הָאבֶּען זֵייא
צוּרִיבֶּען מִיט זֵייעֶרֶע הֶענְד, אוּן הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען. 2 אוּן עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא
פְּרוּשִׁים הָאבֶּען גֶעזָאגְט, וָוארוּם טְהוּט אִיהְר דָאס וָואס מֶען מֶעג נִיט טְהוּן
אַם שַׁבָּת? 3 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, הָאט אִיהְר
דָאס נִיט גֶעלֵיינְט וָואס דָוִד הָאט גֶעטְהוּן וֶוען עֶר אִיז הוּנְגְרִיג גֶעוֶועזֶען, אוּן דִיא
וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶועזֶען? 4 וַויא עֶר אִיז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם הוֹיז פוּן
גָאט, אוּן הָאט גֶענוּמֶען דֶעם לֶחֶם הַפָּנִים, אוּן הָאט גֶעגֶעסֶען, אוּן הָאט אוֹיךְ
גֶעגֶעבֶּען צוּ דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶועזֶען, וָואס מֶען מֶעג נִיט עֶסֶען,
אוֹיסֶער דִיא כֹּהֲנִים אַלֵיין? 5 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, דֶער בֶּן אָדָם אִיז
הַאר אִיבֶּער דֶעם שַׁבָּת.

6 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אוֹיף אֵיין אַנְדֶערֶען שַׁבָּת, אַז עֶר אִיז אִין דֶער שׁוּל אַרֵיינְ־
גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט גֶעלֶעהְרְט. אוּן עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶועזֶען אַ מַאן, דֶעם זֵיינֶע
רֶעכְטֶע הַאנְד אִיז פֶערְדַארְט גֶעוֶועזֶען. 7 אוּן דִיא סוֹפְרִים אוּן דִיא פְּרוּשִׁים
הָאבֶּען אִיהְם בֶּעוַואכְט, אוֹיבּ עֶר וֶועט אַם שַׁבָּת הֵיילֶען, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען אֵיין
אָנְקְלָאג אוֹיף אִיהְם גֶעפִינֶען. 8 אָבֶּער עֶר הָאט גֶעוְואוּסְט זֵייעֶרֶע גֶעדַאנְקֶען,
אוּן הָאט צוּ דֶעם מַאן גֶעזָאגְט וָואס הָאט גֶעהַאט דִיא פֶערְדַארְטֶע הַאנְד, שְׁטֶעה
אוֹיף אוּן שְׁטֶעה אִין מִיטֶען; אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אוּן אִיז גֶעשְׁטַאנְ־
גֶען. 9 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיךְ פְרֶעג אֵייךְ, מֶעג מֶען אַם
שַׁבָּת גוּטֶעס טְהוּן אָדֶער שְׁלֶעכְטֶעס, לֶעבֶּען רֶעטֶען אָדֶער אוּמְבְּרֶענְגֶען?

10 און ער האט זיך אויף זייא אלע ארומגעקוקט, און האט צו איהם געזאגט,
שטרעק אויס דיינע האנד; און ער האט אזוי געטהון. און זיינע האנד איז
צוריקגעשטעלט געווארען. 11 און זייא זענען פול מיט גרימצארן געוועזען, און
האבען צווישען זיך גערעדט וואס זייא זאלען טהון צו ישוע.
12 און עס איז געשעהען אין דיזע טעג, אז ישוע איז אוועקגעגאנגען צו דעם
בארג מתפלל צו זיין, און האט דיא נאכט צוגעבראכט אים געבעט צו גאט.
13 און ווען עס איז טאג געוועזען, האט ער זיינע תלמידים צו זיך גערופען, און
האט פון זייא צוועלף אויסדערוועהלט וועלכע ער האט אויך אפאסטעל גע־
נאנט; 14 שמעון דעם ער האט אויך א נאמען פעטרוס געגעבען, און זיין
ברודער אנדרי, און יעקב און יוחנן, און פיליפוס און ברתלמי, 15 און מתי און
תומא, און יעקב דעם זוהן פון חלפי און שמעון וואס איז אנגערופען געווארען
הקנאי, 16 און יהודה דעם זוהן פון יעקב, און יהודה אישקריות, וואס איז
אויך דער מוסר געוועזען. 17 און ער איז מיט זייא אראפגעגאנגען, און איז גע־
שטאנען אויף א גלייכען פלאץ, און פיל לייט פון זיינע תלמידים, און א גרויס
פאלק פון גאנץ יהודה און ירושלים און פון דעם בארטען פון צור און צידון,
וואס זענען געקומען איהם צו הערען און פון זייערע קראנקהייטען געהיילט
צו ווערען; 18 און דיא וואס זענען געפלאגט געוועזען פון אונרייניע גייסטער
זענען געהיילט געווארען. 19 און דאס גאנצע פאלק האט איהם געזוכט אנצו־
ריהרען; ווארין גבורה איז פון איהם ארויסגעגאנגען, און האט זייא אלע
געהיילט.
20 און ער האט זיינע אויגען אויפגעהויבען צו זיינע תלמידים און האט
געזאגט,

גֶעבֶּענְשְׁט זֶענְט אִיהְר וָואס זֶענֶען אָרְמֶע, וָוארִין אֵייעֶרֶעס אִיז דָאס
קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט.
21 געבענשט זענט איהר וואס זענען אצונד הונגריג, ווארין איהר וועט
זאט ווערען.
געבענשט זענט איהר וואס טהון אצונד וויינען, ווארין
איהר וועט לאכען.
22 געבענשט זענט איהר ווען דיא מענשען וועלען אייך האסען, און
וועלען אייך פון זייא אפשיידען, און וועלען אייך פערשעהמען, און
וועלען אייער נאמען פערווארפען וויא א שלעכטעס וועגען
דעם בן אדם.
23 פרייעט אייך אין יענעם טאג און טאנצט; ווארין זעה, אייער שכר איז גרויס
אים הימעל; ווארין אזוי האבען זייערע אבות געטהון צו דיא נביאים.
24 אבער וועה צו אייך רייכע, ווארין איהר האט אייער טרייסט
אודאי בעקומען.
25 וועה צו אייך וואס זענען אצונד פול, ווארין איהר וועט הונגערן.
וועה צו אייך וואס לאכען אצונד, ווארין איהר וועט טרויערן און וויינען.

26 וָועה װֶוען אַלֶע מֶענְשֶׁען װֶועלֶען אויף אֵייךְ גוּטֶעס רֶעדֶען;
וָוארִין אַזוֹי הָאבֶּען זֵייעֶרֶע אָבוֹת גֶעטְהוּן צוּ דִיא פַאלְשֶׁע נְבִיאִים.
27 אָבֶּער אִיךְ זָאג צוּ אֵייךְ וָואס הֶערֶען, לִיבְּט אֵייעֶרֶע פֵיינְד, טְהוּט גוּטֶעס צוּ
דִיא וָואס הַאסֶען אֵייךְ, 28 בֶּענְשְׁט דִיא וָואס שֶׁעלְטֶען אֵייךְ, בֶּעט פַאר
דִיא וָואס פֶערְשֶׁעהֶמֶען אֵייךְ. 29 צוּ דֶעם וָואס שְׁלָאגְט דִיךְ אוֹיף אֵיין בַּאק,
שְׁטֶעל אוֹיךְ דִיא אַנְדֶערֶע אוֹיף; אוּן פוּן דֶעם וָואס נֶעמְט אַװֶועק דֵיין מַאנְטֶעל,
הַאלְט דֵיין רָאק אוֹיךְ נִיט צוּרִיק. 30 גִיבּ צוּ אִיטְלִיכֶעם וָואס בֶּעט פוּן דִיר, אוּן
פוּן דֶעם וָואס נֶעמְט דָאס דֵיינִיגֶע, פֶערְלַאנְג עֶס נִיט צוּרִיק. 31 אוּן וִויא אִיהְר
וִוילְט אַז דִיא מֶענְשֶׁען זָאלֶען צוּ אֵייךְ טְהוּן, טְהוּט אִיהְר אוֹיךְ אַזוֹי צוּ זֵייא.
32 אוּן װֶוען אִיהְר לִיבְּט דִיא וָואס לִיבֶּען אֵייךְ, וָואסְפַאר אִיז אֵייעֶר חֶסֶד? וָוארִין
אוֹיךְ דִיא זִינְדֶער לִיבֶּען דִיא וָואס לִיבֶּען זֵייא. 33 אוּן װֶוען אִיהְר טְהוּט גוּטֶעס
צוּ דִיא וָואס טְהוּן גוּטֶעס צוּ אֵייךְ, וָואסְפַאר אִיז אֵייעֶר חֶסֶד? אוֹיךְ דִיא
זִינְדֶער טְהוּן דָאס גֶעמְלִיכֶע. 34 אוּן װֶוען אִיהְר לֵייהֶעט צוּ דִיא פוּן װֶועמֶען אִיהְר
הָאפְט אָפְּצוּנֶעמֶען, וָואסְפַאר אִיז אֵייעֶר חֶסֶד? אוֹיךְ דִיא זִינְדֶער לֵייהֶען צוּ זִינְ-
דֶער, אַז זֵייא זָאלֶען דָאס גְלֵייכֶע אָפְּנֶעמֶען. 35 אָבֶּער לִיבְּט אִיהְר אֵייעֶרֶע פֵיינְד,
אוּן טְהוּט גוּטֶעס אוּן לֵייהֶעט, װֶוען אִיהְר הָאפְט נִיט צוּרִיקְצוּנֶעמֶען; אוּן אֵייעֶר
שְׂכַר װֶועט זֵיין גְרוֹיס, אוּן אִיהְר װֶועט זֵיין דִיא קִינְדֶער פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען,
וָוארִין עֶר אִיז גוּט צוּ דִיא אוּנְדַאנְקְבַּארֶע אוּן דִיא שְׁלֶעכְטֶע. 36 זֵייט אִיהְר
בַּארֶעמְהֶערְצִיג, אַזוֹי וִויא אֵייעֶר פָאטֶער אִיז בַּארֶעמְהֶערְצִיג. 37 אוּן רִיכְטֶעט נִיט,
אוּן אִיהְר װֶועט נִיט גֶערִיכְטֶעט װֶוערֶען; פֶערְשׁוּלְדִיגְט נִיט, אוּן אִיהְר װֶועט נִיט
פֶערְשׁוּלְדִיגְט װֶוערֶען; פֶערְגִיבְּט, אוּן עֶס װֶועט אֵייךְ פֶערְגֶעבֶּען װֶוערֶען; 38 גִיבְּט
אוּן עֶס װֶועט צוּ אֵייךְ גֶעגֶעבֶּען װֶוערֶען, אַ גוּטֶעס מָאס, אָנְגֶעדְרִיקְט אוּן צוּגֶעשָׁי-
טֶעלְט אוּן וָואס לוֹיפְט אִיבֶּער, װֶועט מֶען גֶעבֶּען אִין אֵייעֶר שׁוֹיס אַרֵיין; וָוארִין
מִיט דֶעמְזֶעלְבִּיגֶען מָאס וָואס אִיהְר מֶעסְט װֶועט אֵייךְ וִוידֶער גֶעמָאסְטֶען װֶוערֶען.
39 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא אַ מָשָׁל גֶעזָאגְט, קֶען אַ בְּלִינְדֶער אַ בְּלִינְדֶען
פִיהְרֶען? װֶועלֶען זֵייא נִיט בֵּיידֶע אִין אַ גְרוּבּ אַרֵיינְפַאלֶען? 40 דֶער תַּלְמִיד
אִיז נִיט אִיבֶּער זֵיין לֶעהְרֶער; אָבֶּער װֶוען אֵיינֶער אִיז פָאלְקָאמֶען גֶעוָוארֶען
װֶועט עֶר זֵיין וִויא זֵיין לֶעהְרֶער. 41 אוּן וָוארוּם זֶעהְסְט דוּא דֶעם שְׁפָּאן וָואס אִיז
אִין דֵיין בְּרוּדֶערְס אוֹיג, אוּן בֶּעטְרַאכְטְסְט נִיט דֶעם בַּאלְקֶען וָואס אִיז אִין דֵיין
אוֹיג? 42 וִויא אַזוֹי קֶענְסְט דוּא זָאגֶען צוּ דֵיין בְּרוּדֶער, בְּרוּדֶער לָאז מִיךְ
אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם שְׁפָּאן וָואס אִיז אִין דֵיין אוֹיג, װֶוען דוּא אַלֵיין זֶעהְסְט נִיט דֶעם
בַּאלְקֶען וָואס אִיז אִין דֵיין אוֹיג? דוּא הֵייכְלֶער, נֶעם צוּעֶרְשְׁט אַרוֹיס דֶעם
בַּאלְקֶען פוּן דֵיין אוֹיג, אוּן דֶערְנָאךְ װֶועסְט דוּא קְלַאר זֶעהֶען אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען
דֶעם שְׁפָּאן וָואס אִיז אִין דֵיין בְּרוּדֶערְס אוֹיג. 43 וָוארִין אַ גוּטֶער בּוֹים
טְרָאגְט נִיט קֵיינֶע שְׁלֶעכְטֶע פְרוּכְט, אוּן וִוידֶער אַ שְׁלֶעכְטֶער בּוֹים טְרָאגְט נִיט
קֵיינֶע גוּטֶע פְרוּכְט. 44 וָוארִין מֶען דֶערְקֶענְט אִיטְלִיכֶען בּוֹים בֵּייא זֵיינֶע אֵיי-
גֶענֶע פְרוּכְט; וָוארִין פוּן דֶערְנֶער זַאמֶעלְט מֶען נִיט קֵיינֶע פֵייגֶען, אוּן פוּן אַ
דָארְנְבּוּשׁ רֵייסְט מֶען נִיט אָפּ קֵיינֶע וֵויינְטְרוֹיבֶּען. 45 דֶער גוּטֶע מֶענְשׁ בְּרֶענְגְט

אַרויס גוּטֶעס פוּן דֶעם גוּטֶען שַׁאץ פוּן זַיין הַאַרְץ, אוּן דֶער שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשׁ
בְּרֶענְגְט אַרויס שְׁלֶעכְטֶעס פוּן דֶעם שְׁלֶעכְטֶען שַׁאץ פוּן זַיין הַאַרְץ; וָוארִין דָאס
מויל רֶעט פוּן דֶעם וָואס דָאס הַאַרְץ אִיז אִיבֶּערְפִילְט.
46 אוּן פַארְוָואס רוּפְט אִיהְר מִיךְ הַאר, הַאר, אוּן טְהוּט נִיט וָואס אִיךְ זָאג?
47 אִיטְלִיכֶער וָואס קוּמְט צוּ מִיר, אוּן הֶערְט מֵיינֶע וֶוערְטֶער אוּן טְהוּט זֵייא,
וֶועל אִיךְ אֵייךְ ווייזֶען צוּ וֶועמֶען עֶר אִיז גְלֵייךְ. 48 עֶר אִיז גְלֵייךְ צוּ אַ מַאן
וָואס הָאט גֶעבּוֹיעֶט אַ הויז, אוּן הָאט טִיף גֶעגְרָאבֶּען, אוּן הָאט דֶעם גְרוּנְד
גֶעלֶעגְט אוֹיף דֶעם פֶעלְזֶען; אוּן וֶוען אַ גֶעוֶועסֶער אִיז גֶעשֶׁעהֶען, הָאט דֶער שְׁטְרוֹים
גֶעשְׁטוֹיסֶען קֶעגֶען דֶעם הויז, אוּן הָאט עֶס נִיט גֶעקֶענְט בֶּעוֶועגֶען, וָוארִין עֶס
אִיז גוּט גֶעגְרִינְדֶעט גֶעוָוארֶען. 49 אָבֶּער דֶער וָואס הֶערְט אוּן טְהוּט נִיט אִיז
גְלֵייךְ צוּ אַ מַאן וָואס הָאט גֶעבּוֹיעֶט אַ הויז אוֹיף דֶער עֶרְד אָהְן אַ גְרוּנְד;
אוּן דֶער שְׁטְרוֹים הָאט קֶעגֶען עֶס גֶעשְׁטוֹיסֶען, אוּן גְלֵייךְ אִיז עֶס אֵיינְגֶעפַאלֶען,
אוּן דֶער צוּשְׁטֶערוּנְג פוּן יֶענֶעם הויז אִיז גְרוֹיס גֶעוֶועזֶען.
ז 1 וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אַלֶע דִיזֶע רֶעד אִין דִיא אוֹיעֶרֶען פוּן דֶעם פָאלְק,
אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען קֵיין כְּפַרְנַחוּם.
2 אוּן דֶער קְנֶעכְט פוּן אַ גֶעווִיסֶען הויפְּטְמַאן, וֶועלְכֶען עֶר הָאט זֶעהְר גֶע־
שֶׁעצְט, אִיז קְרַאנְק צוּם שְׁטַארְבֶּען גֶעוֶועזֶען. 3 אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן
יֵשׁוּעַ הָאט עֶר צוּ אִיהְם גֶעשִׁיקְט דִיא עֶלְצְטֶע פוּן דִיא יוּדֶען, אוּן הָאט אִיהְם
גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל קוּמֶען זַיין קְנֶעכְט צוּ הֵיילֶען. 4 אוּן וֶוען זֵייא זֶענֶען
גֶעקוּמֶען צוּ יֵשׁוּעַ, הָאבֶּען זֵייא אִיהְם זֶעהְר גֶעבֶּעטֶען אוּן גֶעזָאגְט, אַז עֶר אִיז
וֶוערְט אַז דוּא זָאלְסְט דָאס פַאר אִיהְם טְהוּן; 5 וָוארִין עֶר לִיבְּט אוּנְזֶערֶעס פָאלְק,
אוּן הָאט אוּנְז דִיא שׁוּל גֶעבּוֹיעֶט. 6 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז מִיט זֵייא גֶעגַאנְגֶען. אוּן
וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין נִיט ווייט גֶעוֶועזֶען פוּן דֶעם הויז, הָאט דֶער הויפְּטְמַאן זַיינֶע
פְרֵיינְד גֶעשִׁיקְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, זֵייא דִיךְ נִיט מַטְרִיחַ; וָוארִין
אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְט אַז דוּא זָאלְסְט אוּנְטֶער מֵיין דַאךְ קוּמֶען. 7 דֶעסְטְוֶועגֶען
הָאבּ אִיךְ מִיךְ זֶעלְבְּסְט נִיט וֶוערְט גֶעהַאלְטֶען אַז אִיךְ זָאל צוּ דִיר קוּמֶען;
אָבֶּער זָאג נוּר אַ וָוארְט, אַזוֹי וֶועט מֵיין יוּנְג גֶעהֵיילְט וֶוערֶען. 8 וָוארִין אִיךְ
בִּין אוֹיךְ אַ מַאן וָואס שְׁטֶעהְט אוּנְטֶער אֵיין אָבֶּערְמַאכְט, אוּן אִיךְ הָאבּ סָאלְ־
דַאטֶען אוּנְטֶער מִיר, אוּן אִיךְ זָאג צוּ דֶעם, גֶעה אַהִין, אוּן עֶר גֶעהְט, אוּן צוּ
אֵיין אַנְדֶערֶען, קוּם אַהֶער, אוּן עֶר קוּמְט, אוּן צוּ מֵיין קְנֶעכְט, טְהוּא דָאס, אוּן
עֶר טְהוּט עֶס. 9 אוּן וֶוען יֵשׁוּעַ הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ פֶערְוְואוּנְ־
דֶערְט אִיבֶּער אִיהְם; אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּ דִיא
לֵייט וָואס זֶענֶען אִיהְם נָאכְגֶעגַאנְגֶען, אִיךְ זָאג אֵייךְ, אַזֶעלְכֶען גְלוֹיבֶּען הָאבּ
אִיךְ אַפִילוּ אִין יִשְׂרָאֵל נִיט גֶעפִינֶען. 10 אוּן וֶוען דִיא שְׁלוּחִים הָאבֶּען זִיךְ
אַהֵיים גֶעקֶעהְרְט, הָאבֶּען זֵייא דֶעם קְנֶעכְט גֶעזוּנְד גֶעפִינֶען.
11 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אִין דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג, אַז עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען
אִין אַ שְׁטָאדְט אַרֵיין וָואס הֵייסְט נָעִין, אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן פִיל לֵייט זֶענֶען
מִיט אִיהְם גֶעגַאנְגֶען. 12 אוּן ווִיא עֶר הָאט זִיךְ גֶענֶעהֶנְט צוּם טוֹיעֶר פוּן דֶער

שְׁטָאדְט, זֶעה, הָאט מֶען אַ טוֹיטֶען אַרוֹיסְגֶעטְרָאגֶען דֶעם אֵיינְצִיגֶען זוּהְן פוּן
זַיינֶע מוּטֶער, אוּן זִיא אִיז אֵיין אַלְמָנָה גֶעוֶוען; אוּן פִיל לֵייט פוּן דֶער שְׁטָאדְט
זֶענֶען מִיט אִיהְר גֶעוֶוען. 13 אוּן וֶוען דֶער הַאר הָאט זִיא גֶעזֶעהֶען, הָאט עֶר
אִיבֶּער אִיהְר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט, אוּן הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, וויין נִיט. 14 אוּן
עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען אוּן הָאט דִיא מִטָּה אָנְגֶערִיהְרְט, אוּן דִיא וָואס הָאבֶּען
אִיהְם גֶעטְרָאגֶען זֶענֶען שְׁטֶעהֶען גֶעבְּלִיבֶּען; אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, יוּנְגֶער מַאן,
אִיךְ זָאג דִיר שְׁטֶעה אוֹיף. 15 אוּן דֶער טוֹיטֶער הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוּן
הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ רֶעדֶען; אוּן עֶר הָאט אִיהְם צוּרִיקְגֶעגֶעבֶּען צוּ זַיינֶע
מוּטֶער. 16 אוּן אַ פָּארְכְט הָאט זַייא אַלֶע אָנְגֶענוּמֶען, אוּן זַייא הָאבֶּען גָאט
גֶעלוֹיבְּט, אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, אַ גְרוֹיסֶער נָבִיא אִיז צְווִישֶׁען אוּנְז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען,
אוּן גָאט הָאט זַיין פָּאלְק בֶּעזוּכְט. 17 אוּן דִיזֶער בֶּערִיכְט פוּן אִיהְם אִיז
אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין גַאנְץ יְהוּדָה, אוּן אִין דִיא גַאנְצֶע גֶעגֶענְד.

18 אוּן דִיא תַּלְמִידִים פוּן יוֹחָנָן הָאבֶּען אִיהְם פוּן אַלֶע דִיזֶע זַאכֶען דֶערְצֶעהְלְט.
19 אוּן יוֹחָנָן הָאט צוּ זִיךְ גֶערוּפֶען צְווייא פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן הָאט זַייא
גֶעשִׁיקְט צוּ יֵשׁוּעַ אוּן גֶעזָאגְט, בִּיסְט דוּא דֶער וָואס זָאל קוּמֶען, אָדֶער זָאלֶען
מִיר וַוארְטֶען אוֹיף אֵיין אַנְדֶערֶען? 20 אוּן וֶוען דִיא מֶענְשֶׁען זֶענֶען צוּ אִיהְם
גֶעקוּמֶען הָאבֶּען זַייא צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, יוֹחָנָן דֶער מְטַבֵּל הָאט אוּנְז צוּ דִיר
גֶעשִׁיקְט אוּן גֶעזָאגְט, בִּיסְט דוּא דֶער וָואס זָאל קוּמֶען, אָדֶער זָאלֶען מִיר וַוארְ-
טֶען אוֹיף אֵיין אַנְדֶערֶען? 21 אִין יֶענֶער שָׁעָה הָאט עֶר פִילֶע גֶעהֵיילְט פוּן
זַייעֶרֶע קְרַאנְקְהֵייטֶען אוּן פְּלָאגֶען אוּן אוּנְרֵיינֶע גֵייסְטֶער, אוּן הָאט פִילֶע בְּלִינְדֶע
זֶעהֶענְדִיג גֶעמַאכְט. 22 אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט,
גֶעהְט אוּן דֶערְצֶעהְלְט יוֹחָנָן וָואס אִיהְר הָאט גֶעזֶעהֶען אוּן גֶעהֶערְט; אַז דִיא
בְּלִינְדֶע זֶעהֶען, דִיא קְרוּמֶע גֶעהֶען אַרוּם, דִיא מְצוֹרָעִים זֶענֶען גֶערֵיינִיגְט, אוּן
דִיא טוֹיבֶּע הֶערֶען, דִיא טוֹיטֶע שְׁטֶעהֶען אוֹיף, צוּ דִיא אָרְמֶע אִיז דִיא
בְּשׂוֹרָה טוֹבָה גֶעפְּרֶעדִיגְט; 23 אוּן גֶעבֶּענְשְׁט אִיז דֶער וָואס וֶועט זִיךְ נִיט אָן
מִיר שְׁטְרוֹיכְלֶען.

24 אוּן וֶוען דִיא שְׁלוּחִים פוּן יוֹחָנָן זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹי-
בֶּען צוּ דִיא לֵייט צוּ רֶעדֶען וֶועגֶען יוֹחָנָן; וָואס זֶענְט אִיהְר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין
דֶער מִדְבָּר אַרֵיין צוּ זֶעהֶען? אַ רָאהְר וָואס שָׁאקֶעלְט פוּן דֶעם ווִינְד? 25 אָבֶּער
וָואס זֶענְט אִיהְר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּ זֶעהֶען? אַ מַאן אָנְגֶעקְלֵייד אִין פֵיינֶע קְלֵיי-
דֶער? זֶעהְט, דִיא וָואס זֶענֶען פֵיין גֶעקְלֵייד אוּן הָאבֶּען פֵיינֶע שְׁפֵּייזֶען זֶענֶען
אִין דִיא הֵייזֶער פוּן קֶענִיגֶע. 26 וָואס דֶען זֶענְט אִיהְר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּ
זֶעהֶען? אַ נָבִיא? יָא, אִיךְ זָאג אֵייךְ, אוּן נָאךְ מֶעהְר ווִיא אַ נָבִיא. 27 דָאס
אִיז דֶער, פוּן דֶעם עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען,

זֶעה, אִיךְ שִׁיק מֵיין מַלְאָךְ פָאר דִיר,
דֶער וֶועט דֵיין וֶועג פָאר דִיר אָנְבְּרֵייטֶען.

28 אִיךְ זָאג אֵייךְ, צְווִישֶׁען דִיא וָואס זֶענֶען גֶעבּוֹירֶען פוּן ווַייבֶּער אִיז קֵיין

27 מלאכי ג׳ א׳.

גְרֶעסֶערֶער װִיא יוֹחָנָן; אָבֶּער דֶער קְלֵיינְסְטֶער אִים קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט אִיז
גְרֶעסֶער װִיא עֶר. 29 אוּן דָאס גַאנְצֶע פָאלְק, װֶען זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט,
אוּן דִיא שְׁטֵייעֶרְאֵיינְגֶעמֶער הָאבֶּען גָאט גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט, װָארִין זֵייא זֶענֶען
גֶעטוֹבֶלְט גֶעװָארֶען מִיט דֶער טְבִילָה פוּן יוֹחָנָן; 30 אָבֶּער דִיא פְּרוּשִׁים אוּן
דִיא גֶעזֶעצְלֶעהְרֶער הָאבֶּען פֶערְאַכְטֶעט דִיא עֵצָה פוּן גָאט קֶעגֶען זִיךְ זֶעלְבְּסְט,
װָארִין זֵייא זֶענֶען נִיט גֶעטוֹבֶלְט גֶעװָארֶען פוּן אִיהְם. 31 צוּ װֶעמֶען זָאל אִיךְ
דֶען גְלֵייכֶען דִיא מֶענְשֶׁען פוּן דֶעם דָאזִיגֶען דוֹר, אוּן צוּ װָאס זֶענֶען זֵייא
גְלֵייךְ? 32 זֵייא זֶענֶען גְלֵייךְ צוּ קִינְדֶער װָאס זִיצֶען אוֹיף דֶעם מַארְק, אוּן
רוּפֶען אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען; װָאס זָאגֶען,

מִיר הָאבֶּען צוּ אֵייךְ גֶעפֵייפְט, אוּן אִיהְר הָאט נִיט גֶעטַאנְצְט;
מִיר הָאבֶּען צוּ אֵייךְ גֶעקְלָאגְט, אוּן אִיהְר הָאט נִיט גֶעװֵיינְט.

33 װָארִין יוֹחָנָן דֶער מְטַבֵּל אִיז גֶעקוּמֶען נִיט עֶסֶענְדִיג קֵיין בְּרוֹיט, אוּן
נִיט טְרִינְקֶענְדִיג קֵיין װֵיין, אוּן אִיהְר הָאט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט אַ שֵׁד. 34 דֶער
בֶּן אָדָם אִיז גֶעקוּמֶען עֶסֶענְדִיג אוּן טְרִינְקֶענְדִיג, אוּן אִיהְר זָאגְט, זֶעה,
דֶער מֶענְשׁ אִיז אַ פְרֶעסֶער אוּן אַ זוֹיפֶער, אַ פְרֵיינְד פוּן שְׁטֵייעֶרְאֵיינְנֶעמֶער
אוּן זִינְדֶער. 35 אוּן דִיא חָכְמָה אִיז גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט גֶעװָארֶען פוּן אַלֶע אִיהְרֶע
קִינְדֶער.

36 אוּן אֵיינֶער פוּן דִיא פְּרוּשִׁים הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטֶען, אַז עֶר זָאל בֵּייא אִיהְם
עֶסֶען; אוּן עֶר אִיז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִים הוֹיז פוּן דֶעם פָּרוּשׁ, אוּן הָאט זִיךְ
אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט. 37 אוּן זֶעה, אִין דֶער שְׁטָאדְט אִיז גֶעװֶען אַ פְרוֹיא, װָאס
אִיז אַ זִינְדֶערִין. אוּן װֶען זִיא הָאט גֶעװָאר גֶעװָארֶען אַז עֶר אִיז צוּ טִישׁ אִין
דֶעם הוֹיז פוּן דֶעם פָּרוּשׁ, הָאט זִיא גֶעבְּרַאכְט אֵיין אַלְבַּאסְטֶערְן קְרִיגֶעל מִיט
מֹר, 38 אוּן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער אִיהְם בֵּייא זֵיינֶע פִּים אוּן הָאט גֶעװֵיינְט,
אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען זֵיינֶע פִּים צוּ װַאשֶׁען מִיט טְרֶערֶען, אוּן הָאט זֵייא
אָפְּגֶעװִישְׁט מִיט דִיא הָאר פוּן אִיהְר קָאפּ, אוּן הָאט זֵיינֶע פִּים גֶעקִישְׁט, אוּן
הָאט זֵייא גֶעזַאלְבְּט מִיט דֶעם מֹר. 39 אוּן װֶען דֶער פָּרוּשׁ װָאס הָאט אִיהְם
אֵיינְגֶעלָאדֶען הָאט דָאס גֶעזֶעהֶען, הָאט עֶר בֵּייא זִיךְ גֶעדַאכְט אוּן גֶעזָאגְט,
װֶען דִיזֶער זָאל זֵיין אַ נָבִיא, אַזוֹי װָאלְט עֶר גֶעװוּסְט, װֶער אוּן װָאסְפַאר אַ
פְרוֹיא דָאס אִיז װָאס הָאט אִיהְם אָנְגֶערִיהְרְט, װָארִין זִיא אִיז אַ זִינְדֶערִין.
40 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, שִׁמְעוֹן, אִיךְ הָאבּ
דִיר עֶפֶּעס צוּ זָאגֶען. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זָאג, לֶעהְרֶער. 41 עֶס אִיז גֶעװֶען
אַ גֶעלְד לֵייהֶער װָאס הָאט צְװֵייא בַּעֲלֵי חוֹבוֹת גֶעהַאט. אֵיינֶער אִיז שׁוּלְדִיג
גֶעװֶען פִינְף הוּנְדֶערְט גוּלְדֶען,* אוּן דֶער אַנְדֶערֶער פִינְפְצִיג. 42 אוּן װֶען זֵייא
הָאבֶּען נִיט גֶעהַאט צוּ צָאהְלֶען, הָאט עֶר זֵייא בֵּיידֶע גֶעשֶׁענְקְט. װֶעלְכֶער פוּן
זֵייא דֶען װֶעט אִיהְם מֶעהְר לִיבֶּען? 43 שִׁמְעוֹן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט,
אִיךְ דֶענְק, װֶעלְכֶען עֶר הָאט מֶעהְר גֶעשֶׁענְקְט; אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
דוּא הָאסְט רֶעכְט גֶעמִשְׁפָּט. 44 אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶעהְרְט צוּ דֶער פְרוֹיא, אוּן

* גר׳ דינר.

האָט צו שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט, זֶעהְסְט דוא דִיזֶע פְרויא? אִיךְ בִּין אִין דֵיין הויז
אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, דוא הָאסְט מִיר קֵיין וואַסֶער נִיט גֶעגֶעבֶּען פַאר מֵיינֶע פִּים; אָבֶּער
זִיא הָאט מֵיינֶע פִּים גֶעוואַשֶׁען מִיט טְרֶערֶען, אוּן הָאט זִייא אָפְּגֶעווִישְׁט מִיט
דִיא הָאר פוּן אִיהְר קָאפּ. 45 דוא הָאסְט מִיר קֵיין קִישׁ נִיט גֶעגֶעבֶּען; אָבֶּער
זִיא, זִינְט זִיא אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, הָאט נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט מֵיינֶע פִּים צוּ קִישֶׁען.
46 דוא הָאסְט נִיט גֶעזַאלְבְּט מֵיין קָאפּ מִיט עֶהְל; אָבֶּער זִיא הָאט מֵיינֶע פִּים
גֶעזַאלְבְּט מִיט מֹר. 47 דְרוּם זָאג אִיךְ דִיר, אִיהְרֶע זִינְד וָואס זֶענֶען פִיל
זֶענֶען אִיהְר פֶערְגֶעבֶּען, ווָארִין זִיא הָאט פִיל גֶעלִיבְּט; אָבֶּער צוּ וֶועמֶען וֶוענִיג
אִיז פֶערְגֶעבֶּען, דֶער לִיבְּט וֶוענִיג. 48 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, דֵיינֶע
זִינְד זֶענֶען דִיר פֶערְגֶעבֶּען. 49 אוּן דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם צוּ טִישׁ גֶע־
זֶעסֶען הָאבֶּען אָנְגֶעהוֹיבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ צוּ זָאגֶען, וֶוער אִיז דִיזֶער וָואס אוֹיךְ
זִינְד פֶערְגִיבְּט? 50 אוּן עֶר הָאט צוּ דֶער פְרויא גֶעזָאגְט, דֵיין גְלוֹיבֶּען הָאט
דִיךְ גֶערֶעטֶעט; גֶעה אִין פְרִידֶען.

ח 1 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אִין אַנְדֶערֶען טָאג אַז עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין
שְׁטֶעלִיבֶע שְׁטֶעדְט אוּן דֶערְפֶער, אוּן הָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט אוּן מְבַשֵּׂר גֶעוֶועזֶען
דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט; אוּן דִיא צְוֶועלְף זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶועזֶען, 2 אוּן
אֵיינִיגֶע פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען גֶעהֵיילְט גֶעוָוארֶען פוּן שְׁלֶעכְטֶע גֵייסְטֶער אוּן פוּן
קְרַאנְקְהֵייטֶען, מִרְיָם וָואס אִיז אָנְגֶערוּפֶען הַמַּגְדָּלִית פוּן וֶועלְכֶער זִיבֶּען שֵׁדִים
זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, 3 אוּן יוֹחָנָה, דָאס ווַייבּ פוּן כוּזָא, דֶעם פֶערְוַואלְטֶער פוּן
הוֹרְדוֹס, אוּן שׁוֹשַׁנָּה, אוּן פִילֶע אַנְדֶערֶע, וָואס הָאבֶּען אִיהְם מִיט זֵייעֶר
פֶערְמֶעגֶען בֶּעדִינְט.

4 אוּן וֶוען פִיל לֵייט הָאבֶּען זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט, אוּן זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען
פוּן דִיא שְׁטֶעדְט, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט דוּרְךְ אַ מָשָׁל; 5 דֶער זֵייעֶר אִיז
אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען זֵיין זָאמֶען צוּ זֵייעֶן. אוּן ווִיא עֶר הָאט עֶס גֶעזֵייעט, זֶענֶען
עֶטְלִיכֶע זָאמֶען גֶעפַאלֶען בֵּיים וֶועג, אוּן זֵייא זֶענֶען צוּטְרֶעטֶען גֶעוָוארֶען, אוּן
דִיא פֵייגֶעל פוּן הִימֶעל הָאבֶּען זֵייא אוֹיפְגֶעפְרֶעסֶען. 6 אוּן אַנְדֶערֶע זֶענֶען גֶע־
פַאלֶען אוֹיף דֶעם פֶעלְזֶען, אוּן ווִיא זֵייא זֶענֶען אוֹיפְגֶעגַאנְגֶען זֶענֶען זֵייא פֶער־
דַארְט גֶעוָוארֶען, ווֵייל זֵייא הָאבֶּען קֵיינֶע פֵייכְטִיגְקֵייט נִיט גֶעהַאט. 7 אוּן
אַנְדֶערֶע זֶענֶען גֶעפַאלֶען צְווִישֶׁען דִיא דֶערְנֶער, אוּן דִיא דֶערְנֶער זֶענֶען דֶער־
מִיט אוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבֶּען זֵייא דֶערְשְׁטִיקְט. 8 אוּן אַנְדֶערֶע זֶענֶען גֶעפַאלֶען
אוֹיף דֶעם גוּטֶען גְרוּנְד, אוּן ווִיא זֵייא זֶענֶען אוֹיפְגֶעגַאנְגֶען הָאבֶּען זֵייא פְרוּכְט
גֶעטְרָאגֶען הוּנְדֶערְטְפֶעלְטִיג. וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּ־
פֶען, דֶער וָואס הָאט אוֹיעֶרֶען צוּ הֶערֶען לָאז עֶר הֶערֶען. 9 אוּן זֵיינֶע
תַּלְמִידִים הָאבֶּען אִיהְם גֶעפְרֶעגְט, וָואס זָאל דָאס מָשָׁל מֵיינֶען? 10 אוּן עֶר
הָאט גֶעזָאגְט, צוּ אֵייךְ אִיז גֶעגֶעבֶּען אַז אִיהְר זָאלְט ווִיסֶען דִיא סוֹדוֹת פוּן
דֶעם קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט; אָבֶּער צוּ דִיא אִיבְּרִיגֶע אִין מְשָׁלִים, אַז זֶעהֶענְדִיג
זָעהֶען זֵייא דָאךְ נִיט אוּן הֶערֶענְדִיג פֶערְשְׁטֶעהֶען זֵייא דָאךְ נִיט. 11 אוּן דָאס

ישעיה ו׳ ט׳, י׳, 10

אִיז דָאס מָשָׁל. דֶער זָאמֶען אִיז דָאס וָוארְט פוּן גָאט, 12 אוּן דִיא בֵּיים וֶועג
זֶענֶען דִיא וָואס הֶערֶען, דֶערְנָאךְ קוּמְט דֶער שָׂטָן, אוּן נֶעמְט אַוֶועק דָאס וָוארְט
פוּן זֵייעֶר הַארְץ, אַז זֵייא זָאלֶען נִיט גְלוֹיבֶּען אוּן גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען. 13 אוּן
דִיא אוֹיף דֶעם פֶעלְזֶען זֶענֶען דִיא, וָואס וֶוען זֵייא הֶערֶען נֶעמֶען זֵייא אָן דָאס
וָוארְט מִיט פְרֵיידֶען; אוּן דִיזֶע הָאבֶּען קֵיינֶע וְואוּרְצֶעל נִיט, אוּן פַאר אַ צֵייט
גְלוֹיבֶּען, אָבֶּער אִין דֶער צֵייט פוּן פְּרִיפוּנְג פַאלֶען זֵייא אַפּ. 14 אוּן דִיא
וָואס זֶענֶען גֶעפַאלֶען צְוִוישֶׁען דִיא דֶערְנֶער זֶענֶען דִיא וָואס הֶערֶען, אוּן וִויא
זֵייא גֶעהֶען אַוֶועק זֶענֶען זֵייא דֶערְשְׁטִיקְט דוּרְךְ זָארְג אוּן רֵייכְטוּם אוּן פֶערְ־
גְנִיגֶען פוּן לֶעבֶּען, אוּן בְּרֶענְגֶען קֵיינֶע רֶעכְטֶע פְרוּכְט נִיט. 15 אָבֶּער דִיא אוֹיף
דֶעם גוּטֶען גְרוּנְד זֶענֶען דִיא וָואס הֶערֶען דָאס וָוארְט אִין אֵיין עֶהְרְלִיכֶען אוּן
גוּטֶען הַארְץ, אוּן בֶּעהַאלְטֶען עֶס אוּן בְּרֶענְגֶען פְרוּכְט מִיט גֶעדוּלְד.

16 קֵיינֶער צִינְדֶעט נִיט אָן אַ לַאמְפֶּע אוּן דֶעקְט זִיא צוּ מִיט אַ כְּלִי, אָדֶער
שְׁטֶעלְט זִיא אוּנְטֶער אַ בֶּעט; נֵייעֶרְט מֶען שְׁטֶעלְט זִיא אוֹיף אַ גֶעשְׁטֶעל, כְּדֵי
דִיא וָואס קוּמֶען אַרֵיין זָאלֶען דָאס לִיכְט זֶעהֶען. 17 וָוארִין עֶס אִיז קֵיין זַאךְ
נִיט פֶערְהוֹילֶען, וָואס וֶועט נִיט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען, אוּן קֵיינֶע זַאךְ אִיז נִיט
פֶערְבָּארְגֶען, וָואס וֶועט נִיט צוּ ווִיסֶען גֶעטְהוּן וֶוערֶען, אוּן צוּם לִיכְט קוּמֶען.
18 דְרוּם גִיבְּט אַכְטוּנְג ווִיא אִיהְר הֶערְט; וָוארִין וֶוער עֶס הָאט, צוּ דֶעם וֶועט
גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען, אוּן וֶוער עֶס הָאט נִיט, פוּן דֶעם וֶועט אַוֶועקְגֶענוּמֶען וֶוערֶען
אוֹיךְ דָאס וָואס עֶר מֵיינְט אַז עֶר הָאט.

19 אוּן זֵיינֶע מוּטֶער אוּן זֵיינֶע בְּרִידֶער זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען
נִיט גֶעקָאנְט צוּ אִיהְם צוּטְרֶעטֶען וֶועגֶען דִיא לֵייט. 20 אוּן מֶען הָאט צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, דֵיינֶע מוּטֶער אוּן דֵיינֶע בְּרִידֶער שְׁטֶעהֶען דְרוֹיסֶען אוּן וֶועלֶען דִיךְ
זֶעהֶען. 21 אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, מֵיינֶע מוּטֶער
אוּן מֵיינֶע בְּרִידֶער זֶענֶען דִיא, וָואס הֶערֶען דָאס וָוארְט פוּן גָאט אוּן טְהוּן עֶס.

22 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אָן אֵיינֶעם פוּן דִיא טֶעג, אַז עֶר אוּן זֵיינֶע תַּלְמִידִים
זֶענֶען אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ שִׁיף, אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, לָאזֶען מִיר
אַרִיבֶּערְגֶעהֶען צוּ דִיא אַנְדֶערֶע זֵייט פוּן דֶעם יַם; אוּן זֵייא הָאבֶּען אַוֶועקְגֶע־
שִׁיפְט. 23 אוּן ווִיא זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעשִׁיפְט, אִיז עֶר אֶנְטְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען.
אוּן אַ שְׁטוּרְמְווִינְד אִיז אַרוּפְגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם יַם, אוּן זֵייא זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט
מִיט וַואסֶער, אוּן זֶענֶען גֶעוֶועזֶען אִין אַ סַכָּנָה. 24 אוּן זֵייא זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען
אוּן הָאבֶּען אִיהְם אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן גֶעזָאגְט, מֵייסְטֶער מֵייסְטֶער, מִיר וֶוערֶען
פֶערְלוֹירֶען. אוּן עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט אָנְגֶעשְׁרִיגֶען דֶעם ווִינְד אוּן
דֶעם שְׁטוּרְם פוּן וַואסֶער; אוּן זֵייא הָאבֶּען אוֹיפְגֶעהֶערְט, אוּן עֶס אִיז שְׁטִיל
גֶעוָוארֶען. 25 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, ווָאוּ אִיז אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען? אוּן זֵייא
הָאבֶּען זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען אוּן גֶעוְואוּנְדֶערְט, אוּן הָאבֶּען אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען
גֶעזָאגְט, וָואסְפַאר אֵיינֶער דֶען אִיז דִיזֶער, אַז עֶר בֶּעפֶעהְלְט אַפִילוּ דֶעם ווִינְד
אוּן דָאס וַואסֶער, אוּן זֵייא גֶעהָארְכֶען אִיהְם?

26 אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ צוּגֶעשִׁיפְט צוּ דֶעם לַאנְד פוּן דִיא גְרָשִׁים, וָואס אִיז

אַקֶעגֶען גָלִיל. 27 און וֶוען עֶר אִיז אַרויסְגֶעקוּמֶען אויף דֶעם לַאנְד, הָאט אִיהְם
אַ מַאן בֶּעגֶעגֶענְט וָואס אִיז פוּן דֶער שְׁטָאדְט גֶעקוּמֶען, וָואס הָאט שֵׁדִים
גֶעהַאט; און פַאר אַ לַאנְגֶע צֵייט הָאט עֶר קֵיינֶע קְלֵיידֶער נִיט אָנְגֶעטְהוּן, און
הָאט נִיט אִין אַ הויז גֶעוָואוינְט, נֵייעֶרְט צְוִוישֶׁען דִיא קְבָרִים. 28 און וֶוען עֶר הָאט
יֵשׁוּעַ דֶערְזֶעהֶען, אִיז עֶר פָאר אִיהְם אַנִידֶערְגֶעפַאלֶען, און הָאט גֶעשְׁרִיגֶען מִיט
אַ הויךְ קוֹל, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט דִיר צוּ טְהוּן, יֵשׁוּעַ זוּהְן פוּן גָאט דֶעם
אויבֶּערְשְׁטֶען? אִיךְ בֶּעט דִיךְ, פְּלָאג מִיךְ נִיט. 29 וָוארִין עֶר הָאט דֶעם אוּנְ־
רֵיינֶען גֵייסְט גֶעבָּאטֶען אַז עֶר זָאל אַרויסְגֶעהֶען פוּן דֶעם מַאן. וָוארִין עֶר הָאט
אִיהְם אָפְטְמָאל גֶעחַאפְּט, און מֶען הָאט אִיהְם מִיט קֶעטֶען און מִיט בֶּענְדֶער גֶעבּוּנְ־
דֶען און עֶר אִיז בֶּעוַואכְט גֶעוָוארֶען; און עֶר הָאט דִיא בֶּענְדֶער צוּרִיסֶען, און אִיז
גֶעטְרִיבֶּען גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם שֵׁד אִין דִיא וִויסְטֶע עֶרְטֶער אַרֵיין. 30 און יֵשׁוּעַ
הָאט אִיהְם גֶעפְרֶעגְט, וָואס אִיז דֵיין נָאמֶען? און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, לְגִיוֹן, וָוארִין
פִילֶע שֵׁדִים זֶענֶען אִין אִיהְם אַרֵיינְגֶעקוּמֶען. 31 און זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעבֶּע־
טֶען אַז עֶר זָאל זֵייא נִיט בֶּעפֶעהְלֶען אִין דֶער טִיפֶענֶעס אַרֵיינְצוּגֶעהֶען. 32 און
עֶס אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ סְטַאדֶע פוּן פִילֶע חֲזִירִים וָואס הָאבֶּען זִיךְ גֶעפַּאשְׁט
אויף דֶעם בַּארְג; און זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל זֵייא דֶערְלויבֶּען
אִין דִיזֶע אַרֵיינְצוּגֶעהֶען; און עֶר הָאט זֵייא דֶערְלויבְּט. 33 און דִיא שֵׁדִים זֶענֶען
פוּן דֶעם מַאן אַרויסְגֶעגַאנְגֶען, און זֶענֶען אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אִין דִיא חֲזִירִים, און
דִיא סְטַאדֶע הָאט זִיךְ אַרוּפְגֶעשְׁטִירְצְט פוּן דֶעם מְשׁוּפֶּעדִיגֶען אָרְט אִים יַם
אַרֵיין, און זֶענֶען דֶערְשְׁטִיקְט גֶעוָוארֶען. 34 און וֶוען דִיא הִירְטֶען הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען
וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶען, זֶענֶען זֵייא אַוֶועקְגֶעלָאפֶען, און הָאבֶּען עֶס דֶערְצֶעהְלְט
אִין דִיא שְׁטֶעדְט און אִין דִיא פֶעלְדֶער. 35 און זֵייא זֶענֶען אַרויסְגֶעגַאנְגֶען צוּ
זֶעהֶען וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶען, און זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ יֵשׁוּעַ, און הָאבֶּען דֶעם מַאן
גֶעפִינֶען פוּן וֶועלְכֶעם דִיא שֵׁדִים זֶענֶען אַרויסְגֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעקְלֵייד און בֵּיים שֵׂכֶל
זִיצֶען צוּ דִיא פִּיס פוּן יֵשׁוּעַ, און זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען. 36 און דִיא וָואס
הָאבֶּען עֶס גֶעזֶעהֶען הָאבֶּען דֶערְצֶעהְלְט וִויא אַזוֹי דֶער וָואס הָאט דִיא שֵׁדִים
גֶעהַאט אִיז גֶעהֵיילְט גֶעוָוארֶען. 37 און דָאס גַאנְצֶע פָאלְק פוּן דֶער גֶעגֶענְד פוּן
דִיא גְרָשִׁים הָאבֶּען אִיהְם גֶעבֶּעטֶען, אַז עֶר זָאל פוּן זֵייא אַוֶועקְגֶעהֶען, וָוארִין
אַ גְרויסֶע פָארְכְט הָאט זֵייא אָנְגֶענוּמֶען; און עֶר אִיז אִין אַ שִׁיף אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען
און הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט. 38 און דֶער מַאן פוּן וֶועלְכֶעם דִיא שֵׁדִים זֶענֶען
אַרויסְגֶעגַאנְגֶען הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל מִיט אִיהְם זֵיין; אָבֶּער יֵשׁוּעַ
הָאט אִיהְם אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט און גֶעזָאגְט, 39 גֶעה צוּרִיק צוּ דֵיין הויז און דֶערְצֶעהְל
וָואסְפַאר גְרויסֶע זַאכֶען גָאט הָאט צוּ דִיר גֶעטְהוּן. און עֶר אִיז דוּרְךְ דִיא
גַאנְצֶע שְׁטָאדְט גֶעגַאנְגֶען און הָאט אויסְגֶערוּפֶען וָואסְפַאר גְרויסֶע זַאכֶען יֵשׁוּעַ
הָאט צוּ אִיהְם גֶעטְהוּן.

40 און עֶס אִיז גֶעוֶוען וִויא יֵשׁוּעַ הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט, הָאבֶּען אִיהְם דִיא
לֵייט אויפְגֶענוּמֶען; וָוארִין זֵייא הָאבֶּען אַלֶע אויף אִיהְם גֶעוַוארְט. 41 און זֶעה, עֶס
אִיז גֶעקוּמֶען אַ מַאן וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען יָאִיר, און עֶר אִיז עֶלְצְטֶער פוּן דֶער

שוּל גֶעוֶוען; אוּן עֶר אִיז יֵשׁוּעַ צוּ דִיא פִּיס גֶעפַאלֶען, אוּן הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטֶען
אַז עֶר זָאל אִין זַיין הויז אַרַיינְקוּמֶען; 42 וָוארִין עֶר הָאט גֶעהַאט אֵיין אֵיינְצִיגֶע
טָאכְטֶער קֶעגֶען צְוֶועלְף יָאהְר אַלְט, אוּן זִיא אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען. אוּן וִויא עֶר
אִיז גֶעגַאנְגֶען הָאבֶּען אִיהְם דִיא לֵייט גֶעשְׁטִיפְּט.
43 אוּן אַ פְּרוֹיא וָואס הָאט גֶעהַאט אַ בְּלוּטְגַאנְג צְוֶועלְף יָאהְר, אוּן הָאט
פֶערְבְּרַאכְט אִיהְר גַאנְצֶעס פֶערְמֶעגֶען אוֹיף דָאקְטָארֶען, אוּן הָאט בֵּייא קֵיינֶעם נִיט
גֶעקֶענְט גֶעהֵיילְט וֶוערֶען, 44 זִיא אִיז פוּן הִינְטֶער צוּגֶעקוּמֶען, אוּן הָאט אָנְגֶע־
רִיהְרְט דִיא צִיצִית פוּן זַיינֶעם קְלֵייד. אוּן גְלֵייךְ אִיז אִיהְר בְּלוּטְגַאנְג גֶעבְּלִיבֶּען
שְׁטֶעהֶען. 45 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער הָאט מִיךְ אָנְגֶערִיהְרְט? אוּן וֶוען
אַלֶע הָאבֶּען גֶעלֵייקֶענְט, פֶּעטְרוֹס אוּן דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶוען הָאבֶּען
גֶעזָאגְט, מֵייסְטֶער, דִיא לֵייט דְרֶענְגֶען אוּן דְרִיקֶען דִיךְ. 46 אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט
גֶעזָאגְט, אֵיימִיצֶער הָאט מִיךְ אָנְגֶערִיהְרְט; וָוארִין אִיךְ וֵוייס אַז גְבוּרָה אִיז פוּן
מִיר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען. 47 אוּן וֶוען דִיא פְּרוֹיא הָאט גֶעזֶעהֶען אַז זִיא אִיז נִיט
פֶערְבָּארְגֶען גֶעוֶוען, הָאט זִיא גֶעצִיטֶערְט אוּן אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אִיז פָאר אִיהְם
אַנִידֶערְגֶעפַאלֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט פָאר דֶעם גַאנְצֶען פָאלְק וָוארוּם זִיא הָאט
אִיהְם אָנְגֶערִיהְרְט, אוּן וִויא זִיא אִיז גְלֵייךְ גֶעהֵיילְט גֶעוָוארֶען. 48 אוּן עֶר הָאט
צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, טָאכְטֶער, דַיין גְלוֹיבֶּען הָאט דִיךְ גֶערֶעטֶעט; גֶעה אִין פְרִידֶען.
49 דֶערְוַוייל עֶר הָאט נָאךְ גֶעשְׁפְּרָאכֶען, אִיז אֵיינֶער גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם עֶלְצְ־
טֶען פוּן דֶער שׁוּל, אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דֵיינֶע טָאכְטֶער אִיז טוֹיט,
בֶּעמִיה דֶעם לֶעהְרֶער נִיט מֶעהְר. 50 אָבֶּער יֵשׁוּעַ וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט,
הָאט אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט, פָארְכְט דִיךְ נִיט, גְלוֹיב נוּר, אוּן זִיא וֶועט גֶערֶעטֶעט
וֶוערֶען. 51 אוּן וֶוען עֶר אִיז אִים הויז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר קֵיינֶעם נִיט
גֶעלָאזְט מִיט אִיהְם אַרַיינְקוּמֶען, אוֹיסֶער פֶּעטְרוֹס אוּן יַעֲקֹב אוּן יוֹחָנָן, אוּן דֶעם
פָאטֶער אוּן דִיא מוּטֶער פוּן דֶעם קִינְד. 52 אוּן זַייא הָאבֶּען אַלֶע גֶעוֵויינְט, אוּן
הָאבֶּען אִיבֶּער אִיהְר גֶעקְלָאגְט. אָבֶּער עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וֵויינְט נִיט; זִיא אִיז
נִיט טוֹיט, נֵייעֶרְט זִיא שְׁלָאפְט. 53 אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם אוֹיסְגֶעלַאכְט, וָוארִין
זַייא הָאבֶּען גֶעוְואוּסְט אַז זִיא אִיז טוֹיט. 54 אָבֶּער עֶר הָאט זִיא אָנְגֶענוּמֶען בֵּייא
דֶער הַאנְד, אוּן הָאט גֶערוּפֶען אוּן גֶעזָאגְט, מֶעדֶעל, שְׁטֶעה אוֹיף. 55 אוּן אִיהְר
גֵייסְט אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, אוּן זִיא אִיז בַּאלְד אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען; אוּן עֶר הָאט
בֶּעפוֹילֶען מֶען זָאל אִיהְר גֶעבֶּען צוּ עֶסֶען. 56 אוּן אִיהְרֶע עֶלְטֶערְן הָאבֶּען זִיךְ
זֶעהְר פֶערְוְואוּנְדֶערְט; אָבֶּער עֶר הָאט זַייא אָנְגֶעזָאגְט אַז זַייא זָאלֶען קֵיינֶעם
נִיט זָאגֶען וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶען.

ט 1 אוּן עֶר הָאט צוּנוֹיפְגֶערוּפֶען דִיא צְוֶועלְף תַּלְמִידִים, אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעמַאכְט
אוּן גֶעוַואלְט גֶעגֶעבֶּען אִיבֶּער אַלֶע שֵׁדִים, אוּן צוּ הֵיילֶען קְרַאנְקְהֵייטֶען. 2 אוּן
עֶר הָאט זַייא אוֹיסְגֶעשִׁיקְט צוּ פְּרֶעדִיגֶען דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט אוּן צוּ הֵיי־
לֶען; 3 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, נֶעמְט גָאר נִיט מִיט אוֹיף דֶעם וֶועג,
קֵיין שְׁטֶעקֶען, אוּן קֵיין זַאק, אוּן קֵיין בְּרוֹיט, אוּן קֵיין זִילְבֶּער, אוּן הָאט נִיט
צְווֵייא רֶעק פַאר אֵיין מַאן. 4 אוּן אִין וָואסְפַאר אַ הויז אִיהְר וֶועט אַרַיינְקוּמֶען,

דָארְט בְּלֵייבְּט אוּן פוּן דַאנֶען גֶעהְט אַרוֹיס. 5 אוּן דִיא וָואס וֶועלֶען אֵייךְ נִיט
אוֹיפְנֶעמֶען, וֶוען אִיהְר גֶעהְט אַרוֹיס פוּן יֶענֶער שְׁטָאדְט, אַזוֹי שָׁאקֶעלְט אָפּ
דֶעם שְׁטוֹיבּ פוּן אֵייעֶרֶע פִּיס פַאר אֵיין עֵדוּת צוּ זֵייא. 6 אוּן זֵייא זֶענֶען אַרוֹיסְ־
גֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין דִיא דֶערְפֶער, אוּן הָאבֶּען גֶעפְּרֶעדִיגְט
דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה אִין אַלֶע עֶרְטֶער אוּן הָאבֶּען גֶעהֵיילְט.

7 אוּן הוֹרְדוֹס דֶער פִיעֶרְפִירְשְׁט הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַלֶע זַאכֶען וָואס זֶענֶען
גֶעטְהוּן גֶעוָוארֶען; אוּן עֶר אִיז בֶּעזָארְגְט גֶעוֶועזֶען, ווייל עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען גֶעזָאגְט,
אַז יוֹחָנָן אִיז פוּן דִיא טוֹיטֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, 8 אוּן עֶטְלִיכֶע אַז אֵלִיָה הָאט
זִיךְ בֶּעווִיזֶען, אוּן אַנְדֶערֶע אַז אֵיינֶער פוּן דִיא אַלְטֶע נְבִיאִים אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶ־
גֶען. 9 אָבֶּער הוֹרְדוֹס הָאט גֶעזָאגְט, יוֹחָנָן הָאבּ אִיךְ דֶעם קָאפּ אַפְּגֶענוּמֶען;
אָבֶּער וֶוער אִיז דִיזֶער פוּן וֶועלְכֶעם אִיךְ הֶער אַזֶעלְכֶע זַאכֶען? אוּן עֶר הָאט
אִיהְם גֶעזוּכְט צוּ זֶעהֶען.

10 אוּן דִיא שְׁלוּחִים זֶענֶען אוּמְגֶעקֶעהְרְט, אוּן הָאבֶּען אִיהְם דֶערְצֶעהְלְט אַלֶעס
וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעטְהוּן. אוּן עֶר הָאט זֵייא גֶענוּמֶען, אוּן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען
בֵּייא זִיךְ זֶעלְבְּסְט צוּ אַ שְׁטָאדְט וָואס הֵייסְט בֵּית־צַיְדָה. 11 אָבֶּער דִיא לֵייט
וֶוען זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעוְואוּסְט זֶענֶען אִיהְם נָאכְגֶעגַאנְגֶען; אוּן עֶר הָאט זֵייא
אוֹיפְגֶענוּמֶען, אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶערֶעט וֶועגֶען דֶעם קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט, אוּן
עֶר הָאט גֶעהֵיילְט דִיא וָואס הָאבֶּען בֶּעדַארְפְט אַ רְפוּאָה. 12 אוּן דֶער טָאג
הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען פַארְבֵּייא צוּ גֶעהֶען; אוּן דִיא צְוֶועלְף זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן
הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, שִׁיק דִיא לֵייט אַוֶועק, אַז זֵייא זָאלֶען אַרוּמְגֶעהֶען
אִין דִיא דֶערְפֶער אוּן דִיא פֶעלְדֶער, אוּן זָאלֶען אִיבֶּערְנֶעכְטִיגֶען אוּן שְׁפֵּייז בֶּעְ־
קוּמֶען; וָוארִין מִיר זֶענֶען דָא אִין אַ ווִיסְטֶען אָרְט. 13 אָבֶּער עֶר הָאט צוּ זֵייא
גֶעזָאגְט, גִיבְּט אִיהְר זֵייא צוּ עֶסֶען. אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, מִיר הָאבֶּען נִיט
מֶעהְר ווִיא פִינְף בְּרוֹיט אוּן צְווייא פִישׁ, סַיידֶען מִיר זָאלֶען גֶעהֶען אוּן זָאלֶען
קוֹיפֶען עֶסֶען פַאר דֶעם גַאנְצֶען פָאלְק. 14 וָוארִין זֵייא זֶענֶען גֶעוֶוען קֶענֶען
פִינְף טוֹיזֶענְד מֶענְשֶׁען. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיינֶע תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט, זֶעצְט זֵייא
אַנִידֶער אִין חֲבוּרוֹת צוּ פִינְפְצִיג. 15 אוּן זֵייא הָאבֶּען אַזוֹי גֶעטְהוּן, אוּן הָאבֶּען
זֵייא אַלֶע אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט. 16 אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִיא פִינְף בְּרוֹיט אוּן דִיא
צְווייא פִישׁ, אוּן הָאט אַרוֹיפְגֶעקוּקְט צוּם הִימֶעל, אוּן הָאט אִיבֶּער זֵייא אַ
בְּרָכָה גֶעמַאכְט, אוּן הָאט זֵייא צוּבְּרָאכֶען אוּן גֶעגֶעבֶּען צוּ דִיא תַּלְמִידִים
אַז זֵייא זָאלֶען זֵייא פָאר דִיא לֵייט לֶעגֶען. 17 אוּן זֵייא הָאבֶּען אַלֶע גֶעגֶעסֶען אוּן
זֶענֶען זַאט גֶעוָוארֶען; אוּן זֵייא הָאבֶּען אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען
צְוֶועלְף קֶערְבּ פוּל בְּרֶעקְלֶעךְ.

18 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וֶוען עֶר הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבֶּעטֶען, דִיא תַּלְמִידִים
זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶועזֶען; אוּן עֶר הָאט זֵייא גֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט, וֶוער
זָאגֶען דִיא לֵייט אַז אִיךְ בִּין? 19 אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט,
יוֹחָנָן דֶעם מְטַבֵּל. אָבֶּער אַנְדֶערֶע זָאגֶען אֵלִיָה, אוּן אַנְדֶערֶע אַז אֵיינֶער
פוּ דִיא אַלְטֶע נְבִיאִים אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען. 20 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט,

לוקאס ט

אָבֶּער װָער זָאגְט אִיהְר אַז אִיך בִּין? און פֶּעטְרוּס הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און
גֶעזָאגְט, דֶער מָשִׁיחַ פוּן גָאט. 21 און עֶר הָאט זֵייא אָנְגֶעשְׁרִיגֶען, און הָאט
זֵייא בֶּעפוֹילֶען אַז זֵייא זָאלֶען דָאס קֵיינֶעם נִיט זָאגֶען; 22 און עֶר הָאט
גֶעזָאגְט, דֶער בֶּן אָדָם מוּז פִיל לֵיידֶען, און פֶערְוָוארְפֶען װֶערֶען פוּן דִיא עֶלְצְ־
טֶע און עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים און דִיא סוֹפְרִים, און גֶעטֵייטֶעט װֶערֶען, און דֶעם
דְרִיטֶען טָאג אוֹיפְשְׁטֶעהֶען.
23 און עֶר הָאט צוּ אַלֶע גֶעזָאגְט, װֶער עֶס װִיל מִיר נָאכְקוּמֶען לָאז עֶר זִיך
זֶעלְבְּסְט פֶערְלֵייקֶענֶען, און זֵיין קְרֵייץ טֶעגְלִיך אוֹיפְנֶעמֶען און מִיר נָאכְפָאלְגֶען.
24 וָוארִין װֶער עֶס װִיל זֵיינֶע זֶעלֶע רֶעטֶען, דֶער װֶעט זִיא פֶערְלִירֶען; אָבֶּער
װֶער עֶס װֶעט זֵיינֶע זֶעלֶע פֶערְלִירֶען פוּן מֵיינֶעט װֶעגֶען, דֶער זָאל זִיא רֶעטֶען.
25 וָוארִין וָואס הֶעלְפְט עֶס דֶעם מֶענְשֶׁען װֶען עֶר װֶעט דִיא גַאנְצֶע װֶעלְט גֶע־
װִינֶען, און זִיך אַלֵיין פֶערְלִירֶען אָדֶער בֶּעשֶׁעדִיגְט װֶערֶען? 26 וָוארִין װֶער עֶס
װֶעט זִיך שֶׁעהְמֶען מִיט מִיר און מֵיינֶע װֶערְטֶער, מִיט דֶעם װֶעט זִיך דֶער
בֶּן אָדָם שֶׁעהְמֶען, װֶען עֶר װֶעט קוּמֶען אִין זֵיינֶע הֶערְלִיכְקֵייט, און אִין דֶער
הֶערְלִיכְקֵייט פוּן זֵיין פָאטֶער און פוּן דִיא הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים. 27 און בֶּאֱמֶת זָאג
אִיך אֵייך, עֶס זֶענֶען גֶעװֶען עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא וָואס שְׁטֶעהֶען דָא, וָואס װֶעלֶען
נִיט פֶערְזוּכֶען דֶעם טוֹיט, בִּיז זֵייא װֶעלֶען זֶעהֶען דָאס קֶענִיגְרֵייך פוּן גָאט.
28 און עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען קֶעגֶען אַכְט טָאג נָאך דִיזֶע רֶעד הָאט עֶר גֶענוּ־
מֶען פֶּעטְרוּס און יוֹחָנָן און יַעֲקֹב, און אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג
צוּ בֶּעטֶען. 29 און עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען װִיא עֶר הָאט גֶעבֶּעטֶען, הָאט זִיך דִיא
גֶעשְׁטַאלְט פוּן זֵיין פָּנִים פֶערְעֶנְדֶערְט, און זֵיינֶע קְלֵיידוּנְג אִיז װֵייס גֶעוָוארֶען
און הָאט גֶעגְלַאנְצְט. 30 און זֶעה, צְוֵוייא מֶענֶער הָאבֶּען מִיט אִיהְם גֶערֶעט,
װֶעלְכֶע זֶענֶען גֶעװֶען מֹשֶׁה און אֵלִיָה; 31 װֶעלְכֶע הָאבֶּען זִיך אִין הֶערְלִיכְקֵייט
בֶּעװִיזֶען, און הָאבֶּען גֶערֶעט װֶעגֶען זֵיין אוֹיסְגַאנְג, וָואס עֶר װֶעט דֶערְפִילֶען אִין
יְרוּשָׁלַיִם. 32 אָבֶּער פֶּעטְרוּס און דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעװֶען הָאבֶּען
שְׁטַארְק גֶעשְׁלָאפֶען, און װֶען זֵייא זֶענֶען אוֹיפְגֶעװַאכְט, הָאבֶּען זֵייא גֶעזֶעהֶען
זֵיינֶע הֶערְלִיכְקֵייט און דִיא צְוֵוייא מֶענֶער וָואס זֶענֶען בֵּייא אִיהְם גֶעשְׁטַאנֶען.
33 און עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען װִיא זֵייא זֶענֶען פוּן אִיהְם אַװֶעקְגֶעגַאנְגֶען, הָאט
פֶּעטְרוּס צוּ יֵשׁוּעַ גֶעזָאגְט, מֵייסְטֶער, עֶס אִיז גוּט פַאר אוּנְז דָא צוּ זֵיין; און לָא־
זֶען מִיר מַאכֶען דְרֵייא גֶעצֶעלְטֶען, אֵיינְס פַאר דִיר, און אֵיינְס פַאר מֹשֶׁה, און
אֵיינְס פַאר אֵלִיָה; וָוארִין עֶר הָאט נִיט גֶעװוּסְט וָואס עֶר זָאגְט. 34 און
דֶערְװֵייל עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט אִיז אַ וָואלְקֶען גֶעקוּמֶען און הָאט זֵייא אִיבֶּערְ־
גֶעדֶעקְט; און זֵייא הָאבֶּען זִיך גֶעפָארְכְטֶען װִיא זֵייא זֶענֶען אִין דֶער וָואלְקֶען
אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען. 35 און עֶס אִיז גֶעװֶען אַ קוֹל פוּן דֶער וָואלְקֶען, וָואס הָאט
גֶעזָאגְט, דִיזֶער אִיז מֵיין אוֹיסְדֶערְװֶעהְלְטֶער זוּהְן, הֶערְט אִיהְם צוּ. 36 און װֶען
דָאס קוֹל אִיז פַארְבֵּייא גֶעוָוארֶען, אִיז יֵשׁוּעַ אַלֵיין גֶעפִינֶען; און זֵייא הָאבֶּען
גֶעשְׁוִויגֶען, און הָאבֶּען קֵיינֶעם נִיט דֶערְצֶעהְלְט אִין יֶענֶע טֶעג קֵיין זַאך וָואס
זֵייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען.

37 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׂעהֶען אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג, וָוען זַייא זֶענֶען פוּן דֶעם
בַּארְג אַרוּפְּגֶעגַאנְגֶען, הָאבֶּען אִיהְם פִיל לֵייט בֶּעגֶעגֶענְט. 38 אוּן זֶעה, אַ מַאן
פוּן דִיא לֵייט הָאט גֶעשְׂרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט, לֶעהְרֶער, אִיךְ בֶּעט דִיךְ אַז דוּא
זָאלְסְט אוֹיף מֵיינֶעם זוּהְן אַנְזֶעהֶען, וָוארִין עֶר אִיז מֵיין אֵיינְצִיגֶער; 39 אוּן זֶעה,
אַ גֵייסְט נֶעמְט אִיהְם, אוּן עֶר שְׂרֵייט פְּלוּצְלִינְג אוּן רֵייסְט אִיהְם בִּיז עֶר
שׂוּימְט, אוּן קוֹים גֶעהְט עֶר פוּן אִיהְם אַוֶועק, וָוען עֶר הָאט אִיהְם צוּשְׂטוֹיסֶען.
40 אוּן אִיךְ הָאבּ דֵיינֶע תַּלְמִידִים גֶעבֶּעטֶען, אַז זַייא זָאלֶען אִיהְם אַרוֹיסְטְרֵייבֶּען;
אוּן זַייא הָאבֶּען נִיט גֶעקֶענְט. 41 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, אֵיין
אוּנְגְלוֹיבִּיגֶעס אוּן פֶערְקֶעהְרְטֶעס דוֹר, וִויא לַאנְג וֶועל אִיךְ מִיט אֵייךְ זַיין אוּן
מִיט אֵייךְ גֶעדוּלְד הָאבֶּען? בְּרֶענְג דֵיין זוּהְן אַהֶער. 42 אוּן דֶערְוֵוייל עֶר הָאט
זִיךְ גֶענֶעהֶנְט, הָאט אִיהְם דֶער שֵׁד צוּרִיסֶען אוּן גֶעמִיטְשֶׂעט. אוּן יֵשׁוּעַ הָאט
דֶעם אוּנְרֵיינֶען גֵייסְט אָנְגֶעשְׂרִיגֶען, ,אוּן הָאט דָאס קִינְד גֶעהֵיילְט, אוּן הָאט
אִיהְם צוּ זַיין פָאטֶער גֶעגֶעבֶּען. 43 אוּן זַייא זֶענֶען אַלֶע עֶרְשְׂטוֹינְט גֶעוָוארֶען
אִיבֶּער דֶער גְדוּלָה פוּן גָאט.

אוּן וִויא אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ פֶערְוְואוּנְדֶערְט אִיבֶּער אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶע־
טְהוּן, הָאט עֶר צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט, 44 לֶעגְט אִיהְר אִין אֵייעֶרֶע אוֹיעֶרֶען
דִיזֶע וֶוערְטֶער; וָוארִין דֶער בֶּן אָדָם וֶועט אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען אִין דִיא
הֶענְד פוּן מֶענְשֶׁען. 45 אָבֶּער זַייא הָאבֶּען דִיזֶע זַאךְ נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען, אוּן
עֶס אִיז פוּן זַייא פֶערְבָּארְגֶען גֶעוָוארֶען, אַז זַייא זָאלֶען עֶס נִיט בֶּעגְרֵייפֶען;
אוּן זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען אִיהְם וֶועגֶען דִיא דָאזִיגֶע זַאךְ צוּ פְרֶעגֶען.
46 אוּן עֶס אִיז אַ גֶעדַאנְקֶען אִין זַייא אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, וֶועלְכֶער פוּן זַייא זָאל דֶער גְרֶע־
סֶערֶער זַיין. 47 אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט גֶעוְואוּסְט דִיא גֶעדַאנְקֶען פוּן זֵייעֶר הַארְץ, אוּן
הָאט גֶענוּמֶען אַ קְלֵיין קִינְד, אוּן הָאט עֶס בֵּייא זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט, 48 אוּן הָאט
צוּ זַייא גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט דִיזֶעס קְלֵיינֶע קִינְד אוֹיפְנֶעמֶען אִין מֵיין נָאמֶען,
דֶער נֶעמְט מִיךְ אוֹיף; אוּן וֶוער עֶס וֶועט מִיךְ אוֹיפְנֶעמֶען, דֶער נֶעמְט אוֹיף
דֶעם וָואס הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט; וָוארִין וֶוער עֶס אִיז דֶער קְלֵיינְסְטֶער צְווִישֶׁען
אֵייךְ אַלֶע, דֶער אִיז גְרוֹיס. 49 אוּן יוֹחָנָן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, מֵייסְ־
טֶער, מִיר הָאבֶּען אֵיימִיצֶען גֶעזֶעהֶען וָואס טְרֵייבְּט אַרוֹיס שֵׁדִים אִין דֵיין
נָאמֶען, אוּן מִיר הָאבֶּען אִיהְם פֶערְוֶועהְרְט, וֵוייל עֶר פָאלְגְט נִיט אוּנְז נָאךְ.
50 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, פֶערְוֶועהְרְט אִיהְם נִיט; וָוארִין וֶוער עֶס
אִיז נִיט קֶעגֶען אוּנְז, דֶער אִיז פַאר אוּנְז.

51 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׂעהֶען וֶוען דִיא טֶעג זֶענֶען דֶערְפִילְט גֶעוֶועזֶען אַז עֶר זָאל
אַרוֹיפְגֶענוּמֶען וֶוערֶען, אַזוֹי הָאט עֶר זַיין פָּנִים שְׁטַארְק גֶעקֶעהְרְט אַז עֶר זָאל
גֶעהֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם; 52 אוּן עֶר הָאט שְׁלוּחִים פָאר זִיךְ גֶעשִׁיקְט. אוּן זַייא
זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען אִין אַ דָארְף פוּן דִיא שׁוֹמְרוֹנִים אַרֵיינְגֶעקוּמֶען,
כְּדֵי זַייא זָאלֶען פַאר אִיהְם אָנְבְּרֵייטֶען. 53 אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם נִיט אָנְגֶע־
נוּמֶען, וֵוייל זַיין פָּנִים אִיז גֶעוֶועזֶען אַזוֹי וִויא עֶר וָואלְט קֵיין יְרוּשָׁלַיִם גֶעהֶען.
54 אוּן וֶוען דִיא תַּלְמִידִים יַעֲקֹב אוּן יוֹחָנָן הָאבֶּען דָאס גֶעזֶעהֶען הָאבֶּען זַייא

גֶעזָאגְט, הַאר, ווִילְסְט דוּא אַז מִיר זָאלֶען הֵייסֶען פֵייעֶר פוּן הִימֶעל אַרוּפְּקוּ־
מֶען אוּן זֵייא פֶערְצֶעהְרֶען? 55 אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט, אוּן הָאט
זֵייא אָנְגֶעשְׂרִיגֶען. 56 אוּן זֵייא זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין אֵיין אַנְדֶערֶען דָארְף.
57 אוּן ווִיא זֵייא זֶענֶען אוֹיף דֶעם וֶועג גֶעגַאנְגֶען, הָאט אַ מַאן צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל דִיר נָאכְפָאלְגֶען ווְאוּ אַהִין דוּא וֶועסְט גֶעהֶען. 58 אוּן
יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דִיא פוּקְסֶען הָאבֶּען לֶעבֶער, אוּן דִיא פֵייגֶעל
פוּן דֶעם הִימֶעל הָאבֶּען נֶעסְטֶען, אָבֶּער דֶער בֶּן אָדָם הָאט נִיט ווְאוּ דֶעם
קָאפּ אַנִידֶערְצוּלֶעגֶען. 59 אוּן עֶר הָאט צוּ אֵיין אַנְדֶערֶען גֶעזָאגְט, פָאלְג מִיר
נָאךְ. אָבֶּער עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דֶערְלוֹיבּ מִיר, אַז אִיךְ זָאל צוּעֶרְשְׁט גֶעהֶען
מֵיין פָאטֶער צוּ בֶּעגְרָאבֶּען. 60 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, לָאזֶען דִיא
טוֹיטֶע זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע טוֹיטֶע בֶּעגְרָאבֶּען; אָבֶּער גֶעה דוּא אַוֶועק אוּן מַאךְ
בֶּעקַאנְט דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט. 61 אוּן אוֹיךְ אֵיין אַנְדֶערֶער הָאט גֶעזָאגְט,
הַאר, אִיךְ וֶועל דִיר נָאכְפָאלְגֶען, אָבֶּער דֶערְלוֹיבּ מִיר צוּעֶרְשְׁט אַז אִיךְ זָאל
מִיךְ גֶעזֶעגְנֶען מִיט מֵיין הוֹיזְגֶעזִינְד. 62 אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
קֵיין מֶענְשׁ ווָאס לֶעגְט זֵיינֶע הַאנְד צוּם אַקֶער אוּן קוּקְט הִינְטֶער זִיךְ טוֹיגְט
פַאר דֶעם קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט.
י 1 נָאךְ דִיזֶע זַאכֶען הָאט דֶער הַאר אָנְגֶעשְׁטֶעלְט נָאךְ זִיבְּצִיג אַנְדֶערֶע, אוּן
הָאט זֵייא אוֹיסְגֶעשִׁיקְט צוּ צְווֵייא פָאר אִיהְם, אִין אִיטְלִיכֶער שְׁטָאדְט אוּן אָרְט
אַרֵיין, ווְאוּ אַהִין עֶר אַלֵיין הָאט גֶעווָאלְט קוּמֶען. 2 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶע־
זָאגְט, דֶער קָארְנְשְׁנִיט אִיז גְרוֹיס, אָבֶּער דִיא אַרְבֵּייטֶער זֶענֶען וֶוענִיג; דְרוּם
בֶּעט צוּם הַאר'ן פוּן דֶעם קָארְנְשְׁנִיט, אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְשִׁיקֶען אַרְבֵּייטֶער צוּ
זֵיין קָארְנְשְׁנִיט. 3 גֶעהְט אַוֶועק; זֶעה, אִיךְ שִׁיק אֵייךְ אוֹיס ווִיא שָׁאף צְווִישֶׁען
וֶועלְף. 4 טְרָאגְט נִיט קֵיין בֵּייטֶעל, נִיט קֵיינֶע רֵייזֶע טַאשׁ, נִיט קֵיינֶע שִׁיךְ, אוּן
גְרִיסְט קֵיינֶעם נִיט אוֹיף דֶעם וֶועג. 5 אוּן אִין ווָאסְפַאר אַ הוֹיז אִיהְר וֶועט
אַרֵיינְקוּמֶען, זָאגְט צוּעֶרְשְׁט, פְרִידֶען צוּ דִיזֶעם הוֹיז. 6 אוּן וֶוען דֶער זוּהְן פוּן
פְרִידֶען וֶועט דָארְט זֵיין, וֶועט אֵייעֶר פְרִידֶען אוֹיף אִיהְם רוּהֶען; אוּן וֶוען נִיט,
וֶועט עֶס זִיךְ צוּ אֵייךְ אוּמְקֶעהְרֶען. 7 אוּן בְּלֵייבְּט אִין דֶעמְזֶעלְבִּיגֶען הוֹיז, אוּן
עֶסְט אוּן טְרִינְקְט ווָאס זֵייא הָאבֶּען; ווָארִין דֶער אַרְבֵּייטֶער אִיז וֶוערְט זֵיין
שְׂכַר; גֶעהְט נִיט פוּן הוֹיז צוּ הוֹיז. 8 אוּן אִין ווָאסְפַאר אַ שְׁטָאדְט אִיהְר וֶועט
אַרֵיינְקוּמֶען, אוּן זֵייא וֶועלֶען אֵייךְ אוֹיפְנֶעמֶען, עֶסְט ווָאס מֶען שְׁטֶעלְט פָאר
אֵייךְ; 9 אוּן הֵיילְט דִיא ווָאס זֶענֶען דָארְט קְרַאנְק, אוּן זָאגְט צוּ זֵייא, דָאס
קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט אִיז צוּ אֵייךְ נָאהֶענְט גֶעקוּמֶען. 10 אוּן אִין ווָאסְפַאר אַ
שְׁטָאדְט אִיהְר וֶועט אַרֵיינְקוּמֶען, אוּן זֵייא וֶועלֶען אֵייךְ נִיט אוֹיפְנֶעמֶען, גֶעהְט
אַרוֹיס אִין אִיהְרֶע גַאסֶען אוּן זָאגְט, 11 אַפִילוּ דֶעם שְׁטוֹיבּ ווָאס קְלֶעבְּט אָן
אוּנְזֶערֶע פִיס פוּן אֵייעֶרֶע שְׁטָאדְט שָׁאקְלֶען מִיר אָפּ צוּ אֵייךְ; אָבֶּער דָאס
ווֵייסְט, אַז דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט אִיז צוּ אֵייךְ נָאהֶענְט גֶעקוּמֶען. 12 אִיךְ

55 אוּן הָאט גֶעזָאגְט אִיהְר ווֵייסְט נִיט פוּן ווָאסְפַאר אַ גֵייסְט אִיהְר זֶענְט. ווָארִין דֶער בֶּן אָדָם
אִיז נִיט גֶעקוּמֶען דָאס לֶעבֶּען פוּן מֶענְשֶׁען אוּמְצוּבְּרֶענְגֶען נֵייעֶרְט עֶס צוּ דֶערְהַאלְטֶען.

זאג איך אז עס וועט גרינגער זיין אין יענעם טאג פאר סדום, וויא פאר
יענע שטאדט.
13 וועה צו דיר כורזין, וועה צו דיר בית־צידה. ווארין ווען דיא גבורות
וואס זענען אין אייך געטהון געווארען, זאלטען געטהון ווערען אין צור און
צידון, אזוי וואלטען זייא שוין לאנג געזעסען אין זאק און אש, און תשובה
געטהון. 14 אבער עס וועט גרינגער זיין ביים משפט פאר צור און צידון,
וויא פאר אייך. 15 און דוא כפרנחום וועסט דוא דען דערהייכט ביז צום
הימעל? דוא וועסט ערנידריגט ווערען ביז צום שאול. 16 ווער עס הערט
אייך צו, הערט מיך צו, און ווער עס פערוואַרפט אייך, פערוואַרפט מיך; און
ווער עס פערוואַרפט מיך, פערוואַרפט דעם וואס האט מיך געשיקט.
17 און דיא זיבציג זענען צוריקגעקומען מיט פרייד, און האבען געזאגט,
הער, אפילו דיא שדים זענען צו אונז אונטערטעניג אין דיין נאמען. 18 און
ער האט צו זייא געזאגט, איך האב געזעהען דעם שטן ארופפאלען וויא א
בליץ פון דעם הימעל. 19 זעה, איך גיב אייך מאכט צו טרעטען אויף שלאנגען
און עגדיסען, און איבער דיא גאנצע מאכט פון דעם פיינד און קיין זאך
וועט אייך ניט שאדען. 20 אבער פרייעט אייך ניט איבער דעם, אז דיא גייס־
טער זענען צו אייך אונטערטעניג, אבער פרייעט אייך אז אייערע נעמען
זענען איינגעשריבען אים הימעל.
21 אין דיא דאזיגע שעה האט זיך ישוע געפרייט אין דעם רוח הקודש און
האט געזאגט, איך דאנק דיר פאטער, הער פון הימעל און ערד, אז דוא
האסט דיזע זאכען פערבארגען פון חכמים און פערשטענדיגע, און האסט זייא
אנטפלעקט צו קליינע קינדער; יא פאטער, ווארין עס איז דיר אזוי וואויל־
געפעלען. 22 אלעס איז מיר פון מיינעם פאטער איבערגעגעבען, און קיינער
ווייסט ניט ווער דער זוהן איז אויסער דער פאטער, און ווער דער פאטער
איז אויסער דער זוהן, און דער צו וועמען דער זוהן וויל איהם אנטפלעקען.
23 און ער האט זיך געקעהרט צו דיא תלמידים ביא זיך אליין, און האט
געזאגט, געבענשט זענען דיא אויגען וואס זעהען דאס וואס איהר זעהט.
24 ווארין איך זאג אייך, אז פילע נביאים און מלכים האבען געוואלט זעהען
דאס וואס איהר זעהט, און האבען ניט געזעהען; און הערען דאס וואס איהר
הערט, און האבען ניט געהערט.
25 און זעה, א געוויסער געזעצלעהרער איז אויפגעשטאנען, און האט איהם
געפריפט און געזאגט, לעהרער, וואס זאל איך טהון אז איך זאל עביגעס
לעבען ירשענען? 26 ער האט צו איהם געזאגט, וואס שטעהט געשריבען אין דער
תורה, וויא ליינסט דוא? 27 און ער האט געענטפערט און געזאגט, דוא
זאלסט דעם הער'ן דיין גאט ליבען מיט דיין גאנצען הארץ, און מיט דיינע
גאנצע זעלע, און מיט דיינע גאנצע קראפט, און מיט דיין גאנצען געמיט,
און דיין געזעלען וויא דיך זעלבסט. 28 און ער האט צו איהם געזאגט, דוא

20 תהלים עא׳ יג׳. 27 ויקרא יט׳ יח׳: דברים ו׳ ה׳.

הָאסְט רֶעכְט גֶעעֶנְטְפֶערְט; דָאס טְהוּא אוּן דוּא וֶועסְט לֶעבֶּען. 29 אָבֶּער עֶר
הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט רֶעכְטְפֶערְטִיגֶען, אוּן הָאט צוּ יֵשׁוּעַ גֶעזָאגְט, אוּן וֶוער אִיז
מֵיין גֶעזֶעל? 30 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, אַ גֶעוִויסֶער מַאן אִיז
אַרוּפְּגֶעגַאנְגֶען פוּן יְרוּשָׁלַיִם קֵיין יְרִיחוֹ, אוּן אִיז אַרֵיינְגֶעפַאלֶען צְוִוישֶׁען רוֹי־
בֶּער, וָואס הָאבֶּען אִיהְם אוֹיסְגֶעצוֹיגֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם גֶעשְׁלָאגֶען, אוּן זֶענֶען
אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם הַאלְבּ טוֹיט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט. 31 אוּן עֶס הָאט
זִיךְ גֶעטְרָאפֶען אַז אַ גֶעוִויסֶער כֹּהֵן אִיז יֶענֶעם וֶועג אַרוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען, אוּן
וֶוען עֶר הָאט אִיהְם גֶעזֶעהֶען אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע זֵייט.
32 אוּן גְלֵייכְדֶעם אוֹיךְ אַ לֵוִי אִיז צוּ דֶעם אָרְט גֶעקוּמֶען אוּן הָאט אִיהְם גֶעזֶע־
הֶען, אוּן אִיז פַארְבֵּייא גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע זֵייט. 33 אָבֶּער אַ גֶעוִויסֶער
שׁוֹמְרוֹנִי וָואס הָאט גֶערֵייזְט אִיז קֶעגֶענְאִיבֶּער אִיהְם גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט גֶעזֶעהֶען,
אוּן הָאט אִיבֶּער אִיהְם רַחֲמָנוּת בֶּעקוּמֶען. 34 אוּן עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט
זֵיינֶע וְואוּנְדֶען פֶערְבּוּנְדֶען, אוּן הָאט אִין זֵייא עֶהְל אוּן וַויין אַרֵיינְגֶעגָאסֶען,
אוּן הָאט אִיהְם אוֹיף זֵיין אֵייגֶענֶע בְּהֵמָה אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט, אוּן הָאט אִיהְם אִין
אַ הֶערְבֶּערְגֶע אַרֵיינְגֶעבְּרַאכְט, אוּן הָאט פַאר אִיהְם גֶעזָארְגְט. 35 אוּן אִים
מָארְגֶען וֶוען עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר צְוֵוייא גִילְדֶען אַרוֹיסְגֶענוּמֶען
אוּן הָאט זֵייא גֶעגֶעבֶּען צוּם וִוירְט, אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, זָארְגְט פַאר
אִיהְם, אוּן וָואס דוּא וֶועסְט מֶעהְר אוֹיסְגֶעבֶּען, וֶוען אִיךְ וֶועל צוּרִיקְקוּמֶען
וֶועל אִיךְ דִיר בֶּעצָאהְלֶען. 36 וֶועלְכֶער פוּן דִיא דְרֵייא דֶענְקְסְט דוּא אִיז אַ
גֶעזֶעל גֶעוֶועזֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז גֶעפַאלֶען צְוִוישֶׁען דִיא רוֹיבֶּער? 37 אוּן עֶר
הָאט גֶעזָאגְט, דֶער וָואס הָאט מִיט אִיהְם בַּארְעמְהֶערְצִיגְקֵייט גֶעטְהוּן. אוּן יֵשׁוּעַ
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גֶעה אוּן טְהוּא דָאס גְלֵייכֶע.
38 אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען וִויא זֵייא זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אִיז עֶר אִין אַ דָארְף אַרֵיינְ־
גֶעקוּמֶען. אוּן אַ גֶעוִויסֶע פְרוֹיא וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען מַרְתָּא הָאט אִיהְם אִין
אִיהְר הוֹיז אַרֵיינְגֶענוּמֶען. 39 אוּן זִיא הָאט אַ שְׁוֶועסְטֶער גֶעהַאט וָואס הָאט
גֶעהֵייסֶען מִרְיָם, וָואס אִיז אוֹיךְ בֵּייא דִיא פִּיס פוּן יֵשׁוּעַ גֶעזֶעסֶען, אוּן הָאט
זֵיינֶע רֶעד צוּגֶעהֶערְט. 40 אָבֶּער מַרְתָּא הָאט זִיךְ בֶּעמִיהְט מִיט פִיל דִינֶען; אוּן
זִיא אִיז צוּגֶעקוּמֶען אוּן הָאט גֶעזָאגְט, הַאר, בֶּעקִימֶערְט עֶס דִיךְ נִיט אַז מֵיינֶע
שְׁוֶועסְטֶער הָאט מִיךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַלֵיין צוּ בֶּעדִינֶען? דְרוּם זָאג אִיהְר אַז
זִיא זָאל מִיר הֶעלְפֶען. 41 אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְר
גֶעזָאגְט, מַרְתָּא מַרְתָּא, דוּא זָארְגְסְט אוּן בֶּעמִיהְסְט דִיךְ וֶועגֶען פִילֶע זַאכֶען;
42 אָבֶּער אֵיינֶע זַאךְ אִיז גֶעטִיג; וָוארִין מִרְיָם הָאט זִיךְ דֶעם גוּטֶען טְהֵייל
אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט, וָואס וֶועט נִיט פוּן אִיהְר אַוֶועקְגֶענוּמֶען וֶוערֶען.
יא 1 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וֶוען עֶר הָאט גֶעבֶּעטֶען אִין אַ גֶעוִויסֶען אָרְט,
וִויא עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט, הָאט אֵיינֶער פוּן זֵיינֶע תַּלְמִידִים צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
הַאר, לֶערְנְ אוּנְז צוּ בֶּעטֶען, אַזוֹי וִויא יוֹחָנָן הָאט אוֹיךְ זֵיינֶע תַּלְמִידִים גֶע־
לֶעהְרְט. 2 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וֶוען אִיהְר בֶּעטֶעט זָאגְט, פָאטֶער

35 גר׳ דינר

לוּקאַס יא

גֶעהֵיילִיגְט זָאל װֶערֶען דֵיין נָאמֶען. דֵיין קֶענִיגְרֵייך זָאל קוּמֶען. 3 גִיבּ אוּנְז
יֶעדֶעם טָאג אוּנְזֶער טֶעגְלִיכֶעס בְּרוֹיט. 4 אוּן פֶערְגִיבּ אוּנְז אוּנְזֶערֶע זִינְד, װָארִין
מִיר זֶעלְבְּסְט פֶערְגֶעבֶּען אוֹיךְ אַלֶע דִיא װָאס פֶערְשׁוּלְדִיגֶען קֶעגֶען אוּנְז; אוּן
פִיהְר אוּנְז נִיט אִין פְּרִיפוּנְג.
5 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, װֶעלְכֶער פוּן אֵייךְ װֶעט הָאבֶּען אַ פְרֵיינְד,
אוּן עֶר װֶעט צוּ אִיהְם גֶעהֶען אִין מִיטֶען דֶער נַאכְט, אוּן װֶעט צוּ אִיהְם זָאגֶען,
פְרֵיינְד, בָּארְג מִיר דְרֵייא בְּרוֹיט, 6 װָארִין מֵיין פְרֵיינְד אִיז צוּ מִיר גֶעקוּמֶען
פוּן דֶעם װֶעג, אוּן אִיךְ הָאבּ נִיט װָאס אִיהְם פָארְצוּלֶעגֶען. 7 אוּן יֶענֶער פוּן
דְרִינֶען װֶעט עֶנְטְפֶערֶען אוּן זָאגֶען, זֵייא מִיךְ נִיט מַטְרִיחַ; דִיא טְהִיר אִיז שׁוֹין
פֶערְשְׁלָאסֶען, אוּן מֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען מִיט מִיר אִים בֶּעט, אִיךְ קֶען נִיט אוֹיפְ־
שְׁטֶעהֶען דִיר צוּ גֶעבֶּען. 8 אִיךְ זָאג אֵייךְ, װֶען עֶר װֶעט אוֹיךְ נִיט אוֹיפְשְׁטֶעהֶען
אוּן אִיהְם גֶעבֶּען װֵייל עֶר אִיז זֵיין פְרֵיינְד, װֶעגֶען זֵיין עַזּוּת װֶעט עֶר
אוֹיפְשְׁטֶעהֶען אוּן װֶעט אִיהְם גֶעבֶּען אַזוֹי פִיל װִיא עֶר בֶּעדַארְף. 9 אוּן אִיךְ
זָאג אֵייךְ, פֶערְלַאנְגְט, אוּן עֶס װֶעט אֵייךְ גֶעגֶעבֶּען װֶערֶען; זוּכְט, אוּן אִיהְר
װֶעט גֶעפִינֶען; קְלַאפְּט אָן, אוּן עֶס װֶעט אֵייךְ אוֹיפְגֶעמַאכְט װֶערֶען. 10 װָארִין
אִיטְלִיכֶער װָאס פֶערְלַאנְגְט בֶּעקוּמְט, אוּן דֶער װָאס זוּכְט גֶעפִינְט, אוּן צוּ דֶעם
װָאס קְלַאפְּט אָן װֶעט אוֹיפְגֶעמַאכְט װֶערֶען. 11 אוּן װֶער צְװִישֶׁען אֵייךְ װָאס
אִיז אַ פָאטֶער, װֶען זֵיין זוּהְן װֶעט בֶּעטֶען אוּם בְּרוֹיט, װֶעט עֶר אִיהְם גֶעבֶּען
אַ שְׁטֵיין? אָדֶער אוֹיךְ אַ פִישׁ, װֶעט עֶר אִיהְם אַ שְׁלַאנְג גֶעבֶּען אַנְשְׁטָאט אַ
פִישׁ? 12 אָדֶער װֶען עֶר װֶעט בֶּעטֶען אֵיין אֵיי, װֶעט עֶר אִיהְם אֵיין עֶגְדִים
גֶעבֶּען? 13 דְרוּם װֶען אִיהְר װָאס זֶענְט שְׁלֶעכְט װֵייסְט צוּ גֶעבֶּען גוּטֶע מַתָּנוֹת
צוּ אֵייעֶרֶע קִינְדֶער, װִיא פִיל מֶעהְר װֶעט דֶער פָאטֶער אִים הִימֶעל גֶעבֶּען
דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ צוּ דִיא װָאס אִיהְם בֶּעטֶען?
14 אוּן עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען אַ שֵׁד, אוּן דֶער אִיז שְׁטוּם גֶעװֶען; אוּן עֶס
אִיז גֶעשֶׁעהֶען װֶען דֶער שֵׁד אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, הָאט דֶער שְׁטוּמֶער גֶערֶעט;
אוּן דִיא לֵייט הָאבֶּען זִיךְ גֶעװוּנְדֶערְט. 15 אָבֶּער עֶטְלִיכֶע פוּן זֵייא הָאבֶּען
גֶעזָאגְט, עֶר טְרֵייבְּט אַרוֹיס דִיא שֵׁדִים דוּרְךְ בַּעַלְזְבוּב דֶעם פִירְשְׁט פוּן דִיא
שֵׁדִים. 16 אוּן אַנְדֶערֶע הָאבֶּען אִיהְם גֶעפְּרִיפְט, אוּן הָאבֶּען פוּן אִיהְם פֶערְ־
לַאנְגְט אַ צֵייכֶען פוּן הִימֶעל. 17 אָבֶּער עֶר װִיסֶענְדִיג זֵייעֶרֶע גֶעדַאנְקֶען,
הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיטְלִיכֶעס קֶענִיגְרֵייךְ װָאס אִיז מִיט זִיךְ צוּטְהֵיילְט װֶערְט
פֶערְװִיסְט, אוּן אַ הוֹיז צוּטְהֵיילְט מִיט אַ הוֹיז פַאלְט אֵיין. 18 אוּן װֶען דֶער
שָׂטָן אוֹיךְ אִיז מִיט זִיךְ צוּטְהֵיילְט, װִיא אַזוֹי זָאל זֵיין קֶענִיגְרֵייךְ בֶּעשְׁטֶעהֶען?
װָארִין אִיהְר זָאגְט, אַז אִיךְ טְרֵייבּ אַרוֹיס דִיא שֵׁדִים דוּרְךְ בַּעַלְזְבוּב. 19 אוּן
װֶען אִיךְ טְרֵייבּ אַרוֹיס דִיא שֵׁדִים דוּרְךְ בַּעַלְזְבוּב, דוּרְךְ װֶעמֶען טְרֵייבֶּען זֵייא
אֵייעֶרֶע זִיהְן אַרוֹיס? דְרוּם װֶעלֶען זֵייא זֶעלְבְּסְט אֵייעֶרֶע רִיכְטֶער זֵיין. 20 אָבֶּער
װֶען אִיךְ דוּרְךְ דֶעם פִינְגֶער פוּן גָאט טְרֵייבּ אַרוֹיס דִיא שֵׁדִים, אַזוֹי אִיז דָאס
קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט אַװַדַאי צוּ אֵייךְ גֶעקוּמֶען. 21 װֶען דֶער שְׁטַארְקֶע אוּן
גֶעװַאפֶּענְטֶע מַאן הִיט זֵיין אֵייגֶען הוֹיף, אִיז זֵיין פֶערְמֶעגֶען אִין פְרִידֶען;

22 אָבֶּער װען אַ שְׁטַארְקֶערֶער װִיא עֶר װעט קוּמֶען אוּן װֶעט אִיהְם בֶּעזִיגֶען,
װֶעט עֶר אַװֶעקְנֶעמֶען זַיין װַאפֶען אִין װֶעלְכֶע עֶר הָאט פֶערְטְרױעֶט, אוּן
װֶעט זַיין רױבּ צוּטְהֵיילֶען. 23 דֶער װָאס אִיז נִיט מִיט מִיר אִיז קֶעגֶען מִיר, אוּן
דֶער װָאס זַאמֶעלְט נִיט מִיט מִיר צוּשְׁפְּרֵייט. 24 װען דֶער אוּנְרֵיינֶע גֵייסְט
גֶעהְט אַרױס פוּן אַ מֶענְשֶׁען, גֶעהְט עֶר אַרוּם אִין טְרוּקֶענֶע עֶרְטֶער, אוּן זוּכְט
רוּה; אוּן װען עֶר הָאט זִיא נִיט גֶעפִינֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אִיךְ װֶעל מִיךְ
אוּמְקֶעהְרֶען צוּ מֵיין הױז אַרֵיין, פוּן װַאנֶען אִיךְ בִּין אַרױסְגֶעקוּמֶען. 25 אוּן
װען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר עֶס אױסְגֶעקֶעהְרְט אוּן אױסְגֶעצִירְט גֶעפִינֶען.
26 דַאן גֶעהְט עֶר אוּן נֶעמְט זִיבֶּען אַנְדֶערֶע גֵייסְטֶער נָאךְ עֶרְגֶער װִיא עֶר
זֶעלְבְּסְט, אוּן זֵייא קוּמֶען אַרֵיין אוּן װְאוֹינֶען דָארְט, אוּן דֶער סוֹף פוּן דֶעם
מֶענְשֶׁען אִיז עֶרְגֶער װִיא דִיא עֶרְשְׁטֶע.

27 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען, דֶערְװֵייל עֶר הָאט דִיזֶע זַאכֶען גֶעזָאגְט, הָאט אַ
פְרױא פוּן צְװִישֶׁען דִיא לֵייט אִיהְר קוֹל אױפְגֶעהױבֶּען אוּן הָאט צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, גֶעבֶּענְשְׁט אִיז דֶער לֵייבּ װָאס הָאט דִיךְ גֶעטְרָאגֶען, אוּן דִיא בְּרִיסְטֶען
װָאס דוּא הָאסְט גֶעזֵייגְט. 28 אָבֶּער עֶר הָאט גֶעזָאגְט, לִיבֶּער זֶענֶען דִיא גֶע־
בֶּענְשְׁט װָאס הֶערֶען דָאס װָארְט פוּן גָאט אוּן הַאלְטֶען עֶס.

29 אוּן װִיא דִיא לֵייט הָאבֶּען זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט, הָאט עֶר אָנְגֶעהױבֶּען צוּ זָאגֶען,
דָאס אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶעס דוֹר; עֶס זוּכְט אַ צֵייכֶען, אוּן קֵיין צֵייכֶען װֶעט צוּ זֵייא
נִיט גֶעגֶעבֶּען װֶערֶען, אױסֶער דֶעם צֵייכֶען פוּן יוֹנָה הַנָּבִיא. 30 װָארִין אַזױ װִיא
יוֹנָה אִיז גֶעװָארֶען אַ צֵייכֶען צוּ דִיא מֶענְשֶׁען פוּן נִינְוֵה, אַזױ װֶעט דֶער בֶּן אָדָם
צוּ דִיזֶעם דוֹר זַיין. 31 דִיא מַלְכָּה פוּן תֵּימָן װֶעט אױפְשְׁטֶעהֶען אִים מִשְׁפָּט
מִיט מֶענְשֶׁען פוּן דִיזֶעם דוֹר, אוּן װֶעט זֵייא פֶערְשׁוּלְדִיגֶען; װָארִין זִיא אִיז
גֶעקוּמֶען פוּן דִיא עֶקֶען פוּן דֶער װֶעלְט צוּ הֶערֶען דִיא חָכְמָה פוּן שְׁלֹמֹה, אוּן
זֶעה, עֶס אִיז דָא מֶעהְר װִיא שְׁלֹמֹה. 32 דִיא מֶענְשֶׁען פוּן נִינְוֵה װֶעלֶען אױפְ־
שְׁטֶעהֶען אִים מִשְׁפָּט מִיט דִיזֶעם דוֹר, אוּן װֶעלֶען עֶס פֶערְשׁוּלְדִיגֶען; װָארִין זֵייא
הָאבֶּען תְּשׁוּבָה גֶעטְהוּן דוּרְךְ דֶער פְּרֶעדִיגְט פוּן יוֹנָה, אוּן זֶעה, עֶס אִיז דָא
מֶעהְר װִיא יוֹנָה.

33 קֵיינֶער צִינְדֶעט נִיט אָן אַ לַאמְפֶּע אוּן שְׁטֶעלְט עֶס אִין אַ פֶערְבָּארְגֶענֶען
אָרְט, אָדֶער אוּנְטֶער אַ מֶעסְטֶעל, נֵייעֶרְט אױף אַ גֶעשְׁטֶעל, אַז דִיא װָאס
קוּמֶען אַרֵיין זָאלֶען זֶעהֶען דָאס לִיכְט. 34 דִיא לַאמְפֶּע פוּן דֶעם לֵייבּ אִיז דֵיין
אױג. װען דֵיין אױג אִיז אֵיינְפַאךְ, אַזױ אִיז דֵיין גַאנְצֶער לֵייבּ לִיכְטִיג; אָבֶּער
װען עֶס אִיז אִיבֶּעל, אַזױ אִיז אױךְ דֵיין לֵייבּ פִינְסְטֶער. 35 דְרוּם גִיבּ אַכְטוּנְג,
אַז דָאס לִיכְט װָאס אִיז אִין דִיר זָאל נִיט פִינְסְטֶער זַיין. 36 דְרוּם װען דֵיין
גַאנְצֶער לֵייבּ אִיז לִיכְטִיג, אוּן קֵיין טְהֵייל דֶערְפוּן אִיז פִינְסְטֶער, װֶעט דָאס
גַאנְצֶע לִיכְטִיג זַיין אַזױ װִיא דִיא לַאמְפֶּע בֵּייא זֵיינֶע שֵׁיינוּנְג לֵייכְט דִיר.

37 אוּן װִיא עֶר הָאט גֶערֶעט, הָאט אִיהְם אַ פָּרוּשׁ גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל
בֵּייא אִיהְם עֶסֶען; אוּן עֶר אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אוּן הָאט זִיךְ צוּם טִישׁ גֶעזֶעצְט.
38 אוּן װען דֶער פָּרוּשׁ הָאט דָאס גֶעזֶעהֶען, הָאט עֶר זִיךְ גֶעװְאוּנְדֶערְט װֵייל

עֶר הָאט זִיךְ נִיט צוּוָרשְׁט גֶעוַואשֶׁען פָאר דֶעם עֶסֶען. 39 אוּן דֶער הַאר הָאט
צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אַצוּנְד רֵיינִיגְט אִיהְר פְּרוּשִׁים דֶעם בֶּעכֶער אוּן דִיא שִׁיסֶעל
פוּן אוֹיסֶוָוענִיג, אָבֶּער אֵייעֶרֶעם אִינֶעוָוענִיג אִיז פוּל מִיט רִשְׁעוֹת אוּן אוּנְרֶעכְט.
40 אִיהְר נַארִישֶׁע לֵייט, הָאט נִיט דֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט דָאס אוֹיסֶוָוענִיגְסְטֶע
אוֹיךְ דָאס אִינֶוָוענִיגְסְטֶע גֶעמַאכְט? 41 דָאךְ גִיבְּט צְדָקָה פוּן דֶעם וָואס אִיהְר
הָאט, אוּן זֶעה, אַלֶעס אִיז רֵיין צוּ אֵייךְ. 42 אָבֶּער וֶועה צוּ אֵייךְ פְּרוּשִׁים
וָוארִין אִיהְר גִיבְּט מַעֲשֵׂר פוּן מִינְתָא אוּן פִּיגַם אוּן אַלֶע קְרֵייטֶער, אוּן גֶעהְט
פַארְבֵּייא דִיא גֶערֶעכְטִיגְקֵייט אוּן דִיא לִיבְּשַׁאפְט פוּן גָאט; דִיזֶע זַאכֶען זֶענְט
אִיהְר מְחוּיָב צוּ טְהוּן, אוּן יֶענֶע נִיט אוֹיסְלָאזֶען. 43 וֶועה צוּ אֵייךְ פְּרוּשִׁים,
וָוארִין אִיהְר לִיבְּט אוֹיבֶּען אָן צוּ זִיצֶען אִין דִיא שׁוּלֶען אוּן גֶעגְרִיסְט צוּ וֶוערֶען
אִין דִיא גַאסֶען. 44 וֶועה צוּ אֵייךְ, וָוארִין אִיהְר זֶענְט וִויא דִיא נִיט גֶעזֶעהֶענֶע
קְבָרִים, אוּן דִיא מֶענְשֶׁען וָואס גֶעהֶען אוֹיף זֵייא, וִויסֶען עֶס נִיט.

45 אוּן אֵיינֶער פוּן דִיא גֶעזֶעצְלֶעהְרֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, לֶעהְרֶער, וֶוען דוּא דָאס זָאגְסְט, אַזוֹי בֶּעלֵיידִיגְסְט דוּא אוֹיךְ אוּנְז.
46 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וֶועה צוּ אֵייךְ אוֹיךְ, אִיהְר גֶעזֶעצְלֶעהְרֶער, וָוארִין
אִיהְר הָאט דִיא מֶענְשֶׁען בֶּעלָאדֶען מִיט לַאסְטֶען וָואס זֶענֶען שְׁוֶוער צוּ דֶערְ-
טְרָאגֶען, אוּן אִיהְר אַלֵיין רִיהְרְט נִיט אָן דִיא לַאסְטֶען מִיט אֵיינֶעם פוּן אֵייעֶרֶע
פִינְגֶער. 47 וֶועה צוּ אֵייךְ, וָוארִין אִיהְר בּוֹיעֶט אוֹיף דִיא קְבָרִים פוּן דִיא
נְבִיאִים, אוּן אֵייעֶרֶע אָבוֹת הָאבֶּען זֵייא גֶעהַרְגֶעט. 48 אַזוֹי בֶּעצֵייגְט אִיהְר אוּן
בֶּעוִוילִיגְט דִיא מַעֲשִׂים פוּן אֵייעֶרֶע אָבוֹת, וָוארִין זֵייא הָאבֶּען זֵייא גֶעהַרְגֶעט,
אוּן אִיהְר בּוֹיעֶט אוֹיף זֵייעֶרֶע קְבָרִים. 49 דְרוּם זָאגְט אוֹיךְ דִיא חָכְמָה פוּן
גָאט, אִיךְ וֶועל צוּ זֵייא שִׁיקֶען נְבִיאִים אוּן שְׁלִיחִים, אוּן זֵייא וֶועלֶען אַ טְהֵייל
פוּן זֵייא הַרְגֶענֶען אוּן פֶערְפָאלְגֶען; 50 כְּדֵי דָאס בְּלוּט פוּן אַלֶע נְבִיאִים, וָואס
אִיז פֶערְגָאסֶען גֶעוָוארֶען פוּן דֶער גְרִינְדוּנְג פוּן דֶער וֶועלְט, זָאל גֶעפָאדֶערְט
וֶוערֶען פוּן דִיזֶעם דוֹר; 51 פוּן דֶעם בְּלוּט פוּן הֶבֶל בִּיז צוּם בְּלוּט פוּן זְכַרְיָה,
וֶועלְכֶער אִיז אוּמְגֶעבְּרַאכְט גֶעוָוארֶען צְוִוישֶׁען דֶעם מִזְבֵּחַ אוּן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָשׁ;
יָא, אִיךְ זָאג אֵייךְ, עֶס וֶועט גֶעפָאדֶערְט וֶוערֶען פוּן דִיזֶעם דוֹר. 52 וֶועה צוּ
אֵייךְ גֶעזֶעצְלֶעהְרֶער, וָוארִין אִיהְר הָאט אַוֶועקְגֶענוּמֶען דֶעם שְׁלִיסֶעל פוּן עֶרְ-
קֶענְטְנִים; אִיהְר אַלֵיין זֶענְט נִיט אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, אוּן דִיא אַרֵיינְגֶעהֶענְדֶע הָאט
אִיהְר נִיט גֶעלָאזְט.

53 אוּן וֶוען עֶר אִיז פוּן דָארְטֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, הָאבֶּען דִיא סוֹפְרִים אוּן דִיא
פְּרוּשִׁים אָנְגֶעהוֹיבֶּען אִיהְם זֶעהְר צוּ דְרִיקֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם אָנְגֶערֵייצְט
צוּ רֶעדֶען פוּן פִילֶע זַאכֶען, 54 אוּן זֵייא הָאבֶּען אוֹיף אִיהְם גֶעלוֹיעֶרְט, אַז זֵייא
זָאלֶען עֶפֶּעס פַאנְגֶען פוּן זֵיין מוֹיל.

יב 1 דֶערְוַוייל דִיא לֵייט הָאבֶּען זִיךְ בֵּייא טוֹיזֶענְדֶע פֶערְזַאמֶעלְט, בִּיז זֵייא
הָאבֶּען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען גֶעטְרֶעטֶען, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּעֶרְשְׁט צוּ
זָאגֶען צוּ זֵיינֶע תַּלְמִידִים, הִיט אֵייךְ פַאר דֶעם זוֹיעֶרְטֵייג פוּן דִיא פְּרוּשִׁים,

51 דברי הימים ב׳ כד׳ כ׳.

וָואס אִיז הֵייכְלֶעַרַייא. 2 אָבֶּער קֵיין זַאךְ אִיז נִיט פֶערְהוּילֶען, וָואס וֶועט נִיט
אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען, אוּן פֶערְבָּארְגֶען וָואס וֶועט נִיט בֶּעקַאנְט וֶוערֶען. 3 דְרוּם
וָואס אִיהְר הָאט אִין דֶער פִינְסְטֶער גֶעזָאגְט, וֶועט בֵּיים לִיכְט גֶעהֶערְט וֶוערֶען;
אוּן וָואס אִיהְר הָאט אִין דֶעם אוֹיעֶר אִין דִיא קַאמֶערְן גֶערֶעט, וֶועט אוֹיף דִיא
דֶעכֶער אוֹיסְגֶערוּפֶען וֶוערֶען. 4 אוּן אִיךְ זָאג צוּ אֵייךְ מֵיינֶע פְרֵיינְד, פָארְכְט
אֵייךְ נִיט פַאר דִיא וָואס טֵייטֶען דֶעם לֵייבּ, אוּן דֶערְנָאךְ קֶענֶען זֵייא נִיט מֶעהְר
טְהוּן. 5 אָבֶּער אִיךְ וֶועל אֵייךְ וַוייזֶען וֶועמֶען אִיהְר זָאלְט פָארְכְטֶען; פָארְכְט
אֵייךְ פַאר דֶעם וֶועלְכֶער, נָאכְדֶעם עֶר הָאט גֶעטֵייטֶעט, הָאט מַאכְט אִין גֵיהִנָם
אַרֵיינְצוּוַארְפֶען. יָא, אִיךְ זָאג אֵייךְ, פָארְכְט אֵייךְ פַאר אִיהְם. 6 זֶענֶען נִיט פִינְף
פֵייגֶעל פַאר צְווֵייא פֶענִיג* פֶערְקוֹיפְט? אוּן נִיט אֵיינֶער פוּן זֵייא אִיז פֶערְגֶעסֶען
פוּן גָאט. 7 אָבֶּער אֲפִילוּ דִיא הָאר פוּן אֵייעֶר קָאפּ זֶענֶען אַלֶע גֶעצֶעהְלְט.
פָארְכְט אֵייךְ נִיט; אִיהְר זֶענְט מֶעהְר וֶוערְט וִויא פִילֶע פֵייגֶעל. 8 אוּן אִיךְ זָאג
אֵייךְ, אִיטְלִיכֶער וָואס וֶועט מִיךְ בֶּעקֶענֶען פָאר מֶענְשֶׁען, דֶעם וֶועט אוֹיךְ דֶער
בֶּן אָדָם בֶּעקֶענֶען פָאר דִיא מַלְאָכִים פוּן גָאט. 9 אָבֶּער וֶוער עֶס וֶועט מִיךְ
פֶערְלֵייקֶענֶען פָאר מֶענְשֶׁען, דֶער וֶועט פֶערְלֵייקֶענְט וֶוערֶען פָאר דִיא מַלְאָכִים
פוּן גָאט. 10 אוּן יֶעדֶען וָואס וֶועט רֶעדֶען אַ וָוארְט קֶעגֶען דֶעם בֶּן אָדָם, וֶועט עֶס
אִיהְם פֶערְגֶעבֶּען וֶוערֶען; אָבֶּער צוּ דֶעם וָואס לֶעסְטֶערְט דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וֶועט
עֶס נִיט פֶערְגֶעבֶּען וֶוערֶען. 11 אוּן וֶוען זֵייא וֶועלֶען אֵייךְ בְּרֶענְגֶען אִין דִיא שׁוּלֶען
אַרֵיין אוּן פָאר דִיא הֶערְשֶׁער אוּן דִיא גֶעוֶועלְטִיגֶער, זָארְגְט נִיט וִויא אָדֶער
וָואס אִיהְר זָאלְט עֶנְטְפֶערֶען, אָדֶער וָואס אִיהְר זָאלְט זָאגֶען. 12 וָוארִין דֶער
רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וֶועט אֵייךְ לֶעהְרֶען אִין דִיזֶער שָׁעָה וָואס אִיהְר בֶּעדַארְפְט צוּ זָאגֶען.
13 אוּן אֵיינֶער פוּן דִיא לֵייט הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, לֶעהְרֶער, זָאג צוּ מֵיין
בְּרוּדֶער אַז עֶר זָאל דִיא יְרוּשָׁה מִיט מִיר צוּטְהֵיילֶען. 14 אָבֶּער עֶר הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, מֶענְשׁ, וֶוער הָאט מִיךְ גֶעזֶעצְט פַאר אַ שׁוֹפֵט אָדֶער אַ צוּטְהֵיי-
לֶער צְווִישֶׁען אֵייךְ? 15 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט גִיבְּט אַכְטוּנְג אוּן הִיט אֵייךְ
פַאר אַלֶע גֵייצִיגְקֵייט, וָוארִין דָאס לֶעבֶּען פוּן אַ מֶענְשֶׁען בֶּעשְׁטֶעהְט נִיט אִין
זַיין פִיל פֶערְמֶעגֶען. 16 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא אַ מָשָׁל גֶערֶעט אוּן גֶעזָאגְט, דָאס
לַאנְד פוּן אַ רֵייכֶען מַאן הָאט פִיל פְרוּכְט גֶעטְרָאגֶען. 17 אוּן עֶר הָאט בֵּייא
זִיךְ גֶעטְרַאכְט אוּן גֶעזָאגְט, וָואס זָאל אִיךְ טְהוּן, וָוארִין אִיךְ הָאבּ נִיט וְואוּ אִיךְ
זָאל מֵיינֶע פְרוּכְט אֵיינְזַאמְלֶען? 18 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דָאס וֶועל אִיךְ טְהוּן;
אִיךְ וֶועל מֵיינֶע שְׁפֵּייכְלֶער אָפְּבְּרֶעכֶען אוּן וֶועל גְרֶעסֶערֶע בּוֹיעֶן, אוּן דָארְט
וֶועל אִיךְ אֵיינְזַאמְלֶען אַלֶע מֵיינֶע תְּבוּאוֹת אוּן מֵיין פֶערְמֶעגֶען; 19 אוּן אִיךְ וֶועל
צוּ מֵיינֶע זֶעלֶע זָאגֶען, זֶעלֶע דוּא הָאסְט פִיל פֶערְמֶעגֶען אוֹיפְגֶעלֶעגְט אוֹיף פִילֶע
יָאהְרֶען; הָאבּ רוּהֶ, עֶס, טְרִינְק, אוּן זֵייא פְרֶעהְלִיךְ. 20 אָבֶּער גָאט הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, דוּא נַאר, דִיזֶע נַאכְט וֶועט מֶען דֵיינֶע זֶעלֶע פוּן דִיר פָאדֶערְן;
אוּן וֶועמֶעס וֶועט דָאס זַיין וָואס דוּא הָאסְט אָנְגֶעבְּרֵייט? 21 אַזוֹי אִיז דֶער
וָואס זַאמֶעלְט זִיךְ אֵיין אוֹצָר, אוּן אִיז נִיט רֵייךְ צוּ גָאט.

6 * גר׳ אסר

22 אוּן עֶר הָאט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט, דְרוּם זָאג אִיךְ אַייךְ, זָארְגְט נִיט
פַאר אַייעֶר לֶעבֶּען, וָואס אִיהְר זָאלְט עֶסֶען, אוּן נִיט פַאר דֶעם לֵייבּ, וָואס
אִיהְר זָאלְט אָנְטְהוּן. 23 וָוארִין דָאס לֶעבֶּען אִיז מֶעהְר וִויא דִיא שְׁפֵּייז, אוּן
דֶער לֵייבּ וִויא דָאס קְלֵייד. 24 בֶּעטְרַאכְט דִיא רָאבֶּען, וָוארִין זֵייא זֵייעֶן נִיט
אוּן שְׁנֵיידֶען נִיט, אוּן הָאבֶּען נִיט קֵיינֶע קַאמֶערְן אוּן קֵיינֶע שְׁפֵּייכְלֶער, אוּן
גָאט שְׁפֵּייזְט זֵייא; וִויא פִיל מֶעהְר זֶענְט אִיהְר וֶוערְט וִויא דִיא פֵייגֶעל? 25 אוּן
וֶועלְכֶער פוּן אַייךְ קֶען דוּרְךְ זָארְגֶען אַיין אֵייל צוּוֶועצֶען צוּ זַיינֶע הֵייךְ?
26 דְרוּם וֶוען אִיהְר קֶענְט נִיט טְהוּן אוֹיךְ דָאס וֶועניגְסְטֶע, פַארְוָואס זָארְגְט
אִיהְר פַאר דֶעם אִיבְּרִיגֶען? 27 בֶּעטְרַאכְט דִיא רוֹיזֶען וִויא זֵייא וַואקְסֶען; זֵייא
אַרְבֵּייטֶען נִיט אוּן זֵייא שְׁפִּינֶען נִיט; אָבֶּער אִיךְ זָאג אַייךְ, אַז אוֹיךְ שְׁלֹמֹה
אִין זַיינֶע גַאנְצֶע הֶערְלִיכְקֵייט אִיז נִיט גֶעקְלֵייד גֶעוָוארֶען וִויא אֵיינָס פוּן
דִיזֶע. 28 אוּן וֶוען גָאט בֶּעדֶעקְט אַזוֹי דָאס גְרָאז, וָואס אִיז הֵיינְט אוֹיף דֶעם פֶעלְד,
אוּן מָארְגֶען וֶוערְט עֶס אִין אוֹיפֶען אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען, וִויא פִיל מֶעהְר וֶועט עֶר
אַייךְ קְלֵיידֶען, אִיהְר קְלֵיינְגְלוֹיבִּיגֶע? 29 אוּן זוּכְט נִיט אִיהְר וָואס אִיהְר זָאלְט
עֶסֶען, אוּן וָואס אִיהְר זָאלְט טְרִינְקֶען, אוּן הָאט נִיט קֵיין אוּנְרוּהִיג גֶעמִיט.
30 וָוארִין דָאס אַלֶעס זוּכֶען דִיא פֶעלְקֶער פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן אַייעֶר פָאטֶער
וֵוייסְט אַז אִיהְר הָאט דָאס נֶעטִיג. 31 אָבֶּער זוּכְט אִיהְר זַיין קֶענִיגְרֵייךְ, אוּן
דִיזֶע זַאכֶען וֶועלֶען אַייךְ צוּגֶעלֶעגְט וֶוערֶען. 32 פָארְכְט דִיךְ נִיט, קְלֵיינֶע סְטַאדֶע;
וָוארִין עֶס אִיז אַייעֶר פָאטֶערְס וְווֹילְגֶעפֶעלֶען אַז עֶר זָאל אַייךְ דָאס קֶענִיגְ־
רֵייךְ גֶעבֶּען. 33 פֶערְקוֹיפְט וָואס אִיהְר הָאט, אוּן גִיבְּט צְדָקָה; מַאכְט אַייךְ
בֵּייטֶעל וָואס וֶוערֶען נִיט אַלְט, אַ שַׁאץ אִין דֶעם הִימֶעל וָואס פֶעהְלְט נִיט, וְואוּ
קֵיין גַנָב קוּמְט נִיט נָאהֶענְט אוּן וְואוּ דִיא מִילְבּ פֶערְדַארְבְּט נִיט; 34 וָוארִין
וְואוּ אַייעֶר אוֹצָר אִיז, דָארְט וֶועט אַייעֶר הַארְץ אוֹיךְ זַיין.

35 לָאזֶען אַייעֶרֶע לֶענְדֶען גֶעגַארְטֶעלְט זַיין, אוּן אַייעֶרֶע לִיכְט בְּרֶענֶען; 36 אוּן
זַייט אִיהְר גְלֵייךְ צוּ מֶענְשֶׁען וָואס וַוארְטֶען אוֹיף זֵייעֶר הַאר'ן, וֶוען עֶר וֶועט
צוּרִיקְקוּמֶען פוּן דֶער חֲתוּנָה, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען אִיהְם גְלֵייךְ עֶפֶענֶען, וֶוען עֶר וֶועט
קוּמֶען אוּן וֶועט אָנְקְלַאפֶּען. 37 גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען יֶענֶע קְנֶעכְט, וֶועלְכֶע וֶוען דֶער
הַאר וֶועט קוּמֶען, וֶועט עֶר זֵייא גֶעפִינֶען וַואכֶען; בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אַייךְ, אַז
עֶר וֶועט זִיךְ אַרוּמְגַארְטֶעלְן, אוּן וֶועט זֵייא לָאזֶען אַנִידֶערְזֶעצֶען, אוּן וֶועט קוּמֶען
אוּן זֵייא בֶּעדִינֶען. 38 אוּן וֶוען עֶר וֶועט קוּמֶען אִים אַנְדֶערֶען מִשְׁמָר אָדֶער
אִים דְרִיטֶען מִשְׁמָר, אוּן וֶועט זֵייא אַזוֹי גֶעפִינֶען, גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען יֶענֶע קְנֶעכְט.
39 אוּן דָאס זָאלְט אִיהְר וִויסֶען, אַז וֶוען דֶער בַּעַל הַבַּיִת וָואלְט גֶעוְואוּסְט אִין
וֶועלְכֶער שָׁעָה דֶער גַנָב וֶועט קוּמֶען, אַזוֹי וָואלְט עֶר גֶעוַואכְט, אוּן וָואלְט נִיט
זַיין הוֹיז גֶעלָאזְט אַיינְבְּרֶעכֶען. 40 זַייט אִיהְר אוֹיךְ בֶּערֵייט, וָוארִין דֶער בֶּן אָדָם
קוּמְט אִין אַ שָׁעָה וֶוען אִיהְר גָאר נִיט דֶענְקְט.

41 אוּן פֶּעטְרוּס הָאט גֶעזָאגְט, הַאר, זָאגְסְט דוּא דִיזֶעס מָשָׁל צוּ אוּנְז, אָדֶער
אוֹיךְ צוּ אַלֶע? 42 אוּן דֶער הַאר הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער אִיז דֶען דֶער גֶעטְרֵייעֶ
אוּן קְלוּגֶע הוֹיזְהַאלְטֶער, וָואס זַיין הַאר וֶועט אִיהְם זֶעצֶען אִיבֶּער זַיין הוֹיזְגֶע־

זִינְד, אַז עֶר זָאל זֵייא גֶעבֶּען זֵייעֶרֶע שְׁפֵּייז צוּ דֶער צֵייט? [43] גֶעבֶּענְשְׁט אִיז
יֶענֶער קְנֶעכְט, וָואס וֶוען זֵיין הַאר וֶועט קוּמֶען, וֶועט עֶר אִיהְם גֶעפִינֶען אַזוֹי
טְהוּן. [44] בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז עֶר וֶועט אִיהְם זֶעצֶען אִיבֶּער אַלֶע זֵיינֶע
גִיטֶער. [45] אָבֶּער וֶוען יֶענֶער קְנֶעכְט וֶועט זָאגֶען אִין זֵיין הַארְץ, מֵיין הַאר
זָאמְט זִיךְ צוּ קוּמֶען, אוּן וֶועט אָנְהוֹיבֶּען צוּ שְׁלָאגֶען דִיא קְנֶעכְט אוּן דִיא
דִינֶערִין, אוּן צוּ עֶסֶען אוּן טְרִינְקֶען אוּן שִׁיכּוֹרְן; [46] דֶער הַאר פוּן יֶענֶעם
קְנֶעכְט וֶועט קוּמֶען אִין אַ טָאג וֶוען עֶר דֶערְוַוארְט נִיט, אוּן אִין אַ שָׁעָה וָואס
עֶר ווַייסְט נִיט, אוּן וֶועט אִיהְם צוּשְׁנֵיידֶען, אוּן וֶועט אִיהְם זֵיין חֵלֶק מִיט דִיא
אוּנְגְלוֹיבִּיגֶע גֶעבֶּען. [47] אוּן יֶענֶער קְנֶעכְט וָואס ווַייסְט דֶעם ווִילֶען פוּן זֵיין
הַאר'ן, אוּן אִיז נִיט בֶּערֵייט, אוּן טְהוּט נִיט נָאךְ זֵיין ווִילֶען, דֶער וֶועט פִיל שְׁלֶעג
בֶּעקוּמֶען; [48] אָבֶּער דֶער וָואס ווַייסְט נִיט, אוּן טְהוּט דָאס וָואס אִיז וֶוערְט
שְׁלֶעג, דֶער וֶועט וֶוענִיג שְׁלֶעג בֶּעקוּמֶען. אוּן צוּ יֶעדֶעם וֶועלְכֶעם פִיל אִיז
גֶעגֶעבֶּען, פוּן דֶעם וֶועט מֶען פִיל פֶערְלַאנְגֶען; אוּן דֶעם מֶען פֶערְטְרוֹיעֶט פִיל
פוּן דֶעם וֶועט מֶען פִיל פָּארְדֶערְן.

[49] אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַ פֵייעֶר צוּ וַוארְפֶען אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן וָואס ווִיל אִיךְ,
וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אָנְגֶעצִינְדֶען? [50] אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ טְבִילָה אִין וֶועלְכֶער
גֶעטוֹבֶלְט צוּ וֶוערֶען, אוּן ווִיא אִיז עֶס מִיר אַנְגְסְט בִּיז עֶס וֶועט פָּאלֶענְדֶעט?
[51] מֵיינְט אִיהְר אַז אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פְרִידֶען צוּ גֶעבֶּען אוֹיף דֶער עֶרְד? אִיךְ
זָאג אֵייךְ, נֵיין, נֵייעֶרְט אַ מַחְלוֹקֶת. [52] וָוארִין פוּן אַצוּנְד אָן וֶועלֶען פִינְף אִין
אֵיינֶעם הוֹיז אַפְּגֶעזוּנְדֶערְט זֵיין, דְרֵייא קֶעגֶען צְווֵייא, אוּן צְווֵייא קֶעגֶען דְרֵייא;
[53] זֵייא וֶועלֶען אַפְּגֶעזוּנְדֶערְט זֵיין דֶער פָאטֶער קֶעגֶען דֶעם זוּהְן, אוּן דֶער זוּהְן
קֶעגֶען דֶעם פָאטֶער; דִיא מוּטֶער קֶעגֶען דֶער טָאכְטֶער, אוּן דִיא טָאכְטֶער
קֶעגֶען דֶער מוּטֶער; דִיא שְׁווִיגֶער קֶעגֶען דֶער שְׁנִיר, אוּן דִיא שְׁנִיר קֶעגֶען
דֶער שְׁווִיגֶער.

[54] אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ צוּ דִיא לֵייט גֶעזָאגְט, וֶוען אִיהְר זֶעהְט אַ וָואלְקֶען
אוֹיפְגֶעהֶען פוּן מַעֲרָב זֵייט, אַזוֹי גְלֵייךְ זָאגְט אִיהְר, עֶס קוּמְט רֶעגֶען, אוּן עֶס
אִיז טַאקִי אַזוֹי. [55] אוּן וֶוען דֶער דָרוֹם ווִינְד בְּלָאזְט, אַזוֹי זָאגְט אִיהְר, עֶס וֶועט
זֵיין הִיץ, אוּן עֶס אִיז טַאקִי אַזוֹי. [56] הֵייכְלֶער, אִיהְר ווַייסְט ווִיא אַזוֹי צוּ
פְּרִיפֶען דִיא גֶעשְׁטַאלְט פוּן דֶער עֶרְד אוּן פוּן דֶעם הִימֶעל, ווִיא אָבֶּער דִיזֶע
צֵייט ווַייסְט אִיהְר נִיט צוּ פְּרִיפֶען? [57] אוּן וָוארוּם טְהוּט אִיהְר נִיט אוֹיךְ
אַלֵיין רִיכְטֶען וָואס רֶעכְט אִיז? [58] וָוארִין ווִיא דוּא גֶעהְסְט מִיט דֵיין קְרִיגֶער
צוּם פִירְשְׁט, אַזוֹי גִיבּ דִיר דִיא מִיה אוֹיף דֶעם וֶועג, אַז דוּא זָאלְסְט פוּן
אִיהְם לוֹיז וֶוערֶען; וָוארִין טָאמֶער וֶועט עֶר דִיךְ שְׁלֶעפֶּען צוּם רִיכְטֶער, אוּן
דֶער רִיכְטֶער וֶועט דִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּען צוּם גֶערִיכְטְסְדִינֶער, אוּן דֶער גֶערִיכְטְסְדִינֶער
וֶועט דִיךְ אִין גֶעפֶענְגְנִיס אַרֵיינְוַוארְפֶען. [59] אִיךְ זָאג דִיר, דוּא וֶועסְט פוּן
דָארְטֶען נִיט אַרוֹיסְקוּמֶען, בִּיז דוּא וֶועסְט דִיא לֶעצְטֶע פְּרוּטָה בֶּעצָאהְלֶען.

[53] מיכה ז׳ ו׳.

לוּקאַס יג

יג 1 אוּן צוּ יֶענֶער צַייט זֶענֶען עֶטלִיכֶע מִיט אִיהְם גֶעקוּמֶען, וָואס הָאבֶּען
אִיהְם וֶועגֶען דִיא גְלִילִים דֶערְצֶעהְלְט, וָואס פִּילָטוּס הָאט זֵייעֶר בְּלוּט גֶעמִישְׁט
מִיט זֵייעֶרֶע קָרְבָּנוֹת. 2 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט,
דֶענְקְט אִיהְר אַז דִיא דָאזִיגֶע גְלִילִים זֶענֶען גְרֶעסֶערֶע זִינְדֶער גֶעוֶועזֶען וִויא אַלֶע
גְלִילִים, ווייל זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעלִיטֶען? 3 אִיךְ זָאג אֵייךְ, נֵיין, נֵייעֶרְט וֶוען
אִיהְר וֶועט נִיט תְּשׁוּבָה טְהוּן וֶועט אִיהְר אַלֶע אוֹיךְ אַזוֹי אוּמְקוּמֶען. 4 אָדֶער
דִיא אַכְטְצֶעהְן אוֹיף וֶועלְכֶע דֶער טְהוּרְם אִין שִׁלֹחַ אִיז גֶעפַאלֶען, אוּן הָאט
זֵייא גֶעטֵייטֶעט, דֶענְקְט אִיהְר אַז זֵייא זֶענֶען מֶעהְר שׁוּלְדִיג גֶעוֶועזֶען וִויא אַלֶע
מֶענְשֶׁען וָואס הָאבֶּען גֶעוְואוֹינְט אִין יְרוּשָׁלַיִם? 5 אִיךְ זָאג אֵייךְ, נֵיין, נֵייעֶרְט
וֶוען אִיהְר וֶועט נִיט תְּשׁוּבָה טְהוּן, וֶועט אִיהְר אַלֶע אוֹיךְ אַזוֹי אוּמְקוּמֶען.
6 אוּן עֶר הָאט דִיזֶעס מָשָׁל גֶעזָאגְט, אַ מַאן הָאט אַ פֵייגֶענְבּוֹים גֶעפְלַאנְצְט
אִין אַ וֵויינְגָארְטֶען; אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט דְרוֹיף פְרוּכְט גֶעזוּכְט, אוּן
הָאט קֵיינֶע נִיט גֶעפִינֶען. 7 אוּן עֶר הָאט צוּ זַיין וֵויינְגֶערְטְנֶער גֶעזָאגְט, זֶעה, אִיךְ
בִּין שׁוֹין דְרֵייא יָאהְר גֶעקוּמֶען אוּן הָאבּ פְרוּכְט גֶעזוּכְט אוֹיף דֶעם פֵייגֶענְבּוֹים,
אוּן הָאבּ קֵיינֶע נִיט גֶעפִינֶען; הַאק אִיהְם אָפּ, פַארְוָואס פֶערְדַארְבְּט עֶר אוֹיךְ
דִיא עֶרְד? 8 אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, לָאז
אִיהְם נָאךְ שְׁטֶעהֶען דָאס יָאהְר, בִּיז אִיךְ וֶועל אִיהְם אַרוּמְגְרָאבֶּען, אוּן וֶועל
אִיהְם מִיסְטִיגֶען. 9 אוּן וֶוען עֶר וֶועט טַאקִי פְרוּכְט בְּרֶענְגֶען, גַאנְץ גוּט; אָבֶּער
וֶוען נִיט, אַזוֹי זָאלְסְט דוּא אִיהְם אָפְּהַאקֶען.
10 אוּן עֶר הָאט גֶעלֶעהְרְט אִין אֵיינֶער פוּן דִיא שׁוּלֶען אַם שַׁבָּת. 11 אוּן זֶעה, עֶס
אִיז גֶעוֶועזֶען אַ פְרוֹיא וָואס הָאט גֶעהַאט אַ גֵייסְט פוּן קְרַאנְקְהֵייט שׁוֹין אַכְטְ־
צֶעהְן יָאהְר, אוּן זִיא אִיז אֵיינְגֶעבּוֹיגֶען גֶעוָוארֶען אוּן הָאט זִיךְ גָאר נִיט
אוֹיפְהֵייבֶּען גֶעקֶענְט. 12 אוּן וֶוען יֵשׁוּעַ הָאט זִיא גֶעזֶעהֶען, הָאט עֶר זִיא גֶערוּ־
פֶען, אוּן הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, פְרוֹיא דוּא בִּיסְט לוֹיז פוּן דֵיינֶע קְרַאנְקְהֵייט.
13 אוּן עֶר הָאט דִיא הֶענְד אוֹיף אִיהְר גֶעלֶעגְט, אוּן גְלֵייךְ אִיז זִיא אוֹיפְגֶערִיכְ־
טֶעט גֶעוָוארֶען, אוּן הָאט גָאט גֶעלוֹיבְּט. 14 אוּן דֶער פַּרְנָס פוּן דֶער שׁוּל הָאט
זִיךְ גֶעבֵּייזֶערְט, ווייל יֵשׁוּעַ הָאט אַם שַׁבָּת גֶעהֵיילְט, אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט
אוּן הָאט צוּ דִיא לֵייט גֶעזָאגְט, עֶס זֶענֶען זֶעקְס טֶעג, אִין וֶועלְכֶע מֶען דַארְף
אַרְבֵּייטֶען; דְרוּם אִין דִיזֶע טֶעג קוּמְט אוּן וֶוערְט גֶעהֵיילְט אוּן נִיט אַם שַׁבָּת.
15 אוּן דֶער הַאר הָאט אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיהְר הֵייכְלֶער, טְהוּט
נִיט אִיטְלִיכֶער פוּן אֵייךְ אַם שַׁבָּת זֵיין אָקְס אָדֶער זֵיין עֶזֶעל פוּן דֶעם שְׁטַאל
אוֹיפְבִּינְדֶען, אוּן פִיהְרְט אִיהְם אַרוֹיס אָנְטְרִינְקֶען? 16 אוּן דִיזֶע פְרוֹיא וָואס
אִיז אַ טָאכְטֶער פוּן אַבְרָהָם, דִיא דֶער שָׂטָן הָאט שׁוֹין אַכְטְצֶעהְן יָאהְר
גֶעבּוּנְדֶען, זָאל זִיא נִיט אַם שַׁבָּת פוּן דִיזֶעם בַּאנְד לוֹיז גֶעמַאכְט וֶוערֶען?
17 אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט, זֶענֶען אַלֶע זֵיינֶע שׂוֹנְאִים פֶערְשֶׁעהְמְט גֶעוָוא־
רֶען, אוּן אַלֶע לֵייט הָאבֶּען זִיךְ גֶעפְרֵייעֶט אִיבֶּער אַלֶע וְואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכֶען
וָואס זֶענֶען דוּרְךְ אִיהְם גֶעשֶׁעהֶען.
18 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, צוּ וָואס אִיז גְלֵייךְ דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט, אוּן

צוּ וָואס זָאל אִיךְ עֶס גְלַייכֶען? 19 עֶס אִיז גְלֵייךְ צוּ אַ זָאמֶען פוּן זֶענְפְט,
וָואס אַ מַאן הָאט גֶענוּמֶען אוּן אִין זַיין גָארְטֶען אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען; אוּן עֶס הָאט
אוֹיפְגֶעוַואקְסֶען, אוּן אִיז אַ בּוֹים גֶעוָוארֶען, אוּן דִיא פֵייגֶעל פוּן הִימֶעל הָאבֶּען
גֶעווָאוֹינְט צְווִישֶׁען זַיינֶע צְווַייגֶען. 20 אוּן עֶר הָאט ווִידֶער גֶעזָאגְט, צוּ וָואס
זָאל אִיךְ גְלַייכֶען דָאס קֶענִיגְרַייךְ פוּן גָאט? 21 עֶס אִיז גְלֵייךְ צוּ זוֹיעֶרְטֵייג,
וָואס אַ פְרוֹיא הָאט גֶענוּמֶען אוּן הָאט פֶערְבָּארְגֶען אִין דְרַייא מֶעסְטְלֶעךְ
מֶעהְל, בִּיז דָאס גַאנְצֶע אִיז זוֹיעֶר גֶעוָוארֶען.

22 אוּן עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין דִיא שְׁטֶעדְט אוּן דֶערְפֶער אוּן הָאט
גֶעלֶעהְרְט, אוּן הָאט זַיין וֶועג גֶענוּמֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם. 23 אוּן אֵיימִיצֶער הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, וֶועלֶען וֶוענִיג גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען? אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶע־
זָאגְט, 24 בֶּעמִיהְט אֵייךְ אַז אִיהְר זָאלְט דוּרְךְ דִיא עֶנְגֶע טְהִיר אַרַיינְקוּמֶען; וָוארִין
אִיךְ זָאג אֵייךְ, אַז פִילֶע וֶועלֶען זוּכֶען אַרַיינְצוּקוּמֶען, אוּן וֶועלֶען נִיט קֶענֶען. 25 וֶוען
דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיז שׁוֹין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן הָאט דִיא טְהִיר צוּגֶעשְׁלָאסֶען,
וֶועט אִיהְר אָנְהֵייבֶּען דְרוֹיסֶען צוּ שְׁטֶעהֶען, אוּן אָן דֶער טְהִיר צוּ קְלַאפֶּען אוּן
זָאגֶען, הַאר הַאר, עֶפֶען אוּנְז, אוּן עֶר וֶועט עֶנְטְפֶערֶען אוּן וֶועט צוּ אֵייךְ זָאגֶען,
אִיךְ קֶען אֵייךְ נִיט פוּן וַואנֶען אִיהְר זֶענְט. 26 דַאן וֶועט אִיהְר אָנְהֵייבֶּען צוּ
זָאגֶען, מִיר הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען אוּן גֶעטְרוּנְקֶען פָאר דִיר, אוּן דוּא הָאסְט גֶעלֶעהְרְט
אִין אוּנְזֶערֶע גַאסֶען. 27 אוּן עֶר וֶועט זָאגֶען, אִיךְ זָאג אֵייךְ אִיךְ קֶען אֵייךְ נִיט
פוּן וַואנֶען אִיהְר זֶענְט; ווַייכְט פוּן מִיר, אַלֶע אִיהְר וָואס טְהוּט אוּנְרֶעכְט.
28 דָארְט וֶועט זַיין גֶעווַיין אוּן צֵיינְקְרִיצֶען, וֶוען אִיהְר וֶועט זֶעהֶען אַבְרָהָם אוּן
יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב אוּן אַלֶע נְבִיאִים אִין דֶעם קֶענִיגְרַייךְ פוּן גָאט, אוּן אֵייךְ זֶעלְבְּסְט
אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען. 29 אוּן זַייא וֶועלֶען קוּמֶען פוּן מִזְרָח אוּן מַעֲרָב, אוּן פוּן צָפוֹן
אוּן דָרוֹם, אוּן וֶועלֶען זִיךְ אַנִידֶערְזֶעצֶען אִים קֶענִיגְרַייךְ פוּן גָאט. 30 אוּן זֶעה,
עֶס זֶענֶען לֶעצְטֶע וָואס וֶועלֶען זַיין עֶרְשְׁטֶע, אוּן עֶס זֶענֶען עֶרְשְׁטֶע וָואס
וֶועלֶען זַיין לֶעצְטֶע.

31 אִין דִיא דָאזִיגֶע שָׁעָה זֶענֶען עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא פְּרוּשִׁים צוּגֶעקוּמֶען, אוּן
הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גֶעה אַרוֹיס אוּן קוּם אַוֶועק פוּן דַאנֶען, וָוארִין הוֹרְדוּס
ווִיל דִיךְ הַרְגֶענֶען. 32 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, גֶעהְט אוּן זָאגְט צוּ דִיזֶעם
פוּקְס, זֶעה, אִיךְ טְרַייבּ אַרוֹיס שֵׁדִים אוּן טְהוּא רְפוּאוֹת הַיינְט אוּן מָארְגֶען, אוּן
אִים דְרִיטֶען טָאג וֶועל אִיךְ פָאלְקָאמֶען וֶוערֶען. 33 אָבֶּער אִיךְ מוּז גֶעהֶען
הַיינְט אוּן מָארְגֶען אוּן אִיבֶּערְמָארְגֶען, וָוארִין עֶס קֶען נִיט זַיין אַז אַ נָבִיא זָאל
פוּן אוֹיסֶען יְרוּשָׁלַיִם אוּמְקוּמֶען. 34 יְרוּשָׁלַיִם יְרוּשָׁלַיִם, וָואס הַרְגֶעסְט דִיא
נְבִיאִים, אוּן שְׁטֵיינִיגְסְט דִיא וָואס זֶענֶען צוּ דִיר גֶעשִׁיקְט, ווִיא פִיל מָאל הָאבּ
אִיךְ גֶעוָואלְט דַיינֶע קִינְדֶער אֵיינְזַאמְלֶען, אַזוֹי ווִיא אַ הִין זַאמֶעלְט אֵיין
אִיהְרֶע יוּנְגֶע הִינְלֶעךְ אוּנְטֶער אִיהְרֶע פְלִיגֶעל, אוּן אִיהְר הָאט נִיט גֶעוָואלְט.
35 זֶעה, אֵייעֶר הוֹיז אִיז אֵייךְ ווִיסְט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט. אוּן אִיךְ זָאג אֵייךְ, אִיהְר וֶועט

19 יחזקאל יז׳ כג׳, לא׳ ו׳,
27 תהלים ו׳ ט׳,
35 תהלים קיח׳ כו׳: ירמיה כב׳ ה׳,

מִיךְ נִיט זֶעהֶען, בִּיז אִיהְר וֶועט זָאגֶען, גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער וֶועלְכֶער קוּמְט אִים
נָאמֶען פוּן דֶעם הַאר׳ן.

יד 1 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִים הויז פוּן אֵיין עֶלְצְטֶען
פוּן דִיא פְּרוּשִׁים אַם שַׁבָּת, אַז עֶר זָאל בְּרוֹיט עֶסֶען, אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא אִיהְם
גֶעוָואכְט. 2 אוּן זֶעה, עֶס אִיז גֶעוֶוען פָאר אִיהְם אַ מַאן, וָואס הָאט דִיא
וַואסֶערְזוּכְט גֶעהַאט. 3 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט צוּ דִיא גֶעזֶעצְ־
לֶעהְרֶער אוּן פְּרוּשִׁים, מֶעג מֶען הֵיילֶען אַם שַׁבָּת אָדֶער נִיט? 4 אָבֶּער זֵייא
הָאבֶּען גֶעשְׁוִויגֶען. אוּן עֶר הָאט אִיהְם גֶענוּמֶען אוּן הָאט אִיהְם גֶעהֵיילְט אוּן
גֶעלָאזְט גֶעהֶען. 5 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וֶוער אִיז פוּן אֵייךְ, וָואס וֶוען
זַיין עֶזֶעל אָדֶער זַיין אָקְס וֶועט אִין אַ בְּרוּנֶען אַרֵיינְפַאלֶען, וֶועט עֶר אִיהְם נִיט
גְלֵייךְ אַרוֹיסְצִיהֶען אַם שַׁבָּת? 6 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם אוֹיף דִיזֶע זַאכֶען נִיט
גֶעקֶענְט עֶנְטְפֶערֶען.

7 אוּן עֶר הָאט אַ מָשָׁל גֶעזָאגְט צוּ דִיא אֵיינְגֶעלַאדֶענֶע גֶעסְט, וֶוען עֶר הָאט
גֶעמֶערְקְט אַז זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעוֶועהְלְט אוֹיבֶּען אָן צוּ זִיצֶען, אוּן הָאט צוּ
זֵייא גֶעזָאגְט; 8 וֶוען דוּא וֶועסְט בֵּייא אֵימִיצֶעם אֵיינְגֶעלַאדֶען אוֹיף אַ חֲתוּנָה,
אַזוֹי זֶעץ דִיךְ נִיט אוֹיבֶּען אָן, וָוארִין טָאמֶער וֶועט אֵיין עֶרְלִיכֶערֶער ווִיא
דוּא בֵּייא אִיהְם אֵיינְגֶעלַאדֶען וֶוערֶען; 9 אוּן דֶער וָואס הָאט דִיךְ אוּן אִיהְם
אֵיינְגֶעלַאדֶען וֶועט קוּמֶען, אוּן וֶועט צוּ דִיר זָאגֶען, מַאךְ פְּלַאץ פַאר דִיזֶעם, אוּן
דַאן וֶועסְט דוּא אָנְהֵייבֶּען מִיט בּוּשָׁה דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטֶען אָרְט צוּ נֶעמֶען.
10 אָבֶּער וֶוען דוּא בִּיסְט אֵיינְגֶעלַאדֶען, אַזוֹי גֶעה אוּן זֶעץ דִיךְ אוֹיף דֶעם
אוּנְטֶערְשְׁטֶען אָרְט, אַז וֶוען דֶער וָואס הָאט דִיךְ אֵיינְגֶעלַאדֶען וֶועט קוּמֶען,
וֶועט עֶר צוּ דִיר זָאגֶען, פְרֵיינְד, גֶעה ווייטֶער אַרוֹיף; דַאן וֶועסְט דוּא כָּבוֹד
הָאבֶּען פָאר דִיא וָואס זִיצֶען מִיט דִיר בֵּיים טִישׁ. 11 וָוארִין אִיטְלִיכֶער וָואס
דֶערְהֵייבְּט זִיךְ וֶועט דֶערְנִידְרִיגְט וֶוערֶען, אוּן דֶער וָואס דֶערְנִידְרִיגְט זִיךְ וֶועט
דֶערְהֵייבְּט וֶוערֶען.

12 אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט צוּ דֶעם וָואס הָאט אִיהְם אֵיינְגֶעלַאדֶען, וֶוען
דוּא מַאכְסְט אַ מִיטָאגְסְמָאהְל אָדֶער אֵיין אָבֶענְדְמָאהְל, רוּף נִיט דֵיינֶע פְרֵיינְד
אָדֶער דֵיינֶע בְּרִידֶער אָדֶער דֵיינֶע קְרוֹבִים אָדֶער דֵיינֶע רֵייכֶע שְׁכֵנִים; וָוארִין
טָאמֶער וֶועלֶען זֵייא דִיךְ אוֹיךְ אֵיינְלַאדֶען, אוּן אַ בֶּעלוֹינוּנְג וֶועט דִיר גֶעגֶעבֶּען
וֶוערֶען. 13 אָבֶּער וֶוען דוּא מַאכְסְט אַ סְעוּדָה, אַזוֹי רוּף דִיא אָרְמֶע, דִיא קַאלִי־
קֶעס, דִיא הִינְקֶענְדִיגֶע, אוּן דִיא בְּלִינְדֶע; 14 אוּן דוּא וֶועסְט גֶעבֶּענְשְׁט זַיין,
וָוארִין זֵייא הָאבֶּען דִיר נִיט מִיט וָואס צוּ בֶּעלוֹינֶען; אָבֶּער עֶס וֶועט דִיר
בֶּעלוֹינְט וֶוערֶען אִין דֶער אוֹיפְשְׁטֶעהוּנְג פוּן דִיא צַדִיקִים.

15 אוּן וֶוען אֵיינֶער פוּן דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם צוּם טִישׁ גֶעזֶעסֶען הָאט
דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גֶעבֶּענְשְׁט אִיז דֶער וָואס וֶועט
בְּרוֹיט עֶסֶען אִים קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט. 16 אָבֶּער עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
אַ גֶעווִיסֶער מַאן הָאט אַ גְרוֹיס אָבֶענְדְמָאהְל גֶעמַאכְט, אוּן הָאט פִילֶע אֵיינְגֶעלַאדֶען,
17 אוּן צוּ דֶער שָׁעָה פוּן דֶער מָאהְלְצֵייט הָאט עֶר זַיין קְנֶעכְט גֶעשִׁיקְט אַז עֶר

זָאל זָאגֶען צוּ דִיא וָואס זֶענֶען אֵיינְגֶעלַאדֶען גֶעוָוארֶען, קוּמְט, וָוארִין אַלֶעס אִיז
שׁוֹין פַארְטִיג. [18] אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַלֶע מִיט אַמָאל צוּ
עֶנְטְשׁוּלְדִיגֶען. דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ אַ פֶעלְד
גֶעקוֹיפְט, אוּן אִיךְ מוּז עֶס גֶעהֶען זֶעהֶען; אִיךְ בֶּעט דִיךְ עֶנְטְשׁוּלְדִיג מִיךְ.
[19] אוּן אֵיין אַנְדֶערֶער הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ פִינְף יָאךְ אָקְסֶען גֶעקוֹיפְט, אוּן
אִיךְ גֶעה זֵייא פְּרִיפֶען; אִיךְ בֶּעט דִיךְ עֶנְטְשׁוּלְדִיג מִיךְ. [20] אוּן אֵיין אַנְדֶערֶער
הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ אַ ווַייבּ גֶענוּמֶען, אוּן דֶעסְטְוֶועגֶען קֶען אִיךְ נִיט קוּמֶען.
[21] אוּן דֶער קְנֶעכְט אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט דִיזֶע זַאכֶען צוּ זֵיינֶעם הַאר'ן דֶערְצֶעהְלְט.
דַאן הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל הַבַּיִת גֶעבֵּייזֶערְט, אוּן הָאט צוּ זֵיין קְנֶעכְט גֶעזָאגְט,
גֶעה גֶעשְׁוִוינְד אַרוֹיס אִין דִיא שְׁטְרַאסֶען אוּן דִיא גַאסֶען פוּן דֶער שְׁטָאדְט, אוּן
בְּרֶענְג אַהֶער דִיא אָרְמֶע אוּן דִיא קַאלִיקֶעס אוּן דִיא בְּלִינְדֶע אוּן דִיא הִינְקֶענְדִיגֶע.
[22] אוּן דֶער קְנֶעכְט הָאט גֶעזָאגְט, הַאר, עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אַזוֹי וִויא דוּא הָאסְט
בֶּעפוֹילֶען, אוּן עֶס אִיז נָאךְ דָא פְּלַאץ. [23] אוּן דֶער הַאר הָאט צוּם קְנֶעכְט
גֶעזָאגְט, גֶעה אַרוֹיס אִין דִיא לַאנְדְשְׁטְרַאסֶען אוּן צוֹימֶען, אוּן נֶעט זֵייא אַרֵיינְ־
צוּקוּמֶען, כְּדֵי מֵיין הוֹיז זָאל פוּל זֵיין. [24] וָוארִין אִיךְ זָאג אֵייךְ, אַז קֵיינֶער פוּן יֶענֶע
מֶענֶער וָואס זֶענֶען אֵיינְגֶעלַאדֶען גֶעוָוארֶען וֶועלֶען פֶערְזוּכֶען פוּן מֵיינֶע מָאהְלְצֵייט.
[25] אוּן פִיל לֵייט זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט
אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט; [26] וֶוען אֵיינֶער קוּמְט צוּ מִיר, אוּן הַאסְט נִיט זֵיין
פָאטֶער אוּן מוּטֶער אוּן ווַייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן בְּרוּדֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער, אוּן
אוֹיךְ אֲפִילוּ זֵיין אֵייגֶען לֶעבֶּען, דֶער קֶען נִיט מֵיין תַּלְמִיד זֵיין. [27] וֶוער עֶס
טְרָאגְט נִיט זֵיין אֵייגֶען קְרֵייץ אוּן קוּמְט נָאךְ מִיר, דֶער קֶען נִיט מֵיין תַּלְמִיד
זֵיין. [28] וָוארִין וֶועלְכֶער פוּן אֵייךְ, וָואס וִויל אַ טְהוּרְם בּוֹיעֶן, זֶעצְט זִיךְ נִיט
צוּעֶרְשְׁט אַנִידֶער אוּן בֶּערֶעכֶענְט דִיא אוּמְקָאסְטֶען, אוֹיבּ עֶר הָאט מִיט וָואס
עֶס אוֹיסְצוּפִיהְרֶען? [29] וָוארִין טָאמֶער וֶוען עֶר הָאט דֶעם גְרוּנְד גֶעלֶעגְט, אוּן
קֶען עֶס נִיט עֶנְדִיגֶען, אַזוֹי וֶועלֶען אִיהְם אַלֶע וָואס זֶעהֶען אָנְהוֹיבֶּען אוֹיסְצוּ־
שְׁפֶּעטֶען, [30] אוּן וֶועלֶען זָאגֶען, דִיזֶער מֶענְשׁ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ בּוֹיעֶן, אוּן
הָאט נִיט גֶעקֶענְט עֶנְדִיגֶען. [31] אָדֶער וֶועלְכֶער קֶענִיג וָואס גֶעהְט אַרוֹיס מִלְחָמָה
צוּ הַאלְטֶען מִיט אֵיין אַנְדֶערֶען קֶענִיג, זֶעצְט זִיךְ נִיט צוּעֶרְשְׁט אַנִידֶער אוּן
בֶּערָאט זִיךְ, אוֹיבּ עֶר קֶען מִיט צֶעהְן טוֹיזֶענְד עֶנְטְגֶעגֶען גֶעהֶען דֶעם וָואס
קוּמְט קֶעגֶען אִיהְם מִיט צְווַאנְצִיג טוֹיזֶענְד? [32] אוּן וֶוען נִיט, דֶערְוַוייל עֶר אִיז
נָאךְ וַוייט, אַזוֹי שִׁיקְט עֶר אַ שָׁלִיחַ אוּן בֶּעט פַאר פְרִידֶען. [33] אַזוֹי דֶען אוֹיךְ
אִיטְלִיכֶער פוּן אֵייךְ וָואס פֶערְלָאזְט נִיט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט קֶען נִיט מֵיין
תַּלְמִיד זֵיין. [34] זַאלְץ אִיז אַוַדַאי גוּט; אָבֶּער אֲפִילוּ דָאס זַאלְץ פֶערְלִירְט דֶעם
טַעַם, מִיט וָואס זָאל עֶס גֶעזַאלְצֶען וֶוערֶען? [35] עֶס טוֹיגְט נִיט מֶעהְר, נִיט
פַאר דֶעם לַאנְד אוּן נִיט פַאר דֶעם מִיסְט, נֵייעֶרְט מֶען וַוארְפְט עֶס אַרוֹיס.
דֶער וָואס הָאט אוֹיעֶרֶען צוּ הֶערֶען לָאז עֶר הֶערֶען.

טו [1] אוּן אַלֶע שְׁטֵייעֶרְאֵיינְנֶעמֶער אוּן זִינְדֶער הָאבֶּען זִיךְ צוּ אִיהְם גֶענֶעהְנְט,
אַז זֵייא זָאלֶען אִיהְם הֶערֶען. [2] אוּן דִיא פְּרוּשִׁים אוּן דִיא סוֹפְרִים הָאבֶּען

גֶעמוּרְמֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט, דִיזֶער נֶעמְט אוֹיף זִינְדֶער, אוּן עֶסְט מִיט זֵייא.
3 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא דָאס מָשָׁל גֶערֶעט אוּן גֶעזָאגְט; 4 וֶועלְכֶער מֶענְשׁ צְוִוי־
שֶׁען אֵייךְ וָואס הָאט הוּנְדֶערְט שָׁאף, אוּן פֶערְלִירְט אֵיינְס פוּן זֵייא, לָאזְט נִיט
אִיבֶּער דִיא נֵיין אוּן נֵיינְצִיג אִין דֶער וִויסְטֶע, אוּן גֶעהְט נָאךְ דֶעם פֶערְלוֹירֶע־
נֶען, בִּיז עֶר עֶס גֶעפִינְט? 5 אוּן וֶוען עֶר הָאט עֶס גֶעפִינֶען, אַזוֹי לֶעגְט עֶר
עֶס אוֹיף זֵיינֶע אַקְסֶעל, אוּן פְרֵייעֶט זִיךְ. 6 אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים, רוּפְט עֶר
צוּזַאמֶען זֵיינֶע פְרֵיינְד אוּן זֵיינֶע שְׁכֵנִים אוּן זָאגְט צוּ זֵייא, פְרֵייעֶט אֵייךְ מִיט
מִיר, וָוארִין אִיךְ הָאבּ גֶעפִינֶען מֵיין שָׁאף וָואס אִיז פֶערְלוֹירֶען גֶעוֶוען. 7 אִיךְ
זָאג אֵייךְ, אַז אַזוֹי וֶועט זֵיין אַ שִׂמְחָה אִים הִימֶעל אִיבֶּער אֵיין זִינְדֶער וָואס
טְהוּט תְּשׁוּבָה, מֶעהְר וִויא אִיבֶּער נֵיין אוּן נֵיינְצִיג צַדִיקִים, וָואס בֶּעדַארְפֶען
נִיט קֵיין תְּשׁוּבָה.

8 אָדֶער וֶועלְכֶע פְרוֹיא וָואס הָאט צֶעהְן גְרָאשֶׁען,* וֶוען זִיא אֵיינֶעם פֶערְלִירְט
צִינְדֶעט זִיא נִיט אָן אַ לִיכְט, אוּן קֶעהְרְט אוֹיס דָאס הוֹיז, אוּן זוּכְט זָארְגְפֶעלְ־
טִיג בִּיז זִיא עֶס גֶעפִינְט? 9 אוּן וֶוען זִיא הָאט עֶס גֶעפִינֶען, רוּפְט זִיא צוּזַאמֶען
אִיהְרֶע פְרֵיינְד אוּן אִיהְרֶע שְׁכֵנוֹת אוּן זָאגְט, פְרֵייעֶט אֵייךְ מִיט מִיר, וָוארִין אִיךְ
הָאבּ דֶעם גְרָאשֶׁען* גֶעפִינֶען וָואס אִיךְ הָאבּ פֶערְלוֹירֶען. 10 אַזוֹי זָאג אִיךְ
אֵייךְ, אַז עֶס וֶועט זֵיין אַ שִׂמְחָה פָאר דִיא מַלְאָכִים פוּן גָאט אִיבֶּער אֵיין זִינְ־
דֶער וָואס טְהוּט תְּשׁוּבָה.

11 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אַ גֶעוִויסֶער מַאן הָאט צְווייא זִיהְן גֶעהַאט. 12 אוּן
דֶער יוּנְגֶערֶער הָאט צוּ זֵיין פָאטֶער גֶעזָאגְט, פָאטֶער, גִיבּ מִיר דֶעם
חֵלֶק פוּן דֶעם פֶערְמֶעגֶען וָואס גֶעהֶערְט צוּ מִיר. אוּן עֶר הָאט זֵיינֶע
מִחְיָה צְווִישֶׁען זֵייא גֶעטְהֵיילְט. 13 אוּן נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט דֶער יוּנְגֶערֶע
זוּהְן אַלֶעס צוּזַאמֶען גֶענוּמֶען, אוּן אִיז אַוֶועקְגֶעפָאהְרֶען אִין אַ וַוייטֶען לַאנְד
אַרֵיין, אוּן דָארְט הָאט עֶר פֶערְשְׁוֶוענְדֶעט זֵיין פֶערְמֶעגֶען אִין אֵיין אוֹיסְ־
גֶעלַאסֶען לֶעבֶּען. 14 אוּן וֶוען עֶר הָאט אַלֶעס פֶערְצֶעהְרְט, אַזוֹי אִיז
גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶער הוּנְגֶער אִין יֶענֶעם לַאנְד, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען אִין
נוֹיט צוּ זֵיין. 15 אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ בֶּעהֶעפְט צוּ אֵיין אֵיינְ־
ווֹאוֹינֶער פוּן דֶעם לַאנְד, אוּן עֶר הָאט אִיהְם אִין זֵיינֶע פֶעלְדֶער גֶעשִׁיקְט
חֲזֵירִים צוּ פַּאסֶען. 16 אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֵיין בּוֹיךְ אָנְפִילֶען מִיט דִיא
שָׁאלַאכְץ וָואס דִיא חֲזֵירִים הָאבֶּען גֶעפְרֶעסֶען, אוּן קֵיינֶער הָאט אִיהְם גָאר
נִיט גֶעגֶעבֶּען. 17 אוּן וֶוען עֶר אִיז צוּ זִיךְ גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט, וִויא פִיל
מְשָׁרְתִים פוּן מֵיין פָאטֶער הָאבֶּען בְּרוֹיט גֶענוּג אוּן אִיבְּרִיג, אוּן אִיךְ קוּם אוּם
דָא פַאר הוּנְגֶער. 18 אִיךְ וֶועל אוֹיפְשְׁטֶעהֶען אוּן וֶועל גֶעהֶען צוּ מֵיין פָאטֶער,
אוּן וֶועל צוּ אִיהְם זָאגֶען, פָאטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט קֶעגֶען דֶעם הִימֶעל
אוּן פָאר דִיר, 19 אִיךְ בִּין נִיט מֶעהְר וֶוערְט דֵיין זוּהְן צוּ הֵייסֶען; מַאךְ מִיךְ
וִויא אֵיינֶעם פוּן דֵיינֶע מְשָׁרְתִים. 20 אוּן עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן אִיז צוּ
זֵיין פָאטֶער גֶעקוּמֶען. אוּן וֶוען עֶר אִיז נָאךְ ווַייט פוּן אִיהְם גֶעוֶוען, הָאט

* גר׳ דרכמא 8,9

אִיהם זַיין פָאטֶער גֶעזֶעהֶען, אוּן הָאט רַחֲמָנוּת בֶּעקוּמֶען, אוּן אִיז גֶעלָאפֶען
אוּן אִיהם אוֹיף דֶעם הַאלְז גֶעפַאלֶען, אוּן הָאט אִיהם גֶעקִישְׁט. 21 אוּן דֶער
זוּהְן הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט, פָאטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט קֶעגֶען דֶעם הִימֶעל
אוּן פָאר דִיר, אִיךְ בִּין נִיט מֶעהְר וֶוערְט דַיין זוּהְן צוּ הֵייסֶען. 22 אָבֶּער דֶער
פָאטֶער הָאט צוּ זַיינֶע קְנֶעכְט גֶעזָאגְט, בְּרֶענְגְט אַרוֹיס גֶעשְׁוִוינְד דָאס בֶּעסְטֶע
קְלֵייד אוּן טְהוּט אִיהם אָן, אוּן גִיבְּט אִיהם אַ רִינְג אוֹיף זַיינֶע הַאנְד אוּן שִׁיךְ
אוֹיף דִיא פִּיס, 23 אוּן בְּרֶענְגְט דָאס פֶעטֶע קַאלְבּ אוּן שֶׁעכְט עֶס, אוּן לָאזֶען
מִיר עֶסֶען אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן; 24 וָוארִין דִיזֶער מֵיין זוּהְן אִיז טוֹיט גֶעוֶועזֶען אוּן
לֶעבְּט וִוידֶער, עֶר אִיז פֶערְלוֹירֶען גֶעוֶועזֶען אוּן אִיז גֶעפִינֶען. אוּן זֵייא הָאבֶּען
אָנְגֶעהוֹיבֶּען פְרֶעהְלִיךְ צוּ זַיין. 25 אוּן זַיין עֶלְצְטֶער זוּהְן אִיז אִים פֶעלְד גֶעוֶועזֶען;
אוּן וִויא עֶר אִיז גֶעקוּמֶען נָאהֶענְט צוּם הוֹיז, הָאט עֶר זִינְגֶען אוּן טַאנְצֶען
גֶעהֶערְט. 26 אוּן עֶר הָאט אֵיינֶעם פוּן דִיא יוּנְגֶען גֶערוּפֶען, אוּן הָאט גֶעפְרֶעגְט
וָואס דָאס בֶּעדֵייט. 27 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט, דֵיין בְּרוּדֶער אִיז גֶעקוּ־
מֶען, אוּן דֵיין פָאטֶער הָאט דָאס פֶעטֶע קַאלְבּ גֶעשָׁאכְטֶען, וַוייל עֶר הָאט אִיהם
גֶעזוּנְד דֶערְהַאלְטֶען. 28 אָבֶּער עֶס הָאט אִיהם פֶערְדְרָאסֶען, אוּן עֶר הָאט נִיט
גֶעוָואלְט אַרֵיינְקוּמֶען; אוּן זַיין פָאטֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אִיהם
גֶעבֶּעטֶען. 29 אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זַיין פָאטֶער גֶעזָאגְט,
זֶעה, שׁוֹין אַזוֹי פִּיל יָאהְר דִינֶען אִיךְ דִיר, אוּן הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִיט עוֹבֵר
גֶעוֶועזֶען דֵיין גֶעבָּאט, אוּן דוּא הָאסְט מִיר נָאךְ קֵיינְמָאל נִיט אַ צִיקֶעלֶע גֶעגֶעבֶּען,
אַז אִיךְ זָאל מִיךְ פְרֶעהְלִיךְ מַאכֶען מִיט מֵיינֶע פְרֵיינְד. 30 אָבֶּער וֶוען דִיזֶער
דֵיין זוּהְן אִיז גֶעקוּמֶען, וָואס הָאט דֵיין פֶערְמֶעגֶען מִיט הוּרֶען פֶערְצֶעהְרְט,
אַזוֹי הָאסְט דוּא אִיהם דָאס פֶעטֶע קַאלְבּ גֶעשָׁאכְטֶען. 31 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהם
גֶעזָאגְט, מֵיין זוּהְן, דוּא בִּיסְט בֶּעשְׁטֶענְדִיג מִיט מִיר, אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ
אִיז דֵיין; 32 אָבֶּער מֶען הָאט זִיךְ בֶּעדַארְפְט פְרֵייעֶן אוּן פְרֶעהְלִיךְ זַיין, וָוארִין
דִיזֶער דֵיין בְּרוּדֶער אִיז טוֹיט גֶעוֶועזֶען אוּן לֶעבְּט, אוּן עֶר אִיז פֶערְלוֹירֶען
גֶעוֶועזֶען אוּן אִיז גֶעפִינֶען.

טז 1 אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ צוּ דִיא תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט, עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אַ רֵייכֶער
מַאן, וָואס הָאט אַ הוֹיזְהַאלְטֶער גֶעהַאט, אוּן עֶר אִיז בֵּייא אִיהם אָנְגֶעקְלָאגְט
גֶעוָוארֶען, אַז עֶר הָאט זַיין פֶערְמֶעגֶען פֶערְשְׁוֶוענְדֶעט. 2 אוּן עֶר הָאט אִיהם
גֶערוּפֶען אוּן הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט, וָואס אִיז דָאס וָואס אִיךְ הֶער פוּן דִיר?
גִיבּ אָפּ אַ רֶעכְנוּנְג פוּן דֵיינֶע הוֹיזְהַאלְטוּנְג, וָוארִין דוּא קֶענְסְט נִיט מֶעהְר
הוֹיזְהַאלְטֶער זַיין. 3 אוּן דֶער הוֹיזְהַאלְטֶער הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט, וָואס זָאל אִיךְ
טְהוּן, וָוארִין מֵיין הַאר נֶעמְט פוּן מִיר אַוֶועק דִיא הוֹיזְהַאלְטוּנְג? גְרוּבֶּען קֶען
אִיךְ נִיט, אוּן אִיךְ שֶׁעהְם מִיךְ צוּ בֶּעטְלֶען. 4 אִיךְ וֵוייס וָואס אִיךְ וֶועל טְהוּן,
אַז וֶוען אִיךְ בִּין אָפְּגֶעזֶעצְט פוּן דֶער הוֹיזְהַאלְטוּנְג, זָאלֶען זֵייא מִיךְ אִין זֵייעֶרֶע
הֵייזֶער אַרֵיינְנֶעמֶען. 5 אוּן עֶר הָאט צוּ זִיךְ גֶערוּפֶען אַלֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת פוּן
זַיינֶעם הַאר'ן, אוּן הָאט צוּם עֶרְשְׁטֶען גֶעזָאגְט, וִויא פִּיל בִּיסְט דוּא שׁוּלְדִיג
מֵיינֶעם הַאר'ן? 6 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, הוּנְדֶערְט מָאס עֶהְל. אוּן עֶר הָאט

צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, נֶעם דַיין שְׁטַר חוֹב, אוּן זֶעץ דִיךְ גִיךְ אַנִידֶער, אוּן שְׁרַייבּ אוֹיף
פִינְפְצִיג. [7] דֶערְנָאךְ הָאט עֶר צוּם אַנְדֶערֶען גֶעזָאגְט, אוּן דוּא, וִויא פִיל בִּיסְט
דוּא שׁוּלְדִיג? אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, הוּנְדֶערְט מֶעסְטְלֶעךְ ווַייץ. עֶר הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, נֶעם דַיין שְׁטַר חוֹב, אוּן שְׁרַייבּ אוֹיף אַכְטְצִיג. [8] אוּן דֶער הַאר
הָאט גֶעלוֹיבְּט דֶעם אוּנְגֶערֶעכְטֶען הוֹיזְהַאלְטֶער, ווַייל עֶר הָאט קְלוּג גֶעטְהוּן;
וָוארִין דִיא קִינְדֶער פוּן דִיזֶער וֶועלְט זֶענֶען קְלוּגֶער פַאר זֵייעֶר דוֹר וִויא דִיא
קִינְדֶער פוּן דֶעם לִיכְט. [9] אוּן אִיךְ זָאג אֵייךְ, מַאכְט אֵייךְ פְרַיינְד פוּן
דֶעם אוּנְגֶערֶעכְטֶען מָמוֹן, אַז וֶוען עֶס וֶועט פֶעהְלֶען, זֵייא זָאלֶען אֵייךְ אִין דִיא
עֶבִּיגֶע צֶעלְטֶען אַרַיינְנֶעמֶען. [10] דֶער וָואס אִיז גֶעטְרֵייא אִים וֶוענִיגְסְטֶען
אִיז אוֹיךְ גֶעטְרֵייא אִין פִילֶען; אוּן דֶער וָואס אִיז אוּנְגֶערֶעכְט אִים וֶוענִיגְסְטֶען
אִיז אוֹיךְ אוּנְגֶערֶעכְט אִין פִילֶען. [11] דְרוּם וֶוען אִיהְר זֶענְט נִיט גֶעטְרֵייא גֶעוֶוען
אִים אוּנְגֶערֶעכְטֶען מָמוֹן, וֶוער וֶועט אֵייךְ אַנְפֶערְטְרוֹיעֶן דָאס וָואהְרְהַאפְטִיגֶע?
[12] אוּן וֶוען אִיהְר זֶענְט אִים פְרֶעמְדֶען נִיט גֶעטְרֵייא גֶעוֶוען, וֶוער וֶועט אֵייךְ
דָאס אֵייעֶרִיגֶע גֶעבֶּען? [13] קֵיין קְנֶעכְט קֶען צְווייא הַארֶען נִיט דִינֶען; וָוארִין
עֶנְטְוֶועדֶער עֶר וֶועט אֵיינֶעם פֵיינְד הָאבֶּען אוּן דֶעם אַנְדֶערֶען לִיבֶּען, אָדֶער עֶר
וֶועט זִיךְ הַאלְטֶען אָן אֵיינֶעם אוּן וֶועט דֶעם אַנְדֶערֶען פֶערַאכְטֶען; אִיהְר קֶענְט
נִיט גָאט אוּן מָמוֹן דִינֶען.

[14] אוּן דִיא פְּרוּשִׁים וָואס זֶענֶען גֶעלְד לִיבְּהָאבֶּער גֶעוֶוען הָאבֶּען דָאס אַלֶעס גֶע־
הֶערְט, אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם אוֹיסְגֶעשְׁפֶּעט. [15] אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיהְר
זֶענְט דִיא וָואס רֶעכְטְפֶערְטִיגֶען זִיךְ פָאר מֶענְשֶׁען, אָבֶּער גָאט ווַייסְט אֵייעֶרֶע
הֶערְצֶער; וָוארִין דָאס וָואס אִיז הוֹיךְ צְווִישֶׁען מֶענְשֶׁען אִיז אַ גְרֵייעֶל פָאר גָאט.
[16] דִיא תּוֹרָה אוּן דִיא נְבִיאִים זֶענֶען בִּיז יוֹחָנָן גֶעוֶוען; פוּן דֶענְצְמָאל אָן
אִיז דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט, אוּן אִיטְלִיכֶער דְרִינְגְט זִיךְ אַרַיין.
[17] אָבֶּער עֶס אִיז גְרִינְגֶער אַז הִימֶעל אוּן עֶרְד זָאלֶען פֶערְגֶעהֶען, אֵיידֶער
אֵיינֶע נְקוּדָה פוּן דֶער תּוֹרָה זָאל פַאלֶען. [18] אִיטְלִיכֶער וָואס שֵׁיידֶעט זַיין ווַייבּ
אוּן נֶעמְט אֵיין אַנְדֶערֶע, דֶער אִיז מְזַנֶה, אוּן וֶוער עֶס נֶעמְט דִיא וָואס אִיז אַ
גְרוּשָׁה פוּן אִיהְר מַאן אִיז מְזַנֶה.

[19] אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רֵייכֶער מַאן אוּן עֶר אִיז אִין פּוּרְפּוּר אוּן פֵיינֶער לֵיינְ־
וַואנְד גֶעקְלֵייד גֶעוֶוען, אוּן הָאט אַלֶע טָאג מִיט תַּעֲנוּג אוּן פְרֵייד גֶעלֶעבְּט.
[20] אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיין אָרְמֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען לַעֲזָר, וָואס אִיז גֶעוֶוען
פוּל מִיט בְּלָאטֶערְן אוּן גֶעלֶעגֶען בֵּייא זַיין טוֹיעֶר. [21] אוּן עֶר הָאט בֶּעגֶעהְרְט
זִיךְ צוּ זֶעטִיגֶען מִיט דִיא בְּרֶעקְלֶעךְ וָואס פַאלֶען אַרוּפּ פוּן דֶעם טִישׁ פוּן דֶעם
רֵייכֶען מַאן; אֲפִילוּ דִיא הִינְד זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן הָאבֶּען זֵיינֶע בְּלָאטֶערְן
גֶעלֶעקְט. [22] אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אַז דֶער אָרְמֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּן עֶר
אִיז פוּן דִיא מַלְאָכִים גֶעבְּרַאכְט גֶעוָוארֶען צוּם שׁוֹים פוּן אַבְרָהָם; אוּן דֶער
רֵייכֶער אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּן אִיז בֶּעגְרָאבֶּען גֶעוָוארֶען. [23] אוּן אִין
גֵיהִנָּם אִיז עֶר אִין יִסוּרִים גֶעוֶוען, אוּן הָאט זֵיינֶע אוֹיגֶען אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען, אוּן
הָאט אַבְרָהָם פוּן ווַייטֶען גֶעזֶעהֶען אוּן לַעֲזָר אִין זַיין שׁוֹים. [24] אוּן עֶר

הָאט גֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט, פָאטֶער אַבְרָהָם, דֶערְבַּארְם דִיךְ אִיבֶּער מִיר, אוּן
שִׁיק לַעֲזָר, אַז עֶר זָאל אֵיינְטִינְקֶען דִיא שְׁפִּיץ פוּן זַיין פִינְגֶער אִין וַואסֶער,
אוּן זָאל מֵיינֶע צוּנְג אָפְּקִיהְלֶען, וָוארִין אִיךְ לֵייד יְסוּרִים אִין דִיזֶער פְלַאם. 25 אוּן
אַבְרָהָם הָאט גֶעזָאגְט, זוּהְן, גֶעדֶענְק אַז דוּא הָאסְט דֵיינֶע גוּטֶע זַאכֶען אָפְּגֶע־
נוּמֶען בֵּייא דֵיין לֶעבֶּען, אוּן לַעֲזָר אוּיךְ דִיא שְׁלֶעכְטֶע זַאכֶען; אוּן אַצוּנְד אִיז
עֶר הִיר גֶעטְרֵייסְט, אָבֶּער דוּא הָאסְט יְסוּרִים. 26 אוּן אִיבֶּער דֶעם אַלֶעם אִיז
דָא צְוִוישֶׁען אוּנְז אוּן אֵייךְ אַ גְרוֹיסֶער אָפְּגְרוּנְד גֶעזֶעצְט, אַז דִיא וָואס ווִילֶען
פוּן דַאנֶען צוּ אֵייךְ אַרִיבֶּערְגֶעהֶען קֶענֶען נִיט, אוּן אוּיךְ דִיא פוּן יֶענֶער זַייט
קוּמֶען נִיט אַרִיבֶּער צוּ אוּנְז. 27 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דְרוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ,
פָאטֶער, אַז דוּא זָאלְסְט אִיהְם שִׁיקֶען צוּ מֵיין פָאטֶערְס הוֹיז; 28 וָוארִין אִיךְ הָאבּ
פִינְף בְּרִידֶער; אַז עֶר זָאל זֵייא בֶּעצֵייגֶען, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען אוּיךְ נִיט קוּמֶען אִין
דִיזֶעם אָרְט פוּן יְסוּרִים. 29 אוּן אַבְרָהָם הָאט גֶעזָאגְט, זֵייא הָאבֶּען מֹשֶׁה אוּן
דִיא נְבִיאִים; לָאזֶען זֵייא זֵייא צוּהֶערֶען. 30 אָבֶּער עֶר הָאט גֶעזָאגְט, נֵיין, פָא־
טֶער אַבְרָהָם, נֵייעֶרְט וָוען אֵיינֶער וֶועט צוּ זֵייא פוּן דִיא טוֹיטֶע קוּמֶען, וֶועלֶען
זֵייא תְּשׁוּבָה טְהוּן. 31 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֶוען זֵייא הֶערֶען נִיט
מֹשֶׁה אוּן דִיא נְבִיאִים, אַזוֹי וֶועלֶען זֵייא אוּיךְ נִיט אִיבֶּערְגֶערֶעט וֶוערֶען וֶוען
אֵיינֶער וֶועט פוּן דִיא טוֹיטֶע אוּיפְשְׁטֶעהֶען.

יז 1 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵיינֶע תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט, עֶס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ אַז שְׁטְרוֹיכְ־
לוּנְגֶען זָאלֶען נִיט קוּמֶען, אָבֶּער וֶועה צוּ דֶעם דוּרְךְ וֶועמֶען זֵייא קוּמֶען.
2 עֶס וָואלְט בֶּעסֶער פַאר אִיהְם גֶעוֶועזֶען, אַז אַ מִיהְלְשְׁטֵיין זָאל אוֹיף זַיין הַאלְז
גֶעהָאנְגֶען וֶוערֶען, אוּן מֶען זָאל אִיהְם אִים יַם אַרֵיינְוַוארְפֶען, אֵיידֶער עֶר זָאל
שְׁטְרוֹיכְלֶען אֵיינֶעם פוּן דִיזֶע קְלֵיינֶע. 3 הִיט אֵייךְ זֶעלְבְּסְט. וֶוען דֵיין בְּרוּדֶער
זִינְדִיגְט קֶעגֶען דִיר, שְׁטְרָאף אִיהְם; אוּן וֶוען עֶר וֶועט חַרָטָה הָאבֶּען, פֶערְגִיבּ
אִיהְם. 4 אוּן וֶוען עֶר וֶועט זִיבֶּען מָאל אִים טָאג קֶעגֶען דִיר זִינְדִיגֶען, אוּן וֶועט
זִיךְ זִיבֶּען מָאל צוּ דִיר אוּמְקֶעהְרֶען אוּן זָאגֶען, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה, אַזוֹי זָאלְסְט
דוּא אִיהְם פֶערְגֶעבֶּען.

5 אוּן דִיא אַפָּאסְטֶעל הָאבֶּען צוּם הַאר'ן גֶעזָאגְט, פֶערְמֶעהְר אוּנְזֶער גְלוֹיבֶּען.
6 אוּן דֶער הַאר הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אִיהְר וָואלְט גְלוֹיבֶּען גֶעהַאט אַזוֹי ווִיא אַ
זָאמֶען פוּן זֶענְפְט, וָואלְט אִיהְר צוּ דִיזֶעם פֵייגֶענְבּוֹים גֶעזָאגְט, זֵייא אוֹיסְגֶע־
וָואוּרְצֶעלְט אוּן אִים יַם גֶעפְלַאנְצְט; אוּן עֶר וֶועט אֵייךְ גֶעהָארְכֶען.
7 אוּן וֶועלְכֶער פוּן אֵייךְ וָואס הָאט אַ קְנֶעכְט דֶער אַקֶערְט אָדֶער פַאסֶעט
שָׁאף וֶוען עֶר קוּמְט פוּן דֶעם פֶעלְד, וֶועט עֶר צוּ אִיהְם זָאגֶען, גֶעה אוּן
זֶעץ דִיךְ צוּם טִישׁ? 8 אָבֶּער וֶועט עֶר נִיט צוּ אִיהְם זָאגֶען, מַאךְ פַארְטִיג וָואס
אִיךְ זָאל עֶסֶען צוּם אָבֶּענְדְמָאהְל, אוּן גַארְטֶעל דִיךְ אַרוּם, אוּן בֶּעדִין מִיךְ בִּיז
אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסֶען אוּן גֶעטְרוּנְקֶען, אוּן דֶערְנָאךְ זָאלְסְט דוּא עֶסֶען אוּן טְרִינְ־
קֶען? 9 וֶועט עֶר דֶען זִיךְ בֶּעדַאנְקֶען צוּ דֶעם קְנֶעכְט, ווֵייל עֶר הָאט גֶעטְהוּן
וָואס אִיז אִיהְם בֶּעפוֹילֶען? 10 אַזוֹי אוּיךְ אִיהְר וֶוען אִיהְר הָאט אַלֶעס גֶעטְהוּן
וָואס אִיז אֵייךְ בֶּעפוֹילֶען, אַזוֹי זָאגְט, מִיר זֶענֶען אוּנְנִיצְלִיכֶע קְנֶעכְט, מִיר

הָאבֶּען דָאס גֶעטְהוּן וָואס מִיר זֶענֶען שׁוּלְדִיג גֶעוֶוען צוּ טְהוּן.
11 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וִויא עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, אִיז עֶר אִין
מִיטֶען שֹׁמְרוֹן אוּן גָלִיל דוּרְכְגֶעקוּמֶען. 12 אוּן וִויא עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין אַ
גֶעווִיסֶען דָארְף אַרַיין, הָאבֶּען אִיהְם בֶּעגֶעגֶענְט צֶעהְן קְרֶעצִיגֶע וָואס זֶענֶען פוּן
וַוייטֶען גֶעשְׁטַאנֶען, 13 אוּן זַייא הָאבֶּען זַייעֶר קוֹל אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אוּן גֶעזָאגְט,
יֵשׁוּעַ, מֵייסְטֶער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז. 14 אוּן וֶוען עֶר הָאט זַייא גֶעזֶעהֶען,
הָאט עֶר צוּ זַייא גֶעזָאגְט, גֶעהְט אוּן ווַייזְט אֵייךְ צוּ דִיא כֹּהֲנִים. אוּן עֶס אִיז
גֶעשֶׁעהֶען וִויא זַייא זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אַזוֹי זֶענֶען זַייא גֶערֵיינִיגְט גֶעוָוארֶען.
15 אוּן אֵיינֶער פוּן זַייא וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען, אַז עֶר אִיז גֶעהֵיילְט, הָאט
זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט, אוּן הָאט גָאט גֶעלוֹיבְּט מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל; 16 אוּן עֶר אִיז
אוֹיף דֶעם פָּנִים גֶעפַאלֶען פָאר זַיינֶע פִיס, אוּן הָאט אִיהְם גֶעדַאנְקְט; אוּן עֶר
אִיז אַ שֹׁמְרוֹנִי גֶעוֶוען. 17 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, זֶענֶען נִיט דִיא
צֶעהְן גֶערֵיינִיגְט גֶעוָוארֶען? אָבֶּער וְואוּ זֶענֶען דִיא נַיין? 18 הָאט זִיךְ קֵיינֶער
נִיט גֶעפִינֶען וָואס הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט כָּבוֹד צוּ גָאט צוּ גֶעבֶּען, אוֹיסֶער
דִיזֶער פְרֶעמְדֶער? 19 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, שְׁטֶעה אוֹיף אוּן גֶעה,
דַיין גְלוֹיבֶּען הָאט דִיךְ גֶערֶעטֶעט.
20 אוּן וֶוען עֶר אִיז פוּן דִיא פְּרוּשִׁים גֶעפְרֶעגְט גֶעוָוארֶען, וֶוען דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן
גָאט וֶועט קוּמֶען, הָאט עֶר צוּ זַייא גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, דָאס קֶענִיגְרֵייךְ
פוּן גָאט קוּמְט נִיט מִיט בֶּעמֶערְקוּנְג, 21 אוֹיךְ וֶועט מֶען נִיט זָאגֶען, זֶעה דָא
אָדֶער דָארְט; וָוארִין זֶעה, דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט אִיז אִין מִיטֶען פוּן אֵייךְ.
22 אוּן עֶר הָאט צוּ דִיא תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט, דִיא טֶעג וֶועלֶען קוּמֶען, וֶוען אִיהְר
וֶועט בֶּעגֶעהְרֶען אֵיינֶעם פוּן דִיא טֶעג פוּן דֶעם בֶּן אָדָם צוּ זֶעהֶען, אוּן אִיהְר
וֶועט נִיט זֶעהֶען. 23 אוּן זַייא וֶועלֶען צוּ אֵייךְ זָאגֶען, זֶעה דָארְט אוּן זֶעה
דָא; גֶעהְט נִיט אַרוֹיס אוּן פָאלְגְט זַייא נִיט נָאךְ. 24 וָוארִין אַזוֹי וִויא דֶער בְּלִיץ
וָואס בְּלִיצְט פוּן אֵיין עֶק פוּן אוּנְטֶער דֶעם הִימֶעל, אוּן שַׁיינְט בִּיז צוּם אַנְדֶער־
רֶען עֶק אוּנְטֶער דֶעם הִימֶעל, אַזוֹי וֶועט דֶער בֶּן אָדָם זַיין אִין זַיינֶעם טָאג.
25 אָבֶּער צוּעֶרְשְׁט מוּז עֶר פִיל לֵיידֶען, אוּן פֶערְוָוארְפֶען וֶוערֶען פוּן דִיזֶעם דוֹר.
26 אוּן אַזוֹי וִויא עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִיא טֶעג פוּן נֹחַ, אַזוֹי וֶועט עֶס אוֹיךְ זַיין
אִין דִיא טֶעג פוּן דֶעם בֶּן אָדָם. 27 זַייא הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען, זַייא הָאבֶּען גֶעטְרוּנְ־
קֶען, זַייא הָאבֶּען חֲתוּנָה גֶעהַאט, זַייא הָאבֶּען חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, בִּיז צוּם טָאג
וֶוען נֹחַ אִיז אִין דֶער תֵּיבָה אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן דָאס מַבּוּל אִיז גֶעקוּמֶען אוּן
הָאט זַייא אַלֶע אוּמְגֶעבְּרַאכְט. 28 גְלֵייכְדֶעם אַזוֹי וִויא עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִיא
טֶעג פוּן לוֹט; זַייא הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען, זַייא הָאבֶּען גֶעטְרוּנְקֶען, זַייא הָאבֶּען
גֶעקוֹיפְט, זַייא הָאבֶּען פֶערְקוֹיפְט, זַייא הָאבֶּען גֶעפְלַאנְצְט, זַייא הָאבֶּען
גֶעבּוֹיעֶט; 29 אָבֶּער אִים טָאג וֶוען לוֹט אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן סְדוֹם הָאט עֶס
גֶערֶעגֶענְט מִיט פַייעֶר אוּן שְׁוֶועבֶּעל פוּן הִימֶעל, אוּן הָאט זַייא אַלֶע אוּמְגֶע־
בְּרַאכְט. 30 אַזוֹי וֶועט עֶס זַיין אִים טָאג וֶוען דֶער בֶּן אָדָם וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט
וֶוערֶען. 31 אִין יֶענֶעם טָאג, דֶער וָואס וֶועט זַיין אוֹיף דֶעם דַאךְ אוּן זַיינֶע

בֵּלִים אִים הויז, לָאז עֶר נִיט אַרוּפְּגֶעהֶען כְּדֵי זֵייא צוּ נֶעמֶען; אוּן גְלֵייכְדֶעם
דֶער וָואס אִיז אִים פֶּעלְד לָאז עֶר נִיט צוּרִיקְקֶעהְרֶען. 32 גֶעדֶענְקְט אָן דֶעם ווייבּ
פוּן לוּט. 33 וֶוער עֶס וֶועט זוּכֶען זֵיינֶע זֶעלֶע צוּ גֶעווִינֶען, דֶער וֶועט זִיא פֶערְ־
לִירֶען, אוּן וֶוער עֶס וֶועט זֵיינֶע זֶעלֶע פֶערְלִירֶען, דֶער וֶועט זִיא דֶערְהַאלְטֶען.
34 אִיךְ זָאג אֵייךְ, אִין יֶענֶער נַאכְט וֶועלֶען צְוֵייא אִין אֵיינֶעם בֶּעט זֵיין, אֵיינֶער
וֶועט אַוֶועקְגֶענוּמֶען וֶוערֶען, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער וֶועט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט וֶוערֶען.
35 צְוֵייא פְרוֹיֶען וֶועלֶען צוּזַאמֶען מָאלֶען, אֵיינֶע וֶועט אַוֶועקְגֶענוּמֶען וֶוערֶען אוּן
דִיא אַנְדֶערֶע וֶועט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט וֶוערֶען. * 37 אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעעֶנְטְפֶערְט
אוּן הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וְואוּ הַאר? אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וְואוּ
דִיא נְבֵלָה אִיז, דָארְט וֶועלֶען זִיךְ אוֹיךְ דִיא אָדְלֶער אֵיינְזַאמְלֶען.

יח 1 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא אַ מָשָׁל גֶעזָאגְט, אַז זֵייא בֶּעדַארְפֶען תָּמִיד בֶּעטֶען אוּן
נִיט מִיד וֶוערֶען, 2 אוּן הָאט גֶעזָאגְט, עֶס אִיז אַ רִיכְטֶער גֶעוֶוען אִין אַ
גֶעווִיסֶע שְׁטָאדְט, וָואס הָאט זִיךְ נִיט גֶעפָארְכְטֶען פַאר גָאט אוּן הָאט מֶענְשֶׁען
נִיט גֶעשֶׁעצְט. 3 אוּן עֶס אִיז אֵיין אַלְמָנָה גֶעוֶוען אִין יֶענֶער שְׁטָאדְט; אוּן זִיא
אִיז צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען אוּן הָאט גֶעזָאגְט, זֵייא דִיךְ נוֹקֵם מֵיינֶעט וֶועגֶען קֶעגֶען
מֵיין קְרִיגֶער. 4 אוּן עֶר הָאט פַאר אַ צֵייט נִיט גֶעוָואלְט; אָבֶּער דֶערְנָאךְ הָאט
עֶר גֶעטְרַאכְט, חָאטְשֶׁע אִיךְ פָארְכְט נִיט גָאט אוּן שֶׁעץ נִיט מֶענְשֶׁען, 5 דָאךְ ווייל
דִיזֶע אַלְמָנָה גִיבְּט מִיר מִיה, וֶועל אִיךְ פַאר אִיהְר נְקָמָה טְהוּן, אַז זִיא זָאל
מִיךְ נִיט מִיד מַאכֶען מִיט אִיהְר פִיל קוּמֶען. 6 אוּן דֶער הַאר הָאט גֶעזָאגְט,
הֶערְט וָואס דֶער אוּנְגֶערֶעכְטֶע רִיכְטֶער זָאגְט. 7 אוּן זָאל נִיט גָאט נְקָמָה
טְהוּן פַאר זֵיינֶע אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְטֶע, וָואס שְׁרֵייעֶן צוּ אִיהְם טָאג אוּן נַאכְט, אוּן עֶר
הָאט מִיט זֵייא גֶעדוּלְד? 8 אִיךְ זָאג אֵייךְ, אַז עֶר וֶועט גֶעשְׁווִינְד פַאר זֵייא נְקָמָה
טְהוּן. דָאךְ וֶוען דֶער בֶּן אָדָם וֶועט קוּמֶען וֶועט עֶר דֶען גְלוֹיבֶּען גֶעפִינֶען
אוֹיף דֶער עֶרְד?

9 אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ דִיזֶעם מָשָׁל גֶעזָאגְט צוּ עֶטְלִיכֶע וָואס הָאבֶּען אִין זִיךְ
אַלֵיין פֶערְטְרוֹיעְט אַז זֵייא זֶענֶען צַדִּיקִים, אוּן הָאבֶּען דִיא אִיבְּרִיגֶע פֶערַאכְטֶעט.
10 צְוֵייא מֶענְשֶׁען זֶענֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוּם צוּ בֶּעטֶען, דֶער
אֵיינֶער אִיז אַ פָּרוּשׁ גֶעוֶוען אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אַ שְׁטֵייעֶרְאֵיינְנֶעמֶער. 11 דֶער פָּרוּשׁ
אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט גֶעבֶּעטֶען, אָ גָאט, אִיךְ דַאנְק דִיר, אַז אִיךְ בִּין נִיט וִויא
אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען, רוֹיבֶּער, אוּנְגֶערֶעכְטֶע, נוֹאֲפִים, אָדֶער אוֹיךְ וִויא דִיזֶער
שְׁטֵייעֶרְאֵיינְנֶעמֶער; 12 אִיךְ פַאסְט צְוֵייא מָאל אִין דֶער וָואךְ, אִיךְ גִיבּ מַעֲשֵׂר פוּן
אַלֶעם וָואס אִיךְ בֶּעזִיץ. 13 אָבֶּער דֶער שְׁטֵייעֶרְאֵיינְנֶעמֶער אִיז פוּן ווייטֶען
גֶעשְׁטַאנֶען, אוּן הָאט נִיט אֲפִילוּ גֶעוָואלְט אוֹיפְהֶעבֶּען דִיא אוֹיגֶען צוּם הִימֶעל,
נֵייעֶרְט הָאט זִיךְ אוֹיף דֶעם הַארְץ גֶעשְׁלָאגֶען אוּן גֶעזָאגְט, אָ גָאט, דֶערְבַּארְם
דִיךְ אִיבֶּער מִיר דֶעם זִינְדֶער. 14 אִיךְ זָאג אֵייךְ, דִיזֶער מַאן אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען

---

36 צְוֵייא וֶועלֶען זֵיין אִים פֶעלְד, אֵיינֶער וֶועט אַוֶועקְגֶענוּמֶען וֶוערֶען אוּן דֶער
אַנְדֶערֶער וֶועט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט וֶוערֶען.

[29] בראשית יט׳ כד׳.

גֶערֶעכְטפֶערְטִיגְט מֶעהר וִויא דֶער אַנְדֶערֶער; וָוארִין אִיטְלִיכֶער וָואס דֶערְהֵייבְּט
זִיךְ זֶעלְבְּסְט וֶועט דֶערְנִידְרִיגְט וֶוערֶען, אָבֶּער דֶער וָואס דֶערְנִידְרִיגְט זִיךְ
זֶעלְבְּסְט וֶועט דֶערְהֵייבְּט וֶוערֶען.

15 אוּן מֶען הָאט צוּ אִיהְם אוֹיךְ גֶעבְּרַאכְט דִיא קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אַז עֶר זָאל
זַייא אָנְרִיהְרֶען; אוּן וֶוען דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען דָאס גֶעזֶעהֶען, הָאבֶּען זַייא זַייא
אָנְגֶעשְׁרִיגֶען. 16 אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט זַייא צוּ זִיךְ גֶערוּפֶען אוּן גֶעזָאגְט, לָאזְט דִיא
קִינְדֶערְלֶעךְ צוּ מִיר קוּמֶען אוּן פֶערְבִּיט זַייא נִיט, וָוארִין פוּן אַזֶעלְכֶע אִיז דָאס
קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט. 17 בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, וֶוער עֶס וֶועט נִיט אָנְנֶעמֶען דָאס
קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט וִויא אַ קְלֵיין קִינְד, דֶער וֶועט דְרִינֶען נִיט אַרֵיינְקוּמֶען.

18 אוּן אַ גֶעוִויסֶער עֶלְצְטֶער הָאט אִיהְם גֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט, גוּטֶער לֶעהְ־
רֶער, וָואס זָאל אִיךְ טְהוּן, אַז אִיךְ זָאל עֶבִּיגֶעס לֶעבֶּען יַרְשֶׁענֶען? 19 אוּן יֵשׁוּעַ
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וָוארוּם רוּפְסְט דוּא מִיךְ גוּט? קֵיינֶער אִיז נִיט גוּט,
אוֹיסֶער אֵיינֶער, דָאס אִיז גָאט. 20 דוּא קֶענְסְט דִיא מִצְוֹת, דוּא זָאלְסְט נִיט
מְזַנֶּה זַיין, דוּא זָאלְסְט נִיט טֵייטֶען, דוּא זָאלְסְט נִיט גַנְבֶענֶען, דוּא זָאלְסְט נִיט
פַאלְשׁ עֵדוּת זָאגֶען, עֶהְרֶע דַיין פָאטֶער אוּן דַיינֶע מוּטֶער. 21 אוּן עֶר הָאט
גֶעזָאגְט, דָאס אַלֶעס הָאבּ אִיךְ גֶעהַאלְטֶען פוּן מֵיינֶע יוּגֶענְד אָפּ. 22 אוּן וֶוען
יֵשׁוּעַ הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, נָאךְ אֵיין זַאךְ פֶעהְלְט
דִיר; פֶערְקוֹיף אַלֶעס וָואס דוּא הָאסְט, אוּן פֶערְטֵהייל עֶס צוּ דִיא אָרְמֶע לֵייט,
אוּן דוּא וֶועסְט הָאבֶּען אַ שַׁאץ אִים הִימֶעל אוּן קוּם פָאלְג מִיר נָאךְ. 23 אוּן
וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר זֶעהְר טְרוֹירִיג גֶעוָוארֶען; וָוארִין עֶר הָאט
אַ סַךְ עֲשִׁירוּת גֶעהַאט. 24 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט אִיהְם גֶעזֶעהֶען אוּן גֶעזָאגְט, וִויא
שְׁוֶוער אִיז עֶס פַאר דִיא וָואס הָאבֶּען רֵייכְטְהוּם אִים קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט אַרֵיינְ־
צוּקוּמֶען. 25 וָוארִין עֶס אִיז גְרִינְגֶער פַאר אַ קֶעמֶעל דוּרְכְצוּגֶעהֶען דוּרְךְ דֶעם
לָאךְ פוּן אַ נָאדֶעל, וִויא פַאר אַ רֵייכֶען אַרֵיינְצוּגֶעהֶען אִים קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט.
26 אוּן דִיא וָואס הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט הָאבֶּען גֶעזָאגְט, וֶוער קֶען דֶען גֶערֶעטֶעט
וֶוערֶען? 27 אָבֶּער עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דָאס וָואס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ בֵּייא מֶענְשֶׁען
אִיז מֶעגְלִיךְ בֵּייא גָאט. 28 אוּן פֶעטְרוּס הָאט גֶעזָאגְט, זֶעה, מִיר הָאבֶּען אוּנְזֶער
אֵייגֶענֶעס פֶערְלָאזְט, אוּן הָאבֶּען דִיר נָאכְגֶעפָאלְגְט. 29 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא
גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, עֶס אִיז קֵיינֶער וָואס הָאט פֶערְלָאזְט הוֹיז אָדֶער
וַוייבּ אָדֶער בְּרִידֶער אָדֶער עֶלְטֶערְן אָדֶער קִינְדֶער פוּן וֶועגֶען דֶעם קֶענִיגְרֵייךְ
פוּן גָאט, 30 וָואס וֶועט נִיט בֶּעקוּמֶען פִיל מָאל מֶעהְר אִין דִיזֶער צֵייט, אוּן
אִים קוּמֶענְדִיגֶען צֵייטַאלְטֶער עֶבִּיגֶעס לֶעבֶּען.

31 אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִיא צְוֶועלְף, אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, זֶעה, מִיר
גֶעהֶען אַרוֹיף קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען דוּרְךְ דִיא נְבִיאִים
וֶועגֶען דֶעם בֶּן אָדָם וֶועט דֶערְפִילְט וֶוערֶען; 32 וָוארִין עֶר וֶועט אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען
וֶוערֶען צוּ דִיא גוֹיִם, אוּן וֶועט אוֹיסְגֶעשְׁפֶּעט, אוּן שְׁלֶעכְט בֶּעהַאנְדֶעלְט,
אוּן אָנְגֶעשְׁפִּיגֶען וֶוערֶען, 33 אוּן זַייא וֶועלֶען אִיהְם שְׁמֵייסֶען, אוּן וֶועלֶען

20 שמות כ׳ יב׳–טז׳: דברים ה׳ טז׳, יז׳.

אִיהָם טֵייטֶען, אוּן אִים דְרִיטֶען טָאג וֶועט עֶר אוֹיפְשְׁטֶעהֶען. 34 אוּן זֵייא הָאבֶּען
קֵיינֶע פוּן דִיזֶע זַאכֶען נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען, אוּן דִיזֶע רֶעד אִיז פוּן זֵייא פֶערְבָּארְגֶען
גֶעוֶועזֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען נִיט גֶעוְואוּסְט וָואס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען.

35 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וִויא עֶר אִיז גֶעקוּמֶען נָאהֶענְט צוּ יְרִיחוֹ, אִיז אַ
בְּלִינְדֶער בֵּיים וֶועג גֶעזֶעסֶען, אוּן הָאט גֶעבֶּעטֶעלְט. 36 אוּן וֶוען עֶר הָאט
גֶעהֶערְט דִיא לֵייט פַארְבֵּייא גֶעהֶען, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט וָואס דָאס אִיז. 37 אוּן
זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהָם דֶערְצֶעהְלְט, אַז יֵשׁוּעַ הַנָּצְרִי גֶעהְט פַארְבֵּייא. 38 אוּן עֶר
הָאט גֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט, יֵשׁוּעַ בֶּן דָוִד, דֶערְבַּארְם דִיךְ אִיבֶּער מִיר. 39 אוּן
דִיא וָואס זֶענֶען פָאר אִיהָם גֶעגַאנְגֶען הָאבֶּען אִיהָם אָנְגֶעשְׁרִיגֶען אַז עֶר זָאל
שְׁטִיל שְׁוַוייגֶען; אָבֶּער עֶר הָאט נָאךְ מֶעהְר גֶעשְׁרִיגֶען, בֶּן דָוִד, דֶערְבַּארְם דִיךְ
אִיבֶּער מִיר. 40 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז שְׁטֶעהֶען גֶעבְּלִיבֶּען, אוּן הָאט אִיהָם גֶעהֵייסֶען צוּ
זִיךְ בְּרֶענְגֶען. אוּן וִויא עֶר אִיז נָאהֶענְט גֶעקוּמֶען, הָאט עֶר אִיהָם גֶעפְרֶעגְט,
41 וָואס ווִילְסְט דוּא אַז אִיךְ זָאל דִיר טְהוּן? אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, הַאר, אַז
אִיךְ זָאל זֶעהֶענְדִיג וֶוערֶען. 42 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהָם גֶעזָאגְט, זֵייא זֶעהֶענְדִיג;
דֵיין גְלוֹיבֶּען הָאט דִיךְ גֶערֶעטֶעט. 43 אוּן גְלֵייךְ אִיז עֶר זֶעהֶענְדִיג גֶעוָוארֶען,
אוּן הָאט אִיהָם נָאכְגֶעפָאלְגְט, אוּן הָאט גָאט גֶעלוֹיבְּט. אוּן דָאס גַאנְצֶע פָאלְק
הָאט דָאס גֶעזֶעהֶען אוּן הָאט גָאט גֶעלוֹיבְּט.

יט 1 אוּן עֶר אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, אוּן אִיז דוּרְךְ יְרִיחוֹ גֶעגַאנְגֶען. 2 אוּן דָא אִיז
גֶעוֶועזֶען אַ מַאן וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען זַכַּי, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען אֵיין אוֹיבֶּערְשְׁטֶער
פוּן דִיא שְׁטֵייעֶרְאֵיינְנֶעמֶער, אוּן אַ רֵייכֶער מַאן. 3 אוּן עֶר הָאט גֶעזוּכְט יֵשׁוּעַ
צוּ זֶעהֶען, וֶוער עֶר אִיז; אוּן עֶר הָאט נִיט גֶעקֶענְט וֶועגֶען דִיא לֵייט, ווַייל עֶר
אִיז קְלֵיין גֶעוֶועזֶען. 4 אוּן עֶר אִיז פָארְאוֹיס גֶעלָאפֶען, אוּן אִיז אַרוֹיפְגֶעקְלֶעטֶער-
טֶערְט אוֹיף אַ פֵייגֶענְבּוֹים, כְּדֵי עֶר זָאל אִיהָם זֶעהֶען, וָוארִין עֶר הָאט גֶעמוּזְט
דָארְט פַארְבֵּייא גֶעהֶען. 5 אוּן וֶוען יֵשׁוּעַ אִיז צוּ דֶעם אָרְט גֶעקוּמֶען, הָאט עֶר
אַרוֹיפְגֶעקוּקְט אוּן הָאט צוּ אִיהָם גֶעזָאגְט, זַכַּי, קוּם גֶעשְׁוִוינְד אַרוּפּ; וָוארִין אִיךְ
מוּז הֵיינְט אִין דֵיין הוֹיז בְּלֵייבֶּען. 6 אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁוִוינְד אַרוּפְגֶעקוּמֶען, אוּן
הָאט אִיהָם מִיט פְרֵייד אוֹיפְגֶענוּמֶען. 7 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעזֶעהֶען,
הָאבֶּען זֵייא אַלֶע גֶעמוּרְמֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ
זִינְדִיגֶען מַאן זִיךְ אוֹיפְצוּהַאלְטֶען. 8 אָבֶּער זַכַּי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט צוּם
הַאר'ן גֶעזָאגְט, זֶעה, הַאר, דִיא הֶעלְפְט פוּן מֵיין פֶערְמֶעגֶען גִיבּ אִיךְ צוּ דִיא
אָרְמֶע, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ פוּן אֵיינֶעם עֶפֶּעס גֶערוֹיבְּט אַזוֹי גִיבּ אִיךְ עֶס פִיעֶר-
פֶעלְטִיג צוּרִיק. 9 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהָם גֶעזָאגְט, הֵיינְט אִיז יְשׁוּעָה אַרֵיינְ-
גֶעקוּמֶען צוּ דִיזֶעם הוֹיז, ווַייל עֶר אִיז אוֹיךְ אַ זוּהְן פוּן אַבְרָהָם; 10 וָוארִין דֶער
בֶּן אָדָם אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זוּכֶען אוּן צוּ רֶעטֶען דָאס וָואס אִיז פֶערְלוֹירֶען
גֶעוֶועזֶען.

11 אוּן וִויא זֵייא הָאבֶּען דָאס צוּגֶעהֶערְט, הָאט עֶר ווַייטֶער אַ מָשָׁל גֶעזָאגְט,
ווַייל עֶר אִיז נָאהֶענְט צוּ יְרוּשָׁלַיִם גֶעוֶועזֶען, אוּן ווַייל זֵייא הָאבֶּען גֶעדַאכְט אַז
דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט וֶועט גְלֵייךְ דֶערְשֵׁיינֶען. 12 דְרוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אַ

גֶעוִויסֶער עֶדֶעלְמַאן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ וַוייטֶען לַאנְד, כְּדֵי עֶר זָאל צוּ
זִיךְ אַ קֶענִיגְרַייךְ בֶּעקוּמֶען אוּן צוּרִיקְקֶעהְרֶען. 13 אוּן עֶר הָאט זַיינֶע צֶעהְן
קְנֶעכְט גֶערוּפֶען, אוּן הָאט זַייא גֶעגֶעבֶּען צֶעהְן פוּנְט,* אוּן הָאט צוּ זַייא
גֶעזָאגְט, הַאנְדֶעלְט דֶערְמִיט בִּיז אִיךְ וֶועל צוּרִיקְקוּמֶען. 14 אָבֶּער זַיינֶע שְׁטָאדְטְ־
לֵייט הָאבֶּען אִיהְם פֵיינְד גֶעהַאט, אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם שְׁלוּחִים נָאכְגֶעשִׁיקְט
אוּן גֶעזָאגְט, מִיר ווִילֶען נִיט דִיזֶעם הָאבֶּען אַז עֶר זָאל אִיבֶּער אוּנְז רֶעגִירֶען.
15 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וֶוען עֶר הָאט דָאס קֶענִיגְרַייךְ בֶּעקוּמֶען, אוּן אִיז
צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, הָאט עֶר גֶעהַייסֶען דִיא קְנֶעכְט צוּ זִיךְ רוּפֶען, צוּ וֶועלְכֶע עֶר
הָאט דָאס גֶעלְד גֶעגֶעבֶּען, כְּדֵי עֶר זָאל ווִיסֶען וָואס אִיטְלִיכֶער הָאט פֶערְדִינְט
מִיט הַאנְדֶעלְן. 16 אוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט גֶעזָאגְט, הַאר,
דֵיין פוּנְט* הָאט צֶעהְן פוּנְט פֶערְדִינְט. 17 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
וְואוּיל, דוּא גוּטֶער קְנֶעכְט; וַוייל דוּא בִּיסְט אִין אַבִּיסֶעל גֶעטְרֵייא גֶעוֶועזֶען,
הָאבּ מַאכְט אִיבֶּער צֶעהְן שְׁטֶעדְט. 18 אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז גֶעקוּמֶען אוּן
הָאט גֶעזָאגְט, הַאר, דֵיין פוּנְט* הָאט פִינְף פוּנְט פֶערְדִינְט. 19 אוּן עֶר הָאט
אוֹיךְ צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, זַייא דוּא אוֹיךְ אִיבֶּער פִינְף שְׁטֶעדְט. 20 אוּן דֶער
דְרִיטֶער אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט גֶעזָאגְט, הַאר, זֶעה דֵיין פוּנְט,* וָואס אִיךְ
הָאבּ בֶּעהַאלְטֶען אִין אַ טִיכֶעל; 21 וָוארִין אִיךְ הָאבּ מִיךְ פַאר דִיר גֶעפָארְכְ־
טֶען, וַוייל דוּא בִּיסְט אַ הַארְטֶער מֶענְשׁ, דוּא נֶעמְסְט אוֹיף וָואס דוּא הָאסְט
נִיט אַנִידֶערְגֶעלֶעגְט, אוּן שְׁנֵייַדֶעסְט וָואס דוּא הָאסְט נִיט גֶעזֵייעט. 22 עֶר הָאט
צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, פוּן דֵיין אֵייגֶען מוֹיל וֶועל אִיךְ דִיךְ רִיכְטֶען, דוּא שְׁלֶעכְטֶער
קְנֶעכְט; דוּא הָאסְט גֶעווְאוּסְט אַז אִיךְ בִּין אַ הַארְטֶער מֶענְשׁ, אַז אִיךְ נֶעם
אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ נִיט אַנִידֶערְגֶעלֶעגְט, אוּן שְׁנֵייד וָואס אִיךְ הָאבּ נִיט
גֶעזֵייעט. 23 וָוארוּם הָאסְט דוּא דֶען נִיט מֵיין גֶעלְד אַרֵיינְגֶעגֶעבֶּען אִין דֶער
בַּאנְק, אַז בֵּייא מֵיין צוּרִיקְקוּמֶען וָואלְט אִיךְ עֶס בֶּעקוּמֶען מִיט פְּרָאצֶענְט?
24 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ דִיא וָואס זֶענֶען דֶערְבֵּייא גֶעשְׁטַאנֶען, נֶעמְט פוּן
אִיהְם דָאס פוּנְט אוּן גִיבְּט עֶס צוּ דֶעם וָואס הָאט דִיא צֶעהְן פוּנְט. 25 אוּן
זַייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, עֶר הָאט צֶעהְן פוּנְט.* 26 אִיךְ זָאג אֵייךְ,
אַז צוּ אִיטְלִיכֶעם וָואס הָאט וֶועט גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען; אוּן פוּן דֶעם וָואס הָאט
נִיט, וֶועט אוֹיךְ דָאס וָואס עֶר הָאט אַוֶועקְגֶענוּמֶען וֶוערֶען. 27 אָבֶּער דִיזֶע
מֵיינֶע פֵיינְד, וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט אַז אִיךְ זָאל אִיבֶּער זַייא רֶעגִירֶען,
בְּרֶענְגְט אַהֶער אוּן הַרְגֶעט זַייא פָאר מִיר. 28 אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט,
אִיז עֶר פָארְאוֹיס קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען.

29 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען נָאהֶענְט צוּ בֵּית פַּגֵי אוּן
בֵּית הִינִי צוּם בַּארְג וָואס אִיז גֶערוּפֶען הַר הַזֵיתִים, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט
צְווֵייא פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, 30 אוּן הָאט גֶעזָאגְט, גֶעהְט אִים דָארְף אַרֵיין וָואס
אִיז קֶעגֶען אֵייךְ, אוּן וֶוען אִיהְר וֶועט דְרִינֶען אַרֵיינְקוּמֶען, וֶועט אִיהְר גֶעפִינֶען
אַ יוּנְג עֶזֶעל אָנְגֶעבּוּנְדֶען, אוֹיף דֶעם אִיז קֵיין מֶענְשׁ נָאךְ נִיט גֶעזֶעסֶען; בִּינְד

* גר׳ מנים 13,25 — גר׳ מנה 16,18,20,24

עֶס לויז און בְּרֶענְגְט עֶס אַהֶער. 31 און וֶוען אֵיימִיצֶער וֶועט אֵייךְ פְרֶעגֶען,
וָוארום בִּינְד אִיהְר עֶס לויז? אַזוֹי זָאלְט אִיהְר צוּ אִיהְם זָאגֶען, אַז דֶער הַאר
בֶּעדַארְף עֶס. 32 און דִיא וָואס זֶענֶען גֶעשִׁיקְט גֶעוֶוען זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען,
און הָאבֶּען גֶעפִינֶען אַזוֹי וִויא עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט. 33 און וִויא זֵייא
הָאבֶּען דָאס יוּנְגֶע עֶזֶעל אויפְגֶעבּוּנְדֶען הָאבֶּען דִיא הַארֶען דֶערְפוּן צוּ זֵייא
גֶעזָאגְט, וָוארוּם בִּינְד אִיהְר אויף דָאס יוּנְגֶע עֶזֶעל? 34 און זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט,
דֶער הַאר בֶּעדַארְף עֶס. 35 און זֵייא הָאבֶּען עֶס צוּ יֵשׁוּעַ גֶעבְּרַאכְט, און הָאבֶּען
זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער אויף דֶעם יוּנְגֶען עֶזֶעל אַרויפְגֶעוָוארְפֶען, און הָאבֶּען יֵשׁוּעַ
דְרויף גֶעזֶעצְט. 36 און וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, הָאבֶּען זֵייא זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער
אויף דֶעם וֶועג אויסְגֶעשְׁפְּרֵייט. 37 און וִויא עֶר אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען נָאהֶענְט צוּם
אַרוּפְגַאנְג פוּן דֶעם הַר הַזֵּיתִים, אַזוֹי הָאבֶּען דִיא גַאנְצֶע מֶענְגֶע תַּלְמִידִים
אָנְגֶעהוֹיבֶּען גָאט צוּ לוֹיבֶּען מִיט שִׂמְחָה און אַ הוֹיךְ קוֹל, וֶועגֶען אַלֶע גְבוּרוֹת
וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען, 38 און גֶעזָאגְט,

גֶעלוֹיבְּט אִיז עֶר וָואס קוּמְט,
דֶער קֶענִיג אִים נָאמֶען פוּן דֶעם הַאר'ן;
פְרִידֶען אִים הִימֶעל,
און כָּבוֹד אִין דֶער הֵייךְ.

39 און עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא פְּרוּשִׁים פוּן צְוִוישֶׁען דִיא לֵייט הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
לֶעהְרֶער, שְׁרֵייא אָן דֵיינֶע תַּלְמִידִים. 40 און עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט,
אִיךְ זָאג אֵייךְ, אַז וֶוען דִיזֶע וֶועלֶען שְׁטִיל שְׁוֵוייגֶען, אַזוֹי וֶועלֶען דִיא שְׁטֵיינֶער
אויסְשְׁרֵייעֶן.

41 און וֶוען עֶר אִיז נָאהֶענְט גֶעקוּמֶען, הָאט עֶר דִיא שְׁטָאדְט גֶעזֶעהֶען און
הָאט אִיבֶּער אִיהְר גֶעוֵויינְט. 42 און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען דוּא וָואלְסְט גֶעוְואוּסְט
אִין דִיזֶעם טָאג דִיא זַאכֶען וָואס גֶעהֶערֶען צוּ דֵיין פְרִידֶען; אָבֶּער נוּן זֶענֶען
זֵייא פוּן דֵיינֶע אוֹיגֶען פֶערְבָּארְגֶען. 43 וָוארִין דִיא טֶעג וֶועלֶען אִיבֶּער דִיר
קוּמֶען, וֶוען דֵיינֶע פֵיינְד וֶועלֶען אַ גְרוּבּ אַרוּם דִיר גְרוּבֶּען, און וֶועלֶען דִיךְ
אַרוּמְרִינְגְלֶען, און וֶועלֶען פוּן אַלֶע זֵייטֶען בֶּעלַאגֶערְן; 44 און זֵייא וֶועלֶען דִיךְ
צוּם גְרוּנְד אַנִידֶערְוַוארְפֶען און דֵיינֶע קִינְדֶער אִין דִיר, און זֵייא וֶועלֶען אִין
דִיר נִיט אִיבֶּערְלָאזֶען אַ שְׁטֵיין אויף אַ שְׁטֵיין, וָוייל דוּא הָאסְט נִיט גֶעוְואוּסְט
דִיא צֵייט וֶוען דוּא בִּיסְט בֶּעזוּכְט גֶעוָוארֶען.

45 און עֶר אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אִים בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, און הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען
אַרוֹיס צוּ וַוארְפֶען דִיא וָואס הָאבֶּען דְרִינֶען גֶעקוֹיפְט; 46 און עֶר הָאט צוּ זֵייא
גֶעזָאגְט, עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, און מֵיין הוֹיז וֶועט זֵיין אַ הוֹיז פוּן גֶעבֶּעט,
אָבֶּער אִיהְר הָאט עֶס גֶעמַאכְט צוּ אַ הֵייל פוּן רוֹיבֶּער.

47 און עֶר הָאט טֶעגְלִיךְ אִים בֵּית הַמִּקְדָּשׁ גֶעלֶעהְרְט. און דִיא עֶרְשְׁטֶע
כֹּהֲנִים און דִיא סוֹפְרִים און דִיא עֶלְצְטֶע פוּן דֶעם פָאלְק הָאבֶּען אִיהְם גֶעזוּכְט
אוּמְצוּבְּרֶענְגֶען. 48 און זֵייא הָאבֶּען נִיט גֶעפִינֶען וָואס צוּ טְהוּן, וָוארִין דָאס

38 תהלים קיח׳ כו׳.

גַאנְצֶע פָאלְק הָאט זִיךְ אָן אִיהְם גֶעהַאלְטֶען אַז זֵייא זָאלֶען אִיהְם הֶערֶען.
כ [1] און עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אַן אֵיינֶעם פוּן דִיא טֶעג, וִויא עֶר הָאט דָאס פָאלְק
גֶעלֶעהְרְט אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ און הָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה, זֶענֶען
דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים און דִיא סוֹפְרִים מִיט דִיא עֶלְצְטֶע צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען;
[2] און זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעשְׁפְּרָאכֶען און גֶעזָאגְט, זָאג אוּנְז דוּרְךְ וֶועלְכֶע
מַאכְט טְהוּסְט דוּא דִיזֶע זַאכֶען, אָדֶער װֶער אִיז דֶער װָאס הָאט דִיר דִיזֶע
מַאכְט גֶעגֶעבֶּען. [3] און עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיךְ
װֶעל אֵייךְ אוֹיךְ אַ זַאךְ פְרֶעגֶען און זָאגְט עֶס מִיר; [4] דִיא טְבִילָה פוּן יוֹחָנָן
אִיז זִיא פוּן הִימֶעל גֶעוֶועזֶען אָדֶער פוּן מֶענְשֶׁען? [5] און זֵייא הָאבֶּען צְווִישֶׁען
זִיךְ גֶעטַענֶהֶעט און גֶעזָאגְט, װֶען מִיר װֶעלֶען זָאגֶען פוּן הִימֶעל, װֶעט עֶר
זָאגֶען, װָארוּם הָאט אִיהְר אִיהְם נִיט גֶעגְלוֹיבְּט? [6] אָבֶער װֶען מִיר װֶעלֶען
זָאגֶען פוּן מֶענְשֶׁען, אַזוֹי װֶעט אוּנְז דָאס גַאנְצֶע פָאלְק פֶערְשְׁטֵיינִיגֶען; װָארִין
זֵייא הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט אַז יוֹחָנָן אִיז אַ נָבִיא גֶעוֶועזֶען. [7] און זֵייא הָאבֶּען גֶעעֶנְטְ־
פֶערְט אַז זֵייא װִיסֶען נִיט פוּן װַאנֶען. [8] און יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט,
אוֹיךְ װֶעל אִיךְ אֵייךְ נִיט זָאגֶען דוּרְךְ װֶעלְכֶע מַאכְט אִיךְ טְהוּא דִיזֶע זַאכֶען.
[9] און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּם פָאלְק דִיזֶעם מָשָׁל צוּ זָאגֶען. אַ מַאן הָאט
אַ װֵיינְגָארְטֶען גֶעפְלַאנְצְט, און הָאט אִיהְם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צוּ װֵיינְגֶערְטְנֶער,
און אִיז אַװֶעקְגֶעפָאהְרֶען אוֹיף אַ לַאנְגֶע צֵייט. [10] און צוּ דֶער צֵייט הָאט עֶר
אַ קְנֶעכְט גֶעשִׁיקְט צוּ דִיא װֵיינְגֶערְטְנֶער, אַז זֵייא זָאלֶען אִיהְם גֶעבֶּען פוּן דֶער
פְרוּכְט פוּן דֶעם גָארְטֶען; אָבֶּער דִיא װֵיינְגֶערְטְנֶער הָאבֶּען אִיהְם גֶעשְׁלָאגֶען,
און הָאבֶּען אִיהְם לֶעדִיג אַװֶעקְגֶעשִׁיקְט. [11] און עֶר הָאט װִידֶער אֵיין אַנְדֶערֶען
קְנֶעכְט גֶעשִׁיקְט; און זֵייא הָאבֶּען אוֹיךְ אִיהְם גֶעשְׁלָאגֶען, און הָאבֶּען אִיהְם צוּ
שַׁאנְד גֶעמַאכְט, און הָאבֶּען אִיהְם לֶעדִיג אַװֶעקְגֶעשִׁיקְט. [12] און עֶר הָאט װִידֶער אַ
דְרִיטֶען גֶעשִׁיקְט; און זֵייא הָאבֶּען אִיהְם פֶערְוואוּנְדֶעט און אַרוֹיסְגֶעוָוארְ־
פֶען. [13] און דֶער הַאר פוּן דֶעם װֵיינְגָארְטֶען הָאט גֶעזָאגְט, װָאס זָאל
אִיךְ טְהוּן? אִיךְ װֶעל מֵיין גֶעלִיבְּטֶען זוּהְן שִׁיקֶען, טָאמֶער װֶעלֶען זֵייא אִיהְם
אִין כָּבוֹד הַאלְטֶען. [14] אָבֶּער װֶען דִיא װֵיינְגֶערְטְנֶער הָאבֶּען אִיהְם גֶעזֶעהֶען,
הָאבֶּען זֵייא צְוִוישֶׁען זִיךְ גֶעטַענֶהֶעט און גֶעזָאגְט, דִיזֶער אִיז דֶער יוֹרֵשׁ, קוּמְט,
לָאזֶען מִיר אִיהְם טֵייטֶען, כְּדֵי דִיא יְרוּשָׁה זָאל אוּנְזֶער זֵיין. [15] און זֵייא הָאבֶּען
אִיהְם אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען פוּן דֶעם װֵיינְגָארְטֶען, און הָאבֶּען אִיהְם גֶעהַרְגֶעט.
דְרוּם װָאס װֶעט דֶער הַאר פוּן דֶעם װֵיינְגָארְטֶען צוּ זֵייא טְהוּן? [16] עֶר װֶעט
קוּמֶען און װֶעט דִיא דָאזִיגֶע װֵיינְגֶערְטְנֶער אוּמְבְּרֶענְגֶען, און װֶעט דֶעם װֵיינְ־
גָארְטֶען צוּ אַנְדֶערֶע גֶעבֶּען. און װֶען זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט, הָאבֶּען זֵייא
גֶעזָאגְט, חָלִילָה. [17] און עֶר הָאט זֵייא אָנְגֶעזֶעהֶען און גֶעזָאגְט, װָאס דֶען אִיז
דָאס װָאס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען?

אַ שְׁטֵיין װָאס דִיא בּוֹימֵייסְטֶער הָאבֶּען פֶערְוָוארְפֶען,
דֶער אִיז צוּם עֶקְשְׁטֵיין גֶעוָוארֶען.

[17] תהלים קיח׳ כב׳.

18 אִיטְלִיכֶער וָואס פַאלְט אוֹיף דִיזֶעם שְׁטֵיין וֶועט צוּבְּרָאכֶען וֶוערֶען; אָבֶּער
אוֹיף וֶועמֶען עֶר וֶועט פַאלֶען, דֶעם וֶועט עֶר צוּמָאלֶען.
19 אוּן דִיא סוֹפְרִים אוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים הָאבֶּען גֶעזוּכְט אִיהְם צוּ פַאנְגֶען
אִין דִיזֶער שָׁעָה, אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען פַאר דֶעם פָאלְק; וָוארִין זֵייא
הָאבֶּען גֶעוְואוּסְט אַז עֶר הָאט אוֹיף זֵייא דָאס מָשָׁל גֶעזָאגְט. 20 אוּן זֵייא הָאבֶּען
בֶּעוַואכְט, אוּן הָאבֶּען אוֹיסְשְׁפֶּעהֶער גֶעשִׁיקְט, וָואס הָאבֶּען זִיךְ פֶערְשְׁטֶעלְט אַז
זֵייא זֶענֶען צַדִיקִים, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען אִיהְם פַאנְגֶען מִיט אַ וָוארְט, אִיהְם אִיבֶּערְ־
צוּגֶעבֶּען צוּ דֶער מַאכְט אוּן גֶעוַואלְט פוּן דֶעם גוּבֶּערְנֶער. 21 אוּן זֵייא הָאבֶּען
אִיהְם גֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט, לֶעהְרֶער, מִיר וִויסֶען אַז דוּא רֶעדְסְט רִיכְטִיג אוּן
לֶעהְרְסְט, אוּן דוּא בִּיסְט קֵיינֶעם נִיט נוֹשֵׂא פָּנִים, נֵייעֶרְט דוּא לֶעהְרְסְט דֶעם
וֶועג פוּן גָאט אִין וָואהְרְהֵייט; 22 מֶעגֶען מִיר שְׁטֵייעֶר גֶעבֶּען צוּם קֵיסַר, אָדֶער
נִיט? 23 אָבֶּער עֶר הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען זֵייעֶר לִיסְט, אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט,
24 וַוייזְט מִיר אַ מַטְבֵּעַ* וֶועמֶעס בִּילְד אוּן אוֹיפְשְׁרִיפְט הָאט עֶס? אוּן זֵייא
הָאבֶּען גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, דֶעם קֵיסַר. 25 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא
גֶעזָאגְט, דְרוּם גִיבְּט דֶעם קֵיסַר וָואס אִיז צוּם קֵיסַר, אוּן צוּ גָאט וָואס אִיז
צוּ גָאט. 26 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם נִיט גֶעקֶענְט פַאנְגֶען אִין זֵיינֶע רֶעד פָאר
דֶעם פָאלְק, אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ פֶערְוְוֹאוּנְדֶערְט אִיבֶּער זֵיין עֶנְטְפֶער, אוּן
הָאבֶּען שְׁטִיל גֶעשְׁווִיגֶען.
27 אוּן עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא צַדוּקִים זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, וָואס זָאגֶען אַז עֶס
אִיז נִיט קֵיין תְּחִיַת הַמֵתִים, אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט,
28 לֶעהְרֶער, מֹשֶׁה הָאט אוּנְז גֶעשְׁרִיבֶּען, וֶוען אֵיינֶעמְס בְּרוּדֶער וָואס הָאט
אַ וַוייבּ שְׁטַארְבְּט אָהְן קִינְדֶער, אַזוֹי זָאל זֵיין בְּרוּדֶער דָאס וַוייבּ נֶעמֶען אוּן זָאל
זָאמֶען אוֹיפְשְׁטֶעלֶען צוּ זֵיין בְּרוּדֶער. 29 עֶס זֶענֶען דֶען זִיבֶּען בְּרִידֶער גֶעוֶועזֶען;
אוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט אַ וַוייבּ גֶענוּמֶען, אוּן אִיז אָהְן קִינְדֶער גֶעשְׁטָארְבֶּען.
30 אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אוּן דֶער דְרִיטֶער הָאבֶּען זִיא גֶענוּמֶען; 31 אוּן אַזוֹי אוֹיךְ
דִיא זִיבֶּען הָאבֶּען קֵיינֶע קִינְדֶער נִיט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, אוּן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען.
32 צוּלֶעצְט אִיז דָאס וַוייבּ אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבֶּען. 33 דְרוּם אִין תְּחִיַת הַמֵתִים וֶועמֶעס
וַוייבּ וֶועט זִיא זֵיין צְוִוישֶׁען זֵייא? וָוארִין דִיא זִיבֶּען הָאבֶּען זִיא גֶעהַאט פַאר
אַ וַוייבּ. 34 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, דִיא קִינְדֶער פוּן דִיזֶער וֶועלְט
הָאבֶּען חֲתוּנָה אוּן מַאכֶען חֲתוּנָה; 35 אָבֶּער דִיא וָואס זֶענֶען וֶוערְט יֶענֶע
וֶועלְט אוּן תְּחִיַת הַמֵתִים צוּ דֶערְהַאלְטֶען הָאבֶּען נִיט חֲתוּנָה אוּן מַאכֶען נִיט
חֲתוּנָה; 36 וָוארִין זֵייא קֶענֶען אוֹיךְ נִיט מֶעהְר שְׁטַארְבֶּען, וָוארִין זֵייא זֶענֶען גְלֵייךְ
צוּ דִיא מַלְאָכִים, אוּן זֶענֶען דִיא קִינְדֶער פוּן גָאט, אוּן אוֹיךְ דִיא קִינְדֶער פוּן
תְּחִיַת הַמֵתִים. 37 אָבֶּער אַז דִיא טוֹיטֶע וֶועלֶען אוֹיפְשְׁטֶעהֶען הָאט אֲפִילוּ מֹשֶׁה
אִים דָארְנְבּוּשׁ גֶעוִויזֶען, וֶוען עֶר רוּפְט דֶעם הַאר'ן דֶעם גָאט פוּן אַבְרָהָם, אוּן
דֶעם גָאט פוּן יִצְחָק, אוּן דֶעם גָאט פוּן יַעֲקֹב. 38 אָבֶּער עֶר אִיז נִיט דֶער
גָאט פוּן דִיא טוֹיטֶע, נֵייעֶרְט פוּן דִיא לֶעבֶּעדִיגֶע; וָוארִין אַלֶע לֶעבֶּען צוּ אִיהְם.

24 גר' דינר   28 דברים כה' ה'.   37 שמות ג' ו'.

39 און עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא סוֹפְרִים הָאבֶּען גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט, לֶעהְרֶער, דוּא
הָאסְט שֶׁעהְן גֶעזָאגְט. 40 וָוארִין זֵייא הָאבֶּען זִיךְ נִיט מֶעהְר גֶעוואַגְט אִיהְם
נָאךְ עֶפֶּעס צוּ פְרֶעגֶען.

41 און עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וִויא אַזוֹי זָאגְט מֶען, אַז מָשִׁיחַ אִיז דֶער
זוּהְן פוּן דָוִד? 42 וָוארִין דָוִד אַלֵיין זָאגְט אִין סֵפֶר תְּהִלִים,

דֶער הַאר הָאט צוּ מֵיינֶעם הַאר'ן גֶעזָאגְט זִיץ דוּא צוּ מֵיינֶע
רֶעכְטֶע הַאנְד;

43 בִּיז אִיךְ וֶועל מַאכֶען דֵיינֶע פֵיינְד פַאר אַ פוּסְבֶּענְקֶעל צוּ דֵיינֶע פִּיס.
44 דְרוּם דָוִד רוּפְט אִיהְם הַאר, און וִויא אַזוֹי אִיז עֶר זֵיין זוּהְן?

45 און דֶערְוֵויל דָאס גַאנְצֶע פָאלְק הָאט גֶעהֶערְט, הָאט עֶר צוּ זֵיינֶע תַּלְמִידִים גֶע־
זָאגְט; 46 הִיט אֵייךְ פַאר דִיא סוֹפְרִים, וָואס הָאבֶּען גֶערְן אַרוּמְצוּגֶעהֶען אִין לַאנְגֶע
קְלֵיידֶער, און הָאבֶּען לִיבּ גֶעגְרִיסְט צוּ וֶוערֶען אִין דִיא גַאסֶען, און אוֹיבֶּען אָן
צוּ זִיצֶען אִין דִיא שׁוּלֶען, און אִין דִיא עֶרְשְׁטֶע זִיצֶען אוֹיף סְעוּדוֹת, 47 וָואס
פֶערְצֶעהְרֶען דִיא הֵייזֶער פוּן אַלְמָנוֹת, און פַאר אֵיין אוֹיסְרֶעד זָענֶען זֵייא לַאנְג
מִתְפַּלֵל; דִיזֶע וֶועלֶען אַ גְרֶעסֶערֶעם מִשְׁפָּט בֶּעקוּמֶען.

כא

1 און עֶר הָאט אַרוּמְגֶעקוּקְט, און הָאט דֶערְזֶעהֶען רֵייכֶע לֵייט וָואס הָאבֶּען
זֵייעֶרֶע נְדָבוֹת אִים אוֹצָר אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען. 2 און עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אֵיין
אָרְמֶע אַלְמָנָה וָואס הָאט דָארְט צְוֵוייא פְּרוּטוֹת אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען. 3 און עֶר הָאט
גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ אַז דִיזֶע אָרְמֶע אַלְמָנָה הָאט מֶעהְר וִויא זֵייא
אַלֶע אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען. 4 וָוארִין אַלֶע דִיזֶע הָאבֶּען נְדָבוֹת אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען פוּן
דֶעם וָואס זֵייא הָאבֶּען אִיבְּרִיג, אָבֶּער זִיא הָאט פוּן אִיהְרֶע אָרְמְקֵייט אַרֵיינְגֶע־
וָוארְפֶען דִיא גַאנְצֶע מִחְיָה וָואס זִיא הָאט גֶעהַאט.

5 און וִויא עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען גֶערֶעט פוּן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, וִויא עֶס אִיז גֶעצִירְט
גֶעוֶוען מִיט גוּטֶע שְׁטֵיינֶער און מַתָּנוֹת, הָאט עֶר גֶעזָאגְט; 6 דָאס וָואס אִיהְר
זֶעהְט, עֶס וֶועלֶען טֶעג קוּמֶען וֶוען אַ שְׁטֵיין וֶועט נִיט אִיבֶּערְבְּלֵייבֶּען אוֹיף אַ
שְׁטֵיין, וָואס וֶועט נִיט צוּוָוארְפֶען וֶוערֶען. 7 און זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעפְרֶעגְט
און גֶעזָאגְט, לֶעהְרֶער, וֶוען וֶועלֶען דִיזֶע זַאכֶען זֵיין? און וָואס וֶועט דָאס צֵייכֶען
זֵיין וֶוען דִיזֶע זַאכֶען וֶועלֶען גֶעשֶׁעהֶען? 8 און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, הִיט אֵייךְ אַז
אִיהְר זָאלְט נִיט פֶערְפִיהְרְט וֶוערֶען; וָוארִין פִילֶע וֶועלֶען קוּמֶען אִין מֵיין נָאמֶען,
און וֶועלֶען זָאגֶען, אִיךְ בִּין עֶס, און, דִיא צֵייט אִיז נָאהֶענְט; גֶעהְט זֵייא נִיט
נָאךְ. 9 און וֶוען אִיהְר וֶועט הֶערֶען פוּן מִלְחָמוֹת און גֶעטוּמֶעל, אַזוֹי דֶערְ־
שְׁרֶעקְט אֵייךְ נִיט; וָוארִין דִיזֶע זַאכֶען מוּזֶען צוּעֶרְשְׁט גֶעשֶׁעהֶען, אָבֶּער נִיט
גְלֵייךְ אִיז דֶער סוֹף.

10 דַאן הָאט עֶר צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, עֶס וֶועט אוֹיפְשְׁטֶעהֶען אַ פָאלְק קֶעגֶען אַ
פָאלְק און אַ קֶענִיגְרֵייךְ קֶעגֶען אַ קֶענִיגְרֵייךְ, 11 און עֶס וֶועט זֵיין גְרוֹיס עֶרְד־
צִיטֶערְנִים און פֶּעסְט און הוּנְגֶער אִין פֶערְשִׁידֶענֶע עֶרְטֶער, און עֶס וֶועלֶען
זֵיין פִירְכְטֶערְלִיכֶע און גְרוֹיסֶע צֵייכֶען פוּן הִימֶעל. 12 אָבֶּער בֶּעפָאר אַלֶע דִיזֶע

ישעיה יט׳ ב׳. [10]
תהלים קי׳ א׳. [42,43]

זַאכֶען וֶועלֶען זֵייא דִיא הֶענְד אוֹיף אֵייךְ לֶעגֶען, אוּן וֶועלֶען אֵייךְ פֶערְפָאלְגֶען,
אוּן וֶועלֶען אֵייךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּען אִין דִיא שׁוּלֶען אוּן אִין דִיא גֶעפֶענְגְנִיס, אוּן
אִיהְר וֶועט גֶעפִיהְרְט וֶוערֶען פָאר מְלָכִים אוּן גוּבֶּערְנֶערֶען פוּן מֵיין נָאמֶענְס
וֶועגֶען. 13 עֶס וֶועט אֵייךְ זֵיין פַאר אַ צֵייגְנִיס. 14 דְרוּם נֶעמְט עֶס אֵייךְ צוּם
הַארְץ, אַז אִיהְר זָאלְט נִיט פְרִיהֶער זָארְגֶען וִויא אַזוֹי אִיהְר זָאלְט אֵייךְ פֶערְ־
עֶנְטְפֶערֶען. 15 וָוארִין אִיךְ וֶועל אֵייךְ גֶעבֶּען אַ מוֹיל אוּן חָכְמָה, וָואס אַלֶע
אֵייעֶרֶע גֶעגְנֶער וֶועלֶען נִיט קֶענֶען ווִידֶערְשְׁפְּרֶעכֶען אָדֶער ווִידֶערְשְׁטֶעהֶען.
16 אוּן אִיהְר וֶועט אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען פוּן עֶלְטֶערְן אוּן בְּרִידֶער אוּן
קְרוֹבִים אוּן פְרֵיינְד, אוּן עֶטְלִיכֶע פוּן אֵייךְ וֶועלֶען זֵייא טֵייטֶען, 17 אוּן אִיהְר
וֶועט בֵּייא אַלֶע גֶעהַאסְט וֶוערֶען וֶועגֶען מֵיין נָאמֶען. 18 אוּן קֵיין הָאר פוּן
אֵייעֶר קָאפּ זָאל נִיט פֶערְלוֹירֶען גֶעהֶען. 19 אִין אֵייעֶרֶע גֶעדוּלְד זָאלְט אִיהְר
אֵייעֶרֶע זֶעלֶען דֶערְהַאלְטֶען.

20 אוּן וֶוען אִיהְר וֶועט זֶעהֶען יְרוּשָׁלַיִם בֶּעלַאגֶערְט מִיט חַיָלוֹת, דַאן זָאלְט
אִיהְר ווִיסֶען, אַז אִיהֶרֶע פֶערְווִיסְטוּנְג אִיז נָאהֶענְט. 21 דַאן לָאזֶען דִיא וָואס
זֶענֶען אִין יְהוּדָה אַנְטְלוֹיפֶען צוּ דִיא בֶּערְג, אוּן דִיא וָואס זֶענֶען אִין אִיהְר
מִיטֶען לָאזֶען זֵייא אַרוֹיסְגֶעהֶען, אוּן דִיא וָואס זֶענֶען אוֹיף דֶעם לַאנְד
לָאזֶען זֵייא דְרִינֶען נִיט אַרֵיינְקוּמֶען; 22 וָוארִין דָאס זֶענֶען דִיא טֶעג פוּן נְקָמָה,
אַז אַלֶעס וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען זָאל דֶערְפִילְט וֶוערֶען. 23 וֶועה צוּ דִיא וָואס
זֶענֶען מְעוּבֶּרֶת, אוּן וָואס גֶעבֶּען צוּ זֵייגֶען אִין יֶענֶע טֶעג; וָוארִין עֶס וֶועט זֵיין
אַ גְרוֹיסֶע צָרָה אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן צָארְן אִיבֶּער דִיזֶעם פָאלְק, 24 אוּן זֵייא
וֶועלֶען פַאלֶען דוּרְךְ דֶער שַׁארְף פוּן דֶעם שְׁוֶוערְט, אוּן וֶועלֶען פֶערְטְרִיבֶּען
וֶוערֶען צְווִישֶׁען אַלֶע פֶעלְקֶער, אוּן יְרוּשָׁלַיִם וֶועט צוּטְרֶעטֶען וֶוערֶען פוּן דִיא גוֹיִם,
בִּיז דִיא צֵייטֶען פוּן דִיא גוֹיִם וֶועלֶען דֶערְפִילְט וֶוערֶען. 25 אוּן עֶס וֶועלֶען זֵיין
צֵייכֶען אִין דֶער זוּן אוּן אִין דֶער לְבָנָה אוּן אִין דִיא שְׁטֶערֶען, אוּן אוֹיף דֶער
עֶרְד צָרוֹת פוּן פֶעלְקֶער מִיט אַנְגְסְט וֶועגֶען דֶעם רוֹישֶׁען פוּן דֶעם יַם אוּן דִיא
וֶועלֶען; 26 דִיא מֶענְשֶׁען וֶועלֶען פַאר מוֹרָא פֶערְגֶעהֶען, אוּן פַאר וַוארְטֶען אוֹיף
דִיא זַאכֶען וֶועלְכֶע קוּמֶען אִין דֶער וֶועלְט; וָוארִין דִיא מֶעכְטֶע פוּן דִיא
הִימֶעל וֶועלֶען זִיךְ בֶּעוֶועגֶען. 27 אוּן דַאן וֶועלֶען זֵייא זֶעהֶען דֶעם בֶּן אָדָם
קוּמֶען אִין אַ וָואלְקֶען מִיט מַאכְט אוּן מִיט גְרוֹיסֶע הֶערְלִיכְקֵייט. 28 אוּן וֶוען
דִיזֶע זַאכֶען וֶועלֶען אָנְהֵייבֶּען צוּ גֶעשֶׁעהֶען, אַזוֹי זֶעהְט אַרוֹיף, אוּן הֵייבְּט אוֹיף
אֵייעֶרֶע קֶעפּ, וָוארִין אֵייעֶרֶע גְאוּלָה אִיז נָאהֶענְט.

29 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא אַ מָשָׁל גֶעזָאגְט, זֶעהְט אָן דֶעם פֵייגֶענְבּוֹים אוּן אַלֶע
בֵּיימֶער; 30 וֶוען זֵייא שְׁפְּרָאצֶען שׁוֹין אַרוֹיס, אַזוֹי זֶעהְט אִיהְר אוּן ווִייסְט
בֵּייא אֵייךְ זֶעלְבְּסְט אַז דֶער זוּמֶער אִיז שׁוֹין נָאהֶענְט. 31 גְלֵייכְדֶעם אוֹיךְ אִיהְר,
וֶוען אִיהְר וֶועט זֶעהֶען אַז אַלֶע דִיזֶע זַאכֶען גֶעשֶׁעהֶען, אַזוֹי ווִייסְט אַז דָאס
קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט אִיז נָאהֶענְט. 32 בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז דָאס דָאזִיגֶע
דוֹר זָאל נִיט פַארְבֵּייא גֶעהֶען, בִּיז אַלֶעס וֶועט גֶעשֶׁעהֶען. 33 הִימֶעל אוּן עֶרְד

27 דניאל ז׳ יג׳.

װעלֶען פֶערגֶעהֶען, אָבֶּער מַיינֶע װערְטֶער װעלֶען נִיט פֶערְגֶעהֶען.
34 אָבֶּער הִיט אַייךְ, אַז אַייעֶרֶע הֶערְצֶער זָאלֶען נִיט שְׁװער זַיין מִיט פְרֶעסֶען
אוּן זוֹיפֶען אוּן דִיא זָארְגֶען פוּן דִיזֶעם לֶעבֶּען, אוּן יֶענֶער טָאג װעט פְּלוּצְלִינְג
אוֹיף אַייךְ קוּמֶען אַזוֹי וִויא אַ נֶעץ; 35 װָארִין עֶר װעט קוּמֶען אוֹיף אַלֶע דִיא
װָאס װאוֹינֶען אוֹיף דִיא גַאנְצֶע עֶרְד. 36 אָבֶּער װַאכְט אִיהְר אוּן בֶּעט אַלֶע צַייט,
אַז אִיהְר זָאלְט שְׁטַארְק זַיין צוּ אַנְטְרִינֶען דָאס אַלֶעס װָאס װעט גֶעשֶׁעהֶען, אוּן
צוּ שְׁטֶעהֶען פָאר דֶעם בֶּן אָדָם.
37 אוּן יֶעדֶען טָאג הָאט עֶר גֶעלֶעהְרְט אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער יֶעדֶע נַאכְט
אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט אוֹיף דֶעם בַּארְג װָאס אִיז
גֶערוּפֶען דֶער הַר הַזֵתִים. 38 אוּן דָאס גַאנְצֶע פָאלְק אִיז צוּ אִיהְם גַאנְץ פְרִיה
גֶעקוּמֶען אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ, אַז זַייא זָאלֶען אִיהְם הֶערֶען.
כב 1 אוּן דֶער חַג הַמַצוֹת, װָאס הֵייסְט פֶּסַח, אִיז נָאהֶענְט גֶעקוּמֶען,
2 אוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן דִיא סוֹפְרִים הָאבֶּען גֶעזוּכְט וִויא אַזוֹי זַייא
זָאלֶען אִיהְם אוּמְבְּרֶענְגֶען; װָארִין זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען פַאר דֶעם
פָאלְק.
3 אוּן דֶער שָׂטָן אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין יְהוּדָה װָאס הָאט גֶעהֵייסֶען אִישׁ־
קְרִיוֹת, װעלְכֶער אִיז אַיינֶער פוּן דִיא צְװעלְף גֶעװעזֶען. 4 אוּן עֶר אִיז אַװעקְגֶע־
גַאנְגֶען אוּן הָאט מִיט דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן דִיא הוֹיפְּטְלַייט גֶערֶעט, וִויא
אַזוֹי עֶר זָאל אִיהְם צוּ זַייא אִיבֶּערְגֶעבֶּען. 5 אוּן זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעפְרֵייעֶט, אוּן
הָאבֶּען אִיהְם צוּגֶעזָאגְט גֶעלְד צוּ גֶעבֶּען. 6 אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעװִילִיגְט,
אוּן הָאט גֶעזוּכְט אַ גֶעלֶעגֶענְהֵייט אַז עֶר זָאל אִיהְם צוּ זַייא אִיבֶּערְגֶעבֶּען אָהְן
אַ רַעַשׁ.
7 אוּן דֶער טָאג פוּן מַצוֹת אִיז גֶעקוּמֶען, װען מֶען מוּז שֶׁעכְטֶען דֶעם קָרְבָּן
פֶּסַח. 8 אוּן עֶר הָאט פֶּעטְרוּס אוּן יוֹחָנָן גֶעשִׁיקְט אוּן גֶעזָאגְט, גֶעהְט אוּן בְּרֵייט
אָן פַאר אוּנְז דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח, אַז מִיר זָאלֶען עָס עֶסֶען. 9 אוּן זַייא הָאבֶּען צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, װאוּ וִוילְסְט דוּא אַז מִיר זָאלֶען עֶס אָנְבְּרֵייטֶען? 10 אוּן עֶר הָאט
צוּ זַייא גֶעזָאגְט, זֶעהְט, װען אִיהְר װעט אִין דִיא שְׁטָאדְט אַרַיינְקוּמֶען, װעט
אַייךְ בֶּעגֶעגְנֶען אַ מַאן װָאס טְרָאגְט אַ קְרִיג מִיט װַאסֶער; פָאלְגְט אִיהְם נָאךְ
צוּ דֶעם הוֹיז װאוּ עֶר גֶעהְט אַרַיין. 11 אוּן אִיהְר זָאלְט זָאגֶען צוּ דֶעם בַּעַל
הַבַּיִת, דֶער לֶעהְרֶער זָאגְט צוּ דִיר, װאוּ אִיז דָאס גַאסְט צִימֶער, װאוּ אִיךְ זָאל
דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח עֶסֶען מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים? 12 אוּן עֶר װעט אַייךְ װַייזֶען אַ
גְרוֹיסֶע אוֹיבֶּערֶע שְׁטוּבּ אוֹיסְגֶעצִירְט; דָארְט בְּרֵייט אָן. 13 אוּן זַייא זֶענֶען
אַװעקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבֶּען גֶעפִינֶען אַזוֹי וִויא עֶר הָאט גֶעזָאגְט; אוּן זַייא
הָאבֶּען דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח אָנְגֶעבְּרֵייט.
14 אוּן װען דִיא שָׁעָה אִיז גֶעקוּמֶען, הָאט עֶר זִיךְ אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט, אוּן דִיא
צְװעלְף אַפָּאסְטֶעל מִיט אִיהְם. 15 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ
זֶעהְר בֶּעגֶעהְרְט דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח מִיט אַייךְ צוּ עֶסֶען פָאר מַיין לֵיידֶען;
16 װָארִין אִיךְ זָאג אַייךְ, אַז אִיךְ װעל נִיט מֶעהְר דֶערְפוּן עֶסֶען, בִּיז עֶס װעט

דערפילט ווערען אים קעניגרייך פון גאט. 17 און ער האט גענומען דעם כוס,
און האט געדאנקט און געזאגט, נעמט דאס און פערטהיילט עס צווישען אייך;
18 וואָרין איך זאג אייך, אז איך וועל ניט מעהר טרינקען פון דער פרוכט פון דעם
וויינשטאק, ביז דאס קעניגרייך פון גאט וועט קומען. 19 און ער האט ברויט
גענומען, און האט געדאנקט און האט עס צובראכען, און האט צו זייא געגע־
בען און געזאגט, דאס איז מיין לייב, וואס איז פאר אייך געגעבען; טהוט דאס
צו מיין געדעכטניס. 20 גלייכדעם אויך דעם כוס נאך דעם אבענדמאהל; און
ער האט געזאגט, דיזער כוס איז דער נייע בונד אין מיין בלוט, וואס איז פאר
אייך פערגאסען. 21 אבער זעה, דיא האנד פון דעם מוסר איז מיט מיר אויף
דעם טיש. 22 וואָרין דער בן אדם געהט אזוי וויא עס איז בעשטימט געוואָ־
רען; אבער וועה צו דעם מענשען דורך דעם ער איז איבערגעגעבען. 23 און
זייא האבען אנגעהויבען צווישען זיך צו פרעגען, וועלכער פון זייא וועט
זיין וואס וועט דאס טהון.

24 און עס איז ענטשטאנען צווישען זייא א וכוח, וועלכער פון זייא זאל וויא
דער גרעסערער בעטראכט ווערען. 25 און ער האט צו זייא געזאגט, דיא מלכים
פון דיא פעלקער הערשען איבער זייא, און דיא וואס געוועלטיגען איבער זייא
הייסען וואוילטהעטער. 26 אבער איהר, זייט ניט אזוי, נייערט דער גרעסערער
צווישען אייך זאל זיין אזוי וויא דער יונגערער, און דער פארשטעהער אזוי
וויא דער בעדינער. 27 וואָרין וועער איז גרעסער, דער וואס זיצט ביים טיש,
אדער דער וואס בעדינט? איז עס ניט דער וואס זיצט ביים טיש? אבער
איך בין צווישען אייך וויא א בעדינער. 28 און איהר זענט דיא וואס זענען
מיט מיר געבליבען אין מיינע פרופונגען. 29 און איך בעשטעל אייך א קעניג־
רייך, אזוי וויא מיין פאטער האט מיר בעשטעלט; 30 אז איהר זאלט ביי
מיין טיש עסען און טרינקען אין מיין קעניגרייך, און זאלט אויף שטוהלען
זיצען, און ריכטען דיא צוועלף שבטים פון ישראל. 31 שמעון, שמעון, זעה,
דער שטן האט בעגעהרט אז ער זאל אייך זיפען וויא ווייץ; 32 אבער איך
האב פאר דיר געבעטען, אז דיין גלויבען זאל ניט פעהלען; און דוא ווען דוא
האסט אמאל אומגעקעהרט, אזוי שטארק דיינע ברידער. 33 און ער האט צו
איהם געזאגט, האר, איך בין פארטיג מיט דיר אין געפענגניס צו געהען, און
אויך צום טויט. 34 אבער ער האט געזאגט, איך זאג דיר, פעטרוס, דער האן
וועט היינט ניט קרייען, איידער דוא וועסט דרייא מאל פערלייקענען אז דוא
קענסט מיך.

35 און ער האט צו זייא געזאגט, ווען איך האב אייך געשיקט אהן ביטעל
און אהן רייזע טאש און אהן שיך, האט אייך עפעס געפעהלט? און זייא
האבען געזאגט, קיין זאך. 36 און ער האט צו זייא געזאגט, אבער אצונד, וועער
עס האט א בייטעל, לאז ער איהם מיטנעמען, און אזוי אויך א רייזע טאש;
און וועער עס האט ניט קיין שווערד, לאז ער זיין קלייד פערקויפען, און לאז
ער זיך איינס קויפען. 37 וואָרין איך זאג אייך, אז דאס וואס שטעהט געשריבען

מוז אין מיר דערפילט ווערען, און ער איז געצעהלט געוועזען צווישען די אונ־
גערעכטע; ווארין דאס וואס מיך בעטרעפט האט א תכלית. 38 און זייא האבען
געזאגט, האר, זעה, עס זענען דא צוויי שווערטען. און ער האט צו זייא
געזאגט, עס איז גענוג.

39 און ער איז ארויסגעגאנגען, און איז געקומען נאך זיינע געוואוינהייט צום
הר הזיתים; און זיינע תלמידים האבען איהם נאכגעפאלגט. 40 און ווען ער
איז אויף דעם ארט געקומען, האט ער צו זייא געזאגט, זייט מתפלל אז איהר
זאלט ניט קומען אין פריפונג. 41 און ער האט זיך פון זייא אפגעזונדערט,
אזוי ווייט וויא א שטיין ווארפען, און האט אנידערגעקניעט און געבעטען;
42 און ער האט געזאגט, פאטער, ווען דוא ווילסט, נעם אוועק דיזען כוס פון
מיר; דאך ניט מיין ווילען, נייערט דיין ווילען זאל געשעהען. 43 און א מלאך
פון הימעל האט זיך צו איהם בעוויזען, און האט איהם געשטארקט. 44 און
ער איז אין צער געוועזען און האט ערנסטער געבעטען; און זיין שווייס איז
אזוי וויא גרויסע טראפען פון בלוט ארופגעפאלען צו דער ערד. 45 און ער
איז פון דעם געבעט אויפגעשטאנען, און איז צו די תלמידים געקומען,
און האט זייא געפינען שלאפען פאר בעטריבנים, 46 און האט צו זייא
געזאגט, ווארום שלאפט איהר? שטעהט אויף און בעט, אז איהר זאלט
ניט קומען אין פריפונג.

47 דערווייל ער האט נאך גערעדט, זעה א סך לייט, און איינער פון די צוועלף
וואס האט געהייסען יהודה איז פאר זייא געגאנגען, און האט זיך גענעהענט
צו ישוע איהם צו קישען. 48 און ישוע האט צו איהם געזאגט, יהודה,
איבערגיבסט דוא דעם בן אדם מיט א קיש? 49 ווען די וואס זענען מיט
איהם געוועזען האבען געזעהען וואס עס וועט געשעהען, האבען זייא געזאגט,
האר, זאלען מיר שלאגען מיט דעם שווערט? 50 און איינער פון זייא האט
געשלאגען דעם קנעכט פון דעם כהן גדול, און האט איהם דאס רעכטע
אויער אפגעשניטען. 51 און ישוע האט געענטפערט און געזאגט, לאזט עס
אזוי ווייט זיין. און ער האט איהם דאס אויער אנגעריהרט, און האט איהם
געהיילט. 52 און ישוע האט געזאגט צו די ערשטע כהנים און די אויי־
בערשטע פון דעם בית המקדש און די עלצטע, וואס זענען צו איהם
געקומען, זענט איהר ארויסגעקומען אזוי וויא קעגען א רויבער מיט שווערטען
און מיט שטעקען? 53 איך בין מיט אייך טעגליך געוועזען אים בית המקדש,
און איהר האט ניט די הענד קעגען מיר אויסגעשטרעקט; אבער דאס איז
אייערע שעה און די מאכט פון פינסטערניס.

54 און זייא האבען איהם גענומען און אוועקגעפיהרט, און האבען
איהם אים הויז פון דעם כהן גדול אריינגעבראכט; און פעטרוס האט
איהם פון ווייטען נאכגעפאלגט. 55 און זייא האבען אנגעצינדען א פייער אין
מיטען הויף, און האבען זיך צוזאמען געזעצט, און פעטרוס איז צווישען

37 ישעיה נג׳ יב׳.

זֵייא גֶעזֶעסֶען. 56 און אַ גֶעוויסֶעס מֶעדֶעל הָאט אִיהְם גֶעזֶעהֶען זִיצֶען בֵּיים
פֵייעֶר, און הָאט אִיהְם שַׁארְף אָנְגֶעקוּקְט און גֶעזָאגְט, דִיזֶער אִיז אוֹיךְ מִיט
אִיהְם גֶעוֶועֶן. 57 אָבֶּער עֶר הָאט פֶערְלֵייקֶענְט און גֶעזָאגְט, פְרוֹיא, אִיךְ קֶען
אִיהְם נִיט. 58 און נָאךְ אַ קְלֵיינֶע ווֵיילֶע הָאט אִיהְם אֵיין אַנְדֶערֶער גֶעזֶעהֶען
און גֶעזָאגְט, דוּא בִּיסְט אוֹיךְ פוּן זֵייא. און פֶּעטְרוּס הָאט גֶעזָאגְט, מֶענְשׁ,
אִיךְ בִּין נִיט. 59 און קֶעגֶען אַ שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער הָאט אֵיין אַנְדֶערֶער מִיט גֶעווִיסְ־
הַייט גֶעזָאגְט, וַואהְרְהַאפְטִיג דִיזֶער אִיז אוֹיךְ מִיט אִיהְם גֶעוֶועֶן, וָוארִין עֶר אִיז
פוּן גָלִיל. 60 אָבֶּער פֶּעטְרוּס הָאט גֶעזָאגְט, מֶענְשׁ, אִיךְ ווֵייס נִיט וָואס דוּא
זָאגְסְט. און גְלֵייךְ דֶערְוַוייל עֶר הָאט נָאךְ גֶערֶעט, הָאט דֶער הָאן גֶעקְרֵייעֶט.
61 און דֶער הַאר הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט און הָאט פֶּעטְרוּס אָנְגֶעזֶעהֶען, און
פֶּעטְרוּס הָאט זִיךְ דֶערְמָאהְנְט אָן דֶעם וָוארְט פוּן דֶעם הַאר'ן, ווִיא עֶר הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, אֵיידֶער דֶער הָאן וֶועט קְרֵייעֶן, וֶועסְט דוּא מִיךְ דְרֵייא מָאל
פֶערְלֵייקֶענֶען. 62 און עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען און הָאט בִּיטֶער גֶעווֵיינְט.
63 און דִיא מֶענְשֶׁען וָואס הָאבֶּען יֵשׁוּעַ גֶעהַאלְטֶען הָאבֶּען אִיהְם אוֹיסְגֶעשְׁפֶּעט,
און גֶעשְׁלָאגֶען; 64 און וֶוען זֵייא הָאבֶּען אִיהְם דִיא אוֹיגֶען פֶערְבּוּנְדֶען, הָאבֶּען
זֵייא אִיהְם גֶעפְרֶעגְט און גֶעזָאגְט, זָאג נְבוּאוֹת, וֶוער אִיז דֶער וָואס הָאט דִיךְ
גֶעשְׁלָאגֶען? 65 און פִילֶע אַנְדֶערֶע לֶעסְטֶערוּנְגֶען הָאבֶּען זֵייא קֶעגֶען אִיהְם
גֶערֶעט.

66 און וֶוען עֶס אִיז טָאג גֶעוָוארֶען, הָאבֶּען זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט דִיא עֶלְצְטֶע פוּן
דֶעם פָאלְק, דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים און דִיא סוֹפְרִים, און זֵייא הָאבֶּען אִיהְם
צוּ זֵייעֶר סַנְהֶדְרִין גֶעבְּרַאכְט און גֶעזָאגְט, 67 וֶוען דוּא בִּיסְט דֶער מָשִׁיחַ, זָאג
אוּנְז. און עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וֶוען אִיךְ וֶועל אֵייךְ זָאגֶען, אַזוֹי וֶועט
אִיהְר נִיט גְלוֹיבֶּען; 68 און וֶוען אִיךְ וֶועל אֵייךְ פְרֶעגֶען, וֶועט אִיהְר נִיט עֶנְטְ־
פֶערְן. 69 אָבֶּער פוּן אַצוּנְד אָן וֶועט דֶער בֶּן אָדָם זִיצֶען צוּ דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד
פוּן דֶער גְבוּרָה פוּן גָאט. 70 און זֵייא הָאבֶּען אַלֶע גֶעזָאגְט, בִּיסְט דוּא דֶען
דֶער זוּהְן פוּן גָאט? און עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיהְר זָאגְט אַז אִיךְ בִּין.
71 און זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, וָואס בֶּעדַארְפֶען מִיר נָאךְ מֶעהְר עֵדוּת? וָוארִין
מִיר הָאבֶּען אַלֵיין פוּן זֵיין מוֹיל גֶעהֶערְט.

כג 1 און דִיא גַאנְצֶע פֶערְזַאמְלוּנְג זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, און הָאבֶּען אִיהְם
צוּ פִּילָטוּס גֶעבְּרַאכְט. 2 און זֵייא הָאבֶּען אִיהְם אָנְגֶעהוֹיבֶּען אָנְצוּקְלָאגֶען און
הָאבֶּען גֶעזָאגְט, מִיר הָאבֶּען גֶעפִינֶען אַז דִיזֶער פֶערְפִיהְרְט אוּנְזֶער פָאלְק, און
פֶערְבִּיט דֶעם קֵיסַר מַס צוּ גֶעבֶּען, און זָאגְט אַז עֶר אִיז זֶעלְבְּסְט דֶער מֶלֶךְ
הַמָשִׁיחַ. 3 און פִּילָטוּס הָאט אִיהְם גֶעפְרֶעגְט און גֶעזָאגְט, בִּיסְט דוּא דֶער
מֶלֶךְ פוּן דִיא יוּדֶען? און עֶר הָאט אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט, דוּא
זָאגְסְט עֶס. 4 און פִּילָטוּס הָאט גֶעזָאגְט צוּ דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים און צוּ דִיא
לֵייט, אִיךְ גֶעפִין נִיט קֵיין אוּנְרֶעכְט אִין דִיזֶעם מֶענְשֶׁען. 5 אָבֶּער זֵייא הָאבֶּען
נָאךְ שְׁטַארְקֶער גֶעזָאגְט, עֶר הֶעצְט אוֹיף דָאס פָאלְק, און הָאט אִים גַאנְצֶען

[69] דניאל ז׳ יג׳.

לַאנְד יְהוּדָה גֶעלֶעהְרְט, און הָאט אויך אָנְגֶעהויבֶּען פוּן גָלִיל בִּיז אַהֶער.
6 און וֶוען פִּילָטוּס הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אויבּ דֶער מַאן אִיז
פוּן גָלִיל; 7 און וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואר גֶעוָוארֶען אַז עֶר גֶעהֶערְט צוּ דֶער
רֶעגִירוּנְג פוּן הוֹרְדוֹס, הָאט עֶר אִיהְם צוּ הוֹרְדוֹס גֶעשִׁיקְט, דֶער אִיז אויךְ
זֶעלְבְּסְט אִין יְרוּשָׁלַיִם גֶעוֶוען אִין יֶענֶע טֶעג.
8 און וֶוען הוֹרְדוֹס הָאט יֵשׁוּעַ גֶעזֶעהֶען הָאט עֶר זִיךְ זֶעהְר גֶעפְרֵייעֶט; וָוארִין
עֶר הָאט אִיהְם שׁוֹין לַאנְג גֶעוָואלְט זֶעהֶען ווייל עֶר הָאט וֶוענֶען אִיהְם גֶעהֶערְט,
און עֶר הָאט גֶעהָאפְט צוּ זֶעהֶען אַ צֵייכֶען זָאל דוּרְךְ אִיהְם גֶעשֶׁעהֶען. 9 און עֶר
הָאט אִיהְם מִיט אַ סַךְ וֶוערְטֶער אויסְגֶעפְרֶעגְט; אָבֶּער עֶר הָאט אִיהְם גָאר נִיט
גֶעעֶנְטְפֶערְט. 10 און דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים און דִיא סוֹפְרִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען, און
הָאבֶּען אִיהְם זֶעהְר שְׁטַארְק אָנְגֶעקְלָאגְט. 11 און הוֹרְדוֹס מִיט זֵיינֶע אָפִיצִירֶען
הָאבֶּען אִיהְם פֶערְשֶׁעהְמְט און אויסְגֶעשְׁפֶּעט, און הָאבֶּען אִיהְם אַ גְלַאנְצִינְדִיגֶעם
קְלֵייד אָנְגֶעטְהוּן, און הָאבֶּען אִיהְם צוּ פִּילָטוּס צוּרִיקְגֶעשִׁיקְט. 12 און פִּילָטוּס
און הוֹרְדוֹס זֶענֶען אִין דֶעם טָאג צְווִישֶׁען זִיךְ פְרֵיינְד גֶעוָוארֶען; וָוארִין פְרִיהֶער
זֶענֶען זֵייא אִין פֵיינְדְשַׁאפְט מִיט אֵיינַאנְדֶער גֶעוֶוען.
13 און פִּילָטוּס הָאט צוּזַאמֶענְגֶערוּפֶען דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים און דִיא אויבֶּערְשְׁ־
טֶע און דָאס פָאלְק. 14 און הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיהְר הָאט צוּ מִיר דִיזֶען
מַאן גֶעבְּרַאכְט וִויא אַ פֶערְפִיהְרֶער פוּן דֶעם פָאלְק, און זֶעה, אִיךְ הָאבּ אִיהְם
פָאר אֵייךְ פֶערְהֶערְט, און הָאבּ קֵיין אוּנְרֶעכְט אִין דִיזֶעם מֶענְשֶׁען נִיט גֶעפִינֶען
פוּן וֶועגֶען דִיא זַאכֶען וָואס אִיהְר הָאט אִיהְם אָנְגֶעקְלָאגְט. 15 און אֲפִילוּ
הוֹרְדוֹס אויךְ נִיט; וָוארִין עֶר הָאט אִיהְם צוּ אוּנְז צוּרִיקְגֶעשִׁיקְט; און זֶעה, עֶר
הָאט גָאר נִיט גֶעטְהוּן וָואס אִיז וֶוערְט דֶעם טוֹיט. 16 דְרוּם וֶועל אִיךְ אִיהְם
לָאזֶען שְׁלָאגֶען, און וֶועל אִיהְם בֶּעפְרֵייעֶן. 18 אָבֶּער זֵייא הָאבֶּען אַלֶע מִיט אֵיין
מָאל גֶעשְׁרִיגֶען און גֶעזָאגְט, אַוֶועק מִיט דִיזֶעם און בֶּעפְרֵייא אוּנְז בַּר־אַבָּא.
19 דֶער אִיז אִים גֶעפֶענְגְנִיס אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען גֶעוָוארֶען וֶועגֶען אֵיין אויפְשְׁטַאנְד
וָואס אִיז אִין דֶער שְׁטָאדְט גֶעשֶׁעהֶען, און וֶועגֶען רְצִיחָה. 20 און פִּילָטוּס הָאט
ווִידֶער צוּ זֵייא אויסְגֶערוּפֶען וָוארִין עֶר הָאט גֶעוָואלְט יֵשׁוּעַ בֶּעפְרֵייעֶן. 21 אָבֶּער
זֵייא הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען און גֶעזָאגְט, קְרֵייצִיג אִיהְם, קְרֵייצִיג אִיהְם. 22 און עֶר הָאט
דָאס דְרִיטֶע מָאל צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וָואסְפַאר אַ שְׁלֶעכְטֶעס הָאט עֶר דֶען גֶעטְהוּן?
אִיךְ הָאבּ אִין אִיהְם קֵיינֶע אוּרְזַאךְ פוּן טוֹיט נִיט גֶעפִינֶען, דְרוּם וֶועל אִיךְ
אִיהְם לָאזֶען שְׁלָאגֶען, און וֶועל אִיהְם בֶּעפְרֵייעֶן. 23 אָבֶּער זֵייא הָאבֶּען דְרוֹיף
מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת גֶעדְרוּנְגֶען, און הָאבֶּען פֶערְלַאנְגְט אַז עֶר זָאל גֶעקְרֵייצִיגְט
וֶוערֶען; און זֵייעֶרֶע קוֹלוֹת הָאבֶּען גֶעפּוֹעֶלְט. 24 און פִּילָטוּס הָאט גֶעמִשְׁפָּט, אַז
עֶס זָאל גֶעשֶׁעהֶען ווִיא זֵייא הָאבֶּען פֶערְלַאנְגְט. 25 און עֶר הָאט בֶּעפְרֵייעֶט דֶעם
וָואס אִיז וֶועגֶען אֵיין אויפְשְׁטַאנְד און רְצִיחָה אִים גֶעפֶענְגְנִיס אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען
גֶעוָוארֶען, דֶעם זֵייא הָאבֶּען פֶערְלַאנְגְט; אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען
צוּ זֵייעֶר ווִילֶען.

---

17 וָוארִין עֶר הָאט גֶעמוּזְט אֵיינֶעם צוּ זֵייא בֶּעפְרֵייעֶן אויף יוֹם טוֹב.

26 און ווִיא זַייא הָאבֶּען אִיהְם אַוֶּועקְגֶעפִיהְרְט, הָאבֶּען זַייא אָנְגֶענוּמֶען אַ גֶעווִיסֶען
שִׁמְעוֹן פוּן קוּרִינִי, וֶועלְכֶער אִיז פוּן דֶעם פֶעלְד גֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען אוֹיף
אִיהְם דָאס קְרַייץ אַרוֹיפְגֶעלֶעגְט אַז עֶר זָאל עֶס נָאךְ יֵשׁוּעַ טְרָאגֶען. 27 אוּן פִיל
לַייט זֶענֶען אִיהְם נָאכְגֶעגַאנְגֶען, אוּן פְרוֹיעֶן וָואס הָאבֶּען אִיבֶּער אִיהְם גֶעקְלָאגְט
אוּן גֶעטְרוֹיעֶרְט. 28 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט זִיךְ צוּ זַייא אוּמְגֶעקֶעהְרְט אוּן גֶעזָאגְט,
טֶעכְטֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם, ווַיינְט נִיט אִיבֶּער מִיר, נֵייעֶרְט ווַיינְט אִיבֶּער אֵייךְ אַלֵיין
אוּן אִיבֶּער אֵייעֶרֶע קִינְדֶער. 29 וָוארִין זֶעהַ, דִיא טֶעג קוּמֶען וֶוען מֶען וֶועט
זָאגֶען, גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִיא אוּנְפְרוּכְטְבַּארֶען אוּן דִיא לֵייבֶּער וָואס הָאבֶּען נִיט
גֶעווִיאוּנֶען, אוּן דִיא בְּרִיסְטֶען וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעגֶעבֶּען צוּ זֵייגֶען. 30 דַאן
וֶועלֶען זַייא אָנְהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען צוּ דִיא בֶּערְג פַאלְט אוֹיף אוּנְז, אוּן צוּ דִיא
הִיגֶעל, דֶעקְט אוּנְז צוּ; 31 וָוארִין וֶוען דִיזֶע זַאכֶען וֶוערֶען גֶעטְהוּן אִין אַ גְרִינֶען
בּוֹים, וָואס וֶועט אִים פֶערְדַארְטֶען גֶעשֶׁעהֶען?

32 אוּן צְווֵייא אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען רְשָׁעִים גֶעוֶועזֶען זֶענֶען אוֹיךְ אַהִין גֶעפִיהְרְט גֶעוָוא־
רֶען, אַז זַייא זָאלֶען מִיט אִיהְם גֶעהַרְגֶעט וֶוערֶען. 33 אוּן וֶוען זַייא זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען
צוּ אֵיין אָרְט וָואס מֶען נֶענְט גָלְגָלְתָּא, דָארְט הָאבֶּען זַייא אִיהְם גֶעקְרֵייצִיגְט, אוּן
דִיא רְשָׁעִים, אֵיינֶעם צוּ זֵיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד, אוּן אֵיינֶעם צוּ דִיא לִינְקֶע. 34 אוּן
יֵשׁוּעַ הָאט גֶעזָאגְט, פָאטֶער, פֶערְגִיבּ זַייא, וָוארִין זַייא ווִיסֶען נִיט וָואס זַייא
טְהוּן. אוּן זַייא הָאבֶּען זֵיינֶע קְלֵיידֶער גֶעטְהֵיילְט, אוּן הָאבֶּען גוֹרָל גֶעוָוארְפֶען.
35 אוּן דָאס פָאלְק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט צוּגֶעזֶעהֶען. אוּן דִיא עֶלְצְטֶע
הָאבֶּען אִיהְם אוֹיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפֶּעט אוּן גֶעזָאגְט, עֶר הָאט אַנְדֶערֶע גֶערֶעטֶעט,
לָאז עֶר זִיךְ אַלֵיין רֶעטֶען, וֶוען עֶר אִיז דֶער מָשִׁיחַ פוּן גָאט דֶער אוֹיסְדֶערְ־
וֶועהְלְטֶער. 36 אוּן דִיא סָאלְדַאטֶען הָאבֶּען אִיהְם אוֹיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפֶּעט, אוּן זֶענֶען
צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען אוּן הָאבֶּען אִיהְם עֶסִיג גֶעבְּרַאכְט; 37 אוּן זַייא הָאבֶּען
גֶעזָאגְט, וֶוען דוּא בִּיסְט דֶער קֶענִיג פוּן דִיא יוּדֶען, רֶעטֶע דִיךְ אַלֵיין. 38 אוּן
עֶס אִיז אוֹיךְ אֵיינֶע אוֹיפְשְׁרִיפְט אִיבֶּער אִיהְם גֶעשְׁרִיבֶּען, דִיזֶער אִיז דֶער
קֶענִיג פוּן דִיא יוּדֶען.

39 אוּן אֵיינֶער פוּן דִיא רְשָׁעִים וָואס זֶענֶען גֶעקְרֵייצִיגְט גֶעוָוארֶען, הָאט אִיהְם
גֶעלֶעסְטֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, בִּיסְט דוּא נִיט דֶער מָשִׁיחַ? רֶעטֶע דִיךְ אַלֵיין אוּן
אוּנְז. 40 אָבֶּער דֶער אַנְדֶערֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט אִיהְם אָנְגֶעשְׁרִיגֶען
אוּן גֶעזָאגְט, הָאסְט דוּא קֵיין מוֹרָא נִיט פַאר גָאט, וָוארִין דוּא בִּיסְט אִין דִיא
זֶעלְבִּיגֶע שְׁטְרָאף? 41 אוּן מִיר זֶענֶען מִיט רֶעכְט פֶערְשׁוּלְדִיגְט, וָוארִין מִיר
בֶּעקוּמֶען דָאס וָואס אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים הָאבֶּען פֶערְדִינְט; אָבֶּער דִיזֶער מַאן הָאט
קֵיין אוּנְרֶעכְט נִיט גֶעטְהוּן. 42 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, יֵשׁוּעַ, גֶעדֶענְק אָן מִיר,
וֶוען דוּא קוּמְסְט אִין דֵיין קֶענִיגְרֵייךְ. 43 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת
זָאג אִיךְ דִיר, הֵיינְט וֶועסְט דוּא מִיט מִיר זַיין אִין פַּארַאדִים.

44 אוּן עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען קֶעגֶען דִיא זֶעקְסְטֶע שָׁעָה, אוּן עֶס אִיז פִינְסְטֶער
גֶעוָוארֶען אִיבֶּער דֶעם גַאנְצֶען לַאנְד, בִּיז צוּ דִיא נֵיינְטֶע שָׁעָה, 45 וֶוען דִיא זוּן

30 הושע י׳ ח׳.

האט זיך געניינט, און דאס פרוכת פון דעם היכל איז אין מיטען צוריסען געוואָרען.
46 און ישוע האט מיט א הויך קול געשריגען און געזאגט, פאטער אין דיינע
האנד בעפעהל איך מיין גייסט. און ווען ער האט דאס געזאגט, האט ער די
נשמה אויסגעלאָזט. 47 און ווען דער הויפטמאן האט געזעהען וואס איז געשע-
הען, האט ער גאט געלויבט און געזאגט, באמת דיזער מענש איז א צדיק
געוועזען. 48 און אלע לייט וואס זענען צוזאמענגעקומען צו דיזער זעהונג, ווען
זייא האבען געזעהען וואס איז געשעהען, האבען זייא זיך געשלאגען אויף דער
ברוסט, און האבען זיך אומגעקעהרט. 49 און אלע זיינע פריינד, און די
פרויען וואס האבען איהם פון גליל נאכגעפאלגט, זענען פון ווייטען געשטאנען,
און האבען דאס צוגעזעהען.

50 און זעה, עס איז געוועזען א מאן וואס האט געהייסען יוסף, וואס איז א
יועץ געוועזען, און א גוטער און גערעכטער מאן; 51 דיזער האט ניט איינגעשטימט
אין זייערע עצה און זייער ווערק; ער איז פון הרמתים געוועזען, א שטאדט פון
די יודען, און האט געווארט אויף דעם קעניגרייך פון גאט. 52 דיזער איז צו
פילטוס געקומען און האט געבעטען דעם לייב פון ישוע. 53 און ער האט
עס אראפגענומען, און האט עס אין א ליילעך איינגעוויקעלט, און האט עס
אריינגעלעגט אין איין אויסגעהאקטען קבר, וואו קיינער איז נאך ניט געלעגען.
54 און עס איז ערב יום טוב געוועזען, און נאהענט צו שבת. 55 און די פרויען
וואס זענען מיט איהם צוזאמענגעקומען פון גליל, האבען נאכגעפאלגט, און
האבען דאס קבר געזעהען, און וויא זיין לייב איז אריינגעלעגט געוואָרען;
56 און זייא האבען זיך אומגעקעהרט, און האבען אנגעברייט בשמים און מר.
און אם שבת האבען זייא נאך דעם געבאט גערוהט.

כד 1 און אים ערשטען טאג פון דער וואך זענען זייא גאנץ פריה געקומען
צום קבר, און האבען די בשמים געבראכט וואס זייא האבען אנגעברייט.
2 און זייא האבען געפינען אז דער שטיין איז פון דעם קבר אוועקגעוואלגערט,
3 אבער ווען זייא זענען אריינגעגאנגען, האבען זייא ניט געפינען דעם לייב פון
דעם האר'ן ישוע. 4 און עס איז געשעהען וויא זייא זענען זעהר וועגען דעם
פערצאגט געוועזען, זענען צוויא מענשען בייא זייא געשטאנען אין גלאנצעדיגע
קליידער. 5 און ווען זייא האבען זיך זעהר געפארכטען, און האבען זייערע
פנים צו דער ערד געניינט, האבען יענע צו זייא געזאגט, וואָרום זוכט איהר
דעם לעבענדיגען צווישען די טויטע? 6 ער איז ניט דא, נייערט ער איז
אויפגעשטאנען; געדענקט וויא ער האט צו אייך גערעדט ווען ער איז נאך אין
גליל געוועזען, 7 און האט געזאגט, אז דער בן אדם מוז איבערגעגעבען ווערען
אין די הענד פון זינדער, און געקרייציגט ווערען, און אים דריטען טאג
אויפשטעהען. 8 און זייא האבען זיך דערמאהנט אן זיינע ווערטער, 9 און
האבען זיך אומגעקעהרט פון דעם קבר, און האבען אלע דיזע זאכען דער-
צעהלט צו די עלף און צו אלע איבריגע. 10 און עס זענען מרים המגדלית

46 תהלים לא׳ ו׳.

אוּן יוֹחָנָה אוּן מִרְיָם דִיא מוּטֶער פוּן יַעֲקֹב; אוּן דִיא אִיבְּרִיגֶע וָואס זֶענֶען מִיט
זַייא גֶעוֶועזֶען הָאבֶּען דָאס דֶערְצֶעהְלְט צוּ דִיא אַפָּאסְטֶעל. 11 אוּן דִיזֶע וֶוערְטֶער
זֶענֶען בַּייא זַייא וִויא נַארִישְׁקֵייט אָנְגֶעזֶעהֶען, אוּן זַייא הָאבֶּען זַייא נִיט גֶעגְלוֹיבְּט.
12 אָבֶּער פֶּעטְרוּס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן אִיז צוּם קֶבֶר גֶעלָאפֶען; אוּן עֶר הָאט
זִיךְ אַרוּפְגֶעבּוֹיגֶען, אוּן הָאט גֶעזֶעהֶען דִיא תַּכְרִיכִים בֶּעזוּנְדֶער לִיגֶען; אוּן עֶר
אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גֶעוְואוּנְדֶערְט וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען.
13 אוּן זֶעה, צְווייא פוּן זַייא זֶענֶען אָן דֶעם זֶעלְבִּיגֶען טָאג צוּ אַ דָארְף גֶעגַאנְ־
גֶען וָואס הֵייסְט עַמָּאוּס, וָואס אִיז זֶעכְצִיג אַקֶער פֶעלְד ווַייט פוּן יְרוּשָׁלַיִם;
14 אוּן זַייא הָאבֶּען מִיט אֵיינַאנְדֶער גֶערֶעט וֶועגֶען אַלֶע דִיזֶע זַאכֶען וָואס זֶענֶען
גֶעשֶׁעהֶען. 15 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וִויא זַייא הָאבֶּען גֶערֶעט אוּן גֶעטַענְהֶעט,
הָאט זִיךְ יֵשׁוּעַ אַלֵיין גֶענֶעהֶנְט אוּן אִיז מִיט זַייא גֶעגַאנְגֶען. 16 אָבֶּער
זַייעֶרֶע אוֹיגֶען זֶענֶען צוּגֶעהַאלְטֶען גֶעוֶועזֶען, אַז זַייא זָאלֶען אִיהְם נִיט דֶערְקֶענֶען.
17 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, וָואסְפַאר עִנְיָנִים זֶענֶען דִיא, אִיבֶּער וֶועלְכֶע
אִיהְר טַעֲנְהֶעט מִיט אֵיינַאנְדֶער וִויא אִיהְר גֶעהְט? אוּן זַייא זֶענֶען טְרוֹיעריג
גֶעשְׁטַאנֶען. 18 אוּן אֵיינֶער פוּן זַייא וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען קְלֵיוֹפַּס, הָאט גֶעעֶנְטְ־
פֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, בִּיסְט דוּא אַלֵיין אַ פְרֶעמְדֶער אִין יְרוּשָׁלַיִם,
אוּן ווייסְט נִיט וָואס אִיז דְרִינֶען גֶעשֶׁעהֶען אִין דִיזֶע טֶעג? 19 אוּן עֶר הָאט
צוּ זַייא גֶעזָאגְט, וָואסְפַאר זַאכֶען? אוּן זַייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דִיא
פוּן וֶועגֶען יֵשׁוּעַ הַנָּצְרִי, דֶער אִיז אַ נָבִיא גֶעוֶועזֶען, מֶעכְטִיג אִין מַעֲשִׂים אוּן
רֶעד פָאר גָאט אוּן דֶעם גַאנְצֶען פָאלְק; 20 אוּן וִויא אוּנְזֶערֶע עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים
אוּן אוֹיבֶּערְשְׁטֶע הָאבֶּען אִיהְם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צוּם מִשְׁפָּט פוּן טוֹיט, אוּן הָאבֶּען
אִיהְם גֶעקְרֵייצִיגְט. 21 אָבֶּער מִיר הָאבֶּען גֶעהָאפְט אַז עֶר אִיז דֶער וָואס וֶועט
יִשְׂרָאֵל אוֹיסְלֶעזֶען; אוּן אִיבֶּער דֶעם אַלֶעם אִיז הַיינְט דֶער דְרִיטֶע טָאג זִינְט
דִיזֶע זַאכֶען זֶענֶען גֶעשֶׁעהֶען. 22 אוּן אוֹיךְ עֶטְלִיכֶע פְרוֹיעֶן פוּן אוּנְז הָאבֶּען
אוּנְז דֶערְשְׁרָאקֶען, וָוארִין זַייא זֶענֶען גַאנְץ פְרִיה גֶעוֶועזֶען בַּייא דֶעם קֶבֶר, 23 אוּן
הָאבֶּען זַיין לֵייבּ נִיט גֶעפִינֶען, אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט, אַז זַייא הָאבֶּען
גֶעזֶעהֶען אַ גֶעזִיכְט פוּן מַלְאָכִים, וָואס הָאבֶּען גֶעזָאגְט אַז עֶר לֶעבְּט. 24 אוּן
עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אוּנְז גֶעוֶועזֶען זֶענֶען צוּם קֶבֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען,
אוּן הָאבֶּען גֶעפִינֶען אַזוֹי וִויא דִיא פְרוֹיעֶן הָאבֶּען גֶעזָאגְט; אָבֶּער אִיהְם הָאבֶּען
זַייא נִיט גֶעזֶעהֶען. 25 אוּן עֶר הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, אָ, אִיהְר אוּנְפֶערְשְׁטֶענְ־
דִיגֶע אוּן שְׁוֶוערְהֶערְצִיגֶע, אַז אִיהְר גְלוֹיבְּט נִיט אַלֶעם וָואס דִיא נְבִיאִים הָאבֶּען
גֶערֶעט; 26 הָאט נִיט דֶער מָשִׁיחַ דִיזֶע זַאכֶען גֶעזָאלְט לֵיידֶען, אוּן אִין
זַיינֶע הֶערְלִיכְקֵייט אַרֵיינְקוּמֶען? 27 אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען פוּן מֹשֶׁה אוּן פוּן
אַלֶע נְבִיאִים, אוּן הָאט זַייא אוֹיסְגֶעלֶעגְט אִין דִיא גַאנְצֶע שְׁרִיפְט וָואס אִיז
וֶועגֶען אִיהְם גֶעשְׁרִיבֶּען.
28 אוּן זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶענֶעהֶנְט צוּם דָארְף וְואוּ אַהִין זַייא זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען;
אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט גְלֵייךְ וִויא עֶר הָאט גֶעוָואלְט ווַייטֶער גֶעהֶען. 29 אוּן
זַייא הָאבֶּען אִיהְם זֶעהְר גֶעבֶּעטֶען אוּן גֶעזָאגְט, בְּלֵייבּ מִיט אוּנְז, וָוארִין עֶס

אִיז פָאר אָבֶענְד, אוּן דֶער טָאג נֵייגְט זִיךְ אָפּ. אוּן עֶר אִיז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען מִיט
זֵייא צוּ בְּלֵייבֶּען. 30 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען דֶערְוַויל עֶר הָאט זִיךְ מִיט זֵייא
צוּם טִישׁ גֶעזֶעצְט, הָאט עֶר בְּרוֹיט גֶענוּמֶען אוּן הָאט אַ בְּרָכָה גֶעמַאכְט, אוּן
הָאט עֶס צוּבְּרָאכֶען אוּן צוּ זֵייא גֶעגֶעבֶּען. 31 אוּן זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען זֶענֶען אוֹיפְגֶע־
מַאכְט גֶעוָוארֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם דֶערְקֶענְט; אוּן עֶר אִיז פוּן זֵייא
פֶערְשְׁוְואוּנְדֶען. 32 אוּן זֵייא הָאבֶּען אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען גֶעזָאגְט, הָאט
נִיט אוּנְזֶער הַארְץ אִין אוּנְז גֶעבְּרֶענְט, ווִיא עֶר הָאט מִיט אוּנְז גֶערֶעט אוֹיף
דֶעם וֶועג, אוּן ווִיא עֶר הָאט אוּנְז דִיא שְׁרִיפְט אוֹיסְגֶעלֶעגְט? 33 אוּן זֵייא זֶענֶען
אִין דִיא זֶעלְבִּיגֶע שָׁעָה אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן זֶענֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען,
אוּן הָאבֶּען גֶעפִינֶען דִיא עֶלְף פֶערְזַאמֶעלְט אוּן דִיא וָואס זֶענֶען מִיט זֵייא
גֶעוֶועזֶען 34 וָואס הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דֶער הַאר אִיז ווִירְקְלִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן
הָאט זִיךְ צוּ שִׁמְעוֹן בֶּעווִיזֶען. 35 אוּן זֵייא הָאבֶּען דֶערְצֶעהְלְט דָאס וָואס אִיז
גֶעשֶׁעהֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, אוּן ווִיא זֵייא הָאבֶּען אִיהְם דֶערְקַאנְט בֵּיים בְּרוֹיט
צוּבְּרֶעכֶען.
36 אוּן ווִיא זֵייא הָאבֶּען דִיזֶע זַאכֶען גֶערֶעט, אַזוֹי אִיז עֶר זֶעלְבְּסְט צְווִישֶׁען
זֵייא גֶעשְׁטַאנֶען, אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם. 37 אוּן זֵייא
הָאבֶּען זִיךְ דֶערְשְׁרָאקֶען אוּן זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען אוּן הָאבֶּען גֶעדַאכְט אַז זֵייא
זֶעהֶען אַ גֵייסְט. 38 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וָוארוּם זֶענְט אִיהְר דֶערְ־
שְׁרָאקֶען, אוּן וָוארוּם קוּמֶען אַזֶעלְכֶע גֶעדַאנְקֶען אִין אֵייעֶרֶע הֶערְצֶער אַרֵיין?
39 זֶעהְט מֵיינֶע הֶענְד אוּן מֵיינֶע פִּיס, אַז אִיךְ בִּין עֶס זֶעלְבְּסְט; פִּיהְלְט מִיךְ
אוּן זֶעהְט, אַז אַ גֵייסְט הָאט נִיט קֵיין פְלֵיישׁ אוּן בֵּיין, אַזוֹי ווִיא אִיהְר זֶעהְט
אַז אִיךְ הָאבּ. 40 אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאט עֶר זֵייא זֵיינֶע הֶענְד
אוּן זֵיינֶע פִּיס גֶעווִיזֶען. 41 אוּן דֶערְוַויל זֵייא הָאבֶּען נָאךְ נִיט גֶעגְלוֹיבְּט פַאר
שִׂמְחָה, אוּן הָאבֶּען זִיךְ פֶערְווְאוּנְדֶערְט, הָאט עֶר צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, הָאט אִיהְר
דָא עֶפֶּעס צוּ עֶסֶען? 42 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעגֶעבֶּען אַ שְׁטִיק גֶעבְּרָאטֶענֶע
פִישׁ; 43 אוּן עֶר הָאט עֶס גֶענוּמֶען אוּן הָאט פָאר זֵייא גֶעגֶעסֶען.
44 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, דִיזֶע זֶענֶען מֵיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ
צוּ אֵייךְ גֶערֶעט וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ מִיט אֵייךְ גֶעוֶועזֶען, אַז אַלֶעס מוּז דֶערְפִילְט
וֶוערֶען וָואס אִיז וֶועגֶען מִיר גֶעשְׁרִיבֶּען אִין תּוֹרַת מֹשֶׁה אוּן אִין דִיא נְבִיאִים
אוּן אִין תְּהִלִּים. 45 דַאן הָאט עֶר זֵייעֶר פֶערְשְׁטַאנְד אוֹיפְגֶעמַאכְט, אַז זֵייא זָאלֶען
דִיא שְׁרִיפְט פֶערְשְׁטֶעהֶען. 46 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אַזוֹי אִיז עֶס
גֶעשְׁרִיבֶּען, אַז דֶער מָשִׁיחַ זָאל לֵיידֶען, אוּן פוּן דֶעם טוֹיט אוֹיפְשְׁטֶעהֶען אִים
דְרִיטֶען טָאג, 47 אוּן אַז מֶען זָאל אִין זֵיין נָאמֶען תְּשׁוּבָה פְּרֶעדִיגֶען צוּ פֶערְ־
גֶעבּוּנְג פוּן זִינְד צוּ אַלֶע פֶעלְקֶער; אוּן מֶען זָאל פוּן יְרוּשָׁלַיִם אָנְהֵייבֶּען.
48 אִיהְר זֶענְט עֵדוּת פוּן דִיזֶע זַאכֶען. 49 אוּן זֶעה, אִיךְ שִׁיק אוֹיף אֵייךְ דִיא
הַבְטָחָה פוּן מֵיין פָאטֶער; אָבֶּער בְּלֵייבְּט אִיהְר אִין דֶער שְׁטָאדְט, בִּיז אִיהְר
וֶועט אָנְגֶעטְהוּן וֶוערֶען מִיט מַאכְט פוּן דֶער הֵייךְ.
50 אוּן עֶר הָאט זֵייא אַרוֹיסְגֶעפִיהְרְט בִּיז בֵּית־הִינִי, אוּן הָאט זֵיינֶע הֶענְד

אויפְגֶעהויבֶּען, און הָאט זֵייא גֶעבֶּענְשְׁט. [51] און עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען ווִיא עֶר
הָאט זֵייא גֶעבֶּענְשְׁט, אִיז עֶר אַוֶועק פון זֵייא אָפְּגֶעשֵׁיידֶעט, און אִיז אַרויפְגֶעטְרָאגֶען
אִין הִימֶעל אַרֵיין. [52] און זֵייא הָאבֶּען זִיךְ צוּ אִיהְם גֶעבִּיקְט, און זֶענֶען קֵיין
יְרוּשָׁלַיִם מִיט גְרויסֶע שִׂמְחָה צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען, [53] און זֶענֶען בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִים
בֵּית הַמִקְדָּשׁ גֶעוֶועזֶען, און הָאבֶּען גָאט גֶעלויבְּט.

דִיא הֵיילִיגֶע בְּשׂוֹרָה טוֹבָה נָאךְ יוֹחָנָן

1 אִים אָנְהֵייבּ אִיז דָאס וָוארְט גֶעוֶוען, אוּן דָאס וָוארְט אִיז מִיט גָאט גֶעוֶוען
אוּן דָאס וָוארְט אִיז גֶעוֶוען גָאט. 2 דָאס זֶעלְבִּיגֶע אִיז גֶעוֶוען אִים אָנְהֵייבּ
מִיט גָאט. 3 אַלֶעס אִיז דוּרְךְ אִיהְם גֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען, אוּן אָהְן אִיהְם אִיז
גָאר נִיט גֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען, וָואס אִיז גֶעמַאכְט. 4 אִין אִיהְם אִיז גֶעוֶוען דָאס
לֶעבֶּען, אוּן דָאס לֶעבֶּען אִיז גֶעוֶוען דָאס לִיכְט פוּן דִיא מֶענְשֶׁען. 5 אוּן דָאס
לִיכְט שֵׁיינְט אִין דֶער פִינְסְטֶערְנִיס, אוּן דִיא פִינְסְטֶערְנִיס הָאט עֶס נִיט בֶּעגְרִיפֶען.

6 עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַאן וָואס אִיז פוּן גָאט גֶעשִׁיקְט, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען
יוֹחָנָן; 7 דִיזֶער אִיז פַאר אַ צֵייגְנִיס גֶעקוּמֶען, אַז עֶר זָאל בֶּעצֵייגֶען וֶועגֶען
דֶעם לִיכְט, כְּדֵי אַלֶע זָאלֶען דוּרְךְ אִיהְם גְלוֹיבֶּען. 8 דֶער אִיז נִיט דָאס לִיכְט
גֶעוֶוען, נֵייעֶרְט עֶר אִיז גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארֶען צוּ בֶּעצֵייגֶען וֶועגֶען דֶעם לִיכְט.
9 דָא אִיז דָאס וָואהְרֶע לִיכְט, וָואס לֵייכְט אִיטְלִיכֶען מֶענְשֶׁען, אוּן עֶס קוּמְט אִין
דֶער וֶועלְט אַרֵיין. 10 עֶר אִיז אִין דֶער וֶועלְט גֶעוֶוען, אוּן דִיא וֶועלְט אִיז דוּרְךְ
אִיהְם גֶעמַאכְט, אוּן דִיא וֶועלְט הָאט אִיהְם נִיט גֶעקֶענְט. 11 עֶר אִיז גֶעקוּמֶען
צוּ זַיינֶע אֵייגֶענֶע, אוּן דִיא זֵיינִיגֶע הָאבֶּען אִיהְם נִיט אָנְגֶענוּמֶען. 12 אָבֶּער וִויא
פִיל עֶס הָאבֶּען אִיהְם אָנְגֶענוּמֶען, צוּ דִיא הָאט עֶר מַאכְט גֶעגֶעבֶּען אַז זֵייא
זָאלֶען קִינְדֶער פוּן גָאט וֶוערֶען, צוּ דִיא וָואס גְלוֹיבֶּען אִין זֵיין נָאמֶען; 13 וָואס
זֶענֶען נִיט פוּן בְּלוּט גֶעבּוֹירֶען, אוּן נִיט פוּן דֶעם ווִילֶען פוּן פְלֵייש, אוּן נִיט
פוּן דֶעם ווִילֶען פוּן מֶענְשֶׁען, נֵייעֶרְט פוּן גָאט.

14 אוּן דָאס וָוארְט אִיז גֶעוָוארֶען פְלֵייש, אוּן הָאט צְווִישֶׁען אוּנְז גֶעווָאוינְט,
אוּן מִיר הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען זֵיינֶע הֶערְלִיכְקֵייט, דִיא הֶערְלִיכְקֵייט ווִיא פוּן דֶעם
אֵיינְצִיגֶען זוּהְן פוּן דֶעם פָאטֶער, פוֹל מִיט גְנָאד אוּן וָואהְרְהֵייט. 15 יוֹחָנָן
הָאט אוֹיף אִיהְם בֶּעצֵייגְט, אוּן הָאט גֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט, דָאס אִיז דֶער פוּן
וֶועלְכֶען אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, דֶער וָואס קוּמְט נָאךְ מִיר אִיז פָאר מִיר גֶעוֶוען,
וָוארִין עֶר אִיז צוּעֶרְשְׁט פָאר מִיר. 16 וָוארִין פוּן זֵיינֶע פוֹלְהֵייט הָאבֶּען מִיר
אַלֶע דֶערְהַאלְטֶען, אוּן גְנָאד אוֹיף גְנָאד. 17 וָוארִין דִיא תּוֹרָה אִיז דוּרְךְ מֹשֶׁה
גֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען, גְנָאד אוּן וָואהְרְהֵייט זֶענֶען גֶעוֶוען דוּרְךְ יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.
18 קֵיינֶער הָאט גָאט קֵיינְמָאל נִיט גֶעזֶעהֶען; דֶער אֵיינְצִיגֶער זוּהְן, וָואס אִיז אִין
דֶעם שׁוֹיס פוּן דֶעם פָאטֶער, דֶער הָאט אִיהְם בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט.

19 אוּן דָאס אִיז דָאס צֵייגְנִיס פוּן יוֹחָנָן, וֶוען דִיא יוּדֶען פוּן יְרוּשָׁלַיִם הָאבֶּען
כֹּהֲנִים אוּן לְוִיִּם גֶעשִׁיקְט אַז זֵייא זָאלֶען אִיהְם פְרֶעגֶען, וֶוער בִּיסְט דוּא? 20 אוּן
עֶר הָאט מוֹדֶה גֶעוֶוען, אוּן הָאט נִיט גֶעלֵייקֶענְט, נֵייעֶרְט הָאט מוֹדֶה גֶעוֶוען,
אִיךְ בִּין נִיט דֶער מָשִׁיחַ. 21 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעפְרֶעגְט, וָואס דֶען? בִּיסְט
דוּא אֵלִיָּה? אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין נִיט. בִּיסְט דוּא דֶער נָבִיא? אוּן
עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, נֵיין. 22 אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֶוער בִּיסְט
דוּא? אַז מִיר זָאלֶען אֵיין עֶנְטְפֶער גֶעבֶּען צוּ דִיא וָואס הָאבֶּען אוּנְז גֶעשִׁיקְט;

וָואס זָאגְסְט דוּא וֶועגֶען דִיר זֶעלְבְּסְט? 23 עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין אַ קוֹל
פוּן אֵיינֶעם וָואס שְׁרֵייעֶט אִין דֶער מִדְבָּר, מַאכְט גְלֵייךְ דֶעם וֶועג פוּן דֶעם
הַאר'ן, אַזוֹי וִויא יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא הָאט גֶעזָאגְט. 24 אוּן זֵייא זֶענֶען גֶעשִׁיקְט גֶעוֶועזֶען
פוּן דִיא פְּרוּשִׁים. 25 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעפְרֶעגְט, אוּן הָאבֶּען צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, וָוארוּם טוֹבֵלְסְט דוּא דֶען, וֶוען דוּא בִּיסְט נִיט דֶער מָשִׁיחַ, אוּן נִיט
אֵלִיָה, אוּן נִיט דֶער נָבִיא? 26 יוֹחָנָן הָאט זֵייא גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ
טוֹבֵל מִיט וַואסֶער, אָבֶּער דָא שְׁטֶעהְט אֵיינֶער צְווִישֶׁען אֵייךְ, וֶועלְכֶען אִיהְר
קֶענְט נִיט; 27 דֶער אִיז עֶר וָואס קוּמְט נָאךְ מִיר, וָואס אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְט
אַז אִיךְ זָאל דָאס שְׁנִירֶעל פוּן זֵיינֶע שִׁיךְ אוֹיפְבִּינְדֶען. 28 דָאס אִיז גֶעשֶׁעהֶען
אִין בֵּית־הִינִי אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע זֵייט יַרְדֵן, וְואוּ יוֹחָנָן הָאט גֶעטוֹבֵלְט.

29 אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג הָאט יוֹחָנָן גֶעזֶעהֶען יֵשׁוּעַ צוּ אִיהְם קוּמֶען, אוּן
הָאט גֶעזָאגְט, זֶעה דָאס לַאם פוּן גָאט וָואס נֶעמְט אַוֶועק דִיא זִינְד פוּן דֶער
וֶועלְט. 30 דָאס אִיז דֶער פוּן וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, נָאךְ מִיר קוּמְט אַ
מַאן, וָואס אִיז פָאר מִיר גֶעוֶועזֶען, וָוארִין עֶר אִיז צוּעֶרְשְׁט פָאר מִיר. 31 אוּן
אִיךְ הָאבּ אִיהְם נִיט גֶעקֶענְט, נֵייעֶרְט אַז עֶר זָאל אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען צוּ יִשְׂרָאֵל,
דְרוּם בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען אוּן טוֹבֵל מִיט וַואסֶער. 32 אוּן יוֹחָנָן הָאט בֶּעצֵייגְט
אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען דֶעם גֵייסְט אַרוּפְּקוּמֶען פוּן הִימֶעל וִויא אַ
טוֹיבּ, אוּן עֶר אִיז אוֹיף אִיהְם גֶעבְּלִיבֶּען. 33 אוּן אִיךְ הָאבּ אִיהְם נִיט גֶעקֶענְט;
נֵייעֶרְט דֶער וָואס הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּ טוֹבֵלְן מִיט וַואסֶער, דֶער הָאט צוּ
מִיר גֶעזָאגְט, אוֹיף וֶועמֶען דוּא וֶועסְט זֶעהֶען דֶעם גֵייסְט אַרוּפְּקוּמֶען, אוּן אוֹיף
אִיהְם בְּלֵייבֶּען, דֶער אִיז עֶר וָואס טוֹבֵלְט מִיט דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. 34 אוּן אִיךְ
הָאבּ גֶעזֶעהֶען אוּן הָאבּ בֶּעצֵייגְט, אַז דִיזֶער אִיז דֶער זוּהְן פוּן גָאט.

35 אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג אִיז יוֹחָנָן וִוידֶער גֶעשְׁטַאנֶען אוּן צְווֵייא פוּן זֵיינֶע
תַּלְמִידִים; 36 אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען יֵשׁוּעַ וִויא עֶר גֶעהְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט,
זֶעה דָאס לַאם פוּן גָאט. 37 אוּן דִיא צְווֵייא תַּלְמִידִים הָאבֶּען אִיהְם גֶעהֶערְט
רֶעדֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען יֵשׁוּעַ נָאכְגֶעפָאלְגְט. 38 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט זִיךְ אוּמְגֶע־
קֶעהְרְט, אוּן הָאט זֵייא גֶעזֶעהֶען נָאכְפָאלְגֶען, אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט,
וָואס זוּכְט אִיהְר? אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, רַבִּי, וָואס אִיז פֶערְ־
טֵייטְשְׁט לֶעהְרֶער, וְואוּ וְואוֹינְסְט דוּא? 39 עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, קוּמְט אוּן
זֶעהְט. אַזוֹי זֶענֶען זֵייא גֶעקוּמֶען אוּן הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען וְואוּ עֶר הָאט גֶעוְואוֹינְט,
אוּן זֶענֶען יֶענֶען טָאג בֵּייא אִיהְם גֶעבְּלִיבֶּען; אוּן עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען קֶעגֶען דִיא
צֶעהְנְטֶע שָׁעָה. 40 אַנְדְרַי דֶער בְּרוּדֶער פוּן שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס אִיז גֶעוֶועזֶען אֵיינֶער
פוּן דִיא צְווֵייא וָואס הָאבֶּען גֶעהֶערְט יוֹחָנָן רֶעדֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם נָאכְגֶעפָאלְגְט.
41 דִיזֶער הָאט צוּעֶרְשְׁט גֶעפִינֶען זֵיין אֵייגֶענֶעם בְּרוּדֶער שִׁמְעוֹן, אוּן הָאט
צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מִיר הָאבֶּען גֶעפִינֶען דֶעם מָשִׁיחַ, וָואס אִיז פֶערְטֵייטְשְׁט אוֹיף
גְרֶעקִישׁ קְרִיסְטוּס. 42 עֶר הָאט אִיהְם גֶעבְּרַאכְט צוּ יֵשׁוּעַ; אוּן יֵשׁוּעַ הָאט אִיהְם
גֶעזֶעהֶען אוּן גֶעזָאגְט, דוּא בִּיסְט שִׁמְעוֹן, דֶער זוּהְן פוּן יוֹחָנָן, דוּא זָאלְסְט גֶע־
רוּפֶען וֶוערֶען כֵּיפָא, וָואס אִיז פֶערְטֵייטְשְׁט אַ פֶעלְז.

43 אויף דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג הָאט יֵשׁוּעַ גֶעוָואלְט גֶעהֶען קֵיין גָלִיל, אוּן הָאט
גֶעפִינֶען פִילִיפּוּס, אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, פָאלְג מִיר נָאךְ. 44 אוּן פִילִיפּוּס
אִיז גֶעוֶוען פוּן בֵּית־צַיְדָה, פוּן דֶער שְׁטָאדְט פוּן אַנְדְרַי אוּן פֶּעטְרוּס. 45 פִילִיפּוּס
הָאט נְתַנְאֵל גֶעפִינֶען, אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מִיר הָאבֶען גֶעפִינֶען דֶעם
פוּן וֶועלְכֶעם משֶׁה הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דֶער תּוֹרָה, אוּן דִיא נְבִיאִים, יֵשׁוּעַ דֶעם
זוּהְן פוּן יוֹסֵף פוּן נְצָרֶת. 46 אוּן נְתַנְאֵל הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, קָאן עֶפֶּעס
גוּטֶעס אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן נְצָרֶת? פִילִיפּוּס הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, קוּם אוּן
זֶעה. 47 יֵשׁוּעַ הָאט נְתַנְאֵל גֶעזֶעהֶען צוּ אִיהְם קוּמֶען, אוּן הָאט פוּן אִיהְם
גֶעזָאגְט, זֶעה אַ וָואהְר בֶּן יִשְׂרָאֵל, אִין דֶעם עֶס אִיז קֵיינֶע פַאלְשְׁהַייט.
48 נְתַנְאֵל הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, פוּן וַואנֶען קֶענְסְט דוּא מִיךְ? יֵשׁוּעַ הָאט
גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אֵיידֶער פִילִיפּוּס הָאט דִיךְ גֶערוּפֶען,
וֶוען דוּא בִּיסְט גֶעוֶוען אוּנְטֶער דֶעם פֵייגֶענְבּוֹים, הָאבּ אִיךְ דִיךְ גֶעזֶעהֶען.
49 נְתַנְאֵל הָאט אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט, רַבִּי, דוּא בִּיסְט דֶער זוּהְן פוּן גָאט, דוּא
בִּיסְט דֶער מֶלֶךְ פוּן יִשְׂרָאֵל. 50 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, ווייל אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעזֶעהֶען אוּנְטֶער דֶעם
פֵייגֶענְבּוֹים, אַזוֹי גְלוֹיבְּסְט דוּא? דוּא וֶועסְט זֶעהֶען גְרֶעסֶערֶע זַאכֶען ווִיא דִיזֶע.
51 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אִיהְר וֶועט
זֶעהֶען דֶעם הִימֶעל אָפֶען, אוּן דִיא מַלְאָכִים פוּן גָאט אַרוֹיפְגֶעהֶען אוּן אַרוּפְּ־
קוּמֶען אוֹיף דֶעם בֶּן אָדָם.
ב 1 אוּן אִים דְרִיטֶען טָאג אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה אִין קָנָה פוּן גָלִיל, אוּן דִיא
מוּטֶער פוּן יֵשׁוּעַ אִיז דָארְט גֶעוֶוען; 2 אוּן יֵשׁוּעַ אוּן זֵיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען
אוֹיךְ גֶעבֶּעטֶען גֶעוָוארֶען אוֹיף דֶער חֲתוּנָה. 3 אוּן וֶוען עֶס הָאט זֵייא גֶעפֶעהְלְט
ווַיין, הָאט דִיא מוּטֶער פוּן יֵשׁוּעַ צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, זֵייא הָאבֶּען נִיט קֵיין ווַיין.
4 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט דִיר צוּ טְהוּן, פְרוֹיא?
מֵיינֶע שָׁעָה אִיז נָאךְ נִיט גֶעקוּמֶען. 5 זֵיינֶע מוּטֶער הָאט צוּ דִיא דִינֶער
גֶעזָאגְט, וָואס עֶר וֶועט צוּ אֵייךְ זָאגֶען, דָאס טְהוּט. 6 אוּן עֶס זֶענֶען דָארְט אַנִי־
דֶערְגֶעשְׁטֶעלְט זֶעקְס שְׁטֵיינֶערְנֶע וַואסֶערְקְרִיג נָאךְ דֶער גֶעווֹאוֹינְהַייט פוּן דֶער
רֵיינִיגוּנְג פוּן דִיא יוּדֶען, אוּן אִיטְלִיכֶעס הָאט צְווַייא אָדֶער דְרַייא מָאס גֶעהַאלְ־
טֶען. 7 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, פִילְט אָן דִיא קְרִיג מִיט וַואסֶער. אוּן זֵייא
הָאבֶּען זֵייא אָנְגֶעפִילְט בִּיז אַרוֹיף. 8 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, נוּן שֶׁעפְּט
אָן אוּן טְרָאגְט צוּ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען פוּן דֶער סְעוּדָה. אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶע־
טְרָאגֶען. 9 וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פוּן דֶער סְעוּדָה הָאט פֶערְזוּכְט דָאס
וַואסֶער וָואס אִיז ווַיין גֶעוָוארֶען, אוּן הָאט נִיט גֶעוְואוּסְט פוּן וַואנֶען עֶס אִיז,
אָבֶּער דִיא דִינֶער וָואס הָאבֶּען דָאס וַואסֶער אָנְגֶעשֶׁעפְּט הָאבֶּען גֶעוְואוּסְט;
אַזוֹי הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פוּן דֶער סְעוּדָה גֶערוּפֶען דֶעם חָתָן, 10 אוּן עֶר
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ שְׁטֶעלְט צוּעֶרְשְׁט אַנִידֶער דֶעם גוּטֶען
ווַיין, אוּן וֶוען מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרוּנְקֶען, אַזוֹי גִיבְּט עֶר דֶעם עֶרְגֶערֶען, אָבֶּער
דוּא הָאסְט גֶעהַאלְטֶען דֶעם גוּטֶען ווַיין בִּיז אַצוּנְד. 11 דָאס עֶרְשְׁטֶע וְואוּנְדֶער

הָאט יֵשׁוּעַ גֶעטְהוּן אִין קָנָה פוּן גָלִיל, אוּן הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט זַיינֶע הֶערְלִיכְקֵייט,
אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען אָן אִיהְם גֶעגְלוֹיבְּט. 12 נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַרוּפְּגֶע־
גַאנְגֶען קֵיין כְּפַּרְנַחוּם, אוּן זַיינֶע מוּטֶער אוּן זַיינֶע בְּרִידֶער אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים
מִיט אִיהְם; אוּן זַייא זֶענֶען דָארְט נִיט לַאנְג גֶעבְּלִיבֶּען.

13 אוּן פֶּסַח פוּן דִיא יוּדֶען אִיז נָאהֶענְט גֶעוֶועֶן, אוּן יֵשׁוּעַ אִיז אַרוּיפְגֶעגַאנְגֶען
קֵיין יְרוּשָׁלַיִם. 14 אוּן עֶר הָאט גֶעפִינֶען אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ דִיא וָואס הָא־
בֶּען פֶערְקוֹיפְט אָקְסֶען אוּן שָׁאף אוּן טוֹיבֶּען, אוּן דִיא וֶועקְסְלֶער זִיצֶענְדִיג;
15 אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ פֵּייטְשֶׁעל פוּן שְׁטְרִיקְלֶעךְ, אוּן הָאט אַלֶע אַרוֹיסְגֶע־
טְרִיבֶּען פוּן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוֹיךְ דִיא שָׁאף אוּן אוֹיךְ דִיא אָקְסֶען, אוּן הָאט
אוֹיסְגֶעשִׁיט דָאס גֶעלְד פוּן דִיא וֶועקְסְלֶער, אוּן הָאט אוּמְגֶעוָוארְפֶען דִיא טִישֶׁען;
16 אוּן עֶר הָאט צוּ דִיא טוֹיבֶּענְהֶענְדְלֶער גֶעזָאגְט, נֶעמְט דִיזֶע זַאכֶען פוּן דַאנֶען
אַוֶועק, מַאכְט נִיט דָאס הוֹיז פוּן מֵיין פָאטֶער אַ הוֹיז פוּן הַאנְדֶעל. 17 אוּן
זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען זִיךְ דֶערְמָאהֶנְט, אַז עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, דִיא קִנְאָה
פוּן דֵיין הוֹיז הָאט מִיךְ פֶערְצֶעהְרְט. 18 דִיא יוּדֶען הָאבֶּען דֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט,
אוּן הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וָואסְפַאר אַ צֵייכֶען וֵוייזְט דוּא אוּנְז, אַז דוּא
טְהוּסְט דִיזֶע זַאכֶען? 19 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט,
צוּשְׁטֶערְט דִיזֶען טֶעמְפֶּעל, אוּן אִין דְרַייא טֶעג וֶועל אִיךְ אִיהְם אוֹיפְשְׁטֶעלֶען.
20 אַזוֹי הָאבֶּען דִיא יוּדֶען גֶעזָאגְט, אִין זֶעקְס אוּן פִירְצִיג יָאהְר אִיז דִיזֶער טֶעמְ־
פֶּעל גֶעבּוֹיעֶט גֶעוָוארֶען, אוּן וֶועסְט דוּא אִיהְם אִין דְרַייא טֶעג אוֹיפְשְׁטֶעלֶען?
21 אָבֶּער עֶר הָאט גֶערֶעט וֶועגֶען דֶעם טֶעמְפֶּעל פוּן זַיין לֵייבּ. 22 דְרוּם וֶוען
עֶר אִיז פוּן דֶעם טוֹיט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אַזוֹי הָאבֶּען זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעדֶענְקְט
אַז עֶר הָאט דָאס גֶערֶעט, אוּן זַייא הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט אִין דֶער שְׁרִיפְט אוּן
אִין דֶעם וָוארְט וָואס יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט.

23 אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶועֶן אִין יְרוּשָׁלַיִם אַם פֶּסַח אוֹיף דֶעם יוֹם טוֹב הָאבֶּען
פִילֶע גֶעגְלוֹיבְּט אָן זַיין נָאמֶען, וֶוען זַייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען זַיינֶע וְואוּנְדֶער וָואס
עֶר הָאט גֶעטְהוּן. 24 אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט זִיךְ צוּ זַייא נִיט פֶערְטְרוֹיעֶט, וַוייל עֶר
הָאט אַלֶע גֶעקֶענְט; 25 אוּן עֶר הָאט נִיט בֶּעדַארְפְט אַז אֵיימִיצֶער זָאל צֵייגְנִיס
גֶעבֶּען אוֹיף מֶענְשֶׁען, וָוארִין עֶר הָאט גֶעוְואוּסְט וָואס אִיז אִים מֶענְשֶׁען.

ג 1 אוּן עֶס אִיז גֶעוֶועֶן אַ מַאן פוּן דִיא פְּרוּשִׁים, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען נִיקוֹדִימוּס,
אַ קָצִין פוּן דִיא יוּדֶען. 2 דִיזֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ יֵשׁוּעַ בֵּייא נַאכְט, אוּן הָאט
צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, רַבִּי, מִיר וִויסֶען אַז דוּא בִּיסְט גֶעקוּמֶען פוּן גָאט וִויא אַ
לֶעהְרֶער, וָוארִין קֵיינֶער קֶען נִיט טְהוּן דִיא וְואוּנְדֶער וָואס דוּא טְהוּסְט, סֵיידֶען
גָאט אִיז מִיט אִיהְם. 3 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ דִיר, סֵיידֶען אַ מַאן וֶוערְט פוּן אוֹיבֶּען גֶעבּוֹירֶען,
קֶען עֶר נִיט זֶעהֶען דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט. 4 נִיקוֹדִימוּס הָאט צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, וִויא אַזוֹי קֶען אַ מַאן גֶעבּוֹירֶען וֶוערֶען וֶוען עֶר אִיז אַלְט? קֶען עֶר
דָאס צְווייטֶע מָאל אַרַיינְקוּמֶען אִין זַיין מוּטֶערְס לֵייבּ, אוּן גֶעבּוֹירֶען וֶוערֶען?

17 תהלים סט׳ ט׳.

5 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ דִיר, סַיידֶען אַ מַאן וֶוערְט
גֶעבּוֹירֶען פוּן וַואסֶער אוּן פוּן דֶעם גֵייסְט, קֶען עֶר נִיט אַרַיינְקוּמֶען אִים קֶע־
נִיגְרַייךְ פוּן גָאט. 6 דָאס וָואס אִיז גֶעבּוֹירֶען פוּן דֶעם פְלֵייש אִיז פְלֵייש, אוּן
דָאס וָואס אִיז גֶעבּוֹירֶען פוּן דֶעם גֵייסְט אִיז גֵייסְט. 7 פֶערְוָואוּנְדֶער דִיךְ נִיט
אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט, אִיהְר מוּזְט פוּן אוֹיבֶען גֶעבּוֹירֶען וֶוערֶען. 8 דֶער
ווִינְד בְּלָאזְט וְואוּ עֶר ווִיל, אוּן דוּא הֶערְסְט זַיין קוֹל, אָבֶער דוּא ווֵייסְט נִיט
פוּן וַואנֶען עֶר קוּמְט, אוּן וְואוּ אַהִין עֶר גֶעהְט; אַזוֹי אִיז אִיטְלִיכֶער וָואס אִיז
גֶעבּוֹירֶען פוּן דֶעם גֵייסְט. 9 נִיקוֹדִימוֹס הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, ווִיא אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? 10 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, בִּיסְט דוּא דֶער לֶעהְרֶער פוּן יִשְׂרָאֵל, אוּן ווֵייסְט נִיט דִיזֶע זַאכֶען?
11 בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ דִיר, אַז מִיר רֶעדֶען וָואס מִיר ווִיסֶען, אוּן בֶּעצֵייגֶען
וָואס מִיר הָאבֶען גֶעזֶעהֶען, אוּן אִיהְר נֶעמְט נִיט אָן אוּנְזֶער צֵייגְנִיס. 12 וֶוען
אִיךְ הָאבּ צוּ אֵייךְ עֶרְדִישֶׁע זַאכֶען גֶעזָאגְט, אוּן אִיהְר גְלוֹיבְּט נִיט, ווִיא אַזוֹי
וֶועט אִיהְר גְלוֹיבֶּען, וֶוען אִיךְ זָאג צוּ אֵייךְ הִימְלִישֶׁע זַאכֶען? 13 אוּן קֵיינֶער אִיז
נִיט אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אִים הִימֶעל אַרַיין, נֵייעֶרְט דֶער וָואס אִיז אַרוּפְגֶעקוּמֶען
פוּן דֶעם הִימֶעל, דֶער בֶּן אָדָם וָואס אִיז אִים הִימֶעל. 14 אוּן ווִיא מֹשֶׁה הָאט
אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דִיא שְׁלַאנְג אִין דֶער מִדְבָּר, אַזוֹי מוּז דֶער בֶּן אָדָם אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען
וֶוערֶען; 15 אַז אִיטְלִיכֶער וָואס גְלוֹיבְּט אָן אִיהְם זָאל הָאבֶּען דָאס עֶבִּיגֶע לֶעבֶּען.
16 וָוארִין גָאט הָאט דִיא וֶועלְט אַזוֹי גֶעלִיבְּט, אַז עֶר הָאט גֶעגֶעבֶּען זַיין אֵיינְ־
גֶעבּוֹירֶענֶען זוּהְן, אַז אִיטְלִיכֶער וָואס גְלוֹיבְּט אָן אִיהְם זָאל נִיט פֶערְלוֹירֶען
וֶוערֶען, נֵייעֶרְט עֶר זָאל הָאבֶּען דָאס עֶבִּיגֶע לֶעבֶּען. 17 וָוארִין גָאט הָאט נִיט
גֶעשִׁיקְט זַיין זוּהְן אִין דֶער וֶועלְט אַרַיין אַז עֶר זָאל דִיא וֶועלְט פֶערְשׁוּלְדִיגֶען;
נֵייעֶרְט אַז דִיא וֶועלְט זָאל דוּרְךְ אִיהְם גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען. 18 דֶער וָואס גְלוֹיבְּט
אָן אִיהְם אִיז נִיט פֶערְשׁוּלְדִיגְט; דֶער וָואס גְלוֹיבְּט נִיט אִיז שׁוֹין פֶערְשׁוּלְדִיגְט,
ווֵייל עֶר הָאט נִיט גֶעגְלוֹיבְּט אָן דֶעם נָאמֶען פוּן דֶעם אֵיינְגֶעבּוֹירֶענֶען
זוּהְן פוּן גָאט. 19 אוּן דָאס אִיז דָאס מִשְׁפָּט, אַז דָאס לִיכְט אִיז אִין דֶער
וֶועלְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען, אוּן דִיא מֶענְשֶׁען הָאבֶּען גֶעלִיבְּט דִיא פִינְסְטֶערְנִיס מֶעהְר
ווִיא דָאס לִיכְט, וָוארִין זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען שְׁלֶעכְט גֶעוֶועזֶען. 20 וָוארִין אִיטְלִי־
כֶער וָואס טְהוּט בֵּייזֶעס הָאט פֵיינְד דָאס לִיכְט, אוּן קוּמְט נִיט צוּם לִיכְט, כְּדֵי
זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלֶען נִיט בֶּעשְׁטְרָאפְט וֶוערֶען; 21 אָבֶער דֶער וָואס טְהוּט דִיא
וָואהְרְהֵייט קוּמְט צוּם לִיכְט, אַז זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלֶען אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען, אַז
זֵייא זֶענֶען אִין גָאט גֶעטְהוּן.

22 נָאכְדֶעם זֶענֶען יֵשׁוּעַ אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם לַאנְד פוּן יְהוּדָה,
אוּן דָארְט הָאט עֶר זִיךְ מִיט זֵייא אוֹיפְגֶעהַאלְטֶען, אוּן הָאט גֶעטוֹבֵלְט. 23 אוּן
יוֹחָנָן הָאט אוֹיךְ גֶעטוֹבֵלְט אִין עֵינוֹן נָאהֶענְט צוּ שָׁלֵם, וָוארִין עֶס זֶענֶען דָארְט
פִילֶע וַואסֶער גֶעוֶועזֶען; אוּן מֶענְשֶׁען זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן זֶענֶען גֶעטוֹבֵלְט גֶעוָוארֶען.
24 וָוארִין יוֹחָנָן אִיז נָאךְ נִיט אִים גֶעפֶענְגְנִיס אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען גֶעוֶועזֶען. 25 עֶס אִיז
דֶען גֶעשֶׁעהֶען אַ קְרִיג צְווִישֶׁען דִיא תַּלְמִידִים פוּן יוֹחָנָן אוּן אַ יוּדֶען וֶועגֶען רֵיינִיגוּנְג.

26 און זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ יוֹחָנָן, און הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, רַבִּי, דֶער
וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעוֶועזֶען אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע זַייט יַרְדֵן, אוֹיף וֶועלְכֶעם דוּא
הָאסְט בֶּעצֵייגְט, זֶעה, עֶר טוֹבֵלְט, און אַלֶע קוּמֶען צוּ אִיהְם. 27 יוֹחָנָן הָאט גֶע־
עֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט, אַ מֶענְשׁ קֶען קֵיין זַאךְ נִיט דֶערְהַאלְטֶען, אוֹיסֶער עֶס
וֶוערְט אִיהְם פוּן דֶעם הִימֶעל גֶעגֶעבֶּען. 28 אִיהְר אַלֵיין זֶענְט מֵיינֶע עֵדוּת, אַז
אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין נִיט דֶער מָשִׁיחַ, נֵייעֶרְט אִיךְ בִּין פָאר אִיהְם גֶע־
שִׁיקְט. 29 וֶוער עֶס הָאט דִיא כַּלָּה, דֶער אִיז דֶער חָתָן; אָבֶּער דֶער פְרֵיינְד
פוּן דֶעם חָתָן, וָואס שְׁטֶעהְט און הֶערְט אִיהְם, דֶער פְרֵייעֶט זִיךְ זֶעהְר וֶועגֶען
דֶעם קוֹל פוּן דֶעם חָתָן. דְרוּם אִיז דִיזֶע מֵיינֶע פְרֵייד דֶערְפִילְט. 30 עֶר מוּז
גְרֶעסֶער וֶוערֶען, אָבֶּער אִיךְ מוּז קְלֵיינֶער וֶוערֶען.

31 דֶער וָואס קוּמְט אַרוּפ פוּן אוֹיבֶּען אִיז אִיבֶּער אַלֶעם; דֶער וָואס אִיז פוּן
דֶער עֶרְד גֶעהֶערְט צוּ דֶער עֶרְד, און רֶעט פוּן דֶער עֶרְד; דֶער וָואס קוּמְט פוּן
דֶעם הִימֶעל אִיז אִיבֶּער אַלֶעם. 32 וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען און גֶעהֶערְט דָאס
בֶּעצֵייגְט עֶר, און קֵיינֶער נֶעמְט נִיט אָן זַיין צֵייגְנִיס. 33 דֶער וָואס נֶעמְט אָן
זַיין צֵייגְנִיס הָאט זַיינֶע חֲתִימָה גֶעגֶעבֶּען אַז גָאט אִיז אֱמֶת. 34 וָוארִין וֶועמֶען
גָאט הָאט גֶעשִׁיקְט, דֶער רֶעט דִיא וֶוערְטֶער פוּן גָאט; וָוארִין נִיט מִיט מָאס
גִיבְּט גָאט דֶעם גֵייסְט. 35 דֶער פָאטֶער לִיבְּט דֶעם זוּהְן, און הָאט אַלֶעם אִין
זַיינֶע הַאנְד גֶעגֶעבֶּען. 36 דֶער וָואס גְלוֹיבְּט אָן דֶעם זוּהְן הָאט עֶבִּיגֶעס לֶעבֶּען;
אָבֶּער דֶער וָואס גְלוֹיבְּט נִיט אָן דֶעם זוּהְן וֶועט נִיט לֶעבֶּען זֶעהֶען, נֵייעֶרְט דֶער
צָארְן פוּן גָאט בְּלֵייבְּט אוֹיף אִיהְם.

ד 1 אַזוֹי דֶען וֶוען דֶער הַאר הָאט גֶעוְואוּסְט אַז דִיא פְּרוּשִׁים הָאבֶּען גֶעהֶערְט,
אַז יֵשׁוּעַ מַאכְט און טוֹבֵלְט מֶעהְר תַּלְמִידִים וִויא יוֹחָנָן; 2 חָאטְשֶׁע יֵשׁוּעַ אַלֵיין הָאט
נִיט גֶעטוֹבֵלְט, נֵייעֶרְט זַיינֶע תַּלְמִידִים; 3 אַזוֹי הָאט עֶר פֶערְלָאזְט יְהוּדָה, און
אִיז וִוידֶער גֶעגַאנְגֶען קֵיין גָלִיל. 4 און עֶר הָאט גֶעמוּזְט דוּרְכְגֶעהֶען דוּרְךְ
שׁוֹמְרוֹן. 5 דְרוּם אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אֵיינֶע שְׁטָאדְט פוּן שׁוֹמְרוֹן, וָואס הֵייסְט
סוּכַר, נָאהֶענְט צוּ דֶעם לַאנְד וָואס יַעֲקֹב הָאט גֶעגֶעבֶּען צוּ זַיין זוּהְן יוֹסֵף.
6 און דָארְט אִיז גֶעוֶועזֶען דֶער בְּרוּנֶען פוּן יַעֲקֹב. יֵשׁוּעַ דֶען אִיז מִיד גֶעוֶועזֶען פוּן
דֶעם וֶועג, און הָאט זִיךְ אַזוֹי אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט בֵּייא דֶעם בְּרוּנֶען; און עֶס אִיז
גֶעוֶועזֶען קֶעגֶען דֶער זֶעקְסְטֶער שָׁעָה. 7 און אַ פְרוֹיא אִיז פוּן שׁוֹמְרוֹן גֶעקוּמֶען
וַואסֶער צוּ שֶׁעפֶּען. יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, גִיבּ מִיר צוּ טְרִינְקֶען;
8 וָוארִין זַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶער שְׁטָאדְט, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען
קוֹיפֶען צוּם עֶסֶען. 9 דִיא פְרוֹיא פוּן שׁוֹמְרוֹן הָאט דֶען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וִויא
פֶערְלַאנְגְסְט דוּא וָואס דוּא בִּיסְט אַ יְהוּדִי צוּ טְרִינְקֶען פוּן מִיר, וָואס אִיךְ
בִּין אַ שׁוֹמְרוֹנִית? וָוארִין דִיא יוּדֶען הָאבֶּען נִיט קֵיינֶע גֶעמֵיינְשַׁאפְט מִיט
דִיא שׁוֹמְרוֹנִים. 10 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, וֶוען
דוּא זָאלְסְט וִויסֶען דִיא מַתָּנָה פוּן גָאט, און וֶוער עֶס אִיז וָואס זָאגְט צוּ דִיר,
גִיבּ מִיר צוּ טְרִינְקֶען, אַזוֹי וָואלְסְט דוּא אִיהְם גֶעבֶּעטֶען, און עֶר וָואלְט דִיר
גֶעגֶעבֶּען לֶעבֶּעדִיגֶעס וַואסֶער. 11 זִיא הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, דוּא הָאסְט

דאך ניט קיין איימער, און דער ברונען איז טיף; פון וואנען האסט דו דען
דאס לעבענדיגעס וואסער? 12 ביסט דו גרעסער ווי אונזער פאטער יעקב,
וואס האט אונז דעם ברונען געגעבען, און האט דערפון געטרונקען, און זיינע
קינדער און זיינע בהמות? 13 ישוע האט געענטפערט און האט צו איהר גע־
זאגט, איטליכער וואס טרינקט פון דיזעם וואסער וועט ווידער דורשטיג ווערען;
14 אבער ווער עס וועט טרינקען פון דעם וואסער וואס איך וועל איהם געבען,
דער וועט אויף עביג ניט דורשטיג זיין, נייערט דאס וואסער וואס איך וועל
איהם געבען וועט אין איהם ווערען א ברונען פון וואסער וואס קוועלט צום
עביגען לעבען. 15 די פרויא האט צו איהם געזאגט, האר, גיב מיר דיזעס
וואסער, כדי איך זאל ניט דורשטיג זיין, און זאל ניט אהער קומען צו שע־
פען. 16 ער האט צו איהר געזאגט, געה, רוף דיין מאן, און קום אהער.
17 די פרויא האט געענטפערט און געזאגט, איך האב ניט קיין מאן. ישוע
האט צו איהר געזאגט, דו האסט רעכט געזאגט, איך האב ניט קיין מאן;
18 ווארין דו האסט פינף מענער געהאט, און דער וואס דו האסט אצונד
איז ניט דיין מאן; דאס האסט דו וואהר געזאגט. 19 די פרויא האט צו איהם
געזאגט, האר, איך זעה אז דו ביסט א נביא. 20 אונזערע פעטער האבען
אויף דיזעם בארג אנגעבעטען; און איהר זאגט, אז אין ירושלים איז דער ארט
וואו מען מוז אנבעטען. 21 ישוע האט צו איהר געזאגט, פרויא, גלויב מיר אז
עס קומט א שעה, ווען איהר וועט ניט אנבעטען דעם פאטער אויף דיזעם בארג,
און אויך ניט אין ירושלים. 22 איהר בעטעט אן וואס איהר ווייסט ניט, מיר בע־
טען אן וואס מיר וויסען; ווארין די ישועה איז פון די יודען. 23 אבער עס קומט
א שעה, און איז אצונד, ווען די וואהרע אנבעטער וועלען אנבעטען דעם
פאטער אין גייסט און אין וואהרהייט; ווארין דער פאטער זוכט אזעלכע איהם
אנצובעטען. 24 גאט איז גייסט; און די וואס בעטען איהם אן מוזען אנבעטען
אין גייסט און אין וואהרהייט. 25 די פרויא האט צו איהם געזאגט, איך ווייס
אז דער משיח קומט, וואס הייסט קריסטוס; ווען ער וועט קומען וועט ער
אונז אלעס זאגען. 26 ישוע האט צו איהר געזאגט, איך בין דערזעלבער דער
רעד מיט דיר.

27 און דערנאך זענען זיינע תלמידים געקומען, און האבען זיך געוואונדערט
אז ער האט מיט א פרויא גערעט; אבער קיינער האט ניט געזאגט, וואס
זוכסט דו, אדער וואס רעדסט דו מיט איהר? 28 די פרויא דען האט
איהר וואסערקריג איבערגעלאזט, און איז אוועקגעגאנגען אין דער שטאדט,
און האט צו די מענשען געזאגט; 29 קומט זעהט א מאן וואס האט מיר
געזאגט אלעס וואס איך האב געטהון; איז ער ניט דער משיח? 30 זייא זענען
אויס דער שטאדט ארויסגעגאנגען, און זענען צו איהם געקומען. 31 אין דער
צווישען האבען איהם זיינע תלמידים געבעטען, און האבען געזאגט, רבי, עס.
32 אבער ער האט צו זייא געזאגט, איך האב שפייז צו עסען, פון דעם איהר
ווייסט ניט. 33 דרום האבען די תלמידים צווישען זיך געזאגט, האט איהם

אִימֶעצֶער עֶפֶּעס גֶעבְּרַאכְט צוּ עֶסֶען? 34 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, מֵיינֶע
שְׁפֵּייז אִיז אַז אִיךְ זָאל טְהוּן דֶעם ווִילֶען פוּן דֶעם דֶער הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט, אוּן
אַז אִיךְ זָאל זֵיין וֶוערְק פָאלְקָאמֶען מַאכֶען. 35 זָאגְט אִיהְר נִיט, אַז עֶס זֶענֶען נָאךְ
פִיעֶר חֳדָשִׁים, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט דִיא שְׁנִיטְצֵייט קוּמֶען? זֶעה, אִיךְ זָאג אֵייךְ,
הֵייבְּט אוֹיף אֵייעֶרֶע אוֹיגֶען, אוּן קוּקְט אָן דִיא פֶעלְדֶער, אַז זֵייא זֶענֶען שׁוֹין
ווַייס פַאר דִיא שְׁנִיטְצֵייט. 36 אוּן דֶער וָואס שְׁנֵיידֶעט בֶּעקוּמְט לוֹין, אוּן זַאמֶעלְט
פְּרוּכְט צוּם עֶבִּיגֶען לֶעבֶּען, אַז דֶער וָואס זֵייעֶט אוּן דֶער וָואס שְׁנֵיידֶעט זָאלֶען
זִיךְ צוּזַאמֶען פְרֵייעֶן. 37 וָוארִין אִין דֶעם אִיז דָאס וָוארְט וָואהְר, אַז אֵיינֶער אִיז
דֶער וָואס זֵייעֶט אוּן אֵיין אַנְדֶערֶער אִיז דֶער וָואס שְׁנֵיידֶעט. 38 אִיךְ הָאבּ אֵייךְ
גֶעשִׁיקְט צוּ שְׁנֵיידֶען אִין דֶעם וָואס אִיהְר הָאט נִיט גֶעאַרְבֵּייט; אַנְדֶערֶע הָאבֶּען
גֶעאַרְבֵּייט, אוּן אִיהְר זֶענְט אִין זֵייעֶרֶע אַרְבֵּייט אֵיינְגֶעטְרֶעטֶען.
39 אוּן פִילֶע פוּן דִיא שׁוֹמְרוֹנִים אוּיס דִיזֶער שְׁטָאדְט הָאבֶּען אָן אִיהְם גֶע־
גְלוֹיבְּט דוּרְךְ דֶעם וָוארְט פוּן דֶער פְרוֹיא, וָואס זִיא הָאט בֶּעצֵייגְט, אַז עֶר הָאט
מִיר אַלֶעס גֶעזָאגְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְהוּן. 40 דְרוּם וֶוען דִיא שׁוֹמְרוֹנִים זֶענֶען
צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, הָאבֶּען זֵייא אִיהְם גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל בֵּייא זֵייא בְּלֵייבֶּען;
אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבֶּען צְווֵייא טֶעג. 41 אוּן פִילֶע מֶעהְר הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט
דוּרְךְ זֵיין אֵייגֶען וָוארְט; 42 אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ דֶער פְרוֹיא גֶעזָאגְט, נִיט
מֶעהְר דוּרְךְ דֵיינֶע רֶעד גְלוֹיבֶּען מִיר; וָוארִין מִיר הָאבֶּען אִיהְם גֶעהֶערְט, אוּן
ווִיסֶען אַז עֶר אִיז בֶּאֱמֶת דֶער מָשִׁיחַ, דֶער רֶעטֶער פוּן דֶער וֶועלְט.
43 אוּן נָאךְ דִיא צְווֵייא טֶעג אִיז עֶר פוּן דָארְטֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען קֵיין גָלִיל.
44 וָוארִין יֵשׁוּעַ זֶעלְבְּסְט הָאט בֶּעצֵייגְט, אַז אַ נָבִיא הָאט נִיט קֵיין כָּבוֹד אִין
זֵיין אֵייגֶענֶעם לַאנְד. 45 וֶוען דֶען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קֵיין גָלִיל, הָאבֶּען אִיהְם דִיא
מֶענְשֶׁען פוּן גָלִיל אוֹיפְגֶענוּמֶען, ווַייל זֵייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אַלֶעס וָואס עֶר
הָאט גֶעטְהוּן אִין יְרוּשָׁלַיִם אוֹיף דֶעם יוֹם טוֹב; וָוארִין זֵייא אוֹיךְ זֶענֶען גֶעקוּ־
מֶען צוּם יוֹם טוֹב.
46 עֶר אִיז דֶען ווִידֶער גֶעקוּמֶען קֵיין קָנָה אִין גָלִיל, ווְאוּ עֶר הָאט דָאס וַואסֶער
ווַיין גֶעמַאכְט. אוּן עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אֵיין עֶדֶעלְמַאן, וֶועמֶעס זוּהְן אִיז קְרַאנְק גֶעוֶועזֶען
אִין כְּפַר־נַחוּם. 47 וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז יֵשׁוּעַ אִיז גֶעקוּמֶען פוּן יְהוּדָה קֵיין
גָלִיל, אִיז עֶר צוּ אִיהְם גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל אַרוּפְּ־
קוּמֶען אוּן זָאל זֵיין זוּהְן הֵיילֶען; וָוארִין עֶר אִיז נָאהֶענְט צוּם טוֹיט גֶעוֶועזֶען.
48 יֵשׁוּעַ הָאט דֶען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֶוען אִיהְר זֶעהְט נִיט קֵיינֶע וְוואוּנְדֶער
אוּן צֵייכֶען ווִילְט אִיהְר נִיט גְלוֹיבֶּען. 49 דֶער עֶדֶעלְמַאן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
הַאר, קוּם אַרוּפּ אֵיידֶער מֵיין קִינְד שְׁטַארְבְּט. 50 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
גֶעה אַהֵיים, דֵיין זוּהְן לֶעבְּט. אוּן דֶער מַאן הָאט גֶעגְלוֹיבְּט דָאס וָוארְט וָואס
יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אוּן אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען. 51 אוּן ווִיא עֶר אִיז
אַרוּפְּגֶעגַאנְגֶען, זֶענֶען אִיהְם זֵיינֶע קְנֶעכְט עֶנְטְגֶעגֶען גֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען גֶע־
זָאגְט אַז זֵיין קִינְד לֶעבְּט. 52 עֶר הָאט דֶען זֵייא גֶעפְרֶעגְט דִיא שָׁעָה וֶוען עֶר
הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען בֶּעסֶער צוּ וֶוערֶען. אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,

גֶעכְטֶען אִין דִיא זִיבֶּעטֶע שָׁעָה הָאט אִיהְם דָאס פִיבֶּער פֶערְלָאזְט. 53 אַזוֹי
הָאט דֶער פָאטֶער גֶעוְואוּסְט אַז עֶס אִיז אִין דִיא זֶעלְבִּיגֶע שָׁעָה גֶעוֶעזֶען, וֶוען יֵשׁוּעַ
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דֵיין זוּהְן לֶעבְּט; אוּן עֶר הָאט גֶעגְלוֹיבְּט, אוּן זֵיין
גַאנְצֶעס הוֹיזְגֶעזִינְד. 54 דָאס אִיז וִוידֶער דָאס צְוֵוייטֶע וְואוּנְדֶער וָואס יֵשׁוּעַ
הָאט גֶעטְהוּן, וֶוען עֶר אִיז פוּן יְהוּדָה קֵיין גָלִיל גֶעקוּמֶען.

ה

1 נָאכְדֶעם אִיז גֶעוֶועזֶען אַ יוֹם טוֹב פוּן דִיא יוּדֶען, אוּן יֵשׁוּעַ אִיז אַרוֹיפְגֶע־
גַאנְגֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם. 2 אוּן עֶס אִיז אִין יְרוּשָׁלַיִם בֵּייא דֶעם שָׁאפְטְהוֹיר אַ
טֵייךְ, וָואס אִיז גֶערוּפֶען אוֹיף הֶעבְּרֶעאִישׁ בֵּית־חַסְדָא, וָואס הָאט פִינְף הַאלְלֶען.
3 אִין דִיזֶע זֶענֶען גֶעלֶעגֶען אַ סַךְ קְרַאנְקֶע, בְּלִינְדֶע, הִינְקֶענְדִיגֶע, פֶערְדַארְטֶע,
וָואס הָאבֶּען גֶעוַוארְט אַז דָאס וַואסֶער זָאל זִיךְ בֶּעוֶועגֶען. 4 וָוארִין אַ מַלְאָךְ
אִיז צוּ צֵייטֶען אִין דֶעם טֵייךְ אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט דָאס וַואסֶער בֶּעוְואוּ־
גֶען; וֶוער עֶס אִיז דֶען צוּעֶרְשְׁט אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ דֶער בֶּעוֶועגוּנְג פוּן
דֶעם וַואסֶער, דֶער אִיז גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען פוּן וָואסְפַאר אַ קְרַאנְקְהֵייט עֶר הָאט
גֶעהַאט. 5 אוּן דָארְט אִיז אַ מַאן גֶעוֶועזֶען וָואס אִיז אַכְט אוּן דְרֵייסִיג יָאהְר קְרַאנְק
גֶעוֶועזֶען. 6 וִויא יֵשׁוּעַ הָאט אִיהְם גֶעזֶעהֶען לִיגֶען, אוּן הָאט גֶעוְואוּסְט אַז עֶר
אִיז שׁוֹין לַאנְג אַזוֹי גֶעלֶעגֶען, הָאט עֶר צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וִוילְסְט דוּא גֶעהֵיילְט
וֶוערֶען? 7 דֶער קְרַאנְקֶער הָאט אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט, הַאר, אִיךְ הָאבּ נִיט קֵיין
מֶענְשֶׁען, אַז עֶר זָאל מִיךְ אִין דֶעם טֵייךְ אַרֵיינְוַוארְפֶען וֶוען דָאס וַואסֶער זִיךְ
בֶּעוֶועגְט; אוּן דֶערְוֵוייל אִיךְ קוּם, גֶעהְט אֵיין אַנְדֶערֶער פָאר מִיר אַרֵיין. 8 יֵשׁוּעַ
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, שְׁטֶעה אוֹיף, נֶעם דֵיין בֶּעט אוּן גֶעה אַרוּם. 9 אוּן
גְלֵייךְ אִיז דֶער מַאן גֶעהֵיילְט גֶעוָוארֶען, אוּן הָאט גֶענוּמֶען זֵיין בֶּעט, אוּן אִיז
אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען.

אוּן עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען שַׁבָּת אִין יֶענֶעם טָאג. 10 אַזוֹי הָאבֶּען דִיא יוּדֶען גֶעזָאגְט
צוּ דֶעם וָואס אִיז גֶעהֵיילְט גֶעוָוארֶען, עֶס אִיז שַׁבָּת, אוּן עֶס אִיז נִיט דֶערְלוֹיבְּט
אַז דוּא זָאלְסְט טְרָאגֶען דֵיין בֶּעט. 11 אוּן עֶר הָאט זֵייא גֶעעֶנְטְפֶערְט, דֶער
וָואס הָאט מִיךְ גֶעהֵיילְט, דֶער הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, נֶעם דֵיין בֶּעט אוּן גֶעה
אַרוּם. 12 זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעפְרֶעגְט, וֶוער אִיז דֶער מַאן וָואס הָאט צוּ דִיר
גֶעזָאגְט, נֶעם דֵיין בֶּעט אוּן גֶעה אַרוּם? 13 אוּן דֶער וָואס אִיז גֶעהֵיילְט גֶעוָוא־
רֶען הָאט נִיט גֶעוְואוּסְט וֶוער עֶר אִיז; וָוארִין יֵשׁוּעַ אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, וֵוייל
עֶס זֶענֶען פִיל לֵייט גֶעוֶועזֶען אִין דֶעם אָרְט. 14 דֶערְנָאךְ הָאט אִיהְם יֵשׁוּעַ גֶעפִינֶען אִין
דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, זֶעה, דוּא בִּיסְט גֶעהֵיילְט גֶע־
וָוארֶען; זִינְדִיג נִיט מֶעהְר, כְּדֵי עֶס זָאל דִיר נִיט עֶרְגֶער וֶוערֶען. 15 אוּן דֶער
מַאן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט צוּ דִיא יוּדֶען גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז יֵשׁוּעַ,
וָואס הָאט אִיהְם גֶעזוּנְד גֶעמַאכְט. 16 אוּן דְרוּם הָאבֶּען דִיא יוּדֶען יֵשׁוּעַ פֶערְ־
פָאלְגְט, וֵוייל עֶר הָאט דָאס גֶעטְהוּן אַם שַׁבָּת. 17 אָבֶּער עֶר הָאט זֵייא גֶעעֶנְטְ־
פֶערְט, מֵיין פָאטֶער ווִירְקְט בִּיז אַצוּנְד, אוּן אִיךְ וֶוערְק. 18 דְרוּם הָאבֶּען דִיא
יוּדֶען נָאךְ מֶעהְר גֶעזוּכְט אִיהְם צוּ הַרְגֶענֶען, וֵוייל עֶר הָאט נִיט אַלֵיין
מְחַלֵל שַׁבָּת גֶעוֶועזֶען, נֵייעֶרְט הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט, אַז גָאט אִיז זֵיין אֵייגֶענֶער

פָּאטֶער, אוּן הָאט זִיךְ גְלַייךְ צוּ גָאט גֶעמַאכְט.
19 יֵשׁוּעַ הָאט דֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג
אִיךְ אֵייךְ, דֶער זוּהְן קֶען גָאר נִיט עֶפֶּעס טְהוּן פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט, חוּץ דָאס וָואס
עֶר זֶעהְט דֶעם פָאטֶער טְהוּן; וָוארִין דִיא זַאכֶען וָואס עֶר טְהוּט, דִיזֶע טְהוּט
אוֹיךְ אַזוֹי דֶער זוּהְן. 20 וָוארִין דֶער פָאטֶער לִיבְּט דֶעם זוּהְן, אוּן וֵוייזְט אִיהְם
אַלֶעס וָואס עֶר טְהוּט, אוּן עֶר וֶועט אִיהְם גְרֶעסֶערֶע וֶוערְק וִויא דִיזֶע וֵוייזֶען,
אַז אִיהְר זָאלְט אֵייךְ וְוּאוּנְדֶערְן. 21 וָוארִין אַזוֹי וִויא דֶער פָאטֶער וֶועקְט אוֹיף
דִיא טוֹיטֶע אוּן מַאכְט זֵייא לֶעבֶּען, אַזוֹי מַאכְט דֶער זוּהְן אוֹיךְ לֶעבֶּען וֶועמֶען
עֶר וִויל. 22 וָוארִין אֲפִילוּ דֶער פָאטֶער רִיכְטֶעט קֵיינֶעם נִיט, נֵייעֶרְט הָאט דָאס
גַאנְצֶע מִשְׁפָּט צוּם זוּהְן גֶעגֶעבֶּען; 23 כְּדֵי אַלֶע זָאלֶען עֶהְרֶען דֶעם זוּהְן,
אַזוֹי וִויא זֵייא עֶהְרֶען דֶעם פָאטֶער; וֶוער עֶס עֶהְרְט נִיט דֶעם זוּהְן, דֶער עֶהְרְט
נִיט דֶעם פָאטֶער וָואס הָאט אִיהְם גֶעשִׁיקְט. 24 בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ,
וֶוער עֶס הֶערְט מֵיין וָוארְט, אוּן גְלוֹיבְּט אָן אִיהְם וָואס הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט, דֶער
הָאט עֶבִּיגֶעס לֶעבֶּען; אוּן עֶר וֶועט נִיט קוּמֶען צוּם גֶערִיכְט, נֵייעֶרְט אִיז
אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען פוּן טוֹיט צוּם לֶעבֶּען. 25 בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז עֶס
קוּמְט אַ שָׁעָה, אוּן אִיז אַצוּנְד, וֶוען דִיא טוֹיטֶע וֶועלֶען הֶערֶען דָאס קוֹל פוּן
דֶעם זוּהְן פוּן גָאט, אוּן דִיא וָואס הֶערֶען וֶועלֶען לֶעבֶּען. 26 וָוארִין אַזוֹי וִויא
דֶער פָאטֶער הָאט לֶעבֶּען אִין זִיךְ זֶעלְבְּסְט, אַזוֹי הָאט עֶר אוֹיךְ צוּם זוּהְן גֶע־
גֶעבֶּען אַז עֶר זָאל הָאבֶּען לֶעבֶּען אִין זִיךְ זֶעלְבְּסְט. 27 אוּן עֶר הָאט אִיהְם
מַאכְט גֶעגֶעבֶּען אַז עֶר זָאל מִשְׁפָּט הַאלְטֶען, וַוייל עֶר אִיז דֶער בֶּן אָדָם.
28 פֶערְוְוּאוּנְדֶערְט אֵייךְ נִיט אִיבֶּער דָאס, וָוארִין עֶס קוּמְט אַ שָׁעָה, וֶוען אַלֶע
וָואס זֶענֶען אִין דִיא קְבָרִים וֶועלֶען הֶערֶען זֵיין קוֹל, 29 אוּן וֶועלֶען אַרוֹיס־
גֶעהֶען, דִיא וָואס הָאבֶּען גוּטֶעס גֶעטְהוּן צוּ דֶער אוֹיפְשְׁטֶעהוּנְג פוּן לֶעבֶּען, אוּן
דִיא וָואס הָאבֶּען שְׁלֶעכְטֶעס גֶעטְהוּן צוּ דֶער אוֹיפְשְׁטֶעהוּנְג פוּן מִשְׁפָּט.
30 אִיךְ קֶען פוּן מִיר זֶעלְבְּסְט גָאר נִיט טְהוּן; אַזוֹי וִויא אִיךְ הֶער רִיכְטֶע אִיךְ,
אוּן מֵיין מִשְׁפָּט אִיז גֶערֶעכְט, וָוארִין אִיךְ זוּךְ נִיט מֵיין ווִילֶען, נֵייעֶרְט דֶעם
ווִילֶען פוּן דֶעם דֶער הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט. 31 וֶוען אִיךְ בֶּעצֵייג אוֹיף מִיר זֶעלְבְּסְט,
מֵיין צֵייגְנִיס אִיז נִיט וָואהְר; 32 עֶס אִיז אֵיין אַנְדֶערֶער וָואס בֶּעצֵייגְט אוֹיף מִיר,
אוּן אִיךְ וֵוייס אַז דָאס צֵייגְנִיס וָואס עֶר בֶּעצֵייגְט אוֹיף מִיר אִיז וָואהְר. 33 אִיהְר
הָאט גֶעשִׁיקְט צוּ יוֹחָנָן, אוּן עֶר הָאט בֶּעצֵייגְט צוּ דֶער וָואהְרְהֵייט; 34 אָבֶּער
אִיךְ נֶעם נִיט קֵיין צֵייגְנִיס פוּן אַ מֶענְשֶׁען, דָאךְ אִיךְ זָאג דָאס, אַז אִיהְר
זָאלְט גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען. 35 עֶר אִיז גֶעוֶוען דִיא לַאמְפֶּע וָואס בְּרֶענְט אוּן שֵׁיינְט,
אוּן אִיהְר הָאט גֶעוָואלְט פַאר אַ צֵייט אֵייךְ פְרֵייעֶן אִין זֵיין לִיכְט. 36 אָבֶּער אִיךְ
הָאבּ אַ גְרֶעסֶערֶעס צֵייגְנִיס וִויא דָאס צֵייגְנִיס פוּן יוֹחָנָן; וָוארִין דִיא וֶוערְק
וָואס דֶער פָאטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען אַז אִיךְ זָאל זֵייא פָאלְקָאמֶען מַאכֶען,
דִיזֶע וֶוערְק וָואס אִיךְ טְהוּא בֶּעצֵייגֶען אוֹיף מִיר, אַז דֶער פָאטֶער הָאט מִיךְ
גֶעשִׁיקְט. 37 אוּן דֶער פָאטֶער דֶער הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט הָאט זֶעלְבְּסְט אוֹיף מִיר
בֶּעצֵייגְט. אִיהְר הָאט זֵיין קוֹל קֵיינְמָאל נִיט גֶעהֶערְט, אוּן נִיט זֵיינֶע גֶעשְׁטַאלְט

גֶעזֶעהֶען; 38 און אִיהְר הָאט נִיט זַיין וָוארְט אִין אֵייךְ וְואוינֶען, וָוארִין וֶועמֶען
עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט, דֶעם גְלוֹיבְּט אִיהְר נִיט. 39 אִיהְר פָארְשְׁט דִיא שְׁרִיפְטֶען,
וָוארִין אִיהְר מֵיינְט אַז אִין זֵייא הָאט אִיהְר עֶבִּיגֶעס לֶעבֶּען; און עֶס זֶענֶען דִיזֶע
וָואס בֶּעצֵייגֶען אויף מִיר. 40 און אִיהְר ווִילְט נִיט צוּ מִיר קוּמֶען, כְּדֵי אִיהְר
זָאלְט לֶעבֶּען הָאבֶּען. 41 אִיךְ נֶעם נִיט קֵיין כָּבוֹד פוּן מֶענְשֶׁען; 42 אָבֶּער אִיךְ
קֶען אֵייךְ אַז אִיהְר הָאט נִיט דִיא לִיבֶּע פוּן גָאט אִין אֵייךְ. 43 אִיךְ בִּין גֶעקוּ־
מֶען אִין מֵיין פָאטֶערְס נָאמֶען, און אִיהְר נֶעמְט מִיךְ נִיט אָן; וֶוען אֵיין אַנְדֶע־
רֶער וֶועט קוּמֶען אִין זַיין אֵייגֶענֶעם נָאמֶען, דֶעם וֶועט אִיהְר אָנְנֶעמֶען. 44 ווִיא
אַזוֹי קֶענְט אִיהְר גְלוֹיבֶּען, וָואס נֶעמְט כָּבוֹד אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערֶען, און
זוּכְט נִיט דֶעם כָּבוֹד וָואס אִיז פוּן גָאט אַלֵיין? 45 דֶענְקְט נִיט אַז אִיךְ וֶועל
אֵייךְ פֶערְקְלָאגֶען פָאר דֶעם פָאטֶער; עֶס אִיז אֵיינֶער וָואס פֶערְקְלָאגְט אֵייךְ,
משֶׁה, אויף דֶעם אִיהְר זֶעצְט אֵייעֶרֶע הָאפְנוּנְג. 46 וָוארִין וֶוען אִיהְר וָואלְט אָן
משֶׁה גֶעגְלוֹיבְּט, אַזוֹי וָואלְט אִיהְר אָן מִיר אוֹיךְ גֶעגְלוֹיבְּט; וָוארִין עֶר הָאט פוּן
מִיר גֶעשְׁרִיבֶּען. 47 אָבֶּער וֶוען אִיהְר גְלוֹיבְּט נִיט זַיינֶע שְׁרִיפְט, ווִיא אַזוֹי וֶועט
אִיהְר גְלוֹיבֶּען מֵיינֶע וֶוערְטֶער?

ו 1 נָאכְדֶעם אִיז יֵשׁוּעַ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אויף דִיא אַנְדֶערֶע זַייט פוּן דֶעם יַם פוּן
גָלִיל, וָואס אִיז דֶער יַם פוּן טְבֶרְיָה. 2 און פִיל לֵייט זֶענֶען אִיהְם נָאכְגֶעגַאנְגֶען,
וָוארִין זֵייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען זַיינֶע וְואוּנְדֶער וָואס עֶר הָאט צוּ דִיא קְרַאנְקֶע
גֶעטְהוּן. 3 און יֵשׁוּעַ אִיז אויף דֶעם בַּארְג אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, און אִיז דָארְט
גֶעזֶעסֶען מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים. 4 און עֶס אִיז נָאהֶענְט גֶעוֶועזֶען צוּם חַג הַפֶּסַח,
וָואס אִיז דֶער יוֹם טוֹב פוּן דִיא יוּדֶען. 5 וֶוען יֵשׁוּעַ דֶען הָאט דִיא אוֹיגֶען
אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען, און הָאט גֶעזֶעהֶען אַז פִיל לֵייט זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, אַזוֹי
הָאט עֶר צוּ פִילִיפּוֹס גֶעזָאגְט, פוּן וַואנֶען זָאלֶען מִיר בְּרוֹיט קוֹיפֶען, אַז דִיזֶע
זָאלֶען עֶסֶען? 6 און דָאס הָאט עֶר גֶעזָאגְט כְּדֵי אִיהְם צוּ פְּרִיפֶען; וָוארִין עֶר
הָאט גֶעוְואוּסְט וָואס עֶר וֶועט טְהוּן. 7 פִילִיפּוֹס הָאט אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט, צְווֵייא
הוּנְדֶערְט גְרָאשֶׁען* בְּרוֹיט אִיז נִיט גֶענוּג פַאר זֵייא, אַז אִיטְלִיכֶער פוּן זֵייא זָאל
נוּר אַ שְׁטִיקֶעל נֶעמֶען. 8 אַנְדְרֵי, אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, דֶער בְּרוּדֶער
פוּן שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוֹס, הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט; 9 דָא אִיז אַ יוּנְגֶעל, וָואס הָאט
פִינְף גֶערְשְׁטֶען בְּרוֹיט און צְווֵייא פִישְׁלֶעךְ, אָבֶּער וָואס אִיז דָאס פַאר אַזוֹי
פִילֶע? 10 און יֵשׁוּעַ הָאט גֶעזָאגְט, הֵייסְט דִיא מֶענְשֶׁען אַז זֵייא זָאלֶען זִיךְ אַנִי־
דֶערְזֶעצֶען. און דָא אִיז פִיל גְרָאז גֶעוֶועזֶען אויף דֶעם אָרְט. אַזוֹי הָאבֶּען זִיךְ
דִיא מֶענְשֶׁען אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט קֶעגֶען פִינְף טוֹיזֶענְד אִין דֶער צָאהְל. 11 יֵשׁוּעַ
דֶען הָאט גֶענוּמֶען דָאס בְּרוֹיט, און הָאט אַ בְּרָכָה גֶעמַאכְט, און הָאט עֶס
פֶערְטְהֵיילְט צוּ דִיא וָואס הָאבֶּען זִיךְ אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט, און אַזוֹי אוֹיךְ פוּן דִיא
פִישְׁלֶעךְ ווִיא פִיל זֵייא הָאבֶּען גֶעוָואלְט. 12 און וֶוען זֵייא זֶענֶען גֶעזֶעטִיגְט גֶע־
וָוארֶען, הָאט עֶר צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט, נֶעמְט צוּזַאמֶען דִיא אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע
בְּרֶעקְלֶעךְ, אַז עֶס זָאל גָאר נִיט פֶערְלוֹירֶען וֶוערֶען. 13 אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא

* גר׳ דינר

צוּזַאמֶענְגֶענוּמֶען, אוּן הָאבֶּען אָנְגֶעפִילְט צְוֶועלְף קֶערְבּ מִיט בְּרֶעקְלֶעךְ פוּן דִיא
פִינְף גֶערְשְׁטֶען בְּרוֹיט, וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּען פוּן דֶעם וָואס אִיז אִיבְּרִיג
צוּ דִיא וָואס הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען. 14 דְרוּם וֶוען דִיא מֶענְשֶׁען הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען
דָאס וְואוּנְדֶער וָואס יֵשׁוּעַ הָאט גֶעטְהוּן הָאבֶּען זֵייא גֶעזָאגְט, דִיזֶער אִיז גֶעווִיס
דֶער נָבִיא, וָואס זָאל קוּמֶען אִין דֶער וֶועלְט.
15 דְרוּם וֶוען יֵשׁוּעַ הָאט גֶעוְואוּסְט אַז זֵייא וֶועלֶען קוּמֶען אוּן וֶועלֶען אִיהְם
נֶעמֶען מִיט גֶעוַואלְט, אַז זֵייא זָאלֶען אִיהְם פַאר אַ מֶלֶךְ מַאכֶען, אַזוֹי אִיז עֶר
ווִידֶער אַלֵיין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם בַּארְג.
16 אוּן וֶוען עֶס אִיז אָבֶענְד גֶעוָוארֶען, זֶענֶען זֵיינֶע תַּלְמִידִים צוּם יַם אַרוּפְּגֶע־
גַאנְגֶען; 17 אוּן זֵייא זֶענֶען אִין אַ שִׁיף אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבֶּען זִיךְ אִיבֶּער
דֶעם יַם אַרִיבֶּערְגֶעשִׁיפְט קֵיין כְּפַּרְנַחוּם. אוּן עֶס אִיז שׁוֹין פִינְסְטֶער גֶעוֶועֶן,
אוּן יֵשׁוּעַ אִיז נָאךְ נִיט צוּ זֵייא גֶעקוּמֶען; 18 אוּן דֶער יַם הָאט זִיךְ דֶערְהוֹיבֶּען
וֶועגֶען אַ גְרוֹיסֶען ווִינְד וָואס הָאט גֶעבְּלָאזֶען. 19 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען גֶערוּ־
דֶערְט אֵיין עֶרֶךְ פוּן פִינְף אוּן צְוַואנְצִיג אַקֶער דְרֵייסִיג אָדֶער פֶעלְד ווֵייט, אַזוֹי
הָאבֶּען זֵייא גֶעזֶעהֶען יֵשׁוּעַ אַרוּמְגֶעהֶען אוֹיף דֶעם יַם, אוּן צוּ דֶעם שִׁיף קוּמֶען,
אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען. 20 אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין
עֶס, פָארְכְט אֵייךְ נִיט. 21 אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא אִיהְם גֶעוָואלְט אִין דֶעם שִׁיף
אַרֵיינְנֶעמֶען; אוּן גְלֵייךְ אִיז דָאס שִׁיף בֵּייא דֶעם לַאנְד גֶעוֶועֶן וְואוּ אַהִין זֵייא
זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען.
22 אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג דִיא לֵייט וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע
זֵייט יַם הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אַז עֶס אִיז נִיט דָארְט גֶעוֶועֶן קֵיין אַנְדֶערֶעס שִׁיף
אוֹיסֶער אֵיינְס, אוּן אַז יֵשׁוּעַ אִיז נִיט גֶעקוּמֶען מִיט זֵיינֶע תַּלְמִידִים אִין דֶעם
שִׁיף אַרֵיין, נֵייעֶרְט זֵיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אַלֵיין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. 23 עֶס זֶענֶען
אַנְדֶערֶע שִׁיפֶען גֶעקוּמֶען פוּן טְבֶרְיָה, נָאהֶענְט צוּ דֶעם אָרְט וְואוּ זֵייא הָאבֶּען
דָאס בְּרוֹיט גֶעגֶעסֶען, נָאכְדֶעם דֶער הַאר הָאט אַ בְּרָכָה גֶעמַאכְט. 24 דְרוּם
וֶוען דִיא לֵייט הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אַז יֵשׁוּעַ אִיז נִיט דָארְט, אוּן אוֹיךְ נִיט זֵיינֶע
תַּלְמִידִים, זֶענֶען זֵייא אוֹיךְ אִין דִיא שִׁיפֶען אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען קֵיין
כְּפַּרְנַחוּם גֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען יֵשׁוּעַ גֶעזוּכְט. 25 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען אִיהְם
גֶעפִינֶען אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע זֵייט יַם, הָאבֶּען זֵייא צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, רַבִּי, וֶוען
בִּיסְט דוּא אַהֶער גֶעקוּמֶען? 26 יֵשׁוּעַ הָאט זֵייא גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט,
בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אִיהְר זוּכְט מִיךְ נִיט ווֵייל אִיהְר הָאט צֵייכֶען
גֶעזֶעהֶען, נֵייעֶרְט ווֵייל אִיהְר הָאט גֶעגֶעסֶען פוּן דֶעם בְּרוֹיט אוּן זֶענְט זַאט
גֶעוָוארֶען. 27 אַרְבֵּייט נִיט פַאר דִיא שְׁפֵּייז וָואס וֶוערְט פֶערְלוֹירֶען, נֵייעֶרְט פַאר
דִיא שְׁפֵּייז וָואס בְּלֵייבְּט צוּם עֶבִּיגֶען לֶעבֶּען, וָואס דֶער בֶּן אָדָם וֶועט אֵייךְ
גֶעבֶּען; וָוארִין אִיהְם הָאט גָאט דֶער פָאטֶער פֶערְזִיגֶעלְט. 28 אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא
צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וָואס זָאלֶען מִיר טְהוּן, אַז מִיר זָאלֶען וֶוערְקֶען דִיא וֶוערְק
פוּן גָאט? 29 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, דָאס אִיז דָאס
וֶוערְק פוּן גָאט, אַז אִיהְר זָאלְט גְלוֹיבֶּען אָן אִיהְם וֶועלְכֶען עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט.

30 דְרוּם הָאבֶּען זֵייא צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וָואס פַאר אַ צֵייכֶען דֶען טְהוּסְט דוּא,
אַז מִיר זָאלֶען זֶעהֶען אוּן זָאלֶען דִיר גְלוֹיבֶּען? וָואס ווִירְקְסְט דוּא? 31 אוּנְזֶערֶע
אָבוֹת הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען מָן אִין דֶער מִדְבָּר. אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען,
עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶעגֶעבֶּען בְּרוֹיט פוּן הִימֶעל צוּ עֶסֶען. 32 אַזוֹי הָאט יֵשׁוּעַ צוּ
זֵייא גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, מֹשֶׁה הָאט אֵייךְ נִיט גֶעגֶעבֶּען דָאס
בְּרוֹיט פוּן הִימֶעל, אָבֶּער מֵיין פָאטֶער גִיבְּט אֵייךְ דָאס וָואהְרֶע בְּרוֹיט פוּן הִי־
מֶעל; 33 וָוארִין דָאס בְּרוֹיט פוּן גָאט אִיז דֶער וָואס קוּמְט אַרוּפּ פוּן הִימֶעל אוּן
גִיבְּט לֶעבֶּען צוּ דֶער וֶועלְט. 34 דְרוּם הָאבֶּען זֵייא צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, גִיבּ
אוּנְז בֶּעשְׁטֶענְדִיג דִיזֶעם בְּרוֹיט. 35 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין דָאס
בְּרוֹיט פוּן לֶעבֶּען, דֶער וָואס קוּמְט צוּ מִיר וֶועט נִיט הוּנְגְרִיג זֵיין, אוּן דֶער
וָואס גְלוֹיבְּט אָן מִיר וֶועט קֵיינְמָאל נִיט דוּרְשְׁטִיג זֵיין. 36 אָבֶּער אִיךְ הָאבּ צוּ
אֵייךְ גֶעזָאגְט, אַז אִיהְר הָאט מִיךְ גֶעזֶעהֶען, אוּן הָאט נִיט גֶעגְלוֹיבְּט. 37 אַלֶעס
וָואס דֶער פָאטֶער גִיבְּט מִיר וֶועט צוּ מִיר קוּמֶען, אוּן וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר
דֶעם וֶועל אִיךְ נִיט אַרוֹיסְוַוארְפֶען; 38 וָוארִין אִיךְ בִּין אַרוּפְּגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם
הִימֶעל, נִיט אַז אִיךְ זָאל מֵיין ווִילֶען טְהוּן, נֵייעֶרְט דֶעם ווִילֶען פוּן אִיהְם וָואס
הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט. 39 אוּן דָאס אִיז דֶער ווִילֶען פוּן דֶעם דֶער הָאט מִיךְ
גֶעשִׁיקְט, אַז אִיךְ זָאל נִיט פֶערְלִירֶען פוּן אַלֶעם וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען,
נֵייעֶרְט אַז אִיךְ זָאל עֶס אוֹיפְשְׁטֶעלֶען אִין דֶעם לֶעצְטֶען טָאג. 40 וָוארִין דָאס
אִיז דֶער ווִילֶען פוּן מֵיין פָאטֶער, אַז אִיטְלִיכֶער וָואס זֶעהְט דֶעם זוּהְן אוּן
גְלוֹיבְּט אָן אִיהְם זָאל הָאבֶּען עֶבִּיגֶעם לֶעבֶּען, אוּן אִיךְ וֶועל אִיהְם אוֹיפְשְׁטֶע־
לֶען אִין דֶעם לֶעצְטֶען טָאג.

41 דְרוּם הָאבֶּען דִיא יוּדֶען וֶועגֶען אִיהְם גֶעמוּרְמֶעלְט, ווַייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט,
אִיךְ בִּין דָאס בְּרוֹיט וָואס אִיז אַרוּפְּגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם הִימֶעל; 42 אוּן זֵייא הָאבֶּען
גֶעזָאגְט, אִיז עֶר נִיט יֵשׁוּעַ, דֶער זוּהְן פוּן יוֹסֵף, וֶועמֶעס פָאטֶער אוּן מוּטֶער
מִיר קֶענֶען? ווִיא אַזוֹי זָאגְט עֶר דֶען, אִיךְ בִּין אַרוּפְּגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם הִימֶעל?
43 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, מוּרְמֶעלְט נִיט צְווִישֶׁען
אֵיינַאנְדֶער. 44 קֵיינֶער קֶען נִיט צוּ מִיר קוּמֶען, אוֹיסֶער דֶער פָאטֶער דֶער הָאט
מִיךְ גֶעשִׁיקְט צִיהְט אִיהְם, אוּן אִיךְ וֶועל אִיהְם אוֹיפְשְׁטֶעלֶען אִין דֶעם לֶעצְטֶען
טָאג. 45 עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דִיא נְבִיאִים, אוּן זֵייא וֶועלֶען אַלֶע גֶע־
לֶעהְרְט זֵיין פוּן גָאט; אִיטְלִיכֶער וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶעם פָאטֶער אוּן הָאט
גֶעלֶערְנְט קוּמְט צוּ מִיר. 46 נִיט אַז אֵיימִיצֶער הָאט גֶעזֶעהֶען דֶעם פָאטֶער,
נֵייעֶרְט דֶער וָואס אִיז פוּן גָאט, דֶער הָאט גֶעזֶעהֶען דֶעם פָאטֶער. 47 בֶּאֱמֶת
בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, וֶוער עֶס גְלוֹיבְּט אָן מִיר הָאט עֶבִּיגֶעם לֶעבֶּען. 48 אִיךְ
בִּין דָאס בְּרוֹיט פוּן לֶעבֶּען. 49 אֵייעֶרֶע אָבוֹת הָאבֶּען דָאס מָן אִין דֶער מִדְבָּר
גֶעגֶעסֶען, אוּן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען. 50 דָאס אִיז דָאס בְּרוֹיט וָואס קוּמְט אַרוּפּ
פוּן דֶעם הִימֶעל, אַז אַ מֶענְשׁ זָאל דֶערְפוּן עֶסֶען אוּן נִיט שְׁטַארְבֶּען. 51 אִיךְ
בִּין דָאס לֶעבֶּעדִיגֶע בְּרוֹיט, וָואס אִיז פוּן דֶעם הִימֶעל אַרוּפְּגֶעקוּמֶען; וֶוער עֶס וֶועט

שמות טז׳ יב׳: תהלים עח׳ כד׳. 31 ישעיה נד׳ יג׳: ירמיה לא׳ לג׳, לד׳ 45

עֶסֶען פוּן דִיזֶעם בְּרוֹיט, דֶער וֶועט אוֹיף עֶבִּיג לֶעבֶּען; אוּן דָאס בְּרוֹיט וָואס
אִיךְ וֶועל גֶעבֶּען אִיז מֵיין פְלֵייש פַאר דֶעם לֶעבֶּען פוּן דֶער וֶועלְט.

52 אַזוֹי הָאבֶּען דִיא יוּדֶען צְווִישֶׁען זִיךְ גֶעקְרִיגְט אוּן גֶעזָאגְט, וִויא אַזוֹי קֶען
דִיזֶער גֶעבֶּען אוּנְז זַיין פְלֵייש צוּ עֶסֶען? 53 דְרוּם הָאט יֵשׁוּעַ צוּ זַייא גֶעזָאגְט,
בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, וֶוען אִיהְר וֶועט נִיט עֶסֶען דָאס פְלֵייש פוּן דֶעם
בֶּן אָדָם אוּן וֶועט נִיט טְרִינְקֶען זַיין בְּלוּט, הָאט אִיהְר קֵיין לֶעבֶּען נִיט אִין אֵייךְ.
54 וֶוער עֶס עֶסְט מֵיין פְלֵייש אוּן טְרִינְקְט מֵיין בְּלוּט, הָאט עֶבִּיגֶעס לֶעבֶּען, אוּן
אִיךְ וֶועל אִיהְם אוֹיפְשְׁטֶעלֶען אִין דֶעם לֶעצְטֶען טָאג. 55 וָוארִין מֵיין פְלֵייש אִיז
וָואהְרְהַאפְטִיגֶע שְׁפֵּייז, אוּן מֵיין בְּלוּט אִיז וָואהְרְהַאפְטִיגֶעס גֶעטְרֶענְק. 56 וֶוער
עֶס עֶסְט מֵיין פְלֵייש אוּן טְרִינְקְט מֵיין בְּלוּט, דֶער וְואוֹינְט אִין מִיר, אוּן אִיךְ
אִין אִיהְם. 57 אַזוֹי וִויא דֶער לֶעבֶּעדִיגֶע פָאטֶער הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט, אוּן אִיךְ
לֶעבּ דוּרְךְ דֶעם פָאטֶער, אַזוֹי וֶוער עֶס עֶסְט מִיךְ, דֶער אוֹיךְ וֶועט לֶעבֶּען דוּרְךְ
מִיר. 58 דָאס אִיז דָאס בְּרוֹיט וָואס אִיז פוּן דֶעם הִימֶעל אַרוּפְגֶעקוּמֶען, נִיט אַזוֹי
וִויא אֵייעֶרֶע אָבוֹת הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען אוּן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען; וֶוער עֶס עֶסְט דִיזֶעם
בְּרוֹיט וֶועט עֶבִּיג לֶעבֶּען. 59 דִיזֶע זַאכֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט אִין דֶער שׁוּל, וֶוען
עֶר הָאט אִין כְּפַר־נַחוּם גֶעלֶעהְרְט.

60 פִילֶע דֶען פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, וֶוען זַייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט, הָאבֶּען
גֶעזָאגְט, דָאס אִיז אַ הַארְטֶעס וָוארְט; וֶוער קֶען עֶס הֶערֶען? 61 אָבֶּער יֵשׁוּעַ
הָאט אִין זִיךְ גֶעוְואוּסְט אַז זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען אִיבֶּער דָאס גֶעמוּרְמֶעלְט, אוּן
הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, אִיז דָאס אַ שְׁטְרוֹיכְלוּנְג צוּ אֵייךְ? 62 וִויא אַזוֹי וֶוען
אִיהְר וֶועט זֶעהֶען דֶעם בֶּן אָדָם אַרוֹיפְגֶעהֶען וְואוּ עֶר אִיז פְרִיהֶער גֶעוֶועזֶען?
63 עֶס אִיז דֶער גֵייסְט וָואס מַאכְט לֶעבֶּעדִיג, דָאס פְלֵייש נוּצְט גָאר נִיט; דִיא
וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ אֵייךְ דִיא זֶענֶען גֵייסְט, אוּן דִיא זֶענֶען
לֶעבֶּען. 64 אָבֶּער דָא זֶענֶען עֶטְלִיכֶע פוּן אֵייךְ וָואס גְלוֹיבֶּען נִיט. וָוארִין יֵשׁוּעַ
הָאט גֶעוְואוּסְט פוּן אָנְהֵייבּ אָן וֶועלְכֶע דִיא זֶענֶען וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעגְלוֹיבְּט,
אוּן וֶועלְכֶער עֶס אִיז וָואס וֶועט אִיהְם אִיבֶּערְגֶעבֶּען. 65 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט,
דְרוּם הָאבּ אִיךְ צוּ אֵייךְ גֶעזָאגְט, אַז קֵיינֶער קֶען נִיט קוּמֶען צוּ מִיר, סֵיידֶען
אַז עֶס אִיז אִיהְם גֶעגֶעבֶּען פוּן דֶעם פָאטֶער.

66 נָאכְדֶעם זֶענֶען פִילֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען נִיט
מֶעהְר מִיט אִיהְם אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען. 67 דְרוּם הָאט יֵשׁוּעַ גֶעזָאגְט צוּ דִיא צְוֶועלְף,
ווִילְט אִיהְר אוֹיךְ אַוֶועקְגֶעהֶען? 68 שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס הָאט אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט,
הַאר, צוּ וֶועמֶען זָאלֶען מִיר גֶעהֶען? דוּא הָאסְט דִיא וֶוערְטֶער פוּן עֶבִּיגֶעם
לֶעבֶּען; 69 אוּן מִיר הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט אוּן דֶערְקַאנְט אַז דוּא בִּיסְט דֶער הֵיילִי־
גֶער פוּן גָאט. 70 יֵשׁוּעַ הָאט זַייא גֶעעֶנְטְפֶערְט, הָאבּ אִיךְ נִיט אֵייךְ צְוֶועלְף
אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט? אוּן אֵיינֶער פוּן אֵייךְ אִיז אַ טֵייפֶעל. 71 אוּן עֶר הָאט עֶס
גֶעזָאגְט אוֹיף יְהוּדָה דֶעם זוּהְן פוּן שִׁמְעוֹן אִישְׁקְרְיוֹת, וָוארִין עֶר וֶועט אִיהְם
אִיבֶּערְגֶעבֶּען, וָואס אִיז אֵיינֶער פוּן דִיא צְוֶועלְף גֶעוֶועזֶען.

ז 1 און נָאכְדֶעם אִיז יֵשׁוּעַ אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין גָלִיל; וָוארִין עֶר הָאט נִיט גֶע־
וָואלְט אַרוּמְגֶעהֶען אִין יְהוּדָה, ווייל דִיא יוּדֶען הָאבֶּען אִיהְם גֶעזוּכְט צוּ הַרְגֶענֶען.
2 און דֶער יוֹם טוֹב פוּן דִיא יוּדֶען דֶער חַג הַסוּכּוֹת אִיז נָאהֶענְט גֶעוֶוען. 3 אַזוֹי
הָאבֶּען זַיינֶע בְּרִידֶער צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גֶעה אַוֶועק פוּן דַאנֶען, און גֶעה קַיין
יְהוּדָה, אַז דַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלֶען אוֹיךְ זֶעהֶען דִיא וֶוערְק וָואס דוּא טְהוּסְט;
4 וָוארִין קֵיינֶער טְהוּט נִיט עֶפֶּעס אִים פֶערְבָּארְגֶענֶען, און זוּכְט זֶעלְבְּסְט עֶפֶּענְטְ־
לִיךְ בֶּעקַאנְט צוּ זַיין. וֶוען דוּא דִיזֶע זַאכֶען טְהוּסְט וַוייז דִיךְ צוּ דֶער וֶועלְט.
5 וָוארִין אַפִילוּ זַיינֶע בְּרִידֶער הָאבֶּען נִיט אָן אִיהְם גֶעגְלוֹיבְּט. 6 דְרוּם הָאט יֵשׁוּעַ צוּ
זַייא גֶעזָאגְט, מֵיינֶע צֵייט אִיז נָאךְ נִיט גֶעקוּמֶען, אָבֶּער אֵייעֶרֶע צֵייט אִיז בֶּע־
שְׁטֶענְדִיג פַארְטִיג. 7 דִיא וֶועלְט קֶען אֵייךְ נִיט הַאסֶען, אָבֶּער מִיךְ הָאט זִיא
גֶעהַאסְט, ווייל אִיךְ בֶּעצֵייג קֶעגֶען אִיהְר, אַז אִיהְרֶע וֶוערְק זֶענֶען שְׁלֶעכְט.
8 גֶעהְט אִיהְר אַרוֹיף צוּ דִיזֶעם יוֹם טוֹב; אִיךְ גֶעה נָאךְ נִיט אַרוֹיף צוּ דִיזֶעם
יוֹם טוֹב, וָוארִין מֵיינֶע צֵייט אִיז נָאךְ נִיט דֶערְפִילְט. 9 און וֶוען עֶר הָאט דָאס
צוּ זַייא גֶעזָאגְט אִיז עֶר אִין גָלִיל גֶעבְּלִיבֶּען.

10 אָבֶּער וֶוען זַיינֶע בְּרִידֶער זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּם יוֹם טוֹב, דַאן אִיז עֶר
אוֹיךְ אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, נִיט עֶפֶּענְטְלִיךְ, נֵייעֶרְט וִויא אִים פֶערְבָּארְגֶענֶעם. 11 דִיא
יוּדֶען דֶען הָאבֶּען אִיהְם גֶעזוּכְט אִים יוֹם טוֹב און הָאבֶּען גֶעזָאגְט, וָואו אִיז
עֶר? 12 און דָא אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיס גֶעמוּרְמֶעל צְווִישֶׁען דֶעם פָאלְק וֶועגֶען אִיהְם;
עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען גֶעזָאגְט, עֶר אִיז אַ גוּטֶער מַאן; אָבֶּער אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גֶע־
זָאגְט, נֵיין, נֵייעֶרְט עֶר פֶערְפִיהְרְט דָאס פָאלְק. 13 אָבֶּער קֵיינֶער הָאט פוּן אִיהְם
נִיט עֶפֶּענְטְלִיךְ גֶערֶעט פַאר פָארְכְט פַאר דִיא יוּדֶען.

14 און שׁוֹין אִין מִיטֶען יוֹם טוֹב אִיז יֵשׁוּעַ אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען,
און הָאט גֶעלֶעהְרְנְט. 15 דְרוּם הָאבֶּען דִיא יוּדֶען זִיךְ פֶערְוָואוּנְדֶערְט און
גֶעזָאגְט, וִויא אַזוֹי קֶען דִיזֶער מַאן דִיא שְׁרִיפְטֶען, וֶוען עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִיט
גֶעלֶערְנְט? 16 יֵשׁוּעַ הָאט דֶען זַייא גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט, מֵיינֶע לֶעהְרֶע אִיז
נִיט מֵיינֶע, נֵייעֶרְט פוּן אִיהְם וָואס הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט; 17 וֶוען אֵיינֶער וִויל זַיין
וִוילֶען טְהוּן, אַזוֹי וֶועט עֶר וִויסֶען פוּן דֶער לֶעהְרֶע, אוֹיבּ עֶס אִיז פוּן גָאט,
אָדֶער אוֹיבּ אִיךְ רֶעד פוּן מִיר אַלֵיין. 18 דֶער וָואס רֶעט פוּן זִיךְ אַלֵיין זוּכְט
זַיין אֵייגֶענֶעם כָּבוֹד, אָבֶּער דֶער וָואס זוּכְט דֶעם כָּבוֹד פוּן דֶעם וָואס הָאט
אִיהְם גֶעשִׁיקְט, דֶער אִיז וָואהְר, און עֶס אִיז קֵיין אוּנְרֶעכְט נִיט אִין אִיהְם.
19 הָאט אֵייךְ מֹשֶׁה נִיט גֶעגֶעבֶּען דִיא תּוֹרָה, און קֵיינֶער פוּן אֵייךְ הַאלְט דִיא
תּוֹרָה? וָוארוּם זוּכְט אִיהְר מִיךְ צוּ טֵייטֶען? 20 דִיא לֵייט הָאבֶּען גֶעעֶנְטְפֶערְט,
דוּא הָאסְט אַ שֵׁד, וֶוער זוּכְט דִיךְ צוּ טֵייטֶען? 21 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און
הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, אֵיינֶעם וֶוערְק הָאבּ אִיךְ גֶעטְהוּן, און אִיהְר וָואוּנְדֶערְט
אֵייךְ אַלֶע. 22 דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט אֵייךְ מֹשֶׁה דִיא מִילָה גֶעגֶעבֶּען, נִיט ווייל עֶס
אִיז פוּן מֹשֶׁה נֵייעֶרְט פוּן דִיא אָבוֹת, און אִיהְר אַם שַׁבָּת טְהוּט אַ מֶענְשֶׁען מַל
זַיין. 23 וֶוען אַ מֶענְשׁ אַם שַׁבָּת עֶמְפְּפַאנְגְט מִילָה, כְּדֵי דָאס גֶעזֶעץ פוּן מֹשֶׁה
זָאל נִיט פֶערְשְׁטֶערְט וֶוערֶען, עֶרְגֶערְט אִיהְר אֵייךְ אִיבֶּער מִיר, ווייל אִיךְ

האָב אַ מענשען גאַנץ געזונד געמאַכט אַם שַׁבָּת? 24 ריכטעט ניט נאָך דעם
אָנזעהען, נייערט ריכטעט גערעכטעס מִשְׁפָּט.
25 דרום עטליכע פון דיא פון יְרוּשָׁלַיִם האָבען געזאָגט, איז דאָס ניט דער
וועלכען זייא זוכען צו טייטען? 26 זעה, ער רעדט עפענטליך, און זייא זאָגען
איהם גאָר ניט; ווייסען דען ניט דיא עלצטע געוויס אַז ער איז דער מָשִׁיחַ?
27 אָבער מיר קענען דאָך דיזען, פון וואַנען ער איז; אָבער ווען דער מָשִׁיחַ
קומט ווייסט ניט קיינער פון וואַנען ער איז. 28 יֵשׁוּעַ האָט דען געשריגען ווען
ער האָט געלעהרט אים בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און געזאָגט, איהר קענט מיך, און איהר
ווייסט פון וואַנען איך בין; און איך בין ניט געקומען פון מיר זעלבסט, אָבער
דער וועלכער האָט מיך געשיקט איז וואָהר, דעם איהר קענט ניט. 29 איך קען
איהם, וואָרין איך בין פון איהם, און ער האָט מיך געשיקט.
30 דרום האָבען זייא איהם געזוכט צו נעמען, און קיינער האָט אויף איהם דיא
האַנד געלעגט, וואָרין זיינע שָׁעָה איז נאָך ניט געקומען. 31 אָבער פילע פון
דיא לייט האָבען אָן איהם געגלויבט און געזאָגט, ווען דער מָשִׁיחַ קומט, וועט
ער דען מעהר צייכען טהון וויא דיא וואָס דיזער האָט געטהון? 32 דיא
פְּרוּשִׁים האָבען געהערט אַז דיא לייט האָבען דאָס וועגען איהם געמורמעלט,
און דיא ערשטע כֹּהֲנִים און דיא פְּרוּשִׁים האָבען מְשָׁרְתִים געשיקט, אַז זייא
זאָלען איהם נעמען. 33 אַזוי האָט יֵשׁוּעַ צו זייא געזאָגט, נאָך אַ קליינע צייט
בין איך מיט אייך, און איך געה צו דעם וואָס האָט מיך געשיקט. 34 איהר
וועט מיך זוכען, און וועט מיך ניט געפינען; און וואו איך בין, דאָרט אַהין
קענט איהר ניט קומען. 35 אַזוי האָבען דיא יודען איינער צום אַנדערען גע־
זאָגט, וואו אַהין וועט ער געהען, אַז מיר וועלען איהם ניט געפינען? וועט
ער געהען צו דיא צושפּרייטע צווישען דיא גוֹיִם, און וועט דיא גוֹיִם לעה־
רען? 36 וואָס איז דאָס וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט, איהר וועט מיך זוכען
און וועט מיך ניט געפינען; און וואו איך בין, דאָרט אַהין קענט איהר ניט
קומען?
37 און אָן דעם לעצטען טאָג, וואָס איז דער גרויסע טאָג פון דעם יום טוב,
איז יֵשׁוּעַ געשטאַנען און האָט געשריגען און געזאָגט, ווער עס איז דורשטיג,
לאָז ער צו מיר קומען און טרינקען. 38 דער וואָס גלויבט אָן מיר, וויא דיא
שריפט זאָגט, פון זיין לייב וועלען אַרויספליסען טייכען פון לעבענדיגעם וואַסער.
39 און דאָס האָט ער געזאָגט וועגען דעם גייסט וואָס דיא וואָס גלויבען
אָן איהם וועלען דערהאַלטען; וואָרין דער גייסט איז נאָך ניט געוועזען, ווייל
יֵשׁוּעַ איז נאָך ניט פערהערליכט געוואָרען. 40 דרום איינינגע פון דיא לייט,
ווען זייא האָבען דיזע ווערטער געהערט, האָבען געזאָגט, דיזער איז געוויס
דער נָבִיא. 41 אַנדערע האָבען געזאָגט, דיזער איז דער מָשִׁיחַ. און אַנדערע
האָבען געזאָגט, קומט דען דער מָשִׁיחַ אַרויס פון גָּלִיל? 42 האָט ניט דיא
שריפט געזאָגט, אַז דער מָשִׁיחַ קומט אַרויס פון זֶרַע דָּוִד, און פון בֵּית לֶחֶם,
דעם דאָרף וואו דָּוִד איז געוועזען? 43 דרום איז עס געוועזען אַ קריגעריי איבער

אִיהְם צְווִישֶׁען דִיא לֵייט; 44 אוּן עֶטְלִיכֶע פוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעוָואלְט
אַנְפַּאסֶען, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט דִיא הֶענְד אוֹיף אִיהְם גֶעלֶעגְט.
45 דְרוּם זֶענֶען דִיא מְשָׁרְתִים גֶעקוּמֶען צוּ דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן פְּרוּשִׁים.
אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וָוארוּם הָאט אִיהְר אִיהְם נִיט גֶעבְּרַאכְט?
46 דִיא מְשָׁרְתִים הָאבֶּען גֶעעֶנְטְפֶערְט, קֵיינְמָאל הָאט אַ מֶענְשׁ אַזוֹי גֶערֶעט
וִויא דִיזֶער מַאן. 47 אַזוֹי הָאבֶּען דִיא פְּרוּשִׁים זֵייא גֶעעֶנְטְפֶערְט, זֶענְט אִיהְר
אוֹיךְ פֶערְפִיהְרְט? 48 הָאט אֵיינֶער פוּן דִיא רֶעגִירֶער אָדֶער פוּן דִיא פְּרוּשִׁים
אָן אִיהְם גֶעגְלוֹיבְּט? 49 אָבֶּער דִיזֶע לֵייט וָואס קֶענֶען נִיט דִיא תּוֹרָה זֶענֶען פֶערְ־
שָׁאלְטֶען. 50 נִיקוֹדִימוּס הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, דֶער וָואס אִיז גֶעוֶועזֶען אֵיינֶער פוּן זֵייא
אוּן אִיז צוּ אִיהְם פְרִיהֶער גֶעקוּמֶען; 51 רִיכְטֶעט אוּנְזֶערֶע תּוֹרָה אַ מֶענְשֶׁען,
אֵיידֶער מֶען הָאט אִיהְם פֶערְהֶערְט אוּן מֶען ווייסְט וָואס עֶר הָאט גֶעטְהוּן?
52 זֵייא הָאבֶּען גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, בִּיסְט דוּא דֶען אוֹיךְ
פוּן גָלִיל? פָארְשׁ אוּן זֶעה, אַז פוּן גָלִיל שְׁטֶעהְט נִיט אוֹיף קֵיין נָבִיא. 53 אוּן
יֶעדֶער אִיז צוּ זֵיין הוֹיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

ח 1 אוּן יֵשׁוּעַ אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען צוּם הַר הַזֵיתִים. 2 אוּן אִין דֶער פְרִיה אִיז
עֶר ווִידֶער גֶעקוּמֶען אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ אַרֵיין, אוּן דָאס גַאנְצֶע פָאלְק אִיז צוּ
אִיהְם גֶעקוּמֶען; אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט אוּן הָאט זֵייא גֶעלֶעהְרְט.
3 אוּן דִיא סוֹפְרִים אוּן דִיא פְּרוּשִׁים הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעבְּרַאכְט אַ פְרוֹיא וָואס
מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אִין זְנוּת; אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיא אִין מִיטֶען גֶעשְׁטֶעלְט. 4 אוּן
זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, לֶעהְרֶער, דִיזֶע פְרוֹיא אִיז גֶעכַאפְּט גֶעוָוארֶען
בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה. 5 אוּן משֶׁה אִין דֶער תּוֹרָה הָאט אוּנְז גֶעבָּאטֶען אַז מֶען
זָאל אַזֶעלְכֶע פֶערְשְׁטֵיינִיגֶען; דְרוּם וָואס זָאגְסְט דוּא? 6 אוּן דָאס הָאבֶּען זֵייא
גֶעזָאגְט אוּן הָאבֶּען אִיהְם גֶעפְּרִיפְט, אַז זֵייא זָאלֶען עֶפֶּעס הָאבֶּען אִיהְם צוּ פֶערְקְלָא־
גֶען. אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט זִיךְ אַרוּפְגֶעבּוֹיגֶען, אוּן הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען מִיט דֶעם פִינְ־
גֶער אוֹיף דֶער עֶרְד. 7 אָבֶּער וֶוען זֵייא הָאבֶּען אִיהְם ווייטֶער גֶעפְרֶעגְט, הָאט
עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, דֶער וָואס אִיז אָהְן זִינְד
צְווִישֶׁען אֵייךְ, דֶער זָאל צוּעֶרְשְׁט דֶעם שְׁטֵיין אוֹיף אִיהְר וַוארְפֶען. 8 אוּן
עֶר הָאט זִיךְ ווִידֶער אַרוּפְגֶעבּוֹיגֶען, אוּן הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף דֶער עֶרְד. 9 אוּן
ווִיא זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט, אוּן זֶענֶען אִין זֵייעֶר הַאַרְץ גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוא־
רֶען, זֶענֶען זֵייא אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, פוּן דֶעם עֶלְצְטֶען
בִּיז צוּם יוּנְגְסְטֶען; אוּן יֵשׁוּעַ אִיז אַלֵיין גֶעבְּלִיבֶּען, אוּן דִיא פְרוֹיא אִיז אִין מִי־
טֶען גֶעשְׁטַאנֶען. 10 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען, אוּן הָאט קֵיינֶעם נִיט
גֶעזֶעהֶען, אוֹיסֶער דִיא פְרוֹיא, אוּן הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, פְרוֹיא, וְואוּ זֶענֶען
זֵייא וֶועלְכֶע הָאבֶּען דִיךְ פֶערְקְלָאגְט? הָאט דִיךְ קֵיינֶער נִיט פֶערְשׁוּלְדִיגְט?
11 אוּן זִיא הָאט גֶעזָאגְט, קֵיינֶער נִיט, הַאר. אוּן יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט,
אוֹיךְ נִיט אִיךְ פֶערְשׁוּלְדִיג דִיךְ; גֶעה, אוּן זִינְדִיג נִיט מֶעהְר.
12 דְרוּם הָאט יֵשׁוּעַ ווִידֶער צוּ זֵייא גֶערֶעט אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין דָאס לִיכְט
פוּן דֶער וֶועלְט; וֶוער עֶס פָאלְגְט מִיר נָאךְ וֶועט נִיט אַרוּמְגֶעהֶען אִין דֶער

פִינְסְטֶער, נֵייעֶרְט וֶועט הָאבֶּען דָאס לִיכְט פוּן לֶעבֶּען. 13 דִיא פְּרוּשִׁים
דֶען הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דוּא בֶּעצֵייגְסְט אוֹיף דִיר אַלֵיין; דֵיין צֵייגְנִיס אִיז
נִיט וָואהְר. 14 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, חָאטְשֶׁע אִיךְ
בֶּעצֵייג אוֹיף מִיר אַלֵיין, מֵיין צֵייגְנִיס אִיז דָאךְ וָואהְר; וָוארִין אִיךְ ווֵייס פוּן
וַואנֶען אִיךְ קוּם, אוּן וְואוּ אַהִין אִיךְ גֶעה; אָבֶּער אִיהְר ווֵייסְט נִיט פוּן וַואנֶען
אִיךְ קוּם, אוּן וְואוּ אַהִין אִיךְ גֶעה. 15 אִיהְר רִיכְטֶעט נָאךְ דֶעם פְלֵיישׁ, אִיךְ
רִיכְטֶע קֵיינֶעם נִיט. 16 אוּן וֶוען אִיךְ רִיכְטֶע, אַזוֹי אִיז מֵיין מִשְׁפָּט וָואהְר; וָוא־
רִין אִיךְ בִּין נִיט אַלֵיין, נֵייעֶרְט אִיךְ אוּן דֶער פָאטֶער וָואס הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט.
17 אוּן אוֹיךְ שְׁטֶעהְט עֶס אִין אֵייעֶרֶע תּוֹרָה גֶעשְׁרִיבֶּען, אַז דָאס צֵייגְנִיס פוּן
צְווֵייא מֶענְשֶׁען אִיז וָואהְר. 18 אִיךְ בִּין דֶער וָואס בֶּעצֵייגְט אוֹיף מִיר אַלֵיין, אוּן
דֶער פָאטֶער דֶער הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט בֶּעצֵייגְט אוֹיף מִיר. 19 אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא
צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וְואוּ אִיז דֵיין פָאטֶער? יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אִיהְר קֶענְט
מִיךְ נִיט, אוּן אוֹיךְ נִיט מֵיינֶעם פָאטֶער; וֶוען אִיהְר וָואלְט מִיךְ גֶעקֶענְט, אַזוֹי
וָואלְט אִיהְר מֵיינֶעם פָאטֶער אוֹיךְ גֶעקֶענְט. 20 דִיזֶע וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶערֶעט אִין
דֶער שַׁאצְקַאמֶער, וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶעהְרְט אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ; אוּן קֵיינֶער הָאט אִיהְם
נִיט אַנְגֶעפַּאסְט, וָוארִין זֵיינֶע שָׁעָה אִיז נָאךְ נִיט גֶעקוּמֶען.

21 אַזוֹי הָאט יֵשׁוּעַ ווִידֶער צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיךְ גֶעה אַוֶועק, אוּן אִיהְר וֶועט
מִיךְ זוּכֶען, אוּן וֶועט שְׁטַארְבֶּען אִין אֵייעֶרֶע זִינְד; וְואוּ אִיךְ גֶעה, דָארְט אַהִין
קֶענְט אִיהְר נִיט קוּמֶען. 22 דְרוּם הָאבֶּען דִיא יוּדֶען גֶעזָאגְט, וֶועט עֶר זִיךְ אַלֵיין
טֵייטֶען, אַז עֶר זָאגְט, וְואוּ אִיךְ גֶעה, אִיהְר קֶענְט נִיט קוּמֶען? 23 אוּן עֶר הָאט
צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיהְר זֶענְט פוּן אוּנְטֶען, אִיךְ בִּין פוּן אוֹיבֶּען; אִיהְר זֶענְט פוּן
דִיזֶער וֶועלְט, אִיךְ בִּין נִיט פוּן דִיזֶער וֶועלְט. 24 דְרוּם הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט, אַז אִיהְר
וֶועט שְׁטַארְבֶּען אִין אֵייעֶרֶע זִינְד. וָוארִין וֶוען אִיהְר וֶועט נִיט גְלוֹיבֶּען אַז אִיךְ
בִּין עֶר, וֶועט אִיהְר שְׁטַארְבֶּען אִין אֵייעֶרֶע זִינְד. 25 אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, וֶוער בִּיסְט דוּא? יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, דֶער וָואס אִיךְ הָאבּ
צוּ אֵייךְ פוּן אָנְהֵייבּ גֶערֶעט. 26 אִיךְ הָאבּ פִיל וֶועגֶען אֵייךְ צוּ רֶעדֶען אוּן צוּ
רִיכְטֶען; אָבֶּער דֶער וֶועלְכֶער הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט אִיז וָואהְר, אוּן וָואס אִיךְ הָאבּ
גֶעהֶערְט פוּן אִיהְם, דָאס רֶעד אִיךְ צוּ דֶער וֶועלְט. 27 זֵייא הָאבֶּען נִיט גֶע־
וְואוּסְט אַז עֶר הָאט צוּ זֵייא גֶערֶעט וֶועגֶען דֶעם פָאטֶער. 28 אַזוֹי הָאט יֵשׁוּעַ
צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וֶוען אִיהְר וֶועט דֶעם בֶּן אָדָם אוֹיפְהֵייבֶּען, דַאן וֶועט אִיהְר
ווִיסֶען אַז אִיךְ בִּין עֶר, אוּן אִיךְ טְהוּא גָאר נִיט פוּן מִיר אַלֵיין, נֵייעֶרְט אַזוֹי ווִיא
דֶער פָאטֶער הָאט מִיךְ גֶעלֶעהְרְט, דָאס רֶעד אִיךְ. 29 אוּן דֶער וֶועלְכֶער הָאט מִיךְ
גֶעשִׁיקְט אִיז מִיט מִיר; דֶער פָאטֶער הָאט מִיךְ נִיט אַלֵיין גֶעלָאזְט, וָוארִין אִיךְ
טְהוּא בֶּעשְׁטֶענְדִיג דָאס וָואס גֶעפֶעלְט אִיהְם. 30 ווִיא עֶר הָאט דִיזֶעס גֶערֶעט
הָאבֶּען פִילֶע אָן אִיהְם גֶעגְלוֹיבְּט.

31 דְרוּם הָאט יֵשׁוּעַ גֶעזָאגְט צוּ דִיא יוּדֶען וָואס הָאבֶּען אָן אִיהְם גֶעגְלוֹיבְּט,
וֶוען אִיהְר בְּלֵייבְּט אִין מֵיין וָוארְט, אַזוֹי זֶענְט אִיהְר בֶּאֱמֶת מֵיינֶע תַּלְמִידִים;
32 אוּן אִיהְר וֶועט ווִיסֶען דִיא וָואהְרְהֵייט, אוּן דִיא וָואהְרְהֵייט וֶועט אֵייךְ פְרֵייא

מַאכֶען. 33 זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט, מִיר זֶענֶען דֶער זָאמֶען פוּן
אַבְרָהָם, אוּן זֶענֶען קֵיינְמָאל נִיט צוּ אֵיימִיצֶען קְנֶעכְט גֶעוֶועֶן; וִויא אַזוֹי
זָאגְסְט דוּא, אִיהְר וֶועט פְרֵייא וֶוערֶען? 34 יֵשׁוּעַ הָאט זֵייא גֶעעֶנְטְפֶערְט, בֶּאֱמֶת
בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז אִיטְלִיכֶער וָואס זִינְדִיגְט אִיז אַ קְנֶעכְט פוּן דֶער זִינְד.
35 אוּן דֶער קְנֶעכְט בְּלֵייבְּט נִיט אִים הוֹיז אוֹיף תָּמִיד; דֶער זוּהְן בְּלֵייבְּט אוֹיף
תָּמִיד. 36 וֶוען דֶער זוּהְן דֶען וֶועט אֵייךְ פְרֵייא מַאכֶען, וֶועט אִיהְר וִוירְקְלִיךְ
פְרֵייא זַיין. 37 אִיךְ ווֵייס אַז אִיהְר זֶענְט דֶער זָאמֶען פוּן אַבְרָהָם; אָבֶּער אִיהְר
זוּכְט מִיךְ צוּ הַרְגֶענֶען, וָוארִין מֵיין וָוארְט הָאט נִיט קֵיין פְּלַאץ אִין אֵייךְ.
38 אִיךְ רֶעד וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען בֵּייא דֶעם פָאטֶער; אוּן אִיהְר טְהוּט דֶען
וָואס אִיהְר הָאט גֶעהֶערְט בֵּייא דֶעם פָאטֶער. 39 זֵייא הָאבֶּען גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן
הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אַבְרָהָם אִיז אוּנְזֶער פָאטֶער. יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא
גֶעזָאגְט, וֶוען אִיהְר וָואלְט גֶעוֶועֶן דִיא קִינְדֶער פוּן אַבְרָהָם, וָואלְט אִיהְר דִיא
וֶוערְק פוּן אַבְרָהָם גֶעטְהוּן; 40 אָבֶּער אַצוּנְד זוּכְט אִיהְר מִיךְ צוּ הַרְגֶענֶען, אַ
מֶענְשֶׁען וָואס הָאט דִיא וָואהְרְהֵייט צוּ אֵייךְ גֶעזָאגְט, וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן גָאט
גֶעהֶערְט; דָאס הָאט אַבְרָהָם נִיט גֶעטְהוּן. 41 אִיהְר טְהוּט דִיא וֶוערְק פוּן
אֵייעֶר פָאטֶער. זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מִיר זֶענֶען נִיט גֶעבּוֹירֶען פוּן
זְנוּת; מִיר הָאבֶּען אֵיינֶעם פָאטֶער, דֶער אִיז גָאט. 42 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט,
וֶוען גָאט וָואלְט אֵייעֶר פָאטֶער גֶעוֶועֶן, וָואלְט אִיהְר מִיךְ גֶעלִיבְּט; וָוארִין אִיךְ
בִּין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן בִּין גֶעקוּמֶען פוּן גָאט, דֶען אִיךְ בִּין אוֹיךְ נִיט פוּן מִיר
אַלֵיין גֶעקוּמֶען, נֵייעֶרְט עֶר הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט. 43 וָוארוּם פֶערְשְׁטֶעהְט אִיהְר
נִיט מֵיינֶע רֶעד? ווֵייל אִיהְר קֶענְט נִיט הֶערֶען מֵיין וָוארְט. 44 אִיהְר זֶענְט פוּן
אֵייעֶר פָאטֶער דֶעם שָׂטָן, אוּן אִיהְר ווִילְט דִיא גְלִיסְטֶען פוּן אֵייעֶר פָאטֶער
טְהוּן; עֶר אִיז אַ רוֹצֵחַ פוּן אָנְהֵייבּ אָן גֶעוֶועֶן, אוּן אִיז נִיט בֶּעשְׁטַאנֶען אִין דֶער
וָואהְרְהֵייט ווֵייל עֶס אִיז קֵיין אֱמֶת נִיט אִין אִיהְם; וֶוען עֶר רֶעט אַ לִיגֶען, אַזוֹי
רֶעט עֶר פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט, וָוארִין עֶר אִיז אַ לִיגְנֶער, אוּן דֶער פָאטֶער דֶערְפוּן.
45 אָבֶּער ווֵייל אִיךְ זָאג אֵייךְ דִיא וָואהְרְהֵייט, אַזוֹי גְלוֹיבְּט אִיהְר מִיר נִיט.
46 וֶועלְכֶער פוּן אֵייךְ אִיבֶּערְווֵייזְט מִיר וֶועגֶען אַ זִינְד? וֶוען אִיךְ זָאג דִיא
וָואהְרְהֵייט, וָוארוּם גְלוֹיבְּט אִיהְר מִיר נִיט? 47 דֶער וָואס אִיז פוּן גָאט הֶערְט דִיא
וֶוערְטֶער פוּן גָאט; ווֵייל אִיהְר זֶענְט נִיט פוּן גָאט דְרוּם הֶערְט אִיהְר נִיט.
48 דִיא יוּדֶען הָאבֶּען גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הָאבֶּען מִיר
נִיט רֶעכְט גֶעזָאגְט, אַז דוּא בִּיסְט אַ שֹׁמְרוֹנִי, אוּן הָאסְט אַ שֵׁד? 49 יֵשׁוּעַ הָאט
גֶעעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ הָאבּ נִיט קֵיין שֵׁד, נֵייעֶרְט אִיךְ עֶהְרֶע מֵיין פָאטֶער, אוּן
אִיהְר זֶענְט מִיךְ מְבַזֶּה. 50 אָבֶּער אִיךְ זוּךְ נִיט מֵיין כָּבוֹד; עֶס אִיז דָא אֵיינֶער
וָואס זוּכְט אוּן רִיכְטֶעט. 51 בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, וֶוער עֶס וֶועט הַאלְ־
טֶען מֵיין וָוארְט, וֶועט נִיט זֶעהֶען דֶעם טוֹיט אוֹיף עֶבִּיג. 52 דִיא יוּדֶען הָאבֶּען
צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אַצוּנְד ווִיסֶען מִיר אַז דוּא הָאסְט אַ שֵׁד. אַבְרָהָם אִיז גֶע־
שְׁטָארְבֶּען אוּן דִיא נְבִיאִים, אוּן דוּא זָאגְסְט, וֶוער עֶס וֶועט הַאלְטֶען מֵיין וָוארְט,
וֶועט נִיט פֶערְזוּכֶען דֶעם טוֹיט אוֹיף עֶבִּיג. 53 בִּיסְט דוּא גְרֶעסֶער ווִיא אוּנְזֶער

פָאטֶער אַבְרָהָם, דֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען? אוּן דִיא נְבִיאִים זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען;
פַאר וֶועמֶען מַאכְסְט דוּא דִיךְ אַלֵיין? 54 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, וֶוען אִיךְ בִּין מִיךְ
אַלֵיין מְכַבֵּד, אַזוֹי אִיז מֵיין כָּבוֹד גָאר נִיט; עֶס אִיז מֵיין פָאטֶער דֶער אִיז מִיךְ
מְכַבֵּד, אוֹיף דֶעם אִיהְר זָאגְט אַז עֶר אִיז אוּנְזֶער גָאט; 55 אוּן אִיהְר הָאט אִיהְם
נִיט גֶעקֶענְט, אָבֶּער אִיךְ קֶען אִיהְם; אוּן וֶוען אִיךְ זָאל זָאגֶען אַז אִיךְ קֶען אִיהְם
נִיט, וָואלְט אִיךְ זֵיין אַ לִיגְנֶער אַזוֹי וִויא אִיהְר; אָבֶּער אִיךְ קֶען אִיהְם, אוּן הַאלְט
זֵיין וָוארְט. 56 אַבְרָהָם אֵייעֶר פָאטֶער הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייעֶט אַז עֶר זָאל זֶעהֶען מֵיין
טָאג; אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אוּן אִיז פְרֶעהְלִיךְ גֶעוֶועזֶען. 57 דִיא יוּדֶען הָאבֶּען
דֶען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דוּא בִּיסְט נָאךְ נִיט פִינְפְצִיג יָאהְר אַלְט, אוּן הָאסְט דוּא
אַבְרָהָם גֶעזֶעהֶען? 58 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ,
אֵיידֶער אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶועזֶען בִּין אִיךְ. 59 אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא שְׁטֵיינֶער גֶענוּמֶען אַז
זֵייא זָאלֶען אוֹיף אִיהְם וַוארְפֶען; אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט זִיךְ פֶערְבָּארְגֶען, אוּן אִיז
פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען.

ט 1 אוּן וִויא עֶר אִיז פַארְבֵּייא גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר אַ מַאן גֶעזֶעהֶען וָואס אִיז
בְּלִינְד גֶעוֶועזֶען פוּן זֵיינֶע גֶעבּוּרְט אָן. 2 אוּן זֵיינֶע תַּלְמִידִים הָאבֶּען אִיהְם גֶע־
פְרֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט, רַבִּי, וֶוער הָאט גֶעזִינְדִיגְט, דִיזֶער אָדֶער זֵיינֶע עֶלְטֶערְן,
אַז עֶר אִיז בְּלִינְד גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען? 3 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, נִיט עֶר אַלֵיין
הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אוּן אוֹיךְ נִיט זֵיינֶע עֶלְטֶערְן; נֵייעֶרְט כְּדֵי דִיא וֶוערְק פוּן גָאט
זָאלֶען אִין אִיהְם בֶּעוִויזֶען וֶוערֶען. 4 מִיר מוּזֶען וֶוערְקֶען דִיא וֶוערְק פוּן אִיהְם
וֶועלְכֶער הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט אַזוֹי לַאנְג וִויא עֶס אִיז טָאג; דִיא נַאכְט קוּמְט, וֶוען קֵיינֶער
קֶען נִיט וֶוערְקֶען. 5 בְּשַׁעַת אִיךְ בִּין אוֹיף דֶער וֶועלְט בִּין אִיךְ דָאס לִיכְט
פוּן דֶער וֶועלְט. 6 וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאט עֶר גֶעשְׁפִּיגֶען אוֹיף דֶער
עֶרְד, אוּן הָאט לֶעהְם פוּן דֶעם שְׁפֵּייעֶכְץ גֶעמַאכְט, אוּן הָאט בֶּעשְׁמִירְט דִיא
אוֹיגֶען פוּן דֶעם בְּלִינְדֶען מִיט דֶעם לֶעהְם; 7 אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
גֶעה וַואשׁ דִיךְ אִים טֵייךְ שִׁלֹחַ, וָואס אִיז פֶערְטֵייטְשְׁט גֶעשִׁיקְט. עֶר אִיז דֶען
אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גֶעוַואשֶׁען, אוּן אִיז זֶעהֶענְדִיג גֶעקוּמֶען. 8 דִיא
שְׁכֵנִים דֶען, אוּן דִיא וָואס הָאבֶּען אִיהְם פְרִיהֶער גֶעזֶעהֶען אַז עֶר אִיז אַ בֶּעטְ־
לֶער גֶעוֶועזֶען, הָאבֶּען גֶעזָאגְט, אִיז עֶר נִיט דֶער וָואס אִיז גֶעזֶעסֶען אוּן הָאט
גֶעבֶּעטֶעלְט? 9 אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גֶעזָאגְט, אַז עֶר אִיז דֶער; אַנְדֶערֶע הָאבֶּען
גֶעזָאגְט, נֵיין, אָבֶּער עֶר אִיז גְלֵייךְ צוּ אִיהְם; עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין דֶער. 10 דְרוּם
הָאבֶּען זֵייא צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וִויא דֶען זֶענֶען דֵיינֶע אוֹיגֶען אוֹיפְגֶעמַאכְט גֶע־
וָוארֶען? 11 עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, דֶער מַאן וָואס הֵייסְט יֵשׁוּעַ הָאט לֶעהְם
גֶעמַאכְט, אוּן הָאט מֵיינֶע אוֹיגֶען בֶּעשְׁמִירְט, אוּן הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, גֶעה
צוּם טֵייךְ שִׁלֹחַ אוּן וַואשׁ דִיךְ; אַזוֹי בִּין אִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאבּ מִיךְ
גֶעוַואשֶׁען, אוּן אִיךְ בִּין זֶעהֶענְדִיג גֶעוָוארֶען. 12 אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶע־
זָאגְט, ווּאוּ אִיז עֶר? עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ ווֵייס נִיט.
13 זֵייא הָאבֶּען גֶעבְּרַאכְט צוּ דִיא פְּרוּשִׁים דֶעם וָואס אִיז פְרִיהֶער בְּלִינְד
גֶעוֶועזֶען; 14 אוּן עֶס אִיז שַׁבָּת גֶעוֶועזֶען וֶוען יֵשׁוּעַ הָאט דֶעם לֶעהְם גֶעמַאכְט, אוּן

הָאט אִיהְם דִיא אוֹיגֶען אוֹיפְגֶעמַאכְט. 15 דְרוּם הָאבֶּען אִיהְם דִיא פְּרוּשִׁים אוֹיךְ
וִוידֶער גֶעפְרֶעגְט, וִויא אַזוֹי עֶר אִיז זֶעהֶענְדִיג גֶעוָוארֶען. אוּן עֶר הָאט צוּ זֵייא
גֶעזָאגְט, עֶר הָאט לֶעהְם גֶעלֶעגְט אוֹיף מֵיינֶע אוֹיגֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶע־
וַואשֶׁען, אוּן בִּין זֶעהֶענְדִיג. 16 אַזוֹי הָאבֶּען עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא פְּרוּשִׁים גֶעזָאגְט,
דִיזֶער מַאן אִיז נִיט פוּן גָאט, וָוארִין עֶר הַאלְט נִיט דֶעם שַׁבָּת. אַנְדֶערֶע הָא־
בֶּען גֶעזָאגְט, וִויא אַזוֹי קֶען אַ מֶענְשׁ וָואס אִיז אַ זִינְדֶער אַזֶעלְכֶע וְואוּנְדֶער
טְהוּן? אוּן עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אַ קְרִיגֶערַייא צְוִוישֶׁען זֵייא. 17 אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא
וִוידֶער צוּם בְּלִינְדֶען גֶעזָאגְט, וָואס זָאגְסְט דוּא וֶוענֶען אִיהְם, אַז עֶר הָאט דֵיינֶע
אוֹיגֶען אוֹיפְגֶעמַאכְט? אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, עֶר אִיז אַ נָבִיא. 18 דִיא יוּדֶען
דֶען הָאבֶּען וֶוענֶען אִיהְם נִיט גֶעגְלוֹיבְּט, אַז עֶר אִיז בְּלִינְד גֶעוֶוען אוּן אִיז זֶע־
הֶענְדִיג גֶעוָוארֶען, בִּיז זֵייא הָאבֶּען גֶערוּפֶען דִיא עֶלְטֶערְן פוּן דֶעם וָואס אִיז
זֶעהֶענְדִיג גֶעוָוארֶען; 19 אוּן זֵייא הָאבֶּען זֵייא גֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיז דֶער
אֵייעֶר זוּהְן, וָואס אִיהְר זָאגְט אַז עֶר אִיז בְּלִינְד גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען? וִויא אַזוֹי
אִיז עֶר דֶען אַצוּנְד זֶעהֶענְדִיג? 20 אַזוֹי הָאבֶּען זֵיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן
גֶעזָאגְט, מִיר וִויסֶען אַז עֶר אִיז אוּנְזֶער זוּהְן, אוּן אַז עֶר אִיז בְּלִינְד גֶעבּוֹירֶען
גֶעוָוארֶען; 21 אָבֶּער וִויא אַזוֹי עֶר זֶעהְט אַצוּנְד וִויסֶען מִיר נִיט; אָדֶער וֶוער עֶס
הָאט אִיהְם דִיא אוֹיגֶען אוֹיפְגֶעמַאכְט וִויסֶען מִיר נִיט; עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיפְגֶעוַואקְסֶען,
פְרֶעגְט אִיהְם, עֶר וֶועט פַאר זִיךְ אַלֵיין רֶעדֶען. 22 דָאס הָאבֶּען זֵיינֶע עֶלְטֶערְן
גֶעזָאגְט, וַוייל זֵייא הָאבֶּען מוֹרָא גֶעהַאט פַאר דִיא יוּדֶען; וָוארִין דִיא יוּדֶען
הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין פֶערְאֵיינִיגְט, אַז וֶוען אֵיינֶער וֶועט אִיהְם בֶּעקֶענֶען פַאר דֶעם
מָשִׁיחַ, זָאל עֶר פוּן דֶער שׁוּל אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען וֶוערֶען. 23 דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען
זֵיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעזָאגְט, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיפְגֶעוַואקְסֶען, פְרֶעגְט אִיהְם.
24 דְרוּם הָאבֶּען זֵייא דָאס צְוֵוייטֶע מָאל דֶעם מַאן גֶערוּפֶען וָואס אִיז בְּלִינְד
גֶעוֶוען, אוּן הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גִיבּ כָּבוֹד צוּ גָאט; מִיר וִויסֶען אַז דִיזֶער
מַאן אִיז אַ זִינְדֶער. 25 עֶר הָאט דֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט, אוֹיבּ עֶר אִיז אַ זִינְדֶער וֵוייס
אִיךְ נִיט; אֵיין זַאךְ וֵוייס אִיךְ, אַז אִיךְ בִּין בְּלִינְד גֶעוֶוען, אוּן אַצוּנְד זֶעה אִיךְ.
26 דְרוּם הָאבֶּען זֵייא צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וָואס הָאט עֶר דִיר גֶעטְהוּן? וִויא אַזוֹי
הָאט עֶר דֵיינֶע אוֹיגֶען אוֹיפְגֶעמַאכְט? 27 עֶר הָאט זֵייא גֶעעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ הָאבּ
אֵייךְ שׁוֹין גֶעזָאגְט, אוּן אִיהְר הָאט נִיט גֶעהֶערְט; וָוארוּם ווִילְט אִיהְר עֶס וִוידֶער
הֶערֶען? ווִילְט אִיהְר אוֹיךְ זֵיינֶע תַּלְמִידִים וֶוערֶען? 28 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם
גֶעזִידֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט, דוּא בִּיסְט זֵיין תַּלְמִיד, אָבֶּער מִיר זֶענֶען דִיא תַּלְמִידִים
פוּן מֹשֶׁה. 29 מִיר וִויסֶען אַז גָאט הָאט צוּ מֹשֶׁה גֶערֶעט; אָבֶּער דִיזֶען, וִויסֶען
מִיר נִיט פוּן וַואנֶען עֶר אִיז. 30 דֶער מַאן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זֵייא
גֶעזָאגְט, אִין דֶעם אִיז דָאס וְואוּנְדֶער אַז אִיהְר וֵוייסְט נִיט פוּן וַואנֶען עֶר אִיז,
אוּן דָאךְ הָאט עֶר מֵיינֶע אוֹיגֶען אוֹיפְגֶעמַאכְט. 31 מִיר וִויסֶען אַז גָאט הֶערְט
נִיט קֵיין זִינְדֶער; נֵייעֶרְט וֶוער עֶס אִיז אֵיין יְרֵא אֱלֹהִים אוּן טְהוּט זֵיין ווִילֶען,
דֶעם עֶר הֶערְט. 32 פוּן עֶבִּיג אָן אִיז עֶס נִיט גֶעהֶערְט גֶעוָוארֶען, אַז אֵיימִי־
צֶער הָאט דִיא אוֹיגֶען אוֹיפְגֶעמַאכְט פוּן אַ גֶעבּוֹירֶענֶען בְּלִינְדֶען; 33 וֶוען דִיזֶער

זָאל נִיט זַיין פוּן גָאט, וָואלְט עֶר גָאר נִיט גֶעקֶענְט טְהוּן. 34 זַייא הָאבֶּען גֶע־
עֶנְטְפֶערְט אוּן הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דוּא בִּיסְט גָאר אִים גַאנְצֶען אִין זִינְד
גֶעבּוֹירֶען, אוּן לֶעהְרֶעסְט דוּא אוּנְז? אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען.
35 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעהֶערְט אַז זַייא הָאבֶּען אִיהְם אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען, אוּן עֶר הָאט
אִיהְם גֶעפִינֶען אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גְלוֹיבְּסְט דוּא אָן דֶעם זוּהְן פוּן
גָאט? 36 עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, הַאר, וֶוער אִיז עֶר דֶען אַז אִיךְ
זָאל אָן אִיהְם גְלוֹיבֶּען? 37 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דוּא הָאסְט אִיהְם אוֹיךְ
גֶעזֶעהֶען, אוּן דֶער וָואס רֶעט מִיט דִיר, דֶער אִיז עֶר. 38 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט,
הַאר, אִיךְ גְלוֹיבּ; אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּ אִיהְם גֶעבִּיקְט. 39 אוּן יֵשׁוּעַ הָאט גֶע־
זָאגְט, צוּם מִשְׁפָּט בִּין אִיךְ אִין דִיזֶער וֶועלְט גֶעקוּמֶען, אַז דִיא וָואס זֶעהֶען נִיט
זָאלֶען זֶעהֶען; אוּן דִיא וָואס זֶעהֶען זָאלֶען בְּלִינְד וֶוערֶען. 40 עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא
פְּרוּשִׁים וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶוען הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט, אוּן הָאבֶּען צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, זֶענֶען מִיר דֶען אוֹיךְ בְּלִינְד? 41 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט,
וֶוען אִיהְר וָואלְט בְּלִינְד גֶעוֶוען, אַזוֹי וָואלְט אִיהְר נִיט קֵיינֶע זִינְד גֶעהַאט; אָבֶּער
אַצוּנְד זָאגְט אִיהְר, מִיר זֶעהֶען; אֵייעֶרֶע זִינְד בְּלֵייבְּט.

י 1 בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, דֶער וָואס קוּמְט נִיט אַרֵיין אִין דֶעם שָׁאפְ־
שְׁטַאל דוּרְךְ דֶער טְהִיר, נֵייעֶרְט עֶר שְׁטֵייגְט אַנֶדערְשׁ וְואוּ אַרֵיין, דֶער אִיז אַ
גַנָב אוּן אַ רוֹיבֶּער; 2 אָבֶּער דֶער וָואס קוּמְט אַרֵיין דוּרְךְ דֶער טְהִיר אִיז דֶער
פַּאסְטוּךְ פוּן דִיא שָׁאף. 3 דֶער טְהִירְהִיטֶער עֶפֶענְט אִיהְם, אוּן דִיא שָׁאף
הֶערֶען זַיין קוֹל; אוּן עֶר רוּפְט זַיינֶע אֵייגֶענֶע שָׁאף בֵּיים נָאמֶען, אוּן פִיהְרְט
זַייא אַרוֹיס. 4 וֶוען עֶר טְרֵייבְּט אַרוֹיס אַלֶע זַיינֶע אֵייגֶענֶע, גֶעהְט עֶר פָאר זַייא,
אוּן דִיא שָׁאף פָאלְגֶען אִיהְם נָאךְ, וָוארִין זַייא קֶענֶען זַיין קוֹל. 5 אָבֶּער אַ
פְרֶעמְדֶען וֶועלֶען זַייא נִיט נָאכְפָאלְגֶען, נֵייעֶרְט זַייא לוֹיפֶען פוּן אִיהְם אַוֶועק,
וָוארִין זַייא קֶענֶען נִיט דָאס קוֹל פוּן דִיא פְרֶעמְדֶע. 6 דִיזֶעס מָשָׁל הָאט יֵשׁוּעַ
צוּ זַייא גֶעזָאגְט; אָבֶּער זַייא הָאבֶּען נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר הָאט צוּ זַייא
גֶערֶעט.

7 דְרוּם הָאט יֵשׁוּעַ ווִידֶער צוּ זַייא גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אִיךְ
בִּין דִיא טְהִיר פוּן דִיא שָׁאף. 8 אַלֶע וָואס זֶענֶען פָאר מִיר גֶעקוּמֶען זֶענֶען
גַנָבִים אוּן רוֹיבֶּער; אָבֶּער דִיא שָׁאף הָאבֶּען זַייא נִיט צוּגֶעהֶערְט. 9 אִיךְ בִּין
דִיא טְהִיר; וֶוער עֶס וֶועט דוּרְךְ מִיר אַרֵיינְקוּמֶען, דֶער וֶועט גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען,
אוּן וֶועט אַרֵיינְגֶעהֶען אוּן אַרוֹיסְגֶעהֶען, אוּן וֶועט פַּאשֶׁע גֶעפִינֶען. 10 דֶער גַנָב
קוּמְט נִיט אַרֵיין, נֵייעֶרְט אַז עֶר זָאל גַנְבֶענֶען אוּן שֶׁעכְטֶען אוּן אוּמְבְּרֶענְגֶען;
אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אַז זַייא זָאלֶען לֶעבֶּען הָאבֶּען אוּן זָאלֶען עֶס נָאךְ מֶעהְר
הָאבֶּען. 11 אִיךְ בִּין דֶער גוּטֶע פַּאסְטוּךְ; דֶער גוּטֶע פַּאסְטוּךְ לֶעגְט זַיין לֶע־
בֶּען אַנִידֶער פַאר דִיא שָׁאף. 12 דֶער גֶעדוּנְגֶענֶער, וָואס אִיז נִיט דֶער פַּאסְטוּךְ,
דֶעם דִיא שָׁאף זֶענֶען נִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע, זֶעהְט דֶעם וָואלְף קוּמֶען, אוּן פֶערְ־
לָאזְט דִיא שָׁאף אוּן אַנְטְלוֹיפְט; אוּן דֶער וָואלְף חַאפְּט אוּן צוּשְׁפְּרֵייט זַייא.
13 עֶר אַנְטְלוֹיפְט ווייל עֶר אִיז אַ גֶעדוּנְגֶענֶער, אוּן זָארְגְט נִיט פַאר דִיא שָׁאף.

14 אִיךְ בִּין דֶער גוּטֶע פַּאסְטוּךְ, אוּן אִיךְ קֶען דִיא מֵיינֶע, אוּן דִיא מֵיינֶע קֶער־
גֶען מִיךְ 15 אַזוֹי וִויא דֶער פָאטֶער קֶענְט מִיךְ, אוּן אִיךְ קֶען דֶעם פָאטֶער; אוּן
אִיךְ לֶעג מֵיין לֶעבֶּען אַנִידֶער פַאר דִיא שָׁאף. 16 אוּן אִיךְ הָאבּ אַנְדֶערֶע שָׁאף,
וָואס זֶענֶען נִיט פוּן דִיזֶעם סְטַאדֶע; אוֹיךְ דִיזֶע מוּז אִיךְ בְּרֶענְגֶען אוּן זֵייא
וֶועלֶען מֵיין קוֹל הֶערֶען, אוּן עֶס וֶועט זַיין אֵיינֶע הֶערְדֶע אוּן אֵיין פַּאסְטוּךְ.
17 דְרוּם לִיבְּט מִיךְ דֶער פָאטֶער, ווייל אִיךְ לֶעג מֵיין לֶעבֶּען אַנִידֶער, אַז אִיךְ
זָאל עֶס ווידֶער דֶערְהַאלְטֶען. 18 קֵיינֶער נֶעמְט עֶס נִיט פוּן מִיר, נֵייעֶרְט אִיךְ
לֶעג עֶס אַנִידֶער פוּן מִיר זֶעלְבְּסְט; אִיךְ הָאבּ מַאכְט עֶס אַנִידֶערְצוּלֶעגֶען, אוּן
אִיךְ הָאבּ מַאכְט עֶס ווידֶער צוּ נֶעמֶען; דִיזֶעם גֶעבָּאט הָאבּ אִיךְ פוּן מֵיין פָאטֶער
בֶּעקוּמֶען.

19 עֶס אִיז ווידֶער גֶעוֶועןא קְרִיג צְווִישֶׁען דִיא יוּדֶען אִיבֶּער דִיזֶע וֶוערְטֶער.
20 אוּן פִילֶע פוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, עֶר הָאט אַ שֵׁד אוּן אִיז מְשׁוּגָע; פַארְוָואס
הֶערְט אִיהְר אִיהְם צוּ? 21 אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דִיזֶע רֶעדֶען זֶענֶען נִיט
פוּן אֵיינֶעם וָואס הָאט אַ שֵׁד; קֶען אַ שֵׁד אוֹיפְמַאכֶען דִיא אוֹיגֶען פוּן אַ
בְּלִינְדֶען?

22 דַאן אִיז גֶעוֶוען חֲנוּכָּה אִין יְרוּשָׁלַיִם; עֶס אִיז ווינְטֶער גֶעוֶוען; 23 אוּן
יֵשׁוּעַ אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אִין דֶעם פָּאלִישׁ פוּן שְׁלֹמֹה. 24 אַזוֹי
הָאבֶּען אִיהְם דִיא יוּדֶען אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט, אוּן הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וויא
לַאנְג וֶועסְט דוּא אוּנְז אוּנְזֶער גֶעמִיט אִים אוּנְגֶעווִיסֶען הַאלְטֶען? וֶוען דוּא
בִּיסְט דֶער מָשִׁיחַ, זָאג אוּנְז עֶפֶּענְטְלִיךְ. 25 יֵשׁוּעַ הָאט זֵייא גֶעעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ
הָאבּ צוּ אֵייךְ גֶעזָאגְט, אוּן אִיהְר גְלוֹיבְּט נִיט; דִיא וֶוערְק וָואס אִיךְ טְהוּא אִים
נָאמֶען פוּן מֵיין פָאטֶער, דִיזֶע בֶּעצֵייגֶען אוֹיף מִיר; 26 אָבֶּער אִיהְר גְלוֹיבְּט נִיט,
וָוארִין אִיהְר זֶענְט נִיט פוּן מֵיינֶע שָׁאף. 27 מֵיינֶע שָׁאף הֶערֶען מֵיין קוֹל, אוּן
אִיךְ קֶען זֵייא, אוּן זֵייא פָאלְגֶען מִיר נָאךְ; 28 אוּן אִיךְ גִיבּ זֵייא עֶבִּיגֶעם לֶע־
בֶּען, אוּן זֵייא וֶועלֶען קֵיינְמָאל נִיט פֶערְלוֹירֶען ווערֶען, אוּן קֵיינֶער וֶועט זֵייא
נִיט פוּן מֵיינֶע הַאנְד אוֹיסְרֵייסֶען. 29 דָאס וָואס מֵיין פָאטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען
אִיז גְרֶעסֶער וויא אַלֶעס, אוּן קֵיינֶער קֶען נִיט פוּן דֶער הַאנְד פוּן דֶעם פָאטֶער
אוֹיסְרֵייסֶען. 30 אִיךְ אוּן דֶער פָאטֶער זֶענֶען אֵיינְס. 31 דִיא יוּדֶען הָאבֶּען ווידֶער
אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען שְׁטֵיינֶער, אַז זֵייא זָאלֶען אוֹיף אִיהְם ווַארְפֶען. 32 יֵשׁוּעַ הָאט זֵייא
גֶעעֶנְטְפֶערְט, פִילֶע גוּטֶע וֶוערְק הָאבּ אִיךְ אֵייךְ פוּן דֶעם פָאטֶער גֶעווִיזֶען;
וֶועגֶען וֶועלְכֶעם פוּן דִיזֶע וֶוערְק פֶערְשְׁטֵיינִיגְט אִיהְר מִיךְ? 33 דִיא יוּדֶען הָאבֶּען
אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט, נִיט פַאר אַ גוּטֶעס וֶוערְק פֶערְשְׁטֵיינִיגֶען מִיר דִיךְ, נֵייעֶרְט
פַאר לֶעסְטֶערוּנְג, אוּן ווייל דוּא בִּיסְט נוּר אַ מֶענְשׁ דָאךְ מַאכְסְט דוּא דִיךְ
זֶעלְבְּסְט גָאט. 34 יֵשׁוּעַ הָאט זֵייא גֶעעֶנְטְפֶערְט, שְׁטֶעהְט עֶס נִיט גֶעשְׁרִיבֶּען
אִין אֵייעֶרֶע תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, אִיהְר זֶענְט גֶעטֶער? 35 וֶוען עֶר רוּפְט
זֵייא גֶעטֶער צוּ וֶועלְכֶע דָאס וָוארְט פוּן גָאט אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן דִיא שְׁרִיפְט
קֶען נִיט צוּשְׁטֶערְט וֶוערֶען; 36 זָאגְט אִיהְר אוֹיף אִיהְם, דֶעם דֶער פָאטֶער הָאט

34 תהלים פב׳ ו׳.

גֶעהֵיילִיגְט און הָאט גֶעשִׁיקְט אִין דֶער וֶועלְט, דוּא לֶעסְטֶערְסְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ
גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין דֶער זוּהְן פוּן גָאט? 37 וֶוען אִיךְ טְהוּא נִיט דִיא וֶוערְק פוּן
מֵיין פָאטֶער, גְלוֹיבְּט מִיר נִיט; 38 אָבֶּער וֶוען אִיךְ טְהוּא, אַפִילוּ וֶוען אִיהְר מִיר
נִיט גְלוֹיבְּט, אַזוֹי גְלוֹיבְּט דִיא וֶוערְק, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט ווִיסֶען און זָאלְט דֶערְ־
קֶענֶען אַז דֶער פָאטֶער אִיז אִין מִיר, און אִיךְ אִין דֶעם פָאטֶער. 39 דְרוּם הָאבֶּען זֵייא אִיהְם ווִידֶער גֶעזוּכְט צוּ גֶעמֶען; אָבֶּער עֶר אִיז פוּן זֵייעֶרֶע הֶענְד
אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען.

40 און עֶר אִיז ווִידֶער אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִיא אַנְדֶערֶע זֵייט יַרְדֵן, צוּ דֶעם אָרְט
וְואוּ יוֹחָנָן הָאט צוּעֶרְשְׁט גֶעטוֹבֵלְט, און עֶר אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבֶּען. 41 און פִילֶע
זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, און הָאבֶּען גֶעזָאגְט, יוֹחָנָן הָאט קֵיין וְואוּנְדֶער נִיט
גֶעטְהוּן, אָבֶּער אַלֶעס וָואס יוֹחָנָן הָאט וֶועגֶען דִיזֶעם גֶעזָאגְט אִיז וָואהְר. 42 און
פִילֶע הָאבֶּען דָארְט אָן אִיהְם גֶעגְלוֹיבְּט.

יא 1 און עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אַ קְרַאנְקֶער, לַעֲזָר פוּן בֵּית־הִינִי, פוּן דֶעם דָארְף פוּן
מִרְיָם און אִיהְרֶע שְׁוֶועסְטֶער מַרְתָא. 2 עֶס אִיז מִרְיָם גֶעוֶועזֶען וָואס הָאט דֶעם
הַאר'ן מִיט מֹר גֶעזַאלְבְּט, און הָאט אָבְּגֶעווִישְׁט זֵיינֶע פִים מִיט אִיהְרֶע הָאר,
וָואס אִיהְר בְּרוּדֶער לַעֲזָר אִיז קְרַאנְק גֶעוֶועזֶען. 3 דְרוּם הָאבֶּען דִיא שְׁוֶועסְטֶער
צוּ אִיהְם גֶעשִׁיקְט און גֶעזָאגְט, הַאר, זֶעה, דֶער וֶועלְכֶען דוּא לִיבְּסְט אִיז קְרַאנְק.
4 וֶוען יֵשׁוּעַ הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט, דִיזֶע קְרַאנְקְהֵייט אִיז
נִיט צוּם טוֹיט, נֵייעֶרְט צוּ דֶעם כָּבוֹד פוּן גָאט, כְּדֵי דֶער זוּהְן פוּן גָאט זָאל
דוּרְךְ דֶעם פֶערְהֶערְלִיכְט וֶוערֶען. 5 און יֵשׁוּעַ הָאט גֶעלִיבְּט מַרְתָא און אִיהְרֶע
שְׁוֶועסְטֶער און לַעֲזָר. 6 אַזוֹי וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶר אִיז קְרַאנְק, אִיז
עֶר צְווייא טֶעג גֶעבְּלִיבֶּען אִין דֶעם אָרְט וְואוּ עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען. 7 דֶערְנָאךְ הָאט
עֶר צוּ דִיא תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט, לָאזֶען מִיר ווִידֶערְגֶעהֶען קֵיין יְהוּדָה. 8 דִיא
תַּלְמִידִים הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, רַבִּי, דִיא יוּדֶען הָאבֶּען דִיךְ אִיצְט גֶעזוּכְט
צוּ פֶערְשְׁטֵיינִיגֶען, און גֶעהְסְט דוּא ווִידֶער אַהִין? 9 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט,
זֶענֶען נִיט צְוֶועלְף שָׁעָה אִין דֶעם טָאג? וֶוען אֵיינֶער גֶעהְט אַרוּם בֵּייא טָאג
אַזוֹי שְׁטְרוֹיכֶעלְט עֶר זִיךְ נִיט אָן, וָוארִין עֶר זֶעהְט דָאס לִיכְט פוּן דִיזֶער וֶועלְט;
10 אָבֶּער וֶוער עֶס גֶעהְט אַרוּם בֵּייא נַאכְט, שְׁטְרוֹיכֶעלְט זִיךְ, וַוייל עֶס אִיז
קֵיין לִיכְט נִיט אִין אִיהְם. 11 דִיזֶע וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעזָאגְט. און דֶערְנָאךְ
הָאט עֶר צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אוּנְזֶער פְרֵיינְד לַעֲזָר שְׁלָאפְט; אָבֶּער אִיךְ גֶעה אַז
אִיךְ זָאל אִיהְם אוֹיפְוֶועקֶען. 12 אַזוֹי הָאבֶּען דִיא תַּלְמִידִים צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
הַאר, וֶוען עֶר שְׁלָאפְט, וֶועט עֶר גֶעזוּנְד וֶוערֶען. 13 אָבֶּער יֵשׁוּעַ הָאט פוּן זֵיין
טוֹיט גֶערֶעדְט; דָאךְ הָאבֶּען זֵייא גֶעמֵיינְט אַז עֶר רֶעדְט פוּן זֵיין רוּהֶען אִין שְׁלָאף.
14 דַאן הָאט יֵשׁוּעַ עֶפֶענְטְלִיךְ צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, לַעֲזָר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען; 15 און
אִיךְ פְרֵייעֶ מִיךְ פוּן אֵייעֶרְט וֶועגֶען, אַז אִיךְ בִּין נִיט דָארְט גֶעוֶועזֶען, אַז אִיהְר
זָאלְט גְלוֹיבֶּען; אָבֶּער לָאזֶען מִיר צוּ אִיהְם גֶעהֶען. 16 אַזוֹי הָאט תּוֹמָא, וָואס
אִיז גֶערוּפֶען דִידוּמוּס, צוּ זֵיינֶע מִיט־תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט, לָאזֶען מִיר אוֹיךְ גֶעהֶען,
אַז מִיר זָאלֶען מִיט אִיהְם שְׁטַארְבֶּען.

17 אַזוי װען יֵשוּעַ איז גֶעקוּמֶען הָאט ער גֶעפִינֶען אַז ער איז שוֹין פִיער טֶעג
אים קֶבֶר גֶעװֶען. 18 און בֵּית־הִינִי איז צוּ יְרוּשָׁלַיִם נָאהֶענְט גֶעװֶען, קֶעגֶען
פִינְפְצֶען אַקֶער פֶעלְד װייט. 19 און פִילֶע פוּן דִיא יוּדֶען זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ
מַרְתָּא און מִרְיָם, אַז זֵייא זָאלֶען זֵייא טְרֵייסְטֶען װעגֶען זֵייער בְּרוּדֶער. 20 דְרוּם
װען מַרְתָּא הָאט גֶעהֶערְט אַז יֵשוּעַ קוּמְט, איז זיא אִיהְם ענְטְגֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען;
אָבֶּער מִרְיָם איז אים הױז גֶעזֶעסֶען. 21 אַזוי הָאט מַרְתָּא צוּ יֵשוּעַ גֶעזָאגְט,
הַאר, װען דוּא װָאלְסְט דָא גֶעװֶען, װָאלְט מֵיין בְּרוּדֶער נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען;
22 אויך אַצוּנְד, װייס איך אַז אֲפִילוּ װָאס דוּא װֶעסְט בֶּעטֶען פוּן גָאט װֶעט דִיר
גָאט גֶעבֶּען. 23 יֵשוּעַ הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, דֵיין בְּרוּדֶער װֶעט אויפְשְׁטֶעהֶען.
24 מַרְתָּא הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, איך װייס אַז ער װֶעט אויפְשְׁטֶעהֶען אין דֶער
אויפֶערְשְׁטֶעהוּנְג אים לֶעצְטֶען טָאג. 25 יֵשוּעַ הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, איך בִּין
דִיא אויפֶערְשְׁטֶעהוּנְג און דָאס לֶעבֶּען. װער עֶס גְלױבְּט אָן מִיר, װען אויך ער
איז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אַזוי װֶעט ער דָאך לֶעבֶּען, 26 און אִיטְלִיכֶער װָאס לֶעבְּט און
גְלױבְּט אָן מִיר, װֶעט אויף עֶבִּיג נִיט שְׁטַארְבֶּען; גְלױבְּסְט דוּא דָאס? 27 זִיא
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, יָא, הַאר, איך הָאבּ גֶעגְלױבְּט אַז דוּא בִּיסְט דֶער
מָשִׁיחַ, דֶער זוּהְן פוּן גָאט, װֶעלְכֶער קוּמְט אין דֶער װֶעלְט. 28 און װען זיא הָאט
דָאס גֶעזָאגְט, איז זיא אַװעקְגֶעגַאנְגֶען און הָאט גֶערוּפֶען אִיהְרֶע שְׁװֶעסְטֶער
מִרְיָם שְׁטִילֶערְהֵייט, און הָאט גֶעזָאגְט, דֶער לֶעהְרֶער איז דָא, און ער רוּפְט
דִיך. 29 און װען זיא הָאט דָאס גֶעהֶערְט איז זיא גֶעשְׁװִינְד אויפְגֶעשְׁטַאנֶען, און
איז צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען. 30 און יֵשוּעַ איז נָאך נִיט אים דָארְף אַרֵיינְגֶעקוּמֶען,
נֵייעֶרְט איז אים אָרְט גֶעװֶען װוּ מַרְתָּא הָאט אִיהְם גֶעטְרָאפֶען.
31 דִיא יוּדֶען דֶען װָאס זֶענֶען מִיט אִיהְר אים הױז גֶעװֶען און הָאבֶּען זיא
גֶעטְרֵייסְט, װען זֵייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אַז מִרְיָם איז פְלוּצְלִינְג אויפְגֶעשְׁטַאנֶען און
איז אַװעקְגֶעגַאנְגֶען, זֶענֶען אִיהְר נָאכְגֶעגַאנְגֶען און הָאבֶּען גֶעזָאגְט. זיא גֶעהְט
אַװעק צוּם קֶבֶר, אַז זיא זָאל דָארְט װֵיינֶען. 32 דְרוּם װען מִרְיָם איז אַהִין
גֶעקוּמֶען װוּ יֵשוּעַ איז גֶעװֶען, און הָאט אִיהְם גֶעזֶעהֶען, איז זיא אִיהְם צוּ
דִיא פִיס גֶעפַאלֶען און הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, װען דוּא װָאלְסְט דָא
גֶעװֶען, אַזוי װָאלְט מֵיין בְּרוּדֶער נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען. 33 דְרוּם װען יֵשוּעַ הָאט
גֶעזֶעהֶען אַז זיא הָאט גֶעװֵיינְט, און אַז דִיא יוּדֶען װָאס זֶענֶען מִיט אִיהְר גֶעקוּ־
מֶען הָאבֶּען גֶעװֵיינְט, הָאט ער גֶעזִיפְצְט אים גֵייסְט, און עֶס הָאט אִיהְם װעה
גֶעטְהוּן; 34 און ער הָאט גֶעזָאגְט, װוּ הָאט אִיהְר אִיהְם גֶעלֶעגְט? זֵייא הָאבֶּען
צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, קוּם און זֶעה. 35 יֵשוּעַ הָאט גֶעװֵיינְט. 36 אַזוי הָאבֶּען
דִיא יוּדֶען גֶעזָאגְט, זֶעהְט װִיא ער הָאט אִיהְם גֶעלִיבְּט. 37 און עֶטְלִיכֶע פוּן זֵייא
הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דֶער װֶעלְכֶער הָאט אויפְגֶעמַאכְט דִיא אויגֶען פוּן דֶעם בְּלִינְדֶען,
װָאלְט ער נִיט גֶעקֶענְט מַאכֶען אַז אויך דִיזֶער זָאל נִיט שְׁטַארְבֶּען? 38 אַזוי
הָאט יֵשוּעַ װִידֶער אין זִיך גֶעזִיפְצְט, און איז צוּם קֶבֶר גֶעקוּמֶען; און עֶס איז
גֶעװֶען אַ הֵייל, און אַ שְׁטֵיין איז דְרוֹיף גֶעלֶעגֶען. 39 יֵשוּעַ הָאט גֶעזָאגְט, נֶעמְט
אַװעק דֶעם שְׁטֵיין. מַרְתָּא, דִיא שְׁװֶעסְטֶער פוּן דֶעם טוֹיטֶען, הָאט צוּ אִיהְם

גֶעזָאגְט, הַאר, עֶר שְׁטִינְקְט שׁוין, וָוארִין עֶר אִיז פִיעֶר טֶעג טוֹיט. 40 יֵשׁוּעַ הָאט
צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, הָאבּ אִיךְ דִיר נִיט גֶעזָאגְט, וֶוען דוּא וֶועסְט גְלוֹיבֶּען
וֶועסְט דוּא זֶעהֶען דִיא הֶערְלִיכְקֵייט פוּן גָאט? 41 אַזוֹי הָאבֶּען זַייא דֶעם שְׁטֵיין
אַוֶועקְגֶענוּמֶען. אוּן יֵשׁוּעַ הָאט זַיינֶע אוֹיגֶען אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אוּן הָאט גֶעזָאגְט,
פָאטֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז דוּא הָאסְט מִיךְ גֶעהֶערְט. 42 אוּן אִיךְ הָאבּ גֶע־
ווּאוּסְט אַז דוּא הֶערְסְט מִיךְ בֶּעשְׁטֶענְדִיג; אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזָאגְט וֶועגֶען
דֶעם פָאלְק וָואס שְׁטֶעהְט אַרוּם, אַז זַייא זָאלֶען גְלוֹיבֶּען אַז דוּא הָאסְט מִיךְ
גֶעשִׁיקְט. 43 אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגֶען מִיט אַ הוֹיךְ
קוֹל, לַעֲזָר, קוּם אַרוֹיס. 44 אוּן דֶער טוֹיטֶער אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, גֶעבּוּנְדֶען פִים
אוּן הֶענְד מִיט דִיא תַּכְרִיכִין, אוּן זַיין פָּנִים אִיז פֶערְבּוּנְדֶען גֶעוֶוען מִיט אַ
טִיכֶעל. יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט בִּינְד אִיהְם אוֹיף, אוּן לָאזְט אִיהְם גֶעהֶען.
45 דְרוּם פִילֶע פוּן דִיא יוּדֶען וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִרְיָם, אוּן הָאבֶּען גֶע־
זֶעהֶען וָואס יֵשׁוּעַ הָאט גֶעטְהוּן, הָאבֶּען אָן אִיהְם גֶעגְלוֹיבְּט; 46 אָבֶּער עֶטְלִיכֶע
פוּן זַייא זֶענֶען צוּ דִיא פְּרוּשִׁים אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבֶּען זַייא דֶערְצֶעהְלְט
וָואס יֵשׁוּעַ הָאט גֶעטְהוּן.
47 דְרוּם הָאבֶּען דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן דִיא פְּרוּשִׁים פֶערְזַאמֶעלְט דָאס
סַנְהֶדְרִין, אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, וָואס זָאלֶען מִיר טְהוּן, וָוארִין דִיזֶער מַאן טְהוּט
פִילֶע צֵייכֶען? 48 וֶוען מִיר וֶועלֶען אִיהְם אַזוֹי לָאזֶען, וֶועלֶען אַלֶע אָן אִיהְם
גְלוֹיבֶּען; אוּן דִיא רוֹימֶער וֶועלֶען קוּמֶען, אוּן וֶועלֶען אַוֶועקְנֶעמֶען אוּנְזֶער אָרְט
אוּן אוּנְזֶער פָאלְק. 49 אוּן אֵיינֶער פוּן זַייא וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען קַיָּפָא, וֶועלְכֶער
אִיז גֶעוֶועזֶען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִין יֶענֶעם יָאהְר, הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, אִיהְר ווייסְט
גָאר נִיט, 50 אוּן אִיהְר בֶּעטְרַאכְט נִיט אַז עֶס אִיז גוּט פַאר אוּנְז אַז אֵיין מֶענְשׁ
זָאל שְׁטַארְבֶּען פַאר דֶעם פָאלְק, אוּן אַז דָאס גַאנְצֶע פָאלְק זָאל נִיט פֶערְלוֹירֶען
וֶוערֶען. 51 אוּן דָאס הָאט עֶר נִיט פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט גֶעזָאגְט, נֵייעֶרְט ווייל עֶר
אִיז גֶעוֶועזֶען דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִין יֶענֶעם יָאהְר, הָאט עֶר נְבוּאוֹת גֶעזָאגְט אַז יֵשׁוּעַ
וֶועט פַאר דֶעם פָאלְק שְׁטַארְבֶּען; 52 אוּן נִיט פַאר דֶעם פָאלְק אַלֵיין, נֵייעֶרְט
אַז עֶר זָאל אִין אֵיינֶעם אֵיינְזַאמְלֶען דִיא קִינְדֶער פוּן גָאט וָואס זֶענֶען צוּ־
שְׁפְּרֵייט. 53 אַזוֹי הָאבֶּען זַייא פוּן דֶעם טָאג אָן אֵיין עֵצָה גֶעהַאלְטֶען אַז זַייא
זָאלֶען אִיהְם טֵייטֶען.
54 דְרוּם אִיז יֵשׁוּעַ נִיט מֶעהְר עֶפֶענְטְלִיךְ אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען צְוִוישֶׁען דִיא יוּדֶען,
נֵייעֶרְט אִיז פוּן דָארְטֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען צוּ אֵיין אָרְט נָאהֶענְט צוּ דֶער מִדְבָּר,
צוּ אַ שְׁטָאדְט וָואס הֵייסְט אֶפְרַיִם; אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעוואוֹינְט מִיט דִיא
תַּלְמִידִים. 55 אוּן עֶס אִיז נָאהֶענְט גֶעוֶוען צוּם יוּדִישֶׁען חַג הַפֶּסַח, אוּן פִילֶע
זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם לַאנְד קַיין יְרוּשָׁלַיִם פָאר דֶעם פֶּסַח, כְּדֵי זַייא
זָאלֶען זִיךְ רֵיינִיגֶען. 56 אַזוֹי הָאבֶּען זַייא גֶעזוּכְט יֵשׁוּעַ, אוּן הָאבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ
גֶערֶעט וִויא זַייא זֶענֶען אִין בֵּית הַמִקְדָּשׁ גֶעשְׁטַאנֶען, וָואס דֶענְקְט אִיהְר? אַז
עֶר וֶועט נִיט קוּמֶען אוֹיף יוֹם טוֹב? 57 אוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן דִיא
פְּרוּשִׁים הָאבֶּען אַ גֶעבָּאט אוֹיסְגֶעגֶעבֶּען, אַז וֶוען אֵיימִיצֶער וֶועט וִויסֶען וְואוּ

עֶר אִיז, זָאל עֶר עֶס אָנְזָאגֶען, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען אִיהְם נֶעמֶען.

יב 1 דְרוּם זֶעקְס טֶעג פָאר דֶעם פֶּסַח אִיז יֵשׁוּעַ גֶעקוּמֶען קֵיין בֵּית הִינִי,
וְואוּ לַעֲזָר אִיז גֶעוֶוען, וֶועלְכֶען יֵשׁוּעַ הָאט פוּן דֶעם טוֹיט אוֹיפְגֶעוֶועקְט.
2 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם דָארְט אֵיין אָבֶּענְדְמָאהְל גֶעמַאכְט, אוּן מַרְתָּא
הָאט בֶּעדִינְט; אָבֶּער לַעֲזָר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִיא וָואס זֶענֶען מִיט
אִיהְם בֵּיים טִישׁ גֶעזֶעסֶען. 3 אַזוֹי הָאט מִרְיָם גֶענוּמֶען אַ פוּנְט פוּן זֶעהְר
טֵייעֶרֶען מֹר נֵרְד, אוּן הָאט דִיא פִּיס פוּן יֵשׁוּעַ גֶעזַאלְבְּט, אוּן הָאט זֵיינֶע פִּיס
אָבְּגֶעוִוישְׁט מִיט אִיהְרֶע הָאר; אוּן דָאס הוֹיז אִיז פוּל גֶעוֶוען מִיט דֶעם רֵיחַ פוּן
דֶעם מֹר. 4 אוּן יְהוּדָה אִישְׁקְרִיוֹת, אֵיינֶער פוּן זֵיינֶע תַּלְמִידִים וָואס הָאט
אִיהְם גֶעזָאלְט אִיבֶּערְגֶעבֶּען הָאט גֶעזָאגְט, 5 וָוארוּם אִיז נִיט דִיזֶעס מֹר פֶּערְקוֹיפְט
גֶעוָוארֶען פַאר דְרֵייא הוּנְדֶערְט גְרָאשֶׁען,* אוּן צוּ דִיא אָרְמֶע לֵייט גֶעגֶעבֶּען?
6 אוּן דָאס הָאט עֶר גֶעזָאגְט, נִיט וֵוייל עֶר הָאט פַאר דִיא אָרְמֶע לֵייט גֶעזָארְגְט,
נֵייעֶרְט וֵוייל עֶר אִיז אַ גַנָב גֶעוֶוען, אוּן הָאט דֶעם בֵּייטֶעל גֶעהַאט, אוּן הָאט
גֶעטְרָאגֶען וָואס מֶען הָאט דְרִינֶען אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען. 7 דְרוּם הָאט יֵשׁוּעַ גֶעזָאגְט,
לָאז זִיא, אַז זִיא זָאל עֶס בֶּעהַאלְטֶען צוּם טָאג פוּן מֵיינֶע קְבוּרָה; 8 וָוארִין דִיא
אָרְמֶע לֵייט הָאט אִיהְר בֶּעשְׁטֶענְדִיג מִיט אֵייךְ, אָבֶּער מִיךְ הָאט אִיהְר נִיט
בֶּעשְׁטֶענְדִיג.

9 אַזוֹי הָאבֶּען פִיל לֵייט פוּן דִיא יוּדֶען גֶעוְואוּסְט אַז עֶר אִיז דָארְט, אוּן זֵייא
זֶענֶען גֶעקוּמֶען, נִיט פוּן וֶועגֶען יֵשׁוּעַ אַלֵיין, נֵייעֶרְט אַז זֵייא זָאלֶען אוֹיךְ לַעֲזָר
זֶעהֶען, וֶועלְכֶען עֶר הָאט פוּן דֶעם טוֹיט אוֹיפְגֶעוֶועקְט. 10 אָבֶּער דִיא עֶרְשְׁטֶע
כֹּהֲנִים הָאבֶּען אֵיין עֵצָה גֶעהַאלְטֶען אַז זֵייא זָאלֶען לַעֲזָר אוֹיךְ הַרְגֶענֶען;
11 וָוארִין פִילֶע פוּן דִיא יוּדֶען זֶענֶען דוּרְךְ אִיהְם אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבֶּען
אָן יֵשׁוּעַ גֶעגְלוֹיבְּט.

12 דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג וֶוען פִיל לֵייט וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף יוֹם טוֹב הָאבֶּען גֶעהֶערְט אַז יֵשׁוּעַ קוּמְט קֵיין יְרוּשָׁלַיִם, 13 הָאבֶּען זֵייא גֶענוּמֶען דִיא צְוֵוייגֶען
פוּן טֵייטֶעלְבֵּיימֶער, אוּן זֶענֶען אִיהְם עֶנְטְגֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען,

הוֹשַׁעְנָא,
גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער וֶועלְכֶער קוּמְט אִים נָאמֶען פוּן דֶעם הַאר'ן,
אוּן דֶער מֶלֶךְ פוּן יִשְׂרָאֵל.

14 אוּן יֵשׁוּעַ וֶוען עֶר הָאט גֶעפִינֶען אַ יוּנְגֶעס עֶזֶעל הָאט זִיךְ דְרוֹיף גֶעזֶעצְט,
אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען;

15 פָארְכְט דִיךְ נִיט, דוּא טָאכְטֶער פוּן צִיוֹן,
זֶעה, דֵיין קֶענִיג קוּמְט,
רֵייטֶענְדִיג אוֹיף אַ פִילְכֶען פוּן אֵיין עֶזֶעל.

16 אַזוֹי הָאבֶּען זֵיינֶע תַּלְמִידִים דָאס צוּעֶרְשְׁט נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען, נֵייעֶרְט וֶוען
יֵשׁוּעַ אִיז פֶערְהֶערְלִיכְט גֶעוָוארֶען, דַאן הָאבֶּען זֵייא גֶעדֶענְקְט אַז דִיזֶע זַאכֶען
זֶענֶען אוֹיף אִיהְם גֶעשְׁרִיבֶּען, אוּן אַז זֵייא הָאבֶּען דִיזֶע זַאכֶען צוּ אִיהְם גֶעטְהוּן.

5 גר׳ דינר   3 תהלים קיח׳ כה׳, כו׳.   15 זכריה ט׳ ט׳.

17 דְרוּם דִיא לֵייט וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט לַעזָר אַרוֹיסְגֶע־
רוּפֶען פוּן דֶעם קֶבֶר, אוּן הָאט אִיהְם פוּן דִיא טוֹיטֶע אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאבֶּען
בֶּעצֵייגְט. 18 דֶעסְטְוֶועגֶען זֶענֶען אִיהְם דִיא לֵייט עֶנְטְגֶעגֶען גֶעקוּמֶען, וַוייל
זֵייא הָאבֶּען גֶעהֶערְט אַז עֶר הָאט דִיזֶעס צֵייכֶען גֶעטְהוּן. 19 אַזוֹי הָאבֶּען דִיא
פְּרוּשִׁים אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען גֶעזָאגְט, זֶעהְט אִיהְר, אַז עֶס נוּצְט גָאר נִיט;
זֶעה דִיא וֶועלְט גֶעהְט אִיהְם נָאךְ.

20 אוּן עֶס זֶענֶען עֶטְלִיכֶע גְרֶעקֶען גֶעוֶוען צְוִוישֶׁען דִיא וָואס זֶענֶען אַרוֹיפְגֶע־
גַאנְגֶען אוֹיף יוֹם טוֹב צוּ בֶּעטֶען. 21 אַזוֹי זֶענֶען דִיזֶע גֶעקוּמֶען צוּ פִילִיפּוּס
פוּן בֵּית־צַיְדָה אִין גָלִיל, אוּן הָאבֶּען אִיהְם גֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט, הַאר, מִיר
ווִילֶען יֵשׁוּעַ זֶעהֶען. 22 פִילִיפּוּס אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט עֶס צוּ אַנְדְרַי גֶעזָאגְט;
אַנְדְרַי אוּן פִילִיפּוּס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן הָאבֶּען עֶס גֶעזָאגְט צוּ יֵשׁוּעַ. 23 אוּן
יֵשׁוּעַ הָאט זֵייא גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, דִיא שָׁעָה אִיז גֶעקוּמֶען אַז דֶער
בֶּן אָדָם זָאל פֶערְהֶערְלִיכְט וֶוערֶען. 24 בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, וֶוען דָאס
קֶערֶענְדֶעל פוּן ווֵייץ פַאלְט נִיט אִין דֶער עֶרְד אוּן שְׁטַארְבְּט, בְּלֵייבְּט עֶס אַלֵיין;
אָבֶּער וֶוען עֶס שְׁטַארְבְּט, אַזוֹי טְרָאגְט עֶס פִיל פְרוּכְט. 25 וֶוער עֶס לִיבְּט זֵיין
לֶעבֶּען פֶערְלִירְט עֶס; אוּן וֶוער עֶס הַאסְט זֵיין לֶעבֶּען אִין דִיזֶער וֶועלְט, דֶער
וֶועט עֶס דֶערְהַאלְטֶען צוּם עֶבִּיגֶען לֶעבֶּען. 26 וֶוען אִימְלִיכֶער וֶועל מִיר דִינֶען,
לָאז עֶר מִיר נָאכְפָאלְגֶען, אוּן וְואוּ אִיךְ בִּין דָארְט וֶועט מֵיין דִינֶער אוֹיךְ
זֵיין; וֶוער עֶס וֶועט מִיךְ דִינֶען, דֶעם וֶועט מֵיין פָאטֶער עֶהְרֶען. 27 אַצוּנְד אִיז
מֵיינֶע זֶעלֶע בֶּעטְרִיבְּט גֶעוָוארֶען; אוּן וָואס זָאל אִיךְ זָאגֶען? פָאטֶער, רֶעט
מִיךְ פוּן דִיזֶער שָׁעָה אַרוֹיס; אָבֶּער דֶעסְטְוֶועגֶען בִּין אִיךְ צוּ דִיזֶער שָׁעָה גֶעקוּ־
מֶען. 28 פָאטֶער, פֶערְהֶערְלִיךְ דֵיין נָאמֶען. אַזוֹי אִיז אַ קוֹל פוּן הִימֶעל גֶעקוּ־
מֶען, אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיךְ פֶערְהֶערְלִיכְט, אוּן אִיךְ וֶועל עֶס ווִידֶער פֶערְהֶערְלִיכֶען.
29 דְרוּם דִיא לֵייט וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאבֶּען עֶס גֶעהֶערְט הָאבֶּען
גֶעזָאגְט, אַז עֶס אִיז דוּנֶער גֶעוֶוען; אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גֶעזָאגְט אַז אַ מַלְאָךְ הָאט
צוּ אִיהְם גֶערֶעט. 30 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, דָאס קוֹל אִיז נִיט
גֶעוֶוען פוּן מֵיינֶעט וֶועגֶען. 31 אַצוּנְד אִיז דָאס גֶערִיכְט פוּן דִיזֶער וֶועלְט; אַצוּנְד
וֶוערְט דֶער פִירְשְׁט פוּן דִיזֶער וֶועלְט דְרוֹיסֶען אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען. 32 אוּן אִיךְ,
וֶוען אִיךְ וֶועל אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען וֶוערֶען פוּן דֶער עֶרְד, וֶועל אִיךְ אַלֶע מֶענְשֶׁען צוּ
מִיר צִיהֶען. 33 דָאס הָאט עֶר דֶען גֶעזָאגְט, צוּ בֶּעדֵייטֶען מִיט וָואסְפַאר אַ טוֹיט
עֶר וֶועט שְׁטַארְבֶּען. 34 דְרוּם הָאבֶּען אִיהְם דִיא לֵייט גֶעעֶנְטְפֶערְט, מִיר הָאבֶּען
גֶעהֶערְט פוּן דֶער תּוֹרָה, אַז דֶער מָשִׁיחַ וֶועט עֶבִּיג בְּלֵייבֶּען, אוּן ווִיא אַזוֹי
זָאגְסְט דוּא אַז דֶער בֶּן אָדָם מוּז אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען וֶוערֶען? וֶוער אִיז דִיזֶער
בֶּן אָדָם? 35 אַזוֹי הָאט יֵשׁוּעַ צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, נָאךְ אַ קוּרְצֶע צֵייט אִיז דָאס
לִיכְט בֵּייא אֵייךְ; גֶעהְט אַרוּם בְּשַׁעַת אִיהְר הָאט דָאס לִיכְט, כְּדֵי דִיא פִינְסְ־
טֶערְנִיס זָאל אֵייךְ נִיט אִיבֶּערְפַאלֶען; אוּן דֶער וָואס גֶעהְט אַרוּם אִין דֶער
פִינְסְטֶערְנִיס ווֵייסְט נִיט וְואוּ אַהִין עֶר גֶעהְט. 36 בְּשַׁעַת אִיהְר הָאט דָאס לִיכְט
גְלוֹיבְּט אָן דֶעם לִיכְט, אַז אִיהְר זָאלְט וֶוערֶען זִיהְן פוּן לִיכְט.

דיזֶע זַאכֶען הָאט יֵשוּעַ גֶעזָאגְט, אוּן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ פוּן זֵייא
פֶערְבָּארְגֶען. 37 אָבֶּער הָאטְשֶׁע עֶר הָאט אַזוֹי פִיל צֵייכֶען פָאר זֵייא גֶעטְהוּן,
הָאבֶּען זֵייא דָאךְ נִיט אָן אִיהְם גֶעגְלוֹיבְּט; 38 כְּדֵי דָאס וָוארְט פוּן יְשַׁעְיָה
הַנָבִיא זָאל מְקוּיָם וֶוערֶען, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, הַאר, וֶוער הָאט גֶעגְלוֹיבְּט
אוּנְזֶער בֶּערִיכְט? אוּן צוּ וֶועמֶען אִיז דֶער אָרְם פוּן דֶעם הַאר'ן אַנְטְפְּלֶעקְט
גֶעוָוארֶען? 39 דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען זֵייא נִיט גֶעקֶענְט גְלוֹיבֶּען, וָוארִין יְשַׁעְיָה
הָאט ווִידֶער גֶעזָאגְט; 40 עֶר הָאט זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען בְּלִינְד גֶעמַאכְט, אוּן הָאט
פֶערְהַארְטֶעט זֵייעֶר הַארְץ, אַז זֵייא זָאלֶען נִיט זֶעהֶען מִיט דִיא אוֹיגֶען, אוּן
פֶערְשְׁטֶעהֶען מִיט דֶעם הַארְץ, אוּן זָאלֶען אוּמְקֶעהְרֶען, אוּן אִיךְ וֶועל זֵייא
הֵיילֶען. 41 דִיזֶע זַאכֶען הָאט יְשַׁעְיָה גֶעזָאגְט, ווייל עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען זֵיינֶע הֶערְ־
לִיכְקֵייט, אוּן הָאט פוּן אִיהְם גֶערֶעט. 42 דָאךְ הָאבֶּען פִילֶע פוּן דִיא פִירְשְׁטֶען
אוֹיךְ אָן אִיהְם גֶעגְלוֹיבְּט, אָבֶּער וֶועגֶען דִיא פְּרוּשִׁים הָאבֶּען זֵייא נִיט בֶּעקֶענְט,
אַז זֵייא זָאלֶען נִיט אוֹיס דֶער שׁוּל אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען וֶוערֶען; 43 וָוארִין זֵייא
הָאבֶּען גֶעלִיבְּט דֶעם כָּבוֹד פוּן מֶענְשֶׁען מֶעהְר ווִיא דֶעם כָּבוֹד פוּן גָאט.
44 אוּן יֵשוּעַ הָאט גֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס גְלוֹיבְּט אָן מִיר, דֶער
גְלוֹיבְּט נִיט אָן מִיר, נֵייעֶרְט אָן אִיהְם וָואס הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט; 45 אוּן דֶער
וָואס זֶעהְט מִיךְ זֶעהְט אִיהְם וָואס הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט. 46 אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין
דֶער וֶועלְט פַאר אַ לִיכְט, אַז אִיטְלִיכֶער וָואס גְלוֹיבְּט אָן מִיר זָאל נִיט אִין
דֶער פִינְסְטֶערְנִים בְּלֵייבֶּען. 47 אוּן וֶוער עֶס הֶערְט מֵיינֶע וֶוערְטֶער אוּן הַאלְט
זֵייא נִיט, דֶעם רִיכְטֶע אִיךְ נִיט; וָוארִין אִיךְ בִּין נִיט גֶעקוּמֶען אַז אִיךְ זָאל דִיא
וֶועלְט רִיכְטֶען, נֵייעֶרְט אַז אִיךְ זָאל דִיא וֶועלְט רֶעטֶען. 48 וֶוער עֶס אִיז מִיךְ
מְבַזֶה, אוּן נֶעמְט נִיט אָן מֵיינֶע וֶוערְטֶער, דֶער הָאט אֵיינֶעם וָואס אִיהְם רִיכְ־
טֶעט. דָאס וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶערֶעט, דָאס וֶועט אִיהְם רִיכְטֶען אִין דֶעם
לֶעצְטֶען טָאג. 49 וָוארִין אִיךְ הָאבּ נִיט פוּן מִיר אַלֵיין גֶערֶעט, נֵייעֶרְט דֶער
פָאטֶער וָואס הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט הָאט מִיר אַ גֶעבָּאט גֶעגֶעבֶּען, וָואס אִיךְ זָאל
זָאגֶען אוּן וָואס אִיךְ זָאל רֶעדֶען. 50 אוּן אִיךְ ווֵייס אַז זֵיין גֶעבָּאט אִיז עֶבִּיגֶעס
לֶעבֶּען. דְרוּם וָואס אִיךְ רֶעד, דָאס רֶעד אִיךְ אַזוֹי ווִיא דֶער פָאטֶער הָאט מִיר
גֶעזָאגְט.

יג 1 אוּן פָאר דֶעם יוֹם טוֹב פוּן פֶּסַח, וֶוען יֵשוּעַ הָאט גֶעווּאוּסְט אַז זֵיינֶע
שָׁעָה אִיז גֶעקוּמֶען אַז עֶר זָאל אַוֶועקְגֶעהֶען פוּן דִיזֶער וֶועלְט צוּם פָאטֶער,
הָאט עֶר גֶעלִיבְּט דִיא זֵיינִיגֶע וָואס זֶענֶען אִין דֶער וֶועלְט גֶעוֶוען, אוּן הָאט זֵייא
גֶעלִיבְּט בִּיז צוּם עֶנְד. 2 אוּן בְּשַׁעַת דֶעם אָבֶּענְדְמָאהְל, וֶוען דֶער שָׂטָן הָאט
שׁוֹין אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען אִים הַארְץ פוּן יְהוּדָה אִישְׁקְרִיוֹת, זוּהְן פוּן שִׁמְעוֹן,
אַז עֶר זָאל אִיהְם אִיבֶּערְגֶעבֶּען, 3 יֵשוּעַ ווִיסֶענְדִיג אַז דֶער פָאטֶער הָאט אִיהְם
אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אִין זֵיינֶע הֶענְד, אוּן אַז עֶר אִיז פוּן גָאט גֶעקוּמֶען
אוּן גֶעהְט צוּ גָאט, 4 אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶעם אָבֶּענְדְמָאהְל, אוּן הָאט דִיא
קְלֵיידֶער אָן דֶער זֵייט גֶעלֶעגְט, אוּן הָאט אַ הַאנְדְטוּךְ גֶענוּמֶען, אוּן הָאט זִיךְ

38 ישעיה נג׳ א׳. 40 ישעיה ו׳ ט׳, י׳.

אַרומְגֶעגַארְטֶעלְט. 5 דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אַרֵיינְגֶעגָאסֶען וַואסֶער אִים בֶּעקֶען, אוּן
הָאט אָנְגֶעהויבֶּען צוּ וַואשֶׁען דִיא פִּים פוּן דִיא תַּלְמִידִים, אוּן אָפְּצְווִישֶׁען מִיט
דֶעם הַאנְדְטוּךְ מִיט וֶועלְכֶעם עֶר אִיז אַרומְגֶעגַארְטֶעלְט גֶעוֶוען. 6 אַזוֹי אִיז
עֶר גֶעקוּמֶען צוּ שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס; הָאט עֶר צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, וַואשְׁט דוּא
מֵיינֶע פִּים? 7 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וָואס אִיךְ
טְהוּא דָאס ווייסְט דוּא נִיט אַצוּנְד, אָבֶּער דוּא וֶועסְט עֶס שְׁפֶּעטֶער וִויסֶען.
8 פֶּעטְרוּס הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דוּא זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִיט וַואשֶׁען מֵיינֶע פִּים.
יֵשׁוּעַ הָאט אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט, וֶוען אִיךְ וַואשׁ דִיךְ נִיט אַזוֹי הָאסְט דוּא נִיט
קֵיין טְהֵייל מִיט מִיר. 9 שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, נִיט אַלֵיין
מֵיינֶע פִּים, נֵייעֶרְט אוֹיךְ דִיא הֶענְד אוּן דֶעם קָאפּ. 10 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס אִיז אָפְּגֶעוַואשֶׁען בֶּעדַארְף נִיט מֶעהְר נוּר דִיא פִּים צוּ
וַואשֶׁען, אָבֶּער אִיז גַאנְץ רֵיין; אוּן אִיהְר זֶענְט רֵיין, אָבֶּער נִיט אַלֶע. 11 וָוארִין
עֶר הָאט גֶעוְואוּסְט וֶוער עֶס וֶועט אִיהְם אִיבֶּערְגֶעבֶּען; דְרוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט,
אִיהְר זֶענְט נִיט אַלֶע רֵיין.

12 אַזוֹי וֶוען עֶר הָאט זֵייעֶרֶע פִּים גֶעוַואשֶׁען הָאט עֶר גֶענוּמֶען זֵיינֶע קְלֵיי־
דֶער, אוּן הָאט זִיךְ ווִידֶער אָנְגֶעלֶעהְנְט, אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, ווייסְט אִיהְר
וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ אֵייךְ גֶעטְהוּן? 13 אִיהְר רוּפְט מִיךְ לֶעהְרֶער אוּן הַאר, אוּן
אִיהְר זָאגְט רֶעכְט, וָוארִין אִיךְ בִּין עֶס. 14 וֶוען אִיךְ דֶער הַאר אוּן דֶער
לֶעהְרֶער הָאבּ אֵייעֶרֶע פִּים גֶעוַואשֶׁען, אַזוֹי דַארְפְט אִיהְר אוֹיךְ אֵיינֶער דֶעם
אַנְדֶערֶען דִיא פִּים וַואשֶׁען; 15 וָוארִין אִיךְ הָאבּ אֵייךְ אַ בֵּיישְׁפִּיל גֶעגֶעבֶּען,
אַז אִיהְר אוֹיךְ זָאלְט טְהוּן אַזוֹי וִויא אִיךְ הָאבּ צוּ אֵייךְ גֶעטְהוּן. 16 בֶּאֱמֶת
בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַ קְנֶעכְט אִיז נִיט גְרֶעסֶער וִויא זֵיין הַאר, אָדֶער אַ שָׁלִיחַ
גְרֶעסֶער וִויא דֶער וָואס הָאט אִיהְם גֶעשִׁיקְט. 17 וֶוען אִיהְר ווייסְט דִיזֶע זַאכֶען,
גֶעבֶּענְשְׁט זֶענְט אִיהְר וֶוען אִיהְר זֵייא טְהוּט. 18 אִיךְ זָאג עֶס נִיט וֶועגֶען אֵייךְ
אַלֶע; אִיךְ ווייס וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט. נֵייעֶרְט אַז דִיא שְׁרִיפְט
זָאל מְקוּיָם וֶוערֶען, וֶוער עֶס עֶסְט מֵיין בְּרוֹיט הָאט זֵיינֶעם טְרִיט קֶעגֶען מִיר
אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען. 19 דֶערְנָאךְ זָאג אִיךְ אֵייךְ אֵיידֶער עֶס גֶעשֶׁעהְט, אַז וֶוען עֶס
וֶועט גֶעשֶׁעהֶען זָאלְט אִיהְר גְלוֹיבֶּען אַז אִיךְ בִּין. 20 בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ
אֵייךְ, דֶער וָואס נֶעמְט אוֹיף דֶעם וֶועמֶען אִיךְ וֶועל שִׁיקֶען, דֶער נֶעמְט מִיךְ
אוֹיף, אוּן דֶער וָואס נֶעמְט מִיךְ אוֹיף נֶעמְט אוֹיף דֶעם וֶועלְכֶער הָאט מִיךְ
גֶעשִׁיקְט.

21 וֶוען יֵשׁוּעַ הָאט דָאס גֶעזָאגְט, אִיז עֶר בֶּעטְרִיבְּט גֶעוָוארֶען אִים גֵייסְט,
אוּן הָאט בֶּעצֵייגְט אוּן גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, אַז אֵיינֶער פוּן אֵייךְ
וֶועט מִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּען. 22 דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען אֵיינֶער אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען
גֶעקוּקְט, אוּן זֶענֶען אִין סָפֵק גֶעוֶוען אוֹיף וֶועמֶען עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט.
23 אֵיינֶער פוּן זֵיינֶע תַּלְמִידִים, וֶועלְכֶעם יֵשׁוּעַ הָאט גֶעלִיבְּט, אִיז אָן דֶער בְּרוּסְט
פוּן יֵשׁוּעַ אָנְגֶעלֶעהְנְט גֶעוֶוען. 24 אַזוֹי הָאט שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס צוּ אִיהְם גֶעווִינְקְט

18 תהלים מא׳ י׳.

און הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, זָאג ווֶער עֶס אִיז אוֹיף ווֶעמֶען עֶר הָאט דָאס
גֶעזָאגְט. 25 דֶער הָאט זִיךְ אַזוֹי אָנְגֶעלֶעהְנְט אוֹיף דֶער בְּרוּסְט פוּן יֵשׁוּעַ און
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, ווֶער אִיז עֶס? 26 דְרוּם הָאט יֵשׁוּעַ גֶעעֶנְטְפֶערְט,
עֶס אִיז דֶער צוּ ווֶעלְכֶעם אִיךְ ווֶעל דֶעם בִּיסֶען גֶעבֶּען, ווֶען אִיךְ הָאבּ עֶס
אֵיינְגֶעטוּנְקְט. ווֶען עֶר הָאט דֶען דֶעם בִּיסֶען אֵיינְגֶעטוּנְקְט הָאט עֶר עֶס גֶענוּ־
מֶען און הָאט גֶעגֶעבֶּען צוּ יְהוּדָה דֶעם זוּהְן פוּן שִׁמְעוֹן אִישְׁקְרִיוֹת. 27 און
נָאךְ דֶעם בִּיסֶען אִיז דַאן דֶער שָׂטָן אִין אִיהְם אַרֵיינְגֶעקוּמֶען. דְרוּם הָאט
יֵשׁוּעַ צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וָואס דוּא טְהוּסְט, דָאס טְהוּא גֶעשְׁווִינְד. 28 און קֵיינֶער
פוּן דִיא וָואס זֶענֶען בֵּיים טִישׁ גֶעווֶען הָאט גֶעוווּאוּסְט צוּ וָואס עֶר הָאט אִיהְם
דָאס גֶעזָאגְט; 29 וָוארִין עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען גֶעמֵיינְט, ווֵייל יְהוּדָה הָאט דֶעם בֵּיי־
טֶעל גֶעהַאט, אַז יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, קוֹיף אֵיין וָואס מִיר הָאבֶּען
גֶעטִיג אוֹיף יוֹם טוֹב, אָדֶער אַז עֶר זָאל עֶפֶּעס צוּ דִיא אָרְמֶע לֵייט גֶעבֶּען.
30 אַזוֹי ווֶען עֶר הָאט דֶעם בִּיסֶען גֶענוּמֶען אִיז עֶר גְלֵייךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען; און
עֶס אִיז נַאכְט גֶעווֶען.

31 דְרוּם ווֶען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט יֵשׁוּעַ גֶעזָאגְט, אַצוּנְד אִיז דֶער
בֶּן אָדָם פֶערְהֶערְלִיכְט, און גָאט אִיז אִין אִיהְם פֶערְהֶערְלִיכְט; 32 ווֶען גָאט אִיז
פֶערְהֶערְלִיכְט אִין אִיהְם, אַזוֹי ווֶעט אִיהְם גָאט אוֹיךְ אִין זִיךְ פֶערְהֶערְלִיכֶען,
און גְלֵייךְ ווֶעט עֶר אִיהְם פֶערְהֶערְלִיכֶען. 33 קְלֵיינֶע קִינְדֶער, נָאךְ אַ קְלֵיינֶע
ווֵיילֶע בִּין אִיךְ בֵּייא אֵייךְ; אִיהְר ווֶעט מִיךְ זוּכֶען, און אַזוֹי ווִיא אִיךְ הָאבּ
צוּ דִיא יוּדֶען גֶעזָאגְט, ווְאוּ אַהִין אִיךְ גֶעה קָאנְט אִיהְר נִיט קוּמֶען, אַזוֹי זָאג
אִיךְ צוּ אֵייךְ אַצוּנְד. 34 אַ נֵייעֶס גֶעבָּאט גִיבּ אִיךְ אֵייךְ, אַז אִיהְר זָאלְט אוֹיךְ אֵיי־
נֶער דֶעם אַנְדֶערֶען לִיבֶּען; אַזוֹי ווִיא אִיךְ הָאבּ אֵייךְ גֶעלִיבְּט, אַז אִיהְר זָאלְט
אוֹיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען לִיבֶּען. 35 אִין דִיזֶעם ווֶעלֶען אַלֶע ווִיסֶען אַז אִיהְר
זֶענְט מֵיינֶע תַּלְמִידִים, ווֶען אִיהְר הָאט לִיבֶּע אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען.

36 שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, ווְאוּ אַהִין גֶעהְסְט דוּא?
יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, ווְאוּ אַהִין אִיךְ גֶעה, קֶענְסְט דוּא מִיר אַצוּנְד נִיט
נָאכְפָאלְגֶען, אָבֶער דֶערְנָאךְ ווֶעסְט דוּא מִיר נָאכְפָאלְגֶען. 37 פֶּעטְרוּס הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, וָוארוּם קֶען אִיךְ דִיר אַצוּנְד נִיט נָאכְפָאלְגֶען? אִיךְ ווֶעל
מֵיין לֶעבֶּען פַאר דִיר אַנִידֶערְלֶעגֶען. 38 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, ווֶעסְט דוּא
דֵיין לֶעבֶּען פַאר מִיר אַנִידֶערְלֶעגֶען? בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ דִיר, דֶער הָאן
ווֶעט נִיט קְרֵייעֶן בִּיז דוּא ווֶעסְט מִיךְ דְרֵייא מָאל פֶערְלֵייקֶענֶען.

יד 1 לָאז אֵייעֶר הַארְץ נִיט דֶערְשְׁרָאקֶען זַיין; אִיהְר גְלוֹיבְּט אָן גָאט, גְלוֹיבְּט
אוֹיךְ אָן מִיר. 2 אִין מֵיין פָאטֶערְס הוֹיז זֶענֶען פִילֶע ווְאוֹינוּנְגֶען; ווֶען עֶס וָואלְט
נִיט אַזוֹי זַיין, וָואלְט אִיךְ אֵייךְ גֶעזָאגְט; ווֵייל אִיךְ גֶעה אַווֶעק אַז אִיךְ זָאל אֵיין
אָרְט פַאר אֵייךְ צוּבְּרֵייטֶען. 3 און ווֶען אִיךְ גֶעה אַווֶעק און אֵיין אָרְט פַאר
אֵייךְ צוּבְּרֵייטֶען, ווֶעל אִיךְ ווִידֶער קוּמֶען און ווֶעל אֵייךְ צוּ מִיר זֶעלְבְּסְט
גֶעמֶען, אַז אִיהְר אוֹיךְ זָאלְט דָארְט זַיין ווְאוּ אִיךְ בִּין. 4 און ווְאוּ אַהִין אִיךְ גֶעה
אַווֶעק ווֵייסְט אִיהְר דֶעם ווֶעג. 5 תּוֹמָא הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, מִיר

ווִיסֶען נִיט ווְאוּ אַהִין דוּא גֶעהְסְט; ווִיא אַזוֹי ווִיסֶען מִיר דֶעם ווֶעג? 6 יֵשׁוּעַ
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין דֶער ווֶעג אוּן דִיא ווָאהְרְהֵייט אוּן דָאס לֶע־
בֶּען; קֵיינֶער קוּמְט נִיט צוּם פָאטֶער, אוֹיסֶער דוּרְךְ מִיר. 7 ווֶען אִיהְר ווָאלְט
מִיךְ גֶעקֶענְט, אַזוֹי ווָאלְט אִיהְר מֵיין פָאטֶער אוֹיךְ גֶעקֶענְט; פוּן אַצוּנְד אָן
קֶענְט אִיהְר אִיהְם, אוּן הָאט אִיהְם גֶעזֶעהֶען. 8 פִילִיפּוּס הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
הַאר, ווַייז אוּנְז דֶעם פָאטֶער, אוּן עֶס אִיז גֶענוּג פַאר אוּנְז. 9 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, בִּין אִיךְ אַזוֹי לַאנְג מִיט אֵייךְ גֶעווֶען, אוּן הָאסְט דוּא מִיךְ נִיט
גֶעקֶענְט פִילִיפּוּס? ווֶער עֶס הָאט מִיךְ גֶעזֶעהֶען הָאט דֶעם פָאטֶער גֶעזֶעהֶען;
ווִיא אַזוֹי זָאגְסְט דוּא, ווַייז אוּנְז דֶעם פָאטֶער? 10 גְלוֹיבְּסְט דוּא נִיט אַז אִיךְ
בִּין אִים פָאטֶער, אוּן דֶער פָאטֶער אִין מִיר? דִיא ווֶערְטֶער ווָאס אִיךְ
זָאג צוּ אֵייךְ, דִיא רֶעד אִיךְ נִיט פוּן מִיר זֶעלְבְּסְט; נֵייעֶרְט דֶער פָאטֶער דֶער
ווְאוֹינְט אִין מִיר טְהוּט זֵיינֶע ווֶערְק. 11 גְלוֹיבְּט מִיר אַז אִיךְ בִּין אִים פָאטֶער,
אוּן דֶער פָאטֶער אִין מִיר; אָבֶּער ווֶען נִיט, אַזוֹי גְלוֹיבְּט מִיר ווֶעגֶען דִיא ווֶערְק.
12 בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ, דֶער ווָאס גְלוֹיבְּט אָן מִיר ווֶעט אוֹיךְ טְהוּן
דִיא ווֶערְק ווָאס אִיךְ טְהוּא, אוּן עֶר ווֶעט גְרֶעסֶערֶע ווִיא דִיזֶע טְהוּן, ווַייל אִיךְ
גֶעה צוּם פָאטֶער. 13 אוּן ווָאס אִיהְר ווֶעט בֶּעטֶען אִין מֵיין נָאמֶען, דָאס ווֶעל
אִיךְ טְהוּן, אַז דֶער פָאטֶער זָאל אִים זוּהְן פֶערְהֶערְלִיכְט ווֶערֶען. 14 ווֶען
אִיהְר ווֶעט עֶפֶּעס בֶּעטֶען אִין מֵיין נָאמֶען, ווֶעל אִיךְ עֶס טְהוּן.

15 ווֶען אִיהְר לִיבְּט מִיךְ, ווֶעט אִיהְר מֵיינֶע גֶעבָּאטֶע הַאלְטֶען. 16 אוּן אִיךְ
ווֶעל דֶעם פָאטֶער בֶּעטֶען, אוּן עֶר ווֶעט אֵייךְ גֶעבֶּען אֵיין אַנְדֶערֶען טְרֵייסְטֶער,
אַז עֶר זָאל בֵּייא אֵייךְ אוֹיף עֶבִּיג בְּלֵייבֶּען, 17 דֶעם גֵייסְט פוּן ווָאהְרְהֵייט, ווֶעלְ־
כֶעם דִיא ווֶעלְט קֶען נִיט אָנְנֶעמֶען, ווַייל זִיא זֶעהְט אִיהְם נִיט, אוּן קֶענְט אִיהְם
נִיט; אִיהְר קֶענְט אִיהְם, ווָארִין עֶר בְּלֵייבְּט בֵּייא אֵייךְ, אוּן ווֶעט אִין אֵייךְ זֵיין.
18 אִיךְ ווֶעל אֵייךְ נִיט יְתוֹמִים אִיבֶּערְלָאזֶען, אִיךְ ווֶעל צוּ אֵייךְ קוּמֶען. 19 נָאךְ
אַ קְלֵיינֶע ווַיילֶע אוּן דִיא ווֶעלְט זֶעהְט מִיךְ נִיט מֶעהְר; אָבֶּער אִיהְר זֶעהְט
מִיךְ, ווַייל אִיךְ לֶעבּ אוּן אִיהְר ווֶעט לֶעבֶּען. 20 אִין יֶענֶעם טָאג ווֶעט אִיהְר
ווִיסֶען אַז אִיךְ בִּין אִין מֵיין פָאטֶער, אוּן אִיהְר אִין מִיר, אוּן אִיךְ אִין אֵייךְ.
21 דֶער ווָאס הָאט מֵיינֶע גֶעבָּאטֶע אוּן הַאלְט זֵייא, דֶער אִיז עֶר ווָאס לִיבְּט
מִיךְ; אוּן דֶער ווָאס לִיבְּט מִיךְ ווֶעט גֶעלִיבְּט זֵיין פוּן מֵיין פָאטֶער, אוּן אִיךְ
ווֶעל אִיהְם לִיבֶּען, אוּן ווֶעל מִיךְ צוּ אִיהְם בֶּעווַייזֶען. 22 יְהוּדָה נִיט אִישְׁקְרִיוֹת
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, ווָאס אִיז דָאס ווָאס דוּא ווֶעסְט דִיךְ צוּ אוּנְז
בֶּעווַייזֶען, אוּן נִיט צוּ דֶער ווֶעלְט? 23 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, ווֶער עֶס לִיבְּט מִיךְ, דֶער ווֶעט מֵיין ווָארְט הַאלְטֶען; אוּן מֵיין
פָאטֶער ווֶעט אִיהְם לִיבֶּען, אוּן מִיר ווֶעלֶען צוּ אִיהְם קוּמֶען, אוּן ווֶעלֶען אַ
ווְאוֹינוּנְג בֵּייא אִיהְם מַאכֶען. 24 ווֶער עֶס לִיבְּט מִיךְ נִיט, דֶער הַאלְט נִיט מֵיינֶע
ווֶערְטֶער; אוּן דָאס ווָארְט ווָאס אִיהְר הֶערְט אִיז נִיט מֵיין, נֵייעֶרְט פוּן דֶעם
פָאטֶער ווָאס הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט.

25 דִיזֶע זַאכֶען הָאבּ אִיךְ צוּ אֵייךְ גֶעזָאגְט, דֶערְווַייל אִיךְ בִּין נָאךְ בֵּייא אֵייךְ;

26 אבער דער טרייסטער, דער רוח הקודש, דעם דער פאטער וועט שיקען אין
מיין נאמען, ער וועט אייך אלעס לעהרען, און וועט אייך דערמאהנען אן אלעס
וואס איך האב צו אייך געזאגט. 27 פרידען לאז איך אייך איבער, מיין פריי־
דען גיב איך אייך; ניט אזוי וויא דיא וועלט גיבט, גיב איך אייך. לאז אייער
הארץ ניט דערשראקען זיין, און לאז עס זיך ניט פארכטען. 28 איהר האט
געהערט אז איך האב צו אייך געזאגט, איך געה אוועק און קום ווידער צו אייך.
ווען איהר וואלט מיך געליבט, אזוי וואלט איהר אייך געפרייעט, ווייל איך געה
צום פאטער, ווארין דער פאטער איז גרעסער וויא איך. 29 און אצונד האב
איך עס צו אייך געזאגט איידער עס געשעהט, אז ווען עס וועט געשעהען
זאלט איהר גלויבען. 30 איך וועל ווייטער ניט פיל מיט אייך רעדען, ווארין דער
פירשט פון דער וועלט קומט; און ער האט גאר ניט אין מיר; 31 אבער אז
דיא וועלט זאל וויסען אז איך ליב דעם פאטער, און אזוי וויא דער פאטער האט
מיר געבאטען, אזוי טהוא איך. שטעהט אויף, לאזט אונז פון דאנען אוועקגעהען.

טו 1 איך בין דער וואהרע ווייגשטאק, און מיין פאטער איז דער וויינגערט־
נער. 2 איטליכער צווייג אין מיר וואס טראגט ניט קיינע פרוכט, דעם נעמט
ער אוועק; און איטליכער צווייג וואס טראגט פרוכט, דעם רייניגט ער, כדי
עס זאל מעהר פרוכט טראגען. 3 שוין זענט איהר ריין דורך דעם ווארט וואס
איך האב צו אייך געזאגט. 4 בלייבט אין מיר, און איך אין אייך. אזוי וויא
דער צווייג קען קיינע פרוכט ניט טראגען פון זיך אליין, סיידען אז עס בלייבט
אין דעם וויינשטאק, אזוי קענט איהר אויך ניט, סיידען אז איהר בלייבט אין
מיר. 5 איך בין דער וויינשטאק, איהר זענט דיא צווייגען. דער וואס בלייבט
אין מיר און איך אין איהם, דער טראגט פילע פרוכט, ווארין אהן מיר קענט
איהר גאר ניט טהון. 6 ווער עס בלייבט ניט אין מיר ווערט ארויסגעווארפען
אזוי וויא דער צווייג און ווערט פערדארט, און מען נעמט זייא צונויף און
ווארפט זייא אים פייער אריין, און זייא ווערען פערברענט. 7 ווען איהר בלייבט
אין מיר און מיינע ווערטער בלייבען אין אייך, בעט איהר וואס איהר
ווילט, און עס וועט אייך געשעהען. 8 דרינען איז מיין פאטער פערהערר־
ליכט, אז איהר זאלט פילע פרוכט טראגען; און אזוי וועט איהר זיין מיינע
תלמידים. 9 אזוי וויא דער פאטער האט מיך געליבט, אזוי האב איך אייך
געליבט; בלייבט איהר אין מיינע ליבע. 10 ווען איהר וועט האלטען מיינע
געבאטע, וועט איהר בלייבען אין מיינע ליבע, אזוי וויא איך האב דיא
געבאטע פון מיין פאטער געהאלטען, און בלייב אין זיינע ליבע.

11 דיזע זאכען האב איך צו אייך געזאגט, אז מיינע פרייד זאל אין אייך זיין,
און אז אייערע פרייד זאל דערפילט ווערען. 12 דאס איז מיין געבאט, אז איהר
זאלט איינער דעם אנדערען ליבען, אזוי וויא איך האב אייך געליבט. 13 קיי־
נער האט ניט גרעסערע ליבע וויא דיזע, אז איימיצער זאל זיין לעבען פאר
זיינע פריינד אנידערלעגען. 14 איהר זענט מיינע פריינד ווען איהר טהוט וואס
איך געביט אייך. 15 איך רוף אייך ניט מעהר קנעכט, ווארין דער קנעכט

ווייסְט נִיט וָואס זַיין הַאר טְהוּט; אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אֵייךְ פְרֵיינְד גֶערוּפֶען, וָוארִין
אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מֵיין פָאטֶער, הָאבּ אִיךְ אֵייךְ צוּ וִויסֶען
גֶעטְהוּן. 16 אִיהְר הָאט נִיט מִיךְ אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אֵייךְ אוֹיסְ־
דֶערְוֶועהְלְט, אוּן הָאבּ אֵייךְ בֶּעשְׁטֶעלְט, אַז אִיהְר זָאלְט גֶעהֶען אוּן טְרָאגֶען
פְרוּכְט אוּן אֵייעֶרֶע פְרוּכְט זָאל בְּלֵייבֶּען, אַז וָואס אִיהְר וֶועט בֶּעטֶען דֶעם
פָאטֶער אִין מֵיין נָאמֶען, זָאל עֶר אֵייךְ גֶעבֶּען. 17 דִיזֶע זַאכֶען גֶעבִּיט אִיךְ אֵייךְ,
אַז אִיהְר זָאלְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען לִיבֶּען.

18 וֶוען דִיא וֶועלְט הַאסְט אֵייךְ, אַזוֹי ווייסְט אִיהְר אַז זִיא הָאט מִיךְ פְרִיהֶער
פוּן אֵייךְ גֶעהַאסְט. 19 וֶוען אִיהְר זָאלְט פוּן דֶער וֶועלְט זַיין אַזוֹי וָואלְט דִיא
וֶועלְט דָאס אִיהְרִיגֶע גֶעלִיבְּט; אָבֶּער ווייל אִיהְר זֶענְט נִיט פוּן דֶער וֶועלְט,
נֵייעֶרְט אִיךְ הָאבּ אֵייךְ אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט פוּן דֶער וֶועלְט, דְרוּם הַאסְט אֵייךְ דִיא
וֶועלְט. 20 גֶעדֶענְקְט דָאס וָוארְט וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ אֵייךְ גֶעזָאגְט, דֶער קְנֶעכְט אִיז
נִיט גְרֶעסֶער ווִיא זַיין הַאר. וֶוען זַייא הָאבֶּען מִיךְ פֶערְפָאלְגְט, אַזוֹי וֶועלֶען
זַייא אֵייךְ אוֹיךְ פֶערְפָאלְגֶען; וֶוען זַייא הָאבֶּען מֵיין וָוארְט גֶעהַאלְטֶען, אַזוֹי
וֶועלֶען זַייא אוֹיךְ דָאס אֵייעֶרֶע הַאלְטֶען. 21 אָבֶּער דָאס אַלֶעס וֶועלֶען זַייא
אֵייךְ טְהוּן וֶועגֶען מֵיין נָאמֶען, ווייל זַייא קֶענֶען נִיט דֶעם וֶועלְכֶער הָאט מִיךְ
גֶעשִׁיקְט. 22 וֶוען אִיךְ וָואלְט נִיט גֶעקוּמֶען אוּן וָואלְט צוּ זַייא נִיט גֶערֶעט, אַזוֹי
וָואלְטֶען זַייא נִיט קֵיינֶע זִינְד גֶעהַאט; אָבֶּער אַצוּנְד הָאבֶּען זַייא קֵיינֶע אוֹיסְ־
רֶעד נִיט פַאר זֵייעֶרֶע זִינְד. 23 וֶוער עֶס הַאסְט מִיךְ, דֶער הַאסְט אוֹיךְ מֵיין פָא־
טֶער. 24 וֶוען אִיךְ וָואלְט נִיט צְווִישֶׁען זַייא דִיא מַעֲשִׂים גֶעטְהוּן וָואס קֵיין
אַנְדֶערֶער הָאט גֶעטְהוּן, וָואלְטֶען זַייא נִיט קֵיינֶע זִינְד גֶעהַאט; אָבֶּער אַצוּנְד
הָאבֶּען זַייא גֶעזֶעהֶען אוּן גֶעהַאסְט אוֹיךְ מִיךְ אוּן אוֹיךְ מֵיין פָאטֶער. 25 אָבֶּער
דָאס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אַז דָאס וָוארְט זָאל מְקוּיָּם וֶוערֶען וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען אִין
זֵייעֶרֶע תּוֹרָה, זַייא הָאבֶּען מִיךְ אוּמְזוּסְט גֶעהַאסְט. 26 וֶוען דֶער טְרֵייסְטֶער וֶועט
קוּמֶען, וֶועלְכֶען אִיךְ וֶועל אֵייךְ פוּן דֶעם פָאטֶער שִׁיקֶען, דֶער גֵייסְט פוּן
וָוארְהֵייט, וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם פָאטֶער, דֶער וֶועט אוֹיף מִיר בֶּעצֵיי־
גֶען; 27 אוּן אִיהְר אוֹיךְ בֶּעצֵייגְט, וָוארִין אִיהְר זֶענְט מִיט מִיר פוּן אָנְהֵייבּ אָן
גֶעוֶועזֶען.

טז 1 דִיזֶע זַאכֶען הָאבּ אִיךְ צוּ אֵייךְ גֶערֶעט אַז אִיהְר זָאלְט אֵייךְ נִיט אָנְשְׁטוֹי־
סֶען. 2 זַייא וֶועלֶען אֵייךְ אוֹיס דִיא שׁוּלֶען אַרוֹיסְוַוארְפֶען; אוּן דִיא שָׁעָה קוּמְט,
אַז אִיטְלִיכֶער וָואס הָאט אֵייךְ גֶעהַרְגֶעט וֶועט מֵיינֶען אַז עֶר טְהוּט גָאט אַ
דִינְסְט. 3 אוּן דָאס וֶועלֶען זַייא טְהוּן, ווייל זַייא הָאבֶּען נִיט דֶעם פָאטֶער גֶע־
קֶענְט אוּן אוֹיךְ נִיט מִיךְ. 4 אָבֶּער דִיזֶע זַאכֶען הָאבּ אִיךְ צוּ אֵייךְ גֶערֶעט, אַז וֶוען
זֵיינֶע שָׁעָה קוּמְט, אִיהְר זָאלְט אִין דֶעם גֶעדֶענְקֶען, אַז אִיךְ הָאבּ זַייא אֵייךְ גֶעזָאגְט;
אוּן דִיזֶע זַאכֶען הָאבּ אִיךְ אֵייךְ נִיט גֶעזָאגְט פוּן אָנְהֵייבּ אָן, ווייל אִיךְ בִּין מִיט אֵייךְ
גֶעוֶועזֶען. 5 אָבֶּער אַצוּנְד גֶעה אִיךְ אַוֶועק צוּ דֶעם וָואס הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט, אוּן
קֵיינֶער פוּן אֵייךְ פְרֶעגְט מִיךְ ווּאוּ אַהִין גֶעהְסְט דוּא? 6 אָבֶּער ווייל אִיךְ הָאבּ

25 תהלים לה׳ יט׳, סט׳ ה׳.

דִיזֶע זַאכֶען צוּ אֵייךְ גֶערֶעט, אִיז אֵייעֶר הַארְץ פוּל מִיט צַעַר. 7 אָבֶּער אִיךְ זָאג אֵייךְ
דִיא וָואהְרְהֵייט, עֶס פַּאסְט פַאר אֵייךְ אַז אִיךְ זָאל אַוֶועקְגֶעהֶען; וָוארִין וֶוען
אִיךְ גֶעה נִיט אַוֶועק, אַזוֹי וֶועט דֶער טְרֵייסְטֶער צוּ אֵייךְ נִיט קוּמֶען; אָבֶּער
וֶוען אִיךְ גֶעה, וֶועל אִיךְ אִיהְם צוּ אֵייךְ שִׁיקֶען. 8 אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען,
וֶועט עֶר דִיא וֶועלְט שְׁטְרָאפֶען וֶועגֶען זִינְד אוּן וֶועגֶען גֶערֶעכְטִיגְקֵייט אוּן וֶועֶ-
גֶען מִשְׁפָּט. 9 וֶועגֶען זִינְד, ווֵייל זֵייא הָאבֶּען נִיט אָן מִיר גֶעגְלוֹיבְּט; 10 וֶועגֶען
גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, ווֵייל אִיךְ גֶעה צוּ דֶעם פָאטֶער, אוּן אִיהְר זֶעהְט מִיךְ נִיט
מֶעהְר; 11 וֶועגֶען מִשְׁפָּט, ווֵייל דֶער פִירְשְׁט פוּן דִיזֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶערִיכְטֶעט.
12 אִיךְ הָאבּ נָאךְ פִילֶעס צוּ אֵייךְ צוּ זָאגֶען, אָבֶּער אִיהְר קֶענְט עֶס אַצוּנְד נִיט
דֶערְטְרָאגֶען; 13 אָבֶּער וֶוען יֶענֶער, דֶער גֵייסְט פוּן וָואהְרְהֵייט וֶועט קוּמֶען,
וֶועט עֶר אֵייךְ פִיהְרֶען אִין אַלֶער וָואהְרְהֵייט; וָוארִין עֶר וֶועט נִיט רֶעדֶען פוּן
זִיךְ אַלֵיין, נֵייעֶרְט וָואס עֶר וֶועט הֶערֶען וֶועט עֶר רֶעדֶען, אוּן עֶר וֶועט אֵייךְ
זָאגֶען דָאס וָואס וֶועט אָנְקוּמֶען. 14 עֶר וֶועט מִיךְ פֶערְהֶערְלִיכֶען, וָוארִין עֶר
וֶועט פוּן דֶעם מֵיינֶען נֶעמֶען אוּן וֶועט עֶס אֵייךְ אָנְזָאגֶען. 15 אַלֶע זַאכֶען וֶועלְ-
כֶע דֶער פָאטֶער הָאט זֶענֶען מֵיינֶע; דְרוּם הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט פוּן
דֶעם מֵיינֶען נֶעמֶען אוּן וֶועט עֶס אֵייךְ אָנְזָאגֶען.
16 אִין אַ קְלֵיינֶע ווַיילֶע וֶועט אִיהְר מִיךְ נִיט מֶעהְר זֶעהֶען, אוּן ווִידֶער אִין אַ קְלֵיינֶע
ווַיילֶע וֶועט אִיהְר מִיךְ זֶעהֶען. 17 אַזוֹי הָאבֶּען עֶטְלִיכֶע פוּן זֵיינֶע תַּלְמִידִים
צְווִישֶׁען זִיךְ גֶעזָאגְט, וָואס אִיז דָאס וָואס עֶר זָאגְט צוּ אוּנְז, אִין אַ קְלֵיינֶע
ווַיילֶע וֶועט אִיהְר מִיךְ נִיט זֶעהֶען, אוּן ווִידֶער אִין אַ קְלֵיינֶע ווַיילֶע וֶועט אִיהְר
מִיךְ זֶעהֶען? אוּן ווַייל אִיךְ גֶעה צוּם פָאטֶער? 18 אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא גֶעזָאגְט,
וָואס אִיז דָאס וָואס עֶר זָאגְט, דִיא קְלֵיינֶע ווַיילֶע? מִיר ווִיסֶען נִיט וָואס עֶר
רֶעט. 19 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעוְואוּסְט אַז זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעוָואלְט פְרֶעגֶען, אוּן עֶר
הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, פְרֶעגְט אִיהְר אֵייךְ וֶועגֶען דִיזֶעם צְווִישֶׁען אֵיינַאנְדֶער ווַייל
אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, אִין אַ קְלֵיינֶע ווַיילֶע וֶועט אִיהְר מִיךְ נִיט זֶעהֶען, אוּן ווִידֶער
אִין אַ קְלֵיינֶע ווַיילֶע וֶועט אִיהְר מִיךְ זֶעהֶען? 20 בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ,
אַז אִיהְר וֶועט ווֵיינֶען אוּן קְלָאגֶען, אָבֶּער דִיא וֶועלְט וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן; אִיהְר
וֶועט טְרוֹיעֶרִיג זֵיין, אָבֶּער אֵייעֶר טְרוֹיעֶר וֶועט צוּ פְרֵייד וֶוערֶען. 21 אַ פְרוֹיא
וֶוען זִיא גֶעהְט צוּקִינְד אִיז טְרוֹיעֶרִיג, ווַייל אִיהְרֶע צֵייט אִיז גֶעקוּמֶען; אָבֶּער
וֶוען דָאס קִינְד אִיז גֶעבּוֹירֶען אַזוֹי גֶעדֶענְקְט זִיא נִיט מֶעהְר דִיא אַנְגְסְט, פַאר
פְרֵייד אַז אַ מֶענְשׁ אִיז אִין דֶער וֶועלְט גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען. 22 דְרוּם הָאט אִיהְר
אוֹיךְ אַצוּנְד צַעַר; אָבֶּער אִיךְ וֶועל אֵייךְ ווִידֶער זֶעהֶען, אוּן אֵייעֶר הַארְץ וֶועט
זִיךְ פְרֵייעֶן, אוּן קֵיינֶער וֶועט אֵייעֶרֶע פְרֵייד פוּן אֵייךְ נִיט נֶעמֶען. 23 אוּן אִין
יֶענֶעם טָאג וֶועט אִיהְר מִיךְ גָאר נִיט פְרֶעגֶען. בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ אֵייךְ,
וָואס אִיהְר וֶועט בֶּעטֶען דֶעם פָאטֶער וֶועט עֶר אֵייךְ גֶעבֶּען אִין מֵיין נָאמֶען.
24 בִּיז אַצוּנְד הָאט אִיהְר גָאר נִיט אִין מֵיין נָאמֶען גֶעבֶּעטֶען; בֶּעטֶעט, אוּן אִיהְר
וֶועט דֶערְהַאלְטֶען, אַז אֵייעֶרֶע פְרֵייד זָאל גַאנְץ פוּל זֵיין.
25 דִיזֶע זַאכֶען הָאבּ אִיךְ צוּ אֵייךְ אִין מְשָׁלִים גֶערֶעט; אָבֶּער דִיא שָׁעָה

קוּמְט וֶוען אִיךְ וֶועל נִיט מֶעהְר אִין מְשָׁלִים מִיט אֵייךְ רֶעדֶען, נֵייעֶרְט עֶפֶּענְטְ־
לִיךְ וֶועל אִיךְ אֵייךְ זָאגֶען וֶועגֶען דֶעם פָּאטֶער. 26 אִין יֶענֶעם טָאג וֶועט אִיהְר
אִין מֵיין נָאמֶען בֶּעטֶען, אוּן אִיךְ זָאג אֵייךְ נִיט אַז אִיךְ וֶועל דֶעם פָּאטֶער
וֶועגֶען אֵייךְ פֶּערְלַאנְגֶען; 27 וָוארִין דֶער פָּאטֶער זֶעלְבְּסְט לִיבְּט אֵייךְ, ווייל אִיהְר
הָאט מִיךְ גֶעלִיבְּט, אוּן הָאט גֶעגְלוֹיבְּט אַז אִיךְ בִּין פוּן גָאט אויסְגֶעגַאנְגֶען.
28 אִיךְ בִּין פוּן דֶעם פָּאטֶער אויסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן בִּין גֶעקוּמֶען אִין דֶער וֶועלְט;
ווִידֶער פֶּערְלָאז אִיךְ דִיא וֶועלְט, אוּן גֶעה צוּם פָּאטֶער. 29 זֵיינֶע תַּלְמִידִים
הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, זֶעה, אַצוּנְד רֶעדְסְט דוּא עֶפֶּענְטְלִיךְ, אוּן זָאגְסְט גָאר
נִיט קֵיין מָשָׁל. 30 אַצוּנְד ווִיסֶען מִיר אַז דוּא אַלֶעס ווַייסְט, אוּן בֶּעדַארְפְסְט נִיט
אַז אֵיימִיצֶער זָאל דִיךְ פְרֶעגֶען, דוּרךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען מִיר אַז דוּא בִּיסְט פוּן גָאט
אויסְגֶעגַאנְגֶען. 31 יֵשׁוּעַ הָאט זֵייא גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַצוּנְד גְלוֹיבְּט אִיהְר? 32 זֶעה,
עֶס קוּמְט אַ שָׁעָה, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען, אַז אִיהְר וֶועט צוּשְׁפְּרֵייט וֶוערֶען אִיטְלִי־
כֶער צוּ זֵיינֶע אֵייגֶענֶע, אוּן וֶועט מִיךְ אַלֵיין אִיבֶּערְלָאזֶען; אָבֶּער אִיךְ בִּין נִיט אַלֵיין,
וָוארִין דֶער פָּאטֶער אִיז מִיט מִיר. 33 דִיזֶע זַאכֶען הָאבּ אִיךְ צוּ אֵייךְ גֶערֶעט,
אַז אִיהְר זָאלְט אִין מִיר פְרִידֶען הָאבֶּען. אִין דֶער וֶועלְט וֶועט אִיהְר צָרוֹת
הָאבֶּען; אָבֶּער זֵייט אִיהְר גֶעטְרֵייסְט, אִיךְ הָאבּ דִיא וֶועלְט אִיבֶּערְוֶועלְטִיגְט.
יז 1 דִיזֶע זַאכֶען הָאט יֵשׁוּעַ גֶערֶעט, אוּן הָאט זֵיינֶע אוֹיגֶען אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען קֶעגְ־
גֶען הִימֶעל, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, פָּאטֶער, דִיא שָׁעָה אִיז גֶעקוּמֶען; פֶערְהֶערְלִיךְ
דֵיין זוּהְן, אַז דֶער זוּהְן זָאל דִיךְ אוֹיךְ פֶערְהֶערְלִיכֶען. 2 אַזוֹי ווִיא דוּא
הָאסְט אִיהְם מַאכְט אִיבֶּער אַלֶעס פְלֵייש גֶעגֶעבֶּען, אַז עֶר זָאל עֶבִּיגֶעס לֶעבֶּען
גֶעבֶּען צוּ אַלֶע וָואס דוּא הָאסְט אִיהְם גֶעגֶעבֶּען. 3 אוּן דָאס אִיז דָאס עֶבִּיגֶע
לֶעבֶּען, אַז זֵייא זָאלֶען דִיךְ קֶענֶען, דֶעם אֵיינְצִיגֶען וָואהְרֶען גָאט, אוּן יֵשׁוּעַ
הַמָשִׁיחַ דֶעם דוּא הָאסְט גֶעשִׁיקְט. 4 אִיךְ הָאבּ דִיךְ פֶערְהֶערְלִיכְט אוֹיף דֶער
עֶרְד; אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דָאס וֶוערְק וָואס דוּא הָאסְט מִיר גֶעגֶעבֶּען צוּ טְהוּן.
5 אוּן אַצוּנְד פָּאטֶער, פֶערְהֶערְלִיךְ דוּא מִיךְ מִיט דִיר זֶעלְבְּסְט, מִיט דֶער הֶערְ־
לִיכְקֵייט וָואס אִיךְ הָאבּ בֵּייא דִיר גֶעהַאט, אֵיידֶער דִיא וֶועלְט אִיז בֶּעשַׁאפֶען
גֶעוָוארֶען. 6 אִיךְ הָאבּ דֵיין נָאמֶען אַנְטְפְּלֶעקְט צוּ דִיא מֶענְשֶׁען וָואס דוּא הָאסְט
מִיר גֶעגֶעבֶּען פוּן דֶער וֶועלְט. זֵייא זֶענֶען דֵיינֶע גֶעוֶועזֶען, אוּן דוּא הָאסְט זֵייא
מִיר גֶעגֶעבֶּען, אוּן זֵייא הָאבֶּען דֵיין וָוארְט גֶעהַאלְטֶען. 7 אַצוּנְד הָאבֶּען זֵייא
גֶעווְאוּסְט, אַז אַלֶעס וָואס דוּא הָאסְט מִיר גֶעגֶעבֶּען אִיז פוּן דִיר; 8 וָוארִין דִיא
וֶוערְטֶער וָואס דוּא הָאסְט מִיר גֶעגֶעבֶּען הָאבּ אִיךְ צוּ זֵייא גֶעגֶעבֶּען, אוּן זֵייא
הָאבֶּען זֵייא אָנְגֶענוּמֶען, אוּן הָאבֶּען גֶעווִיס גֶעווְאוּסְט אַז אִיךְ בִּין פוּן דִיר
אויסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט אַז דוּא הָאסְט מִיךְ גֶעשִׁיקְט. 9 אִיךְ
בֶּעט וֶועגֶען זֵייא; נִיט וֶועגֶען דֶער וֶועלְט בֶּעט אִיךְ, נֵייעֶרְט וֶועגֶען דִיא וָואס
דוּא הָאסְט מִיר גֶעגֶעבֶּען, וָוארִין זֵייא זֶענֶען דֵיינֶע. 10 אוּן אַלֶעס וָואס אִיז מֵיין
אִיז דֵיין, אוּן וָואס אִיז דֵיין אִיז מֵיין, אוּן אִיךְ בִּין אִין זֵייא פֶערְהֶערְלִיכְט.
11 אוּן נִיט מֶעהְר בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט, אוּן זֵייא זֶענֶען אִין דֶער וֶועלְט, אוּן
אִיךְ קוּם צוּ דִיר. הֵיילִיגֶער פָּאטֶער, דֶערְהַאלְט זֵייא אִין דֵיין נָאמֶען וָואס דוּא

הָאסְט מִיר גֶעגֶעבֶּען, אַז זֵייא זָאלֶען אֵיינְס זֵיין אַזוֹי וִויא מִיר. 12 דֶערְוֵוייל אִיךְ בִּין
מִיט זֵייא גֶעוֶוען, הָאבּ אִיךְ זֵייא דֶערְהַאלְטֶען אִין דֵיין נָאמֶען וָואס דוּא הָאסְט
מִיר גֶעגֶעבֶּען, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייא גֶעהִיט, אוּן קֵיינֶער פוּן זֵייא אִיז נִיט פֶערְ־
לוֹירֶען, חוּץ דֶער זוּהְן פוּן פֶערְדָארְבֶּען, כְּדֵי דִיא שְׁרִיפְט זָאל דֶערְפִילְט וֶוערֶען.
13 אָבֶּער אַצוּנְד קוּם אִיךְ צוּ דִיר, אוּן דִיזֶע זַאכֶען רֶעד אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט, אַז
זֵייא זָאלֶען מֵיינֶע פְרֵייד אִין זִיךְ אַלֵיין דֶערְפִילְט הָאבֶּען. 14 אִיךְ הָאבּ צוּ זֵייא
דֵיין וָוארְט גֶעגֶעבֶּען, אוּן דִיא וֶועלְט הָאט זֵייא גֶעהַאסְט, וֵוייל זֵייא זֶענֶען נִיט
פוּן דֶער וֶועלְט אַזוֹי וִויא אִיךְ בִּין נִיט פוּן דֶער וֶועלְט. 15 אִיךְ בֶּעט נִיט אַז
דוּא זָאלְסְט זֵייא פוּן דֶער וֶועלְט אַרוֹיסְנֶעמֶען, נֵייעֶרְט אַז דוּא זָאלְסְט זֵייא הִיטְּ־
טֶען פוּן דֶעם אִיבֶּעל. 16 זֵייא זֶענֶען נִיט פוּן דֶער וֶועלְט, אַזוֹי וִויא אִיךְ בִּין
נִיט פוּן דֶער וֶועלְט. 17 הֵיילִיג זֵייא אִין דֶער וָואהְרְהֵייט, דֵיין וָוארְט אִיז וָואהְרְ־
הֵייט. 18 אַזוֹי וִויא דוּא הָאסְט מִיךְ אִין דֶער וֶועלְט גֶעשִׁיקְט, הָאבּ אִיךְ זֵייא אִין
דֶער וֶועלְט גֶעשִׁיקְט. 19 אוּן פוּן זֵייעֶרְט וֶועגֶען הֵיילִיג אִיךְ מִיךְ, אַז זֵייא
זָאלֶען אוֹיךְ גֶעהֵיילִיגְט וֶוערֶען אִין דֶער וָואהְרְהֵייט.
20 אָבֶּער אִיךְ בֶּעט נִיט פַאר דִיא דָאזִיגֶע אַלֵיין, נֵייעֶרְט אוֹיךְ פַאר דִיא וָואס
וֶועלֶען אָן מִיר גְלוֹיבֶּען דוּרְךְ זֵייעֶר וָוארְט; 21 אַז אַלֶע זָאלֶען אֵיינְס זֵיין, אַזוֹי
וִויא דוּא, פָאטֶער, בִּיסְט אִין מִיר, אוּן אִיךְ אִין דִיר, אַז זֵייא זָאלֶען אוֹיךְ זֵיין
אִין אוּנְז, כְּדֵי דִיא וֶועלְט זָאל גְלוֹיבֶּען אַז דוּא הָאסְט מִיךְ גֶעשִׁיקְט. 22 אוּן דִיא
הֶערְלִיכְקֵייט וָואס דוּא הָאסְט מִיר גֶעגֶעבֶּען הָאבּ אִיךְ צוּ זֵייא גֶעגֶעבֶּען, כְּדֵי זֵייא
זָאלֶען אֵיינְס זֵיין אַזוֹי וִויא מִיר אֵיינְס זֶענֶען; 23 אִיךְ אִין זֵייא, אוּן דוּא אִין
מִיר, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען פָאלְקָאמֶען אִין אֵיינְס זֵיין, כְּדֵי דִיא וֶועלְט זָאל וִויסֶען אַז דוּא
הָאסְט מִיךְ גֶעשִׁיקְט, אוּן הָאסְט זֵייא גֶעלִיבְּט אַזוֹי וִויא דוּא הָאסְט מִיךְ גֶעלִיבְּט.
24 פָאטֶער, אִיךְ וִויל אַז אוֹיךְ דִיא וָואס דוּא הָאסְט מִיר גֶעגֶעבֶּען זָאלֶען מִיט
מִיר זֵיין וְואוּ אִיךְ בִּין, אַז זֵייא זָאלֶען זֶעהֶען מֵיינֶע הֶערְלִיכְקֵייט וָואס דוּא
הָאסְט מִיר גֶעגֶעבֶּען, וָוארִין דוּא הָאסְט מִיךְ גֶעלִיבְּט פָאר דֶער גְרִינְדוּנְג פוּן
דֶער וֶועלְט. 25 גֶערֶעכְטֶער פָאטֶער, דִיא וֶועלְט הָאט דִיךְ נִיט גֶעקֶענְט, אָבֶּער
אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעקֶענְט, אוּן דִיזֶע הָאבֶּען גֶעוְואוּסְט אַז דוּא הָאסְט מִיךְ גֶעשִׁיקְט.
26 אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייא דֵיין נָאמֶען צוּ וִויסֶען גֶעטְהוּן אוּן וֶועל זֵייא צוּ וִויסֶען
טְהוּן, אַז דִיא לִיבֶּע מִיט וֶועלְכֶער דוּא הָאסְט מִיךְ גֶעלִיבְּט זָאל אִין זֵייא זֵיין,
אוּן אִיךְ אִין זֵייא.

יח 1 וֶוען יֵשׁוּעַ הָאט דָאס גֶעזָאגְט, אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען מִיט זֵיינֶע תַּלְמִידִים
אִיבֶּער דֶעם בַּאךְ קִדְרוֹן, אוּן דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ גָארְטֶען, אוּן עֶר אִיז מִיט
זֵיינֶע תַּלְמִידִים דְרִינֶען אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען. 2 אוּן יְהוּדָה דֶער מוֹסֵר הָאט פוּן דֶעם
אָרְט גֶעוְואוּסְט, וָוארִין יֵשׁוּעַ אִיז דָארְט אָפְט צוּזַאמֶען גֶעקוּמֶען מִיט זֵיינֶע
תַּלְמִידִים. 3 אַזוֹי הָאט יְהוּדָה גֶענוּמֶען דִיא בַּאנְדֶע פוּן סָאלְדַאטֶען אוּן מְשָׁרְתִים
פוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן דִיא פְּרוּשִׁים, אוּן אִיז אַהִין גֶעקוּמֶען מִיט לַאמְפֶּען
אוּן פַאקֶעלֶען אוּן וַואפֶען. 4 אַזוֹי הָאט יֵשׁוּעַ אַלֶעס גֶעוְואוּסְט וָואס וֶועט אוֹיף
אִיהְם קוּמֶען, אוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, וֶועמֶען זוּכְט

אִיהְר? 5 זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט, יֵשׁוּעַ הַנָצְרִי. עֶר הָאט צוּ זֵייא
גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין עֶר. אוּן יְהוּדָה דֶער מוֹסֵר אִיז אוֹיךְ מִיט זֵייא גֶעשְׁטַאנֶען.
6 וֶוען עֶר הָאט דֶען צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין עֶר, אַזוֹי זֶענֶען זֵייא צוּרִיק גֶע־
טְרֶעטֶען אוּן זֶענֶען צוּ דֶער עֶרְד גֶעפַאלֶען. 7 אַזוֹי הָאט עֶר זֵייא ווִידֶער
גֶעפְרֶעגְט, וֶועמֶען זוּכְט אִיהְר? אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, יֵשׁוּעַ הַנָצְרִי. 8 יֵשׁוּעַ
הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ הָאבּ צוּ אֵייךְ גֶעזָאגְט, אַז אִיךְ בִּין דֶער; דְרוּם וֶוען אִיהְר
זוּכְט מִיךְ, לָאזְט דִיזֶע גֶעהֶען. 9 כְּדֵי דָאס וָוארְט זָאל דֶערְפִילְט ווֶערֶען וָואס
עֶר הָאט גֶעזָאגְט, פוּן דִיא וָואס דוּא הָאסְט מִיר גֶעגֶעבֶּען הָאבּ אִיךְ קֵיינֶעם
נִיט פֶערְלוֹירֶען. 10 שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס דֶען הָאט אַ שְׁוֶוערְט גֶעהַאט, אוּן עֶר הָאט עֶס
אַרוֹיסְגֶעצוֹיגֶען אוּן הָאט גֶעשְׁלָאגֶען דֶעם קְנֶעכְט פוּן דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל, אוּן הָאט
אִיהְם דָאס רֶעכְטֶע אוֹיעֶר אָפְּגֶעהַאקְט; אוּן דֶער קְנֶעכְט הָאט גֶעהֵייסֶען מַלְכוּס.
11 אַזוֹי הָאט יֵשׁוּעַ צוּ פֶּעטְרוּס גֶעזָאגְט, שְׁטֶעק דֵיין שְׁוֶוערְט אַרֵיין אִין דֶער
שֵׁייד; זָאל אִיךְ נִיט טְרִינְקֶען דֶעם כּוֹס וָואס מֵיין פָאטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען?

12 דְרוּם הָאבֶּען דִיא בַּאנְדֶע אוּן דֶער הוֹיפְּטְמַאן אוּן דִיא מְשָׁרְתִים פוּן דִיא
יוּדֶען יֵשׁוּעַ גֶענוּמֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם גֶעבּוּנְדֶען; 13 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם
צוּעֶרְשְׁט צוּ חָנָן גֶעפִיהְרְט, וָוארִין עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען דֶער שְׁוֶועהְר פוּן קַיָפָא,
וָואס אִיז כֹּהֵן גָדוֹל גֶעוֶועזֶען אִין יֶענֶעם יָאהְר. 14 עֶס אִיז קַיָפָא וָואס הָאט דִיא
יוּדֶען גֶערָאטֶען, אַז עֶס אִיז גוּט אַז אֵיין מֶענְשׁ זָאל שְׁטַארְבֶּען פַאר דֶעם
פָאלְק.

15 אוּן שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס אוּן אֵיין אַנְדֶערֶער תַּלְמִיד הָאבֶּען יֵשׁוּעַ נָאכְגֶעפָאלְגְט.
אוּן יֶענֶער תַּלְמִיד בֵּיים כֹּהֵן גָדוֹל אִיז בֶּעקַאנְט גֶעוֶועזֶען, אוּן עֶר אִיז
מִיט יֵשׁוּעַ אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם הוֹיף פוּן דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל, 16 אָבֶּער פֶּעטְרוּס
אִיז דְרוֹיסֶען גֶעשְׁטַאנֶען פָאר דֶער טְהִיר. אַזוֹי אִיז דֶער אַנְדֶערֶע תַּלְמִיד וָואס
אִיז בֶּעקַאנְט גֶעוָוארֶען בֵּיים כֹּהֵן גָדוֹל אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט גֶערֶעט
מִיט דֶער טְהִירְהִיטֶערִין, אוּן הָאט פֶּעטְרוּס אַרֵיינְגֶעבְּרַאכְט. 17 אַזוֹי הָאט דָאס
מֶעדְעל וָואס הָאט דִיא טְהִיר גֶעהִיט צוּ פֶּעטְרוּס גֶעזָאגְט, בִּיסְט דוּא נִיט אוֹיךְ
פוּן דִיא תַּלְמִידִים פוּן דִיזֶעם מַאן? עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין נִיט. 18 אוּן דִיא
קְנֶעכְט אוּן דִיא מְשָׁרְתִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאבֶּען אַ פֵייעֶר פוּן קוֹילֶען
אָנְגֶעלֶעגְט, וָוארִין עֶס אִיז קַאלְט גֶעוֶועזֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעוַוארְמְט; אוּן
פֶּעטְרוּס אִיז אוֹיךְ מִיט זֵייא גֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט זִיךְ גֶעוַוארְמְט.

19 אַזוֹי הָאט דֶער כֹּהֵן גָדוֹל יֵשׁוּעַ גֶעפְרֶעגְט וֶועגֶען זֵיינֶע תַּלְמִידִים אוּן וֶועגֶען
זֵיינֶע לֶעהְרֶע. 20 יֵשׁוּעַ הָאט אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ הָאבּ עֶפֶענְטְלִיךְ גֶערֶעט
צוּ דֶער וֶועלְט; אִיךְ הָאבּ בֶּעשְׁטֶענְדִיג גֶעלֶעהְרְט אִין דֶער שׁוּל אוּן אִין דֶעם
בֵּית הַמִקְדָשׁ, ווְאוּ אַלֶע דִיא יוּדֶען קוּמֶען צוּזַאמֶען, אוּן אִין פֶערְבָּארְגֶענֶעם
הָאבּ אִיךְ גָאר נִיט גֶערֶעט. 21 פַארְוָואס פְרֶעגְסְט דוּא מִיךְ? פְרֶעג דִיא וָואס
הָאבֶּען מִיךְ גֶעהֶערְט, וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ זֵייא גֶערֶעט; זֶעה, זֵייא ווִיסֶען וָואס
אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט. 22 אוּן ווִיא עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט, אַזוֹי הָאט אֵיינֶער פוּן
דִיא מְשָׁרְתִים וָואס אִיז דֶערְבֵּייא גֶעשְׁטַאנֶען יֵשׁוּעַ אוֹיף דֶעם פָּנִים גֶעשְׁלָאגֶען

אוּן גֶעזָאגְט, עֶנְטְפֶערְסְט דוּא אַזוֹי דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל? 23 יֵשׁוּעַ הָאט אִיהְם
גֶעעֶנְטְפֶערְט, וֶוען אִיךְ הָאבּ שְׁלֶעכְטֶעס גֶערֶעט, זָאג עֵדוּת אוֹיף דֶעם שְׁלֶעכְ־
טֶען; אָבֶּער וֶוען גוּטֶעס פַארְוָואס שְׁלָאגְסְט דוּא מִיךְ? 24 דְרוּם הָאט חָנָן אִיהְם
גֶעשִׁיקְט גֶעבּוּנְדֶען צוּ קַיָפָא דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל.

25 אוּן שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט זִיךְ גֶעוַוארְמְט. אַזוֹי הָא־
בֶּען זַייא צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, בִּיסְט דוּא נִיט אוֹיךְ אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים?
עֶר הָאט גֶעלֵייקֶענְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין נִיט. 26 אֵיינֶער פוּן דִיא קְנֶעכְט
פוּן דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל, וָואס אִיז אַ קָרוֹב גֶעוֶועזֶען פוּן דֶעם וָואס פֶּעטְרוּס הָאט
אִיהְם דָאס אוֹיעֶר אָפְּגֶעהַאקְט, הָאט גֶעזָאגְט, הָאבּ אִיךְ דִיךְ נִיט אִים גָארְטֶען
מִיט אִיהְם גֶעזֶעהֶען? 27 אַזוֹי הָאט פֶּעטְרוּס ווִידֶער גֶעלֵייקֶענְט; אוּן גְלֵייךְ הָאט
דֶער הָאן גֶעקְרֵייעֶט.

28 דְרוּם הָאבֶּען זַייא יֵשׁוּעַ גֶעפִיהְרְט פוּן קַיָפָא צוּם גֶערִיכְטְסְהוֹיף; אוּן עֶס
אִיז פְרִיה גֶעוֶועזֶען; אוּן זַייא זֶעלְבְּסְט זֶענֶען נִיט אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶעם גֶע־
רִיכְטְסְהוֹיף, אַז זַייא זָאלֶען נִיט טָמֵא ווֶערֶען, אָבֶּער זָאלֶען קֶענֶען עֶסֶען דֶעם
קָרְבָּן פֶּסַח. 29 דְרוּם אִיז פִּילָטוּס צוּ זַייא אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט גֶעזָאגְט,
ווָאסְפַאר אֵיין אָנְקְלָאג בְּרֶענְגְט אִיהְר קֶעגֶען דִיזֶעם מֶענְשֶׁען? 30 זַייא הָאבֶּען
גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֶוען דִיזֶער וָואלְט נִיט קֵיין שְׁלֶעכְ־
טֶעס גֶעטְהוּן ווָאלְטֶען מִיר אִיהְם נִיט צוּ דִיר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען. 31 דְרוּם הָאט
פִּילָטוּס צוּ זַייא גֶעזָאגְט, נֶעמְט אִיהְר אִיהְם, אוּן רִיכְטֶעט אִיהְם נָאךְ אֵייעֶר
גֶעזֶעץ. דִיא יוּדֶען הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מִיר טָארֶען קֵיינֶעם נִיט טֵייטֶען;
32 כְּדֵי דָאס ווָארְט פוּן יֵשׁוּעַ זָאל דֶערְפִילְט ווֶערֶען ווָאס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען
עֶר הָאט בֶּעצֵייכֶענְט ווָאסְפַאר אַ טוֹיט עֶר ווֶעט שְׁטַארְבֶּען.

33 אַזוֹי אִיז פִּילָטוּס ווִידֶער אִים גֶערִיכְטְסְהוֹיף אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט יֵשׁוּעַ
גֶערוּפֶען אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, בִּיסְט דוּא דֶער מֶלֶךְ פוּן דִיא יוּדֶען?
34 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, זָאגְסְט דוּא דָאס פוּן דִיר זֶעלְבְּסְט, אָדֶער הָאבֶּען
דִיר אַנְדֶערֶע ווֶעגֶען מִיר גֶעזָאגְט? 35 פִּילָטוּס הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, בִּין אִיךְ דֶען
אַ יוּד? דֵיין אֵייגֶענֶעס פָאלְק אוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים הָאבֶּען דִיךְ צוּ מִיר
אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען; ווָאס הָאסְט דוּא גֶעטְהוּן? 36 יֵשׁוּעַ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, מֵיין
קֶענִיגְרֵייךְ אִיז נִיט פוּן דִיזֶער ווֶעלְט; וֶוען מֵיין קֶענִיגְרֵייךְ זָאל זַיין פוּן דִיזֶער
ווֶעלְט, אַזוֹי ווָאלְטֶען מֵיינֶע מְשָׁרְתִים גֶעפָאכְטֶען, אַז אִיךְ זָאל נִיט אִיבֶּערְגֶעגֶע־
בֶּען ווֶערֶען צוּ דִיא יוּדֶען; אָבֶּער אַצוּנְד אִיז מֵיין קֶענִיגְרֵייךְ נִיט פוּן דַאנֶען.
37 אַזוֹי הָאט פִּילָטוּס צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, בִּיסְט דוּא דֶען אַ קֶענִיג? יֵשׁוּעַ הָאט
גֶעעֶנְטְפֶערְט, דוּא זָאגְסְט אַז אִיךְ בִּין אַ קֶענִיג. דֶערְפַאר בִּין אִיךְ גֶעבּוֹירֶען
גֶעווָארֶען, אוּן דֶערְפַאר בִּין אִיךְ אִין דֶער ווֶעלְט גֶעקוּמֶען, אַז אִיךְ זָאל בֶּעצֵיי־
גֶען אוֹיף דֶעם אֱמֶת; אִיטְלִיכֶער ווָאס אִיז פוּן דֶעם אֱמֶת הֶערְט מֵיין קוֹל.
38 פִּילָטוּס זָאגְט צוּ אִיהְם, ווָאס אִיז אֱמֶת? אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט,
אִיז עֶר ווִידֶער אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִיא יוּדֶען, אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, אִיךְ
גֶעפִין קֵיינֶע שׁוּלְד נִיט אִין אִיהְם; 39 אָבֶּער אִיהְר הָאט אַ מִנְהָג אַז אִיךְ זָאל

איך איינעם בעפרייען אויף פסח; ווילט איהר דען אז איך זאל אייך בעפרייען
דעם קעניג פון דיא יודען? 40 דרום האבען זייא ווידער געשריגען און געזאגט,
ניט דיזעם נייערט בר־אבא. דאך בר־אבא איז א רויבער געוועזען.

יט 1 דאן האט פילטוס ישוע גענומען, און האט איהם געשמיסען. 2 און דיא
סאלדאטען האבען א קרוין פון דערנער געפלאכטען, און האבען עס איהם
אויף דעם קאפ אויפגעזעצט, און האבען איהם אנגעטהון א קלייד פון פורפור.
3 און זייא זענען צו איהם געקומען און האבען געזאגט, שלום, א קעניג פון
דיא יודען. און זייא האבען איהם פעטש געגעבען 4 און פילטוס איז ווידער
ארויסגעגאנגען, און האט צו זייא געזאגט, זעה, איך ברענג איהם צו אייך
ארויס, אז איהר זאלט וויסען אז איך געפין ניט אין איהם קיינע שולד. 5 אזוי
איז ישוע ארויסגעקומען, און האט געטראגען דיא קרוין פון דערנער און דאס
קלייד פון פורפור. און פילטוס האט צו זייא געזאגט, זעה דער מענש.
6 און ווען דיא ערשטע כהנים און דיא משרתים האבען איהם געזעהען, האבען
זייא געשריגען און געזאגט, קרייציג, קרייציג. פילטוס האט צו זייא געזאגט,
נעמט איהר איהם און קרייציגט איהם, וואריך איך געפין ניט אין איהם קיינע
שולד. 7 דיא יודען האבען איהם געענטפערט, מיר האבען א געזעץ, און נאך
אונזער געזעץ איז ער חיב צו שטארבען, ווארין ער האט זיך צום זוהן פון גאט
געמאכט. 8 דרום ווען פילטוס האט דאס געהערט, האט ער זיך נאך מעהר
געפארכטען. 9 און ער איז ווידער אין דעם געריכטסהויף אריינגעקומען, און
האט צו ישוע געזאגט, פון וואנען ביסט דוא? אבער ישוע האט איהם קיין
ענטפער ניט געגעבען. 10 אזוי האט פילטוס צו איהם געזאגט, רעדסט דוא
ניט מיט מיר? ווייסט דוא ניט אז איך האב מאכט דיך צו בעפרייען, און
איך האב מאכט דיך צו קרייציגען? 11 ישוע האט געענטפערט, דוא וואלסט
גאר קיינע מאכט ניט איבער מיר געהאט, סיידען עס איז דיר פון אויבען
געגעבען; דרום דער וואס האט מיך צו דיר איבערגעגעבען האט א גרעסערע
זינד.

12 פון דענצמאל אן האט איהם פילטוס געוואלט בעפרייען; אבער דיא
יודען האבען געשריגען און געזאגט, ווען דוא וועסט דיזעם בעפרייען, אזוי
ביסט דוא ניט קיין פריינד פון דעם קיסר; ווער עס מאכט זיך א קעניג, דער
רעט קעגען דעם קיסר. 13 אזוי ווען פילטוס האט דיזע ווערטער געהערט
האט ער ישוע ארויסגעפיהרט, און האט זיך אויף דעם ריכטערשטוהל אני־
דערגעזעצט, אויף איין ארט וואס הייסט דער פלאסטער, אבער אויף העברע־
איש, גבתא. 14 און עס איז ערב פסח געוועזען, קעגען דיא זעקסטע שעה;
און ער האט צו דיא יודען געזאגט, זעהט אן אייער קעניג. 15 דרום האבען
זייא געשריגען, אוועק אוועק, קרייציג איהם. פילטוס האט צו זייא געזאגט,
זאל איך אייער קעניג קרייציגען? דיא ערשטע כהנים האבען געענטפערט,
מיר האבען קיין קעניג ניט אויסער דעם קיסר. 16 דאן האט ער איהם צו זייא
איבערגעגעבען, אז ער זאל געקרייציגט ווערען.

דרום האבען זייא ישוע גענומען. 17 און ער האט זעלבסט געטראגען זיין
קרייץ און איז ארויסגעגאנגען צו איין ארט וואס הייסט ארט פון א קאפ־
שייטעל, אויף העברעאיש גלגלתא; 18 דארט האבען זייא איהם געקרייציגט,
און צווייא אנדערע מיט איהם, איינעם אויף יעדערע זייט, און ישוע
אין מיטען. 19 און פילטוס האט אויך איין אויפשריפט געשריבען, און
האט עס אויף דעם קרייץ געשטעלט; און עס איז געשריבען געוועזען, ישוע
הנצרי דער קעניג פון דיא יודען. 20 אזוי האבען פילע פון
דיא יודען דיא אויפשריפט געלייענט, ווארין דער ארט פון דער שטאדט
וואו ישוע איז געקרייציגט געווארען איז נאהענט געוועזען; און עס איז גע־
שריבען געווארען אויף העברעאיש און לאטייניש און גריעקיש. 21 דרום
האבען דיא ערשטע כהנים פון דיא יודען צו פילטוס געזאגט, שרייב ניט,
דער קעניג פון דיא יודען, נייערט אז ער האט געזאגט, איך בין דער
קעניג פון דיא יודען. 22 פילטוס האט געענטפערט, וואס איך האב גע־
שריבען האב איך געשריבען.

23 אזוי דען דיא סאלדאטען, ווען זייא האבען ישוע געקרייציגט, האבען
גענומען זיינע קליידער און פיער טהיילע געמאכט, א טהייל צו איטליכעם
סאלדאטען; און אויך דעם ראק. און דער ראק איז אהן נאט פון אויבען
געוועבט געווארען אים גאנצען. 24 אזוי האבען זייא איינער צום אנדערען
געזאגט, לאזען מיר עס ניט צורייסען, נייערט לאזען מיר דרויף גורל ווארפען
וועמעס עס זאל זיין; כדי דיא שריפט זאל דערפילט ווערען, זייא האבען
מיינע קליידער צווישען זיך צוטהיילט, און אויף מיין אונטערקלייד האבען זייא
גורל געווארפען. דיזע זאכען דען האבען דיא סאלדאטען געטהון.

25 און עס זענען געשטאנען ביים קרייץ פון ישוע זיינע מוטער און זיינע
מוטערס שוועסטער, מרים דאס ווייב פון קלואפס און מרים המגדלית. 26 דרום
ווען ישוע האט זיינע מוטער געזעהען, און דעם תלמיד וואס ער האט געליבט,
בייא איהם שטעהען, האט ער צו זיינע מוטער געזאגט, פרויא זעה, דיין זוהן.
27 דאן האט ער צו דעם תלמיד געזאגט, זעה, דיינע מוטער. און פון יענער
שעה האט זיא דער תלמיד צו זיך גענומען.

28 דערנאך ישוע וויסענדיג אז אלעס איז שוין דערפילט, כדי דיא שריפט זאל
מקוים ווערען, האט געזאגט, איך בין דורשטיג. 29 עס איז געשטאנען א געפעס
פול מיט עסיג; דרום האבען זייא א שוואם מיט דעם עסיג אנגעפילט, און
האבען עס געלעגט אויף אזוב, און האבען איהם צום מויל דערלאנגט. 30 דרום
ווען ישוע האט דעם עסיג גענומען האט ער געזאגט, עס איז דערפילט; און
ער האט דעם קאפ געניינגט און האט דעם גייסט איבערגעגעבען.

31 אזוי כדי דיא לייבער זאלען ניט בלייבען אם שבת אויף דעם קרייץ, וויל
עס איז ערב פסח געוועזען, ווארין יענער טאג איז שבת גדול געוועזען,
האבען דיא יודען פילטוס געבעטען אז זייערע שענקעל זאלען צובראכען ווערען,

תהלים כב׳ יט׳, 24 תהלים סט׳ כב׳, 28

אוּן אַז זֵייא זָאלֶען אַרוּפְּגֶענוּמֶען וֶוערֶען. [32] דְרוּם זֶענֶען דִיא סָאלְדַאטֶען גֶעקוּ־
מֶען אוּן הָאבֶּען צוּבְּרָאכֶען דִיא שֶׁענְקֶעל פוּן דֶעם עֶרְשְׁטֶען אוּן פוּן דֶעם
אַנְדֶערֶען וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעקְרֵייצִיגְט גֶעוָוארֶען; [33] אָבֶּער וֶוען זֵייא זֶענֶען
צוּ יֵשׁוּעַ גֶעקוּמֶען אוּן הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אַז עֶר אִיז שׁוֹין טוֹיט גֶעוֶוען, הָאבֶּען
זֵייא זַיינֶע שֶׁענְקֶעל נִיט צוּבְּרָאכֶען. [34] אָבֶּער אֵיינֶער פוּן דִיא סָאלְדַאטֶען הָאט
אִיהְם מִיט אַ שְׁפִּיז דִיא זַייט גֶעשְׁטָאכֶען, אוּן גְלֵייך אִיז עֶס אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען
בְּלוּט אוּן וַואסֶער. [35] אוּן דֶער וָואס הָאט עֶס גֶעזֶעהֶען הָאט בֶּעצֵייגְט, אוּן זַיין
צֵייגְנִיס אִיז וָואהְר, אוּן עֶר ווייסְט אַז עֶר זָאגְט דִיא וָואהְרְהֵייט, כְּדֵי אִיהְר
זָאלְט גְלוֹיבֶּען. [36] וָוארִין דִיזֶע זַאכֶען זֶענֶען גֶעשֶׁעהֶען אַז דִיא שְׁרִיפְט זָאל מְקוּיָם
וֶוערֶען, קֵיין בֵּיין זָאל אִיהְם נִיט צוּבְּרָאכֶען וֶוערֶען. [37] אוּן ווִידֶער אֵיין אַנְדֶערֶע
שְׁרִיפְט זָאגְט, זֵייא וֶועלֶען זֶעהֶען וֶועלְכֶען זֵייא הָאבֶּען גֶעשְׁטָאכֶען.
[38] דֶערְנָאך יוֹסֵף פוּן הָרָמָתַיִם וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן יֵשׁוּעַ אָבֶּער אִים
פֶערְבָּארְגֶענֶען פַאר פָּארְכְט פַאר דִיא יוּדֶען, הָאט פִּילָטוֹס גֶעבֶּעטֶען, אַז עֶר זָאל
דֶעם לֵייבּ פוּן יֵשׁוּעַ אַוֶועקְנֶעמֶען; אוּן פִּילָטוֹס הָאט בֶּעווִילִיגְט. אַזוֹי אִיז עֶר גֶעקוּ־
מֶען אוּן הָאט זַיין לֵייבּ אַוֶועקְגֶענוּמֶען. [39] אוּן עֶס אִיז אוֹיך גֶעקוּמֶען נִיקוֹדִימוֹס
וָואס אִיז צוּעֶרְשְׁט צוּ יֵשׁוּעַ בֵּייא נַאכְט גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט גֶעבְּרַאכְט מֹר
גֶעמִישְׁט מִיט אֲהָלוֹת אֵיין עֶרֶך פוּן הוּנְדֶערְט פוּנְט. [40] אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא גֶענוּמֶען
דֶעם לֵייבּ פוּן יֵשׁוּעַ, אוּן הָאבֶּען אִיהְם אֵיינְגֶעווִיקֶעלְט אִין לֵיילֶעך מִיט דִיא
בְּשָׂמִים, אַזוֹי ווִיא עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער מִנְהָג פוּן דִיא יוּדֶען בֵּייא דֶער קְבוּרָה.
[41] אוּן דָא אִיז גֶעוֶוען אַ גָארְטֶען אִים אָרְט ווָאו עֶר אִיז גֶעקְרֵייצִיגְט גֶעוָוארֶען,
אוּן אִים גָארְטֶען אִיז גֶעוֶוען אַ נֵייעֶר קֶבֶר, אִין וֶועלְכֶעם קֵיינֶער אִיז נָאך נִיט
גֶעלֶעגֶען. [42] דְרוּם הָאבֶּען זֵייא יֵשׁוּעַ דָארְט גֶעלֶעגְט וֶועגֶען דֶעם פֶּסַח פוּן דִיא
יוּדֶען, וָוארִין דֶער קֶבֶר אִיז נָאהֶענְט גֶעוֶוען.

כ [1] אוּן אִים עֶרְשְׁטֶען טָאג פוּן דֶער וָואך אִיז מִרְיָם הַמַּגְדָּלִית גֶעקוּמֶען צוּם
קֶבֶר אִין דֶער פְרִיה, וֶוען עֶס אִיז נָאך פִינְסְטֶער גֶעוֶוען, אוּן הָאט גֶעזֶעהֶען אַז
דֶער שְׁטֵיין אִיז פוּן דֶעם קֶבֶר אַוֶועקְגֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען. [2] אַזוֹי אִיז זִיא גֶעלָאפֶען
אוּן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס אוּן צוּ דֶעם אַנְדֶערֶען תַּלְמִיד וֶועלְכֶען
יֵשׁוּעַ הָאט גֶעלִיבְּט, אוּן זִיא הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, זֵייא הָאבֶּען דֶעם הַאר'ן
פוּן דֶעם קֶבֶר אַוֶועקְגֶענוּמֶען, אוּן מִיר ווִיסֶען נִיט ווָאוּ זֵייא הָאבֶּען אִיהְם
גֶעלֶעגְט. [3] אַזוֹי זֶענֶען פֶּעטְרוּס אוּן דֶער אַנְדֶערֶע תַּלְמִיד אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן
זֶענֶען צוּם קֶבֶר גֶעקוּמֶען. [4] אוּן זֵייא זֶענֶען בֵּיידֶע צוּזַאמֶען גֶעלָאפֶען; אוּן דֶער
אַנְדֶערֶע תַּלְמִיד אִיז פָארְאוֹיס גֶעלָאפֶען גֶעשְׁווִינְדֶער ווִיא פֶּעטְרוּס, אוּן אִיז
צוּעֶרְשְׁט צוּם קֶבֶר גֶעקוּמֶען. [5] אוּן עֶר הָאט זִיך אַרוּפְּגֶעבּוֹיגֶען אוּן הָאט גֶעזֶע־
הֶען דִיא לֵיילֶעך לִיגֶען, דָאך אִיז עֶר נִיט אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען. [6] אַזוֹי אִיז שִׁמְעוֹן
פֶּעטְרוּס אוֹיך גֶעקוּמֶען אִיהְם נָאכְגֶעהֶענְדִיג, אוּן אִיז אִים קֶבֶר אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען;
אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען דִיא לֵיילֶעך לִיגֶען, [7] אוּן דָאס טִיכֶעל וָואס אִיז אוֹיף
זַיין קָאפּ גֶעוֶוען, נִיט מִיט דִיא לֵיילֶעך לִיגֶען, נֵייעֶרְט אוֹיף אֵיין אָרְט בֵּייא דֶער

[36] תהלים לד׳ כא׳. [37] זכריה יב׳ י׳.

זַייט אֵיינְגֶעוויקֶעלְט. 8 דַאן אִיז אויך דֶער אַנְדֶערֶער תַּלְמִיד אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, וָואס
אִיז צוּם עֶרְשְׁטֶען צוּ דֶעם קֶבֶר גֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אוּן הָאט
גֶעגְלוֹיבְּט; 9 וָוארִין זַייא הָאבֶּען נָאך נִיט דִיא שְׁרִיפְט גֶעוְואוּסְט, אַז עֶר מוּז פוּן דִיא
טוֹיטֶע אוֹיפְשְׁטֶעהֶען. 10 אַזוֹי זֶענֶען דִיא תַּלְמִידִים ווִידֶער אַהֵיים אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.
11 אָבֶּער מִרְיָם אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בֵּייא דֶעם קֶבֶר פוּן דְרוֹיסֶען. דְרוּם
וִויא זִיא הָאט גֶעוויינְט הָאט זִיא זִיךְ צוּם קֶבֶר אַרוּפְגֶעבּוֹיגֶען, 12 אוּן הָאט
גֶעזֶעהֶען צְווייא מַלְאָכִים אִין ווייסֶען זִיצֶען, אֵיינֶעם צוּם קָאפּ אוּן אֵיינֶעם צוּ
דִיא פִּיס, וְואוּ דֶער לֵייבּ פוּן יֵשׁוּעַ אִיז גֶעלֶעגֶען. 13 אוּן זַייא הָאבֶּען צוּ אִיהְר
גֶעזָאגְט, פְרוֹיא וָוארוּם ווֵיינְסְט דוּא? זִיא הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, ווַייל זַייא
הָאבֶּען מֵיין הַאר'ן אַוֶועקְגֶענוּמֶען, אוּן אִיךְ ווֵייס נִיט וְואוּ זַייא הָאבֶּען אִיהְם
גֶעלֶעגְט. 14 וֶוען זִיא הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאט זִיא זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט, אוּן הָאט
גֶעזֶעהֶען יֵשׁוּעַ שְׁטֶעהֶען, אוּן הָאט נִיט גֶעוְואוּסְט אַז עֶס אִיז יֵשׁוּעַ. 15 יֵשׁוּעַ
הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, פְרוֹיא, וָוארוּם ווֵיינְסְט דוּא? וֶועמֶען זוּכְסְט דוּא? זִיא
הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז דֶער גֶערְטְנֶער, אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, וֶוען דוּא
הָאסְט אִיהְם אַוֶועקְגֶעטְרָאגֶען, זָאג מִיר וְואוּ דוּא הָאסְט אִיהְם גֶעלֶעגְט, אוּן אִיךְ
וֶועל אִיהְם אַוֶועקְנֶעמֶען. 16 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, מִרְיָם. זִיא הָאט זִיךְ
אוּמְגֶעקֶעהְרְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט אִין הֶעבְּרֶעאִישׁ, רַבּוֹנִי, וָואס
הֵייסְט לֶעהְרֶער. 17 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, רִיהְר מִיךְ נִיט אָן, וָוארִין אִיךְ
בִּין נָאךְ נִיט אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם פָאטֶער; אָבֶּער גֶעה צוּ מֵיינֶע בְּרִידֶער,
אוּן זָאג צוּ זַייא, אַז אִיךְ גֶעה אַרוֹיף צוּ מֵיינֶעם פָאטֶער אוּן צוּ אֵייעֶרֶעם
פָאטֶער, אוּן צוּ מֵיין גָאט אוּן צוּ אֵייעֶר גָאט. 18 מִרְיָם הַמַּגְדָּלִית אִיז
גֶעקוּמֶען אוּן הָאט דִיא תַּלְמִידִים דֶערְצֶעהְלְט אַז אִיךְ הָאבּ דֶעם הַאר'ן גֶעזֶעהֶען,
אוּן אַז עֶר הָאט דָאס צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט.
19 דְרוּם אוֹיף דֶעם אָבֶענְד אוֹיף יֶענֶעם טָאג, דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג אִין דֶער
וָואךְ, וֶוען דִיא טְהִירֶען זֶענֶען פֶערְשְׁלָאסֶען גֶעוָוארֶען וְואוּ דִיא תַּלְמִידִים זֶענֶען
צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען פַאר פָארְכְט פַאר דִיא יוּדֶען, אִיז יֵשׁוּעַ גֶעקוּמֶען אוּן אִיז אִין
מִיטֶען גֶעשְׁטַאנֶען, אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט. שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם. 20 אוּן וֶוען עֶר
הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאט עֶר זַייא גֶעווִיזֶען זַיינֶע הֶענְד אוּן זַיינֶע זַייט. דְרוּם
הָאבֶּען דִיא תַּלְמִידִים זִיךְ גֶעפְרֵייעֶט וֶוען זַייא הָאבֶּען דֶעם הַאר'ן גֶעזֶעהֶען.
21 דְרוּם הָאט יֵשׁוּעַ ווִידֶער צוּ זַייא גֶעזָאגְט, שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם; אַזוֹי וִויא דֶער פָאטֶער
הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט, שִׁיק אִיךְ אוֹיךְ אֵייךְ. 22 אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט
הָאט עֶר אוֹיף זַייא גֶעהוֹיכְט, אוּן הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, נֶעמְט אִיהְר דֶעם רוּחַ
הַקוֹדֶשׁ. 23 וֶועמֶען אִיהְר וֶועט דִיא זִינְד פֶערְגֶעבֶּען דֶעם אִיז עֶס פֶערְגֶעבֶּען,
אוּן וֶועמֶעס זִינְד אִיהְר הַאלְט צוּרִיק, דֶעם זֶענֶען זַייא צוּרִיקְגֶעהַאלְטֶען.
24 אָבֶּער תוֹמָא, אֵיינֶער פוּן דִיא צְוֶועלְף, וָואס אִיז גֶערוּפֶען דִידוּמוּס, אִיז נִיט
מִיט זַייא גֶעוֶועזֶען וֶוען יֵשׁוּעַ אִיז גֶעקוּמֶען. 25 אַזוֹי הָאבֶּען דִיא אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים
צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מִיר הָאבֶּען דֶעם הַאר'ן גֶעזֶעהֶען. אָבֶּער עֶר הָאט צוּ זַייא
גֶעזָאגְט, סַיידֶען וֶוען אִיךְ זֶעה דָאס צֵייכֶען פוּן דִיא נֶעגֶעל אִין זַיינֶע הֶענְד,

אוּן טְהוּא מַיין פִינְגֶער אִין דֶעם צֵייכֶען פוּן דִיא נֶענֶעל אַרַיין, אוּן מַיינֶע הַאנְד
שְׁטֶעק אִין זַיינֶע זַייט, וֶועל אִיךְ נִיט גְלוֹיבֶּען. 26 אוּן נָאךְ אַכְט טֶעג זֶענֶען
זַיינֶע תַּלְמִידִים ווִידֶער דְרִינֶען גֶעוֶועזֶען, אוּן תּוֹמָא מִיט זַייא. אוּן ווִיא דִיא
טְהִירֶען זֶענֶען פֶערְשְׁלָאסֶען גֶעוָוארֶען אִיז יֵשׁוּעַ גֶעקוּמֶען אוּן אִיז אִין מִיטֶען גֶעשְׁטַאנ־
גֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם. 27 דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ תּוֹמָא,
גְרֵייךְ אַהֶער דֵיין פִינְגֶער אוּן זֶעה מַיינֶע הֶענְד, אוּן גְרֵייךְ דֵיינֶע הַאנְד אוּן שְׁטֶעק
זִיא אַרַיין אִין מַיינֶע זַייט, אוּן זַייא נִיט אוּנְגְלוֹיבִּיג נֵייעֶרְט גְלוֹיבִּיג. 28 תּוֹמָא
הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מַיין הַאר אוּן מַיין גָאט. 29 יֵשׁוּעַ
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, תּוֹמָא, ווַייל דוּא הָאסְט מִיךְ גֶעזֶעהֶען הָאסְט דוּא גֶעגְלוֹיבְּט?
גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִיא וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעזֶעהֶען אוּן הָאבֶּען דָאךְ גֶעגְלוֹיבְּט.
30 אַזוֹי הָאט יֵשׁוּעַ נָאךְ פִילֶע אַנְדֶערֶע צֵייכֶען גֶעטְהוּן פָאר זַיינֶע תַּלְמִידִים,
וָואס זֶענֶען נִיט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דִיזֶעם בּוּךְ; 31 אָבֶּער דִיזֶע זַאכֶען זֶענֶען גֶעשְׁרִיבֶּען אַז
אִיהְר זָאלְט גְלוֹיבֶּען אַז יֵשׁוּעַ אִיז דֶער מָשִׁיחַ, דֶער זוּהְן פוּן גָאט, אוּן אַז וֶוען
אִיהְר גְלוֹיבְּט אִיהְר זָאלְט לֶעבֶּען הָאבֶּען אִין זַיין נָאמֶען.

כא 1 נָאךְ דִיזֶע זַאכֶען הָאט יֵשׁוּעַ זִיךְ ווִידֶער בֶּעווִיזֶען צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים בֵּיים
יַם פוּן טְבֶרְיָה; אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי בֶּעווִיזֶען. 2 עֶס זֶענֶען צוּזַאמֶען גֶעוֶועזֶען
שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס, אוּן תּוֹמָא וָואס אִיז גֶערוּפֶען דִידוּמוּס, אוּן נְתַנְאֵל פוּן קָנָה
אִין גָלִיל, אוּן דִיא זִיהְן פוּן זַבְדַי, אוּן צְווייא אַנְדֶערֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים.
3 שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, אִיךְ גֶעה פִישׁ פַאנְגֶען. זַייא הָאבֶּען צוּ
אִיהְם גֶעזָאגְט, מִיר קוּמֶען אוֹיךְ מִיט דִיר. זַייא זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן
זֶענֶען אִים שִׁיף אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אִין יֶענֶער נַאכְט הָאבֶּען זַייא גָאר נִיט
גֶעפַאנְגֶען. 4 אוּן וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין פְרִיה גֶעוֶועזֶען אִיז יֵשׁוּעַ גֶעשְׁטַאנֶען בֵּיים
בָּארְטֶען; אָבֶּער דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען נִיט גֶעווְאוּסְט אַז עֶס אִיז יֵשׁוּעַ. 5 אַזוֹי
הָאט יֵשׁוּעַ צוּ זַייא גֶעזָאגְט, קְלֵיינֶע קִינְדֶער, הָאט אִיהְר עֶפֶּעס צוּ עֶסֶען? זַייא
הָאבֶּען אִיהְם גֶעעֶנְטְפֶערְט, נֵיין. 6 עֶר הָאט דֶען צוּ זַייא גֶעזָאגְט, וַוארְפְט דָאס
נֶעץ צוּ דִיא רֶעכְטֶע זַייט פוּן דֶעם שִׁיף, אוּן אִיהְר וֶועט גֶעפִינֶען. אַזוֹי הָאבֶּען
זַייא גֶעוָוארְפֶען, אוּן הָאבֶּען עֶס נִיט מֶעהְר גֶעקֶענְט אַרוֹיסְצִיהֶען וֶועגֶען דִיא
סַךְ פִישׁ. 7 דְרוּם הָאט דֶער תַּלְמִיד וֶועלְכֶען יֵשׁוּעַ הָאט גֶעלִיבְּט צוּ פֶּעטְרוּס
גֶעזָאגְט, עֶס אִיז דֶער הַאר. ווִיא דֶען שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס
אִיז דֶער הַאר, הָאט עֶר זִיךְ אַרוּמְגֶעגַארְטֶעלְט מִיט זַיין פִישֶׁערְמַאנְטֶעל, וָוארִין
עֶר אִיז נַאקְט גֶעוֶועזֶען, אוּן הָאט זִיךְ אִים יַם אַרַיינְגֶעוָוארְפֶען. 8 אָבֶּער דִיא
אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אִים שִׁיפֶעל גֶעקוּמֶען, וָוארִין זַייא זֶענֶען נִיט ווַייט
גֶעוֶועזֶען פוּן דֶעם לַאנְד, נֵייעֶרְט אֵיין עֶרֶךְ פוּן צְווייא הוּנְדֶערְט אֵיילֶען, אוּן הָאבֶּען
דָאס נֶעץ מִיט דִיא פִישׁ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגֶען. 9 אַזוֹי וֶוען זַייא זֶענֶען צוּם לַאנְד
גֶעקוּמֶען, הָאבֶּען זַייא גֶעזֶעהֶען לִיגֶען פֵייעֶר פוּן קוֹילֶען אוּן פִישׁ דְרוֹיף אוּן
בְּרוֹיט. 10 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, בְּרֶענְגְט אַהֶער פוּן דִיא פִישׁ וָואס אִיהְר
הָאט אַצוּנְד גֶעפַאנְגֶען. 11 שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט דָאס
נֶעץ צוּם לַאנְד גֶעצוֹיגֶען, פוּל מִיט גְרוֹיסֶע פִישׁ אֵיין הוּנְדֶערְט אוּן דְרֵייא אוּן

פִּינְפְּצִיג; אוּן חָאטְשֶׁע עֶס זֶענֶען אַזוֹי פִיל גֶעוֶועןַ, אִיז דָאס נֶעץ דָאךְ נִיט צוּרִיסֶען
גֶעוָוארֶען. 12 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, קוּמְט אוּן עֶסְט. קֵיינֶער פוּן דִיא
תַּלְמִידִים הָאט זִיךְ נִיט אוּנְטֶערְשְׁטַאנֶען אִיהְם צוּ פְרֶעגֶען, וֶוער בִּיסְט דוּא? ווייל
זֵייא הָאבֶּען גֶעוְואוּסְט אַז עֶס אִיז דֶער הַאר. 13 יֵשׁוּעַ אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט
דָאס בְּרוֹיט גֶענוּמֶען אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעגֶעבֶּען, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִיא פִישׁ. 14 דָאס
אִיז שׁוֹין דָאס דְרִיטֶע מָאל אַז יֵשׁוּעַ הָאט זִיךְ בֶּעוִויזֶען צוּ דִיא תַּלְמִידִים, נָאךְ
דֶעם וִויא עֶר אִיז פוּן דִיא טוֹיטֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען.
15 דְרוּם וֶוען זֵייא הָאבֶּען גֶעגֶעסֶען הָאט יֵשׁוּעַ צוּ שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס גֶעזָאגְט,
שִׁמְעוֹן זוּהְן פוּן יוֹחָנָן, לִיבְּסְט דוּא מִיךְ מֶעהְר וִויא דִיזֶע? עֶר הָאט צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, יָא, הַאר, דוּא ווייסְט אַז אִיךְ לִיבּ דִיךְ. עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
פַּאסִי מֵיינֶע לֶעמֶעלֶעך. 16 עֶר הָאט ווידֶער אַ צְוֵוייטֶעס מָאל צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
שִׁמְעוֹן זוּהְן פוּן יוֹחָנָן, לִיבְּסְט דוּא מִיךְ? עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, יָא, הַאר, דוּא
ווייסְט אַז אִיךְ לִיבּ דִיךְ. עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, פַּאסִי מֵיינֶע שָׁאף. 17 עֶר
הָאט דָאס דְרִיטֶע מָאל צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, שִׁמְעוֹן זוּהְן פוּן יוֹחָנָן, לִיבְּסְט דוּא מִיךְ?
פֶּעטְרוּס אִיז טְרוֹירִיג גֶעוֶועןַ ווייל עֶר הָאט צוּ אִיהְם דָאס דְרִיטֶע מָאל גֶעזָאגְט,
לִיבְּסְט דוּא מִיךְ? אוּן עֶר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, הַאר, דוּא אַלֶעס ווייסְט,
דוּא ווייסְט אַז אִיךְ לִיבּ דִיךְ; יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, פַּאסִי מֵיינֶע שָׁאף.
18 בֶּאֱמֶת בֶּאֱמֶת זָאג אִיךְ דִיר, וֶוען דוּא בִּיסְט יוּנְגֶער גֶעוֶועןַ, הָאסְט דוּא דִיךְ
אַרוּמְגֶעגַארְטֶעלְט אוּן בִּיסְט אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען וְואוּ דוּא הָאסְט גֶעוָואלְט; אָבֶּער
וֶוען דוּא וֶועסְט אַלְט וֶוערֶען, וֶועסְט דוּא דֵיינֶע הֶענְד אוֹיסְשְׁטְרֶעקֶען, אוּן אֵיין
אַנְדֶערֶער וֶועט דִיךְ גַארְטְלֶען אוּן וֶועט דִיךְ טְרָאגֶען וְואוּ אַהִין דוּא ווילְסְט נִיט.
19 אוּן דָאס הָאט עֶר גֶעזָאגְט אוּן הָאט בֶּעדֵייט מִיט וָואסְפַאר אַ טוֹיט עֶר וֶועט
גָאט פֶערְהֶערְלִיכֶען. אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאט עֶר צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, פָאלְג מִיר נָאךְ. 20 אוּן פֶּעטְרוּס הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט אוּן הָאט
גֶעזֶעהֶען דֶעם תַּלְמִיד נָאכְפָאלְגֶען, דֶעם יֵשׁוּעַ הָאט גֶעלִיבְּט, וָואס אִיז אוֹיךְ
אָנְגֶעלֶעהְנְט גֶעוֶועןַ אוֹיף זֵיינֶע בְּרוּסְט בֵּייא דֶעם אָבֶּענְדְמָאהְל אוּן הָאט גֶעזָאגְט,
הַאר, וֶוער אִיז דֶער וָואס דִיךְ אִיבֶּערְלִיפֶערְט? 21 דְרוּם וֶוען פֶּעטְרוּס הָאט
אִיהְם גֶעזֶעהֶען הָאט עֶר צוּ יֵשׁוּעַ גֶעזָאגְט, הַאר, וָואס זָאל דִיזֶער טְהוּן?
22 יֵשׁוּעַ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, וֶוען אִיךְ וויל אַז עֶר זָאל בְּלֵייבֶּען בִּיז אִיךְ קוּם,
וָואס אִיז דָאס צוּ דִיר? פָאלְג דוּא מִיר נָאךְ. 23 דְרוּם אִיז דָאס וָוארְט אוֹיסְגֶע־
גַאנְגֶען צְווִישֶׁען דִיא בְּרִידֶער, אַז דִיזֶער תַּלְמִיד וֶועט נִיט שְׁטַארְבֶּען; אָבֶּער
יֵשׁוּעַ הָאט נִיט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אַז עֶר וֶועט נִיט שְׁטַארְבֶּען, נֵייעֶרְט, וֶוען
אִיךְ וויל אַז עֶר זָאל בְּלֵייבֶּען בִּיז אִיךְ קוּם, וָואס אִיז דָאס צוּ דִיר?
24 דָאס אִיז דֶער תַּלְמִיד וָואס זָאגְט עֵדוּת אוֹיף דִיזֶע זַאכֶען, אוּן הָאט דִיזֶע
גֶעשְׁרִיבֶּען, אוּן מִיר וִויסֶען אַז זֵיין עֵדוּת אִיז וָואהְר. 25 אוּן עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען
נָאךְ פִילֶע אַנְדֶערֶע זַאכֶען וָואס יֵשׁוּעַ הָאט גֶעטְהוּן, וָואס וֶוען אִיטְלִיכֶער בֶּעזוּנְ־
דֶער זָאל גֶעשְׁרִיבֶּען וֶוערֶען, אַזוֹי דֶענְק אִיךְ אַז אוֹיךְ דִיא וֶועלְט זֶעלְבְּסְט וָואלְט
נִיט קֶענֶען דִיא בִּיכֶער דֶערְהַאלְטֶען וָואס זָאלֶען גֶעשְׁרִיבֶּען וֶוערֶען.

די * אפאסטעלגעשיכטע

---

1 דאס ערשטע בוך האב איך געמאכט, א תאפילוס, איבער אלעם וואס
ישוע האט אנגעהויבען צו טהון און צו לעהרען, 2 ביז צום טאג ווען ער איז
ארויפגענומען געווען, נאכדעם ער האט דורך דעם רוח הקודש א בעפעהל
געגעבען צו די שליחים וועלכע ער האט אויסדערוועהלט; 3 צו וועלכע ער
האט אויך זיך לעבענדיג פארגעשטעלט נאך זיין ליידען, דורך פילע בעווייזע,
ווען ער האט זיך צו זייא פיערציג טעג בעוויזען, און האט געשפראכען פון די
זאכען וואס געהערען צום קעניגרייך פון גאט. 4 און ווען זייא זענען פערזאַ־
מעלט געווען, האט ער זייא אנגעזאגט אז זייא זאלען פון ירושלים ניט אוועק־
געהען, נייערט זאלעןווארטען אויף דער הבטחה פון דעם פאטער, וואס איהר
האט געהערט פון מיר; 5 ווארין יוחנן האט מיט וואסער געטובלט, אבער
איהר וועט געטובלט ווערען מיט דעם רוח הקודש נאך ניט פיל טעג.
6 דרום ווען זייא זענען צוזאמענגעקומען האבען זייא איהם געפרעגט
און געזאגט, האר, וועסט דוא אין דיזער צייט דאס קעניגרייך צו ישראל
צוריקשטעלען? 7 ער האט צו זייא געזאגט, עס איז ניט פאר אייך צו
וויסען די צייטען אדער די יאהרסצייטען וואס דער פאטער האט אין זיין
אייגענע מאכט בעהאלטען; 8 אבער איהר וועט קראפט דערהאלטען ווען דער
רוח הקודש וועט אויף אייך קומען, און איהר וועט זיין מיינע עדות אין
ירושלים און אין גאנץ יהודה און אין שמרון און ביז צו דעם עק פון דער
ערד. 9 און ווען ער האט דאס געזאגט, איז ער ארויפגענומען געווארען בשעת
זייא האבען ארויפגעקוקט, און א וואלקען האט איהם פאר זייערע אויגען
אוועקגענומען. 10 און ווען זייא האבען צום הימעל געקוקט וויא ער איז ארויפגע־
גאנגען, זעה, צוויא מענשען זענען בייא זייא אין ווייסע קליידער געשטאנען 11 און
האבען געזאגט, איהר מענשען פון גליל, פארוואס שטעהט איהר און
קוקט צום הימעל? דיזער ישוע דער איז פון אייך ארויפגענומען געווען אין
הימעל, וועט קומען אזוי וויא איהר האט איהם געזעהען אין הימעל אריינגעהען.
12 דאן האבען זייא זיך קיין ירושלים אומגעקעהרט פון דעם בארג וואס איז
גערופען הר הזיתים, וואס איז א תחום שבת פון ירושלים. 13 און ווען זייא
זענען אריינגעקומען, זענען זייא אין איין אויבערע שטוב ארויפגעגאנגען, וואו
עס האבען זיך אויפגעהאלטען פעטרוס און יעקב, און יוחנן און אנדרי, פיליפוס
און תומא, בר תלמי און מתי, יעקב דער זוהן פון חלפי און שמעון הקנאי,
און יהודה דער זוהן פון יעקב. 14 דיזע אלע האבען שטענדיג אחדות געהאל־
טען אין געבעט מיט די פרויען און מיט מרים, די מוטער פון ישוע, און
מיט זיינע ברידער.
15 און אין דיזע טעג איז פעטרוס אויפגעשטאנען צווישען די תלמידים, און

* אפאסטעל הייסט שליח.

עס איז אַ סך לייט וואס איז איינגעזאַמעלט געוועזען איין ערך פון הונדערט און
צוואַנציג, און ער האט געזאָגט. [16] איהר מענער און ברידער, דיא שריפט
האט געמוזט דערפילט ווערען וואס דער רוח הקודש האט דורך דוד צופאר
געזאָגט וועגען יהודה, וואס איז דער פיהרער געוועזען צו דיא וואס האבען
ישוע געפאַנגען; [17] ווארין ער איז מיט אונז געצעהלט געוועזען, און האט דעם
טהייל פון דיזעם דינסט דערהאַלטען. [18] דיזער האט דען אַ פעלד געקויפט
פאַר דעם לוין פון זיין אונגערעכטיגקייט, און ער איז אַנידערגעפאַלען און
איז אויפגעשפּאַלטען געוואָרען, און אַלע זיינע געדערם זענען אויסגעגאָסען
געוואָרען. [19] און דאס איז בעקאַנט געוואָרען צו אַלע איינוואוינער פון ירושלים,
אַזוי אַז דאס פעלד איז גערופען געוועזען אין זייער אייגען לשון חקל דמא, דאס
הייסט, דאס פעלד פון בלוט. [20] ווארין עס שטעהט געשריבען אין ספר תהלים,

לאָז זיין פּאַלאַסט פערוויסט ווערען,

און לאָז עס זיין קיינער וואס בעוואוינט דאַרין,

און

לאָז איין אַנדערער זיין אויפזעהונג איבערנעמען.

[21] דרום פון דיא מענער, וואס זענען מיט אונז געוועזען דורך דיא גאַנצע צייט,
ווען דער האַר ישוע איז איין און אויסגעגאַנגען צווישען אונז, [22] פון אָנהייב
פון דיא טבילה פון יוחנן ביז צום טאָג ווען ער איז פון אונז אַרויפגענומען
געוועזען, מוז איינער מיט אונז איין עדות ווערען אויף זיין אויפערשטעהונג. [23] און
זייא האבען צווייא פאָרגעשטעלט, יוסף, וואס הייסט בר־שבא, דער איז אויך
יוסטוס גערופען, און מתיה. [24] און זייא האבען געבעטען און געזאָגט, האַר,
דער דוא קענסט דיא הערצער פון אַלע, וויז וועלכען פון דיזע צווייא דוא
האסט אויסדערוועהלט, [25] צו נעמען דיא שטעלע אין דיזעם דינסט און
שליחות, פון וועלכען יהודה האט אָבגעוויכט, אַז ער זאָל צו זיין אייגענעם
אָרט געהען. [26] און זייא האבען פאַר זייא גורלות געוואָרפען, און דאס גורל
איז אויף מתיה געפאַלען, און ער איז געצעהלט מיט דיא עלף אַפּאָסטעל.

ב [1] און אין דעם טאָג פון שבועות האבען זייא זיך אַלע פערזאַמעלט אויף
איין אָרט; [2] און עס איז פּלוצלינג געוועזען אַ קול פון דעם הימעל, אַזוי וויא פון
דעם רוישען פון אַ שטאַרקען ווינד, און עס האט אָנגעפילט דאס גאַנצע הויז
וואו זייא זענען געזעסען. [3] און עס האבען זיך צו זייא בעוויזען צושפּאַלטענע
צונגען אַזוי וויא פון פייער; און עס איז אויף איטליכען פון זייא געזעסען.
[4] און זייא זענען אַלע אָנגעפילט געוועזען מיט דעם רוח הקודש, און האבען
אָנגעהויבען צו רעדען מיט אַנדערע לשונות, אַזוי וויא דער רוח האט זייא
געגעבען אויסצושפּרעכען.

[5] און דא האבען אין ירושלים געוואוינט יודען וואס זענען פרומע לייט
געוועזען, פון איטליכען פאָלק אונטער דעם הימעל. [6] און ווען דיזער שם איז
אויסגעגאַנגען, אַזוי איז פיל פאָלק צוזאַמענגעקומען, און זענען ערשטוינט

[16] תהלים מא׳ י׳ [20] תהלים סט׳ כו׳, קט׳ ח׳

גֶעוָואָרֶען, וָוארִין אִיטְלִיכֶער הָאט זַייא גֶעהֶערְט רֶעדֶען אִין זַיין אֵייגֶענֶען לָשׁוֹן.
7 און זַייא זֶענֶען אַלֶע עֶרְשְׁטוֹינְט און פֶערְוָואוּנְדֶערְט גֶעוָואָרֶען, און הָאבֶּען
גֶעזָאגְט, זֶענֶען נִיט אַלֶע דִיזֶע וָואס רֶעדֶען פוּן גָלִיל? 8 און וִויא אַזוֹי הֶערֶען
מִיר אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אֵייגֶענֶען לָשׁוֹן אִין וֶועלְכֶעם מִיר זֶענֶען גֶעבּוֹירֶען?
9 פַּרְתִּיִּים און מָדִים און עֵילָמִים, און אֵיינְוואוֹינֶער פוּן אֲרַם נַהֲרַיִם, יְהוּדָה און
קַפּוּדְקִיָּה, פָּאנְטוֹס און אַסְיָא, 10 פְּרוּגְיָא און פַּמְפִילְיָא, מִצְרַיִם און אִין דִיא
טְהֵייל פוּן לִיבְיָא וָואס אִיז בֵּייא קוּרִינִי, און אוֹיסְלֶענְדֶער פוּן רוֹם, 11 יוּדֶען
און גֵרִים, כְּרֵתִים און אַרַאבֶּער, מִיר הֶערֶען זַייא רֶעדֶען אִין אוּנְזֶערֶע לְשׁוֹנוֹת
דִיא גְבוּרוֹת פוּן גָאט. 12 און זַייא זֶענֶען אַלֶע עֶרְשְׁטוֹינְט און פֶערְטוּמֶעלְט
גֶעוָואָרֶען, און הָאבֶּען אֵיינֶער צוּ דֶעם אַנְדֶערֶען גֶעזָאגְט, וָואס זָאל דָאס זַיין?
13 און אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גֶעשְׁפֶּעט און גֶעזָאגְט, זַייא זֶענֶען פוֹל מִיט זִיסֶען וויין.
14 אָבֶּער פֶּעטְרוֹס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען מִיט דִיא עֶלְף, און הָאט זַיין קוֹל
אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען און הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, אִיהְר יוּדִישֶׁע מֶענֶער, און אַלֶע וָואס
וְואוֹינֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם, לָאז אֵייךְ דָאס צוּ וִויסֶען זַיין, און הָארְכְט צוּ מֵיינֶע
וֶוערְטֶער. 15 וָוארִין דִיזֶע זֶענֶען נִיט שִׁכּוֹר אַזוֹי וִויא אִיהְר מֵיינְט, וָוארִין עֶס
אִיז דִיא דְרִיטֶע שָׁעָה פוּן דֶעם טָאג; 16 אָבֶּער דָאס אִיז יֶענֶעם וָואס אִיז
גֶעזָאגְט גֶעוֶועֶן דוּרְךְ יוֹאֵל הַנָבִיא,

17 און עֶס וֶועט זַיין אִין דִיא לֶעצְטֶע טֶעג, זָאגְט גָאט,
אִיךְ וֶועל אוֹיסְגִיסֶען מֵיין גֵייסְט אוֹיף אַלֶעם פְלֵיישׁ,
און אֵייעֶרֶע זִיהְן און אֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער וֶועלֶען נְבוּאוֹת זָאגֶען,
און אֵייעֶרֶע יוּנְגֶע לֵייט וֶועלֶען גֶעזִיכְטֶען זֶעהֶען,
און אֵייעֶרֶע אַלְטֶע לֵייט וֶועלֶען חֲלוֹמוֹת חָלוֹמ'ן;
18 און אוֹיף מֵיינֶע קְנֶעכְט און אוֹיף מֵיינֶע דִינְסְטְמֶעדֶען
וֶועל אִיךְ אִין דִיזֶע טֶעג פוּן מֵיינֶעם גֵייסְט אוֹיסְגִיסֶען,
און זַייא וֶועלֶען נְבוּאוֹת זָאגֶען.
19 און אִיךְ וֶועל וְואוּנְדֶער בֶּעוֵוייזֶען אִים הִימֶעל פוּן אוֹיבֶּען,
און צֵייכֶען אוֹיף דֶער עֶרְד פוּן אוּנְטֶען,
בְּלוּט און פֵייעֶר און אַ דַאמְפְּף פוּן רוֹיךְ.
20 דִיא זוּן וֶועט צוּ פִינְסְטֶערְנִיס פֶערְקֶעהְרְט וֶוערֶען,
און דִיא לְבָנָה צוּ בְּלוּט,
אֵיידֶער דֶער גְרוֹיסֶע און פָּארְכְטִיגֶע טָאג פוּן דֶעם הַאר'ן וֶועט קוּמֶען.
21 און עֶס וֶועט זַיין אַז אִיטְלִיכֶער וָואס וֶועט אָנְרוּפֶען דֶעם נָאמֶען פוּן
דֶעם הַאר'ן וֶועט גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען.

22 אִיהְר מֶענֶער פוּן יִשְׂרָאֵל, הֶערְט צוּ דִיזֶע וֶוערְטֶער, יֵשׁוּעַ הַנָצְרִי, אַ מַאן
וָואס אִיז צוּ אֵייךְ בֶּעוִויזֶען גֶעוֶועֶן פוּן גָאט מִיט גְבוּרוֹת און וְואוּנְדֶער און צֵייכֶען,
וָואס גָאט הָאט דוּרְךְ אִיהְם צְוִוישֶׁען אֵייךְ גֶעטְהוּן, אַזוֹי וִויא אִיהְר אַלֵיין ווייסְט,
23 דִיזֶען דֶער אִיז דוּרְךְ דִיא עֵצָה און צוּפָארְזֶעהוּנְג פוּן גָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען

17 יואל ג׳ א׳־ה׳.

גֶעוָוארֶען, הָאט אִיהְר דוּרְךְ דִיא הֶענְד פוּן אוּנְגֶערֶעכְטֶע מֶענֶער גֶעקְרֵייצִיגְט
אוּן אוּמְגֶעבְּרַאכְט; 24 וֶועלְכֶען גָאט הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט, אִין דֶעם עֶר הָאט אוֹיפְ־
גֶעבּוּנְדֶען דִיא וֶועהְטִיגֶען פוּן דֶעם טוֹיט, וָוארִין עֶס אִיז נִיט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען אַז
עֶר זָאל פוּן אִיהְם גֶעהַאלְטֶען וֶוערֶען. 25 וָוארִין דָוִד הָאט אוֹיף אִיהְם גֶעזָאגְט,
אִיךְ הָאבּ דֶעם הַאר'ן בֶּעשְׁטֶענְדִיג פָאר מִיר גֶעזֶעצְט,
וָוארִין עֶר אִיז צוּ מֵיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד כְּדֵי אִיךְ זָאל נִיט בֶּעוֶועגְט וֶוערֶען.
26 דְרוּם הָאט זִיךְ מֵיין הַארְץ גֶעפְרֵייעֶט, אוּן מֵיינֶע צוּנְג אִיז פְרֶעהְלִיךְ גֶעוֶוען,
אוּן אוֹיךְ מֵיין פְלֵיישׁ וֶועט אִין זִיכֶערְהֵייט רוּהֶען;
27 וָוארִין דוּא וֶועסְט נִיט לָאזֶען מֵיינֶע זֶעלֶע אִין שְׁאוֹל,
אוּן וֶועסְט נִיט צוּגֶעבֶּען אַז דֵיין הֵיילִיגֶער זָאל פֶערְדַארְבְּנִים זֶעהֶען.
28 דוּא הָאסְט מִיר צוּ וִויסֶען גֶעטְהוּן דֶעם וֶועג פוּן לֶעבֶּען,
דוּא וֶועסְט מִיךְ מִיט פְרֵייד דֶערְפִילֶען פוּן דֵיין אָנְגֶעזִיכְט.
29 אִיהְר מֶענֶער אוּן בְּרִידֶער, אִיךְ מֶעג פְרֵייא צוּ אֵייךְ רֶעדֶען וֶועגֶען דֶעם
הוֹיפְּטְפָאטֶער דָוִד, אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּן בֶּעגְרָאבֶּען גֶעוֶוען, אוּן זֵיין קֶבֶר
אִיז מִיט אוּנְז בִּיז צוּם הֵיינְטִיגֶען טָאג. 30 דְרוּם וֵוייל עֶר אִיז אַ נָבִיא גֶעוֶוען,
אוּן הָאט גֶעוְואוּסְט אַז גָאט הָאט צוּ אִיהְם מִיט אַ שְׁבוּעָה גֶעשְׁוָוארֶען אַז עֶר
זָאל פוּן דֶער פְרוּכְט פוּן זֵיינֶע לֶענְדֶען אוֹיפְשְׁטֶעלֶען אוֹיף זֵיין טְרוֹין; 31 אַזוֹי
הָאט עֶר צוּפָאר גֶעזֶעהֶען אוּן הָאט וֶועגֶען תְּחִיַּת הַמֵּתִים פוּן מָשִׁיחַ גֶערֶעט,
אַז עֶר אִיז נִיט גֶעלָאזְט גֶעוֶוען אִין שְׁאוֹל, אוּן זֵיין פְלֵיישׁ הָאט נִיט קֵיינֶע
פֶערְדַארְבְּנִים גֶעזֶעהֶען. 32 דִיזֶען יֵשׁוּעַ הָאט גָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט, דְרוֹיף מִיר
אַלֶע זֶענֶען עֵדוּת. 33 דְרוּם אִיז עֶר פוּן דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן גָאט דֶערְהֵייכְט,
אוּן הָאט פוּן דֶעם פָאטֶער דִיא הַבְטָחָה פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ דֶערְהַאלְטֶען,
אוּן הָאט דָאס אוֹיסְגֶעגָאסֶען וָואס אִיהְר זֶעהְט אוּן הֶערְט. 34 וָוארִין דָוִד אִיז
נִיט אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אִים הִימֶעל, אָבֶּער עֶר הָאט זֶעלְבְּסְט גֶעזָאגְט,
דֶער הַאר הָאט צוּ מֵיינֶעם הַאר'ן גֶעזָאגְט, זִיץ דוּא צוּ מֵיינֶע רֶעכְטֶע
הַאנְד,
35 בִּיז אִיךְ וֶועל דֵיינֶע פֵיינְד מַאכֶען פַאר אַ פוּסְבֶּענְקֶעל צוּ דֵיינֶע פִּיס.
36 דְרוּם לָאז דָאס גַאנְצֶע הוֹיז פוּן יִשְׂרָאֵל זִיכֶער וִויסֶען, אַז גָאט הָאט דִיזֶען
יֵשׁוּעַ, דֶעם אִיהְר הָאט גֶעקְרֵייצִיגְט, פַאר אַ הַאר'ן אוּן מָשִׁיחַ גֶעמַאכְט.
37 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶס זֵייא גֶעשְׁטָאכֶען אִים
הַארְץ, אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ פֶּעטְרוּס אוּן צוּ דִיא אִיבֶּערִיגֶע אַפָּאסְטֶעל גֶעזָאגְט,
אִיהְר מֶענֶער אוּן בְּרִידֶער, וָואס זָאלֶען מִיר טְהוּן? 38 אוּן פֶּעטְרוּס הָאט צוּ זֵייא
גֶעזָאגְט, טְהוּט תְּשׁוּבָה, אוּן וֶוערְט אִיטְלֶעכֶער פוּן אֵייךְ גֶעטוּבֶלְט אִים נָאמֶען
פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ צוּ פֶערְגֶעבּוּנְג פוּן אֵייעֶרֶע זִינְד, אוּן אִיהְר וֶועט דֶערְהַאלְ־
טֶען דִיא מַתָּנָה פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. 39 וָוארִין דִיא הַבְטָחָה אִיז צוּ אֵייךְ אוּן
צוּ אֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן צוּ אַלֶע וָואס זֶענֶען פוּן וֵוייטֶען, וֶועלְכֶע דֶער הַאר

25 תהלים טז׳ ח׳־יא׳. 30 תהלים פט׳ ד׳, ה׳, קלב׳ יא׳: שמואל ב׳ ז׳ יב׳.
31 תהלים טז׳ יא׳. 34 תהלים קי׳ א׳.

אונְזֶער גָאט וֶועט רוּפֶען. 40 און מִיט פִילֶע אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער הָאט עֶר בֶּעצֵייגְט
און גֶעוָוארְנְט, און הָאט גֶעזָאגְט, רֶעטֶעט אֵייךְ פוּן דִיזֶעם פֶערְקֶעהְרְטֶען דוֹר.
41 דְרוּם דִיא וָואס הָאבֶּען זַיין וָוארְט אָנְגֶענוּמֶען זֶענֶען גֶעטוֹבֶלְט גֶעוָוארֶען, און
עֶס זֶענֶען אִין יֶענֶעם טָאג צוּגֶעטְהוּן קֶעגֶען דְרֵייא טוֹיזֶענְד נְפָשׁוֹת. 42 און זֵייא
זֶענֶען פְלֵייסִיג אִין דֶער לֶעהְרֶע פוּן דִיא אַפָּאסְטֶעל גֶעוֶועזֶען, און אִין דֶער
גֶעמֵיינְשַׁאפְט און אִים בְּרֶעכֶען פוּן בְּרוֹיט און אִין דִיא גֶעבֶּעטֶע.
43 און אַ פָּארְכְט אִיז אִיבֶּער יֶעדֶען נֶפֶשׁ גֶעקוּמֶען; און פִילֶע וְואוּנְדֶער און
צֵייכֶען זֶענֶען דוּרְךְ דִיא אַפָּאסְטֶעל גֶעשֶׁעהֶען. 44 און אַלֶע וָואס הָאבֶּען
גֶעגְלוֹיבְּט זֶענֶען צוּזַאמֶען גֶעוֶועזֶען, און הָאבֶּען אַלֶעס אִין גֶעמֵיינְשַׁאפְט גֶעהַאט;
45 און זֵייא הָאבֶּען זֵייעֶרֶע גִיטֶער פֶערְקוֹיפְט און הָאבֶּען צוּ אַלֶע צוּטְהֵיילְט,
אַזוֹי וִויא אִיטְלִיכֶער הָאט בֶּעדֶערְפְט. 46 און זֵייא זֶענֶען טֶעגְלִיךְ און פְלֵייסִיג
אִין אַחְדוּת אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ גֶעוֶועזֶען, און הָאבֶּען בְּרוֹיט גֶעבְּרָאכֶען פוּן הוֹיז
צוּ הוֹיז, און זֵייעֶרֶע שְׁפֵּייז גֶעגֶעסֶען מִיט פְרֵייד און אוֹיפְרִיכְטִיגְקֵייט פוּן הַאַרְץ;
47 און זֵייא הָאבֶּען גָאט גֶעלוֹיבְּט, און הָאבֶּען גְנָאד גֶעהַאט בֵּייא דֶעם גַאנְצֶען
פָאלְק. און דֶער הַאר הָאט טֶעגְלִיךְ צוּ דֶעם צוּגֶעטְהוּן דִיא וָואס זֶענֶען גֶערֶע־
טֶעט גֶעוָוארֶען.

ג 1 און פֶּעטְרוּס און יוֹחָנָן זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּם בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּם דִיא
נֵיינְטֶע שָׁעָה פוּן גֶעבֶּעט. 2 און אַ גֶעוִויסֶער מַאן אִיז גֶעטְרָאגֶען גֶעוֶועזֶען, דֶער
אִיז קְרוּם גֶעוֶועזֶען פוּן זַיין מוּטֶערְס לֵייבּ, דֶעם הָאבֶּען זֵייא טֶעגְלִיךְ אַנִידֶערְגֶע־
זֶעצְט בֵּייא דֶער טְהִיר פוּן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, וָואס אִיז גֶערוּפֶען גֶעוֶועזֶען
דִיא שֶׁעהְנֶע טְהִיר, אַז עֶר זָאל נְדָבוֹת בֶּעטֶען פוּן דִיא וָואס זֶענֶען אִים בֵּית
הַמִקְדָשׁ אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען; 3 דֶער הָאט גֶעזֶעהֶען פֶּעטְרוּס און יוֹחָנָן אִים בֵּית
הַמִקְדָשׁ אַרֵיינְגֶעהֶען, און הָאט אַ נְדָבָה גֶעבֶּעטֶען. 4 און פֶּעטְרוּס און יוֹחָנָן
הָאבֶּען אִיהְם שַׁארְף אָנְגֶעקוּקְט און גֶעזָאגְט, זֶעה אוֹיף אוּנְז. 5 און עֶר הָאט זֵייא
אָנְגֶעזֶעהֶען, וָוארִין עֶר הָאט עֶפֶּעס פוּן זֵייא צוּ בֶּעקוּמֶען גֶעהָאפְט. 6 און פֶּעטְרוּס
הָאט גֶעזָאגְט, זִילְבֶּער און גָאלְד הָאבּ אִיךְ נִיט, אָבֶּער וָואס אִיךְ הָאבּ דָאס גִיבּ
אִיךְ דִיר; אִים נָאמֶען פוּן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ הַנָצְרִי גֶעה אַרוּם. 7 און עֶר הָאט
אִיהְם אָנְגֶענוּמֶען בֵּייא דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד און הָאט אִיהְם אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט. און
גְלֵייךְ זֶענֶען זֵיינֶע שֶׁענְקֶעל און קְנֶעכֶעל גֶעשְׁטַארְקְט גֶעוָוארֶען; 8 און עֶר אִיז
אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען און גֶעשְׁטַאנֶען, און אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען, און אִיז מִיט זֵייא אִים
בֵּית הַמִקְדָשׁ אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, און אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען און גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען און הָאט
גָאט גֶעלוֹיבְּט. 9 און דָאס גַאנְצֶע פָאלְק הָאט אִיהְם גֶעזֶעהֶען אַרוּמְגֶעהֶען און
גָאט לוֹיבֶּען; 10 און זֵייא הָאבֶּען אִיהְם דֶערְקַאנְט אַז עֶר אִיז דֶער וָואס אִיז
אוּם נְדָבוֹת גֶעזֶעסֶען בֵּייא דֶעם שֶׁעהְנֶען טוֹיעֶר פוּן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, און זֵייא
זֶענֶען דֶערְפִילְט גֶעוֶועזֶען מִיט וְואוּנְדֶער און עֶרְשְׁטוֹינֶען אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיז צוּ
אִיהְם גֶעשֶׁעהֶען.
11 און וִויא עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטֶען אָן פֶּעטְרוּס און יוֹחָנָן, אִיז דָאס
גַאנְצֶע פָאלְק צוּ זֵייא צוּזַאמֶענְגֶעלָאפֶען צוּם פָאלִישׁ וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען דָאס

פָּאלִישׁ פוּן שְׁלֹמֹה, אוּן הָאט זִיךְ פֶערְוְואוּנְדֶערְט. 12 אוּן וֶוען פֶּעטְרוּס הָאט
דָאס גֶעזֶעהֶען הָאט עֶר צוּם פָאלְק גֶעעֶנְטְפֶערְט, אִיהְר מֶענֶער פוּן יִשְׂרָאֵל,
וָוארוּם וְואוּנְדֶערְט אִיהְר אֵייךְ אִיבֶּער דֶעם? אָדֶער פַארְוָואס זֶעהְט אִיהְר אוּנְז
אָן, אַלְס מִיט אוּנְזֶערֶע אֵייגֶענֶע מַאכְט אָדֶער פְרוּמִיגְקֵייט הָאבֶּען מִיר
גֶעטְהוּן אַז דִיזֶער זָאל אַרוּמְגֶעהֶען? 13 דֶער גָאט פוּן אַבְרָהָם אוּן יִצְחָק אוּן
יַעֲקֹב, דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת, הָאט זַיין זוּהְן יֵשׁוּעַ פֶערְהֶערְלִיכְט, דֶעם
אִיהְר הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען, אוּן הָאט פֶערְלֵייקֶענְט פָאר פִּילָטוּס, וֶוען עֶר הָאט
בֶּעשְׁלָאסֶען אַז עֶר זָאל אִיהְם פְרֵייא לָאזֶען. 14 אָבֶּער אִיהְר הָאט דֶעם הֵיילִיגֶען
אוּן גֶערֶעכְטֶען פֶערְלֵייקֶענְט, אוּן הָאט פֶערְלַאנְגְט אַז מֶען זָאל אֵייךְ בֶּעגְנַאדִי־
גֶען אַ מַאן אַ רוֹצֵחַ; 15 אוּן אִיהְר הָאט דֶעם פִּירְשְׁט פוּן לֶעבֶּען גֶעטֵייטֶעט,
דֶעם גָאט הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דִיא טוֹיטֶע, דְרוּיף מִיר עֵדוּת זֶענֶען.
16 אוּן דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען אִין זַיין נָאמֶען הָאט זַיין נָאמֶען דִיזֶען גֶעשְׁטַארְקְט,
דֶעם אִיהְר זֶעהְט אוּן קֶענְט, אוּן דֶער גְלוֹיבֶּען וָואס אִיז דוּרְךְ אִיהְם הָאט
אִיהְם דִיזֶע גַאנְצֶע גֶעזוּנְדְהֵייט פָאר אֵייךְ אַלֶע גֶעגֶעבֶּען. 17 אוּן אַצוּנְד, בְּרִי־
דֶער, אִיךְ וֵויים אַז אִיהְר הָאט דָאס אוּנְוִויסֶענְטְלִיךְ גֶעטְהוּן, אַזוֹי וִויא אֵייעֶרֶע
רֶעגִירֶער. 18 אָבֶּער גָאט הָאט דָאס אַזוֹי דֶערְפִילְט וָואס עֶר הָאט פָארָאוֹיסְ־
גֶעזָאגְט דוּרְךְ דֶעם מוֹיל פוּן אַלֶע נְבִיאִים, אַז דֶער מָשִׁיחַ זָאל דָאס לֵיידֶען.
19 דְרוּם טְהוּט תְּשׁוּבָה אוּן בֶּעקֶעהְרְט אֵייךְ, אַז אֵייעֶרֶע זִינְד זָאלֶען אוֹיסְגֶע־
מֶעקְט וֶוערֶען, כְּדֵי דִיא צֵייטֶען פוּן דֶערְקְוִויקוּנְג זָאלֶען קוּמֶען פוּן דֶעם פָּנִים
פוּן דֶעם הַאר'ן, 20 אוּן אַז עֶר זָאל שִׁיקֶען דֶעם מָשִׁיחַ וָואס אִיז פָארָאוֹיס
אֵייךְ גֶעוֶועהְלְט גֶעוֶוען, יֵשׁוּעַ, 21 דֶעם דֶער הִימֶעל מוּז מְקַבֵּל זַיין בִּיז צוּ
דֶער צֵייט וֶוען אַלֶעס וֶועט צוּרִיקְגֶעשְׁטֶעלְט וֶוערֶען, וָואס גָאט הָאט גֶעשְׁפְּרָא־
כֶען דוּרְךְ דֶעם מוֹיל פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע נְבִיאִים פוּן עֶבִּיג אָן. 22 מֹשֶׁה הָאט
גֶעזָאגְט, דֶער הַאר גָאט וֶועט צוּ אֵייךְ פוּן אֵייעֶרֶע בְּרִידֶער אוֹיפְשְׁטֶעלֶען אַ
נָבִיא וִויא מִיךְ; אִיהְם זָאלְט אִיהְר צוּהֶערֶען אִין אַלֶעם וָואס עֶר וֶועט צוּ אֵייךְ
רֶעדֶען. 23 אוּן עֶס וֶועט זַיין אַז אִיטְלִיכֶער וָואס וֶועט נִיט הֶערֶען צוּ יֶענֶעם
נָבִיא, זָאל פוּן דֶעם פָאלְק פֶערְטִילְגְט וֶוערֶען. 24 אוּן אַלֶע נְבִיאִים פוּן דֶער
צֵייט פוּן שְׁמוּאֵל אוּן דֶערְנָאךְ, וָואס הָאבֶּען נְבוּאוֹת גֶעזָאגְט הָאבֶּען אוֹיךְ
מְבַשֵּׂר גֶעוֶוען אוֹיף דִיזֶע טֶעג. 25 אִיהְר זֶענְט דִיא זִיהְן פוּן דִיא נְבִיאִים אוּן
פוּן דֶעם בְּרִית וָואס גָאט הָאט מִיט אוּנְזֶערֶע אָבוֹת גֶעמַאכְט, אוּן הָאט צוּ
אַבְרָהָם גֶעזָאגְט, אוּן אִין דַיין זָאמֶען וֶועלֶען אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן דֶער עֶרְד
גֶעבֶּענְשְׁט וֶוערֶען. 26 צוּ אֵייךְ צוּעֶרְשְׁט הָאט גָאט זַיין זוּהְן יֵשׁוּעַ גֶעשִׁיקְט
וֶוען עֶר הָאט אִיהְם אוֹיפְגֶעוֶועקְט אַז עֶר זָאל אֵייךְ בֶּענְשֶׁען, אוּן זָאל אֵייךְ
אִיטְלִיכֶעם פוּן אֵייעֶרֶע זִינְד אָפְּקֶעהְרֶען.

ד 1 אוּן דֶערְוֵויל זֵייא הָאבֶּען צוּם פָאלְק גֶערֶעט זֶענֶען צוּ זֵייא גֶעקוּמֶען
דִיא כֹּהֲנִים אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פוּן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן דִיא צַדוּקִים;

22 דברים יח׳ טו׳, יח׳. 23 ויקרא כג׳ כט׳, : דברים יח׳ יט׳.
25 בראשית יב׳ ג׳, כב׳ יח׳.

2 און עֶס הָאט זֵייא פֶערְדְרָאסֶען אַז זֵייא הָאבֶּען דָאס פָאלְק גֶעלֶעהְרְט, און
הָאבֶּען גֶעפְּרֶעדִיגְט דוּרְךְ יֵשׁוּעַ דִיא אוֹיפֶערְשְׁטֶעהוּנְג פוּן דִיא טוֹיטֶע. 3 און
זֵייא הָאבֶּען זֵייא גֶענוּמֶען און הָאבֶּען זֵייא אִין דֶעם גֶעפֶענְגְנִיס אֵיינְגֶעזֶעצְט
בִּיז צוּ מָארְגֶען; וָוארִין עֶס אִיז שׁוֹין אָבֶענְד גֶעוֶוען. 4 און פִילֶע פוּן דִיא וָואס
הָאבֶּען גֶעהֶערְט דָאס וָוארְט הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט, און דִיא צָאהְל פוּן דִיא לֵייט
אִיז אֵיין עֶרֶךְ פוּן פִינְף טוֹיזֶענְד גֶעוֶוען.
5 און עֶס אִיז מָארְגֶען גֶעשֶׁעהֶען אַז זֵייעֶרֶע פִירְשְׁטֶען און זְקֵנִים און
סוֹפְרִים הָאבֶּען זִיךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם אֵיינְגֶעזַאמֶעלְט, 6 און חָנָן דֶער כֹּהֵן גָדוֹל און
קַיָפָא און יוֹחָנָן און אַלֶכְּסַנְדֶער, און אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן דֶער מִשְׁפָּחָה
פוּן דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל; 7 און זֵייא הָאבֶּען זֵייא אִין מִיטֶען גֶעשְׁטֶעלְט און הָאבֶּען
זֵייא גֶעפְרֶעגְט, מִיט וֶועלְכֶער מַאכְט אָדֶער אִין וֶועלְכֶעם נָאמֶען הָאט אִיהְר
דָאס גֶעטְהוּן? 8 דַאן אִיז פֶּעטְרוּס אָנְגֶעפִילְט גֶעוֶוען מִיט דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ
און הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיהְר אוֹיבֶּערְשְׁטֶען פוּן דֶעם פָאלְק און זְקֵנִים,
9 וֶוען מִיר וֶוערֶען הֵיינְט פֶערְהֶערְט וֶועגֶען דֶעם גוּטֶען וֶוערְק אַן דֶעם קְרַאנְקֶען
מֶענְשֶׁען, דוּרְךְ וָואס עֶר אִיז גֶעהֵיילְט גֶעוָוארֶען, 10 אַזוֹי זָאלְט אִיהְר אַלֶע
און דָאס גַאנְצֶע פָאלְק פוּן יִשְׂרָאֵל וִויסֶען, אַז אִים נָאמֶען פוּן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ
הַנָצְרִי, דֶעם אִיהְר הָאט גֶעקְרֵייצִיגְט, דֶעם גָאט הָאט פוּן דִיא טוֹיטֶע אוֹיפְגֶע־
וֶועקְט, דוּרְךְ אִיהְם שְׁטֶעהְט דִיזֶער דָא פָאר אֵייךְ גֶעזוּנְד. 11 דָאס אִיז דֶער
שְׁטֵיין וֶועלְכֶער אִיז פֶערְוָוארְפֶען גֶעוֶוען פוּן אֵייךְ בּוֹימֵייסְטֶער, דֶער אִיז צוּם
עֶקְשְׁטֵיין גֶעוָוארֶען. 12 און עֶס אִיז נִיט יְשׁוּעָה אִין קֵיין אַנְדֶערֶען פַארְהַאנֶען;
וָוארִין עֶס אִיז אוֹיךְ נִיט דָא קֵיין אַנְדֶערֶער נָאמֶען אוּנְטֶער דֶעם הִימֶעל
וָואס אִיז גֶעגֶעבֶּען צְווִישֶׁען מֶענְשֶׁען, דוּרְךְ וֶועלְכֶעם מִיר מוּזֶען גֶערֶעטֶעט
וֶוערֶען.
13 און וֶוען זֵייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען דִיא הֶערְצְפֶעסְטִיגְקֵייט פוּן פֶּעטְרוּס און
יוֹחָנָן, און הָאבֶּען גֶעמֶערְקְט אַז זֵייא זֶענֶען אוּנְגֶעלֶערְנְטֶע און פְּרָאסְטֶע מֶענְ־
שֶׁען, הָאבֶּען זֵייא זִיךְ פֶערְוְוִאוּנְדֶערְט, און זֵייא הָאבֶּען דֶערְקַאנְט אַז זֵייא זֶענֶען
מִיט יֵשׁוּעַ גֶעוֶוען; 14 און וֶוען זֵייא הָאבֶּען דֶעם גֶעהֵיילְטֶען מַאן גֶעזֶעהֶען
מִיט זֵייא שְׁטֶעהֶען, הָאבֶּען זֵייא נִיט גֶעקֶענְט עֶנְטְגֶעגֶען רֶעדֶען. 15 און זֵייא
הָאבֶּען זֵייא גֶעהֵייסֶען אַרוֹיסְגֶעהֶען פוּן דֶעם סַנְהֶדְרִין, און הָאבֶּען זִיךְ מִיט
אֵיינַאנְדֶער בֶּערָאטֶען 16 און גֶעזָאגְט, וָואס זָאלֶען מִיר טְהוּן צוּ דִיזֶע מֶענְשֶׁען?
וָוארִין עֶס אִיז קְלָאר צוּ אַלֶע וָואס וְואוֹינֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם אַז אַ בֶּעקַאנְטֶעס
צֵייכֶען אִיז דוּרְךְ זֵייא גֶעשֶׁעהֶען, און מִיר קֶענֶען עֶס נִיט לֵייקֶענֶען. 17 אָבֶּער
כְּדֵי עֶס זָאל זִיךְ נִיט ווֵייטֶער אוֹיסְשְׁפְּרֵייטֶען צְווִישֶׁען דֶעם פָאלְק, לָאזֶען מִיר
זֵייא שְׁטְרֶענְג בֶּעדְרוֹיעֶן אַז זֵייא זָאלֶען נִיט מֶעהְר אִין דִיזֶעם נָאמֶען צוּ קֵיין
מֶענְשֶׁען רֶעדֶען. 18 און זֵייא הָאבֶּען זֵייא גֶערוּפֶען און אָנְגֶעזָאגְט אַז
זֵייא זָאלֶען אִים נָאמֶען פוּן יֵשׁוּעַ גָאר נִיט רֶעדֶען אָדֶער לֶעהְרֶען. 19 אָבֶּער
פֶּעטְרוּס און יוֹחָנָן הָאבֶּען זֵייא גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט, אוֹיבּ עֶס אִיז רֶעכְט

11 תהלים קיח׳ כב׳.

פָאר גָאט אַז מִיר זָאלֶען אֵייךְ מֶעהר גֶעהאָרְכֶען וִויא גָאט רִיכְטֶעט אִיהר;
20 וָוארִין מִיר קֶענֶען נִיט אַנְדֶערְשׁ טְהוּן אַז רֶעדֶען פוּן דֶעם וָואס מִיר הָאבֶּען
גֶעזֶעהֶען אוּן גֶעהֶערְט. 21 אוּן זֵייא הָאבֶּען זֵייא וֵוייטֶער אָנְבֶּעדְרוֹיעֶט אוּן
הָאבֶּען זֵייא פְרֵייא גֶעלָאזְט, ווייל זֵייא הָאבֶּען זֵייא גָאר נִיט גֶעקֶענְט שְׁטְרָאפֶען
וֶועגֶען דֶעם פָאלְק, וָוארִין זֵייא אַלֶע הָאבֶּען גָאט גֶעלוֹיבְּט אִיבֶּער דֶעם
וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶען. 22 וָוארִין דֶער מַאן צוּ וֶועלְכֶעם דָאס צֵייכֶען פוּן דֶעם
הֵיילֶען אִיז גֶעשֶׁעהֶען אִיז אִיבֶּער פִיעֶרְצִיג יָאהר אַלְט גֶעוֶועזֶען.

23 אוּן וֶוען זֵייא זֶענֶען פְרֵייא גֶעלָאזְט גֶעוֶועזֶען זֶענֶען זֵייא צוּ זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע
גֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען זֵייא דֶערְצֶעהְלְט וָואס דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן דִיא
זְקֵנִים הָאבֶּען גֶעזָאגְט. 24 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט הָאבֶּען זֵייא
זֵייעֶר קוֹל אִין אַחְדוּת צוּ גָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, הַאר, דוּא
בִּיסְט דֶער וֶועלְכֶער הָאסְט הִימֶעל אוּן עֶרְד גֶעמַאכְט, אוּן דֶעם יַם אוּן אַלֶעם
וָואס אִיז דְרִינֶען; 25 דֶער דוּא הָאסְט דוּרְךְ דֶעם מוֹיל פוּן דֵיין קְנֶעכְט דָוִד
גֶעזָאגְט,

וָוארוּם שְׁטוּרְמֶען דִיא גוֹיִם,
אוּן דִיא פֶעלְקֶער טְרַאכְטֶען לֶעדִיגֶע זַאכֶען?
26 דִיא קֶענִיגֶע פוּן דֶער עֶרְד הָאבֶּען זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט
אוּן דִיא פִירְשְׁטֶען צוּנוֹיפְגֶעזַאמֶעלְט
קֶעגֶען דֶעם הַאר׳ן אוּן קֶעגֶען זֵיין מָשִׁיחַ.

27 וָוארִין וַואהְרְהַאפְטִיג הָאבֶּען זֵייא זִיךְ אִין דִיזֶער שְׁטָאדְט פֶערְזַאמֶעלְט קֶעגֶען
דֵיין הֵיילִיגֶען קְנֶעכְט יֵשׁוּעַ, דֶעם דוּא הָאסְט גֶעזַאלְבְּט, הוֹרְדוֹס אוּן פָּאנְטִיוּס
פִּילָטוּס מִיט דִיא גוֹיִם אוּן דֶעם פָאלְק יִשְׂרָאֵל, 28 אַז זֵייא זָאלֶען טְהוּן וָואס
דֵיינֶע הַאנְד אוּן דֵיין עֵצָה הָאט פְרִיהֶער בֶּעשְׁטִימְט אַז עֶס זָאל גֶעשֶׁעהֶען.
29 אוּן נוּן הַאר, זֶעה אוֹיף זֵייעֶר אָנְשְׁרֵייעֶן, אוּן גִיבּ צוּ דֵיינֶע קְנֶעכְט אַז זֵייא
זָאלֶען דֵיין וָוארְט רֶעדֶען מִיט אַלֶע פֶעסְטִיגְקֵייט; 30 דוּרְךְ דֶעם אוֹיסְשְׁטְרֶע־
קֶען פוּן דֵיינֶע הַאנְד צוּ הֵיילֶען, אוּן אַז צֵייכֶען אוּן וְואוּנְדֶער זָאלֶען גֶעשֶׁעהֶען
דוּרְךְ דֶעם נָאמֶען פוּן דֵיין הֵיילִיגֶען קְנֶעכְט יֵשׁוּעַ. 31 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען
גֶעבֶּעטֶען, הָאט זִיךְ דֶער אָרְט בֶּעוֶועגְט וְואוּ זֵייא זֶענֶען פֶערְזַאמֶעלְט גֶעוֶועזֶען,
אוּן זֵייא זֶענֶען אַלֶע אָנְגֶעפִילְט גֶעוֶועזֶען מִיט דֶעם רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, אוּן הָאבֶּען דָאס
וָוארְט פוּן גָאט מִיט פֶעסְטִיגְקֵייט גֶערֶעט.

32 אוּן דִיא פִיל לֵייט וָואס הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט זֶענֶען וִויא אֵיין הַארְץ אוּן אֵיינֶע
נְשָׁמָה גֶעוֶועזֶען, אוּן קֵיינֶער הָאט נִיט גֶעזָאגְט אַז עֶפֶּעס פוּן זֵיין פֶערְמֶעגֶען אִיז
זֵיין אֵייגֶענֶעס, נֵייעֶרְט זֵייא הָאבֶּען אַלֶעס אִין גֶעמֵיינְשַׁאפְט גֶעהַאט. 33 אוּן דִיא
אַפָּאסְטֶעל הָאבֶּען צֵייגְנִים גֶעגֶעבֶּען וֶועגֶען דֶער אוֹיפֶערְשְׁטֶעהוּנְג פוּן דֶעם הַאר׳ן
יֵשׁוּעַ מִיט גְרוֹיסֶער גְבוּרָה, אוּן גְרוֹיסֶע גְנָאד אִיז אִיבֶּער זֵייא אַלֶע גֶעוֶועזֶען.
34 אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ נִיט קֵיין שׁוּם נוֹיטְבֶּעדַארְפְטִיגֶער צְווִישֶׁען זֵייא גֶעוֶועזֶען; וָוארִין
אַזֶעלְכֶע וָואס זֶענֶען בֶּעזִיצֶער גֶעוֶועזֶען פוּן לַאנְד אוּן הֵייזֶער הָאבֶּען זֵייא

[25] תהלים ב׳ א׳, ב׳,

פֶערְקוֹיפְט, אוּן הָאבֶּען דֶעם פְּרֵייז פוּן דִיא פֶערְקוֹיפְטֶע זַאכֶען גֶעבְּרַאכְט,
35 אוּן זֵייא הָאבֶּען עֶס אַנִידֶערְגֶעלֶעגְט צוּ דִיא פִּים פוּן דִיא אַפָּאסְטֶעל; אוּן עֶס
אִיז צוּטְהֵיילְט גֶעוֶוען צוּ אִיטְלִיכֶעם נָאךְ זַיין בֶּעדֶערְפְנִים, 36 אוּן יוֹסֵף, וָואס
אִיז גֶערוּפֶען בֵּייא דִיא אַפָּאסְטֶעל בַּרְנַבָּא, וָואס אִיז פֶערְטֵייטְשְׁט זוּהְן פוּן
טְרֵייסְט, אַ לֵוִי פוּן דֶעם לַאנְד קוּפְרוֹס, הָאט אַ פֶעלְד גֶעהַאט, 37 אוּן הָאט עֶס
פֶערְקוֹיפְט, אוּן הָאט דָאס גֶעלְד גֶעבְּרַאכְט אוּן הָאט עֶס אַנִידֶערְגֶעלֶעגְט צוּ
דִיא פִּים פוּן דִיא אַפָּאסְטֶעל.

ה 1 אוּן אַ גֶעוִויסֶער מַאן וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען חֲנַנְיָה, מִיט זַיין ווַייבּ שַׁפִּירָא,
הָאט אַ גְרוּנְדְשְׁטִיק פֶערְקוֹיפְט; 2 אוּן הָאט פוּן דֶעם פְּרֵייז אַרוּפְּגֶענוּמֶען מִיט
דֶעם ווִיסֶען פוּן זַיין ווַייבּ, אוּן הָאט אַ טְהֵייל גֶעבְּרַאכְט אוּן הָאט עֶס
אַנִידֶערְגֶעלֶעגְט צוּ דִיא פִּים פוּן דִיא אַפָּאסְטֶעל. 3 אוּן פֶּעטְרוֹס הָאט גֶעזָאגְט,
חֲנַנְיָה, פַארְוָואס הָאט דֶער שָׂטָן דַיין הַארְץ דֶערְפִילְט אַז דוּא זָאלְסְט צוּם רוּחַ
הַקוֹדֶשׁ לֵייקֶענֶען, אוּן זָאלְסְט אַרוּפְּגֶעמֶען פוּן דֶעם פְּרֵייז פוּן דֶעם פֶעלְד?
4 וֶוען דוּא הָאסְט עֶס גֶעהַאט אִיז עֶס דֶען נִיט דַיין גֶעוֶוען? אוּן וֶוען דוּא
הָאסְט עֶס פֶערְקוֹיפְט, אִיז עֶס דֶען נִיט אִין דַיינֶע מַאכְט גֶעוֶוען? וָוארוּם הָאסְט דוּא
דִיר אִין דַיין הַארְץ דָאס פָארְגֶענוּמֶען? דוּא הָאסְט נִיט לִיגֶען גֶעזָאגְט צוּ
מֶענְשֶׁען נֵייעֶרְט צוּ גָאט. 5 אוּן וֶוען חֲנַנְיָה הָאט דִיזֶע ווֶערְטֶער גֶעהֶערְט, אִיז
עֶר אַנִידֶערְגֶעפַאלֶען אוּן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען; אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע
פָארְכְט אוֹיף אַלֶע וָואס הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט. 6 אוּן דִיא יוּנְגֶע מֶענְשֶׁען זֶענֶען
אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאבֶּען אִיהְם אֵיינְגֶעווִיקֶעלְט, אוּן הָאבֶּען אִיהְם אַרוֹיסְגֶע־
טְרָאגֶען אוּן בֶּעגְרָאבֶּען.

7 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען קֶעגֶען דְרֵייא שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער אַז זַיין ווַייבּ אִיז
אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, אוּן זִיא הָאט נִיט גֶעווָאוּסְט וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶען. 8 אוּן פֶּעטְרוֹס
הָאט אִיהְר גֶעעֶנְטְפֶערְט, זָאג מִיר אוֹיבּ אִיהְר הָאט דָאס פֶעלְד פֶערְ־
קוֹיפְט פַאר אַזוֹי פִיל? אוּן זִיא הָאט גֶעזָאגְט, יָא, פַאר אַזוֹי פִיל. 9 אוּן
פֶּעטְרוֹס הָאט צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, וָוארוּם הָאט אִיהְר אֵייךְ פֶערְאֵיינִיגְט דֶעם
גֵייסְט פוּן דֶעם הַאר'ן צוּ פְּרִיפֶען? זֶעה, דִיא פִּים פוּן דִיא וָואס הָאבֶּען דַיין
מַאן בֶּעגְרָאבֶּען זֶענֶען בֵּייא דֶער טְהִיר, אוּן זֵייא וֶועלֶען דִיךְ אַרוֹיסְטְרָאגֶען.
10 אוּן גְלֵייךְ אִיז זִיא אַנִידֶערְגֶעפַאלֶען פָאר זַיינֶע פִּים, אוּן הָאט דֶעם אָטְהֶעם
אוֹיסְגֶעהוֹיכְט; אוּן דִיא יוּנְגֶע מֶענְשֶׁען זֶענֶען אַרֵיינְגֶעקוּמֶען אוּן הָאבֶּען זִיא טוֹיט
גֶעפִינֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיא אַרוֹיסְגֶעטְרָאגֶען אוּן גֶעבֶּען אִיהְר מַאן בֶּעגְרָא־
בֶּען. 11 אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע פָארְכְט גֶעקוּמֶען אִיבֶּער דִיא גַאנְצֶע גֶעמֵיינְדֶע,
אוּן אִיבֶּער אַלֶע וָואס הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט.

12 אוּן עֶס זֶענֶען פִילֶע צֵייכֶען אוּן וְואוּנְדֶער גֶעשֶׁעהֶען צְווִישֶׁען דֶעם פָאלְק דוּרְךְ
דִיא הֶענְד פוּן דִיא אַפָּאסְטֶעל. אוּן זֵייא זֶענֶען אַלֶע צוּזַאמֶען גֶעוֶוען אִים פָּאלִישׁ
פוּן שְׁלֹמֹה; 13 אוּן קֵיינֶער פוּן דִיא אִיבְּרִיגֶע הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְשְׁטַאנֶען זִיךְ צוּ זֵייא
צוּ בֶּעהֶעפְטֶען, אָבֶּער דָאס פָאלְק הָאט זֵייא פֶערְהֶערְלִיכְט. 14 אוּן עֶס זֶענֶען
נָאךְ מֶעהְר צוּגֶעקוּמֶען וָואס הָאבֶּען אָן דֶעם הַאר'ן גֶעגְלוֹיבְּט, אַ סַךְ מֶענֶער

אוּן פְּרוּיעֶן, 15 אַזוֹי אַז זֵייא הָאבֶּען דִיא קְרַאנְקֶען אוֹיף דִיא גַאסֶען אַרוֹיסְגֶעטְרָא־
גֶען, אוּן הָאבֶּען זֵייא גֶעלֶעגְט אוֹיף בֶּעטֶען אוּן גֶעלֶעגֶער, אַז אוֹיךְ דֶער שָׁאטֶען
פוּן פֶּעטְרוּס וָוען עֶר וֶועט פַארְבֵּייא גֶעהֶען זָאל אֵייםִיצֶען פוּן זֵייא אִיבֶּערְדֶע־
קֶען. 16 אוּן דִיא לֵייט זֶענֶען אוֹיךְ צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען פוּן דִיא שְׁטֶעדְט נָאהֶענְט
אַרוּם יְרוּשָׁלַיִם, אוּן הָאבֶּען דִיא קְרַאנְקֶען גֶעבְּרַאכְט אוּן דִיא וָואס זֶענֶען גֶעפֵּיי־
נִיגְט גֶעוֶוען פוּן אוּנְרֵיינֶע גֵייסְטֶער, וֶועלְכֶע זֶענֶען אַלֶע גֶעהֵיילְט גֶעוָוארֶען.
17 אוּן דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם
גֶעוֶוען, וָואס זֶענֶען דִיא כִּתָּה פוּן דִיא צַדוּקִים, אוּן זֵייא זֶענֶען מִיט קִנְאָה
דֶערְפִילְט גֶעוָוארֶען, 18 אוּן הָאבֶּען דִיא הֶענְד אוֹיף דִיא אַפָּאסְטֶעל גֶעלֶעגְט, אוּן
הָאבֶּען זֵייא אִין גֶעפֶענְגְנִיס אַרֵיינְגֶעזֶעצְט. 19 אָבֶּער אַ מַלְאָךְ פוּן דֶעם הַאר'ן
הָאט בֵּייא דֶער נַאכְט דִיא טְהִירֶען פוּן דֶעם גֶעפֶענְגְנִיס גֶעעֶפֶענְט, אוּן הָאט
זֵייא אַרוֹיסְגֶעפִיהְרְט אוּן גֶעזָאגְט, 20 גֶעהְט אוּן שְׁטֶעלְט אֵייךְ אוּן זָאגְט צוּם
פָאלְק אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ אַלֶע דִיא וֶוערְטֶער פוּן דִיזֶעם לֶעבֶּען. 21 אוּן וֶוען זֵייא
הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט זֶענֶען זֵייא אִין דֶער פְרִיה אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ אַרֵיינְגֶעקוּ־
מֶען, אוּן הָאבֶּען גֶעלֶעהְרְט. אָבֶּער דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אִיז גֶעקוּמֶען אוּן דִיא וָואס זֶענֶען
מִיט אִיהְם גֶעוֶוען, אוּן זֵייא הָאבֶּען דָאס סַנְהֶדְרִין אוּן אַלֶע זְקֵנִים פוּן דִיא בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל צוּזַאמֶענְגֶערוּפֶען אוּן הָאבֶּען צוּ דֶעם גֶעפֶענְגְנִיס גֶעשִׁיקְט, אַז מֶען זָאל זֵייא
בְּרֶענְגֶען. 22 אָבֶּער דִיא מְשָׁרְתִים וֶוען זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען הָאבֶּען זֵייא אִים
גֶעפֶענְגְנִיס נִיט גֶעפִינֶען; אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט אוּן הָאבֶּען דֶערְ־
צֶעהְלְט 23 אוּן גֶעזָאגְט, מִיר הָאבֶּען דָאס גֶעפֶענְגְנִיס פֶערְשְׁלָאסֶען גֶעפִינֶען
מִיט אַלֶער זִיכֶערְהֵייט, אוּן דִיא שׁוֹמְרִים זֶענֶען בֵּייא דִיא טְהִירֶען גֶעשְׁטַאנֶען;
אָבֶּער וֶוען מִיר הָאבֶּען אוֹיפְגֶעמַאכְט, הָאבֶּען מִיר דְרִינֶען קֵיינֶעם נִיט גֶעפִינֶען.
24 אוּן וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פוּן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ, אוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע
כֹּהֲנִים הָאבֶּען דִיזֶע וֶוערְטֶער גֶעהֶערְט, הָאבֶּען זֵייא וֶועגֶען זֵייא גֶעצְוֵוייפֶעלְט,
וָואס דָא וֶועט דַארוֹים וֶוערֶען. 25 אוּן אֵיימִיצֶער אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט צוּ
זֵייא דֶערְצֶעהְלְט אוּן גֶעזָאגְט, זֶעה, דִיא מֶענְשֶׁען וָואס אִיהְר הָאט אִים גֶעפֶענְגְ־
נִיס אַרֵיינְגֶעזֶעצְט שְׁטֶעהֶען אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּן לֶעהְרֶען דָאס פָאלְק.
26 דַאן אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִיא מְשָׁרְתִים אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זֵייא
גֶעבְּרַאכְט, נִיט מִיט גֶעוַואלְט, וָוארִין זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען פַאר דֶעם
פָאלְק אַז מֶען זָאל זֵייא נִיט פֶערְשְׁטֵיינִיגֶען. 27 אוּן זֵייא הָאבֶּען זֵייא גֶעבְּרַאכְט,
אוּן הָאבֶּען זֵייא פָאר דֶעם סַנְהֶדְרִין גֶעשְׁטֶעלְט. אוּן דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט זֵייא גֶע־
פְרֶעגְט 28 אוּן גֶעזָאגְט, מִיר הָאבֶּען אֵייךְ שְׁטַארְק פֶערְבָּאטֶען אַז אִיהְר זָאלְט
נִיט לֶעהְרֶען אִין דִיזֶעם נָאמֶען, אוּן זֶעה, אִיהְר הָאט יְרוּשָׁלַיִם מִיט אֵייעֶרֶע
לֶעהְרֶע אָנְגֶעפִילְט, אוּן אִיהְר ווִילְט אוֹיף אוּנְז דָאס בְּלוּט פוּן דִיזֶעם מֶענְשֶׁען בְּרֶענְ־
גֶען. 29 אָבֶּער פֶּעטְרוּס אוּן דִיא אַפָּאסְטֶעל הָאבֶּען גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט,
מִיר מוּזֶען גָאט גֶעהָארְכֶען מֶעהְר ווִיא מֶענְשֶׁען. 30 דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע
אָבוֹת הָאט יֵשׁוּעַ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, דֶעם אִיהְר הָאט אוּמְגֶעבְּרַאכְט אוּן הָאט אִיהְם
אוֹיף אַ בּוֹים גֶעהָאנְגֶען. 31 דִיזֶען הָאט גָאט דֶערְהֵייכְט מִיט זֵיינֶע רֶעכְטֶע

הַאנְד צוּם פִירְשְׁטֶען אוּן רֶעטֶער, אַז עֶר זָאל תְּשׁוּבָה צוּ יִשְׂרָאֵל גֶעבֶּען, אוּן
פֶערְגֶעבּוּנְג פוּן זִינְד. 32 אוּן מִיר זֶענֶען עֵדוּת אוֹיף דִיזֶע זַאכֶען, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ
דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, דֶעם גָאט הָאט גֶעגֶעבֶּען צוּ דִיא וָאס אִיהְם גֶעהָארְכֶען.
33 אוּן וֶוען זַייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶס אִין זַייא גֶעשְׁטָאכֶען, אוּן זַייא
הָאבֶּען גֶעוָואלְט זַייא הַארְגֶענֶען.
34 אָבֶּער אַיימִיצֶער אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִים סַנְהֶדְרִין וָאס הָאט גֶעהַייסֶען
גַמְלִיאֵל, אַ פָּרוּשׁ אוּן גֶעזֶעצְלֶעהְרֶער וֶועלְכֶער אִיז בַּייא דֶעם גַאנְצֶען פָאלְק
גֶעעֶהְרְט גֶעוֶוען, אוּן הָאט גֶעהַייסֶען דִיא אַפָּאסְטֶעל אַבִּיסֶעל אַרוֹיסְזֶעצֶען, 35 אוּן
הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט, אִיהְר מֶענֶער פוּן יִשְׂרָאֵל, גֶעמְט אֵייךְ אִין אַכְט אִיבֶּער
דִיזֶע מֶענְשֶׁען וָאס אִיהְר וֶועט טְהוּן. 36 וָוארִין פָאר דִיזֶע טֶעג אִיז תּוֹדָס
אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער, דֶעם אֵיין עֶרֶךְ פוּן
פִיעֶר הוּנְדֶערְט מֶענְשֶׁען הָאבֶּען זִיךְ בֶּעהֶעפְט; דֶער אִיז גֶעהַרְגֶעט גֶעוָוארֶען,
אוּן אַלֶע וָאס הָאבֶּען אִיהְם צוּגֶעהָארְכְט זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט אוּן צוּ נִיט גֶעוָוארֶען.
37 נָאכְדֶעם אִיז יְהוּדָה פוּן גָלִיל אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִין דִיא טֶעג פוּן דֶער פֶערְ־
שְׁרֵייבּוּנְג, אוּן הָאט אַ פָאלְק נָאךְ זִיךְ גֶעצוֹיגֶען; דִיזֶער אִיז אוֹיךְ אוּמְגֶעבְּרַאכְט
גֶעוָוארֶען, אוּן אַלֶע וָאס הָאבֶּען אִיהְם צוּגֶעהָארְכְט זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארֶען.
38 אוּן אַצוּנְד זָאג אִיךְ אֵייךְ, שְׁטֶעהְט אֵייךְ אָפּ פוּן דִיזֶע מֶענְשֶׁען אוּן לָאזְט זַייא
גֶעהֶען; וָוארִין וֶוען דִיזֶע עֵצָה אָדֶער דִיזֶעס וֶוערְק אִיז פוּן מֶענְשֶׁען, אַזוֹי וֶועט
עֶס פֶערְשְׁטֶערְט וֶוערֶען; 39 אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז פוּן גָאט, אַזוֹי קֶענְט אִיהְר עֶס
נִיט שְׁטֶערֶען, וָוארִין טָאמֶער וֶועט אִיהְר אוֹיךְ ווִידֶערְשְׁטְרֵייטֶער קֶעגֶען גָאט
גֶעפִינֶען וֶוערֶען. 40 אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם צוּגֶעהָארְכְט; אוּן וֶוען זַייא הָאבֶּען
דִיא אַפָּאסְטֶעל גֶערוּפֶען אוּן הָאבֶּען זַייא גֶעשְׁלָאגֶען, הָאבֶּען זַייא אָנְגֶעזָאגְט אַז
זַייא זָאלֶען נִיט רֶעדֶען אִים נָאמֶען פוּן יֵשׁוּעַ, אוּן הָאבֶּען זַייא פְרֵייא גֶעלָאזְט.
41 דְרוּם זֶענֶען זַייא אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם פָּנִים פוּן דֶעם סַנְהֶדְרִין, אוּן הָאבֶּען
זִיךְ גֶעפְרֵייעֶט אַז זַייא זֶענֶען וֶוערְט גֶעוֶוען וֶועגֶען דֶעם נָאמֶען פֶערְשֶׁעהְמְט צוּ
וֶוערֶען. 42 אוּן אַלֶע טָאג אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּן פוּן הוֹיז צוּ הוֹיז הָאבֶּען זַייא
נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶעהְרֶען אוּן צוּ פְּרֶעדִיגֶען יֵשׁוּעַ דֶעם מָשִׁיחַ.

ו 1 אוּן אִין יֶענֶע טֶעג וֶוען דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען זִיךְ גֶעמֶעהְרְט, הָאבֶּען דִיא
גְרֶעקֶען גֶעמוּרְמֶעלְט קֶעגֶען דִיא עִבְרִים, ווייל זַייעֶרֶע אַלְמָנוֹת זֶענֶען אִיבֶּערְגֶע־
זֶעהֶען גֶעוֶוען אִים טֶעגְלִיכֶען דִינְסְט. 2 אוּן דִיא צְוֶועלְף הָאבֶּען אַלֶע תַּלְמִידִים
צוּזַאמֶענְגֶערוּפֶען אוּן גֶעזָאגְט, עֶס אִיז נִיט ווָאוילְגֶעפֶעלִיג אַז מִיר זָאלֶען דָאס וָוארְט
פוּן גָאט פֶערְלָאזֶען, אוּן זָאלֶען בַּייא טִישֶׁען דִינֶען. 3 דְרוּם בְּרִידֶער, זוּכְט אוֹיס
צְווִישֶׁען אֵייךְ זִיבֶּען בֶּעגְלַייבְּטֶע מֶענֶער וָאס זֶענֶען פוּל פוּן דֶעם גֵייסְט אוּן פוּן חָכְמָה,
וֶועלְכֶע מִיר זָאלֶען זֶעצֶען אִיבֶּער דִיזֶעס גֶעשֶׁעפְט; 4 אָבֶּער מִיר וֶועלֶען בֶּעשְׁטֶענְ־
דִיג אִים גֶעבֶּעט אוּן אִים דִינְסְט פוּן דֶעם וָוארְט אָנְהַאלְטֶען. 5 אוּן דִיא
רֶעד אִיז דֶער גַאנְצֶען פֶערְזַאמְלוּנְג גֶעפֶעלֶען, אוּן זַייא הָאבֶּען אוֹיסְדֶערְ־
וֶועהְלְט סְטֶעפַאנוּס, אַ מַאן פוּל פוּן גְלוֹיבֶּען אוּן פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּן
פִילִיפּוּס, אוּן פְּרוֹכוֹרוּס, אוּן נִיקָנוֹר, אוּן טִימוֹן, אוּן פַּרְמְנָאס, אוּן נִיקוֹלַאס, אַ גֵר

פון אנטיוכיא, 6 וועלכע זייא האבען פאר דיא אפאסטעל געשטעלט; און זייא
האבען געבעטען, און דיא הענד אויף זייא געלעגט.
7 און דאס ווארט פון גאט האט זיך געמעהרט, און דיא צאהל פון דיא
תלמידים אין ירושלים איז זעהר גרויס געווארען, און פיל לייט פון דיא כהנים
האבען דעם גלויבען צוגעהארכט.
8 און סטעפאנוס פול פון גנאד און גבורה האט גרויסע וואונדער און צייכען
געטהון צווישען דעם פאלק. 9 אבער עס זענען אויפגעשטאנען עטליכע פון
דער שול וואס איז גערופען דיא שול פון דיא ליבערטינער, און קורינייער און
אלכסנדריער, און פון דיא לייט פון קיליקיא און אסיא, און זייא האבען א
וכוח מיט סטעפאנוס געהאט; 10 און זייא האבען ניט ווידערשטעהען געקענט
דיא חכמה און דעם גייסט מיט דעם ער האט גערעט. 11 דאן האבען
זייא מענער איינגעשטעלט וואס האבען געזאגט, מיר האבען איהם געהערט
רעדען לעסטערינגע ווערטער קעגען משה און קעגען גאט. 12 און זייא האבען
אויפגעהעצט דאס פאלק און דיא עלצטע און דיא סופרים, און זענען געקו־
מען און האבען איהם געפאנגען, און צו דעם סנהדרין געבראכט. 13 און זייא
האבען פאלשע עדות אויפגעשטעלט וואס האבען געזאגט, דיזער מאן הערט
ניט אויף צו רעדען לעסטערינגע ווערטער קעגען דעם היילינגען ארט און דער
תורה. 14 ווארין מיר האבען איהם געהערט זאגען, אז דיזער ישוע הנצרי
וועט דיזען ארט צושטערען, און וועט דיא מנהגים אנדערען וואס משה האט
אונז איבערגעגעבען. 15 און אלע וואס זענען אים סנהדרין געזעסען הא־
בען אויף איהם שארף געקוקט, און האבען זיין פנים געזעהען אזוי וויא דאס
פנים פון א מלאך.
ז 1 און דער כהן גדול האט געזאגט, זענען דיזע זאכען אזוי? 2 און ער האט
געזאגט,

ברידער און פעטער, הערט צו. דער גאט פון דער הערליכקייט האט זיך צו
אונזערעם פאטער אברהם בעוויזען, ווען ער איז אין ארם נהרים געוועזען, איידער
ער האט אין חרן געוואוינט; 3 און ער האט צו איהם געזאגט, געה אוועק
פון דיין לאנד און פון דיינע פערוואנדטע, און געה צו דעם לאנד וואס איך
וועל דיר ווייזען. 4 דאן איז ער אוועקגעגאנגען פון דעם לאנד פון כשדים
און האט אין חרן געוואוינט, און נאכדעם זיין פאטער איז געשטארבען
האט ער פון דארטען אריבערגעצויגען אין דיזעם לאנד וואו איהר אצונד
וואוינט. 5 און ער האט איהם דרינען קיינע ערבשאפט ניט געגעבען, ניט
אפילו א פוסברייט, אבער ער האט צוגעזאגט אז ער וועט איהם דאס
געבען פאר א בעזיץ און צו זיין זאמען נאך איהם, ווען ער האט נאך ניט
קיין קינד געהאט. 6 און גאט האט אזוי גערעדט, אז זיין זאמען וועט זיין א
גר אין א פרעמדען לאנד, און זייא וועלען איהם מאכען דינען, און וועלען

3 בראשית יב׳ א׳.

5 בראשית יב׳ ז׳, יג׳ טו׳, יז׳ ח׳.

6 בראשית טו׳ יג׳, יד׳.

אַפּאָסטעלגעשיכטע ז

אִיהָם אִיבֶּער טְהוּן פִיעֶר הוּנְדֶערְט יָאהְר. 7 אוּן דָאס פָאלְק וָואס זַייא וֶועלֶען
דִינֶען וֶועל אִיךְ רִיכְטֶען, הָאט גָאט גֶעזָאגְט, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועלֶען זַייא אַרוֹיסְ־
גֶעהֶען אוּן וֶועלֶען מִיר דִינֶען אִין דִיזֶעם אָרְט.
8 אוּן עֶר הָאט אִיהָם גֶעגֶעבֶּען דֶעם בְּרִית פוּן מִילָה; אוּן אַזוֹי הָאט עֶר
גֶעבּוֹירֶען יִצְחָק, אוּן הָאט אִיהָם דֶעם אַכְטֶען טָאג מַל גֶעוֶועזֶען; אוּן יִצְחָק הָאט
גֶעבּוֹירֶען יַעֲקֹב, אוּן יַעֲקֹב דִיא צְוֶועלְף הוֹיפְּטְפֶּעטֶער. 9 אוּן דִיא הוֹיפְּטְפֶּעטֶער
הָאבֶּען יוֹסֵף מְקַנֵא גֶעוֶועזֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהָם קַיין מִצְרַיִם פֶערְקוֹיפְט; אָבֶּער
גָאט אִיז מִיט אִיהָם גֶעוֶועזֶען, 10 אוּן הָאט אִיהָם מַצִיל גֶעוֶועזֶען פוּן אַלֶע זַיינֶע
צָרוֹת, אוּן הָאט אִיהָם גְנָאד אוּן וַוייזְהַייט גֶעגֶעבֶּען בֶּעפָאר פַּרְעֹה דֶעם קֶענִיג
פוּן מִצְרַיִם, אוּן עֶר הָאט אִיהָם פַאר אַ פִיהְרֶער גֶעשְׁטֶעלְט אִיבֶּער מִצְרַיִם
אוּן אִיבֶּער זַיין גַאנְצֶעם הוֹיז. 11 אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ הוּנְגֶער אִיבֶּער דֶעם
גַאנְצֶען לַאנְד פוּן מִצְרַיִם אוּן כְּנַעַן אוּן אַ גְרוֹיסֶע צָרָה, אוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת
הָאבֶּען קַיין שְׁפֵּייז נִיט גֶעפִינֶען. 12 אוּן וֶוען יַעֲקֹב הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז
קָארְן אִין מִצְרַיִם, הָאט עֶר צוּעֶרְשְׁט אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט; 13 אוּן צוּם
אַנְדֶערֶען מָאל אִיז יוֹסֵף דֶערְקַאנְט גֶעוָוארֶען פוּן זַיינֶע בְּרִידֶער, אוּן דִיא מִשְׁפָּחָה
פוּן יוֹסֵף אִיז צוּ פַּרְעֹה בֶּעקַאנְט גֶעוָוארֶען. 14 אוּן יוֹסֵף הָאט גֶעשִׁיקְט אוּן הָאט
זַיין פָאטֶער יַעֲקֹב אוּן זַיינֶע גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה גֶערוּפֶען, פִינְף אוּן זִיבְּצִיג נְפָשׁוֹת.
15 אוּן יַעֲקֹב אִיז קַיין מִצְרַיִם אַרוּפְּגֶעקוּמֶען אוּן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּן אוּנְזֶערֶע
אָבוֹת, 16 אוּן זַייא הָאבֶּען זַייא קַיין שְׁכֶם אַרִיבֶּערְגֶעבְּרַאכְט, אוּן אִים קֶבֶר
אַרַיינְגֶעלֶעגְט וָואס אַבְרָהָם הָאט פַאר אַ פְּרַייז זִילְבֶּער גֶעקוֹיפְט פוּן דִיא קִינְ־
דֶער פוּן חֲמוֹר אִין שְׁכֶם.
17 אוּן וִויא דִיא צַייט פוּן דֶער הַבְטָחָה אִיז נָאהֶענְט גֶעקוּמֶען, וָואס גָאט הָאט
צוּ אַבְרָהָם צוּגֶעזָאגְט, הָאט דָאס פָאלְק גֶעוַואקְסֶען אוּן הָאט זִיךְ גֶעמֶעהְרְט
אִין מִצְרַיִם, 18 בִּיז אַיין אַנְדֶערֶער קֶענִיג אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען וָואס הָאט יוֹסֵף
נִיט גֶעקַאנְט, 19 דֶער הָאט קֶעגֶען אוּנְזֶער רַאסֶע פַאלְשׁ גֶעהַאנְדֶעלְט, אוּן
הָאט אִיבֶּעל גֶעטְהוּן צוּ אוּנְזֶערֶע אָבוֹת, כְּדֵי זַייא זָאלֶען דִיא קְלֵיינֶע קִינְדֶער
אַרוֹיסְוַוארְפֶען אַז זַייא זָאלֶען נִיט לֶעבֶּען. 20 אוּן אִין דִיזֶער צַייט אִיז מֹשֶׁה
גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען, אוּן עֶר אִיז זֶעהְר שֶׁעהְן גֶעוֶועזֶען, אוּן עֶר אִיז דְרַייא חֳדָשִׁים
דֶערְנֶעהְרְט אִין זַיין פָאטֶערְס הוֹיז. 21 אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען גֶעוָוא־
רֶען, הָאט אִיהָם דִיא טָאכְטֶער פוּן פַּרְעֹה צוּגֶענוּמֶען, אוּן הָאט אִיהָם אוֹיפְגֶע־
צוֹיגֶען פַאר אִיהְר אֵייגֶענֶעם זוּהְן. 22 אוּן מֹשֶׁה אִיז אִין אַלֶע חָכְמוֹת פוּן מִצְרַיִם
גֶעלֶערְנְט גֶעוָוארֶען, אוּן אִיז מֶעכְטִיג גֶעוֶועזֶען אִין וָוארְט אוּן אִין וֶוערְק.
23 אוּן וֶוען עֶר אִיז פִיעֶרְצִיג יָאהְר אַלְט גֶעוָוארֶען, אִיז אִיהָם אִין הַארְץ
אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַז עֶר זָאל זַיינֶע בְּרִידֶער דִיא קִינְדֶער פוּן יִשְׂרָאֵל בֶּעזוּכֶען. 24 אוּן
עֶר הָאט אֵיינֶעם אוּנְרֶעכְט לֵיידֶען גֶעזֶעהֶען, אוּן הָאט אִיהָם בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן
הָאט זִיךְ נוֹקֵם גֶעוֶועזֶען פַאר דֶעם וָואס הָאט גֶעלִיטֶען, אוּן הָאט דֶעם מִצְרִי דֶערְ־
שְׁלָאגֶען. 25 אוּן עֶר הָאט גֶעדַאכְט אַז זַיינֶע בְּרִידֶער וֶועלֶען פֶערְשְׁטֶעהֶען אַז

7 שמות ג׳ יב׳.

גָאט דוּרְךְ זַיינֶע הַאנְד װָעט גֶעבֶּען זַייא רֶעטוּנְג; אָבֶּער זַייא הָאבֶּען נִיט פֶערְ־
שְׁטַאנֶען. 26 אוּן אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג הָאט עֶר זִיךְ צוּ זַייא בֶּעװִיזֶען,
װִיא זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעקְרִיגְט, אוּן הָאט גֶעװָאלְט צְװִישֶׁען זַייא שָׁלוֹם
מַאכֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, מֶענֶער, אִיהְר זֶענְט בְּרִידֶער; װָארוּם טְהוּט אִיהְר
אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען אוּנְרֶעכְט? 27 אָבֶּער דֶער װָאס הָאט זַיין חָבֵר אוּנְרֶעכְט
גֶעטְהוּן הָאט אִיהְם אַװֶעקְגֶעשְׁטִיפְּט אוּן גֶעזָאגְט, װֶער הָאט דִיךְ גֶעמַאכְט צוּם
פִּירְשְׁטֶען אוּן רִיכְטֶער אִיבֶּער אוּנְז? 28 װִילְסְט דוּא מִיךְ טוֹיט שְׁלָאגֶען, אַזוֹי
װִיא דוּא הָאסְט גֶעכְטֶען דֶעם מִצְרִי טוֹיט גֶעשְׁלָאגֶען? 29 אַזוֹי אִיז מֹשֶׁה אַנְטְ־
לָאפֶען אִיבֶּער דִיזֶע רֶעד, אוּן אִיז אַ פְרֶעמְדֶער גֶעװֶען אִים לַאנְד מִדְיָן, װְאוּ
עֶר הָאט צְװֵייא זִיהְן גֶעבּוֹירֶען.

30 אוּן װֶען פִּיעֶרְצִיג יָאהְר זֶענֶען דֶערְפִילְט גֶעװָארֶען, הָאט זִיךְ אַ מַלְאָךְ צוּ
אִיהְם בֶּעװִיזֶען אִין דֶער מִדְבָּר פוּן דֶעם בַּארְג סִינַי אִין אַ פְלַאם פוּן פֵייעֶר
אִין אַ דָארְנְבּוּשׁ. 31 אוּן װֶען מֹשֶׁה הָאט דָאס גֶעזֶעהֶען, הָאט עֶר זִיךְ פֶערְ־
װאוּנְדֶערְט אִיבֶּער דֶער עֶרְשֵׁיינוּנְג. אוּן װִיא עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ בֶּעטְרַאכְ־
טֶען, אִיז אַ קוֹל פוּן דֶעם הַאר'ן צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען; 32 אִיךְ בִּין דֶער גָאט
פוּן דַיינֶע אָבוֹת, דֶער גָאט פוּן אַבְרָהָם, אוּן פוּן יִצְחָק, אוּן פוּן יַעֲקֹב. אוּן
מֹשֶׁה הָאט גֶעצִיטֶערְט, אוּן הָאט זִיךְ נִיט גֶעװָאגְט צוּ בֶּעטְרַאכְטֶען. 33 אוּן
דֶער הַאר הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, טְהוּא אוֹיס דִיא שִׁיךְ פוּן דַיינֶע פִּיס, װָארִין
דֶער אָרְט אוֹיף דֶעם דוּא שְׁטֶעהְסְט אִיז הֵיילִיגֶער גְרוּנְד. 34 אִיךְ הָאבּ
אָנְגֶעזֶעהֶען דָאס לֵיידֶען פוּן מֵיין פָאלְק װָאס אִיז אִין מִצְרַיִם, אוּן הָאבּ
גֶעהֶערְט זֵייעֶר זִיפְצֶען, אוּן אִיךְ בִּין אַרוּפְגֶעקוּמֶען זַייא אוֹיסְצוּלֶעזֶען; אוּן נוּן
קוּם, אִיךְ װֶעל דִיךְ קֵיין מִצְרַיִם שִׁיקֶען. 35 דִיזֶען מֹשֶׁה װָאס זַייא הָאבֶּען
פֶערְלֵייקֶענְט אוּן גֶעזָאגְט, װֶער הָאט דִיךְ גֶעמַאכְט צוּם פִּירְשְׁטֶען אוּן רִיכְטֶער?
דִיזֶען הָאט גָאט צוּם פִּירְשְׁטֶען אוּן דֶערְלֶעזֶער גֶעשִׁיקְט, דוּרְךְ דֶעם מַלְאָךְ
װָאס הָאט זִיךְ צוּ אִיהְם אִים דָארְנְבּוּשׁ בֶּעװִיזֶען. 36 דִיזֶער הָאט זַייא אַרוֹיסְ־
גֶעבְּרַאכְט, אוּן הָאט װְאוּנְדֶער אוּן צֵייכֶען גֶעטְהוּן אִים לַאנְד מִצְרַיִם אוּן בֵּיים
יַם סוּף אוּן אִין דֶער מִדְבָּר פִּיעֶרְצִיג יָאהְר. 37 דִיזֶער אִיז דֶער מֹשֶׁה װָאס הָאט
צוּ דִיא קִינְדֶער פוּן יִשְׂרָאֵל גֶעזָאגְט, דֶער הַאר גָאט װֶעט צוּ אֵייךְ פוּן אֵייעֶרֶע
בְּרִידֶער אוֹיפְשְׁטֶעלֶען אַ נָבִיא װִיא מִיךְ. 38 דִיזֶער אִיז דֶער װָאס אִיז גֶעװֶען אִין
דֶער גֶעמֵיינְדֶע אִין דֶער מִדְבָּר, מִיט דֶעם מַלְאָךְ װָאס הָאט צוּ אִיהְם
גֶערֶעט אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי, אוּן מִיט אוּנְזֶערֶע אָבוֹת, דֶער הָאט דִיא רֶעד
פוּן לֶעבֶּען דֶערְהַאלְטֶען זַייא אוּנְז צוּ גֶעבֶּען; 39 װֶעלְכֶעם אוּנְזֶערֶע
אָבוֹת הָאבֶּען נִיט גֶעװָאלְט גֶעהָארְכֶען, נֵייעֶרְט הָאבֶּען אִיהְם פֶערְשְׁטוֹיסֶען, אוּן
אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער קֵיין מִצְרַיִם צוּרִיקְגֶעקֶעהְרְט. 40 אוּן זַייא הָאבֶּען צוּ אַהֲרֹן
גֶעזָאגְט, מַאךְ אוּנְז גֶעטֶער װָאס זָאלֶען פָאר אוּנְז גֶעהֶען; װָארִין דִיזֶער מֹשֶׁה
װָאס הָאט אוּנְז פוּן דֶעם לַאנְד מִצְרַיִם אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט, װִיסֶען מִיר נִיט װָאס

32 שמות ג׳ ו׳. 33 שמות ג׳ ה׳. 34 שמות ג׳ ז׳, ח׳, י׳.
37 דברים יח׳ טו׳, יח׳. 40 שמות לב׳ א׳, כג׳.

אִיז צוּ אִיהְם גֶעשֶׁעהֶען. 41 אוּן זֵייא הָאבֶּען אֵיין עֶגֶל גֶעמַאכְט אִין יֶענֶע טֶעג,
אוּן הָאבֶּען אוֹיפְגֶעבְּרַאכְט אַ קָרְבָּן צוּם אָפְּגָאט, אוּן הָאבֶּען זִיךְ גֶעפְרֵייעֶט אִין
דִיא וֶוערְק פוּן זֵייעֶרֶע הֶענְד. 42 אָבֶּער גָאט הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט, אוּן הָאט
זֵייא אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען דִיא הֶערְשַׁארֶען פוּן דֶעם הִימֶעל צוּ דִינֶען, אַזוֹי וִויא עֶס
שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען אִים בּוּךְ פוּן דִיא נְבִיאִים,
הָאט אִיהְר צוּ מִיר זְבָחִים אוּן מְנָחוֹת מַקְרִיב גֶעוֶוען פִיעֶרְצִיג יָאהְר
אִין דֶער מִדְבָּר, אִיהְר הוֹיז פוּן יִשְׂרָאֵל?
43 אוּן אִיהְר הָאט דָאס גֶעצֶעלְט פוּן מוֹלֶךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען,
אוּן דֶעם שְׁטֶערְן פוּן דֶעם גָאט רֶעפַאן,
דִיא בִּילְדֶער וָואס אִיהְר הָאט גֶעמַאכְט אַז אִיהְר זָאלְט אֵייךְ צוּ זֵייא
בִּיקֶען;
אוּן אִיךְ וֶועל אֵייךְ פֶערְטְרֵייבֶּען צוּ יֶענֶער זֵייט פוּן בָּבֶל.
44 אוּנְזֶערֶע אָבוֹת הָאבֶּען דָאס מִשְׁכַּן הָעֵדוּת אִין דֶער מִדְבָּר גֶעהַאט, אַזוֹי וִויא
עֶר הָאט בֶּעפוֹילֶען דֶער הָאט צוּ מֹשֶׁה גֶערֶעט, אַז עֶר זָאל עֶס מַאכֶען
נָאךְ דֶער גֶעשְׁטַאלְט וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען. 45 וֶועלְכֶעס אוּנְזֶערֶע אָבוֹת
הָאבֶּען מִיט זִיךְ גֶענוּמֶען, אוּן הָאבֶּען אוֹיךְ מִיט יְהוֹשֻׁעַ אִין דֶער עֶרְבְּשַׁאפְט
פוּן דִיא גוֹיִם אַרֵיינְגֶעבְּרַאכְט, וֶועלְכֶע גָאט הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען פָאר אוּנְזֶערֶע
אָבוֹת, בִּיז צוּ דִיא טֶעג פוּן דָוִד; 46 דֶער הָאט גְנָאד פָאר גָאט גֶעפִינֶען, אוּן
הָאט גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל גֶעפִינֶען אַ וְואוֹינוּנְג פַאר דֶעם גָאט פוּן יַעֲקֹב.
47 אָבֶּער שְׁלֹמֹה הָאט אִיהְם אַ הוֹיז גֶעבּוֹיעֶט. 48 אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וְואוֹינְט
נִיט אִין טֶעמְפֶּעל וָואס זֶענֶען מִיט הֶענְד גֶעמַאכְט, אַזוֹי וִויא דֶער נָבִיא הָאט גֶעזָאגְט,
49 דֶער הִימֶעל אִיז מֵיין שְׁטוּהְל,
אוּן דִיא עֶרְד דִיא פוּסְבַּאנְק פוּן מֵיינֶע פִּיס;
וָואסְפַאר אַ הוֹיז וֶועט אִיהְר מִיר בּוֹיעֶן, זָאגְט דֶער הַאר,
אָדֶער וָואס אִיז דֶער אָרְט פוּן מֵיינֶע רוּה?
50 הָאט נִיט מֵיינֶע הַאנְד דָאס אַלֶעס גֶעמַאכְט?
51 אִיהְר הַארְטְנֶעקִיגֶע אוּן אוּנְבֶּעשְׁנִיטֶענֶע אִין הֶערְצֶער אוּן אוֹיעֶרֶען בֶּעשְׁטֶענְדִיג
ווִידֶערְשְׁטֶעהְט אִיהְר דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אַזוֹי וִויא אֵייעֶרֶע אָבוֹת אַזוֹי אוֹיךְ אִיהְר.
52 וֶועלְכֶען פוּן דִיא נְבִיאִים הָאבֶּען אֵייעֶרֶע אָבוֹת נִיט פֶערְפָאלְגְט? אוּן זֵייא
הָאבֶּען גֶעטֵייטֶעט דִיא וָואס הָאבֶּען אוֹיף דֶעם קוּמֶען פוּן דֶעם צַדִיק פָארָאוֹיסְ־
גֶעזָאגְט, פוּן דֶעם אִיהְר זֶענְט אַצוּנְד דִיא פֶערְרֶעטֶער אוּן מֶערְדֶער גֶעוָוארֶען;
53 וָואס אִיהְר הָאט דִיא תּוֹרָה אַנְגֶענוּמֶען, אוֹיךְ אַנָארְדְנוּנְגֶען פוּן מַלְאָכִים, אוּן
הָאט זִיא נִיט גֶעהַאלְטֶען.
54 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶס אִין זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער
גֶעשְׁטָאכֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען קֶעגֶען אִיהְם מִיט דִיא צֵיין גֶעקְרִיצְט. 55 אָבֶּער
עֶר אִיז דֶערְפִילְט גֶעוֶוען מִיט דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּן הָאט קֶעגֶען הִימֶעל
אַרוֹיפְגֶעבְּלִיקְט, אוּן הָאט גֶעזֶעהֶען דִיא הֶערְלִיכְקֵייט פוּן גָאט, אוּן יֵשׁוּעַ

עמוס ה׳ כה׳־כז׳, 42 שמות כה׳ מ׳, 44 ישעיה סו׳ א׳, ב׳, 49

שְׁטֶעהֶענְדִיג צוּ דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן גָאט; 56 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זֶעה, אִיךְ
זֶעה דֶעם הִימֶעל אָפֶען, אוּן דֶעם בֶּן אָדָם צוּ דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן גָאט
שְׁטֶעהֶען. 57 אוּן זַייא הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל, אוּן הָאבֶּען זִיךְ דִיא
אוֹיעֶרֶען צוּגֶעהַאלְטֶען, אוּן זֶענֶען מִיט אַמָאל אוֹיף אִיהְם גֶעפַאלֶען, 58 אוּן
הָאבֶּען אִיהְם אוֹיס דֶער שְׁטָאדְט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפֶען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם גֶעשְׁטֵיי־
נִיגְט. אוּן דִיא עֵדוּת הָאבֶּען זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער אַנִידֶערְגֶעלֶעגְט בֵּייא דִיא פִּיס פוּן
אַ יוּנְגֶען מַאן, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען שָׁאוּל. 59 אַזוֹי הָאבֶּען זַייא סְטֶעפַאנוּס
גֶעשְׁטֵיינִיגְט, בְּשַׁעַת עֶר הָאט אוֹיסְגֶערוּפֶען אוּן גֶעזָאגְט, הַאר יֵשׁוּעַ, זַייא מְקַבֵּל
מֵיין גַייסְט. 60 אוּן עֶר הָאט אַנִידֶערְגֶעקְנִיעֶט אוּן הָאט גֶעשְׁרִיגֶען מִיט אַ הוֹיךְ
קוֹל, הַאר, רֶעכֶען צוּ זַייא נִיט דִיזֶע זִינְד. אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט,
אִיז עֶר אַנְטְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען. אוּן שָׁאוּל הָאט אֵיינְגֶעוִוילִיגְט צוּ זַיין
טוֹיט.

ח 1 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אִין יֶענֶער צֵייט אַ גְרוֹיסֶע פֶערְפָאלְגוּנְג קֶעגֶען
דֶער גֶעמֵיינְדֶע וָואס אִיז אִין יְרוּשָׁלַיִם גֶעוֶוען; אוּן זַייא אַלֶע זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט
גֶעוָוארֶען אִין דִיא לֶענְדֶער פוּן יְהוּדָה אוּן שֹׁמְרוֹן, אוֹיסֶער דִיא אַפָּאסְטֶעל. 2 אוּן
פְרוּמֶע מֶענְשֶׁען הָאבֶּען סְטֶעפַאנוּס בֶּעגְרָאבֶּען, אוּן הָאבֶּען אַ גְרוֹיסֶען הֶסְפֵּד
אִיבֶּער אִיהְם גֶעמַאכְט. 3 אָבֶּער שָׁאוּל הָאט דִיא גֶעמֵיינְדֶע צוּשְׁטֶערְט, אוּן אִיז
אִין דִיא הֵייזֶער אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן גֶעשְׁלֶעפְּט, אוּן
הָאט זַייא אִין גֶעפֶענְגְנִיס אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען.

4 דְרוּם דִיא וָואס זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוֶוען זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאבֶּען
דָאס וָוארְט גֶעפְּרֶעדִיגְט. 5 אוּן פִילִיפּוּס אִיז אַרוּפְגֶעקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאדְט
שֹׁמְרוֹן, אוּן הָאט צוּ זַייא דֶעם מָשִׁיחַ גֶעפְּרֶעדִיגְט. 6 אוּן דִיא לֵייט הָאבֶּען
מִיט כַּוָּנָה צוּגֶעהָארְכְט צוּ דֶעם וָואס פִילִיפּוּס הָאט גֶערֶעט, וַוייל זַייא הָאבֶּען
דִיא וְוואוּנְדֶער גֶעהֶערְט אוּן גֶעזֶעהֶען וָואס עֶר הָאט גֶעטְהוּן. 7 וָוארִין אוּנְרֵיינֶע
גֵייסְטֶער זֶענֶען פוּן פִילֶע אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען מִיט אַ הוֹיךְ
קוֹל; אוּן פִילֶע גִיכְטְבְּרִיכִיגֶע אוּן קְרוּמֶע זֶענֶען גֶעהֵיילְט גֶעוָוארֶען; 8 אוּן עֶס
אִיז אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אִין יֶענֶער שְׁטָאדְט גֶעוָוארֶען.

9 אוּן אַ גֶעוִויסֶער מַאן וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען שִׁמְעוֹן אִיז פְרִיהֶער גֶעוֶוען אִין דֶער
שְׁטָאדְט אַ צוֹיבֶּערֶער, אוּן הָאט דָאס פָאלְק פוּן שֹׁמְרוֹן בֶּעצוֹיבֶּערְט, אוּן הָאט זִיךְ
אוֹיסְגֶעגֶעבֶּען פַאר אַ גְרוֹיסֶען מַאן. 10 צוּ דֶעם הָאבֶּען זַייא אַלֶע צוּגֶעהָארְכְט פוּן
קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, דִיזֶער אִיז דִיא גְבוּרָה פוּן גָאט וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען
דִיא גְרוֹיסֶע. 11 אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם צוּגֶעהֶערְט, וַוייל עֶר הָאט זַייא אַ לַאנְגֶע
צֵייט מִיט כִּישׁוּף בֶּעצוֹיבֶּערְט. 12 אָבֶּער וֶוען זַייא הָאבֶּען פִילִיפּוּס גֶעגְלוֹיבְּט
וֶוען עֶר הָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן דֶעם קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט אוּן
פוּן דֶעם נָאמֶען פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, זֶענֶען זַייא גֶעטוֹבֶלְט גֶעוָוארֶען, מֶענֶער אוּן
פְרוֹיעֶן. 13 אוּן שִׁמְעוֹן זֶעלְבְּסְט הָאט אוֹיךְ גֶעגְלוֹיבְּט אוּן אִיז גֶעטוֹבֶלְט גֶעוָוא־
רֶען, אוּן אִיז בֶּעשְׁטֶענְדִיג מִיט פִילִיפּוּס גֶעוֶוען, אוּן וֶוען עֶר הָאט דִיא צֵייכֶען
אוּן גְרוֹיסֶע וְוואוּנְדֶער גֶעזֶעהֶען וָואס זֶענֶען גֶעשֶׁעהֶען, הָאט עֶר זִיךְ גֶעוְוואוּנְדֶערְט.

אַפּאָסטעלגעשיכטע ח

14 און דִיא אַפָּאסְטֶעל וָואס זֶענֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם גֶעוֶוען הָאבֶּען גֶעהֶערְט אַז
שֹׁמְרוֹן הָאט אָנְגֶענוּמֶען דָאס וָוארְט פוּן גָאט, און זֵייא הָאבֶּען צוּ זֵייא
פֶּעטְרוּס און יוֹחָנָן גֶעשִׁיקְט. 15 און זֵייא זֶענֶען אַרוּפְגֶעקוּמֶען, און הָאבֶּען פַאר
זֵייא גֶעבֶּעטֶען, אַז זֵייא זָאלֶען דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ דֶערְהַאלְטֶען; 16 וָוארִין עֶר
אִיז נָאךְ נִיט אוֹיף קֵיינֶעם פוּן זֵייא גֶעפַאלֶען, נוּר זֶענֶען זֵייא גֶעטוֹבֶלְט גֶעוָוא־
רֶען אִים נָאמֶען פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ. 17 דַאן הָאבֶּען זֵייא דִיא הֶענְד
אוֹיף זֵייא גֶעלֶעגְט, און זֵייא הָאבֶּען דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ דֶערְהַאלְטֶען. 18 און
וֶוען שִׁמְעוֹן הָאט גֶעזֶעהֶען אַז דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אִיז גֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען דוּרךְ
דֶער אוֹיפְלֶעגוּנְג פוּן דִיא הֶענְד פוּן דִיא אַפָּאסְטֶעל, הָאט עֶר זֵייא גֶעלְד אָנְגֶע־
בָּאטֶען 19 און גֶעזָאגְט, גִיבְּט מִיר אוֹיךְ דִיזֶע מַאכְט, אַז אוֹיף וֶועמֶען אִיךְ
וֶועל דִיא הֶענְד לֶעגֶען זָאל עֶר דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ דֶערְהַאלְטֶען. 20 אָבֶּער
פֶּעטְרוּס הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, לָאז דֵיין גֶעלְד מִיט דִיר פֶערְלוֹירֶען וֶוערֶען,
ווייל דוּא הָאסְט גֶעדֶענְקְט דִיא גָאבּ פוּן גָאט פַאר גֶעלְד צוּ בֶּעקוּמֶען. 21 דוּא
הָאסְט נִיט קֵיין טְהֵייל און קֵיין גוֹרָל אִין דִיזֶער זַאךְ; וָוארִין דֵיין הַארְץ אִיז
נִיט אוֹיפְרִיכְטִיג צוּ גָאט. 22 דְרוּם טְהוּא תְּשׁוּבָה פַאר דֵיינֶע שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט, און
בֶּעט דֶעם הַאר'ן, טָאמֶער וֶועט דִיר דֶער גֶעדַאנְקֶען פוּן דֵיין הַארְץ פֶערְגֶעבֶּען
וֶוערֶען; 23 וָוארִין אִיךְ זֶעה אַז דוּא בִּיסְט אִין דֶער גַאל פוּן בִּיטֶערְנִים און אִין
דֶעם בַּאנְד פוּן אוּנְרֶעכְט. 24 און שִׁמְעוֹן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט און גֶעזָאגְט, בֶּעט
אִיהְר צוּם הַאר'ן פַאר מִיר, אַז עֶס זָאל אוֹיף מִיר נִיט קוּמֶען קֵיינְס פוּן דִיא
זַאכֶען וָואס אִיהְר הָאט גֶעזָאגְט.

25 דְרוּם וֶוען זֵייא הָאבֶּען בֶּעצֵייגְט און הָאבֶּען דָאס וָוארְט פוּן דֶעם הַאר'ן
גֶערֶעט, הָאבֶּען זֵייא זִיךְ קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אוּמְגֶעקֶעהְרְט, און הָאבֶּען גֶעפְּרֶעדִיגְט
אִין פִילֶע דֶערְפֶער פוּן שֹׁמְרוֹן.

26 און אַ מַלְאָךְ פוּן דֶעם הַאר'ן הָאט צוּ פִילִיפּוּס גֶערֶעט און גֶעזָאגְט, שְׁטֶעה
אוֹיף און גֶעה קֶעגֶען דָרוּם זֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס גֶעהְט אַרוּפּ פוּן יְרוּשָׁלַיִם קֵיין
עַזָּה; דֶער אִיז ווִיסְט. 27 און עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען און אִיז גֶעגַאנְגֶען. און
זֶעה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַאן פוּן כּוּשׁ, אַ סָרִיס, וָואס אִיז אַ גֶעוֶועלְטִיגֶער גֶעוֶוען
בֵּייא קַאנְדַאק דֶער קֶענִיגִין פוּן דִיא כּוּשִׁים, און אִיז אִיבֶּער אִיהְר גַאנְצֶען
שַׁאץ גֶעזֶעצְט גֶעוָוארֶען, דֶער אִיז קֵיין יְרוּשָׁלַיִם גֶעקוּמֶען אָנְצוּבֶּעטֶען. 28 און
עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקֶעהְרְט, און אִיז אִין זֵיין וָואגֶען גֶעזֶעסֶען און הָאט יְשַׁעְיָה
הַנָּבִיא גֶעלֵיינְט. 29 און דֶער גֵייסְט הָאט צוּ פִילִיפּוּס גֶעזָאגְט, גֶעה צוּ, און
בֶּעהֶעפְט דִיךְ צוּ דִיזֶעם וָואגֶען. 30 און פִילִיפּוּס אִיז צוּגֶעלָאפֶען און הָאט אִיהְם
גֶעהֶערְט לֵיינֶען יְשַׁעְיָה הַנָּבִיא, און הָאט גֶעזָאגְט, פֶערְשְׁטֶעהְסְט דוּא וָואס דוּא
לֵיינְסְט? 31 און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, ווִיא אַזוֹי זָאל אִיךְ קֶענֶען, סַיידֶען אֵיימֶעצֶער
וֶועט מִיךְ בֶּעלֶעהְרֶען? און עֶר הָאט פִילִיפּוּס גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל אוֹיפְ־
שְׁטֵייגֶען און זָאל מִיט אִיהְם זִיצֶען. 32 און דֶער אָרְט אִין דֶער שְׁרִיפְט וָואס
עֶר הָאט גֶעלֵיינְט אִיז דָאס גֶעוֶוען,

32 ישעיה נג׳ ז׳, ח׳.

עֶר אִיז גֶעפִיהְרְט גֶעוֶעזֶען וִויא אַ שָׁאף צוּם שֶׁעכְטֶען,
אוּן אַזוֹי וִויא אַ לַאם פָאר זַיינֶע שֶׁערֶער אִיז שְׁטוּם,
אַזוֹי הָאט עֶר זַיין מוֹיל נִיט אוֹיפְגֶעמַאכְט.
33 אִין זַיינֶע נִידְרִיגְקֵייט אִיז זַיין גֶערִיכְט אַוֶועקְגֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען;
אוּן וֶוער וֶועט דֶערְצֶעהְלֶען זַיין דוֹר?
וָוארִין זַיין לֶעבֶּען אִיז פוּן דֶער עֶרְד אַוֶועקְגֶענוּמֶען.
34 אוּן דֶער סָרִיס הָאט פִילִיפּוּס גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ בֶּעט דִיךְ, פוּן
וֶועמֶען רֶעט דָאס דֶער נָבִיא? פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט, אָדֶער פוּן אֵיין אַנְדֶערֶען?
35 אוּן פִילִיפּוּס הָאט זַיין מוֹיל אוֹיפְגֶעמַאכְט אוּן הָאט פוּן דִיזֶער שְׁרִיפְט אָנְגֶע־
הוֹיבֶּען, אוּן הָאט צוּ אִיהְם גֶעפְּרֶעדִיגְט יֵשׁוּעַ. 36 אוּן וִויא זַייא זֶענֶען גֶעפָאהְרֶען
אוֹיף דֶעם וֶועג, זֶענֶען זַייא צוּ אַ וַואסֶער גֶעקוּמֶען, אוּן דֶער סָרִיס הָאט
גֶעזָאגְט, זֶעה, דָא אִיז וַואסֶער, וָואס הִינְדֶערְט מִיךְ גֶעטוּבֶלְט צוּ וֶוערֶען? 38 אוּן
עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען דֶעם וָואגֶען שְׁטֶעהֶען בְּלֵייבֶּען, אוּן זַייא זֶענֶען בֵּיידֶע אִים
וַואסֶער אַרוּפְגֶעגַאנְגֶען, פִילִיפּוּס אוּן דֶער סָרִיס, אוּן עֶר הָאט אִיהְם גֶעטוּבֶלְט.
39 אוּן וֶוען זַייא זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם וַואסֶער, הָאט דֶער גֵייסְט פוּן
דֶעם הַאר'ן פִילִיפּוּס אַוֶועקְגֶענוּמֶען, אוּן דֶער סָרִיס הָאט אִיהְם נִיט מֶעהְר
גֶעזֶעהֶען, וָוארִין עֶר אִיז זַיין וֶועג גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייעֶט. 40 אָבֶּער
פִילִיפּוּס אִיז אִין אַשְׁדוֹד גֶעפִינֶען גֶעוָוארֶען, אוּן אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט
גֶעפְּרֶעדִיגְט אִין אַלֶע שְׁטֶעדְט בִּיז עֶר אִיז קֵיין קֵיסָרִין גֶעקוּמֶען.

ט 1 אוּן שָׁאוּל הָאט נָאךְ שְׁרֶעקֶען אוּן רְצִיחָה גֶעאָטְמֶעט קֶעגֶען דִיא תַּלְמִידִים
פוּן דֶעם הַאר'ן, אוּן אִיז צוּם כֹּהֵן גָדוֹל גֶעקוּמֶען, 2 אוּן הָאט פוּן אִיהְם פֶערְ־
לַאנְגְט בְּרִיף קֵיין דַמֶשֶׂק צוּ דִיא שׁוּלֶען, אַז וֶוען עֶר וֶועט עֶטְלִיכֶע גֶעפִינֶען
וָואס זֶענֶען פוּן דִיזֶעם וֶועג, מֶענֶער אָדֶער פְרוֹיעֶן, אַזוֹי זָאל עֶר זַייא בְּרֶענְגֶען
גֶעבּוּנְדֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם.
3 אוּן וִויא עֶר אִיז גֶעפָאהְרֶען, אִיז עֶר נָאהֶענְט צוּ דַמֶשֶׂק גֶעקוּמֶען, אוּן פְּלוּצְ־
לִינְג הָאט אַ לִיכְט פוּן הִימֶעל אַרוּם אִיהְם גֶעשַׁיינְט, 4 אוּן עֶר אִיז צוּ דֶער
עֶרְד גֶעפַאלֶען, אוּן הָאט גֶעהֶערְט אַ קוֹל וָואס הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, שָׁאוּל,
שָׁאוּל, וַוארוּם פֶערְפָאלְגְסְט דוּא מִיךְ? 5 אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער בִּיסְט
דוּא, הַאר? אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין יֵשׁוּעַ דֶעם דוּא פֶערְפָאלְגְסְט;
6 אָבֶּער שְׁטֶעה אוֹיף אוּן גֶעה אִין דֶער שְׁטָאדְט, אוּן עֶס וֶועט דִיר גֶעזָאגְט
וֶוערֶען וָואס דוּא זָאלְסְט טְהוּן. 7 אוּן דִיא מֶענֶער וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם
גֶעפָאהְרֶען זֶענֶען פֶערְשְׁטוּמְט גֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאבֶּען דָאס קוֹל גֶעהֶערְט, אָבֶּער
זַייא הָאבֶּען קֵיינֶעם נִיט גֶעזֶעהֶען. 8 אוּן שָׁאוּל אִיז פוּן דֶער עֶרְד אוֹיפְגֶעשְׁטַא־
נֶען, אוּן וֶוען עֶר הָאט דִיא אוֹיגֶען אוֹיפְגֶעמַאכְט, הָאט עֶר גָאר נִיט גֶעזֶעהֶען;
אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעפִיהְרְט בַּייא דֶער הַאנְד אוּן הָאבֶּען אִיהְם קֵיין דַמֶשֶׂק

37 אוּן פִילִיפּוּס הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען דוּא גְלוֹיבְּסְט מִיט דַיין גַאנְצֶען הַארְץ, מֶעגְסְט
דוּא. אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ גְלוֹיבּ אַז יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ אִיז
דֶער זוּהְן פוּן גָאט.

גֶעבְּרַאכְט. 9 אוּן עֶר אִיז דְרַייא טֶעג גֶעוֶועֶן נִיט זֶעהֶענְדִיג, אוּן הָאט נִיט
גֶעגֶעסֶען אוּן נִיט גֶעטְרוּנְקֶען.
10 אוּן עֶס אִיז גֶעוֶועֶן אַ גֶעווִיסֶער תַּלְמִיד אִין דַמֶשֶׂק וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען
חֲנַנְיָה, אוּן דֶער הַאר הָאט צוּ אִיהְם אִין אֵיין עֶרְשֵׁיינוּנְג גֶעזָאגְט, חֲנַנְיָה. אוּן
עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זֶעה, אִיךְ בִּין עֶר, הַאר. 11 אוּן דֶער הַאר הָאט צוּ אִיהְם
גֶעזָאגְט, שְׁטֶעה אוֹיף אוּן גֶעה צוּ דֶער גַאס וָואס הֵייסְט דִיא גְלֵייכֶע גַאס, אוּן
פְּרֶעג אִים הוֹיז פוּן יְהוּדָה אוֹיף אַ מַאן וָואס הֵייסְט שָׁאוּל פוּן תַּרְשִׁישׁ;
וָוארִין זֶעה, עֶר בֶּעט, 12 אוּן הָאט גֶעזֶעהֶען אַז אַ מַאן וָואס הֵייסְט
חֲנַנְיָה אִיז צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט דִיא הַאנְד אוֹיף אִיהְם גֶעלֶעגְט,
אַז עֶר זָאל זֶעהֶענְדִיג וֶוערֶען. 13 אוּן חֲנַנְיָה הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, הַאר, אִיךְ הָאבּ
פוּן פִילֶע גֶעהֶערְט וֶועגֶען דִיזֶעם מַאן, וִויא פִיל שְׁלֶעכְטֶעס עֶר הָאט גֶעטְהוּן
צוּ דֵיינֶע הֵיילִיגֶע אִין יְרוּשָׁלַיִם; 14 אוּן דָא הָאט עֶר מַאכְט פוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע
כֹּהֲנִים צוּ בִּינְדֶען אַלֶע וָואס רוּפֶען אָן דֵיין נָאמֶען. 15 אָבֶּער דֶער הַאר הָאט
צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גֶעה אַהִין; וָוארִין עֶר אִיז מִיר אֵיין אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְטֶע כְּלִי,
אַז עֶר זָאל מֵיין נָאמֶען טְרָאגֶען פָאר דִיא גוֹיִם אוּן מְלָכִים אוּן דִיא קִינְדֶער
פוּן יִשְׂרָאֵל; 16 וָוארִין אִיךְ וֶועל אִיהְם וַוייזֶען וִויא פִילֶע זַאכֶען עֶר מוּז פוּן מֵיין
נָאמֶענְס וֶועגֶען לֵיידֶען. 17 אוּן חֲנַנְיָה אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן אִיז אִים הוֹיז
אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, אוּן הָאט דִיא הֶענְד אוֹיף אִיהְם גֶעלֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט, בְּרוּדֶער
שָׁאוּל, דֶער הַאר יֵשׁוּעַ, דֶער הָאט זִיךְ צוּ דִיר בֶּעווִיזֶען אִים וֶועג וָואס דוּא
בִּיסְט גֶעקוּמֶען, הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט, אַז דוּא זָאלְסְט זֶעהֶענְדִיג וֶוערֶען, אוּן זָאלְסְט
דֶערְפִילְט וֶוערֶען מִיט דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. 18 אוּן גְלֵייךְ זֶענֶען פוּן זֵיינֶע אוֹיגֶען
וִויא שׁוּפֶּען אַרוּפְּגֶעפַאלֶען, אוּן עֶר אִיז זֶעהֶענְדִיג גֶעוָוארֶען, אוּן אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען
אוּן אִיז גֶעטוּבְלְט גֶעוָוארֶען, 19 אוּן הָאט שְׁפֵּייז גֶענוּמֶען אוּן אִיז גֶעשְׁטַארְקְט גֶעוֶועֶן.
אוּן עֶר אִיז עֶטְלִיכֶע טֶעג גֶעוֶועֶן מִיט דִיא תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען אִין דַמֶשֶׂק,
20 אוּן גְלֵייךְ הָאט עֶר אִין דִיא שׁוּלֶען גֶעפְּרֶעדִיגְט יֵשׁוּעַ, אַז עֶר אִיז דֶער זוּהְן
פוּן גָאט. 21 אוּן אַלֶע וָואס הָאבֶּען אִיהְם גֶעהֶערְט זֶענֶען עֶרְשְׁטוֹינְט גֶעוָוארֶען
אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, אִיז דִיזֶער נִיט דֶער וָואס הָאט פֶערְשְׁטֶערְט אִין יְרוּשָׁלַיִם
דִיא וָואס הָאבֶּען דִיזֶען נָאמֶען אָנְגֶערוּפֶען, אוּן אִיז פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אַהֶער
גֶעקוּמֶען, אַז עֶר זָאל זֵייא בְּרֶענְגֶען גֶעבּוּנְדֶען צוּ דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים? 22 אָבֶּער
שָׁאוּל הָאט זִיךְ נָאךְ מֶעהְר גֶעשְׁטַארְקְט, אוּן הָאט פֶערְטוּמֶעלְט דִיא יוּדֶען
וָואס הָאבֶּען אִין דַמֶשֶׂק גֶעווָאוֹינְט, וָוארִין עֶר הָאט בֶּעווִיזֶען אַז דִיזֶער אִיז
דֶער מָשִׁיחַ.
23 אוּן וֶוען עֶטְלִיכֶע טֶעג זֶענֶען דֶערְפִילְט גֶעוָוארֶען, הָאבֶּען דִיא יוּדֶען
אֵיין עֵצָה גֶעהַאלְטֶען אִיהְם צוּ הַרְגֶענֶען. 24 אָבֶּער זֵייעֶר עֵצָה אִיז צוּ שָׁאוּל
אָנְגֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען. אוּן זֵייא הָאבֶּען דִיא טוֹיעֶרֶען גֶעוַואכְט טָאג אוּן נַאכְט אַז
זֵייא זָאלֶען אִיהְם הַרְגֶענֶען. 25 אָבֶּער דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען אִיהְם גֶענוּמֶען, אוּן
הָאבֶּען אִיהְם בֵּייא נַאכְט פוּן דֶער מוֹיעֶר אִין אַ קָארְבּ אַרוּפְּגֶעלָאזְט.
26 אוּן וֶוען עֶר אִיז קֵיין יְרוּשָׁלַיִם גֶעקוּמֶען הָאט עֶר זִיךְ גֶעוָואלְט צוּ דִיא

תַּלְמִידִים בֶּעהָעפְטֶען. אָבֶּער זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע פַאר אִיהְם גֶעפָארְכְטֶען,
וָוארִין זֵייא הָאבֶּען נִיט גֶעגְלוֹיבְּט אַז עֶר אִיז אַ תַּלְמִיד. 27 אָבֶּער בַּרְנַבָּא הָאט
אִיהְם אָנְגֶענוּמֶען, אוּן הָאט אִיהְם צוּ דִיא אַפָּאסְטֶעל גֶעבְּרַאכְט, אוּן הָאט זֵייא
דֶערְצֶעהְלְט וִויא עֶר הָאט דֶעם הַאר'ן אוֹיף דֶעם וֶועג גֶעזֶעהֶען, אוּן אַז עֶר
הָאט צוּ אִיהְם גֶערֶעט, אוּן וִויא עֶר הָאט אִין דַמֶשֶׂק מוּטִיג גֶעפְּרֶעדִיגְט אִים
נָאמֶען פוּן יֵשׁוּעַ. 28 אוּן עֶר אִיז מִיט זֵייא אַיין אוּן אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם,
אוּן הָאט מוּטִיג גֶעפְּרֶעדִיגְט אִין דֶעם נָאמֶען פוּן דֶעם הַאר'ן, 29 אוּן הָאט
גֶערֶעט אוּן גֶעטַענְהֶעט קֶעגֶען דִיא גְרֶעקִישֶׁע יוּדֶען; אָבֶּער זֵייא הָאבֶּען זִיךְ
אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען זֵייא זָאלֶען אִיהְם טֵייטֶען. 30 אוּן וֶוען דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען
דָאס גֶעוָואר גֶעוָוארֶען, הָאבֶּען זֵייא אִיהְם קַיין קֵיסְרִין אַרוּפְגֶעבְּרַאכְט, אוּן
הָאבֶּען אִיהְם קַיין תַּרְשִׁישׁ אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט.

31 אַזוֹי הָאט דִיא גֶעמֵיינְדֶע אִין גַאנְץ יְהוּדָה אוּן אִין גָלִיל אוּן שֹׁמְרוֹן
פְרִידֶען גֶעהַאט אוּן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט; אוּן הָאט גֶעוַואנְדֶעלְט אִין דֶער
פָארְכְט פוּן דֶעם הַאר'ן אוּן אִים טְרֵייכְט פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּן הָאט זִיךְ
פֶערְמֶעהְרְט.

32 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וֶוען פֶּעטְרוּס אִיז אַלֶע עֶרְטֶער דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, אַז
עֶר אִיז אוֹיךְ אַרוּפְגֶעקוּמֶען צוּ דִיא הֵיילִיגֶע וָואס הָאבֶּען אִין לוּד גֶעוְואוֹינְט.
33 אוּן עֶר הָאט דָארְט גֶעפִינֶען אַ מַאן וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען אֲנֵיָס, וָואס אִיז אַ
גִיכְטְבְּרִיכִיגֶער גֶעוֶוען, אוּן אִיז אַכְט יָאהְר אוֹיף אַ בֶּעט גֶעלֶעגֶען. 34 אוּן פֶּעטְרוּס
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, אֲנֵיָס, יֵשׁוּעַ דֶער מָשִׁיחַ הֵיילְט דִיךְ: שְׁטֶעה אוֹיף אוּן
מַאךְ אַלֵיין דֵיין בֶּעט. אוּן גְלֵייךְ אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען. 35 אוּן אַלֶע וָואס
הָאבֶּען אִין לוּד אוּן אִין שָׁרוֹן גֶעוְואוֹינְט הָאבֶּען אִיהְם גֶעזֶעהֶען, אוּן הָאבֶּען
זִיךְ צוּם הַאר'ן צוּגֶעקֶעהְרְט.

36 אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין יָפוֹ אַ תַּלְמִידָה וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען טְבִיתָא, וָואס
אִיז פֶערְטֵייטְשְׁט דָארְכַּאס. זִיא אִיז פוּל גֶעוֶוען מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן
נְדָבוֹת, וָואס זִיא הָאט גֶעטְהוּן. 37 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אִין יֶענֶע טֶעג אַז זִיא
אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארֶען אוּן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען; אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיא גֶעוַואשֶׁען, אוּן
אִין אַיין אוֹיבֶּערֶע שְׁטוּב גֶעלֶעגְט. 38 אוּן וֵוייל לוּד אִיז נָאהֶענְט צוּ יָפוֹ, הָאבֶּען
דִיא תַּלְמִידִים גֶעהֶערְט אַז פֶּעטְרוּס אִיז דָארְט, אוּן הָאבֶּען צוּ אִיהְם צְוֵויא מֶע־
נֶער גֶעשִׁיקְט, אוּן הָאבֶּען גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל זִיךְ נִיט זָאמֶען צוּ זֵייא צוּ קוּמֶען.
39 אוּן פֶּעטְרוּס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן אִיז מִיט זֵייא גֶעגַאנְגֶען. אוּן וֶוען עֶר
אִיז גֶעקוּמֶען הָאבֶּען זֵייא אִיהְם אִין דִיא אוֹיבֶּערֶע שְׁטוּב אַרוּפְגֶעפִיהְרְט, אוּן
אַלֶע אַלְמָנוֹת זֶענֶען בֵּייא אִיהְם גֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאבֶּען גֶעוֵויינְט, אוּן הָאבֶּען
דִיא רֶעק אוּן קְלֵיידֶער גֶעוִויזֶען וָואס דָארְכַּאס הָאט גֶעמַאכְט וֶוען זִיא אִיז
צְוִוישֶׁען זֵייא גֶעוֶוען. 40 אָבֶּער פֶּעטְרוּס הָאט אַלֶע אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט, אוּן הָאט
גֶעקְנִיעֶט אוּן גֶעבֶּעטֶען, אוּן הָאט זִיךְ צוּם מֵת גֶעקֶעהְרְט אוּן גֶעזָאגְט, טְבִיתָא,
שְׁטֶעה אוֹיף. אוּן זִיא הָאט דִיא אוֹיגֶען אוֹיפְגֶעמַאכְט, אוּן וֶוען זִיא הָאט
פֶּעטְרוּס גֶעזֶעהֶען הָאט זִיא זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט. 41 אוּן עֶר הָאט אִיהְר דִיא הַאנְד

גֶעגֶעבֶּען און הָאט זיא אויפְגֶעשְׁטֶעלְט; און עֶר הָאט דִיא הֵיילִיגֶע און דִיא
אַלְמָנוֹת גֶערוּפֶען, און הָאט זיא פָאר זֵייא לֶעבֶּענְדִיג גֶעשְׁטֶעלְט. 42 און דָאס
אִיז בֶּעקַאנְט גֶעוָוארֶען אִין גַאנְץ יָפוֹ, און פִילֶע הָאבֶּען אִין דֶעם הַאר'ן גֶעגְלוֹיבְּט.
43 און עֶר הָאט עֶטְלִיכֶע טֶעג אִין יָפוֹ גֶעוְואוֹינְט בֵּייא אַ גֶעוִויסֶען שִׁמְעוֹן, אַ
גַארְבֶּער.

י 1 און עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אִין קֵיסְרִין אַ מַאן וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען קָרְנֵלְיוּס, אֵיין אוֹיבֶּערְשְׁ־
טֶער פוּן דֶעם חַיִל וָואס אִיז גֶערוּפֶען דָאס אִטַלְיֶענִישֶׁע חַיִל, 2 דֶער אִיז פְּרוּם
גֶעוֶועזֶען און גָאטֶעסְפָארְכְטִיג מִיט זֵיין גַאנְצֶען הוֹיזְגֶעזִינְד, און הָאט פִיל נְדָבוֹת צוּ
דֶעם פָאלְק גֶעגֶעבֶּען, און הָאט צוּ גָאט בֶּעשְׁטֶענְדִיג גֶעבֶּעטֶען. 3 עֶר הָאט קְלָאר
אִין אֵיין עֶרְשֵׁיינוּנְג גֶעזֶעהֶען אַזוֹי וִויא קֶעגֶען דִיא נֵיינְטֶע שָׁעָה פוּן דֶעם טָאג,
אַ מַלְאָךְ פוּן גָאט צוּ אִיהְם קוּמֶען און זָאגֶען, קָרְנֵלְיוּס. 4 און עֶר הָאט אִיהְם
אָנְגֶעזֶעהֶען און הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקֶען און גֶעזָאגְט, וָואס אִיז עֶס, הַאר? און עֶר
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דֵיינֶע תְּפִלּוֹת און דֵיינֶע נְדָבוֹת זֶענֶען אוֹיפְגֶעגַאנְגֶען
צוּ אַנְדֶענְקֶען פָאר גָאט. 5 און אַצוּנְד שִׁיק קֵיין יָפוֹ מֶענֶער, און רוּף אַ גֶעוִוי־
סֶען שִׁמְעוֹן, וָואס הֵייסְט פֶּעטְרוּס; 6 עֶר שְׁטֶעהְט אֵיין בֵּייא אַ גֶעוִויסֶען שִׁמְעוֹן
אַ גַארְבֶּער, וָואס הָאט אַ הוֹיז בֵּיים יַם. 7 און וֶוען דֶער מַלְאָךְ וָואס הָאט מִיט
אִיהְם גֶערֶעט אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר גֶערוּפֶען צְוֵוייא פוּן דִיא הוֹיזְקְנֶעכְט,
און אַ פְרוּמֶען סָאלְדַאטֶען פוּן דִיא וָואס זֶענֶען בֶּעשְׁטֶענְדִיג מִיט אִיהְם גֶעוֶועזֶען;
8 און וֶוען עֶר הָאט זֵייא אַלֶעס דֶערְצֶעהְלְט, הָאט עֶר זֵייא קֵיין יָפוֹ גֶעשִׁיקְט.

9 און דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג, וֶוען זֵייא זֶענֶען אוֹיף דֶעם וֶועג גֶעוֶועזֶען, און זֶענֶען
נָאהֶענְט צוּ דֶער שְׁטָאדְט גֶעקוּמֶען, אִיז פֶּעטְרוּס אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם
דַאךְ קֶעגֶען דִיא זֶעקְסְטֶע שָׁעָה אוּם צוּ בֶּעטֶען. 10 און עֶר אִיז זֶעהְר הוּנְגְרִיג
גֶעוָוארֶען, און הָאט גֶעוָואלְט עֶסֶען; אָבֶּער דֶערְוֵוייל זֵייא הָאבֶּען אָנְגֶעבְּרֵייט
אִיז עֶר אִין אֵיין אַנְטְצִיקוּנְג גֶעפַאלֶען, 11 און הָאט דֶעם הִימֶעל אָפֶען גֶעזֶעהֶען,
און אַ גֶעפֶעס אַרוֹיפְקוּמֶען אַזוֹי וִויא אַ גְרוֹיס לֵיילֶעךְ, בֵּייא דִיא פִיעֶר עֶקֶען
אוֹיף דֶער עֶרְד אַרוֹיפְגֶעלָאזְט. 12 און עֶס זֶענֶען דְרִינֶען גֶעוֶועזֶען אַלֶערְלֵייא פִיעֶר־
פִיסִיגֶע חַיוֹת און גֶעוֶועְרֶם פוּן דֶער עֶרְד, און פֵייגֶעל פוּן דֶעם הִימֶעל. 13 און
עֶס אִיז אַ קוֹל צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, שְׁטֶעה אוֹיף פֶּעטְרוּס, שֶׁעכְט און עֶס.
14 אָבֶּער פֶּעטְרוּס הָאט גֶעזָאגְט, נִיט אַזוֹי, הַאר; וָוארִין אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִיט
גֶעגֶעסֶען גֶעמֵיינֶעס און אוּנְרֵיינֶעס. 15 און עֶס אִיז ווִידֶער אַ צְוֵוייטֶעס מָאל אַ
קוֹל צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, דָאס וָואס גָאט הָאט גֶערֵיינִיגְט, מַאךְ דוּא נִיט גֶעמֵיין.
16 און דָאס אִיז דְרֵייא מָאל גֶעשֶׁעהֶען; און גְלֵייךְ אִיז דָאס גֶעפֶעס ווִידֶער
אַרוֹיפְגֶענוּמֶען אִים הִימֶעל.

17 און וִויא פֶּעטְרוּס הָאט אִין זִיךְ נָאכְגֶעטְרַאכְט וָואס דִיא עֶרְשֵׁיינוּנְג
בֶּעדֵייט וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען, זֶעה, דִיא מֶענֶער וָואס זֶענֶען פוּן קָרְנֵלְיוּס
גֶעשִׁיקְט הָאבֶּען זִיךְ צוּם הוֹיז פוּן שִׁמְעוֹן אָנְגֶעפְרֶעגְט, און זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען
בֵּייא דֶעם טוֹיעֶר. 18 און זֵייא הָאבֶּען גֶערוּפֶען און גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ שִׁמְעוֹן, וָואס
אִיז גֶערוּפֶען פֶּעטְרוּס, שְׁטֶעהְט דָארְט אֵיין. 19 און וִויא פֶּעטְרוּס הָאט זִיךְ

בֶּעטְרַאכְט װעגען דער עֶרְשֵׁיינוּנְג, הָאט דֶער גֵייסְט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, זֶעה, דְרֵייא מֶענֶער זוּכֶען דִיךְ; [20] אָבֶּער שְׁטֶעה אוֹיף אוּן קוּם אַרוּפּ אוּן גֶעה מִיט זֵייא, אוּן צְװֵייפֶעל נִיט, װָארִין אִיךְ הָאבּ זֵייא גֶעשִׁיקְט. [21] אוּן פֶּעטְרוּס אִיז צוּ דִיא מֶענֶער אַרוּפְּגֶעקוּמֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, זֶעה, אִיךְ בִּין דֶער װֶעמֶען אִיהְר זוּכְט; װֶעגֶען װָאס זֶענְט אִיהְר גֶעקוּמֶען? [22] אוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, קָרְנֵלְיוּס, אַ הוֹיפְּטְמַאן, אַ גֶערֶעכְטֶער מַאן אוּן גָאטֶעסְפָארְכְטִיגֶער, גוּט בֶּעצֵייגְט פוּן דֶעם גַאנְצֶען יוּדִישֶׁען פָאלְק, אִיז גֶעוָארְנְט גֶעװֶען פוּן גָאט דוּרְךְ אַ הֵיילִיגֶען מַלְאָךְ אַז עֶר זָאל דִיךְ צוּ זֵיין הוֹיז אֵיינְלַאדֶען, אוּן זָאל װֶערְטֶער פוּן דִיר הֶערֶען. [23] דְרוּם הָאט עֶר זֵייא אַרֵיינְגֶערוּפֶען אוּן הָאט זֵייא גַאסְטְפְרֵיינְדְשַׁאפְט גֶעװִיזֶען.

אוּן דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן אִיז מִיט זֵייא אַװֶעקְ־גֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא בְּרִידֶער װָאס זֶענֶען פוּן יָפוֹ גֶעװֶען זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעגַאנְגֶען, [24] אוּן דֶעם פָאלְגֶענְדֶען טָאג זֶענֶען זֵייא אִין קֵיסָרִין אַרֵיינְגֶע־קוּמֶען. אוּן קָרְנֵלְיוּס הָאט אוֹיף זֵייא גֶעװַארְט, אוּן הָאט זֵיינֶע קְרוֹבִים אוּן פְרֵיינְד צוּזַאמֶענְגֶערוּפֶען. [25] אוּן װִיא פֶּעטְרוּס אִיז אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, אִיז אִיהְם קָרְנֵלְיוּס עֶנְטְגֶעגֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן אִיז אִיהְם צוּ דִיא פִיס גֶעפַאלֶען אוּן הָאט זִיךְ גֶעבִּיקְט. [26] אָבֶּער פֶּעטְרוּס הָאט אִיהְם אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען אוּן גֶעזָאגְט, שְׁטֶעה אוֹיף, אִיךְ זֶעלְבְּסְט בִּין אוֹיךְ אַ מֶענְשׁ. [27] אוּן װִיא עֶר הָאט מִיט אִיהְם גֶערֶעט אִיז עֶר אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט פִילֶע גֶעפִינֶען װָאס זֶענֶען צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען, [28] אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, אִיהְר װֵייסְט אַז עֶס אִיז אָסוּר צוּ אַ יוּדִישֶׁען מַאן זִיךְ צוּ בֶּעהֶעפְטֶען אָדֶער אַרֵיינְקוּמֶען צוּ אַ גוֹי; אָבֶּער גָאט הָאט מִיר גֶעװִיזֶען אַז אִיךְ זָאל קֵיין מֶענְשׁ נִיט רוּפֶען גֶעמֵיין אָדֶער אוּנְרֵיין. [29] דְרוּם הָאבּ אִיךְ נִיט װִידֶערְשְׁטַאנֶען, אוּן בִּין אוֹיךְ גֶעקוּמֶען װֶען אִיךְ בִּין אֵיינְגֶעלַא־דֶען. דְרוּם פְרֶעג אִיךְ פַארְװָאס אִיהְר הָאט מִיךְ אֵיינְגֶעלַאדֶען? [30] אוּן קָרְנֵלְיוּס הָאט גֶעזָאגְט, עֶס זֶענֶען פִיעֶר טֶעג בִּיז צוּ דִיזֶער שָׁעָה װֶען אִיךְ הָאבּ אִין דִיא נֵיינְטֶע שָׁעָה אִין מֵיינֶעם הוֹיז גֶעבֶּעטֶען, אוּן זֶעה, אַ מַאן אִיז פָאר מִיר גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַ שֵׁיינֶענְדִיגֶען קְלֵייד, [31] אוּן הָאט גֶעזָאגְט, קָרְנֵלְיוּס, דֵיין גֶעבֶּעט אִיז דֶערְהֶערְט גֶעװָארֶען, אוּן דֵיינֶע נְדָבוֹת זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם אַנְדֶענְקֶען פָאר גָאט. [32] דְרוּם שִׁיק קֵיין יָפוֹ, אוּן רוּף שִׁמְעוֹן, װָאס אִיז גֶערוּפֶען פֶּעטְרוּס; עֶר שְׁטֶעהְט אֵיין אִים הוֹיז פוּן שִׁמְעוֹן דֶעם גַארְבֶּער בֵּיים יַם. [33] אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גְלֵייךְ צוּ דִיר גֶעשִׁיקְט, אוּן דוּא הָאסְט רֶעכְט גֶעטְהוּן אַז דוּא בִּיסְט גֶעקוּמֶען. דְרוּם אַצוּנְד זֶענֶען מִיר אַלֶע דָא פָאר גָאט, צוּ הֶערֶען אַלֶעס װָאס אִיז דִיר בֶּעפוֹילֶען פוּן דֶעם הַאר'ן. [34] אוּן פֶּעטְרוּס הָאט זֵיין מוֹיל אוֹיפְגֶעמַאכְט אוּן גֶעזָאגְט,

אִיךְ זֶעה אִין דֶער װָאהְרְהֵייט אַז גָאט אִיז נִיט קֵיין נוֹשֵׂא פָּנִים, [35] נֵייעֶרְט אִין אִיטְלִיכֶען פָאלְק דֶער װָאס פָארְכְט זִיךְ פַאר אִיהְם אוּן טְהוּט גֶערֶעכְטִיגְ־קֵייט אִיז בֵּייא אִיהְם אָנְגֶענוּמֶען. [36] עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט דָאס װָארְט צוּ דִיא קִינְדֶער פוּן יִשְׂרָאֵל, אָנְצוּזָאגֶען דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן פְרִידֶען װָאס עֶר הָאט מְבַשֵּׂר

[36] ישעיה נב׳ ז׳.

גְעוָועזֶען דוּרְךְ יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ; עֶר אִיז הַאר פוּן אַלֶע. 37 אִיהְר ווייסְט דָאס
וָוארְט וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶען דוּרְךְ גַאנְץ יְהוּדָה, אוּן הָאט זִיךְ אִין גָלִיל אָנְגֶע־
הוֹיבֶּען נָאךְ דֶער טְבִילָה וָואס יוֹחָנָן הָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט; 38 ווִיא גָאט הָאט יֵשׁוּעַ
פוּן נְצָרֶת גֶעזַאלְבְּט מִיט דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוּן מִיט מַאכְט, דֶער אִיז אַרוּמְגֶע־
גַאנְגֶען, אוּן הָאט גוּטֶעס גֶעטְהוּן אוּן הָאט אַלֶע גֶעהֵיילְט וָואס דֶער שָׂטָן הָאט
אִיבֶּער זֵייא גֶעוָועלְטִיגְט, וָוארִין גָאט אִיז מִיט אִיהְם גֶעוָועזֶען. 39 אוּן מִיר זֶענֶען
עֵדוּת אוֹיף אַלֶע זַאכֶען וָואס עֶר הָאט גֶעטְהוּן אִים יוּדִישֶׁען לַאנְד אוּן אִין
יְרוּשָׁלַיִם; דֶעם זֵייא הָאבֶּען אוּמְגֶעבְּרַאכְט, אוּן הָאבֶּען אִיהְם אוֹיפְגֶעהַאנְגֶען
אוֹיף אַ בּוֹים. 40 דִיזֶען הָאט גָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִים דְרִיטֶען טָאג, אוּן הָאט
אִיהְם גֶעלָאזְט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען, 41 נִיט צוּם גַאנְצֶען פָאלְק, נֵייעֶרְט צוּ עֵדוּת
וָואס זֶענֶען פְרִיהֶער פוּן גָאט אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט גֶעוָוארֶען, צוּ אוּנְז, וָואס מִיר
הָאבֶּען מִיט אִיהְם גֶעגֶעסֶען אוּן גֶעטְרוּנְקֶען נָאכְדֶעם עֶר אִיז פוּן דִיא טוֹיטֶע
אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען. 42 אוּן עֶר הָאט אוּנְז בֶּעפוֹילֶען צוּ דֶעם פָאלְק פְּרֶעדִיגֶען אוּן
בֶּעצֵייגֶען, אַז דִיזֶער אִיז עֶר דֶער אִיז פוּן גָאט בֶּעשְׁטֶעלְט גֶעוָועזֶען צוּם רִיכְטֶער
פוּן דִיא לֶעבֶּענְדִיגֶע אוּן דִיא טוֹיטֶע. 43 אוֹיף אִיהְם בֶּעצֵייגֶען אַלֶע נְבִיאִים, אַז
אִיטְלִיכֶער וָואס גְלוֹיבְּט אָן אִיהְם וֶועט דוּרְךְ זֵיין נָאמֶען פֶערְגֶעבּוּנְג פוּן זִינְד
דֶערְהַאלְטֶען.
44 דֶערְווייל פֶּעטְרוּס הָאט נָאךְ דִיזֶע וֶוערְטֶער גֶערֶעט אִיז דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ
גֶעפַאלֶען אוֹיף אַלֶע וָואס הָאבֶּען דָאס וָוארְט גֶעהֶערְט. 45 אוּן דִיא גְלוֹיבִּיגֶע
פוּן דֶער בֶּעשְׁנֵיידוּנְג וָואס זֶענֶען מִיט פֶּעטְרוּס גֶעקוּמֶען זֶענֶען עֶרְשְׁטוֹינְט
גֶעוָועזֶען, וָוארִין דִיא מַתָּנָה פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אִיז אוֹיךְ אוֹיף דִיא גוֹיִם אוֹיכְ־
גֶעגָאסֶען גֶעוָוארֶען; 46 וָוארִין זֵייא הָאבֶּען זֵייא גֶעהֶערְט לְשׁוֹנוֹת רֶעדֶען אוּן
גָאט דֶערְהֵייבֶען. 47 דַאן הָאט פֶּעטְרוּס גֶעעֶנְטְפֶערְט, קֶען אֵיימִיצֶער וַואסֶער
פֶערְבִּיטֶען, אַז דִיזֶע זָאלֶען נִיט גֶעטוֹבֶלְט וֶוערֶען, וָואס הָאבֶּען דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ
בֶּעקוּמֶען אַזוֹי ווִיא אוֹיךְ מִיר? 48 אוּן עֶר הָאט בֶּעפוֹילֶען אַז זֵייא זָאלֶען
גֶעטוֹבֶלְט וֶוערֶען אִים נָאמֶען פוּן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ. דַאן הָאבֶּען זֵייא אִיהְם
גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל עֶטְלִיכֶע טֶעג בְּלֵייבֶּען.
יא 1 אוּן דִיא אַפָּאסְטֶעל אוּן דִיא בְּרִידֶער וָואס זֶענֶען אִין יְהוּדָה הָאבֶּען
גֶעהֶערְט אַז דִיא גוֹיִם הָאבֶּען אוֹיךְ דָאס וָוארְט פוּן גָאט אָנְגֶענוּמֶען. 2 אוּן וֶוען
פֶּעטְרוּס אִיז קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען הָאבֶּען זִיךְ דִיא פוּן דֶער בֶּעשְׁנֵיידוּנְג מִיט
אִיהְם גֶעקְרִיגְט 3 אוּן גֶעזָאגְט, דוּא בִּיסְט אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִיא לֵייט וָואס
זֶענֶען עֲרֵלִים, אוּן הָאסְט מִיט זֵייא גֶעגֶעסֶען. 4 אוּן פֶּעטְרוּס הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען
אוּן הָאט זֵייא אִין אָרְדְנוּנְג דֶערְצֶעהְלְט אוּן גֶעזָאגְט; 5 אִיךְ בִּין גֶעוָועזֶען אִין דֶער
שְׁטָאדְט יָפוֹ אוּן הָאבּ גֶעבֶּעטֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ אֵיינֶע עֶרְשֵׁיינוּנְג אִין אֵיינֶע
אַנְטְצִיקוּנְג גֶעזֶעהֶען, אַ גֶעפֶּעס אַרוּפְגֶעקוּמֶען אַזוֹי ווִיא אַ גְרוֹיס לֵיילֶעךְ בֵּייא דִיא
פִיעֶר עֶקֶען פוּן הִימֶעל אַרוּפְגֶעלָאזְט, אוּן עֶס אִיז בִּיז צוּ מִיר גֶעקוּמֶען. 6 אוּן וֶוען
אִיךְ הָאבּ דְרוֹיף שַׁארְף גֶעזֶעהֶען הָאבּ אִיךְ עֶס בֶּעטְרַאכְט, אוּן הָאבּ גֶעזֶעהֶען דִיא
פִיעֶרְפִיסִיגֶע חַיוֹת פוּן דֶער עֶרְד, אוּן ווִילְדֶע חַיוֹת, אוּן גֶעוָועֶרְם, אוּן דִיא

פֵייגֶעל פוּן דֶעם הִימֶעל. 7 אוּן אִיךְ הָאבּ אַ קוֹל גֶעהֶערְט וָואס הָאט צוּ מִיר
גֶעזָאגְט, שְׁטֶעה אוֹיף, פֶּעטְרוֹס, שֶׁעכְט אוּן עֶס. 8 אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, נִיט
אַזוֹי, הַאר, וָוארִין קֵיינְמָאל אִיז גֶעמֵיין אָדֶער אוּנְרֵיין אִין מֵיין מוֹיל אַרֵיינְגֶע־
קוּמֶען. 9 אָבֶּער אַ קוֹל הָאט מִיר צוּם צְווייטֶען מָאל פוּן הִימֶעל גֶעעֶנְטְפֶערְט,
דָאס וָואס גָאט הָאט גֶערֵיינִיגְט, מַאךְ דוּא נִיט גֶעמֵיין. 10 אוּן דָאס אִיז דְרֵייא
מָאל גֶעשֶׁעהֶען, אוּן אַלֶעס אִיז ווִידֶער אִים הִימֶעל אַרוֹיפְגֶעצוֹיגֶען. 11 אוּן זֶעה,
גְלֵייךְ זֶענֶען דְרֵייא מֶענֶער גֶעשְׁטַאנֶען בֵּייא דֶעם הוֹיז ווְאוּ מִיר זֶענֶען גֶעוֶועזֶען,
וָואס זֶענֶען צוּ מִיר פוּן קֵיסָרִין גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארֶען. 12 אוּן דֶער גֵייסְט הָאט צוּ
מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל מִיט זֵייא גֶעהֶען אוּן זָאל נִיט צְווייפֶלֶען. אוּן דִיזֶע
זֶעקְס בְּרִידֶער זֶענֶען אוֹיךְ מִיט מִיר גֶעגַאנְגֶען, אוּן מִיר זֶענֶען אִים הוֹיז פוּן
דֶעם מַאן אַרֵיינְגֶעקוּמֶען. 13 אוּן עֶר הָאט אוּנְז דֶערְצֶעהְלְט ווִיא עֶר הָאט דֶעם
מַלְאָךְ אִין זֵיין הוֹיז גֶעזֶעהֶען שְׁטֶעהֶען אוּן זָאגֶען, שִׁיק קֵיין יָפוֹ, אוּן רוּף שִׁמְעוֹן
וָואס הֵייסְט פֶּעטְרוֹס, 14 דֶער וֶועט צוּ דִיר וֶוערְטֶער רֶעדֶען, דוּרְךְ וֶועלְכֶע דוּא
אוּן דֵיין גַאנְצֶעס הוֹיזְגֶעזִינְד וֶועלֶען גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען. 15 אוּן דֶערְוֵוייל אִיךְ הָאבּ
אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ רֶעדֶען, אִיז דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוֹיף זֵייא גֶעפַאלֶען, אַזוֹי ווִיא
אוֹיף אוּנְז אִים אָנְהֵייבּ. 16 אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעדֶענְקְט אָן דֶעם וָוארְט פוּן דֶעם
הַאר'ן, ווִיא עֶר הָאט גֶעזָאגְט, יוֹחָנָן הָאט מִיט וַואסֶער גֶעטוֹבֶלְט, אָבֶּער אִיהְר
וֶועט גֶעטוֹבֶלְט וֶוערֶען מִיט דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. 17 דְרוּם וֶוען גָאט הָאט צוּ זֵייא
דִיא גְלֵייכֶע מַתָּנָה גֶעגֶעבֶּען ווִיא צוּ אוּנְז וָואס הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט אָן דֶעם הַאר'ן
יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, וֶוער בִּין אִיךְ אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען גָאט פֶערְוֶועהְרֶען? 18 אוּן וֶוען
זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט, הָאבֶּען זֵייא שְׁטִיל גֶעשְׁווִיגֶען, אוּן הָאבֶּען גָאט
גֶעלוֹיבְּט אוּן גֶעזָאגְט, אַזוֹי הָאט גָאט צוּ דִיא גוֹיִם אוֹיךְ תְּשׁוּבָה צוּם לֶעבֶּען
גֶעגֶעבֶּען.

19 אַזוֹי זֶענֶען דִיא וָואס זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארֶען וֶועגֶען דֶער פֶערְפָאלְגוּנְג
וָואס אִיז קֶעגֶען סְטֶעפַאנוּס גֶעשֶׁעהֶען בִּיז קֵיין פִינִיקְיָא אוּן קִיפְּרוֹס אוּן
אַנְטִיוֹכְיָא דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבֶּען דָאס וָוארְט צוּ קֵיינֶעם נִיט גֶערֶעדְט,
אוֹיסֶער צוּ דִיא יוּדֶען אַלֵיין. 20 אָבֶּער עֶס זֶענֶען עֶטְלִיכֶע פוּן זֵייא גֶעוֶועזֶען,
מֶענֶער פוּן קִיפְּרוֹס אוּן קוּרִינִי, וָואס זֶענֶען קֵיין אַנְטִיוֹכְיָא גֶעקוּמֶען אוּן
הָאבֶּען אוֹיךְ מִיט דִיא גְרֶעקִישֶׁע לֵייט גֶערֶעדְט, אוּן הָאבֶּען גֶעפְּרֶעדִיגְט דֶעם
הַאר'ן יֵשׁוּעַ. 21 אוּן דִיא הַאנְד פוּן דֶעם הַאר'ן אִיז מִיט זֵייא גֶעוֶועזֶען, אוּן אַ
גְרוֹיסֶע צָאהְל הָאט גֶעגְלוֹיבְּט, אוּן הָאט זִיךְ צוּם הַאר'ן אוּמְגֶעקֶעהְרְט.
22 אוּן דִיא קְהִלָּה וָואס אִיז אִין יְרוּשָׁלַיִם גֶעוֶועזֶען הָאט דֶעם בֶּערִיכְט וֶועגֶען
זֵייא גֶעהֶערְט, אוּן הָאט בַּרְנַבָּא גֶעשִׁיקְט אַז עֶר זָאל גֶעהֶען בִּיז קֵיין אַנְטִיוֹכְיָא.
23 אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט גֶעזֶעהֶען דִיא גְנָאד פוּן גָאט, הָאט עֶר
זִיךְ גֶעפְרֵייעֶט, אוּן הָאט זֵייא אַלֶע מַזְהִיר גֶעוֶועזֶען אַז זֵייא זָאלֶען מִיט אַ פֶעסְטֶען
הַארְצֶען בְּלֵייבֶּען בֵּייא דֶעם הַאר'ן. 24 וָוארִין עֶר אִיז אַ גוּטֶער מַאן גֶעוֶועזֶען,
אוּן פוּל מִיט דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוּן מִיט גְלוֹיבֶּען. אוּן פִיל לֵייט זֶענֶען צוּם
הַאר'ן צוּגֶעקוּמֶען. 25 אוּן עֶר אִיז קֵיין תַּרְשִׁישׁ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אַז עֶר זָאל

שָׁאוּל אוֹיפְזוּכֶען; 26 אוּן װֶוען עֶר הָאט אִיהְם גֶעפִינֶען הָאט עֶר אִיהְם קֵיין
אַנְטִיוֹכְיָא גֶעבְּרַאכְט. אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אַ גַאנְצֶעס יָאהְר פֶערְזַאמֶעלְט מִיט
דֶער קְהִלָה, אוּן הָאבֶּען פִיל לֵייט גֶעלֶעהְרְט. אוּן דִיא תַּלְמִידִים זֶענֶען
צוּעֶרְשְׁט אִין אַנְטִיוֹכְיָא קְרִיסְטֶען גֶערוּפֶען.
27 אוּן אִין דִיזֶע טֶעג זֶענֶען נְבִיאִים אַרוּפְגֶעקוּמֶען פוּן יְרוּשָׁלַיִם קֵיין אַנְטִיוֹכְיָא.
28 אוּן אֵיינֶער פוּן זֵייא, װָאס הָאט גֶעהֵייסֶען אַגַבּוּס, אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן
הָאט בֶּעצֵייכֶענְט דוּרְךְ דֶעם גֵייסְט אַז עֶס װֶעט זַיין אַ גְרוֹיס הוּנְגֶער אוֹיף דִיא
גַאנְצֶע װֶעלְט; װָאס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אִין דֶער צֵייט פוּן קְלוֹידִיוּס. 29 אוּן אִיטְלִי־
כֶער פוּן דִיא תַּלְמִידִים הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען, אַז זֵייא זָאלֶען נָאךְ זַיין פֶערְ־
מֶעגֶען הִילְף שִׁיקֶען צוּ דִיא בְּרִידֶער װָאס הָאבֶּען אִין יְהוּדָה גֶעװָאוֹינְט. 30 אוּן
זֵייא הָאבֶּען אוֹיךְ אַזוֹי גֶעטְהוּן, אוּן הָאבֶּען אַװֶעקְגֶעשִׁיקְט צוּ דִיא זְקֵנִים דוּרְךְ
דִיא הֶענְד פוּן בַּרְנַבָּא אוּן שָׁאוּל.
יב 1 אִין יֶענֶער צֵייט הָאט דֶער קֶענִיג הוֹרְדוֹס דִיא הֶענְד אוֹיף עֶטְלִיכֶע פוּן
דֶער קְהִלָה גֶעלֶעגְט, זֵייא שְׁלֶעכְטֶעס צוּ טְהוּן. 2 אוּן עֶר הָאט גֶעהַרְגֶעט
יַעֲקֹב, דֶעם בְּרוּדֶער פוּן יוֹחָנָן, מִיט דֶעם שְׁװֶערְט. 3 אוּן װֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעה־
הֶען אַז עֶס אִיז דִיא יוּדֶען גֶעפֶעלֶען, הָאט עֶר פֶּעטְרוֹס אוֹיךְ גֶענוּמֶען; אוּן עֶס
אִיז גֶעװֶוען דִיא טֶעג פוּן חַג הַמַּצוֹת. 4 אוּן װֶוען עֶר הָאט אִיהְם גֶענוּמֶען, הָאט
עֶר אִיהְם אִין גֶעפֶענְגְנִיס אֵיינְגֶעזֶעצְט, אוּן הָאט אִיהְם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צוּ פִיעֶר
אָפְּטְהֵיילוּנְגֶען פוּן סָאלְדַאטֶען, אַז זֵייא זָאלֶען אִיהְם הִיטֶען, אוּן הָאט גֶעדַאכְט
עֶר זָאל אִיהְם נָאךְ פֶּסַח דֶעם פָאלְק פָארְשְׁטֶעלֶען. 5 אַזוֹי אִיז פֶּעטְרוֹס אִים
גֶעפֶענְגְנִיס גֶעהַאלְטֶען גֶעװָארֶען; אָבֶּער דִיא קְהִלָה הָאט עֶרְנְסְט פַאר אִיהְם
צוּ גָאט גֶעבֶּעטֶען.
6 אוּן װֶוען הוֹרְדוֹס הָאט אִיהְם גֶעװָאלְט אַרוֹיסְפִיהְרֶען, אִין יֶענֶער נַאכְט הָאט
פֶּעטְרוֹס גֶעשְׁלָאפֶען צְװִישֶׁען צְװֵייא סָאלְדַאטֶען, גֶעבּוּנְדֶען מִיט צְװֵייא קֶעטֶען,
אוּן דִיא װֶעכְטֶער הָאבֶּען דָאס גֶעפֶענְגְנִיס גֶעהִיט פָאר דֶער טְהִיר. 7 אוּן זֶעה,
אַ מַלְאָךְ פוּן דֶעם הַאר'ן אִיז צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, אוּן אַ לִיכְט הָאט גֶעשֵׁיינְט
אִים צִימֶער; אוּן עֶר הָאט פֶּעטְרוֹס אָן דֶער זֵייט גֶעשְׁלָאגֶען, אוּן הָאט אִיהְם
אוֹיפְגֶעװֶועקְט אוּן גֶעזָאגְט, שְׁטֶעה גֶעשְׁװִינְד אוֹיף. אוּן זֵיינֶע קֶעטֶען זֶענֶען פוּן
זֵיינֶע הֶענְד אַרוּפְגֶעפַאלֶען. 8 אוּן דֶער מַלְאָךְ הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גַארְטֶעל
דִיךְ אַרוּם, אוּן טְהוּא אָן דֵיינֶע שִׁיךְ. אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטְהוּן. אוּן עֶר
הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, טְהוּא אָן דֵיין מַאנְטֶעל, אוּן פָאלְג מִיר נָאךְ. 9 אוּן
עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אִיהְם נָאכְגֶעפָאלְגְט; אוּן עֶר הָאט נִיט
גֶעװָאוּסְט אַז דָאס אִיז װָאהְר װָאס אִיז דוּרְךְ דֶעם מַלְאָךְ גֶעשֶׁעהֶען, גֵייעֶרְט עֶר
הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר הָאט אֵיינֶע עֶרְשֵׁיינוּנְג גֶעזֶעהֶען. 10 אוּן װֶוען זֵייא זֶענֶען
פַארְבֵּייא גֶעגַאנְגֶען דִיא עֶרְשְׁטֶע אוּן דִיא צְװֵייטֶע װַאךְ, זֶענֶען זֵייא גֶעקוּמֶען צוּ
דֶעם אֵייזֶערְנֶען טוֹיעֶר װָאס פִיהְרְט אִין דֶער שְׁטָאדְט אַרֵיין, װָאס הָאט זִיךְ פוּן
זִיךְ זֶעלְבְּסְט צוּ זֵייא אוֹיפְגֶעמַאכְט, אוּן זֵייא זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען דוּרְךְ
אֵיינֶע גַאס פַארְבֵּייא גֶעגַאנְגֶען, אוּן גְלֵייךְ אִיז דֶער מַלְאָךְ פוּן אִיהְם אַװֶעקְגֶעקֶעהְרְט.

11 און װען פֶּעטְרוּס איז צוּ זִיךְ גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט, בֶּאֱמֶת װײס אִיךְ
אַצוּנְד אַז דֶער הַאר הָאט זַיין מַלְאָךְ גֶעשִׁיקְט, און הָאט מִיךְ גֶערֶעטֶעט פוּן
דֶער הַאנְד פוּן הוֹרְדוֹס און פוּן דִיא גַאנְצֶע עֶרְוַוארְטוּנְג פוּן דֶעם יוּדִישֶׁען פָּאלְק.
12 און װען עֶר הָאט זִיךְ בֶּעדַאכְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם הויז פוּן מִרְיָם
דִיא מוּטֶער פוּן יוֹחָנָן, װעלְכֶער אִיז גֶערוּפֶען מַרְקוֹס, וְואוּ פִילֶע זֶענֶען
פֶערְזַאמֶעלְט גֶעוֶוען און הָאבֶּען גֶעבֶּעטֶען. 13 און װען פֶּעטְרוּס הָאט אִין
דֶער טְהִיר פוּן דֶעם טוֹיעֶר אָנְגֶעקְלָאפְּט, אִיז אַ מֶעדֶעל גֶעקוּמֶען צוּ הָארְכֶען,
וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען רוֹדָה; 14 און װען זִיא הָאט דָאס קוֹל פוּן פֶּעטְרוּס דֶערְ־
קַאנְט, הָאט זִיא פַאר פְרֵייד דֶעם טוֹיעֶר נִיט אוֹיפְגֶעמַאכְט, אָבֶּער אִיז אַרֵיינְ־
גֶעלָאפֶען און הָאט דֶערְצֶעהְלְט אַז פֶּעטְרוּס שְׁטֶעהְט פָאר דֶעם טוֹיעֶר. 15 און
זַייא הָאבֶּען צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט, דוּא בִּיסְט מְשׁוּגַע. אָבֶּער זִיא אִיז דְרוֹיף
בֶּעשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז אַזוֹי. און זַייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, עֶס אִיז זַיין מַלְאָךְ.
16 אָבֶּער פֶּעטְרוּס הָאט װײטֶער אָנְגֶעקְלָאפְּט; און װען זַייא הָאבֶּען אוֹיפְגֶעמַאכְט
הָאבֶּען זַייא אִיהְם גֶעזֶעהֶען, און זֶענֶען עֶרְשְׁטוֹינְט גֶעוָוארֶען. 17 אָבֶּער עֶר הָאט
צוּ זַייא מִיט דֶער הַאנְד גֶעוִוינְקְט אַז זַייא זָאלֶען שְׁטִיל שְׁװײגֶען, און הָאט
זַייא דֶערְצֶעהְלְט װיא דֶער הַאר הָאט אִיהְם אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט פוּן דֶעם גֶעפֶענְגְ־
נִיס; און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דֶערְצֶעהְלְט דָאס צוּ יַעֲקֹב און צוּ דִיא בְּרִידֶער.
און עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, און אִיז צוּ אֵיין אַנְדֶערֶען אָרְט אַװעקְגֶע־
גַאנְגֶען.

18 און װען עֶס אִיז טָאג גֶעוָוארֶען, אִיז קֵיין קְלֵיינֶעס שְׁרֶעקֶען גֶעוֶוען צְוִוישֶׁען דִיא
סָאלְדַאטֶען אִיבֶּער וָואס אִיז פוּן פֶּעטְרוּס גֶעשֶׁעהֶען. 19 און װען הוֹרְדוֹס הָאט
אִיהְם גֶעזוּכְט און הָאט אִיהְם נִיט גֶעפִינֶען, הָאט עֶר דִיא װעכְטֶער פֶערְהֶערְט,
און הָאט זַייא גֶעהֵייסֶען הַרְגֶענֶען; און עֶר אִיז אַרוּפְּגֶעגַאנְגֶען פוּן יְהוּדָה
קֵיין קֵיסְרִין און הָאט דָארְט גֶעווֹאוֹינְט.

20 און עֶר אִיז אִין כַּעַס גֶעוֶוען אִיבֶּער דִיא פוּן צֹר און צִידוֹן; און זַייא
זֶענֶען פֶערְאֵיינִיגְט צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, און הָאבֶּען אִיבֶּערְגֶערֶעט בְּלַאסְטוּס דֶעם
קַאמֶערְדִינֶער פוּן דֶעם קֶענִיג, און הָאבֶּען אוּם פְרִידֶען גֶעבֶּעטֶען, וָוארִין זֵייעֶר
לַאנְד הָאט זִיךְ דֶערְנֶעהְרְט פוּן דֶעם קֶענִיגְס לַאנְד. 21 און אוֹיף אַ בֶּעשְׁטִימְטֶען
טָאג אִיז הוֹרְדוֹס גֶעקְלֵייד גֶעוֶוען אִין קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵיידֶער, און אִיז אוֹיף דֶעם
רִיכְטֶערְשְׁטוּהְל גֶעזֶעסֶען, און הָאט צוּ זַייא אַ רֶעדֶע גֶעהַאלְטֶען. 22 און דָאס
פָאלְק הָאט אוֹיסְגֶערוּפֶען, דָאס קוֹל פוּן אַ גָאט און נִיט פוּן אַ מֶענְשֶׁען.
23 און גְלֵייךְ הָאט אִיהְם אַ מַלְאָךְ פוּן דֶעם הַאר'ן גֶעשְׁלָאגֶען, װײל עֶר הָאט
נִיט דֶעם כָּבוֹד צוּ גָאט גֶעגֶעבֶּען, און עֶר אִיז פוּן דִיא װערְם גֶעפְרֶעסֶען
גֶעוָוארֶען און אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען. 24 אָבֶּער דָאס וָוארְט פוּן דֶעם הַאר'ן אִיז
גֶעוַואקְסֶען, און הָאט זִיךְ גֶעמֶעהְרְט.

25 און בַּרְנַבָּא און שָׁאוּל הָאבֶּען זִיךְ פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּמְגֶעקֶעהְרְט װען זַייא
הָאבֶּען זֵייעֶר דִינְסְט דֶערְפִילְט, און הָאבֶּען מִיט זִיךְ גֶענוּמֶען יוֹחָנָן וָואס הֵייסְט
מַרְקוֹס.

יג 1 אוּן אִין דֶער קְהִלָּה פוּן אַנְטִיוֹכְיָא זֶענֶען גֶעוֶוען נְבִיאִים אוּן לֶעהְרֶער,
בַּרְנַבָּא אוּן שִׁמְעוֹן וָואס אִיז גֶערוּפֶען נִיגֶער, אוּן לוּקִיוּס פוּן קוּרִינִי, אוּן מְנַחֵם וָואס
אִיז דֶערְצוֹיגֶען גֶעוֶוען בֵּייא הוֹרְדוֹס דֶעם טֶטְרַארְכִים, אוּן שָׁאוּל. 2 אוּן דֶערְוַוייל
זֵייא הָאבֶּען דֶעם הַאר'ן גֶעדִינְט אוּן גֶעפַאסְט, הָאט דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ גֶעזָאגְט,
זוּנְדֶערְט מִיר אָפּ בַּרְנַבָּא אוּן שָׁאוּל צוּ דֶעם וֶוערְק צוּ וֶועלְכֶעם אִיךְ הָאבּ זֵייא
גֶערוּפֶען. 3 דַאן הָאבֶּען זֵייא גֶעפַאסְט אוּן גֶעבֶּעטֶען, אוּן הָאבֶּען דִיא הֶענְד
אוֹיף זֵייא גֶעלֶעגְט, אוּן הָאבֶּען זֵייא אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט.
4 אַזוֹי זֶענֶען זֵייא אוֹיסְגֶעשִׁיקְט גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּן זֶענֶען
קֵיין סְלוּקִיָא אַרוּפְגֶעגַאנְגֶען, אוּן פוּן דָארְטֶען הָאבֶּען זֵייא זִיךְ גֶעשִׁיפְט קֵיין
קִיפְּרוֹס. 5 אוּן וֶוען זֵייא זֶענֶען אִין סָלָמִיס גֶעוֶוען, הָאבֶּען זֵייא דָאס וָוארְט פוּן
גָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט אִין דִיא שׁוּלֶען פוּן דִיא יוּדֶען; אוּן זֵייא הָאבֶּען אוֹיךְ יוֹחָנָן
גֶעהַאט פַאר זֵייעֶר דִינֶער. 6 אוּן וֶוען זֵייא זֶענֶען דִיא גַאנְצֶע אִינְזֶעל בִּיז פָּפוֹס
דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, הָאבֶּען זֵייא גֶעפִינֶען אַ גֶעוִויסֶען יְהוּדִי, אַ כִּישׁוּף מַאכֶער אוּן
פַאלְשֶׁען נָבִיא, וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען בַּרְיֵשׁוּעַ, 7 וֶועלְכֶער אִיז מִיט סֶרְגִיוֹס
פוֹלוּס גֶעוֶוען דֶעם פִירְשְׁטֶען פוּן דֶעם לַאנְד, וָואס אִיז אַ פֶערְשְׁטֶענְדִיגֶער
מַאן גֶעוֶוען. דִיזֶער הָאט בַּרְנַבָּא אוּן שָׁאוּל גֶערוּפֶען, אוּן הָאט בֶּעגֶעהְרְט
צוּ הֶערֶען דָאס וָוארְט פוּן גָאט. 8 אָבֶּער אֶלִימָא דֶער כִּישׁוּף מַאכֶער, וָוארִין
אַזוֹי אִיז זֵיין נָאמֶען פֶערְטֵייטְשְׁט, הָאט זֵייא ווִידֶערְשְׁטַאנֶען, אוּן הָאט גֶעזוּכְט
דֶעם פִירְשְׁטֶען פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען אָפְּצוּוֶוענְדֶען. 9 אָבֶּער שָׁאוּל, וָואס אִיז אוֹיךְ
פּוֹלוּס גֶערוּפֶען אִיז פוּל גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּן הָאט אִיהְם שַׁארְף
אָנְגֶעזֶעהֶען 10 אוּן גֶעזָאגְט, אָ דוּא, וָואס בִּיסְט פוּל פוּן אַלֶע לִיסְט אוּן אַלֶע
שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט, דוּא זוּהְן פוּן דֶעם שָׂטָן, דוּא פֵיינְד פוּן אַלֶע גֶערֶעכְטִיגְקֵייט,
ווִילְסְט דוּא נִיט אוֹיפְהֶערֶען צוּ פֶערְקֶעהְרֶען דִיא רֶעכְטֶע וֶועגֶען פוּן דֶעם
הַאר'ן? 11 אוּן נוּן זֶעה, דִיא הַאנְד פוּן דֶעם הַאר'ן אִיז אִיבֶּער דִיר, אוּן דוּא וֶועסְט
בְּלִינְד זַיין, אוּן וֶועסְט נִיט זֶעהֶען דִיא זוּן בִּיז אַ צֵייט. אוּן גְלֵייךְ אִיז אוֹיף
אִיהְם גֶעפַאלֶען אַ נֶעבֶּעל אוּן אַ פִינְסְטֶערְנִיס, אוּן עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אוּן
הָאט גֶעזוּכְט דִיא וָואס זָאלֶען אִיהְם בֵּייא דֶער הַאנְד פִיהְרֶען. 12 דַאן וֶוען דֶער
פִירְשְׁט הָאט גֶעזֶעהֶען דָאס וָואס אִיז גֶעשֶׁעהֶען, הָאט עֶר גֶעגְלוֹיבְּט, אוּן אִיז
עֶרְשְׁטוֹינְט גֶעוֶוען אִיבֶּער דֶער לֶעהְרֶע פוּן דֶעם הַאר'ן.
13 אוּן וֶוען פּוֹלוּס אוּן דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם גֶעוֶוען הָאבֶּען זִיךְ פוּן
פָּפוֹס אַוֶועקְגֶעשִׁיפְט, זֶענֶען זֵייא גֶעקוּמֶען קֵיין פֶּרְגִי אִין פַּמְפִילְיָא; אוּן יוֹחָנָן
הָאט זִיךְ פוּן זֵייא אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט, אוּן אִיז קֵיין יְרוּשָׁלַיִם צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען. 14 אָבֶּער
זֵייא זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן פֶּרְגִי אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קֵיין אַנְטִיוֹכְיָא אִין
פִּיסִדְיָא, אוּן אַם שַׁבָּת זֶענֶען זֵייא אִין שׁוּל אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאבֶּען זִיךְ
אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט. 15 אוּן נָאךְ דֶעם לֵיינֶען פוּן דֶער תּוֹרָה אוּן דִיא נְבִיאִים,
הָאבֶּען דִיא עֶלְצְטֶע פוּן דֶער שׁוּל צוּ זֵייא גֶעשִׁיקְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיהְר מֶענֶער
אוּן בְּרִידֶער, וֶוען אִיהְר הָאט אַ וָוארְט פוּן טְרֵייסְט צוּם פָאלְק, אַזוֹי זָאגְט.
16 אוּן פּוֹלוּס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט גֶעווִינְקְט מִיט דֶער הַאנְד אוּן גֶעזָאגְט,

אִיהְר מֶענֶער פוּן יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיהְר וָואס פָארְכְט אֵייךְ פַאר גָאט, הֶערְט צוּ.
17 דֶער גָאט פוּן דִיזֶעם פָאלְק יִשְׂרָאֵל הָאט אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט,
אוּן הָאט דָאס פָאלְק דֶערְהוֹיבֶּען וֶוען זֵייא זֶענֶען פְרֶעמְדֶע גֶעוֶוען אִים לַאנְד
מִצְרַיִם, אוּן הָאט זֵייא פוּן דָארְטֶען אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט מִיט אַ הוֹיכֶען אָרֶם.
18 אוּן קֶעגֶען פִיעֶרְצִיג יָאהְר הָאט עֶר זֵייעֶרֶע אוֹיפִיהְרוּנְג גֶעלִיטֶען אִין דֶער מִדְבָּר;
19 אוּן הָאט זִיבֶּען פֶעלְקֶער פֶערְטִילְגְט אִים לַאנְד כְּנַעַן, אוּן הָאט צְוִוישֶׁען זֵייא
זֵייעֶר לַאנְד צוּטְהֵיילְט. 20 אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵייא רִיכְטֶער גֶעגֶעבֶּען, קֶעגֶען
פִיעֶר הוּנְדֶערְט אוּן פִינְפְצִיג יָאהְר, בִּיז שְׁמוּאֵל הַנָבִיא. 21 אוּן דֶערְנָאךְ הָאבֶּען
זֵייא אוּם אַ קֶענִיג גֶעבֶּעטֶען, אוּן גָאט הָאט זֵייא גֶעגֶעבֶּען פַאר פִיעֶרְצִיג יָאהְר
שָׁאוּל, דֶעם זוּהְן פוּן קִישׁ, אַ מַאן פוּן דֶעם שֵׁבֶט בִּנְיָמִין; 22 אוּן וֶוען עֶר
הָאט אִיהְם אָפְּגֶעזֶעצְט, הָאט עֶר צוּ זֵייא אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דָוִד צוּם קֶענִיג, פוּן
דֶעם עֶר הָאט אוֹיךְ בֶּעצֵייגְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ דָוִד דֶעם זוּהְן פוּן יִשַׁי
גֶעפִינֶען אַ מַאן נָאךְ מֵיין הַארְצֶען, וָואס וֶועט טְהוּן מֵיין גַאנְצֶען ווִילֶען. 23 פוּן
דֶעם זָאמֶען פוּן דִיזֶעם הָאט גָאט יֵשׁוּעַ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, אַ רֶעטֶער צוּ יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי
ווִיא עֶר הָאט פֶערְשְׁפְּרָאכֶען, 24 נָאכְדֶעם יוֹחָנָן הָאט פְרִיהֶער גֶעפְּרֶעדִיגְט פָאר
זֵיין קוּמֶען דִיא טְבִילָה פוּן תְּשׁוּבָה צוּם גַאנְצֶען פָאלְק יִשְׂרָאֵל.

25 אוּן ווִיא יוֹחָנָן הָאט זֵיין לוֹיף דֶערְפִילְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, דָאס וָואס אִיהְר
דֶענְקְט אַז אִיךְ בִּין, בִּין אִיךְ נִיט; נֵייעֶרְט זֶעה, עֶס קוּמְט אֵיינֶער נָאךְ מִיר,
וָואס אִיךְ בִּין נִיט וֶוערְט דִיא שִׁיךְ פוּן זֵיינֶע פִּיס אוֹיפְצוּבִּינְדֶען. 26 אִיהְר
מֶענֶער אוּן בְּרִידֶער, קִינְדֶער פוּן דֶער מִשְׁפָּחָה פוּן אַבְרָהָם, אוּן דִיא וָואס
צְווִישֶׁען אֵייךְ פָארְכְטֶען זִיךְ פַאר גָאט, צוּ אֵייךְ אִיז דָאס וָוארְט פוּן דִיזֶער
יְשׁוּעָה גֶעשִׁיקְט. 27 וָוארִין דִיא וָואס ווָאוֹינֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן זֵייעֶרֶע עֶלְצְטֶע
הָאבֶּען אִיהְם נִיט גֶעקֶענְט אוּן אוֹיךְ נִיט דִיא קוֹלוֹת פוּן דִיא נְבִיאִים וָואס
זֶענֶען אַלֶע שַׁבָּת גֶעלֵיינְט, אוּן הָאבֶּען דָאס זֶעלְבִּיגֶע דֶערְפִילְט וֶוען זֵייא הָאבֶּען
אִיהְם פֶערְשׁוּלְדִיגְט; 28 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען אוֹיךְ אִין אִיהְם קֵיינֶע שׁוּלְד פוּן
טוֹיט גֶעפִינֶען, הָאבֶּען זֵייא דָאךְ פִּילָטוֹס גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל אִיהְם הַרְגֶענֶען.
29 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען אַלֶעס דֶערְפִילְט וָואס אִיז אוֹיף אִיהְם גֶעשְׁרִיבֶּען, הָאבֶּען
זֵייא אִיהְם אַרוּפְּגֶענוּמֶען פוּן דֶעם קְרֵייץ אוּן הָאבֶּען אִין אַ קֶבֶר גֶעלֶעגְט.
30 אָבֶּער גָאט הָאט אִיהְם אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דִיא טוֹיטֶע. 31 אוּן עֶר הָאט זִיךְ
בֶּעווִיזֶען דוּרְךְ פִילֶע טֶעג צוּ דִיא וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען פוּן
גָלִיל קַיין יְרוּשָׁלַיִם, ווֶעלְכֶע זֶענֶען אִיצְט זֵיינֶע עֵדוּת צוּם פָאלְק. 32 אוּן מִיר
זֶענֶען אֵייךְ מְבַשֵּׂר דִיא הַבְטָחָה וָואס אִיז צוּ אוּנְזֶערֶע אָבוֹת גֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען,
33 אַז גָאט הָאט דָאס צוּ אוּנְז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דֶערְפִילְט, וֶוען עֶר הָאט יֵשׁוּעַ
אוֹיפְגֶעוֶועקְט, אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֶעהְט אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבֶּען אִים צְווֵייטֶען מִזְמוֹר פוּן
תְּהִלִים, דוּא בִּיסְט מֵיין זוּהְן, הֵיינְט הָאבּ אִיךְ דִיךְ גֶעבּוֹירֶען. 34 אוּן אַז עֶר
הָאט אִיהְם אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דִיא טוֹיטֶע, אַז עֶר זָאל נִיט ווִידֶער צוּם

22 שמואל א׳ יג׳ יד׳: תהלים פט׳ כא׳.

33 תהלים ב׳ ז׳.

פֶערְדַארְבְּנִים צוּריקְקֶעהְרֶען הָאט עֶר אַזוי גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל אֵייךְ גֶעבֶּען דִיא
הֵיילִיגֶע גֶעטְרֵייעֶ חֲסָדִים פוּן דָוִד. 35 דְרוּם הָאט עֶר אוֹיךְ אִין אֵיין אַנְדֶערֶען
מִזְמוֹר גֶעזָאגְט, דוּא וֶועסְט נִיט צוּלָאזֶען דֵיין הֵיילִיגֶען אַז עֶר זָאל פֶערְדַארְבְּנִים
זֶעהֶען. 36 וָוארִין דָוִד, וֶוען עֶר הָאט וֶועגֶען זֵיין דוֹר דֶעם ווִילֶען פוּן גָאט
גֶעדִינְט, אִיז אַנְטְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען אוּן אִיז צוּ זֵיינֶע אָבוֹת גֶעלֶעגְט גֶעוָוארֶען,
אוּן הָאט פֶערְדַארְבְּנִים גֶעזֶעהֶען; 37 אָבֶּער דֶער וֶועלְכֶען גָאט הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט
הָאט קֵיין פֶערְדַארְבְּנִים נִיט גֶעזֶעהֶען. 38 דְרוּם זָאלְט אִיהְר ווִיסֶען, מֶענֶער אוּן
בְּרִידֶער, אַז דוּרְךְ דִיזֶען אִיז צוּ אֵייךְ גֶעפְּרֶעדִיגְט דִיא פֶערְגֶעבּוּנְג פוּן זִינְד,
39 אוּן אִיטְלִיכֶער וָואס גְלוֹיבְּט אָן אִיהְם אִיז פוּן אַלֶע זַאכֶען גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט
פוּן דִיא אִיהְר הָאט נִיט גֶעקֶענְט גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט וֶוערֶען דוּרְךְ תּוֹרַת מֹשֶׁה.
40 דְרוּם הִיט אֵייךְ אַז עֶס זָאל נִיט אוֹיף אֵייךְ קוּמֶען וָואס אִיז אִין דִיא נְבִיאִים
גֶעזָאגְט;

41 זֶעהְט, אִיהְר פֶערַאכְטֶער, אוּן וְואוּנְדֶערְט אֵייךְ, אוּן וֶוערְט פֶערְשְׁווִינְדֶען,
וָוארִין אִיךְ טְהוּא וֶוערְקֶען אַ וֶוערְק אִין אֵייעֶרֶע טֶעג,
אַ וֶוערְק וָואס אִיהְר וָואלְט נִיט גְלוֹיבֶּען וֶוען אַ מַאן וֶועט עֶס אֵייךְ
דֶערְצֶעהְלֶען.

42 אוּן ווִיא זֵייא זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאבֶּען זֵייא גֶעבֶּעטֶען אַז דִיזֶע וֶוערְ־
טֶער זָאלֶען צוּ זֵייא נָאךְ אַמָאל גֶערֶעט וֶוערֶען אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען שַׁבָּת.
43 אוּן וֶוען עֶס אִיז נָאךְ שׁוּלְצֵייט גֶעוֶועֶן, הָאבֶּען פִילֶע פוּן דִיא יוּדֶען אוּן פוּן
דִיא פְרוּמֶע גֵרִים נָאכְגֶעפָאלְגְט פּוֹלוֹס אוּן בַּרְנַבָּא, וֶועלְכֶע הָאבֶּען צוּ זֵייא גֶערֶעט,
אוּן הָאבֶּען זֵייא אָנְגֶעזָאגְט אַז זֵייא זָאלֶען אִין דֶער גְנָאד פוּן גָאט בְּלֵייבֶּען.
44 אוּן אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען שַׁבָּת אִיז כִּמְעַט דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאדְט צוּזַאמֶענְגֶע־
קוּמֶען, אַז זֵייא זָאלֶען דָאס וָוארְט פוּן גָאט הֶערֶען. 45 אָבֶּער וֶוען דִיא יוּדֶען
הָאבֶּען דָאס פָאלְק גֶעזֶעהֶען, זֶענֶען זֵייא מִיט קִנְאָה דֶערְפִילְט גֶעוָוארֶען, אוּן
הָאבֶּען ווִידֶערְגֶעשְׁפְּרָאכֶען דִיא זַאכֶען וָואס זֶענֶען פוּן פּוֹלוֹס גֶערֶעט, אוּן הָאבֶּען
גֶעלֶעסְטֶערְט. 46 אוּן פּוֹלוֹס אוּן בַּרְנַבָּא זֶענֶען מוּטִיג גֶעוֶועֶן אוּן הָאבֶּען
גֶעזָאגְט, עֶס אִיז נֶעטִיג גֶעוֶועֶן אַז דָאס וָוארְט פוּן גָאט זָאל צוּעֶרְשְׁט צוּ אֵייךְ
גֶערֶעט וֶוערֶען; וֶוען אִיהְר פֶערְוַוארְפְט עֶס אוּן הַאלְט אֵייךְ נִיט וֶוערְט פוּן
דֶעם עֶבִּיגֶען לֶעבֶּען, זֶעה, מִיר קֶעהְרֶען זִיךְ צוּ דִיא גוֹיִם. 47 וָוארִין אַזוֹי הָאט
דֶער הַאר אוּנְז בֶּעפוֹילֶען,

אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעזֶעצְט פַאר אַ לִיכְט צוּ דִיא גוֹיִם,
אַז דוּא זָאלְסְט זֵיין פַאר אַ יְשׁוּעָה בִּיז צוּ דֶעם עֶק פוּן דֶער וֶועלְט.

48 אוּן וֶוען דִיא גוֹיִם הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט, הָאבֶּען זֵייא זִיךְ גֶעפְרֵייעֶט, אוּן
הָאבֶּען פֶערְהֶערְלִיכְט דָאס וָוארְט פוּן דֶעם הַאר'ן, אוּן דִיא וָואס זֶענֶען בֶּע־
שְׁטִימְט גֶעוֶועֶן צוּם עֶבִּיגֶען לֶעבֶּען הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט; 49 אוּן דָאס וָוארְט פוּן
דֶעם הַאר'ן אִיז פֶארְבְּרֵייטֶעט גֶעוָוארֶען אִים גַאנְצֶען לַאנְד. 50 אָבֶּער דִיא
יוּדֶען הָאבֶּען אוֹיפְגֶעהֶעצְט דִיא פְרוּמֶע אוּן אַנְשְׁטֶענְדִיגֶע פְרוֹיעֶן אוּן דִיא

34 ישעיה נה׳ ג׳, 35 תהלים יו׳ י׳, 41 חבקוק א׳ ה׳, 47 ישעיה מט׳ ו׳.

עֶלְצְטֶע פוּן דֶער שְׁטָאדְט, אוּן הָאבֶּען אַ פֶערְפָאלְגוּנְג אוֹיפְגֶערֶעגְט קֶעגֶען פּוֹלוֹס
אוּן בַּרְנַבָּא, אוּן הָאבֶּען זַייא פוּן זַייעֶרֶע גֶעגֶענְד אַרוֹיסְגֶעטְרִיבֶּען. 51 אָבֶּער זַייא
הָאבֶּען קֶעגֶען זַייא דֶעם שְׁטוֹיבּ פוּן זַייעֶרֶע פִיס אָפְּגֶעשָׁאקֶעלְט, אוּן זֶענֶען
גֶעגַאנְגֶען קַיין אִיקָנִיוֹן; 52 אוּן דִיא תַּלְמִידִים זֶענֶען דֶערְפִילְט גֶעוָוארֶען מִיט
פְרֵייד אוּן מִיט דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

יד 1 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אִין אִיקָנִיוֹן זֶענֶען זַייא צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען אִין
דִיא יוּדִישֶׁע שׁוּל, אוּן הָאבֶּען אַזוֹי גֶערֶעט אַז פִיל לֵייט פוּן דִיא יוּדֶען אוּן
גְרֶעקֶען הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט. 2 אָבֶּער דִיא יוּדֶען וָואס הָאבֶּען נִיט צוּגֶעהָארְכְט
הָאבֶּען דָאס גֶעמִיט פוּן דִיא גוֹיִם אוֹיפְגֶעהֶעצְט אוּן הָאבֶּען זַייא אִיבֶּעל גֶעמַאכְט
קֶעגֶען דִיא בְּרִידֶער. 3 דְרוּם זֶענֶען זַייא אַ לַאנְגֶע צֵייט דָארְט גֶעבְּלִיבֶּען, אוּן
הָאבֶּען עֶפֶענְטְלִיךְ גֶערֶעט אִין בִּטָחוֹן אוֹיף דֶעם הַאר'ן, דֶער הָאט בֶּעצֵייגְט
צוּם וָוארְט פוּן זַיינֶע גְנָאד, אוּן הָאט צֵייכֶען אוּן וְואוּנְדֶער גֶעלָאזְט גֶעשֶׁעהֶען
דוּרְךְ זַייעֶרֶע הֶענְד. 4 אָבֶּער דָאס פָאלְק פוּן דֶער שְׁטָאדְט אִיז צוּטְהֵיילְט גֶע-
וֶוען, אוּן אַ טְהֵייל אִיז גֶעוֶוען מִיט דִיא יוּדֶען אוּן אַ טְהֵייל מִיט דִיא אַפָּאסְטֶעל.
5 אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אַ גֶעטוּמֶעל פוּן דִיא גוֹיִם אוּן דִיא יוּדֶען מִיט
זַייעֶרֶע עֶלְצְטֶע אַז זַייא זָאלֶען זַייא שְׁלֶעכְט בֶּעהַאנְדֶעלְן אוּן שְׁטֵיינִיגֶען,
6 זֶענֶען זַייא דֶערְפוּן גֶעוָואר גֶעוָוארֶען, אוּן זֶענֶען אַנְטְלָאפֶען קַיין לוּסְטְרָא אוּן
דֶערְבִּי, דִיא שְׁטֶעדְט פוּן לוּקוֹנְיָא, אוּן צוּ דֶער גֶעגֶענְד אַרוּם; 7 אוּן דָארְט
הָאבֶּען זַייא דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה גֶעפְּרֶעדִיגְט.

8 אוּן אִין לוּסְטְרָא אִיז אַ מַאן גֶעזֶעסֶען וָואס אִיז שְׁוַאךְ גֶעוֶוען אִין
דִיא פִיס, אוּן לָאם פוּן זַיין מוּטֶערְס לֵייבּ, דֶער אִיז קֵיינְמָאל נִיט אַרוּמְגֶע-
גַאנְגֶען. 9 דִיזֶער הָאט פּוֹלוֹס גֶעהֶערְט רֶעדֶען; וֶועלְכֶער הָאט אִיהְם שַׁארְף
אָנְגֶעקוּקְט, אוּן הָאט גֶעזֶעהֶען אַז עֶר הָאט גְלוֹיבֶּען גֶערֶעטֶעט צוּ וֶוערֶען,
10 אוּן הָאט מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל גֶעזָאגְט, שְׁטֶעה גְלֵייךְ אוֹיף דֵיינֶע פִיס. אוּן עֶר
אִיז אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אוּן אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען. 11 אוּן וֶוען דִיא לֵייט הָאבֶּען
גֶעזֶעהֶען וָואס פּוֹלוֹס הָאט גֶעטְהוּן, הָאבֶּען זַייא זַייעֶר קוֹל אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען
אוֹיף לוּקוֹנִישׁ אוּן גֶעזָאגְט, דִיא גֶעטֶער זֶענֶען צוּ אוּנְז אַרוּפְגֶעקוּמֶען אִין דֶער
גֶעשְׁטַאלְט פוּן מֶענְשֶׁען. 12 אוּן זַייא הָאבֶּען בַּרְנַבָּא גֶערוּפֶען יוּפִּיטֶער, אוּן
פּוֹלוֹס הָאבֶּען זַייא גֶערוּפֶען הֶערְמִיס וַוייל עֶר אִיז דֶער הוֹיפְּטְרֶעדְנֶער גֶעוֶוען.
13 אוּן דֶער כֹּהֵן פוּן יוּפִּיטֶער, וָואס אִיז פָאר דֶער שְׁטָאדְט גֶעוֶוען, הָאט אָקְסֶען
אוּן קְרַאנְצֶען צוּ דִיא טוֹיעֶרֶען גֶעבְּרַאכְט, אוּן הָאט גֶעוָואלְט מִיט דִיא לֵייט
אָפְּפֶער בְּרֶענְגֶען. 14 אָבֶּער וֶוען דִיא אַפָּאסְטֶעל בַּרְנַבָּא אוּן פּוֹלוֹס הָאבֶּען דָאס
גֶעהֶערְט, הָאבֶּען זַייא זַייעֶרֶע קְלֵיידֶער צוּרִיסֶען, אוּן זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעלָאפֶען צוּם
פָאלְק, אוּן הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען 15 אוּן גֶעזָאגְט, אִיהְר מֶענֶער, וָוארוּם טְהוּט אִיהְר
דִיזֶע זַאכֶען? אוֹיךְ מִיר זֶענֶען מֶענְשֶׁען פוּן גְלֵייכֶע לֵיידֶענְשַׁאפְטֶען וִויא אִיהְר,
אוּן מִיר פְּרֶעדִיגֶען צוּ אֵייךְ אַז אִיהְר זָאלְט אֵייךְ אַוֶועקְקֶעהְרֶען פוּן דִיזֶע נַארִישְׁ-
קַייטֶען צוּם לֶעבֶּענְדִיגֶען גָאט, דֶער הָאט הִימֶעל אוּן עֶרְד גֶעמַאכְט אוּן דֶעם
יַם אוּן אַלֶעם וָואס אִיז דְרִינֶען; 16 וֶועלְכֶער אִין דִיא פְרִיהֶערֶע דוֹרוֹת הָאט

אַלֶע גוֹיִם גֶעלָאזְט וַואנְדְלֶען אִין זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע וֶועגֶען. [17] דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ
נִיט אָהְן אַ צֵייגְנִים גֶעלָאזְט, אִינְדֶעם עֶר הָאט אוּנְז גוּטֶעס גֶעטְהוּן, אוּן הָאט
אוּנְז רֶעגֶען פוּן דֶעם הִימֶעל גֶעגֶעבֶּען, אוּן פְרוּכְטְבַּארֶע צֵייטֶען, אוּן הָאט
אֵייעֶרֶע הֶערְצֶער מִיט שְׁפֵּייז אוּן פְרֵייד דֶערְפִילְט. [18] אוּן וִויא זֵייא הָאבֶּען דָאס
גֶעזָאגְט, אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא קוּים צוּרִיקְגֶעהַאלְטֶען דִיא לֵייט אַז זֵייא זָאלֶען צוּ
זֵייא נִיט אָפְּפֶערְן.

[19] אוּן עֶס זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען יוּדֶען פוּן אַנְטִיוֹכְיָא אוּן אִיקָנְיוֹן, וָואס הָאבֶּען
דִיא לֵייט אִיבֶּערְגֶערֶעט, אוּן הָאבֶּען פּוֹלוֹס גֶעשְׁטֵיינִיגְט אוּן הָאבֶּען אִיהְם אוֹיס
דֶער שְׁטָאדְט אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט, וָוארִין זֵייא הָאבֶּען גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז טוֹיט.
[20] אָבֶּער וִויא דִיא תַּלְמִידִים הָאבֶּען אִיהְם אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט, אִיז עֶר אוֹיפְגֶע־
שְׁטַאנֶען אוּן אִיז אִין דֶער שְׁטָאדְט אַרֵיינְגֶעקוּמֶען. אוּן אוֹיף מָארְגֶען אִיז עֶר
אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען מִיט בַּרְנַבָּא קֵיין דֶערְבִּי. [21] אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען דִיא בְּשׂוֹרָה
טוֹבָה אִין יֶענֶער שְׁטָאדְט גֶעפְּרֶעדִיגְט אוּן הָאבֶּען פִילֶע תַּלְמִידִים גֶעמַאכְט,
הָאבֶּען זֵייא זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט קֵיין לוּסְטְרָא אוּן אִיקָנְיוֹן אוּן אַנְטִיוֹכְיָא, [22] אוּן
הָאבֶּען גֶעשְׁטַארְקְט דִיא הֶערְצֶער פוּן דִיא תַּלְמִידִים, אִינְדֶעם זֵייא הָאבֶּען
גֶעוָוארְנְט אַז זֵייא זָאלֶען בְּלֵייבֶּען אִים גְלוֹיבֶּען, אוּן אַז דוּרְךְ פִילֶע לֵיידֶען
מוּזֶען מִיר אִים קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט אַרֵיינְקוּמֶען. [23] אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען
אִיבֶּער זֵייא עֶלְצְטֶע בֶּעשְׁטֶעלְט אִין אִיטְלִיכֶער קְהִלָּה, אוּן הָאבֶּען גֶעבֶּעטֶען מִיט
פַאסְטֶען, הָאבֶּען זֵייא זֵייא עֶמְפְּפוֹילֶען צוּם הַאר'ן אָן וֶועלְכֶעם זֵייא הָאבֶּען
גֶעגְלוֹיבְּט.

[24] אוּן זֵייא זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פִּסִידְיָא אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קֵיין פַּמְפִילְיָא.
[25] אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען גֶעפְּרֶעדִיגְט דָאס וָוארְט אִין פֶּערְגִי, זֶענֶען זֵייא קֵיין
אַטַלְיָא אַרוּפְגֶעגַאנְגֶען. [26] אוּן פוּן דָארְטֶען הָאבֶּען זֵייא זִיךְ קֵיין אַנְטִיוֹכְיָא
אַרוֹיסְגֶעשִׁיפְט, פוּן וַואנֶען זֵייא זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען צוּ דֶער גְנָאד
פוּן גָאט צוּם וֶוערְק וָואס זֵייא הָאבֶּען דֶערְפִילְט. [27] אוּן וֶוען זֵייא זֶענֶען גֶעקוּ־
מֶען אוּן הָאבֶּען דִיא קְהִלָּה פֶערְזַאמֶעלְט, הָאבֶּען זֵייא דֶערְצֶעהְלְט וָואס גָאט
הָאט מִיט זֵייא גֶעטְהוּן, אוּן וִויא עֶר הָאט דִיא טְהִיר פוּן גְלוֹיבֶּען צוּ דִיא גוֹיִם
אוֹיפְגֶעמַאכְט. [28] אוּן זֵייא זֶענֶען דָארְט נִיט וֶוענִיג צֵייט מִיט דִיא תַּלְמִידִים
גֶעבְּלִיבֶּען.

טו [1] אוּן עֶטְלִיכֶע זֶענֶען אַרוּפְגֶעקוּמֶען פוּן יְהוּדָה אוּן הָאבֶּען דִיא בְּרִידֶער
גֶעלֶעהְרְט, וֶוען אִיהְר וֶועט נִיט בֶּעשְׁנִיטֶען וֶוערֶען נָאךְ תּוֹרַת מֹשֶׁה, קֶענְט
אִיהְר נִיט גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען. [2] אוּן וֶוען פּוֹלוֹס אוּן בַּרְנַבָּא הָאבֶּען מִיט זֵייא
קֵיין קְלֵיינֶעם קְרִיג אוּן וִכּוּחַ גֶעהַאט, הָאבֶּען זֵייא בֶּעשְׁלָאסֶען אַז פּוֹלוֹס
אוּן בַּרְנַבָּא אוּן עֶטְלִיכֶע אַנְדֶערֶע פוּן זֵייא זָאלֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אַרוֹיפְגֶעהֶען
צוּ דִיא אַפָּאסְטֶעל אוּן עֶלְצְטֶע וֶועגֶען דִיזֶער שְׁאֵלָה. [3] דְרוּם וֶוען זֵייא זֶענֶען
פוּן דֶער קְהִלָּה אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט, זֶענֶען זֵייא גֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ פִינִיקְיָא אוּן שׁוֹמְרוֹן,
אוּן הָאבֶּען דֶערְצֶעהְלְט דִיא בֶּעקֶעהְרוּנְג פוּן דִיא גוֹיִם, אוּן הָאבֶּען גֶעמַאכְט
גְרוֹיסֶע פְרֵייד צוּ אַלֶע בְּרִידֶער. [4] אוּן וֶוען זֵייא זֶענֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם גֶעקוּמֶען

זֶענֶען זֵייא אוּיפְגֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען בֵּייא דֶער קְהִלָּה אוּן דִיא אַפָּאסְטֶעל אוּן דִיא
עֶלְצְטֶע, אוּן זֵייא הָאבֶּען דֶערְצֶעהְלְט וִויא פִילֶע זַאכֶען גָאט הָאט מִיט זֵייא
גֶעטְהוּן. 5 אוּן עֶס זֶענֶען אוּיפְגֶעשְׁטַאנֶען עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא כִּתָּה פוּן דִיא
פְּרוּשִׁים וָואס הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט, אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, אַז מֶען מוּז זֵייא בֶּעשְׁנֵיי־
דֶען אוּן בֶּעפֶעהְלֶען תּוֹרַת מֹשֶׁה צוּ הַאלְטֶען.
6 אוּן דִיא אַפָּאסְטֶעל אוּן עֶלְצְטֶע זֶענֶען צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען אַז זֵייא זָאלֶען זִיךְ
וֶועגֶען דִיזֶער זַאךְ בֶּערָאטְהֶען. 7 אוּן וֶוען אַ גְרוֹיס וִכּוּחַ אִיז גֶעשֶׁעהֶען, אַזוֹי
אִיז פֶּעטְרוּס אוּיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, מֶענֶער אוּן בְּרִידֶער,
אִיהְר וַוייסְט אַז גָאט הָאט פוּן אַלְטֶע צֵייטֶען צְוִוישֶׁען אוּנְז מִיךְ אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט,
אַז דִיא גוֹיִם זָאלֶען פוּן מֵיין מוֹיל הֶערֶען דָאס וָוארְט פוּן דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה,
אוּן זָאלֶען גְלוֹיבֶּען. 8 אוּן גָאט, דֶער וַוייסְט דָאס הַארְץ, הָאט אוֹיף זֵייא
בֶּעצֵייגְט, אִינְדֶעם עֶר הָאט צוּ זֵייא דֶעם רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ גֶעגֶעבֶּען, אַזוֹי וִויא אוֹיךְ
צוּ אוּנְז; 9 אוּן עֶר הָאט קֵיין צְוִוישֶׁענְשֵׁייד גֶעמַאכְט צְוִוישֶׁען אוּנְז אוּן זֵייא,
וָוארִין עֶר הָאט זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען גֶערֵיינִיגְט. 10 דְרוּם אַצוּנְד
וָוארוּם פְּרִיפְט אִיהְר גָאט, אַז עֶר זָאל אַ יָאךְ לֶעגֶען אוֹיף דֶעם הַאלְז פוּן
דִיא תַּלְמִידִים, וָואס נִיט אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אוּן נִיט מִיר זֶעלְבְּסְט הָאבֶּען
גֶעקֶענְט דֶערְטְרָאגֶען? 11 אָבֶּער מִיר גְלוֹיבֶּען אַז דוּרְךְ דֶער גְנָאד פוּן דֶעם
הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ וֶועלֶען מִיר גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען, אַזוֹי וִויא אוֹיךְ זֵייא. 12 אוּן
דָאס גַאנְצֶע פָאלְק הָאט שְׁטִיל גֶעשְׁווִיגֶען, אוּן הָאט בַּרְנַבָּא אוּן פּוֹלוֹס גֶעהֶערְט
דֶערְצֶעהְלֶען וָואסְפַאר גְרוֹיסֶע וְואוּנְדֶער אוּן צֵייכֶען גָאט הָאט דוּרְךְ זֵייא צְוִוי־
שֶׁען דִיא גוֹיִם גֶעטְהוּן.
13 אוּן נָאכְדֶעם זֵייא הָאבֶּען שְׁטִיל גֶעשְׁוִויגֶען הָאט יַעֲקֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶע־
זָאגְט, מֶענֶער אוּן בְּרִידֶער, הֶערְט מִיר צוּ. 14 שִׁמְעוֹן הָאט דֶערְצֶעהְלְט וִויא גָאט הָאט
צוּעֶרְשְׁט בֶּעזוּכְט פוּן דִיא גוֹיִם אַ פָאלְק צוּ נֶעמֶען צוּ זֵיין נָאמֶען. 15 אוּן דָאס
שְׁטִימְט אֵיין מִיט דִיא וֶוערְטֶער פוּן דִיא נְבִיאִים, אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען,

16 נָאךְ דִיזֶע זַאכֶען וֶועל אִיךְ אוּמְקֶעהְרֶען,
אוּן וֶועל אוּיפְבּוֹיעֶן דָאס גֶעצֶעלְט פוּן דָוִד וָואס אִיז אֵיינְגֶעפַאלֶען,
אוּן דִיא חָרְבוֹת דֶערְפוּן וֶועל אִיךְ אוּיפְבּוֹיעֶן,
אוּן וֶועל עֶס אוּיפְשְׁטֶעלֶען,
17 אַז דָאס אִיבֶּערְגֶעבְלִיבֶּענֶע פוּן דִיא מֶענְשֶׁען זָאלֶען פָארְשֶׁען נָאךְ
דֶעם הַאר'ן,
אוּן אַלֶע פֶעלְקֶער אוֹיף וֶועלְכֶע מֵיין נָאמֶען אִיז גֶערוּפֶען,
זָאגְט דֶער הַאר דֶער טְהוּט דִיזֶע זַאכֶען 18 וָואס אִיז בֶּעקַאנְט
גֶעוָוארֶען פוּן עֶבִּיג אָן.

19 דְרוּם אִיז עֶס מֵיינֶע מֵיינוּנְג, אַז מִיר זָאלֶען נִיט אוּנְרוּהִיג מַאכֶען דִיא וֶועלְכֶע
פוּן צְוִוישֶׁען דִיא גוֹיִם בֶּעקֶעהְרֶען זִיךְ צוּ גָאט, 20 נֵייעֶרְט מִיר זָאלֶען צוּ זֵייא
בֶּעפֶעהְלֶען אַז זֵייא זָאלֶען זִיךְ עֶנְטְהַאלְטֶען פוּן דֶער בֶּעפְלֶעקוּנְג פוּן דִיא

[16,17] עמוס ט׳ יא׳, יב׳.

אָפְּגֶעטֶער, און פון זְנוּת, און פון דֶערְוָוארְגֶענֶע זַאכֶען, און פון בְּלוּט. 21 וָוארִין
משֶׁה הָאט פון אַלְטֶע דורות אִין אִיטְלִיכֶער שְׁטָאדְט דִיא וָואס פְּרֶעדִיגֶען
אִיהְם, ווָארִין עֶר אִיז אַלֶע שַׁבָּת אִין דִיא שׁוּלֶען גֶעלֵיינְט.
22 דַאן אִיז עֶס גֶעפֶעלֶען דִיא אַפָּאסְטֶעל און דִיא עֶלְצְטֶע מִיט דִיא גַאנְצֶע
קְהִלָּה אַז זֵייא זָאלֶען אויסְדֶערְוֶועהְלְטֶע מֶענֶער שִׁיקֶען קֵיין אַנְטִיוֹכְיָא מִיט
פּוֹלוֹס און בַּרְנַבָּא, יְהוּדָה וָואס אִיז גֶערוּפֶען גֶעוֶוען בַּרְשַׁבָּא און סִילָא, מֶענֶער
וָואס זֶענֶען פִיהְרֶער גֶעוֶוען צְווִישֶׁען דִיא בְּרִידֶער. 23 און זֵייא הָאבֶען דוּרְךְ
זֵייא אַזוֹי גֶעשְׁרִיבֶען; דִיא אַפָּאסְטֶעל און דִיא עֶלְצְטֶע בְּרִידֶער לָאזֶען גְרִיסֶען
דִיא בְּרִידֶער פון דִיא גוֹיִם וָואס זֶענֶען אִין אַנְטִיוֹכְיָא און סוּרְיָא און קִילִיקְיָא.
24 ווייל מִיר הָאבֶען גֶעהֶערְט אַז עֶטְלִיכֶע פון אוּנְז זֶענֶען אַרויסְגֶעגַאנְגֶען און
הָאבֶען אֵייךְ מִיט וֶוערְטֶער מְצַעֵר גֶעוֶוען, און הָאבֶען אֵייעֶרֶע זֶעלֶען פֶערְ־
שְׁטֶערְט, צוּ וֶועלְכֶען מִיר הָאבֶען דָאס נִיט בֶּעפוֹילֶען; 25 אַזוֹי אִיז עֶס אוּנְז
גֶעפֶעלֶען וֶוען מִיר זֶענֶען פֶערְזַאמֶעלְט גֶעוֶוען, אַז מִיר זָאלֶען צוּ אֵייךְ שִׁיקֶען
אויסְדֶערְוֶועהְלְטֶע מֶענֶער מִיט אוּנְזֶערֶע גֶעלִיבְּטֶע בַּרְנַבָּא און פּוֹלוֹס, 26 מֶענֶער
וָואס הָאבֶען זֵייעֶר לֶעבֶּען אֵיינְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר דֶעם נָאמֶען פון אוּנְזֶערֶעם
הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. 27 דְרוּם הָאבֶען מִיר גֶעשִׁיקְט יְהוּדָה און סִילָא, וֶועלְכֶע
וֶועלֶען אויךְ דָאס זֶעלְבִּיגֶע דוּרְךְ וֶוערְטֶער דֶערְצֶעהְלֶען. 28 וָוארִין עֶס אִיז
גֶעפֶעלֶען דֶעם רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ און אוּנְז, אַז מִיר זָאלֶען אויף אֵייךְ קֵיינֶע גְרֶעסֶערֶע
לַאסְט נִיט לֶעגֶען, חוּץ דִיזֶע נֶעטִיגֶע זַאכֶען, 29 אַז אִיהְר זָאלְט אֵייךְ עֶנְטְהַאלְ־
טֶען פון דִיא קָרְבָּנוֹת צוּ דִיא אָפְּגֶעטֶער, און פון בְּלוּט, און פון דֶערְוָוארְגֶענֶע
זַאכֶען, און פון זְנוּת; וֶוען פון דִיזֶע זַאכֶען אִיהְר הִיטֶעט אֵייךְ זֶעלְבְּסְט, אַזוֹי
וֶועט אִיהְר רֶעכְט טְהוּן; שָׁלוֹם צוּ אֵייךְ.
30 דְרוּם וֶוען זֵייא זֶענֶען אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט גֶעוֶוען, זֶענֶען זֵייא גֶעקוּמֶען קֵיין אַנְטִיוֹכְיָא,
און הָאבֶען דָאס פָאלְק פֶערְזַאמֶעלְט, און הָאבֶען דֶעם בְּרִיף אָפְּגֶעגֶעבֶּען. 31 און
וֶוען זֵייא הָאבֶען עֶס גֶעלֵיינְט הָאבֶען זֵייא זִיךְ גֶעפְרֵייעֶט אִיבֶּער דֶעם טְרֵייסְט.
32 און יְהוּדָה און סִילָא, וָואס זֶענֶען אויךְ זֶעלְבְּסְט נְבִיאִים גֶעוֶוען, הָאבֶען מִיט
פִילֶע וֶוערְטֶער דִיא בְּרִידֶער גֶעוָוארְנְט, און הָאבֶען זֵייא גֶעשְׁטַארְקְט. 33 און
נָאכְדֶעם וִויא זֵייא הָאבֶען זִיךְ דָארְט אַ צֵייט אויפְגֶעהַאלְטֶען, זֶענֶען זֵייא מִיט
פְרִידֶען פון דִיא בְּרִידֶער אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט גֶעוֶוען צוּ דִיא וָואס הָאבֶען זֵייא אויס־
גֶעשִׁיקְט. 35 אָבֶּער פּוֹלוֹס און בַּרְנַבָּא הָאבֶען אִין אַנְטִיוֹכְיָא גֶעוְואוֹינְט, און הָאבֶען
מִיט פִילֶע אַנְדֶערֶע גֶעלֶערְנְט און גֶעפְּרֶעדִיגְט דָאס וָוארְט פון דֶעם הַאר'ן.
36 און נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט פּוֹלוֹס צוּ בַּרְנַבָּא גֶעזָאגְט, לָאזֶען מִיר זִיךְ
אוּמְקֶעהְרֶען און בֶּעזוּכֶען אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער אִין יֶעדֶער שְׁטָאדְט וְואוּ מִיר הָאבֶען
דָאס וָוארְט פון דֶעם הַאר'ן גֶעפְּרֶעדִיגְט, און זֶעהֶען וִויא עֶס גֶעהְט זֵייא. 37 און
בַּרְנַבָּא הָאט גֶעוָואלְט אויךְ יוֹחָנָן מִיטְנֶעמֶען, וָואס אִיז גֶערוּפֶען מַרְקוֹס.
38 אָבֶּער פּוֹלוֹס הָאט עֶס נִיט פַאר רֶעכְט גֶעהַאלְטֶען מִיטְצוּנֶעמֶען דֶעם וָואס
הָאט זֵייא אִין פַּאמְפִילְיָא פֶערְלָאזְט, און אִיז נִיט מִיט זֵייא צוּ דֶער אַרְבֵּייט

34 אָבֶּער עֶס אִיז סִילָא גֶעפֶעלֶען דָארְט צוּ בְּלֵייבֶּען.

געגאנגען. 39 און עס איז געשעהען א שארפער שטרייט, אזוי אז זייא האבען
זיך פון איינאנדער אפגעשיידעט; און ברנבא האט מרקוס גענומען און האט זיך
ארויסגעשיפט קיין קיפרוס. 40 אבער פולוס האט מיט זיך סילא גענומען און
איז אוועקגעגאנגען, און דיא ברידער האבען איהם עמפפוילען צו דער גנאד
פון דעם האר'ן. 41 און ער איז דורכגעגאנגען סוריא און קיליקיא, און האט דיא
קהלות געשטארקט.

טז 1 און ער איז ארופגעקומען קיין דערבי און לוסטרא. און זעה, עס איז
דארט געוועזען א געוויסער תלמיד וואס האט געהייסען טימותיוס, דער זוהן פון
א יודישע פרויא וואס האט געגלויבט, אבער זיין פאטער איז א גרעק געוועזען.
2 דיזער האט א גוטעס צייגניס געהאט פון דיא ברידער אין לוסטרא און
איקניון. 3 דעם האט פולוס געוואלט אז ער זאל מיט איהם אויסגעהען, און
האט איהם גענומען און האט איהם בעשניטען, וועגען דיא יודען וואס זענען
אין יענע ערטער געוועזען; ווארין זייא האבען אלע געוואוסט אז זיין פאטער
איז א גרעק געוועזען.

4 און וויא זייא זענען דורך דיא שטעדט דורכגעגאנגען, האבען זייא איבער־
געגעבען צו היטען דיא געזעץ וואס זענען בעשלאסען געוועזען בייא דיא
אפאסטעל און דיא עלצטע אין ירושלים. 5 אזוי זענען דיא קהלות בעפעס־
טיגט געווארען אים גלויבען, און האבען זיך טעגליך אין דער צאהל פער־
מעהרט.

6 און זייא זענען דורכגעגאנגען דיא געגענד פון פרוגיא און גאלאטיא, און
זענען פערבאטען געוועזען פון דעם רוח הקודש אז זייא זאלען ניט פרעדיגען דאס
ווארט אין אסיא. 7 און זייא זענען געקומען קעגען מוסיא, און האבען געפריפט
צו געהען קיין ביתוניא, און דער גייסט פון ישוע האט זייא ניט געלאזט.
8 אבער זייא זענען מוסיא פארבייא געגאנגען, און זענען ארופגעקומען קיין
טרואס. 9 און איינע ערשיינונג האט זיך צו פולוס בעוויזען בייא דער נאכט,
א געוויסער מאן פון מקדוניא איז בייא איהם געשטאנען און האט איהם
געבעטען און געזאגט, קום אריבער קיין מקדוניא און העלף אונז. 10 און ווען
ער האט דיא ערשיינונג געזעהען, אזוי האבען מיר גלייך געזוכט קיין
מקדוניא אוועקצוגעהען, ווארין מיר האבען געדרונגען אז דער האר האט אונז
גערופען מיר זאלען צו זייא דיא בשורה טובה פרעדיגען.

11 אזוי זענען מיר אוועקגעשיפט פון טרואס, און זענען געקומען מיט א
גלייכען וועג קיין סאמוטראקיא, און דעם אנדערען טאג קיין נעאפולים, 12 און
פון דארטען קיין פיליפי, וואס איז א הויפטשטאדט פון דיזעם טהייל פון
מקדוניא, און איז א קאלאניא. און מיר האבען זיך אין דיזער שטאדט עטליכע
טעג אויפגעהאלטען. 13 און אם שבת זענען מיר אוים דעם טויער ארויסגע־
גאנגען בייא א שטרוים וואו מיר האבען געדאכט אז מען בעט דארט, און
מיר האבען זיך אנידערגעזעצט און האבען גערעט מיט דיא פרויען וואס
זענען צוזאמענגעקומען. 14 און א געוויסע פרויא וואס האט געהייסען לודיא,

א פֿורפֿור קרעמירען אויס דער שטאדט תיאטירא, וואס האט זיך געפֿארכטען
פֿאר גאט, האט אונז צוגעהערט, וועמעס דער האר האט דאס הארץ אויפֿגע־
מאכט אז זיא זאל צוהארכען צו דיא זאכען וואס פּולוס האט גערעט. [15] און
ווען זיא און איהר הויזגעזינד זענען געטובלט געווארען, האט זיא געבעטען
און געזאגט, ווען איהר האלט מיך פֿאר א גלייביגע אים האר'ן, אזוי קומט
אין מיין הויז אריין און בלייבט; און זיא האט אונז געצוואונגען.
[16] און עס איז געשעהען דערווייל מיר זענען צום געבעט געגאנגען, האט אונז
בעגעגענט א געוויסעס מעדעל וואס האט א צויבערן גייסט געהאט, און זיא
האט איהרע הערען פֿיל רווח דורך צויבעריי איינגעבראכט. [17] דיזע האט
פּולוס און אונז נאכגעפֿאלגט, און האט געשריגען און געזאגט, דיזע מענער
זענען דיא קנעכט פֿון דעם אויבערשטען גאט, וואס דערקלעהרען אייך דעם
וועג פֿון ישועה. [18] דאס האט זיא פֿילע טעג געטהון; און פּולוס האט זיך
דריבער מצער געווען, און האט זיך אומגעקעהרט און האט צו דעם גייסט
געזאגט, איך געביט דיר אים נאמען פֿון ישוע המשיח אז דוא זאלסט פֿון
איהר ארויסגעהען. און ער איז אין דערזעלבער שעה ארויסגעגאנגען.
[19] אבער ווען איהרע הערען האבען געזעהען אז דיא האפֿנונג פֿון זייער
געווין איז פֿערלוירען געווארען, האבען זייא פּולוס און סילא אנגעחאפּט, און
האבען זייא אין מארק צו דיא עלצטע אריינגעשלעפּט. [20] און זייא האבען
זייא צו דיא רעגירער געפֿיהרט און האבען געזאגט, דיזע מענער זענען יודען
און רעגען זעהר אונזערע שטאדט אויף, [21] און לעהרען מנהגים וואס מיר
מעגען ניט אננעמען און ניט טהון, וואָרין מיר זענען רומער. [22] און דיא לייט
זענען קעגען זייא אויפֿגעשטאנען, און דיא רעגירער האבען זייערע קליידער
אפּגעריסען, און האבען זייא געהייסען שמייסען. [23] און ווען זייא האבען זייא
שטארק געשלאגען, האבען זייא אים געפֿענגניס אריינגעווארפֿען, און
האבען דעם וועכטער אנגעזאגט אז ער זאל זייא גוט היטען. [24] און נאכדעם ער
האט אזעלכעס געבאט דערהאלטען, האט ער זייא אים אינערשטען געפֿענגניס
איינגעזעצט, און האט זייערע פֿיס אים קלאץ איינגעשלאסען.
[25] און אין מיטען דער נאכט האבען פּולוס און סילא געבעטען און געזונגען צו גאט,
און דיא געפֿאנגענע האבען זייא געהערט. [26] און פּלוצלינג איז געווען א גרויס
ערדציטערניס, אזוי אז דיא פֿונדאמענטען פֿון דעם געפֿענגניס האבען געציט־
טערט; און אלע טהירען זענען באלד אויפֿגעמאכט געווארען, און דיא קעטען
פֿון אלע זענען לויז געמאכט געווען. [27] און דער וועכטער פֿון דעם געפֿענגניס
האט זיך אויפֿגעחאפּט, און ווען ער האט געזעהען אז דיא טהירען פֿון דעם
געפֿענגניס זענען אויפֿגעמאכט געווען, האט ער זיין שווערט ארויסגעצויגען און האט
זיך געוואלט אומברענגען, וואָרין ער האט געדאכט אז דיא געפֿאנגענע זענען
אנטלאפֿען. [28] אבער פּולוס האט מיט א הויך קול אויסגערופֿען און געזאגט,
טהוא דיר ניט קיין שלעכטעס, וואָרין מיר זענען אלע דא. [29] און ער האט
אום א ליכט פֿערלאנגט, און איז אריינגעשפּרונגען, און איז ציטערנדיג

גֶעוָוארֶען, און אִיז פָּאר פּוילוס און סִילָא אַנִידֶערגֶעפַאלֶען, 30 און הָאט זֵייא
אַרויסגֶעפִיהרט און גֶעזָאגְט, הֶערְרֶען וָואס מוז אִיךְ טְהוּן אַז אִיךְ זָאל גֶערֶעטֶעט
וֶוערֶען? 31 און זֵייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט, גְלויבּ אָן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ, און
דוּא וֶועסְט גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען און דֵיין הויזְגֶעזִינְד. 32 און זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם
גֶערֶעדט דָאס וָוארְט פוּן דֶעם הַאר'ן, און צוּ אַלֶע וָואס זֶענֶען אִין זֵיין הויז
גֶעוֶועזֶען. 33 און אִין יֶענֶער שָׁעָה פוּן דֶער נַאכְט הָאט עֶר זֵייא גֶענוּמֶען, און
הָאט זֵייעֶרֶע וְואוּנְדֶען גֶעוַואשֶׁען, און מִיט אַלֶע זֵיינֶע אִיז עֶר גְלֵייךְ גֶעטוּבֶלְט
גֶעוָוארֶען. 34 און עֶר הָאט זֵייא אִין זֵיינֶעם הויז אַרֵיינְגֶעבְּרַאכְט און הָאט פָּאר
זֵייא אַ טִישׁ אָנְגֶעבְּרֵייט, און הָאט מִיט זֵיין גַאנְצֶען הויזְגֶעזִינְד גֶעגְלויבְּט אָן גָאט,
און הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייעֶט.

35 און וֶוען עֶס אִיז טָאג גֶעוָוארֶען, הָאבֶּען דִיא רֶעגִירֶער דִיא פָּאלִיצֵייאִידִינֶער גֶעשִׁיקְט
און גֶעזָאגְט, לָאז יֶענֶע מֶענֶער פְרֵייא. 36 און דֶער וֶועכְטֶער פוּן דֶעם גֶעפֶענְגְ־
נִיס הָאט דִיזֶע וֶוערְטֶער צוּ פּוילוס דֶערְצֶעהְלְט און גֶעזָאגְט, דִיא רֶעגִירֶער
הָאבֶּען גֶעשִׁיקְט אַז מֶען זָאל אֵייךְ בֶּעפְרֵייעֶן. דְרוּם קוּמְט אַצוּנְד אַרויס, און
גֶעהְט אִין פְרִידֶען. 37 אָבֶּער פּוילוס הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, זֵייא הָאבֶּען אוּנְז
עֶפֶענְטְלִיךְ אָהְן מִשְׁפָּט גֶעשְׁלָאגֶען, וָואס מִיר זֶענֶען רוֹמִישֶׁע מֶענֶער, און הָאבֶּען
אוּנְז אִים גֶעפֶענְגְנִיס אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען, און אַצוּנְד וֶועלֶען זֵייא אוּנְז שְׁטִילֶערְהֵייט
אַרויסְוַוארְפֶען? נֵיין! נֵייעֶרְט לָאזֶען זֵייא זֶעלְבְּסְט קוּמֶען און אוּנְז אַרויסְפִיהְ־
רֶען. 38 און דִיא פָּאלִיצֵייאִידִינֶער הָאבֶּען דִיזֶע וֶוערְטֶער צוּ דִיא רֶעגִירֶער דֶערְ־
צֶעהְלְט; און וֶוען זֵייא הָאבֶּען גֶעהֶערְט אַז זֵייא זֶענֶען רוֹמִישֶׁע מֶענֶער, הָאבֶּען
זֵייא מוֹרָא גֶעהַאט. 39 און זֶענֶען גֶעקוּמֶען און הָאבֶּען זֵייא אִיבֶּערְגֶעבֶּעטֶען,
און הָאבֶּען זֵייא אַרויסְגֶעפִיהְרְט און גֶעבֶּעטֶען אַז זֵייא זָאלֶען פוּן דֶער שְׁטָאדְט
אַוֶועקְגֶעהֶען. 40 און זֵייא זֶענֶען אוֹיס דֶעם גֶעפֶענְגְנִיס אַרויסְגֶעגַאנְגֶען און זֶענֶען
צוּ לוּדְיָא אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, און וֶוען זֵייא הָאבֶּען דִיא בְּרִידֶער גֶעזֶעהֶען, הָאבֶּען
זֵייא זֵייא גֶעטְרֵייסְט און זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

יז 1 און וֶוען זֵייא זֶענֶען דוּרְךְ אַמְפִיפּוֹלִיס און אַפּוֹלוֹנְיָא דוּרְכְגֶערֵייזְט, זֶענֶען
זֵייא קֵיין תֶּעסַאלוֹנִיקָא גֶעקוּמֶען, וְואוּ עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען אַ יוּדִישֶׁע שׁוּל. 2 און
פּוילוס נָאךְ זֵיינֶע גֶעוְואוֹינְהֵייט אִיז צוּ זֵייא אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, און דְרֵייא שַׁבָּתִים
הָאט עֶר מִיט זֵייא גֶערֶעדט אוֹיס דֶער שְׁרִיפְט, 3 און הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט און
הָאט זֵייא גֶעוִויזֶען, אַז דֶער מָשִׁיחַ הָאט גֶעמוּזְט לֵיידֶען און פוּן דִיא טוֹיטֶע
אוֹיפְשְׁטֶעהֶען, און אַז דִיזֶער אִיז דֶער מָשִׁיחַ יֵשׁוּעַ דֶעם אִיךְ פְּרֶעדִיג צוּ
אֵייךְ. 4 און עֶטְלִיכֶע פוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעגְלויבְּט, און הָאבֶּען זִיךְ צוּ פּוילוס און
סִילָא בֶּעהֶעפְט, און אַ גְרויסֶע צָאהְל פוּן דִיא פְרוּמֶע גְרֶעקֶען, און נִיט וֶוענִיג
פוּן דִיא גָאטֶעסְפָארְכְטִיגֶע פְרויעֶן.

5 אָבֶּער דִיא יוּדֶען הָאבֶּען קִנְאָה בֶּעקוּמֶען, און הָאבֶּען מִיט זִיךְ גֶענוּמֶען
עֶטְלִיכֶע שְׁלֶעכְטֶע מֶענֶער פוּן דִיא גֶעמֵיינֶע לֵייט, און הָאבֶּען אַ פֶערְזַאמְ־
לוּנְג מִיט לַארְם אִין דֶער שְׁטָאדְט גֶעמַאכְט, און הָאבֶּען בֶּעלַאגֶערְט דָאס
הויז פוּן יָסוֹן, און הָאבֶּען זֵייא גֶעוָואלְט צוּם פָאלְק אַרויסְפִיהְרֶען 6 און וֶוען

זַייא הָאבֶּען זַייא נִיט גֶעפִינֶען, הָאבֶּען זַייא יָסון אוּן עֶטְלִיכֶע בְּרִידֶער גֶעשְׁלֶעפְּט
צוּ דִיא אויבֶּערְשְׁטֶע פוּן דֶער שְׁטָאדְט, אוּן הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען, אַז דִיזֶע וָואס
הָאבֶּען דִיא וֶועלְט אִיבֶּערְגֶעקֶעהְרְט, זֶענֶען אויךְ אָהֶער גֶעקוּמֶען; 7 אוּן יָסון
הָאט זַייא אויפְגֶענוּמֶען; אוּן דִיזֶע אַלֶע ווידֶערְשְׁפֶּענִיגֶען קֶעגֶען דִיא גֶעזֶעץ פוּן
דֶעם קֵיסַר, אִינְדֶעם זַייא זָאגֶען אַז עֶס אִיז דָא אֵיין אַנְדֶערֶער קֶענִיג, דֶער אִיז
יֵשׁוּעַ. 8 אוּן זַייא הָאבֶּען דֶערְצֶערְנְט דָאס פָאלְק אוּן דִיא אויבֶּערְשְׁטֶע פוּן
דֶער שְׁטָאדְט וֶוען זַייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט. 9 אוּן זַייא הָאבֶּען פֶערְזִיכֶערוּנְג
פוּן יָסון אוּן דִיא אִיבְּרִיגֶע גֶענוּמֶען, אוּן הָאבֶּען זַייא פְרֵייא גֶעלָאזְט.

10 אוּן גְלֵייךְ הָאבֶּען דִיא בְּרִידֶער פּוֹלוּס אוּן סִילָא בֵּייא נַאכְט קֵיין בְּרוֹאָה
אַרויסְגֶעשִׁיקְט, וֶועלְכֶע וֶוען זַייא זֶענֶען אַהִינְגֶעקוּמֶען זֶענֶען אִין דִיא יוּדִישֶׁע שׁוּל
אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען. 11 אוּן דִיזֶע זֶענֶען עֶדְלֶערֶע וִויא דִיא אִין תֶּעסַאלוֹנִיקָא גֶעוֶוען,
אִינְדֶעם זַייא הָאבֶּען דָאס וָוארְט אָנְגֶענוּמֶען מִיט דֶעם גַאנְצֶען ווִילֶען, אוּן
הָאבֶּען טֶעגְלִיךְ דִיא שְׁרִיפְט גֶעפָּארְשְׁט אויבּ דִיזֶע זַאכֶען זֶענֶען אַזוֹי. 12 דְרוּם
הָאבֶּען פִילֶע פוּן זַייא גֶעגְלוֹיבְּט, אוּן נִיט וֶוענִיג פוּן דִיא גְרֶעקִישֶׁע אַנְשְׁטֶענְדִיגֶע
פְרויֶען אוּן מֶענֶער. 13 אָבֶּער וֶוען דִיא יוּדֶען פוּן תֶּעסַאלוֹנִיקָא הָאבֶּען גֶעוָואר
גֶעוָוארֶען אַז פּוֹלוּס הָאט אויךְ אִין בְּרוֹאָה דָאס וָוארְט פוּן גָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט,
זֶענֶען זַייא אויךְ אַהִין גֶעקוּמֶען אוּן הָאבֶּען דִיא לֵייט אויפְגֶערֶעגְט אוּן אויפְגֶע־
הֶעצְט. 14 אוּן דַאן הָאבֶּען דִיא בְּרִידֶער פּוֹלוּס גְלֵייךְ אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט, אַז עֶר זָאל
בִּיז צוּם יַם גֶעהֶען; אָבֶּער סִילָא אוּן טִימוֹתִיוּס זֶענֶען דָארְט גֶעבְּלִיבֶּען. 15 אוּן
דִיא וָואס הָאבֶּען פּוֹלוּס בֶּעגְלֵייט הָאבֶּען אִיהְם בִּיז קֵיין אַתִּינַס גֶעבְּרַאכְט; אוּן
וֶוען זַייא הָאבֶּען אַ בֶּעפֶעהְל גֶענוּמֶען צוּ סִילָא אוּן טִימוֹתִיוּס, אַז זַייא זָאלֶען
צוּם גֶעשְׁווִינְדְסְטֶען צוּ אִיהְם קוּמֶען, זֶענֶען זַייא אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

16 אוּן דֶערְוַוייל פּוֹלוּס הָאט אויף זַייא אִין אַתִּינַס גֶעוַוארְט, אִיז זַיין גֵייסְט אִין
אִיהְם דֶערְבִּיטֶערְט גֶעוָוארֶען, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אַז דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאדְט
הָאט אָפְּגֶעטֶער גֶעדִינְט. 17 דְרוּם הָאט עֶר גֶעטַענְהֶעט אִין דֶער שׁוּל מִיט דִיא
יוּדֶען אוּן מִיט דִיא גָאטֶעסְפָארְכְטִיגֶע, אוּן אויף דֶעם מַארְק אַלֶע טָאג מִיט
וֶועמֶען עֶר הָאט זִיךְ בֶּעגֶעגְנְט. 18 אוּן עֶטְלִיכֶע פִילָאזָאפֶען פוּן דִיא אַפִּיקוֹרְסִים
אוּן סְטוֹאִיקֶער הָאבֶּען זִיךְ מִיט אִיהְם גֶעשְׁטְרִיטֶען. אוּן עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען
גֶעזָאגְט, וָואס ווִיל דִיזֶער פְּלוֹידֶערֶער זָאגֶען? אַנְדֶערֶע הָאבֶּען גֶעזָאגְט, עֶס זֶעהְט
אוֹיס אַז עֶר דֶערְצֶעהְלְט פוּן פְרֶעמְדֶע גֶעטֶער; וָוארִין עֶר הָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט דִיא
בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן יֵשׁוּעַ אוּן תְּחִיַּת הַמֵּתִים. 19 אוּן זַייא הָאבֶּען אִיהְם אָנְגֶע־
הַאלְטֶען אוּן גֶעפִיהְרְט צוּם אַרֶעאָפַּאגוּס, אוּן הָאבֶּען גֶעזָאגְט, קֶענֶען מִיר ווִיסֶען
וָואס דִיזֶע נֵייעֶ לֶעהְרֶע אִיז פוּן וֶועלְכֶע דוּא רֶעדְסְט? 20 וָוארִין דוּא בְּרֶענְגְסְט
עֶפֶּעס פְרֶעמְדֶע זַאכֶען צוּ אוּנְזֶערֶע אויעֶרֶען; דְרוּם ווִילֶען מִיר ווִיסֶען וָואס
דִיזֶע זַאכֶען זֶענֶען. 21 נוּן אַלֶע לֵייט פוּן אַתִּינַס אוּן דִיא פְרֶעמְדֶע וָואס הָאבֶּען
דָארְט גֶעווָאוינְט הָאבֶּען דִיא צַייט אַנְדֶערְשׁ נִיט פֶערְבְּרַאכְט, אויסֶער עֶפֶּעס
נֵייעֶס צוּ זָאגֶען אָדֶער צוּ הֶערֶען.

22 אוּן פּוֹלוּס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין מִיטֶען פוּן דֶעם אַרֶעאָפַּאגוּס אוּן הָאט גֶעזָאגְט,

איהר מענער פון אתינס, איך זעה אז איהר זענט אין אלע זאכען
אביסעל אבערגלויביש. 23 ווארין וויא איך בין פארביי געגאנגען און האב אייערע
גאטעסדינסטע געזעהען, האב איך א מזבח געפינען וואס איז דרויף געשריבען
געוועזען, צו איין אונבעקאנטען גאט. דרום דעם וועלכעם איהר אונוויי־
סענדליך דינט דערקלעהר איך אייך. 24 דער גאט וועלכער האט בעשאפען דיא
וועלט און אלעס וואס איז דרינען, דיזער איז דער האר פון הימעל און ערד, און ער
וואוינט ניט אין טעמפעל וואס זענען מיט הענד געמאכט, 25 און איז אויך ניט
געדינט דורך דיא הענד פון מענשען, אזוי וויא ער וואלט עפעס בעדארפען,
ווארין ער האט אליין צו אלע געגעבען לעבען און אטעם און אלע זאכען.
26 און ער האט פון איינעם געמאכט אלע פעלקער פון מענשען, אז זייא זאלען
וואוינען אויף דיא גאנצע ערד, און האט פעסטגעזעצט דיא צייטען וואס זענען
פריהער פעראָרדנעט געווארען, און דיא גרענצען פון זייערע וואוינונג; 27 אז זייא
זאלען גאט זוכען, טאמער וועלען זייא איהם דאך פיהלען און געפינען, האטשע
ער איז ניט וויט פון יעדען פון אונז. 28 ווארין אין איהם לעבען מיר און
בעוועגען אונז און זענען, אזוי וויא עטליכע פון אייערע משוררים האבען
געזאגט,

ווארין מיר זענען אויך זיינע אפשטאמונג.

29 דרום וויל מיר זענען דיא אפשטאמונג פון גאט, זאלען מיר ניט דענקען אז
דיא גאטהייט איז גליך צו גאלד אדער זילבער אדער שטיין, א קונסטשטיק
פון א מייסטער און פון מענשליכע געדאנקען. 30 דרום האט גאט איבערגע־
זעהען דיא צייט פון דער אונוויסענהייט, אבער אצונד בעפעהלט ער אז אלע
מענשען אין אלע ערטער זאלען תשובה טהון. 31 ווארין ער האט אויסגעזעצט
א טאג ווען ער וועט דיא וועלט ריכטען מיט גערעכטיגקייט, דורך דעם מאן
וואס ער האט אויסדערוועהלט; דרויף ער האט פערזיכערט צו אלע מענשען
אינדעם ער האט איהם פון דיא טויטע אויפגעוועקט.

32 און ווען זייא האבען פון תחית המתים געהערט, האבען עטליכע געשפעט,
אבער אנדערע האבען געזאגט, מיר וועלען דיך ווידער אמאל הערען וועגען
דיזער זאך. 33 אזוי איז פולוס פון צווישען זייא אוועקגעגאנגען. 34 אבער
עטליכע מענער האבען זיך צו איהם בעהעפט און האבען געגלויבט, צווישען
וועלכע איז געוועזען דיונוסיוס פון ארעאפאגוס און א פרויא וואס האט געהייסען
דאמארים און נאך אנדערע מיט זייא.

יח 1 נאכדעם איז פולוס פון אתינס אוועקגעגאנגען, און איז קיין קורנתוס
געקומען. 2 און ער האט א יוד געפינען וואס האט געהייסען אקווילא, וועל־
כער איז אין פונטוס געבוירען, און איז ניט לאנג פון איטאליא געקומען מיט זיין
ווייב פריסקילא, ווארין קלודיוס האט בעפוילען אז אלע יודען זאלען פון רום
אוועקציהען. 3 און ער איז צו זייא געקומען, און וויל ער איז פון דיא זעלביגע
מלאכה געוועזען איז ער בייא זייא געבליבען און האט געארבייט, ווארין זייערע
מלאכה איז געוועזען געצעלטען מאכען. 4 און ער האט געטענהעט אין דער

שול אלע שבת, און האט דיא יודען און דיא גרעקען איבערגערעט.
5 און ווען סילא און טימותיוס זענען ארופגעקומען פון מקדוניא, איז פולוס
פון דעם גייסט געצוואונגען געווארען, און ער האט צו דיא יודען בעצייגט אז
ישוע איז דער משיח. 6 אבער זייא האבען זיך ווידערגעזעצט און האבען
געלעסטערט; און ער האט זיין קלייד אפגעשאקעלט און האט צו זייא געזאגט,
אייער בלוט זאל אויף אייער קאפ זיין, איך בין ריין; פון אצונד אן וועל איך
געהען צו דיא גוים. 7 און ער איז פון דארטען אוועקגעגאנגען, און איז
אריינגעקומען אים הויז פון א מאן וואס האט געהייסען טיטיוס יוסטוס, וואס
איז געווען א גאטעספארכטיגער, וועמעס הויז איז נעבען דער שול געווען.
8 און קריספוס דער פרנס פון דער שול האט אן דעם האר'ן געגלויבט מיט
זיין גאנצען הויזגעזינד, און פילע פון דיא קארינטער וואס האבען איהם געהערט
האבען געגלויבט, און זענען געטובלט געווארען.
9 און דער האר האט צו פולוס געזאגט דורך איינע ערשיינונג אין דער נאכט,
פארכט דיך ניט, נייערט רעד און שווייג ניט שטיל. 10 ווארין איך בין מיט דיר, און
קיינער וועט זיך ניט אונטערשטעהען דיר שלעכטעס צו טהון, ווארין איך האב
פיל פאלק אין דיזער שטאדט. 11 און ער איז דארט געבליבען א יאהר און
זעקס חדשים, און האט צווישען זייא דאס ווארט פון גאט געלעהרט.
12 אבער ווען גליון איז פירשט פון אכיא געווען, זענען דיא יודען איינשטימיג
אויפגעשטאנען קעגען פולוס, און האבען איהם צום משפט געבראכט, 13 און
האבען געזאגט, דיזער איבערעדט דיא לייט אז זייא זאלען גאט דינען קעגען
דער תורה. 14 אבער ווען פולוס האט געוואלט זיין מויל אויפמאכען, האט גליון
צו דיא יודען געזאגט, ווען עס וואלט זיין איין אונרעכט אדער א קרימינאל
זאך, איהר יודען, אזוי וואלט עס רעכט געווען איך זאל אייך אויסהאלטען.
15 אבער ווען עס זענען פראגען וועגען א ווארט און נעמען און וועגען אייערע
תורה, זעהט איהר זעלבסט דערצו; ווארין איך וויל ניט זיין קיין ריכטער
איבער דיזע זאכען. 16 און ער האט זייא אוועקגעטריבען פון דעם ריכטערשטול.
17 און זייא אלע האבען סאסטענעס אנגעפאסט דעם עלצטען פון דער שול, און
האבען איהם געשלאגען פאר דעם ריכטערשטול. און גליון האט זיך דעריבער
גאר ניט מצער געווען.
18 און פולוס איז נאך פילע טעג געבליבען, און האט זיך געזעגענט מיט
דיא ברידער, און האט זיך קיין סוריא אוועקגעשיפט, און פריסקילא און
אקווילא מיט איהם; און ער האט זיין קאפ אין קנכריאה געשוירען, ווארין ער
האט אויף זיך א נדר געהאט. 19 און ער איז ארופגעקומען קיין עפעזוס, און
האט זייא דארט איבערגעלאזט, אבער ער איז זעלבסט אין דער שול אריינגע-
גאנגען און האט געטענהעט מיט דיא יודען. 20 און ווען זייא האבען איהם
געבעטען ער זאל ביי זייא א לענגערע צייט בלייבען, האט ער ניט געוואלט;
21 נייערט ער האט זיך מיט זייא געזעגענט און געזאגט, איך וועל צו אייך
ווידער צוריקקעהרען מיט גאטעס ווילען. און ער איז פון עפעזוס אוועקגעגאנגען,

22 און איז אַרױפֿגעקומען קײן קיסרין, און איז אַרױפֿגעגאַנגען און האָט די
קהלה געגריסט, און איז קײן אַנטיוכיא אַראָפּגעגאַנגען. 23 און װען ער האָט
זיך דאָרט אַ צײט אױפֿגעהאַלטען, איז ער אַװעקגעגאַנגען, און איז דורכגעפאָהרען
כסדר דאָס לאַנד גאַלאַטיא און פרוגיא, און האָט אַלע תּלמידים געשטאַרקט.
24 און אַ געװיסער יוד װאָס האָט געהײסען אַפּולוס איז געקומען קײן
עפעזוס, װאָס איז געװען בײא געבורט פון אַלעכּסאַנדריא, אַ בערעדטער
מאַן, און מעכטיג אין די שריפטען. 25 דיזער איז געלערנט געװען אין דעם
װעג פון דעם האר'ן, און איז לעבּהאַפטיג אים גײסט געװען, און האָט גערעדט
און געלעהרט װעגען ישוע, אָבער ער האָט נור פון דער טבילה פון יוחנן
געװאוסט. 26 און ער האָט אָנגעהױבען עפענטליך צו לעהרען אין דער שול.
און װען אַקװילא און פּריסקילא האָבען איהם געהערט, האָבען זײא איהם צו
זיך גענומען, און האָבען איהם נאָך בעסער דעם װעג פון גאָט דערקלערט.
27 און װען ער האָט געװאָלט דורכגעהען קײן אַכיא, האָבען די ברידער איהם
ערמוטיגט און האָבען צו די תּלמידים געשריבען, אַז זײא זאָלען איהם
אױפֿנעמען. און װען ער איז געקומען, האָט ער פיל געהאָלפען די װאָס
האָבען געגלױבט דורך גנאָד. 28 װאָרין ער האָט די יודען שטאַרק װידער־
לעגט, און האָט זײא עפענטליך אױס דער שריפט בעװיזען אַז ישוע איז דער
משיח.

יט 1 און עס איז געשעהען דערװײל אַפּולוס איז אין קורנתוס געװען איז
פּולוס דורכגעגאַנגען דורך די אױבערע געגענד, און איז קײן עפעזוס
געקומען, און האָט עטליכע תּלמידים געפינען, 2 און האָט צו זײא געזאָגט,
האָט איהר דערהאַלטען דעם רוח הקודש זינט איהר האָט געגלױבט? און
זײא האָבען צו איהם געזאָגט, מיר האָבען ניט אַפילו געהערט אױב עס איז
פאַרהאַנען אַ רוח הקודש. 3 און ער האָט געזאָגט, צו װאָס דען זענט איהר
געטובלט געװאָרען? און זײא האָבען געזאָגט, צו דער טבילה פון יוחנן.
4 און פּולוס האָט געזאָגט, יוחנן האָט מיט דער טבילה פון תּשובה געטובלט
און האָט געזאָגט צום פאָלק אַז זײא זאָלען גלױבען אָן דעם װאָס קומט נאָך
איהם, דאָס איז אָן ישוע המשיח. 5 און װען זײא האָבען דאָס געהערט, זענען
זײא געטובלט געװאָרען אים נאָמען פון דעם האר'ן ישוע. 6 און װען פּולוס
האָט די הענד אױף זײא געלעגט, איז דער רוח הקודש אױף זײא געקומען,
און זײא האָבען מיט לשונות גערעדט און האָבען נבואות געזאָגט. 7 און אַלע
מענער זענען געװען קעגען צװעלף.
8 און ער איז אין דער שול אַרײנגעגאַנגען און האָט דרײא חדשים מוטיג
געשפּראָכען, און האָט געטענהעט און איבערגערעדט װעגען דעם קעניגרײך
פון גאָט. 9 אָבער װען עטליכע זענען פערהאַרטעט געװען און האָבען ניט
געגלױבט און האָבען דעם װעג פאַר דעם פאָלק געלעסטערט, אַזױ האָט ער
זיך אױסגעװײכט, און האָט די תּלמידים אָפּגעזונדערט, און האָט טעגליך
געטענהעט אין דער שול פון טיראַנוס. 10 און דאָס איז געשעהען צװײא

יָאהְר, אַזוֹי אַז אַלֶע וָואס הָאבֶּען אִין אַסְיָא גֶעוְואוֹינְט, יוּדֶען אוּן גְרֶעקֶען, הָאבֶּען
דָאס וָוארְט פוּן דֶעם הַאר'ן גֶעהֶערְט.
11 אוּן גָאט הָאט גְרוֹיסֶע גְבוּרוֹת דוּרְךְ דִיא הֶענְד פוּן פּוֹלוּס גֶעטְהוּן, 12 אַזוֹי
אַז מֶען הָאט גֶעבְּרַאכְט פוּן זַיין לֵייבּ טִיכֶער אָדֶער פַארְטִיכֶער צוּ דִיא קְרַאנְקֶע,
אוּן דִיא קְרַאנְקְהַייטֶען הָאבֶּען זַייא פֶערְלָאזְט, אוּן דִיא בֶּעזֶע גַייסְטֶער זֶענֶען
אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען. 13 אוּן עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא יוּדִישֶׁע וַואנְדֶערֶער, וָואס זֶענֶען
בֶּעשְׁוֶוערֶער גֶעוֶוען, הָאבֶּען זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען אָנְצוּרוּפֶען דֶעם נָאמֶען פוּן
דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ אִיבֶּער דִיא וָואס הָאבֶּען בֶּעזֶע גַייסְטֶער גֶעהַאט אוּן הָאבֶּען
גֶעזָאגְט, אִיךְ בֶּעשְׁוֶוער אֵייךְ בַּייא יֵשׁוּעַ, דֶעם פּוֹלוּס פְּרֶעדִיגְט. 14 אוּן עֶס
זֶענֶען גֶעוֶוען זִיבֶּען זִיהְן פוּן אַ גֶעוִויסֶען יוּדִישֶׁען כֹּהֵן גָדוֹל וֶועלְכֶע הָאבֶּען
דָאס גֶעטְהוּן. 15 אוּן דֶער בֶּעזֶער גַייסְט הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ זַייא
גֶעזָאגְט, יֵשׁוּעַ ווֵייס אִיךְ, אוּן פּוֹלוּס קֶען אִיךְ, אָבֶּער וֶוער זֶענְט אִיהְר? 16 אוּן
דֶער מַאן וָואס הָאט דֶעם בֶּעזֶען גַייסְט אִיז אוֹיף זַייא גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען, אוּן הָאט
זַייא בֵּיידֶע בֵּייגֶעקוּמֶען, אַזוֹי אַז זַייא זֶענֶען אוֹיס דֶעם הוֹיז אַרוֹיסְגֶעלָאפֶען
נַאקֶעט אוּן פֶערְוְואוּנְדֶעט. 17 אוּן דָאס אִיז בֶּעקַאנְט גֶעוָוארֶען צוּ אַלֶע יוּדֶען אוּן
גְרֶעקֶען וָואס הָאבֶּען אִין עֶפֶעזוּס גֶעוְואוֹינְט, אוּן עֶס אִיז אַ שְׁרֶעק אוֹיף זַייא
אַלֶע גֶעפַאלֶען, אוּן דֶער נָאמֶען פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ אִיז פֶערְהֶערְלִיכְט גֶעוָוארֶען.
18 אוּן פִילֶע פוּן דִיא וָואס הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן הָאבֶּען מִתְוַדֶּה
גֶעוֶוען, אוּן הָאבֶּען זַייעֶרֶע מַעֲשִׂים דֶערְצֶעהְלְט. 19 אוּן עֶטְלִיכֶע וָואס הָאבֶּען
כִּשּׁוּף גֶעטְרִיבֶּען הָאבֶּען זַייעֶרֶע בִּיכֶער צוּנוֹיפְגֶעבְּרַאכְט אוּן הָאבֶּען זַייא פָאר
אַלֶע פֶערְבְּרֶענְט, אוּן זַייא הָאבֶּען בֶּערֶעכֶענְט דֶעם פְּרַייז דֶערְפוּן, אוּן הָאבֶּען
גֶעפִינֶען אַז עֶס הָאט פִינְפְצִיג טוֹיזֶענְד שְׁטִיק זִילְבֶּער בֶּעטְרָאפֶען. 20 אַזוֹי אִיז
דָאס וָוארְט פוּן דֶעם הַאר'ן מֶעכְטִיג גֶעוַואקְסֶען אוּן הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט.
21 אוּן נָאכְדֶעם דִיזֶע זַאכֶען זֶענֶען גֶעעֶנְדִיגְט גֶעוָוארֶען, הָאט זִיךְ פּוֹלוּס
פָארְגֶענוּמֶען אִים גַייסְט וֶוען עֶר אִיז דוּרְךְ מַקְדוֹנְיָא אוּן אַכַיָא דוּרְכְגֶעגַאנְ-
גֶען צוּ גֶעהְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם; אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, נָאכְדֶעם אִיךְ בִּין דָארְט
גֶעוֶוען מוּז אִיךְ אוֹיךְ רוֹם זֶעהֶען. 22 אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט קַיין מַקְדוֹנְיָא צְווֵייא
וָואס הָאבֶּען אִיהְם בֶּעדִינְט, טִימוֹתִיוֹס אוּן עֶרַאסְטוּס, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ
זֶעלְבְּסְט אַ צַייט אִין אַסְיָא אוֹיפְגֶעהַאלְטֶען.
23 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען קֶעגֶען יֶענֶע צַייט אַז עֶס אִיז קַיין קְלֵיינֶער רַעַשׁ
גֶעוֶוען וֶועגֶען דֶעם וֶועג. 24 וָוארִין אַ גֶעוִויסֶער מַאן וָואס הָאט גֶעהֵייסֶען
דִימֶעטְרִיוּס, אַ זִילְבֶּער אַרְבֵּייטֶער וָואס פְלֶעגְט קְלֵיינֶע זִילְבֶּערְנֶע טֶעמְפֶּעל פוּן
אַרְטֶעמִיס צוּ מַאכֶען, אוּן הָאט צוּ דִיא אַרְבֵּייטֶער נִיט וֶוענִיג גֶעוִוינְסְט אֵיינְגֶעבְּרַאכְט,
25 הָאט זַייא צוּזַאמֶענְגֶערוּפֶען אוּן אוֹיךְ דִיא אַנְדֶערֶע אַרְבֵּייטֶער פוּן גְלֵייכֶע
בֶּעשֶׁעפְטִיגוּנְג אוּן הָאט גֶעזָאגְט, אִיהְר מֶענֶער, אִיהְר ווֵייסְט אַז בַּייא דִיזֶער
אַרְבֵּייט הָאבֶּען מִיר אוּנְזֶער פֶערְמֶעגֶען; 26 אוּן אִיהְר זֶעהְט אוּן הֶערְט,
אַז נִיט אַלֵיין אִין עֶפֶעזוּס נֵייעֶרְט אוֹיךְ כִּמְעַט אִין גַאנְץ אַסְיָא הָאט דִיזֶער
פּוֹלוּס פִיל לֵייט אִיבֶּערְגֶערֶעט אוּן אָפְּגֶעקֶעהְרְט אִינְדֶעם עֶר הָאט גֶעזָאגְט,

אַז עֶס זֶענֶען נִיט גֶעטֶער וָואס זֶענֶען מִיט הֶענְד גֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען. 27 אוּן
נִיט אַלֵיין אִיז דִיזֶעם אוּנְזֶערֶען הַאנְדֶעל אַ סַכָּנָה צוּ בּוּשָׁה צוּ קוּמֶען,
נֵייעֶרְט אוֹיךְ דֶער טֶעמְפֶּעל פוּן דִיא גְרוֹיסֶע גֶעטִין אַרְטֶעמִיס וֶועט פַאר גָאר־
נִיט גֶעהַאלְטֶען וֶוערֶען, אוּן אִיהְרֶע גְדוּלָה וֶועט אוּנְטֶערְגֶעהֶען, צוּ וֶועלְכֶער
גַאנְץ אַסְיָא אוּן דִיא וֶועלְט דִינְט. 28 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט אוּן
זֶענֶען זֶעהְר בֶּעז גֶעוָוארֶען, הָאבֶּען זֵייא גֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט, גְרוֹים אִיז
אַרְטֶעמִיס פוּן דִיא עֶפֶעזֶער. 29 אוּן דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאדְט אִין פוּל מִיט גֶעטוּ־
מֶעל גֶעוָוארֶען; אוּן זֵייא הָאבֶּען גַאיוּס אוּן אַרִיסְטַארְכוּס אָנְגֶעחַאפְּט, וֶועלְכֶע
זֶענֶען אוֹיס מַקְדוֹנְיָא אוּן הָאבֶּען מִיט פּוֹלוּס גֶערֵייזְט, אוּן זֵייא זֶענֶען מִיט
אַמָאל אִים טֶעאַטֶער אַרֵיינְגֶעלָאפֶען. 30 אוּן וֶוען פּוֹלוּס הָאט גֶעוָואלְט
צְווִישֶׁען דֶעם פָאלְק גֶעהֶען הָאבֶּען אִיהְם דִיא תַּלְמִידִים נִיט גֶעלָאזְט.
31 אוּן אוֹיךְ עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא אָפִּיצִירֶע פוּן אַסְיָא וָואס זֶענֶען זֵיינֶע פְרֵיינְד
גֶעוֶועזֶען הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעשִׁיקְט, אוּן הָאבֶּען גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל זִיךְ נִיט
אוּנְטֶערְשְׁטֶעהֶען אִים טֶעאַטֶער אַרֵיין צוּ גֶעהֶען. 32 אַזוֹי הָאבֶּען עֶטְלִיכֶע
דָאס גֶעשְׁרִיגֶען אוּן אַנְדֶערֶע עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; וָוארִין דִיא פֶערְזַאמְלוּנְג אִיז
פֶערְטוּמֶעלְט גֶעוֶועזֶען, אוּן דִיא מֵיינְסְטֶען הָאבֶּען נִיט גֶעוְוּאוּסְט פוּן וֶועסְטְוֶועגֶען
זֵייא זֶענֶען צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען.

33 אוּן פוּן דִיא לֵייט הָאבֶּען זֵייא אַלֶכְּסַאנְדֶער אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט, דֶעם דִיא יוּדֶען
הָאבֶּען ווייטֶער גֶעשְׁטִיפְּט. אוּן אַלֶכְּסַאנְדֶער הָאט גֶעווּינְקְט מִיט דֶער הַאנְד,
אוּן הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט פָאר דֶעם פָאלְק פֶערְעֶנְטְפֶערֶען. 34 אָבֶּער וֶוען זֵייא
הָאבֶּען גֶעוָואר גֶעוָוארֶען אַז עֶר אִיז אַ יוּד, הָאבֶּען אַלֶע גֶעשְׁרִיגֶען מִיט אֵיין
קוֹל פַאר צְוֵוייא שָׁעָה לַאנְג, גְרוֹים אִיז אַרְטֶעמִיס פוּן דִיא עֶפֶעזֶער. 35 אוּן
דֶער קַאנְצְלֶער הָאט דִיא לֵייט גֶעשְׁטִילְט אוּן גֶעזָאגְט, אִיהְר מֶענֶער פוּן
עֶפֶעזוּס, וֶועלְכֶער מֶענְשׁ ווייסְט נִיט אַז דִיא שְׁטָאדְט עֶפֶעזוּס אִיז דֶער טֶעמְ־
פֶּעלְהִיטֶער פוּן דִיא גְרוֹיסֶע אַרְטֶעמִיס, אוּן פוּן דֶעם בִּילְד וָואס אִיז פוּן דֶעם
הִימֶעל אַרוּפְגֶעפַאלֶען? 36 דְרוּם ווייל דִיזֶע זַאכֶען קֶענֶען נִיט אָפְּגֶעלֵייקֶענְט וֶוערֶען,
בֶּעדַארְפְט אִיהְר שְׁטִיל צוּ זֵיין אוּן קֵיין זַאךְ אֵיילֶענְדִיג טְהוּן. 37 וָוארִין אִיהְר
הָאט דִיזֶע מֶענֶער אַהֶערְגֶעבְּרַאכְט, וָואס הָאבֶּען נִיט דִיא טֶעמְפֶּעל גֶערוֹיבְּט,
אוּן הָאבֶּען נִיט גֶעלֶעסְטֶערְט אֵייעֶרֶע גֶעטִין. 38 דְרוּם וֶוען דִימֶעטְרִיוּס אוּן דִיא
אַרְבֵּייטֶער וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְם הָאבֶּען עֶפֶּעס קֶעגֶען אֵיימִיצֶען, אַזוֹי זֶענֶען
מִשְׁפָּטִים פַארְהַאנֶען, אוּן דָא זֶענֶען קֵייזֶערְלִיכֶע שְׁטֶעלְפֶערְטְרֶעטֶער, לָאזֶען
זֵייא זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען פֶערְקְלָאגֶען 39 אָבֶּער וֶוען אִיהְר עֶפֶּעס
ווייטֶער פֶערְלַאנְגְט אַזוֹי וֶועט עֶס בֶּעשְׁלָאסֶען וֶוערֶען אִין אַ גֶעזֶעצְלִיכֶע
פֶערְזַאמְלוּנְג. 40 וָוארִין מִיר זֶענֶען אִין אַ סַכָּנָה פֶערְקְלָאגְט צוּ וֶוערֶען וֶועגֶען
קְרִיג פוּן וֶועגֶען דֶעם הַיינְטִיגֶען טָאג, וָוארִין עֶס אִיז קֵיין אוּרְזַאךְ נִיט פַאר־
הַאנֶען, אוּן דֶעסְטְוֶועגֶען קֶענֶען מִיר זִיךְ נִיט פַאר דִיזֶער פֶערְזַאמְלוּנְג פֶער־
עֶנְטְפֶערֶען. 41 אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאט עֶר דִיא פֶערְזַאמְלוּנְג
אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט.

אַפּאָסטעלגעשיכטע כ

כ 1 און װען דאָס געטומעל האָט אויפגעהערט, האָט פּולוס די תּלמידים
גערופען און דערמאָהנט, און האָט זיך מיט זיי געזעגענט, און איז אַװעקגע־
גאַנגען צו רייזען קיין מַקדוניָא. 2 און װען ער איז יענע ערטער דורכגע־
גאַנגען און האָט זיי מיט פיעלע רעד דערמאָהנט, איז ער קיין גריעכענלאַנד
געקומען, 3 און װען ער האָט זיך דאָרט דריי חדשים אויפגעהאַלטען, און
די יודען האָבען אויף איהם געלויערט, װיא ער האָט געװאָלט קיין סוריָא
אַװעקשיפען, האָט ער זיך בּעשלאָסען צוריקקעהרען דורך מַקדוניָא. 4 און
עס זענען מיט איהם געפאָהרען בּיז אַסיָא, סופּטרוס פון בּירואָה דער זוהן פון
פּורוס, אַריסטאַרכוס און סעקונדוס פון תּעסאַלוניקא, און גאַיוס פון דערבּי, און
טימותיוס, און טיכיקוס און טראָפימוס פון אַסיָא. 5 און דיזע זענען פאָראויס
געגאַנגען, און האָבען אויף אונז געװאַרט אין טרואַס. 6 אָבער נאָך די
טעג פון פּסח האָבען מיר זיך אַװעקגעשיפט פון פיליפּי, און זענען צו זיי
געקומען קיין טרואַס אין פינף טעג, און זענען דאָרט זיבּען טעג געבּליבּען.
7 און אים ערשטען טאָג פון דער װאָך, װען מיר זענען צוזאַמענגעקומען
בּרויט צו בּרעכען, האָט פּולוס צו זיי געפּרעדיגט, װאָרין ער האָט געװאָלט
דעם אַנדערען טאָג אַװעקגעהען, און האָט זיינע רעד בּיז צו מיטען נאַכט
געהאַלטען. 8 און עס זענען פיעלע ליכט געװעזען אין דער אויבּערע שטוּב װאו
מיר זענען פערזאַמעלט געװעזען. 9 און אַ געװיסער יונגער מאַן װאָס האָט
געהייסען אַבטוכוס איז בּייא דעם פענסטער געזעסען, און איז אין אַ טיפען
שלאָף געפאַלען. און װען פּולוס האָט לאַנג געפּרעדיגט, האָט איהם דער
שלאָף בּייגעקומען, און ער איז פון דעם דריטען שטאָק אַרונטערגעפאַלען, און
װען מען האָט איהם אויפגעהויבּען איז ער טויט געװעזען. 10 אָבער פּולוס איז
אַרונטערגעגאַנגען און איז אויף איהם געפאַלען, און האָט איהם אַרומגענומען און
געזאָגט, דערשרעקט אייך ניט, װאָרין זיינע נשמה איז אין איהם. 11 און ער
איז אַרויפגעגאַנגען און האָט בּרויט געבּראָכען און געגעסען, און האָט נאָך
פיל מיט זיי גערעדט בּיז צום טאָג, און אַזוי איז ער אַװעקגעגאַנגען. 12 און
זיי האָבען דעם יונגען מאַן לעבּעדיג געבּראַכט, און זיי זענען געטרייסט
געװאָרען אָהן מאָס.

13 אָבער מיר זענען פאָראויס צום שיף געגאַנגען, און האָבען זיך קיין אַסוס
געשיפט, װאָרין דאָרט האָבען מיר געװאָלט פּולוס אַרויפנעמען. װאָרין ער
האָט אַזוי בּעפוילען, װייל ער זעלבּסט איז צו פוס געגאַנגען. 14 און װען ער
האָט זיך מיט אונז אין אַסוס בּעגעגענט, האָבען מיר איהם אויפגענומען,
און זענען קיין מיטולינע געקומען. 15 און פון דאָרטען האָבען מיר זיך
װייטער אַװעקגעשיפט, און זענען אויף דעם אַנדערען טאָג קעגענאיבּער כיוס
געקומען, און דעם טאָג דערנאָך זענען מיר צו סאַמוס געלאַנדעט, און דעם
נעכסטען טאָג זענען מיר געקומען קיין מילעטוס. 16 װאָרין פּולוס האָט
בּעשלאָסען ער זאָל עפעזוס פאַרבּייא שיפען, אַז ער זאָל ניט די צייט
פערבּרענגען אין אַסיָא; װאָרין ער האָט זיך געאיילט אַז ער זאָל װען עס

זָאל מֶען גְלַייךְ זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם אוֹיף שָׁבוּעוֹת זַיין.
17 אוּן עֶר הָאט פוּן מִילֶעטוּס קַיין עֶפֶעזוּס גֶעשִׁיקְט, אוּן הָאט גֶערוּפֶען דִיא
עֶלְצְטֶע פוּן דֶער קְהִלָּה. 18 אוּן וֶוען זַייא זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, הָאט עֶר
צוּ זַייא גֶעזָאגְט, אִיהְר ווייסְט פוּן דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג אָן וֶוען אִיךְ הָאבּ אַסְיָא
בֶּעטְרֶעטֶען, אוֹיף וֶועלְכֶעם אוֹפַן אִיךְ בִּין בַּייא אַייךְ דִיא גַאנְצֶע צַייט גֶעוֶוען,
19 אוּן וויא אִיךְ הָאבּ גֶעדִינְט דֶעם הַאר'ן מִיט אַלֶער דֶעמוּט אוּן מִיט טְרֶערֶען
אוּן פְּרִיפוּנְגֶען, וָואס אִיז מִיר צוּגֶעטְרָאפֶען דוּרךְ דִיא לוֹיעֶרוּנְגֶען פוּן דִיא
יוּדֶען; 20 וויא אִיךְ הָאבּ נִיט עֶפֶּעס צוּרִיקְגֶעהַאלְטֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען נִיצְלִיךְ
פַאר אַייךְ, אַז אִיךְ זָאל נִיט אַייךְ דֶערְקְלֶעהְרֶען אוּן לֶעהְרֶען עֶפֶענְטְלִיךְ פוּן
הויז צוּ הויז, 21 אוּן זָאל בֶּעצֵייגֶען צוּ יוּדֶען אוּן גְרֶעקֶען תְּשׁוּבָה צוּ גָאט אוּן
גְלוֹיבֶּען אָן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. 22 אוּן נוּן זֶעה, אִיךְ גֶעה גֶעבּוּנְ-
דֶען אִים גַייסְט קַיין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן ווייס נִיט וָואס וֶועט מִיר דָארְט בֶּעגֶעגְנֶען,
23 חוּץ אַז דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ בֶּעצֵייגְט צוּ מִיר אִין יֶעדֶער שְׁטָאדְט אוּן זָאגְט,
אַז קֶעטֶען אוּן צָרוֹת אוֹיף מִיר וַוארְטֶען. 24 אָבֶּער אִיךְ מַאךְ מִיר גָאר נִיט
דֶערְפוּן, אוּן אִיךְ הַאלְט נִיט מֵיין לֶעבֶּען טְהֵייעֶר צוּ מִיר זֶעלְבְּסְט, אַז אִיךְ
זָאל מֵיין לוֹיף עֶנְדִיגֶען, אוּן דֶעם דִינְסְט וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם
הַאר'ן יֵשׁוּעַ, צוּ בֶּעצֵייגֶען דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן דֶער גְנָאד פוּן גָאט. 25 אוּן
אַצוּנְד זֶעה, אִיךְ ווייס אַז אִיהְר אַלֶע, צְווִישֶׁען וֶועלְכֶען אִיךְ בִּין אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען
אוּן הָאבּ גֶעפְּרֶעדִיגְט דָאס קֶענִיגְרַייךְ, וֶועט מֵיין פָּנִים נִיט מֶעהְר זֶעהֶען.
26 דְרוּם בֶּעצֵייג אִיךְ אַייךְ דֶעם הֵיינְטִיגֶען טָאג, אַז אִיךְ בִּין רַיין פוּן דֶעם
בְּלוּט פוּן אַלֶע; 27 וָוארִין אִיךְ הָאבּ נִיט פֶערְמִידֶען אַייךְ צוּ צֵייגֶען דֶעם
גַאנְצֶען סוֹד פוּן גָאט. 28 גִיבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייךְ זֶעלְבְּסְט, אוּן אוֹיף דִיא
גַאנְצֶע סְטַאדֶע, צְווִישֶׁען וֶועלְכֶע דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ הָאט אַייךְ אוֹיפְזֶעהֶער
גֶעמַאכְט, צוּ פַּאשֶׁען דִיא קְהִלָּה פוּן גָאט, וֶועלְכֶע עֶר הָאט מִיט זַיין אֵייגֶען
בְּלוּט גֶעקוֹיפְט. 29 אִיךְ ווייס אַז נָאךְ מֵיין אַפְּשֵׁיידֶען וֶועלֶען בֶּעזֶע וֶועלְף צוּ
אַייךְ אַרַיינְקוּמֶען, אוּן וֶועלֶען דִיא סְטַאדֶע נִיט שׁוֹינֶען. 30 אוּן פוּן אַייךְ
אַלֵיין וֶועלֶען מֶענְנֶער אוֹיפְשְׁטֶעהֶען וָואס וֶועלֶען פֶערְקֶעהְרְטֶע זַאכֶען רֶעדֶען,
כְּדֵי זַייא זָאלֶען דִיא תַּלְמִידִים נָאךְ זִיךְ צוּצִיהֶען. 31 דְרוּם וַואכְט, אוּן
גֶעדֶענְקְט, אַז דְרֵייא יָאהְר לַאנְג הָאבּ אִיךְ נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט נַאכְט אוּן
טָאג אִיטְלִיכֶען צוּ וָוארְנֶען מִיט טְרֶערֶען.

32 אוּן אַצוּנְד, אִיךְ עֶמְפֶּעהְל אַייךְ צוּ דֶעם הַאר'ן אוּן צוּם וָוארְט פוּן
זַיינֶע גְנָאד, וָואס אִיז מֶעכְטִיג אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן, אוּן צוּ גֶעבֶּען אַיין עֶרְבְשַׁאפְט
צְווִישֶׁען אַלֶע הֵיילִיגֶע. 33 אִיךְ הָאבּ פוּן קֵיינֶעם זִילְבֶּער אָדֶער גָאלְד אָדֶער קְלֵיידוּנְג
נִיט בֶּעגֶעהְרְט. 34 אִיהְר ווייסְט אַלֵיין אַז דִיזֶע הֶענְד הָאבֶּען גֶעדִינְט צוּ מֵיינֶע
בֶּעדֶערְפְנִים, אוּן צוּ דִיא וָואס זֶענֶען מִיט מִיר גֶעוֶוען. 35 אִיךְ הָאבּ אַייךְ
אַלֶע גֶעלֶעהְרְט אַז אִיהְר זָאלְט אַזוֹי אַרְבֵּייטֶען אוּן דִיא שְׁוַואכֶע הֶעלְפֶען,
אוּן אַז אִיהְר זָאלְט דִיא וֶוערְטֶער פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ גֶעדֶענְקֶען, וויא
עֶר אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט, עֶס אִיז מֶעהְר גֶעבֶּענְשְׁט צוּ גֶעבֶּען וויא צוּ נֶעמֶען.

36 און װען ער האט דאס געזאגט, האט ער געקניעט און האט מיט זייא אַלע
געבעטען. 37 און זייא האבען אַלע שטאַרק געװיינט, און זענען פולוס אויף
דעם האַלז געפאַלען, און האבען איהם געקישט; 38 און זייא זענען בעזונ־
דער טרויריג געװען איבער דעם װאָרט װאס ער האט געזאגט, אַז זייא
װעלען זיין פּנים ניט מעהר זעהען. און זייא האבען איהם ביז צו דעם שיף
בעגלייט.

כא

1 און װען עס איז געשעהען אַז מיר האבען זיך פון זייא אָפּגעזונדערט
און זענען אַװעקגעשיפט, זענען מיר געקומען מיט אַ גלייכען װעג קיין קואַס,
און דעם אַנדערען טאג קיין רודוס, און פון דאָרטען קיין פּטרא. 2 און װען
מיר האבען אַ שיף געפינען װאס געהט אַריבער קיין פיניקיא, זענען מיר
אַריינגעגאַנגען און האבען זיך אַװעקגעשיפט. 3 און װען מיר האבען קיפּרוס
דערזעהען, און האבען עס צו דיא לינקע האַנד איבערגעלאָזט, האבען מיר
זיך קיין סוריא געשיפט, און זענען קיין צר אַרופגעקומען; װאָרין דאָרט האט
דאס שיף געזאלט מַשָׂא אָפּלעגען. 4 און מיר האבען דיא תלמידים געפינען,
און זענען דאָרט זיבען טעג געבליבען, װעלכע האבען צו פולוס דורך דעם
גייסט געזאגט, אַז ער זאָל ניט אַרויפגעהען קיין ירושלים. 5 און װען מיר
האבען דיא טעג געענדיגט, זענען מיר אַװעקגעגאַנגען, און זייא האבען אונז
אַלע בעגלייט מיט װייבער און קינדער ביז אויס דער שטאָדט אַרויס, און
מיר האבען געקניעט ביים באָרטען פון ים, און האבען געבעטען; 6 און װען
מיר האבען זיך מיט איינאַנדער געזעגענט, זענען מיר צום שיף אַריינגעגאַנ־
גען, אָבער זייא האבען זיך אַהיים געקעהרט.

7 און װען מיר האבען דיא רייזע פון צר געענדיגט, זענען מיר אַרופגעקו־
מען קיין פּטאלעמא, און װען מיר האבען דיא ברידער געגריסט, זענען מיר
ביי זייא איין טאג געבליבען. 8 און דעם אַנדערען טאג זענען מיר אַװעק־
געגאַנגען, און זענען קיין קיסרין געקומען, און זענען אַריינגעגאַנגען אים
הויז פון פיליפּוס, װאס איז אַ מבשׂר געװען און איינער פון דיא זיבען, און מיר
זענען ביי איהם געבליבען. 9 און דיזער האט פיער טעכטער געהאַט װאס
זענען בתולות געװען, און האבען נבואות געזאגט.

10 און נאָכדעם מיר זענען דאָרט פילע טעג געבליבען, איז אַ נביא אַרופּ־
געקומען פון דעם לאַנד יהודה, װאס האט געהייסען אַגאַבוס, 11 און ער איז
צו אונז געקומען, און האט דעם גאַרטעל פון פולוס גענומען, און האט זיך
געבונדען הענד און פיס, און האט געזאגט, דאס זאגט דער רוח הקודש,
אַזוי װעלען דיא יודען אין ירושלים בינדען דעם מאַן װעמעס גאַרטעל דאס
איז, און װעלען איהם אין דיא הענד פון דיא גוים איבערגעבען. 12 און װען
מיר האבען דיזע װערטער געהערט, האבען מיר און דיא לייט פון דעם אָרט איהם
געבעטען, אַז ער זאָל ניט אַרויפגעהען קיין ירושלים. 13 דאַן האט פולוס
געענטפערט, װאס טהוט איהר, אַז איהר װיינט און צוברעכט מיין האַרץ?
װאָרין איך בין אָנגעברייט ניט אַליין געבונדען צו װערען, נייערט אויך צו

אפאסטעלגעשיכטע כא

שטארבען אין ירושלים פאר דעם נאמען פון דעם האר'ן ישוע. 14 און וויל
ער האט זיך ניט געלאזט איבעררעדען, האבען מיר אויפגעהערט און געזאגט,
לאז דער ווילען פון דעם האר'ן געשעהען.

15 און נאך דיזע טעג האבען מיר אונזערע זאכען איינגעפאקט און זענען
ארויפגעגאנגען קיין ירושלים. 16 און עטליכע פון דיא תלמידים פון קיסרין
זענען מיט אונז געגאנגען, און האבען מיט זיך געפיהרט א געוויסען מנסון
פון קיפרוס, איין אלטען תלמיד, ביי וועלכעם מיר האבען געזאלט איינ־
שטעהען.

17 און ווען מיר זענען קיין ירושלים געקומען, האבען אונז דיא ברידער
מיט פרייד אויפגענומען. 18 און דעם אנדערען טאג איז פולוס מיט אונז צו
יעקב אריינגעגאנגען, און אלע עלצטע זענען אהין געקומען. 19 און ווען ער
האט זייא געגריסט האט ער זייא דערצעהלט איינס נאך דעם אנדערען וואס
גאט האט צווישען דיא גוים געטהון דורך זיין דינסט. 20 און ווען זייא האבען
דאס געהערט, האבען זייא גאט געלויבט, און האבען צו איהם געזאגט, דוא
זעהסט, ברודער, וויא פיל טויזענד צווישען דיא יודען זענען דיא וואס
גלויבען, און זייא זענען אלע אייפריג פאר דער תורה. 21 און זייא האבען
וועגען דיר געהערט, אז דוא לעהרסט אלע יודען וואס זענען צווישען דיא
גוים אז זייא זאלען פון תורת משה אפטרעטען, און דוא זאגסט אז זייא
זאלען דיא קינדער ניט בעשניידען, און זאלען ניט נאך דיא מנהגים נאכ־
געהען. 22 וואס דען איז עס? געוויס וועלען זייא הערען אז דוא ביסט
געקומען. 23 דרום טהוא דאס וואס מיר צו דיר זאגען; עס זענען מיט אונז
פיער מענער וואס האבען אויף זיך א נדר. 24 נעם דיזע, און רייניג דיך מיט
זייא, און לאז דיך גאהלען פאר זייא, אז זייא זאלען זיך דעם קאפ שערען,
און אלע וועלען וויסען אז דאס וואס זייא האבען וועגען דיר געהערט איז
גאר ניט, אבער דוא זעלבסט וואנדעלסט אויפריכטיג, און האלטסט דיא
תורה. 25 אבער וועגען דיא גוים וואס גלויבען, האבען מיר געשריבען און
האבען פערארדנעט אז זייא זאלען זיך היטען פון דיא קרבנות צו דיא
אפגעטער און פון בלוט און פון דערווארגענע זאכען און פון זנות. 26 דאן
האט פולוס דיא מענער גענומען, און דעם אנדערען טאג האט ער זיך
מיט זייא גערייניגט, און איז אים בית המקדש אריינגעגאנגען, און האט אנ־
געזאגט דיא דערפילונג פון דיא טעג פון דער רייניגונג, ביז דער קרבן זעט
פאר איטליכען פון זייא געבראכט ווערען.

27 און ווען דיא זיבען טעג זענען באלד געענדיגט געווען, האבען
איהם דיא יודען פון אסיא אים בית המקדש געזעהען, און האבען דאס
גאנצע פאלק אויפגעהעצט, און האבען זייערע הענד אויף איהם געלעגט,
28 און האבען געשריגען, מענער פון ישראל, העלפט; דאס איז דער
מאן וואס לעהרט אלע מענשען אין אלע ערטער קעגען דעם פאלק
און דער תורה און דיזעם ארט; און ער האט אויך גריעכען אים בית

הַמִקְדָשׁ אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט, אוּן הָאט דִיזֶעם הֵיילִיגֶען אָרְט גֶעמֵיין גֶעמַאכְט.
29 וָוארִין זֵייא הָאבֶּען פְרִיהֶער גֶעזֶעהֶען טְרוֹפִימוּס פוּן עֶפֶעזוּס מִיט אִיהְם אִין
דֶער שְׁטָאדְט, אוּן הָאבֶּען גֶעדַאכְט אַז פּוֹלוּס הָאט אִיהם אִים בֵּית הַמִקְדָשׁ
אַרַיינְגֶעפִיהְרְט. 30 אוּן דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאדְט אִיז פֶערְטוּמֶעלְט גֶעוָוארֶען, אוּן
דָאס פָאלְק אִיז צוּנוֹיף גֶעלָאפֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען פּוֹלוּס אָנְגֶענוּמֶען אוּן
הָאבֶּען אִיהְם פוּן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט, אוּן גְלֵייךְ זֶענֶען דִיא
טְהִירֶען פֶערְשְׁלָאסֶען גֶעוָוארֶען.
31 אוּן וִויא זֵייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעוָואלְט הַרְגֶענֶען, אִיז אַ בֶּערִיכְט צוּם
הוֹיפְּטְמַאן פוּן דֶעם חַיִל אָנְגֶעקוּמֶען, אַז גַאנְץ יְרוּשָׁלַיִם אִיז אִין אַ מְהוּמָה.
32 אוּן גְלֵייךְ הָאט עֶר סָאלְדַאטֶען אוּן אָפִיצִירֶען גֶענוּמֶען, אוּן אִיז צוּ זֵייא
אַרוּפְּגֶעלָאפֶען; אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען דֶעם הוֹיפְּטְמַאן אוּן דִיא סָאלְדַאטֶען דֶערְזֶעהֶען
הָאבֶּען זֵייא אוֹיפְגֶעהֶערְט פּוֹלוּס צוּ שְׁלָאגֶען. 33 דַאן אִיז דֶער הוֹיפְּטְמַאן
צוּגֶעקוּמֶען, אוּן הָאט אִיהְם גֶענוּמֶען אוּן הָאט אִיהְם גֶעהֵייסֶען בִּינְדֶען מִיט
צְוֵוייא קֶעטֶען; אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט וֶוער עֶר אִיז, אוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטְהוּן.
34 אוּן אִיטְלִיכֶער צְווִישֶׁען דֶעם פָאלְק הָאט עֶפֶּעס גֶעשְׁרִיגֶען אוּן אַ יֶעדֶער
אַנְדֶערְשׁ; אוּן וֶוען עֶר הָאט נִיט גֶעקֶענְט קֵיין זִיכֶערֶעס וִויסֶען דוּרְךְ דֶעם
גֶעטוּמֶעל, הָאט עֶר אִיהְם גֶעהֵייסֶען אִים לַאגֶער אַרֵיינְפִיהְרֶען. 35 אָבֶער וֶוען
עֶר אִיז אוֹיף דִיא טְרֶעפֶּען גֶעקוּמֶען, הָאבֶּען אִיהְם דִיא סָאלְדַאטֶען גֶעטְרָאגֶען
וֶועגֶען דֶער גֶעוַואלְטְהֶעטִיגְקֵייט פוּן דִיא לֵייט. 36 וָוארִין פִיל פָאלְק אִיז
נָאכְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט גֶעשְׁרִיגֶען, אַוֶועק מִיט אִיהְם.
37 אוּן וֶוען פּוֹלוּס הָאט גֶעזָאלְט אִים לַאגֶער אַרֵיינְגֶעפִיהְרְט וֶוערֶען הָאט עֶר צוּם
הוֹיפְּטְמַאן גֶעזָאגְט, מֶעג אִיךְ דִיר עֶפֶּעס זָאגֶען? אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט,
פֶערְשְׁטֶעהְסְט דוּא גְרֶעקִישׁ? 38 בִּיסְט דוּא נִיט דֶער מִצְרִי וָואס פָאר דִיזֶע
טֶעג הָאסְט אַ מְרִידָה גֶעמַאכְט, אוּן הָאסְט אִין דֶער וִויסְטֶענִיס אַרוֹיסְגֶעפִיהְרְט
פִיעֶר טוֹיזֶענְד מֶענְשֶׁען פוּן דִיא רוֹצְחִים? 39 אוּן פּוֹלוּס הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ
בִּין אַ יוּדִישֶׁער מַאן אוֹיס תַּרְשִׁישׁ אִין קִילִיקְיָא, אַ בִּירְגֶער פוּן קֵיינֶע גֶעמֵיינֶע
שְׁטָאדְט; אוּן אִיךְ בֶּעט דִיךְ, לָאז מִיךְ צוּם פָאלְק רֶעדֶען. 40 אוּן וֶוען עֶר
הָאט אִיהְם גֶעלָאזְט, הָאט זִיךְ פּוֹלוּס גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִיא טְרֶעפֶּען אוּן הָאט
מִיט דֶער הַאנְד צוּם פָאלְק גֶעווִינְקְט. אוּן וֶוען עֶס אִיז גַאנְץ שְׁטִיל גֶעוָוארֶען,
הָאט עֶר צוּ זֵייא אִין הֶעבְּרֶעאִישׁ גֶערֶעדט אוּן גֶעזָאגְט,

כב 1 מֶענֶער, בְּרִידֶער אוּן פֶעטֶער, הָארְכְט אַצוּנְד מֵיינֶע פֶערְעֶנְטְפֶערוּנְג צוּ
אֵייךְ. 2 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען גֶעהֶערְט אַז עֶר הָאט צוּ זֵייא אִין הֶעבְּרֶעאִישׁ
גֶערֶעדט, זֶענֶען זֵייא נָאךְ שְׁטִילֶער גֶעוָוארֶען. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, 3 אִיךְ
בִּין אַ יוּדִישֶׁער מַאן, גֶעבּוֹירֶען אִין תַּרְשִׁישׁ אִין קִילִיקְיָא, אוּן אִיךְ בִּין
אוֹיפְגֶעצוֹיגֶען אִין דִיזֶער שְׁטָאדְט צוּ דִיא פִיס פוּן גַמְלִיאֵל, אוּן בִּין
שְׁטְרֶענְג גֶעלֶערְנְט גֶעוֶוען אִין דֶער תּוֹרָה פוּן דִיא פֶעטֶער, אוּן הָאבּ קִנְאָה
גֶעהַאט וֶועגֶען גָאט אַזוֹי וִויא אִיהְר אַלֶע דֶעם הֵיינְטִיגֶען טָאג. 4 אוּן אִיךְ
הָאבּ דִיזֶען וֶועג פֶערְפָאלְגְט בִּיז צוּם טוֹיט, אִינְדֶעם אִיךְ הָאבּ מֶענֶער אוּן

פְרויעֶן גֶעבּוּנְדֶען און אִין גֶעפֶענְגְנִיס אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען, 5 אַזוֹי וִויא אוֹיךְ דֶער
כֹּהֵן גָדוֹל און אַלֶע עֶלְצְטֶע מִיר בֶּעצֵייגֶען; פוּן וֶועלְכֶע אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ בְּרִיף
גֶענוּמֶען צוּ דִיא בְּרִידֶער, און בִּין קַיין דַמֶשֶׂק גֶעגַאנְגֶען אַז אִיךְ זָאל בְּרֶענְגֶען
אוֹיךְ דִיא וָואס זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען גֶעבּוּנְדֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, אַז זַייא זָאלֶען
בֶּעשְׁטְרָאפְט וֶוערֶען. 6 און עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וִויא אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען און בִּין
נָאהֶענְט צוּ דַמֶשֶׂק גֶעקוּמֶען קֶעגֶען מִיטֶען טָאג, פְּלוּצְלִינְג הָאט אַ גְרוֹיס לִיכְט
פוּן הִימֶעל אַרוּם מִיר גֶעשַׁיינְט, 7 און אִיךְ בִּין צוּ דֶער עֶרְד גֶעפַאלֶען און
הָאבּ אַ קוֹל גֶעהֶערְט וָואס הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, שָׁאוּל, שָׁאוּל, וָוארוּם פֶערְפָאלְגְסְט
דוּא מִיךְ? 8 און אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְטְפֶערְט, הַאר, וֶוער בִּיסְט דוּא? און עֶר
הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, אִיךְ בִּין יֵשׁוּעַ הַנָּצְרִי, דֶעם דוּא פֶערְפָאלְגְסְט, 9 און
דִיא וָואס זֶענֶען מִיט מִיר גֶעוֶוען הָאבֶּען דָאס לִיכְט גֶעזֶעהֶען, אָבֶּער דָאס קוֹל
וָואס הָאט צוּ מִיר גֶערֶעט הָאבֶּען זַייא נִיט גֶעהֶערְט. 10 און אִיךְ הָאבּ
גֶעזָאגְט, הַאר, וָואס זָאל אִיךְ טְהוּן? און דֶער הַאר הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט,
שְׁטֶעה אוֹיף און גֶעה קַיין דַמֶשֶׂק, און דָארְט וֶועט דִיר גֶעזָאגְט וֶוערֶען וֶועגֶען
אַלֶעם וָואס אִיז דִיר בֶּעשְׁטִימְט גֶעוָוארֶען צוּ טְהוּן. 11 און וֶוען אִיךְ הָאבּ
נִיט גֶעקֶענְט זֶעהֶען פַאר דִיא קְלָארְהֵייט פוּן דִיזֶעם לִיכְט, בִּין אִיךְ גֶעפִיהְרְט
גֶעוָוארֶען בֵּייא דֶער הַאנְד פוּן דִיא וָואס זֶענֶען מִיט מִיר גֶעוֶוען, און בִּין
קַיין דַמֶשֶׂק גֶעקוּמֶען.

12 און אַ גֶעווִיסֶער חֲנַנְיָה, אַ פְרוּמֶער מַאן נָאךְ דֶעם גֶעזֶעץ, וָואס אִיז
בֶּעצֵייגְט גֶעוֶוען פוּן אַלֶע יוּדֶען וָואס הָאבֶּען דָארְט גֶעוְואוֹינְט, 13 אִיז צוּ
מִיר גֶעקוּמֶען, און הָאט זִיךְ בֵּייא מִיר גֶעשְׁטֶעלְט, און הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט,
בְּרוּדֶער שָׁאוּל, זַייא זֶעהֶענְדִיג. און אִין דִיא זֶעלְבִּיגֶע שָׁעָה הָאבּ אִיךְ אִיהְם
אָנְגֶעזֶעהֶען. 14 און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דֶער גָאט פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת הָאט
דִיךְ פָארְאוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט אַז דוּא זָאלְסְט זַיין ווִילֶען דֶערְקֶענֶען, און זָאלְסְט
דֶעם גֶערֶעכְטֶען זֶעהֶען און זָאלְסְט הֶערֶען אַ קוֹל פוּן זַיין מוֹיל, 15 וָוארִין
דוּא זָאלְסְט אִיהְם צוּם עֵדוּת זַיין צוּ אַלֶע מֶענְשֶׁען, וֶועגֶען דִיא זַאכֶען וָואס
דוּא הָאסְט גֶעזֶעהֶען און גֶעהֶערְט. 16 און אַצוּנְד וָוארוּם זָאמְסְט דוּא דִיךְ?
שְׁטֶעה אוֹיף און לָאז דִיךְ טוֹבְלֶן, און וַואשׁ אָפּ דֵיינֶע זִינְד, און רוּף אָן דֶעם
נָאמֶען פוּן דֶעם הַאר'ן.

17 און עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען וֶוען אִיךְ הָאבּ מִיךְ קַיין יְרוּשָׁלַיִם אוּמְגֶעקֶעהְרְט,
און הָאבּ אִים בֵּית הַמִּקְדָּשׁ גֶעבֶּעטֶען, אַזוֹי בִּין אִיךְ אִין אֵיינֶע עֶרְשֵׁיינוּנְג
גֶעוֶוען, 18 און אִיךְ הָאבּ אִיהְם גֶעזֶעהֶען, אַז עֶר הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, אֵייל
דִיךְ, און גֶעה גֶעשְׁווִינְד אַרוֹיס אוֹיס יְרוּשָׁלַיִם, וָוארִין זַייא וֶועלֶען נִיט דֵיין
צֵייגְנִיס וֶועגֶען מִיר אָנְנֶעמֶען. 19 און אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, הַאר, זַייא אַלֵיין
ווִיסֶען אַז אִיךְ הָאבּ אִין גֶעפֶענְגְנִיס אֵיינְגֶעזֶעצְט און הָאבּ אִין אַלֶע שׁוּלֶען
גֶעשְׁלָאגֶען דִיא וָואס הָאבֶּען אַן דִיר גֶעגְלוֹיבְּט; 20 און וֶוען דָאס בְּלוּט פוּן
דֵיין עֵדוּת סְטֶעפַאנוּס אִיז פֶערְגָאסֶען גֶעוֶוען, בִּין אִיךְ זֶעלְבְּסְט דֶערְבֵּייא
גֶעשְׁטַאנֶען, און הָאבּ אֵיינְגֶעווִילִיגְט און הָאבּ דִיא קְלֵיידֶער גֶעהִיט פוּן דִיא

וָואס הָאבֶּען אִיהְם גֶעהַרְגֶעט. 21 און עֶר הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, גֶעה אַהִין,
וָוארִין אִיךְ וֶועל דִיךְ ווַייט אַוֶועקְשִׁיקֶען צוּ דִיא גוֹיִם.
22 און זַייא הָאבֶּען אִיהְם צוּגֶעהֶערְט בִּיז צוּ דִיזֶעם וָוארְט, און הָאבֶּען זַייעֶר
קוֹל אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען און גֶעזָאגְט, אַוֶועק מִיט אַזֶעלְכֶעם מַאן פוּן דֶער עֶרְד,
וָוארִין עֶר דַארְף נִיט לֶעבֶּען. 23 און דֶערְווַייל זַייא הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען און
הָאבֶּען זַייעֶרֶע קְלֵיידֶער צוּרִיסֶען און הָאבֶּען שְׁטוֹיבּ אִין דֶער לוּפְט
גֶעוָוארְפֶען, 24 הָאט דֶער הוֹיפְּטְמַאן בֶּעפוֹילֶען אַז מֶען זָאל אִיהְם אִים לַאּ-
גֶער אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען, און הָאט גֶעזָאגְט אַז זַייא זָאלֶען אִיהְם שְׁמִיץ גֶעבֶּען
און פֶערְהֶערֶען, כְּדֵי עֶר זָאל ווִיסֶען פַארְוָואס זַייא שְׁרֵייעֶן אַזוֹי פִיל קֶעגֶען
אִיהְם. 25 און ווִיא זַייא הָאבֶּען אִיהְם מִיט רִימֶען אָנְגֶעבּוּנְדֶען, הָאט פּוֹלוֹס
צוּ דֶעם אָפִיצִיר גֶעזָאגְט דֶער אִיז דֶערְבֵּייא גֶעשְׁטַאנֶען, אִיז עֶס אוֹיךְ דֶערְלוֹיבְּט
אַ רוֹמִישֶׁען מַאן אָהְן אַ מִשְׁפָּט צוּ שְׁלָאגֶען? 26 און וֶוען דֶער אָפִיצִיר הָאט
דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר צוּם הוֹיפְּטְמַאן גֶעגַאנְגֶען און הָאט דֶערְצֶעהְלְט און
גֶעזָאגְט, וָואס טְהוּסְט דוּא? וָוארִין דִיזֶער מַאן אִיז אַ רוֹמֶער. 27 און דֶער
הוֹיפְּטְמַאן אִיז צוּגֶעקוּמֶען און הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, זָאג מִיר, בִּיסְט דוּא אַ
רוֹמֶער? און עֶר הָאט גֶעזָאגְט, יָא. 28 און דֶער הוֹיפְּטְמַאן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט,
אִיךְ הָאבּ דִיזֶעם בִּירְגֶערְרֶעכְט פַאר פִיל גֶעלְד בֶּעקוּמֶען. און פּוֹלוֹס הָאט
גֶעזָאגְט, אָבֶּער אִיךְ בִּין פְרֵייא גֶעבּוֹירֶען. 29 דְרוּם הָאבֶּען זַייא בַּאלְד פוּן אִיהְם
אָפְּגֶעטְרֶעטֶען וָואס הָאבֶּען אִיהְם גֶעזָאלְט פֶערְהֶערֶען; און אוֹיךְ דֶער הוֹיפְּטְמַאן
הָאט זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואר גֶעוָוארֶען אַז עֶר אִיז אַ רוֹמֶער,
און ווַייל עֶר הָאט אִיהְם גֶעבּוּנְדֶען.
30 און דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג, ווַייל עֶר הָאט פַאר זִיכֶער גֶעוָואלְט ווִיסֶען
וָוארוּם עֶר אִיז פֶערְקְלָאגְט גֶעוֶוען פוּן דִיא יוּדֶען, הָאט עֶר אִיהְם פְרֵייא
גֶעמַאכְט, און הָאט גֶעהֵייסֶען דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים און דָאס גַאנְצֶע סַנְהֶדְרִין
צוּזַאמֶענְקוּמֶען, און הָאט פּוֹלוֹס אַרוּפְּגֶעבְּרַאכְט, און הָאט אִיהְם צְווִישֶׁען זַייא
גֶעשְׁטֶעלְט.

כג 1 און פּוֹלוֹס הָאט דָאס סַנְהֶדְרִין אָנְגֶעזֶעהֶען און גֶעזָאגְט, מֶענֶער בְּרִי-
דֶער, אִיךְ הָאבּ פָאר גָאט גֶעוַואנְדֶעלְט מִיט גַאנְץ גוּטֶען גֶעווִיסֶען בִּיז צוּם
הֵיינְטִיגֶען טָאג. 2 און חֲנַנְיָה דֶער כֹּהֵן גָדוֹל הָאט גֶעהֵייסֶען דִיא וָואס זֶענֶען
דֶערְבֵּייא גֶעשְׁטַאנֶען, אַז זַייא זָאלֶען אִיהְם אוֹיף דֶעם מוֹיל שְׁלָאגֶען.
3 דַאן הָאט פּוֹלוֹס צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גָאט וֶועט דִיךְ שְׁלָאגֶען, דוּא אִיבֶּערְ-
גֶעקְלֶעבְּטֶע ווַאנְד! זִיצְסְט דוּא מִיךְ צוּ רִיכְטֶען נָאךְ דֶעם גֶעזֶעץ, און
קֶעגֶען דֶעם גֶעזֶעץ הֵייסְט מִיךְ שְׁלָאגֶען? 4 און דִיא וָואס זֶענֶען דֶערְ-
בֵּייא גֶעשְׁטַאנֶען הָאבֶּען גֶעזָאגְט, זִידֶעלְסְט דוּא דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל פוּן גָאט?
5 און פּוֹלוֹס הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ נִיט גֶעוְואוּסְט, בְּרִידֶער, אַז עֶר אִיז
כֹּהֵן גָדוֹל; וָוארִין עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, דוּא זָאלְסְט נִיט אִיבֶּעל רֶעדֶען
פוּן דֶעם פִירְשְׁטֶען פוּן דֵיין פָאלְק. 6 און וֶוען פּוֹלוֹס הָאט גֶעוְואוּסְט אַז

שמות כב׳ כז׳. 5

אַפּאָסטעלגעשיכטע כג

דֶער אַיינֶע טְהַייל אִיז צַדוּקִים אוּן דֶער אַנְדֶערֶע טְהַייל אִיז פְּרוּשִׁים,
הָאט עֶר אִים סַנְהֶדְרִין גֶעשְׁרִיגֶען, מֶענֶער בְּרִידֶער, אִיךְ בִּין אַ פָּרוּשׁ,
דֶער זוּהְן פוּן פְּרוּשִׁים; װעגֶען דֶער הָאפְנוּנְג אוּן תְּחִיַת הַמֵתִים בִּין אִיךְ
גֶערִיכְטֶעט. 7 אוּן װען עֶר הָאט דָאס גֶערֶעט, אִיז אַ שְׁטְרַייט גֶעװאָרֶען צְוִוי־
שֶׁען דִיא פְּרוּשִׁים אוּן דִיא צַדוּקִים, אוּן דִיא פֶערְזַאמְלוּנְג אִיז צוּטְהֵיילְט
גֶעװאָרֶען. 8 װָארִין דִיא צַדוּקִים זָאגֶען אַז עֶס אִיז נִיט פַארְהַאנֶען קֵיין תְּחִיַת
הַמֵתִים אוּן קֵיין מַלְאָךְ אוּן קֵיין גֵייסְט; אָבֶּער דִיא פְּרוּשִׁים בֶּעקֶענֶען בֵּיידֶעס.
9 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אַ גְרוֹיס גֶעשְׁרַייא, אוּן עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא סוֹפְרִים פוּן
דֶעם טְהַייל פוּן דִיא פְּרוּשִׁים זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאבֶּען גֶעשְׁטְרִיטֶען אוּן
גֶעזָאגְט, מִיר הָאבֶּען קֵיין שְׁלֶעכְטֶעס אִין דִיזֶעם מַאן גֶעפִינֶען; אָבֶּער װָאס
דֶען װען אַ גֵייסְט אָדֶער אַ מַלְאָךְ הָאט צוּ אִיהְם גֶערֶעט? 10 אוּן װען עֶס אִיז
גֶעשֶׁעהֶען אַ גְרוֹיס שְׁטְרַייט, הָאט דֶער הוֹיפְּטְמַאן זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען אַז זַייא
זָאלֶען נִיט פּוֹלוֹס צוּרֵייסֶען, אוּן הָאט דִיא סָאלְדַאטֶען גֶעהֵייסֶען אַרוּפְגֶעהֶען,
אוּן פּוֹלוֹס פוּן מִיטֶען זַייא אַװעקְשְׁלֶעפֶּען, אוּן אִים לַאגֶער אַרַיין פִיהְרֶען.
11 אוּן אִין דִיא אַנְדֶערֶע נַאכְט אִיז דֶער הַאר בֵּייא אִיהְם גֶעשְׁטַאנֶען אוּן
הָאט גֶעזָאגְט, זַייא גֶעטְרַייסְט, װָארִין אַזוֹי װִיא דוּא הָאסְט בֶּעצֵייגְט װעגֶען
מִיר אִין יְרוּשָׁלַיִם, אַזוֹי מוּזְט דוּא אוֹיךְ אִין רוֹם בֶּעצֵייגֶען.
12 אוּן װען עֶס אִיז טָאג גֶעװאָרֶען, הָאבֶּען דִיא יוּדֶען אַ חֵרֶם גֶעמַאכְט,
אוּן הָאבֶּען זִיךְ פֶערְשְׁװאוֹירֶען אוּן גֶעזָאגְט אַז זַייא װעלֶען נִיט עֶסֶען אוּן
נִיט טְרִינְקֶען, בִּיז זַייא הָאבֶּען פּוֹלוֹס גֶעהַרְגֶעט. 13 אוּן עֶס זֶענֶען מֶעהְר
װִיא פִיעֶרְצִיג גֶעװעזֶען װָאס הָאבֶּען דִיזֶע פֶערְשְׁװערוּנְג גֶעמַאכְט. 14 אוּן זַייא
זֶענֶען צוּ דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן צוּ דִיא עֶלְצְטֶע גֶעקוּמֶען אוּן הָאבֶּען
גֶעזָאגְט, מִיר הָאבֶּען שְׁטְרֶענְג בְּחֵרֶם גֶעשְׁװאוֹירֶען אַז מִיר זָאלֶען נִיט עֶסֶען
בִּיז מִיר זָאלֶען פּוֹלוֹס הַרְגֶענֶען. 15 דְרוּם לָאזְט אִיהְר אַצוּנְד דֶעם הוֹיפְּטְמַאן
אוּן דָאס סַנְהֶדְרִין װִיסֶען, אַז עֶר זָאל אִיהְם צוּ אֵייךְ אַרוּפְבְּרֶענְגֶען, גְלֵייךְ אוֹיבּ
אִיהְר װָאלְט בֶּעסֶער נָאכְפָארְשֶׁען דִיא זַאכֶען װעגֶען אִיהְם; אוּן מִיר זֶענֶען
פַארְטִיג אִיהְם צוּ אוּמְבְּרֶענְגֶען אַזוֹי בַּאלְד עֶר װעט נָאהֶענְט קוּמֶען.
16 אָבֶּער דֶער זוּהְן פוּן פּוֹלוֹס שְׁװעסְטֶער הָאט פוּן דֶער לוֹיעֶרוּנְג גֶעהֶערְט,
אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אִיז אִים לַאגֶער אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט דָאס צוּ
פּוֹלוֹס דֶערְצֶעהְלְט. 17 אוּן פּוֹלוֹס הָאט אֵיינֶעם פוּן דִיא אָפִיצִירֶען גֶערוּפֶען אוּן
גֶעזָאגְט, פִיהְר דִיזֶען יוּנְגֶען מַאן אַװעק צוּם הוֹיפְּטְמַאן, װָארִין עֶר הָאט עֶפֶּעס
אִיהְם צוּ דֶערְצֶעהְלֶען. 18 דְרוּם הָאט עֶר אִיהְם גֶענוּמֶען אוּן הָאט אִיהְם צוּם
הוֹיפְּטְמַאן גֶעבְּרַאכְט אוּן גֶעזָאגְט, פּוֹלוֹס דֶער גֶעפַאנְגֶענֶער הָאט מִיךְ גֶערוּפֶען
אוּן הָאט גֶעבֶּעטֶען אַז אִיךְ זָאל דִיזֶען יוּנְגֶען מַאן צוּ דִיר פִיהְרֶען, װעלְכֶער
הָאט דִיר עֶפֶּעס צוּ זָאגֶען. 19 אוּן דֶער הוֹיפְּטְמַאן הָאט אִיהְם אָנְגֶענוּמֶען
בֵּייא דֶער הַאנְד, אוּן אִיז אוֹיף דֶער זַייט גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אִיהְם גֶעפְרֶעגְט,
װָאס אִיז דָאס װָאס דוּא הָאסְט מִיר צוּ דֶערְצֶעהְלֶען? 20 אוּן עֶר הָאט
גֶעזָאגְט, דִיא יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ פֶערְאֵיינִיגְט דִיךְ צוּ בֶּעטֶען אַז דוּא זָאלְסְט

פּוֹלוֹס מָארְגֶען צוּ דֶעם סַנְהֶדְרִין אַרוּפְבְּרֶענְגֶען גְלֵייךְ וִויא דוּא וָואלְסְט עֶפֶּעס
בֶּעסֶער נָאכְפְּרֶעגֶען וֶועגֶען אִיהְם. [21] דְרוּם פָאלְג דוּא זֵייא נִיט; וָוארִין מֶעהְר
וִויא פִיעְרְצִיג מֶענֶער פוּן זֵייא לוֹיעֶרְן אוֹיף אִיהְם, וָואס הָאבֶּען אַ חֵרֶם
גֶעמַאכְט אַז זֵייא וֶועלֶען נִיט עֶסֶען אוּן נִיט טְרִינְקֶען בִּיז זֵייא וֶועלֶען אִיהְם
אוּמְבְּרֶענְגֶען; אוּן אַצוּנְד זֶענֶען זֵייא אָנְגֶעבְּרֵייט, אוּן פַאר דֶעם צוּזָאגֶען פוּן דִיר
וַוארְטֶען.
[22] אַזוֹי הָאט דֶער הוֹיפְּטְמַאן דֶעם יוּנְגֶען מַאן אָפְּגֶעלָאזְט, אוּן הָאט אִיהְם
אָנְגֶעזָאגְט, דוּא זָאלְסְט פָאר קֵיינֶעם נִיט אוֹיסְזָאגֶען אַז דוּא הָאסְט מִיר דִיזֶע
זַאכֶען צוּ וִויסֶען גֶעטְהוּן. [23] אוּן עֶר הָאט צְוֵוייא פוּן דִיא אָפִיצִירֶען גֶערוּפֶען
אוּן גֶעזָאגְט, בְּרֵייט אָן צְוֵוייא הוּנְדֶערְט סָאלְדַאטֶען אַז זֵייא זָאלֶען גֶעהֶען בִּיז
קֵיסְרִין, אוּן זִיבֶּענְצִיג רֵייטֶער, אוּן צְוֵוייא הוּנְדֶערְט וָואס טְרָאגֶען שְׁפִּיזֶען,
אוֹיף דִיא דְרִיטֶע שָׁעָה פוּן דֶער נַאכְט, [24] אוּן שְׁטֶעל צוּ בְּהֵמוֹת, אַז זֵייא
זָאלֶען פּוֹלוֹס אוֹיפְזֶעצֶען אוּן זָאלֶען אִיהְם זִיכֶער פִיהְרֶען צוּ פֶעלִיקְס דֶעם
גוּבֶּערְנֶער. [25] אוּן עֶר הָאט אִין אַ בְּרִיף נָאךְ דִיזֶער גֶעשְׁטַאלְט גֶעשְׁרִיבֶּען;
[26] קְלוֹדִיוּס לוּסִיאַס לָאזְט גְרִיסֶען דֶעם עֶדֶעלְסְטֶען גוּבֶּערְנֶער פֶעלִיקְס. [27] דִיזֶער
מַאן אִיז גֶעפַאנְגֶען גֶעוֶוען פוּן דִיא יוּדֶען, אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען אִיהְם
גֶעוָואלְט אוּמְבְּרֶענְגֶען בִּין אִיךְ מִיט סָאלְדַאטֶען צוּגֶעקוּמֶען אוּן הָאבּ אִיהְם
אוֹיסְגֶערִיסֶען, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוְואוּסְט אַז עֶר אִיז אַ רוֹמֶער. [28] אוּן וַוייל
אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט דִיא אוּרְזַאךְ וִויסֶען וָוארוּם זֵייא פֶערְקְלָאגֶען אִיהְם, הָאבּ
אִיךְ אִיהְם פָאר זֵייעֶר סַנְהֶדְרִין גֶעבְּרַאכְט. [29] אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעפִינֶען אַז עֶר
אִיז פֶערְקְלָאגְט גֶעוֶוען וֶועגֶען שַׁאֲלוֹת פוּן זֵייעֶרֶע תּוֹרָה, אָבֶּער עֶס אִיז קֵיין
פֶערְקְלָאג וָואס אִיז וֶוערְט דֶעם טוֹיט אָדֶער קֶעטֶען. [30] אוּן וֶוען עֶס אִיז מִיר
אָנְגֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען אַז עֶס וֶועט זֵיין אַ לוֹיעֶרוּנְג קֶעגֶען דֶעם מַאן, גְלֵייךְ הָאבּ
אִיךְ אִיהְם צוּ דִיר גֶעשִׁיקְט, אוּן הָאבּ דִיא פֶערְקְלֶעגֶער גֶעהֵייסֶען אַז זֵייא
זָאלֶען פָאר דִיר זָאגֶען וָואס זֵייא הָאבֶּען קֶעגֶען אִיהְם.
[31] אַזוֹי הָאבֶּען דִיא סָאלְדַאטֶען פּוֹלוֹס גֶענוּמֶען, וִויא עֶס אִיז זֵייא בֶּעפוֹילֶען
גֶעוֶוען, אוּן הָאבֶּען אִיהְם גֶעבְּרַאכְט בֵּייא דֶער נַאכְט קֵיין אַנְטִיפַּאטְרִיס.
[32] אוּן אוֹיף מָארְגֶען הָאבֶּען זֵייא דִיא רֵייטֶער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט מִיט אִיהְם אַוֶועקְ־
גֶעהֶען, אוּן הָאבֶּען זִיךְ צוּם לַאגֶער אוּמְגֶעקֶעהְרְט. [33] אוּן זֵייא זֶענֶען אִין
קֵיסְרִין אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, אוּן הָאבֶּען דֶעם בְּרִיף צוּם גוּבֶּערְנֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען,
אוּן הָאבֶּען אִיהְם פּוֹלוֹס אוֹיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט. [34] אוּן וֶוען עֶר הָאט דֶעם בְּרִיף
גֶעלֵיינְט, אוּן הָאט אִיהְם גֶעפְרֶעגְט פוּן וֶועלְכֶער מְדִינָה עֶר אִיז, אוּן הָאט
פֶערְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז פוּן קִילִיקְיָא, [35] הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל דִיךְ
פֶערְהֶערֶען וֶוען דֵיינֶע פֶערְקְלֶעגֶער וֶועלֶען אוֹיךְ קוּמֶען. אוּן עֶר הָאט אִיהְם
גֶעהֵייסֶען הִיטֶען אִים גֶערִיכְטְסְהוֹיף פוּן הוֹרְדוֹס.

כד [1] אוּן נָאךְ פִינְף טֶעג אִיז חֲנַנְיָה, דֶער כֹּהֵן גָדוֹל, אַרוּפְגֶעקוּמֶען מִיט
עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא עֶלְצְטֶע, אוּן מִיט אַ גֶעווִיסֶען רֶעדְנֶער טֶערְטוּלוּס, אוּן זֵייא
הָאבֶּען צוּם גוּבֶּערְנֶער קֶעגֶען פּוֹלוֹס דֶערְצֶעהְלְט. [2] אוּן וֶוען עֶר אִיז

גערופען געוואָרען, האָט טערטולוס אָנגעהויבען איהם צו פערקלאָגען, און
האָט געזאָגט, מיר לעבען אין גרויס פריעדען דורך דיר, און פילע זאכען
זענען פערבעסערט צו דיעזעם פאָלק דורך דיינע פאָרזיכטיגקייט, 3 און מיר
נעמען עס אָן אַלע צייט און אין אַלע ערטער מיט פיל דאנק, עדעלסטער
פעליקס. 4 אָבער כּדי איך זאָל דיך ניט לענגער אויפהאַלטען, בעט איך דיך
דוא זאָלסט אונז בקצור צו הערען אין דיינע גוטיגקייט. 5 וואָרין מיר
האָבען דיעזעם מאַן וויא אַ פּלאָג געפינען, און ער מאַכט קריגעריא צווישען
אַלע יודען אין דיא גאַנצע וועלט, און איז דער הויפּטפיהרער פון דער כּתּה
פון דיא נצרים. 6 און ער האָט אויך דעם בית המקדש פּראָבירט פעראוני-
רייניגען, דעם מיר האָבען אויפגעהאַלטען, 8 דעם ווען דוא וועסט אַליין
פערהערען וועסט דוא וויסען וועגען אַלע זאַכען פאַרוואָס מיר איהם פער-
קלאָגען. 9 און דיא יודען האָבען אויך דריגען איינגעווילינגט, און האָבען
געזאָגט אַז דיזע זאַכען זענען אַזוי.
10 און ווען דער הויפּטמאַן האָט צו פּולוס געווינקט אַז ער זאָל רעדען,
האָט ער געענטפערט, ווייל איך וויים אַז דוא ביסט שוין פילע יאָהרען
אַלס אַ ריכטער איבער דיעזעם פאָלק, אַזוי מאַך איך מיט פרעהליכעם האַרצען
מיינע פערענטפערונג. 11 וואָרין דוא קענסט וויסען אַז עס זענען ניט מעהר
וויא צוועלף טעג זינט איך בין אַרויפגעגאַנגען קיין ירושלים אָנצובעטען.
12 און זייא האָבען מיך ניט געפינען אים בית המקדש מיט איימיצען אַ וכּוח
האַלטען אָדער אַ קריג מאַכען צווישען דיא לייט, ניט אין דיא שולען און
ניט אין דער שטאָדט, 13 און זייא קענען אויך ניט בעווייזען וועגען דיא
זאַכען וועלכע זייא מיך אַצונד פערקלאָגען. 14 אָבער דאָס בין איך מודה פאַר
דיר, אַז נאָך דעם וועג וואָס זייא רופען אַ כּתּה, אַזוי דיען איך דעם גאָט
פון מיינע אָבות, און גלויב אין אַלע זאַכען וואָס שטעהען געשריבען אין
דער תּורה און אין דיא נביאים, 15 און איך האָב דיא האָפנונג צו גאָט,
אויף וועלכע זייא אַליין אויך וואַרטען, אַז עס וועט זיין איינע אויפערשטע-
הונג פון דיא צדיקים און דיא רשעים. 16 אין דיעזעם בין איך מיך אַליין אויך
מטריח, אַז איך זאָל בעשטענדיג אַ ריינעם געוויסען האָבען פאַר גאָט און פאַר
מענשען. 17 און נאָך פילע יאָהרען בין איך געקומען און האָב צדקה
געבראַכט צו מיין פאָלק, און קרבנות, 18 און מיט דיעזעם האָבען זייא מיך
אים בית המקדש געפינען נאָך מיינע ריינינגונג, ניט מיט קיין לייט און ניט
מיט קיין געטומעל; אָבער עס זענען דאָ געוויסע יודען פון אַסיא 19 וועלכע
האָבען געזאָלט פאַר דיר זיין און פערקלאָגען ווען זייא וואָלטען עפּעס
געהאַט קעגען מיר. 20 אָדער לאָזען דיזע זעלבסט זאָגען, וואָס אונרעכט

און האָבען איהם געוואָלט ריכטען נאָך אונזערעם געזעץ. 7 אָבער לוסיאַס
דער הויפּטמאַן איז צוגעקומען, און האָט איהם מיט גרויסער געוואַלט אויס
אונזערע הענד אַוועקגענומען. און ער האָט געהייסען זיינע פערקלעגער צו
דיר קומען.

זייא האבען אין מיר געפינען ווען איך בין פאר דעם סנהדרין געשטאנען,
21 חוץ פאר דיזעם איינציגען ווארט וואס איך האב געשריגען ווען איך בין
צווישען זייא געשטאנען, אז וועגען תחית המתים בין איך דעם היינטיגען
טאג בייא אייך גערינכטעט.

22 און פעליקס האט זייא אויף שפעטער אפגעלעגט, וואריין ער האט
בעסער וועגען דיזעם וועג געוואוסט, און האט געזאגט, ווען לוסיאס דער
הויפטמאן וועט ארופקומען, וועל איך וועגען אייך געוואר ווערען. 23 און ער
האט דעם אפיציר אנגעזאגט, אז ער זאל איהם היטען, און זאל איהם
פרייהייט געבען, און אז מען זאל קיינעם פון זיינע פריינד ניט פערבּיטען
איהם צו בעדינען.

24 און נאך עטליכע טעג איז פעליקס געקומען מיט זיין אייגענען ווייב
דרוסילה, וואס איז א יודענע געוועזן, און האט נאך פולוס געשיקט, און האט
איהם געהערט וועגען דעם גלויבען אן דעם משיח. 25 און וויא ער האט
וועגען גערעכטיגקייט און מעסיגקייט געהערט, און דעם געריכט וואס וועט
קומען, האט פעליקס געציטערט און געענטפערט, געה אצונד אוועק, אבער
ווען איך האב א פאסענדע צייט וועל איך דיך לאזען רופען. 26 און ער האט
אויך געהאפט אז פולוס וועט איהם געלד געבען; דרום האט ער מעהר אפט
נאך איהם געשיקט און האט מיט איהם געשמועסט. 27 און ווען צוויא יאהר
זענען דערפילט געווארען איז פרקיוס פעסטוס אויף דעם ארט פון פעליקס
געקומען; און פעליקס האט געוואלט דיא יודען א געפעלען טהון, און האט
פולוס געבונדען איבערגעלאזט.

כה 1 דרום ווען פעסטוס איז אין דער מדינה אריינגעקומען, איז ער נאך
דרייא טעג פון קיסרין קיין ירושלים ארויפגעגאנגען. 2 און דיא ערשטע
כהנים מיט דיא עלצטע פון דיא יודען האבען איהם דערצעהלט קעגען
פולוס, און האבען איהם געבעטען, 3 און האבען א חסד פון איהם פער־
לאנגט, אז ער זאל איהם קיין ירושלים רופען, אינדעם זייא האבען אויף
איהם געלויערט אז זייא זאלען אויף דעם וועג איהם אומברענגען. 4 דאך
האט פעסטוס געענטפערט, אז פולוס זאל אין קיסרין געהאלטען ווערען, און
אז ער וועט אליין באלד אהין אוועקגעהען. 5 לאזען דרום דיא מעכטיגע
צווישען אייך, האט ער געזאגט, מיט מיר ארופגעהען, און ווען זייא האבען
עפעס א זאך קעגען דעם מאן לאזען זייא איהם פערקלאגען.

6 און ווען ער איז בייא זייא געבליבען ניט מעהר וויא אכט אדער צעהן
טעג, איז ער קיין קיסרין ארופגעגאנגען, און דעם אנדערען טאג האט ער
זיך געזעצט אויף דעם ריכטערשטוהל, און האט פולוס געהייסען ברענגען.
7 און ווען ער איז געקומען, האבען איהם דיא יודען וואס זענען פון ירושלים
ארופגעקומען ארומגערינגעלט, און האבען פילע און שווערע פערשולדיגונגען
געבראכט, וועלכע זייא האבען ניט געקענט בעווייזען. 8 פולוס האט זיך
פערענטפערט, איך האב גאר ניט געזינדיגט קעגען דער תורה פון דיא

יוּדֶען, אוֹיךְ נִיט קֶעגֶען דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן אוֹיךְ נִיט קֶעגֶען דֶעם קֵיסַר.
9 אָבֶּער פֶעסְטוּס הָאט גֶעוָואלְט דִיא יוּדֶען אַ גֶעפֶעלֶען טְהוּן, אוּן הָאט פּוֹלוּס
גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן גֶעזָאגְט, ווִילְסְט דוּא קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אַרוֹיפְגֶעהֶען אוּן דָארְט
פָאר מִיר גֶערִיכְטֶעט וֶוערֶען וֶועגֶען דִיזֶע זַאכֶען? 10 אָבֶּער פּוֹלוּס הָאט
גֶעזָאגְט, אִיךְ שְׁטֶעה פָאר דֶעם רִיכְטֶערְשְׁטוּהְל פוּן דֶעם קֵיסַר, וְואוּ אִיךְ מוּז
גֶערִיכְטֶעט וֶוערֶען. דִיא יוּדֶען הָאבּ אִיךְ קֵיין אוּנְרֶעכְט נִיט גֶעטְהוּן, אַזוֹי
וְוִיא דוּא וְוייסְט גַאנְץ גוּט. 11 דְרוּם וֶוען אִיךְ הָאבּ אוּנְרֶעכְט גֶעטְהוּן אוּן
אַ זַאךְ וָואס אִיז וֶוערְט דֶעם טוֹיט, בִּין אִיךְ בֶּערֵייט צוּ שְׁטַארְבֶּען; אָבֶּער
וֶוען עֶס אִיז גָאר נִיט וָואס דִיזֶע מִיךְ פֶערְקְלָאגֶען, אַזוֹי קֶען מִיךְ קֵיינֶער צוּ זֵייא
נִיט אִיבֶּערְגֶעבֶּען; אִיךְ בֶּערוּף מִיךְ אוֹיף דֶעם קֵיסַר. 12 דַאן הָאט זִיךְ פֶעסְטוּס
בֶּעראַטְהֶען מִיט דֶעם רָאטְה, אוּן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, דוּא הָאסְט דִיךְ אוֹיף
דֶעם קֵיסַר בֶּערוּפֶען, דוּא זָאלְסְט צוּם קֵיסַר גֶעהֶען.

13 אוּן וֶוען עֶטְלִיכֶע טֶעג זֶענֶען פַארְבֵּייא גֶעגַאנְגֶען, זֶענֶען דֶער קֶענִיג אַגְרִיפַּא
אוּן בֶּערְנִיקָה קֵיין קֵיסְרִין אַרוֹפְגֶעקוּמֶען אוּם פֶעסְטוּס צוּ גְרִיסֶען. 14 אוּן וֶוען
זֵייא זֶענֶען דָארְט פִילֶע טֶעג גֶעבְּלִיבֶּען, הָאט פֶעסְטוּס דִיא זַאכֶען וֶועגֶען פּוֹלוּס
צוּ דֶעם קֶענִיג פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט, אַ גֶעווִיסֶער מַאן אִיז אִיבֶּערְ־
גֶעלָאזְט גֶעבּוּנְדֶען פוּן פֶעלִיקְס. 15 אוּן וֶוען אִיךְ בִּין אִין יְרוּשָׁלַיִם גֶעוֶועזֶען,
דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים אוּן דִיא עֶלְצְטֶע פוּן דִיא יוּדֶען הָאבֶּען וֶועגֶען אִיהְם
אַיין אָנְקְלָאג גֶעמַאכְט, אוּן הָאבֶּען גֶעבֶּעטֶען אוּם אַ פְּסַק קֶעגֶען אִיהְם. 16 אוּן
אִיךְ הָאבּ זֵייא גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז עֶס אִיז נִיט מִנְהָג בֵּייא דִיא רוֹמֶער אַ מַאן
צוּם טוֹיט אִיבֶּערְגֶעבֶּען בִּיז דֶער וָואס אִיז פֶערְקְלָאגְט הָאט זֵיינֶע פֶערְקְלֶעגֶער
פָּנִים לְפָנִים, אוּן הָאט אַ גֶעלֶעגֶענְהֵייט זִיךְ צוּ פֶערְעֶנְטְפֶערְן וֶועגֶען דֶער
אָנְקְלָאג. 17 דְרוּם וֶוען זֵייא זֶענֶען דָא צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען, הָאבּ אִיךְ גָאר קֵיין
אוֹיפְהַאלְט נִיט גֶעמַאכְט, אוּן בִּין דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג אוֹיף דֶעם רִיכְטֶערְ־
שְׁטוּהְל גֶעזֶעסֶען, אוּן הָאבּ גֶעהֵייסֶען דֶעם מַאן בְּרֶענְגֶען. 18 אוּן וֶוען דִיא
פֶערְקְלֶעגֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, הָאבֶּען זֵייא וֶועגֶען אִיהְם קֵיינֶע בֶּעשׁוּלְ־
דִיגוּנְג פוּן שְׁלֶעכְטֶע נִיט גֶעבְּרַאכְט אַזוֹי וְוִיא אִיךְ הָאבּ גֶעדַאכְט, 19 אָבֶּער
זֵייא הָאבֶּען עֶטְלִיכֶע פְרַאגֶען קֶעגֶען אִיהְם וֶועגֶען זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע אָבֶּערְ־
גְלוֹיבִּיגְקֵייט, אוּן וֶועגֶען אַ גֶעווִיסֶען יֵשׁוּעַ וֶועלְכֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אוֹיף
דֶעם פּוֹלוּס הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר לֶעבְּט. 20 אוּן ווִייל אִיךְ בִּין מְסוּפָּק
גֶעוָוארֶען וֶועגֶען אַזֶעלְכֶע פְרַאגֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אוֹיבּ עֶר ווִיל קֵיין
יְרוּשָׁלַיִם גֶעהֶען אוּן דָארְט וֶועגֶען דִיזֶע זַאכֶען גֶערִיכְטֶעט וֶוערֶען. 21 אָבֶּער
וֶוען פּוֹלוּס הָאט זִיךְ בֶּערוּפֶען אַז עֶר זָאל גֶעהַאלְטֶען וֶוערֶען בִּיז אוֹיגוּסְטוּס
וֶועט בֶּעשֵׁיידֶען, הָאבּ אִיךְ אִיהְם גֶעהֵייסֶען הִיטֶען בִּיז אִיךְ וֶועל אִיהְם צוּם
קֵיסַר שִׁיקֶען. 22 אוּן אַגְרִיפַּא הָאט צוּ פֶעסְטוּס גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ
זֶעלְבְּסְט גֶעווִוּנְשְׁט אַז אִיךְ זָאל דֶעם מַאן הֶערֶען. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט,
אוֹיף מָארְגֶען זָאלְסְט דוּא אִיהְם הֶערֶען.

23 דְרוּם דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג וֶוען אַגְרִיפַּא אוּן בֶּערְנִיקָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט

גְרויסֶער פְּרַאכְט, און זֶענֶען אִין דֶער פֶערְהֶערְשְׁטוּב אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען מִיט דִיא
הויפְּטְמֶענֶער און דִיא פָארְנֶעמְסְטֶען מֶענֶער פוּן דֶער שְׁטָאדְט, וֶוען פֶעסְטוּס
הָאט אַ בֶּעפֶעהְל גֶעגֶעבֶּען הָאט מֶען פּוּלוּס אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט. 24 און פֶעסְטוּס
הָאט גֶעזָאגְט, קֶענִיג אַגְרִיפַּא און אַלֶע וָואס זֶענֶען דָא מִיט אוּנְז, אִיהְר זֶעהְט
דֶעם דָאזִיגֶען וֶוענֶען וֶועלְכֶעם דִיא פֶערְזַאמְלוּנְג פוּן דִיא יוּדֶען הָאט מִיךְ גֶעבֶּע־
טֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם און אויךְ דָא, און זַייא שְׁרַייעֶן אַז עֶר בֶּעדַארְף נִיט לֶענְגֶער
צוּ לֶעבֶּען. 25 אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דֶערְקַאנְט אַז עֶר הָאט נִיט גֶעטְהוּן קֵיין זַאךְ וָואס
אִיז וֶוערְט דֶעם טוֹיט; און וֶוען עֶר אַלֵיין הָאט זִיךְ בֶּערוּפֶען אויף אויגוּסְטוּס,
הָאבּ אִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען אַז אִיךְ זָאל אִיהְם שִׁיקֶען. 26 און וֶועגֶען אִיהְם הָאבּ
אִיךְ גָאר נִיט זִיכֶערֶעס צוּם הֶערְר'ן צוּ שְׁרַייבֶּען; דְרוּם הָאבּ אִיךְ אִיהְם פָאר
אֵייךְ גֶעבְּרַאכְט, און בֶּעזוּנְדֶער פָאר דִיר, קֶענִיג אַגְרִיפַּא, אַז נָאכְדֶעם דֶער
פֶערְהֶער וֶועט גֶעשֶׁעהֶען זָאל אִיךְ עֶפֶּעס הָאבֶּען צוּ שְׁרַייבֶּען. 27 וָוארִין עֶס
שַׁיינְט מִיר אוּנְפֶערְשְׁטֶענְדִיג צוּ זַיין אַ גֶעפַאנְגֶענֶען צוּ שִׁיקֶען, און נִיט דִיא
פֶערְשׁוּלְדִיגוּנְג קֶענֶען אִיהְם אָנְצוּצַייגֶען.

כו 1 און אַגְרִיפַּא הָאט צוּ פּוּלוּס גֶעזָאגְט, דוּא מֶעגְסְט פַאר דִיר זֶעלְבְּסְט
רֶעדֶען. דַאן הָאט פּוּלוּס דִיא הַאנְד אויסְגֶעשְׁטְרֶעקְט און הָאט זִיךְ פֶערְעֶנְט־
פֶערְט; 2 אִיךְ שֶׁעץ מִיךְ גְלִיקְלִיךְ, קֶענִיג אַגְרִיפַּא, אַז אִיךְ זָאל מִיךְ הַיינְט
פָאר דִיר פֶערְעֶנְטְפֶערֶען וֶועגֶען אַלֶע זַאכֶען פַאר וֶועלְכֶע אִיךְ בִּין פֶערְקְלָאגְט
פוּן דִיא יוּדֶען, 3 בֶּעזוּנְדֶער וַוייל דוּא פֶערְשְׁטֶעהְסְט אַלֶע מִנְהָגִים און
שַׁאֲלוֹת וָואס זֶענֶען בַּייא דִיא יוּדֶען; דְרוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ אַז דוּא זָאלְסְט מִיךְ
גֶעדוּלְדִיג הֶערֶען. 4 מֵיין לֶעבֶּען פוּן מֵיין יוּגֶענְד אויף, וָואס אִיז פוּן אָנְהֵייבּ
אָן צְווִישֶׁען מֵיין פָאלְק און אִין יְרוּשָׁלַיִם גֶעוֶועזֶען, ווִיסֶען אַלֶע יוּדֶען, 5 וֶועלְכֶע
הָאבֶּען מִיךְ פוּן אָנְהֵייבּ אָן גֶעקֶענְט, וֶוען זַייא וָואלְטֶען בֶּעצֵייגֶען, אַז אִיךְ
הָאבּ גֶעלֶעבְּט ווִיא אַ פָּרוּשׁ נָאךְ דִיא שְׁטְרֶענְגְסְטֶע כִּתָּה פוּן אוּנְזֶערֶע
רֶעלִיגְיָאן. 6 און אַצוּנְד שְׁטֶעה אִיךְ גֶערִיכְטֶעט צוּ וֶוערֶען וֶועגֶען דֶער הָאפְנוּנְג
פוּן דֶער הַבְטָחָה וָואס גָאט הָאט גֶעגֶעבֶּען צוּ אוּנְזֶערֶע אָבוֹת, 7 וֶועלְכֶע
אוּנְזֶערֶע צְוֶועלְף שְׁבָטִים הָאפֶען צוּ דֶערְלַאנְגֶען, און בֶּעשְׁטֶענְדִיג דִיעֶנֶען זַייא
גָאט טָאג און נַאכְט; וֶועגֶען דִיזֶער הָאפְנוּנְג, קֶענִיג אַגְרִיפַּא, בִּין אִיךְ פֶערְ־
קְלָאגְט פוּן דִיא יוּדֶען. 8 וָוארוּם הַאלְט אִיהְר עֶס פַאר אוּנְגְלויבְּלִיךְ אַז גָאט
וֶועט דִיא טוֹיטֶע אויפְוֶועקֶען? 9 אִיךְ הָאבּ אַוַדַאי בַּייא מִיר זֶעלְבְּסְט גֶעדַאכְט,
אַז אִיךְ מוּז פִיל טְהוּן קֶעגֶען דֶעם נָאמֶען פוּן יֵשׁוּעַ הַנָּצְרִי. 10 און אִיךְ הָאבּ
עֶס אויךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם גֶעטְהוּן, און הָאבּ פִילֶע פוּן דִיא הֵיילִיגֶע אִין
גֶעפֶענְגְנִיס אַיינְגֶעשְׁלָאסֶען, וֶוען אִיךְ הָאבּ מַאכְט פוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע כֹּהֲנִים
דֶערְהַאלְטֶען, און וֶוען זַייא זֶענֶען אוּמְגֶעבְּרַאכְט גֶעוֶועזֶען, בִּין אִיךְ דֶערְצוּ
בַּייאגֶעשְׁטִימְט. 11 און אִיךְ הָאבּ זַייא אָפְט אִין אַלֶע שׁוּלֶען גֶעפַּיינִיגְט, און
הָאבּ זַייא גֶעצְוְואוּנְגֶען צוּ לֶעסְטֶערְן, און ווַייל אִיךְ בִּין קֶעגֶען זַייא זֶעהְר
גְרוֹיזַאם גֶעוֶועזֶען, הָאבּ אִיךְ זַייא פֶערְפָאלְגְט בִּיז אִין פְרֶעמְדֶע שְׁטֶעדְט.
12 און דֶערְוַוייל אִיךְ בִּין קֵיין דַמֶשֶׂק גֶעגַאנְגֶען מִיט מַאכְט און אַ בֶּעפֶעהְל

פון דיא ערשטע כהנים, 13 האב איך געזעהען אויף דעם וועג אין מיטען
טאג, א קעניג, א ליכט פון הימעל, העררליכער וויא דיא שיינונג פון דער
זון, וואס האט געשיינט ארום מיר און דיא וואס זענען מיט מיר געגאנגען.
14 און ווען מיר זענען אלע צו דער ערד געפאלען, האב איך א קול געהערט
וואס האט צו מיר אין לשון עברי געזאגט, שאול, שאול, ווארום פערפאלגסט
דוא מיך? עס איז שווער פאר דיר קעגען דיא שטאכעל צו שטויסען.
15 און איך האב געזאגט ווער ביסט דוא, האר? און דער האר האט געזאגט,
איך בין ישוע דעם דוא פערפאלגסט; 16 אבער שטעה אויף, און שטעה
אויף דיינע פיס, ווארין איך האב מיך פון דעסטוועגען צו דיר בעוויזען אז
איך זאל דיך מאכען צום דינער און צום עדות וועגען דיא זאכען וואס דוא
האסט געזעהען, און וועגען דיא וואס איך וועל מיך צו דיר בעווייזען, 17 און
איך וועל דיך מציל זיין פון דעם פאלק און פון דיא גוים, צו וועלכע איך
שיק דיך, 18 אז דוא זאלסט זייערע אויגען אויפמאכען, זייא אומצוקעהרען פון
דער פינסטערניס צום ליכט, און פון דער מאכט פון דעם שטן צו גאט, אז
זייא זאלען דערהאלטען פערגעבונג פון זינד, און איין ערבשאפט צווישען דיא
וואס זענען געהייליגט דורך דעם גלויבען וואס איז אן מיר.
19 דרום, קעניג אגריפא, בין איך ניט ווידערשפעניג געוועזען קעגען דיא
הימלישע ערשיינונג, 20 נייערט צוערשט צו דיא וואס זענען אין דמשק און
אין ירושלים, און אים גאנצען לאנד פון יהודה, און צו דיא גוים האב איך
דערקלערט, אז זייא זאלען תשובה טהון און זאלען זיך צו גאט אומקעהרען,
און זאלען ווערק טהון וואס זענען ווירדיג פון תשובה. 21 וועגען דיזע זאכען
האבען מיך דיא יודען אים בית המקדש גענומען, און האבען פערזוכט מיך
אומצובריינגען. 22 דרום ווייל איך האב הילף פון גאט דערהאלטען שטעה
איך ביז צו דיזעם טאג, און בעצייג צו קליין און גרויס, אינדעם איך זאג
ניט קיין אנדערע זאך אויסער וואס דיא נביאים און משה האבען געזאגט
אז עס וועט געשעהען, 23 אז דער משיח וועט ליידען, און אז ער וועט דער
ערשטער זיין וואס וועט פון דיא טויטע אויפשטעהען, און וועט פרעדיגען
ליכט צום פאלק און צו דיא גוים.
24 און דערווייל ער האט זיך אזוי פערענטפערט, האט פעסטוס מיט א
הויך קול געזאגט, פולוס, דוא ביסט אונזיניג, דאס פילע לערנען מאכט דיך
משוגע. 25 אבער פולוס האט געזאגט, איך בין ניט משוגע, פארנעמסטער
פעסטוס, נייערט איך רעד ווערטער פון וואהרהייט און פערשטאנד. 26 ווארין
דער קעניג ווייסט וועגען דיזע זאכען, פאר דעם איך רעד אויך עפענטליך;
ווארין איך בין געוויס אז קיינס פון דיזע זאכען איז פון איהם ניט פערבארגען;
ווארין דאס איז ניט אין א ווינקעל געשעהען. 27 קעניג אגריפא, גלויבסט דוא
דיא נביאים? איך וויים אז דוא גלויבסט. 28 און אגריפא האט צו פולוס
געזאגט, מיט ווענינ איבערעדעסט דוא דיך א קריסט מיך צו מאכען. 29 און
פולוס האט געזאגט, הלואי זאל גאט געבען, אז אויב מיט וועניג אדער מיט

פיל ניט אליין דוא גייערט אויך אלע וואס הערען מיך היינט זאלען אזעלכע
זיין וויא איך אויך בין, חוץ דיזע קעטען.
30 און דער קעניג איז אויפגעשטאנען, און דער גובערנער, און בערניקה,
און דיא וואס זענען מיט זייא געזעסען, 31 און זענען אן דער זייט געגאנגען
און האבען צווישען זיך גערעט און געזאגט, דיזער מאן האט גאר ניט
געטהון וואס פערדינט דעם טויט אדער דיא קעטען. 32 און אגריפא האט צו
פעסטוס געזאגט, דיזער מאן וואלט געקענט בעפרייט ווערען, ווען ער וואלט
זיך ניט אויף דעם קיסר בערופען.

כז 1 און ווען עס איז בעשלאסען געוועען אז מיר זאלען זיך אוועקשיפען קיין
איטאליא, האבען זייא פולוס און עטליכע אנדערע געפאנגענע איבערגעגעבען
צו א הויפטמאן, וואס האט געהייסען יוליוס, פון דעם חיל פון אויגוסטוס.
2 און מיר זענען אריינגעגאנגען אין א שיף פון אדראמיטע וואס האט געזאלט
זעגעלן אין דיא ערטער פון אסיא, און זענען אוועקגעשיפט; און עס איז
מיט אונז געוועען אריסטארכוס פון תעסאלוניקא אויס מקדוניא. 3 און דעם
אנדערען טאג זענען מיר ארופגעקומען קיין צידון; און יוליוס האט זיך
פריינדליך געהאלטען קעגען פולוס, און האט איהם דערלויבט צו זיינע
פריינד צו געהען, כדי זייא זאלען איהם פערזארגען. 4 און פון דארטען זענען
מיר אוועקגעשיפט, און האבען געזעגעלט אונטער קיפרוס, וויל דיא ווינד
זענען אונז ענטגעגען געוועען. 5 און ווען מיר האבען געזעגעלט איבער דעם
ים פון קיליקיא און פאמפיליא, זענען מיר ארופגעקומען קיין מירא אין
לוקיא. 6 און דארט האט דער הויפטמאן א שיף פון אלכסאנדריא געפינען,
וואס איז קיין איטאליא געגאנגען, און האט אונז דרויף אריינגעשיפט. 7 און
ווען מיר האבען פילע טעג לאנגזאם געזעגעלט, און זענען קוים קעגען
קנידוס געקומען, וויל דער ווינד האט אונז ניט געלאזט, האבען מיר זיך
אונטער קראטא געזעגעלט קעגענאיבער סלמוני; 8 און מיר זענען דיזעם
קוים פארביי געגאנגען, און זענען צו א געוויסען ארט געקומען וואס איז
גערופען דער שעהנע האפען, און נאהענט דערביי איז דיא שטאדט לסיא
געוועען.

9 און נאך א לאנגע צייט ווען עס איז שוין געפעהרליך געוועען זיך צו
שיפען, וויל דאס פאסטען איז אויך שוין פארביי געוועען, האט זייא פולוס
געווארנט, 10 און האט צו זייא געזאגט, איהר מענער, איך זעה אז דיזע
רייזע וועט שלעכט זיין און מיט גרויסעם שאדען, ניט אליין צו דער לאדונג
און צו דעם שיף, נייערט אויך צו אונזער לעבען. 11 אבער דער הויפטמאן
האט מעהר געגלויבט דעם פיהרער און דעם הערר'ן פון דעם שיף וויא דיא
רעד פון פולוס. 12 און וויל דער האפען איז ניט גוט געוועען דריגען צו
ווינטערן, האבען דיא מייסטען געראטהען אז זייא זאלען פון דארטען אוועק־
שיפען, ווען מעגליך צו קומען קיין פיניקס און איבערווינטערן, וואס איז א
האפען פון קראטא, און ליגט קעגען דער זיד־וועסט און נארד־וועסט זייט.

13 און װֶען דֶער זִיד װִינְד הָאט לַייכְט גֶעבְּלָאזֶען, הָאבֶּען זַייא גֶעדַאכְט אַז
זַייא הָאבֶּען זַייעֶר תַּכְלִית דֶערְהַאלְטֶען, און זֶענֶען אַרויסְגֶעפָאהְרֶען און זֶענֶען
קְרֵאטָא פַארְבֵּייא גֶעשִׁיפְט. 14 אָבֶּער נִיט לַאנְג דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ קֶעגֶען אִיהְר
דֶערְהויבֶּען אַ שְׁטוּרְמְוִינְד, וָואס אִיז גֶערוּפֶען אֵוְרַקִילוֹן; 15 און װֶען דָאס שִׁיף
אִיז דֶערְגְרִיפֶען גֶעוֶועזֶען, און הָאט נִיט גֶעקֶענְט קֶעגֶען דֶעם װִינְד בֶּעשְׁטֶעהֶען,
הָאבֶּען מִיר עֶס גֶעלָאזְט גֶעהֶען און זֶענֶען גֶעפָאהְרֶען. 16 און גֶעלָאפֶען־
דִיג אוּנְטֶער אַ גֶעװִיסֶע אִינְזֶעל וָואס הֵייסְט קְלוֹידָא הָאבֶּען מִיר קוים
גֶעקֶענְט דָאס קְלֵיינֶע שִׁיפְעל אֵיינְהַאלְטֶען; 17 און װֶען זַייא הָאבֶּען עֶס
אַרויפְגֶעצוֹיגֶען הָאבֶּען זַייא מִיטֶעל בֶּענוּצְט, און הָאבֶּען דָאס שִׁיף אוּנְטֶערְ־
גֶעגַארְטֶעלְט. און זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעפָארְכְטֶען אַז זַייא זָאלֶען נִיט אִין דִיא
סִרְטִיס אַרֵיינְפַאלֶען, און זַייא הָאבֶּען דָאס טַאקֶעלְוֶוערְק אַרוּפְגֶעלָאזְט, און
זֶענֶען אַזוֹי גֶעפָאהְרֶען, 18 און װֶען מִיר זֶענֶען אִין אַ גְרויסֶען שְׁטוּרְמְוִינְד גֶעוֶועזֶען,
הָאבֶּען זַייא דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג אויסְטָאסוּנְג גֶעמַאכְט, 19 און דֶעם דְרִיטֶען
טָאג הָאבֶּען זַייא מִיט זַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע הֶענְד דִיא מַשָׂא פוּן דֶעם שִׁיף אַרויסְ־
גֶעוָוארְפֶען. 20 און װֶען נִיט דִיא זוּן און נִיט דִיא שְׁטֶערֶען הָאבֶּען זִיךְ פַאר
פִילֶע טֶעג בֶּעװִיזֶען, און קֵיין קְלֵיינֶער שְׁטוּרְם אִיז קֶעגֶען אוּנְז גֶעוֶועזֶען,
אַלֶע הָאפְנוּנְג אַז מִיר זָאלֶען גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען אִיז אַוֶועקְגֶענוּמֶען גֶע־
וָוארֶען.

21 און װֶען זַייא הָאבֶּען שׁוֹין לַאנְג גֶעפַאסְט, דַאן אִיז פּוֹלוֹס צְוִוישֶׁען זַייא
אויפְגֶעשְׁטַאנֶען און הָאט גֶעזָאגְט, אִיהְר מֶענֶער, אִיהְר הָאט מִיךְ גֶעזָאלְט
צוּהֶערֶען און נִיט פוּן קְרֵאטָא אַרויסְשִׁיפֶען, און אַזוֹי צוּ בֶּעקוּמֶען דִיזֶע גֶעפַאהְר
און דִיזֶען שָׁאדֶען. 22 אָבֶּער אַצוּנְד דֶערְמָאהְן אִיךְ אֵייךְ אִיהְר זָאלְט גוּטֶען מִיט
הָאבֶּען, וָוארִין קֵיין נֶפֶשׁ פוּן אֵייךְ װֶעט פֶערְלוֹירֶען וֶוערֶען, נֵייעֶרְט דָאס שִׁיף
אַלֵיין. 23 וָוארִין אִין דִיזֶער נַאכְט אִיז בֵּייא מִיר גֶעשְׁטַאנֶען אַ מַלְאָךְ פוּן גָאט,
וֶועמֶעס אִיךְ בִּין, וֶועלְכֶען אויךְ אִיךְ דִינֶען, 24 און הָאט גֶעזָאגְט, פָארְכְט דִיךְ
נִיט, פּוֹלוֹס, וָוארִין דוּא מוּזְט פָאר דֶעם קֵיסַר שְׁטֶעהֶען; און זֶעה, גָאט הָאט
דִיר גֶעגֶעבֶּען אַלֶע וָואס שִׁיפֶען זִיךְ מִיט דִיר. 25 דְרוּם אִיהְר מֶענֶער, הָאט
גוּטֶען מִיט; וָוארִין אִיךְ הָאבּ בִּטָחוֹן אִין גָאט אַז עֶס װֶעט גֶעשֶׁעהֶען אַזוֹי װִיא
עֶס אִיז מִיר גֶערֶעט גֶעוָוארֶען. 26 אָבֶּער מִיר מוּזֶען אויף אַ גֶעװִיסֶע אִינְזֶעל
גֶעוָוארְפֶען וֶוערֶען.

27 און װֶען עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען דִיא פִיעֶרְצֶעהְנְטֶע נַאכְט, דֶערְוֵויל מִיר זֶענֶען אִין
אַדְרִיָא אַרוּמְגֶעטְרִיבֶּען, אִין מִיטֶען דֶער נַאכְט הָאבֶּען דִיא שִׁיפְלֵייט גֶעדֶענְקְט
אַז זַייא קוּמֶען נָאהֶענְט צוּ לַאנְד. 28 און זַייא הָאבֶּען דָאס זוּנְקְבְּלֵייא גֶעזוּנְקֶען,
און הָאבֶּען צְוַואנְצִיג קְלַאפְטֶער טִיף גֶעפִינֶען, און װֶען זַייא זֶענֶען אַבִּיסֶעל װֵוייְ־
טֶער גֶעפָאהְרֶען, הָאבֶּען זַייא װִידֶער גֶעזוּנְקֶען, און הָאבֶּען פִינְפְצֶעהְן קְלַאפְטֶער
גֶעפִינֶען. 29 און װֵייל זַייא הָאבֶּען גֶעפָארְכְטֶען אַז מִיר זָאלֶען נִיט אָן פֶעלְזֶען
אָנְשְׁטוֹיסֶען, הָאבֶּען זַייא פִיעֶר אַנְקֶער הִינְטֶען פוּן דֶעם שִׁיף גֶעוָוארְפֶען, און
הָאבֶּען גֶעוָואוּנְשְׁט עֶס זָאל טָאג וֶוערֶען. 30 און װֶען דִיא שִׁיפְלֵייט הָאבֶּען

געזוכט פון דעם שיף צו אנטלויפען, און האבען דאס קליינע שיפעל
אים ים ארופגעלאזט, אזוי ווי זיי האבען געוואלט אנקער ווארפען
פון דיא פארדערע זייט פון דעם שיף, 31 האט פולוס צו דעם הויפט־
מאן און צו דיא סאלדאטען געזאגט, ווען דיזע וועלען ניט אים שיף
בלייבען, קענט איהר ניט גערעטעט ווערען. 32 דאן האבען דיא סאלדאטען
אפגעשניטען דיא שטריק פון דעם קליינען שיף, און האבען עס געלאזט
פאלען.

33 און ביז עס האט אנגעהויבען צו טאגען, האט פולוס אלע געבעטען
אז זיי זאלען עפעס גענעמען צו עסען, און האט געזאגט, עס איז שוין
היינט פירצעהן טעג זינט איהר ווארטעט און בלייבט אונגעגעסען, און איהר
האט גאר ניט פערזוכט. 34 דרום בעט איך אייך איהר זאלט אייך גענעמען צו
עסען, ווארין דאס איז פאר אייערע שטארקהייט. ווארין עס וועט קיינעם פון אייך
ניט קיין האר פון דעם קאפ פערלוירען ווערען. 35 און ווען ער האט דאס
געזאגט, און האט ברויט גענומען, האט ער פאר אלע גאט געדאנקט, און
האט עס צובראכען און האט אנגעהויבען צו עסען. 36 און זיי זענען אלע
פרעהליך געווען, און האבען אויך זעלבסט גענומען צו עסען. 37 און מיר
אלע צוזאמען אים שיף זענען געווען צוויי הונדערט און זעקס און זיבעציג
נפשות. 38 און ווען זיי האבען זיך זאט געגעסען, האבען זיי דאס שיף
לייכטער געמאכט, אינדעם זיי האבען דאס קארן אים ים ארויסגעווארפען.

39 און ווען עס איז טאג געווארען האבען זיי דאס לאנד ניט דערקאנט,
אבער זיי האבען א שום צונג פון ים דערזעהען וואס האט א בארטען
געהאט, אויף דעם האבען זיי געוואלט ווען מעגליך דאס שיף אריינטרייבען.
40 און זיי האבען דיא אנקער אויפגעהויבען, און האבען זיך אויף דעם ים
געלאזט, און האבען אויך דיא בענדער פון דיא רודער לויז געמאכט, און
האבען אויפגעשטעלט דעם פארזעגעל קעגען דעם ווינד, און האבען צום
בארטען געשיפט. 41 און זיי האבען אנגעשלאגען אן איין ארט וואו דער ים
איז אויף ביידע זייטען, און דאס שיף איז געבליבען שטעהען אויף דעם
גרונד, און דער פארדערשטע טהייל האט פעסט געשטעקט און איז געבלי־
בען אונבעוועגליך; אבער דער אונטערשטע טהייל איז דורך דער מאכט פון
דיא וועלען צובראכען געווארען.

42 און דיא סאלדאטען האבען געטראכטעט אז זיי זאלען דיא געפאנגענע
הרגענען, אז קיינער פון זיי זאל ניט אוועקשווימען און אנטרינען. 43 אבער
דער הויפטמאן האט געוואלט פולוס רעטען, אזוי האט ער זייער עצה פער־
וועהרט. און ער האט בעפוילען אז דיא וואס קענען שווימען זאלען זיך
צוערשט אים ים אריינווארפען, און צו דעם לאנד אוועקגעהען, 44 און אז
דיא איבריגע זאלען אזוי טהון עטליכע אויף ברעטער און עטליכע אויף
שטיקער פון דעם שיף. און עס איז אזוי געשעהען, אז זיי זענען אלע
זיכער צום לאנד אנטרינען.

כח 1 אוּן װען מִיר זֶענֶען זִיכֶער אַנְטְרִינֶען, דַאן הָאבֶּען מִיר גֶעװוּסְט אַז דִיא
אִינְזֶעל אִיז מֶעלִיטָא גֶערוּפֶען. 2 אוּן דִיא לַאנְדְסְלֵייט הָאבֶּען אוּנְז אוּנְגֶעװֶעהְנ־
לִיכֶע פְרֵיינְדְשַׁאפְט בֶּעװִיזֶען; װָארִין זֵייא הָאבֶּען אַ פֵייעֶר אָנְגֶעצִינְדֶען, אוּן
הָאבֶּען אוּנְז אַלֶע אַרֵיינְגֶענוּמֶען, װֶעגֶען דֶעם רֶעגֶען װָאס אִיז גֶעװֶען אוּן
װֶעגֶען דֶער קֶעלְט. 3 אוּן װֶען פּוֹלוֹס הָאט צוּנוֹיפְגֶעקְלִיבֶּען פִיל שְׁטִיקֶער
הָאלְץ אוּן הָאט זֵייא אוֹיף דֶעם פֵייעֶר גֶעלֶעגְט, אִיז אַ שְׁלַאנְג פוּן דֶער הִיץ
אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, אוּן הָאט זִיךְ אָן זֵיינֶע הַאנְד בֶּעהֶעפְט. 4 אוּן װֶען דִיא לַאנְדְסְ־
לֵייט הָאבֶּען דִיא שְׁלַאנְג גֶעזֶעהֶען אוֹיף זֵיינֶע הַאנְד הֶענְגֶען, הָאבֶּען זֵייא
אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען גֶעזָאגְט, דִיזֶער מַאן אִיז גֶעװִיס אַ רוֹצֵחַ, דֶער אִיז
אַנְטְרִינֶען פוּן דֶעם יַם, אָבֶּער דִיא נְקָמָה לָאזְט אִיהְם נִיט לֶעבֶּען. 5 אַזוֹי דֶען
הָאט עֶר דִיא שְׁלַאנְג אָפְּגֶעשָׁאקֶעלְט אִים פֵייעֶר אָהְן שָׁאדֶען. 6 אָבֶּער זֵייא
הָאבֶּען גֶעדַאכְט אַז עֶר װֶעט אוֹיפְגֶעשְׁװָאלֶען װֶערֶען אָדֶער פְּלוּצְלִינְג טוֹיט
אַנִידֶערְפַאלֶען. אָבֶּער װֶען זֵייא הָאבֶּען לַאנְג גֶעװַארְט, אוּן הָאבֶּען גָאר נִיט
קֵיין אִיבֶּעל אִיהְם גֶעזֶעהֶען גֶעשֶׁעהֶען, אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעװֶען אוּן
הָאבֶּען גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ גָאט.

7 אוּן אִין דִיזֶע עֶרְטֶער הָאט דֶער פִירְשְׁט פוּן דֶער אִינְזֶעל בֶּעזִיצוּנְגֶען
גֶעהַאט, מִיט דֶעם נָאמֶען פּוּבְּלִיוֹס, דֶער הָאט אוּנְז פְרֵיינְדְלִיךְ אוֹיפְגֶענוּ־
מֶען, אוּן הָאט אוּנְז דְרֵייא טֶעג אֵיינְקְװַאטִירְט. 8 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען
אַז דֶער פָאטֶער פוּן פּוּבְּלִיוֹס אִיז קְרַאנְק גֶעלֶעגֶען פוּן פִיבֶּער אוּן לַאקְסִי־
רֶען, אוּן פּוֹלוֹס אִיז צוּ אִיהְם אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט גֶעבֶּעטֶען, אוּן הָאט
דִיא הֶענְד אוֹיף אִיהְם גֶעלֶעגְט, אוּן הָאט אִיהְם גֶעהֵיילְט. 9 אוּן װֶען דָאס
אִיז גֶעשֶׁעהֶען, אוֹיךְ דִיא אִיבְּרִיגֶע װָאס אִין דֶער אִינְזֶעל הָאבֶּען קְרַאנְקְ־
הֵייטֶען גֶעהַאט זֶענֶען צוּ אִיהְם גֶעקוּמֶען, אוּן זֶענֶען גֶעהֵיילְט גֶעװָארֶען.
10 אוּן זֵייא הָאבֶּען אוּנְז גְרוֹיסֶען כָּבוֹד אָנְגֶעטְהוּן, אוּן װֶען מִיר זֶענֶען
אַװֶעקְגֶעשִׁיפְט, הָאבֶּען זֵייא אוּנְז פֶערְזָארְגְט מִיט װָאס מִיר הָאבֶּען בֶּע־
דַארְפְט.

11 אוּן נָאךְ דְרֵייא חֳדָשִׁים הָאבֶּען מִיר זִיךְ אַװֶעקְגֶעשִׁיפְט אִין אַ שִׁיף פוּן
אַלֶכְּסַאנְדְרִיָא װָאס הָאט אִין דֶער אִינְזֶעל אִיבֶּערְגֶעװִינְטֶערְט, װֶעמֶעס דֶער
צֵייכֶען אִיז צְװִילִינְג בְּרִידֶער גֶעװֶען. 12 אוּן מִיר זֶענֶען אַרוּפְגֶעשִׁיפְט קֵיין
סִירַאקוּס, אוּן זֶענֶען דָארְט דְרֵייא טֶעג גֶעבְּלִיבֶּען. 13 אוּן פוּן דָארְטֶען זֶענֶען
מִיר אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין רֶעגִיוּם; אוּן נָאךְ אֵיין טָאג אִיז
דֶער דָרוֹם װִינְד אָנְגֶעקוּמֶען, אוּן מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען דֶעם אַנְדֶערֶען טָאג קֵיין
פּוּטֶעאָלִי, 14 װְאוּ מִיר הָאבֶּען בְּרִידֶער גֶעפִינֶען, אוּן זֶענֶען גֶעבֶּעטֶען גֶעװֶען,
אַז מִיר זָאלֶען בֵּייא זֵייא זִיבֶּען טֶעג בְּלֵייבֶּען; אוּן אַזוֹי זֶענֶען מִיר קֵיין רוֹם
גֶעגַאנְגֶען. 15 אוּן פוּן דָארְטֶען, װֶען דִיא בְּרִידֶער הָאבֶּען פוּן אוּנְז גֶעהֶערְט,
זֶענֶען זֵייא אוּנְז עֶנְטְגֶעגֶען גֶעקוּמֶען בִּיז צוּם מַארְק פוּן אַפִּיוּס אוּן דִיא דְרֵייא
גַאסְטְהֵייזֶער; אוּן װֶען פּוֹלוֹס הָאט זֵייא גֶעזֶעהֶען, הָאט עֶר גָאט גֶעדַאנְקְט,
אוּן הָאט מִיט בֶּעקוּמֶען. 16 אוּן װֶען מִיר זֶענֶען אִין רוֹם אַרֵיינְגֶעקוּמֶען,

אַפּאסטעלגעשיכטע כח

אִיז צוּ פּוּלוּס דֶערלוֹיבְּט גֶעוֶוען בֵּייא זִיךְ צוּ בְּלֵייבֶּען מִיט דֶעם סָאלְדַאטֶען
וָואס הָאט אִיהְם גֶעהִיט.

17 אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען נָאךְ דְרֵייא טֶעג אַז עֶר הָאט דִיא עֶלְצְטֶע פוּן דִיא
יוּדֶען צוּזַאמֶענְגֶערוּפֶען; אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט, הָאט עֶר צוּ
זֵייא גֶעזָאגְט, מֶענֶער אוּן בְּרִידֶער, אִיךְ הָאבּ גָאר נִיט גֶעטְהוּן קֶעגֶען דֶעם
פָאלְק אָדֶער דִיא מִנְהָגִים פוּן דִיא אָבוֹת, דָאךְ בִּין אִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען
פוּן יְרוּשָׁלַיִם אַ גֶעפַאנְגֶענֶער אִין דִיא הֶענְד פוּן דִיא רוֹמֶער, 18 וֶועלְכֶע
וֶוען זֵייא הָאבֶּען מִיךְ פֶערְהֶערְט הָאבֶּען זֵייא מִיךְ גֶעוָואלְט פְרֵייא לָאזֶען,
וַוייל עֶס אִיז נִיט אִין מִיר קֵיין שׁוּלְד פוּן טוֹיט גֶעוֶוען. 19 אָבֶּער וֶוען דִיא
יוּדֶען הָאבֶּען ווִידֶערְגֶעשְׁפְּרָאכֶען, אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶעצְוְואוּנְגֶען גֶעוֶוען מִיךְ צוּ
בֶּערוּפֶען אוֹיף דֶעם קֵיסַר, נִיט אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס מֵיין פָאלְק צוּ פֶערְקְלָאר־
גֶען. 20 דְרוּם הָאבּ אִיךְ אֵייךְ גֶערוּפֶען אַז אִיךְ זָאל אֵייךְ זֶעהֶען אוּן מִיט
אֵייךְ רֶעדֶען; וָוארִין פוּן וֶועגֶען דֶער הָאפְנוּנְג פוּן יִשְׂרָאֵל בִּין אִיךְ מִיט דִיזֶער
קֶעט גֶעבּוּנְדֶען. 21 אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מִיר הָאבֶּען קֵיינֶע
בְּרִיף וֶועגֶען דִיר פוּן לַאנְד יְהוּדָה נִיט דֶערְהַאלְטֶען, אוּן קֵיינֶער פוּן דִיא
בְּרִידֶער וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען הָאט פוּן דִיר נִיט דֶערְצֶעהְלְט אָדֶער עֶפֶּעס
שְׁלֶעכְטֶעס גֶערֶעט. 22 אָבֶּער מִיר בֶּעגֶעהְרֶען פוּן דִיר צוּ הֶערֶען וָואס דוּא
דֶענְקְסְט, וָוארִין וֶועגֶען דִיזֶע כִּתָּה אִיז עֶס אוּנְז בֶּעקַאנְט אַז מֶען רֶעט דֶערְ־
קֶעגֶען אִין אַלֶע עֶרְטֶער.

23 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִיהְם אַ טָאג בֶּעשְׁטֶעלְט, אוּן פִילֶע זֶענֶען צוּ אִיהְם
אִין זֵיינֶע וְואוֹינוּנְג גֶעקוּמֶען, צוּ וֶועלְכֶע עֶר הָאט דֶערְקְלֶעהְרְט אוּן בֶּעצֵייגְט
דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט, אוּן הָאט זֵייא וֶועגֶען יֵשׁוּעַ אִיבֶּערְגֶערֶעט פוּן תּוֹרַת
מֹשֶׁה אוּן דִיא נְבִיאִים פוּן מָארְגֶען בִּיז אָבֶּענְד. 24 אוּן עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען
גֶעגְלוֹיבְּט דִיא זַאכֶען וָואס זֶענֶען גֶעשְׁפְּרָאכֶען גֶעוֶוען, אוּן עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען
נִיט גֶעגְלוֹיבְּט. 25 אוּן וַוייל זֵייא זֶענֶען נִיט אֵיינִיג גֶעוֶוען אוּנְטֶער אֵיינַאנְדֶער,
זֶענֶען זֵייא אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט, וֶוען פּוּלוּס הָאט נָאךְ אֵיין וָוארְט גֶעזָאגְט, אַז דֶער רוּחַ
הַקוֹדֶשׁ הָאט דוּרְךְ יְשַׁעְיָה הַנָבִיא צוּ אוּנְזֶערֶע אָבוֹת גוּט גֶערֶעט אוּן גֶעזָאגְט,

26 גֶעה צוּ דִיזֶעם פָאלְק אוּן זָאג זֵייא,
הֶערֶענְדִיג וֶועט אִיהְר הֶערֶען אוּן וֶועט נִיט פֶערְשְׁטֶעהֶען;
אוּן זֶעהֶענְדִיג וֶועט אִיהְר זֶעהֶען אוּן וֶועט נִיט אֵיינְזֶעהֶען;
27 וָוארִין דָאס הַארְץ פוּן דִיזֶעם פָאלְק אִיז פֶעט גֶעוָוארֶען,
אוּן זֵייעֶרֶע אוֹיעֶרֶען זֶענֶען שְׁוֶוער צוּ הֶערֶען,
אוּן זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען זֵייא צוּגֶעמַאכְט;
אַז זֵייא זָאלֶען נִיט זֶעהֶען מִיט זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען,
אוּן נִיט הֶערֶען מִיט זֵייעֶרֶע אוֹיעֶרֶען,
אוּן נִיט פֶערְשְׁטֶעהֶען מִיט זֵייעֶר הַארְץ אוּן זִיךְ אוּמְקֶעהְרֶען,
אוּן אִיךְ זָאל זֵייא הֵיילֶען.

26,27 ישעיה ו׳ ט׳, י׳.

אפאסטעלגעשיכטע כח

28 דְרוּם זָאל עֶס אֵייךְ בֶּעקַאנְט זַיין אַז צוּ דִיא גוֹיִם אִיז גֶעשִׁיקְט דִיא יְשׁוּעָה פוּן גָאט; זַייא וֶועלֶען עֶס אוֹיךְ הֶערֶען.

30 אוּן עֶר הָאט צְווֵייא גַאנְצֶע יָאהְר אִין זַיין אֵייגֶענֶען גֶעדוּנְגֶענֶען הויז גֶעווָאוינְט, אוּן הָאט אַלֶע אוֹיפְגֶענוּמֶען וָואס זֶענֶען צוּ אִיהְם אַרֵיינְגֶעקוּמֶען,
31 אוּן הָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט, אוּן הָאט גֶעלֶעהְרְט וֶועגֶען דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ גַאנְץ עֶפֶענְטְלִיךְ, אוּן קֵיינֶער הָאט אִיהְם פֶערְ־
וֶועהְרְט.

29 אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט, זֶענֶען דִיא יוּדֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבֶּען אַ גְרוֹיסֶען וִיכּוּחַ צְווִישֶׁען זִיךְ גֶעהַאט.

דֶער בְּרִיף פוּן דֶעם

אַפָּאסְטֶעל פּוֹלוּס צוּ דִיא רוֹמֶער.

1 פּוֹלוּס אַ קְנֶעכְט פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, גֶערוּפֶען צוּ זֵיין אֵיין אַפָּאסְטֶעל,
אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט צוּ דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן גָאט, 2 וֶועלְכֶע עֶר הָאט פְרִיהֶער
צוּגֶעזָאגְט דוּרְךְ זֵיינֶע נְבִיאִים אִין דִיא הֵיילִיגֶע שְׁרִיפְטֶען, 3 וֶוענֶען זֵיין זוּהְן,
וֶועלְכֶער אִיז גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם זָאמֶען פוּן דָוִד נָאךְ דֶעם פְלֵיישׁ,
4 אוּן אִיז בֶּעשְׁטֶעלְט צוּ זֵיין דֶער זוּהְן פוּן גָאט מִיט מַאכְט נָאךְ דֶעם גֵייסְט
פוּן הֵיילִיגְקֵייט, דוּרְךְ דֶער אוֹיפֶערְשְׁטֶעהוּנְג פוּן דִיא טוֹיטֶען; 5 יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ
אוּנְזֶער הַאר דוּרְךְ דֶעם מִיר הָאבֶּען גְנָאד אוּן שְׁלִיחוּת דֶערְהַאלְטֶען צוּם גֶעהָאר־
זַאם פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען צְווִישֶׁען אַלֶע גוֹיִם פוּן וֶועגֶען זֵיין נָאמֶען, 6 צְווִישֶׁען
וֶועלְכֶע זֶענְט אִיהְר אוֹיךְ דִיא גֶערוּפֶענֶע פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ; 7 צוּ אַלֶע וָואס
זֶענֶען אִין רוֹם, דִיא גֶעלִיבְּטֶע פוּן גָאט, גֶערוּפֶענֶע הֵיילִיגֶע, גְנָאד זֵייא מִיט
אֵייךְ אוּן פְרִידֶען פוּן גָאט אוּנְזֶערֶעם פָאטֶער אוּן פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.
8 צוּעֶרְשְׁט דַאנְק אִיךְ מֵיין גָאט דוּרְךְ יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ וֶועגֶען אֵייךְ אַלֶע, אַז
אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען אִיז אִין דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט דֶערְצֶעהְלְט. 9 וָוארִין גָאט אִיז מֵיין
עֵדוּת, וֶועלְכֶען אִיךְ דִיעֶן אִין מֵיין גֵייסְט אִין דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן זֵיין זוּהְן,
וִויא בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִיךְ גֶעדֶענְק אֵייךְ, 10 אַלֶע צֵייטֶען אִין מֵיינֶע תְּפִילוֹת
בֶּעט אִיךְ, אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין אַמָאל מַצְלִיחַ זֵיין אִין מֵיין וֶועג דוּרְךְ דֶעם ווִילֶען
פוּן גָאט צוּ אֵייךְ צוּ קוּמֶען. 11 וָוארִין אִיךְ פֶערְלַאנְג אֵייךְ צוּ זֶעהֶען, כְּדֵי אִיךְ
זָאל אֵייךְ גֶעבֶּען אַ שׁוּם גֵייסְטְלִיכֶע מַתָּנָה, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט פֶעסְט גֶעגְרִינְדֶעט
וֶוערֶען, 12 דָאס הֵייסְט, כְּדֵי אִיךְ זָאל מִיט אֵייךְ גֶעטְרֵייסְט וֶוערֶען דוּרְךְ דֶעם
גְלוֹיבֶּען וָואס מִיר הָאבֶּען מִיט אֵיינַאנְדֶער.
13 אוּן אִיךְ ווִיל נִיט אַז אִיהְר זָאלְט עֶס נִיט ווִיסֶען, בְּרִידֶער, אַז אִיךְ הָאבּ
מִיר אָפְּט פָארְגֶענוּמֶען צוּ אֵייךְ צוּ קוּמֶען, אוּן אִיךְ בִּין בִּיז אַהֶער אוֹיפְגֶע־
הַאלְטֶען גֶעוָוארֶען, כְּדֵי אִיךְ זָאל צְווִישֶׁען אֵייךְ אוֹיךְ אַבִּיסֶעל פְרוּכְט דֶערְהַאלְ־
טֶען, אַזוֹי ווִיא צְווִישֶׁען דִיא אִיבְּרִיגֶע פֶעלְקֶער. 14 אוֹיךְ צוּ דִיא גְרֶעקֶען אוּן
אוֹיךְ צוּ דִיא פְרֶעמְדֶע לֵייט בִּין אִיךְ אַ בַּעַל חוֹב, צוּ דִיא קְלוּגֶע אוּן צוּ דִיא
נַארִישֶׁע; 15 דְרוּם אַזוֹי וֶוייט ווִיא אִיךְ קֶען בִּין אִיךְ בֶּערֵייט אוֹיךְ צוּ אֵייךְ וָואס
זֶענְט אִין רוֹם צוּ פְרֶעדִיגֶען. 16 וָוארִין אִיךְ שֶׁעהְם מִיךְ נִיט מִיט דֶער בְּשׂוֹרָה
טוֹבָה פוּן דֶעם מָשִׁיחַ, וָוארִין עֶס אִיז דִיא מַאכְט פוּן גָאט צוּ יְשׁוּעָה צוּ
יֶעדֶעם וָואס גְלוֹיבְּט, צוּעֶרְשְׁט צוּ דֶעם יוּד אוּן אוֹיךְ צוּם גְרֶעק. 17 וָוארִין דִיא

גֶערֶעכְטִיגְקֵייט פוּן גָאט אִיז דְרִינֶען אַנְטְפְּלֶעקְט פוּן גְלוֹיבֶּען צוּם גְלוֹיבֶּען, אַזוֹי
וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, דֶער גֶערֶעכְטֶער וֶועט לֶעבֶּען דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען.
[18] וָוארִין דֶער צָארְן פוּן גָאט אִיז אַנְטְפְּלֶעקְט פוּן הִימֶעל אִיבֶּער אַלֶע רִשְׁעוּת
אוּן אוּנְגֶערֶעכְטִיגְקֵייט פוּן מֶענְשֶׁען וָואס הַאלְטֶען דִיא וָואהְרְהֵייט אִין אוּנְגֶע־
רֶעכְטִיגְקֵייט; [19] וָוארִין דָאס וָואס מֶען קֶען וִויסֶען וֶועגֶען גָאט אִיז אִין זֵייא
אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארֶען, וָוארִין גָאט הָאט עֶס צוּ זֵייא אַנְטְפְּלֶעקְט. [20] וָוארִין דִיא
נִיט גֶעזֶעהֶענֶע זַאכֶען פוּן דֶער בֶּעשֶׁעפֶּענִים פוּן דֶער וֶועלְט זֶענֶען דוּרְךְ דִיא
וֶוערְק אָנְגֶעזֶעהֶען אוּן בֶּעמֶערְקְט, דָאס הֵייסְט זֵיינֶע עֶבִּיגֶע קְרַאפְט אוּן גָאטְ־
הֵייט, אַזוֹי אַז זֵייא הָאבֶּען גָאר קֵיינֶע עֶנְטְשׁוּלְדִיגוּנְג; [21] ווייל וֶוען זֵייא הָאבֶּען
גָאט גֶעקֶענְט, הָאבֶּען זֵייא אִיהְם נִיט אַלְס גָאט גֶעלוֹיבְּט אָדֶער גֶעדַאנְקְט,
אָבֶּער זֵייא זֶענֶען אִין זֵייעֶרֶע גֶעדַאנְקֶען נַארִישׁ גֶעוָוארֶען, אוּן זֵייעֶר אוּנְ־
פֶערְשְׁטֶענְדִיגֶעס הַארְץ אִיז פֶערְפִינְסְטֶערְט גֶעוָוארֶען. [22] אִינְדֶעם זֵייא הָאבֶּען זִיךְ
גֶעהַאלְטֶען פַאר קְלוּג זֶענֶען זֵייא נַארִישׁ גֶעוָוארֶען, [23] אוּן זֵייא הָאבֶּען דִיא
הֶערְלִיכְקֵייט פוּן דֶעם אוּנְפֶערְדֶערְבְּלִיכֶען גָאט פֶערְבִּיטֶען פַאר אַ בִּילְד גְלֵייךְ
צוּ דֶער גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ פֶערְדֶערְבְּלִיכֶען מֶענְשֶׁען אוּן פוּן פֵייגֶעל אוּן פִיעֶרְ־
פִיסִיגֶע חַיוֹת אוּן גֶעוֶוערְם.

[24] דְרוּם הָאט גָאט זֵייא אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען אִין דִיא גְלוּסְטֶען פוּן זֵייעֶרֶע הֶערְ־
צֶער צוּ אוּנְרֵיינִיגְקֵייט, צוּ שַׁאנְד מַאכֶען זֵייעֶרֶע לֵייבֶּער צְוִוישֶׁען זִיךְ זֶעלְבְּסְט,
[25] וֶועלְכֶע הָאבֶּען דִיא וָואהְרְהֵייט פוּן גָאט פֶערְבִּיטֶען פַאר דֶעם לִיגֶען, אוּן
זֵייא הָאבֶּען פֶערְעֶהְרְט אוּן גֶעדִינְט דִיא בֶּעשֶׁעפֶּענִים מֶעהְר וִויא דֶעם בֶּעשֶׁעפֶּ־
פֶער, דֶער אִיז אוֹיף עֶבִּיג גֶעלוֹיבְּט, אָמֵן.

[26] דֶעסְטְוֶועגֶען הָאט גָאט זֵייא אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צוּ שֶׁענְדְלִיכֶע גְלוּסְטִיגְקֵייט;
וָוארִין זֵייעֶרֶע נְקֵבוֹת הָאבֶּען זֵייעֶר בֶּעדַארְף מִן הַטֶבַע פֶערְבִּיטֶען פַאר דֶעם
וָואס אִיז קֶעגֶען דֶער טֶבַע, [27] אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִיא זְכָרִים הָאבֶּען דֶעם בֶּעדַארְף
מִן הַטֶבַע פוּן דֶער נְקֵבָה פֶערְלָאזְט, אוּן הָאבֶּען אִין זֵייעֶרֶע ווילְדֶע גְלוּסְטֶען
גֶעבְּרֶענְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען, אוּן זְכָרִים מִיט זְכָרִים הָאבֶּען שַׁאנְד גֶעמַאכְט,
אוּן הָאבֶּען אִין זִיךְ זֶעלְבְּסְט דֶעם לוֹין פוּן זֵייעֶר טָעוּת בֶּעקוּמֶען, אַזוֹי וִויא
זֵייא הָאבֶּען פֶערְדִינְט.

[28] אוּן גְלֵייךְ וִויא זֵייא הָאבֶּען נִיט גֶעוָואלְט גָאט הָאבֶּען אִין זֵייעֶרֶע יְדִיעָה,
אַזוֹי הָאט גָאט זֵייא אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צוּ אַ פֶערְוָוארְפֶענֶען פֶערְשְׁטַאנְד, צוּ טְהוּן
וָואס טוֹיגְט נִיט, [29] אִינְדֶעם זֵייא זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט גֶעוָוארֶען מִיט יֶעדֶע אוּנְגֶע־
רֶעכְטִיגְקֵייט רִשְׁעוּת תַּאֲוֹת שְׁלֶעכְטֶעס, פוּל פוּן נֵייד מָארְד שְׁטְרֵייט בֶּעטְרִי־
גֶערֵייא רְכִילוּת, [30] פֶערְלֵיימְדֶער, פֵיינְד פוּן גָאט, עַזוּת פָּנִים, לֶעסְטֶערֶער
שְׁטָאלְצֶע בַּארִיהְמֶער, אוֹיסְגֶעפִינֶער פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכֶען, ווידֶערְשְׁפֶּענִיג
קֶעגֶען דִיא עֶלְטֶערְן, [31] אוּנְפֶערְשְׁטֶענְדִיג, אוּנְגֶעטְרֵייא, אָהְן נַאטִירְלִיכֶע לִיבֶּע,
אוּנְבַּארֶעמְהֶערְצִיג; [32] וֶועלְכֶע וֶוען זֵייא הָאבֶּען אוֹיךְ גֶעוואוּסְט דָאס מִשְׁפָּט פוּן
גָאט, אַז דִיא וָואס טְהוּן אַזֶעלְכֶע זַאכֶען זֶענֶען וֶוערְט דֶעם טוֹיט, נִיט

[17] חבקוק ב׳ ד׳.

נור טְהוּן זֵייא, נֵייעֶרְט בֶּעוִוילִיגֶען אוֹיךְ דִיא וָואס טְהוּן זֵייא.

ב 1 דְרוּם בִּיסְט דוּא אָהְן אֵיין עֶנְטְשׁוּלְדִיגוּנְג, אָ מֶענְשׁ, וֶוער דוּא אוֹיךְ
בִּיסְט וָואס דוּא רִיכְטֶעסְט; וָוארִין אִינְדֶעם דוּא רִיכְטֶעסְט דֶעם אַנְדֶערֶען,
פֶערְשׁוּלְדִיגְסְט דוּא דִיךְ אַלֵיין; וָוארִין דוּא וָואס רִיכְטֶעסְט טְהוּסְט דִיא
זֶעלְבִּיגֶע זַאכֶען. 2 אוּן מִיר וִויסֶען אַז דָאס גֶערִיכְט פוּן גָאט אִיז נָאךְ דֶער
וָואהְרְהֵייט אִיבֶּער דִיא וָואס טְהוּן אַזֶעלְכֶע זַאכֶען. 3 אָבֶּער מֵיינְסְט דוּא דָאס,
אָ מֶענְשׁ, וָואס דוּא רִיכְטֶעסְט דִיא וָואס טְהוּן אַזֶעלְכֶע זַאכֶען אוּן טְהוּסְט זֵייא,
אַז דוּא וֶועסְט דָאס גֶערִיכְט פוּן גָאט אַנְטְרִינֶען? 4 אָדֶער בִּיסְט דוּא מְבַזֶה
דֶעם רֵייכְטוּם פוּן זֵיינֶע גִיטִיגְקֵייט אוּן גֶעדוּלְד אוּן לַאנְגְמִיטִיגְקֵייט, אוּן דוּא
ווֵייסְט נִיט אַז דִיא גִיטִיגְקֵייט פוּן גָאט פִיהְרְט דִיךְ צוּ תְּשׁוּבָה? 5 אָבֶּער נָאךְ
דֵיינֶער הַארְטִיגְקֵייט אוּן אוּנְבֶּעקֶעהְרְטֶען הַארְץ זַאמֶעלְסְט דוּא דִיר צָארְן
אִים טָאג פוּן צָארְן אוּן אַנְטְפְּלֶעקוּנְג פוּן דֶעם גֶערֶעכְטֶען מִשְׁפָּט פוּן גָאט,
6 וֶועלְכֶער וֶועט בֶּעצָאהְלֶען צוּ אִיטְלִיכֶעם נָאךְ זֵיינֶע וֶוערְק. 7 צוּ דִיא וֶועלְכֶע
דוּרְךְ אוֹיסְהַארֶען אִין אַ גוּטֶען וֶוערְק שְׁטְרֶעבֶּען נָאךְ הֶערְלִיכְקֵייט אוּן כָּבוֹד
אוּן אוּנְפֶערְדָארְבֶּענְהֵייט, עֶבִּיגֶעס לֶעבֶּען. 8 אָבֶּער צוּ דִיא וָואס צַאנְקֶען זִיךְ
אוּן גֶעהָארְכֶען נִיט דִיא וָואהְרְהֵייט, נֵייעֶרְט גֶעהָארְכֶען אוּנְרֶעכְט, וֶועט זֵיין
צָארְן אוּן גְרִימְצָארְן, 9 בֶּעטְרִיבְּנִים אוּן אַנְגְסְט אִיבֶּער יֶעדֶע זֶעלֶע פוּן אַ מֶענְ־
שֶׁען וָואס טְהוּט אִיבֶּעל, צוּעֶרְשְׁט פוּן דֶעם יוּד אוּן אוֹיךְ פוּן דֶעם גְרֶעק; 10 אָבֶּער
הֶערְלִיכְקֵייט אוּן כָּבוֹד אוּן פְרִידֶען צוּ אִיטְלִיכֶעם וָואס טְהוּט גוּטֶעס, צוּעֶרְשְׁט
צוּם יוּד אוּן אוֹיךְ צוּם גְרֶעק. 11 וָוארִין עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין נוֹשֵׂא פָּנִים בֵּייא
גָאט. 12 וָוארִין אַלֶע דִיא וָואס הָאבֶּען אָהְן אַ גֶעזֶעץ גֶעזִינְדִיגְט, וֶועלֶען אוֹיךְ
אָהְן אַ גֶעזֶעץ פֶערְלוֹירֶען וֶוערֶען; אוּן דִיא וָואס הָאבֶּען אוּנְטֶער אַ גֶעזֶעץ
גֶעזִינְדִיגְט וֶועלֶען דוּרְךְ אַ גֶעזֶעץ גֶערִיכְטֶעט וֶוערֶען; 13 וָוארִין נִיט דִיא הֶערֶער
פוּן דֶעם גֶעזֶעץ זֶענֶען גֶערֶעכְט פָאר גָאט, נֵייעֶרְט דִיא טְהוּעֶר פוּן דֶעם גֶעזֶעץ
וֶועלֶען גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט וֶוערֶען. 14 וָוארִין וֶוען דִיא גוֹיִם. וָואס הָאבֶּען נִיט
דָאס גֶעזֶעץ טְהוּן מִן הַטֶבַע דִיא גֶעבָּאטֶע פוּן דֶעם גֶעזֶעץ, דִיזֶע וֶוען זֵייא
הָאבֶּען נִיט קֵיין גֶעזֶעץ, זֶענֶען אַ גֶעזֶעץ צוּ זִיךְ אַלֵיין. 15 אוּן זֵייא בֶּעוַוייזֶען
דָאס וֶוערְק פוּן דֶעם גֶעזֶעץ גֶעשְׁרִיבֶּען אִין זֵייעֶר הַארְץ, אִינְדֶעם זֵייעֶר גֶעוִוי־
סֶען בֶּעצֵייגְט מִיט זֵייא צוּזַאמֶען, אוּן זֵייעֶרֶע גֶעדַאנְקֶען צְוִוישֶׁען אֵיינַאנְדֶער
פֶערְקְלָאגֶען אָדֶער אוֹיךְ רֶעכְטְפֶערְטִיגֶען זִיךְ, 16 אִים טָאג וֶוען גָאט וֶועט
דִיא פֶערְבָּארְגֶענֶע זַאכֶען פוּן מֶענְשֶׁען רִיכְטֶען דוּרְךְ יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ נָאךְ מֵיינֶע
בְּשׂוֹרָה טוֹבָה.

17 אָבֶּער וֶוען דוּא וֶוערְסְט גֶעהֵייסֶען אַ יוּד, אוּן פֶערְלָאזְט דִיךְ רוּהִיג אוֹיף דֶעם
גֶעזֶעץ, אוּן רִיהְמְסְט דִיךְ אִין גָאט, 18 אוּן ווֵייסְט זֵיין ווִילֶען, אוּן פְּרִיפְסְט דִיא
זַאכֶען וָואס זֶענֶען מֶעהְר וֶוערְט, אִינְדֶעם דוּא בִּיסְט פוּן דֶער תּוֹרָה גֶעלֶעהְרְט,
19 אוּן דוּא בִּיסְט זִיכֶער אַז דוּא אַלֵיין בִּיסְט אַ פִיהְרֶער פוּן דִיא בְּלִינְדֶע, אַ
לִיכְט צוּ דִיא וָואס זֶענֶען אִין דֶער פִינְסְטֶער, 20 אַ דֶערְצִיהֶער צוּ דִיא נַארֶען,
אַ לֶעהְרֶער פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אֵיינֶער וָואס הָאסְט דִיא גֶעשְׁטַאלְט פוּן

דערקענטנים און דיא וואהרהייט אין דער תורה. 21 דרום דוא וואס לעהרסט
איין אנדערען, לעהרסט דוא ניט דיך אליין? דוא וואס פרעדיגסט אז מען
זאל ניט גנבענען, טהוסט דוא גנבענען? 22 דוא וואס זאגסט אז מען זאל ניט
מזנה זיין, ביסט דוא מזנה? דוא וואס פעראונווירדיגסט דיא אפגעטער,
רויבסט דוא דיא טעמפעל? 23 דוא וואס ריהמסט דיך מיט דעם געזעץ, דורך
איבערטרעטונג פון דעם געזעץ פערשעהמסט דוא גאט? 24 וואריז דער נאמען
פון גאט איז דורך אייך צווישען דיא גוים געלעסטערט, אזוי וויא עס שטעהט
געשריבען. 25 ווארין דיא בעשניידונג טהוט וואויל העלפען ווען דוא האלי־
טעסט דיא תורה; אבער ווען דוא ביסט איין איבערטרעטער פון דער תורה, איז
דיינע בעשניידונג אלס ערלה געווארען. 26 דרום ווען דער ערל האלט דיא גע־
רעכטיגקייט פון דער תורה, וועט ניט זיינע ערלה פאר בעשניידונג גערעכענט
ווערען? 27 און דיא ערלה וואס איז מן הטבע, ווען זיא האלט דאס געזעץ,
וועט דיך ריכטען וואס דוא דורך דעם בוכשטאב און דער בעשניידונג איבער־
טרעטעסט דיא תורה. 28 ווארין ניט דער איז א יוד וואס איז אזוי אויב־
ווענינ, אויך ניט דאס איז בעשניידונג וואס איז אויסווענינ אים פלייש;
29 נייערט דער איז א יוד וואס איז אינעווענינ, און דיא בעשניידונג איז דיא פון
דעם הארץ אים גייסט ניט אים בוכשטאב, וואס זיין לויב איז ניט פון
מענשען נייערט פון גאט.

ג 1 וואס איז דען דער פארטהייל פון דעם יוד? אדער וואס איז דער נוצען
פון דער בעשניידונג? 2 פיל, יעדענפאלס; צוערשט ווייל צו זייא זענען דיא
רעד פון גאט אנפערטרויעט. 3 ווארין וואס איז דען ווען עטליכע האבען
ניט געגלויבט? זאל זייער אונגלויבען צושטערען דיא טרייהייט פון גאט?
4 חלילה; ליבער אז גאט איז וואהר, און יעדער מענש א ליגנער, אזוי וויא
עס שטעהט געשריבען

כדי דוא זאלסט גערעכטפערטיגט זיין אין דיינע ווערטער,
און זאלסט בייקומען ווען דוא ווערסט גערעכטעט.

5 אבער ווען אונזערע אונגערעכטיגקייט בעשטעטיגט דיא גערעכטיגקייט פון
גאט, וואס זאלען מיר זאגען? איז גאט אונגערעכט, דער שטראפט מיט
צארן? איך רעד מענשליך. 6 חלילה; ווען אזוי, וויא וועט גאט דיא וועלט
ריכטען? 7 אבער ווען דיא וואהרהייט פון גאט געררייכט מעהר צו זיין כבוד
דורך מיין ליגען, ווארום בין איך דען אויך נאך גערריכטעט וויא א זינדער?
8 און ווארום ניט גלייך וויא מיר זענען געלעסטערט און וויא עטליכע בעהויפ־
טען אז מיר זאגען, לאזען מיר שלעכטעס טהון כדי גוטעס זאל קומען; צו
וועלכע דאס משפט איז גערעכט.

9 וואס דען? זענען מיר ערגער וויא זייא? געוויס ניט. ווארין מיר האבען
פריהער בעוויזען אז יודען און גוים זענען אלע אונטער זינד, 10 אזוי וויא עס
שטעהט געשריבען,

24 ישעיה נב׳ ה׳.

4 תהלים נא׳ ה׳.

רוּמער ג

עֶס אִיז קֵיינֶער נִיט גֶערֶעכְט אוֹיךְ נִיט אֵיינֶער,
11 עֶס אִיז קֵיינֶער וָואס אִיז פֶערְשְׁטֶענְדִיג, אִיז קֵיינֶער וָואס פָארְשְׁט
נָאךְ גָאט;
12 זֵייא זֶענֶען אַלֶע אָפְּגֶעקֶעהְרְט, זֵייא זֶענֶען צוּזַאמֶען אוּנְנִיצִיג גֶעוָוארֶען,
עֶס אִיז קֵיינֶער וָואס טְהוּט גִיטִיגְקֵייט, עֶס אִיז נִיט אֵיין אֵיינְצִיגֶער.
13 זֵייעֶר הַאלְז אִיז אֵיין אָפֶענֶע גְרוּבּ,
זֵייא בֶּעטְרִיגֶען מִיט זֵייעֶרֶע צוּנְג,
דָאס גִיפְט פוּן אַ שְׁלַאנְג אִיז אוּנְטֶער זֵייעֶרֶע לִיפֶּען,
14 וֶועמֶעס מוֹיל אִיז פוּל מִיט פְלוּכוּנְג אוּן בִּיטֶערְקֵייט;
15 זֵייעֶרֶע פִּים זֶענֶען אֵיילֶענְדִיג בְּלוּט צוּ פֶערְגִיסֶען,
16 פֶערְדָארְבֶּען אוּן יַאמֶער זֶענֶען אִין זֵייעֶרֶע וֶועגֶען,
17 אוּן דֶעם וֶועג פוּן פְרִידֶען הָאבֶּען זֵייא נִיט גֶעוְואוּסְט.
18 דִיא פָארְכְט פוּן גָאט אִיז נִיט פָאר זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען.
19 נוּן מִיר וִויסֶען אַז אַלֶעס וָואס דִיא תּוֹרָה זָאגְט, דָאס זָאגְט זִיא צוּ דִיא וָואס
זֶענֶען אוּנְטֶער דֶער תּוֹרָה, כְּדֵי אִיטְלִיכֶעס מוֹיל זָאל פֶערְשְׁטָאפְּט וֶוערֶען, אוּן
דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט זָאל פֶערְשׁוּלְדִיגְט וֶוערֶען פָאר גָאט; 20 דְרוּם דוּרְךְ דִיא
וֶוערְק פוּן דֶער תּוֹרָה וֶועט קֵיין מֶענְשׁ פָאר אִיהְם גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט וֶוערֶען,
וָוארִין דוּרְךְ דֶער תּוֹרָה אִיז דִיא דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן זִינְד.

21 נוּן אָבֶּער אִיז דִיא גֶערֶעכְטִיגְקֵייט פוּן גָאט אָהְן דֶעם גֶעזֶעץ אַנְטְפְּלֶעקְט,
אִינְדֶעם עֶס אִיז דוּרְךְ דֶער תּוֹרָה אוּן דִיא נְבִיאִים בֶּעצֵייגְט גֶעוָוארֶען. 22 אוּן
דִיא גֶערֶעכְטִיגְקֵייט פוּן גָאט אִיז דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען אָן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ צוּ אַלֶע וָואס
גְלוֹיבֶּען; וָוארִין עֶס אִיז נִיט קֵיין אוּנְטֶערְשִׁיד. 23 וָוארִין אַלֶע הָאבֶּען גֶעזִינְ־
דִיגְט, אוּן הָאבֶּען אִין דֶער הֶערְלִיכְקֵייט פוּן גָאט גֶעפֶעהְלְט; 24 אִינְדֶעם זֵייא
זֶענֶען אוּמְזוּסְט גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט פוּן זֵיינֶע גְנָאד דוּרְךְ דֶער דֶערְלֶעזוּנְג וָואס
אִיז אִין יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ. 25 וֶועלְכֶען גָאט הָאט פָארְאוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט פַאר אַ
כַּפּוֹרֶת דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען אִין זֵיינֶעם בְּלוּט, כְּדֵי עֶר זָאל זֵיינֶע גֶערֶעכְטִיגְ־
קֵייט בֶּעווייזֶען דוּרְךְ דֶער פֶערְגֶעבּוּנְג פוּן דִיא פָארְגַאנְגֶענֶע זִינְד אִין דֶער
לַאנְגְמִיטִיגְקֵייט פוּן גָאט, 26 אוּם צוּ בֶּעווייזֶען אִין דִיזֶער צֵייט זֵיינֶע גֶערֶעכְ־
טִיגְקֵייט, כְּדֵי עֶר זָאל גֶערֶעכְט זֵיין אוּן דֶער רֶעכְטְפֶערְטִיגֶער פוּן דֶעם וָואס
גְלוֹיבְּט אָן יֵשׁוּעַ.

27 דְרוּם וְואוּ אִיז דָאס רִיהְמֶען? עֶס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁלָאסֶען. דוּרְךְ וֶועלְכֶעס
גֶעזֶעץ? פוּן דִיא וֶוערְק? נֵיין, נֵייעֶרְט דוּרְךְ דֶעם גֶעזֶעץ פוּן גְלוֹיבֶּען.
28 וָוארִין מִיר שְׁלִיסֶען אַז אַ מַאן אִיז דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט אָהְן
דִיא וֶוערְק פוּן דֶעם גֶעזֶעץ. 29 אִיז עֶר דֶען דֶער גָאט פוּן דִיא יוּדֶען אַלֵיין?
אִיז עֶר נִיט אוֹיךְ דֶער גָאט פוּן דִיא גוֹיִם? יָא, פוּן דִיא גוֹיִם אוֹיךְ, 30 וֶוען
עַל כָּל פָּנִים גָאט אִיז אֵיינֶער וֶועלְכֶער וֶועט דִיא בֶּעשְׁנֵיידוּנְג פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען

10-12 תהלים יד׳, א׳-ג׳. 13 תהלים ה׳ י׳, קמ׳ ד׳. 14 תהלים י׳ ז׳.
15-17 ישעיה נט׳ ז׳, ח׳. 18 תהלים לו׳ ב׳. 20 תהלים קמג׳ ב׳.

רֶעכְטְפֶערְטִיגֶען און דִיא עָרְלָה דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען. 31 זֶענֶען מִיר דֶען מְבַטֵל
דָאס גֶעזֶעץ דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען? חָלִילָה; נֵייעֶרְט מִיר בֶּעשְׁטֶעטִיגֶען דָאס גֶעזֶעץ.

ד 1 וָואס זָאלֶען מִיר דֶען זָאגֶען אַז אַבְרָהָם אוּנְזֶער פָּאטֶער נָאךְ דֶעם פְלֵייש
הָאט דֶערְלַאנְגְט? 2 וָוארִין וֶוען אַבְרָהָם אִיז דוּרְךְ וֶוערְק גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט גֶעוֶוען
הָאט עֶר מִיט וָואס זִיךְ צוּ רִיהְמֶען, אָבֶּער נִיט פָאר גָאט. 3 וָוארִין וָואס זָאגְט
דִיא שְׁרִיפְט? אַבְרָהָם הָאט גֶעגְלוֹיבְּט גָאט, און עֶס אִיז צוּ אִיהְם צוּגֶערֶעכֶענְט
גֶעוֶוען פַאר גֶערֶעכְטִיגְקֵייט. 4 אָבֶּער צוּ דֶעם וָואס ווירְקְט אִיז דֶער לוֹין נִיט
פַאר אַ גְנָאד גֶערֶעכֶענְט, נֵייעֶרְט פַאר אַ חוב; 5 אָבֶּער צוּ דֶעם וָואס ווירְקְט
נִיט, נֵייעֶרְט גְלוֹיבְּט אָן אִיהְם וָואס רֶעכְטְפֶערְטִיגְט דֶעם רָשָׁע, אִיז זֵיין גְלוֹיבֶּען
גֶערֶעכֶענְט אַלְס גֶערֶעכְטִיגְקֵייט. 6 אַזוֹי וִויא אוֹיךְ דָוִד הֵייסְט דֶעם מֶענְשֶׁען
גֶעבֶּענְשְׁט, צוּ דֶעם גָאט רֶעכֶענְט גֶערֶעכְטִיגְקֵייט אָהְן וֶוערְק,

7 גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִיא צוּ וֶועלְכֶע דִיא אוּנְגֶערֶעכְטִיגְקֵייטֶען זֶענֶען
פֶערְגֶעבֶּען און דִיא זִינְד זֶענֶען צוּגֶעדֶעקְט;
8 גֶעבֶּענְשְׁט אִיז דֶער מֶענְשׁ צוּ וֶועלְכֶעם גָאט רֶעכֶענְט נִיט קֵיינֶע זִינְד.

9 אִיז דֶען דִיזֶע גְלִיקְזֶעלִיגְקֵייט אִיבֶּער דֶער בֶּעשְׁנֵיידוּנְג גֶעזָאגְט, אָדֶער אוֹיךְ
אִיבֶּער דֶער עָרְלָה? וָוארִין מִיר זָאגֶען אַז דֶער גְלוֹיבֶּען אִיז צוּ אַבְרָהָם
גֶערֶעכֶענְט גֶעוֶוען פַאר גֶערֶעכְטִיגְקֵייט. 10 וִויא אִיז עֶס דֶען צוּ אִיהְם גֶערֶע־
כֶענְט גֶעוָוארֶען? אִין בֶּעשְׁנֵיידוּנְג אָדֶער אִין עָרְלָה? נִיט אִין בֶּעשְׁנֵיידוּנְג,
נֵייעֶרְט אִין עָרְלָה. 11 און עֶר הָאט דָאס צֵייכֶען פוּן בֶּעשְׁנֵיידוּנְג דֶערְהַאלְטֶען,
אַלְס זִיגֶעל פוּן דֶער גֶערֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט
וֶוען עֶר אִיז נָאךְ אִין עָרְלָה גֶעוֶוען, כְּדֵי עֶר זָאל זֵיין דֶער פָּאטֶער פוּן אַלֶע
וָואס גְלוֹיבֶּען חָאטְשֶׁע זֵייא זֶענֶען אוּנְבֶּעשְׁנִיטֶען, כְּדֵי דִיא גֶערֶעכְטִיגְקֵייט זָאל
צוּ זֵייא אוֹיךְ גֶערֶעכֶענְט וֶוערֶען, 12 און דֶער פָּאטֶער פוּן דֶער בֶּעשְׁנֵיידוּנְג נִיט
נוּר צוּ דִיא וָואס זֶענֶען פוּן דֶער בֶּעשְׁנֵיידוּנְג, נֵייעֶרְט אוֹיךְ צוּ דִיא וָואס
גֶעהֶען אִין דִיא פוּסְטְרִיט פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען פוּן אוּנְזֶערֶעם פָּאטֶער אַבְרָהָם, וָואס
עֶר הָאט גֶעהַאט וֶוען עֶר אִיז נָאךְ אִין עָרְלָה גֶעוֶוען.

13 וָוארִין דִיא הַבְטָחָה צוּ אַבְרָהָם אָדֶער צוּ זֵיין זָאמֶען, אַז עֶר זָאל יוֹרֵשׁ זֵיין
פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז נִיט דוּרְךְ דֶעם גֶעזֶעץ גֶעוָוארֶען, נֵייעֶרְט דוּרְךְ דֶער
גֶערֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען. 14 וָוארִין וֶוען דִיא וָואס זֶענֶען פוּן דֶעם
גֶעזֶעץ זֶענֶען יוֹרְשִׁים, אַזוֹי אִיז דֶער גְלוֹיבֶּען צוּ גָאר נִיט גֶעמַאכְט און דִיא
הַבְטָחָה אִיז בָּטֵל גֶעוֶוען. 15 וָוארִין דָאס גֶעזֶעץ ווירְקְט צָארְן; וָוארִין וְואוּ עֶס
אִיז נִיט קֵיין גֶעזֶעץ, דָא אִיז אוֹיךְ נִיט קֵיינֶע עֲבֵירָה. 16 דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז עֶס
פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען, כְּדֵי עֶס זָאל זֵיין דוּרְךְ גְנָאד, אַז דִיא הַבְטָחָה זָאל פֶעסְט
זֵיין צוּם גַאנְצֶען זָאמֶען, נִיט נוּר צוּ דֶעם וָואס אִיז פוּן דֶעם גֶעזֶעץ, נֵייעֶרְט
אוֹיךְ צוּ דֶעם וָואס אִיז פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען פוּן אַבְרָהָם, וָואס אִיז דֶער פָּאטֶער
פוּן אוּנְז אַלֶע, 17 אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, אִיךְ הָאבּ דִיךְ צוּם פָּאטֶער

3 בראשית טו׳ ו׳.
7,8 תהלים לב׳ א׳, ב׳.
9 בראשית טו׳ ו׳.
17 בראשית יז׳ ה׳.

פון פילע פעלקער געמאכט, פאר גאט אן וועלכען ער האט געגלויבט, דער
מאכט לעבענדיג די טויטע און רופט די זאכען וואס זענען ניט דא גלייך
ווי זיי וואלטען געווען. 18 וועלכער קעגען דער האפנונג האט אין דער
האפנונג געגלויבט, כדי ער זאל דער פאטער זיין פון פילע פעלקער, אזוי
ווי עס איז געזאגט געווען, אזוי וועט דיין זאמען זיין. 19 און וויל ער איז
ניט שוואך אין גלויבען געווען, האט ער זיין אייגענעם לייב אנגעזעהען גלייך
ווי עס איז שוין טויט געווען, ווען ער איז קעגען הונדערט יאהר אלט
געוואָרען, און אויך דעם טויטען מוטערלייב פון שרה; 20 אבער אין דער
הבטחה פון גאט האט ער ניט קיין ספק געהאט דורך אונגלויביגקייט, נייערט
איז שטארק געוואָרען דורך גלויבען, און האט כבוד צו גאט געגעבען, 21 און
איז זיכער געווען, אז וואס ער האט פערשפּראכען דאס קען ער אויך טהון.
22 דרום אויך איז עס איהם צוגערעכענט געווען פאר גערעכטיגקייט.

23 און עס איז ניט געשריבען פון זיינעטוועגען אליין, אז עס איז צו איהם
גערעכענט געווען, 24 נייערט פון אונזערטוועגען אויך, צו וועמען עס וועט
גערעכענט ווערען, וועלכע גלויבען אן איהם דער האט אונזערעם האר'ן ישוע
פון די טויטע אויפגעוועקט, 25 דער איז וועגען אונזערע זינד איבערגעגע-
בען געווען, און וועגען אונזערע גערעכטפערטיגקייט איז ער אויפגעוועקט
געוואָרען.

ה 1 דרום ווען מיר זענען גערעכטפערטיגט דורך דעם גלויבען, אזוי לאזט
אונז פרידען מיט גאט האבען דורך אונזערעם האר'ן ישוע המשיח, 2 דורך
דעם מיר האבען אויך אונזערעם צוטריט דערלאנגט דורך דעם גלויבען צו
דיזער גנאד אין וועלכער מיר שטעהען, און לאזט אונז פרעהליך זיין אין דער
האפנונג פון דער הערליכקייט פון גאט. 3 און ניט נור אזוי, נייערט
לאזט אונז אויך פרעהליך זיין אין אונזערעם ליידען, וויסענדיג אז דאס
ליידען ווירקט געדולד, 4 און די געדולד פריפונג, און די פריפונג האפ-
נונג; 5 און די האפנונג ברענגט ניט צו שאנד, ווארין די ליבע פון גאט
איז אין אונזערע הערצער אויסגעגאָסען דורך דעם רוח הקודש וואס איז אונז
געגעבען.

6 ווארין ווען מיר זענען נאך שוואך געווען, אזוי איז משיח אויף די רעכטע
צייט פאר די רשעים געשטארבען. 7 ווארין קוים וועט איימיצער פאר א
גערעכטען שטארבען; ווארין טאמער פאר דעם גוטען וועט זיך איימיצער
אונטערשטעהען אויך צו שטארבען. 8 אבער גאט שטעלט אזוי זיינע אייגענע
ליבע קעגען אונז, אינדעם ווען מיר זענען נאך זינדער געווען איז משיח פאר
אונז געשטארבען. 9 דרום נאך פיל מעהר ווען מיר זענען איצט גערעכט-
פערטיגט דורך זיין בלוט, וועלען מיר דורך איהם געראטעוועט ווערען פון דעם
צארן. 10 ווארין ווען מיר זענען מיט גאט פערזעהנט געוואָרען דורך דעם
טויט פון זיין זוהן, ווען מיר זענען פיינד געווען, פיל מעהר ווען מיר זענען

בראשית טו׳ ה׳, 18   בראשית טו׳ ו׳, 22

בֶּעוִוילִיגְט װֶעלֶען מִיר דוּרְךְ זַיין לֶעבֶּען גֶערֶעטֶעט װֶערֶען. 11 אוּן נִיט נוּר
אַזוֹי, נֵייעֶרְט מִיר זֶענֶען אוֹיךְ פְֿרֶעהְלִיךְ אִין גָאט דוּרְךְ אוּנְזֶערֶעם הַאר׳ן יֵשׁוּעַ
הַמָּשִׁיחַ, דוּרְךְ װֶעלְכֶעם מִיר הָאבֶּען אַצוּנְד דִיא אִיבֶּערְבֶּעטוּנְג דֶערְהַאלְטֶען.
12 דֶערְסְטְװֶעגֶען גְלֵייךְ וִויא דִיא זִינְד אִיז אִין דֶער װֶעלְט דוּרְךְ אֵיינֶעם מֶענְשֶׁען
אֵיינְגֶעטְרֶעטֶען, אוּן דֶער טוֹיט דוּרְךְ דֶער זִינְד, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער טוֹיט אִיבֶּער
אַלֶע מֶענְשֶׁען גֶעקוּמֶען, אִינְדֶעם אַלֶע הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט; 13 װָארִין בִּיז צוּם גֶעזֶעץ
אִיז דִיא זִינְד אִין דֶער װֶעלְט גֶעװֶען, אָבֶּער וָואוּ עֶס אִיז קֵיין גֶעזֶעץ, דָא אִיז
דִיא זִינְד נִיט צוּגֶערֶעכֶענְט. 14 דָאךְ הָאט דֶער טוֹיט גֶעהֶערְשְׁט פוּן אָדָם בִּיז
מֹשֶׁה אוֹיךְ אִיבֶּער דִיא וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעזִינְדִיגְט אִין דֶער גְלֵייכְהֵייט פוּן
דֶער עֲבֵירָה פוּן אָדָם, װֶעלְכֶער אִיז אַ פָארְבִּילְד פוּן דֶעם װֶעלְכֶער זָאל קוּמֶען.
15 אָבֶּער נִיט גְלֵייךְ וִויא מִיט דֶער זִינְד אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִיא פְֿרֵייעֶ מַתָּנָה; װָארִין
װֶען דוּרְךְ דִיא זִינְד פוּן אֵיינֶעם זֶענֶען פִילֶע גֶעשְׁטָארְבֶּען, פִיל מֶעהְר הָאט דִיא
גְנָאד פוּן גָאט אוּן דִיא פְֿרֵייעֶ מַתָּנָה אִין דֶער גְנָאד פוּן דֶעם אֵיינֶען מֶענְשֶׁען
יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ זִיךְ קֶעגֶען פִילֶע גֶעמֶעהְרְט. 16 אוּן נִיט גְלֵייךְ וִויא דוּרְךְ אֵיינֶעם
וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אַזוֹי אִיז דִיא גֶענֶעדִיגֶע מַתָּנָה; װָארִין דָאס מִשְׁפָּט אִיז דוּרְךְ
אֵיינֶעם גֶעװֶען צוּ פֶערְשׁוּלְדִיגוּנְג, אָבֶּער דִיא פְֿרֵייעֶ מַתָּנָה אִיז פוּן פִילֶע
עֲבֵירוֹת צוּ רֶעכְטְפֶערְטִיגוּנְג. 17 װָארִין, װֶען דוּרְךְ דֶער עֲבֵירָה פוּן אֵיינֶעם
דֶער טוֹיט הָאט דוּרְךְ דֶעם אֵיינֶעם גֶעהֶערְשְׁט, פִיל מֶעהְר דִיא וָואס דֶערְהַאלְ־
טֶען דִיא אִיבֶּערְפְלִיסֶענְדֶע גְנָאד אוּן דִיא מַתָּנָה פוּן גֶערֶעכְטִיגְקֵייט װֶעלֶען אִין
לֶעבֶּען הֶערְשֶׁען דוּרְךְ דֶעם אֵיינֶעם יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.
18 דְרוּם גְלֵייךְ וִויא דוּרְךְ אֵיינֶע עֲבֵירָה אִיז דָאס גֶערִיכְט גֶעקוּמֶען אִיבֶּער אַלֶע
מֶענְשֶׁען צוּ פֶערְשׁוּלְדִיגוּנְג, אַזוֹי אוֹיךְ דוּרְךְ אֵיינֶע גֶערֶעכְטִיגְקֵייט אִיז דִיא
פְֿרֵייעֶ מַתָּנָה אִיבֶּער אַלֶע מֶענְשֶׁען גֶעקוּמֶען צוּ רֶעכְטְפֶערְטִיגוּנְג פוּן לֶעבֶּען.
19 װָארִין גְלֵייךְ וִויא דוּרְךְ דֶעם אוּנְגֶעהָארְכֶען פוּן דֶעם אֵיינֶען מֶענְשֶׁען פִילֶע
זֶענֶען זִינְדֶער גֶעװָארֶען, אַזוֹי אוֹיךְ דוּרְךְ דֶעם גֶעהָארְכֶען פוּן דֶעם אֵיינֶען
װֶעלֶען פִילֶע גֶערֶעכְט גֶעמַאכְט װֶערֶען. 20 אוּן דָאס גֶעזֶעץ אִיז צְוִוישֶׁען גֶעקוּ־
מֶען כְּדֵי דִיא עֲבֵירָה זָאל פֶערְמֶעהְרְט װֶערֶען, אָבֶּער וָואוּ דִיא זִינְד אִיז פֶערְמֶעהְרְט
גֶעװָארֶען, דָארְט אִיז דִיא גְנָאד נָאךְ מֶעהְר גַאנְץ גֶעװָארֶען, 21 כְּדֵי גְלֵייךְ
וִויא דִיא זִינְד הָאט אִים טוֹיט גֶעהֶערְשְׁט, אַזוֹי אוֹיךְ זָאל דִיא גְנָאד דוּרְךְ
גֶערֶעכְטִיגְקֵייט הֶערְשֶׁען צוּ עֶבִּיגֶען לֶעבֶּען דוּרְךְ יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אוּנְזֶערֶעם הַאר׳ן.
ו 1 וָואס זָאלֶען מִיר דֶען זָאגֶען? זָאלֶען מִיר אִין זִינְד װֵייטֶער בְּלֵייבֶּען, כְּדֵי
דִיא גְנָאד זָאל פֶערְמֶעהְרְט װֶערֶען? 2 חָלִילָה. מִיר וָואס זֶענֶען צוּ דֶער זִינְד
גֶעשְׁטָארְבֶּען, וִויא אַזוֹי זָאלֶען מִיר נָאךְ לֶענְגֶער דְרִינֶען לֶעבֶּען? 3 אָדֶער װֵייסְט
אִיהְר נִיט אַז מִיר אַלֶע וָואס זֶענֶען צוּ יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ גֶעטוּבֶלְט גֶעװָארֶען,
זֶענֶען צוּ זַיין טוֹיט גֶעטוּבֶלְט גֶעװָארֶען? 4 דְרוּם זֶענֶען מִיר מִיט אִיהְם דוּרְךְ
דֶער טְבִילָה צוּם טוֹיט בֶּעגְרָאבֶּען גֶעװָארֶען, כְּדֵי גְלֵייךְ וִויא מָשִׁיחַ אִיז פוּן דִיא
טוֹיטֶע אוֹיפְגֶעװֶעקְט גֶעװֶען דוּרְךְ דֶער הֶערְלִיכְקֵייט פוּן דֶעם פָאטֶער, אַזוֹי
זָאלֶען מִיר אוֹיךְ װַאנְדְלֶען אִין נֵייעֶרוּנְג פוּן לֶעבֶּען. 5 װָארִין װֶען מִיר זֶענֶען

צוּזַאמֶען גֶעפְּלַאנְצְט גֶעוָוארֶען אִין דֶער גְלַייכְהַייט פוּן זַיין טוֹיט, אַזוֹי וֶועלֶען
מִיר אוֹיךְ זַיין אִין דֶער גְלַייכְהַייט פוּן זַיינֶע אוֹיפֶערְשְׁטֶעהוּנְג. 6 אוּן דָאס
ווייסֶען מִיר אַז אוּנְזֶער אַלְטֶער מֶענְשׁ אִיז מִיט אִיהְם גֶעקְרֵייצִיגְט גֶעוָוארֶען,
כְּדֵי דֶער לֵייבּ פוּן זִינְד זָאל צוּשְׁטֶערְט וֶוערֶען, כְּדֵי מִיר זָאלֶען נִיט מֶעהְר צוּ
זִינְד דִינֶען; 7 וָוארִין דֶער וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אִיז פוּן זִינְד גֶערֶעכְטְפֶערְ־
טִיגְט. 8 אָבֶּער וֶוען מִיר זֶענֶען מִיט מָשִׁיחַ גֶעשְׁטָארְבֶּען מִיר גְלוֹיבֶּען אַז מִיר
וֶועלֶען אוֹיךְ מִיט אִיהְם לֶעבֶּען, 9 וָוארִין מִיר ווייסֶען אַז מָשִׁיחַ אִיז אוֹיפְגֶע־
שְׁטַאנֶען פוּן דִיא טוֹיטֶע אוּן שְׁטַארְבְּט נִיט מֶעהְר, דֶער טוֹיט הֶערְשְׁט נִיט
מֶעהְר אִיבֶּער אִיהְם. 10 וָוארִין אִים טוֹיט וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אִיז
עֶר אֵיין מָאל צוּ דֶער זִינְד גֶעשְׁטָארְבֶּען; אָבֶּער אִים לֶעבֶּען וָואס עֶר לֶעבְּט
דָאס לֶעבְּט עֶר צוּ גָאט. 11 אַזוֹי בֶּעטְרַאכְט אִיהְר אוֹיךְ אֵייךְ זֶעלְבְּסְט אַז אִיהְר
זֶענְט טוֹיט צוּ דֶער זִינְד, אָבֶּער לֶעבֶּעדִיג צוּ גָאט אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.
12 דְרוּם לָאז נִיט דִיא זִינְד הֶערְשֶׁען אִין אֵייעֶר שְׁטֶערְבְּלִיכֶען לֵייבּ, אַז אִיהְר
זָאלְט אִיהְר גֶעהָארְכֶען צוּ זַיינֶע גְלוּסְטִיגְקֵייטֶען, 13 אוּן שְׁטֶעלְט נִיט אֵייעֶרֶע
גְלִידֶער צוּ זִינְד פַאר וַואפֶען פוּן אוּנְגֶערֶעכְטִיגְקֵייט, נֵייעֶרְט שְׁטֶעלְט אֵייךְ צוּ
גָאט וויא לֶעבֶּענְדִיגֶע פוּן דִיא טוֹיטֶע אוּן אֵייעֶרֶע גְלִידֶער צוּ גָאט פַאר וַואפֶען
פוּן גֶערֶעכְטִיגְקֵייט. 14 וָוארִין דִיא זִינְד וֶועט אִיבֶּער אֵייךְ נִיט גֶעוֶועלְטִיגֶען;
וָוארִין אִיהְר זֶענְט נִיט אוּנְטֶער דֶעם גֶעזֶעץ, נֵייעֶרְט אוּנְטֶער דֶער גְנָאד.
15 וָואס דֶען? זָאלֶען מִיר זִינְדִיגֶען ווייל מִיר זֶענֶען נִיט אוּנְטֶער דֶעם גֶעזֶעץ,
נֵייעֶרְט אוּנְטֶער דֶער גְנָאד? חָלִילָה; 16 ווייסְט אִיהְר נִיט אַז צוּ וֶועמֶען אִיהְר
גִיבְּט אֵייךְ פַאר קְנֶעכְט צוּ גֶעהָארְכֶען, אַזוֹי זֶענְט אִיהְר דִיא קְנֶעכְט פוּן דִיא
צוּ וֶועמֶען אִיהְר גֶעהָארְכְט, עֶנְטְוֶועדֶער פוּן זִינְד צוּם טוֹיט, אָדֶער פוּן גֶעהָאר־
זַאם צוּ גֶערֶעכְטִיגְקֵייט? 17 אָבֶּער דַאנְק גָאט, אַז אִיהְר זֶענְט גֶעוֶוען דִיא
קְנֶעכְט פוּן זִינְד, אָבֶּער אִיהְר הָאט פוּן הַארְץ גֶעהָארְכְט צוּ דֶער גֶעשְׁטַאלְט
פוּן דֶער לֶעהְרֶע צוּ וֶועלְכֶער אִיהְר זֶענְט אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען. 18 אוּן
אִיהְר זֶענְט פוּן זִינְד בֶּעפְרֵייעְט גֶעוָוארֶען אוּן זֶענְט צוּ קְנֶעכְט צוּ גֶערֶעכְטִיגְ־
קֵייט גֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען. 19 אִיךְ רֶעד מֶענְשְׁלִיךְ וֶועגֶען דֶער שְׁוַואכְהַייט פוּן
אֵייעֶר פְלֵייש; וָוארִין גְלֵייךְ וויא אִיהְר הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אֵייעֶרֶע גְלִידֶער פַאר
קְנֶעכְט צוּ דֶער אוּנְרֵיינִיגְקֵייט אוּן אוּנְרֶעכְט צוּ אוּנְרֶעכְט, אַזוֹי שְׁטֶעלְט
אִיצְט אֵייעֶרֶע גְלִידֶער פַאר קְנֶעכְט צוּ דֶער גֶערֶעכְטִיגְקֵייט צוּ הֵיילִיגְקֵייט. 20 וָוארִין
וֶוען אִיהְר זֶענְט קְנֶעכְט גֶעוֶוען פוּן זִינְד, זֶענְט אִיהְר פְרֵייא גֶעוֶוען וֶועגֶען
גֶערֶעכְטִיגְקֵייט. 21 וָואסְפַאר פְרוּכְט הָאט אִיהְר דַאן גֶעהַאט אִין דִיא זַאכֶען
מִיט וֶועלְכֶע אַצוּנְד אִיהְר שֶׁעהְמְט אֵייךְ? וָוארִין דֶער סוֹף פוּן יֶענֶע זַאכֶען אִיז
דֶער טוֹיט. 22 אָבֶּער אִינְדֶעם אִיהְר זֶענְט פוּן דֶער זִינְד בֶּעפְרֵייעְט גֶעוָוארֶען
אוּן זֶענְט צוּ קְנֶעכְט פוּן גָאט גֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען, הָאט אִיהְר אֵייעֶרֶע פְרוּכְט
צוּ הֵיילִיגְקֵייט, אוּן צוּם סוֹף עֶבִּיגֶעס לֶעבֶּען. 23 וָוארִין דֶער לוֹין פוּן זִינְד אִיז
דֶער טוֹיט, אָבֶּער דִיא פְרֵייעֶ מַתָּנָה פוּן גָאט אִיז עֶבִּיגֶעס לֶעבֶּען אִין אוּנְזֶערֶעם
הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.

רומער ז

ז [1] אָדֶער וֵוייסְט אִיהְר נִיט, בְּרִידֶער, וָוארִין אִיךְ רֶעד צוּ דִיא וָואס קֶענֶען דָאס
גֶעזֶעץ, אַז דָאס גֶעזֶעץ הֶערְשְׁט אִיבֶּער דֶעם מֶענְשֶׁען אַזוֹי לַאנְג וִויא עֶר
לֶעבְּט? [2] וָוארִין דִיא פְרוֹיא וָואס הָאט אַ מַאן אִיז בֵּייא דֶעם גֶעזֶעץ צוּם
מַאן גֶעבּוּנְדֶען אַזוֹי לַאנְג וִויא עֶר לֶעבְּט; אָבֶּער וֶוען דֶער מַאן אִיז גֶע־
שְׁטָארְבֶּען, אַזוֹי אִיז זִיא בֶּעפְרֵייעֶט פוּן דֶעם גֶעזֶעץ פוּן אִיהְר מַאן. [3] דְרוּם
וֶוען זִיא וֶועט חֲתוּנָה הָאבֶּען צוּ אֵיין אַנְדֶערֶען בְּשַׁעַת אִיהְר מַאן לֶעבְּט,
וֶועט מֶען זִיא הֵייסֶען אַ זוֹנָה; אָבֶּער וֶוען דֶער מַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אִיז זִיא
פְרֵייא פוּן דֶעם גֶעזֶעץ, אַזוֹי אַז זִיא אִיז נִיט קֵיינֶע זוֹנָה וֶוען זִיא וֶוערְט דָאס
וַוייבּ פוּן אֵיין אַנְדֶערֶען מַאן. [4] דְרוּם, מֵיינֶע בְּרִידֶער, אִיהְר זֶענְט אוֹיךְ טוֹיט
גֶעוָוארֶען צוּם גֶעזֶעץ דוּרְךְ דֶעם לֵייבּ פוּן מָשִׁיחַ, אַז אִיהְר זָאלְט צוּם אַנְדֶערֶען
וֶוערֶען, צוּ דֶעם וֶועלְכֶער אִיז פוּן דִיא טוֹיטֶע אוֹיפְגֶעוֶועקְט גֶעוָוארֶען, כְּדֵי מִיר
זָאלֶען פְרוּכְט צוּ גָאט בְּרֶענְגֶען. [5] וָוארִין וֶוען מִיר זֶענֶען אִים פְלֵייש גֶעוֶוען,
אַזוֹי הָאבֶּען דִיא תַּאֲוֹת פוּן דִיא זִינְד וָואס זֶענֶען דוּרְךְ דֶעם גֶעזֶעץ גֶעוֶוען אִין
אוּנְזֶערֶע גְלִידֶער גֶעווירְקְט, כְּדֵי מִיר זָאלֶען פְרוּכְט צוּם טוֹיט בְּרֶענְגֶען.
[6] אָבֶּער אִיצְט זֶענֶען מִיר בֶּעפְרֵייעֶט גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם גֶעזֶעץ, ווייל מִיר זֶענֶען
גֶעשְׁטָארְבֶּען צוּ דֶעם מִיט וֶועלְכֶעם מִיר זֶענֶען פֶעסְט גֶעהַאלְטֶען גֶעוֶוען, כְּדֵי
מִיר זָאלֶען דִינֶען אִין דֶער נֵייהֵייט פוּן דֶעם גֵייסְט, אוּן נִיט אִים עֶלְטֶער פוּן
דֶעם בּוּכְשְׁטַאבּ.

[7] וָואס זָאלֶען מִיר דֶען זָאגֶען? אִיז דָאס גֶעזֶעץ זִינְד? חָלִילָה; אָבֶּער אִיךְ
וָואלְט נִיט זִינְד גֶעווּאוּסְט וֶוען נִיט דוּרְךְ דֶעם גֶעזֶעץ; וָוארִין אִיךְ וָואלְט
נִיט תַּאֲוָה גֶעווּאוּסְט, וֶוען דָאס גֶעזֶעץ וָואלְט נִיט גֶעזָאגְט, דוּא זָאלְסְט נִיט
גְלוּסְטֶען. [8] אָבֶּער דִיא זִינְד הָאט דוּרְךְ דֶעם גֶעבָּאט גֶעלֶעגֶענְהֵייט גֶענוּמֶען,
אוּן הָאט אִין מִיר אַלֶערְלֵייא תַּאֲוָה גֶעווירְקְט; וָוארִין אָהְן דֶעם גֶעזֶעץ אִיז זִינְד
טוֹיט גֶעוֶוען. [9] אוּן אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעלֶעבְּט אָהְן דֶעם גֶעזֶעץ, אָבֶּער וֶוען
דָאס גֶעבָּאט אִיז גֶעקוּמֶען אִיז דִיא זִינְד וִוידֶער לֶעבֶּעדִיג גֶעוָוארֶען, אוּן אִיךְ בִּין
גֶעשְׁטָארְבֶּען; [10] אוּן דָאס גֶעבָּאט וָואס זָאל זַיין צוּם לֶעבֶּען אִיז מִיר צוּם
טוֹיט אוֹיסְגֶעפִינֶען. [11] וָוארִין דִיא זִינְד הָאט דוּרְךְ דֶעם גֶעבָּאט גֶעלֶעגֶענְהֵייט
גֶענוּמֶען, אוּן הָאט מִיךְ פֶערְפִיהְרְט, אוּן דֶערְדוּרְךְ גֶעטֵייטֶעט. [12] אַזוֹי דֶען
דָאס גֶעזֶעץ אִיז הֵיילִיג, אוּן דָאס גֶעבָּאט אִיז הֵיילִיג אוּן גֶערֶעכְט אוּן גוּט.

[13] אִיז דֶען דָאס וָואס אִיז גוּט צוּ מִיר צוּם טוֹיט גֶעוָוארֶען? חָלִילָה; נֵייעֶרְט
דִיא זִינְד, כְּדֵי זִיא זָאל זִיךְ בֶּעווייזֶען וִויא זִינְד, הָאט אִין מִיר דוּרְךְ דֶעם
גוּטֶען דֶעם טוֹיט גֶעווירְקְט, כְּדֵי דִיא זִינְד זָאל דוּרְךְ דֶעם גֶעזֶעץ אִיבֶּער מָאס
זִינְדִיג וֶוערֶען. [14] וָוארִין מִיר וִויסֶען אַז דָאס גֶעזֶעץ אִיז גֵייסְטְלִיךְ; אָבֶּער אִיךְ
בִּין פְלֵיישְׁלִיךְ, פֶערְקוֹיפְט אוּנְטֶער דִיא זִינְד. [15] וָוארִין דָאס וָואס אִיךְ ווירְק
ווייס אִיךְ נִיט; וָוארִין נִיט דָאס וָואס אִיךְ וִויל טְהוּא אִיךְ, נֵייעֶרְט וָואס אִיךְ הָאבּ
פֵיינְד דָאס טְהוּא אִיךְ. [16] אוּן וֶוען אִיךְ טְהוּא דָאס וָואס אִיךְ וִויל נִיט, אַזוֹי בִּין
אִיךְ מוֹדֶה אַז דָאס גֶעזֶעץ אִיז גוּט. [17] אוּן אִיצְט אִיךְ בִּין עֶס נִיט מֶעהְר וָואס

[7] שמות כ׳ טו׳: דברים ה׳ יח׳.

טְהוּא עֶס, גֵייעֶרְט דִיא זִינְד וָואס וְואוינְט אִין מִיר. [18] וָוארִין אִיךְ וֵויים אַז אִין
מִיר, דָאס הֵייסְט אִין מֵיין פְּלֵייש, וְואוינְט קֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ; וָוארִין אִיךְ הָאבּ
אַוַדַאי דֶעם ווילֶען, אָבֶּער צוּ טְהוּן דָאס גוּטֶע נִיט; [19] וָוארִין דָאס גוּטֶע וָואס
אִיךְ וִויל טְהוּא אִיךְ נִיט, אָבֶּער דָאס שְׁלֶעכְטֶע וָואס אִיךְ וִויל נִיט דָאס טְהוּא
אִיךְ. [20] אָבֶּער וֶוען אִיךְ טְהוּא דָאס וָואס אִיךְ וִויל נִיט, אַזוֹי נִיט מֶעהְר בִּין
אִיךְ עֶר וָואס טְהוּא עֶס, נֵייעֶרְט דִיא זִינְד וָואס וְואוינְט אִין מִיר. [21] אִיךְ גֶעפִין
דֶען דָאס גֶעזֶעץ, אַז וֶוען אִיךְ וִויל דָאס גוּטֶע טְהוּן אִיז דָאס שְׁלֶעכְטֶע בֵּייא
מִיר. [22] וָוארִין אִיךְ הָאבּ תַּעֲנוּג אִים גֶעזֶעץ פוּן גָאט נָאךְ דֶעם אִינֶערֶען
מֶענְשֶׁען, [23] אָבֶּער אִיךְ זֶעה אַיין אַנְדֶערֶעס גֶעזֶעץ אִין מֵיינֶע גְלִידֶער, וָואס
שְׁטְרֵייט קֶעגֶען דֶעם גֶעזֶעץ פוּן מֵיין פֶערְשְׁטַאנְד, אוּן נֶעמְט מִיךְ גֶעפַאנְגֶען
צוּם גֶעזֶעץ פוּן דֶער זִינְד וָואס אִיז אִין מֵיינֶע גְלִידֶער.
[24] אַךְ אִיךְ עֶלֶענְדֶער מֶענְשׁ! וֶוער וֶועט מִיךְ אויסְלֶעזֶען פוּן דֶעם לֵייבּ פוּן
דִיזֶעם טוֹיט? [25] אִיךְ דַאנְק גָאט דוּרְךְ אוּנְזֶערֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ. דְרוּם
מִיט דֶעם פֶערְשְׁטַאנְד דִיעֶן אִיךְ זֶעלְבְּסְט דָאס גֶעזֶעץ פוּן גָאט, אָבֶּער מִיט
דֶעם פְלֵייש דָאס גֶעזֶעץ פוּן זִינְד.

ח

[1] דְרוּם אִיז אַצוּנְד קֵיינֶע פֶערְמִשְׁפָּטוּנְג נִיט פַאר דִיא וָואס זֶענֶען אִין
יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ. [2] וָוארִין דָאס גֶעזֶעץ פוּן דֶעם גֵייסְט פוּן לֶעבֶּען אִין יֵשׁוּעַ
הַמָשִׁיחַ הָאט מִיךְ פְרֵייא גֶעמַאכְט פוּן דֶעם גֶעזֶעץ פוּן זִינְד אוּן טוֹיט. [3] וָוארִין
דָאס וָואס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען צוּם גֶעזֶעץ, אִינְדֶעם עֶס אִיז שְׁוַואךְ גֶעוֶוען
דוּרְךְ דֶעם פְלֵייש, הָאט גָאט גֶעטְהוּן אִינְדֶעם עֶר הָאט זֵיין אֵייגֶענֶען זוּהְן
גֶעשִׁיקְט אִין דֶער גְלֵייכְהֵייט פוּן דֶעם פְלֵייש פוּן זִינְד אוּן וֶועגֶען זִינְד, אוּן
הָאט אַזוֹי פֶערְמִשְׁפָּט דִיא זִינְד אִים פְלֵייש; [4] כְּדֵי דִיא גֶערֶעכְטִיגְקֵייט
פוּן דֶעם גֶעזֶעץ זָאל אִין אוּנְז דֶערְפִילְט וֶוערֶען, וָואס נִיט נָאךְ דֶעם פְלֵייש
נֵייעֶרְט נָאךְ דֶעם גֵייסְט וַואנְדְלֶען. [5] וָוארִין דִיא וָואס זֶענֶען נָאךְ דֶעם פְלֵייש
טְרַאכְטֶען פַאר דִיא זַאכֶען פוּן דֶעם פְלֵייש, אָבֶּער דִיא וָואס זֶענֶען נָאךְ דֶעם
גֵייסְט טְרַאכְטֶען פַאר דִיא זַאכֶען פוּן דֶעם גֵייסְט. [6] וָוארִין דָאס טְרַאכְטֶען פוּן
דֶעם פְלֵייש אִיז דֶער טוֹיט, אָבֶּער דָאס טְרַאכְטֶען פוּן דֶעם גֵייסְט אִיז לֶעבֶּען
אוּן פְרִידֶען. [7] וֵוייל דָאס טְרַאכְטֶען פוּן דֶעם פְלֵייש אִיז פֵיינְדְשַׁאפְט קֶעגֶען
גָאט; וָוארִין עֶס אִיז נִיט אוּנְטֶערְטֶענִיג צוּם גֶעזֶעץ פוּן גָאט, וָוארִין עֶס קֶען
אוֹיךְ נִיט זֵיין. [8] אוּן דִיא וָואס זֶענֶען אִים פְלֵייש קֶענֶען נִיט גָאט גֶעפֶעלֶען.
[9] אָבֶּער אִיהְר זֶענְט נִיט אִים פְלֵייש נֵייעֶרְט אִים גֵייסְט, וֶוען ווירְקְלִיךְ דֶער
גֵייסְט פוּן גָאט וְואוינְט אִין אֵייךְ. אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט נִיט דֶעם גֵייסְט פוּן
דֶעם מָשִׁיחַ דֶער אִיז נִיט זֵיינֶער. [10] אָבֶּער וֶוען דֶער מָשִׁיחַ אִיז אִין אֵייךְ, אַזוֹי
אִיז דֶער לֵייבּ טוֹיט וֶועגֶען זִינְד, אָבֶּער דֶער גֵייסְט אִיז לֶעבֶּעדִיג וֶועגֶען
גֶערֶעכְטִיגְקֵייט. [11] אוּן וֶוען דֶער גֵייסְט פוּן אִיהְם דֶער הָאט יֵשׁוּעַ אויפְגֶעוֶועקְט
פוּן דִיא טוֹיטֶע וְואוינְט אִין אֵייךְ, דֶער וֶועלְכֶער הָאט יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ אויפְגֶע־
וֶועקְט פוּן דִיא טוֹיטֶע וֶועט אוֹיךְ אֵייעֶרֶע שְׁטֶערְבְּלִיכֶע לֵייבֶּער לֶעבֶּעדִיג
מַאכֶען דוּרְךְ זֵיין גֵייסְט וָואס וְואוינְט אִין אֵייךְ.

12 אַזוי דֶען, בְּרִידֶער, זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיגֶער, נִיט צוּם פְלֵיישׁ, אַז מִיר זָאלֶען
נָאךְ דֶעם פְלֵיישׁ לֶעבֶּען. 13 וָוארִין וֶוען אִיהְר לֶעבְּט נָאךְ דֶעם פְלֵיישׁ, וֶועט
אִיהְר שְׁטַארְבֶּען; אָבֶּער וֶוען אִיהְר דוּרְךְ דֶעם גֵייסְט דִיא וֶוערְק פוּן דֶעם לֵייבּ
טֵייטֶעט, וֶועט אִיהְר לֶעבֶּען. 14 וָוארִין אַזוי פִילֶע וָואס זֶענֶען פוּן דֶעם גֵייסְט
פוּן גָאט גֶעפִיהְרְט, דִיזֶע זֶענֶען דִיא זִיהְן פוּן גָאט. 15 וָוארִין אִיהְר הָאט נִיט
דֶעם גֵייסְט פוּן קְנֶעכְטְשַׁאפְט ווִידֶער צוּ פָארְכְט דֶערְהַאלְטֶען, נֵייעֶרְט אִיהְר
הָאט דֶעם גֵייסְט פוּן קִינְדְשַׁאפְט דֶערְהַאלְטֶען, דוּרְךְ וֶועלְכֶעם מִיר רוּפֶען, אַבָּא
פָאטֶער. 16 דֶער גֵייסְט אַלֵיין בֶּעצֵייגְט מִיט אוּנְזֶערֶעם גֵייסְט אַז מִיר זֶענֶען דִיא
קִינְדֶער פוּן גָאט. 17 אוּן וֶוען מִיר זֶענֶען קִינְדֶער, זֶענֶען מִיר אוֹיךְ יוֹרְשִׁים;
יוֹרְשִׁים פוּן גָאט אוּן מִיטְיוֹרְשִׁים מִיט דֶעם מָשִׁיחַ, וֶוען אַפִילוּ מִיר לֵיידֶען מִיט
אִיהְם, כְּדֵי מִיר זָאלֶען אוֹיךְ מִיט אִיהְם פֶערְהֶערְלִיכְט וֶוערֶען.

18 וָוארִין אִיךְ דְרִינְג אַז דִיא לֵיידֶען פוּן דִיזֶער צֵייט זֶענֶען נִיט וֶוערְט
פֶערְגְלֵייכְט צוּ וֶוערֶען מִיט דֶער הֶערְלִיכְקֵייט וָואס וֶועט אִין אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט
וֶוערֶען. 19 וָוארִין דִיא עֶרְנְסְטֶע אוֹיסְהַארוּנְג פוּן דֶער בֶּעשֶׁעפֶענִים וַוארְטֶעט
אוֹיף דֶער אַנְטְפְּלֶעקוּנְג פוּן דִיא זִיהְן פוּן גָאט. 20 וָוארִין דִיא בֶּעשֶׁעפֶענִים אִיז
צוּ אֵייטֶעלְקֵייט אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶעוֶועזֶען, נִיט פוּן אִיהְר אֵייגֶען ווִילֶען נֵייעֶרְט וֶועגֶען
אִיהְם דֶער הָאט זִיא אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶעמַאכְט, 21 אוֹיף הָאפְנוּנְג אַז דִיא בֶּעשֶׁע־
פֶענִים אַלֵיין וֶועט פוּן דֶער קְנֶעכְטְשַׁאפְט פוּן פֶערְדַארְבֶּענְהֵייט בֶּעפְרֵייעֶט
וֶוערֶען צוּ דֶער פְרֵייהֵייט פוּן דֶער הֶערְלִיכְקֵייט פוּן דִיא קִינְדֶער פוּן גָאט.
22 וָוארִין מִיר ווִיסֶען אַז דִיא גַאנְצֶע בֶּעשֶׁעפֶענִים זִיפְצְט צוּזַאמֶען אוּן קְרֶעכְצְט
בִּיז אַצוּנְד; 23 אוּן נִיט נוּר דָאס, נֵייעֶרְט אוֹיךְ מִיר אַלֵיין וָואס הָאבֶּען דִיא
עֶרְשְׁטֶע פְרוּכְט פוּן דֶעם גֵייסְט, אַפִילוּ מִיר אַלֵיין זִיפְצֶען אִין אוּנְז, אִינְדֶעם מִיר
וַוארְטֶען אוֹיף דֶער קִינְדְשַׁאפְט, דָאס הֵייסְט, אוֹיף דֶער אוֹיסְלֶעזוּנְג פוּן אוּנְזֶערֶעם
לֵייבּ. 24 וָוארִין דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע הָאפְנוּנְג זֶענֶען מִיר גֶערֶעטֶעט גֶעוָוארֶען; אָבֶּער
דִיא הָאפְנוּנְג וָואס אִיז גֶעזֶעהֶען אִיז קֵיינֶע הָאפְנוּנְג נִיט; וָוארִין וֶוער הָאפְט
אוֹיף דֶעם וָואס עֶר זֶעהְט? 25 אָבֶּער וֶוען מִיר הָאפֶען אוֹיף דֶעם וָואס מִיר
זֶעהֶען נִיט, אַזוי וַוארְטֶען מִיר דְרוֹיף מִיט גֶעדוּלְד.

26 אוּן גְלֵייךְ דֶעם הֶעלְפְט אוֹיךְ דֶער גֵייסְט אוּנְזֶערֶע שְׁוַואכְהֵייטֶען; וָוארִין
מִיר ווִיסֶען נִיט וָואס מִיר זָאלֶען בֶּעטֶען אַזוי ווִיא מֶען בֶּעדַארְף, אָבֶּער דֶער
גֵייסְט אַלֵיין פֶערְטְרֶעט פַאר אוּנְז מִיט זִיפְצֶען נִיט אוֹיסְצוּרֶעדֶען. 27 אוּן דֶער
וֶועלְכֶער פָארְשְׁט דִיא הֶערְצֶער ווֵייסְט דָאס טְרַאכְטֶען פוּן דֶעם גֵייסְט, וָוארִין
עֶר פֶערְטְרֶעט פַאר דִיא הֵיילִיגֶע נָאךְ דֶעם ווִילֶען פוּן גָאט. 28 אוּן מִיר ווִיסֶען
אַז אַלֶע זַאכֶען מִיטְוֶוערְקֶען צוּם גוּטֶען צוּ דִיא וָואס לִיבֶּען גָאט, צוּ דִיא וָואס
זֶענֶען בֶּערוּפֶען נָאךְ זֵיין פָארְזַאץ. 29 וָוארִין דִיא וֶועלְכֶע עֶר הָאט פָארְגֶעוְואוּסְט
הָאט עֶר אוֹיךְ פָארְאָרְדְנֶעט אַז זֵייא זָאלֶען גְלֵייךְ צוּם בִּילְד פוּן זֵיינֶעם זוּהְן
גֶעמַאכְט וֶוערֶען, כְּדֵי עֶר זָאל דֶער עֶלְצְטֶער זֵיין צְווִישֶׁען פִילֶע בְּרִידֶער.
30 אוּן וֶועלְכֶע עֶר הָאט פָארְאָרְדְנֶעט, דִיזֶע הָאט עֶר אוֹיךְ גֶערוּפֶען; אוּן
וֶועלְכֶע עֶר הָאט גֶערוּפֶען, דִיזֶע הָאט עֶר אוֹיךְ גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט; אוּן

וועלכע ער האט גערעכטפערטיגט, דיזע האט ער אויך פערהערליכט.
[31] וואס זאלען מיר דען זאגען צו דיזע זאכען? ווען גאט איז פאר אונז,
ווער איז קעגען אונז? [32] דער וועלכער האט ניט זיין אייגענעם זוהן פער־
שוינט, נייערט האט איהם פאר אונז אלע איבערגעגעבען, וויא זאל ער אונז
ניט מיט איהם אויך אלע זאכען שענקען? [33] ווער וועט דיא אויסדערוועהלטע
פון גאט פערקלאגען? עס איז גאט דער רעכטפערטיגט. [34] ווער איז דער
וועלכער וועט פערשולדיגען? עס איז ישוע המשיח דער איז געשטארבען,
אבער ליבער דער איז אויפגעוועקט, דער איז אויך צו דיא רעכטע האנד פון
גאט, דער בעט אויך פאר אונז. [35] ווער זאל אונז שיידען פון דער ליבע פון
משיח? זאל ליידען, אדער אנגסט, אדער פערפאלגונג, אדער הונגער, אדער
נאקטהייט, אדער סכנה, אדער שווערד? [36] גלייך וויא עס שטעהט געשריבען,

פון דיינעטוועגען זענען מיר געהרגעט דעם גאנצען טאג,
מיר זענען וויא שאף צום שעכטען גערעכענט.

[37] אבער אין אלע דיזע זאכען איבערוועלטיגען מיר דורך איהם דער האט
אונז געליבט. [38] וואהרין איך בין איבערצייגט אז ניט טויט און ניט לעבען און
ניט מלאכים און ניט פירשטען און ניט איצטיגע און ניט קומענדיגע זאכען
און ניט גבורות [39] און ניט הייך און ניט טיפע און ניט קיין שום אנדערע
בעשעפענים וועט אונז קענען אפשיידען פון דער ליבע פון גאט, וואס איז
אין אונזערעם האר'ן ישוע המשיח.

ט [1] איך רעד דיא וואהרהייט אין משיח, און זאג קיין ליגען, און מיין געוויסען
בעצייגט מיר אויך אים הייליגען גייסט, [2] אז איך האב גרויסען אנגסט
און אונאויפהערענדיגע וועהטיג אין מיין הארץ. [3] וואהרין איך וואלט געוואונשט
אליין אין חרם פון משיח צו זיין פאר מיינע ברידער, וואס זענען מיינע
קרובים נאך דעם פלייש, [4] וועלכע זענען ישראלים, און זייערם איז דאס
רעכט פון דיא קינדשאפט און דיא הערליכקייט און דיא בריתות און דיא
מתן תורה און דיא עבודה און דיא הבטחות, [5] און זייערם זענען דיא אבות,
פון וועלכען שטאמט אפ דער משיח נאך דעם פלייש, דער איז גאט
איבער אלע געלויבט אויף עביג, אמן.
[6] אבער עס איז ניט מעגליך אז דאס ווארט פון גאט איז אוועקגעפאלען.
וואהרין ניט אלע וואס זענען פון ישראל זענען ישראלים; [7] און אויך ניט אלע
זענען קינדער וויל זייא זענען דער זאמען פון אברהם, נייערט אין יצחק זאל
דיין זאמען גערופען ווערען. [8] דאס הייסט ניט דיא קינדער פון דעם פלייש
זענען דיא קינדער פון גאט, נייערט דיא קינדער פון דער הבטחה זענען
גערעכענט פאר א זאמען. [9] וואהרין דאס איז דאס ווארט פון דער הבטחה,
צו דיזער צייט וועל איך קומען, און שרה וועט האבען א זוהן. [10] און ניט
נור דאס, נייערט אויך רבקה ווען זיא איז טראגענדיג געוואהרען פון איינעם,
פון אונזערעם פאטער יצחק; [11] וואהרין איידער דיא קינדער זענען נאך

[36] תהלים מד׳ כג׳. [7] בראשית כא׳ יב׳. [9] בראשית יח׳ י׳.

גֶעבּוירֶען גֶעוָוארֶען, אוּן הָאבֶּען נִיט קֵיין גוּטֶעס אָדֶער שְׁלֶעכְטֶעס גֶעטְהוּן,
אַז דֶער פָּארְזַאץ פוּן גָאט זָאל בְּלֵייבֶּען נָאךְ דֶער בְּחִירָה, נִיט דוּרְךְ וֶוערְק
נֵייעֶרְט דוּרְךְ אִיהְם וֶועלְכֶער רוּפְט, 12 אִיז עֶס צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען אַז
דֶער עֶלְצְטֶער וֶועט דֶעם יוּנְגֶערֶען דִינֶען. 13 גְלֵייךְ וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען,
יַעֲקֹב הָאבּ אִיךְ גֶעלִיבְּט אוּן עֵשָׂו הָאבּ אִיךְ גֶעהַאסְט.

14 וָואס זָאלֶען מִיר דֶען זָאגֶען? אִיז אוּנְגֶערֶעכְטִיגְקֵייט בֵּייא גָאט? חָלִילָה.
15 וָוארִין עֶר הָאט צוּ משֶׁה גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל בֶּעגְנַאדִיגֶען וֶועמֶען אִיךְ וִויל
בֶּעגְנַאדִיגֶען, אוּן אִיךְ וֶועל מִיךְ דֶערְבַּארְמֶען אִיבֶּער וֶועמֶען אִיךְ וִויל מִיךְ
דֶערְבַּארְמֶען. 16 אַזוֹי דֶען אִיז עֶס נִיט פוּן אִיהְם וָואס וִויל, אוּן נִיט פוּן אִיהְם
וָואס לוֹיפְט, נֵייעֶרְט פוּן גָאט דֶער בֶּעגְנַאדִיגְט. 17 וָוארִין דִיא שְׁרִיפְט זָאגְט צוּ
פַּרְעֹה, וֶועגֶען דִיזֶעם הָאבּ אִיךְ דִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, כְּדֵי אִיךְ זָאל אִין דִיר
מֵיינֶע מַאכְט בֶּעווייזֶען, אוּן אַז מֵיין נָאמֶען זָאל דֶערְצֶעהְלְט וֶוערֶען אוֹיף דִיא
גַאנְצֶע עֶרְד. 18 אַזוֹי דֶען עֶר בֶּעגְנַאדִיגְט וֶועמֶען עֶר וִויל, אוּן וֶועמֶען עֶר וִויל
פֶערְהַארְטֶעט עֶר.

19 דוּא וֶועסְט דֶען צוּ מִיר זָאגֶען, פַארְוָואס גֶעפִינְט עֶר נָאךְ פֶעהְלֶער?
וָוארִין וֶוער הָאט זֵיין ווִילֶען ווִידֶערְשְׁטַאנֶען? 20 אָ מֶענְשׁ, וֶוער בִּיסְט דוּא,
אַז דוּא זָאלְסְט גָאט קֶעגֶענְעֶנְטְפֶערֶען? זָאל דָאס וֶוערְק צוּם מֵייסְטֶער זָאגֶען,
וָוארוּם הָאסְט דוּא מִיךְ אַזוֹי גֶעמַאכְט? 21 אָדֶער הָאט נִיט דֶער טֶעפֶּער מַאכְט
אִיבֶּער דֶעם לֶעהְם, אַז עֶר זָאל פוּן דֶעם אֵייגֶענֶען שְׁטִיק אֵיינֶע כְּלִי צוּ כָּבוֹד
מַאכֶען, אוּן אֵיינֶע אַנְדֶערֶע צוּ שַׁאנְד? 22 אוּן וָואס זָאלֶען מִיר זָאגֶען וֶוען גָאט
הָאט גֶעוָואלְט זֵיין צָארְן בֶּעווייזֶען אוּן זֵיינֶע מַאכְט צוּ ווִיסֶען טְהוּן, אוּן הָאט
מִיט גְרוֹיסֶער גֶעדוּלְד דִיא כֵּלִים פוּן צָארְן גֶעלִיטֶען וָואס זֶענֶען פַארְטִיג
גֶעמַאכְט צוּם פֶערְדַארְבֶּען, 23 אוּן אַז עֶר זָאל צוּ ווִיסֶען טְהוּן דָאס עֲשִׁירוּת
פוּן זֵיינֶע הֶערְלִיכְקֵייט אִיבֶּער דִיא כֵּלִים פוּן בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייט, וֶועלְכֶע עֶר
הָאט מִקוֹדֶם צוּ הֶערְלִיכְקֵייט אָנְגֶעבְּרֵייט, 24 אַפִילוּ אוּנְז וֶועלְכֶע עֶר הָאט
אוֹיךְ בֶּערוּפֶען, נִיט נוּר פוּן דִיא יוּדֶען נֵייעֶרְט אוֹיךְ פוּן דִיא גוֹיִם? 25 גְלֵייךְ
וִויא עֶר הָאט אוֹיךְ אִין הוֹשֵׁעַ גֶעזָאגְט,

אִיךְ וֶועל דָאס נִיט מֵיין פָאלְק רוּפֶען מֵיין פָאלְק,
אוּן דִיא נִיט גֶעלִיבְּטֶע גֶעלִיבְּט;
26 אוּן עֶס וֶועט זֵיין אִים אָרְט וָואוּ עֶס אִיז צוּ זֵייא גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען,
אִיהְר זֶענְט נִיט מֵיין פָאלְק,
דָארְט וֶועלֶען זֵייא גֶערוּפֶען וֶוערֶען דִיא זִיהְן פוּן דֶעם לֶעבֶּענְדִיגֶען גָאט.

27 אוּן יְשַׁעְיָה שְׁרֵייעֶט וֶועגֶען יִשְׂרָאֵל, וֶוען דִיא צָאהְל פוּן דִיא קִינְדֶער פוּן
יִשְׂרָאֵל וֶועט זֵיין וִויא דֶער זַאנְד פוּן דֶעם יַם, דִיא אִיבֶּערְבְּלֵייבּוּנְג וֶועט
גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען; 28 וָוארִין דֶער הַאר וֶועט זֵיין וָוארְט דֶערְפִילֶען אוּן וֶועט

12 בראשית כה׳, כג׳.
13 מלאכי א׳, ב׳, ג׳.
15 שמות לג׳ יט׳.
17 שמות ט׳ טז׳.
25,26 הושע ב׳ א׳, כה׳.
27,28 ישעיה י׳ כב׳, כג׳.

עס אויף דער ערד ענדיגען און פערקורצט מאכען. 29 און גלייך וויא ישעיה
האט פריהער געזאגט,

ווען דער האר פון הערשארען וואלט אונז ניט א זאמען איבערגעלאזט,
וואלטען מיר וויא סדום געווען און וויא עמורה גלייך געמאכט.

30 וואס זאלען מיר דען זאגען? אז דיא גוים וואס האבען ניט גערעכטיג־
קייט נאכגעפאלגט האבען גערעכטיגקייט דערהאלטען, דאס איז דיא גערעכ־
טיגקייט וואס איז דורך דעם גלויבען; 31 אבער ישראל וואס האט דאס געזעץ
פון גערעכטיגקייט נאכגעפאלגט, האט צום געזעץ פון גערעכטיגקייט ניט
דערלאנגט. 32 ווארום? ווייל זייא האבען עס ניט געזוכט דורך דעם גלויבען
נייערט דורך דיא ווערק. זייא האבען זיך אן דעם שטיין פון אנשטויסונג
אנגעשטויסען, 33 אזוי וויא עס שטעהט געשריבען,

זעה, איך לעג אין ציון א שטיין פון אנשטויסונג און א פעלזען פון
שטרויכלונג,
און דער וואס גלויבט אן איהם וועט ניט פערשעהמט ווערען.

י 1 ברידער, דאס וואוילגעפעלען פון מיין הארץ און מיין געבעט צו גאט איז
פאר זייא אז זייא זאלען גערעטעט ווערען. 2 ווארין איך זאג זייא עדות אז
זייא זענען אייפריג פאר גאט, אבער ניט נאך דערקענטניס; 3 ווארין ווייל
זייא קענען ניט דיא גערעכטיגקייט פון גאט, און זוכען זייערע אייגענע
גערעכטיגקייט אויפצוריכטען, זענען זייא ניט אונטערטעניג צו דער גערעכטיג־
קייט פון גאט. 4 ווארין משיח איז דער צוועק פון דער תורה צו גערעכטיג־
קייט צו איטליכען וואס גלויבט. 5 ווארין משה שרייבט אז דער מענש וואס
טהוט דיא גערעכטיגקייט וואס איז פון דער תורה וועט דרינען לעבען.
6 אבער דיא גערעכטיגקייט וואס איז פון דעם גלויבען זאגט אזוי, זאג ניט אין
דיין הארץ, ווער וועט אים הימעל ארויפגעהען? דאס איז, משיח ארופצו־
ברענגען; 7 אדער, ווער וועט אין דער טיפענעם ארופגעהען? דאס איז, משיח
ארויפצוברענגען פון דיא טויטע. 8 אבער וואס זאגט עס? דאס ווארט איז
נאהענט צו דיר, אין דיין מויל און אין דיין הארץ; דאס איז, דאס ווארט פון דעם
גלויבען וואס מיר פרעדיגען. 9 ווארין ווען דוא וועסט מיט דיין מויל בעקענען
דעם האר'ן ישוע, און וועסט גלויבען אין דיין הארץ אז גאט האט איהם אויפ־
געוועקט פון דיא טויטע, וועסט דוא גערעטעט ווערען; 10 ווארין מיט דעם
הארץ גלויבט מען צו גערעכטיגקייט, און מיט דעם מויל בעקענט מען צו
ישועה. 11 ווארין דיא שריפט זאגט, איטליכער וואס גלויבט אן איהם וועט
ניט פערשעהמט ווערען. 12 ווארין עס איז ניט קיין אונטערשיד צווישען
יודען און גריעכען; ווארין דער זעלביגע האר איז איבער אלע, און ער איז
רייך צו אלע וועלכע רופען אן איהם. 13 ווארין איטליכער וואס וועט אן דעם
נאמען פון דעם האר'ן רופען וועט גערעטעט ווערען.

ישעיה ח׳ יד׳: כח׳ טז׳, 33 ויקרא יח׳ ה׳, 5 דברים ל׳ יב׳, יג׳, 6,7
דברים ל׳ יד׳, 8 ישעיה כח׳ טז׳, 11 יואל ג׳ ה׳, 13

14 וויא זאלען זייא דען רופען אן איהם אן דעם זייא האבען ניט גע־
גלויבט? און וויא זאלען זייא גלויבען אן איהם וועגען דעם זייא האבען ניט
געהערט? און וויא זאלען זייא הערען אהן א פרעדיגער? 15 און וויא זאלען
זייא פרעדיגען, ווען זייא זענען ניט געשיקט? גלייך וויא עס שטעהט געשריי־
בען, וויא שעהן זענען די פיס פון די וואס ברענגען א בשורה טובה פון
גוטע זאכען.

16 אבער זייא האבען ניט אלע צו דער בשורה טובה געהארכט. ווארין
ישעיה זאגט, האר, ווער האט אונזערען בעריכט געגלויבט? 17 אזוי דען
קומט דער גלויבען דורך דעם הערען, און דאס הערען דורך דעם ווארט פון
משיח. 18 אבער איך זאג, האבען זייא דען ניט געהערט? פאר געוויס,

זייער קול איז אין די גאנצע ערד אויסגעגאנגען,
און זייערע ווערטער ביז צום ענד פון דער וועלט.

19 אבער איך זאג, האט דען ישראל ניט געוואוסט? צוערשט משה זאגט,

איך וועל אייך אייפריג מאכען מיט די וואס זענען ניט א פאלק,
און מיט א נארישען פאלק וועל איך אייך דערצערנען.

20 אבער ישעיה אונטערשטעהט זיך און זאגט,

איך בין געפינען פון די וואס זוכען מיך ניט,
איך האב מיך בעוויזען צו די וואס פערלאנגען ניט נאך מיר.

21 אבער צו ישראל זאגט ער, דעם גאנצען טאג האב איך מיינע הענד אויס־
געשטרעקט צו איין אונגעהארזאמען און ווידערשפעניגען פאלק.

יא 1 איך זאג דען, האט גאט זיין פאלק פערשטויסען? חלילה; ווארין איך
בין אויך א בן ישראל, פון דעם זאמען פון אברהם, פון שבט בנימין. 2 גאט
האט ניט פערשטויסען זיין פאלק וואס ער האט מקודם געוואוסט. אדער
ווייסט איהר ניט וואס די שריפט זאגט וועגען אליה, וויא ער האט געטענהעט
פאר גאט קעגען ישראל? 3 האר, זייא האבען דיינע נביאים געהרגעט, דיינע
מזבחות האבען זייא צובראכען, און איך בין אליין איבערגעבליבען און זייא
זוכען מיין לעבען. 4 אבער וואס זאגט צו איהם די ענטפער פון גאט? איך
האב מיר זיבען טויזענד מאן איבערגעלאזט, וועלכע האבען ניט געקניעט צו
בעל. 5 דרום איז אויך אצונד פארהאנען איין איבערבלייבונג נאך דער אויס־
דערוועהלונג פון דער גנאד. 6 און ווען עס איז דורך גנאד, אזוי איז עס ניט
מעהר דורך ווערק, אויף דעם אופן איז דען די גנאד ניט מעהר גנאד. 7 וואס
דען? וואס ישראל האט געזוכט, דאס האט ער ניט דערהאלטען, אבער די
אויסדערוועהלונג האט עס דערהאלטען; און די איבריגע זענען פערהארטעט
געווארען, 8 אזוי וויא עס שטעהט געשריבען, גאט האט זייא געגעבען א
גייסט פון טיפען שלאף, אויגען אז זייא זאלען ניט זעהען, און אויערען אז

15 ישעיה נב׳ ז׳. 16 ישעיה נג׳ א׳. 18 תהלים יט׳ ה׳.
19 דברים לב׳ כא׳. 20 ישעיה סה׳ א׳. 21 ישעיה סה׳ ב׳.
3 מלכים א׳ יט׳ י׳. 4 מלכים א׳ יט׳ יח׳. 8 ישעיה כט׳ י׳: דברים כט׳ ג׳.

זַייא זָאלֶען נִיט הֶערֶען בִּיז צוּם הֵיינְטִיגֶען טָאג. 9 אוּן דָוִד הָאט גֶעזָאגְט
לָאז זַייעֶר טִישׁ וֶוערֶען פַאר אַ נֶעץ אוּן צוּם פַאנְג,
אוּן פַאר אַ שְׁטְרוּיכְלוּנְג אוּן פַאר אַ פֶערְגֶעלְטוּנְג צוּ זַייא,
10 לָאזֶען זַייעֶרֶע אוֹיגֶען פֶערְפִינְסְטֶערְט וֶוערֶען אַז זַייא זָאלֶען נִיט זֶעהֶען,
אוּן בֵּייג אִימֶער פָארְט אַרוּפּ זַייעֶר רוּקֶען.
11 אִיךְ זָאג דֶען, הָאבֶּען זַייא זִיךְ אָנְגֶעשְׁטוֹיסֶען אַז זַייא זָאלֶען פַאלֶען? חָלִילָה;
נֵייעֶרְט דוּרְךְ זַייעֶר פַאלֶען אִיז יְשׁוּעָה צוּ דִיא גוֹיִם גֶעקוּמֶען, כְּדֵי זַייא אֵייפֶרִיג
צוּ מַאכֶען. 12 אָבֶּער וֶוען זַייעֶר פַאל אִיז דָאס עֲשִׁירוּת פוּן דֶער וֶועלְט גֶעוֶוען,
אוּן זַייעֶרֶע פֶערְמִינְדֶערוּנְג דָאס עֲשִׁירוּת פוּן דִיא גוֹיִם, וִויא פִיל מֶעהְר זַייעֶרֶע
דֶערְפִילוּנְג?

13 אָבֶּער אִיךְ רֶעד צוּ אֵייךְ גוֹיִם. אִינְדֶעם אִיךְ בִּין דֶער אַפָּאסְטֶעל פוּן דִיא
גוֹיִם, אַזוֹי בִּין אִיךְ מֵיינֶען דִינְסְט מְכַבֵּד, 14 וֶוען מֶעגְלִיךְ אִיךְ זָאל אֵייפֶרִיג
מַאכֶען דִיא וָואס זֶענֶען מֵיין פְלֵייש, אוּן זָאל עֶטְלִיכֶע פוּן זַייא רֶעטֶען.
15 וָוארִין וֶוען דָאס פֶערְוַוארְפֶען פוּן זַייא אִיז דִיא פֶערְזֶעהְנוּנְג גֶעוֶוען פוּן
דֶער וֶועלְט, וָואס וֶועט דָאס אָנְנֶעמֶען זַיין וֶוען נִיט לֶעבֶּען פוּן דִיא טוֹיטֶע?
16 אָבֶּער וֶוען דִיא עֶרְשְׁטֶע פְרוּכְטֶע זֶענֶען הֵיילִיג, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דֶער טֵייג;
אוּן וֶוען דִיא וָוארְצֶעל אִיז הֵיילִיג, אַזוֹי זֶענֶען אוֹיךְ דִיא צְוַוייגֶען. 17 אוּן וֶוען
עֶטְלִיכֶע פוּן דִיא צְוַוייגֶען זֶענֶען אָפְּגֶעבְּרָאכֶען, אוּן דוּא וָואס בִּיסְט אַ ווִילְדֶער
עֶהְלְבּוֹים בִּיסְט צְווִישֶׁען זַייא אֵיינְגֶעפְלַאנְצְט, אוּן הָאסְט מִיט זַייא אַ טְהֵייל
דֶערְהַאלְטֶען אִין דֶער וָוארְצֶעל אוּן פֶעטִיגְקֵייט פוּן דֶעם עֶהְלְבּוֹים, 18 אַזוֹי
רִיהְם דִיךְ נִיט קֶעגֶען דִיא צְוַוייגֶען; אָבֶּער וֶוען דוּא רִיהְמְסְט דִיךְ, אַזוֹי אִיז עֶס
נִיט דוּא וָואס טְרָאגְסְט דִיא וָוארְצֶעל נֵייעֶרְט דִיא וָוארְצֶעל דִיךְ. 19 דוּא
וֶועסְט דֶען זָאגֶען, דִיא צְוַוייגֶען זֶענֶען אָפְּגֶעבְּרָאכֶען גֶעוָוארֶען כְּדֵי אִיךְ זָאל
אֵיינְגֶעפְלַאנְצְט וֶוערֶען. 20 גוּט; וֶועגֶען אוּנְגְלוֹיבִּיגְקֵייט זֶענֶען זַייא אָפְּגֶעבְּרָאכֶען,
אוּן דוּא שְׁטֶעהְסְט דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען. זַייא נִיט הוֹיכְמִיטִיג, נֵייעֶרְט פָארְכְט
דִיךְ. 21 וָוארִין וֶוען גָאט הָאט נִיט פֶערְשׁוֹינְט דִיא נַאטִירְלִיכֶע צְוַוייגֶען, וֶועט
עֶר דִיךְ אוֹיךְ נִיט פֶערְשׁוֹינֶען. 22 דְרוּם זֶעה אָן דִיא מִדַּת הַחֶסֶד אוּן דִיא
מִדַּת הַדִּין פוּן גָאט; אִיבֶּער דִיא וָואס זֶענֶען גֶעפַאלֶען מִדַּת הַדִּין, אָבֶּער
אִיבֶּער דִיר מִדַּת הַחֶסֶד פוּן גָאט, וֶוען דוּא בְּלֵייבְּסְט אִין זַיין חֶסֶד, וֶוען נִיט
וֶועסְט דוּא אוֹיךְ אָפְּגֶעשְׁנִיטֶען וֶוערֶען. 23 אוּן זַייא אוֹיךְ, וֶוען זַייא וֶועלֶען נִיט
בְּלֵייבֶּען אִין אוּנְגְלוֹיבִּיגְקֵייט, וֶועלֶען אֵיינְגֶעפְלַאנְצְט וֶוערֶען, וָוארִין גָאט קֶען זַייא
ווִידֶער אֵיינְפְלַאנְצֶען. 24 וָוארִין וֶוען דוּא בִּיסְט אָפְּגֶעשְׁנִיטֶען גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם
עֶהְלְבּוֹים וָואס אִיז ווִילְד פוּן נַאטוּר, אוּן בִּיסְט קֶעגֶען דֶער נַאטוּר אֵיינְגֶע־
פְלַאנְצְט גֶעוָוארֶען אִין אַ גוּטֶען עֶהְלְבּוֹים, וִויא פִיל מֶעהְר וֶועלֶען דִיזֶע נַאטִירְ־
לִיכֶע צְוַוייגֶען אֵיינְגֶעפְלַאנְצְט וֶוערֶען אִין זַייעֶר אֵייגֶענֶען עֶהְלְבּוֹים?

25 וָוארִין אִיךְ ווִיל נִיט, בְּרִידֶער, אַז אִיהְר זָאלְט אוּנְוִויסֶענְד בְּלֵייבֶּען פוּן דִיזֶעם
סוֹד, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט נִיט קְלוּג זַיין אִין אֵייעֶרֶע גֶעדַאנְקֶען, אַז בְּלִינְדְהֵייט אִיז

9,10 תהלים סט׳ כג׳, כד׳.

אִים טְהֵייל צוּ יִשְׂרָאֵל גֶעוָואָרֶען, בִּיז דִיא דֶערְפִילוּנְג פוּן דִיא גוֹיִם וֶועט
אֵיינְטְרֶעטֶען; 26 אוּן אַזוֹי וֶועט גַאנְץ יִשְׂרָאֵל גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען, אַזוֹי וִויא עֶס
שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען,

דֶער גוֹאֵל וֶועט קוּמֶען פוּן צִיוֹן,
אוּן וֶועט דִיא גָאטְלָאזִיגְקֵייט אָפְּקֶעהְרֶען פוּן יַעֲקֹב;
27 אוּן דָאס אִיז מֵיין בְּרִית מִיט זֵייא,
וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועקְנֶעמֶען זֵייעֶרֶע זִינְד.

28 נָאךְ דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה זֶענֶען זֵייא פֵּיינְד פוּן אֵייעֶרֶעטְוֶועגֶען, אָבֶּער נָאךְ
דֶער אוֹיסְדֶערְוֶועהְלוּנְג זֶענֶען זֵייא גֶעלִיבְּט פוּן וֶועגֶען דִיא אָבוֹת; 29 וָוארִין
גָאט הָאט נִיט קֵיין חֲרָטָה וֶועגֶען זֵיינֶע גֶעשֶׁענְקֶע אוּן רוּפוּנְג. 30 וָוארִין גְלֵייךְ
וִויא אִיהְר הָאט פְרִיהֶער נִיט גֶעהָארְכְט גָאט, אָבֶּער זֶענְט אַצוּנְד בֶּעגְנַאדִיגְט
גֶעוָוארֶען דוּרְךְ זֵייעֶרֶע אוּנְגֶעהָארְזַאמְקֵייט, 31 אַזוֹי הָאבֶּען זֵייא אַצוּנְד אוֹיךְ
נִיט גֶעהָארְכְט, כְּדֵי דוּרְךְ דִיא בֶּעגְנַאדִיגוּנְג צוּ אֵייךְ זָאלֶען זֵייא אַצוּנְד אוֹיךְ
בֶּעגְנַאדִיגְט וֶוערֶען. 32 וָוארִין גָאט הָאט דִיא אַלֶע אִין אוּנְגֶעהָארְזַאמְקֵייט
אֵיינְגֶעשְׁלָאסֶען, כְּדֵי עֶר זָאל אַלֶע בֶּעגְנַאדִיגֶען.

33 אָ, וֶועלְכֶע טִיפֶע פוּן עֲשִׁירוֹת אוּן חָכְמָה אוּן דֶערְקֶענְטְנִים פוּן גָאט; וִויא
אוּנְאוֹיסְצוּפָארְשֶׁען זֶענֶען זֵיינֶע מִשְׁפָּטִים, אוּן זֵיינֶע וֶועגֶע קֶען מֶען נִיט אוֹיסְשְׁפּוּרֶען.
34 וָוארִין וֶוער הָאט דִיא גֶעדַאנְקֶען פוּן דֶעם הַאר'ן גֶעקֶענְט? אָדֶער
וֶוער אִיז טְהֵיילְנֶעמֶער גֶעוֶועזֶען פוּן זֵיינֶע עֵצָה?
35 אָדֶער וֶוער הָאט אִיהְם פְרִיהֶער גֶעגֶעבֶּען, אוּן עֶס זָאל אִיהְם
צוּרִיקְפֶּערְגָאלְטֶען וֶוערֶען.

36 וָוארִין אַלֶעס אִיז פוּן אִיהְם אוּן דוּרְךְ אִיהְם אוּן צוּ אִיהְם; צוּ אִיהְם זָאל
דֶער כָּבוֹד זֵיין אוֹיף עֶבִּיג. אָמֵן.

יב 1 דְרוּם בֶּעט אִיךְ אֵייךְ, בְּרִידֶער, בֵּייא דִיא בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייטֶען פוּן גָאט,
אַז אִיהְר זָאלְט אֵייעֶרֶע לֵייבֶּער שְׁטֶעלֶען צוּם לֶעבֶּענְדִיגֶען הֵיילִיגֶען אוּן אָנְגֶע־
נֶעהְמֶען קָרְבָּן צוּ גָאט, וָואס אִיז אֵייעֶר פֶערְשְׁטֶענְדִיגֶער דִינְסְט. 2 אוּן זֵייט נִיט
גֶעבִּילְדֶעט גְלֵייךְ צוּ דִיזֶעם צֵייטְאַלְטֶער, נֵייעֶרְט זֵייט פֶערְעֶנְדֶערְט דוּרְךְ דֶער
דֶערְנֵייעֶרוּנְג פוּן אֵייעֶר פֶערְשְׁטַאנְד, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט פְּרִיפֶען וָואס אִיז דֶער
גוּטֶע אוּן וָואוֹילְגֶעפֶעלִיגֶע אוּן גַאנְצֶע ווִילֶען פוּן גָאט.

3 וָוארִין אִיךְ זָאג דוּרְךְ דֶער גְנָאד וָואס אִיז מִיר גֶעגֶעבֶּען צוּ אִיטְלִיכֶען פוּן
אֵייךְ, כְּדֵי עֶר זָאל פוּן זִיךְ נִיט מֶעהְר דֶענְקֶען וִויא עֶר בֶּעדַארְף צוּ דֶענְקֶען,
נֵייעֶרְט עֶר זָאל פוּן זִיךְ שֵׂכֶלְדִיג דֶענְקֶען, צוּ אִיטְלִיכֶען אַזוֹי וִויא גָאט הָאט צוּ
אִיהְם אַ מָאס פוּן גְלוֹיבֶּען אָפְּגֶעטְהֵיילְט. 4 וָוארִין גְלֵייךְ וִויא מִיר הָאבֶּען פִילֶע
גְלִידֶער אִין אֵיין לֵייבּ, אָבֶּער אַלֶע גְלִידֶער הָאבֶּען נִיט דָאס זֶעלְבִּיגֶע טְהוּן,
5 אַזוֹי זֶענֶען מִיר פִילֶע אֵיין לֵייבּ אִין מָשִׁיחַ, אוּן אֵיינְצֶעלְוֵויז גְלִידֶער פוּן אֵיינְ־
אַנְדֶער. 6 אוּן אִינְדֶעם מִיר הָאבֶּען פֶערְשִׁידֶענֶע גָאבֶּען נָאךְ דֶער גְנָאד וָואס

ישעיה נט׳ כ׳ כא׳; כז׳ ט׳. 26,27
ישעיה מ׳ יג׳. 34
איוב לה׳ ז׳; מא׳ ג׳. 35

אִיז אוּנְז גֶעגֶעבֶּען, אִיז עֶס נְבוּאוֹת, לָאזֶען מִיר נְבוּאוֹת זָאגֶען נָאךְ דֶעם מָאס
פוּן אוּנְזֶערֶעם גְלוֹיבֶּען; 7 אִיז עֶס אַ דִינְסְט, לָאזֶען מִיר אֵייפְרִיג זֵיין אִין
דֶעם דִינְסְט; אָדֶער דֶער וָואס לֶעהְרְט, אִין זֵיינֶע לֶעהְרֶע; 8 אָדֶער דֶער וָואס
דֶערְמָאהְנְט, אִין זֵיינֶע דֶערְמָאהְנוּנְג; דֶער וָואס גִיבְּט, לָאז עֶר גֶעבֶּען מִיט
אֵיינְפֶעלְטִיגְקֵייט, דֶער וָואס רֶעגִירְט, מִיט זָארְגְפֶעלְטִיגְקֵייט, דֶער וָואס זִיךְ
דֶערְבַּארְמְט, מִיט פְרֵייד. 9 לָאז דִיא לִיבֶּע נִיט פֶערְשְׁטֶעלְט זֵיין. פֶערְאָפְּשֵׁייעֶט
דָאס אִיבֶּעל, בֶּעהֶעפְט אֵייךְ צוּם גוּטֶען. 10 לִיבְּט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען
מִיט בְּרִידֶערְלִיכֶע לִיבֶּע, לָאז אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען צוּפָאר קוּמֶען כָּבוֹד צוּ
גֶעבֶּען, 11 זֵייט נִיט פוֹיל אִין גֶעשֶׁעפְטֶען, נֵייעֶרְט גְלִיהֶענְדִיג אִים גֵייסְט,
דִינֶענְדִיג דֶעם הַאר'ן; 12 פְרֵייעֶט אֵייךְ אִין הָאפְנוּנְג, גֶעדוּלְדִיג אִין לֵיידֶען,
פְלֵייסִיג אִין גֶעבֶּעט, 13 הֶעלְפְט דִיא הֵיילִיגֶען אִין דֶער נוֹיט, זֵייט מַכְנִיס
אוֹרְחִים. 14 בֶּענְשְׁט דִיא וָואס פֶערְפָאלְגֶען אֵייךְ, בֶּענְשְׁט אוּן שֶׁעלְט נִיט.
15 פְרֵייעֶט אֵייךְ מִיט דִיא וָואס זִיךְ פְרֵייעֶן, ווֵיינְט מִיט דִיא וָואס ווֵיינֶען. 16 זֵייט
גְלֵייךְ גֶעזִינְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען, טְרַאכְט נִיט פוּן הוֹיכֶע זַאכֶען, נֵייעֶרְט לָאזְט
אֵייךְ אַרוּפ צוּ דִיא נִידְרִיגֶע; זֵייט נִיט קְלוּג אִין אֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע גֶעדַאנְקֶען.
17 פֶערְגֶעלְט קֵיינֶעם נִיט שְׁלֶעכְטֶעס פַאר שְׁלֶעכְטֶעס; הַאנְדֶעלְט עֶהְרְלִיךְ פָאר
אַלֶע מֶענְשֶׁען. 18 וֶוען עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ, וִויא ווֵייט אִיהְר קֶענְט, הָאט שָׁלוֹם
מִיט אַלֶע מֶענְשֶׁען. 19 גֶעלִיבְּטֶע, זֵייט אֵייךְ נִיט נוֹקֵם, נֵייעֶרְט גִיבְּט פְּלַאץ צוּם
צָארְן; וָוארִין עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, דִיא נְקָמָה אִיז מַיין, אִיךְ וֶועל פֶערְגֶעלְ־
טֶען, זָאגְט דֶער הַאר. 20 אָבֶּער וֶוען דֵיין פֵיינְד אִיז הוּנְגְרִיג גִיבּ אִיהְם צוּ
עֶסֶען, וֶוען עֶר אִיז דוּרְשְׁטִיג, גִיבּ אִיהְם צוּ טְרִינְקֶען; וָוארִין וֶוען דוּא דָאס
טְהוּסְט, וֶועסְט דוּא פֵייעֶרִיגֶע קוֹילֶען אוֹיף זֵיין קָאפּ שִׁיטֶען. 21 זֵייא נִיט בֵּיי־
גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם שְׁלֶעכְטֶען, נֵייעֶרְט אִיבֶּערְקוּם דָאס שְׁלֶעכְטֶע מִיט גוּטֶעם.
יג 1 לָאז אִיטְלִיכֶע נֶפֶשׁ אוּנְטֶערְטֶענִיג זֵיין צוּ דִיא אִיבֶּערְגֶעשְׁטֶעלְטֶע הֶערְ־
שַׁאפְטֶען, וָוארִין עֶס אִיז נִיט קֵיינֶע הֶערְשַׁאפְט אוֹיסֶער פוּן גָאט, אוּן דִיא
פַארְהַאנֶענֶע הֶערְשַׁאפְטֶען זֶענֶען בֶּעפוֹילֶען פוּן גָאט. 2 דְרוּם וֶוער ווִידֶערְ־
שְׁטֶעהְט דִיא הֶערְשַׁאפְט, דֶער ווִידֶערְשְׁטֶעהְט דִיא אָרְדְנוּנְג פוּן גָאט; אוּן
דִיא וָואס ווִידֶערְשְׁטֶעהֶען וֶועלֶען אִיבֶּער זִיךְ אַ שְׁטְרָאף גֶערִיכְט בֶּעקוּמֶען.
3 וָוארִין דִיא הֶערְשֶׁער זֶענֶען נִיט פַאר אַ פָארְכְט צוּם גוּטֶען וֶוערְק,
נֵייעֶרְט צוּ דֶעם שְׁלֶעכְטֶען. ווִילְסְט דוּא דֶען דִיא הֶערְשַׁאפְט נִיט פָארְכְ־
טֶען? אַזוֹי טְהוּא דָאס וָואס אִיז רֶעכְט, אוּן דוּא וֶועסְט לוֹיבּ הָאבֶּען
פוּן אִיהְר. 4 וָוארִין זִיא אִיז אַ דִינֶער פוּן גָאט צוּ דִיר צוּם גוּטֶען. אָבֶּער
וֶוען דוּא שְׁלֶעכְטֶעס טְהוּסְט אַזוֹי פָארְכְט דִיךְ; וָוארִין זִיא טְרָאגְט נִיט
דָאס שְׁווֶערְט אוּמְזוּסְט; וָוארִין זִיא אִיז אַ דִינֶער פוּן גָאט, וָואס טְהוּט זִיךְ
נוֹקֵם זֵיין אִין צָארְן אוֹיף דֶעם וָואס טְהוּט שְׁלֶעכְטֶעס. 5 דְרוּם אִיז עֶס
נֶעטִיג אוּנְטֶערְטֶענִיג צוּ זֵיין, נִיט נוּר וֶועגֶען דֶעם צָארְן, נֵייעֶרְט אוֹיךְ
וֶועגֶען דֶעם גֶעווִיסֶען. 6 וָוארִין דֶעסְטְוֶועגֶען צָאהְלְט אִיהְר אוֹיךְ שְׁטֵייעֶר;

19 דברים לב׳ לה׳. 20 משלי כה׳ כא׳, כב׳.

װאָרין זײא זֶענֶען דינֶער פון גאָט, און זֶענֶען בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִין דִיזֶען בֶּעד־
שֶׁעפְּטִינְט. [7] גִיבְּט צוּ אִיטְלִיכֶעם װאָס אִיהְר זֶענְט מְחוּיָב, שְׁטֵייֶער צוּ װֶעמֶען
שְׁטֵייֶער, צָאלְל צוּ װֶעמֶען צָאלְל, פָאַרְכְט צוּ װֶעמֶען פָאַרְכְט, עֶהְרֶע צוּ װֶעמֶען
עֶהְרֶע.

[8] זֵייט קֵיינֶעם גָאר נִיט שׁוּלְדִיג, אויסֶער אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען צוּ לִיבֶּען;
װאָרין דֶער װאָס לִיבְּט דֶעם אַנְדֶערֶען הָאט דָאס גֶעזֶעץ דֶערְפִילְט. [9] װאָרין
דָאס װאָס אִיז גֶעזָאגְט, דוּא זָאלְסְט נִיט מְזַנֶה זַיין, דוּא זָאלְסְט נִיט מָארְדֶען,
דוּא זָאלְסְט נִיט גַנְבֶענֶען, דוּא זָאלְסְט נִיט גְלוּסְטֶען, און אויב עֶס אִיז פַאר־
הַאנֶען אֵיין אַנְדֶערֶעס גֶעבָּאט, אִיז עֶס עֶנְטְהַאלְטֶען אִין דִיזֶעם װָארְט, דוּא זָאלְסְט
דַיין גֶעזֶעלֶען לִיבֶּען װִיא דִיךְ זֶעלְבְּסְט. [10] דִיא לִיבֶּע טְהוּט נִיט קֵיין שְׁלֶעכְטֶעס
צוּם גֶעזֶעלֶען; דְרוּם אִיז דִיא לִיבֶּע דִיא דֶערְפִילוּנְג פון דֶעם גֶעזֶעץ.

[11] און דָאס, װַייל מִיר װִיסֶען דִיא רֶעכְטֶע צַייט, אַז עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אִיהְר
זָאלְט פון דֶעם שְׁלָאף אויפְשְׁטֶעהֶען; װאָרין אַצוּנְד אִיז אוּנְזֶערֶע יְשׁוּעָה נָאהֶענְטֶער
װִיא װֶען מִיר הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט. [12] דִיא נַאכְט אִיז בַּאלְד פַארְבֵּייא גֶעגַאנְגֶען,
און דֶער טָאג אִיז נָאהֶענְט. דְרוּם לָאזֶען מִיר אָפְּטְהוּן דִיא װֶערְק פון דֶער
פִינְסְטֶערְנִיס און לָאזֶען מִיר אָנְטְהוּן דִיא װַאפֶען פון דֶעם לִיכְט. [13] לָאזֶען מִיר
װַאנְדֶלֶען בְּכָבוֹד װִיא בֵּייא טָאג, נִיט אִין פְרֶעסֶען און זויפֶען, נִיט אִין שְׁלָא־
פֶען און אויסְגֶעלַאסֶענְהֵייט, נִיט אִין גֶעצַאנְק און גֶייד; [14] גֵייעֶרְט טְהוּט אָן
דֶעם הַאר׳ן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ, און בְּרֵייט נִיט אָן פַאר דֶעם פְלֵייש צוּ זַיינֶע
גְלוּסְטֶען.

יד [1] אָבֶּער נֶעמְט אויף דֶעם װָאס אִיז שְׁװַאךְ אִים גְלוֹיבֶּען, דָאךְ נִיט צוּ
מִשְׁפָּטֶען פון גֶעדַאנְקֶען. [2] אֵיינֶער גְלוֹיבְּט אַז עֶר מֶעג אַלֶעס עֶסֶען, אָבֶּער
דֶער װָאס אִיז שְׁװַאךְ עֶסְט קְרֵייטֶער. [3] דֶער װָאס עֶסְט, לָאז עֶר נִיט פֶערְ־
שֶׁעהְמֶען דֶעם װָאס עֶסְט נִיט; און דֶער װָאס עֶסְט נִיט, לָאז עֶר נִיט רִיכְטֶען
דֶעם װָאס עֶסְט, װָארִין גָאט הָאט אִיהְם אויפְגֶענוּמֶען. [4] װֶער בִּיסְט דוּא װָאס
דוּא רִיכְטֶעסְט דֶעם קְנֶעכְט פון אֵיין אַנְדֶערֶען? עֶר שְׁטֶעהְט אָדֶער עֶר פַאלְט צוּ
זַיין אֵייגֶענֶעם הַאר׳ן; און עֶר װֶעט אויפְגֶערִיכְטֶעט װֶערֶען, װָארִין דֶער הַאר
אִיז מֶעכְטִיג אִיהְם אויפְצוּרִיכְטֶען. [5] װָארִין אֵיינֶער הַאלְט חָשׁוּב דֶעם אֵיינֶען טָאג
אִיבֶּער דֶעם אַנְדֶערֶען, אָבֶּער דֶער אַנְדֶערֶער הַאלְט חָשׁוּב אִיטְלִיכֶען טָאג; לָאז אִיטְ־
לִיכֶער גֶעװִיס אִיבֶּערְצֵייגְט זַיין אִין זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעדַאנְקֶען. [6] דֶער װָאס הִיט
דֶעם טָאג, הִיט עֶר אִיהְם צוּם הַאר׳ן; דֶער װָאס עֶסְט צוּם הַאר׳ן,
װָארִין עֶר דַאנְקְט גָאט; און דֶער װָאס עֶסְט נִיט צוּם הַאר׳ן עֶסְט עֶר נִיט, און
דַאנְקְט גָאט. [7] װָארִין קֵיינֶער פון אוּנְז לֶעבְּט פַאר זִיךְ זֶעלְבְּסְט, און קֵיינֶער
שְׁטַארְבְּט פַאר זִיךְ זֶעלְבְּסְט. [8] װָארִין װֶען מִיר לֶעבֶּען, לֶעבֶּען מִיר צוּם הַאר׳ן,
און װֶען מִיר שְׁטַארְבֶּען, שְׁטַארְבֶּען מִיר צוּם הַאר׳ן; דְרוּם אויב מִיר לֶעבֶּען
אָדֶער שְׁטַארְבֶּען, זֶענֶען מִיר צוּם הַאר׳ן. [9] װָארִין צוּ דֶעם אִיז מָשִׁיחַ
גֶעשְׁטָארְבֶּען און אִיז לֶעבֶּעדִיג גֶעװָארֶען, אַז עֶר זָאל דֶער הַאר זַיין פון דִיא

[9] שמות כ׳ יג׳, יד׳. [9] ויקרא יט׳ יח׳.

לֶעבֶּענְדִיגֶע אוּן פוּן דִיא טוֹיטֶע. 10 אָבֶּער דוּא, וָוארוּם רִיכְטֶעסְט דוּא דֵיין
בְּרוּדֶער? אָדֶער אוֹיךְ דוּא, וָוארוּם פֶערְאַכְטֶעסְט דוּא דֵיין בְּרוּדֶער? וָוארִין
מִיר וֶועלֶען אַלֶע פָאר דֶעם רִיכְטֶערְשְׁטוּהְל פוּן גָאט שְׁטֶעהֶען. 11 וָוארִין עֶס
שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען,

אַזוֹי וָואהְר וִויא אִיךְ לֶעבּ, זָאגְט דֶער הַאר, צוּ מִיר וֶועט זִיךְ בֵּייגֶען
אִיטְלִיכֶעס קְנִיא,
אוּן אִיטְלִיכֶע צוּנְג וֶועט מִתְוַדֶה זֵיין צוּ גָאט.

12 אַזוֹי דֶען אִיטְלִיכֶער פוּן אוּנְז וֶועט חֶשְׁבּוֹן גֶעבֶּען פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט צוּ
גָאט.

13 דְרוּם לָאזֶען מִיר נִיט מֶעהְר אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען רִיכְטֶען; גֵייעֶרְט
רִיכְטֶעט דָאס לִיבֶּער, אַז קֵיינֶער זָאל זֵיין בְּרוּדֶער אֵיין אָנְשְׁטוֹיס אָדֶער
שְׁטְרוֹיכְלוּנְג אִים וֶועג לֶעגֶען. 14 אִיךְ וֵוייס אוּן בִּין פֶערְזִיכֶערְט אִין דֶעם הַאר'ן
יֵשׁוּעַ, אַז קֵיין זַאךְ אִיז נִיט אוּנְרֵיין פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט; גֵייעֶרְט צוּ דֶעם וָואס
דֶענְקְט אַז אַ זַאךְ אִיז אוּנְרֵיין, צוּ דֶעם אִיז עֶס אוּנְרֵיין. 15 וָוארִין וֶוען דֵיין
בְּרוּדֶער אִיז אִיבֶּער דֵיין עֶסֶען בֶּעטְרִיבְּט, אַזוֹי וַואנְדֶעלְסְט דוּא נִיט מֶעהְר נָאךְ
דֶער לִיבֶּע. לָאז נִיט דֶער פֶערְלוֹירֶען גֶעהֶען דוּרְךְ דֵיין עֶסֶען, פַאר וֶועלְכֶען
מָשִׁיחַ אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען. 16 דְרוּם לָאז נִיט אֵייעֶר גוּטֶעס גֶעלֶעסְטֶערְט וֶוערֶען.
17 וָוארִין דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט אִיז נִיט עֶסֶען אוּן נִיט טְרִינְקֶען, גֵייעֶרְט
גֶערֶעכְטִיגְקֵייט אוּן פְרֵידֶען אוּן פְרֵייד אִים רוּחַ הַקוֹדֶשׁ; 18 וָוארִין דֶער
וָואס אִין דֶעם דִינְט מָשִׁיחַ אִיז גָאט וְואוֹילְגֶעפֶעלִיג, אוּן אִיז פוּן מֶענְשֶׁען
בֶּעוִוילִיגְט.

19 אַזוֹי דֶען לָאזֶען מִיר נָאכְפָאלְגֶען דִיא זַאכֶען וָואס דִינֶען צוּם פְרִידֶען, אוּן
מִיט וֶועלְכֶע מִיר קֶענֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען פֶערְבֶּעסֶערְן. 20 צוּשְׁטֶער
נִיט פוּן שְׁפֵּייז וֶועגֶען דָאס וֶוערְק פוּן גָאט. אַלֶע זַאכֶען זֶענֶען רֵיין, אָבֶּער
עֶס אִיז שְׁלֶעכְט פַאר דֶעם מֶענְשֶׁען וָואס עֶסְט מִיט אָנְשְׁטוֹיסוּנְג. 21 עֶס אִיז גוּט
נִיט קֵיין פְלֵייש צוּ עֶסֶען, אוּן נִיט קֵיין וַויין צוּ טְרִינְקֶען, אוּן נִיט קֵיין זַאךְ צוּ
טְהוּן אַן וֶועלְכֶען דֵיין בְּרוּדֶער שְׁטְרוֹיכֶעלְט זִיךְ. 22 דֶעם גְלוֹיבֶּען וָואס דוּא
הָאסְט הָאבּ צוּ דִיר זֶעלְבְּסְט פָאר גָאט; גֶעבֶּענְשְׁט אִיז דֶער וָואס רִיכְטֶעט זִיךְ
זֶעלְבְּסְט נִיט אִין דֶעם וָואס עֶר בֶּעוִוילִיגְט. 23 אָבֶּער דֶער וָואס צְוֵוייפֶעלְט אִיז
פֶערְשׁוּלְדִיגְט וֶוען עֶר עֶסְט, וַוייל עֶס אִיז נִיט פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען; אוּן אַלֶעס
וָואס אִיז נִיט פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען אִיז זִינְד.

טו 1 מִיר דֶען וָואס זֶענֶען שְׁטַארְק זֶענֶען מְחוּיָב צוּ לֵיידֶען דִיא שְׁוַואכְהֵייטֶען
פוּן דִיא שְׁוַואכֶע, אוּן נִיט זִיךְ זֶעלְבְּסְט גֶעפֶעלֶען. 2 לָאז אִיטְלִיכֶער פוּן אוּנְז
זֵיין גֶעזֶעלֶען אִין גוּטֶען גֶעפֶעלֶען צוּם פֶערְבֶּעסֶערְן. 3 וָוארִין אוֹיךְ מָשִׁיחַ הָאט
נִיט זִיךְ זֶעלְבְּסְט גֶעפֶעלֶען, גֵייעֶרְט אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, דִיא
לֶעסְטֶערוּנְגֶען פוּן דִיא וָואס הָאבֶּען דִיךְ גֶעלֶעסְטֶערְט זֶענֶען אוֹיף מִיר גֶעפַא-
לֶען. 4 וָוארִין דָאס וָואס אִיז פְרִיהֶער גֶעשְׁרִיבֶּען גֶעוָוארֶען אִיז פַאר אוּנְזֶערֶע

11 ישעיה מה׳ כג׳. 3 תהלים סט׳ י׳.

בֶּעלֶעהְרוּנְג גֶעשְׁרִיבֶּען, אַז מִיר זָאלֶען הָאבֶּען הָאפְנוּנְג דוּרְךְ דֶער גֶעדוּלְד
אוּן דוּרְךְ דֶעם טְרֵייסְט פוּן דִיא שְׁרִיפְטֶען. 5 אוּן מֶעג אֵייךְ דֶער גָאט
פוּן גֶעדוּלְד אוּן טְרֵייסְט גֶעבֶּען, אַז אִיהְר זָאלְט אֵיינֶערְלֵייא גֶעדַאנְקֶען הָאבֶּען
אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְען נָאךְ יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, 6 כְּדֵי אִיהְר זָאלְט צוּזַאמֶען מִיט אֵיין
מוֹיל לוֹיבֶּען גָאט, דֶעם פָאטֶער פוּן אוּנְזֶערְען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.
7 דְרוּם נֶעמְט אוֹיף אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְען אַזוֹי וִויא אוֹיךְ מָשִׁיחַ הָאט אוּנְז
אוֹיפְגֶענוּמֶען צוּם כָּבוֹד פוּן גָאט. 8 וָוארִין אִיךְ זָאג, אַז מָשִׁיחַ אִיז אַ דִינֶער
פוּן דֶער בֶּעשְׁנֵיידוּנְג גֶעוָוארֶען וֶועגֶען דֶער וָואהְרְהֵייט פוּן גָאט, כְּדֵי עֶר זָאל
דִיא הַבְטָחוֹת פוּן דִיא אָבוֹת בֶּעשְׁטֶעטִיגֶען, 9 אוּן אַז דִיא גוֹיִם זָאלֶען גָאט
לוֹיבֶּען פַאר זֵיינֶע גְנָאד, גְלֵייךְ וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, דֶעסְטְוֶועגֶען וֶועל אִיךְ
דִיךְ לוֹיבֶּען צְוִוישֶׁען דִיא פֶעלְקֶער, אוּן צוּ דֵיין נָאמֶען וֶועל אִיךְ זִינְגֶען. 10 אוּן
ווִידֶער זָאגְט עֶר, פְרֵייעֶט אֵייךְ, אִיהְר גוֹיִם, מִיט זֵיין פָאלְק. 11 אוּן ווִידֶער,
פְּרֵייזְט דֶעם הַאר'ן אַלֶע גוֹיִם,
אוּן לָאזְט אִיהְם אַלֶע פֶעלְקֶער לוֹיבֶּען.
12 אוּן ווִידֶער יְשַׁעְיָה זָאגְט,
עֶס וֶועט זֵיין דִיא וָואוּרְצֶעל פוּן יִשַׁי,
אוּן דֶער וֶועלְכֶער אוֹיפְשְׁטֶעהְט צוּ הֶערְשֶׁען אִיבֶּער דִיא גוֹיִם,
אוֹיף אִיהְם וֶועלֶען דִיא גוֹיִם הָאפֶען.
13 אוּן מֶעג דֶער גָאט פוּן הָאפְנוּנְג אֵייךְ דֶערְפִילֶען מִיט אַלֶע פְרֵייד אוּן פְרִידֶען
אִים גְלוֹיבֶּען, כְּדֵי אֵייעֶרֶע הָאפְנוּנְג זָאל פֶערְמֶעהְרְט וֶוערֶען דוּרְךְ דֶער
מַאכְט פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.
14 אוּן אִיךְ אַלֵיין בִּין אִיבֶּערְצֵייגְט וֶועגֶען אֵייךְ מֵיינֶע בְּרִידֶער, אַז אִיהְר זֶענְט
אוֹיךְ פוּל מִיט גִיטִיגְקֵייט, דֶערְפִילְט מִיט אַלֶערְלֵייא דֶערְקֶענְטְנִיס, אוּן קֶענְט אוֹיךְ
אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְען מַזְהִיר זֵיין. 15 אָבֶּער אִיךְ הָאבּ צוּ אֵייךְ גֶעשְׁרִיבֶּען צוּם
טְהֵייל מִיט מֶעהְר פְרֵייהֵייט, בְּרִידֶער, אַזוֹי וִויא אִיךְ דֶערְמָאהְן אֵייךְ דוּרְךְ דֶער
גְנָאד וָואס אִיז מִיר פוּן גָאט גֶעגֶעבֶּען, 16 אַז אִיךְ זָאל זֵיין אַ דִינֶער פוּן יֵשׁוּעַ
הַמָּשִׁיחַ צוּ דִיא גוֹיִם, אִים דִינְסְט פוּן דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן גָאט, כְּדֵי דֶער
קָרְבָּן פוּן דִיא גוֹיִם זָאל בֶּעוִוילִיגְט וֶוערֶען, אִינְדֶעם עֶס אִיז גֶעהֵיילִיגְט גֶעוָוא-
רֶען אִים רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. 17 דְרוּם הָאבּ אִיךְ מֵיין רִיהְמֶען אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ
וֶועגֶען דִיא זַאכֶען פוּן גָאט. 18 וָוארִין אִיךְ וֶועל מִיךְ נִיט אוּנְטֶערְשְׁטֶעהֶען
עֶפֶּעס צוּ רֶעדֶען פוּן דִיא זַאכֶען וָואס מָשִׁיחַ הָאט נִיט דוּרְךְ מִיר גֶעוִוירְקְט
אִין וָוארְט אוּן וֶוערְק כְּדֵי דִיא גוֹיִם גֶעהָארְזַאם צוּ מַאכֶען, 19 דוּרְךְ קְרַאפְט
פוּן צֵייכֶען אוּן וְואוּנְדֶער, דוּרְךְ דֶער מַאכְט פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ; אַזוֹי אַז
אִיךְ הָאבּ דֶערְפִילְט דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן מָשִׁיחַ פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּן אַרוּם בִּיז
אִילִירִיקוּם. 20 אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ גֶענֶעטִיגְט גֶעוֶועזֶען דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה צוּ
פְּרֶעדִיגֶען, נִיט דָארְט וְואוּ דֶער נָאמֶען פוּן מָשִׁיחַ אִיז בֶּעקַאנְט גֶעוֶועזֶען, כְּדֵי

9 תהלים יח׳ נ׳.
10 דברים לב׳ מג׳.
11 תהלים קיז׳ א׳.
12 ישעיה יא׳ י׳.

איך זאל ניט בויען אויף דעם גרונד פון איין אנדערען מאן; 21 גייערט אזוי
וויא עס שטעהט געשריבען,

צו וועלכע עס איז ניט וועגען איהם דערצעהלט געוואָרען, דיא
וועלען זעהען,

און דיא וואָס האָבען ניט געהערט וועלען עס פערשטעהען.

22 דרום בין איך אויך זעהר געהינדערט געוואָרען צו אייך צו קומען.
23 אָבער אצונד ווען איך האָב ניט מעהר פּלאַץ אין דיזע לענדער, און האָב
שוין פילע יאָהר פערלאַנגט צו אייך צו קומען, 24 ווען איך וועל קיין
שפּאַניען געהען; וואָרין איך האָף אייך צו זעהען ווען איך וועל דורכפאָהרען,
און פון אייך אהין געשיקט צו ווערען, ווען איך וועל מיך פריהער מיט אייך
אביסעל זעטיגען. 25 אָבער אצונד געה איך קיין ירושלים, צו בעדינען דיא
הייליגען. 26 וואָרין עס איז וואוילגעפעלען דיא פון מקדוניא און אכיא אז זייא
זאלען א נדבה מאַכען פאַר דיא אָרמע הייליגע וואָס זענען אין ירושלים.
27 וואָרין עס האָט זייא וואוילגעפעלען, און זייא זענען אויך זייערע שולדנער;
וואָרין ווען דיא גוים האָבען א טהייל גענומען אין זייערע גייסטליכע זאַכען,
אזוי זענען זייא אויך מחויב אין וועלטליכע זאַכען זייא צו בעדינען. 28 דרום
ווען איך וועל דאָס ענדיגען, און וועל זייא דיזע פרוכט פערזיגעלן, וועל איך
בייא אייך קיין שפּאַניען דורכרייזען. 29 און איך ווייס אז ווען איך וועל צו
אייך קומען, וועל איך קומען מיט דיא פולע ברכה פון משיח.

30 און איך בעט אייך, ברידער, בייא אונזערעם האַר'ן ישוע המשיח און בייא
דער ליבע פון דעם גייסט, איהר זאָלט מיט מיר רינגען אין אייערע געבעטע
צו גאָט פאַר מיר, 31 כדי איך זאל בעפרייעט ווערען פון דיא אונגעהאָרזאַמע
אים לאַנד יהודה, און מיין דינסט אין ירושלים זאל פון דיא הייליגע
בעוויליגט ווערען, 32 כדי איך זאָל צו אייך מיט פרייד קומען דורך דעם
ווילען פון גאָט, און זאָל מיך מיט אייך דערקוויקען. 33 און דער גאָט פון
פרידען זייא מיט אייך אַלע. אָמן.

טז 1 איך עמפּפעהל צו אייך אונזערע שוועסטער פעבע, וואָס איז א דינערין
פון דער קהלה אין קענקרי, 2 אַז איהר זאָלט זיא אויפנעמען אים האַר'ן וויא
עס איז ווירדיג פאַר דיא הייליגע, און זאָלט איהר העלפען אין וואָספאַר א
זאַך זיא וועט אייערס בעדאַרפען; וואָרין זיא איז אויך א שטיצע צו פילע
געוועזען, און אויך צו מיר אַליין.

3 גריסט פריסקא און אקווילא מיינע מיטאַרבייטער אין ישוע המשיח;
4 וועלכע האָבען זייער אייגענע האַלז אנידערגעלעגט פאַר מיין לעבען, צו
וועלכע ניט איך אַליין דאַנק, נייערט אויך אַלע קהלות פון דיא גוים.
5 גריסט אויך דיא קהלה וואָס איז אין זייער הויז. גריסט עפּינעטוס מיין
געליבטען, וועלכער איז דיא ערשטע פרוכט פון אסיא אין משיח. 6 גריסט
מרים, וועלכע האָט פיל געאַרבייט וועגען אייך. 7 גריסט אַנדרוניקוס און

21 ישעיה נב׳ טו׳.

7 אַנְדְרָאנִיקָאס מֵיינֶע קְרוֹבִים אוּן מֵיינֶע חֲבֵרִים אִים גֶעפֶענְגְנִיס, וָואס זֶענֶען בֶּעַ־
רִיהְמְט צְווִישֶׁען דִיא אַפָּאסְטֶעל, אוּן וָואס זֶענֶען אִין מָשִׁיחַ גֶעוֶועזֶען פְרִיהֶער
ווִיא אִיךְ. 8 גְרִיסְט אַמְפְּלִיאַטוּס מֵיין גֶעלִיבְּטֶען אִים הַאר׳ן. 9 גְרִיסְט אוּרְבַּאנוּס
אוּנְזֶערֶען מִיטְאַרְבֵּייטֶער אִין מָשִׁיחַ, אוּן סְטַאכִים מֵיין גֶעלִיבְּטֶען. 10 גְרִיסְט
אַפֶּעלֶעס דֶעם גֶעפְּרִיפְטֶען אִין מָשִׁיחַ. גְרִיסְט דָאס הויזְגֶעזִינְד פוּן אַרִיסְטוֹבּוּלוּס.
11 גְרִיסְט הֶערוֹדִיוֹן מֵיין קָרוֹב. גְרִיסְט דָאס הויזְגֶעזִינְד פוּן נַארְקִיסוּס, וָואס
זֶענֶען אִים הַאר׳ן. 12 גְרִיסְט טְרִיפֵינָא אוּן טְרִיפוֹסָא, וָואס אַרְבֵּייטֶען אִים
הַאר׳ן. גְרִיסְט דִיא גֶעלִיבְּטֶע פֶּערְסִיס, וָואס הָאט פִיל גֶעאַרְבֵּייט אִים הַאר׳ן.
13 גְרִיסְט רוּפוּס דֶעם אויסְדֶערְוֶועהְלְטֶען אִים הַאר׳ן, אוּן זֵיינֶע מוּטֶער אוּן
מֵיינֶע. 14 גְרִיסְט אַסִינְקְרִיטוּס, פְלֶעגוֹן, הֶערְמֶעס, פַּאטְרָאבָּאס, הֶערְמַאס, אוּן
דִיא בְּרִידֶער וָואס זֶענֶען מִיט זֵייא. 15 גְרִיסְט פִילָאלָאגוּס אוּן יוּלְיָא, נֶערֶעאוּס
אוּן זֵיינֶע שְׁוֶועסְטֶער, אוּן אָלִימְפַּאס, אוּן אַלֶע הֵיילִיגֶע וָואס זֶענֶען מִיט זֵייא.
16 גְרִיסְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען מִיט אַ הֵיילִיגֶען קִישׁ. אַלֶע דִיא קְהִלּוֹת
פוּן מָשִׁיחַ גְרִיסֶען אֵייךְ.

17 אוּן אִיךְ בֶּעט אֵייךְ, בְּרִידֶער, גִיבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִיא וָואס מַחֲלוֹקֶת אוּן
שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען מַאכֶען קֶעגֶען דֶער לֶעהְרֶע וָואס אִיהְר הָאט גֶעלֶערְנְט, אוּן
פֶערְמֵייד זֵייא. 18 וָוארִין אַזֶעלְכֶע דִינֶען נִיט אוּנְזֶערֶען הַאר׳ן מָשִׁיחַ, נֵייעֶרְט
זֵייעֶר אֵייגֶענֶען בּוֹיךְ, אוּן מִיט גוּטֶע אוּן פֵיינֶע ווֶערְטֶער פֶערְפִיהְרֶען זֵייא דִיא
הֶערְצֶער פוּן דִיא אוּנְשׁוּלְדִיגֶע. 19 וָוארִין אֵייעֶר גֶעהָארְזַאם אִיז צוּ אַלֶע אויסְ־
גֶעגַאנְגֶען. דְרוּם פְרֵייעֶ אִיךְ מִיךְ ווֶעגֶען אֵייךְ, אָבֶּער אִיךְ ווִיל אַז אִיהְר זָאלְט
קְלוּג זֵיין צוּם גוּטֶען אוּן אוּנְשׁוּלְדִיג צוּם שְׁלֶעכְטֶען. 20 אוּן דֶער גָאט פוּן
פְרִידֶען וֶועט בַּאלְד גֶעשְׁווִינְד דֶעם שָׂטָן אוּנְטֶער אֵייעֶרֶע פִיס צוּטְרֶעטֶען.
דִיא גְנָאד פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר׳ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ זֵייא מִיט אֵייךְ.

21 טִימוֹתִיוּס, מֵיין מִיטְאַרְבֵּייטֶער, אוּן לוּקִיוּס אוּן יָסוֹן אוּן סָאסִיפַּאטֶער,
מֵיינֶע קְרוֹבִים גְרִיסֶען אֵייךְ. 22 אִיךְ טֶערְטִיוּס, וָואס הָאבּ דִיזֶען בְּרִיף גֶעשְׁרִי־
בֶּען, גְרִיס אֵייךְ אִים הַאר׳ן. 23 גַאיוּס מֵיין ווִירְט, אוּן דֶער ווִירְט פוּן דִיא
גַאנְצֶע קְהִלָּה גְרִיסְט אֵייךְ. עֶרַאסְטוּס דֶער פֶערְוַואלְטֶער פוּן דֶער שְׁטָאדְט
גְרִיסְט אֵייךְ, אוּן קְווַארְטוּס דֶער בְּרוּדֶער.

25 נוּן צוּ אִיהְם דֶער קֶען אֵייךְ שְׁטַארְק מַאכֶען נָאךְ מֵיינֶע בְּשׂוֹרָה טוֹבָה
אוּן דָאס פְּרֶעדִיגֶען פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, נָאךְ דֶעם אַנְטְפְּלֶעקוּנְג פוּן דֶעם סוֹד וָואס
אִיז פֶערְבָּארְגֶען גֶעוֶועזֶען פוּן עֶבִּיגֶע צֵייטֶען, 26 אָבֶּער אִיז אַצוּנְד עֶפֶענְטְלִיךְ
בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט, אוּן אִיז דוּרְךְ דִיא שְׁרִיפְטֶען פוּן דִיא נְבִיאִים צוּ אַלֶע פֶעלְ־
קֶער צוּ ווִיסֶען גֶעטְהוּן גֶעוָוארֶען צוּם גֶעהָארְזַאם פוּן גְלוֹיבֶּען, נָאךְ דֶעם
גֶעבָּאט פוּן דֶעם עֶבִּיגֶען גָאט, 27 דֶעם אֵיינְצִיגֶען ווֵייזֶען גָאט דוּרְךְ יֵשׁוּעַ
הַמָּשִׁיחַ צוּ דֶעם זָאל זֵיין דִיא הֶערְלִיכְקֵייט פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט. אָמֵן.

---

24 דִיא גְנָאד פוּן אוּנְזֶערֶעם הַאר׳ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ זֵייא מִיט אֵייךְ אַלֶע. אָמֵן.

דֶער עֶרְשְׁטֶע בְּרִיף פוּן דֶעם
אַפָּאסְטֶעל פּוֹלוֹס צוּ דִיא קָארִינְטֶער.

---

1 פּוֹלוֹס אַ גֶערוּפֶענֶער אַפָּאסְטֶעל פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ דוּרְךְ דֶעם ווִילֶען פוּן
גָאט, אוּן דֶער בְּרוּדֶער סָאסְטֶענֶעס, 2 צוּ דֶער קְהִלָּה פוּן גָאט וָואס אִיז אִין
קָארִינְט, גֶעהֵיילִיגְטֶע אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, גֶערוּפֶענֶע הֵיילִיגֶע, מִיט אַלֶע וָואס
אִין אִיטְלִיכֶען אָרְט רוּפֶען אָן דֶעם נָאמֶען פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ,
זֵייעֶר אוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן; 3 גְנָאד זֵייא מִיט אֵייךְ אוּן פְרִידֶען פוּן גָאט
אוּנְזֶערֶען פָאטֶער אוּן פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.
4 אִיךְ דַאנְק מֵיין גָאט אַלֶע צֵייט וֶועגֶען אֵייךְ, פַאר דִיא גְנָאד פוּן גָאט וָואס
אִיז אֵייךְ גֶעגֶעבֶּען אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, 5 אַז אִיהְר זֶענְט אִין אַלֶעם רֵייךְ גֶעמַאכְט
אִין אִיהְם, אִין יֶעדֶעם וָוארְט אוּן אִין יֶעדֶער דֶערְקֶענְטְנִיס, 6 גְלֵייךְ ווִיא
דָאס צֵייגְנִיס פוּן דֶעם מָשִׁיחַ אִיז אִין אֵייךְ פֶעסְט גֶעוָוארֶען; 7 אַזוֹי אַז עֶס
פֶעהְלְט אֵייךְ נִיט קֵיינֶע גְנֶעדִיגֶע מַתָּנָה, אִינְדֶעם אִיהְר וַוארְטֶעט אוֹיף דֶער
אַנְטְפְּלֶעקוּנְג פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ; 8 וֶועלְכֶער וֶועט אֵייךְ אוֹיךְ
בֶּעפֶעסְטִיגֶען בִּיז צוּם עֶנְד, אַז אִיהְר זָאלְט אוּנְשׁוּלְדִיג זֵיין אִים טָאג פוּן אוּנ־
זֶערֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. 9 גָאט אִיז גֶעטְרֵייא, דוּרְךְ וֶועלְכֶעם אִיהְר זֶענְט
גֶערוּפֶען גֶעוָוארֶען צוּ דֶער גֶעמֵיינְשַׁאפְט פוּן זֵיינֶעם זוּהְן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אוּנְזֶערֶעם
הַאר'ן.
10 נוּן בֶּעט אִיךְ אֵייךְ, בְּרִידֶער, דוּרְךְ דֶעם נָאמֶען פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ
הַמָּשִׁיחַ, אַז אִיהְר זָאלְט אַלֶע אֵיינֶערְלֵייא רֶעד הָאבֶּען, אוּן אַז עֶס זָאל נִיט
זֵיין קֵיינֶע אַפְּטְהֵיילוּנְגֶען צְווִישֶׁען אֵייךְ, אִיהְר זָאלְט לִיבֶּער אִים דָאזִיגֶען זִין
אוּן אִין דִיא דָאזִיגֶע מֵיינוּנְג פָאלְקָאמֶען זֵיין. 11 וָוארִין אִיךְ בִּין וֶועגֶען אֵייךְ
גֶעוָואר גֶעוָוארֶען, מֵיינֶע בְּרִידֶער, דוּרְךְ דֶעם הוֹיזְגֶעזִינְד פוּן כְּלוֹאָה, אַז עֶס
אִיז צְווִישֶׁען אֵייךְ קְרִיגֶערֵייא. 12 נוּן דָאס זָאג אִיךְ, אַז יֶעדֶער פוּן אֵייךְ
זָאגְט, אִיךְ בִּין פוּן פּוֹלוֹס, אוּן אִיךְ פוּן אַפָּאלָאס, אוּן אִיךְ פוּן כֵּיפָא, אוּן אִיךְ
פוּן מָשִׁיחַ. 13 אִיז מָשִׁיחַ צוּטְהֵיילְט גֶעוָוארֶען? אִיז פּוֹלוֹס פַאר אֵייךְ גֶעקְרֵיי־
צִיגְט גֶעוָוארֶען, אָדֶער זֶענְט אִיהְר אִים נָאמֶען פוּן פּוֹלוֹס גֶעטוֹבֶלְט גֶעוָוארֶען?
14 אִיךְ דַאנְק גָאט אַז אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם פוּן אֵייךְ נִיט גֶעטוֹבֶלְט, אוֹיסֶער
קְרִיסְפּוֹס אוּן גַאיוֹס; 15 כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִיט זָאגֶען אַז אִיךְ הָאבּ אִין מֵיין
נָאמֶען גֶעטוֹבֶלְט. 16 אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ דָאס הוֹיזְגֶעזִינְד פוּן סְטֶעפַאנוֹס
גֶעטוֹבֶלְט; ווֵייטֶער ווֵייס אִיךְ נִיט אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ נָאךְ אֵיין אַנְדֶערֶען גֶעטוֹבֶלְט.
17 וָוארִין מָשִׁיחַ הָאט מִיךְ נִיט גֶעשִׁיקְט צוּ טוֹבֶלְן, נֵייעֶרְט דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה
צוּ פְּרֶעדִיגֶען, נִיט מִיט קְלוּגֶע רֶעד, כְּדֵי דָאס קְרֵייץ פוּן מָשִׁיחַ זָאל נִיט אָהְן
קְרַאפְט וֶוערֶען.

18 וָוארִין דָאס וָוארְט פוּן דֶעם קְרֵייץ אִיז נַארִישְׁקֵייט צוּ דִיא וָואס וֶוערֶען
פֶערְלוֹירֶען, אָבֶּער צוּ אוּנְז וָואס וֶוערֶען גֶערֶעטֶעט אִיז עֶס דִיא מַאכְט פוּן
גָאט. 19 וָוארִין עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען,
אִיךְ וֶועל דִיא קְלוּגְהֵייט פוּן דִיא קְלוּגֶע צוּשְׁטֶערֶען,
אוּן דֶעם פֶערְשְׁטַאנְד פוּן דִיא פֶערְשְׁטֶענְדִיגֶע וֶועל אִיךְ פֶערְוַוארְפֶען.
20 וְואוּ אִיז דֶער חָכָם? וְואוּ אִיז דֶער סוֹפֵר? וְואוּ אִיז דֶער שְׁטְרֵייטֶער פוּן
דִיזֶער וֶועלְט? הָאט נִיט גָאט נַארִישׁ גֶעמַאכְט דִיא קְלוּגְהֵייט פוּן דִיזֶער
וֶועלְט? 21 וָוארִין ווייל אִין דֶער קְלוּגְהֵייט פוּן גָאט הָאט דִיא וֶועלְט דוּרְךְ
אִיהְרֶע קְלוּגְהֵייט נִיט גָאט גֶעקֶענְט, אִיז עֶס גָאט גֶעפֶעלֶען דוּרְךְ דֶער נַארִישְׁ־
קֵייט פוּן דֶעם פְּרֶעדִיגֶען זָאל עֶר רֶעטֶען דִיא וָואס גְלוֹיבֶּען. 22 וָוארִין דִיא
יוּדֶען פֶערְלַאנְגֶען צֵייכֶען, אוּן דִיא גְרֶעקֶען זוּכֶען קְלוּגְהֵייט; 23 אָבֶּער מִיר
פְּרֶעדִיגֶען מָשִׁיחַ דֶעם גֶעקְרֵייצִיגְטֶען, צוּ דִיא יוּדֶען אַ שְׁטְרוֹיכְלוּנְג אוּן צוּ דִיא
גְרֶעקֶען נַארִישְׁקֵייט, 24 אָבֶּער צוּ דִיא וָואס זֶענֶען גֶערוּפֶען, יוּדֶען אוּן גְרֶעקֶען,
פְּרֶעדִיגֶען מִיר מָשִׁיחַ דִיא מַאכְט פוּן גָאט אוּן דִיא קְלוּגְהֵייט פוּן גָאט.
25 וָוארִין דִיא נַארִישְׁקֵייט פוּן גָאט אִיז קְלוּגֶער וִויא דִיא מֶענְשֶׁען, אוּן דִיא
שְׁוַואכְהֵייט פוּן גָאט אִיז שְׁטַארְקֶער וִויא דִיא מֶענְשֶׁען.
26 וָוארִין זֶעהְט אִיהְר אֵייעֶרֶע רוּפוּנְג, בְּרִידֶער, אַז נִיט פִילֶע קְלוּגֶע נָאךְ
דֶעם פְלֵיישׁ, נִיט פִילֶע מֶעכְטִיגֶע, נִיט פִילֶע עֶדְלֶע זֶענֶען גֶערוּפֶען; 27 נֵייעֶרְט
גָאט הָאט דִיא נַארִישֶׁע זַאכֶען פוּן דֶער וֶועלְט אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט, כְּדֵי עֶר זָאל
דִיא קְלוּגֶע פֶערְשֶׁעהְמֶען, אוּן דִיא שְׁוַואכֶע זַאכֶען פוּן דֶער וֶועלְט הָאט גָאט
אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט, כְּדֵי עֶר זָאל דִיא שְׁטַארְקֶע פֶערְשֶׁעהְמֶען, 28 אוּן דִיא נִיט
עֶדְלֶע זַאכֶען פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן דִיא וָואס זֶענֶען פֶערְאַכְטֶעט הָאט גָאט
אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט, אוֹיךְ דִיא וָואס זֶענֶען נִיט דָא, כְּדֵי עֶר זָאל דִיא וָואס זֶענֶען
צוּשְׁטֶערֶען, 29 אַז קֵיין פְלֵיישׁ זָאל זִיךְ פָאר גָאט בֶּערִיהְמֶען. 30 אָבֶּער פוּן
אִיהְם זֶענְט אִיהְר אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, דֶער אִיז צוּ אוּנְז חָכְמָה פוּן גָאט
גֶעוָוארֶען, אוּן גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, אוּן הֵיילִיגְקֵייט אוּן אוֹיסְלֶעזוּנְג; 31 כְּדֵי עֶס זָאל
זַיין אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, דֶער וָואס רִיהְמְט זִיךְ לָאז עֶר זִיךְ רִיהְ־
מֶען אִים הַאר'ן.

ב 1 אוּן וֶוען אִיךְ בִּין צוּ אֵייךְ גֶעקוּמֶען, בְּרִידֶער, בִּין אִיךְ נִיט מִיט פֵיינֶע
רֶעד אָדֶער קְלוּגְהֵייט גֶעקוּמֶען, אוּן הָאבּ צוּ אֵייךְ דֶעם סוֹד פוּן גָאט בֶּעוִויזֶען.
2 וָוארִין אִיךְ הָאבּ מִיר פָארְגֶענוּמֶען אַז אִיךְ זָאל צְווִישֶׁען אֵייךְ קֵיינֶע אַנְדֶערֶע
זַאךְ נִיט וִויסֶען, אוֹיסֶער יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אוּן אִיהְם גֶעקְרֵייצִיגְט. 3 אוּן אִיךְ
בִּין בֵּייא אֵייךְ גֶעוֶועזֶען אִין שְׁוַואכְהֵייט אוּן אִין פָארְכְט אוּן אִין גְרוֹיסֶער צִיטֶערְנִיס.
4 אוּן מֵיין רֶעד אוּן מֵיין פְּרֶעדִיגֶען זֶענֶען נִיט מִיט אִיבֶּערְרֶעדֶענְדִיגֶע וֶוערְ־
טֶער גֶעוֶועזֶען פוּן מֶענְשְׁלִיכֶע קְלוּגְהֵייט, נֵייעֶרְט מִיט בֶּעוַוייז פוּן דֶעם גֵייסְט אוּן
פוּן דֶער מַאכְט, 5 כְּדֵי אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען זָאל נִיט זַיין אִין דֶער קְלוּגְהֵייט פוּן
מֶענְשֶׁען, נֵייעֶרְט אִין דֶער מַאכְט פוּן גָאט.

19 ישעיה כט׳ יד׳, 31 ירמיה ט׳ כג׳,

6 אָבֶער מִיר רֶעדֶען קְלוּגְהֵייט צְווִישֶׁען דִיא פָאלְקָאמֶענֶע, דָאךְ נִיט דִיא
קְלוּגְהֵייט פוּן דִיזֶער וֶועלְט, אוּן נִיט פוּן דִיא פִירְשְׁטֶען פוּן דִיזֶער וֶועלְט וָואס
וֶוערֶען צוּ גָאר נִיט; 7 גֵייעֶרְט מִיר רֶעדֶען דִיא קְלוּגְהֵייט פוּן גָאט אִין אַ סוֹד,
דִיא פֶערְבָּארְגֶענֶע קְלוּגְהֵייט וָואס גָאט הָאט פוּן עֶבִּיג אָן צוּ אוּנְזֶערֶע הֶערְ־
לִיכְקֵייט גֶעשְׁטֶעלְט. 8 וָואס קֵיינֶער פוּן דִיא פִירְשְׁטֶען פוּן דִיזֶער וֶועלְט הָאט
נִיט גֶעקֶענְט; וָוארִין וֶוען זֵייא וָואלְטֶען עֶס גֶעקֶענְט, וָואלְטֶען זֵייא נִיט דֶעם
הַאר'ן פוּן הֶערְלִיכְקֵייט גֶעקְרֵייצִיגְט. 9 אָבֶער אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען,
דָאס אוֹיג הָאט נִיט גֶעזֶעהֶען אוּן דָאס אוֹיעֶר הָאט נִיט גֶעהֶערְט,
אוּן עֶס אִיז נִיט אִים הַארְץ פוּן מֶענְשֶׁען אַרֵיינְגֶעקוּמֶען
וָואס גָאט הָאט אָנְגֶעבְּרֵייט פַאר דִיא וֶועלְכֶע לִיבֶּען אִיהְם.
10 וָוארִין גָאט הָאט עֶס צוּ אוּנְז דוּרְךְ דֶעם גֵייסְט אַנְטְפְּלֶעקְט; וָוארִין דֶער
גֵייסְט פָארְשְׁט אַלֶעס, אוֹיךְ דִיא טִיפֶע זַאכֶען פוּן גָאט. 11 וָוארִין וֶוער פוּן
מֶענְשֶׁען ווֵייסְט דִיא זַאכֶען פוּן דֶעם מֶענְשֶׁען, אוֹיסֶער דֶער גֵייסְט פוּן דֶעם
מֶענְשֶׁען וָואס אִיז אִין אִיהְם; אַזוֹי ווֵייסְט אוֹיךְ קֵיינֶער דִיא זַאכֶען פוּן גָאט,
גֵייעֶרְט דֶער גֵייסְט פוּן גָאט. 12 אָבֶער מִיר הָאבֶּען נִיט דֶעם גֵייסְט פוּן דֶער
וֶועלְט דֶערְהַאלְטֶען, גֵייעֶרְט דֶעם גֵייסְט וָואס אִיז פוּן גָאט, כְּדֵי מִיר זָאלֶען ווִיסֶען
וָואס אִיז אוּנְז גְנֶעדִיגְלִיךְ גֶעשֶׁענְקְט פוּן גָאט; 13 אוּן דִיזֶע זַאכֶען רֶעדֶען מִיר
אוֹיךְ נִיט מִיט וֶוערְטֶער אִין לֶעהְרֶען פוּן מֶענְשְׁלִיכֶע קְלוּגְהֵייט, גֵייעֶרְט אִין לֶעהְ־
רֶען פוּן דֶעם גֵייסְט, אוּן מִיר פֶערְגְלֵייכֶען גֵייסְטְלִיכֶע זַאכֶען מִיט גֵייסְטְלִיכֶע.
14 אָבֶער דֶער נַאטִירְלִיכֶע מֶענְשׁ נֶעמְט נִיט אָן דִיא זַאכֶען פוּן דֶעם גֵייסְט
פוּן גָאט; וָוארִין זֵייא זֶענֶען נַארִישְׁקֵייט צוּ אִיהְם, אוּן עֶר קֶען זֵייא נִיט ווִי־
סֶען, ווֵייל זֵייא זֶענֶען גֵייסְטְלִיךְ גֶערִיכְטֶעט. 15 אָבֶער דֶער גֵייסְטְלִיכֶע מֶענְשׁ
רִיכְטֶעט אַלֶע זַאכֶען, אָבֶער עֶר אַלֵיין אִיז פוּן קֵיינֶעם נִיט גֶערִיכְטֶעט.
16 וָוארִין וֶוער הָאט גֶעקֶענְט דֶעם זִין פוּן דֶעם הַאר'ן, אַז עֶר זָאל אִיהְם
בֶּעלֶעהְרֶען? אָבֶער מִיר הָאבֶּען דֶעם זִין פוּן מָשִׁיחַ.
ג 1 אוּן אִיךְ, בְּרִידֶער, הָאבּ נִיט גֶעקֶענְט צוּ אֵייךְ רֶעדֶען ווִיא צוּ גֵייסְטְלִיכֶע
לֵייט, גֵייעֶרְט ווִיא צוּ פְלֵיישְׁלִיכֶע, ווִיא קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין מָשִׁיחַ. 2 אִיךְ הָאבּ
אֵייךְ גֶעגֶעבֶּען מִילְךְ צוּ טְרִינְקֶען, אוּן נִיט שְׁטַארְקֶע שְׁפֵּייז; וָוארִין אִיהְר הָאט
עֶס נָאךְ נִיט גֶעקֶענְט פֶערְטְרָאגֶען; אוּן אוֹיךְ נָאךְ נִיט אַצוּנְד קֶענְט אִיהְר,
3 וָוארִין אִיהְר זֶענְט נָאךְ פְלֵיישְׁלִיךְ. וָוארִין ווִאוּ עֶס אִיז צְווִישֶׁען אֵייךְ קִנְאָה
אוּן קְרִיגֶערֵייא, זֶענְט אִיהְר נִיט פְלֵיישְׁלִיךְ, אוּן וַואנְדֶעלְט נָאךְ דֶעם מִנְהַג פוּן
מֶענְשֶׁען? 4 וָוארִין וֶוען אֵיינֶער זָאגְט, אִיךְ בִּין פוּן פּוֹלוֹס, אוּן אֵיין אַנְדֶע־
רֶער, אִיךְ פוּן אַפָּאלָאס, זֶענְט אִיהְר נִיט מֶענְשֶׁען? 5 וָואס דֶען אִיז אַפָּאלָאס?
אוּן וָואס אִיז פּוֹלוֹס? דִינֶער דוּרְךְ וֶועלְכֶע אִיהְר הָאט גֶעגְלוֹיבְּט אַזוֹי ווִיא דֶער
הַאר הָאט אוֹיךְ צוּ אִיטְלִיכֶעם גֶעגֶעבֶּען. 6 אִיךְ הָאבּ גֶעפְּלַאנְצְט, אַפָּאלָאס הָאט
בֶּעגָאסֶען, אָבֶער גָאט הָאט עֶס גֶעלָאזְט וַואקְסֶען. 7 דְרוּם נִיט דֶער וָואס
פְלַאנְצְט אִיז עֶפֶּעס, אוּן נִיט דֶער וָואס בֶּעגִיסְט, גֵייעֶרְט גָאט דֶער לָאזְט עֶס

ישעיה סד׳ ג׳, 9 ישעיה מ׳ יג׳, 16

וואַקסֶען. [8] דֶער וָואס פְּלַאנְצְט און דֶער וָואס בֶּעגִיסְט זֶענֶען אֵיינְס, און
אִיטְלִיכֶער וֶועט זַיין אֵייגֶענֶען לוין דֶערְהַאלְטֶען נָאךְ זַיינֶע אֵייגֶענֶע אַרְבֵּייט.
[9] וָוארִין מִיר זֶענֶען מִיטַארְבֵּייטֶער פון גָאט; אִיהְר זֶענְט גָאטֶעס אַקֶער, גָאטֶעס
גֶעבֵּיידֶע.
[10] נָאךְ דֶער גְנָאד פון גָאט וָואס אִיז מִיר גֶעגֶעבֶּען, הָאבּ אִיךְ וִויא אַ קְלוּ־
גֶער בּוימֵייסְטֶער דֶעם גְרוּנְד גֶעלֶעגְט, און אֵיין אַנְדֶערֶער בּויֶעט דְרוִיף;
אָבֶּער לָאז אִיטְלִיכֶער אַכְטוּנְג גֶעבֶּען וִויא עֶר בּויֶעט דְרוִיף. [11] וָוארִין קֵיין
אַנְדֶערֶען גְרוּנְד קֶען קֵיינֶער נִיט לֶעגֶען אויסֶער דֶעם וָואס אִיז גֶעלֶעגְט, וָואס
אִיז יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ. [12] נוּן וֶוען אֵיימִיצֶער בּויֶעט אויף דֶעם גְרוּנְד גָאלְד, זִילְבֶּער,
טְהֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, הָאלְץ, הֵייא, שְׁטְרוֹיא, [13] פון אִיטְלִיכֶען וֶועט דָאס וֶוערְק
אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען; וָוארִין דֶער טָאג וֶועט עֶס קְלָאר מַאכֶען, וָוארִין עֶס וֶועט
אִין פֵייעֶר אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען; און דָאס פֵייעֶר אַלֵיין וֶועט דָאס וֶוערְק פון
אִיטְלִיכֶען פְּרִיפֶען וִויא עֶס אִיז. [14] וֶוען דָאס וֶוערְק פון אֵיימִיצֶען וָואס עֶר
הָאט דְרוִיף גֶעבּויֶעט וֶועט בְּלֵייבֶּען, וֶועט עֶר אַ לוין דֶערְהַאלְטֶען; [15] וֶוען
דָאס וֶוערְק פון אֵיימִיצֶען וֶועט פֶערְבְּרֶענְט וֶוערֶען, וֶועט עֶר שָׁאדֶען לֵיידֶען,
אָבֶּער עֶר אַלֵיין וֶועט גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען, דָאךְ אַזוי וִויא דוּרְךְ פֵייעֶר.
[16] ווייסְט אִיהְר נִיט אַז אִיהְר זֶענְט אַ טֶעמְפֶּעל פון גָאט, און דֶער גֵייסְט
פון גָאט וְואוינְט אִין אֵייךְ? [17] וֶוען אֵיימִיצֶער דֶעם טֶעמְפֶּעל פון גָאט פֶערְ־
דַארְבְּט וֶועט אִיהְם גָאט פֶערְדַארְבֶּען; וָוארִין דֶער טֶעמְפֶּעל פון גָאט אִיז
הֵיילִיג, און דָאס זֶענְט אִיהְר.
[18] לָאז זִיךְ קֵיינֶער נִיט בֶּעטְרִיגֶען; וֶוען אֵיינֶער פון אֵייךְ דֶענְקְט אַז עֶר אִיז
קְלוּג אִין דִיזֶער וֶועלְט, לָאז עֶר אַ נַאר וֶוערֶען, כְּדֵי עֶר זָאל קְלוּג וֶוערֶען.
[19] וָוארִין דִיא קְלוּגְהֵייט פון דִיזֶער וֶועלְט אִיז נַארִישְׁקֵייט בֵּייא גָאט. וָוארִין
עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, עֶר פַאנְגְט דִיא קְלוּגֶע אִין זֵייעֶרֶע לִיסְט. [20] און
ווִידֶער, דֶער הַאר ווייסְט דִיא גֶעדַאנְקֶען פון דִיא קְלוּגֶע, אַז זֵייא זֶענֶען
אֵייטֶעל. [21] אַזוי דֶען לָאז זִיךְ קֵיינֶער נִיט רִיהְמֶען אִין מֶענְשֶׁען; וָוארִין אַלֶע
זַאכֶען זֶענֶען אֵייעֶרְס, [22] אויבּ עֶס אִיז פּוֹלוֹס, אָדֶער אַפָּאלָאס, אָדֶער כֵּיפָא,
אָדֶער דִיא וֶועלְט, אָדֶער לֶעבֶּען, אָדֶער טוֹיט, אָדֶער אִיצְטִיגֶע זַאכֶען, אָדֶער
קוּמֶענְדִיגֶע זַאכֶען, אַלֶעס אִיז אֵייעֶרְס, [23] און אִיהְר זֶענְט צוּ מָשִׁיחַ, און מָשִׁיחַ
אִיז גָאטֶעס.
ד [1] לָאז אַ מֶענְשׁ אוּנְז אַזוי הַאלְטֶען, וִויא דִיא דִינֶער פון דֶעם מָשִׁיחַ, און
פֶערְוַואלְטֶער פון דִיא סוֹדוֹת פון גָאט. [2] נוּן ווייטֶער מֶען פָארְדֶערְט אִין
פֶערְוַואלְטֶער, אַז אַ מַאן זָאל גֶעטְרֵייא גֶעפִינֶען וֶוערֶען. [3] אָבֶּער מִיר אִיז
עֶס אַ קְלֵיינִיגְקֵייט אַז אִיךְ זָאל פון אֵייךְ גֶערִיכְטֶעט וֶוערֶען, אָדֶער פון אַ
מֶענְשְׁלִיכֶע מֵיינוּנְג; אִיךְ רִיכְטֶע מִיךְ אַפִילוּ אַלֵיין נִיט. [4] וָוארִין אִיךְ ווייס גָאר
נִיט קֶעגֶען מִיר אַלֵיין, אָבֶּער אִין דִיזֶעם בִּין אִיךְ נִיט גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט; אָבֶּער
דֶער וֶועלְכֶער רִיכְטֶעט מִיךְ אִיז דֶער הַאר. [5] דְרוּם זָאלְט אִיהְר נִיט קֵיין זַאךְ

[19] איוב ה׳ יג׳. [20] תהלים צד׳ יא׳.

רִיכְטֶען פָאר דֶער צֵייט, בִּיז דֶער הַאר װֶעט קוּמֶען, דֶער װֶעט אוֹיךְ צוּם
לִיכְט בְּרֶענְגֶען װָאס אִיז אִין דֶער פִינְסְטֶערְנִיס פֶערְבָּארְגֶען, אוּן װֶעט דִיא
גֶעדַאנְקֶען פוּן דִיא הֶערְצֶער אַנְטְפְּלֶעקֶען; אוּן דַאן װֶעט אִיטְלִיכֶער לוֹיבּ
הָאבֶּען פוּן גָאט.

6 אוּן דִיזֶע זַאכֶען, בְּרִידֶער, הָאבּ אִיךְ אִין אַ מָשָׁל אוֹיף מִיר אוּן אַפָּאלָאס
אִיבֶּערְגֶעטְרָאגֶען פוּן אֵייעֶרְעטְװֶעגֶען, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט אִין אוּנְז דָאס לֶערְנֶען
נִיט װֵייטֶער וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען; כְּדֵי קֵיינֶער זָאל זִיךְ גְרוֹיס הַאלְטֶען
אֵיינֶער פוּן װֶעגֶען דֶעם אֵיינֶעם קֶעגֶען דֶעם אַנְדֶערֶען. 7 װָארִין װֶער הָאט דִיךְ
אָפְּגֶעשֵׁיידֶעט פוּן אֵיין אַנְדֶערֶען? אוּן װָאס הָאסְט דוּא װָאס דוּא הָאסְט נִיט
בֶּעקוּמֶען? אָבֶּער װֶען דוּא הָאסְט עֶס בֶּעקוּמֶען, װָארוּם רִיהְמְסְט דוּא דִיךְ
אַזוֹי וִויא דוּא הָאסְט עֶס נִיט בֶּעקוּמֶען? 8 אִיהְר זֶענְט שׁוֹין זַאט גֶעװָארֶען;
אִיהְר זֶענְט שׁוֹין רֵייךְ גֶעװָארֶען; אִיהְר הָאט אָהְן אוּנְז גֶעהֶערְשְׁט; אוּן הַלְוַאי
װָאלְט אִיהְר גֶעהֶערְשְׁט, כְּדֵי מִיר זָאלֶען אוֹיךְ מִיט אֵייךְ הֶערְשֶׁען. 9 װָארִין
אִיךְ דֶענְק אַז גָאט הָאט אוּנְז, דִיא אַפָּאסְטֶעל, דִיא לֶעצְטֶע אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט
וִויא צוּם טוֹיט אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען; װָארִין מִיר זֶענֶען צוּם אָנְזֶעהֶען גֶעװָארֶען צוּ
דֶער װֶעלְט אוּן צוּ מַלְאָכִים אוּן צוּ מֶענְשֶׁען. 10 מִיר זֶענֶען נַארֶען װֶעגֶען
מָשִׁיחַ, אָבֶּער אִיהְר זֶענְט קְלוּג אִין מָשִׁיחַ; מִיר זֶענֶען שְׁװַאךְ, אָבֶּער אִיהְר
זֶענְט שְׁטַארְק; אִיהְר זֶענְט גֶעעֶהְרְט, אָבֶּער מִיר זֶענֶען פֶערְאַכְטֶעט. 11 בִּיז
צוּ דִיזֶער שָׁעָה לֵיידֶען מִיר הוּנְגֶער אוּן דוּרְשְׁט, אוּן זֶענֶען נַאקְט, אוּן װֶערֶען
מִיט דֶער פוֹיסְט גֶעשְׁלָאגֶען, אוּן זֶענֶען נָע וָנָד, 12 אוּן מִיר הָארֶעװֶען אוּן
אַרְבֵּייטֶען מִיט אוּנְזֶערֶע אֵייגֶענֶע הֶענְד; װֶען מִיר װֶערֶען גֶעשָׁאלְטֶען מִיר
בֶּענְשֶׁען, װֶען מִיר װֶערֶען פֶערְפָאלְגְט לֵיידֶען מִיר עֶס, 13 װֶען מִיר װֶערֶען
גֶעלֶעסְטֶערְט בֶּעטֶען מִיר; מִיר זֶענֶען וִויא דֶער אוֹיסְװָארְף פוּן דֶער װֶעלְט
גֶעװָארֶען, דָאס מִיסְט פוּן אַלֶע בִּיז אַצוּנְד.

14 אִיךְ שְׁרֵייבּ נִיט דִיזֶע זַאכֶען אוּם אֵייךְ צוּ פֶערְשֶׁעהְמֶען, נֵייעֶרְט וִויא מֵיינֶע
גֶעלִיבְּטֶע קִינְדֶער זָאג אִיךְ אֵייךְ מוּסָר. 15 װָארִין װֶען אִיהְר הָאט אוֹיךְ צֶעהְן
טוֹיזֶענְד לֶעהְרֶער אִין מָשִׁיחַ, הָאט אִיהְר דָאךְ נִיט פִילֶע פֶעטֶער; װָארִין אִין
יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ הָאבּ אִיךְ אֵייךְ גֶעבּוֹירֶען דוּרְךְ דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה. 16 דְרוּם
בֶּעט אִיךְ אֵייךְ, זֵייט מֵיינֶע נָאכְפָאלְגֶער.

17 דֶעסְטְװֶעגֶען הָאבּ אִיךְ צוּ אֵייךְ טִימוֹתִיוֹס גֶעשִׁיקְט, דֶער אִיז מֵיין גֶעלִיבּ־
טֶער אוּן גֶעטְרֵייעֶר זוּהְן אִים הַאר'ן, װֶעלְכֶער װֶעט אֵייךְ דֶערְמָאהְנֶען אָן מֵיינֶע
װֶעגֶען אִין מָשִׁיחַ, אַזוֹי וִויא אִיךְ לֶעהְר אִין אַלֶע עֶרְטֶער אוּן אִין אַלֶע קְהִילוֹת.
18 נוּן עֶטְלִיכֶע זֶענֶען אוֹיפְגֶעבְּלָאזֶען אַזוֹי וִויא אִיךְ װָאלְט נִיט צוּ אֵייךְ קוּמֶען.
19 אָבֶּער אִיךְ װֶעל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם גֶעשְׁוִוינְד צוּ אֵייךְ קוּמֶען, אוּן אִיךְ װֶעל
וִויסֶען, נִיט דִיא רֶעד פוּן דִיא װָאס זֶענֶען אוֹיפְגֶעבְּלָאזֶען, נֵייעֶרְט דִיא מַאכְט;
20 װָארִין דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט אִיז נִיט אִין רֶעד, נֵייעֶרְט אִין מַאכְט.
21 װָאס װִילְט אִיהְר? זָאל אִיךְ צוּ אֵייךְ קוּמֶען מִיט אַ רוּט, אָדֶער מִיט לִיבֶּע
אוּן מִיט דֶעם גֵייסְט פוּן זַאנְפְטְמִיטִיגְקֵייט?

ה 1 מֶען הֶערְט אוּמֶעטוּם אַז עֶס אִיז זְנוּת צְווִישֶׁען אֵייךְ, אוּן אַזֶעלְכֶע זְנוּת
וָואס אִיז אֲפִילוּ נִיט צְווִישֶׁען דִיא גוֹיִם דֶערְהֶערְט, אַז אֵיינֶער הָאט זַיין
פָאטֶערְס ווַייבּ. 2 אוּן אִיהְר זֶענְט אוֹיפְגֶעבְּלָאזֶען, אוּן הָאט נִיט לִיבֶּער גֶע־
טְרוֹיעֶרְט, כְּדֵי דֶער וָואס הָאט דִיזֶע זַאךְ גֶעטְהוּן זָאל פוּן צְווִישֶׁען אֵייךְ
אַוֶועקְגֶענוּמֶען וֶוערֶען. 3 וָוארִין אִיךְ, וָואס אִיךְ בִּין אִים לֵייבּ ווַייט פוּן אֵייךְ
אָבֶּער מִיט אֵייךְ אִים גֵייסְט, הָאבּ שׁוֹין גֶעמִשְׁפָּט גְלֵייךְ ווִיא אִיךְ וָואלְט בֵּייא
אֵייךְ גֶעוֶוען, וֶועגֶען דֶעם וָואס הָאט דִיזֶע זַאךְ אַזוֹי גֶעטְהוּן, 4 אִים נָאמֶען
פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ, וֶוען אִיהְר זֶענְט פֶערְזַאמֶעלְט מִיט מֵיין גֵייסְט
אוּן מִיט דֶער מַאכְט פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ, 5 אַז אִיהְר זָאלְט אַזֶעלְכֶען צוּם
שָׂטָן אִיבֶּערְגֶעבֶּען צוּם פֶערְדַארְבֶּען פוּן דֶעם פְלֵייש, כְּדֵי דֶער גֵייסְט זָאל
גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען אִים טָאג פוּן דֶעם הַאר'ן. 6 אֵייעֶר בַּארִיהְמֶען אִיז נִיט גוּט.
ווַייסְט אִיהְר נִיט אַז אַ קְלֵיינֶעס שְׁטִיקֶעל זוֹיעֶרְטֵייג מַאכְט זוֹיעֶר דֶעם גַאנְצֶען
טֵייג? 7 דְרוּם רֵיינִיגְט אוֹיס דֶעם אַלְטֶען זוֹיעֶרְטֵייג, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט זַיין אַ
נֵייעֶר טֵייג אַזוֹי ווִיא אִיהְר זֶענְט אוּנְגֶעזוֹיעֶרְט. וָוארִין מָשִׁיחַ אוּנְזֶער קָרְבָּן
פֶּסַח אִיז פַאר אוּנְז אוֹיךְ גֶעאָפְּפֶערְט גֶעוָוארֶען. 8 דְרוּם לָאזֶען מִיר דָאס
פֶעסְט הַאלְטֶען, נִיט מִיט דֶעם אַלְטֶען זוֹיעֶרְטֵייג, אוּן אוֹיךְ נִיט מִיט דֶעם
זוֹיעֶרְטֵייג פוּן שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט אוּן אוֹיסְגֶעלַאסֶענְהֵייט, נֵייעֶרְט מִיט דֶעם אוּנְגֶע־
זוֹיעֶרְטֶען בְּרוֹיט פוּן לוֹיטֶערְקֵייט אוּן וָואהְרְהֵייט.

9 אִיךְ הָאבּ אֵייךְ אִין דֶעם בְּרִיף גֶעשְׁרִיבֶּען אַז אִיהְר זָאלְט קֵיינֶע גֶעמֵיינְ־
שַׁאפְט מִיט נוֹאֲפִים נִיט הָאבֶּען; 10 דָאךְ נִיט אִים גַאנְצֶען מִיט דִיא נוֹאֲפִים
פוּן דִיזֶער וֶועלְט, אָדֶער מִיט דִיא גֵייצִיגֶע אוּן רוֹיבֶּער אוּן גֶעצֶענְדִינֶער, וָוארִין
אוֹיף דֶעם אוֹפֶן מוּזְט אִיהְר פוּן דֶער וֶועלְט אַרוֹיסְגֶעהֶען. 11 אָבֶּער אַצוּנְד
הָאבּ אִיךְ צוּ אֵייךְ גֶעשְׁרִיבֶּען אַז אִיהְר זָאלְט קֵיינֶע גֶעמֵיינְשַׁאפְט נִיט הָאבֶּען,
וֶוען אַ בְּרוּדֶער וֶועט גֶערוּפֶען אַ נוֹאֵף, אָדֶער אַ גֵייצִיגֶער, אָדֶער אַ גֶעצֶענְדִי־
נֶער, אָדֶער אַ לֶעסְטֶערֶער, אָדֶער אַ זוֹיפֶער, אָדֶער אַ רוֹיבֶּער; מִיט אַזֶעלְכֶע
זָאלְט אִיהְר אֲפִילוּ נִיט עֶסֶען. 12 וָוארִין וָואס הָאבּ אִיךְ נָאךְ צוּ רִיכְטֶען דִיא
וָואס זֶענֶען פוּן דְרוֹיסֶען? רִיכְטֶעט אִיהְר דֶען נִיט דִיא וָואס זֶענֶען פוּן
דְרִינֶען? 13 אָבֶּער דִיא וָואס זֶענֶען פוּן דְרוֹיסֶען רִיכְטֶעט גָאט. דְרוּם רוֹימְט
אוֹיס פוּן צְווִישֶׁען אֵייךְ דֶעם שְׁלֶעכְטֶען.

ו 1 קֶען זִיךְ אֵיינֶער פוּן אֵייךְ וֶועלְכֶער הָאט עֶפֶּעס אַ זַאךְ קֶעגֶען דֶעם אַנְדֶע־
רֶען אוּנְטֶערְשְׁטֶעהֶען אַז עֶר זָאל צוּם גֶערִיכְט גֶעהֶען בֵּייא דִיא אוּנְגֶערֶעכְטֶע
אוּן נִיט בֵּייא דִיא הֵיילִיגֶע? 2 אָדֶער ווַייסְט אִיהְר נִיט אַז דִיא הֵיילִיגֶע
וֶועלֶען דִיא וֶועלְט רִיכְטֶען? אוּן וֶוען דִיא וֶועלְט וֶועט פוּן אֵייךְ גֶערִיכְטֶעט
וֶוערֶען, זֶענְט אִיהְר נִיט וֶוערְט צוּ רִיכְטֶען דִיא קְלֵיינְסְטֶע זַאכֶען? 3 ווַייסְט
אִיהְר נִיט אַז מִיר וֶועלֶען מַלְאָכִים רִיכְטֶען? ווִיא פִיל מֶעהְר דִיא זַאכֶען
פוּן דֶעם לֶעבֶּען. 4 אַזוֹי דֶען וֶוען אִיהְר הָאט מִשְׁפָּטִים וֶועגֶען זַאכֶען פוּן
דֶעם לֶעבֶּען, ווִיא אַזוֹי זֶעצְט אִיהְר דִיא וָואס זֶענֶען צוּם וֶועניגְסְטֶען אָנְגֶע־
זֶעהֶען אִין דֶער קְהִלָּה אַז זֵייא זָאלֶען רִיכְטֶען? 5 אִיךְ זָאג דָאס צוּ אֵייעֶרֶע

שׁאַנְד. אִיז דֶען נִיט פַאַרְהַאנֶען צְוִוישֶׁען אֵייךְ אֵיין קְלוּגֶער, וָואס זָאל
קֶענֶען רִיכְטֶען צְוִוישֶׁען זַיינֶע בְּרִידֶער? 6 נֵייעֶרְט אַ בְּרוּדֶער קְרִיגְט זִיךְ מִיט
אַ בְּרוּדֶער, אוּן דָאס פָאר אוּנְגְלוֹיבִּיגֶע. 7 אַזוֹי דֶען עֶס אִיז שׁוֹין אִים גַאנְצֶען
אַ פֶעהְלֶער אִין אֵייךְ, אַז אִיהְר הָאט מִשְׁפָּטִים צְוִוישֶׁען אֵייךְ. וָוארוּם טְהוּט
אִיהְר נִיט לִיבֶּער אוּנְרֶעכְט לֵיידֶען? וָוארוּם לָאזְט אִיהְר אֵייךְ נִיט לִיבֶּער
בֶּערוֹיבֶּען? 8 אָבֶּער אִיהְר טְהוּט אוּנְרֶעכְט אוּן בֶּערוֹיבְּט, אוּן דָאס צוּ בְּרִי־
דֶער. 9 אָדֶער ווַייסְט אִיהְר דֶען נִיט אַז דִיא אוּנְגֶערֶעכְטֶע וֶועלֶען נִיט דָאס
קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט יַרְשֶׁענֶען? לָאזְט אֵייךְ נִיט פֶערְפִיהְרֶען. קֵיינֶע זוֹנִים, אוּן
קֵיינֶע גֶעצֶענְדִינֶער, אוּן קֵיינֶע נוֹאֲפִים, אוּן קֵיינֶע ווַייבִּישֶׁע, אוּן קֵיינֶע מֶענֶער
שֶׁענְדֶער, 10 אוּן קֵיינֶע גַנָבִים, אוּן קֵיינֶע גֵייצִיגֶע, נִיט שִׁכּוֹרִים, נִיט לֶעסְטֶע־
רֶער, נִיט רוֹיבֶּער וֶועלֶען דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט יַרְשֶׁענֶען. 11 אוּן אַזֶעלְכֶע
זֶענֶען עֶטְלִיכֶע פוּן אֵייךְ גֶעוֶוען; אָבֶּער אִיהְר זֶענְט אָפְּגֶעוַואשֶׁען, אָבֶּער אִיהְר
זֶענְט גֶעהֵיילִיגְט, אָבֶּער אִיהְר זֶענְט גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט גֶעוָוארֶען אִים נָאמֶען
פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ, אוּן אִים גֵייסְט פוּן אוּנְזֶערֶען גָאט.
12 עֶס אִיז מִיר אַלֶעס דֶערְלוֹיבְּט, אָבֶּער נִיט אַלֶעס אִיז גוּט; אַלֶעס אִיז מִיר
דֶערְלוֹיבְּט, אָבֶּער אִיךְ וֶועל נִיט וֶוערֶען אוּנְטֶער דִיא מַאכְט פוּן אַ שׁוּם זַאךְ.
13 דִיא שְׁפֵּייזֶען פַאר דֶעם בּוֹיךְ, אוּן דֶער בּוֹיךְ פַאר דִיא שְׁפֵּייזֶען; אָבֶּער גָאט
וֶועט אוֹיךְ דִיזֶען אוּן אוֹיךְ יֶענֶע צוּשְׁטֶערֶען. אוּן דֶער לֵייבּ אִיז נִיט צוּ זְנוּת,
נֵייעֶרְט צוּם הַאר'ן, אוּן דֶער הַאר צוּם לֵייבּ. 14 אוּן גָאט הָאט אוֹיךְ דֶעם
הַאר'ן אוֹיפְגֶעוֶועקְט, אוּן וֶועט אוּנְז דוּרְךְ זַיינֶע מַאכְט אוֹיפְוֶועקֶען.
15 ווַייסְט אִיהְר נִיט אַז אֵייעֶרֶע לֵייבֶּער זֶענֶען דִיא גְלִידֶער פוּן דֶעם מָשִׁיחַ?
זָאל אִיךְ דֶען נֶעמֶען דִיא גְלִידֶער פוּן דֶעם מָשִׁיחַ, אוּן זֵייא מַאכֶען דִיא גְלִי־
דֶער פוּן אַ זוֹנָה? חָלִילָה. 16 אָדֶער ווַייסְט אִיהְר דֶען נִיט אַז וֶוער עֶס אִיז
בֶּעהֶעפְט צוּ אַ זוֹנָה, דֶער אִיז מִיט אִיהְר אֵיין לֵייבּ? וָוארִין עֶר זָאגְט, זֵייא
וֶועלֶען בֵּיידֶע זַיין אֵיין פְלֵיישׁ. 17 אָבֶּער דֶער וָואס אִיז בֶּעהֶעפְט צוּם הַאר'ן,
דֶער אִיז מִיט אִיהְם אֵיין גֵייסְט. 18 פְלִיהְט פוּן זְנוּת. אִיטְלִיכֶע זִינְד וָואס דֶער
מֶענְשׁ טְהוּט אִיז אוֹיסֶער דֶעם לֵייבּ; אָבֶּער דֶער וָואס אִיז מְזַנֶה זִינְדִיגְט
קֶעגֶען זַיין אֵייגֶענֶען לֵייבּ. 19 אָדֶער ווַייסְט אִיהְר דֶען נִיט אַז אֵייעֶר לֵייבּ
אִיז דֶער טֶעמְפֶּעל פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וָואס אִיז אִין אֵייךְ, וֶועלְכֶען אִיהְר
הָאט פוּן גָאט, אוּן אִיהְר זֶענְט נִיט אֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע? 20 וָוארִין אִיהְר זֶענְט
פַאר אַ פְּרֵייז אָפְּגֶעקוֹיפְט גֶעוֶוען; אַזוֹי פֶערְהֶערְלִיכְט גָאט אִין אֵייעֶר לֵייבּ.

ז 1 נוּן וֶועגֶען דִיא זַאכֶען וָואס אִיהְר הָאט צוּ מִיר גֶעשְׁרִיבֶּען, עֶס אִיז גוּט
פַאר אַ מֶענְשֶׁען קֵיינֶע פְרוֹיא נִיט אָנְצוּרִיהְרֶען. 2 אָבֶּער פוּן וֶועגֶען זְנוּת, לָאז
אִיטְלִיכֶער הָאבֶּען זַיין אֵייגֶענֶעם ווַייבּ, אוּן לָאז אִיטְלִיכֶע פְרוֹיא הָאבֶּען אִיהְר
אֵייגֶענֶען מַאן. 3 לָאז דֶער מַאן זַיין חִיוּב אָפְּגֶעבֶּען צוּם ווַייבּ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ
דָאס ווַייבּ צוּם מַאן. 4 דָאס ווַייבּ הָאט נִיט קֵיינֶע מַאכְט אִיבֶּער אִיהְר אֵייגֶע־
נֶען לֵייבּ, נֵייעֶרְט דֶער מַאן; אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער מַאן נִיט קֵיינֶע מַאכְט

16 בראשית ב׳ כד׳.

אִיבֶּער זַיין אֵייגֶענֶען לֵייבּ, נֵייעֶרְט דָאס װַייבּ. 5 הַאלְט אֵייךְ נִיט צוּרִיק
פוּן אֵיינַאנְדֶער, נֵייעֶרְט פוּן אֵייעֶר גוּטֶען וִוילֶען פַאר אַ צֵייט, אַז אִיהְר זָאלְט
אֵייךְ אָפְּגֶעבֶּען צוּם פַאסְטֶען אוּן גֶעבֶּעט, אוּן זָאלְט וִוידֶער צוּזַאמֶענְקוּמֶען,
אַז דֶער שָׂטָן זָאל אֵייךְ נִיט פְּרִיפֶען דוּרְךְ אֵייעֶר נִיט אֵיינְהַאלְטֶען. 6 אוּן
דָאס זָאג אִיךְ אַלְס אֵיין עֵצָה, נִיט אַלְס אַ גֶעבָּאט. 7 אָבֶּער אִיךְ וִויל אַז אִיטְ־
לִיכֶער מֶענְשׁ זָאל זַיין וִויא אִיךְ זֶעלְבְּסְט; אָבֶּער אִיטְלִיכֶער הָאט זַיינֶע אֵייגֶענֶע
מַתָּנָה פוּן גָאט, אֵיינֶער אַזוֹי אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אַזוֹי.

8 אָבֶּער אִיךְ זָאג צוּ דִיא וָואס זֶענֶען נִיט פֶערְהֵייַראטֶעט אוּן צוּ דִיא
אַלְמָנוֹת, אַז עֶס אִיז גוּט פַאר זֵייא וֶוען זֵייא בְּלֵייבֶּען אַזוֹי וִויא אִיךְ. 9 אָבֶּער
וֶוען זֵייא קֶענֶען זִיךְ נִיט אֵיינְהַאלְטֶען לָאזֶען זֵייא הֵייַראטֶען; וָוארִין עֶס אִיז
בֶּעסֶער צוּ הֵייַראטֶען אֵיידֶער צוּ בְּרֶענֶען. 10 אָבֶּער צוּ דִיא וָואס זֶענֶען פֶערְ־
הֵייַראטֶעט בֶּעפֶעהְל אִיךְ, דָאךְ נִיט אִיךְ נֵייעֶרְט דֶער הַאר, אַז אַ וַוייבּ זָאל
זִיךְ נִיט שֵׁיידֶען פוּן דֶעם מַאן; 11 אָבֶּער וֶוען זִיא אִיז אוֹיךְ גֶעשֵׁיידֶעט, לָאז
זִיא אוּנְפֶערְהֵייַראטֶעט בְּלֵייבֶּען, אָדֶער לָאז זִיא זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטֶען מִיט אִיהְר מַאן;
אוּן אַז אַ מַאן זָאל זַיין וַוייבּ נִיט פֶערְלָאזֶען. 12 אָבֶּער צוּ דִיא אִיבְּרִיגֶע זָאג
אִיךְ, נִיט דֶער הַאר, וֶוען אַ בְּרוּדֶער הָאט אַ וַוייבּ וָואס גְלוֹיבְּט נִיט, אוּן עֶס
גֶעפֶעלְט אִיהְר מִיט אִיהְם צוּ וְואוֹינֶען, לָאז עֶר זִיא נִיט פֶערְלָאזֶען. 13 אוּן
וֶוען אַ פְרוֹיא הָאט אַ מַאן וָואס גְלוֹיבְּט נִיט, אוּן עֶס גֶעפֶעלְט אִיהְם מִיט
אִיהְר צוּ וְואוֹינֶען, לָאז זִיא דֶעם מַאן נִיט פֶערְלָאזֶען. 14 וָוארִין דֶער מַאן וָואס
גְלוֹיבְּט נִיט אִיז דוּרְךְ דֶעם וַוייבּ גֶעהֵיילִיגְט גֶעוָוארֶען, אוּן דָאס וַוייבּ וָואס גְלוֹיבְּט
נִיט אִיז דוּרְךְ דֶעם בְּרוּדֶער גֶעהֵיילִיגְט גֶעוָוארֶען; וֶוען נִיט, וָואלְטֶען אֵייעֶרֶע
קִינְדֶער אוּנְרֵיין גֶעוֶועזֶען, אָבֶּער אַצוּנְד זֶענֶען זֵייא הֵיילִיג. 15 אָבֶּער וֶוען דֶער
וָואס גְלוֹיבְּט נִיט זִיךְ אָפְּשֵׁיידֶעט, לָאז עֶר זִיךְ אָפְּשֵׁיידֶען; דֶער בְּרוּדֶער אָדֶער
דִיא שְׁוֶועסְטֶער אִיז נִיט גֶעבּוּנְדֶען אִין אַזֶעלְכֶען פַאל; אָבֶּער גָאט הָאט אוּנְז
אִין פְרִידֶען גֶערוּפֶען. 16 וָוארִין וָואס ווייסְט דוּא, אָ וַוייבּ, אוֹיבּ דוּא וֶועסְט
דֶעם מַאן רֶעטֶען? אָדֶער וָואס ווייסְט דוּא, אָ מַאן, אוֹיבּ דוּא וֶועסְט דָאס וַוייבּ
רֶעטֶען? 17 נוּר גְלֵייךְ וִויא דֶער הַאר הָאט צוּ אִיטְלִיכֶעם מֶענְשֶׁען אָפְּגֶעטְהֵיילְט,
גְלֵייךְ וִויא גָאט הָאט אִיטְלִיכֶען בֶּערוּפֶען, אַזוֹי לָאז עֶר וַואנְדְלֶען, אוּן אַזוֹי גֶעבִּיט
אִיךְ אִין אַלֶע קְהִלּוֹת. 18 אִיז אַ מַאן אַלְס בֶּעשְׁנִיטֶענֶער בֶּערוּפֶען? לָאז עֶר
נִיט אֵיין עָרֵל וֶוערֶען; אִיז אַ מַאן אַלְס עָרֵל בֶּערוּפֶען? לָאז עֶר נִיט בֶּעשְׁנִיטֶען
וֶוערֶען. 19 דִיא בֶּעשְׁנֵיידוּנְג אִיז גָאר נִיט, אוּן דִיא עָרְלָה אִיז גָאר נִיט, נֵייעֶרְט
דָאס הִיטֶען פוּן דִיא גֶעבָּאטֶע פוּן גָאט. 20 לָאז אִיטְלִיכֶער בְּלֵייבֶּען אִין דֶער
בֶּערוּפוּנְג אִין וֶועלְכֶער עֶר אִיז בֶּערוּפֶען גֶעוֶועזֶען. 21 בִּיסְט דוּא אַלְס אַ קְנֶעכְט
בֶּערוּפֶען? אַזוֹי בֶּעזָארְג דִיךְ נִיט; אָבֶּער וֶוען דוּא קֶענְסְט פְרֵייא וֶוערֶען,
בֶּענוּץ עֶס לִיבֶּער. 22 וָוארִין דֶער קְנֶעכְט וָואס אִיז אִים הַאר'ן בֶּערוּפֶען אִיז
דֶער בֶּעפְרֵייטֶער פוּן דֶעם הַאר'ן. אַזוֹי אוֹיךְ דֶער בֶּעפְרֵייטֶער וָואס אִיז בֶּערוּ־
פֶען, אִיז דֶער קְנֶעכְט פוּן מָשִׁיחַ. 23 אִיהְר זֶענְט מִיט אַ פְּרֵייז אָפְּגֶעקוֹיפְט;
זַייט נִיט דִיא קְנֶעכְט פוּן מֶענְשֶׁען. 24 בְּרִידֶער, לָאז אִיטְלִיכֶער בְּלֵייבֶּען

בֵּייא גָאט אִים שְׁטַאנְד אִין וֶועלְכֶעם עֶר אִיז בֶּערוּפֶען.
25 נוּן וֶועגֶען דִיא בְּתוּלוֹת הָאבּ אִיךְ קֵיין בֶּעפֶעהְל נִיט פוּן דֶעם הַאר'ן, אָבֶּער
אִיךְ גִיבּ מֵיינֶע מֵיינוּנְג, אַזוֹי וִויא אֵיינֶער וָואס הָאט גְנָאד דֶערְהַאלְטֶען פוּן
דֶעם הַאר'ן טְרֵייא צוּ זֵיין. 26 דְרוּם דֶענְק אִיךְ אַז דָאס אִיז גוּט וֶועגֶען דֶער
צָרָה וָואס אִיז פַארְהַאנֶען, אַז עֶס אִיז גוּט פַאר אַ מֶענְשֶׁען אַזוֹי צוּ זֵיין.
27 בִּיסְט דוּא גֶעבּוּנְדֶען צוּ אַ ווַייבּ? זוּךְ נִיט לוֹיז צוּ וֶוערֶען; בִּיסְט דוּא לוֹיז
פוּן אַ ווַייבּ? זוּךְ נִיט קֵיין ווַייבּ. 28 אָבֶּער וֶוען דוּא הָאסְט חֲתוּנָה הָאסְט
דוּא נִיט גֶעזִינְדִיגְט, אוּן וֶוען אַ בְּתוּלָה הָאט חֲתוּנָה הָאט זִיא נִיט גֶעזִינְדִיגְט;
אָבֶּער אַזֶעלְכֶע וֶועלֶען לֵיידֶען הָאבֶּען אִים פְלֵייש, אָבֶּער אִיךְ פֶערְשְׁפָּאר אֵייךְ.
29 אָבֶּער דָאס זָאג אִיךְ, בְּרִידֶער, דִיא צֵייט אִיז פֶערְקֶערְצְט; פוּן אַצוּנְד אָן כְּדֵי
אוֹיךְ דִיא וָואס הָאבֶּען ווַייבֶּער זָאלֶען זֵיין גְלֵייךְ וִויא זֵייא וָואס הָאבֶּען נִיט;
30 אוּן דִיא וָואס ווֵיינֶען גְלֵייךְ וִויא זֵייא וָואס ווֵיינֶען נִיט, אוּן דִיא וָואס פְרֵייעֶן
זִיךְ גְלֵייךְ וִויא זֵייא וָואס פְרֵייעֶן זִיךְ נִיט, אוּן דִיא וָואס קוֹיפֶען גְלֵייךְ וִויא
זֵייא וָואס בֶּעזִיצֶען נִיט, 31 אוּן דִיא וָואס בֶּענוּצֶען דִיא וֶועלְט גְלֵייךְ וִויא זֵייא
וָואס הָאבֶּען זִיא נִיט אָפְּגֶענוּצְט; וָוארִין דִיא גֶעשְׁטַאלְט פוּן דִיזֶער וֶועלְט פֶערְגֶעהְט.
32 אָבֶּער אִיךְ וִויל אַז אִיהְר זָאלְט נִיט בֶּעזָארְגְט זֵיין. דֶער וָואס אִיז נִיט
פֶערְהֵיירַאטֶעט זָארְגְט פַאר דִיא זַאכֶען פוּן דֶעם הַאר'ן, וִויא אַזוֹי עֶר זָאל
דֶעם הַאר'ן גֶעפֶעלֶען; 33 אָבֶּער דֶער וָואס אִיז פֶערְהֵיירַאטֶעט זָארְגְט פַאר
דִיא זַאכֶען פוּן דֶער וֶועלְט, וִויא אַזוֹי עֶר זָאל דֶעם ווַייבּ גֶעפֶעלֶען, 34 אוּן
זֵיין גֶעפִיהְל אִיז צוּטְהֵיילְט. דִיא פְרוֹיא וָואס אִיז נִיט פֶערְהֵיירַאטֶעט אוּן דִיא
בְּתוּלָה זָארְגֶען פַאר דִיא זַאכֶען פוּן דֶעם הַאר'ן, אַז זִיא זָאל הֵיילִיג זֵיין אִים
לֵייבּ אוּן אִים גֵייסְט; אָבֶּער דִיא וָואס אִיז פֶערְהֵיירַאטֶעט זָארְגְט פַאר דִיא
זַאכֶען פוּן דֶער וֶועלְט, וִויא אַזוֹי זִיא זָאל דֶעם מַאן גֶעפֶעלֶען. 35 אוּן דָאס
זָאג אִיךְ אֵייךְ צוּ אֵייעֶר בֶּעסְטֶען נוּצֶען, נִיט כְּדֵי אֵייךְ אַ נֶעץ פָארְצוּלֶעגֶען,
גֵייעֶרְט צוּ דֶעם וָואס פַּאסְט זִיךְ, אוּן אַז אִיהְר זָאלְט דֶעם הַאר'ן דִינֶען
אָהְן הִינְדֶערְנִיס. 36 אָבֶּער וֶוען אַ מַאן דֶענְקְט אַז עֶר טְהוּט אַ בּוּשָׁה צוּ זֵיינֶע
בְּתוּלָה, וֶוען זִיא אִיז שׁוֹין אוֹיף אִיהְר עֶלְטֶער, אוּן עֶס מוּז אַזוֹי זֵיין, לָאז עֶר
טְהוּן וָואס עֶר וִויל; עֶר זִינְדִיגְט נִיט; לָאזֶען זֵייא הֵיירַאטֶען. 37 אָבֶּער דֶער
וָואס שְׁטֶעהְט פֶעסְט אִין זֵיין הַארְץ, אוּן הָאט עֶס נִיט נֶעטִיג, אָבֶּער הָאט
מַאכְט אִיבֶּער זֵיין אֵייגֶענֶעם ווִילֶען, אוּן הָאט בֵּייא זִיךְ דָאס אִין זֵיין אֵייגֶענֶען
הַארְץ בֶּעשְׁלָאסֶען, אַז עֶר זָאל זֵיינֶע בְּתוּלָה הִיטֶען, וֶועט רֶעכְט טְהוּן. 38 אַזוֹי
דֶער וָואס מַאכְט אִיהְר חֲתוּנָה טְהוּט רֶעכְט, אוּן דֶער וָואס מַאכְט אִיהְר נִיט
חֲתוּנָה וֶועט בֶּעסֶער טְהוּן.
39 אַ ווַייבּ אִיז גֶעבּוּנְדֶען אַזוֹי לַאנְג וִויא אִיהְר מַאן לֶעבְּט; אָבֶּער וֶוען דֶער
מַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען גֶעוֶועזֶן, אִיז זִיא פְרֵייא זִיךְ צוּ פֶערְהֵיירַאטֶען צוּ
וֶועמֶען זִיא וִויל, נוּר אִים הַאר'ן. 40 אָבֶּער זִיא אִיז גְלִיקְלִיכֶער נָאךְ
מֵיינֶע מֵיינוּנְג וֶוען זִיא בְּלֵייבְּט אַזוֹי; אוּן אִיךְ דֶענְק אַז אִיךְ אוֹיךְ הָאבּ דֶעם
גֵייסְט פוּן גָאט.

ח 1 נון וועגען די קרבנות פון די אפגעטער, מיר ווייסען אז מיר אלע האבען
דערקענטניס. די דערקענטניס בלאזט אויף, אבער די ליבע בויעט אויף. 2 ווען
איימיצער דענקט אז ער ווייסט עפּעס, ווייסט ער נאך ניט וויא מען בעדארף
צו ווייסען. 3 אבער ווען איימיצער ליבט גאט, דער איז פון איהם אנדערקענט.
4 דרום וועגען דעם עסען פון קרבנות צו די אפגעטער, מיר ווייסען אז
איין אפגאט איז גאר ניט אין דער וועלט, און אז עס איז ניט פארהאנען קיין
גאט אויסער איינער. 5 וואָרין אויך חאטשע עס זענען פארהאנען אזעלכע
וואס ווערען אנגערופען געטער, ענטוועדער אים הימעל אדער אויף דער ערד,
מחמת עס זענען פילע געטער און פילע הארען, 6 אבער צו אונז איז איין
גאט דער פאטער, פון וועלכעם זענען אלע זאכען און מיר צו איהם, און איין
האר ישוע המשיח, דורך וועלכעם זענען אלע זאכען און מיר דורך איהם.
7 אבער ניט אין אלע איז די דערקענטניס; אבער עטליכע מיט געוויסען פון דעם
אפגאט ביז אצונד עסען וויא א קרבן צום אפגאט, און זייער געוויסען אינדעם
עס איז שוואך איז בעפלעקט. 8 אבער די שפּייז ווערט אונז ניט עמפּפעהלען
צו גאט; וואָרין ווען אויך מיר עסען ניט זענען מיר ניט ערגער, און אויך ניט
ווען מיר עסען זענען מיר בעסער. 9 אבער גיבט אכטונג אז דיזע אייערע
מאכט זאל ניט זיין א שטרויכלונג צו די שוואכע. 10 וואָרין ווען איימיצער
וועט דיך זעהען, וואס דוא האסט דערקענטניס, אז דוא זיצט צו טיש אים
טעמפּעל פון איין אפגאט, וועט ניט דאס געוויסען פון דעם שוואכען גע-
שטארקט ווערען צו עסען די קרבנות צו די אפגעטער? 11 וואָרין דורך
דיינע דערקענטניס געהט דער שוואכער פערלוירען, דער ברודער פאר
וועלכען משיח איז געשטארבען. 12 אבער ווען איהר זינדיגט אזוי קעגען
די ברידער, און שלאגט זייער שוואכעם געוויסען, זינדיגט איהר קעגען
משיח. 13 אזוי דען ווען שפּייז מאכט מיין ברודער שטרויכלען, וויל איך
עביג קיין פליישׁ ניט עסען, כדי איך זאל מיין ברודער ניט שטרויכלען
מאכען.

ט 1 בין איך ניט איין אפּאסטעל? בין איך ניט פריִיא? האב איך ניט גע-
זעהען ישוע אונזערען האר'ן? זענט איהר ניט מיין ווערק אים האר'ן?
2 ווען איך בין ניט איין אפּאסטעל צו אנדערע, בין איך דאך צו אייך; וואָרין
דער זיגעל פון מיין שליחות זענט איהר אים האר'ן. 3 מיין ענטפער צו
די וואס פערהערען מיך איז דאס. 4 האבען מיר ניט מאכט צו עסען
און צו טרינקען? 5 האבען מיר ניט מאכט ארומצופיהרען א וייב
וועלכע איז א גלויביגע, אזוי וויא די אנדערע אפּאסטעל, און די ברידער
פון דעם האר'ן, און כיפא? 6 אדער איך אליין און ברנבא האבען מיר ניט
מאכט מיר זאלען ניט ארבייטען? 7 וועלכער בעל מלחמה געהט אריים
אויף זיינע אייגענע אומקאסטען? ווער פלאנצט א וויינגארטען און עסט ניט
די פרוכט דערפון? אדער ווער פיטערט א סטאדע, און עסט ניט פון דער
מילך פון דער סטאדע? 8 רעד איך דען דאס וויא א מענש? אדער זאגט

נִיט דִיזֶע אוֹיךְ דָאס גֶעזֶעץ? 9 וָוארִין אִין דֶער תּוֹרַת מֹשֶׁה שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען,
דוּא זָאלְסְט נִיט דָאס מוֹיל פוּן דֶעם אָקְס פֶערְבִּינְדֶען וָוען עֶר דְרֶעשְׁט. זָארְגְט
דֶען גָאט פַאר אָקְסֶען? 10 אָדֶער זָאגְט עֶר דָאס אִים גַאנְצֶען פוּן אוּנְזֶערְט
וֶועגֶען? וָוארִין פוּן אוּנְזֶערְטְוֶועגֶען אִיז עֶס גֶעשְׁרִיבֶּען, ווייל דֶער וָואס
אַקֶערְט אִיז מְחוּיָב מִיט הָאפְנוּנְג צוּ אַקֶערְן, אוּן דֶער וָואס דְרֶעשְׁט מִיט הָאפְנוּנְג
אַ טְהֵייל צוּ הָאבֶּען.
11 וֶוען מִיר הָאבֶּען צוּ אֵייךְ גֵייסְטְלִיכֶע זַאכֶען גֶעזֵייעֶט, אִיז עֶס צוּ פִיל וֶוען
מִיר זָאלֶען אֵייעֶרֶע פְלֵיישְׁלִיכֶע זַאכֶען אֵיינְזַאמְלֶען? 12 וֶוען אַנְדֶערֶע הָאבֶּען אַ
טְהֵייל אִין דִיזֶער מַאכְט אִיבֶּער אֵייךְ, זָאלֶען מִיר נִיט פִיל מֶעהְר? אָבֶּער מִיר
הָאבֶּען דִיזֶע מַאכְט נִיט בֶּענוּצְט, נֵייעֶרְט מִיר לֵיידֶען אַלֶעס, כְּדֵי מִיר זָאלֶען
קֵיין שׁוּם הִינְדֶערְנִים נִיט מַאכֶען צוּ דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן מָשִׁיחַ. 13 ווייסְט
אִיהְר נִיט אַז דִיא וָואס דִינֶען אִין הֵיילִיגֶע זַאכֶען עֶסֶען פוּן דֶעם בֵּית
הַמִקְדָשׁ, אוּן דִיא וָואס דִינֶען בֵּייא דֶעם מִזְבֵּחַ הָאבֶּען אַ טְהֵייל פוּן דֶעם
מִזְבֵּחַ? 14 אַזוֹי הָאט אוֹיךְ דֶער הַאר בֶּעשְׁטֶעלְט אַז דִיא וָואס פְּרֶעדִיגֶען דִיא
בְּשׂוֹרָה טוֹבָה זָאלֶען לֶעבֶּען פוּן דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה. 15 אָבֶּער אִיךְ הָאבּ קֵיינֶע
פוּן דִיזֶע זַאכֶען נִיט בֶּענוּצְט. אוּן אִיךְ הָאבּ דִיזֶעס נִיט גֶעשְׁרִיבֶּען אַז עֶס
זָאל צוּ מִיר אַזוֹי גֶעשֶׁעהֶען; וָוארִין עֶס אִיז מִיר לִיבֶּער צוּ שְׁטַארְבֶּען אֵיידֶער
אֵיימִיצֶער זָאל מֵיין רִיהְמֶען צוּ גָאר נִיט מַאכֶען. 16 וָוארִין וֶוען אִיךְ פְּרֶעדִיג דִיא
בְּשׂוֹרָה טוֹבָה אִיז צוּ מִיר קֵיין רִיהְמֶען; וָוארִין אִיךְ מוּז עֶס טְהוּן; וָוארִין וֶועה
מִיר וֶוען אִיךְ פְּרֶעדִיג נִיט דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה. 17 וָוארִין וֶוען אִיךְ טְהוּא דָאס
פוּן גוּטֶען ווילֶען, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אַ לוֹין; אָבֶּער וֶוען אוּנְגֶערְן, אִיז מִיר אַ
פֶערְוַואלְטוּנְג פֶערְטְרוֹיעֶט. 18 וָואס אִיז דֶען מֵיין לוֹין? אַז וֶוען אִיךְ פְּרֶעדִיג
דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה, זָאל אִיךְ דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פְרֵייא פוּן הוֹצָאוֹת מַאכֶען,
כְּדֵי אִיךְ זָאל נִיט מֵיינֶע מַאכְט אִין דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה שְׁלֶעכְט אָפְּנוּצֶען.
19 וָוארִין חָאטְשֶׁע אִיךְ בִּין פְרֵייא פוּן אַלֶע, הָאבּ אִיךְ מִיךְ דָאךְ פַאר אַ
קְנֶעכְט צוּ אַלֶע גֶעמַאכְט, כְּדֵי אִיךְ זָאל מֶעהְר גֶעוִוינֶען. 20 אוּן צוּ דִיא יוּדֶען
בִּין אִיךְ וִויא אַ יוּד גֶעוָוארֶען, כְּדֵי אִיךְ זָאל דִיא יוּדֶען גֶעוִוינֶען; צוּ דִיא וָואס
זֶענֶען אוּנְטֶער דֶעם גֶעזֶעץ וִויא אֵיינֶער אוּנְטֶער דֶעם גֶעזֶעץ, חָאטְשֶׁע אִיךְ
בִּין נִיט זֶעלְבְּסְט אוּנְטֶער דֶעם גֶעזֶעץ, כְּדֵי אִיךְ זָאל דִיא וָואס זֶענֶען אוּנְטֶער
דֶעם גֶעזֶעץ גֶעוִוינֶען. 21 צוּ דִיא וָואס זֶענֶען אָהְן גֶעזֶעץ וִויא אֵיינֶער אָהְן
גֶעזֶעץ, חָאטְשֶׁע אִיךְ בִּין נִיט אָהְן גֶעזֶעץ צוּ גָאט, נֵייעֶרְט אִים גֶעזֶעץ צוּ
מָשִׁיחַ, כְּדֵי אִיךְ זָאל דִיא וָואס זֶענֶען אָהְן גֶעזֶעץ גֶעוִוינֶען. 22 צוּ דִיא שְׁוַואכֶע
בִּין אִיךְ וִויא אַ שְׁוַואכֶער גֶעוָוארֶען, כְּדֵי אִיךְ זָאל דִיא שְׁוַואכֶע גֶעוִוינֶען; אִיךְ
בִּין אַלֶעס צוּ אַלֶע גֶעוָוארֶען, כְּדֵי אִיךְ זָאל אוֹיף יֶעדֶעס אוֹפֶן עֶטְלִיכֶע רֶעטֶען.
23 אוּן דָאס אַלֶעס טְהוּא אִיךְ וֶועגֶען דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה, כְּדֵי אִיךְ זָאל דְרִינֶען
אַ טְהֵייל הָאבֶּען. 24 ווייסְט אִיהְר נִיט אַז דִיא וָואס לוֹיפֶען אִין אַ לוֹיפְגֶעוֶועט
לוֹיפֶען אַלֶע, אָבֶּער אֵיינֶער בֶּעקוּמְט דֶעם פְּרֵייז? לוֹיפְט אִיהְר אַזוֹי, כְּדֵי

9 דברים כה׳ ד׳.

אִיהְר זָאלְט אִיהְם דֶערְהַאלְטֶען. 25 אוּן אִיטְלִיכֶער וָואס שְׁטְרַייט דֶער הַאלְט
זִיךְ אָפּ אִין אַלֶעם; יֶענֶע דֶען טְהוּן אַזוֹי כְּדֵי זֵייא זָאלֶען אַ פֶערְדֶערְבְּלִיכֶע
קְרוֹין בֶּעקוּמֶען, אָבֶּער מִיר אַיין אוּנְפֶערְדֶערְבְּלִיכֶע. 26 דְרוּם אִיךְ לוֹיף אַזוֹי,
וִויא נִיט אוֹיף אוּנְגֶעוִויסֶעם, אִיךְ שְׁטְרַייט אַזוֹי, וִויא אִיךְ שְׁלָאג נִיט אִין דֶער
לוּפְט; 27 נֵייעֶרְט אִיךְ אוּנְטֶערְדְרִיק מֵיין לֵייבּ אוּן הַאלְט אִיהְם אִין קְנֶעכְטְ־
שַׁאפְט, כְּדֵי אִיךְ זָאל נִיט וֶוען אִיךְ הָאבּ צוּ אַנְדֶערֶע גֶעפְּרֶעדִיגְט, זֶעלְבְּסְט
פֶערְוָוארְפֶען וֶוערֶען.
י 1 וָוארִין אִיךְ וִויל נִיט אַז אִיהְר זָאלְט נִיט וִויסֶען, בְּרִידֶער, אַז אוּנְזֶערֶע אָבוֹת
זֶענֶען אַלֶע אוּנְטֶער דֶער וָואלְקֶען גֶעוֶוען, אוּן זֶענֶען אַלֶע דוּרְךְ דֶעם יַם
אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, 2 אוּן זֶענֶען אַלֶע גֶעטוּבֶלְט גֶעוָוארֶען צוּ מֹשֶׁה אִין דֶער וָואלְקֶען
אוּן אִים יַם, 3 אוּן הָאבֶּען אַלֶע דִיא זֶעלְבִּיגֶע גֵייסְטְלִיכֶע שְׁפֵּייז גֶעגֶעסֶען,
4 אוּן הָאבֶּען אַלֶע דָאס זֶעלְבִּיגֶע גֵייסְטְלִיכֶע גֶעטְרֶענְק גֶעטְרוּנְקֶען; וָוארִין זֵייא
הָאבֶּען פוּן דֶעם גֵייסְטְלִיכֶען פֶעלְזֶען גֶעטְרוּנְקֶען וָואס הָאט זֵייא נָאכְגֶעפָאלְגְט,
אוּן דֶער פֶעלְז אִיז גֶעוֶוען דֶער מָשִׁיחַ. 5 אָבֶּער דִיא מֵייסְטֶע פוּן זֵייא הָאבֶּען
גָאט נִיט וָואוילְגֶעפֶעלֶען; וָוארִין זֵייא זֶענֶען אִין דֶער מִדְבָּר אוּמְגֶעקוּמֶען.
6 אוּן דִיזֶע זַאכֶען זֶענֶען צוּ פָארְבִּילְדֶער פַאר אוּנְז גֶעשֶׁעהֶען, כְּדֵי מִיר זָאלֶען
נִיט זַיין גְלוּסְטֶער צוּ שְׁלֶעכְטֶעם, אַזוֹי וִויא זֵייא הָאבֶּען גֶעגְלוּסְט. 7 זֵייט
אִיהְר נִיט אוֹיךְ גֶעצֶענְדְנֶער, אַזוֹי וִויא עֶטְלִיכֶע פוּן זֵייא; אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט
גֶעשְׁרִיבֶּען, דָאס פָאלְק הָאט זִיךְ אַנִידֶערְגֶעזֶעצְט צוּ עֶסֶען אוּן צוּ טְרִינְקֶען,
אוּן אִיז צוּ שְׁפִּילֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען. 8 לָאזֶען מִיר אוֹיךְ נִיט מְזַנֶּה זַיין,
אַזוֹי וִויא עֶטְלִיכֶע פוּן זֵייא הָאבֶּען מְזַנֶּה גֶעוֶוען, אוּן זֶענֶען אִין אֵיין טָאג
גֶעפַאלֶען דְרַייא אוּן צְוַואנְצִיג טוֹיזֶענְד. 9 לָאזֶען מִיר אוֹיךְ דֶעם הַאר'ן נִיט
פְּרִיפֶען, אַזוֹי וִויא עֶטְלִיכֶע פוּן זֵייא הָאבֶּען גֶעפְּרִיפְט אוּן זֶענֶען דוּרְךְ שְׁלַאנְגֶען
אוּמְגֶעקוּמֶען. 10 מוּרְמֶעלְט אִיהְר נִיט אוֹיךְ אַזוֹי וִויא עֶטְלִיכֶע פוּן זֵייא הָאבֶּען
גֶעמוּרְמֶעלְט אוּן זֶענֶען דוּרְךְ דֶעם פֶערְדָארְבֶּער אוּמְגֶעקוּמֶען. 11 אוּן דִיזֶע
זַאכֶען הָאבֶּען זִיךְ צוּ זֵייא וִויא פָארְבִּילְדֶע גֶעטְרָאפֶען, אוּן זֵייא זֶענֶען פַאר אַ
וָוארְנוּנְג צוּ אוּנְז גֶעשְׁרִיבֶּען, צוּ וֶועלְכֶע דִיא עֶנְדֶע פוּן דִיא צֵייטַאלְטֶער זֶענֶען
גֶעקוּמֶען 12 דְרוּם דֶער וָואס דֶענְקְט אַז עֶר שְׁטֶעהְט, לָאז עֶר אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אַז עֶר זָאל
נִיט פַאלֶען. 13 עֶס הָאט אֵייךְ קֵיינֶע פְּרִיפוּנְג נִיט גֶעטְרָאפֶען נֵייעֶרְט וָואס אִיז
מֶענְשְׁלִיךְ; אָבֶּער גָאט אִיז גֶעטְרַייא, דֶער וֶועט אֵייךְ נִיט לָאזֶען גֶעפְּרִיפְט
וֶוערֶען מֶעהְר וִויא אִיהְר קֶענְט אוֹיסְשְׁטֶעהֶען, נֵייעֶרְט עֶר וֶועט מִיט דֶער פְּרִיּ־
פוּנְג אוֹיךְ דֶעם אוֹיסְגַאנְג מַאכֶען, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט עֶס קֶענֶען דֶערְטְרָאגֶען.
14 דְרוּם, מֵיינֶע גֶעלִיבְּטֶע, פְלִיהְט פוּן דֶעם גֶעצֶענְדִינֶסְט. 15 אִיךְ רֶעד וִויא צוּ
קְלוּגֶע לֵייט; רִיכְטֶעט אִיהְר וָואס אִיךְ זָאג. 16 דֶער כּוֹס פוּן בְּרָכָה וָואס מִיר
בֶּענְשֶׁען, אִיז עֶס נִיט דִיא גֶעמֵיינְשַׁאפְט פוּן דֶעם בְּלוּט פוּן מָשִׁיחַ? דָאס
בְּרוֹיט וָואס מִיר בְּרֶעכֶען, אִיז עֶס נִיט דִיא גֶעמֵיינְשַׁאפְט פוּן דֶעם לֵייבּ פוּן
מָשִׁיחַ? 17 וָוארִין מִיר וָואס זֶענֶען פִילֶע זֶענֶען אֵיין בְּרוֹיט אוּן אֵיין לֵייבּ;

7 שמות לב׳ ו׳.

וָוארין מיר הָאבֶּען אַלֶע אַ טְהֵייל פוּן דֶעם אֵיינֶען בְּרוֹיט. [18] זֶעהְט אָן דִיא יִשְׂרָאֵל
נָאך דֶעם פְלֵייש; דִיא וָואס עֶסֶען דִיא קָרְבָּנוֹת זֶענֶען זֵייא נִיט שׁוּתְּפִים אִים
מִזְבֵּחַ? [19] וָואס זָאג אִיך דֶען? אַז וָואס מֶען אִיז מַקְרִיב צוּ אֵיין אָפְּגָאט אִיז
עֶפֶּעס? אָדֶער אַז אֵיין אָפְּגָאט אִיז עֶפֶּעס? [20] אָבֶּער אִיך זָאג אַז דָאס וָואס
דִיא גוֹיִם זֶענֶען מַקְרִיב זֶענֶען זֵייא מַקְרִיב צוּ שֵׁדִים אוּן נִיט צוּ גָאט; אוּן
אִיך וִויל נִיט אַז אִיהְר זָאלְט מִיט שֵׁדִים גֶעמֵיינְשַׁאפְט הָאבֶּען. [21] אִיהְר קֶענְט
נִיט טְרִינְקֶען דֶעם כּוֹס פוּן דֶעם הַאר'ן אוּן דֶעם כּוֹס פוּן שֵׁדִים; אִיהְר קֶענְט
נִיט אַ טְהֵייל הָאבֶּען אִים טִישׁ פוּן דֶעם הַאר'ן אוּן אִים טִישׁ פוּן שֵׁדִים.
[22] אָדֶער דֶערְצֶערְנֶען מִיר דֶעם הַאר'ן צוּ קִנְאָה? זֶענֶען מִיר שְׁטַארְקֶער
וִויא עֶר?

[23] אַלֶעס אִיז דֶערְלוֹיבְּט, אָבֶּער נִיט אַלֶעס אִיז נִיצְלִיך; אַלֶעס אִיז דֶערְלוֹיבְּט,
אָבֶּער נִיט אַלֶעס פֶערְבֶּעסֶערְט. [24] לָאז קֵיינֶער נִיט זוּכֶען זֵיין אֵייגֶענֶעם נוּצֶען,
נֵייעֶרְט אִיטְלִיכֶער דָאס נוּצֶען פוּן דֶעם אַנְדֶערֶען. [25] אַלֶעס וָואס אִיז אִין דֶער
יַאטְקֶע פֶערְקוֹיפְט, דָאס עֶסְט, אוּן פְרֶעגְט נִיט נָאך וֶועגֶען דֶעם גֶעוִויסֶען;
[26] וָוארין דִיא עֶרְד גֶעהֶערְט צוּם הַאר'ן אוּן אַלֶעס וָואס אִיז דְרִינֶען. [27] וֶוען אֵיימִי־
צֶער פוּן דִיא אוּנְגְלוֹיבִּיגֶע וֶועט אֵייך צוּ אַ סְעוּדָה אֵיינְבֶּעטֶען אוּן אִיהְר
ווִילְט גֶעהֶען, אַלֶעס וָואס אִיז אֵייך פָארְגֶעלֶעגְט עֶסְט אוּן פְרֶעגְט נִיט נָאך
וֶועגֶען דֶעם גֶעוִויסֶען. [28] אָבֶּער וֶוען אֵיימִיצֶער וֶועט צוּ אֵייך זָאגֶען, דָאס אִיז
אַ קָרְבָּן צוּ אָפְּגֶעטֶער, אַזוֹי עֶסְט נִיט וֶועגֶען דֶעם וָואס הָאט עֶס אֵייך
גֶעזָאגְט אוּן וֶועגֶען דֶעם גֶעוִויסֶען. [29] דָאס גֶעוִויסֶען זָאג אִיך, נִיט פוּן דִיר
אַלֵיין, נֵייעֶרְט פוּן דֶעם אַנְדֶערֶען; ווייל וָוארוּם זָאל מֵיינֶע פְרֵייהֵייט גֶערִיכְטֶעט
וֶוערֶען פוּן אֵיין אַנְדֶערֶען גֶעוִויסֶען? [30] וָוארין וֶוען אִיך נֶעם אַ טְהֵייל דְרִינֶען
דוּרְך גְנָאד, וָוארוּם בִּין אִיך גֶעלֶעסְטֶערְט אִיבֶּער אַ זַאך וָואס אִיך הָאבּ
דֶערְפַאר גֶעדַאנְקְט? [31] דְרוּם אוֹיבּ אִיהְר עֶסְט אָדֶער טְרִינְקְט אָדֶער וָואס
אִיהְר טְהוּט, טְהוּט אַלֶעס צוּם כָּבוֹד פוּן גָאט. [32] גִיבְּט נִיט קֵיין אָנְשְׁטוֹיס צוּ
דִיא יוּדֶען אָדֶער צוּ דִיא גְרֶעקֶען אָדֶער צוּ דֶער קְהִלָּה פוּן גָאט, [33] גְלֵייך
וִויא אִיך אוֹיך אַלֶע אִין אַלֶע זַאכֶען גֶעפֶעל, אוּן זוּך נִיט מֵיין אֵייגֶענֶען נוּצֶען
יא נֵייעֶרְט דֶעם נוּצֶען פוּן פִילֶע, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען. [1] זֵייט
נָאכְפָאלְגֶער פוּן מִיר, אַזוֹי וִויא אִיך אוֹיך פוּן מָשִׁיחַ.

[2] נוּן אִיך לוֹיבּ אֵייך, אַז אִיהְר גֶעדֶענְקְט מִיך אִין אַלֶעס, אוּן אַז אִיהְר
הַאלְט דִיא אִיבֶּערְלִיפֶערוּנְגֶען, אַזוֹי וִויא אִיך הָאבּ זֵייא אֵייך אִיבֶּערְגֶע־
גֶעבֶּען. [3] אָבֶּער אִיך וִויל אַז אִיהְר זָאלְט וִויסֶען, אַז מָשִׁיחַ אִיז דָאס הוֹיפְּט
פוּן אִיטְלִיכֶען מַאן, אוּן דָאס הוֹיפְּט פוּן דֶעם וֵוייבּ אִיז דֶער מַאן, אוּן דָאס
הוֹיפְּט פוּן מָשִׁיחַ אִיז גָאט. [4] אִיטְלִיכֶער מַאן וָואס בֶּעט אָדֶער זָאגְט נְבוּאוֹת,
אוּן זֵיין קָאפּ אִיז בֶּעדֶעקְט, דֶער פֶערְשֶׁעהְמְט זֵיין קָאפּ. [5] אוּן אִיטְלִיכֶע פְרוֹיא וָואס
בֶּעט אָדֶער זָאגְט נְבוּאוֹת, אוּן אִיהְר קָאפּ אִיז נִיט בֶּעדֶעקְט, דִיא פֶערְ־
שֶׁעהְמְט אִיהְר קָאפּ; וָוארין עֶס אִיז אַלֶעס אַזוֹי גְלֵייך וִויא זִיא הָאט זִיך

[26] תהלים כד׳ א׳,

גֶענָאלְט. 6 וָוארִין וֶוען אַ פְרויא אִיז נִיט בֶּעדֶעקְט, לָאז זִיא זִיךְ אויךְ שֶׁערֶען;
אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז אַ שַׁאנְד פַאר אַ פְרויא אַז זִיא זָאל זִיךְ שֶׁערֶען אָדֶער
גָאלֶען, לָאז זִיא בֶּעדֶעקְט זַיין. 7 וָוארִין אַ מַאן בֶּעדַארְף נִיט דֶעם קָאפּ
בֶּעדֶעקֶען, ווייל עֶר אִיז דָאס בִּילְד אוּן דֶער כָּבוֹד פוּן גָאט; אָבֶּער דִיא פְרויא
אִיז דֶער כָּבוֹד פוּן דֶעם מַאן. 8 וָוארִין דֶער מַאן אִיז נִיט פוּן דֶער פְרויא,
גֵייעֶרְט דִיא פְרויא פוּן דֶעם מַאן; 9 וָוארִין אויךְ דֶער מַאן אִיז נִיט וֶועגֶען
דֶער פְרויא בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען, גֵייעֶרְט דִיא פְרויא וֶועגֶען דֶעם מַאן.
10 דֶערְפְטְוֶועגֶען בֶּעדַארְף דִיא פְרויא אַ צֵייכֶען פוּן מַאכְט הָאבֶּען אויף אִיהְר
קָאפּ וֶועגֶען דִיא מַלְאָכִים. 11 אָבֶּער דָאךְ אִים הַאר'ן אִיז דִיא פְרויא נִיט
אָהְן דֶעם מַאן אוּן דֶער מַאן אִיז נִיט אָהְן דִיא פְרויא. 12 וָוארִין גְלֵייךְ וויא דִיא
פְרויא אִיז פוּן דֶעם מַאן, אַזוֹי אִיז אויךְ דֶער מַאן דוּרְךְ דֶער פְרויא; אָבֶּער
אַלֶעס אִיז פוּן גָאט. 13 רִיכְטֶעט בֵּייא אֵייךְ זֶעלְבְּסְט; פַּאסְט עֶס פַאר אַ פְרויא
אוּנְבֶּעדֶעקְט צוּ גָאט צוּ בֶּעטֶען? 14 לֶעהְרְט אֵייךְ נִיט אויךְ דִיא נַאטוּר
זֶעלְבְּסְט, אַז עֶס אִיז אַ שַׁאנְד פַאר אַ מַאן וֶוען עֶר הָאט לַאנְגֶע הָאר?
15 אָבֶּער וֶוען אַ פְרויא הָאט לַאנְגֶע הָאר, אִיז עֶס פַאר אִיהְר אַ כָּבוֹד; וָוארִין
דִיא הָאר זֶענֶען צוּ אִיהְר פַאר אַ שְׁלֵייעֶר גֶעגֶעבֶּען. 16 אָבֶּער וֶוען אַ מַאן
שֵׁיינְט אַ לִיבְּהָאבֶּער פוּן קְרִיגֶערַייא צוּ זַיין, אַזוֹי הָאבֶּען מִיר נִיט אַזֶעלְכֶען
מִנְהָג, אוּן אויךְ נִיט דִיא קְהִלוֹת פוּן גָאט.

17 אָבֶּער וֶוען אִיךְ זָאג אֵייךְ דָאס אָן, אַזוֹי לוֹיב אִיךְ נִיט אַז אִיהְר קוּמְט
צוּזַאמֶען נִיט צוּם בֶּעסֶערֶען גֵייעֶרְט צוּם עֶרְגֶערֶען. 18 וָוארִין צוּעֶרְשְׁט הֶער
אִיךְ אַז עֶס זֶענֶען מַחְלוֹקוֹת צְווִישֶׁען אֵייךְ, וֶוען אִיהְר קוּמְט צוּזַאמֶען אִין דֶער
קְהִלָּה, אוּן צוּם טְהֵייל גְלוֹיבּ אִיךְ עֶס. 19 וָוארִין עֶס מוּזֶען כִּתּוֹת זַיין צְווִישֶׁען
אֵייךְ, כְּדֵי אויךְ דִיא וֶועלְכֶע הָאבֶּען פְּרִיפוּנְג בֶּעשְׁטַאנֶען זָאלֶען צְווִישֶׁען אֵייךְ
דֶערְקֶענְט וֶוערֶען. 20 דְרוּם וֶוען אִיהְר קוּמְט צוּזַאמֶען, אַזוֹי אִיז עֶס אוּנְמֶעגְלִיךְ
דָאס אָבֶּענְדְמָאהְל פוּן דֶעם הַאר'ן צוּ עֶסֶען; 21 וָוארִין וֶוען אִיהְר עֶסְט, אַזוֹי
נֶעמְט אִיטְלִיכֶער צוּעֶרְשְׁט זַיין אֵייגֶענֶעס אָבֶּענְדְמָאהְל אוּן אֵיינֶער אִיז הוּנְגְרִיג
אוּן אֵיין אַנְדֶערֶער אִיז בֶּעטְרוּנְקֶען. 22 הָאט אִיהְר דֶען נִיט קֵיינֶע הֵייזֶער כְּדֵי
אִיהְר זָאלְט אִין דִיזֶע עֶסֶען אוּן טְרִינְקֶען? אָדֶער זֶענְט אִיהְר מְבַזֶּה דִיא
קְהִלוֹת פוּן גָאט, אוּן פֶערְשֶׁעהְמְט דִיא וָואס הָאבֶּען נִיט? וָואס זָאל אִיךְ צוּ
אֵייךְ זָאגֶען? זָאל אִיךְ אֵייךְ לוֹיבֶּען? אִין דִיזֶעם לוֹיבּ אִיךְ אֵייךְ נִיט.

23 וָוארִין אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם הַאר'ן מְקַבֵּל גֶעוֶועזֶען וָואס אִיךְ הָאבּ אֵייךְ אויךְ
אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען, אַז דֶער הַאר יֵשׁוּעַ אִין דִיא זֶעלְבִּיגֶע נַאכְט אִין דֶער עֶר
אִיז פֶערְרָאטְהֶען גֶעוָוארֶען הָאט בְּרוֹיט גֶענוּמֶען, 24 אוּן הָאט אַ בְּרָכָה גֶע־
מַאכְט אוּן הָאט עֶס צוּבְּרָאכֶען אוּן גֶעזָאגְט, דָאס אִיז מֵיין לֵייבּ וָואס אִיז פַאר
אֵייךְ; טְהוּט דָאס צוּ מֵיין אָנְדֶענְקֶען. 25 אַזוֹי אויךְ דֶעם כּוֹס נָאךְ דֶעם
אָבֶּענְדְמָאהְל, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דִיזֶער כּוֹס אִיז דֶער נֵייעֶ בְּרִית אִין מֵיין
בְּלוּט; טְהוּט דָאס, אַזוֹי אָפְט וויא אִיהְר טְרִינְקְט, צוּ מֵיין אָנְדֶענְקֶען. 25 וָוארִין
אַזוֹי אָפְט וויא אִיהְר עֶסְט דִיזֶעס בְּרוֹיט אוּן טְרִינְקְט דִיזֶען כּוֹס, זֶענְט אִיהְר

מודיע דעם טויט פון דעם האר'ן ביז ער וועט קומען. 27 דרום דער וואָס
עסט דאָס ברויט אָדער טרינקט דעם כוס פון דעם האר'ן אומווירדיג, דער
וועט זיך פערשולדיגען קעגען דעם לייב און דעם בלוט פון דעם האר'ן. 28 אָבער
לאָז דער מענש זיך פּריפען, און אַזוי לאָז ער עסען פון דעם ברויט און
טרינקען פון דעם כוס; 29 וואָרין דער וואָס עסט און טרינקט, עסט און
טרינקט צו זיך זעלבסט דאָס געריכט, ווען ער דערקענט ניט דעם לייב פון
דעם האר'ן. 30 דרום זענען פּילע שוואַך און קרענקליך צווישען אייך, און
פּילע שלאָפען. 31 אָבער ווען מיר וואָלטען זיך זעלבסט דערקענען אַזוי וואָלטען
מיר ניט גערייכטעט ווערען; 32 אָבער ווען מיר ווערען גערייכטעט זענען מיר
פון דעם האר'ן געשטראָפט, כדי מיר זאָלען ניט פערשולדיגט ווערען מיט
דער וועלט. 33 דרום, מיינע ברידער, ווען איהר קומט צוזאַמען כדי איהר
זאָלט עסען, אַזוי וואַרטעט איינער אויף דעם אַנדערען. 34 ווען איינער איז
הונגריג לאָז ער עסען אין דער היים, כדי איהר זאָלט ניט צום פערשולדי־
גען צוזאַמענקומען. און דאָס איבריגע וועל איך איינריכטען ווען איך וועל
קומען.

יב 1 אָבער וועגען די גייסטליכע מתנות, ברידער, איך וויל ניט אַז איהר זאָלט
ניט וויסען. 2 איהר ווייסט אַז ווען איהר זענט גוים געווען, זענט איהר נאָכ־
געגאַנגען שטומע אָפּגעטער, אַזוי וויא איהר זענט געפיהרט געוואָרען. 3 דרום
טהוא איך אייך צו וויסען, אַז קיינער וואָס רעדט דורך דעם גייסט פון גאָט
זאָגט אַז ישוע איז חרם, און אַז קיינער קען זאָגען אַז ישוע איז דער האַר,
אויסער דורך דעם רוח הקודש.

4 נון עס זענען פאַרהאַנען פערשידענהייטען פון מתנות, אָבער דער זעל־
ביגע גייסט; 5 און עס זענען פערשידענהייטען פון דינסט, און דער זעלביגע
האַר; 6 און עס זענען פערשידענהייטען פון ווערק, אָבער עס איז דער
זעלביגע גאָט, דער ווירקט אַלעס אין אַלעם. 7 אָבער דאָס אַנטפּלעקען פון
דעם גייסט איז געגעבען צו איטליכעם צום נוצען אין כלל. 8 וואָרין צו איינעם
איז געגעבען דורך דעם גייסט דאָס וואָרט פון ווייזהייט, און צו איין אַנדערען
דאָס וואָרט פון דערקענטניס נאָך דעם זעלביגען גייסט, 9 צו איין אַנדערען
גלויבען דורך דעם זעלביגען גייסט, און צו איין אַנדערען מתנות פון רפואות
דורך דעם איינען גייסט, 10 און צו איין אַנדערען דאָס ווירקען פון מאַכט,
און צו איין אַנדערען נבואות צו זאָגען, און צו איין אַנדערען גייסטער צו
אונטערשיידען, צו איין אַנדערען פערשידענע אַרט פון לשונות, און צו איין
אַנדערען לשונות צו פערטייטשען. 11 אָבער דאָס אַלעס ווירקט איין און
דער זעלביגע גייסט, אינדעם ער טהיילט אָפּ צו איטליכעם נאָך זיין ווילען.

12 וואָרין אַזוי וויא דער לייב איז איינס און האָט פּילע גלידער, אָבער אַלע
גלידער פון דעם איינען לייב ווען אויך זיי זענען פּילע זענען זיי דאָך איין
לייב, אַזוי איז אויך דער משיח. 13 וואָרין דורך איין גייסט זענען מיר אַלע
אויך געטובלט צו איין לייב, אויב מיר זענען יודען אָדער גריעכען, אויב מיר

זֶענֶען קְנֶעכְט אָדֶער פְרֵייא. און מִיר זֶענֶען אַלֶע אָנְגֶעטְרוּנְקֶען אִין אֵיין
גֵייסְט. 14 וָוארִין אויךְ דֶער לֵייב אִיז נִיט אֵיין גְלִיד, נֵייעֶרְט פִילֶע. 15 וֶוען דֶער
פוּס זָאל זָאגֶען, ווייל אִיךְ בִּין נִיט דִיא הַאנְד, אַזוֹי בִּין אִיךְ נִיט פוּן דֶעם
לֵייב; נִיט דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז עֶר נִיט פוּן דֶעם לֵייב. 16 און וֶוען דָאס אויעֶר
זָאל זָאגֶען, ווייל אִיךְ בִּין נִיט דָאס אויג, אַזוֹי בִּין אִיךְ נִיט פוּן דֶעם לֵייב;
נִיט דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז עֶס נִיט פוּן דֶעם לֵייב. 17 וֶוען דֶער גַאנְצֶע לֵייב זָאל
זַיין אֵיין אויג, וְואוּ וֶועט זַיין דָאס גֶעהֶער? וֶוען דָאס גַאנְצֶע זָאל זַיין גֶעהֶער,
וְואוּ וֶועט זַיין דָאס שְׁמֶעקֶען? 18 אָבֶּער אַצוּנְד הָאט גָאט דִיא גְלִידֶער גֶעזֶעצְט
אִיטְלִיכֶעס אִים לֵייב, אַזוֹי וִויא עֶר הָאט גֶעוָואלְט. 19 און וֶוען אַלֶע זָאלֶען זַיין
אֵיין גְלִיד, וְואוּ וֶועט זַיין דֶער לֵייב? 20 אָבֶּער אַצוּנְד זֶענֶען דָא פִילֶע גְלִידֶער,
און דָאךְ אֵיין לֵייב. 21 און דָאס אויג קֶען נִיט זָאגֶען צוּ דֶער הַאנְד, אִיךְ
בֶּעדַארְף דִיךְ נִיט; אָדֶער וִוידֶער דֶער קָאפּ צוּ דִיא פִּיס, אִיךְ בֶּעדַארְף אֵייךְ
נִיט. 22 נֵייעֶרְט פִיל מֶעהְר דִיא גְלִידֶער פוּן דֶעם לֵייב וָואס מִיר בֶּעטְרַאכְטֶען
אַז דִיא שְׁוַואכְסְטֶען זֶענֶען נֶעטִיג, 23 און דִיא גְלִידֶער פוּן דֶעם לֵייב וָואס מִיר
בֶּעטְרַאכְטֶען אַז מִיאוּסֶע, צוּ דִיא טְהוּן מִיר מֶעהְר כָּבוֹד אָן, און דִיא וָואס
זֶענֶען נִיט אַנְשְׁטֶענְדִיג, דִיא זֶענֶען מֶעהְר אַנְשְׁטֶענְדִיג גֶעהַאלְטֶען; 24 אָבֶּער
אוּנְזֶערֶע אַנְשְׁטֶענְדִיגֶע גְלִידֶער בֶּעדַארְפֶען עֶס נִיט. אָבֶּער גָאט הָאט דֶעם
לֵייב צוּזַאמֶענְגֶעהֶעפְט, און הָאט גֶעגֶעבֶּען צוּ דֶעם טְהֵייל וָואס הָאט אַ חִסָרוֹן
מֶעהְר כָּבוֹד. 25 כְּדֵי עֶס זָאל נִיט זַיין קֵיינֶע מַחֲלוֹקֶת אִים לֵייב, נֵייעֶרְט דִיא
גְלִידֶער זָאלֶען אֵיינְס פַאר דֶעם אַנְדֶערֶען גְלֵייךְ זָארְגֶען. 26 און וֶוען אֵיין גְלִיד
לֵיידֶעט, אַזוֹי לֵיידֶען אַלֶע גְלִידֶער דֶערְמִיט; וֶוען אַ גְלִיד אִיז גֶעעֶהְרְט, אַזוֹי
פְרֵייעֶן זִיךְ אַלֶע גְלִידֶער צוּזַאמֶען. 27 און אִיהְר זֶענְט דֶער לֵייב פוּן מָשִׁיחַ,
און גְלִידֶער יֶעדֶער נָאךְ זַיין טְהֵייל.

28 און גָאט הָאט עֶטְלִיכֶע אִין דֶער קְהִלָה אֵיינְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶרְשְׁטֶענְס אַפָּאסְ-
טֶעל, צְווֵייטֶענְס נְבִיאִים, דְרִיטֶענְס לֶעהְרֶער, דֶערְנָאךְ גְבוּרוֹת, דֶערְנָאךְ מַתָּנוֹת
פוּן רְפוּאוֹת, הֶעלְפֶער, רֶעגִירוּנְגֶען, פֶערְשִׁידֶענֶע אַרְט פוּן לְשׁוֹנוֹת. 29 זֶענֶען
אַלֶע אַפָּאסְטֶעל? זֶענֶען אַלֶע נְבִיאִים? זֶענֶען אַלֶע לֶעהְרֶער? זֶענֶען אַלֶע
גְבוּרוֹת? 30 הָאבֶּען אַלֶע מַתָּנוֹת פוּן רְפוּאוֹת? רֶעדֶען אַלֶע לְשׁוֹנוֹת? זֶענֶען
אַלֶע פֶערְטֵייטְשֶׁער פוּן לְשׁוֹנוֹת? 31 אָבֶּער בֶּעגֶעהְרְט אִיהְר שְׁטַארְק דִיא גְרוֹי-
סֶערֶע מַתָּנוֹת. און נָאךְ אַ בֶּעסֶערֶען וֶועג וֵוייז אִיךְ אֵייךְ.

יג 1 וֶוען אִיךְ רֶעד מִיט לְשׁוֹנוֹת פוּן מֶענְשֶׁען און פוּן מַלְאָכִים און הָאבּ נִיט
קֵיינֶע לִיבֶּע, אַזוֹי בִּין אִיךְ וִויא שַׁאלֶענְדִיגֶעס קוּפֶּער אָדֶער אַ קְלִינְגֶענְדֶער צִימְבֶּעל.
2 און וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיא מַתָּנָה פוּן נְבוּאוֹת, און וֵוייס אַלֶע סוֹדוֹת און אַלֶע
דֶערְקֶענְטְנִיס, און וֶוען אִיךְ הָאבּ אַלֶען גְלוֹיבֶּען אַפִּילוּ בֶּערְג אַוֶועקְצוּרִיקֶען,
און הָאבּ נִיט קֵיינֶע לִיבֶּע, אַזוֹי בִּין אִיךְ גָאר נִיט. 3 און וֶוען אִיךְ צוּטְהֵייל מֵיין
גַאנְצֶעס פֶערְמֶעגֶען, און וֶוען אִיךְ גִיבּ מֵיין לֵייב אַז עֶר זָאל פֶערְבְּרֶענְט וֶוערֶען,
און הָאבּ נִיט קֵיינֶע לִיבֶּע, אַזוֹי נוּצְט עֶס מִיר גָאר נִיט. 4 דִיא לִיבֶּע אִיז גֶעדוּ-
לְדִיג, דִיא לִיבֶּע אִיז גִיטִיג, דִיא לִיבֶּע אִיז נִיט מְקַנֵא, דִיא לִיבֶּע בַּארִיהְמְט

זִיךְ נִיט און אִיז נִיט אויפְגֶעבְּלָאזֶען, 5 זִיא אִיז נִיט אוּנְאַנְשְׁטֶענְדִיג, זִיא זוּכְט
נִיט אִיהְר אֵייגֶענֶעס, וֶוערְט נִיט אִין כַּעַס, זִיא טְרַאכְט נִיט פוּן אִיבֶּעל, 6 זִיא
פְרֵייעֶט זִיךְ נִיט אִין אוּנְרֶעכְט, אָבֶּער זִיא פְרֵייעֶט זִיךְ מִיט דֶער וָואהְרְהֵייט;
7 זִיא דֶערְטְרָאגְט אַלֶעס, גְלוֹיבְּט אַלֶעס, הָאפְט אויף אַלֶעס, אִיז גֶעדוּלְדִיג אִין
אַלֶעס. 8 דִיא לִיבֶּע פֶעהְלְט קֵיין מָאל; אָבֶּער אוֹיבּ עֶס זֶענֶען נְבוּאוֹת וֶועלֶען
זֵייא אָפְּגֶעטְהוּן וֶוערֶען, אָדֶער לְשׁוֹנוֹת וֶועלֶען זֵייא אויפְהֶערֶען, אָדֶער דֶער־
קֶענְטְנִים וֶועט זִיא אָפְּגֶעטְהוּן וֶוערֶען. 9 וָוארִין מִיר וִויסֶען צוּם טְהֵייל און
זָאגֶען נְבוּאוֹת צוּם טְהֵייל; 10 אָבֶּער וֶוען דָאס פָאלְקָאמֶענֶע וֶועט קוּמֶען, וֶועט
דָאס וָואס אִיז צוּם טְהֵייל אָפְּגֶעטְהוּן וֶוערֶען. 11 וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ
קִינְד, הָאבּ אִיךְ וִויא אַ קִינְד גֶערֶעט, וִויא אַ קִינְד פֶערְשְׁטַאנֶען, וִויא אַ
קִינְד גֶעדֶענְקְט; וֶוען אִיךְ בִּין אַ מַאן גֶעוָוארֶען, הָאבּ אִיךְ דִיא זַאכֶען פוּן דֶעם
קִינְד אַוֶועקְגֶעלֶעגְט. 12 וָוארִין אַצוּנְד זֶעהֶען מִיר דוּרְךְ אַ שְׁפִּיגֶעל וִויא אִין אַ
רֶעטְזֶעל, דָאךְ דַאן וֶועלֶען מִיר זֶעהֶען פָּנִים לְפָנִים; אַצוּנְד וֵייס אִיךְ צוּם
טְהֵייל, דָאךְ דַאן וֶועל אִיךְ דֶערְקֶענֶען גְלֵייךְ וִויא אִיךְ בִּין אויךְ דֶערְקֶענְט.
13 אָבֶּער אַצוּנְד בְּלֵייבֶּען דִיזֶע דְרֵייא, גְלוֹיבֶּען הָאפְנוּנְג און לִיבֶּע; אָבֶּער גְרֶע־
סֶער וִויא דִיזֶע אִיז דִיא לִיבֶּע.

יד 1 פָאלְגְט נָאךְ דֶער לִיבֶּע, דָאךְ בֶּעגֶעהְרְט שְׁטַארְק גֵייסְטְלִיכֶע מַתָּנוֹת
אָבֶּער נָאךְ מֶעהְר אַז אִיהְר זָאלְט נְבוּאוֹת זָאגֶען. 2 וָוארִין דֶער וָואס רֶעט אִין
אַ לָשׁוֹן, רֶעט נִיט צוּ מֶענְשֶׁען נֵייעֶרְט צוּ גָאט; וָוארִין קֵיינֶער הֶערְט עֶס,
אָבֶּער אִים גֵייסְט רֶעט עֶר סוֹדוֹת. 3 אָבֶּער דֶער וָואס זָאגְט נְבוּאוֹת, רֶעט צוּ
מֶענְשֶׁען צוּ זֵייעֶרֶע בֶּעסֶערוּנְג און וָוארְנוּנְג און טְרֵייסְט. 4 דֶער וָואס רֶעט אִין
אַ לָשׁוֹן בֶּעסֶערְט זִיךְ זֶעלְבְּסְט, אָבֶּער דֶער וָואס זָאגְט נְבוּאוֹת בֶּעסֶערְט דִיא
קְהִלָּה. 5 אִיךְ וִויל אַז אִיהְר זָאלְט אַלֶע רֶעדֶען לְשׁוֹנוֹת, אָבֶּער לִיבֶּער אַז אִיהְר
זָאלְט נְבוּאוֹת זָאגֶען; און דֶער וָואס זָאגְט נְבוּאוֹת אִיז גְרֶעסֶער וִויא דֶער וָואס
רֶעט לְשׁוֹנוֹת, סֵיידֶען וֶוען אֵיינֶער וֶועט אויסְלֶעגֶען, כְּדֵי דִיא קְהִלָּה זָאל זִיךְ
בֶּעסֶערְן. 6 און אַצוּנְד, בְּרִידֶער, וֶוען אִיךְ זָאל צוּ אֵייךְ קוּמֶען און זָאל לְשׁוֹנוֹת
רֶעדֶען וָואס וֶועל אִיךְ אֵייךְ נוּצֶען, סֵיידֶען אִיךְ וֶועל צוּ אֵייךְ רֶעדֶען עֶנְטְוֶועדֶער
אִין אַנְטְפְּלֶעקוּנְג, אָדֶער אִין דֶערְקֶענְטְנִים, אָדֶער אִין נְבוּאוֹת, אָדֶער אִין
לֶעהְרֶע? 7 אַפִּילוּ אויךְ דִיא זַאכֶען אָהְן לֶעבֶּען וֶוען זֵייא גֶעבֶּען אַרוֹיס אַ קוֹל,
אויךְ אַ פֵייף אָדֶער אַ הַארְפֶּע, וֶוען זֵייא מַאכֶען נִיט קֵיין אוּנְטֶערְשִׁיד אִין
דִיא קוֹלוֹת, וִויא אַזוֹי וֶועט מֶען וִויסֶען וָואס זֵייא פֵייפֶען אָדֶער שְׁפִּילֶען?
8 וָוארִין וֶוען אויךְ אַ טְרָאמְפֶּעט זָאל אַ קוֹל נִיט קְלָאר גֶעבֶּען, וֶוער וֶועט זִיךְ
פָארְבְּרֵייטֶען צוּ דֶער מִלְחָמָה? 9 אַזוֹי אִיהְר אויךְ וֶוען אִיהְר גִיבְּט נִיט קֵיינֶע
פֶערְשְׁטֶענְדִיגֶע רֶעד דוּרְךְ דֶעם לָשׁוֹן, וִויא אַזוֹי זָאל מֶען וִויסֶען וָואס אִיז
גֶעשְׁפְּרָאכֶען? וָוארִין אִיהְר וֶועט צוּם וִוינְד רֶעדֶען. 10 עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען
אַלֶערְלֵייא מִינִים פוּן קוֹלוֹת אִין דֶער וֶועלְט, און קֵיינֶער אִיז אָהְן אַ קוֹל;
11 דְרוּם וֶוען אִיךְ וֵייס נִיט דִיא קְרַאפְט פוּן דֶעם קוֹל, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זֵיין אַ
פְרֶעמְדֶער צוּ דֶעם וָואס רֶעט, און דֶער וָואס רֶעט וֶועט זֵיין אַ פְרֶעמְדֶער צוּ

מִיר. 12 אַזוֹי אוֹיךְ אִיהְר, ווייל אִיהְר בֶּעגֶעהְרְט גֵייסְטְלִיכֶע מַתָּנוֹת, זוּכְט אַז
אִיהְר זָאלְט נָאךְ מֶעהְר בֶּעקוּמֶען צוּ דֶער פֶערְבֶּעסֶערוּנְג פוּן דֶער קְהִלָּה.
13 דְרוּם דֶער וָואס רֶעט אִין אַ לָשׁוֹן, לָאז עֶר בֶּעטֶען עֶר זָאל זַיין אֵיין
אוֹיסְלֶעגֶער. 14 וָוארִין וֶוען אִיךְ בֶּעט אִין אַ לָשׁוֹן, בֶּעט מֵיין גֵייסְט,
אָבֶּער מֵיין פֶערְשְׁטַאנְד בְּלֵייבְּט אָהְן פְרוּכְט. 15 וָואס אִיז עֶס דֶען? אִיךְ וֶועל
בֶּעטֶען מִיט דֶעם גֵייסְט, אוּן אִיךְ וֶועל בֶּעטֶען מִיט דֶעם פֶערְשְׁטַאנְד; אִיךְ
וֶועל לוֹיבּ זִינְגֶען מִיט דֶעם גֵייסְט, אוּן אִיךְ וֶועל לוֹיבּ זִינְגֶען מִיט דֶעם פֶער־
שְׁטַאנְד. 16 וָוארִין וֶוען דוּא מַאכְסְט בְּרָכָה מִיט דֶעם גֵייסְט, ווִיא אַזוֹי זָאל
דֶער וָואס שְׁטֶעהְט אִים אָרְט פוּן דֶעם אוּנְגֶעלֶעהְרְטֶען צוּ דֵיינֶע בְּרָכָה זָאגֶען
אָמֵן? וָוארִין עֶר ווייסְט נִיט וָואס דוּא זָאגְסְט. 17 וָוארִין דוּא מַאכְסְט אַוַדַאי
שֶׁעהְן אַ בְּרָכָה, אָבֶּער דֶער אַנְדֶערֶער אִיז נִיט גֶעבֶּעסֶערְט. 18 אִיךְ דַאנְק גָאט
אַז אִיךְ רֶעד לְשׁוֹנוֹת מֶעהְר ווִיא אִיהְר אַלֶע; 19 אָבֶּער אִין דֶער פֶערְזַאמְלוּנְג
וויל אִיךְ לִיבֶּער רֶעדֶען פִינְף וֶוערְטֶער מִיט מֵיין פֶערְשְׁטַאנְד, כְּדֵי אִיךְ זָאל
אַנְדֶערֶע אוֹיךְ לֶעהְרֶען, אֵיידֶער צֶעהְן טוֹיזֶענְד וֶוערְטֶער מִיט אַ לָשׁוֹן.
20 בְּרִידֶער, זַייט נִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין פֶערְשְׁטַאנְד, נֵייעֶרְט זַייט קִינְדֶער אִין
שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט, אָבֶּער אִין פֶערְשְׁטַאנְד זַייט פָאלְקָאמֶען. 21 עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִי־
בֶּען אִין דֶער תּוֹרָה, אִין אַנְדֶערֶע לְשׁוֹנוֹת אוּן מִיט דִיא לֶעפְצֶען פוּן אַנְדֶערֶע
וֶועל אִיךְ רֶעדֶען צוּ דִיזֶעם פָאלְק, אוּן אַפִילוּ אַזוֹי וֶועלֶען זַייא מִיךְ נִיט צוּהֶער־
רֶען, זָאגְט דֶער הַאר. 22 אַזוֹי דֶען לְשׁוֹנוֹת זֶענֶען פַאר אַ צֵייכֶען נִיט צוּ דִיא
וָואס גְלוֹיבֶּען, נֵייעֶרְט צוּ דִיא אוּנְגְלוֹיבִּיגֶע; אָבֶּער דָאס נְבוּאוֹת זָאגֶען אִיז אַ
צֵייכֶען נִיט צוּ דִיא אוּנְגְלוֹיבִּיגֶע, נֵייעֶרְט צוּ דִיא וָואס גְלוֹיבֶּען.
23 דְרוּם וֶוען דִיא גַאנְצֶע קְהִלָּה קוּמְט צוּזַאמֶען אוֹיף אֵיין אָרְט, אוּן אַלֶע
רֶעדֶען מִיט לְשׁוֹנוֹת, אוּן עֶס קוּמֶען אַרֵיין אוּנְגֶעלֶעהְרְטֶע אָדֶער אוּנְ־
גְלוֹיבִּיגֶע מֶענְשֶׁען, וֶועלֶען זַייא נִיט זָאגֶען אַז אִיהְר זֶענְט מְשׁוּגָע? 24 אָבֶּער
וֶוען אַלֶע זָאגֶען נְבוּאוֹת אוּן אֵיין אוּנְגְלוֹיבִּיגֶער אָדֶער אוּנְגֶעלֶעהְרְטֶער קוּמְט
אַרֵיין, אַזוֹי אִיז עֶר פוּן אַלֶע אִיבֶּערְצֵייגְט, אוּן פוּן אַלֶע גֶערִיכְטֶעט, 25 אוּן
דִיא פֶערְבָּארְגֶענֶע זַאכֶען פוּן זַיין הַארְץ זֶענֶען אַנְטְפְּלֶעקְט; אוּן אַזוֹי וֶועט
עֶר אוֹיף זַיין פָּנִים פַאלֶען אוּן וֶועט גָאט אַנְבֶּעטֶען, אוּן וֶועט דֶערְצֶעהְלֶען
אַז גָאט אִיז אַוַדַאי צְווִישֶׁען אֵייךְ.
26 וָואס אִיז עֶס דֶען, בְּרִידֶער? וֶוען אִיהְר קוּמְט צוּזַאמֶען הָאט אִיטְלִיכֶער
אַ מִזְמוֹר, הָאט אַ לֶעהְרֶע, הָאט אֵיין אַנְטְפְּלֶעקוּנְג, הָאט אַ לָשׁוֹן, הָאט
אֵיין אוֹיסְלֶעגוּנְג; לָאז אַלֶעס צוּ פֶערְבֶּעסֶערוּנְג גֶעשֶׁעהֶען. 27 וֶוען אֵיינֶער
רֶעט מִיט אַ לָשׁוֹן, לָאז עֶס זַיין צְווייא אָדֶער צוּם מֵייסְטֶען דְרֵייא, אוּן אֵיינֶער
נָאךְ דֶעם אַנְדֶערֶען, אוּן לָאז אֵיינֶער אוֹיסְלֶעגֶען. 28 אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז נִיט
דָא קֵיין אוֹיסְלֶעגֶער, לָאז עֶר שְׁטִיל שְׁווייגֶען אִין דֶער קְהִלָּה, אוּן לָאז עֶר
רֶעדֶען צוּ זִיךְ אַלֵיין אוּן צוּ גָאט. 29 אוּן לָאזֶען דִיא נְבִיאִים רֶעדֶען צְווייא
אָדֶער דְרֵייא, אוּן לָאזֶען דִיא אַנְדֶערֶע רִיכְטֶען; 30 אוּן וֶוען עֶס וֶועט עֶפֶּעס

21 ישעיה כח׳ יא׳, יב׳.

אנטפלעקט ווערען צו איין אנדערען וואס זיצט דערביא, לאז דער ערשטער
שטיל שווייגען. 31 ווארין איהר קענט אלע נבואות זאגען איינער נאך דעם
אנדערען, כדי אלע זאלען לערנען און אלע זאלען געטרייסט ווערען. 32 און
דיא גייסטער פון דיא נביאים זענען אונטערטעניג צו דיא נביאים; 33 ווארין
גאט איז ניט פון געטומעל, נייערט פון פרידען.

אזוי וויא אין אלע פערזאמלונגען פון דיא הייליגע 34 לאזען אייערע
פרויען אין דיא פערזאמלונגען שטיל שווייגען; ווארין זייא זאלען ניט רעדען,
נייערט אונטערטעניג זיין, אזוי וויא דיא תורה אויך זאגט. 35 אבער ווען זייא
ווילען עפעס לערנען, לאזען זייא אין דער היים זייערע אייגענע מענער
פרעגען; ווארין עס איז א בושה פאר א פרויא צו רעדען אין דער פערזאמ-
לונג. 36 איז דען דאס ווארט פון גאט פון אייך ארויסגעגאנגען, אדער איז
עס נור צו אייך אליין געקומען? 37 ווען איינער דענקט זיך אז ער איז א
נביא אדער א בעגייסטעטער, לאז ער דערקענען אז דאס וואס איך שרייב
צו אייך איז א געבאט פון דעם האר'ן; 38 אבער ווען איטער איז אונוויסענד,
לאז ער אונוויסענד זיין. 39 דרום מיינע ברידער, בעגעהרט שטארק נבואות
צו זאגען, און פערוועהרט ניט צו רעדען מיט לשונות. 40 לאז אלעס אנ-
שטענדיג און ארדענטליך געטהון ווערען.

טו 1 נון לאז איך אייך וויסען, ברידער, דיא בשורה טובה וואס איך האב צו
אייך געפרעדיגט, וועלכע איהר האט אויך דערהאלטען, אין וועלכער אויך איהר
שטעהט, 2 דורך וועלכע איהר ווערט אויך גערעטעט ווען איהר האלט פעסט
דאס ווארט מיט וועלכעם איך האב צו אייך געפרעדיגט, סיידען איהר האט
אומזוסט געגלויבט. 3 ווארין איך האב צו אייך צוערשט דאס איבערגעגעבען,
וואס איך האב אויך דערהאלטען, אז משיח איז געשטארבען וועגען אונזערע
זינד נאך דיא שריפטען, 4 און אז ער איז בעגראבען געווארען, און דעם
דריטען טאג איז אויפגעשטאנען נאך דיא שריפטען; 5 און אז ער האט זיך
בעוויזען צו כיפא דערנאך צו דיא צוועלף; 6 דערנאך האט ער זיך בעוויזען
צו מעהר וויא פינף הונדערט ברידער אויף אמאל, פון וועלכע דיא
מייסטע בלייבען ביז אצונד, אבער עטליכע זענען איינגעשלאפען; 7 דערנאך
האט ער זיך צו יעקב בעוויזען, דערנאך צו אלע אפאסטעל; 8 און צולעצט
האט ער זיך צו מיר אויך בעוויזען, אזוי וויא צום אונצייטיגען קינד. 9 ווארום
איך בין דער קליינסטער צווישען דיא אפאסטעל, וואס איך בין ניט ווערט איין
אפאסטעל גערופען צו ווערען, ווייל איך האב דיא קהלה פון גאט פערפאלגט.
10 אבער דורך דער גנאד פון גאט בין איך וואס איך בין, און זיינע גנאד
קעגען מיר איז ניט אומזוסט געווארען, נייערט איך האב מעהר וויא זייא
אלע געארבייט, אבער ניט איך, נייערט דיא גנאד פון גאט וואס איז מיט
מיר. 11 דרום ווען איך בין עס אדער זייא, אזוי פרעדיגען מיר, און אזוי
האט איהר געגלויבט.

12 אבער ווען משיח איז געפרעדיגט, אז ער איז אויפגעשטאנען פון דיא

טויטֶע, וִויא אַזוֹי זָאגֶען עֶטלִיכֶע פוּן אֵייךְ אַז עֶס אִיז נִיט פַאַרְהַאנֶען קֵיין
תְּחִיַּת הַמֵּתִים? 13 אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז נִיט פַאַרְהַאנֶען קֵיין תְּחִיַּת הַמֵּתִים,
אַזוֹי אִיז מָשִׁיחַ אוֹיךְ נִיט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען. 14 אוּן וֶוען מָשִׁיחַ אִיז נִיט אוֹיפְגֶע־
שְׁטַאנֶען אַזוֹי אִיז אוּנְזֶער פְּרֶעדִיגֶען אוּמְזוּסְט, אוּן אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען אִיז אוֹיךְ
אוּמְזוּסְט. 15 אוּן מִיר זֶענֶען אוֹיךְ אַלְס פַאלְשֶׁע עֵדוּת פוּן גָאט גֶעפִינֶען, ווייל
מִיר הָאבֶּען עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיף גָאט אַז עֶר הָאט דֶעם מָשִׁיחַ אוֹיפְגֶעוֶועקְט,
וֶועלְכֶען עֶר הָאט נִיט אוֹיפְגֶעוֶועקְט, וֶוען דִיא טוֹיטֶע שְׁטֶעהֶען נִיט אוֹיף.
16 וָוארִין וֶוען דִיא טוֹיטֶע שְׁטֶעהֶען נִיט אוֹיף, אַזוֹי אִיז מָשִׁיחַ אוֹיךְ נִיט אוֹיפְ־
גֶעשְׁטַאנֶען; 17 אוּן וֶוען מָשִׁיחַ אִיז נִיט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אַזוֹי אִיז אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען
אֵייטֶעל, אִיהְר זֶענְט נָאךְ אִין אֵייעֶרֶע זִינְד. 18 אַזוֹי דֶען אוֹיךְ דִיא וָואס זֶענֶען
אֵיינְגֶעשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען אִין מָשִׁיחַ זֶענֶען פֶערְלוֹירֶען גֶעוָוארֶען. 19 וֶוען נוּר
אִין דִיזֶעם לֶעבֶּען הָאבֶּען מִיר אִין מָשִׁיחַ גֶעהָאפְט, זֶענֶען מִיר עֶלֶענְדֶער וִויא
אַלֶע מֶענְשֶׁען.

20 נוּן אָבֶּער אִיז מָשִׁיחַ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן דִיא טוֹיטֶע אַלְס דִיא עֶרְשְׁטֶע
פְּרוּכְט פוּן דִיא וָואס זֶענֶען אֵיינְגֶעשְׁלָאפֶען. 21 וָוארִין וֶוען דוּרְךְ אַ מֶענְשֶׁען
אִיז דֶער טוֹיט, אַזוֹי דוּרְךְ אַ מֶענְשֶׁען אִיז דִיא אוֹיפֶערְשְׁטֶעהוּנְג פוּן דִיא
טוֹיטֶע. 22 וָוארִין גְלֵייךְ וִויא אִין אָדָם אַלֶע שְׁטַארְבֶּען, אַזוֹי וֶועלֶען אַלֶע
אִין מָשִׁיחַ לֶעבֶּעדִיג וֶוערֶען. 23 אָבֶּער אִיטְלִיכֶער אִין זַיינֶע אָרְדְנוּנְג; מָשִׁיחַ
אִיז דִיא עֶרְשְׁטֶע פְּרוּכְט, דֶערְנָאךְ דִיא וָואס גֶעהֶערֶען צוּם מָשִׁיחַ וֶוען עֶר וֶועט
קוּמֶען; 24 דֶערְנָאךְ דֶער סוֹף, וֶוען עֶר וֶועט דָאס קֶענִיגְרַייךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּען צוּ
גָאט דֶעם פָאטֶער, וֶוען עֶר וֶועט אַלֶע הֶערְשַׁאפְט אוּן אַלֶע גֶעוֶועלְטִיגְקַייט אוּן
מַאכְט צוּשְׁטֶערֶען. 25 וָוארִין עֶר מוּז הֶערְשֶׁען בִּיז עֶר וֶועט לֶעגֶען אַלֶע
פֵיינְד אוּנְטֶער זַיינֶע פִיס. 26 דֶער לֶעצְטֶע פֵיינְד וָואס וֶועט צוּשְׁטֶערְט וֶוערֶען
אִיז דֶער טוֹיט. 27 וָוארִין עֶר הָאט אַלֶעס אוּנְטֶער זַיינֶע פִיס אוּנְטֶערְטֶענִיג
גֶעמַאכְט; אָבֶּער וֶוען עֶר זָאגְט אַז אַלֶעס אִיז צוּ אִיהְם אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶעמַאכְט,
אַזוֹי אִיז עֶס קְלָאר אַז דֶער אִיז אוֹיסְגֶענוּמֶען וֶועלְכֶער הָאט אַלֶעס צוּ אִיהְם
אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶעמַאכְט. 28 אוּן וֶוען אַלֶעס אִיז צוּ אִיהְם אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶע־
מַאכְט, דַאן וֶועט דֶער זוּהְן אַלֵיין אוֹיךְ אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶעמַאכְט וֶוערֶען צוּ
דֶעם וֶועלְכֶער הָאט אַלֶעס צוּ אִיהְם אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶעמַאכְט, כְּדֵי גָאט זָאל זַיין
אַלֶעס אִין אַלֶעם.

29 וֶוען נִיט, וָואס וֶועלֶען דִיא טְהוּן וָואס זֶענֶען פַאר דִיא טוֹיטֶע גֶעטוּבֶלְט?
וֶוען דִיא טוֹיטֶע זָאלֶען דוּרְכְאוֹיס נִיט אוֹיפְשְׁטֶעהֶען, וָוארוּם זֶענֶען זַייא גֶעטוּבֶלְט
פַאר דִיא טוֹיטֶע? 30 וָוארוּם אוֹיךְ זֶענֶען מִיר אַלֶע שָׁעָה אִין אַ סַכָּנָה? 31 אַזוֹי
וָואהְר וִויא בַּייא דֶעם רִיהְמֶען פוּן אֵייךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ
אוּנְזֶערֶעם הַאר'ן, אִיךְ שְׁטַארְבּ טֶעגְלִיךְ. 32 וֶוען אוֹיף מֶענְשְׁלִיכֶער מִדָּה הָאבּ
אִיךְ גֶעפָאכְטֶען מִיט ווִילְדֶע חַיּוֹת אִין עֶפֶעזוּס, וָואס נוּצְט עֶס מִיר? וֶוען
דִיא טוֹיטֶע שְׁטֶעהֶען נִיט אוֹיף, לָאזֶען מִיר עֶסֶען אוּן טְרִינְקֶען וָוארִין מָארְגֶען

32 ישעיה כב׳ יג׳.

שְׁטַארְבֶּען מִיר. 33 לָאזְט אֵייךְ נִיט זֶעלְבְּסְט פֶּערְפִיהְרֶען; שְׁלֶעכְטֶע אוּמְגֶעגְג פֶּערְדַארְבֶּען גוּטֶע מִנְהָגִים. 34 וֶוערְט נִיכְטֶערְן צוּ גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, אוּן זִינְדִיגְט נִיט; וָוארִין עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען נִיט דֶערְקֶענְטְנִים פוּן גָאט; אִיךְ זָאג דָאס צוּ אֵייעֶרֶע שַׁאנְד.

35 אָבֶּער אֵיימִיצֶער וֶועט זָאגֶען, וִויא אַזוֹי שְׁטֶעהֶען אוֹיף דִיא טוֹיטֶע? אוּן מִיט וָואסְפַאר לֵייבֶּער קוּמֶען זֵייא? 36 דוּא נַאר, וָואס דוּא זֵייעֶסְט דָאס וֶוערְט נִיט לֶעבֶּענְדִיג אוֹיסֶער עֶס שְׁטַארְבְּט; 37 אוּן דָאס וָואס דוּא זֵייעֶסְט, זֵייעֶסְט דוּא נִיט דֶעם לֵייבּ וָואס וֶועט זַיין, נֵייעֶרְט בְּלוֹיסֶען זָאמֶען, זֵייא עֶס ווייץ זֵייא עֶס עֶפֶּעס אַנְדֶערֶעס. 38 אָבֶּער גָאט גִיבְּט אִיהְם אַ לֵייבּ נָאךְ זַיין ווִילֶען, אוּן צוּ אִיטְלִיכֶעס פוּן דִיא זָאמֶען זַיין אֵייגֶענֶען לֵייבּ. 39 נִיט אַלֶעס פְלֵייש אִיז דָאס זֶעלְבִּיגֶע פְלֵייש, נֵייעֶרְט אֵיינְס אִיז דָאס פְלֵייש פוּן מֶענְשֶׁען, אוּן אֵיין אַנְדֶערֶעס פְלֵייש פוּן בְּהֵמוֹת, אוּן אֵיין אַנְדֶערֶעס פוּן פֵייגֶעל, אוּן אֵיין אַנְדֶערֶעס פוּן פִישׁ. 40 אוּן עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען הִימְלִישֶׁע לֵייבֶּער אוּן עֶרְדִישֶׁע לֵייבֶּער; אָבֶּער דִיא הִימְלִישֶׁע הָאבֶּען אֵיין אַנְדֶערֶע הֶערְלִיכְקֵייט, אוּן דִיא עֶרְדִישֶׁע אֵיין אַנְדֶערֶע הֶערְלִיכְקֵייט. 41 עֶס אִיז אֵיין אַנְדֶערֶע הֶערְלִיכְקֵייט צוּ דֶער זוּן, אוּן אֵיין אַנְדֶערֶע הֶערְלִיכְקֵייט צוּ דֶער לְבָנָה, אוּן אֵיין אַנְדֶערֶע הֶערְלִיכְקֵייט צוּ דִיא שְׁטֶערֶען; וָוארִין אַ שְׁטֶערְן אוּנְטֶערְשֵׁיידֶעט זִיךְ פוּן אֵיין אַנְדֶערֶען שְׁטֶערְן אִין הֶערְלִיכְקֵייט. 42 אַזוֹי אִיז אוֹיךְ תְּחִיַת הַמֵתִים. עֶס אִיז גֶעזֵייעֶט אִין פֶערְדָארְבֶּענְהֵייט, עֶס שְׁטֶעהְט אוֹיף אִין אוּנְפֶערְדָארְבֶּענְהֵייט; 43 עֶס אִיז גֶעזֵייעֶט אִין שַׁאנְד, עֶס שְׁטֶעהְט אוֹיף אִין הֶערְלִיכְקֵייט; עֶס אִיז גֶעזֵייעֶט אִין שְׁוַואכְהֵייט, עֶס שְׁטֶעהְט אוֹיף מִיט מַאכְט; 44 עֶס אִיז גֶעזֵייעֶט אַ נַאטִירְלִיכֶער לֵייבּ, עֶס שְׁטֶעהְט אוֹיף אַ גֵייסְטְלִיכֶער לֵייבּ. וֶוען עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אַ נַאטוּרְלִיכֶער לֵייבּ, אִיז עֶס אוֹיךְ פַארְהַאנֶען אַ גֵייסְטְלִיכֶער לֵייבּ. 45 אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֶעהְט אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבֶּען, דֶער עֶרְשְׁטֶע מֶענְשׁ אָדָם אִיז אַ לֶעבֶּענְדִיגֶע זֶעלֶע גֶעוָוארֶען, דֶער לֶעצְטֶע אָדָם אִיז אַ בֶּעלֶעבֶּענְדֶער גֵייסְט. 46 אָבֶּער דָאס גֵייסְטְלִיכֶע אִיז נִיט דָאס עֶרְשְׁטֶע נֵייעֶרְט דָאס נַאטִירְלִיכֶע, דֶערְנָאךְ דָאס גֵייסְטְלִיכֶע. 47 דֶער עֶרְשְׁטֶע מֶענְשׁ אִיז פוּן דֶער עֶרְד אוּן אִיז עֶרְדִישׁ, דֶער צְווייטֶע מֶענְשׁ אִיז דֶער הַאר פוּן דֶעם הִימֶעל. 48 אַזוֹי ווִיא דֶער עֶרְדִישֶׁער אַזֶעלְכֶע זֶענֶען אוֹיךְ דִיא וָואס זֶענֶען עֶרְדִישֶׁע, אוּן אַזוֹי ווִיא דֶער הִימְלִישֶׁער אַזֶעלְכֶע זֶענֶען אוֹיךְ דִיא וָואס זֶענֶען הִימְלִישֶׁע. 49 אוּן גְלֵייךְ ווִיא מִיר הָאבֶּען דָאס בִּילְד פוּן דֶעם עֶרְדִישֶׁען גֶעטְרָאגֶען, וֶועלֶען מִיר אוֹיךְ דָאס בִּילְד פוּן דֶעם הִימְלִישֶׁען טְרָאגֶען.

50 אָבֶּער דָאס זָאג אִיךְ, בְּרִידֶער, אַז פְלֵייש אוּן בְּלוּט קֶענֶען נִיט יַרְשֶׁענֶען דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט, אוּן יַרְשֶׁעט נִיט אוֹיךְ דִיא פֶערְדָארְבֶּענְהֵייט דָאס אוּנְפֶערְדָארְבֶּענֶע. 51 זֶעה, אִיךְ זָאג אֵייךְ אַ סוֹד, מִיר וֶועלֶען נִיט אַלֶע אֵיינְשְׁלָאפֶען, נוּר וֶועלֶען מִיר אַלֶע פֶערְוֶועקְסֶעלְט וֶוערֶען, 52 פְּלוּצְלִינְג, אִין אֵיין אוֹיגֶענְבְּלִיק, בֵּייא דֶעם לֶעצְטֶען שׁוֹפָר; וָוארִין מֶען וֶועט שׁוֹפָר בְּלָאזֶען, אוּן דִיא טוֹיטֶע וֶועלֶען אוּנְפֶערְדָארְבֶּען אוֹיפְשְׁטֶעהֶען, אוּן מִיר וֶועלֶען פֶערְוֶועקְסֶעלְט

45 בראשית ב׳ ז׳.

װערֶען. [53] װאָרִין דִיזֶעס פֶערְדָארְבֶּענֶע מוּז דִיא אוּנְפֶערְדָארְבֶּענְהַייט אָנְטְהוּן,
אוּן דִיזֶעס שְׁטֶערְבְּלִיכֶע מוּז אָנְטְהוּן דִיא אוּנְשְׁטֶערְבְּלִיכְקַייט. [54] אָבֶּער װֶען
דִיזֶעס פֶערְדָארְבֶּענֶע װֶעט דִיא אוּנְפֶערְדָארְבֶּענְהַייט אָנְטְהוּן, אוּן דִיזֶעס שְׁטֶערְבְּ־
לִיכֶע װֶעט דִיא אוּנְשְׁטֶערְבְּלִיכְקַייט אָנְטְהוּן, דַאן װֶעט גֶעשֶׁעהֶען דָאס װָארְט
װָאס אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען, דֶער טוֹיט אִיז אִים זִיג פֶערְשְׁלוּנְגֶען. [55] אָ טוֹיט, װְאוּ
אִיז דַיין זִיג? אָ טוֹיט, װְאוּ אִיז דַיין שְׁטַאכֶעל? [56] דָאס שְׁטַאכֶעל פוּן דֶעם
טוֹיט אִיז דִיא זִינְד, אוּן דִיא מַאכְט פוּן דֶער זִינְד אִיז דָאס גֶעזֶעץ; [57] אָבֶּער
גָאט זַייא גֶעדַאנְקְט דֶער גִיבְּט אוּנְז דֶעם זִיג דוּרְךְ יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אוּנְזֶערֶעם
הַאר׳ן.
[58] דְרוּם, מַיינֶע גֶעלִיבְּטֶע בְּרִידֶער, זַייט פֶעסְט, אוּנְבֶּעװֶעגְלִיךְ, אוּן מֶעהְרְט
אֵייךְ בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִים װֶערְק פוּן דֶעם הַאר׳ן, װַייל אִיהְר װַייסְט אַז אֵייעֶרֶע
אַרְבֵּייט אִיז נִיט אוּמְזוּסְט אִין דֶעם הַאר׳ן.
טז [1] נוּן װֶעגֶען דִיא נְדָבוֹת װָאס זֶענֶען פַאר דִיא הֵיילִיגֶע גֶעזַאמֶעלְט,
גְלֵייךְ װִיא אִיךְ הָאבּ בֶּעפוֹילֶען צוּ דִיא קְהִלּוֹת פוּן גַאלַאטְיָא, אַזוֹי זָאלְט
אִיהְר אוֹיךְ טְהוּן. [2] אִים עֶרְשְׁטֶען טָאג פוּן דֶער װָאךְ לָאז אִיטְלִיכֶער פוּן
אֵייךְ בֵּייא דֶער זַייט לֶעגֶען, אוּן לָאז עֶר אָפְּשְׁפָּארֶען אַזוֹי װִיא עֶר אִיז מַצְלִיחַ,
כְּדֵי מֶען זָאל נִיט דַאן קֵיינֶע נְדָבוֹת זַאמְלֶען װֶען אִיךְ װֶעל קוּמֶען. [3] אוּן װֶען אִיךְ
װֶעל קוּמֶען, װֶעל אִיךְ מִיט בְּרִיף שִׁיקֶען דִיזֶע װָאס אִיהְר װֶעט אַכְטֶען,
אַז זַייא זָאלֶען אֵייעֶרֶע נְדָבָה בְּרֶענְגֶען קֵיין יְרוּשָׁלַיִם. [4] אוּן װֶען עֶס װֶעט
רֶעכְט זַיין אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ גֶעהֶען, אַזוֹי זָאלֶען זַייא מִיט מִיר גֶעהֶען.
[5] אָבֶּער אִיךְ װֶעל צוּ אֵייךְ קוּמֶען װֶען אִיךְ װֶעל דוּרְךְ מַקְדוֹנְיָא דוּרְכְגֶעהֶען.
װָארִין אִיךְ װֶעל דוּרְךְ מַקְדוֹנְיָא דוּרְכְגֶעהֶען, [6] אוּן אֶפְשַׁר װֶעל אִיךְ בֵּייא אֵייךְ
בְּלֵייבֶּען אָדֶער אוֹיךְ אִיבֶּערְװִינְטֶערְן, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט מִיךְ פָארְטְשִׁיקֶען װִיא
אַהִין אִיךְ װֶעל גֶעהֶען. [7] װָארִין אִיךְ װִיל אֵייךְ אַצוּנְד נִיט אוֹיף דֶעם װֶעג
זֶעהֶען; װָארִין אִיךְ הָאף בֵּייא אֵייךְ פַאר אַ צַייטְלַאנְג צוּ בְּלֵייבֶּען, װֶען דֶער
הַאר װֶעט דֶערְלוֹיבֶּען. [8] אָבֶּער אִיךְ װֶעל בְּלֵייבֶּען אִין עֶפֶעזוּס בִּיז שְׁבוּעוֹת;
[9] װָארִין אַ גְרוֹיסֶע אוּן מֶעכְטִיגֶע טְהִיר אִיז צוּ מִיר אוֹיפְגֶעמַאכְט, אוּן עֶס
זֶענֶען דָא פִילֶע װִידֶערְװֶערְטִיגֶע.
[10] נוּן װֶען טִימוֹתִיוֹס װֶעט קוּמֶען, גִיבְּט אַכְטוּנְג אַז עֶר זָאל מִיט אֵייךְ אָהְן
פָארְכְט זַיין; װָארִין עֶר װִירְקְט דָאס װֶערְק פוּן דֶעם הַאר׳ן אַזוֹי װִיא אוֹיךְ אִיךְ.
[11] דְרוּם לָאז אִיהְם קֵיינֶער נִיט פֶערַאכְטֶען; אָבֶּער שִׁיקְט אִיהְם פָארְט אִין
פְרִידֶען, כְּדֵי עֶר זָאל צוּ מִיר קוּמֶען; װָארִין אִיךְ װַארְט אוֹיף אִיהְם מִיט דִיא
בְּרִידֶער. [12] אָבֶּער װֶעגֶען דֶעם בְּרוּדֶער אַפָּאלָאס, הָאבּ אִיךְ אִיהְם זֶעהְר
גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל צוּ אֵייךְ קוּמֶען מִיט דִיא בְּרִידֶער; אוּן עֶס אִיז גָאר נִיט
גֶעװֶען זַיין װִילֶען אַז עֶר זָאל אַצוּנְד קוּמֶען; אָבֶּער עֶר װֶעט קוּמֶען װֶען עֶר
װֶעט אַ גוּטֶע צַייט הָאבֶּען.
[13] װַאכְט אִיהְר, שְׁטֶעהְט פֶעסְט אִין דֶעם גְלוֹיבֶּען, זַייט מֶענֶער, זַייט

[54] ישעיה כה׳ ח׳. [55] הושע יג׳ יד׳.

שְׁטַארְק. [14] לָאזֶען אַלֶע אֵייעֶרֶע װֶערְק אִין לִיבֶּע גֶעשֶׁעהֶען.
[15] אוּן אִיךְ בֶּעט אֵייךְ, בְּרִידֶער; אִיהְר קֶענְט דָאס הױז פוּן סְטֶעפַאנוּס, אַז
עֶס אִיז דִיא עֶרְשְׁטֶע פְּרוּכְט פוּן אַכַאיָא, אוּן זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבֶּען דִיא
הֵיילִיגֶע צוּ בֶּעדִינֶען; [16] כְּדֵי אִיהְר אוֹיךְ זָאלְט אוּנְטֶערְטֶענִיג זַיין צוּ אַזֶעלְכֶע,
אוּן צוּ אִיטְלִיכֶען װָאס װִירְקְט מִיט אוּנְז אוּן אַרְבֵּייט. [17] אוּן אִיךְ פְרֵייא מִיךְ
אַז סְטֶעפַאנוּס אוּן פָאְרְטוּנַאטוּס אוּן אַכַאיָאקוּס זֶענֶען מִיט אוּנְז, װָארִין דָאס
װָאס פֶעהְלְט מִיר פוּן אֵייךְ הָאבֶּען זֵייא דֶערְפִילְט. [18] װָארִין זֵייא הָאבֶּען מֵיין
גֶעמִיט אוּן אֵייעֶרְס דֶערְפְרִישְׁט; דְרוּם דֶערְקֶענְט אַזֶעלְכֶע.
[19] דִיא קְהִלּוֹת פוּן אַסְיָא גְרִיסֶען אֵייךְ. אַקְוִוילָא אוּן פְּרִיסְקָא גְרִיסֶען אֵייךְ
פִיל אִין דֶעם הַאר'ן, אוּן אוֹיךְ דִיא פֶערְזַאמְלוּנְג װָאס אִיז אִין זֵייעֶר הױז.
[20] אַלֶע בְּרִידֶער גְרִיסֶען אֵייךְ; גְרִיסְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען מִיט אַ הֵיילִיגֶען
קִישׁ. [21] דֶער גְרוּס פוּן מִיר פּוֹלוּס מִיט מֵיינֶע אֵייגֶענֶע הַאנְד.
[22] װֶען אֵיינֶער לִיבְּט נִיט דֶעם הַאר'ן לָאז עֶר זַיין אַ חֵרֶם. מָרָן אֲתָא.
[23] דִיא גְנָאד פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ זֵייא מִיט אֵייךְ. [24] מֵיינֶע לִיבֶּע זֵייא מִיט
אֵייךְ אַלֶע אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. אָמֵן.

דֶער צְװֵייטֶע בְּרִיף פוּן דֶעם
אַפָּאסְטֶעל פּוֹלוּס צוּ דִיא קָארִינְטֶער.

---

[1] פּוֹלוּס אֵיין אַפָּאסְטֶעל פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ דוּרְךְ דֶעם װִילֶען פוּן גָאט, אוּן
טִימוֹתִיוּס דֶער בְּרוּדֶער, צוּ דֶער קְהִלָּה פוּן גָאט װָאס אִיז אִין קָארִינְט מִיט
אַלֶע הֵיילִיגֶע װָאס זֶענֶען אִין גַאנְץ אַכַאיָא; [2] גְנָאד זֵייא מִיט אֵייךְ אוּן פְרִי־
דֶען פוּן גָאט אוּנְזֶערֶען פָאטֶער אוּן פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.
[3] גֶעלוֹיבְּט זֵייא גָאט אוּן דֶער פָאטֶער פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ,
דֶער פָאטֶער פוּן בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייטֶען אוּן גָאט פוּן אַלֶעם טְרֵייסְט, [4] דֶער
טְרֵייסְט אוּנְז אִין אַלֶע אוּנְזֶערֶע צָרוֹת, כְּדֵי מִיר זָאלֶען קֶענֶען טְרֵייסְטֶען דִיא
װָאס זֶענֶען אִין אַלֶערְלֵייא צָרוֹת מִיט דֶעם טְרֵייסְט מִיט דֶעם מִיר אַלֵיין זֶענֶען
פוּן גָאט גֶעטְרֵייסְט גֶעװָארֶען. [5] װָארִין גְלֵייךְ װִיא דִיא לֵיידֶען פוּן דֶעם מָשִׁיחַ
מֶעהְרֶען זִיךְ צוּ אוּנְז, אַזוֹי מֶעהְרְט זִיךְ אוֹיךְ אוּנְזֶער טְרֵייסְט דוּרְךְ דֶעם מָשִׁיחַ.
[6] אוּן װֶען מִיר לֵיידֶען צָרוֹת, אִיז עֶס פַאר אֵייעֶר טְרֵייסְט אוּן יְשׁוּעָה; װֶען מִיר
זֶענֶען גֶעטְרֵייסְט, אִיז עֶס פַאר אֵייעֶר טְרֵייסְט װָאס אִיז מֶעכְטִיג אִין דֶער
גֶעדוּלְד פוּן דִיא זֶעלְבִּיגֶע צָרוֹת װָאס מִיר אוֹיךְ לֵיידֶען. [7] אוּן אוּנְזֶערֶע הָאפְ־
נוּנְג פַאר אֵייךְ אִיז פֶעסְט, װָארִין מִיר װִיסֶען אַז גְלֵייךְ װִיא אִיהְר הָאט אַ
טְהֵייל אִין דִיא לֵיידֶען, אַזוֹי אוֹיךְ אִין דֶעם טְרֵייסְט.

8 וָואָרין מִיר ווִילֶען נִיט אַז אִיהְר זָאלְט נִיט ווִיסֶען, בְּרִידֶער, וֶועגֶען אוּנְזֶערֶע
צָרוֹת וָואס זֶענֶען אִין אַסְיָא גֶעשֶׁעהֶען, אַז מִיר הָאבֶּען אִיבֶּער אוּנְזֶערֶע קְרַאפְט
שְׁוֶוער גֶעלִיטֶען, אַזוֹי אַז מִיר הָאבֶּען אוֹיךְ אוֹיף אוּנְזֶער לֶעבֶּען פֶערְצְווייפֶעלְט.
9 אָבֶּער מִיר הָאבֶּען אַליין אִין אוּנְז זֶעלְבְּסְט דִיא עֶנְטְפֶער פוּן טוֹיט גֶעהַאט,
כְּדֵי מִיר זָאלֶען זִיךְ נִיט אִין אוּנְז זֶעלְבְּסְט פֶערְטְרוֹיעֶן, נֵייעֶרְט אִין גָאט דֶער
מַאכְט לֶעבֶּענְדִיג דִיא טוֹיטֶע; 10 דֶער הָאט אוּנְז פוּן אַזוֹי אַ גְרוֹיסֶען טוֹיט
גֶערֶעטֶעט, אוּן וֶועט אוּנְז רֶעטֶען, אִין וֶועלְכֶעם מִיר הָאפֶען אַז עֶר וֶועט אוּנְז
אוֹיךְ נָאךְ רֶעטֶען, 11 וֶוען אִיהְר אוֹיךְ וֶועט אוּנְז מִיטְהֶעלְפֶען אִין אֵייעֶר גֶעבֶּעט
פַאר אוּנְז, כְּדֵי פַאר דִיא מַתָּנָה צוּ אוּנְז וָואס מִיר הָאבֶּען דוּרְךְ פִילֶע
זָאלֶען פִילֶע פַאר אוּנְז דַאנְק גֶעבֶּען.

12 וָואָרין דָאס אִיז אוּנְזֶער רִיהְמֶען, דָאס בֶּעצֵייגְנִיס פוּן אוּנְזֶער גֶעוִויסֶען, אַז
מִיר הָאבֶּען אִין דֶער וֶועלְט גֶעהַאנְדֶעלְט מִיט גֶעטְלִיכֶע הֵיילִיגְקֵייט אוּן לוֹיטֶ-
עֶרְקֵייט, נִיט מִיט מֶענְשְׁלִיכֶער ווֵייזְהֵייט נֵייעֶרְט אִין דֶער גְנָאד פוּן גָאט, אוּן
בֶּעזוּנְדֶער קֶעגֶען אֵייךְ. 13 וָואָרין מִיר שְׁרֵייבֶּען אֵייךְ נִיט קֵיינֶע אַנְדֶערֶע
זַאכֶען נֵייעֶרְט וָואס אִיהְר לֵיינְט אָדֶער אוֹיךְ בֶּעקֶענְט, אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיהְר
וֶועט בִּיז צוּם סוֹף בֶּעקֶענֶען, 14 גְלֵייךְ ווִיא אִיהְר הָאט אוּנְז אוֹיךְ צוּם טְהֵייל
בֶּעקֶענְט, אַז מִיר זֶענֶען אֵייעֶרֶעס רִיהְמֶען אַזוֹי ווִיא אִיהְר אוֹיךְ זֶענְט אוּנְזֶערֶעס
אִים טָאג פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ.

15 אוּן אִין דִיזֶער פֶערְזִיכֶערוּנְג הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט צוּ אֵייךְ פְרִיהֶער קוּמֶען,
כְּדֵי אִיהְר זָאלְט אַ צְווֵייטֶע גְנָאד הָאבֶּען, 16 אוּן דוּרְךְ אֵייךְ קֵיין מַקְדוֹנְיָא צוּ
גֶעהֶען, אוּן ווִידֶער פוּן מַקְדוֹנְיָא צוּ אֵייךְ צוּ קוּמֶען, אוּן פוּן אֵייךְ קֵיין יְהוּדָה
פָארְטְגֶעשִׁיקְט צוּ וֶוערֶען. 17 דְרוּם וֶוען אִיךְ הָאב דָאס גֶעוָואלְט בִּין אִיךְ
לֵייכְטְזִינִיג גֶעוֶועזֶען? אָדֶער דָאס וָואס אִיךְ ווִינְשׁ, ווִינְשׁ אִיךְ עֶס נָאךְ
דֶעם פְלֵיישׁ, אַז עֶס זָאל בֵּייא מִיר זֵיין יָא יָא, אוּן נֵיין נֵיין? 18 אָבֶּער
אַזוֹי ווִיא גָאט אִיז גֶעטְרֵייא, אוּנְזֶער וָוארְט צוּ אֵייךְ אִיז נִיט יָא אוּן נֵיין.
19 וָואָרין דֶער זוּהְן פוּן גָאט יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ דֶער אִיז דוּרְךְ אוּנְז צְווִישֶׁען אֵייךְ
גֶעפְּרֶעדִיגְט גֶעוֶועזֶען, דוּרְךְ מִיר אוּן סִילְוַואנוּס אוּן טִימוֹתִיוֹס, אִיז נִיט יָא אוּן
נֵיין גֶעוֶועזֶען, נֵייעֶרְט אִין אִיהְם אִיז יָא גֶעוֶועזֶען. 20 וָואָרין ווִיא פִילֶע הַבְטָחוֹת פוּן
גָאט עֶס זֶענֶען, אִין אִיהְם זֶענֶען זֵייא יָא; דְרוּם אוֹיךְ דוּרְךְ אִיהְם אִיז עֶס אָמֵן
צוּם כָּבוֹד פוּן גָאט דוּרְךְ אוּנְז. 21 אָבֶּער דֶער וָואס בֶּעפֶעסְטִיגְט אוּנְז מִיט
אֵייךְ אִין מָשִׁיחַ אוּן הָאט אוּנְז גֶעזַאלְבְּט אִיז גָאט, 22 וֶועלְכֶער הָאט אוּנְז אוֹיךְ
פֶערְזִיגֶעלְט, אוּן הָאט דִיא פֶערְזִיכֶערוּנְג פוּן דֶעם גֵייסְט אִין אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער
גֶעגֶעבֶּען.

23 נוּן רוּף אִיךְ גָאט צוּ עֵדוּת אִיבֶּער מֵיינֶע נְשָׁמָה, אַז אִיךְ בִּין קֵיין קָארִינְט
נָאךְ נִיט גֶעקוּמֶען כְּדֵי אֵייךְ צוּ שׁוֹינֶען. 24 נִיט אַז מִיר הֶערְשֶׁען אִיבֶּער אֵייעֶר
גְלוֹיבֶּען, נֵייעֶרְט מִיר זֶענֶען הֶעלְפֶער פוּן אֵייעֶרֶע פְרֵייד; וָואָרין אִיהְר שְׁטֶעהְט
דוּרְךְ אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען.

ב 1אָבֶּער דָאס הָאבּ אִיךְ פַאר מִיךְ בֶּעשְׁלָאסֶען, אַז אִיךְ זָאל נִיט ווִידֶער
טְרוֹיְרִיג צוּ אֵייךְ קוּמֶען. 2וָוארִין וֶוען אִיךְ מַאךְ אֵייךְ טְרוֹיְרִיג, וֶוער מַאכְט
מִיךְ דֶען פְרֶעהְלִיךְ חוּץ דֶער וָואס אִיז דוּרְךְ מִיר טְרוֹיְרִיג גֶעוָוארֶען? 3אוּן
אִיךְ הָאבּ דָאס זֶעלְבִּיגֶע אֵייךְ גֶעשְׁרִיבֶּען, כְּדֵי וֶוען אִיךְ וֶועל קוּמֶען זָאל אִיךְ
נִיט טְרוֹיְרִיג וֶוערֶען פוּן דִיא פוּן וֶועלְכֶע אִיךְ זָאל פְרֵייד הָאבֶּען, ווייל אִיךְ
בִּין אוֹיף אֵייךְ אַלֶע פֶערְזִיכֶערְט אַז מֵיינֶע פְרֵייד אִיז דִיא פְרֵייד פוּן אֵייךְ אַלֶע.
4וָוארִין אִיךְ הָאבּ אֵייךְ גֶעשְׁרִיבֶּען מִיט פִילֶע טְרֶערֶען אִין גְרוֹיסֶער צָרָה אוּן
אַנְגְסְט פוּן הַארְץ, נִיט כְּדֵי אִיהְר זָאלְט טְרוֹיְרִיג זַיין, נֵייעֶרְט אִיהְר זָאלְט דִיא
גְרוֹיסֶע לִיבֶּע ווִיסֶען וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ מֶעהְר צוּ אֵייךְ.
5אָבֶּער וֶוען אֵיימִיצֶער הָאט טְרוֹיְרִיג גֶעמַאכְט, אַזוֹי הָאט עֶר מִיךְ נִיט
טְרוֹיְרִיג גֶעמַאכְט, נֵייעֶרְט צוּם טְהֵייל אֵייךְ אַלֶע, כְּדֵי אִיךְ זָאל נִיט אֵייךְ
שְׁוֶוער דְרִיקֶען. 6דִיזֶע שְׁטְרָאף וָואס אִיז פוּן פִילֶע אִיז גֶענוּג פַאר אַזֶעלְכֶען,
7אַזוֹי אַז אוּמְגֶעקֶעהְרְט אִיהְר זָאלְט אִיהְם לִיבֶּער פֶערְגֶעבֶּען אוּן טְרֵייסְטֶען,
כְּדֵי אַזֶעלְכֶער זָאל נִיט אִין צוּ פִיל טְרוֹיְרִקֵייט פֶערְזִינְקֶען. 8דְרוּם בֶּעט אִיךְ
אֵייךְ אַז אִיהְר זָאלְט אִיהְם אֵייעֶרֶע לִיבֶּע בֶּעפֶעסְטִיגֶען. 9וָוארִין פוּן דֶעסְט־
וֶועגֶען הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבֶּען, כְּדֵי אִיךְ זָאל אֵייעֶרֶעם בֶּעווייז ווִיסֶען, אוֹיבּ
אִיהְר זֶענְט אִין אַלֶע זַאכֶען גֶעהָארְזַאם. 10וֶועמֶען אִיהְר פֶערְגִיבְּט עֶפֶּעס,
אַזוֹי פֶערְגִיבּ אִיךְ אוֹיךְ; וָוארִין וֶוען אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס פֶערְגֶעבֶּען, הָאבּ אִיךְ
עֶס פוּן אֵייעֶרְטְוֶועגֶען פֶערְגֶעבֶּען אִין דֶעם מָשִׁיחַ, 11כְּדֵי מִיר זָאלֶען נִיט
אִיבֶּערְפָארְטְהֵיילְט וֶוערֶען פוּן דֶעם שָׂטָן; וָוארִין מִיר זֶענֶען נִיט אוּנְבֶּעקַאנְט
מִיט זֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען.
12אָבֶּער וֶוען אִיךְ בִּין קֵיין טְרוֹאַס גֶעקוּמֶען מַחְמַת דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן
מָשִׁיחַ, אוּן אַ טְהִיר אִיז צוּ מִיר אוֹיפְגֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען אִין דֶעם הַאר׳ן,
13הָאבּ אִיךְ קֵיינֶע דֶערְקְווִיקוּנְג אִין מֵיין גֶעמִיט נִיט גֶעהַאט, ווייל אִיךְ הָאבּ מֵיין
בְּרוּדֶער טִיטוּס נִיט גֶעפִינֶען, נֵייעֶרְט אִיךְ הָאבּ מִיךְ מִיט זֵייא גֶעזֶעגֶענְט אוּן
בִּין קֵיין מַקְדוֹנְיָא אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. 14נוּן גָאט זַייא גֶעדַאנְקְט דֶער פִיהְרְט
אוּנְז בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִין זִיג אִין דֶעם מָשִׁיחַ, אוּן דוּרְךְ אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט
דֶעם גֶעשְׁמַאק פוּן זֵיינֶע דֶערְקֶענְטְנִיס אִין אַלֶע עֶרְטֶער. 15וָוארִין מִיר זֶענֶען צוּ
גָאט אַ ווָאוילְגֶעשְׁמַאק פוּן מָשִׁיחַ אִין דִיא וָואס וֶוערֶען גֶערֶעטֶעט אוּן אִין דִיא
וָואס וֶוערֶען פֶערְלוֹירֶען; 16צוּ דִיא אֵיינֶע זֶענֶען מִיר אַ גֶעשְׁמַאק פוּן טוֹיט
צוּם טוֹיט, אָבֶּער צוּ דִיא אַנְדֶערֶע אַ גֶעשְׁמַאק פוּן לֶעבֶּען צוּם לֶעבֶּען. אוּן
וֶוער טוֹיג צוּ דִיזֶע זַאכֶען? 17וָוארִין מִיר זֶענֶען נִיט גְלֵייךְ ווִיא פִילֶע וָואס
פֶערְפֶעלְשֶׁען דָאס וָוארְט פוּן גָאט, נֵייעֶרְט אַזוֹי ווִיא אוֹיס לוֹיטֶערְקֵייט אוּן
אַזוֹי ווִיא פוּן גָאט רֶעדֶען מִיר פָאר גָאט אִין מָשִׁיחַ.
ג 1הֵייבֶּען מִיר ווִידֶער אָן זִיךְ זֶעלְבְּסְט צוּ עֶמְפְּפֶעהְלֶען? אָדֶער בֶּעדַארְפֶען
מִיר, גְלֵייךְ ווִיא עֶטְלִיכֶע לֵייט, עֶמְפְּפֶעהְלְבְּרִיף צוּ אֵייךְ אָדֶער פוּן אֵייךְ? 2אִיהְר
זֶענְט אוּנְזֶערֶע בְּרִיף, גֶעשְׁרִיבֶּען אִין אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער, פוּן אַלֶע מֶענְשֶׁען
דֶערְקֶענְט אוּן גֶעלֵיינְט; 3אִיהְר זֶענְט בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט אַז אִיהְר זֶענְט

דֶער בְּרִיף פוּן מָשִׁיחַ וָואס אִיז צוּגֶעבְּרֵייט דוּרְךְ אוּנְז, אוּן אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען נִיט
מִיט טִינְט נֵייעֶרְט מִיט דֶעם גֵייסְט פוּן דֶעם לֶעבֶּענְדִיגֶען גָאט, נִיט אוֹיף
שְׁטֵיינֶערְנֶע לוּחוֹת נֵייעֶרְט אוֹיף דִיא פְלֵיישֶׁערְנֶע לוּחוֹת פוּן דֶעם הַאֶרְץ.
4 אוּן אַזֶעלְכֶעס פֶערְטְרוֹיעֶן הָאבֶּען מִיר צוּ גָאט דוּרְךְ דֶעם מָשִׁיחַ. 5 נִיט
אַז מִיר זֶענֶען אִים שְׁטַאנְד עֶפֶּעס פוּן אוּנְז זֶעלְבְּסְט צוּ דֶענְקֶען, אַזוֹי וִויא
פוּן אוּנְז זֶעלְבְּסְט, נֵייעֶרְט אוּנְזֶערֶע טוֹיגְלִיכְקֵייט אִיז פוּן גָאט, 6 וֶועלְכֶער הָאט
אוּנְז טוֹיגְלִיכֶע דִינֶער פוּן דֶעם נֵייעֶן בּוּנְד גֶעמַאכְט, נִיט פוּן דֶעם בּוּכְשְׁטַאבּ
נֵייעֶרְט פוּן דֶעם גֵייסְט; וָוארִין דֶער בּוּכְשְׁטַאבּ טֵייטֶעט, אָבֶּער דֶער גֵייסְט
מַאכְט לֶעבֶּעדִיג. 7 אָבֶּער וֶוען דֶער דִינְסְט פוּן דֶעם טוֹיט, וָואס אִיז דוּרְךְ
בּוּכְשְׁטַאבֶּען אִין שְׁטֵיינֶער אוֹיסְגֶעקְרִיצְט, אִיז מִיט הֶערְלִיכְקֵייט גֶעוֶוען, אַזוֹי אַז
דִיא קִינְדֶער פוּן יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען נִיט גֶעקֶענְט דָאס פָּנִים פוּן מֹשֶׁה אָנְזֶעהֶען
וֶועגֶען דֶער הֶערְלִיכְקֵייט פוּן זַיין פָּנִים וָואס אִיז צוּם פֶערְגֶעהֶען, 8 וִויא אַזוֹי
זָאל נִיט דֶער דִינְסְט פוּן דֶעם גֵייסְט פִיל מֶעהְר מִיט הֶערְלִיכְקֵייט זַיין?
9 וָוארִין וֶוען דֶער דִינְסְט פוּן דֶעם פֶערְשׁוּלְדֶען אִיז הֶערְלִיךְ, פִיל מֶעהְר דֶערְ־
לַאנְגְט גְרֶעסֶערֶע הֶערְלִיכְקֵייט דֶער דִינְסְט פוּן דֶער גֶערֶעכְטִיגְקֵייט. 10 וָוארִין
אוֹיךְ דָאס פֶערְהֶערְלִיכְטֶע אִיז צוּם טְהֵייל נִיט הֶערְלִיךְ גֶעוֶוען, דוּרְךְ דִיא פִיל
גְרֶעסֶערֶע הֶערְלִיכְקֵייט. 11 וָוארִין וֶוען דָאס וָואס אִיז צוּם פֶערְגֶעהֶען אִיז
הֶערְלִיךְ, וִויא פִיל מֶעהְר אִיז דָאס וָואס בְּלֵייבְּט מִיט הֶערְלִיכְקֵייט?
12 דְרוּם וֵוייל מִיר הָאבֶּען אַזֶעלְכֶע הָאפְנוּנְג רֶעדֶען מִיר מִיט פִיל פְרֵייהֵייט.
13 אוּן נִיט גְלֵייךְ וִויא מֹשֶׁה וָואס הָאט אַ שְׁלֵייעֶר אִיבֶּער זַיין פָּנִים גֶעלֶעגְט,
כְּדֵי דִיא קִינְדֶער פוּן יִשְׂרָאֵל זָאלֶען נִיט אָנְזֶעהֶען דָאס עֶנְד פוּן דֶעם וָואס אִיז
צוּם פֶערְגֶעהֶען. 14 נֵייעֶרְט זֵייעֶרֶע גֶעדַאנְקֶען זֶענֶען פֶערְהַארְטֶעט גֶעוָוארֶען;
וָוארִין בִּיז צוּם הֵיינְטִיגֶען טָאג בְּלֵייבְּט דֶער זֶעלְבִּיגֶע שְׁלֵייעֶר אִים לֵיינֶען פוּן
דֶעם אַלְטֶען בּוּנְד נִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְט, וָוארִין אִין מָשִׁיחַ אִיז עֶר אָפְּגֶעטְהוּן.
15 אָבֶּער בִּיז צוּם הֵיינְטִיגֶען טָאג לִיגְט דֶער שְׁלֵייעֶר אִיבֶּער זֵייעֶר הַארְץ וֶוען
מֹשֶׁה אִיז גֶעלֵיינְט. 16 אָבֶּער וֶוען עֶס וֶועט זִיךְ אוּמְקֶעהְרֶען צוּם הַאר'ן, אִיז
דֶער שְׁלֵייעֶר אַוֶועקְגֶענוּמֶען. 17 נוּן דֶער הַאר אִיז דֶער גֵייסְט; אוּן וְואוּ דֶער
גֵייסְט פוּן דֶעם הַאר'ן אִיז, דָא אִיז פְרֵייהֵייט. 18 אָבֶּער מִיר אַלֶע זֶעהֶען מִיט
אֵיין אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶען פָּנִים דִיא הֶערְלִיכְקֵייט פוּן דֶעם הַאר'ן גְלֵייךְ וִויא אִין אַ
שְׁפִּיגֶעל, אוּן זֶענֶען צוּ דֶעמְזֶעלְבִּיגֶען בִּילְד פֶערְעֶנְדֶערְט פוּן הֶערְלִיכְקֵייט צוּ
הֶערְלִיכְקֵייט, גַאנְץ אַזוֹי וִויא דוּרְךְ דֶעם גֵייסְט פוּן דֶעם הַאר'ן.

ד 1 דֶעסְטְוֶועגֶען וֵוייל מִיר הָאבֶּען דִיזֶען דִינְסְט, אַזוֹי וִויא מִיר הָאבֶּען בַּארֶעמְ־
הֶערְצִיגְקֵייטֶען דֶערְהַאלְטֶען, זֶענֶען מִיר נִיט מִיד; 2 אָבֶּער מִיר הָאבֶּען דִיא
פֶערְבָּארְגֶענֶע שֶׁענְדְלִיכֶע זַאכֶען אָפְּגֶעזָאגְט, אוּן גֶעהֶען נִיט אַרוּם מִיט בֶּעזְהֵייט,
אוּן פֶערְפֶּעלְשֶׁען נִיט דָאס וָוארְט פוּן גָאט, נֵייעֶרְט מִיר עֶמְפְּפֶעהְלֶען אוּנְז זֶעלְבְּסְט
דוּרְךְ דֶעם אַנְטְפְּלֶעקֶען פוּן דֶער וָואהְרְהֵייט צוּם גֶעוִויסֶען פוּן אַלֶע מֶענְשֶׁען פָאר
גָאט. 3 אוּן וֶוען אוֹיךְ אוּנְזֶערֶע בְּשׂוֹרָה טוֹבָה אִיז פֶערְהִילְט, אִיז עֶס פֶערְ־
הִילְט צְווִישֶׁען דִיא וָואס זֶענֶען פֶערְלוֹירֶען; 4 אִין וֶועלְכֶע דֶער גָאט פוּן דִיזֶער

װעלט האָט די אוּנגְלױבּיגֶע פֶערבְּלֶענְדעט, כְּדֵי דָאס
לִיכְט פוּן דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן דֶער הֶערְלִיכְקֵייט פוּן מָשִׁיחַ, דֶער אִיז דָאס
בִּילְד פוּן גָאט, זָאל נִיט אױף זֵייא שְׁטְרַאהְלֶען. [5] װאָרִין מִיר פְּרֶעדִיגֶען נִיט
אוּנְז זֶעלְבְּסְט, נֵייעֶרְט דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, אוּן מִיר זֶעלְבְּסְט זֶענֶען
אֵייעֶרֶע קְנֶעכְט פוּן יֵשׁוּעַ'ס װעגֶען. [6] װאָרִין דֶער גָאט װעלְכֶער הָאט גֶעזָאגְט
לָאז לִיכְט אוֹיס דֶער פִינְסְטֶערְנִיס לֵייכְטֶען, עֶר הָאט גֶעלֵייכְט אִין אוּנְזֶערֶע
הֶערְצֶער, כְּדֵי צוּ גֶעבֶּען דָאס לִיכְט פוּן דֶער דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן דֶער הֶערְלִיכְ־
קֵייט פוּן גָאט אִים פָּנִים פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.
[7] אָבֶּער מִיר הָאבֶּען דִיזֶען אוֹצָר אִין עֶרְדֶענֶע כֵּלִים, כְּדֵי דִיא זֶעהְר הױכֶע מַאכְט
זָאל פוּן גָאט זַיין אוּן נִיט פוּן אוּנְז. [8] אִין אַלֶעם לֵיידֶען מִיר אָבֶּער מִיר זֶענֶען
נִיט אִין אַנְגְסְט, מִיר הָאבֶּען נױט אָבֶּער מִיר זֶענֶען נִיט פֶערְצְװֵייפֶעלְט, [9] מִיר
זֶענֶען פֶערְפָאלְגְט אָבֶּער נִיט פֶערְלָאזְט, אַנִידֶער גֶעשְׁלָאגֶען אָבֶּער נִיט אוּמְגֶע־
בְּרַאכְט, [10] בֶּעשְׁטֶענְדִיג טְרָאגֶען מִיר אַרוּם אִים לֵייבּ דָאס שְׁטַארְבֶּען פוּן
דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ, כְּדֵי דָאס לֶעבֶּען פוּן יֵשׁוּעַ זָאל אױךְ אִין אוּנְזֶערֶען שְׁטֶערְבְּ־
לִיכֶען לֵייבּ אַנְטְפְּלֶעקְט װערֶען. [11] װאָרִין מִיר װאָס לֶעבֶּען זֶענֶען בֶּעשְׁטֶענְדִיג
צוּם טױט אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען װעגֶען יֵשׁוּעַ, כְּדֵי דָאס לֶעבֶּען פוּן יֵשׁוּעַ זָאל אױךְ
אִין אוּנְזֶערֶען שְׁטֶערְבְּלִיכֶען פְלֵייש אַנְטְפְּלֶעקְט װערֶען. [12] אַזױ דֶען דֶער טױט
װִירְקְט אִין אוּנְז, אָבֶּער דָאס לֶעבֶּען אִין אֵייךְ. [13] אוּן װַייל מִיר הָאבֶּען דֶעם
זֶעלְבִּיגֶען גֵייסְט פוּן גְלױבֶּען, אַזױ װִיא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען, אִיךְ הָאבּ
גֶעגְלױבְּט דְרוּם הָאבּ אִיךְ גֶערֶעט, מִיר אױךְ גְלױבֶּען דְרוּם רֶעדֶען מִיר אױךְ;
[14] װאָרִין מִיר װִיסֶען אַז דֶער װאָס הָאט דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ אױפְגֶעװעקְט װעט
אוּנְז אױךְ דוּרְךְ יֵשׁוּעַ אױפְװעקֶען, אוּן װעט אוּנְז מִיט אֵייךְ פָארְשְׁטֶעלֶען.
[15] װאָרִין אַלֶע זַאכֶען זֶענֶען פוּן אֵייעֶרְטְװעגֶען, כְּדֵי דִיא גְנָאד זָאל דוּרְךְ פִּילֶע
פֶערְמֶעהְרֶען אוּן זָאל גוֹרֵם זַיין דָאס גְרֶעסְטֶע דַאנְק צוּם כָּבוֹד פוּן גָאט.
[16] דְרוּם זֶענֶען מִיר נִיט מִיד, נֵייעֶרְט חָאטְשֶׁע אוּנְזֶער אױסֶערְלִיכֶע מֶענְשׁ
װערְט אױךְ פֶערְדָארְבֶּען, װערְט דָאךְ דֶער אִינֶערְלִיכֶע פוּן טָאג צוּ טָאג
דֶערְנֵייעֶרְט. [17] װאָרִין אוּנְזֶערֶע גְרִינְגֶע צָרָה װאָס אִיז נוּר פַאר אֵיין אױגֶענְבְּלִיק
װִירְקְט פַאר אוּנְז אַ פִּיל מֶעהְר װִיכְטִיגֶע אוּן עֶבִּיגֶע הֶערְלִיכְקֵייט; [18] אִינְדֶעם
מִיר קוּקֶען נִיט אױף דִיא זַאכֶען װאָס זֶענֶען גֶעזֶעהֶען, נֵייעֶרְט אױף דִיא װאָס
זֶענֶען נִיט גֶעזֶעהֶען; װאָרִין דִיא זַאכֶען װאָס זֶענֶען גֶעזֶעהֶען זֶענֶען נוּר פַאר
אַ צֵייט, אָבֶּער דִיא װאָס זֶענֶען נִיט גֶעזֶעהֶען זֶענֶען אױף עֶבִּיג.

ה [1] װאָרִין מִיר װִיסֶען אַז װען אױךְ אוּנְזֶער עֶרְדִישֶׁעס הױז פוּן דֶעם גֶעצֶעלְט
װעט צוּשְׁטֶערְט װערֶען, הָאבֶּען מִיר אַ גֶעבֵּיידֶע פוּן גָאט, אַ הױז װאָס אִיז נִיט
מִיט הֶענְד גֶעמַאכְט, אֵיין עֶבִּיגֶעס אִים הִימֶעל. [2] װאָרִין אִין דִיזֶעם זִיפְצֶען
מִיר, אוּן בֶּעגֶעהְרֶען זֶעהְר גֶעקְלֵייד צוּ װערֶען מִיט אוּנְזֶער הױז װאָס אִיז
פוּן דֶעם הִימֶעל, [3] װען אױךְ מִיר װעלֶען אָנְגֶעקְלֵייד װערֶען אוּן װעלֶען נִיט
נַאקְט גֶעפִינֶען װערֶען. [4] װאָרִין מִיר אױךְ װאָס זֶענֶען אִים גֶעצֶעלְט זִיפְצֶען

[13] תהלים קטז׳ י׳.

וָועגֶען דֶער לַאסְט, ווייל מִיר ווִילֶען נִיט אויסְגֶעקְלֵייד וָוערֶען נֵייעֶרְט
אָנְגֶעקְלֵייד, כְּדֵי דָאס שְׁטֶערְבְּלִיכֶע זָאל פֶערְשְׁלוּנְגֶען וָוערֶען פוּן דֶעם לֶעבֶּען.
5 אָבֶּער דֶער וָועלְכֶער הָאט אוּנְז דֶערְצוּ גֶעוִוירְקְט אִיז גָאט, דֶער הָאט אוּנְז
גֶעגֶעבֶּען דֶעם עֵרָבוֹן פוּן דֶעם גֵייסְט. 6 דְרוּם הָאבֶּען מִיר בֶּעשְׁטֶענְדִיג גוּטֶען
מוּט, אוּן ווִיסֶען אַז וָוען מִיר זֶענֶען אִין דֶער הֵיים אִים לֵייבּ, זֶענֶען מִיר אַוֶועק
פוּן דֶעם הַאר'ן; 7 וָוארִין מִיר וַואנְדְלֶען דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען נִיט דוּרְךְ גֶעזִיכְט.
8 אָבֶּער מִיר הָאבֶּען גוּטֶען מוּט אוּן ווִינְשֶׁען לִיבֶּער אַוֶועק צוּ זַיין
פוּן דֶעם לֵייבּ אוּן אִין דֶער הֵיים צוּ זַיין מִיט דֶעם הַאר'ן. 9 דְרוּם זֶענֶען מִיר
אוֹיךְ אֵייפְרִיג, אוֹיבּ מִיר זֶענֶען אִין דֶער הֵיים אָדֶער אַוֶועק, אַז מִיר זָאלֶען
אִיהְם ווָאוילְגֶעפֶעלֶען. 10 וָוארִין מִיר מוּזֶען אַלֶע פָאר דֶעם רִיכְטֶערְשְׁטוּהְל פוּן
דֶעם מָשִׁיחַ אַנְטְפְּלֶעקְט וָוערֶען, כְּדֵי אִיטְלִיכֶער זָאל דִיא זַאכֶען פוּן דֶעם לֵייבּ
דֶערְהַאלְטֶען נָאכְדֶעם ווִיא עֶר הָאט גֶעטְהוּן, אוֹיבּ עֶס אִיז גוּטֶעס אָדֶער שְׁלֶעכְטֶעס.
11 דְרוּם ווייל מִיר קֶענֶען דִיא פָארְכְט פוּן דֶעם הַאר'ן, אַזוֹי רֶעדֶען מִיר אָן
מֶענְשֶׁען, אָבֶּער מִיר זֶענֶען אַנְטְפְּלֶעקְט צוּ גָאט; אוּן אִיךְ הָאף אַז מִיר זֶענֶען
אוֹיךְ אִין אֵייעֶר גֶעווִיסֶען אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארֶען. 12 מִיר עֶמְפְּפֶעהְלֶען אוּנְז נִיט
ווִידֶער צוּ אֵייךְ, נֵייעֶרְט מִיר גֶעבֶּען אֵייךְ אַ גֶעלֶעגֶענְהֵייט אַז אִיהְר זָאלְט אֵייךְ
רִיהְמֶען וָועגֶען אוּנְז, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט אֵיין עֶנְטְפֶער הָאבֶּען צוּ דִיא וָואס רִיהְ-
מֶען זִיךְ אִים אוֹיסְזֶעהֶען אוּן נִיט אִים הַארְץ. 13 וָוארִין אוֹיבּ מִיר זֶענֶען
אוֹיסֶער זִיךְ, אִיז עֶס צוּ גָאט; אוֹיבּ מִיר זֶענֶען בֵּיים שֵׂכֶל, אִיז עֶס פוּן אֵייעֶרְעט-
וָועגֶען. 14 וָוארִין דִיא לִיבֶּע פוּן דֶעם מָשִׁיחַ דְרֶענְגְט אוּנְז, ווייל מִיר אַזוֹי
רִיכְטֶען אַז אֵיינֶער אִיז פַאר אַלֶע גֶעשְׁטָארְבֶּען; דְרוּם זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטָארְבֶּען;
15 אוּן אַז עֶר אִיז פַאר אַלֶע גֶעשְׁטָארְבֶּען, כְּדֵי דִיא וָואס לֶעבֶּען זָאלֶען נִיט
מֶעהְר צוּ זִיךְ אַלֵיין לֶעבֶּען, נֵייעֶרְט צוּ אִיהְם וָועלְכֶער אִיז פַאר זֵייא גֶעשְׁטָארְ-
בֶּען אוּן אִיז ווִידֶער אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען.
16 דְרוּם פוּן אַצוּנְד אָן קֶענֶען מִיר קֵיינֶעם נִיט נָאךְ דֶעם פְלֵייש; וָוען אַפִילוּ
מִיר הָאבֶּען מָשִׁיחַ גֶעקֶענְט נָאךְ דֶעם פְלֵייש, אָבֶּער אַצוּנְד קֶענֶען מִיר אִיהְם
נִיט מֶעהְר. 17 אַזוֹי דֶען וָוען אֵיימִיצֶער אִיז אִין מָשִׁיחַ, אִיז אַ נֵייעֶ בֶּעשֶׁע-
פֶענִים; דִיא אַלְטֶע זַאכֶען זֶענֶען פַארְבֵּייא גֶעגַאנְגֶען, זֶעה זֵייא זֶענֶען נֵייא
גֶעוָוארֶען. 18 אוּן אַלֶע זֶענֶען פוּן גָאט, דֶער הָאט אוּנְז מִיט זִיךְ דוּרְךְ יֵשׁוּעַ
הַמָשִׁיחַ פֶערְזֶעהֶענְט, אוּן הָאט אוּנְז גֶעגֶעבֶּען דֶעם דִינְסְט פוּן דֶער פֶערְזֶעהְנוּנְג.
19 דְהַיְינוּ אַז גָאט הָאט אִין מָשִׁיחַ דִיא וָועלְט מִיט זִיךְ פֶערְזֶעהֶענְט, אוּן
הָאט זֵייא זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת נִיט צוּגֶערֶעכֶענְט, אוּן הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען
דָאס וָוארְט פוּן דֶער פֶערְזֶעהְנוּנְג. 20 דְרוּם זֶענֶען מִיר שְׁלוּחִים וָועגֶען מָשִׁיחַ,
גְלֵייךְ ווִיא גָאט וָואלְט אֵייךְ דוּרְךְ אוּנְז גֶעבֶּעטֶען; מִיר בֶּעטֶען אֵייךְ פוּן מָשִׁיחַ'ס
וָועגֶען זֵייט פֶערְזֶעהֶענְט מִיט גָאט. 21 דֶעם וָועלְכֶער הָאט נִיט קֵיינֶע זִינְד
גֶעקֶענְט הָאט עֶר אַלְס זִינְד גֶעמַאכְט פַאר אוּנְז, כְּדֵי מִיר זָאלֶען אִין אִיהְם
דִיא גֶערֶעכְטִיגְקֵייט פוּן גָאט וָוערֶען.

21

ב קארינטער ו

ו 1 און מִיר וֶוענֶען זֵיינֶע מִיטְאַרְבֵּייטֶער אוּן בֶּעטֶען אֵייךְ אַז אִיהְר זָאלְט נִיט
דִיא גְנָאד פוּן גָאט אוּמְזוּסְט דֶערְהַאלְטֶען. 2 וָוארִין עֶר זָאגְט,

אִיךְ הָאבּ דִיךְ אִין אַ בֶּעווילִיגְטֶע צֵייט גֶעהֶערְט,
אוּן אִין אַ טָאג פוּן יְשׁוּעָה הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעהָאלְפֶען.

זֶעה אַצוּנְד אִיז דִיא בֶּעווילִיגְטֶע צֵייט, זֶעה אַצוּנְד אִיז דֶער טָאג פוּן יְשׁוּעָה.
3 מִיר גֶעבֶּען אִין קֵיין שׁוּם זַאךְ קֵיין אַנְשְׁטוֹיס, כְּדֵי דֶער דִינְסְט זָאל נִיט
צוּ שַׁאנְד וֶוערֶען, 4 נֵייעֶרְט אִין אַלֶעם בֶּעווייזֶען מִיר אוּנְז וִויא דִיא דִינֶער פוּן
גָאט, אִין פִיל גֶעדוּלְד, אִין לֵיידֶען, אִין דֶער נוֹיט, אִין אַנְגְסְטֶען, 5 אִין שְׁלֶעג,
אִין גֶעפֶענְגְנִיסֶען, אִין מְרִידוֹת, אִין אַרְבֵּייטֶען, אִין וַואכֶען, אִין פַאסְטֶען, 6 אִין
רֵיינְהֵייט, אִין דֶערְקֶענְטְנִיס, אִין לַאנְגְמִיטִיגְקֵייט, אִין גִיטִיגְקֵייט, אִים רוּחַ
הַקוֹדֶשׁ, אִין לִיבֶּע אָהְן חֲנִיפָה, 7 אִים וָוארְט פוּן וָואהְרְהֵייט, אִין דֶער מַאכְט
פוּן גָאט; דוּרְךְ דִיא וַואפֶען פוּן גֶערֶעכְטִיגְקֵייט צוּ דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד אוּן צוּ
דִיא לִינְקֶע, 8 דוּרְךְ כָּבוֹד אוּן שַׁאנְד, דוּרְךְ אַ שְׁלֶעכְטֶען נָאמֶען אוּן אַ גוּטֶען נָאמֶען;
וִויא פֶערְפִיהְרֶער אוּן דָאךְ וָואהְרְהַאפְטִיג, 9 וִויא אוּנְבֶּעקַאנְט אוּן דָאךְ גוּט בֶּעקַאנְט,
וִויא שְׁטַארְבֶּענְדִיגֶע אוּן זֶעה מִיר לֶעבֶּען, וִויא גֶעשְׁטְרָאפְט אוּן נִיט אוּמְגֶעבְּרַאכְט,
10 וִויא טְרוֹיְרִיגֶע אוּן דָאךְ בֶּעשְׁטֶענְדִיג פְרֶעהְלִיךְ, וִויא אָרְמֶע לֵייט אוּן דָאךְ מִיר
מַאכֶען פִילֶע רֵייךְ, וִויא דִיא וָואס הָאבֶּען גָאר נִיט אוּן פֶערְמֶעגֶען אַלֶע זַאכֶען.
11 אָ אִיהְר קָארִינְטֶער, אוּנְזֶער מוֹיל אִיז צוּ אֵייךְ אוֹיפְגֶעמַאכְט, אוּנְזֶער הַארְץ
אִיז בְּרֵייט; 12 אִיהְר זֶענְט נִיט עֶנְג אִין אוּנְז גֶעמַאכְט, נֵייעֶרְט אִיהְר זֶענְט אִין
אֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע גֶעדֶערְם בֶּעעֶנְגְט. 13 אָבֶּער מִיט דִיא זֶעלְבִּיגֶע פֶערְגֶעלְטוּנְג,
אִיךְ רֶעד וִויא צוּ קִינְדֶער, זֵייט אִיהְר אוֹיךְ דֶערְווייטֶערְט.
14 זֵייט נִיט וִויא אַזֶעלְכֶע דִיא שְׁלֶעפֶּען אַ פְרֶעמְדֶעס יָאךְ מִיט אוּנְגְלוֹיבִּיגֶע;
וָוארִין וָואסְפַאר אַ חַבְרוּתָא הָאט דִיא גֶערֶעכְטִיגְקֵייט מִיט דֶער אוּנְגֶערֶעכְטִיג-
קֵייט, אוּן וָואסְפַאר אַ גֶעמֵיינְשַׁאפְט הָאט דָאס לִיכְט מִיט דֶער פִינְסְטֶערְנִיס?
15 אוּן וָואסְפַאר אֵיין אֵיינְקְלַאנְג אִיז דָא צְווישֶׁען דֶעם מָשִׁיחַ אוּן בְּלִיַעַל, אָדֶער
וָואסְפַאר אַ חֵלֶק הָאט אַ גְלוֹיבִּיגֶער מִיט אֵיין אוּנְגְלוֹיבִּיגֶען? 16 אוּן וָואסְפַאר
אֵיינִיגְקֵייט הָאט דֶער טֶעמְפֶּעל פוּן גָאט מִיט אָפְּגֶעטֶער? וָוארִין מִיר זֶענֶען
דֶער טֶעמְפֶּעל פוּן דֶעם לֶעבֶּענְדִיגֶען גָאט; אַזוֹי וִויא גָאט הָאט גֶעזָאגְט,

אִיךְ וֶועל צְווישֶׁען זֵייא וְואוֹינֶען אוּן וַואנְדְלֶען,
אוּן אִיךְ וֶועל זֵיין זֵייעֶר גָאט אוּן זֵייא וֶועלֶען זֵיין מֵיין פָאלְק.
17 דְרוּם קוּמְט אַרוֹיס פוּן צְווישֶׁען זֵייא
אוּן שֵׁיידֶעט אֵייךְ אָפּ, זָאגְט דֶער הַאר,
אוּן רִיהְרְט נִיט אָן אַ שׁוּם אוּנְרֵיינֶע זַאךְ;
אוּן אִיךְ וֶועל אֵייךְ אוֹיפְנֶעמֶען,
18 אוּן וֶועל זֵיין צוּ אֵייךְ אַלְס אַ פָאטֶער,
אוּן אִיהְר וֶועט זֵיין מִיר אַלְס זִיהְן אוּן טֶעכְטֶער,
זָאגְט דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶע הַאר.

2 ישעיה מט׳ ח׳. 16 יחזקאל לז׳ כז׳.
17 ירמיה נא׳ מה׳: ישעיה נב׳ יא׳. 18 ירמיה לב׳ לח׳: הושע ב׳ א׳.

ז 1 דְרוּם גֶעלִיבְּטֶע, ווייל מִיר הָאבֶּען דִיזֶע הַבְטָחוֹת, לָאזֶען מִיר אוּנְז רֵיינִיגֶען
פוּן אַלֶע בֶּעפְלֶעקוּנְג פוּן דֶעם פְלֵייש אוּן דֶעם גֵייסְט, אוּן לָאזֶען מִיר גַאנְץ
זַיין אִין הֵיילִיגְקֵייט אִין דֶער פָארְכְט פוּן גָאט.
2 נֶעמְט אוּנְז אוֹיף. מִיר הָאבֶּען קֵיינֶעם נִיט אוּנְרֶעכְט גֶעטְהוּן, מִיר הָאבֶּען
קֵיינֶעם נִיט פֶערְדָארְבֶּען, מִיר הָאבֶּען קֵיינֶעם שְׁלֶעכְט בֶּעהַאנְדֶעלְט. 3 אִיךְ זָאג
דָאס נִיט כְּדֵי צוּ פֶערְשׁוּלְדִיגֶען; וָוארִין אִיךְ הָאבּ פְרִיהֶער גֶעזָאגְט אַז
אִיהְר זֶענְט אִין אוּנְזֶער הַארְץ, מִיט אֵייךְ צוּ שְׁטַארְבֶּען אוּן צוּ לֶעבֶּען. 4 אִיךְ
אוּנְטֶערְשְׁטֶעה מִיךְ פִיל קֶעגֶען אֵייךְ, אִיךְ רִיהְם מִיךְ פִיל וֶועגֶען אֵייךְ, אִיךְ
בִּין דֶערְפִילְט מִיט טְרֵייסְט, אִיךְ הָאבּ זֶעהְר פִיל פְרֵייד אִין אַלֶע אוּנְזֶערֶע
לֵיידֶען. 5 וָוארִין וֶוען מִיר זֶענֶען אוֹיךְ גֶעקוּמֶען קֵיין מַקְדוֹנְיָא הָאט אוּנְזֶער
פְלֵייש קֵיין רוּה נִיט גֶעהַאט, נֵייעֶרְט מִיר הָאבֶּען פוּן אַלֶע זַייטֶען גֶעלִיטֶען;
פוּן דְרוֹיסֶען זֶענֶען שְׁטְרֵייט, פוּן דְרִינֶען פָארְכְט. 6 אָבֶּער גָאט דֶער טְרֵייסְט
דִיא וָואס הָאבֶּען אַ נִידְרִיגֶעם גֶעמִיט הָאט אוּנְז גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם קוּמֶען פוּן
טִיטוּס; 7 אוּן נִיט נוּר מִיט זַיין קוּמֶען, נֵייעֶרְט אוֹיךְ מִיט דֶעם טְרֵייסְט מִיט דֶעם עֶר
אִיז וֶועגֶען אֵייךְ גֶעטְרֵייסְט גֶעוָוארֶען, וֶוען עֶר הָאט אוּנְז אֵייעֶר פֶערְלַאנְגֶען
דֶערְצֶעהְלְט, אֵייעֶר טְרוֹיעֶרְן, אֵייעֶר אֵייפֶער מֵיינֶעטְוֶועגֶען, אַזוֹי אַז אִיךְ הָאבּ
מִיךְ נָאךְ מֶעהְר גֶעפְרֵייעֶט. 8 וָוארִין וֶוען אִיךְ הָאבּ אֵייךְ אוֹיךְ טְרוֹירִיג גֶעמַאכְט
דוּרְךְ דֶעם בְּרִיף, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ נִיט חֲרָטָה, הָאטְשֶׁע אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ חֲרָטָה
גֶעהַאט; אִיךְ זֶעה אַז יֶענֶער בְּרִיף הָאט אֵייךְ טְרוֹירִיג גֶעמַאכְט, וֶוען אוֹיךְ
נוּר פַאר אַ קְלֵיינֶע צֵייט. 9 אַצוּנְד פְרֵייעֶ אִיךְ מִיךְ, נִיט אַז אִיהְר זֶענְט
טְרוֹירִיג גֶעמַאכְט, נֵייעֶרְט אַז אִיהְר זֶענְט טְרוֹירִיג צוּ תְּשׁוּבָה גֶעמַאכְט.
וָוארִין אִיהְר זֶענְט טְרוֹירִיג פוּן גָאטֶעס וֶועגֶען גֶעמַאכְט, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט
גָאר קֵיין שָׁאדֶען דוּרְךְ אוּנְז נִיט לֵיידֶען. 10 וָוארִין דָאס טְרוֹיעֶרְן פוּן גָאטֶעס
וֶועגֶען ווִירְקְט תְּשׁוּבָה צוּ יְשׁוּעָה וָואס מֶען הָאט דְרוֹיף נִיט חֲרָטָה; אָבֶּער
דָאס טְרוֹיעֶרְן פוּן דֶער וֶועלְט ווִירְקְט דֶעם טוֹיט. 11 וָוארִין זֶעהְט דָאס זֶעלְבִּיגֶע,
אַז אִיהְר הָאט גֶעטְרוֹיעֶרְט פוּן גָאטֶעס וֶועגֶען, ווִיא גְרוֹיס אִיז דִיא פְלֵייסִיגְקֵייט
גֶעוֶועזֶען דִיא עֶס הָאט אִין אֵייךְ גֶעווִירְקְט, יָא ווִיא גְרוֹיס דֶער פֶערְעֶנְטְפֶערוּנְג,
דֶער צָארְן, דִיא פָארְכְט, דָאס פֶערְלַאנְגֶען, דִיא קִנְאָה, דִיא נְקָמָה, אִין אַלֶעם
הָאט אִיהְר אֵייךְ בֶּעצֵייגְט אַז אִיהְר זֶענְט רֵיין אִין דֶער זַאךְ. 12 אַזוֹי דֶען וֶוען
אִיךְ הָאבּ אֵייךְ אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבֶּען אִיז עֶס נִיט וֶועגֶען דֶעם וָואס הָאט אוּנְרֶעכְט
גֶעטְהוּן, אוּן נִיט וֶועגֶען דֶעם וָואס הָאט אוּנְרֶעכְט גֶעלִיטֶען, נֵייעֶרְט אַז אֵייעֶרֶע
פְלֵייסִיגְקֵייט קֶעגֶען אוּנְז זָאל פָאר גָאט בֶּעקַאנְט וֶוערֶען.
13 דְרוּם זֶענֶען מִיר גֶעטְרֵייסְט גֶעוָוארֶען; אוּן מִיר הָאבֶּען אוּנְז נָאךְ פִיל מֶעהְר
גֶעפְרֵייעֶט אִיבֶּער דֶער פְרֵייד פוּן טִיטוּס, ווייל זַיין גֶעמִיט אִיז פוּן אֵייךְ אַלֶע
דֶערְקְוִויקְט גֶעוָוארֶען. 14 וָוארִין וֶוען אִיךְ הָאבּ מִיךְ עֶפֶּעס בֶּערִיהְמְט בֵּייא אִיהְם
וֶועגֶען אֵייךְ, אַזוֹי בִּין אִיךְ נִיט פֶערְשֶׁעהְמְט גֶעוָוארֶען; נֵייעֶרְט גְלֵייךְ ווִיא מִיר
הָאבֶּען אַלֶעם צוּ אֵייךְ אִין וָואהְרְהֵייט גֶערֶעט, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אוּנְזֶער בֶּערִיהְ־
מֶען וֶועגֶען טִיטוּס וָואהְר גֶעוָוארֶען. 15 אוּן זַיינֶע הֶערְצְלִיכֶע לִיבֶּע צוּ אֵייךְ אִיז

נאָךְ מֶעהר גֶענֵייגְט, וֶוען עֶר גֶעדֶענְקְט דָאס גֶעהאָרְכֶען פוּן אֵייךְ אַלֶע, וִויא
אִיהְר הָאט אִיהְם מִיט פָּארְכְט אוּן צִיטֶערְנִים אוֹיפְגֶענוּמֶען. 16 אִיךְ פְרֵייעֶ מִיךְ
אַז אִיךְ פֶערְזִיכֶער מִיךְ אוֹיף אֵייךְ אִין אַלֶע זַאכֶען.

ח 1 אוּן מִיר טְהוּן אֵייךְ צוּ וִויסֶען, בְּרִידֶער, דִיא גְנָאד פוּן גָאט וָואס אִיז צוּ
דִיא קְהִלוֹת אִין מַקְדוֹנְיָא גֶעגֶעבֶען; 2 אַז וֶוען זֵייא זֶענֶען זֶעהְר גֶעפְּרִיפְט
גֶעוָוארֶען מִיט לֵיידֶען, הָאט זִיךְ זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע פְרֵייד אוּן זֵייעֶרֶע טִיפֶע
אָרְמְקֵייט גֶעמֶעהְרְט צוּם רֵייכְטוּם פוּן זֵייעֶרֶע פְרֵייגֶעבִּיגְקֵייט. 3 וָוארִין אִיךְ זָאג
זֵייא עֵדוּת אַז נָאךְ זֵייעֶר כֹּחַ אוּן אַפִילוּ אִיבֶּער זֵייעֶר כֹּחַ הָאבֶען זֵייא אוֹיס
פְרֵייעֶן וִוילֶען גֶעגֶעבֶען, 4 אוּן זֵייא הָאבֶען אוּנְז גֶעבֶּעטֶען מִיט פִיל גֶעבֶּעט
וֶועגֶען דֶער גְנָאד אוּן דֶער גֶעמֵיינְשַׁאפְט פוּן דֶעם דִינְסְט צוּ דִיא הֵיילִיגֶע;
5 אוּן דָאס, נִיט וִויא מִיר הָאבֶען גֶעהָאפְט, נֵייעֶרְט זֵייא הָאבֶען זִיךְ זֶעלְבְּסְט
צוּעֶרְשְׁט צוּ גָאט גֶעגֶעבֶען, אוּן צוּ אוּנְז דוּרְךְ דֶעם וִוילֶען פוּן גָאט. 6 אַזוֹי אַז
מִיר הָאבֶען טִיטוּס מַזְהִיר גֶעוֶוען, כְּדֵי גְלֵייךְ וִויא עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶען אַזוֹי
אוֹיךְ זָאל עֶר אִין אֵייךְ אוֹיךְ דִיזֶע גְנָאד עֶנְדִיגֶען. 7 אָבֶּער גְלֵייךְ וִויא אִין
אַלֶעם אִיהְר מֶעהְרְט אֵייךְ אִים גְלוֹיבֶען אוּן וָוארְט אוּן דֶערְקֶענְטְנִים אוּן אִין
אַלֶער פְלֵייסִיגְקֵייט, אוּן אִין אֵייעֶרֶע לִיבֶּע צוּ אוּנְז, זֶעהְט אַז אוֹיךְ אִין דִיזֶער
גְנָאד אִיהְר אֵייךְ מֶעהְרְט.
8 אִיךְ זָאג דָאס נִיט וִויא אַ בֶּעפֶעהְל, נֵייעֶרְט דוּרְךְ דֶער פְלֵייסִיגְקֵייט פוּן
אַנְדֶערֶע צוּ פְּרִיפֶען דִיא וָואהְרְהֵייט פוּן אֵייעֶרֶע לִיבֶּע. 9 וָוארִין אִיהְר וֵויסְט
דִיא גְנָאד פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, אַז חָאטְשֶׁע עֶר אִיז רֵייךְ גֶעוֶוען
אִיז עֶר דָאךְ פוּן אֵייעֶרְטְוֶועגֶען אָרֶם גֶעוָוארֶען, כְּדֵי דוּרְךְ זֵיינֶע אָרְמְקֵייט
אִיהְר זָאלְט רֵייךְ וֶוערֶען. 10 אוּן אִין דִיזֶעם גִיבּ אִיךְ מֵיינֶע מֵיינוּנְג; וָוארִין דָאס
אִיז אֵייךְ נִיצְלִיךְ, וָואס אִיהְר הָאט שׁוֹין פַאר אַ יָאהְר אָנְגֶעהוֹיבֶען נִיט נוּר
צוּ טְהוּן נֵייעֶרְט אוֹיךְ וִוילִיג צוּ זֵיין. 11 אָבֶּער אַצוּנְד עֶנְדִיגְט אוֹיךְ דָאס טְהוּן,
כְּדֵי גְלֵייךְ וִויא עֶס אִיז אַ נֵייגוּנְג גֶעוֶוען צוּ וִוילֶען, אַזוֹי זָאל אוֹיךְ זֵיין
צוּ עֶנְדִיגֶען פוּן דֶעם וָואס אִיהְר הָאט. 12 וָוארִין וֶוען דֶער וִוילֶען אִיז דָא,
אַזוֹי אִיז עֶס אָנְגֶענוּמֶען נָאךְ דֶעם וִויא אַ מַאן הָאט, אוּן נִיט נָאךְ דֶעם וִויא
עֶר הָאט נִיט. 18 וָוארִין אִיךְ מֵיין נִיט אַז אַנְדֶערֶע זָאלֶען רוּהֶ הָאבֶען אוּן
אִיהְר זָאלְט לֵיידֶען; 14 נֵייעֶרְט נָאךְ גְלֵייכְהֵייט צוּ דִיזֶער צֵייט זָאל אֵייעֶר
אִיבֶּערְפְלוּס צוּ זֵייעֶר בֶּעדֶערְפְנִים זֵיין, כְּדֵי זֵייעֶר אִיבֶּערְפְלוּס זָאל אוֹיךְ צוּ
אֵייעֶר בֶּעדֶערְפְנִים זֵיין, אַז עֶס זָאל זֵיין גְלֵייכְהֵייט, 15 אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט
גֶעשְׁרִיבֶען, דֶער וָואס הָאט פִיל אֵיינְגֶעזַאמֶעלְט הָאט נִיט אִיבְּרִיג גֶעהַאט, אוּן
דֶער וָואס הָאט וֶוענִיג אֵיינְגֶעזַאמֶעלְט הָאט קֵיין בֶּעדֶערְפְנִים נִיט גֶעהַאט.
16 נוּן גָאט זֵייא גֶעדַאנְקְט, דֶער הָאט דֶעם זֶעלְבִּיגֶען אֵייפֶער וֶועגֶען אֵייךְ
אִים הַארְץ פוּן טִיטוּס גֶעגֶעבֶען, 17 ווייל עֶר הָאט דִיא דֶערְמָאהְנוּנְג אָנְגֶענוּמֶען,
אוּן אִינְדֶעם עֶר אִיז זֶעהְר אֵייפְרִיג גֶעוֶוען אִיז עֶר פוּן זֵיין אֵייגֶענֶען וִוילֶען צוּ
אֵייךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען. 18 אוּן מִיר הָאבֶען מִיט אִיהְם דֶעם בְּרוּדֶער גֶעשִׁיקְט,

15 שמות טז׳ יח׳,

וָואס זַיין לויב אִין דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה אִיז אִין אַלֶע קְהִלּוֹת; 19 אוּן נִיט נוּר
דָאס, נֵייעֶרְט עֶר אִיז אוֹיךְ אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט גֶעוָוארֶען פוּן דִיא קְהִלּוֹת אַז עֶר
זָאל מִיט אוּנְז רֵייזֶען וֶועגֶען דִיזֶער גְנָאד וָואס אִיז דוּרְךְ אוּנְז גֶעדִינְט צוּם
לויב פוּן דֶעם הַאר'ן אַלֵיין אוּן צוּם בֶּעוֵוייז פוּן אוּנְזֶער וִוילֶען. 20 אוּן דָאס
פֶּערְמֵיידֶען מִיר, אַז קֵיינֶער זָאל אִין אוּנְז אַ פֶעהְלֶער גֶעפִינֶען וֶועגֶען דִיזֶע
רֵייכֶע גָאבּ וָואס אִיז דוּרְךְ אוּנְז גֶעדִינְט; 21 וָוארִין מִיר זֶענֶען אוֹיף גוּטֶע זַאכֶען
מַשְׁגִּיחַ נִיט נוּר פָאר גָאט, נֵייעֶרְט אוֹיךְ פָאר מֶענְשֶׁען. 22 אוּן מִיר הָאבֶּען
מִיט זֵייא אוּנְזֶערֶען בְּרוּדֶער גֶעשִׁיקְט, וֶועלְכֶען מִיר הָאבֶּען אָפְט גֶעפְּרִיפְט אַז
עֶר אִיז אִין פִילֶע זַאכֶען עֶרְנְסְט, אָבֶּער אַצוּנְד אִיז עֶר פִיל מֶעהְר עֶרְנְסְט,
דוּרְךְ דֶעם גְרוֹיסֶען פֶּערְטְרוֹיעֶן וָואס עֶר הָאט צוּ אֵייךְ. 23 אוֹיבּ מֶען הָאט
וֶועגֶען טִיטוּס גֶעפְרֶעגְט, אִיז עֶר מֵיין גֶעזֶעלֶען אוּן הֶעלְפֶער צְווִישֶׁען אֵייךְ;
אָדֶער וֶועגֶען אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער, זֵייא זֶענֶען דִיא שְׁלוּחִים פוּן דִיא קְהִלּוֹת אוּן
דֶער כָּבוֹד פוּן מָשִׁיחַ. 24 דְרוּם גִיבְּט צוּ זֵייא אַ בֶּעוֵוייז פָאר דִיא קְהִלּוֹת פוּן
אֵייעֶרֶע לִיבֶּע, אוּן פוּן אוּנְזֶער בַּארִיהְמֶען וֶועגֶען אֵייךְ.

ט 1 וָוארִין וֶועגֶען דֶעם דִינְסְט צוּ דִיא הֵיילִיגֶע בֶּעדַארְף אִיךְ אֵייךְ נִיט צוּ
שְׁרֵייבֶּען; 2 וָוארִין אִיךְ וֵויים אֵייעֶר גוּטֶען וִוילֶען, דְרוּיף אִיךְ הָאבּ מִיךְ וֶועגֶען
אֵייךְ בַּארִיהְמְט צוּ דִיא לֵייט פוּן מַקְדוֹנְיָא, אַז אַכַאיָא אִיז שׁוֹין פַארְטִיג גֶעוֶוען
פַאר אַ יָאהְר, אוּן אֵייעֶר אֵייפֶער הָאט פִילֶע אָנְגֶערֵייצְט. 3 אוּן אִיךְ הָאבּ
דִיא בְּרִידֶער גֶעשִׁיקְט, כְּדֵי אוּנְזֶער בַּארִיהְמֶען וֶועגֶען אֵייךְ זָאל נִיט זַיין אוּמְ־
זוּסְט אִין דִיזֶעם טְהֵייל, כְּדֵי גְלֵייךְ וִויא אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אִיהְר זָאלְט פַארְטִיג זַיין;
4 דֶערְמִיט וֶוען דִיא לֵייט פוּן מַקְדוֹנְיָא וֶועלֶען מִיט מִיר קוּמֶען אוּן וֶועלֶען אֵייךְ
נִיט פַארְטִיג גֶעפִינֶען, וֶועלֶען מִיר אַז מִיר זָאגֶען נִיט אִיהְר אִין דִיזֶעם
פֶּערְטְרוֹיעֶן פֶערְשֶׁעהְמְט וֶוערֶען. 5 דְרוּם הָאבּ אִיךְ עֶס פַאר נֶעטִיג גֶעהַאלְטֶען דִיא
בְּרִידֶער צוּ בֶּעטֶען אַז זֵייא זָאלֶען פָארְאוֹיס צוּ אֵייךְ גֶעהֶען, אוּן זָאלֶען פָארְאוֹיס
פַארְטִיג מַאכֶען דִיא נְדָבָה וֶועלְכֶע אִיהְר הָאט פְרִיהֶער צוּגֶעזָאגְט, אַז זִיא
זָאל אָנְגֶעבְּרֵייט זַיין אַזוֹי וִויא אַ נְדָבָה אוּן נִיט וִויא אַ גֵייצִיגֶע זַאךְ.

6 אָבֶּער דָאס זָאג אִיךְ. דֶער וָואס זֵייעֶט מִיט קַארְגְהֵייט וֶועט אוֹיךְ מִיט
קַארְגְהֵייט אֵיינְזַאמְלֶען, אוּן דֶער וָואס זֵייעֶט מִיט אִיבֶּערְפְלוּס וֶועט אוֹיךְ מִיט
אִיבֶּערְפְלוּס אֵיינְזַאמְלֶען. 7 אִיטְלִיכֶער אַזוֹי וִויא עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר אִין זַיין הַארְץ,
נִיט מִיט בֶּעטְרִיבְּנִיס אָדֶער גֶעצְוָואוּנְגֶען; וָוארִין גָאט לִיבְּט אַ פְרֶעהְלִיכֶען
גֶעבֶּער. 8 אוּן גָאט קֶען אַלֶע גְנָאד צוּ אֵייךְ פֶּערְמֶעהְרֶען, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט
בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִין אַלֶעם גֶענוּג הָאבֶּען, אוּן זָאלְט אֵייךְ מֶעהְרֶען אִין יֶעדֶעם גוּטֶען
וֶוערְק; 9 אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען,

עֶר הָאט צוּשְׁפְּרֵייט, עֶר הָאט צוּ דִיא אָרֶעמֶע לֵייט גֶעגֶעבֶּען,
זַיינֶע גֶערֶעכְטִיגְקֵייט בְּלֵייבְּט אוֹיף עֶבִּיג.

10 אוּן דֶער וֶועלְכֶער גִיבְּט דֶעם זָאמֶען צוּם זֵייעֶר אוּן בְּרוֹיט פַאר שְׁפֵּייז וֶועט
גֶעבֶּען אוּן מֶעהְרֶען אֵייעֶר זָאמֶען, אוּן וֶועט לָאזֶען וַואקְסֶען דִיא פְרוּכְט פוּן

9 תהלים קיב׳ ט׳.

אײַערע גערעכטיגקייט; 11 כְּדֵי אִיהר זָאלְט אִין אַלֶעם רֵייך גֶעמַאכְט זֵיין צוּ אַלֶע
פְרֵייגֶעבִּיגְקֵייט, וָואס וִוירְקְט דוּרְךְ אוּנְז דַאנְק צוּ גָאט. 12 וָוארִין ווייל דָאס
בֶּעזָארְגֶען פוּן דִיזֶעם דִינְסְט נִיט נוּר דֶערְפִילְט וָואס דִיא הֵיילִיגֶען בֶּעדַארְפֶען,
גֵייעֶרְט עֶס מֶעהְרְט זִיךְ אוֹיךְ דוּרְךְ פִיל דַאנְק צוּ גָאט; 13 אִינְדֶעם דוּרְךְ
דֶעם בֶּעווייז פוּן דִיזֶעם דִינְסְט דַאנְקֶען זֵייא גָאט פַאר דִיא אוּנְטֶערְטֶענִיגְקֵייט
פוּן אֵייעֶר בֶּעקֶענְטְנִיס צוּ דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן מָשִׁיחַ, אוּן פַאר דִיא פְרֵיי־
גֶעבִּיגְקֵייט פוּן אֵייעֶרֶע נְדָבָה צוּ זֵייא אוּן צוּ אַלֶע מֶענְשֶׁען; 14 דֶערְוַוייל מִיט
גֶעבֶּעט פַאר אֵייךְ זֵייא אוֹיךְ גְלִיסְטֶען נָאךְ אֵייךְ דוּרְךְ דִיא גְרוֹיסֶע גְנָאד פוּן
גָאט אִיבֶּער אֵייךְ. 15 גָאט זֵייא גֶעדַאנְקְט פַאר זֵיינֶע אוּנְאוֹיסְשְׁפְּרֶעכְלִיכֶע
מַתָּנָה.

י 1 אָבֶּער אִיךְ פּוֹלוֹס בֶּעט אֵייךְ בֵּייא דֶער ווייכְהֶערְצִיגְקֵייט אוּן גֶעלִינְדִיגְקֵייט
פוּן מָשִׁיחַ, וֶועלְכֶער וֶוען אִיךְ בִּין בֵּייא אֵייךְ בִּין נִידְרִיג צְווִישֶׁען אֵייךְ, אָבֶּער
וֶוען אִיךְ בִּין אַוֶועק בִּין שְׁטַארְקְמִיטִיג קֶעגֶען אֵייךְ; 2 אִיךְ בֶּעט אֵייךְ, אַז וֶוען
אִיךְ וֶועל בֵּייא אֵייךְ זֵיין זָאל אִיךְ נִיט שְׁטַארְקְמִיטִיג זֵיין מִיט דֶעם בִּטָחוֹן
מִיט וֶועלְכֶעם אִיךְ דֶענְק פְרֵיימִיטִיג צוּ זֵיין קֶעגֶען דִיא וָואס דֶענְקֶען אַז מִיר
וַואנְדְלֶען נָאךְ דֶעם פְלֵיישׁ. 3 וָוארִין חָאטְשֶׁע מִיר וַואנְדְלֶען אִין דֶעם פְלֵיישׁ,
דָאךְ שְׁטְרֵייטֶען מִיר נִיט נָאךְ דֶעם פְלֵיישׁ; 4 וָוארִין דִיא וַואפֶען פוּן אוּנְזֶערֶען
שְׁטְרֵייט זֶענֶען נִיט פְלֵיישְׁלִיכֶע, גֵייעֶרְט זֶענֶען מֶעכְטִיג צוּ גָאט צוּם אֵיינְ־
וַוארְפֶען פוּן פֶעסְטוּנְגֶען; 5 אִינְדֶעם מִיר פֶערְשְׁטֶערֶען דִיא גֶעדַאנְקֶען אוּן
אִיטְלִיכֶע הוֹיכֶע זַאךְ וָואס דֶערְהֵייבְּט זִיךְ קֶעגֶען דֶער דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן גָאט,
אוּן נֶעמֶען גֶעפַאנְגֶען אִיטְלִיכֶע גֶעדַאנְקֶען צוּם גֶעהָארְזַאם פוּן מָשִׁיחַ, 6 אוּן
זֶענֶען פַארְטִיג יֶעדֶען אוּנְגֶעהָארְזַאם צוּ שְׁטְרָאפֶען, וֶוען אֵייעֶר גֶעהָארְזַאם אִיז
דֶערְפִילְט.

7 אִיהר זֶעהְט אוֹיף דֶעם וָואס אִיז פָאר אֵייעֶרֶע אוֹיגֶען. וֶוען אֵיימִיצֶער פֶערְטְרוֹיעֶט
אִין זִיךְ אַלֵיין אַז עֶר אִיז צוּם מָשִׁיחַ, לָאז עֶר דָאס וִוידֶער בֵּייא זִיךְ
דֶענְקֶען, אַז גְלֵייךְ וִויא עֶר אִיז צוּם מָשִׁיחַ אַזוֹי זֶענֶען מִיר אוֹיךְ צוּם מָשִׁיחַ.
8 וָוארִין וֶוען אִיךְ זָאל מִיךְ אוֹיךְ עֶפֶּעס מֶעהְר בַּארִיהְמֶען וֶועגֶען אוּנְזֶערֶע
מַאכְט, וָואס דֶער הַאר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבֶּען אֵייךְ צוּ פֶערְבֶּעסֶערְן אוּן נִיט צוּ
פֶערְדַארְבֶּען, וֶועל אִיךְ נִיט פֶערְשֶׁעהְמְט וֶוערֶען; 9 כְּדֵי אִיךְ זָאל נִיט אוֹיסְזֶעהֶען
אַז אִיךְ וֶועל אֵייךְ דֶערְשְׁרֶעקֶען מִיט מֵיינֶע בְּרִיף. 10 וָוארִין זֵיינֶע בְּרִיף, זָאגְט
מֶען, זֶענֶען וִויכְטִיג אוּן שְׁטַארְק, אָבֶּער זֵיין לֵייבְּלִיכֶעס קוּמֶען בֵּייא אוּנְז אִיז
שְׁוַואךְ, אוּן דִיא רֶעד צוּם פֶערְאַכְטֶען. 11 לָאז אַזֶעלְכֶער דָאס גֶעדֶענְקֶען, אַז
גְלֵייךְ וִויא מִיר זֶענֶען אִין דֶער רֶעד דוּרְךְ בְּרִיף וֶוען מִיר זֶענֶען אַוֶועק, אַזוֹי
זֶענֶען מִיר אוֹיךְ וִוירְקְלִיךְ וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעגֶענְוֶוערְטִיג.

12 וָוארִין מִיר אוּנְטֶערְשְׁטֶעהֶען אוּנְז נִיט אַז מִיר זָאלֶען אוּנְז רֶעכְנֶען אָדֶער
פֶערְגְלֵייכֶען מִיט דִיא וָואס לוֹיבֶּען זִיךְ זֶעלְבְּסְט; אָבֶּער ווייל זֵייא מֶעסְטֶען זִיךְ
בֵּייא זִיךְ זֶעלְבְּסְט, אוּן פֶערְגְלֵייכֶען זִיךְ מִיט זִיךְ זֶעלְבְּסְט, זֶענֶען זֵייא נִיט
קְלוּג. 13 אָבֶּער מִיר בַּארִיהְמֶען אוּנְז נִיט מִיט זַאכֶען אוֹיסֶער דֶעם מָאס, נֵייעֶרְט

נָאךְ דֶעם מָאס פוּן דֶער רֶעגֶעל וָואס גָאט הָאט צוּ אוּנְז צוּגֶעטְהֵיילְט, אַ מָאס
צוּ דֶערְלַאנְגֶען בִּיז צוּ אֵייךְ. [14] וָוארִין מִיר שְׁטְרֶעקֶען אוּנְז נִיט אוֹיסֶער דֶעם
מָאס, גְלֵייךְ וִויא מִיר וָואלְטֶען צוּ אֵייךְ נִיט דֶערְלַאנְגֶען, וָוארִין בִּיז צוּ אֵייךְ
זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען אִין דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן מָשִׁיחַ. [15] מִיר בַּארִיהְמֶען
אוּנְז נִיט מִיט זַאכֶען אוֹיסֶער דֶעם מָאס אִין פְרֶעמְדֶער אַרְבֵּייט, אָבֶּער מִיר
הָאפֶען אַז וֶוען אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען וֶועט וַואקְסֶען, וֶועלֶען מִיר דוּרְךְ אֵייךְ פֶערְגְרֶע־
סֶערְט וֶוערֶען נָאךְ אוּנְזֶערֶע רֶעגֶעל צוּם אִיבֶּערְפְלוּס; [16] כְּדֵי מִיר זָאלֶען אִין
דִיא לֶענְדֶער וָואס לִיגֶען וַוייטֶער פוּן אֵייךְ דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פְרֶעדִיגֶען, אוּן
זָאלֶען זִיךְ נִיט בַּארִיהְמֶען מִיט אַ פְרֶעמְדֶע רֶעגֶעל וֶועגֶען דִיא זַאכֶען וָואס
זֶענֶען פַאר אוּנְז פַארְטִיג גֶעמַאכְט. [17] אָבֶּער דֶער וָואס רִיהְמְט זִיךְ לָאז עֶר
זִיךְ רִיהְמֶען אִין דֶעם הַאר'ן. [18] וָוארִין נִיט דֶער וָואס לוֹיבְּט זִיךְ זֶעלְבְּסְט אִיז
אָנְגֶענוּמֶען, נֵייעֶרְט דֶער וֶועלְכֶען דֶער הַאר לוֹיבְּט.

יא [1] אִיךְ ווִינְשׁ אִיהְר וָואלְט מִיט מֵיינֶע נַארִישְׁקֵייט אַבִּיסֶעל אוֹיסְהַאלְטֶען;
אָבֶּער אַוַדַאי הַאלְט אִיהְר מִיט מִיר אוֹיךְ אוֹיס. [2] וָוארִין אִיךְ בִּין וֶועגֶען אֵייךְ אֵייפֶרִיג
מִיט אַ גֶעטְלִיכֶע אֵייפֶרִיגְקֵייט, וָוארִין אִיךְ הָאבּ אֵייךְ פֶערְקְנַסְט צוּ אֵיין מַאן,
אַז אִיךְ זָאל אֵייךְ פָארְשְׁטֶעלֶען אַ רֵיינֶע בְּתוּלָה צוּ מָשִׁיחַ. [3] אָבֶּער אִיךְ הָאבּ
מוֹרָא, טָאמֶער גְלֵייךְ וִויא דִיא שְׁלַאנְג הָאט חַוָה מִיט אִיהְרֶע לִיסְט פֶערְפִיהְרְט,
אַזוֹי וֶועלֶען אוֹיךְ אֵייעֶרֶע גֶעדַאנְקֶען פֶערְדָארְבֶּען וֶוערֶען פוּן דֶער פְרֵייגֶעבִּיג־
קֵייט אוּן לוֹיטֶערְקֵייט וָואס אִיז צוּם מָשִׁיחַ. [4] וָוארִין וֶוען דֶער וָואס קוּמְט זָאל
פְרֶעדִיגֶען אֵיין אַנְדֶערֶען יֵשׁוּעַ וֶועלְכֶען מִיר הָאבֶּען נִיט גֶעפְּרֶעדִיגְט, אָדֶער
וֶוען אִיהְר זָאלְט אֵיין אַנְדֶערֶען גֵייסְט אָנְנֶעמֶען וֶועלְכֶען אִיהְר הָאט נִיט אָנְגֶענוּ־
מֶען, אָדֶער אֵיין אַנְדֶערֶע בְּשׂוֹרָה טוֹבָה וֶועלְכֶע אִיהְר הָאט נִיט דֶערְהַאלְטֶען,
אַזוֹי קֶענְט אִיהְר אִיהְם גוּט אוֹיסְהַאלְטֶען. [5] וָוארִין אִיךְ דֶענְק אַז אִיךְ בִּין אִין
קֵיין שְׁטִיק וֶוענִיגֶער וִויא דִיא הֶעכְסְטֶע אַפָּאסְטֶעל. [6] אָבֶּער וֶוען אִיךְ בִּין
אַפִילוּ פְּרָאסְטֶער אִין רֶעד, דָאךְ בִּין אִיךְ נִיט אִין דֶערְקֶענְטְנִיס, נֵייעֶרְט אִין
אַלֶעם זֶענֶען מִיר קֶעגֶען אֵייךְ אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארֶען.

[7] אָדֶער הָאבּ אִיךְ דֶערְמִיט גֶעזִינְדִיגְט ווייל אִיךְ הָאבּ מִיךְ דֶערְנִידְרִיגְט כְּדֵי
אִיהְר זָאלְט דֶערְהֵייכְט וֶוערֶען, אִינְדֶעם אִיךְ הָאבּ צוּ אֵייךְ דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה
פוּן גָאט אוּמְזוּסְט גֶעפְּרֶעדִיגְט? [8] אִיךְ הָאבּ אַנְדֶערֶע קְהִלוֹת גֶערוֹיבְּט, אוּן הָאבּ
פוּן זֵייא לוֹין גֶענוּמֶען צוּ אֵייעֶר דִינְסְט; [9] אוּן וֶוען אִיךְ בִּין בֵּייא אֵייךְ
גֶעוֶועזֶען אוּן הָאבּ נוֹיט גֶעהַאט, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ קֵיינֶעם נִיט בֶּעלֶעסְטִיגְט, וָוארִין
דִיא בְּרִידֶער וֶוען זֵייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן מַקְדוֹנְיָא הָאבֶּען מֵיין בֶּעדֶערְפְנִיס
דֶערְזֶעצְט. אוּן אִין אַלֶעם הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעהִיט אַז אִיךְ זָאל צוּ אֵייךְ נִיט אַ
לַאסְט זַיין, אוּן אִיךְ וֶועל מִיךְ ווייטֶער הִיטֶען. [10] אַזוֹי וִויא דִיא וָואהְרְהֵייט
פוּן מָשִׁיחַ אִיז אִין מִיר, זָאל קֵיינֶער דִיא דָאזִיגֶע בַּארִיהְמוּנְג מִיר נִיט וֶועהְרֶען
אִין דֶער גֶעגֶענְד פוּן אַכַאיָא. [11] וָוארוּם? ווייל אִיךְ לִיבּ אֵייךְ נִיט? גָאט
ווייסְט עֶס. [12] אָבֶּער וָואס אִיךְ טְהוּא דָאס וֶועל אִיךְ אוֹיךְ טְהוּן, כְּדֵי אִיךְ זָאל

[17] ירמיה ט׳ כג׳.

הִינְדֶערְן אַ גֶעלֶעגֶענְהֵייט פוּן דִיא וָואס זוּכֶען אַ גֶעלֶעגֶענְהֵייט, כְּדֵי אִין דֶעם
וָואס זַייא בַּארִיהְמֶען זִיךְ, זָאלֶען זַייא גֶעפִינֶען וֶוערֶען גְלֵייךְ וִויא אוֹיךְ מִיר.
13 וָוארִין אַזֶעלְכֶע זֶענֶען פַאלְשֶׁע אַפָּאסְטֶעל, בֶּעטְרִיגֶערִישֶׁע אַרְבֵּייטֶער, וָואס
פֶערְשְׁטֶעלֶען זִיךְ אַלְס אַפָּאסְטֶעל פוּן מָשִׁיחַ. 14 אוּן קֵיין וְואוּנְדֶער; וָוארִין דֶער
שָׂטָן אַלֵיין פֶערְשְׁטֶעלְט זִיךְ אַלְס אַ מַלְאָךְ פוּן לִיכְט. 15 דְרוּם אִיז עֶס קֵיינֶע
גְרוֹיסֶע זַאךְ, וֶוען זַיינֶע דִינֶער פֶערְשְׁטֶעלֶען זִיךְ אַלְס דִינֶער פוּן גֶערֶעכְטִיגְקֵייט;
וֶועמֶעס סוֹף וֶועט זַיין נָאךְ זַייעֶרֶע וֶוערְק.
16 אִיךְ זָאג ווִידֶער, לָאז קֵיינֶער מִיךְ הַאלְטֶען אַלְס אוּנְפֶערְשְׁטֶענְדִיג; אָבֶּער
וֶוען אַזוֹי, אַפִילוּ אַלְס אוּנְפֶערְשְׁטֶענְדִיג נֶעמְט מִיךְ אָן, כְּדֵי אִיךְ זָאל מִיךְ אוֹיךְ
אַבִּיסֶעל בַּארִיהְמֶען. 17 וָואס אִיךְ רֶעד, דָאס רֶעד אִיךְ נִיט נָאךְ דֶעם מִנְהָג
פוּן דֶעם הַאר'ן, נֵייעֶרְט וִויא אִין נַארִישְׁקֵייט אִין דִיזֶער פֶערְזִיכֶערוּנְג פוּן
בַּארִיהְמֶען. 18 ווֵייל פִילֶע בַּארִיהְמֶען זִיךְ נָאךְ דֶעם פְלֵיישׁ, אַזוֹי וֶועל אִיךְ
מִיךְ אוֹיךְ בַּארִיהְמֶען. 19 וָוארִין אִיהְר פֶערְטְרָאגְט גֶערְן דִיא נַארֶען, אִינְדֶעם
אִיהְר זֶענְט קְלוּג; 20 וָוארִין אִיהְר פֶערְטְרָאגְט וֶוען אֵיימִיצֶער מַאכְט אֵייךְ פַאר
קְנֶעכְט, וֶוען אֵיימִיצֶער פֶערְצֶעהְרְט אֵייךְ, וֶוען אֵיימִיצֶער פַאנְגְט אֵייךְ, וֶוען
אֵיימִיצֶער דֶערְהֵייבְּט זִיךְ קֶעגֶען אֵייךְ, וֶוען אֵיימִיצֶער שְׁלָאגְט אֵייךְ אוֹיף דֶעם
פָּנִים. 21 אִיךְ זָאג דָאס פַאר בּוּשָׁה, גְלֵייךְ וִויא מִיר וָואלְטֶען שְׁוַואךְ גֶעוֶועזֶען.
אָבֶּער אִין וָואסְפַאר אַ זַאךְ אִיז אֵיימִיצֶער הֶערְצְהַאפְט, אִיךְ רֶעד מִיט נַארִישְׁ-
קֵייט, אַזוֹי בִּין אִיךְ אוֹיךְ הֶערְצְהַאפְט. 22 זֶענֶען זַייא עִבְרִים? אִיךְ אוֹיךְ. זֶענֶען
זַייא יִשְׂרְאֵלִים? אִיךְ אוֹיךְ. זֶענֶען זַייא זֶרַע אַבְרָהָם? אִיךְ אוֹיךְ. 23 זֶענֶען
זַייא דִינֶער פוּן מָשִׁיחַ? אִיךְ רֶעד וִויא אֵיינֶער אוֹיסֶער זִיךְ, אִיךְ בִּין מֶעהְר;
אִין אַרְבֵּייטֶען פִיל מֶעהְר, אִין גֶעפֶענְגְנִיסֶען פִיל מֶעהְר, אִין מַלְקוֹת אִיבֶּער
דֶעם מָאס, אִין טוֹיט אָפְט. 24 פוּן דִיא יוּדֶען הָאבּ אִיךְ פִינְף מָאל בֶּעקוּמֶען
פִיעֶרְצִיג מַלְקוֹת וֶוענִיגֶער אֵיינְס. 25 דְרֵייא מָאל בִּין אִיךְ מִיט רוּטֶער גֶעשְׁלָא-
גֶען גֶעוָוארֶען, אֵיין מָאל בִּין אִיךְ גֶעשְׁטֵיינִיגְט גֶעוָוארֶען, דְרֵייא מָאל הָאבּ אִיךְ
שִׁיפְבְּרוּךְ גֶעלִיטֶען, אַ טָאג אוּן אַ נַאכְט בִּין אִיךְ אִין דֶער טִיפֶענֶעס גֶעוֶועזֶען;
26 אִין רֵייזֶען אָפְט, אִין גֶעפַאהְרֶען פוּן וַואסֶער, אִין גֶעפַאהְרֶען פוּן רוֹיבֶּער,
אִין גֶעפַאהְרֶען פוּן מַיין פָאלְק, אִין גֶעפַאהְרֶען פוּן דִיא גוֹיִם, אִין גֶעפַאהְרֶען
אִין דֶער שְׁטָאדְט, אִין גֶעפַאהְרֶען אִין דֶער ווִיסְטֶענִיס, אִין גֶעפַאהְרֶען אוֹיף
דֶעם יַם, אִין גֶעפַאהְרֶען צְווִישֶׁען פַאלְשֶׁע בְּרִידֶער, 27 אִין אַרְבֵּייט אוּן מִידִיגְ-
קֵייט, אִין וַואכֶען אָפְט, אִין הוּנְגֶער אוּן דוּרְשְׁט, אִין פַאסְטֶען אָפְט, אִין קֶעלְט
אוּן נַאקְטְהֵייט; 28 חוּץ דִיא אוֹיסֶערְלִיכֶע זַאכֶען, דִיא זָארְג פַאר אַלֶע
קְהִלּוֹת, וָואס פַאלְט אוֹיף מִיר טֶעגְלִיךְ. 29 וֶוער אִיז שְׁוַואךְ אוּן אִיךְ בִּין נִיט
שְׁוַואךְ? וֶוער אִיז גֶעעֶרְגֶערְט אוּן אִיךְ בְּרֶען נִיט? 30 וֶוען אִיךְ מוּז מִיךְ
בַּארִיהְמֶען, אַזוֹי וֶועל אִיךְ מִיךְ מִיט דִיא זַאכֶען פוּן מֵיינֶע שְׁוַואכְהֵייט בַּארִיהְ-
מֶען. 31 דֶער גָאט אוּן פָאטֶער פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ, דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט אוֹיף
עֶבִּיג, ווֵייסְט אַז אִיךְ זָאג קֵיין לִיגֶען. 32 אִין דַמֶשֶׂק הָאט דֶער גוּבֶּערְנֶער פוּן
אַרֶעטַאס דֶעם קֶענִיג גֶעהִיט דִיא שְׁטָאדְט פוּן דִיא בְּנֵי דַמֶשֶׂק, כְּדֵי מִיךְ צוּ

פַאנגֶען, 33 און דוּרךְ דֶער מוֹיֶער הָאט מֶען מִיךְ אַרוּפּגֶעלָאזְט אִין אַ קָארְבּ
דוּרךְ אַ פֶענסְטֶער, און אִיךְ בִּין פוּן זַיינֶע הֶענְד אַנְטְרִינֶען.
יב 1 אִיךְ מוּז מִיךְ בַּארִיהְמֶען, דָאךְ נוּצְט עֶס מִיר נִיט; אָבֶּער אִיךְ
וֶועל קוּמֶען צוּ גֶעזִיכְטֶען און אַנְטְפְּלֶעקֶען פוּן דֶעם הַאר'ן. 2 אִיךְ ווייס אַ
מַאן אִין מָשִׁיחַ פָאר פִיעֶרְצֶעהְן יָאהְר, אוֹיבּ אִין דֶעם לֵייבּ ווייס אִיךְ נִיט,
אָדֶער אויסֶער דֶעם לֵייבּ ווייס אִיךְ נִיט, גָאט ווייסְט; אִיךְ ווייס אַזֶעלְכֶען
צוּם דְרִיטֶען הִימֶעל אַרוֹיפְגֶענוּמֶען. 3 און אִיךְ ווייס אַזֶעלְכֶען מַאן, אוֹיבּ
אִין דֶעם לֵייבּ אָדֶער אויסֶער דֶעם לֵייבּ ווייס אִיךְ נִיט, גָאט ווייסְט; 4 אַז
עֶר אִיז צוּ פַּרְדֵס אַרוֹיפְגֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען און הָאט אוּנְאויסְשְׁפְּרֶעכְלִיכֶע וֶוערְטֶער
גֶעהֶערְט, וָואס עֶס אִיז נִיט דֶערְלוֹיבְּט אַז אַ מֶענְשׁ זָאל אויסְרֶעדֶען. 5 וֶועגֶען
אַזֶעלְכֶען וֶועל אִיךְ מִיךְ בַּארִיהְמֶען, אָבֶּער וֶועגֶען מִיר זֶעלְבְּסְט וֶועל אִיךְ מִיךְ
נִיט בַּארִיהְמֶען, חוּץ אִין מֵיינֶע שְׁוַואכְהֵייטֶען.
6 וָוארִין וֶוען אִיךְ זָאל מִיךְ וֶועלֶען בַּארִיהְמֶען, וֶועל אִיךְ קֵיין נַאר נִיט זַיין,
וָוארִין אִיךְ וֶועל זָאגֶען דִיא וָואהְרְהֵייט; אָבֶּער אִיךְ פֶערְמֵייד עֶס, כְּדֵי קֵיינֶער
זָאל פוּן מִיר נִיט מֶעהְר הַאלְטֶען ווִיא עֶר זֶעהְט אִין מִיר אָדֶער הֶערְט פוּן מִיר.
7 און אַז אִיךְ זָאל מִיךְ נִיט צוּפִיל דֶערְהֵייבֶּען דוּרךְ דֶער גְרוֹיסְהֵייט פוּן
דִיא פִילֶע אַנְטְפְּלֶעקֶען, אִיז מִיר גֶעגֶעבֶּען אַ דָארְן אִים פְלֵיישׁ, אַ שָׁלִיחַ פוּן שָׂטָן,
אַז עֶס זָאל מִיךְ פַּאטְשֶׁען, כְּדֵי אִיךְ זָאל מִיךְ נִיט צוּפִיל דֶערְהֵייבֶּען. 8 וֶועגֶען
דִיזֶעם הָאבּ אִיךְ צוּ דֶעם הַאר'ן דְרֵייא מָאל גֶעבֶּעטֶען, אַז עֶס זָאל זִיךְ פוּן
מִיר אָפְּטְהוּן. 9 און עֶר הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, מֵיינֶע גְנָאד אִיז גֶענוּג פַאר
דִיר, וָוארִין מֵיינֶע מַאכְט אִיז אִין דֶער שְׁוַואכְהֵייט פָאלְקָאמֶען. דְרוּם וֶועל אִיךְ
מִיךְ זֶעהְר גֶערְן בַּארִיהְמֶען לִיבֶּער אִין מֵיינֶע שְׁוַואכְהֵייטֶען, כְּדֵי דִיא מַאכְט פוּן
מָשִׁיחַ זָאל אוֹיף מִיר רוּהֶען. 10 דְרוּם הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה אִין שְׁוַואכְהֵייטֶען, אִין
לֶעסְטֶערוּנְגֶען, אִין צָרוֹת, אִין פֶערְפָאלְגוּנְגֶען, און אִין אַנְגְסְטֶען, פוּן וֶועגֶען
מָשִׁיחַ; וָוארִין וֶוען אִיךְ בִּין שְׁוַואךְ, דַאן בִּין אִיךְ שְׁטַארְק.
11 אִיךְ בִּין נַארִישׁ גֶעוָוארֶען; אִיהְר הָאט מִיךְ גֶענֶעטִיגְט. וָוארִין אִיךְ הָאבּ
גֶעזָאלְט פוּן אֵייךְ עֶמְפְּפוֹילֶען וֶוערֶען. וָוארִין אִיךְ בִּין גָאר נִיט וֶוענִיגֶער ווִיא
דִיא הֶעכְסְטֶע אַפָּאסְטֶעל, חָאטְשֶׁע אִיךְ בִּין גָאר נִיט גֶעוֶועזֶען. 12 דִיא צֵייכֶען פוּן
אֵיין אַפָּאסְטֶעל זֶענֶען צְווִישֶׁען אֵייךְ גֶעוִוירְקְט גֶעוֶוען מִיט אַלֶער גֶעדוּלְד,
דוּרךְ צֵייכֶען און וְואוּנְדֶער און גְבוּרוֹת. 13 וָוארִין וָואס הָאט אֵייךְ גֶעפֶעהְלְט
מֶעהְר ווִיא דִיא אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת, חוּץ אַז אִיךְ זֶעלְבְּסְט בִּין אֵייךְ נִיט צוּ לַאסְט
גֶעוֶוען? פֶערְגִיבְּט מִיר דִיזֶעם אוּנְרֶעכְט.
14 זֶעה דִיזֶעם דְרִיטֶע מָאל בִּין אִיךְ פַארְטִיג צוּ אֵייךְ צוּ קוּמֶען, און אִיךְ
וֶועל אֵייךְ נִיט בֶּעלֶעסְטִיגֶען; וָוארִין אִיךְ זוּךְ נִיט דָאס אֵייעֶרִיגֶע, נֵייעֶרְט אֵייךְ.
וָוארִין דִיא קִינְדֶער זָאלֶען נִיט זַאמְלֶען פַאר דִיא עֶלְטֶערְן, נֵייעֶרְט דִיא עֶלְטֶערְן
פַאר דִיא קִינְדֶער. 15 און אִיךְ וֶועל זֶעהְר גֶערְן אויסְגֶעבֶּען און אויסְגֶעגֶעבֶּען
וֶוערֶען וֶועגֶען אֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת. וֶוען אִיךְ לִיבּ אֵייךְ נָאךְ מֶעהְר בִּין אִיךְ וֶועני-
גֶער גֶעלִיבְּט? 16 אָבֶּער לָאז עֶס אַזוֹי זַיין, אִיךְ בִּין אֵייךְ נִיט צוּ לַאסְט גֶעוֶוען;

גײעֶרְט װײל אִיךְ בִּין קִינְסְטְלֶערִישׁ, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אֵייךְ מִיט לִיסְט גֶעפַאנְגֶען.
17 הָאבּ אִיךְ פוּן אֵייךְ מֵיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה גֶעהַאט דוּרְךְ דִיא וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ אֵייךְ
גֶעשִׁיקְט? 18 אִיךְ הָאבּ טִיטוּס גֶעבֶּעטֶען אוּן אִיךְ הָאבּ מִיט אִיהְם דֶעם בְּרוּ־
דֶער גֶעשִׁיקְט; הָאט טִיטוּס פוּן אֵייךְ אַ פָארְטְהֵייל גֶעהַאט? הָאבֶּען מִיר נִיט
אִים זֶעלְבִּיגֶען גֵייסְט גֶעװַאנְדֶעלְט? זֶענֶען מִיר נִיט אִין דִיא זֶעלְבִּיגֶע טְרִיט
גֶעגַאנְגֶען?

19 אִיהְר דֶענְקְט שׁוֹין לַאנְג אַז מִיר פֶערְעֶנְטְפֶערֶען אוּנְז פַאר אֵייךְ. מִיר רֶעדֶען
פָאר גָאט אִין מָשִׁיחַ; אָבֶּער אַלֶע זַאכֶען, גֶעלִיבְּטֶע, זֶענֶען צוּ אֵייעֶרֶע אוֹיפְ־
בּוֹיאוּנְג. 20 וָוארִין אִיךְ פָארְכְט מִיךְ, טָאמֶער וֶוען אִיךְ וֶועל קוּמֶען וֶועל אִיךְ
אֵייךְ גֶעפִינֶען נִיט אַזוֹי וִויא אִיךְ וִוינְשׁ, אוּן אִיהְר וֶועט מִיךְ אוֹיךְ גֶעפִינֶען
נִיט אַזוֹי וִויא אִיהְר וִוינְשְׁט; טָאמֶער וֶועט זַיין גֶעצַאנְק, קִנְאָה, צָארְן,
מַחְלוֹקֶת, לָשׁוֹן הָרָע, רְכִילוּת, אוֹיפְבְּלָאזוּנְג, גֶעטוּמֶעל; 21 טָאמֶער וֶוען אִיךְ
וֶועל וִוידֶערְקוּמֶען, וֶועט מִיךְ מֵיין גָאט דֶערְנִידְרִיגֶען צְוִוישֶׁען אֵייךְ, אוּן אִיךְ וֶועל
טְרוֹיעֶרְן אִיבֶּער פִילֶע וָואס הָאבֶּען פְרִיהֶער גֶעזִינְדִיגְט, אוּן הָאבֶּען נִיט
תְּשׁוּבָה גֶעטְהוּן פַאר דֶער אוּנְרֵיינִיגְקֵייט אוּן הוּרֶערַייא אוּן אוֹיסְגֶעלַאסֶענְהֵייט
וָואס זֵייא הָאבֶּען בֶּעגַאנְגֶען.

יג 1 דִיזֶעס אִיז דָאס דְרִיטֶע מָאל אַז אִיךְ קוּם צוּ אֵייךְ. דוּרְךְ צְוַוייא אָדֶער
דְרֵייא עֵדוּת זָאל אִיטְלִיכֶעס וָוארְט בֶּעשְׁטֶעטִיגְט וֶוערֶען. 2 אִיךְ הָאבּ שׁוֹין
פָארְהֶער גֶעזָאגְט, אוּן פָארְהֶער זָאג אִיךְ, גְלֵייךְ וִויא אִיךְ בִּין בֵּייא אֵייךְ גֶעוֶועזֶען
צוּם צְווייטֶען מָאל, וֶוען אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אַוֶועק פוּן אֵייךְ, צוּ דִיא וָואס הָאבֶּען
פְרִיהֶער גֶעזִינְדִיגְט אוּן צוּ אַלֶע אִיבְּרִיגֶע, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל וִוידֶער אַמָאל
קוּמֶען וֶועל אִיךְ נִיט שְׁפָּארֶען; 3 ווייל אִיהְר זוּכְט אַ פְּרוּבֶּע אַז מָשִׁיחַ רֶעט אִין
מִיר, וֶועלְכֶער אִיז נִיט קֶעגֶען אֵייךְ שְׁוַואךְ נֵייעֶרְט אִיז מֶעכְטִיג צְוִוישֶׁען אֵייךְ.
4 וָוארִין עֶר אִיז אוֹיךְ אוֹיס שְׁוַאכְהֵייט גֶעקְרֵייצִיגְט גֶעוָוארֶען, אָבֶּער עֶר לֶעבְּט
דוּרְךְ דֶער קְרַאפְט פוּן גָאט. וָוארִין מִיר זֶענֶען אוֹיךְ שְׁוַואךְ אִין אִיהְם, אָבֶּער
מִיר וֶועלֶען מִיט אִיהְם לֶעבֶּען דוּרְךְ דֶער מַאכְט פוּן גָאט קֶעגֶען אֵייךְ.

5 פְּרִיפְט אֵייךְ זֶעלְבְּסְט אוֹיבּ אִיהְר זֶענְט אִים גְלוֹיבֶּען, רִיכְטֶעט אֵייךְ זֶעלְבְּסְט;
אָדֶער ווייסְט אִיהְר אוֹיךְ נִיט זֶעלְבְּסְט אַז יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אִיז אִין אֵייךְ? סֵיידֶען אִיהְר
טוֹיגְט נִיט. 6 אָבֶּער אִיךְ הָאף אַז אִיהְר וֶועט וִויסֶען אַז מִיר זֶענֶען קֵיינֶע
טוֹיגֶע נִיט. 7 נוּן מִיר בֶּעטֶען צוּ גָאט אַז אִיהְר זָאלְט קֵיין שְׁלֶעכְטֶעס טְהוּן,
נִיט אַז מִיר זָאלֶען אוֹיסְזֶעהֶען וִויא בֶּעווילִיגְט, נֵייעֶרְט אַז אִיהְר זָאלְט גוּטֶעס
טְהוּן, אוּן מִיר זָאלֶען זַיין וִויא דִיא וָואס טוֹיגֶען נִיט. 8 וָוארִין מִיר קֶענֶען
גָאר נִיט טְהוּן קֶעגֶען דֶער וָואהְרְהֵייט, נֵייעֶרְט פַאר דֶער וָואהְרְהֵייט. 9 וָוארִין
מִיר זֶענֶען פְרֶעהְלִיךְ, וֶוען מִיר זֶענֶען שְׁוַואךְ אוּן אִיהְר זֶענְט שְׁטַארְק; דָאס
וִוינְשֶׁען מִיר אוֹיךְ, אֵייעֶרֶע גַאנְצְהֵייט. 10 דְרוּם שְׁרֵייבּ אִיךְ דִיזֶע זַאכֶען וֶוען אִיךְ
בִּין אַוֶועק, אַז וֶוען אִיךְ בִּין בֵּייא אֵייךְ זָאל אִיךְ נִיט שַׁארְף זַיין נָאךְ דֶער מַאכְט
וָואס דֶער הַאר הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען צוּם אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן נִיט צוּם נִידֶערְרֵייסֶען.

1 דברים יט׳ טו׳.

11 צוּלֶעצְט, בְּרִידֶער, זַייט גֶעגְרִיסְט, זַייט פָאלְקָאמֶען, זַייט גֶעטְרַייסְט, הָאט אֵיי־
נֶערְלֵייא מֵיינוּנְג, זַייט פְרִידְלִיךְ; אוּן דֶער גָאט פוּן לִיבֶּע אוּן פוּן פְרִידֶען וֶועט
מִיט אֵייךְ זַיין. 12 גְרִיסְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען מִיט אַ הֵיילִיגֶען קִישׁ. 13 אַלֶע
הֵיילִיגֶע גְרִיסֶען אֵייךְ.
14 דִיא גְנָאד פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ, אוּן דִיא לִיבֶּע פוּן גָאט, אוּן דִיא
גֶעמֵיינְשַׁאפְט פוּן דֶעם הֵיילִיגֶען גֵייסְט זָאל מִיט אֵייךְ אַלֶע זַיין.

דֶער בְּרִיף פוּן דֶעם
אַפָּאסְטֶעל פּוּלוֹס צוּ דִיא גַאלַאטֶער.

---

1 פּוּלוֹס אֵיין אַפָּאסְטֶעל, נִיט פוּן מֶענְשֶׁען אוּן נִיט דוּרְךְ אַ מֶענְשֶׁען נֵייעֶרְט
דוּרְךְ יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ אוּן גָאט דֶעם פָאטֶער, וֶועלְכֶער הָאט אִיהְם אוֹיפְגֶעוֶועקְט
פוּן דִיא טוֹיטֶע, 2 אוּן אַלֶע בְּרִידֶער וֶועלְכֶע זֶענֶען מִיט מִיר, צוּ דִיא
קְהִלוֹת פוּן גַאלַאטְיָא, 3 גְנָאד צוּ אֵייךְ אוּן פְרִידֶען פוּן גָאט אוּנְזֶערֶען פָאטֶער
אוּן פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ; 4 וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ זֶעלְבְּסְט פַאר אוּנְזֶערֶע
זִינְד גֶעגֶעבֶּען, כְּדֵי עֶר זָאל אוּנְז מַצִיל זַיין פוּן דֶעם אִיצְטִיגֶען אִיבֶּעלֶען
צֵייטַאלְטֶער נָאךְ דֶעם ווִילֶען פוּן אוּנְזֶערֶען גָאט אוּן פָאטֶער, 5 צוּ וֶועלְכֶעם
זָאל זַיין דִיא הֶערְלִיכְקֵייט פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט; אָמֵן.
6 אִיךְ וְואוּנְדֶער מִיךְ אַז אִיהְר קֶעהְרְט אַזוֹי גֶעשְׁוִוינְד אָפּ פוּן אִיהְם וֶועלְכֶער
הָאט אֵייךְ בֶּערוּפֶען אִין דֶער גְנָאד פוּן מָשִׁיחַ, צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע בְּשׂוֹרָה טוֹבָה;
7 וֶועלְכֶע אִיז נִיט קֵיין אַנְדֶערֶע; אוֹיסֶער עֶס זֶענֶען דָא עֶטְלִיכֶע דִיא אֵייךְ פֶערְטוּ־
מֶעלֶען אוּן ווִילֶען פֶערְקֶעהְרֶען דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן דֶעם מָשִׁיחַ. 8 אָבֶּער
וֶוען אוֹיךְ מִיר, אָדֶער אַ מַלְאָךְ פוּן הִימֶעל זָאל צוּ אֵייךְ אֵיין אַנְדֶערֶע בְּשׂוֹרָה
טוֹבָה פְרֶעדִיגֶען אוֹיסֶער דִיא וֶועלְכֶע מִיר הָאבֶּען צוּ אֵייךְ גֶעפְּרֶעדִיגְט, דֶער
זָאל חֵרֶם זַיין. 9 גְלֵייךְ ווִיא מִיר הָאבֶּען פְרִיהֶער גֶעזָאגְט, אַזוֹי זָאג אִיךְ ווִידֶער
אִיצְט, וֶוען אֵיימִיצֶער צוּ אֵייךְ אֵיין אַנְדֶערֶע בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פְּרֶעדִיגְט אוֹיסֶער
דִיא וָואס אִיהְר הָאט אָנְגֶענוּמֶען, לָאז עֶר חֵרֶם זַיין. 10 וָוארִין אִיבֶּערְרֶעד אִיךְ
אִיצְט מֶענְשֶׁען אָדֶער גָאט? אָדֶער זוּךְ אִיךְ מֶענְשֶׁען צוּ גֶעפֶעלֶען? וֶוען אִיךְ
זָאל נָאךְ מֶענְשֶׁען גֶעפֶעלֶען וָואלְט אִיךְ נִיט גֶעוֶועזֶען אַ קְנֶעכְט פוּן מָשִׁיחַ.
11 וָוארִין אִיךְ לָאז אֵייךְ צוּ ווִיסֶען, בְּרִידֶער, דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה וֶועלְכֶע
אִיז פוּן מִיר גֶעפְּרֶעדִיגְט, אַז זִיא אִיז נִיט נָאךְ מֶענְשֶׁען; 12 וָוארִין אִיךְ
הָאבּ זִיא נִיט פוּן אַ מֶענְשֶׁען דֶערְהַאלְטֶען, אוֹיךְ נִיט גֶעלֶערְנְט, נֵייעֶרְט דוּרְךְ
אֵיין אַנְטְפְּלֶעקוּנְג פוּן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ. 13 וָוארִין אִיהְר הָאט גֶעהֶערְט ווִיא אִיךְ
הָאבּ פְרִיהֶער גֶעוַואנְדֶעלְט אִין דֶעם יוּדֶענְטְהוּם, אַז אִיךְ הָאבּ אִיבֶּער מָאס
דִיא קְהִלָה פוּן גָאט פֶערְפָאלְגְט, אוּן הָאבּ זִיא פֶערְווִיסְטֶעט; 14 אוּן אִיךְ

הָאבּ מֶעהְר צוּגֶענוּמֶען אִים יוּדֶענְטְהוּם וִויא פִּילֶע פוּן דִיא אִין מֵיינֶע
יָאהְרֶען צְווִישֶׁען מֵיין פָאלְק, ווייל אִיךְ בִּין זֶעהְר אֵייפְרִיג גֶעוֶוען פַאר דִיא
אִיבֶּערְלִיפֶערוּנְגֶען פוּן מֵיינֶע אָבוֹת. 15 אָבֶּער וֶוען עֶס הָאט גָאט גֶעפֶעלֶען,
וֶועלְכֶער הָאט מִיךְ אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֵיין מוּטֶערְס לֵייבּ, אוּן הָאט מִיךְ דוּרְךְ
זֵיינֶע גְנָאד גֶערוּפֶען, 16 זֵיין זוּהְן אִין מִיר צוּ אַנְטְפְּלֶעקֶען, אַז אִיךְ זָאל אִיהְם
צְווִישֶׁען דִיא גוֹיִם פְּרֶעדִיגֶען, גְלֵייךְ הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִיט מִיט פְלֵייש אוּן בְּלוּט
בֶּערָאטְהֶען, 17 אוֹיךְ בִּין אִיךְ נִיט קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִיא וֶועלְכֶע
זֶענֶען פָאר מִיר אַפָּאסְטֶעל גֶעוָוארֶען, נֵייעֶרְט אִיךְ בִּין אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען קֵיין
אַרַאבִּיעֶן, אוּן בִּין ווִידֶער קֵיין דַמֶשֶׂק צוּרִיקְגֶעקֶעהְרְט.
18 דַאן נָאךְ דְרֵייא יָאהְר בִּין אִיךְ קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, כֵּיפָא צוּ
בֶּעזוּכֶען, אוּן בִּין בֵּייא אִיהְם פִינְפְצֶעהְן טֶעג גֶעבְּלִיבֶּען. 19 אָבֶּער אִיךְ הָאבּ
קֵיין אַנְדֶערֶען פוּן דִיא אַפָּאסְטֶעל גֶעזֶעהֶען, אוֹיסֶער יַעֲקֹב דֶעם בְּרוּדֶער פוּן
דֶעם הַאר׳ן. 20 נוּן דִיא זַאכֶען וָואס אִיךְ שְׁרֵייבּ צוּ אֵייךְ, זֶעה, גָאט ווייסְט אַז
אִיךְ זָאג נִיט לִיגֶען. 21 דֶערְנָאךְ בִּין אִיךְ אִין דֶער גֶעגֶענְד פוּן סוּרְיָא אוּן
קִלִיקִיָא גֶעקוּמֶען. 22 אוּן אִיךְ בִּין אוּנְבֶּעקַאנְט גֶעוֶוען פָּנִים אֶל פָּנִים צוּ דִיא
קְהִלוֹת פוּן יְהוּדָה וָואס זֶענֶען אִין מָשִׁיחַ. 23 נוּר הָאבֶּען זֵייא גֶעהֶערְט אַז
דֶער וֶועלְכֶער הָאט אוּנְז פְרִיהֶער פֶערְפָאלְגְט פְּרֶעדִיגְט אִיצְט דֶעם גְלוֹיבֶּען וָואס
עֶר הָאט פְרִיהֶער צוּשְׁטֶערְט; 24 אוּן זֵייא הָאבֶּען אִין מִיר גָאט פֶערְהֶערְלִיכְט.
ב 1 דֶערְנָאךְ נָאךְ פִיעֶרְצֶעהְן יָאהְר בִּין אִיךְ ווִידֶער קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אַרוֹיפְגֶע־
גַאנְגֶען מִיט בַּרְנַבָּא, אוּן הָאבּ אוֹיךְ טִיטוּס מִיטְגֶענוּמֶען. 2 אוּן אִיךְ בִּין
אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען מַחֲמַת אֵיין אַנְטְפְּלֶעקוּנְג, אוּן הָאבּ זֵייא פָארְגֶעלֶעגְט דִיא
בְּשׂוֹרָה טוֹבָה וֶועלְכֶע אִיךְ פְּרֶעדִיג צְווִישֶׁען דִיא גוֹיִם, אָבֶּער בֶּעזוּנְדֶער צוּ
דִיא אָנְגֶעזֶעהֶענֶע לֵייט, כְּדֵי אִיךְ זָאל נִיט לוֹיפֶען אָדֶער בִּין גֶעלָאפֶען אוּמְזוּסְט.
3 אָבֶּער אֲפִילוּ נִיט טִיטוּס וֶועלְכֶער אִיז מִיט מִיר גֶעוֶוען, וֶוען אוֹיךְ אַ גְרֶעק, אִיז
גֶעצְוָואוּנְגֶען גֶעוָוארֶען בֶּעשְׁנִיטֶען צוּ וֶוערֶען; 4 אָבֶּער וֶועגֶען דִיא פַאלְשֶׁע בְּרִי־
דֶער, וָואס הָאבֶּען זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אַרֵיינְגֶעשְׁטִיפְּט, וֶועלְכֶע זֶענֶען אַרֵיינְגֶעקוּ־
מֶען אוֹיסְצוּשְׁפֶּעהֶען אוּנְזֶערֶע פְרֵייהֵייט וָואס מִיר הָאבֶּען אִין יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ,
כְּדֵי זֵייא זָאלֶען אוּנְז אִין קְנֶעכְטְשַׁאפְט בְּרֶענְגֶען; 5 צוּ וֶועלְכֶע מִיר הָאבֶּען
נִיט נָאכְגֶעגֶעבֶּען אוּנְטֶערְטֶענִיג צוּ זֵיין, אֲפִילוּ נִיט אַ שָׁעָה, כְּדֵי דִיא וָואהְר־
הֵייט פוּן דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה זָאל בֵּייא אֵייךְ בְּלֵייבֶּען. 6 אָבֶּער פוּן דִיא וָואס
הָאבֶּען אוֹיסְגֶעזֶעהֶען עֶפֶּעס צוּ זֵיין, ווִיא חָשׁוּב זֵייא זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען גֶעהְט
מִיךְ נִיט אָן, גָאט אִיז נִיט קֵיין נוֹשֵׂא פָּנִים; וָוארִין מִיר הָאבֶּען דִיא אָנְגֶעזֶע־
הֶענֶע גָאר נִיט מִיטְגֶעטְהֵיילְט, 7 נֵייעֶרְט אוּמְגֶעקֶעהְרְט, וֶוען זֵייא הָאבֶּען גֶעזֶע־
הֶען אַז מִיר אִיז אָנְפֶערְטְרוֹיעֶט דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פַאר דִיא עֲרֵלִים, גְלֵייךְ ווִיא צוּ
פֶּעטְרוּס דִיא צוּ דִיא בֶּעשְׁנִיטֶענֶע; 8 וָוארִין דֶער וֶועלְכֶער הָאט אִין פֶּעטְרוּס
גֶעווירְקְט צוּם שְׁלִיחוּת צוּ דִיא בֶּעשְׁנִיטֶענֶע, הָאט אוֹיךְ אִין מִיר גֶעווירְקְט צוּ
דִיא גוֹיִם. 9 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען אֵיינְגֶעזֶעהֶען דִיא גְנָאד וֶועלְכֶע אִיז מִיר
גֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען, הָאבֶּען יַעֲקֹב אוּן כֵּיפָא אוּן יוֹחָנָן, וֶועלְכֶע זֶענֶען אַלְס

זַיילֶען אָנְגֶעזֶעהֶען, דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד דֶער גֶעמֵיינְשַׁאפְט צוּ מִיר אוּן בַּרְנַבָּא
גֶעגֶעבֶּען, אַז מִיר זָאלֶען צוּ דִיא גוֹיִם גֶעהֶען, אוּן זַייא צוּ דִיא בֶּעשְׁנִיטֶענֶע;
10 נוּר אַז מִיר זָאלֶען גֶעדֶענְקֶען אָן דִיא אָרְמֶע לַייט, וָאס אִיךְ הָאבּ מִיךְ
זֶעלְבְּסְט בֶּעפְּלֵייסִיגְט צוּ טְהוּן.
11 אָבֶּער וֶוען פֶּעטְרוּס אִיז קֵיין אַנְטִיוֹכְיָא גֶעקוּמֶען, בִּין אִיךְ אִיהְם פָּנִים אֶל
פָּנִים ווִידֶערְשְׁטַאנֶען, ווַייל עֶר אִיז פֶערְשׁוּלְדִיגְט גֶעוֶוען. 12 וָוארִין אֵיידֶער עֶטְלִיכֶע
לֵייט פוּן יַעֲקֹב זֶענֶען גֶעקוּמֶען, הָאט עֶר מִיט דִיא גוֹיִם גֶעגֶעסֶען; אָבֶּער וֶוען
זַייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעצוֹיגֶען אוּן הָאט זִיךְ פוּן זַייא
אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט, ווַייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פַאר דִיא בֶּעשְׁנִיטֶענֶע. 13 אוּן
אַפִילוּ דִיא אִיבְּרִיגֶע יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ מִיט אִיהְם פֶערְשְׁטֶעלְט, אַזוֹי אַז
בַּרְנַבָּא אִיז אוֹיךְ דוּרְךְ זֵייעֶרֶע הֵייכְלֶערַייא פֶערְפִיהְרְט גֶעוָוארֶען.
14 אָבֶּער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען אַז זַייא הָאבֶּען נִיט אוֹיפְרִיכְטִיג גֶעוַואנְדֶעלְט
נָאךְ דֶער וָואהְרְהֵייט פוּן דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה, הָאבּ אִיךְ צוּ פֶּעטְרוּס פָאר אַלֶע
גֶעזָאגְט, וֶוען דוּא דֶער בִּיסְט אַ יוּד לֶעבְּסְט גוֹאִישׁ אוּן נִיט יוּדִישׁ, ווִיא
צְווִינְגְּסְט דוּא דִיא גוֹיִם יוּדִישׁ צוּ לֶעבֶּען? 15 מִיר וָאס זֶענֶען יוּדֶען פוּן נַאטוּר
אוּן נִיט זִינְדֶער פוּן דִיא גוֹיִם, 16 דָאךְ ווִיסֶען מִיר אַז אַ מֶענְשׁ אִיז נִיט
גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט דוּרְךְ דִיא וֶוערְק פוּן דֶעם גֶעזֶעץ, נֵייעֶרְט דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען
אָן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, הָאבֶּען מִיר אַפִילוּ אָן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ גֶעגְלוֹיבְּט, כְּדֵי מִיר
זָאלֶען גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט ווֶערֶען דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען אָן מָשִׁיחַ אוּן נִיט דוּרְךְ
דִיא וֶוערְק פוּן דֶעם גֶעזֶעץ, וָוארִין דוּרְךְ דִיא וֶוערְק פוּן דֶעם גֶעזֶעץ וֶועט קֵיין
פְלֵיישׁ גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט ווֶערֶען. 17 אָבֶּער וֶוען, אִינְדֶעם מִיר זוּכֶען גֶערֶעכְטְ-
פֶערְטִיגְט צוּ ווֶערֶען אִין מָשִׁיחַ, זֶענֶען מִיר זֶעלְבְּסְט אוֹיךְ זִינְדֶער גֶעפִינֶען,
אִיז דֶען מָשִׁיחַ אַ דִינֶער פוּן זִינְד? חָלִילָה. 18 וָוארִין וֶוען אִיךְ ווִידֶער
אוֹיפְבּוֹיעֶ דִיא זַאכֶען וָאס אִיךְ הָאבּ אֵיינְגֶעוָוארְפֶען, אַזוֹי בֶּעווַייז אִיךְ מִיךְ
זֶעלְבְּסְט אַלְס אֵיין אִיבֶּערְטְרֶעטֶער. 19 וָוארִין דוּרְךְ דֶער תּוֹרָה בִּין אִיךְ צוּ דֶער
תּוֹרָה גֶעשְׁטָארְבֶּען, כְּדֵי אִיךְ זָאל צוּ גָאט לֶעבֶּען. 20 אִיךְ בִּין מִיט מָשִׁיחַ
גֶעקְרֵייצִיגְט, דָאךְ לֶעבּ אִיךְ, אָבֶּער נִיט מֶעהְר אִיךְ, נֵייעֶרְט מָשִׁיחַ לֶעבְּט אִין
מִיר; אוּן וָאס אִיךְ לֶעבּ אַצוּנְד אִין דֶעם פְלֵיישׁ, דָאס לֶעבּ אִיךְ דוּרְךְ דֶעם
גְלוֹיבֶּען אָן דֶעם זוּהְן פוּן גָאט, וֶועלְכֶער הָאט מִיךְ גֶעלִיבְּט אוּן הָאט זִיךְ זֶעלְבְּסְט
פַאר מִיר אָפְּגֶעגֶעבֶּען. 21 אִיךְ מַאךְ נִיט זִיךְ דִיא גְנָאד פוּן גָאט בָּטֵל; וָוארִין וֶוען
דִיא גֶערֶעכְטִיגְקֵייט אִיז דוּרְךְ דֶער תּוֹרָה, אַזוֹי אִיז מָשִׁיחַ אוּמְזוּסְט גֶעשְׁטָארְבֶּען.
ג 1 אָ נַארִישֶׁע גַאלַאטֶער, וֶוער הָאט אֵייךְ בֶּעצוֹיבֶּערְט, צוּ וֶועלְכֶע יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ
אִיז פָאר דִיא אוֹיגֶען פָארְגֶעצֵייכֶענְט גֶעוָוארֶען, אַלְס גֶעקְרֵייצִיגְט? 2 דָאס נוּר
ווִיל אִיךְ פוּן אֵייךְ לֶערְנֶען, הָאט אִיהְר דֶעם גֵייסְט בֶּעקוּמֶען דוּרְךְ דִיא וֶוערְק
פוּן דֶעם גֶעזֶעץ אָדֶער דוּרְךְ דֶעם הֶערֶען פוּן גְלוֹיבֶּען? 3 זֶענְט אִיהְר אַזוֹי
נַארִישׁ? וֶוען אִיהְר הָאט אִים גֵייסְט אָנְגֶעהוֹיבֶּען, עֶנְדִיגְט אִיהְר אִיצְט אִים
פְלֵיישׁ? 4 הָאט אִיהְר אַזוֹי פִיל אוּמְזוּסְט גֶעלִיטֶען? וֶוען ווִירְקְלִיךְ עֶס אִיז

16 תהלים קמג׳ ב׳.

אומזוסט. 5 דער דען װעלכער דערלאנגט אײך דעם גײסט און װירקט װאונ־
דער צװישען אײך, טהוט ער עס דורך דיא װערק פון דעם געזעץ, אָדער
דורך דעם העהרען פון גלױבען? 6 גלײך װיא אַבְרָהָם האט גאט געגלױבט,
און עס איז איהם צוגערעכענט געװאָרען אלס גערעכטיגקײט.
7 דרום זאָלט איהר װיסען אַז דיא װאָס זענען פון גלױבען דיזע זענען דיא
קינדער פון אַבְרָהָם. 8 אָבער דיא שריפט האט פאָראױס געזעהען אַז דורך
גלױבען װעט גאט דיא גוים רעכטפערטיגען, און האט פאָראױס געפּרעדיגט
דיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה צו אַבְרָהָם, אין דיר װעלען אַלע פעלקער געבענשט װערען.
9 אַזױ דען דיא װעלכע זענען פון גלױבען זענען געבענשט מיט דעם גלױבי־
גען אַבְרָהָם. 10 װאָרין אַזױ פיל װאָס זענען פון דיא װערק פון דעם געזעץ,
דיא זענען אונטער דעם פלוך; װאָרין עס שטעהט געשריבען, פערפלוכט איז
איטליכער װאָס בלײבט ניט אין אַלע װאָס זענען אים סֵפֶר תּוֹרָה געשריבען,
זײא צו טהון. 11 אָבער אַז קײנער איז בײא גאט גערעכטפערטיגט דורך דעם
געזעץ איז קלאָר, װאָרין דער גערעכטער װעט דורך דעם גלױבען לעבען.
12 און דאס געזעץ איז ניט פון גלױבען, נײערט דער װעלכער זײא טהוט װעט
אין זײא לעבען. 13 מָשִׁיחַ האט אונז אױסגעלעזט פון דעם פלוך פון דעם
געזעץ, אינדעם ער איז אַ פלוך פאַר אונז געװאָרען, װאָרין עס שטעהט
געשריבען, פערפלוכט איז איטליכער װאָס הענגט אױף אַ בױם; 14 כְּדֵי דיא
בְּרָכָה פון אַבְרָהָם זאָל אױף דיא גוים קומען דורך יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, כְּדֵי מיר
זאָלען דיא הַבְטָחָה פון דעם גײסט דורך דעם גלױבען דערהאַלטען.
15 ברידער, איך רעד מענשליך. אַ בּוּנְד װען ער איז אױך נור פון אַ מענ־
שען, דאָך װען ער איז בעשטעטיגט, מאַכט קײנער איהם אונגילטיג אָדער טהוט
עפּעס דערצו. 16 נון זענען דיא הַבְטָחוֹת געזאָגט געװאָרען צו אַבְרָהָם און צו
זײן זאָמען. ער זאָגט ניט, און צו דיא זאָמען, װיא פון פילע, נײערט װיא
פון אײנעם, און צו דײן זאָמען, דאס איז דער מָשִׁיחַ. 17 און דאס זאָג איך,
אַ בּוּנְד װעלכער איז פון גאט פריהער בעשטעטיגט געװאָרען, קען דיא תּוֹרָה,
װעלכע איז געװען פיער הונדערט און דרײסיג יאָהר דערנאָך, ניט צושטערען,
אַז זיא זאָל דיא הַבְטָחָה בָּטֵל מאַכען. 18 װאָרין װען דיא יְרוּשָּׁה איז דורך דער
תּוֹרָה, אַזױ איז עס ניט מעהר דורך דער הַבְטָחָה; אָבער גאט האט זיא אױס
גנאָד צו אַבְרָהָם געגעבען דורך דער הַבְטָחָה. 19 צו װאָס דען איז דיא תּוֹרָה?
זיא איז צוגעזעצט געװאָרען װעגען דער איבערטרעטונג, ביז דער זאָמען װעט
קומען צו דעם דיא הַבְטָחָה איז געגעבען, און זיא איז דורך מַלְאָכִים
פעראָרדנעט געװאָרען אין דער האַנד פון אַ פערמיטלער. 20 נון דער פער־
מיטלער איז ניט פון אײנעם, אָבער גאט איז אײנער. 21 איז דען דיא תּוֹרָה
קעגען דיא הַבְטָחוֹת פון גאט? חָלִילָה. װאָרין װען אַ געזעץ װאָלט געגעבען
געװאָרען װעלכעס קען לעבען געבען, אַזױ װאָלט װירקליך געװען דיא גערעכ־

6 בראשית טו׳ ו׳, 8 בראשית יב׳ ג׳, 10 דברים כז׳ כו׳,
11 חבקוק ב׳ ד׳, 12 ויקרא יח׳ ה׳, 13 דברים כא׳ כג׳, 16 בראשית יג׳ טו׳,

טִיגְקֵייט דוּרְךְ דֶעם גֶעזֶעץ. 22 אָבֶּער דִיא שְׁרִיפְט הָאט אַלֶע אוּנְטֶער זִינְד אֵיינְ־
גֶעשְׁלָאסֶען, כְּדֵי דִיא הַבְטָחָה דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען אָן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ זָאל גֶעגֶעבֶּען
וֶוערֶען צוּ דִיא וָואס גְלוֹיבֶּען.
23 אָבֶּער אֵיידֶער דֶער גְלוֹיבֶּען אִיז גֶעקוּמֶען, זֶענֶען מִיר אִין פֶערְוָואהְרוּנְג אוּנְטֶער
דֶער תּוֹרָה גֶעהַאלְטֶען גֶעוָוארֶען, אֵיינְגֶעשְׁלָאסֶען צוּ דֶעם גְלוֹיבֶּען, וֶועלְכֶער זָאלְט
דֶערְנָאךְ אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען. 24 אַזוֹי דֶען אִיז דִיא תּוֹרָה אוּנְזֶער בֶּעהֶעלְפֶער צוּ
מָשִׁיחַ גֶעוָוארֶען, כְּדֵי מִיר זָאלֶען דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט וֶוערֶען;
25 אָבֶּער וֶוען דֶער גְלוֹיבֶּען אִיז גֶעקוּמֶען, אַזוֹי זֶענֶען מִיר נִיט מֶעהְר אוּנְטֶער אַ
בֶּעהֶעלְפֶער. 26 וָוארִין אִיהְר זֶענְט אַלֶע זִיהְן פוּן גָאט דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען אָן
יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ; 27 וָוארִין אַזוֹי פִילֶע פוּן אֵייךְ וָואס זֶענֶען צוּם מָשִׁיחַ גֶעטוֹבֶלְט
גֶעוָוארֶען, דִיא הָאבֶּען מָשִׁיחַ אָנְגֶעטְהוּן. 28 עֶס אִיז נִיט דָא יוּד אָדֶער גְרֶעק,
עֶס אִיז נִיט דָא קְנֶעכְט אָדֶער פְרֵייעֶר, עֶס אִיז נִיט דָא זָכָר אָדֶער נְקֵבָה;
וָוארִין אִיהְר זֶענְט אַלֶע אֵיינְס אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. 29 אוּן וֶוען אִיהְר גֶעהֶערְט צוּ
מָשִׁיחַ, אַזוֹי זֶענְט אִיהְר דֶער זָאמֶען פוּן אַבְרָהָם אוּן יוֹרְשִׁים נָאךְ דֶער הַבְטָחָה.
ד 1 נוּן זָאג אִיךְ כָּל זְמַן דֶער יוֹרֵשׁ אִיז אַ קִינְד אִיז קֵיין אוּנְטֶערְשִׁיד צְוִוישֶׁען
אִיהְם אוּן אַ קְנֶעכְט, חָאטְשֶׁע עֶר אִיז דֶער הֶערְר פוּן אַלֶעם, 2 נֵייעֶרְט עֶר אִיז
אוּנְטֶער פֶערְוַואלְטֶער אוּן הוֹיזְהַאלְטֶער, בִּיז צוּ דֶער צֵייט וָואס זַיין פָאטֶער
הָאט בֶּעשְׁטִימְט. 3 אַזוֹי מִיר אוֹיךְ, וֶוען מִיר זֶענֶען קִינְדֶער גֶעוֶועזֶען, זֶענֶען
מִיר קְנֶעכְט גֶעמַאכְט אוּנְטֶער דִיא יְסוֹדוֹת פוּן דֶער וֶועלְט. 4 אָבֶּער וֶוען דִיא
דֶערְפִילְטֶע צֵייט אִיז גֶעקוּמֶען, הָאט גָאט זַיין זוּהְן אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט דֶער אִיז פוּן
אַ פְרוֹיא גֶעבּוֹירֶען, אוּן אִיז אוּנְטֶער דֶער תּוֹרָה גֶעוָוארֶען, 5 כְּדֵי עֶר זָאל
אוֹיסְלֶעזֶען דִיא וָואס זֶענֶען אוּנְטֶער דֶער תּוֹרָה, כְּדֵי מִיר זָאלֶען דִיא
קִינְדְשַׁאפְט דֶערְהַאלְטֶען. 6 אוּן ווייל אִיהְר זֶענְט זִיהְן הָאט גָאט גֶעשִׁיקְט דֶעם
גֵייסְט פוּן זַיין זוּהְן אִין אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער, דֶער רוּפְט, אַבָּא פָאטֶער. 7 אַזוֹי
דֶען דוּא בִּיסְט נִיט מֶעהְר אַ קְנֶעכְט נֵייעֶרְט אַ זוּהְן; אוּן וֶוען אַ זוּהְן בִּיסְט
דוּא אוֹיךְ אַ יוֹרֵשׁ דוּרְךְ גָאט.

8 אָבֶּער דַאן וֶוען אִיהְר הָאט גָאט נִיט גֶעקֶענְט, הָאט אִיהְר גֶעדִינְט דִיא
וָואס פוּן דֶער נַאטוּר זֶענֶען נִיט גֶעטֶער; 9 אָבֶּער אַצוּנְד וֶוען אִיהְר הָאט גָאט
דֶערְקֶענְט, אָדֶער לִיבֶּער זֶענְט פוּן אִיהְם דֶערְקֶענְט, וִויא אַזוֹי קֶעהְרְט אִיהְר
ווִידֶער צוּרִיק צוּ דִיא שְׁוַואכֶע אוּן אָרְמֶע יְסוֹדוֹת וֶועלְכֶע אִיהְר ווִילְט ווִידֶער
אַמָאל דִינֶען? 10 אִיהְר הַאלְט טֶעג אוּן חֳדָשִׁים אוּן צֵייטֶען אוּן יָאהְר. 11 אִיךְ
הָאבּ מוֹרָא וֶועגֶען אֵייךְ, טָאמֶער אִיךְ הָאבּ אוּמְזוּסְט וֶועגֶען אֵייךְ גֶעאַרְבֶּייט.
12 בְּרִידֶער, אִיךְ בֶּעט אֵייךְ, זַייט אַזוֹי ווִיא אִיךְ בִּין, וָוארִין אִיךְ בִּין אַזוֹי
ווִיא אִיהְר. אִיהְר הָאט מִיר קֵיין אוּנְרֶעכְט נִיט גֶעטְהוּן. 13 אָבֶּער אִיהְר
ווייסְט אַז דוּרְךְ אַ שְׁוַואכְהֵייט פוּן דֶעם פְלֵייש הָאבּ אִיךְ צוּ אֵייךְ צוּעֶרְשְׁט
דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה גֶעפְּרֶעדִיגְט; 14 אוּן אֵייעֶרֶע פְּרִיפוּנְג וָואס אִיז גֶעוֶועזֶען
אִין מֵיין פְלֵייש הָאט אִיהְר נִיט פֶערְשֶׁעהְמְט אוּן נִיט פֶערְוָוארְפֶען, נֵייעֶרְט אִיהְר
הָאט מִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען ווִיא אַ מַלְאָךְ פוּן גָאט, ווִיא יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. 15 וָואוּ

אִיז דֶען יֶענֶע גְלִיקְזֶעלִיגְקֵייט פוּן אֵייךְ זֶעלְבְּסְט? וָוארִין אִיךְ זָאג אֵייךְ עֵדוּת,
אַז וֶוען עֶס וָואלְט מֶעגְלִיךְ זַיין, וָואלְט אִיהְר אֵייעֶרֶע אוֹיגֶען אוֹיסְגֶערִיסֶען אוּן
וָואלְט זֵייא מִיר גֶעגֶעבֶּען. 16 אַזוֹי דֶען בִּין אִיךְ אֵייעֶר פֵיינְד גֶעוָוארֶען ווייל
אִיךְ זָאג אֵייךְ דִיא וָואהְרְהֵייט? 17 זֵייא זֶענֶען אֵייפְרִיג וֶועגֶען אֵייךְ, אָבֶּער נִיט
גוּט, נֵייעֶרְט זֵייא ווִילֶען אֵייךְ אוֹיסְשְׁלִיסֶען כְּדֵי אִיהְר זָאלְט וֶועגֶען זֵייא אֵייפְרִיג
וֶוערֶען. 18 אָבֶּער עֶס אִיז גוּט בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִין אַ גוּטֶע זַאךְ אֵייפְרִיג צוּ זַיין,
אוּן נִיט נוּר וֶוען אִיךְ בִּין בֵּייא אֵייךְ, 19 מֵיינֶע קִינְדֶער, מִיט וֶועלְכֶע אִיךְ הָאבּ
ווִידֶער אַמָאל גֶעבּוּרְטְסְוֶועהֶען, בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט אִין אֵייךְ גֶעבִּילְדֶעט וֶוערֶען.
20 אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעוְואוּנְשְׁט בֵּייא אֵייךְ אַצוּנְד צוּ זַיין, אוּן מֵיין קוֹל צוּ פֶערְ־
עֶנְדֶערְן, וָוארִין אִיךְ בִּין וֶועגֶען אֵייךְ פֶערְטוּמֶעלְט.
21 זָאגְט מִיר, אִיהְר וָואס ווִילְט אוּנְטֶער דֶעם גֶעזֶעץ זַיין, הֶערְט אִיהְר נִיט
דָאס גֶעזֶעץ? 22 וָוארִין עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען אַז אַבְרָהָם הָאט צְווייא זִיהְן
גֶעהַאט, אֵיינֶעם פוּן דֶער דִינְסְט אוּן אֵיינֶעם פוּן דִיא פְרֵייעֶ פְרוֹיא. 23 אָבֶּער
דֶער פוּן דֶער דִינְסְט אִיז נָאךְ דֶעם פְלֵייש גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען, אָבֶּער דֶער פוּן
דִיא פְרֵייעֶ פְרוֹיא דוּרְךְ דֶער הַבְטָחָה. 24 אוּן דִיזֶע זַאכֶען זֶענֶען אַ מָשָׁל; וָוארִין
דִיזֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען צְווייא בּוּנְדֶען, אֵיינֶער פוּן דֶעם בַּארְג סִינַי, וָואס גֶעווִינְט
קִינְדֶער צוּ קְנֶעכְטְשַׁאפְט, וָואס אִיז הָגָר. 25 נוּן הָגָר אִיז דֶער בַּארְג סִינַי אִין
אַרַאבִּיעֶן; אוּן זִיא אִיז גְלֵייךְ צוּם אִיצְטִיגֶען יְרוּשָׁלַיִם, וָוארִין זִיא אִיז אִין קְנֶעכְטְ־
שַׁאפְט מִיט אִיהְרֶע קִינְדֶער. 26 אָבֶּער יְרוּשָׁלַיִם וָואס אִיז אוֹיבֶּען אִיז פְרֵייא, וָואס
אִיז אוּנְזֶערֶע מוּטֶער. 27 וָוארִין עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען
זֵייא פְרֶעהְלִיךְ דוּא עֲקָרָה וֶועלְכֶע גֶעווִינְט נִיט;
רוּף אוֹיס אוּן שְׁרֵייא דוּא וָואס הָאסְט קֵיינֶע גֶעבּוּרְטְסְוֶועהֶען נִיט;
וָוארִין דִיא קִינְדֶער פוּן דִיא פֶערְווִיסְטֶע פְרוֹיא זֶענֶען מֶעהְר ווִיא
דִיא קִינְדֶער פוּן דֶער וָואס הָאט אַ מַאן.
28 נוּן מִיר, בְּרִידֶער, זֶענֶען דִיא קִינְדֶער פוּן דֶער הַבְטָחָה, אַזוֹי ווִיא יִצְחָק.
29 אָבֶּער גְלֵייךְ ווִיא דַאן, דֶער וָואס אִיז נָאךְ דֶעם פְלֵייש גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען
הָאט פֶערְפָאלְגְט דֶעם נָאךְ דֶעם גֵייסְט, אַזוֹי אִיז עֶס אוֹיךְ אַצוּנְד. 30 אָבֶּער
וָואס זָאגְט דִיא שְׁרִיפְט? טְרֵייבּ אַרוֹיס דִיא דִינְסְט אוּן אִיהְרֶען זוּהְן, וָוארִין
דֶער זוּהְן פוּן דֶער דִינְסְט זָאל נִיט יַרְשֶׁענֶען מִיט דֶעם זוּהְן פוּן דִיא פְרֵייעֶ
פְרוֹיא. 31 דְרוּם בְּרִידֶער, זֶענֶען מִיר נִיט דִיא קִינְדֶער פוּן אַ דִינְסְט נֵייעֶרְט
ה פוּן דִיא פְרֵייעֶ פְרוֹיא. 1 מִיט פְרֵייהֵייט הָאט מָשִׁיחַ אוּנְז בֶּעפְרֵייעֶט; דְרוּם
שְׁטֶעהְט פֶעסְט אוּן פֶערְשְׁטְרִיקְט אֵייךְ נִיט ווִידֶער מִיט דֶעם יָאךְ פוּן קְנֶעכְטְשַׁאפְט.
2 זֶעה, אִיךְ פּוֹלוֹס זָאג אֵייךְ, אַז וֶוען אִיהְר וֶועט בֶּעשְׁנֵיטֶען וֶוערֶען וֶועט
אֵייךְ מָשִׁיחַ גָאר נִיט נוּצֶען. 3 אוּן אִיךְ בֶּעצֵייג ווִידֶער צוּ אִיטְלִיכֶעם וָואס וֶועט
בֶּעשְׁנֵיטֶען, אַז עֶר אִיז שׁוּלְדִיג דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה צוּ הַאלְטֶען. 4 אִיהְר זֶענְט
אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מָשִׁיחַ וָואס אִיהְר גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט אֵייךְ דוּרְךְ דֶער תּוֹרָה,
אִיהְר זֶענְט פוּן דֶער גְנָאד גֶעפַאלֶען. 5 וָוארִין דוּרְךְ דֶעם גֵייסְט וַוארְטֶען מִיר

27 ישעיה נד׳ א׳. 30 בראשית כא׳ י׳

אויף דֶער הָאפְנוּנְג פוּן גֶערֶעכְטִיגְקֵייט דוּרְךְ דֶעם גְלוֹיבֶּען. 6 וָוארִין אִין יֵשׁוּעַ
הַמָּשִׁיחַ אִיז דִיא בֶּעשְׁנֵיידוּנְג גָאר נִיט, אוֹיךְ נִיט דִיא עָרְלָה, נֵייעֶרְט דֶער
גְלוֹיבֶּען וָואס ווִירְקְט דוּרְךְ לִיבֶּע. 7 אִיהְר זֶענְט גוּט גֶעלָאפֶען; וֶוער הָאט
אֵייךְ גֶעהִינְדֶערְט אַז אִיהְר זָאלְט דֶער וָואהְרְהֵייט נִיט גֶעהָארְכֶען? 8 דִיזֶע
אִיבֶּערְרֶעדוּנְג אִיז נִיט פוּן אִיהְם דֶער הָאט אֵייךְ גֶערוּפֶען. 9 אַבִּיסֶעל זוֹיעֶרְ־
טֵייג פֶערְזוֹיעֶרְט דֶעם גַאנְצֶען טֵייג. 10 אִיךְ הָאבּ דָאס פֶערְטְרוֹיעֶן אִין דֶעם
האר׳ן וֶוענֶען אֵייךְ, אַז אִיהְר וֶועט נִיט אַנְדֶערְשׁ דֶענְקֶען; אָבֶּער דֶער וָואס
בֶּעטְרִיבְּט אֵייךְ וֶועט זַיין מִשְׁפָּט לֵיידֶען, זַייא עֶר וֶוער עֶר ווִיל. 11 אָבֶּער אִיךְ,
בְּרִידֶער, וֶוען אִיךְ נָאךְ פְּרֶעדִיג בֶּעשְׁנֵיידוּנְג, וָוארוּם בִּין אִיךְ נָאךְ פֶערְ־
פָאלְגְט? אַזוֹי דֶען אִיז דִיא שְׁטְרוֹיכְלוּנְג פוּן דֶעם קְרֵייץ אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט.
12 הַלְוַאי וָואלְטֶען דִיא וָואס פֶערְשְׁטֶערֶען אֵייךְ פֶערְשְׁנִיטֶען וֶוערֶען.
13 וָוארִין, בְּרִידֶער, אִיהְר זֶענְט צוּ פְרֵייהֵייט בֶּערוּפֶען גֶעוָוארֶען; נוּר בֶּענוּצְט
נִיט דִיא פְרֵייהֵייט אַלְס גֶעלֶעגֶענְהֵייט צוּם פְלֵיישׁ, נֵייעֶרְט דִינְט אֵיינֶער
דֶעם אַנְדֶערֶען דוּרְךְ דֶער לִיבֶּע. 14 וָוארִין דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז אִין אֵיינֶעם
וָוארְט דֶערְפִילְט, דוּא זָאלְסְט דֵיין גֶעזֶעלֶען לִיבֶּען ווִיא דִיךְ זֶעלְבְּסְט. 15 אָבֶּער
וֶוען אִיהְר בֵּייסְט אוּן פֶערְצֶעהְרְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען, גִיבְּט אַכְטוּנְג אַז
אִיהְר זָאלְט נִיט אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערֶען אוֹיפְגֶעצֶעהְרְט וֶוערֶען.
16 אָבֶּער אִיךְ זָאג, וַואנְדֶעלְט דוּרְךְ דֶעם גֵייסְט, אוּן אִיהְר וֶועט נִיט אוֹיסְ־
פִיהְרֶען דָאס גְלוּסְטֶען פוּן דֶעם פְלֵיישׁ. 17 וָוארִין דָאס פְלֵיישׁ גְלִיסְט קֶעגֶען
דֶעם גֵייסְט, אוּן דֶער גֵייסְט קֶעגֶען דֶעם פְלֵיישׁ, וַוארִין דִיזֶע זֶענֶען זִיךְ קֶעגֶען
אֵיינַאנְדֶער, אַזוֹי אַז אִיהְר טְהוּט נִיט דִיא זַאכֶען וָואס אִיהְר ווִילְט. 18 אָבֶּער
וֶוען אִיהְר זֶענְט פוּן דֶעם גֵייסְט גֶעפִיהְרְט, אַזוֹי זֶענְט אִיהְר נִיט אוּנְטֶערְוָוארְפֶען
צוּ דֶעם גֶעזֶעץ. 19 נוּן דִיא וֶוערְק פוּן דֶעם פְלֵיישׁ זֶענֶען בֶּעקַאנְט, וָואס זֶענֶען
אַזֶעלְכֶע ווִיא זְנוּת, אוּנְרֵיינִיגְקֵייט, אוֹיסְגֶעלָאסֶענְהֵייט, 20 אָפְּגֶעטֶערֵייא, כִּישׁוּף,
פֵיינְדְשַׁאפְט, שְׁטְרֵייט, קִנְאָה, צָארְן, קְרִיג, מַחְלוֹקֶת, כִּתּוֹת, 21 נֵייד, זוֹיפֶען,
פְרֶעסֶען, אוּן גְלֵייכֶדֶעם. דֶערְפוּן זָאג אִיךְ אֵייךְ אִים פָארְאוֹיס, אַזוֹי ווִיא אִיךְ
הָאבּ אֵייךְ פְרִיהֶער גֶעזָאגְט, אַז דִיא וָואס טְהוּן אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וֶועלֶען נִיט יַרְשֶׁענֶען
דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט. 22 אָבֶּער דִיא פְרוּכְט פוּן דֶעם גֵייסְט אִיז לִיבֶּע, פְרֵייד,
פְרִידֶען, גֶעדוּלְד, פְרֵיינְדְשַׁאפְט, גִיטִיגְקֵייט, גְלוֹיבֶּען, 23 זַאנְפְטְמִיטִיגְקֵייט, עֶנְטְ־
הַאלְטְזַאמְקֵייט; קֶעגֶען אַזֶעלְכֶע זַאכֶען אִיז נִיט קֵיין גֶעזֶעץ. 24 אוּן דִיא וָואס גֶעהֶערֶען
צוּ מָשִׁיחַ הָאבֶּען גֶעקְרֵייצִיגְט דָאס פְלֵיישׁ מִיט דִיא בֶּעגֶעהְרֶען אוּן גְלִיסְטֶען.
25 וֶוען מִיר לֶעבֶּען דוּרְךְ דֶעם גֵייסְט, לָאזֶען מִיר אוֹיךְ וַואנְדֶלֶען דוּרְךְ דֶעם
גֵייסְט. 26 לָאזֶען מִיר נִיט לֶעדִיגֶען כָּבוֹד זוּכֶען, אוּן לָאזֶען מִיר נִיט אֵיינֶער
דֶעם אַנְדֶערֶען דֶערְצֶערְנֶען אוּן מְקַנֵא זַיין.
ו 1 בְּרִידֶער, וָוען אוֹיךְ אַ מֶענְשׁ וֶועט אִין אַ פֶעהְלֶער אַרֵיינְפַאלֶען, אִיהְר וָואס
זֶענְט גֵייסְטְלִיךְ שְׁטֶעלְט אַזֶעלְכֶען צוּרֶעכְט מִיט אַ זַאנְפְטְמִיטִיגֶען גֵייסְט; אוּן
הִיט דִיךְ אַלֵיין כְּדֵי דוּא זָאלְסְט אוֹיךְ נִיט גֶעפְּרִיפְט וֶוערֶען. 2 טְרָאגְט דִיא

14. ויקרא יט׳ יח׳.

לַאסְט אֵייגֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערֶען, אוּן אַזוי דֶערְפִּילְט דָאס גֶעזֶעץ פוּן מָשִׁיחַ.
3 וָוארִין וֶוען אֵיימִיצֶער דֶענְקְט אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס, וֶוען עֶר אִיז גָאר נִיט,
בֶּעטְרִיגְט עֶר זִיךְ זֶעלְבְּסְט. 4 אָבֶּער לָאז אִיטְלִיכֶער זַיין אֵייגֶענֶעם וֶוערְק פְּרִי־
פֶען, אוּן אַזוי וֶועט עֶר הָאבֶּען זַיין רִיהְמֶען פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן נִיט פַאר דֶעם
אַנְדֶערֶען. 5 וָוארִין אִיטְלִיכֶער וֶועט טְרָאגֶען זַיינֶע אֵייגֶענֶע לַאסְט.
6 אָבֶּער לָאז דֶער וָואס אִיז גֶעלֶעהְרְט אִין דֶעם וָוארְט אִין חַבְרוּתָא זַיין
מִיט דֶעם וָואס לֶעהְרְט אִין אַלֶע גוּטֶע זַאכֶען. 7 זַייט נִיט פֶערְפִיהְרְט; גָאט אִיז
נִיט אוֹיסְגֶעשְׁפֶּעט; וָוארִין וָואס אַ מֶענְשׁ זַייעֶט דָאס וֶועט עֶר אוֹיךְ אֵיינְזַאמְלֶען.
8 וָוארִין דֶער וָואס זַייעֶט צוּ זַיין פְלֵיישׁ וֶועט פוּן דֶעם פְלֵיישׁ אֵיינְזַאמְלֶען
פֶערְדַארְבְּנִיס, אוּן דֶער וָואס זַייעֶט צוּ דֶעם גֵייסְט וֶועט פוּן דֶעם גֵייסְט
אֵיינְזַאמְלֶען עֶבִּיגֶעס לֶעבֶּען. 9 אוּן לָאזֶען מִיר נִיט מִיד וֶוערֶען גוּטֶעס צוּ
טְהוּן; וָוארִין צוּ דִיא רֶעכְטֶע צַייט וֶועלֶען מִיר אֵיינְזַאמְלֶען, וֶוען מִיר וֶועלֶען
נִיט מִיד וֶוערֶען. 10 אַזוי דֶען בְּשַׁעַת מִיר הָאבֶּען צַייט לָאזֶען מִיר גוּטֶעס טְהוּן
צוּ אַלֶע, אוּן בֶּעזוּנְדֶער צוּ דֶעם הוֹיזְגֶעזִינְד פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען.
11 אִיהְר זֶעהְט מִיט וִויא גְרוֹיסֶע בּוּכְשְׁטַאבֶּען אִיךְ הָאבּ אֵייךְ גֶעשְׁרִיבֶּען מִיט
מֵיינֶע אֵייגֶענֶע הַאנְד. 12 אַזוי פִילֶע וָואס ווִילֶען אַ גוּטֶעס אוֹיסְזֶעהֶען אִים
פְלֵיישׁ מַאכֶען, דִיזֶע צְווִינְגֶען אֵייךְ אִיהְר זָאלְט בֶּעשְׁנִיטֶען וֶוערֶען; נוּר כְּדֵי
זַייא זָאלֶען נִיט פֶערְפָאלְגְט וֶוערֶען וֶועגֶען דֶעם קְרֵייץ פוּן מָשִׁיחַ. 13 וָוארִין
אוֹיךְ נִיט דִיא בֶּעשְׁנִיטֶענֶע זֶעלְבְּסְט הַאלְטֶען דִיא תּוֹרָה, גֵייעֶרְט זַייא
ווִילֶען אַז אִיהְר זָאלְט בֶּעשְׁנִיטֶען וֶוערֶען, כְּדֵי זַייא זָאלֶען זִיךְ רִיהְמֶען אִין
אֵייעֶר פְלֵיישׁ. 14 אָבֶּער אִיךְ ווִיל מִיךְ חָלִילָה נִיט רִיהְמֶען, חוּץ אִין דֶעם
קְרֵייץ פוּן אוּנְזֶערֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, דוּרְךְ וֶועלְכֶעם דִיא וֶועלְט אִיז צוּ מִיר
גֶעקְרֵייצִיגְט, אוּן אִיךְ צוּ דֶער וֶועלְט. 15 וָוארִין אוֹיךְ נִיט דִיא בֶּעשְׁנֵיידוּנְג אִיז עֶפֶּעס,
אוּן נִיט דִיא עָרְלָה, גֵייעֶרְט אַ נֵייעֶס בֶּעשֶׁעפֶּענִיס. 16 אוּן אַזוי פִילֶע וֶועלְכֶע וַואנְדְלֶען
נָאךְ דִיזֶע רֶעגֶעל, אִיבֶּער דִיא זַייא פְרִידֶען אוּן גְנָאד, אוּן אִיבֶּער דִיא יִשְׂרָאֵל פוּן גָאט.
17 פוּן אַצוּנְד אָן לָאז מִיךְ קֵיינֶער נִיט בֶּעמִיהֶען, וָוארִין אִיךְ טְרָאג דִיא
צֵייכֶען פוּן יֵשׁוּעַ אִין מֵיין לֵייבּ.
18 בְּרִידֶער, דִיא גְנָאד פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ זַייא מִיט אֵייעֶר
גֵייסְט; אָמֵן.

דֶער בְּרִיף פוּן דֶעם
אַפָּאסְטֶעל פוֹלוֹס צוּ דִיא עֶפֶעזֶער.

---

1 פוֹלוֹס אֵיין אַפָּאסְטֶעל פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ דוּרְךְ דֶעם ווִילֶען פוּן גָאט צוּ
דִיא הֵיילִיגֶע וָואס זֶענֶען אִין עֶפֶעזוּס, אוּן צוּ דִיא גְלוֹיבִּיגֶע אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ;
2 גְנָאד זַייא מִיט אֵייךְ אוּן פְרִידֶען פוּן גָאט אוּנְזֶערֶען פָאטֶער, אוּן פוּן דֶעם
הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.

עפעזער א

3 געלויבט זייא דער גאט און פאטער פון אונזערען האר'ן ישוע המשיח,
דער האט אונז געבענשט מיט יעדע גייסטליכע ברכה אין דיא הימלישע
ערטער אים משיח; 4 גלייך וויא ער האט אונז אויסדערוועהלט אין איהם
איידער דיא וועלט איז געגרינדעט געוועזען, אז מיר זאלען זיין היילי‍ג און אהן
א פעהלער פאר איהם; 5 אינדעם ער האט אונז אין ליבע מקודם צום קינד־
שאפט בעשטימט אין זיך דורך ישוע המשיח, אזוי וויא עס איז אין
זיין גוטען ווילען וואוילגעפעלען, 6 צום לויב פון דעם כבוד פון זיינע גנאד,
וואס ער האט אונז בעגנאדיגט אין דעם געליבטען; 7 אין וועלבעם מיר
האבען אונזערע דערלעזונג דורך זיינעם בלוט, דיא פערגעבונג פון זינד, נאך
דער רייכקייט פון זיינע גנאד, 8 אין וועלבער ער האט זיך קעגען אונז
געמעהרט אין אלער קלוגהייט און פערשטאנד, 9 אינדעם ער האט אונז צו
וויסען געטהון דעם סוד פון זיין ווילען נאך זיין וואוילגעפעלען וואס ער האט
אין זיך פארגעזעצט 10 צו א הויזארדנונג פון דיא דערפילטע צייט, דערמיט
אלע זאכען זאלען אין משיח וויא אונטער איין ראש פעראייניגט ווערען, דיא וואס
זענען אים הימעל, און וואס זענען אויף דער ערד; 11 אין איהם דורך וועל־
כעם אויך מיר זענען יורשים געווארען, אינדעם מיר זענען מקודם פאראָרדע־
נעט געווארען נאך דעם פארזאץ פון איהם, וועלכער ווירקט אלעס נאך דער
עצה פון זיין ווילען, 12 כדי מיר וואס האבען פריהער געהאפט אין משיח
זאלען זיין צום לויב פון זיינע הערליכקייט. 13 אין וועלבען איהר אויך נאכ־
דעם איהר האט דאס ווארט פון דער וואהרהייט געהערט, דיא בשורה טובה
פון אייערע ישועה, אין וועלבען נאכדעם איהר האט אויך געגלויבט, זענט
פערזיגעלט געווארען מיט דעם רוח הקודש פון דער הבטחה, 14 וואס
איז א ערבון פון אונזערע ירושה צו דער דערלעזונג פון זיין אייגענטהום, צום
לויב פון זיינע הערליכקייט.

15 דעסטוועגען נאכדעם איך האב געהערט פון אייער גלויבען אין דעם
האר'ן ישוע, און אייערע ליבע צו אלע היילי‍גע, 16 הער איך ניט
אויף גאט צו דאנקען וועגען אייך, דערוויל איך געדענק אייך אין מיינע
געבעטען, 17 כדי דער גאט פון אונזערען האר'ן ישוע המשיח, דער פאטער
פון הערליכקייט, זאל אייך געבען דעם גייסט פון קלוגהייט און אנטפלעקונג
אין דער דערקענטניס פון איהם; 18 אז דיא אויגען פון אייערע הערצער
זאלען דערלייכט ווערען, כדי איהר זאלט וויסען וואס איז דיא האפנונג פון
זיינע בערופונג, און וואס איז דיא רייכקייט פון דער הערליכקייט פון זיינע ירושה
צווישען דיא היילי‍גע, 19 און וויא זעהר גרויס איז זיינע מאכט קעגען אונז וואס
גלויבען, נאך דעם ווירקען פון זיינע מעכטיגע קראפט, 20 וואס ער האט
געווירקט אין משיח, אינדעם ער האט איהם אויפגעוועקט פון דיא טויטע,
און האט איהם געזעצט צו זיינע רעכטע האנד אין דיא הימלישע ערטער
21 הויך ערהויבען איבער אלע רעגירונג און געוועלטיגקייט און מאכט און
הערשאפט און איטליכען נאמען וואס איז גערופען ניט נור אין דיזער

וועלט, נייערט אויך אין דיא קומענדיגע, [22]און ער האט אלע זאכען
געזעצט אונטער זיינע פיס, און האט איהם צום ראש געגעבען איבער אלעם
צו דער קהלה, [23]וואס איז זיין לייב, דיא דערפילונג פון איהם וועלכער
דערפילט אלעם אין אלעם.

ב [1]און אייך האט ער לעבענדיג געמאכט, וואס איהר זענט טויט געוועזען אין
אייערע עבירות און זינד; [2]אין וועלכע איהר האט פריהער געוואנדעלט נאך
דעם ציימלויף פון דיזער וועלט, נאך דעם פירשט פון דער מאכט פון דער
לופט, דעם גייסט וואס ווירקט אצונד אין דיא קינדער פון אונגעהארזאם.
[3]צווישען וועלכע מיר אלע האבען אונז אויך אויפגעפיהרט אין דיא גליסטען
פון אונזערען פלייש, און האבען דעם ווילען פון דעם פלייש און פון דיא
מחשבות געטהון, און מיר זענען פון דער נאטור קינדער פון צארן געוועזען
גלייך וויא דיא איבריגע. [4]אבער גאט דער איז רייך אין בארעמהערציגקייט,
דורך דיא גרויסע ליבע מיט וועלכער ער האט אונז געליבט, [5]האט אונז
לעבענדיג געמאכט מיט משיח אפילו ווען מיר זענען טויט אין זינד געוועזען;
דורך גנאד זענט איהר געראטעוועט געווארען; [6]און ער האט אונז מיט איהם
אויפגעוועקט און האט אונז מיטגעזעצט אין דיא הימלישע ערטער אין ישוע
המשיח, [7]כדי ער זאל בעווייזען אין דיא צייטען וואס וועלען קומען דיא
זעהר גרויסע רייכקייט פון זיינע גנאד אין גיטיגקייט צו אונז אין ישוע
המשיח. [8]ווארין דורך גנאד זענט איהר געראטעוועט געווארען דורך דעם
גלויבען; און דאס איז ניט פון אייך זעלבסט, עס איז דיא מתנה פון גאט;
[9]ניט פון ווערק, כדי קיינער זאל זיך ניט בארימהען. [10]ווארין מיר זענען זיין
ווערק, בעשאפען אין ישוע המשיח צו גוטע מעשים, וואס גאט האט פריהער
אנגעגרייט אז מיר זאלען אין זייא וואנדלען.

[11]דרום געדענקט, אז פריהער איהר וואס זענט גוים אין דעם פלייש געוועזען,
און זענט ערלה גערופען געווארען פון דיא וואס הייסען דיא בעשניי־
דונג וואס איז אין דעם פלייש מיט דער האנד געמאכט; [12]אז איהר זענט
אין יענער צייט אהן משיח געוועזען, אפגעזונדערט פון דער בירגערשאפט פון ישראל
און פרעמדע צו דיא בריתות פון דער הבטחה, אינדעם איהר האט קיינע
האפנונג ניט געהאט, און זענט אהן גאט געוועזען אין דער וועלט. [13]אבער
אצונד אין ישוע המשיח איהר וואס זענט פריהער וויים געוועזען, זענט נאהענט
געווארען דורך דעם בלוט פון משיח. [14]ווארין ער איז זעלבסט אונזער
פרידען, דער האט אוים בײדע איינס געמאכט, און האט דיא צווישענוואנד
איינגעווארפען, [15]און האט אין זיין פלייש דיא פיינדשאפט צושטערט דאס
געזעץ פון געבאטע וואס זענען אין לעהרען געוועזען, כדי ער זאל אין זיך
זעלבסט דיא צוויא בעשאפען אין א נייען מענשען, און זאל אזוי פרידען
מאכען; [16]און זאל בײדע פערא‏ייניגען מיט גאט אין איין לייב דורך דעם
קרייץ, אינדעם ער האט דיא פיינדשאפט אין איהם געשלאכט. [17]און ער איז
געקומען און האט פרידען געפרעדיגט צו אייך וואס זענט וויים געוועזען, און

צו דיא וואס זענען נאהענט געוועזען; 18 ווארין דורך איהם האבען מיר ביידע
אונזערעם צוגאנג צום פאטער אין איינעם גייסט.
19 אזוי דען איהר זענט ניט מעהר פרעמדע און גרים, נייערט איהר זענט מיט־
בירגער מיט דיא היליגע און פון דעם הויזגעזינד פון גאט, 20 און איהר זענט
אויפגעבויעט אויף דעם גרונדשטיין פון דיא אפאסטעל און נביאים, דערפון
ישוע המשיח אליין איז דער עקשטיין; 21 אין וועלכעם איטליכעם געביידע איז
גוט צוזאמענגעהעפט און וואקסט צו א היילגען טעמפעל אין דעם האר'ן,
22 אין וועלכעם איהר זענט אויך צוזאמענגעבויעט צו א וואוינונג פון גאט אין
דעם גייסט.

ג 1 דעסטוועגען בין איך פולוס, דער געפאנגענער פון ישוע המשיח פאר
אייך גוים; 2 אויב איהר האט געהערט פון דער ארדנונג פון דער גנאד
פון גאט וואס איז מיר צו אייך געגעבען, 3 וויא עס איז מיר אנטפלעקט
צו וויסען דעם סוד, גלייך וויא איך האב בקצור פריהער געשריבען, 4 וועלכעס
ווען איהר וועט לייגען וועט איהר קענען בעמערקען מיין פערשטעהען
אים סוד פון משיח; 5 וואס איז אין אנדערע דורות ניט בעקאנט געווא־
רען צו דיא קינדער פון מענשען, אזוי וויא עס איז אצונד אנטפלעקט צו
זיינע היילגע אפאסטעל און נביאים אין דעם גייסט; 6 אז דיא גוים זענען
מיטיורשים און מיטגלידער און מיטטהיילער פון דער הבטחה אין ישוע המשיח
דורך דער בשורה טובה, 7 פון דער איך בין א דינער געווארען נאך דיא
פרייע מתנה פון גאט וואס איז מיר געגעבען נאך דער ווירקונג פון זיינע
קראפט. 8 צו מיר, דעם קליינסטען פון אלע היילגע איז דיזע גנאד געגעבען,
אז איך זאל צווישען דיא גוים פרעדיגען דיא רייכקייט פון משיח וואס איז
ניט צו דערפארשען, 9 און זאל דערלייכטען צו אלע וואס איז דיא תקנה פון
דעם סוד וואס איז פון וועלטצייטען אן פערבארגען אין גאט, דער האט אלע
זאכען בעשאפען דורך ישוע המשיח; 10 כדי דיא פילפעלטיגע חכמה פון
גאט זאל אצונד בעקאנט געמאכט ווערען צו דיא הערשאפטען און געוועלטי־
גער אין דיא הימלישע ערטער דורך דער קהלה, 11 נאך דעם פארזאץ פון
דיא צייטאלטער וואס ער האט אין ישוע המשיח אונזערעם האר'ן בע־
שטימט; 12 אין וועלכען מיר האבען דעם גוטען מוט און צוגאנג מיט בטחון
דורך דעם גלויבען אן איהם. 13 דעסטוועגען בעט איך אז איך זאל ניט
בעטריבט זיין איבער מיינע ליידען פאר אייך, וואס איז אייער כבוד.
14 דעסטוועגען בייג איך מיינע קניען צום פאטער, 15 פון דעם יעדע משפחה
אים הימעל און אויף דער ערד האט זייער נאמען אנגערופען, 16 כדי ער זאל
אייך געבען נאך דער רייכקייט פון זיינע הערליכקייט, דורך זיינעם גייסט פעסט
געשטארקט צו ווערען אים אינעווייניגען מענשען, 17 אז משיח זאל
וואוינען אין אייערע הערצער דורך דעם גלויבען, כדי איהר זאלט זיין איינ־
געווארצעלט און געגרינדעט אין דער ליבע, 18 און זאלט קענען מיט אלע
היילגע פערשטעהען וואס איז דיא ברייט און דיא לענג און דיא הייך און

דִיא טִיפֶע, 19 אוּן זָאלְט וִויסֶען דִיא לִיבֶּע פוּן מָשִׁיחַ וָואס אִיז אִיבֶּער אַלֶע דֶערְ־
קֶענְטְנִים, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט דֶערְפִילְט וֶוערֶען בִּיז צוּ דִיא גַאנְצֶע פוּלְקַייט פוּן גָאט.
20 נוּן צוּ אִיהְם דֶער קֶען פִיל מֶעהְר טְהוּן אִיבֶּער אַלֶעם וָואס מִיר בֶּעטֶען
אָדֶער פֶערְשְׁטֶעהֶען, נָאךְ דֶער מַאכְט וָואס ווִירְקְט אִין אוּנְז, 21 צוּ אִיהְם זָאל
זַיין דִיא הֶערְלִיכְקַייט אִין דֶער קְהִלָה אוּן אִין יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ בִּיז צוּ אַלֶע צַייטֶען
פוּן עֶבִּיגְקַייט צוּ עֶבִּיגְקַייט; אָמֵן.

ד 1 דְרוּם בִּין אִיךְ אֵייךְ מַזְהִיר דֶער גֶעפַאנְגֶענֶער אִים הַאר'ן, אַז אִיהְר
זָאלְט ווִירְדִיג וַואנְדֶלֶען פוּן דֶער בֶּערוּפוּנְג נָאךְ וֶועלְכֶער אִיהְר זֶענְט בֶּערוּפֶען
גֶעוָוארֶען, 2 מִיט אַלֶער נִידְרִיגְקַייט אוּן זַאנְפְטְמִיטִיגְקַייט, מִיט גֶעדוּלְד, אוּן
פֶערְטְרָאגְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען אִין לִיבֶּע, 3 אוּן בֶּעפְלֵייסִיגְט אֵייךְ דִיא
אֵיינִיגְקַייט פוּן דֶעם גַייסְט צוּ הַאלְטֶען אִים בַּאנְד פוּן פְרִידֶען. 4 עֶס אִיז אֵיין
לֵייבּ אוּן אֵיין גֵייסְט, גְלֵייךְ ווִיא אִיהְר זֶענְט בֶּערוּפֶען אִין אֵיינֶע הָאפְנוּנְג פוּן
אֵייעֶרֶע בֶּערוּפוּנְג; 5 אֵיין הַאר, אֵיין גְלוֹיבֶּען, אֵיינֶע טְבִילָה; 6 אֵיין גָאט אוּן
פָאטֶער פוּן אַלֶע, דֶער אִיז אִיבֶּער אַלֶע אוּן דוּרְךְ אַלֶע אוּן אִין אַלֶע. 7 אָבֶּער
צוּ אִיטְלִיכֶען פוּן אוּנְז אִיז דִיא גְנָאד גֶעגֶעבֶּען נָאךְ דֶעם מָאס פוּן דֶער מַתָּנָה
פוּן מָשִׁיחַ. 8 דְרוּם זָאגְט עֶר,

וֶוען עֶר אִיז אִין דֶער הֵייךְ אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר גֶעפַאנְגֶען
אַ גֶעפַאנְגֶענְשַׁאפְט,
אוּן הָאט גֶעגֶעבֶּען מַתָּנוֹת צוּ מֶענְשֶׁען.

9 נוּן דָאס, עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, וָואס אִיז עֶס אוֹיסֶער אַז עֶר אִיז אוֹיךְ
אַרוּפְגֶעגַאנְגֶען אִין דִיא אוּנְטֶערְשְׁטֶע טְהֵייל פוּן דֶער עֶרְד? 10 דֶער וָואס אִיז
אַרוּפְגֶעגַאנְגֶען אִיז דֶער זֶעלְבִּיגֶער וָואס אִיז אוֹיךְ אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער אַלֶע
הִימֶעל, כְּדֵי עֶר זָאל אַלֶע זַאכֶען דֶערְפִילֶען.

11 אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעבֶּען עֶטְלִיכֶע פַאר אַפָּאסְטֶעל, אוּן עֶטְלִיכֶע פַאר נְבִיאִים,
אוּן עֶטְלִיכֶע פַאר מְבַשְּׂרִים, אוּן עֶטְלִיכֶע פַאר פַּאסְטָארֶען אוּן לֶעהְרֶער, 12 צוּם
פֶערְפַארְטִיגֶען פוּן דִיא הֵיילִיגֶע, צוּם וֶוערְק פוּן דֶעם דִינְסְט, אוּן צוּ דֶער אוֹיפְ־
בּוֹיאוּנְג פוּן דֶעם לֵייבּ פוּן מָשִׁיחַ; 13 בִּיז מִיר אַלֶע קוּמֶען צוּ דֶער אֵיינִיגְקַייט
פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען אוּן פוּן דֶער דֶערְקֶענְטְנִים פוּן דֶעם זוּהְן פוּן גָאט, צוּ אַ
גַאנְצֶען מֶענְשֶׁען, צוּ דֶעם מָאס פוּן דֶעם אַלְטֶער פוּן דֶעם פוּלְקַייט פוּן מָשִׁיחַ;
14 כְּדֵי מִיר זָאלֶען נִיט מֶעהְר קִינְדֶער זַיין, אוּן זָאלֶען נִיט בֶּעוֶועגְט וֶוערֶען אוּן
אַרוּמְגֶעטְרָאגֶען פוּן אִיטְלִיכֶען ווִינְד פוּן לֶעהְרֶען, דוּרְךְ דִיא קִינְסְטְלִיכֶע
פַאלְשְׁהֵייט פוּן מֶענְשֶׁען, דוּרְךְ דֶער לִיסְט צוּ דֶער ווִירְקוּנְג פוּן פֶערְפִיהְרוּנְג;
15 נֵייעֶרְט מִיר זָאלֶען רֶעדֶען דִיא וָואהְרְהֵייט אִין לִיבֶּע, אוּן זָאלֶען אִין אַלֶע
זַאכֶען אוֹיפְוַואקְסֶען צוּ אִיהְם וֶועלְכֶער אִיז דָאס הוֹיפְּט, דָאס אִיז מָשִׁיחַ, 16 פוּן
דֶעם דֶער גַאנְצֶע לֵייבּ אִיז גֶעגְלִידֶערְט צוּזַאמֶען אוּן פֶעסְט צוּגֶעהֶעפְט דוּרְךְ
יֶעדֶעם בַּאנְד פוּן דֶער הִילְף, נָאךְ דֶעם ווִירְקֶען פוּן אִיטְלִיכֶען טְהֵייל אִין זַיין
מָאס, דֶער מַאכְט דֶעם לֵייבּ וַואקְסֶען זִיךְ זֶעלְבְּסְט צוּ אוֹיפְבּוֹיאוּנְג אִין לִיבֶּע.

8 תהלים סח׳ יט׳.

17 דֶען דָאס זָאג אִיךְ אִין בֶּעצֵייג אִין דֶעם הַאר'ן, אַז אִיהְר זָאלְט נִיט מֶעהְר
וַואנְדְלֶען גְלֵייךְ וִויא דִיא גוֹיִם וַואנְדְלֶען, אִין דֶער נַארִישְׁקֵייט פוּן זֵייעֶרֶע
גֶעדַאנְקֶען; 18 וָואס זֵייעֶר פֶערְשְׁטַאנְד אִיז פֶערְפִינְסְטֶערְט, אוּן זֵייא זֶענֶען
פֶערְפְרֶעמְדֶעט פוּן דֶעם לֶעבֶּען פוּן גָאט דוּרְךְ דֶער אוּנְוִויסֶענְהֵייט וָואס אִיז
אִין זֵייא, דוּרְךְ דֶער בְּלִינְדְהֵייט פוּן זֵייעֶרֶעם הַארְץ; 19 וֶועלְכֶע זֶענֶען אָהְן בּוּשָׁה
אוּן הָאבֶּען זִיךְ צוּם יֵצֶר הָרָע אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען, אַז זֵייא זָאלֶען וִוירְקֶען אַלֶערְ־
לֵייא אוּנְרֵיינִיגְקֵייט מִיט גְלוּסְטִיגְקֵייט. 20 אָבֶּער אִיהְר הָאט נִיט אַזוֹי מָשִׁיחַ
גֶעלֶערְנְט, 21 וֶוען אַנְדֶערְשׁ אִיהְר הָאט אִיהְם גֶעהֶערְט אוּן זֶענְט אִין אִיהְם
גֶעלֶעהְרְט גֶעוָוארֶען, גְלֵייךְ וִויא דִיא וָואהְרְהֵייט אִיז אִין יֵשׁוּעַ; 22 אַז אִיהְר
זָאלְט אוֹיסְטְהוּן נָאךְ דֶעם פְרִיהֶערֶען וַואנְדְלֶען דֶעם אַלְטֶען מֶענְשֶׁען, וָואס אִיז
פֶערְדָארְבֶּען נָאךְ דִיא גְלִיסְטֶען פוּן בֶּעטְרִיגֶערֵייא, 23 אוּן זָאלְט אִים גֵייסְט
פוּן אֵייעֶר פֶערְשְׁטַאנְד דֶערְנֵייעֶרְט וֶוערֶען, 24 אוּן זָאלְט דֶעם נֵייעֶן מֶענְשֶׁען
אָנְטְהוּן, וָואס אִיז נָאךְ דֶעם בִּילְד פוּן גָאט בֶּעשַׁאפֶען אִין גֶערֶעכְטִיגְקֵייט אוּן
הֵיילִיגְקֵייט פוּן דֶער וָואהְרְהֵייט.

25 דְרוּם לֶעגְט אַוֶועק לִיגֶען אוּן רֶעד דִיא וָואהְרְהֵייט אִיטְלִיכֶער מִיט זֵיין
חָבֵר, וָוארִין מִיר זֶענֶען גְלִידֶער אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערֶען. 26 דֶערְצֶערְנְט
אֵייךְ, אוּן זִינְדִיגְט נִיט; דִיא זוּן זָאל נִיט אוּנְטֶערְגֶעהֶען אִיבֶּער אֵייעֶר צָארְן,
27 אוּן גִיבְּט אוֹיךְ נִיט פְּלַאץ צוּם שָׂטָן. 28 דֶער וָואס הָאט גֶעגַנְבֶעט, לָאז עֶר נִיט
מֶעהְר גַנְבֶענֶען, נֵייעֶרְט לָאז עֶר לִיבֶּער אַרְבֵּייטֶען אוּן דָאס גוּטֶע טְהוּן מִיט
זֵיינֶע אֵייגֶענֶע הֶענְד, כְּדֵי עֶר זָאל הָאבֶּען צוּ גֶעבֶּען צוּ דֶעם בֶּעדֶערְפְטִיגֶען.
29 לָאז קֵיין שְׁלֶעכְטֶעס וָוארְט נִיט אַרוֹיסְגֶעהֶען פוּן אֵייעֶר מוֹיל, נֵייעֶרְט וָואס
אִיז גוּט צוּ דֶער פֶערְבֶּעסֶערוּנְג נָאךְ דֶעם בֶּעדַארְף, כְּדֵי עֶס זָאל גְנָאד גֶעבֶּען
צוּ דִיא וָואס הֶערֶען. 30 אוּן בֶּעטְרִיבְּט נִיט דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּן גָאט, אִין
וֶועלְכֶען אִיהְר זֶענְט פֶערְזִיגֶעלְט גֶעוָוארֶען צוּ דֶעם טָאג פוּן דֶער דֶערְלֶעזוּנְג.
31 לָאז אַלֶערְלֵייא בִּיטֶערְקֵייט אוּן גְרִים אוּן צָארְן אוּן גֶעשְׁרֵייא אוּן לֶעסְטֶערוּנְג
פוּן אֵייךְ אָפְּגֶעטְהוּן וֶוערֶען מִיט אַלֶער בֵּייזְהֵייט. 32 אוּן זֵייט פְרֵיינְדְלִיךְ אֵיינֶער
צוּם אַנְדֶערֶען, אוּן בַּארֶעמְהֶערְצִיג, אוּן פֶערְגִיבְּט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען, גְלֵייךְ
וִויא גָאט הָאט אוֹיךְ אֵייךְ פֶערְגֶעבֶּען אִין מָשִׁיחַ.

ה 1 דְרוּם זֵייט נָאכְטְהוּעֶר פוּן גָאט וִויא גֶעלִיבְּטֶע קִינְדֶער; 2 אוּן וַואנְדֶעלְט
אִין לִיבֶּע, אַזוֹי וִויא מָשִׁיחַ הָאט אוֹיךְ אֵייךְ גֶעלִיבְּט, אוּן הָאט זִיךְ פַאר אוּנְז
גֶעגֶעבֶּען אַ קָרְבָּן אוּן אַ זֶבַח צוּ גָאט פַאר אַ גֶעשְׁמַאקֶער רֵיחַ. 3 אָבֶּער זְנוּת
אוּן אַלֶע אוּנְרֵיינִיגְקֵייט אָדֶער גֵייצִיגְקֵייט לָאז זִיא נִיט דֶערְמָאהְנְט וֶוערֶען צְוִוי־
שֶׁען אֵייךְ, אַזוֹי וִויא עֶס פַּאסְט צוּ דִיא הֵיילִיגֶע; 4 אוֹיךְ נִיט קֵיינֶע שֶׁענְדְלִיכֶע
זַאכֶען אוּן נַארִישֶׁע רֶעד אָדֶער גֶעשְׁפֶּעט וָואס אִיז נִיט אַנְשְׁטֶענְדִיג, נֵייעֶרְט
לִיבֶּער גָאט דַאנְקֶען. 5 וָוארִין דָאס ווֵייסְט אִיהְר, אַז קֵיין נוֹאֵף אָדֶער אוּנְרֵיי־
נֶער, אָדֶער גֵייצִיגֶער, דֶער אִיז טַאקֶע אַ גֶעצֶענְדִינֶער, הָאט נִיט קֵיינֶע יְרוּשָׁה
אִים קֶענִיגְרֵייךְ פוּן מָשִׁיחַ אוּן פוּן גָאט.

6 לָאז אֵייךְ קֵיינֶער נִיט בֶּעטְרִיגֶען מִיט לֶעדִיגֶע וֶוערְטֶער; וָוארִין דֶעסְטְוֶועגֶען

קוּמְט דֶער צָארְן פוּן גָאט אִיבֶּער דִיא אוּנְגֶעהָארְזַאמֶע קִינְדֶער. 7 דְרוּם זֵייט
אִיהְר נִיט זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים. 8 וָוארִין אִיהְר זֶענְט אַמָאל פִינְסְטֶערְנִיס גֶעוֶוען,
אָבֶּער אַצוּנְד זֶענְט אִיהְר לִיכְט אִין דֶעם הַאר'ן; וַואנְדֶעלְט וִויא קִינְדֶער פוּן
לִיכְט. 9 וָוארִין דִיא פְרוּכְט פוּן דֶעם לִיכְט אִיז אִין אַלֶערְלֵייא גִיטִיגְקֵייט אוּן
גֶערֶעכְטִיגְקֵייט אוּן וָואהְרְהֵייט. 10 אוּן פְּרִיפְט וָואס אִיז וָואוּילְגֶעפֶעלֶען צוּם
הַאר'ן, 11 אוּן הָאבּ קֵיינֶע גֶעמֵיינְשַׁאפְט נִיט מִיט דִיא וֶוערְק פוּן פִינְסְטֶערְנִיס
וָואס זֶענֶען אָהְן פְרוּכְט, נֵייעֶרְט לִיבֶּער שְׁטְרָאפְט זֵייא; 12 וָוארִין עֶס אִיז אַ
שַׁאנְד אַפִילוּ צוּ רֶעדֶען פוּן דִיא זַאכֶען וָואס זֵייא טְהוּן אִין פֶערְבָּארְגֶענֶעם.
13 אָבֶּער אַלֶע זַאכֶען וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטְרָאפְט זֶענֶען פוּן דֶעם לִיכְט אַנְטְפְּלֶעקְט;
וָוארִין אַלֶעס וָואס אַנְטְפְּלֶעקְט זִיךְ אִיז לִיכְט. 14 דְרוּם זָאגְט עֶר,

וַואךְ אוֹיף דוּא וָואס שְׁלָאפְסְט,
אוּן שְׁטֶעה אוֹיף פוּן דִיא טוֹיטֶע,
אוּן מָשִׁיחַ וֶועט דִיךְ דֶערְלֵייכְטֶען.

15 דְרוּם זֶעהְט פָארְזִיכְטִיג וִויא אִיהְר וַואנְדֶעלְט, נִיט וִויא נַארֶען, נֵייעֶרְט וִויא קְלוּגֶע
לֵייט, 16 קוֹיפְט אוֹיס דִיא צֵייט, וָוארִין דִיא טֶעג זֶענֶען אִיבֶּעל. 17 דֶעסְטְוֶועגֶען
זֵייט אִיהְר נִיט אוּנְפֶערְשְׁטֶענְדִיג, נֵייעֶרְט פֶערְשְׁטֶעהְט וָואס אִיז דֶער ווִילֶען פוּן
דֶעם הַאר'ן. 18 אוּן זֵייט נִיט שִׁכּוֹר מִיט וַויין, דְרִינֶען אִיז אוֹיסְגֶעלָאסֶענְהֵייט,
נֵייעֶרְט זֵייט דֶערְפִילְט מִיט דֶעם גֵייסְט. 19 רֶעדֶענְדִיג צְווִישֶׁען אֵייךְ מִזְמוֹרִים
אוּן לוֹיבֶּען אוּן גֵייסְטְלִיכֶע לִידֶער, זִינְגֶענְדִיג אוּן שְׁפִּילֶענְדִיג אִין אֵייעֶר הַארְץ
צוּם הַאר'ן, 20 אוּן דַאנְקְט גָאט אוּן דֶעם פָאטֶער בֶּעשְׁטֶענְדִיג פַאר אַלֶע זַאכֶען
אִים נָאמֶען פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ, 21 אוּן זֵייט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶער־
רֶען אוּנְטֶערְטֶענִיג אִין דֶער פָארְכְט פוּן מָשִׁיחַ.

22 ווַייבֶּער, זֵייט אוּנְטֶערְטֶענִיג צוּ אֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע מֶענֶער, וִויא צוּם הַאר'ן;
23 וָוארִין דֶער מַאן אִיז דָאס הוֹיפְּט פוּן דֶעם ווַייבּ, גְלֵייךְ וִויא מָשִׁיחַ אִיז דָאס
הוֹיפְּט פוּן דֶער קְהִלָה, דֶער אִיז אַלֵיין דֶער רֶעטֶער פוּן דֶעם לֵייבּ. 24 אָבֶּער
גְלֵייךְ וִויא דִיא קְהִלָה אִיז אוּנְטֶערְטֶענִיג צוּ מָשִׁיחַ, אַזוֹי זֶענֶען אוֹיךְ דִיא
ווַייבֶּער צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער אִין אַלֶעס. 25 מֶענֶער, לִיבְּט אֵייעֶרֶע ווַייבֶּער, גְלֵייךְ
וִויא מָשִׁיחַ הָאט דִיא קְהִלָה גֶעלִיבְּט אוּן הָאט זִיךְ פַאר אִיהְר גֶעגֶעבֶּען,
26 כְּדֵי עֶר זָאל זִיא הֵיילִיגֶען אִינְדֶעם עֶר הָאט זִיא גֶערֵיינִיגְט מִיט דֶעם וַואשֶׁען
פוּן וַואסֶער דוּרְךְ דֶעם וָוארְט, 27 כְּדֵי עֶר זָאל צוּ זִיךְ זֶעלְבְּסְט דִיא קְהִלָה
פָארְשְׁטֶעלֶען הֶערְלִיךְ, אָהְן אַ פְלֶעק אָדֶער פַאלְטֶען אָדֶער עֶפֶּעס דֶערְגְלֵייכֶען,
נֵייעֶרְט כְּדֵי זִיא זָאל הֵיילִיג זַיין אוּן אָהְן אַ מוּם. 28 אַזוֹי זֶענֶען מְחוּיָב דִיא
מֶענֶער זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע ווַייבֶּער צוּ לִיבֶּען, וִויא זֵייעֶר אֵייגֶענֶעם לֵייבּ. דֶער
וָואס לִיבְּט זַיין אֵייגֶענֶעם ווַייבּ לִיבְּט זִיךְ אַלֵיין; 29 וָוארִין קֵיינֶער הָאט אַמָאל
זַיין אֵייגֶענֶעם פְלֵייש פֵיינְדְגֶעהַאט, נֵייעֶרְט עֶר שְׁפֵּייזְט אוּן דֶערְנֶעהְרְט עֶס, גְלֵייךְ
וִויא אוֹיךְ דֶער מָשִׁיחַ דִיא קְהִלָה; 30 וָוארִין מִיר זֶענֶען דִיא גְלִידֶער פוּן זַיין
לֵייבּ. 31 דֶעסְטְוֶועגֶען זָאל אַ מֶענְשׁ זַיין פָאטֶער אוּן זֵיינֶע מוּטֶער פֶערְלָאזֶען,

14 ישעיה ס׳ א׳, 31 בראשית ב׳ כד׳,

אוּן זָאל זִיךְ בֶּעהֶעפְטֶען צוּ זַיין ווַייבּ, אוּן זַייא בֵּיידֶע װעלֶען אֵיין פְלֵייש זַיין.
32 דִיזֶער סוֹד אִיז גְרוֹיס, אָבֶּער אִיךְ רֶעד װעגֶען מָשִׁיחַ אוּן דֶער קְהִלָּה. 33 דָאךְ
לָאז אוֹיךְ אִיטְלִיכֶער פוּן אֵייךְ זַיין אֵייגֶענֶעם ווַייבּ לִיבֶּען אַזוֹי ווִיא זִיךְ זֶעלְבְּסְט;
אוּן לָאז דָאס ווַייבּ אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אַז זִיא הָאט פָארְכְט פַאר דֶעם מַאן.

ו 1 קִינְדֶער, גֶעהָארְכְט אֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אִין דֶעם הַאר'ן, װָארִין דָאס אִיז
רֶעכְט. 2 עֶהְרֶע דַיין פָאטֶער אוּן דַיינֶע מוּטֶער; װָאס אִיז דִיא עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה
מִיט הַבְטָחָה; 3 כְּדֵי עֶס זָאל דִיר גוּט זַיין, אוּן דוּא זָאלְסְט לַאנְג לֶעבֶּען אוֹיף
דֶער עֶרְד. 4 אוּן אִיהְר פֶעטֶער דֶערְצֶערְנְט נִיט אֵייעֶרֶע קִינְדֶער, גַייעֶרְט דֶערְ־
צִיהְט זַייא אִין דֶער אַזְהָרָה אוּן מוּסָר פוּן דֶעם הַאר'ן.

5 אִיהְר קְנֶעכְט גֶעהָארְכְט דִיא װָאס זֶענֶען אֵייעֶרֶע הֶערְרֶען נָאךְ דֶעם פְלֵייש
מִיט פָארְכְט אוּן צִיטֶערְנִיס אִין אֵיינְפֶעלְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם הַארְץ, אַזוֹי ווִיא צוּ
מָשִׁיחַ; 6 נִיט מִיט אוֹיגֶענְדִינְסְט, ווִיא דִיא װָאס מֶענְשֶׁען גֶעפֶעלֶען, גַייעֶרְט
ווִיא דִיא קְנֶעכְט פוּן מָשִׁיחַ, דִיא טְהוּן דֶעם ווִילֶען פוּן גָאט פוּן הַארְץ,
7 װעלְכֶע דִינֶען מִיט גוּטֶעם ווִילֶען ווִיא דֶעם הַאר'ן אוּן נִיט ווִיא מֶענְשֶׁען. 8 װָארִין
אִיהְר ווַייסְט אַז דָאס גוּטֶע װָאס אִיטְלִיכֶער טְהוּט, דָאס װעט עֶר פוּן דֶעם
הַאר'ן דֶערְהַאלְטֶען, אוֹיבּ עֶר אִיז אַ קְנֶעכְט אָדֶער אַ פְרֵייעֶר. 9 אוּן אִיהְר
הֶערְרֶען, טְהוּט אִיהְר דָאס זֶעלְבִּיגֶע צוּ זַייא, אוּן בֶּעדְרוֹיהֶעט זַייא נִיט, װָארִין
אִיהְר ווַייסְט אַז אֵייעֶר אוּן אוֹיךְ זַייעֶר הַאר אִיז אִין הִימֶעל, אוּן אַז עֶר אִיז
קֵיינֶעם נִיט נוֹשֵׂא פָּנִים.

10 אִים אִיבְּרִיגֶען, זַייט שְׁטַארְק אִין דֶעם הַאר'ן אוּן אִין דֶער קְרַאפְט פוּן
זַיינֶע מַאכְט. 11 טְהוּט אָן דִיא גַאנְצֶע וַואפֶען פוּן גָאט, אַז אִיהְר זָאלְט קֶענֶען
בֶּעשְׁטֶעהֶען דִיא לִיסְט פוּן דֶעם שָׂטָן. 12 װָארִין אוּנְזֶער רַאנְגְלֶען אִיז נִיט
קֶעגֶען בְּלוּט אוּן פְלֵייש, גַייעֶרְט קֶעגֶען דִיא הֶערְשַׁאפְטֶען, קֶעגֶען דִיא מֶעכְ־
טֶע, קֶעגֶען דִיא װעלְטְהֶערְשֶׁער פוּן דִיזֶער פִינְסְטֶערְנִיס, קֶעגֶען דִיא גֵייסְטְלִיכֶע
שַׂאר פוּן אִיבֶּעל אִין דִיא הִימְלִישֶׁע עֶרְטֶער. 13 דֶעסְטְװעגֶען נֶעמְט אוֹיף אֵייךְ
דִיא גַאנְצֶע וַואפֶען פוּן גָאט, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט קֶענֶען בֶּעשְׁטֶעהֶען אִים שְׁלֶעכְטֶען
טָאג, אוּן װֶען אִיהְר הָאט אַלֶעס אוֹיסְגֶערִיכְטֶעט בְּלֵייבֶּען שְׁטֶעהֶען. 14 שְׁטֶעהְט
דֶען פֶעסְט אוּן גַארְטֶעלְט אַרוּם אֵייעֶרֶע לֶענְדֶען מִיט װָאהְרְהֵייט, אוּן טְהוּט
אָן דֶעם פַאנְצֶער פוּן גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, 15 אוּן פַאר אֵייעֶרֶע שִׁיךְ דָאס אָנְבְּרֵייטֶען
פוּן דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן פְרִידֶען. 16 אוּן אִיבֶּער אַלֶעס נֶעמְט אוֹיף אֵייךְ
דָאס שִׁילְד פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען, מִיט װעלְכֶעם אִיהְר װעט קֶענֶען פֶערְלֶעשֶׁען
אַלֶע פֵייעֶרִיגֶע פֵייל֜ען פוּן דֶעם בֵּייזֶען. 17 אוּן נֶעמְט דֶעם הֶעלְם פוּן זֶעלִיגְ־
קֵייט, אוּן דָאס שְׁװערְט פוּן דֶעם גֵייסְט, װָאס אִיז דָאס װָארְט פוּן גָאט,
18 דֶערְוַוייל אִיהְר בֶּעטֶעט מִיט אַלֶערְלֵייא גֶעבֶּעט אוּן תְּחִנָּה אַלֶע צֵייטֶען אִין
דֶעם גֵייסְט, אוּן וַואכְט דֶערְצוּ מִיט אַלֶע בֶּעשְׁטֶענְדִיגְקֵייט אוּן תְּחִנָּה פַאר אַלֶע
הֵיילִיגֶע, 19 אוּן פַאר מִיר, כְּדֵי אַ װָארְט זָאל מִיר גֶעגֶעבֶּען װערֶען װען אִיךְ
עֶפֶען מֵיין מוֹיל, אַז אִיךְ זָאל דֶעם סוֹד פוּן דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה מִיט פְרֵייהֵייט

2 שמות כ׳ יב׳. 3 דברים ה׳ טז׳.

צו וויסען טהון, 20 פאר וועלכען איך בין א שליח אין קעטען, כדי איך זאל
דריגען עפענטליך רעדען אזוי וויא איך בעדארף צו רעדען.
21 אבער אז איהר זאלט אויך וויסען מיינע זאכען, וואס איך טהוא, וועט
אייך טיכיקוס אלעס צו וויסען טהון, וועלכער איז מיין געליבטער ברודער
און געטרייער דינער אין דעם האר'ן. 22 דעם איך האב פון דעסטוועגען צו
אייך געשיקט, אז איהר זאלט וויסען וויא עס געהט אונז, און אז ער זאל
אייערע הערצער טרייסטען. 23 פרידען זאל זיין צו דיא ברידער און ליבע
מיט גלויבען פון גאט דעם פאטער און פון דעם האר'ן ישוע המשיח.
24 גנאד זייא מיט אלע וואס ליבען אונזערען האר'ן ישוע המשיח אין אונ־
פערדארבענהייט.

דער בריף פון דעם
אפאסטעל פולוס צו דיא פיליפער.

1 פולוס און טימותיוס דיא קנעכט פון ישוע המשיח צו אלע הייליגע אין
ישוע המשיח וואס זענען אין פיליפי מיט דיא אויפזעהער און דינער, 2 גנאד
זייא מיט אייך און פרידען פון גאט אונזערען פאטער און פון דעם האר'ן
ישוע המשיח.
3 איך דאנק מיין גאט אין יעדער דערמאהנען פון אייך, 4 און בעשטענדיג
מיט פרייד אין יעדער תחנה פאר אייך אלע בעט איך, 5 פאר אייערע
חברותא אין דער בשורה טובה פון דעם ערשטען טאג אן ביז אצונד; 6 און
איך בין אים בטחון וועגען דעמזעלביגען, אז דער וועלכער האט אין אייך א
גוטעס ווערק אנגעהויבען וועט עס ענדיגען ביז צום טאג פון ישוע המשיח.
7 אזוי וויא עס איז רעכט דאס צו דענקען וועגען אייך אלע, ווייל איך האב אייך
אים הארץ, אפילו אין מיינע קעטען אין מיין געפענגנים און אין דער פערענט־
פערונג און בעפעסטיגונג פון דער בשורה טובה זענט איהר אלע טהייל־
נעמער אין מיינע גנאד. 8 ווארין גאט איז מיין עדות וויא איך פערלאנג נאך
אייך אלע אין דער בארעמהערציגקייט פון ישוע המשיח. 9 און דאס בעט
איך, אז אייערע ליבע זאל זיך זעהר פיל מעהרען אין דערקענטנים און אין
יעדער ערפאהרונג, 10 אז איהר זאלט פריפען דיא זאכען וואס זענען מעהר
ווערט, כדי איהר זאלט זיין אויפריכטיג און אהן שטרויכלונגען ביז צום טאג
פון משיח; 11 און זאלט דערפילט זיין מיט דער פרוכט פון גערעכטיגקייט
וואס איז דורך ישוע המשיח, צו דער הערליכקייט און לויב פון גאט.
12 נון וויל איך, ברידער, אז איהר זאלט וויסען אז דיא זאכען וואס זענען
צו מיר געשעהען האבען ליבער געהאלפען דיא בשורה טובה צו פערברייטען;

13 אזוי אז מיינע קעטען אין משיח זענען אנטפלעקט געווארען אים גאנצען
הויף און צו אלע איבריגע, 14 און די מייסטע פון די ברידער אין דעם האר׳ן
זענען בטוח געווארען דורך מיינע קעטען, און האבען מעהר מיט דאס
ווארט פון גאט אהן פארכט צו רעדען.
15 עטליכע פרעדיגען משיח אודאי אויס נייד און שטרייט, און עטליכע אויך
אויס גוטען ווילען. 16 דיזע טהון עס אויס ליבע, אינדעם זייא וויסען אז איך
בין בעשטעלט די בשורה טובה צו פערענטפערען; 17 אבער יענע משיח פרעדיגען
אויס קריג, ניט אין ריינהייט, אינדעם זייא דענקען זייא וועלען א צרה צו
מיינע קעטען אויפשטעלען. 18 וואס דען? ווען נור על כל פנים משיח איז
געפרעדיגט, אויב פאר איין אויסרעד אדער אין וואהרהייט, און אין דיזעם
פרייע איך מיך, און וועל מיך אויך פרייען. 19 ווארין איך וויים אז דאס
וועט צו מיינע רעטונג אויספאלען, דורך אייערע תחנה און דעם ביישטאנד
פון דעם גייסט פון ישוע המשיח, 20 נאך מיינע ערנסטע אויסהארונג און
האפנונג, אז איך וועל אין קיין זאך ניט פערשעהמט ווערען, נייערט מיט
אלער בעהערציגקייט גלייך וויא אלע צייטען אזוי אויך אצונד וועט משיח
פערהערליכט ווערען אין מיינעם לייב, סייא דורך לעבען סייא דורך טויט.
21 ווארין פאר מיר איז דאס לעבען משיח, און צו שטארבען איז א געווין.
22 אבער ווען צו לעבען אים פלייש איז די פרוכט פון מיינע
ארבייט, אזוי וויים איך ניט וואס איך זאל אויסדערוועהלען. 23 אבער איך בין
צווישען די צוויא וועגען געדרענגט, אינדעם איך בעגעהר אפצושיידען
און צו זיין מיט משיח, ווארין עס איז פיל בעסער. 24 אבער צו בלייבען אים
פלייש איז נעטיגער פאר אייך. 25 און אים פערטרויען דרויף וויים איך אז
איך וועל בלייבען און וועל נאך בלייבען בייא אייך אלע, כדי אייך ווייטער
צו ברענגען און צום אייערע פרייד אים גלויבען; 26 כדי אייער ריהמען אין
ישוע המשיח זאל אין מיר וואקסען דורך מיין ווידערזיין בייא אייך.
27 נור וואנדעלט ווירדיג פון דער בשורה טובה פון משיח, כדי אויב איך
וועל קומען און וועל אייך זעהען אדער וועל ניט מיט אייך זיין, זאל איך
הערען וויא עס געהט מיט אייך, אז איהר שטעהט פעסט אין איינעם גייסט,
און אז איהר שטרייט צוזאמען מיט איינע זעלע פאר דעם גלויבען פון דער
בשורה טובה. 28 און דערשרעקט אייך ניט אין עטליכע זאכען פון וועגען
אייערע פיינד; וואס איז צו זייא א בעוויז פון פערדארבען, אבער פון אייערע
רעטונג, און דאס פון גאט. 29 ווארין צו אייך איז עס וועגען משיח געגעבען,
אז איהר זאלט ניט נור אן איהם גלויבען, נייערט איהר זאלט אויך פאר איהם
ליידען, 30 אינדעם איהר האט דעמזעלביגען שטרייט וואס איהר האט אין מיר
געזעהען און הערט אצונד אז עס איז אין מיר.

ב 1 דרום ווען עס איז א שום נחמה אין משיח, ווען א טרייסט פון ליבע,
ווען א געמיינשאפט פון דעם גייסט, ווען גיטיגקייט און בארעמהערציגקייט,
2 דערפילט איהר מיינע פרייד, אז איהר זאלט די זעלבע געדאנקען האבען

און דיא װעלבּע ליבּע, און זאָלט אײנמיטהיג זײן פון אײנע מַחֲשָׁבָה, 3און
זאָלט גאָר ניט טהון דורך שטרייט אָדער אַ פאַלשען כָּבוד, נייערט מיט אַ
נידריגען געמיט לאָז איטליכער דעם אַנדערען פאַר אַ גרעסערען האַלטען װיא זיך
זעלבּסט. 4לאָז ניט איטליכער אויף דיא זײניגע אַכטונג געבּען, נייערט אויך
אויף דיא זאַכען װאָס געהערען צום אַנדערען. 5לאָז דיזער געדאַנקען אין אײך
זײן װאָס איז אויך אין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ געװען, 6דער איז אַפִּילוּ אין דער
געשטאַלט פון גאָט געװען, דאָך האָט ער עס ניט פאַר אַ פּרײז געהאַלטען
ער זאָל זײן גלײך צו גאָט, 7נייערט ער האָט זיך זעלבּסט אויסגעלעדיגט,
אינדעם ער האָט דיא געשטאַלט פון אַ קנעכט אָנגענומען, און איז אים
גלייכנים פון אַ מענשען געװאָרען, 8און װען ער איז אין דער געשטאַלט װיא
אַ מענש געפינען געװאָרען האָט ער זיך דערנידריגט און איז געהאָרזאַם
געװאָרען בּיז צום טויט, אַפִּילוּ דעם טויט פון דעם קרייץ. 9דרום האָט
אים גאָט אויך זעהר דערהייכט, און האָט אים דעם נאָמען געגעבּען װאָס
איז איבּער יעדעם נאָמען, 10כְּדֵי איטליכעס קניא פון דיא װאָס זענען אים
הימעל און אויף דער ערד און אונטער דער ערד זאָל זיך בּייגען אים נאָמען
פון יֵשׁוּעַ, 11און איטליכע צונג זאָל בּעקענען אַז יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ איז האַר צום
כָּבוֹד פון גאָט דעם פאָטער. 12אַזוי דען, מײנע געליבּטע, גלײך װיא איהר
האָט בּעשטענדיג צוגעהאָרכט, ניט נור װען איך בּין בּײא אײך געװען, נייערט
אַצונד פיל מעהר װען איך בּין ניט מיט אײך, װירקט אויס אײערע יְשׁוּעָה
מיט פאָרכט און ציטערנים; 13װאָרין עס איז גאָט װעלכער װירקט אין אײך
צו װילען און צו טהון נאָך זײן װאָוילגעפעלען. 14טהוט אַלעס אָהן געמורר־
מעל און קריגערייא, 15כְּדֵי איהר זאָלט זײן אָהן טאַדעל און אונשולדיג, דיא
קינדער פון גאָט אָהן אַ פעהלער אין מיטען פון אַ פערקעהרטען און פערדרעהר־
טען דור, צװישען װעלכען איהר שײנט װיא ליכטהאַלטער אין דער װעלט.
16און האַלט אײך אָן דעם װאָרט פון לעבּען, כְּדֵי איך זאָל מיך ריהמען אים
טאָג פון מָשִׁיחַ אַז איך בּין ניט אומזוסט געלאָפען און האָבּ ניט אומזוסט
געאַרבּייט. 17אָבּער װען איך בּין אויך געאָפּפערט אויף דעם קָרְבָּן און דינסט
פון אײער גלױבּען, אַזוי פרײע איך מיך און בּין פרעהליך מיט אײך אַלע;
18און איבּער דיזעם פרײעט איהר אײך אויך און זײט פרעהליך מיט מיר.
19אָבּער איך האָף אים האַר'ן יֵשׁוּעַ גלײך טימותיוס צו אײך צו שיקען, אַז
איך זאָל אויך דערקװיקט װערען װען איך װעל װיסען װיא עס געהט מיט
אײך. 20װאָרין איך האָבּ קײנעם גלײכדענקענדיגען, דער זאָל אויפריכטיג
פאַר אײך זאָרגען; 21װאָרין זײא אַלע זוכען דאָס זײערינע, און ניט דיא
זאַכען פון יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. 22אָבּער איהר װײסט זײנע אויספּריפונג, אַז ער האָט
מיט מיר צו דער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה געדינט גלײך װיא אַ קינד צום פאָטער.
23דרום האָף איך איהם בּאַלד צו שיקען, װען איך װעל זעהען װיא עס געהט
מיט מיר; 24און איך פערטרויע אין דעם האַר'ן אַז איך זעלבּסט װעל אויך

10 ישעיה מה׳ כג׳.

גלייך קומען. 25 אבער איך האב עס פאר נעטיג געהאלטען אז איך זאל
עפאפראדיטוס צו אייך שיקען, וועלכער איז מיין ברודער און מיטארבייטער און
מיטשטרייטער, און אייער באטע, וועלכער האט מיין בעדערפנים פערזעהען.
26 ווארין ער האט נאך אייך אלע געגלוסט, און האט זיך מצער געוועזען, וייל
איהר האט געהערט אז ער איז קראנק געוועזען. 27 ווארין ער איז טאקע
קראנק געוועזען נאהענט צום טויט; אבער גאט האט זיך איבער איהם דער־
בארמט, און ניט נור איבער איהם נייערט אויך איבער מיר, אז איך זאל ניט
טרויער אויף טרויער האבען. 28 דרום האב איך איהם מעהר פלייסיג געשיקט
כדי איהר זאלט איהם ווידער זעהען און זאלט אייך פרייען, און כדי איך
זאל וועניגער טרויער האבען. 29 דרום נעמט איהם אויף אין דעם האר'ן מיט
אלער פרייד, און האלט אזעלכע אין כבוד, 30 ווייל וועגען דעם ווערק
פון משיח איז ער נאהענט ביז צום טויט געוועזען, און האט זיין לעבען איינגע־
שטעלט כדי ער זאל דערפילען דאס וואס פעהלט אין אייערעם דינסט צו מיר.

ג 1 אים איבריגען, מיינע ברידער, פרייעט אייך אין דעם האר'ן. עס איז מיר
ניט פערדריסליך איך זאל אייך דאס זעלביגע שרייבען, אבער פאר אייך איז
עס זיכער.
2 היט אייך פאר די הינד, היט אייך פאר די שלעכטע ארבייטער, היט
אייך פאר דער פערשניידונג. 3 ווארין מיר זענען די בעשניידונג וואס גאטעס
דינסט האלטען דורך דעם גייסט, און ריהמען אונז אין ישוע המשיח, און
פערטרויען ניט אים פלייש; 4 האטשע איך האב אויך געקענט אים פלייש
פערטרויען. ווען אפילו איין אנדערער דענקט ערגיץ פערטרויען אים פלייש צו
האבען, איך פיל מעהר; 5 איך בין בעשניטען געווארען דעם אכטען טאג,
און בין פון דעם פאלק פון ישראל, פון שבט בנימין, איין עברי פון די
עברים, וועגען דעם געזעץ א פרוש, 6 וועגען אייפער האב איך די קהלה
פערפאלגט, וועגען דער גערעכטיגקייט אים געזעץ בין איך אהן א פעהלער געוועזען.
7 אבער די זאכען וואס זענען מיר געוועזען א געווין, די האב איך א
שאדען גערעכענט פון וועגען דעם משיח. 8 אבער איך רעכען אפילו אלע
זאכען פאר שאדען וועגען די זעהר גרויסע דערקענטנים פון ישוע המשיח
מיין האר'ן, פון וועגען וועלכען איך האב אין אלע זאכען שאדען געליטען,
און רעכען זייא אלס מיסט, כדי איך זאל משיח געווינען, 9 און זאל אין
איהם געפינען ווערען, אינדעם איך האב ניט מיינע אייגענע גערעכטיגקייט
וואס איז פון דעם געזעץ, נייערט די וואס איז דורך דעם גלויבען אן משיח,
די גערעכטיקייט וואס איז פון גאט אים גלויבען; 10 כדי איך זאל איהם
דערקענען, און די מאכט פון זיינע אויפערשטעהונג, און די געמיינשאפט
פון זיינע ליידען, און זאל צו זיין טויט מיטגעשטאלטעט ווערען, 11 אויב
איך וועל קענען אויף יעדען אופן צו תחית המתים דערלאנגען. 12 ניט אז
איך האב שוין דערלאנגט, אדער בין שוין פאלקאמען, נייערט איך פאלג
נאך אז איך זאל אויך דאס דערגרייפען וועגען וועלכעם איך בין אויך

דֶערְגְרִיפֶען פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. 13 בְּרִידֶער, אִיךְ רֶעכֶען מִיךְ נָאךְ נִיט אַז אִיךְ הָאבּ
דֶערְגְרִיפֶען; אָבֶּער דִיא אֵיינֶע זַאךְ טְהוּא אִיךְ, אִיךְ פֶערְגֶעס דִיא זַאכֶען וָאס
זֶענֶען הִינְטֶער, אוּן שְׁטְרֶעק אוּיס נָאךְ דִיא וָאס זֶענֶען צוּ פָאר, 14 אוּן נָאךְ
דֶעם צִיעֶל פָּאלְג אִיךְ צוּם פְּרֵייז פוּן דִיא הוֹיכֶע בֶּערוּפוּנְג פוּן גָאט אִין
יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. 15 דְרוּם, אַזוֹי פִילֶע וָאס זֶענֶען פָאלְקָאמֶען, לָאזֶען מִיר אַזוֹי
דֶענְקֶען; אוּן וֶוען אִיהְר דֶענְקְט אַנְדֶערְשׁ אִין עֶפֶּעס, וֶועט אֵייךְ גָאט דָאס אוֹיךְ
אַנְטְפְּלֶעקֶען. 16 דָאךְ וִויא וַויְיט מִיר הָאבֶּען דֶערְלַאנְגְט לָאזֶען מִיר וַואנְדְלֶען
נָאךְ דֶעם כְּלָל.

17 בְּרִידֶער, זַייט נַאכְפָאלְגֶער מִיט מִיר נָאךְ, אוּן זֶעהְט אוֹיף דִיא וָאס וַואנְדְלֶען וִויא
אִיהְר הָאט אוּנְז פַאר אַ בֵּיישְׁפִּיל. 18 וָוארִין פִילֶע וַואנְדְלֶען, פוּן וֶועלְכֶע אִיךְ
הָאבּ אֵייךְ אָפְט גֶעזָאגְט, אוּן אַצוּנְד זָאג אִיךְ אַפִילוּ מִיט וויְינֶען, אַז זֵייא
זֶענֶען דִיא פֵיינְד פוּן דֶעם קְרֵייץ פוּן מָשִׁיחַ; 19 וָואס זֵייעֶר עֶנְד אִיז פֶערְדַארְ־
בְּנִים, זֵייעֶר גָאט אִיז דֶער בּוֹיךְ, אוּן זֵייעֶר כָּבוֹד אִיז אִין זֵייעֶרֶע שַׁאנְד, וֶועלְכֶע
זֶענֶען עֶרְדִישׁ גֶעזִינְט. 20 וָוארִין אוּנְזֶער בִּירְגֶערְשַׁאפְט אִיז אִים הִימֶעל, פוּן
וַואנֶען אוֹיךְ מִיר דֶערְוַוארְטֶען דֶעם רֶעטֶער, דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, 21 דֶער
וֶועט אוּמְבִּילְדֶען דֶעם לֵייבּ פוּן אוּנְזֶערֶע נִידְרִיגְקֵייט כְּדֵי עֶר זָאל גְלֵייכְגֶע־
שְׁטַאלְטֶעט צוּם לֵייבּ פוּן זֵיינֶע הֶערְלִיכְקֵייט, נָאךְ דֶער מַאכְט מִיט וֶועלְכֶער עֶר
קֶען אוֹיךְ אַלֶע זַאכֶען צוּ זִיךְ אוּנְטֶערְטֶענִיג מַאכֶען.

ד 1 אַזוֹי דֶען מֵיינֶע גֶעלִיבְּטֶע אוּן בֶּעגֶעהְרְטֶע בְּרִידֶער, מֵיינֶע פְרֵייד אוּן קְרוֹין,
שְׁטֶעהְט אַזוֹי פֶעסְט אִין דֶעם הַאר'ן, גֶעלִיבְּטֶע.

2 אִיךְ זָאג אָן אַבְהוּדְיָא אוּן אִיךְ זָאג אָן סִינְטִיכִי זֵייא זָאלֶען אֵיינֶערְלֵייא
גֶעדַאנְקֶען הָאבֶּען אִין דֶעם הַאר'ן. 3 יָא אִיךְ זָאג אָן אוֹיךְ דִיךְ מֵיין גֶעטְרֵייעֶר
גֶעזֶעלֶען, הֶעלְף דִיא פְרוֹיעֶן וָואס הָאבֶּען מִיט מִיר גֶעאַרְבֵּייט אִין דֶער בְּשׂוֹרָה
טוֹבָה, מִיט קְלֶעמֶענְס אוּן אוֹיךְ מֵיינֶע אַנְדֶערֶע הֶעלְפֶער, וֶועמֶעס נֶעמֶען זֶענֶען
אִים סֵפֶר הַחַיִים. 4 פְרֵייעֶט אֵייךְ בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִין דֶעם הַאר'ן; אִיךְ זָאג ווִידֶער
אַמָאל, פְרֵייעֶט אֵייךְ. 5 לָאז אֵייעֶרֶע דֶעמִיטִיגְקֵייט בֶּעקַאנְט זַיין צוּ אַלֶע מֶענְ־
שֶׁען. דֶער הַאר אִיז נָאהֶענְט. 6 זָארְגְט נִיט פַאר קֵיין זַאךְ גֵייעֶרְט אִין אַלֶעם
לָאזְט ווִיסֶען אֵייעֶרֶע בֶּעדֶערְפְנִיסֶען צוּ גָאט דוּרְךְ גֶעבֶּעט אוּן תְּחִנָּה מִיט דַאנְק.
7 אוּן דֶער פְרִידֶען פוּן גָאט, וָואס אִיז אִיבֶּער אַלֶעם פֶערְשְׁטַאנְד וֶועט אֵייעֶר
הַארְץ אוּן גֶעדַאנְקֶען בֶּעוָואהְרֶען אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.

8 אִים אִיבְּרִיגֶען בְּרִידֶער, אַזוֹי פִילֶע זַאכֶען וָואס זֶענֶען וָואהְר, אַזוֹי פִילֶע וָואס
זֶענֶען אָנְשְׁטֶענְדִיג, אַזוֹי פִילֶע וָואס זֶענֶען גֶערֶעכְט, אַזוֹי פִילֶע וָואס זֶענֶען רֵיין,
אַזוֹי פִילֶע וָואס זֶענֶען לִיבְּלִיךְ, אַזוֹי פִילֶע וָואס הָאבֶּען אַ גוּטֶען שֵׁם, וֶוען עֶס
אִיז אַ שׁוּם גוּטֶע וֶוערְט אָדֶער אַ שׁוּם לוֹיבּ, דֶענְקְט אָן דִיזֶע זַאכֶען. 9 וָואס
אִיהְר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען אוּן גֶעהֶערְט אוּן גֶעזֶעהֶען אִין מִיר,
דָאס טְהוּט; אוּן דֶער גָאט פוּן פְרִידֶען וֶועט מִיט אֵייךְ זַיין.

10 אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ זֶעהְר אִים הַאר'ן גֶעפְרֵייעֶט, אַז אֵייעֶר טְרַאכְטֶען
פַאר מִיר בְּלִיהְט שׁוֹין ווִידֶער; חָאטְשֶׁע אִיהְר הָאט אוֹיךְ פְרִיהֶער גֶעטְרַאכְט,

אָבֶּער אִיהְר הָאט קֵיינֶע גֶעלֶעגֶענְהֵייט נִיט גֶעהַאט. 11 נִיט אַז אִיךְ זָאג דָאס
וֶועגֶען בֶּעדֶערְפְנִיס, וָוארִין אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט צוּפְרִידֶען צוּ זַיין אִין וָואסְפַאר
אַ שְׁטַאנְד אִיךְ בִּין. 12 אִיךְ ווֵיים וִויא דֶערְנִידְרִיגְט צוּ זַיין, אוּן אִיךְ ווֵיים וִויא
דֶערְפִילְט צוּ זַיין; אִין אַלֶעס אוּן אִין אַלֶע זַאכֶען בִּין אִיךְ גֶעלֶערְנְט זַאט צוּ
זַיין אוּן צוּ הוּנְגֶערְן, אִיבְּרִיג צוּ הָאבֶּען אוּן נויט צוּ לֵיידֶען. 13 אִיךְ קֶען אַלֶעס
טְהוּן דוּרְךְ אִיהְם דֶער שְׁטַארְקְט מִיךְ. 14 דָאךְ הָאט אִיהְר גוּט גֶעטְהוּן אִינְדֶעם
אִיהְר הָאט אַ טְהֵייל גֶענוּמֶען אִין מֵיינֶע צָרָה. 15 אוּן אִיהְר ווֵייסְט אוֹיךְ
זֶעלְבְּסְט, אִיהְר פִילִיפֶּער, אַז אִים אָנְהֵייבּ פוּן דֶער בְּשׂוּרָה טוֹבָה, וֶוען אִיךְ
בִּין פוּן מַקְדוֹנְיָא אַרויסְגֶעגַאנְגֶען הָאט קֵיינֶע קְהִלָּה נִיט מִיט מִיר גֶעמֵיינְשַׁאפְט
גֶעהַאט וֶועגֶען גֶעבֶּען אוּן נֶעמֶען, נֵייעֶרְט אִיהְר אַלֵיין; 16 וָוארִין אִין טֶעסַאלוֹנִיקִי
הָאט אִיהְר אוֹיךְ אֵיין מָאל אוּן ווִידֶער אַמָאל צוּ מֵיין בֶּעדֶערְפְנִים גֶעשִׁיקְט.
17 נִיט אַז אִיךְ פֶערְלַאנְג דִיא מַתָּנָה, נֵייעֶרְט אִיךְ פֶערְלַאנְג דִיא פְרוּכְט וָואס זָאל
זִיךְ מֶעהְרֶען צוּ אֵייעֶרֶע רֶעכְנוּנְג. 18 דָאךְ הָאבּ אִיךְ אַלֶעס, אוּן נָאךְ אִיבְּרִיג
הָאבּ אִיךְ; אִיךְ בִּין דֶערְפִילְט, ווֵייל אִיךְ הָאבּ דוּרְךְ עֶפַּאפְרוֹדִיטוּס דֶערְהַאלְטֶען
דִיא זַאכֶען וָואס אִיהְר הָאט גֶעשִׁיקְט אַ רֵיחַ נִיחֹחַ, אֵיין אָנְגֶענֶעהְמֶעס קָרְבָּן,
וָואס אִיז גֶעפֶעלִיג צוּ גָאט. 19 אוּן מֵיין גָאט וֶועט אֵייעֶר גַאנְצֶעס בֶּעדֶערְפְנִים
דֶערְפִילֶען נָאךְ זֵיינֶער רֵייכְקֵייט אִין הֶערְלִיכְקֵייט אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. 20 נוּן צוּ
אוּנְזֶערֶעם גָאט אוּן פָאטֶער זָאל דֶער כָּבוֹד זַיין פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט;
אָמֵן.

21 גְרִיסְט יֶעדֶעם הֵיילִיגֶען אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. דִיא בְּרִידֶער וָואס זֶענֶען
מִיט מִיר גְרִיסֶען אֵייךְ. 22 אַלֶע הֵיילִיגֶע גְרִיסֶען אֵייךְ, אוּן מֵייסְטֶענְס דִיא וָואס
זֶענֶען פוּן דֶעם הויזְגֶעזִינְד פוּן קֵיסָר.

23 דִיא גְנָאד פוּן אוּנְזֶערֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ זָאל זַיין מִיט אֵייעֶרֶעם גֵייסְט.

דֶער בְּרִיף פוּן דֶעם
אַפָּאסְטֶעל פוֹלוֹס צוּ דִיא קָאלָאסֶער.

---

1 פוֹלוֹס אֵיין אַפָּאסְטֶעל פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ דוּרְךְ דֶעם ווִילֶען פוּן גָאט, אוּן
טִימוֹתִיוּס דֶער בְּרוּדֶער, 2 צוּ דִיא הֵיילִיגֶע וָואס זֶענֶען אִין קָאלָאסֶע דִיא
גֶעטְרֵייעֶ בְּרִידֶער אִין מָשִׁיחַ; גְנָאד זַייא מִיט אֵייךְ אוּן פְרִידֶען פוּן גָאט אוּנְ־
זֶערֶען פָאטֶער. 3 מִיר דַאנְקֶען אַלֶע צֵייט גָאט דֶעם פָאטֶער פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן
יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אוּן מִיר בֶּעטֶען וֶועגֶען אֵייךְ, 4 אִינְדֶעם מִיר הָאבֶּען גֶעהֶערְט
וֶועגֶען דֶעם גְלוֹיבֶּען וָואס אִיהְר הָאט אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אוּן אֵייעֶרֶע לִיבֶּע צוּ
אַלֶע הֵיילִיגֶע; 5 דוּרְךְ דֶער הָאפְנוּנְג וָואס אִיז פַאר אֵייךְ אוֹיפְבֶּעהַאלְטֶען אִים
הִימֶעל, וָואס אִיהְר הָאט פְרִיהֶער גֶעהֶערְט אִים וָוארְט פוּן דֶער וָואהְרְהֵייט פוּן דֶער

בְּשׂוֹרָה טוֹבָה, 6 וָואס אִיז בֵּייא אֵייךְ, גְלֵייךְ וִויא עֶס אִיז אוֹיךְ אִין דִיא גַאנְצֶע
וֶועלְט אוּן טְרָאגְט פְרוּכְט אוּן מֶעהְרְט זִיךְ, אַזוֹי וִויא אוֹיךְ צְוִוישֶׁען אֵייךְ, פוּן דֶעם
טָאג אָן וֶוען אִיהְר הָאט גֶעהֶערְט אוּן דֶערְקַאנְט דִיא גְנָאד פוּן גָאט אִין וָואהְר־
הֵייט. 7 גְלֵייךְ וִויא אִיהְר הָאט גֶעלֶערְנְט פוּן עֶפַּאפְרַאס אוּנְזֶערֶען גֶעלִיבְּטֶען
מִיטְקְנֶעכְט, וֶועלְכֶער אִיז פַאר אֵייךְ אַ גֶעטְרֵייעֶר דִינֶער פוּן מָשִׁיחַ, 8 דֶער הָאט
אוֹיךְ אוּנְז צוּ וִויסֶען גֶעטְהוּן אֵייעֶרֶע לִיבֶּע אִים גֵייסְט.

9 דֶעסְטְוֶועגֶען פוּן דֶעם טָאג אָן מִיר הָאבֶּען עֶס גֶעהֶערְט הֶערֶען מִיר נִיט
אוֹיף פַאר אֵייךְ מִתְפַּלֵל צוּ זַיין, אוּן צוּ בֶּעטֶען אַז אִיהְר זָאלְט דֶערְפִילְט וֶוערֶען
מִיט דֶער דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן זַיין ווִילֶען אִין יֶעדֶע גֵייסְטְלִיכֶע חָכְמָה אוּן
פֶערְשְׁטַאנְד, 10 אַז אִיהְר זָאלְט וַואנְדְלֶען ווִירְדִיג פוּן דֶעם הַאר'ן צוּ אַלֶעם
וָואוֹילְגֶעפֶעלֶען, אוּן זָאלְט פְרוּכְט בְּרֶענְגֶען אִין אִיטְלִיכֶעם גוּטֶען וֶוערְק אוּן זָאלְט
אֵייךְ מֶעהְרֶען אִין דֶער דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן גָאט, 11 גֶעשְׁטַארְקְט מִיט אַלֶער
מַאכְט נָאךְ דֶער קְרַאפְט פוּן זַיינֶע הֶערְלִיכְקֵייט צוּ אַלֶער גֶעדוּלְד אוּן לַאנְגְ־
מִיטִיגְקֵייט מִיט פְרֵייד; 12 אוּן זָאלְט דֶעם פָאטֶער דַאנְקֶען דֶער הָאט אוּנְז
טוֹיגְלִיךְ גֶעמַאכְט צוּ טְהֵייל זַיין פוּן דֶער נַחֲלָה פוּן דִיא הֵיילִיגֶע אִים לִיכְט.
13 וֶועלְכֶער הָאט אוּנְז גֶערֶעטֶעט פוּן דֶער מַאכְט פוּן דֶער פִינְסְטֶערְנִיס, אוּן
הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אִים קֶענִיגְרֵייךְ פוּן דֶעם זוּהְן פוּן זַיינֶע לִיבֶּע; 14 אִין
וֶועלְכֶען מִיר הָאבֶּען אוּנְזֶערֶע דֶערְלֶעזוּנְג, דִיא פֶערְגֶעבּוּנְג פוּן זִינְד. 15 וֶועלְכֶער
אִיז דִיא גֶעשְׁטַאלְט פוּן דֶעם אוּנְגֶעזֶעהֶענֶען גָאט, דֶער בְּכוֹר פוּן אַלֶע בֶּעשֶׁע־
פֶענִיס; 16 וָוארִין דוּרְךְ אִיהְם זֶענֶען אַלֶע זַאכֶען בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען וָואס זֶענֶען
אִים הִימֶעל אוּן אוֹיף דֶער עֶרְד, דִיא גֶעזֶעהֶענֶע אוּן דִיא נִיט גֶעזֶעהֶענֶע, אוֹיבּ
זֵייא זֶענֶען טְרוֹינְשְׁטוּהְלֶען אָדֶער הֶערְשַׁאפְטֶען אָדֶער אוֹיבְּרִיגְקֵייטֶען אָדֶער
מֶעכְטֶע; אַלֶע זַאכֶען זֶענֶען דוּרְךְ אִיהְם אוּן צוּ אִיהְם בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען.
17 אוּן עֶר אִיז פָאר אַלֶע זַאכֶען, אוּן אַלֶע זַאכֶען בֶּעשְׁטֶעהֶען אִין אִיהְם; 18 אוּן
עֶר אִיז דֶער קָאפּ פוּן דֶעם לֵייבּ וָואס אִיז דִיא קְהִלָּה. אוּן עֶר אִיז דֶער
אָנְהֵייבּ, דֶער בְּכוֹר פוּן דִיא טוֹיטֶע, כְּדֵי עֶר זָאל אַלֵיין אִין אַלֶע זַאכֶען דֶער
עֶרְשְׁטֶער זַיין. 19 וָוארִין עֶס אִיז דֶעם פָאטֶער וָואוֹילְגֶעפֶעלֶען אַז אִין אִיהְם
זָאל דִיא גַאנְצֶע פוּלְקֵייט וָואוֹינֶען, 20 אוּן אַז עֶר זָאל דוּרְךְ אִיהְם אַלֶע זַאכֶען
מִיט זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטֶען, דִיא וָואס זֶענֶען אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן אִים הִימֶעל,
אִינְדֶעם עֶר הָאט שָׁלוֹם גֶעמַאכְט דוּרְךְ דֶעם בְּלוּט פוּן זַיין קְרֵייץ.

21 אוּן אֵייךְ וָואס אִיהְר זֶענְט אַמָאל פְרֶעמְד גֶעוֶועזֶען אוּן פֵיינְד אִין אֵייעֶרֶע
מַחֲשָׁבוֹת דוּרְךְ שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים הָאט עֶר אַצוּנְד אִיבֶּערְגֶעבֶּעטֶען, 22 אִין דֶעם
לֵייבּ פוּן זַיין פְלֵייש דוּרְךְ דֶעם טוֹיט, כְּדֵי עֶר זָאל אֵייךְ הֵיילִיג אוּן אוּנְשׁוּלְדִיג
אוּן אָהְן אַ פֶעהְלֶער פָאר אִיהְם פָארְשְׁטֶעלֶען; 23 וֶוען אִיהְר וֶועט בְּלֵייבֶּען אִים
גְלוֹיבֶּען גֶעגְרִינְדֶעט אוּן בֶּעפֶעסְטִיגְט, אוּן וֶועט נִיט אַוֶועקְבֶּעוֶועגְט וֶוערֶען
פוּן דֶער הָאפְנוּנְג פוּן דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה וָואס אִיהְר הָאט גֶעהֶערְט, וָואס אִיז
גֶעפְּרֶעדִיגְט גֶעוָוארֶען צְוִוישֶׁען אַלֶע בֶּעשֶׁעפֶענִיס אוּנְטֶער דֶעם הִימֶעל, פוּן
וֶועלְכֶען אִיךְ פּוֹלוֹס בִּין אַ דִינֶער גֶעוָוארֶען.

24 אַצוּנְד פְרֵייעֶ אִיךְ מִיךְ אִין מֵיינֶע לֵיידֶען פַאר אֵייךְ, אוּן אִיךְ דֶערְפִיל אִין
מֵיין פְלֵייש דָאס וָואס פֶעהְלְט אִין דִיא לֵיידֶען פוּן מָשִׁיחַ, פַאר זֵיין לֵייבּ, וָואס
אִיז דִיא קְהִלָה, 25 פוּן וֶועלְכֶער אִיךְ בִּין אַ דִינֶער גֶעוָוארֶען נָאךְ דֶער פֶערְאָרְדְ־
נוּנְג פוּן גָאט וָואס אִיז מִיר גֶעגֶעבֶּען פוּן אֵייעֶרְטְוֶועגֶען, צוּ דֶערְפִילֶען דָאס
וָוארְט פוּן גָאט, 26 דֶעם סוֹד וָואס אִיז פֶערְבָּארְגֶען גֶעוֶוען פוּן דִיא צֵייטֶען
אוּן דִיא דוֹרוֹת, אָבֶּער אִיז אַצוּנְד צוּ זֵיינֶע הֵיילִיגֶע אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארֶען; 27 צוּ
וֶועלְכֶע גָאט הָאט גֶעוָואלְט וִויסֶען מְהוּן וָואס אִיז דִיא רֵייכְקֵייט פוּן דֶער הֶערְלִיכְקֵייט
פוּן דִיזֶעם סוֹד צְוִוישֶׁען דִיא גוֹיִם, וָואס אִיז מָשִׁיחַ אִין אֵייךְ, דִיא הָאפְנוּנְג פוּן
הֶערְלִיכְקֵייט. 28 דֶעם מִיר פְּרֶעדִיגֶען, אוּן וָוארְנֶען אִיטְלִיכֶען מֶענְשׁ אוּן
לֶערְנֶען אִיטְלִיכֶען מֶענְשׁ מִיט אַלֶערְלֵייא וֵוייזְהֵייט, כְּדֵי מִיר זָאלֶען שְׁטֶעלֶען
אִיטְלִיכֶען מֶענְשׁ פָאלְקָאמֶען אִין מָשִׁיחַ. 29 צוּ דֶעם תַּכְלִית אִיךְ אוֹיךְ
אַרְבֵּייט, אִינְדֶעם אִיךְ שְׁטְרֵייט נָאךְ זֵיינֶער מַאכְט וָואס וִוירְקְט אִין מִיר מִיט
גְבוּרָה.

ב 1 וָוארִין אִיךְ וִויל אַז אִיהְר זָאלְט וִויסֶען וָואסְפַאר אַ גְרוֹיסֶען שְׁטְרֵייט אִיךְ
הָאבּ פַאר אֵייךְ, אוּן פַאר דִיא וָואס זֶענֶען אִין לָאוּדִיקְיָא, אוּן פַאר אַלֶע וָואס
הָאבֶּען מֵיין פָּנִים אִין דֶעם פְלֵייש נִיט גֶעזֶעהֶען; 2 כְּדֵי זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער זָאלֶען
גֶעטְרֵייסְט וֶוערֶען, אוּן זֵייא זָאלֶען בֶּעפֶעסְטִיגְט וֶוערֶען אִין דֶער לִיבֶּע אַפִילוּ
צוּ אַלֶע רֵייכְקֵייט פוּן אַ גַאנְץ דֶערְפִילְטֶען פֶערְשְׁטַאנְד, צוּ דֶער דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן
דֶעם סוֹד פוּן גָאט וָואס אִיז מָשִׁיחַ, 3 אִין וֶועלְכֶען זֶענֶען אַלֶע אוֹצְרוֹת פוּן
חָכְמָה אוּן דֶערְקֶענְטְנִיס פֶערְבָּארְגֶען. 4 דָאס זָאג אִיךְ, כְּדֵי קֵיינֶער זָאל אֵייךְ
נִיט בֶּעטְרִיגֶען מִיט אִיבֶּערְרֶעדֶענְדִיגֶע קְרַאפְט. 5 וָוארִין חָאטְשֶׁע אִיךְ בִּין נִיט
בֵּייא אֵייךְ אִים לֵייבּ דָאךְ בִּין אִיךְ בֵּייא אֵייךְ אִים גֵייסְט, אוּן אִיךְ פְרֵייעֶ מִיךְ אוּן
זֶעה אָן אֵייעֶרֶע אָרְדְנוּנְג, אוּן דִיא פֶעסְטִיגְקֵייט פוּן אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען אָן מָשִׁיחַ.
6 דְרוּם גְלֵייךְ וִויא אִיהְר הָאט דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אָנְגֶענוּמֶען, אַזוֹי
וַואנְדֶעלְט אִין אִיהְם. 7 אוּן זֵייט אֵיינְגֶעוָואוּרְצֶעלְט אוּן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט אִין אִיהְם,
בֶּעפֶעסְטִיגְט אִים גְלוֹיבֶּען אַזוֹי וִויא אִיהְר הָאט גֶעלֶערְנְט, אוּן מֶעהְרְט אֵייךְ
דְרִינֶען מִיט דַאנְק.
8 גִיבְּט אַכְטוּנְג אַז קֵיינֶער זָאל אֵייךְ פַאר אַ רוֹיבּ מַאכֶען דוּרְךְ פִילָאסָאפִי אוּן
לֶעדִיגֶע פֶערְפִיהְרוּנְג נָאךְ דֶער קַבָּלָה פוּן מֶענְשֶׁען, נָאךְ דִיא יְסוֹדוֹת
פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן נִיט נָאךְ מָשִׁיחַ; 9 וָוארִין אִין אִיהְם וְואוֹינְט דִיא גַאנְצֶע
פוּלְקֵייט פוּן דֶער גָאטְהֵייט לֵייבְּהַאפְטִיג. 10 אוּן אִיהְר זֶענְט דֶערְפִילְט אִין
אִיהְם, וֶועלְכֶער אִיז דֶער קָאפּ פוּן יֶעדֶער הֶערְשַׁאפְט אוּן מַאכְט, 11 אִין וֶועלְ־
כֶעם אוֹיךְ אִיהְר זֶענְט בֶּעשְׁנִיטֶען מִיט דֶער בֶּעשְׁנֵיידוּנְג וָואס אִיז נִיט מִיט
הַאנְד גֶעמַאכְט, מִיט דֶעם אוֹיסְטְהוּן פוּן דֶעם לֵייבּ פוּן דֶעם פְלֵייש, אִין דֶער
בֶּעשְׁנֵיידוּנְג פוּן מָשִׁיחַ; 12 אוּן אִיהְר זֶענְט מִיט אִיהְם אִין דֶער טְבִילָה בֶּעגְרָאבּ־
בֶּען גֶעוָוארֶען, אִין וֶועלְכֶער אִיהְר זֶענְט אוֹיךְ מִיט אִיהְם אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען דוּרְךְ
דֶעם גְלוֹיבֶּען אִים ווִירְקֶען פוּן גָאט, דֶער הָאט אִיהְם אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דִיא
טוֹיטֶע. 13 אוּן אֵייךְ, וָואס אִיהְר זֶענְט טוֹיט גֶעוֶוען דוּרְךְ אֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת אוּן

דער ערלה פון אייער פלייש, האט ער מיט איהם לעבענדיג געמאכט, אינדעם
ער האט אונז פערגעבען אלע עבירות, [14] און האט דיא האנדשריפט דורך
זיינע חוקים אויסגעמעקט וואס איז קעגען אונז געוועזען, וואס איז אויך אונז
דערווידער, און האט עס ארויסגענומען אויס דער מיטען אינדעם ער האט
עס צום קרייץ אנגענעגעלט. [15] און ער האט אויסגעצויגען דיא הערשאפטען
און דיא מעכטע, און האט זייא עפענטליך בעוויזען, און האט דרינען איבער
זייא געזיגט.
[16] דרום לאז אייך קיינער ניט ריכטען וועגען עסען און טרינקען אדער וועגען
א יום טוב אדער א ראש חדש אדער שבתות, [17] וואס זענען א שאטען פון
דיא זאכען וואס וועלען קומען, אבער דער לייב געהערט צו משיח. [18] לאז אייך
קיינער ניט רויבען דעם שכר דורך דינגען אין נידריגקייט און פערעהרונג פון דיא
מלאכים, אינדעם ער דרינגט אויף דיא זאכען וואס ער האט געזעהען, און
איז אומזוסט אויפגעבלאזען פון זיין פליישליכען פערשטאנד; [19] און ער האלט
ניט פעסט אן דעם קאפ, פון וועלכעם דער גאנצע לייב איז גענעהרט און בע־
פעסטיגט דורך דיא בענדע און אדערען, און וואקסט מיט דעם געוועקס
פון גאט.
[20] ווען איהר זענט מיט משיח געשטארבען פון דיא גרונדזעצע פון דער
וועלט, ווארום גלייך וויא איהר זענט לעבענדיג אין דער וועלט אונטערווארפט
איהר אייך זעלבסט צו געזעצען, [21] ריהר ניט אן, פערזוך ניט, נעם ניט אין
דער האנד, [22] וואס אלע זענען צום פערדארבען מיט דעם ניצען, נאך דיא
געבאטען און לעהרען פון מענשען? [23] וואס האבען וואויל א שיין פון חכמה
אין בעוויליגטעם דינסט און נידריגקייט און ניט פערשוינונג פון דעם לייב, ניט
אין א שום כבוד צו זעטיגונג פון דעם פלייש.
ג [1] דרום ווען איהר זענט מיט משיח אויפגעשטאנען, זוכט דיא זאכען וואס
זענען אויבען, וואו משיח איז, זיצענדיג צו דיא רעכטע האנד פון גאט.
[2] טראכט דיא זאכען וואס זענען אויבען, ניט דיא וואס זענען אויף דער
ערד. [3] ווארין איהר זענט געשטארבען, און אייער לעבען איז מיט משיח אין
גאט פערבארגען. [4] ווען משיח דער איז אונזער לעבען וועט אנטפלעקט ווערען,
דאן וועט איהר אויך מיט איהם אנטפלעקט ווערען אין הערליכקייט.
[5] דרום זאלט איהר טייטען אייערע גלידער וואס זענען אויף דער ערד,
הורערייא, אונרייניגקייט, ליידענשאפט, שלעכטעס בעגעהרען, און גייציגקייט,
וואס איז אפגעטערייא; [6] דורך וועלכע דער צארן פון גאט קומט איבער
דיא ווידערשפעניגע קינדער; [7] אין וועלכע זאכען איהר האט אויך אמאל
געוואנדעלט, ווען איהר האט דרינען געלעבט. [8] אבער אצונד לעגט איהר
אויך אוועק דיא אלע, צארן, גרים, רשעות, לעסטערונג, שענדליכע רעד פון
אייער מויל. [9] זאגט ניט קיין ליגען צווישען איינאנדער אינדעם איהר האט
דעם אלטען מענשען אויסגעטהון מיט זיינע מעשים, [10] און האט דעם נייען
מענשען אנגעטהון וועלכער איז דערנייערט אין דערקענטניס נאך דער

גֶעשְׁטַאלְט פוּן אִיהְם דֶער הָאט אִיהְם בֶּעשַׁאפֶען; 11 וְואוּ עֶס קֶען נִיט זַיין גְרֶעק
אוּן יוּד, בֶּעשְׁנֵיידוּנְג אוּן אוּנְבֶּעשְׁנֵיידוּנְג, פְרֶעמְדֶער אוּן סְקוּטֶער, קְנֶעכְט אוּן
פְרַייעֶר; נֵייעֶרְט מָשִׁיחַ אִיז אַלֶעס אוּן אִין אַלֶעס.
12 דְרוּם טְהוּט אָן אַלְס אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְטֶע פוּן גָאט, הֵיילִיגֶע אוּן גֶעלִיבְּטֶע,
הֶערְצֶער פוּן בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייט, פְרֵיינְדְלִיכְקֵייט, אַ נִידְרִיגֶעס גֶעמִיט, זַאנְפְטְמִי־
טִיגְקֵייט, לַאנְגְמִיטִיגְקֵייט. 13 פֶערְטְרָאגְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען אוּן פֶערְגִיבְּט
אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען, וֶוען אֵיימִיצֶער הָאט עֶפֶּעס אֵיין אָנְקְלָאג קֶעגֶען דֶעם
אַנְדֶערֶען; גְלֵייךְ וִויא דֶער הַאר הָאט אֵייךְ פֶערְגֶעבֶּען, אַזוֹי טְהוּט אוֹיךְ אִיהְר.
14 אוּן אִיבֶּער אַלֶע דִיזֶע זַאכֶען טְהוּט אָן דִיא לִיבֶּע, וָואס אִיז דָאס בַּאנְד פוּן
פָאלְקָאמֶענְהֵייט. 15 אוּן לָאז דֶער פְרִידֶען פוּן מָשִׁיחַ הֶערְשֶׁען אִין אֵייעֶרֶע
הֶערְצֶער, צוּ וֶועלְכֶעס אִיהְר זֶענְט אוֹיךְ גֶערוּפֶען אִין אֵיין לֵייבּ; אוּן זַייט
בֶּעדַאנְקֶענְדִיג. 16 לָאז דָאס וָוארְט פוּן מָשִׁיחַ רֵייכְלִיךְ אִין אֵייךְ וְואוֹינֶען, מִיט
אַלֶערְלֵייא חָכְמָה לֶעהְרְט אוּן דֶערְמָאהְנְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען אִין מִזְמוֹרִים אוּן
גֶעזַאנְג אוּן גֵייסְטְלִיכֶע לִידֶער, אוּן זִינְגְט מִיט גְנָאד אִין אֵייעֶרֶע הֶערְצֶער צוּם הַאר'ן.
17 אוּן וָואסְפַאר אַ זַאךְ אִיהְר טְהוּט אִין וָוארְט אָדֶער אִין וֶוערְק, טְהוּט אַלֶעס
אִים נָאמֶען פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ, אוּן דַאנְקְט גָאט דֶעם פָאטֶער דוּרְךְ אִיהְם.
18 אִיהְר וַוייבֶּער, זַייט אוּנְטֶערְטֶענִיג צוּ אֵייעֶרֶע מֶענֶער, וִויא עֶס אִיז
אָנְשְׁטֶענְדִיג אִין דֶעם הַאר'ן. 19 אִיהְר מֶענֶער, לִיבְּט אֵייעֶרֶע וַוייבֶּער, אוּן זַייט
נִיט עֶרְבִּיטֶערְט קֶעגֶען זֵייא. 20 אִיהְר קִינְדֶער, גֶעהָארְכְט אֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אִין
אַלֶע זַאכֶען; וָוארִין דָאס אִיז וְואוֹילְגֶעפֶעלִיג צוּ דֶעם הַאר'ן. 21 אִיהְר פֶעטֶער,
דֶערְצֶערְנְט נִיט אֵייעֶרֶע קִינְדֶער, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען נִיט דֶעם מִיט פֶערְלִירֶען.
22 אִיהְר קְנֶעכְט, גֶעהָארְכְט אִין אַלֶע זַאכֶען אֵייעֶרֶע הֶערְרֶען נָאךְ דֶעם פְלֵיישׁ,
נִיט מִיט אוֹיגֶענְדִינְסְט אַלְס דִיא וָואס מֶענְשֶׁען גֶעפֶעלֶען, נֵייעֶרְט מִיט
אַ רֵיינֶען הַארְץ פָארְכְט דֶעם הַאר'ן. 23 אַלֶעס וָואס אִיהְר טְהוּט, מִיט
גַאנְצֶעם גֶעמִיט וִוירְקְט עֶס וִויא צוּם הַאר'ן אוּן נִיט צוּ מֶענְשֶׁען; 24 וָוא־
רִין אִיהְר ווייסְט אַז אִיהְר וֶועט פוּן דֶעם הַאר'ן בֶּעקוּמֶען דֶעם שְׂכַר פוּן
דֶער יְרוּשָׁה; אִיהְר דִינְט דֶעם הַאר'ן מָשִׁיחַ. 25 וָוארִין דֶער וָואס טְהוּט
אוּנְרֶעכְט וֶועט בֶּעקוּמֶען פַאר דֶעם וָואס עֶר הָאט אוּנְרֶעכְט גֶעטְהוּן, אוּן עֶס
ד אִיז נִיט פַארְהַאנֶען קֵיין נוֹשֵׂא פָּנִים. 1 אִיהְר הֶערְרֶען, בֶּעצָאהְלְט צוּ
אֵייעֶרֶע קְנֶעכְט דָאס וָואס אִיז רֶעכְט אוּן גְלֵייךְ, וָוארִין אִיהְר ווייסְט אַז אִיהְר
הָאט אוֹיךְ אֵיין הַאר'ן אִין דֶעם הִימֶעל.
2 זַייט בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִים גֶעבֶּעט, אוּן וַואכְט דְרִינֶען מִיט דַאנְק, 3 אוּן
בֶּעט אִיהְר אוֹיךְ פַאר אוּנְז, כְּדֵי גָאט זָאל אוּנְז עֶפֶענֶען אַ טְהִיר פַאר דֶעם
וָוארְט, אַז מִיר זָאלֶען רֶעדֶען דֶעם סוֹד פוּן מָשִׁיחַ, וֶועגֶען וֶועלְכֶעס אִיךְ בִּין
אוֹיךְ גֶעבּוּנְדֶען; 4 כְּדֵי אִיךְ זָאל עֶס אַנְטְפְּלֶעקֶען, אַזוֹי וִויא אִיךְ בֶּעדַארְף עֶס
רֶעדֶען. 5 וַואנְדֶעלְט מִיט קְלוּגְהֵייט קֶעגֶען דִיא וָואס זֶענֶען פוּן דְרוֹיסֶען, אוּן
קוֹיפְט אוֹיס דִיא צֵייט. 6 לָאז אֵייעֶרֶע רֶעד בֶּעשְׁטֶענְדִיג מִיט גְנָאד זַיין, גֶעזַאלְ־
צֶען מִיט זַאלְץ, אַז אִיהְר זָאלְט ווִיסֶען וִויא אִיהְר זָאלְט אִיטְלִיכֶען עֶנְטְפֶערֶען.

7 טיכיקוס, דער געליבטע ברודער און געטריייע דינער און מיטקנעכט אין
דעם האר'ן, וועט אייך אלעס צו וויסען טהון וויא עס מיר געהט. 8 וועלכען
איך האב צו אייך פון דעסטוועגען געשיקט, אז איהר זאלט וויסען וויא עס
געהט אונז, און אז ער זאל אייערע הערצער טרייסטען, 9 מיט אונסימוס,
דעם געטרייען און געליבטען ברודער, וועלכער איז פון אייך; זייא וועלען אייך
צו וויסען טהון אלעס וואס טהוט זיך דא.
10 אריסטארכוס מיין מיטגעפאנגענער גריסט אייך, און מרקוס דער שוועסטערס
זוהן פון ברנבא, איבער וועלכען איהר האט בעפעהלע דערהאלטען, ווען ער קומט
צו אייך נעמט איהם אויף, 11 און ישוע וואס איז גערופען יוסטוס, וואס
זענען פון דער בעשניידונג; דיזע זענען דיא איינציגע מיטארבייטער צום קעניג-
רייך פון גאט, וועלכע זענען צו מיר א טרייסט געוועזען. 12 עפאפראס גריסט אייך,
דער איז פון אייך, א קנעכט פון ישוע המשיח, וועלכער ראנגעלט בעשטענ-
דיג פאר אייך אים געבעט, כדי איהר זאלט שטעהען פאלקאמען און דערפילט
מיט דעם גאנצען ווילען פון גאט. 13 וואהרין איך זאג איהם עדות אז ער האט
פיל טרחא פאר אייך, און פאר דיא וואס זענען אין לאודיקיא און פאר דיא
וואס זענען אין היעראפאליס. 14 לוקאס דער געליבטע רופא און דימאס
גריסען אייך. 15 גריסט דיא ברידער וואס זענען אין לאודיקיא און נומפאס
און דיא קהלה וואס איז אין איהרעם הויז. 16 און ווען דיזער בריף וועט בייא
אייך געליינט ווערען, זעהט אז ער זאל אויך געליינט ווערען אין דער קהלה
פון לאודיקיא, און אז איהר זאלט אויך לייענען דעם בריף פון לאודיקיא.
17 און זאגט צו ארכיפוס, גיב אכטונג צום דינסט וואס דוא האסט אין דעם
האר'ן דערהאלטען אז דוא זאלסט עס דערפילען.
18 דער גרוס פון מיר פולוס מיט מיינע האנד. געדענקט אן מיינע קעטען.
דיא גנאד זאל מיט אייך זיין.

דער ערשטע בריף פון דעם
אפאסטעל פולוס צו דיא טעסאלוניקער.

---

1 פולוס און סילוואנוס און טימותיוס צו דער קהלה פון דיא טעסאלוניקער
אין גאט דעם פאטער און אין דעם האר'ן ישוע המשיח; גנאד זאל מיט אייך
זיין און פרידען.
2 מיר דאנקען גאט בעשטענדיג וועגען אייך אלע, ווען מיר געדענקען אייך
אין אונזערע געבעטען; 3 און מיר געדענקען אהן אויפהערען אייער ווערק
פון גלויבען און ארבייט פון ליבע און געדולד פון האפנונג אין אונזערעם
האר'ן ישוע המשיח פאר אונזערעם גאט און פאטער; 4 אינדעם מיר וויסען,
ברידער געליבטע פון גאט, אייערע אויסדערוועהלונג, 5 אז אונזערע בשורה

טוֹבָה אִיז צוּ אֵייךְ נִיט נוּר אִין וָוארְט גֶעקוּמֶען, נֵייעֶרְט אוֹיךְ אִין קְרַאפְט אוּן
אִים רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אוּן אִין גְרוֹיסֶער גֶעווִיסְהֵייט, גְלֵייךְ ווִיא אִיהְר ווֵייסְט וָואסְפַאר
מֶענְשֶׁען מִיר הָאבֶּען אוּנְז צְווִישֶׁען אֵייךְ פוּן אֵייעֶרְטְוֶועגֶען בֶּעווִיזֶען.
6 אוּן אִיהְר זֶענְט נָאכְטְהוּעֶר פוּן אוּנְז אוּן פוּן דֶעם הַאר'ן גֶעוָוארֶען,
אִינְדֶעם אִיהְר הָאט דָאס וָוארְט אָנְגֶענוּמֶען אִין פִּיל לֵיידֶען מִיט פְרֵייד פוּן
דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, 7 אַזוֹי אַז אִיהְר זֶענְט אַ פָארְבִּילְד גֶעוָוארֶען צוּ אַלֶע וָואס
גְלוֹיבֶּען אִין מַקְדוֹנְיָא אוּן אַכַיָא. 8 וָוארִין פוּן אֵייךְ אִיז דָאס וָוארְט פוּן דֶעם
הַאר'ן גֶעהֶערְט גֶעוָוארֶען נִיט נוּר אִין מַקְדוֹנְיָא אוּן אַכַיָא, נֵייעֶרְט אִין אִיטְלִי־
כֶען אָרְט אִיז אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען צוּ גָאט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען גֶעוָוארֶען, אַזוֹי אַז מִיר
בֶּעדַארְפֶען דֶערְפוּן גָאר נִיט רֶעדֶען. 9 וָוארִין זֵייא אַלֵיין דֶערְצֶעהְלֶען וֶועגֶען
אוּנְז וָואסְפַאר אֵיין אֵיינְגַאנְג מִיר הָאבֶּען צוּ אֵייךְ גֶעהַאט, אוּן ווִיא אִיהְר הָאט
אֵייךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט פוּן דִיא אָפְּגֶעטֶער צוּ גָאט, אַז אִיהְר זָאלְט דִינֶען דֶעם
לֶעבֶּעדִיגֶען אוּן וָואהְרֶען גָאט; 10 אוּן זָאלְט וַוארְטֶען אוֹיף זֵיין זוּהְן פוּן דִיא
הִימֶעל, וֶועלְכֶען עֶר הָאט פוּן דִיא טוֹיטֶע אוֹיפְגֶעוֶועקְט, אוֹיף יֵשׁוּעַ, דֶער
רֶעטֶעט אוּנְז פוּן דֶעם קוּמֶענְדִיגֶען צָארְן.

ב 1 וָוארִין אִיהְר ווֵייסְט אַלֵיין, בְּרִידֶער, אוּנְזֶערֶען אֵיינְגַאנְג צוּ אֵייךְ, אַז עֶס
אִיז נִיט אוּמְזוּסְט גֶעוֶועזֶען; 2 נֵייעֶרְט מִיר הָאבֶּען פְרִיהֶער גֶעלִיטֶען אוּן זֶענֶען
אִין פִילִיפִּי שֶׁענְדְלִיךְ בֶּעהַאנְדֶעלְט גֶעוָוארֶען, אַזוֹי ווִיא אִיהְר ווֵייסְט, דָאךְ זֶענֶען
מִיר מֻתִיג גֶעוָוארֶען אִין אוּנְזֶערֶעם גָאט דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן גָאט מִיט
פִּיל קַאמְפְּף צוּ אֵייךְ צוּ רֶעדֶען. 3 וָוארִין אוּנְזֶערֶע וָוארְנוּנְג אִיז נִיט פוּן טָעוּת
גֶעוֶועזֶען, אוּן נִיט פוּן אוּנְרֵיינִיגְקֵייט, אוּן נִיט מִיט פַאלְשְׁהֵייט, 4 נֵייעֶרְט גְלֵייךְ ווִיא
גָאט הָאט אוּנְז חָשׁוּב גֶעהַאלְטֶען אַז עֶר זָאל אוּנְז אָנְפֶערְטְרוֹיעֶן דִיא בְּשׂוֹרָה
טוֹבָה, אַזוֹי רֶעדֶען מִיר, נִיט ווִיא מֶענְשֶׁען צוּ גֶעפֶעלֶען נֵייעֶרְט גָאט, דֶער
פְּרִיפְט אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער. 5 וָוארִין מִיר הָאבֶּען קֵיין מָאל נִיט בֶּענוּצְט
שְׁמֵייכֶעלְדִיגֶע רֶעד, אַזוֹי ווִיא אִיהְר ווֵייסְט, אוּן אוֹיךְ נִיט קֵיין אוֹיסְרֶעד פַאר
גֵייצִיגְקֵייט, גָאט אִיז עֵדוּת, 6 אוּן אוֹיךְ הָאבֶּען מִיר נִיט קֵיין כָּבוֹד פוּן מֶענְשֶׁען
גֶעזוּכְט, נִיט פוּן אֵייךְ אוּן אוֹיךְ נִיט פוּן אַנְדֶערֶען, וֶוען מִיר הָאבֶּען אֵייךְ
גֶעקֶענְט בֶּעשְׁוֶוערְלִיךְ זֵיין אַלְס אַפָּאסְטֶעל פוּן מָשִׁיחַ; 7 נֵייעֶרְט מִיר זֶענֶען
לִיבֶּענְדִיג צְווִישֶׁען אֵייךְ גֶעוֶועזֶען, אַזוֹי ווִיא אַ זֵייגֶערִין אִיהְרֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער
דֶערְנֶעהְרְט. 8 אַזוֹי מִיר הָאבֶּען אֵייךְ הֶערְצְלִיךְ גֶעלִיבְּט, אוּן הָאבֶּען הֲנָאָה
גֶעהַאט אֵייךְ צוּ אִיבֶּערְגֶעבֶּען נִיט נוּר דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן גָאט, נֵייעֶרְט
אוֹיךְ אוּנְזֶערֶע אֵייגֶענֶע נְשָׁמוֹת, וָוארִין אִיהְר זֶענְט אוּנְזֶערֶע גֶעלִיבְּטֶע
גֶעוָוארֶען.
9 וָוארִין אִיהְר גֶעדֶענְקְט, בְּרִידֶער, אוּנְזֶערֶע אַרְבֵּייט אוּן טִרְחָא; נַאכְט אוּן
טָאג הָאבֶּען מִיר גֶעאַרְבֵּייט אַז מִיר זָאלֶען קֵיינֶעם פוּן אֵייךְ נִיט בֶּעשְׁוֶוערְלִיךְ
זֵיין, אוּן מִיר הָאבֶּען צוּ אֵייךְ גֶעפְּרֶעדִיגְט דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה. 10 אִיהְר זֶענְט
עֵדוּת אוּן אוֹיךְ גָאט, ווִיא הֵיילִיג אוּן גֶערֶעכְט אוּן אָהְן אַ פֶעהְלֶער זֶענֶען מִיר
גֶעוֶועזֶען צְווִישֶׁען אֵייךְ וָואס גְלוֹיבֶּען; 11 אַזוֹי ווִיא אִיהְר ווֵייסְט, אַז מִיר

הָאבֶּען אֵייךְ גֶעוָוארְנְט אוּן גֶעטְרֵייסְט, וִויא אַ פָּאטֶער זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער,
[12] אוּן הָאבֶּען בֶּעצֵייגְט אַז אִיהְר זָאלְט וַואנְדְלֶען ווִירְדִיג פוּן גָאט, דֶער הָאט
אֵייךְ בֶּערוּפֶען צוּ זַיין אֵייגֶענֶע קֶענִיגְרֵייךְ אוּן הֶערְלִיכְקֵייט. [13] דְרוּם דַאנְקֶען
מִיר אוֹיךְ גָאט אָהְן אוֹיפְהֶערֶען, אִינְדֶעם וָוען אִיהְר הָאט פוּן אוּנְז דָאס וָוארְט
פוּן גָאט דֶערְהַאלְטֶען וָואס אִיהְר הָאט גֶעהֶערְט, הָאט אִיהְר עֶס אָנְגֶענוּמֶען
נִיט וִויא דָאס וָוארְט פוּן מֶענְשֶׁען, נֵייעֶרְט וִויא עֶס אִיז אִין דֶער וָואהְרְהֵייט,
דָאס וָוארְט פוּן גָאט, וָואס ווִירְקְט אוֹיךְ אִין אֵייךְ וָואס גְלוֹיבֶּען. [14] וָוארִין
אִיהְר, בְּרִידֶער, זֶענְט נָאכְטְהוּעֶר גֶעוָוארֶען פוּן דִיא קְהִלּוֹת פוּן גָאט וָואס
זֶענֶען אִים לַאנְד יְהוּדָה אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ; וָוארִין אִיהְר הָאט אוֹיךְ דָאס זֶעלְ־
בִּיגֶע גֶעלִיטֶען פוּן אֵייעֶרֶע לַאנְדְסְלֵייט, גְלֵייךְ וִויא זֵייא הָאבֶּען אוֹיךְ
פוּן דִיא יוּדֶען; [15] וָועלְכֶע הָאבֶּען אוֹיךְ דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ אוּן דִיא נְבִיאִים
גֶעטֵייטֶעט, אוּן הָאבֶּען אוּנְז פֶערְפָּאלְגְט, אוּן זֶענֶען גָאט נִיט גֶעפֶעלֶען, אוּן
זֶענֶען דֶערְווִידֶער אַלֶע מֶענְשֶׁען; [16] אִינְדֶעם זֵייא פֶערְוֶועהְרֶען אוּנְז צוּ דִיא
גוֹיִם צוּ רֶעדֶען אַז זֵייא זָאלֶען גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען אַלֶע צֵייט
זֵייעֶרֶע זִינְד פִילֶען. אָבֶּער דֶער צָארְן אִיז אִיבֶּער זֵייא גֶעקוּמֶען בִּיז צוּם
עֶנְד.

[17] אָבֶּער מִיר, בְּרִידֶער, נָאכְדֶעם מִיר זֶענֶען פוּן אֵייךְ וִויא יְתוֹמִים בֶּערוֹיבְּט
גֶעוָוארֶען פַאר אַ צֵייט אִין פָּנִים נִיט אִין הַאַרְץ, הָאבֶּען מִיר אוּנְז זֶעהְר בֶּעפְלֵייסִיגְט
מִיט פִיל פֶערְלַאנְגֶען מִיר זָאלֶען אֵייעֶר פָּנִים זֶעהֶען. [18] דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען
מִיר גֶעוָואלְט צוּ אֵייךְ קוּמֶען, אִיךְ פּוֹלוֹס אוֹיךְ אֵיין מָאל אוּן ווִידֶער אַמָאל,
אָבֶּער דֶער שָׂטָן הָאט אוּנְז גֶעהִינְדֶערְט. [19] וָוארִין וָואס אִיז אוּנְזֶערֶע הָאפְנוּנְג
אָדֶער פְרֵייד אָדֶער קְרוֹין פוּן רִיהְמֶען? זֶענְט אִיהְר דָאס נִיט, פָאר אוּנְזֶערֶעם
הַאר'ן יֵשׁוּעַ בֵּייא זַיינֶעם קוּמֶען? [20] וָוארִין אִיהְר זֶענְט אוּנְזֶערֶע הֶערְלִיכְקֵייט אוּן
אוּנְזֶערֶע פְרֵייד.

ג [1] דְרוּם וֶוען מִיר הָאבֶּען עֶס נִיט מֶעהְר גֶעקֶענְט דֶערְטְרָאגֶען, אִיז עֶס אוּנְז
גֶעפֶעלֶען אַלֵיין צוּ בְּלֵייבֶּען אִין אַתִּינַאס. [2] אוּן מִיר הָאבֶּען טִימוֹתִיוֹס גֶעשִׁיקְט
אוּנְזֶערֶען בְּרוּדֶער אוּן דִינֶער פוּן גָאט אִין דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן מָשִׁיחַ, כְּדֵי
עֶר זָאל אֵייךְ שְׁטַארְקֶען אוּן זָאל אֵייךְ טְרֵייסְטֶען וֶועגֶען אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען, [3] אַז
קֵיינֶער זָאל נִיט בֶּעוֶועגְט וֶוערֶען דוּרְךְ דִיזֶע לֵיידֶען; וָוארִין אִיהְר ווֵייסְט זֶעלְבְּסְט
אַז מִיר זֶענֶען דֶערְצוּ בֶּעשְׁטֶעלְט. [4] וָוארִין וֶוען מִיר זֶענֶען אוֹיךְ בֵּייא אֵייךְ גֶעוֶועזֶען,
הָאבֶּען מִיר אֵייךְ פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט אַז מִיר וֶועלֶען צָרוֹת לֵיידֶען, אַזוֹי וִויא עֶס
אִיז אוֹיךְ גֶעשֶׁעהֶען אוּן אִיהְר ווֵייסְט. [5] דֶעסְטְוֶועגֶען וֶוען אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ עֶס נִיט
מֶעהְר גֶעקֶענְט דֶערְטְרָאגֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעשִׁיקְט כְּדֵי גֶעוָואר צוּ וֶוערֶען
וֶועגֶען אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען, וָוארִין טָאמֶער הָאט דֶער פְרִיפֶער אֵייךְ גֶעפְּרִיפְט, אוּן
אוּנְזֶערֶע טִרְחָא וֶועט אוּמְזוּסְט וֶוערֶען. [6] אָבֶּער וֶוען טִימוֹתִיוֹס אִיז אַצוּנְד צוּ אוּנְז
פוּן אֵייךְ גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט אוּנְז אַ גוּטֶע בְּשׂוֹרָה גֶעבְּרַאכְט פוּן אֵייעֶר
גְלוֹיבֶּען אוּן לִיבֶּע, אוּן אַז אִיהְר הָאט בֶּעשְׁטֶענְדִיג אַ גוּטֶעם אַנְדֶענְקֶען פוּן אוּנְז
אוּן ווִינְשְׁט אוּנְז צוּ זֶעהֶען, אַזוֹי וִויא מִיר ווִינְשֶׁען אֵייךְ אוֹיךְ צוּ זֶעהֶען;

7 דֶערְסְטְוֶועגֶען, בְּרִידֶער, זֶענֶען מִיר וֶועגֶען אֵייךְ גֶעטְרֵייסְט גֶעוָוארֶען אִין אַלֶע
אוּנְזֶערֶע לֵיידֶען אוּן נוֹיט דוּרְךְ אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען; 8 וָוארִין אַצוּנְד לֶעבֶּען מִיר
וֶוען אִיהְר שְׁטֶעהְט פֶעסְט אִין דֶעם הַאר'ן. 9 וָוארִין וָואסְפַאר אַ דַאנְק קֶענֶען
מִיר צוּ גָאט וֶועגֶען אֵייךְ אָפְּגֶעבֶּען פַאר אַלֶע פְרֵייד מִיט וֶועלְכֶער מִיר פְרֵייעֶן
אוּנְז פָאר אוּנְזֶערֶען גָאט פוּן אֵייעֶרְטְוֶועגֶען, 10 דֶערְוַוייל מִיר בֶּעטֶען פִיל טָאג
אוּן נַאכְט אֵייעֶר פָּנִים צוּ זֶעהֶען, אוּן דָאס וָואס פֶעהְלְט אִין אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען
צוּ דֶערְזֶעצֶען?

11 נוּן אוּנְזֶער גָאט אוּן פָאטֶער אַלֵיין, אוּן אוּנְזֶער הַאר יֵשׁוּעַ זָאל אוּנְז אוֹיף
דֶעם וֶועג צוּ אֵייךְ פִיהְרֶען. 12 אוּן דֶער הַאר זָאל אֵייךְ גֶעבֶּען אַז אִיהְר זָאלְט
צוּנֶעמֶען אוּן אֵייךְ מֶעהְרֶען אִין לִיבֶּע אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען אוּן צוּ אַלֶען,
גְלֵייךְ וִויא מִיר אוֹיךְ צוּ אֵייךְ; 13 כְּדֵי עֶר זָאל אֵייעֶרֶע הֶערְצֶער בֶּעפֶעסְטִיגֶען
אָהְן פֶעהְלֶער אִין הֵיילִיגְקֵייט פָאר אוּנְזֶערֶען גָאט אוּן פָאטֶער, אִין דֶעם קוּמֶען
פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ מִיט אַלֶע זֵיינֶע הֵיילִיגֶע.

ד 1 אִים אִיבְּרִיגֶען, בְּרִידֶער, בֶּעטֶען מִיר אֵייךְ אוּן וָוארְנֶען אֵייךְ אִין דֶעם הַאר'ן
יֵשׁוּעַ, כְּדֵי גְלֵייךְ וִויא אִיהְר הָאט פוּן אוּנְז אָנְגֶענוּמֶען וִויא אַזוֹי אִיהְר זָאלְט
וַואנְדֶלֶען אוּן גָאט גֶעפֶעלֶען, גְלֵייךְ וִויא אִיהְר אוֹיךְ וַואנְדֶעלְט, אַזוֹי זָאלְט אִיהְר
נָאךְ פִיל מֶעהְר אֵייךְ מֶעהְרֶען. 2 וָוארִין אִיהְר ווֵייסְט וָואסְפַאר גֶעבָּאטֶען מִיר
הָאבֶּען אֵייךְ גֶעגֶעבֶּען דוּרְךְ דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ. 3 וָוארִין דָאס אִיז דֶער ווִילֶען
פוּן גָאט, אֵייעֶרֶע הֵיילִיגְקֵייט, אַז אִיהְר זָאלְט אֵייךְ פוּן זְנוּת אָפְּהַאלְטֶען; 4 אַז
אִיטְלִיכֶער פוּן אֵייךְ זָאל ווִיסֶען זֵיינֶע אֵייגֶענֶע כְּלִי צוּ דֶערְהַאלְטֶען אִין הֵיילִיג־
קֵייט אוּן אִין כָּבוֹד, 5 נִיט אִין תַּאֲוָה פוּן זְנוּת, גְלֵייךְ וִויא דִיא גוֹיִם וָואס קֶענֶען
נִיט גָאט. 6 אוּן אַז קֵיינֶער זָאל נִיט אִיבֶּערְטְרֶעטֶען אוּן בֶּעטְרִיגֶען זֵיין בְּרוּדֶער
אִין דִיזֶער זַאךְ, וָוארִין דֶער הַאר אִיז זִיךְ נוֹקֵם אִיבֶּער אַלֶע אַזֶעלְכֶע זַאכֶען,
אַזוֹי וִויא מִיר הָאבֶּען אֵייךְ פְרִיהֶער גֶעזָאגְט אוּן בֶּעצֵייגְט. 7 וָוארִין גָאט הָאט
אוּנְז נִיט בֶּערוּפֶען צוּ אוּנְרֵיינִיגְקֵייט, נֵייעֶרְט אִין הֵיילִיגְקֵייט. 8 דְרוּם דֶער וָואס
אִיז מְבַזֶּה, דֶער אִיז נִיט אַ מֶענְשֶׁען מְבַזֶּה, נֵייעֶרְט גָאט דֶער גִיבְּט אֵייךְ אוֹיךְ
זֵיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

9 אָבֶּער וֶועגֶען דִיא בְּרִידֶערְלִיכֶע לִיבֶּע בֶּעדַארְפְט אִיהְר נִיט אַז אִיךְ זָאל
אֵייךְ שְׁרֵייבֶּען; וָוארִין אִיהְר זֶעלְבְּסְט זֶענְט פוּן גָאט גֶעלֶעהְרְט, אַז אִיהְר זָאלְט
אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען לִיבֶּען. 10 וָוארִין אִיהְר טְהוּט עֶס אוֹיךְ צוּ אַלֶע דִיא
בְּרִידֶער וָואס זֶענֶען אִין גַאנְץ מַקְדוֹנְיָא, אָבֶּער מִיר בֶּעטֶען אֵייךְ, בְּרִידֶער, אַז
אִיהְר זָאלְט עֶס נָאךְ פֶערְמֶעהְרֶען; 11 אוּן אַז אִיהְר הַאלְט עֶס פַאר אַ כָּבוֹד
שְׁטִיל צוּ זֵיין אוּן אֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע זַאכֶען צוּ טְהוּן אוּן מִיט אֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע
הֶענְד צוּ אַרְבֵּייטֶען, אַזוֹי וִויא מִיר הָאבֶּען אֵייךְ גֶעבָּאטֶען; 12 כְּדֵי אִיהְר זָאלְט
בְּכָבוֹד וַואנְדֶלֶען קֶעגֶען דִיא וָואס זֶענֶען פוּן דְרוֹיסֶען, אוּן זָאלְט פוּן קֵיינֶעם
נִיט בֶּעדַארְפֶען.

13 אָבֶּער מִיר ווִילֶען נִיט אַז אִיהְר זָאלְט נִיט ווִיסֶען, בְּרִידֶער, וֶועגֶען דִיא
וָואס שְׁלָאפֶען, אַז אִיהְר זָאלְט נִיט טְרוֹיעֶרְן גְלֵייךְ וִויא דִיא אִיבְּרִיגֶע וָואס

הָאבֶּען נִיט קֵיינֶע הָאפְנוּנְג. 14 וָוארִין וֶוען מִיר גְלוֹיבֶּען אַז יֵשׁוּעַ אִיז גֶעשְׁטָארְ־
בֶּען אוּן אִיז ווִידֶער אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אַזוֹי אוֹיךְ דִיא וָואס שְׁלָאפֶען דוּרְךְ יֵשׁוּעַ
וֶועט גָאט מִיט אִיהְם בְּרֶענְגֶען. 15 וָוארִין דָאס זָאגֶען מִיר אֵייךְ דוּרְךְ דֶעם
וָוארְט פוּן דֶעם הַאר'ן, אַז מִיר וָואס לֶעבֶּען אוּן אִיבֶּערְבְּלֵייבֶּען בִּיז דֶעם
קוּמֶען פוּן דֶעם הַאר'ן וֶועלֶען נִיט פְרִיהֶער קוּמֶען ווִיא דִיא וָואס שְׁלָאפֶען.
16 וָוארִין דֶער הַאר זֶעלְבְּסְט וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען פוּן הִימֶעל מִיט שַׁאלֶען, מִיט
דֶעם קוֹל פוּן דֶעם עֶלְצְטֶען מַלְאָךְ אוּן מִיט דֶעם שׁוֹפָר פוּן גָאט, אוּן דִיא
טוֹיטֶע אִים מָשִׁיחַ וֶועלֶען צוּעֶרְשְׁט אוֹיפְשְׁטֶעהֶען. 17 דֶערְנָאךְ מִיר וָואס לֶעבֶּען
אוּן אִיבֶּערְבְּלֵייבֶּען וֶועלֶען מִיט זֵייא אַרוֹיפְגֶענוּמֶען וֶוערֶען אִין דִיא וָואלְקֶען,
כְּדֵי דֶעם הַאר'ן צוּ בֶּעגֶעגְנֶען אִין דֶער לוּפְט; אוּן אַזוֹי וֶועלֶען מִיר בֶּעשְׁטֶענְדִיג
זַיין מִיט דֶעם הַאר'ן. 18 דְרוּם טְרֵייסְטֶעט אֵייךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען דוּרְךְ
דִיזֶע וֶוערְטֶער.

ה 1 אָבֶּער וֶועגֶען דִיא צֵייטֶען אוּן דִיא זְמַנִים, בְּרִידֶער, בֶּעדַארְפְט אִיהְר נִיט
אַז מֶען זָאל אֵייךְ שְׁרֵייבֶּען. 2 וָוארִין אִיהְר זֶעלְבְּסְט ווֵייסְט זֶעהְר גוּט אַז דֶער
טָאג פוּן דֶעם הַאר'ן קוּמְט אַזוֹי ווִיא אַ גַנָב אִין דֶער נַאכְט. 3 וֶוען זֵייא
זָאגֶען פְרִידֶען אוּן זִיכֶערְהֵייט, דַאן קוּמְט פְּלוּצְלִינְג פֶערְדַארְבֶּען אִיבֶּער
זֵייא, ווִיא דִיא וֶועהְטִיג צוּ אַ טְרָאגֶענְדִיגֶע פְרוֹיא, אוּן זֵייא זָאלֶען נִיט
אַנְטְרִינֶען.

4 אָבֶּער אִיהְר, בְּרִידֶער, זֶענְט נִיט אִין פִינְסְטֶערְנִיס, אַז דֶער טָאג זָאל אֵייךְ
אָנְחַאפֶּען ווִיא אַ גַנָב; 5 וָוארִין אִיהְר זֶענְט אַלֶע זִיהְן פוּן דֶעם לִיכְט אוּן זִיהְן
פוּן דֶעם טָאג. מִיר זֶענֶען נִיט פוּן דֶער נַאכְט אוֹיךְ נִיט פוּן דֶער פִינְסְטֶערְנִיס,
6 אַזוֹי דֶען לָאזֶען מִיר נִיט שְׁלָאפֶען גְלֵייךְ ווִיא דִיא אִיבְּרִיגֶע, נֵייעֶרְט לָאזֶען
מִיר וַואכֶען אוּן נִיכְטֶערְן זַיין. 7 וָוארִין דִיא וָואס שְׁלָאפֶען שְׁלָאפֶען אִין דֶער
נַאכְט, אוּן דִיא וָואס זֶענֶען שִׁכּוֹר זֶענֶען שִׁכּוֹר אִין דֶער נַאכְט; 8 אָבֶּער
אִינְדֶעם מִיר זֶענֶען פוּן דֶעם טָאג לָאזֶען מִיר נִיכְטֶערְן זַיין, אוּן לָאזֶען מִיר
אָנְטְהוּן דֶעם פַּאנְצֶער פוּן גְלוֹיבֶּען אוּן לִיבֶּע, אוּן פַאר אַ הֶעלְם דִיא הָאפְ־
נוּנְג פוּן רֶעטוּנְג. 9 וָוארִין גָאט הָאט אוּנְז נִיט צוּם צָארְן בֶּעשְׁטֶעלְט, נֵייעֶרְט
מִיר זָאלֶען רֶעטוּנְג דֶערְהַאלְטֶען דוּרְךְ אוּנְזֶערֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ;
10 דֶער אִיז פַאר אוּנְז גֶעשְׁטָארְבֶּען, כְּדֵי מִיר זָאלֶען מִיט אִיהְם צוּזַאמֶען לֶעבֶּען,
אוֹיבּ מִיר וַואכֶען אָדֶער שְׁלָאפֶען. 11 דְרוּם טְרֵייסְטֶעט אֵייךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען
אוּן בּוֹיעֶט אוֹיף אֵיינַאנְדֶער, אַזוֹי ווִיא אִיהְר אוֹיךְ טְהוּט.

12 אָבֶּער מִיר בֶּעטֶען אֵייךְ, בְּרִידֶער, אִיהְר זָאלְט קֶענֶען דִיא וָואס אַרְבֵּייטֶען
צְווִישֶׁען אֵייךְ, אוּן דִיא וָואס זֶענֶען אִיבֶּער אֵייךְ גֶעזֶעצְט אִים הַאר'ן, אוּן דִיא
וָואס זֶענֶען אֵייךְ מַזְהִיר; 13 אוּן אַז אִיהְר זָאלְט זֵייא זֶעהְר הוֹיךְ שֶׁעצֶען מִיט לִיבֶּע
וֶועגֶען זֵייעֶרֶע וֶוערְק. הָאט פְרִידֶען צְווִישֶׁען אֵייךְ זֶעלְבְּסְט. 14 אוּן מִיר דֶערְמָאהְנֶען
אֵייךְ, בְּרִידֶער, זַייט מַזְהִיר דִיא אוּנְרוּהִיגֶען, טְרֵייסְטֶעט דִיא קְלֵיינְמוּטִיגֶען, הֶעלְפְט
דִיא שְׁוַואכֶע, זַייט לַאנְגְמוּטִיג קֶעגֶען אַלֶע מֶענְשֶׁען. 15 זֶעהְט אַז קֵיינֶער זָאל
קֵיינֶעם נִיט שְׁלֶעכְטֶעס מִיט שְׁלֶעכְטֶעס בֶּעצָאהְלֶען, נֵייעֶרְט פָאלְגְט בֶּעשְׁטֶענְדִיג

נָאךְ דֶעם גוּטֶען אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען אוּן אוֹיךְ צוּ אַלֶע מֶענְשֶׁען. [16] זַייט
בֶּעשְׁטֶענְדִיג פְרֶעהְלִיךְ, [17] בֶּעט אָהְן אוֹיפְהֶערֶען, [18] אִין אַלֶעם דַאנְקְט; וָוארִין
דָאס אִיז דֶער ווִילֶען פוּן גָאט צוּ אֵייךְ אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. [19] פֶערְלֶעשְׁט נִיט
דֶעם גֵייסְט; [20] פֶערַאכְט נִיט נְבוּאוֹת; [21] פְּרִיפְט אַלֶע זַאכֶען; הַאלְט פֶעסְט
דָאס גוּטֶע; [22] פֶערְמֵייד אַלֶע גֶעשְׁטַאלְטֶען פוּן אִיבֶּעל.
[23] אוּן דֶער גָאט פוּן פְרִידֶען זֶעלְבְּסְט זָאל אֵייךְ אִין גַאנְצֶעם הֵיילִיגֶען; אוּן
פָאלְקָאמֶען זָאל אֵייעֶר גֵייסְט אוּן אֵייעֶרֶע נְשָׁמָה אוּן אֵייעֶר לֵייבּ בֶּעהִיט
וֶוערֶען אָהְן אַ פֶעהְלֶער, בִּיז אוֹיף דֶעם קוּמֶען פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.
[24] דֶער וֶועלְכֶער הָאט אֵייךְ בֶּערוּפֶען אִיז גֶעטְרֵייא, דֶער וֶועט עֶס אוֹיךְ טְהוּן.
[25] בְּרִידֶער, בֶּעט פַאר אוּנְז.
[26] גְרִיסְט אַלֶע בְּרִידֶער מִיט דֶעם הֵיילִיגֶען קִישׁ. [27] אִיךְ בֶּעשְׁוֶוער אֵייךְ בֵּייא
דֶעם הַאר'ן אַז דִיזֶער בְּרִיף זָאל גֶעלֵיינְט וֶוערֶען צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער.
[28] דִיא גְנָאד פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ זָאל מִיט אֵייךְ זַיין.

דֶער צְווֵייטֶע בְּרִיף פוּן דֶעם
אַפָּאסְטֶעל פּוֹלוֹס צוּ דִיא טֶעסַאלוֹנִיקֶער.

---

[1] פּוֹלוֹס אוּן סִילְוַואנוּס אוּן טִימוֹתִיוּס צוּ דֶער קְהִלָּה פוּן דִיא טֶעסַאלוֹנִיקֶער
אִין גָאט אוּנְזֶערֶעם פָאטֶער אוּן אִין דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ; [2] גְנָאד זַייא
מִיט אֵייךְ אוּן פְרִידֶען פוּן גָאט דֶעם פָאטֶער אוּן פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.
[3] מִיר זֶענֶען מְחוּיָב גָאט צוּ דַאנְקֶען אַלֶע צֵייט וֶועגֶען אֵייךְ, בְּרִידֶער, גְלֵייךְ
ווִיא עֶס אִיז ווִירְדִיג, ווַייל אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען ווַאקְסְט זֶעהְר, אוּן דִיא לִיבֶּע פוּן אַ
יֶעדֶעם פוּן אֵייךְ אַלֶע צוּם אַנְדֶערֶען מֶעהְרְט זִיךְ; [4] אַזוֹי אַז מִיר זֶעלְבְּסְט
בֶּערִיהְמֶען אוּנְז אִיבֶּער אֵייךְ אִין דִיא קְהִלּוֹת פוּן גָאט. וֶועגֶען אֵייעֶרֶע גֶעדוּלְד
אוּן גְלוֹיבֶּען אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע פֶערְפָאלְגוּנְגֶען, אוּן דִיא צָרוֹת וָואס אִיהְר לֵיי־
דֶעט. [5] וָואס אִיז אַ בֶּעווייז פוּן דֶעם גֶערֶעכְטֶען מִשְׁפָּט פוּן גָאט, אַז אִיהְר
זָאלְט ווִירְדִיג גֶערֶעכֶענְט וֶוערֶען פוּן דֶעם קֶענִיגְרֵייךְ פוּן גָאט, פַאר וֶועלְכֶען
אִיהְר אוֹיךְ לֵיידֶעט. [6] וֶוען אַוַדַאי עֶס אִיז גֶערֶעכְט פַאר גָאט עֶר זָאל צָרוֹת
פֶערְגֶעלְטֶען צוּ דִיא וָואס טְהוּן אֵייךְ אָן צָרוֹת, [7] אוּן צוּ אֵייךְ וָואס צָרוֹת
לֵיידֶעט מְנוּחָה מִיט אוּנְז, אִין דֶער אַנְטְפְּלֶעקוּנְג פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ
פוּן הִימֶעל מִיט דִיא מַלְאָכִים פוּן זֵיינֶע מַאכְט, [8] אִין אַ פְלַאמְפֵייעֶר, זִיךְ
נוֹקֵם צוּ זַיין אָן דִיא וָואס קֶענֶען נִיט גָאט, אוּן וָואס גֶעהָארְכֶען נִיט צוּ דֶער
בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. [9] וֶועלְכֶע וֶועלֶען גֶעשְׁטְרָאפְט
וֶוערֶען מִיט אֵיין עֶבִּיגֶע צוּשְׁטֶערוּנְג פוּן דֶעם פָּנִים פוּן דֶעם הַאר'ן, אוּן פוּן דֶער
הֶערְלִיכְקֵייט פוּן זֵיינֶע מַאכְט, [10] וֶוען עֶר וֶועט קוּמֶען פֶערְהֶערְלִיכְט צוּ וֶוערֶען

אִין זֵיינֶע הֵיילִיגֶע, אוּן בֶּעוְואוּנְדֶערְט צוּ וֶוערֶען אִין אַלֶע וָואס גְלוֹיבֶּען;
וָוארִין אוּנְזֶער צֵייגְנִיס אִיז צְווִישֶׁען אֵייךְ גֶעגְלוֹיבְּט גֶעוֶוען אִין יֶענֶעם טָאג.
[11] צוּ דֶעם תַּכְלִית בֶּעטֶען מִיר אוֹיךְ אַלֶע צַייט וֶועגֶען אֵייךְ, כְּדֵי אוּנְזֶער גָאט זָאל
אֵייךְ ווִירְדִיג רֶעכְנֶען פוּן דֶער בֶּערוּפוּנְג, אוּן זָאל דֶעם גַאנְצֶען וְואוֹילְגֶעפֶעלֶען פוּן
זֵיינֶע גוּטִיגְקֵייט דֶערְפִילֶען, אוּן דָאס וֶוערְק פוּן גְלוֹיבֶּען מִיט מַאכְט; [12] כְּדֵי דֶער
נָאמֶען פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ זָאל פֶערְהֶערְלִיכְט וֶוערֶען אִין אֵייךְ אוּן
אִיהְר אִין אִיהְם, נָאךְ דֶער גְנָאד פוּן אוּנְזֶערֶען גָאט אוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.

ב [1] נוּן בֶּעטֶען מִיר אֵייךְ, בְּרִידֶער, וֶועגֶען דֶער עֶרְשֵׁיינוּנְג פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן
יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אוּן אוּנְזֶערֶע פֶערְזַאמְלוּנְג צוּ אִיהְם, [2] אַז אִיהְר זָאלְט נִיט
גֶעשְׁווִינְד בֶּעוֶועגְט וֶוערֶען פוּן אֵייעֶר פֶערְשְׁטַאנְד אוּן זָאלְט נִיט דֶערְשְׁרָאקֶען
וֶוערֶען, נִיט דוּרְךְ גֵייסְט אוּן נִיט דוּרְךְ וָוארְט אוּן נִיט דוּרְךְ בְּרִיף אַזוֹי וִויא
פוּן אוּנְז, גְלֵייךְ אוֹיבּ דֶער טָאג פוּן דֶעם הַאר'ן אִיז שׁוֹין דָא. [3] לָאז קֵיינֶער
אֵייךְ נִיט בְּשׁוּם אוֹפֶן בֶּעטְרִיגֶען; וָוארִין עֶס וֶועט נִיט גֶעשֶׁעהֶען סַיידֶען דִיא
מְרִידָה וֶועט צוּעֶרְשְׁט קוּמֶען, אוּן דֶער מֶענְשׁ פוּן זִינְד וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט
וֶוערֶען, דֶער זוּהְן פוּן פֶערְדָארְבְּנִיס, [4] וָואס ווִידֶערְזֶעצְט זִיךְ אוּן דֶערְהֵייבְּט
זִיךְ אִיבֶּער אַלֶעס וָואס אִיז גָאט אָנְגֶערוּפֶען אָדֶער וָואס אִיז אָנְגֶעבֶּעטֶען, אַזוֹי
אַז עֶר זֶעצְט זִיךְ אִים הֵיכָל פוּן גָאט, אִינְדֶעם עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר אַז עֶר אִיז גָאט.
[5] גֶעדֶענְקְט אִיהְר נִיט, אַז אִיךְ הָאבּ אֵייךְ דָאס גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ בֵּייא
אֵייךְ גֶעוֶוען? [6] אוּן אַצוּנְד ווֵייסְט אִיהְר וָואס עֶס טְהוּט אֵיינְהַאלְטֶען, כְּדֵי עֶר זָאל
אִין זֵיינֶע צַייט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען. [7] וָוארִין דֶער סוֹד פוּן אוּנְרֶעכְט אִיז שׁוֹין ווִירְקְ־
זַאם; נוּר עֶס אִיז אַצוּנְד דֶער אוֹיפְהַאלְטֶער בִּיז עֶר וֶועט פוּן מִיטֶען אַוֶועקְגֶענוּמֶען
וֶוערֶען. [8] אוּן דַאן וֶועט דֶער רָשָׁע אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען, וֶועלְכֶען דֶער הַאר וֶועט
טֵייטֶען מִיט דֶעם אָטְהֶעם פוּן זַיין מוֹיל אוּן וֶועט צוּ גָאר נִיט מַאכֶען מִיט
דֶער עֶרְשֵׁיינוּנְג פוּן זַיין קוּמֶען; [9] וָואס זַיין קוּמֶען אִיז נָאךְ דֶעם ווִירְקֶען
פוּן שָׂטָן מִיט אַלֶערְלֵייא מַאכְט אוּן צֵייכֶען אוּן פַאלְשֶׁע וְואוּנְדֶער, [10] אוּן מִיט
אַ יֶעדֶע בֶּעטְרִיגֶערֵייא פוּן רִשְׁעוּת צוּ דִיא וָואס וֶוערֶען פֶערְלוֹירֶען, ווֵייל זֵייא
הָאבֶּען נִיט דִיא לִיבֶּע פוּן דֶער וָואהְרְהֵייט אָנְגֶענוּמֶען אַז זֵייא זָאלֶען גֶערֶעטֶעט
וֶוערֶען. [11] אוּן דֶעסְטְוֶועגֶען שִׁיקְט זֵייא גָאט אַ ווִירְקוּנְג פוּן בֶּעטְרִיגֶערֵייא, אַז
זֵייא זָאלֶען דֶעם לִיגֶען גְלוֹיבֶּען; [12] כְּדֵי זֵייא אַלֶע זָאלֶען גֶעמִשְׁפָּט וֶוערֶען וָואס
הָאבֶּען אִין דֶער וָואהְרְהֵייט נִיט גֶעגְלוֹיבְּט, נֵייעֶרְט הָאבֶּען תַּעֲנוּג גֶעהַאט אִין
אוּנְגֶערֶעכְטִיגְקֵייט.

[13] אָבֶּער מִיר זֶענֶען מְחוּיָב אַלֶע צַייט גָאט צוּ דַאנְקֶען פָאר אֵייךְ, בְּרִידֶער
גֶעלִיבְּטֶע פוּן דֶעם הַאר'ן, ווֵייל גָאט הָאט אֵייךְ פוּן אָנְהֵייבּ אָן צוּ דֶער רֶעטוּנְג
אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט אִין דֶער הֵיילִיגוּנְג פוּן דֶעם גֵייסְט אוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען אִין דֶער
וָואהְרְהֵייט; [14] צוּ דֶעם הָאט עֶר אֵייךְ אוֹיךְ בֶּערוּפֶען דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע בְּשׂוֹרָה
טוֹבָה, צוּם דֶערְהַאלְטֶען פוּן דֶער הֶערְלִיכְקֵייט פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ
הַמָּשִׁיחַ. [15] אַזוֹי דֶען בְּרִידֶער, שְׁטֶעהְט פֶעסְט, אוּן הַאלְט דִיא אִיבֶּערְלִיפֶערוּנְגֶען
וָואס אִיהְר הָאט גֶעלֶערְנְט סַייא דוּרְךְ וָוארְט סַייא דוּרְךְ אוּנְזֶערֶעם בְּרִיף.

16 נון אונזער האר זעלבסט ישוע המשיח, און גאט אונזער פאטער דער האט
אונז געליבט און האט אונז געגעבען איין עביגען טרייסט און גוטע האפנונג
דורך גנאד, 17 זאל אייערע הערצער טרייסטען און שטארקען אין איטליכען
גוטען ווארט און ווערק.

ג 1 אים איבריגען, ברידער, בעט פאר אונז, כדי דאס ווארט פון דעם האר'ן
זאל לויפען און פערהערליכט ווערען גלייך וויא אויך ביא אייך; 2 און כדי
מיר זאלען גערעטעט ווערען פון אונפערשטענדיגע און שלעכטע מענשען;
ווארין ניט אלע האבען גלויבען. 3 אבער דער האר איז געטריא, דער וועט
אייך שטארקען און וועט אייך פון דעם שלעכטען בעהיטען. 4 און מיר האבען
בטחון אין דעם האר'ן וועגען אייך, אז איהר טהוט און וועט טהון וואס מיר
אייך בעפעהלען. 5 און דער האר זאל אייערע הערצער פיהרען צו דער ליבע
פון גאט און צו דער געדולד פון משיח.

6 נון בעפעהלען מיר אייך, ברידער, אים נאמען פון אונזערען האר'ן ישוע
המשיח, אז איהר זאלט אייך אפשיידען פון איטליכען ברודער וואס אונארד-
דענטליך וואנדעלט, און ניט נאך דער לעהרע וואס איהר האט פון אונז
דערהאלטען. 7 ווארין איהר זעלבסט ווייסט וויא מען בעדארף אונז נאך
צו טהון; ווארין מיר זענען ניט אונארדענטליך צווישען אייך געוועזען, 8 און
האבען אויך ניט דאס ברויט פון קיינעם אומזוסט געגעסען, נייערט מיט אר-
בייט און מיה האבען מיר נאכט און טאג געארבייט אז מיר זאלען קיינעם פון
אייך צו לאסט ניט פאלען. 9 ניט וויל מיר האבען ניט מאכט, נייערט כדי מיר
זאלען אייך א ביישפיל וויזען אז איהר זאלט אונז נאכטהון. 10 ווארין ווען
מיר זענען ביא אייך געוועזען האבען מיר אייך דאס בעפוילען, אז ווען איימי-
צער וויל ניט ארבייטען דער זאל אויך ניט עסען. 11 ווארין מיר הערען אז
עטליכע צווישען אייך וואנדלען אונארדענטליך, און ארבייטען גאר ניט, נייערט
זענען אומעטום בעשעפטיגט. 12 און אזעלכע בעפעהלען מיר און ווארענען אין
דעם האר'ן ישוע המשיח, כדי זייא זאלען שטילערהייט ארבייטען און זאלען
עסען זייער אייגענעם ברויט.

13 אבער איהר, ברידער, זייט ניט מיד גוטעס צו טהון. 14 און ווען איימי-
צער געהארכט ניט אונזער ווארט דורך דעם בריף, בעמערקט איהם,
כדי ניט מיט איהם אומגאנג צו האבען, אז ער זאל פערשעהמט ווערען.
15 אבער רעכענט איהם ניט פאר א פיינד, נייערט שטראפט איהם וויא א
ברודער.

16 נון זאל אייך דער האר פון פרידען זעלבסט בעשטענדיג פרידען געבען
אויף אלערלייא ארט. דער האר זייא מיט אייך אלע.

17 דער גרוס פון פולוס מיט מיין אייגענע האנד, וואס איז א צייכען אין
איטליכען בריף; אזוי שרייב איך. 18 דיא גנאד פון אונזערען האר'ן ישוע
המשיח זאל זיין מיט אייך אלע.

דֶער עֶרְשְׁטֶע בְּרִיף פוּן דֶעם
אַפָּאסְטֶעל פּוֹלוֹס צוּ טִימוֹתִיוֹס.

---

1 פּוֹלוֹס אַיין אַפָּאסְטֶעל פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ נָאךְ דֶעם גֶעבָּאט פוּן גָאט אוּנְ־
זֶערֶען רֶעטֶער אוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אוּנְזֶערֶע הָאפְנוּנְג, 2 צוּ טִימוֹתִיוֹס מֵיין
וָואהְרֶען קִינְד אִים גְלוֹיבֶּען; גְנָאד בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייט אוּן פְרִידֶען פוּן גָאט
דֶעם פָאטֶער, אוּן פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אוּנְזֶערֶען הַאר'ן.
3 אַזוֹי ווִיא אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעוָוארְנְט אַז דוּא זָאלְסְט בְּלֵייבֶּען אִין עֶפֶעזוֹס,
וֶוען אִיךְ בִּין קֵיין מַקְדוֹנְיָא גֶעגַאנְגֶען, כְּדֵי דוּא זָאלְסְט צוּ עֶטְלִיכֶע אָנְזָאגֶען
זֵייא זָאלֶען קֵיינֶע אַנְדֶערֶע לֶעהְרֶע נִיט לֶעהְרֶען, 4 אוּן זָאלֶען נִיט הֶערֶען צוּ
פִּיסְטֶע מַעֲשׂוֹת, אוּן צוּ יִחוּס בְּרִיף וָואס הָאבֶּען קֵיין סוֹף, וֶועלְכֶע וִכּוּחִים
אוֹיפְשְׁטֶעלֶען מֶעהְר ווִיא דִיא אָרְדְנוּנְג וָואס אִיז פוּן גָאט אִים גְלוֹיבֶּען.
5 נוּן דֶער סוֹף פוּן דֶעם גֶעבָּאט אִיז לִיבֶּע אוֹיס אַ רֵיין הַארְץ אוּן אַ גוּטֶעם
גֶעווִיסֶען אוּן גְלוֹיבֶּען אָהְן חֲנִיפָה, 6 פוּן דֶעם עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען אָפְּגֶענֵייגְט, אוּן
הָאבֶּען זִיךְ גֶעקֶעהְרְט צוּ פְלוֹידֶערֵייא, 7 אִינְדֶעם זֵייא ווִילֶען לֶעהְרֶער פוּן דֶער
תּוֹרָה זַיין, דָאךְ אַפִילוּ זֵייא פֶערְשְׁטֶעהֶען נִיט וָואס זֵייא זָאגֶען אוֹיךְ נִיט וָואס
זֵייא פֶעסְט זֶעצֶען.
8 אָבֶּער מִיר ווִיסֶען אַז דִיא תּוֹרָה אִיז גוּט, וֶוען אֵיימִיצֶער בֶּענוּצְט זִיא כְּפִי
הַתּוֹרָה; 9 אִינְדֶעם מִיר ווִיסֶען אַז אַ גֶעזֶעץ אִיז נִיט פַאר דֶעם צַדִיק
גֶעשְׁטֶעלְט, נֵייעֶרְט פַאר דִיא אוּנְגֶערֶעכְטֶע אוּן ווִידֶערְשְׁפֶּענִיגֶע, פַאר דִיא
גָאטְלוֹיזֶע אוּן זִינְדֶער, פַאר דִיא אוּנְהֵיילִיגֶע אוּן רְשָׁעִים, פַאר דִיא וָואס טֵייד־
טֶען פָאטֶער אָדֶער מוּטֶער, פַאר דִיא וָואס מֶענְשֶׁען טֵייטֶען, 10 פַאר הוּרֶער,
פַאר דִיא וָואס לִיגֶען מִיט זְכָרִים, פַאר דִיא וָואס גַנְבֶעֶנֶען מֶענְשֶׁען, פַאר
לִיגְנֶער, פַאר דִיא וָואס שְׁוֶוערֶען פַאלְשׁ, אוּן פַאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס אִיז
קֶעגֶען דִיא גוּטֶע לֶעהְרֶע, 11 נָאךְ דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן דֶער הֶערְלִיכְקֵייט
פוּן דֶעם גֶעבֶּענְשְׁטֶען גָאט, וָואס אִיז מִיר פֶערְטְרוֹיעֶט גֶעוָוארֶען.
12 אִיךְ דַאנְק אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ דֶער הָאט מִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט,
ווֵייל עֶר הָאט מִיךְ גֶעטְרֵייא גֶעהַאלְטֶען אוּן הָאט מִיךְ צוּם דִינְסְט בֶּעשְׁטִימְט;
13 אִיךְ וָואס בִּין פְרִיהֶער אַ לֶעסְטֶערֶער גֶעוֶוען אוּן אַ פֶערְפָאלְגֶער אוּן אַ
בֶּעלֵיידִיגֶער; אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גְנָאד דֶערְהַאלְטֶען, ווֵייל אִיךְ הָאבּ עֶס אִין
אוּנְווִיסֶען אוּן אִין אוּנְגְלוֹיבֶּען גֶעטְהוּן. 14 אוּן דִיא גְנָאד פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן
הָאט זִיךְ זֶעהְר גֶעמֶעהְרְט מִיט גְלוֹיבֶּען אוּן לִיבֶּע וָואס אִיז אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.
15 זִיכֶער אִיז דָאס וָוארְט אוּן הֶעכְסְטֶענְס וֶוערְט אָנְצוּנֶעמֶען, אַז יֵשׁוּעַ
הַמָּשִׁיחַ אִיז אִין דֶער וֶועלְט גֶעקוּמֶען כְּדֵי זִינְדֶער צוּ רֶעטֶען; פוּן וֶועלְכֶע אִיךְ
בִּין דֶער עֶרְשְׁטֶער. 16 אָבֶּער פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבּ אִיךְ גְנָאד דֶערְהַאלְטֶען, אַז
יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ זָאל אִין מִיר דֶעם עֶרְשְׁטֶען אַלֶע לַאנְגְמִיטִיגְקֵייט בֶּעווֵייזֶען פַאר

אַ בֵּיישְׁפִּיל צוּ דִיא וָואס וֶועלֶען דֶערְנָאךְ אָן אִיהְם גְלוֹיבֶּען צוּם עֶבִּיגֶען
לֶעבֶּען.
17 נוּן צוּם עֶבִּיגֶען קֶענִיג דֶעם אוּנְפֶערְדֶערְבְּלִיכֶען אוּנְגֶעזֶעהֶענֶען דֶעם אֵיינְ־
צִיגֶען גָאט זָאל זַיין כָּבוֹד אוּן הֶערְלִיכְקֵייט פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט; אָמֵן.
18 דִיזֶעס גֶעבָּאט גִיבּ אִיךְ דִיר אִיבֶּער, מֵיין זוּהְן טִימוֹתִיוֹס, נָאךְ דִיא נְבוּאוֹת
וָואס זֶענֶען פְרִיהֶער אוֹיף דִיר גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען, כְּדֵי דוּא זָאלְסְט דְרִינֶען דֶעם
גוּטֶען שְׁטְרֵייט שְׁטְרֵייטֶען, 19 אוּן זָאלְסְט גְלוֹיבֶּען הַאלְטֶען אוּן אַ גוּטֶעס גֶעוִויסֶען,
וָואס עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען פֶערְוָוארְפֶען אוּן הָאבֶּען וֶועגֶען דֶעם גְלוֹיבֶּען שִׁיפְבְּרוּךְ
גֶעלִיטֶען. 20 צְוִוישֶׁען דִיא אִיז הִימֶענֶעאוּס אוּן אַלֶעכְּסַאנְדֶער, וֶועלְכֶע אִיךְ
הָאבּ צוּם שָׂטָן אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען לֶערְנֶען נִיט צוּ לֶעסְטֶערְן.
ב 1 דְרוּם בֶּעט אִיךְ צוּעֶרְשְׁט פוּן אַלֶע אַז מֶען זָאל זָאגֶען תְּחִנּוֹת תְּפִלּוֹת
פִּירְבֶּעטֶען אוּן דַאנְקֶען פַאר אַלֶע מֶענְשֶׁען; 2 פַאר מְלָכִים אוּן אַלֶע וָואס גֶעוֶועלְ־
טִיגֶען, כְּדֵי מִיר זָאלֶען פִיהְרֶען אַ רוּהִיגֶעס אוּן שְׁטִילֶעס לֶעבֶּען אִין אַלֶער
פְרוּמִיגְקֵייט אוּן עֶהְרְלִיכְקֵייט. 3 דָאס אִיז גוּט אוּן אָנְגֶענוּמֶען פָאר גָאט אוּנְ־
זֶערֶען רֶעטֶער, 4 דֶער וִויל הָאבֶּען אַז אַלֶע מֶענְשֶׁען זָאלֶען גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען,
אוּן זָאלֶען צוּ דֶער דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן דֶער וָואהְרְהֵייט קוּמֶען. 5 וָוארִין גָאט
אִיז אֵיינֶער, אֵיינֶער אוֹיךְ אִיז דֶער פֶערְמִיטְלֶער צְוִוישֶׁען גָאט אוּן מֶענְשֶׁען,
יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ זֶעלְבְּסְט אַ מֶענְשׁ, 6 דֶער הָאט זִיךְ זֶעלְבְּסְט גֶעגֶעבֶּען אַלְס אַ
כֹּפֶר פַאר אַלֶע, דָאס צֵייגְנִיס אִין זֵיינֶע צֵייטֶען. 7 דֶערְצוּ בִּין אִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט
צוּם פְּרֶעדִיגֶער אוּן צוּם אַפָּאסְטֶעל, אִיךְ זָאג דִיא וָואהְרְהֵייט אִיךְ לִיג נִיט, אַ
לֶעהְרֶער פוּן דִיא גוֹיִם אִין גְלוֹיבֶּען אוּן אִין וָואהְרְהֵייט.
8 דְרוּם וִויל אִיךְ אַז דִיא מֶענְשֶׁען זָאלֶען בֶּעטֶען אִין אִיטְלִיכֶען אָרְט, אוּן
זָאלֶען הֵיילִיגֶע הֶענְד אוֹיפְהֶעבֶּען אָהְן צָארְן אוּן מַחְלוֹקֶת. 9 אַזוֹי אוֹיךְ דִיא
פְרוֹיעֶן זָאלֶען זִיךְ צִירֶען מִיטְעלְמֶעסִיג מִיט עֲנָוָה אוּן צְנִיעוּת, נִיט מִיט פְלֶעכְ־
טֶען אוּן גָאלְד, אָדֶער מִיט פֶּערְלֶען אוּן טְהֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, 10 נֵייעֶרְט אַזוֹי וִויא
עֶס קֶערְט צוּ זַיין פַאר פְרוֹיעֶן וָואס בֶּעקֶענֶען גָאטֶעס פָארְכְט דוּרְךְ גוּטֶע
וֶוערְק. 11 לָאז אַ פְרוֹיא לֶערְנֶען שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט אַלֶער אוּנְטֶערְטֶענִיגְקֵייט;
12 אָבֶּער אִיךְ דֶערְלוֹיבּ נִיט אַז אַ פְרוֹיא זָאל לֶעהְרֶען אָדֶער זָאל זִיךְ דֶערְהֶעבֶּען
אִיבֶּער דֶעם מַאן, אָבֶּער זִיא זָאל שְׁטִיל זַיין. 13 וָוארִין אָדָם אִיז צוּעֶרְשְׁט
בֶּעשַׁאפֶען גֶעוֶועֶן, דֶערְנָאךְ חַוָּה. 14 אוּן אָדָם אִיז נִיט פֶערְפִיהְרְט גֶעוָוארֶען,
נֵייעֶרְט דִיא פְרוֹיא אִיז פֶערְפִיהְרְט גֶעוָוארֶען אוּן אִיז אִין אֵיין עֲבֵירָה גֶעפַאְ־
לֶען. 15 דָאךְ וֶועט זִיא גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען דוּרְךְ דֶעם גֶעוִוינֶען פוּן קִינְדֶער, וֶוען
זֵייא בְּלֵייבֶּען אִין גְלוֹיבֶּען אוּן לִיבֶּע אוּן הֵיילִיגְקֵייט מִיט צְנִיעוּת.
ג 1 זִיכֶער אִיז דָאס וָוארְט; וֶוען אֵיימִיצֶער טְרַאכְט נָאךְ דֶעם אַמְט פוּן אֵיין אוֹיפְ־
זֶעהֶער בֶּעגֶעהְרְט עֶר אַ גוּטֶעס וֶוערְק. 2 דְרוּם מוּז דֶער אוֹיפְזֶעהֶער זַיין אָהְן
אַ פָארְוָואוּרְף, דֶער מַאן פוּן אֵיינֶע פְרוֹיא, מֶעסִיג, פֶערְשְׁטֶענְדִיג, אָרְדֶענְטְלִיךְ, אַ
מַכְנִיס אוֹרֵחַ, אַ גוּטֶער לֶעהְרֶער, 3 נִיט אַ שִׁכּוֹר, נִיט אַ שְׁלֶעגֶער, נֵייעֶרְט נָאכְגֶעְ־
בֶּענְדִיג, נִיט אַ שְׁטְרֵייטֶער, נִיט אַ לִיבְּהָאבֶּער פוּן גֶעלְד; 4 וֶועלְכֶער רֶעגִירְט

גוט איבער זיין אייגענען הויז און האלט זייגע קינדער אונטערטעניג מיט
אלער ווירדיגקייט. 5 נון ווען איימיצער ווייסט ניט זיין אייגענעם הויז צו רעגי־
רען, וויא אזוי זאל ער דיא קהלה פון גאט בעזארגען? 6 ער זאל ניט
קיין נייער תלמיד זיין, כדי ער זאל ניט אויפגעבלאזען ווערען און אים משפט
פון דעם שטן אריינפאלען. 7 און ער מוז אויך א גוטעם צייגנים האבען פון
דיא וואס זענען דרויסען, כדי ער זאל ניט אריינפאלען אין שאנד און אים
נעץ פון דעם שטן.
8 גלייכדעם אויך דיא דינער פון דער קהלה מוזען ערנסטהאפט זיין, ניט
מיט צווייא שמייכלערצונגען רעדען, ניט פיל וויין טרינקען, און ניט גייציג
נאך שענדליכען געווינסט, 9 וואס האלטען דעם סוד פון דעם גלויבען אין א
ריינען געוויסען. 10 און לאזען דיזע צוערשט געפריפט ווערען, דערנאך לאזען
זייא בעדינען, ווען זייא זענען אונשולדיג. 11 גלייכדעם פרויען מוזען ערנסט־
האפט זיין, ניט רכילות זאגער, ניכטערן, געטרייא אין אלע זאכען. 12 לאזען
דיא דינער זיין מענער פון איין ווייב, און גוט רעגירען איבער זייערע
קינדער און זייערע הייזער. 13 ווארין דיא וואס האבען גוט בעדינט דערווער־
בען א גוטען שטאנד און גרויסען בטחון אים גלויבען וואס איז אין ישוע
המשיח.
14 דיזע זאכען שרייב איך דיר, אינדעם איך האף גלייך צו דיר צו קומען;
15 אבער ווען איך זאם מיך, כדי דוא זאלסט וויסען וויא אזוי מען בעדארף
זיך אויפפיהרען אים הויז פון גאט, וואס איז דיא קהלה פון דעם לעבענדיגען
גאט, א זייל און גרונד פון דער וואהרהייט. 16 און פאר געווים איז עס
אנערקאנט אז גרוים איז דער סוד פון גאטעספארכט;
דער וועלכער איז אים פלייש אנטפלעקט געווארען,
אים גייסט גערעכטפערטיגט,
האט זיך צו מלאכים בעוויזען,
איז צווישען דיא גוים געפרעדיגט,
איז אין דער וועלט געגלויבט.
איז אין הערליכקייט ארויפגענומען.

ד 1 נון דער גייסט זאגט דייטליך אז אין שפעטערע צייטען וועלען עטליכע
אוועקפאלען פון דעם גלויבען, און וועלען אויפמערקזאם זיין צו פערפיהרענ־
דיגע גייסטער און לעהרען פון שדים, 2 וואס רעדען ליגען מיט חניפה,
וועמענס אייגען געוויסען איז איינגעצייכענט אזוי וויא מיט א הייס אייזען,
3 וואס פערביטען חתונה צו האבען און געביטען זיך אפצוהאלטען פון שפייזען,
וואס גאט האט בעשאפען אז דיא וואס גלויבען און דערקענען דיא וואהרהייט
זאלען עס מיט דאנק אננעמען. 4 ווארין איטליכע בעשעפענים פון גאט
איז גוט, און קיין זאך איז פערווארפען צו ווערען ווען מען נעמט עס אן מיט
דאנק; 5 ווארין עס איז געהייליגט דורך דעם ווארט פון גאט און געבעט.
6 ווען דוא וועסט דיזע זאכען עמפפעהלען צו דיא ברידער וועסט דוא א

גוּטֶער דִינֶער זַיין פוּן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ, וֶועלְכֶער אִיז אוֹיפְגֶעצוֹיגֶען אִין דִיא וֶוערְטֶער
פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען אוּן פוּן דִיא גוּטֶע לֶעהְרֶע וָואס דוּא בִּיסְט נָאכְגֶעגַאנְגֶען.
7 אָבֶּער פֶערְמֵייד דִיא אַלְטֶע ווַייבֶּערִישֶׁע אוּן אוּנְווִירְדִיגֶע מַעֲשׂוֹת; אוּן אִיבּ
דִיךְ זֶעלְבְּסְט צוּ דֶער פְרוּמִיגְקֵייט. 8 ווָארִין דִיא אִיבּוּנְג פוּן דֶעם גוּף אִיז צוּ וֶוענִיג
נִיצְלִיךְ; אָבֶּער פְרוּמִיגְקֵייט אִיז צוּ אַלֶעם נִיצְלִיךְ, אִינְדֶעם זִיא הָאט הַבְטָחָה
פוּן דִיזֶעם לֶעבֶּען אוּן פוּן דֶעם וָואס וֶועט קוּמֶען. 9 זִיכֶער אִיז דָאס וָוארְט
אוּן גַאנְץ וֶוערְט אַנְצוּנֶעמֶען; 10 ווָארִין דֶעסְטְוֶועגֶען אַרְבֵּייטֶען מִיר אוּן שְׁטְרֵייט־
טֶען, ווַייל מִיר הָאבֶּען גֶעהָאפְט אוֹיף דֶעם לֶעבֶּענְדִיגֶען גָאט, וֶועלְכֶער אִיז דֶער
רֶעטֶער פוּן אַלֶע מֶענְשֶׁען, בִּפְרַט פוּן דִיא גְלוֹיבִּיגֶע.
11 דִיזֶע זַאכֶען זָאלְסְט דוּא בֶּעפֶעהְלֶען אוּן לֶעהְרֶען. 12 לָאז קֵיינֶער דִיךְ נִיט
פֶערְאַכְטֶען פַאר דֵיינֶע יוּגֶענְד, נֵייעֶרְט זַייא אַ פָארְבִּילְד צוּ דִיא גְלוֹיבִּיגֶע אִין
וָוארְט, אִין אוֹיפְפִיהְרוּנְג, אִין לִיבֶּע, אִין גְלוֹיבֶּען, אִין רֵיינִיגְקֵייט. 13 בִּיז אִיךְ
וֶועל קוּמֶען גִיבּ אַכְטוּנְג צוּם לֵיינֶען, צוּם וָוארְנֶען, צוּ דֶער לֶעהְרֶע. 14 פֶערְלָאז
נִיט דִיא מַתָּנָה וָואס אִיז אִין דִיר, וָואס אִיז דִיר גֶעגֶעבֶּען דוּרְךְ נְבוּאָה
מִיט דֶעם אוֹיפְלֶעגֶען פוּן דִיא הֶענְד פוּן דִיא זְקֵנִים. 15 הָאבּ דַאגָה אִין דִיזֶע
זַאכֶען, זַייא בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִין זַייא, כְּדֵי דֵיין פָארְטְשְׁרִיט זָאל פוּן אַלֶע גֶעזֶעהֶען
וֶוערֶען. 16 גִיבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִיר זֶעלְבְּסְט אוּן אוֹיף דֶער לֶעהְרֶע, בְּלֵייבּ
דְרִינֶען; ווָארִין וֶוען דוּא וֶועסְט דִיזֶעם טְהוּן, וֶועסְט דוּא דִיךְ זֶעלְבְּסְט רֶעטֶען
אוּן אוֹיךְ דִיא וָואס דִיךְ הֶערֶען.

ה 1 אַ זָקֵן זָאלְסְט דוּא נִיט אָנְשְׁרֵייעֶן, נֵייעֶרְט זַייא אִיהְם מַזְהִיר ווִיא אַ
פָאטֶער, דִיא יוּנְגֶע מֶענְשֶׁען ווִיא בְּרִידֶער. 2 דִיא אַלְטֶע פְרוֹיעֶן ווִיא מוּטֶער, דִיא
יוּנְגֶע ווִיא שְׁוֶועסְטֶער מִיט אַלֶערְלֵייא לוֹיטֶערְקֵייט. 3 הַאלְט אִין כָּבוֹד דִיא
אַלְמָנוֹת וָואס זֶענֶען וָואהְרֶע אַלְמָנוֹת. 4 אָבֶּער וֶוען אֵיין אַלְמָנָה הָאט קִינְדֶער
אָדֶער אֵיינִיקְלֶעךְ, לָאזֶען זַייא צוּעֶרְשְׁט לֶערְנֶען זַייא זָאלֶען פְרוּם זַיין אִין
דֶער הֵיים אוּן זָאלֶען פֶערְגֶעלְטֶען זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; ווָארִין דָאס אִיז גוּט אוּן
אָנְגֶענוּמֶען פָאר גָאט. 5 נוּן דִיא וָואהְרֶע אַלְמָנָה דִיא וָואס אִיז אַלֵיין
גֶעבְּלִיבֶּען הָאט בִּטָחוֹן אִין גָאט, אוּן אִיז בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִין תְּחִנּוֹת אוּן
גֶעבֶּעט נַאכְט אוּן טָאג. 6 אָבֶּער דִיא וָואס לֶעבְּט אִין תַּעֲנוּג אִיז טוֹיט בֵּייא
אִיהְר לֶעבֶּען. 7 אוּן דִיזֶע זַאכֶען זָאלְסְט דוּא זַייא אָנְזָאגֶען, כְּדֵי זַייא זָאלֶען
אָהְן פָארְווָאוּרְף זַיין. 8 אָבֶּער וֶוען אֵיינֶע פֶערְזָארְגְט נִיט אִיהְרֶע אֵייגֶענֶע,
אוּן בִּפְרַט אִיהְר הוֹיזְגֶעזִינְד, אַזוֹי הָאט זִיא דֶעם גְלוֹיבֶּען אָפְּגֶעלֵייקֶענְט, אוּן אִיז
עֶרְגֶער ווִיא אֵיין אוּנְגְלוֹיבִּיגֶער.
9 אֵיין אַלְמָנָה זָאל אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט וֶוערֶען וֶוען זִיא אִיז נִיט יוּנְגֶער ווִיא
זֶעכְצִיג יָאהְר, אוּן אִיז דָאס ווַייבּ גֶעוֶוען פוּן אֵיין מַאן, 10 וָואס הָאט אַ גוּטֶען
נָאמֶען פַאר גוּטֶע וֶוערְק, אוֹיבּ זִיא הָאט קִינְדֶער אוֹיפְגֶעצוֹיגֶען, אוֹיבּ זִיא
הָאט אוֹרְחִים אוֹיפְגֶענוּמֶען, אוֹיבּ זִיא הָאט דִיא פִּיס פוּן דִיא הֵיילִיגֶע גֶעווַאשֶׁען,
אוֹיבּ זִיא הָאט אוֹיסְגֶעהָאלְפֶען דִיא וָואס הָאבֶּען גֶעלִיטֶען, אוֹיבּ זִיא הָאט אִיטְלִי־
כֶען גוּטֶעם וֶוערְק נָאכְגֶעפָאלְגְט. 11 אָבֶּער דִיא יוּנְגֶערֶע אַלְמָנוֹת פֶערְמֵייד;

וָוארִין וֶוען זֵייא זֶענֶען אָפְּקֶעהֶרֶענְדִיג קֶעגֶען מָשִׁיחַ, ווִילֶען זֵייא חֲתוּנָה הָאבֶּען;
12 אוּן זֵייא הָאבֶּען מִשְׁפָּט, ווֵייל זֵייא הָאבֶּען זֵייעֶר עֶרְשְׁטֶען גְלוֹיבֶּען מְבַזֶה
גֶעוֶועֶן. 13 אוּן זֵייא לֶערְנֶען אוֹיךְ פוּיל צוּ זַיין, אוּן אַרוּמְצוּגֶעהֶען פוּן אֵיין
הוֹיז צוּם אַנְדֶערֶען; אוּן נִיט נוּר פוּיל נֵייעֶרְט אוֹיךְ פְּלוֹידֶערֶער, אוּן זֵייא
מִישֶׁען זִיךְ אִין פְרֶעמְדֶע גֶעשֶׁעפְטֶען, אוּן רֶעדֶען דָאס וָואס זֵייא זָאלֶען נִיט.
14 דְרוּם ווִיל אִיךְ אַז דִיא יוּנְגֶערֶע פְרוֹיעֶן זָאלֶען חֲתוּנָה הָאבֶּען, קִינְדֶער גֶעווִיר־
נֶען, דָאס הוֹיזְגֶעזִינְד פִיהְרֶען, אוּן זָאלֶען דֶעם פֵיינְד קֵיינֶע גֶעלֶעגֶענְהֵייט נִיט
גֶעבֶּען צוּ לֶעסְטֶערְן; 15 וָוארִין עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין נָאךְ דֶעם שָׂטָן
אַוֶועקְגֶעקֶעהְרְט. 16 וֶוען אַ גְלוֹיבִּיגֶע פְרוֹיא הָאט אַלְמָנוֹת לָאז זִיא זֵייא אוֹיסְ־
הֶעלְפֶען, אוּן לָאז דִיא קְהִלָּה נִיט בֶּעשְׁוֶוערְט וֶוערֶען, כְּדֵי זִיא זָאל קֶענֶען
אוֹיסְהֶעלְפֶען דִיא וָואס זֶענֶען וָואהְרֶע אַלְמָנוֹת.
17 לָאזֶען דִיא עֶלְצְטֶע וָואס זֶענֶען גוּטֶע גֶעוֶועלְטִיגֶער ווִירְדִיג פוּן דָאפֶּעלְטֶען
כָּבוֹד גֶעהַאלְטֶען זַיין, בִּפְרַט דִיא וָואס אַרְבֵּייטֶען אִין וָוארְט אוּן לֶעהְרֶע.
18 וָוארִין דִיא שְׁרִיפְט זָאגְט, דוּא זָאלְסְט נִיט דָאס מוֹיל פוּן דֶעם אָקְס פֶערְ־
שְׁלִיסֶען וֶוען עֶר דְרֶעשְׁט; אוּן, דֶער אַרְבֵּייטֶער אִיז וֶוערְט זַיין שָׂכָר. 19 נֶעם
נִיט קֵיין אָנְקְלָאג קֶעגֶען אֵיין עֶלְצְטֶען, סַיידֶען פָאר צְווֵייא אָדֶער דְרֵייא
עֵדוּת. 20 דִיא וָואס זִינְדִיגֶען זָאלְסְט דוּא פָאר אַלֶע שְׁטְרָאפֶען, כְּדֵי אוֹיךְ
דִיא אִיבְּרִיגֶע זָאלֶען זִיךְ פָארְכְטֶען.
21 אִיךְ בֶּעצֵייג דִיר פָאר גָאט אוּן פָאר יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אוּן פָאר דִיא אוֹיסְ־
דֶערְוֶועהְלְטֶע מַלְאָכִים, אַז דוּא זָאלְסְט דִיזֶע זַאכֶען הַאלְטֶען אָהְן פָארְאוּרְטְהֵייל,
אוּן זָאלְסְט אִין קֵיין זַאךְ אַ נוֹשֵׂא פָּנִים זַיין. 22 לֶעג אוֹיף קֵיינֶעם דִיא הֶענְד
גֶעשְׁווִינְד, אוּן הָאב נִיט קֵיין טְהֵייל פוּן פְרֶעמְדֶע זִינְד; הַאלְט דִיךְ רֵיין.
23 טְרִינְק נִיט מֶעהְר וַואסֶער, נֵייעֶרְט נֶעם אַבִּיסֶעל ווַיין וֶועגֶען דַיין מָאגֶען
אוּן דֵיינֶע פִילֶע קְרַאנְקְהֵייטֶען. 24 דִיא זִינְד פוּן עֶטְלִיכֶע מֶענְשֶׁען זֶענֶען קְלָאר
פָארְאוֹיס, אוּן זֵייא גֶעהֶען פָארְאוֹיס צוּם מִשְׁפָּט, אוּן אַנְדֶערֶע פָאלְגֶען זֵייא
נָאךְ. 25 אַזוֹי אוֹיךְ דִיא גוּטֶע וֶוערְק פוּן עֶטְלִיכֶע מֶענְשֶׁען זֶענֶען קְלָאר
פָארְאוֹיס, אוּן דִיא וָואס זֶענֶען נִיט אַזוֹי קֶענֶען נִיט פֶערְבָּארְגֶען וֶוערֶען.
ו 1 אַזוֹי פִיל קְנֶעכְט וָואס זֶענֶען אוּנְטֶער דֶעם יָאךְ זָאלֶען זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע
הֶערְרֶען ווִירְדִיג הַאלְטֶען פוּן אַלֶערְלֵייא כָּבוֹד, כְּדֵי דֶער נָאמֶען פוּן גָאט אוּן
דִיא לֶעהְרֶע זָאלֶען נִיט גֶעלֶעסְטֶערְט וֶוערֶען. 2 אוּן דִיא וָואס הָאבֶּען גְלוֹיבִּיגֶע
הֶערְרֶען זָאלֶען זֵייא נִיט פֶערַאכְטֶען, ווֵייל זֵייא זֶענֶען בְּרִידֶער, נֵייעֶרְט לָאזֶען
זֵייא לִיבֶּער דִינֶען, ווֵייל זֵייא זֶענֶען גְלוֹיבִּיגֶע אוּן גֶעלִיבְּטֶע, וָואס הָאבֶּען אַ
טְהֵייל אִים גוּטֶען וֶוערְק. דִיזֶע זַאכֶען זָאלְסְט דוּא לֶעהְרֶען אוּן וָוארְנֶען.
3 וֶוען אֵיימִיצֶער לֶעהְרְט אַנְדֶערְשׁ, אוּן אִיז נִיט מַסְכִּים צוּ דִיא גֶעזוּנְדֶע
וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אוּן צוּ דֶער לֶעהְרֶע וָואס אִיז
כְּפִי הַדָּת, 4 אַזוֹי אִיז עֶר אוֹיפְגֶעבְּלָאזֶען, אוּן פֶערְשְׁטֶעהְט גָאר נִיט, נֵייעֶרְט
קְרֶענְקְט זִיךְ מִיט שַׁאֲלוֹת אוּן שְׁטְרֵייטֶען אִיבֶּער וֶוערְטֶער, דֶערְפוּן קוּמְט אַרוֹיס

18 דברים כה׳ ד׳.

קִנְאָה, גֶעצַאנְק, לֶעסְטֶערוּנְגֶען, שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, 5 מַחְלוֹקֶת פוּן מֶענְשֶׁען
וָואס הָאבֶּען אַ פֶערְדָארְבֶּענֶען פֶערְשְׁטַאנְד אוּן קֶענֶען נִיט דִיא וָואהְרְהֵייט,
וָואס דֶענְקֶען אַז פְרוּמִיגְקֵייט אִיז אַ מִיטֶעל צוּם גֶעוִוין. 6 אוּן פְרוּמִיגְקֵייט מִיט
צוּפְרִידֶענְהֵייט אִיז גְרויסֶער גֶעוִוין; 7 וָוארִין מִיר הָאבֶּען גָאר נִיט אִין דֶער
וֶועלְט אַרֵיינְגֶעבְּרַאכְט, וָוארִין אוֹיךְ קֶענֶען מִיר גָאר נִיט אַרוֹיסְנֶעמֶען. 8 אָבֶּער
וֶוען מִיר הָאבֶּען שְׁפֵּייז אוּן קְלֵיידוּנְג לָאזֶען מִיר דֶערְמִיט צוּפְרִידֶען זֵיין,
9 אָבֶּער דִיא וָואס ווִילֶען רֵייךְ וֶוערֶען פַאלֶען אַרֵיין אִין אַ פְּרִיפוּנְג אוּן אַ נֶעץ
אוּן פִילֶע נַארִישֶׁע אוּן שֶׁעדְלִיכֶע גְלוּסְטִיגְקֵייטֶען, וָואס פֶערְזִינְקֶען דִיא מֶענְשֶׁען
אִין פֶערְדַארְבְּנִים אוּן אוּנְטֶערְגַאנְג. 10 וָוארִין דִיא לִיבֶּע פוּן גֶעלְד אִיז אַ
וָואוּרְצֶעל פוּן אַלֶערְלֵייא אִיבֶּעל; וָואס אֵיינִיגֶע הָאבֶּען גֶעגְלוּסְט אוּן זֶענֶען פוּן
דֶעם גְלוֹיבֶּען פֶערְפִיהְרְט גֶעוָוארֶען, אוּן הָאבֶּען זִיךְ גֶעשְׁטָאכֶען מִיט פִילֶע
יִסוּרִים.

11 אוּן דוּא, אָ מַאן פוּן גָאט, פְלִיה פוּן דִיזֶע זַאכֶען; אָבֶּער יָאג נָאךְ גֶערֶעכְ־
טִיגְקֵייט, פְרוּמִיגְקֵייט, גְלוֹיבֶּען, לִיבֶּע, גֶעדוּלְד, דֶעמִיטְהִיגְקֵייט. 12 שְׁטְרֵייט דֶעם
גוּטֶען שְׁטְרֵייט פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען, דֶערְגְרֵייף דָאס עֶבִּיגֶע לֶעבֶּען, צוּ וֶועלְכֶען
דוּא בִּיסְט אוֹיךְ גֶערוּפֶען, אוּן הָאסְט בֶּעצֵייגְט דָאס גוּטֶע צֵייגְנִים פָאר פִילֶע
עֵדוֹת. 13 אִיךְ זָאג דִיךְ אָן פָאר גָאט וֶועלְכֶער מַאכְט אַלֶעס לֶעבֶּעדִיג אוּן
פָאר יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ דֶער הָאט אוּנְטֶער פָּנְטִיוּס פִּילָאטוּס בֶּעצֵייגְט דָאס גוּטֶע
צֵייגְנִים, 14 אַז דוּא זָאלְסְט דָאס גֶעבָּאט הַאלְטֶען אָהְן אַ פְלֶעק אוּן אָהְן אַ
פָארְוָואוּרְף בִּיז צוּם אַנְטְפְּלֶעקֶען פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ; 15 וֶועלְכֶעס
עֶר וֶועט בֶּעווייזֶען אִין זֵיינֶע אֵייגֶענֶע צֵייטֶען דֶער גֶעבֶּענְשְׁטֶער אוּן אַלֵיין מֶעכְטִיגֶער,
דֶער קֶענִיג פוּן קֶענִיגֶע אוּן דֶער הַאר פוּן הַארֶען, 16 דֶער אַלֵיין הָאט אוּנְ־
שְׁטֶערְבְּלִיכְקֵייט, דֶער ווָאוינְט אִים לִיכְט וָואס מֶען קֶען דֶערְצוּ נִיט צוּטְרֶעטֶען,
וֶועלְכֶעם קֵיין מֶענְשׁ הָאט גֶעזֶעהֶען אוּן קֶען אִיהְם נִיט זֶעהֶען; צוּ דֶעם זֵייא
דֶער כָּבוֹד אוּן דִיא עֶבִּיגֶע מַאכְט; אָמֵן.

17 גֶעבִּיט דִיא וָואס זֶענֶען רֵייךְ אִין דִיזֶער וֶועלְט, אַז זֵייא זָאלֶען נִיט
שְׁטָאלְץ זֵיין, אוּן זָאלֶען נִיט הָאפֶען אִין עֲשִׁירוּת וָואס זֶענֶען נִיט זִיכֶער, נֵייעֶרְט
אִים לֶעבֶּעדִיגֶען גָאט, דֶער גִיבְּט אוּנְז אַלֶעס רֵייכְלִיךְ צוּם גֶענִיסֶען;
18 אַז זֵייא זָאלֶען גוּטֶעס טְהוּן, זָאלֶען רֵייךְ זֵיין אִין גוּטֶע וֶוערְק, זָאלֶען
פְרֵייגֶעבִּיג זֵיין, זָאלֶען אַנְדֶערֶע הֶעלְפֶען, 19 אוּן זָאלֶען זִיךְ אָפְּלֶעגֶען אַ גוּטֶען
גְרוּנְד פַאר דִיא קוּמֶענְדִיגֶע צֵייט, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען דָאס וָואהְרְהַאפְטִיגֶע לֶעבֶּען
אָנְנֶעמֶען.

20 אָ טִימוֹתִיוּס, הִיט דָאס וָואס אִיז דִיר אָנְפֶערְטְרוֹיעֶט, אוּן פֶערְמֵייד אוּנְ־
ווִירְדִיגֶע אוּן לֶעדִיגֶע רֶעד אוּן דִיא וִכּוּחִים פוּן דִיא פַאלְשֶׁע דֶערְקֶענְטְנִיס,
21 וָואס עֶטְלִיכֶע הָאבֶּען בֶּעקֶענְט, אוּן הָאבֶּען זִיךְ גֶעאִירְט וֶועגֶען דֶעם
גְלוֹיבֶּען.
גְנָאד זָאל מִיט אֵייךְ זֵיין.

דֶער צְוֵוייטֶע בְּרִיף פוּן דֶעם
אַפָּאסְטֶעל פּוֹלוֹס צוּ טִימוֹתִיוֹס.

---

1 פּוֹלוֹס, אֵיין אַפָּאסְטֶעל פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ דוּרְךְ דֶעם ווִילֶען פוּן גָאט נָאךְ
דֶער הַבְטָחָה פוּן לֶעבֶּען וָואס אִיז אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, 2 צוּ טִימוֹתִיוֹס מֵיין
גֶעלִיבְּטֶען קִינְד; גְנָאד בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייט אוּן פְרִידֶען פוּן גָאט דֶעם פָאטֶער
אוּן פוּן דֶעם הַאר׳ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.
3 אִיךְ דַאנְק גָאט, דֶעם אִיךְ דִיעֶן פוּן מֵיינֶע אָבוֹת אָן מִיט אַ רֵיינֶען גֶעווִיסֶען,
אַז אִיךְ גֶעדֶענְק דִיךְ אָהְן אוֹיפְהֶערֶען אִין מֵיינֶע גֶעבֶּעטֶען נַאכְט אוּן טָאג;
4 אוּן אִיךְ פֶערְלַאנְג זֶעהְר דִיךְ צוּ זֶעהֶען, ווייל אִיךְ גֶעדֶענְק דֵיינֶע טְרֶערֶען,
כְּדֵי אִיךְ זָאל מִיט פְרֵייד דֶערְפִילְט ווֶערֶען, 5 ווֶען אִיךְ דֶערְמָאהְן מִיךְ אָן דֶעם
גְלוֹיבֶּען וָואס אִיז אִין דִיר אָהְן חֲנִיפָה, וָואס הָאט צוּעֶרְשְׁט גֶעווָאוינְט אִין
דֵיינֶע בַּאבֶּע לוֹאִיס אוּן אִין דֵיינֶער מוּטֶער אַבְנִיקָא, אוּן אִיךְ בִּין פֶערְזִיכֶערְט
אַז עֶר אִיז אוֹיךְ אִין דִיר.
6 דֶעסְטְווֶעגֶען דֶערְמָאהְן אִיךְ דִיךְ דוּא זָאלְסְט דֶערְוֶועקֶען דִיא מַתָּנָה פוּן
גָאט וָואס אִיז אִין דִיר דוּרְךְ דֶעם אוֹיפְלֶעגֶען פוּן מֵיינֶע הֶענְד. 7 וָוארִין גָאט
הָאט אוּנְז נִיט גֶעגֶעבֶּען אַ גֵייסְט פוּן פָארְכְט, נֵייעֶרְט פוּן קְרַאפְט אוּן לִיבֶּע
אוּן פֶערְשְׁטַאנְד. 8 דְרוּם שֶׁעהְם דִיךְ נִיט מִיט דֶעם צֵייגְנִים פוּן אוּנְזֶערֶען
הַאר׳ן אוּן מִיט מִיר זֵיין גֶעפַאנְגֶענֶעם, אָבֶּער הָאבּ אַ טְהֵייל אִין דִיא לֵיידֶען
מִיט דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה נָאךְ דֶער מַאכְט פוּן גָאט, 9 דֶער הָאט אוּנְז גֶערֶע־
טֶעט, אוּן הָאט אוּנְז בֶּערוּפֶען מִיט אַ הֵיילִיגֶע בֶּערוּפוּנְג, נִיט נָאךְ אוּנְזֶערֶע
מַעֲשִׂים נֵייעֶרְט נָאךְ זֵיינֶע אֵייגֶענֶע כַּוָּנָה אוּן גְנָאד, וָואס אִיז אוּנְז גֶעגֶעבֶּען
גֶעווָארֶען אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ פוּן עֶבִּיגֶע צֵייטֶען אָן; 10 אָבֶּער אִיז אַצוּנְד אַנְטְ־
פְּלֶעקְט גֶעווָארֶען דוּרְךְ דֶער אַנְטְפְּלֶעקוּנְג פוּן אוּנְזֶערֶעם רֶעטֶער יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ,
דֶער הָאט דֶעם טוֹיט צוּשְׁטֶערְט, אוּן הָאט לֶעבֶּען אוּן אוּנְפֶערְדַארְבְּנִים צוּם
לִיכְט גֶעבְּרַאכְט דוּרְךְ דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה; 11 דֶערְצוּ בִּין אִיךְ בֶּעשְׁטֶעלְט אַלְס
אַ פְּרֶעדִיגֶער אוּן אַפָּאסְטֶעל אוּן לֶעהְרֶער. 12 דֶעסְטְווֶעגֶען לֵייד אִיךְ אוֹיךְ דִיזֶע
זַאכֶען, אָבֶּער אִיךְ שֶׁעהְם מִיךְ נִיט, וָוארִין אִיךְ ווֵייס אִין ווֶעמֶען אִיךְ הָאבּ
גֶעגְלוֹיבְּט, אוּן אִיךְ בִּין גֶעווִיס אַז עֶר אִיז מֶעכְטִיג צוּ בֶּעווָאהְרֶען דָאס וָואס
אִיךְ הָאבּ אִיהְם פֶערְטְרוֹיעֶט בִּיז צוּ יֶענֶעם טָאג. 13 הַאלְט פֶעסְט דָאס פָארְ־
בִּילְד פוּן דִיא גֶעזוּנְדֶע ווֶערְטֶער, וָואס דוּא הָאסְט פוּן מִיר גֶעהֶערְט אִין
גְלוֹיבֶּען אוּן לִיבֶּע וָואס אִיז אִין יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. 14 הִיט דָאס גוּטֶע וָואס אִיז
דִיר אָנְפֶערְטְרוֹיעֶט דוּרְךְ דֶעם רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ וָואס ווָאוינְט אִין אוּנְז.
15 דוּא ווֵייסְט דָאס, אַז אַלֶע וָואס זֶענֶען אִין אַסְיָא הָאבֶּען זִיךְ פוּן מִיר
אַוֶועקְגֶעקֶעהְרְט; צְווִישֶׁען וֶועלְכֶע אִיז פִיגֶעלוֹס אוּן הֶערְמָאגֶענִים. 16 דֶער הַאר
זָאל גֶעבֶּען חֶסֶד צוּ דֶעם הוֹיז פוּן אָנֶעסִיפָארוֹס, וָוארִין עֶר הָאט מִיךְ אָפְט

דֶערקְוויקְט, אוּן הָאט זִיךְ נִיט גֶעשֶׁעהְמְט מִיט מֵיינֶע קֶעטֶען, [17] גֵייעֶרְט וֶוען
עֶר אִיז אִין רוּים גֶעוֶוען הָאט עֶר מִיךְ פְלֵייסִיג גֶעזוּכְט אוּן הָאט מִיךְ
גֶעפִינֶען. [18] דֶער הַאר זָאל אִיהְם גֶעבֶּען אַז עֶר זָאל גְנָאד גֶעפִינֶען בֵּייא דֶעם
הַאר'ן אִין יֶענֶעם טָאג. אוּן וִויא פִיל עֶר הָאט מִיר אִין עֶפֶעזוּס גֶעדִינְט
ווייסְט דוּא זֶעהְר גוּט.

ב [1] דְרוּם דוּא מֵיין קִינְד זַייא שְׁטַארְק אִין דֶער גְנָאד וָואס אִיז אִין יֵשׁוּעַ
הַמָשִׁיחַ. [2] אוּן דִיא זַאכֶען וָואס דוּא הָאסְט פוּן מִיר גֶעהֶערְט דוּרְךְ פִילֶע
עֵדוּת, דִיזֶע אִיבֶּערְגִיבּ צוּ גֶעטְרֵייעֶ מֶענְשֶׁען, וָואס זָאלֶען קֶענֶען אוֹיךְ אַנְדֶערֶע
לֶעהְרֶען. [3] לֵייד מִיט אִין אִיבֶּעל אַלְס אַ גוּטֶער סָאלְדַאט פוּן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ.
[4] קֵיינֶער וָואס גֶעהְט צוּם קְרִיג פֶערְווִיקֶעלְט זִיךְ אִין דִיא זַאכֶען פוּן דֶעם
לֶעבֶּען, כְּדֵי עֶר זָאל גֶעפֶעלֶען דֶעם וָואס הָאט אִיהְם פַאר אַ סָאלְדַאט גֶענוּ־
מֶען. [5] אוּן וֶוען אוֹיךְ אֵיימִיצֶער שְׁטְרֵייט, אִיז עֶר נִיט גֶעקְרֵיינְט סֵיידֶען עֶר
שְׁטְרֵייט נָאךְ גֶעזֶעץ. [6] דֶער אַקֶערְמַאן וָואס אַרְבֵּייט מוּז צוּעֶרְשְׁט פוּן דִיא
פְרוּכְט נֶעמֶען. [7] פֶערְשְׁטֶעה וָואס אִיךְ זָאג; וָוארִין דֶער הַאר וֶועט דִיר
פֶערְשְׁטַאנְד גֶעבֶּען אִין אַלֶע זַאכֶען.

[8] גֶעדֶענְק אָן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ דֶער אִיז פוּן דֶעם זָאמֶען פוּן דָוִד, דֶער אִיז פוּן
דִיא טוֹיטֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען נָאךְ מֵיינֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה. [9] דְרִינֶען לֵייד אִיךְ
אִיבֶּעל בִּיז צוּ קֶעטֶען, וִויא אֵיין אִיבֶּעלְטְהֶעטֶער, אָבֶּער דָאס וָוארְט פוּן
גָאט אִיז נִיט גֶעקֶעטֶעט. [10] דֶעסְטְוֶועגֶען דֶערְטְרָאג אִיךְ אַ,עס וֶועגֶען דִיא
אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְטֶע, כְּדֵי זַייא זָאלֶען אוֹיךְ דֶערְהַאלְטֶען דִיא יְשׁוּעָה וָואס אִיז אִין
יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ מִיט עֶבִּיגֶער הֶערְלִיכְקַייט. [11] זִיכֶער אִיז דָאס וָוארְט; וָוארִין
וֶוען מִיר מִיט אִיהְם שְׁטַארְבֶּען וֶועלֶען מִיר אוֹיךְ מִיט אִיהְם לֶעבֶּען, [12] וֶוען
מִיר דֶערְטְרָאגֶען וֶועלֶען מִיר אוֹיךְ מִיט אִיהְם הֶערְשֶׁען, וֶוען מִיר פֶערְלֵייקֶענֶען
וֶועט עֶר אוּנְז אוֹיךְ פֶערְלֵייקֶענֶען, [13] וֶוען מִיר זֶענֶען אוּנְגֶעטְרֵייא בְּלֵייבְּט עֶר
דָאךְ גֶעטְרֵייא, וָוארִין עֶר קֶען זִיךְ זֶעלְבְּסְט נִיט פֶערְלֵייקֶענֶען.

[14] דֶערְמָאהְן זַייא אָן דִיזֶע זַאכֶען, אוּן בֶּעצֵייג פָאר דֶעם הַאר'ן אַז זַייא
זָאלֶען נִיט צַאנְקֶען אִיבֶּער וֶוערְטֶער וָואס גָאר נִיט נוּצֶען, נֵייעֶרְט צוּם פֶערְדָארְ־
בֶּען פוּן דִיא וָואס הֶערֶען. [15] פְלֵייסִיג דִיךְ אַז דוּא זָאלְסְט דִיךְ בֶּעווייזֶען
גֶעפְּרִיפְט צוּ גָאט, אֵיין אַרְבֵּייטֶער וָואס בֶּעדַארְף זִיךְ נִיט צוּ שֶׁעהְמֶען, וָואס
רִיכְטִיג צוּטְהֵיילְט דָאס וָוארְט פוּן וָואהְרְהֵייט. [16] אָבֶּער פֶערְמֵייד דִיא אוּנְוֶוירְ־
דִיגֶע אוּן לֶעדִיגֶע רֶעד; וָוארִין זַייא וֶועלֶען וַואקְסֶען לִיבֶּער צוּ רְשָׁעוֹת.
[17] אוּן זֵייעֶר וָוארְט וֶועט וִויא אַ קְרֶעבְּס פְרֶעסֶען; צְווִישֶׁען וֶועלְכֶע זֶענֶען
הִימֶענֶעאוּס אוּן פִילֶעטוּס, [18] וֶועלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעאִירְט וֶועגֶען דֶער וָואהְרְ־
הֵייט, אִינְדֶעם זַייא זָאגֶען אַז תְּחִיַת הַמֵתִים אִיז שׁוֹין גֶעשֶׁעהֶען, אוּן זַייא
צוּשְׁטֶערֶען דֶעם גְלוֹיבֶּען פוּן עֶטְלִיכֶע. [19] אָבֶּער דֶער פֶעסְטֶע גְרוּנְד פוּן גָאט
שְׁטֶעהְט, אוּן הָאט דִיזֶען זִיגֶעל, דֶער הַאר קֶענְט דִיא וָואס זֶענֶען זַיין; אוּן,
לָאז אִיטְלִיכֶער וָואס גֶענְט דֶעם נָאמֶען פוּן דֶעם הַאר'ן זִיךְ אָפְּטְהוּן פוּן

[19] ישעיה כו׳ יג׳; במדבר טז׳ ה׳.

אוּנגֶערֶעכְטִיגְקַייט. 20 נוּן אִין אַ גְרוֹיסֶען הויז אִיז פַארְהַאנֶען נִיט נוּר גָאלְדֶענֶע
אוּן זִילְבֶּערְנֶע כֵּלִים, נֵייעֶרְט אוֹיךְ הָאלְצֶערְנֶע אוּן עֶרְדִישֶׁע, אוּן אֵיינִיגֶע צוּ
כָּבוֹד, אוּן אַנְדֶערֶע צוּ שַׁאנְד; 21 דְרוּם וֶוען אֵיימִיצֶער וֶועט זִיךְ רֵיינִיגֶען פוּן
דִיזֶע, וֶועט עֶר אַ כְּלִי צוּ כָּבוֹד זַיין, גֶעהֵיילִיגְט, נִיצְלִיךְ צוּ דֶעם בַּעַל הַבַּיִת,
אָנְגֶעבְּרֵייט צוּ אִיטְלִיכֶעם גוּטֶען וֶוערְק.
22 נוּן פְלִיה פוּן דִיא גְלוּסְטִיגְקַייטֶען פוּן דֶער יוּגֶענְד, אָבֶּער יָאג נָאךְ גֶערֶעכְ־
טִיגְקַייט, גְלוֹיבֶּען, לִיבֶּע, פְרִידֶען מִיט דִיא וָואס רוּפֶען אָן דֶעם הַאר'ן אוֹיס אַ
רֵיינֶעם הַארְץ. 23 אוּן פֶערְמֵייד דִיא נַארִישֶׁע אוּן אוּנְגֶעלֶעהְרְטֶע שַׁאֲלוֹת,
וַוייל דוּא ווֵייסְט אַז זֵייא קְרִיגֶערַייא מַאכֶען. 24 אוּן דֶער קְנֶעכְט פוּן דֶעם
הַאר'ן מוּז נִיט אַ קְרִיגֶער זַיין, נֵייעֶרְט גֶעלִינְד צוּ אַלֶע מֶענְשֶׁען, אַ גוּטֶער
לֶעהְרֶער, וָואס קֶען אַפִילוּ שְׁלֶעכְטֶעס לֵיידֶען, 25 וָואס קֶען מִיט נִידְרִיגְקַייט
שְׁטְרָאפֶען דִיא וָואס זֶעצֶען זִיךְ דֶערְוִוידֶער, טָאמֶער וֶועט גָאט זֵייא גֶעבֶּען
תְּשׁוּבָה צוּר דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן דֶער וָואהְרְהֵייט, 26 אוּן זֵייא וֶועלֶען אַנְטְרִינֶען
וֶוערֶען פוּן דֶעם נֶעץ פוּן דֶעם שָׂטָן, וֶוען אַפִּילוּ זֵייא זֶענֶען בֵּייא אִיהְם גֶעפַאנְגֶען
נָאךְ זַיין ווִילֶען.
ג 1 אוּן דָאס זָאלְסְט דוּא ווִיסֶען, אַז אִין דִיא לֶעצְטֶע טֶעג וֶועלֶען שְׁוֶוערְלִיכֶע
צַייטֶען וֶוערֶען. 2 וָוארִין דִיא מֶענְשֶׁען וֶועלֶען זַיין לִיבְּהָאבֶּער פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט,
לִיבְּהָאבֶּער פוּן גֶעלְד, בַּארִיהְמֶער, שְׁטָאלְץ, לֶעסְטֶערֶער, אוּנְגֶעהָארְזַאם קֶעגֶען
דִיא עֶלְטֶערְן, אוּנְדַאנְקְבַּאר, אוּנְהֵיילִיג, 3 אַכְזָרִים, אוּנְגֶעטְרֵייעֶ, רְכִילוּת זָאגֶער,
פַארְשַׁייטֶע, אוּנְגִיטִיג, וָואס לִיבֶּען נִיט דָאס גוּטֶע, 4 מוֹסְרִים, הִיצִיג, אוֹיפְגֶע־
בְּלָאזֶען, וָואס לִיבֶּען דָאס פֶערְגְנִיגֶען מֶעהְר ווִיא זֵייא לִיבֶּען גָאט, 5 וָואס
הָאבֶּען אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּן גָאטֶעסְפָארְכְט, אָבֶּער זֵייא פֶערְלֵייקְנֶען דִיא
קְרַאפְט דֶערְפוּן; אוֹיךְ פוּן אַזֶעלְכֶע מֶענְשֶׁען קֶעהְר דִיךְ אָפּ. 6 וָוארִין פוּן דִיזֶע
זֶענֶען דִיא וָואס קְרִיכֶען אִין הַייזֶער אַרַיין, אוּן נֶעמֶען גֶעפַאנְגֶען נַארִישֶׁע
פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען בֶּעלָאדֶען מִיט זִינְד, אוּן זֶענֶען פֶערְפִיהְרְט פוּן פִילֶערְלֵייא
גְלוּסְטִיגְקַייטֶען, 7 וֶועלְכֶע זֶענֶען בֶּעשְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶער, אוּן קֶענֶען קֵיין מָאל נִיט
קוּמֶען צוּ דֶער דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן דֶער וָואהְרְהֵייט. 8 אוּן גְלֵייךְ ווִיא יַאנֶעס אוּן
יַאמְבְּרֶעס הָאבֶּען זִיךְ קֶעגֶען משֶׁה דֶערְוִוידֶער גֶעזֶעצְט, אַזוֹי ווִידֶערְזֶעצֶען זִיךְ
דִיזֶע אוֹיךְ קֶעגֶען דֶער וָואהְרְהֵייט; וֶועלְכֶע הָאבֶּען אַ פֶערְדָארְבֶּענֶען פֶערְ־
שְׁטַאנְד, אוּן זֶענֶען פֶערְוָוארְפֶען פוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען. 9 אָבֶּער זֵייא וֶועלֶען נִיט
וַוייטֶער גֶעהֶען; וָוארִין זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקַייט וֶועט עֶפֶענְטְלִיךְ בֶּעקַאנְט וֶוערֶען צוּ
אַלֶע לֵייט, אַזוֹי ווִיא זֵייעֶרְס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען.
10 אָבֶּער דוּא הָאסְט מִיר נָאכְגֶעפָאלְגְט אִין דֶער לֶעהְרֶע, אִים אוֹיפְפִיהְרֶען,
אִים פָארְנֶעמֶען, אִים גְלוֹיבֶּען, אִין דֶער לַאנְגְמִיטִיגְקַייט, אִין דֶער לִיבֶּע, אִין
דֶער גֶעדוּלְד, 11 אִין דִיא פֶערְפָאלְגוּנְגֶען, אִין דִיא לֵיידֶען, וָואס זֶענֶען אִיבֶּער
מִיר גֶעקוּמֶען אִין אַנְטִיוֹכְיָא, אִין אִיקוֹנְיָא, אִין לוּסְטְרָא; ווִיא פִילֶע פֶערְפָאלְ־
גוּנְגֶען אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטֶען, אוּן דֶער הַאר הָאט מִיךְ פוּן אַלֶע מַצִיל גֶעוֶוען.
12 אוּן אַלֶע מֶענְשֶׁען וָואס ווִילֶען פְרוּם לֶעבֶּען אִין יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ וֶועלֶען

פערפאלגט ווערען. 13 אבער שלעכטע מענשען און פערפיהרער וועלען
בעשטענדיג ערגער ווערען, און וועלען פערפיהרען און פערפיהרט ווערען.
14 אבער בלייב דוא אין דיא זאכען וואס דוא האסט געלערנט און אין וועלכע
דוא ביסט איבערצייגט; ווארין דוא ווייסט פון ועמען דוא האסט געלערנט,
15 און אז דוא האסט פון דיינע יוגענד אויף דיא היילינע שריפט געקענט,
וואס קענען דיך קלוג מאכען צו ישועה דורך דעם גלויבען וואס איז אן ישוע
המשיח. 16 יעדע שריפט איז פון גאט איינגעהויכט, און איז אויך ניצליך
צו לעהרע, צו שטראף, צו פערבעסערונג, צו מוסר וואס איז אין גערעכטיג־
קייט, 17 כדי דער מאן פון גאט זאל גאנץ זיין און צו איטליכען גוטען ווערק
צובריימעט.

ד 1 איך בעצייג דיר פאר גאט און פאר ישוע המשיח, דער וועט ריכטען
דיא לעבענדיגע און דיא טויטע, און וועגען זיינע אנטפלעקונג און זיין
קעניגרייך; 2 פרעדיג דאס ווארט, זייא איפריג אין דער צייט און אויסער
דער צייט, שטראף, דערמאהן, טרייסט, אין אלערלייא געדולד און בעלעהרונג.
3 ווארין עס וועט זיין א צייט ווען זייא וועלען ניט פערטראגען געזונדע
לעהרע, נייערט נאך זייערע אייגענע גלוסטיגקייטען וועלען זייא זיך לעהרער
צונויפברענגען, אינדעם זייערע אויערען זענען קעצעלדיג געווארען; 4 און זייא
קעהרען אוועק זייערע אויערען פון דער ווארהייט, און קעהרען זיך צו דיא
נארישע רעד. 5 אבער זייא דוא אין אלעם ניכטערן, לייד שלעכטעס, טהוא
דאס ווערק פון א מבשר, דערפיל דיין דינסט.
6 ווארין איך בין שוין א קרבן נסך, און דיא צייט פון מיין אפשייד איז נאהענט.
7 איך האב געשטריטען דעם גוטען שטרייט, איך האב דערפילט דעם לויף,
איך האב געהאלטען דעם גלויבען; 8 פון אצונד אן איז פאר מיר אפגעלעגט
דיא קרוין פון גערעכטיגקייט, וואס דער הער, דער גערעכטע ריכטער, וועט
מיר געבען אין יענעם טאג, און ניט נור צו מיר, נייערט אויך צו אלע וואס
האבען זיינע אנטפלעקונג געליבט.
9 איל דיך באלד צו מיר צו קומען; 10 ווארין דעמאס האט מיך פערלאזט
אינדעם ער האט דיא איצטיגע וועלט געליבט, און איז אוועקגעגאנגען קיין
טעסאלוניקא, קרעסקענס קיין גאלאטיא, טיטוס קיין דלמאטיא. 11 לוקאס איז
נור מיט מיר. נעם מרקוס און ברענג איהם מיט דיר; ווארין ער איז מיר
ניצליך צו דעם דינסט. 12 טיכיקוס האב איך קיין עפעזוס געשיקט. 13 ווען
דוא קומסט אזוי ברענג מיט דיר דעם מאנטעל וואס איך האב אין טרויאס
בייא קארפוס איבערגעלאזט, און אויך דיא ביכער, בפרט דיא פארמענטראלען.
14 אלעקסאנדער דער קופערשמיד האט מיר פיל שלעכטעס געטהון. דער האר
זאל איהם פערגעלטען נאך זיינע מעשים. 15 פאר דעם היט דוא דיך אויך;
ווארין ער האט זיך שטארק דערווידער געזעצט קעגען אונזערע רעד.
16 בייא מיינע ערשטע פערענטפערונג איז קיינער מיט מיר ניט געשטאנען,
נייערט זייא האבען מיך אלע פערלאזט. לאז עס זייא ניט צוגערעכענט

וֶוערֶען. [17] אָבֶּער דֶער הַאר אִיז בֵּייא מִיר גֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט מִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט,
כְּדֵי דָאס פְּרֶעדִיגֶען זָאל דוּרְךְ מִיר דֶערְפִילְט וֶוערֶען אוּן אַלֶע גוֹיִם זָאלֶען
הֶערֶען; אוּן אִיךְ בִּין פוּן דֶעם מוֹיל פוּן דֶעם לֵייבּ גֶערֶעטֶעט גֶעוָוארֶען.
[18] דֶער הַאר וֶועט מִיךְ רֶעטֶען פוּן אִיטְלֶעכֶען שְׁלֶעכְטֶען וֶוערְק, אוּן וֶועט מִיךְ
בֶּעוָואהְרֶען צוּ זַיין הִימְלִישֶׁען קֶענִיגְרַייךְ; צוּ דֶעם זַייא דִיא הֶערְלִיכְקַייט פוּן
עֶבִּיגְקַייט צוּ עֶבִּיגְקַייט; אָמֵן.
[19] גְרִיס פְּרִיסְקָא אוּן אַקְוִוילָא, אוּן דָאס הוֹיזְגֶעזִינְד פוּן אָנֶעסִיפָארוּס. [20] עֶרַאסְ־
טוּס אִיז אִין קָארִינְט גֶעבְּלִיבֶּען, אוּן טְרָאפִימוּס הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט קְרַאנְק
אִין מִילִיטוּס. [21] אֵייל דִיךְ צוּ קוּמֶען פָאר דֶעם ווִינְטֶער. עֶבּוּלוּס גְרִיסְט דִיךְ,
אוּן פוּדֶענְס, אוּן לִינוּס, אוּן קְלוֹדְיָא, אוּן אַלֶע בְּרִידֶער.
[22] דֶער הַאר זָאל מִיט דֵיין גֵייסְט זַיין. דִיא גְנָאד זַייא מִיט אֵייךְ.

דֶער בְּרִיף פוּן דֶעם

אַפָּאסְטֶעל פּוֹלוּס צוּ טִיטוּס.

---

[1] פּוֹלוּס, אַ קְנֶעכְט פוּן גָאט אוּן אֵיין אַפָּאסְטֶע, פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, נָאךְ
דֶעם גְלוֹיבֶּען פוּן דִיא אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְטֶע פוּן גָאט אוּן דֶער דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן
דֶער וָואהְרְהַייט וָואס אִיז נָאךְ פְּרוּמִיגְקַייט, [2] אִין דֶער הָאפְנוּנְג פוּן עֶבִּיגֶעם
לֶעבֶּען, וָואס גָאט דֶער זָאגְט נִיט לִיגֶען הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען פוּן עֶבִּיגֶע צֵייטֶען,
[3] אוּן הָאט אִין זַיינֶע אֵייגֶענֶע צֵייטֶען זַיין וָוארְט אַנְטְפְּלֶעקְט דוּרְךְ דֶעם פְּרֶע־
דִיגֶען וָואס אִיז מִיר אָנְפֶּערְטְרוֹיעֶט נָאךְ דֶעם גֶעבָּאט פוּן גָאט אוּנְזֶערֶען
רֶעטֶער, [4] צוּ טִיטוּס מֵיין וָואהְרֶעם קִינְד נָאךְ דֶעם גֶעמֵיינְזַאמֶען גְלוֹיבֶּען; גְנָאד
אוּן פְרִידֶען פוּן גָאט דֶעם פָּאטֶער אוּן פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אוּנְזֶערֶען רֶעטֶער.
[5] דֶערְסְטְוֶועגֶען הָאבּ אִיךְ דִיךְ אִין קְרֶעטָא אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, כְּדֵי דוּא זָאלְסְט
צוּרֶעכְט מַאכֶען דָאס וָואס פֶּעהְלְט, אוּן זָאלְסְט עֶלְצְטֶע אִין אִיטְלִיכֶער שְׁטָאדְט
בֶּעשְׁטֶעלֶען, אַזוֹי ווִיא אִיךְ הָאבּ דִיר בֶּעפוֹילֶען; [6] וֶוען אֵיימִיצֶער אִיז אוּנְשׁוּלְדִיג,
דֶער מַאן פוּן אֵיינֶעם ווַייבּ, דֶער הָאט גְלוֹיבִּיגֶע קִינְדֶער, וָואס זֶענֶען נִיט פֶערְקְלָאגְט
וֶועגֶען שֶׁענְדְלִיכֶעם לֶעבֶּען אוּן זֶענֶען נִיט ווִידֶערְשְׁפֶּענִיג. [7] וָוארִין דֶער אוֹיפְזֶעהֶער
מוּז אוּנְשׁוּלְדִיג זַיין, אַלְס אַ פֶערְוַואלְטֶער פוּן גָאט, נִיט הוֹיכְמִיטִיג, נִיט צָארְ־
נִיג, נִיט קֵיין ווַיינְזוֹיפֶער, נִיט שְׁלֶעגֶער, נִיט גֵייצִיג נָאךְ שֶׁענְדְלִיכֶען
גֶעווִינְסְט, [8] נֵייעֶרְט אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ, אַ לִיבְּהָאבֶּער פוּן גוּטֶען, פֶערְשְׁטֶענְדִיג,
גֶערֶעכְט, הֵיילִיג, מֶעסִיג; [9] וֶועלְכֶער הַאלְט פֶעסְט דָאס פֶערְזִיכֶערְטֶע וָוארְט נָאךְ
דֶער לֶעהְרֶע, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען אוֹיךְ וַוארְנֶען אִין דִיא גֶעזוּנְדֶע לֶעהְרֶע אוּן
דִיא ווִידֶערְשְׁפְּרֶעכֶער אִיבֶּערְצֵייגֶען.

10 וואָרין פילע זענען ווידערשפּעניגער פּלוידערער און בעטריגער, בעזונדער
די פון דער בעשניידונג; 11 וואָס מען בעדאַרף זיי דאָס מויל פערשטאָפּען,
וועלכע פערקערען גאַנצע הייזער, אינדעם זיי לערנען דאָס וואָס איז ניט
רעכט פון וועגען שענדליכען געווינסט. 12 איינער פון זיי זייער אייגענער
נביא האָט געזאָגט,

די קרעטער זענען בעשטענדיג ליגנער, חיות רעות, פוילע בייכער.
13 דיזעס צייגניס איז וואָהר. דעסטוועגען שטראָף זיי שאַרף, כדי זיי זאָלען
שטאַרק זיין אים גלויבען, 14 און זאָלען ניט אַכטונג געבען אויף יודישע
מעשׂות און געבאָטע פון מענשען וואָס קעהרען זיך אָפּ פון דער וואָהרהייט.
15 אַלע זאַכען זענען ריין צו די ריינע; אָבער צו די בעפלעקטע און אונגלוי־
ביגע איז קיין זאַך ריין, נייערט זייער פערשטאַנד און אויך זייער געוויסען
זענען בעפלעקט. 16 זיי בעהויפּטען אַז זיי קענען גאָט, אָבער זיי פער־
לייקענען איהם אין זייערע מעשׂים, און זענען אונווירדיג און ווידערשפּעניג
און פערוואָרפען פון איטליכען גוטען ווערק.

ב 1 נון דו זאָלסט רעדען די זאַכען וואָס פּאַסען צו די געזונדע לעהרע;
2 אַז די עלצטע זאָלען זיין ניכטערן, ערנסטהאַפטיג, פערשטענדיג, געזונד
אים גלויבען, אין ליבע, אין געדולד. 3 אַזוי אויך אַז די אַלטע פרויען זאָלען
זיך היילינג אויפפיהרען, זאָלען ניט רכילות זאָגען, ניט פיל וויין טרינקען, נייערט
זאָלען לעהרערין פון גוטען זיין; 4 כדי זיי זאָלען די יונגע פרויען פער־
שטענדיג מאַכען, אַז זיי זאָלען ליבען זייערע מענער און זייערע קינדער,
5 און זאָלען פערשטענדיג זיין, ריינע, הויזהאַלטער, גיטיג, אונטערטעניג צו
זייערע אייגענע מענער, כדי דאָס וואָרט פון גאָט זאָל ניט געלעסטערט
ווערען.

6 אויך די יונגע מענער זיי מזהיר אַז זיי זאָלען פערשטענדיג זיין; 7 און
ווייז דיך אין אַלע זאַכען אַ ביישפּיל פון גוטע ווערק, אין דער לעהרע אונ־
פערדאָרבענהייט, ערנסט, 8 געזונדעס און אונפערשולדיגטעס וואָרט, כדי דער
וואָס זעצט זיך דערווידער זאָל פערשעהמט ווערען, אינדעם ער האָט קיין
שלעכטעס וועגען אונז צו זאָגען. 9 זיי מזהיר אויך די קנעכט אַז זיי
זאָלען אונטערטעניג זיין צו זייערע אייגענע הערען, וואוילגעפעלען זיין אין
אַלע זאַכען, ניט נגנבענען, ניט אַקעגענרעדען, 10 ניט גנבענען, נייערט בעווייזען אַלערלייא
גוטען גלויבען כדי זיי זאָלען אין אַלע זאַכען די לעהרע פון גאָט
אונזערען רעטער צירען.

11 וואָרין די גנאָד פון גאָט וואָס ברענגט ישועה צו אַלע מענשען איז
אַנטפּלעקט געוואָרען. 12 און זי לעהרט אונז אַז מיר זאָלען פערלייקענען
דאָס רשעות אין די וועלטליכע גלוסטען און זאָלען לעבען פערשטענדיג און
גערעכט און פרום אים איצטיגען צייטאַלטער; 13 און זאָלען וואַרטען אויף
די געבענשטע האָפנונג און דער אַנטפּלעקונג פון דעם כבוד פון דעם
גרויסען גאָט און ישוע המשיח אונזערען רעטער; 14 וועלכער האָט זיך אַליין

פַאר אוּנְז גֶעגֶעבֶּען, כְּדֵי עֶר זָאל אוּנְז אוֹיסְלֶעזֶען פוּן אַלֶע אוּנְגֶערֶעכְטִיגְקֵייט,
אוּן זָאל צוּ זִיךְ רֵיינִיגֶען אֵיין אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְטֶעם פָאלְק וָואס אִיז אֵייפְרִיג פַאר
גוּטֶע וֶוערְק. 15 דִיזֶע זַאכֶען רֶעד אוּן זֵייא מַזְהִיר אוּן שְׁטְרָאף מִיט אַלֶערְלֵייא
מַאכְט. לָאז דִיךְ קֵיינֶער נִיט פֶערְאַכְטֶען.

ג 1 דֶערְמָאהְן זֵייא אַז זֵייא זָאלֶען אוּנְטֶערְטֶענִיג זֵיין צוּ הֶערְשַׁאפְטֶען אוּן
מֶעכְטֶע, גֶעהָארְכֶען צוּ דִיא גֶעוֶועלְטִיגֶער, אָנְגֶעבְּרֵייט צוּ אִיטְלֶעכֶען גוּטֶען
וֶוערְק, 2 זֵייא זָאלֶען פוּן קֵיינֶעם נִיט שְׁלֶעכְטֶעס רֶעדֶען, נִיט קְרִיגֶערִישׁ זֵיין,
גֵייעֶרְט נָאכְגֶעבֶּענְדִיג, אוּן זָאלֶען אַלֶערְלֵייא זַאנְפְטְמִיטִיגְקֵייט בֶּעווֵייזֶען צוּ אַלֶע
מֶענְשֶׁען. 3 וָוארִין אוֹיךְ מִיר זֶענֶען אַמָאל אוּנְפֶערְשְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען, וִוידֶערְ־
שְׁפֶּענִיגֶע, פֶערְפִיהְרְט, דִינֶער פוּן גְלוּסְטֶען אוּן פֶערְשִׁידֶענֶע פֶערְגְנִיגֶען,
אוּן הָאבֶּען אִין רְשָׁעוּת אוּן קִנְאָה גֶעלֶעבְּט, וִוידְרִיג, אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערֶען
פֶערְהַאסְט. 4 אָבֶּער וֶוען דִיא גִיטִיגְקֵייט פוּן גָאט אוּנְזֶערֶעם רֶעטֶער אוּן זֵיינֶע
לִיבֶּע צוּ מֶענְשֶׁען הָאבֶּען זִיךְ בֶּעווִיזֶען, 5 נִיט דוּרְךְ מַעֲשִׂים פוּן גֶערֶעכְטִיגְקֵייט
וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעטְהוּן, גֵייעֶרְט נָאךְ זֵיינֶער בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייט הָאט עֶר
אוּנְז גֶערֶעטֶעט דוּרְךְ דֶעם וַואשֶׁען פוּן דֶער וִוידֶערְגֶעבּוּרְט אוּן דֶער דֶערְנֵייעֶ־
רוּנְג פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ; 6 וָואס עֶר הָאט אוֹיף אוּנְז רֵייכְלִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסֶען
דוּרְךְ יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ אוּנְזֶערֶעם רֶעטֶער, 7 כְּדֵי מִיר זָאלֶען גֶערֶעכְטְפֶערְטִיגְט
וֶוערֶען דוּרְךְ זֵיינֶע גְנָאד, אוּן זָאלֶען יוֹרְשִׁים וֶוערֶען נָאךְ דֶער הָאפְנוּנְג פוּן
עֶבִּיגֶען לֶעבֶּען.

8 זִיכֶער אִיז דָאס וָוארְט, אוּן אִיךְ וִויל אַז דוּא זָאלְסְט דִיזֶע זַאכֶען פֶעסְט
זֶעצֶען, כְּדֵי דִיא וָואס הָאבֶּען אָן גָאט גֶעגְלוֹיבְּט זָאלֶען אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אִין
גוּטֶע וֶוערְק פָארַאנְצוּגֶעהְען. דִיזֶע זַאכֶען זֶענֶען גוּט אוּן נִיצְלִיךְ צוּ מֶענְשֶׁען.
9 אָבֶּער פֶערְמֵייד נַארִישֶׁע שַׁאֲלוֹת אוּן יִחוּס סְפָרִים אוּן גֶעצַאנְק אוּן מַחְלוֹקֶת
וֶועגֶען דֶעם גֶעזֶעץ, וָוארִין זֵייא זֶענֶען אוּנְנִיצְלִיךְ אוּן אוּמְזוּסְט. 10 אַ מַאן וָואס
אִיז אֵיין אַפִּיקוֹרוֹס זָאלְסְט דוּא נָאךְ דִיא עֶרְשְׁטֶע אוּן צְווֵייטֶע וָוארְנוּנְג
אוֹיסְמֵיידֶען, 11 וֵוייל דוּא וֵוייסְט אַז אַזֶעלְכֶער אִיז פֶערְקֶעהְרְט אוּן זִינְדִיגְט,
אִינְדֶעם עֶר פֶערְשׁוּלְדִיגְט זִיךְ זֶעלְבְּסְט.

12 וֶוען אִיךְ וֶועל צוּ דִיר שִׁיקֶען אַרְטֶעמַאס אָדֶער טִיכִיקוֹס אֵייל דִיךְ צוּ
מִיר צוּ קוּמֶען קֵיין נִיקָאפָּאלִיס; וָוארִין אִיךְ הָאבּ בֶּעשְׁלָאסֶען דָארְט אִיבֶּערְצוּ־
וִוינְטֶערְן. 13 שִׁיק אֵייפְרִיג פָארְוֶוערְטְס זֶענַאס דֶעם יוֹעֵץ אוּן אַפָּאלָאס אוֹיף זֵייעֶרֶע
רֵייזֶע, כְּדֵי עֶס זָאל זֵייא גָאר נִיט פֶעהְלֶען. 14 אוּן לָאזֶען דִיא אוּנְזֶערֶע אוֹיךְ לֶערְ־
נֶען אִין גוּטֶע וֶוערְק פָארַאנְצוּגֶעהְען פַאר דֶעם וָואס מֶען נֶעטִיג בֶּעדַארְף,
כְּדֵי זֵייא זָאלֶען נִיט אָהְן פְרוּכְט זֵיין.

15 אַלֶע וָואס זֶענֶען מִיט מִיר גְרִיסֶען דִיךְ. גְרִיס דִיא וָואס לִיבֶּען אוּנְז אִים
גְלוֹיבֶּען.

גְנָאד זָאל זֵיין מִיט אֵייךְ אַלֶע.

דֶער בְּרִיף פוּן דֶעם
אַפָּאסְטֶעל פּוּלוּס צוּ פִילֶעהְמוֹן.

---

1 פּוּלוּס אַ גֶעפַאנְגֶענֶער פוּן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ, אוּן טִימוֹתִיוּס דֶער בְּרוּדֶער, צוּ
פִילֶעהְמוֹן אוּנְזֶער גֶעלִיבְּטֶען אוּן מִיטְאַרְבֵּייטֶער, 2 אוּן צוּ אַפְּפִיָא דֶער
שְׁוֶועסְטֶער, אוּן צוּ אַרְכִיפּוּס אוּנְזֶער מִיטְשְׁטְרֵייטֶער, אוּן צוּ דֶער קְהִלָה וָואס
אִיז אִין דֵיין הויז; 3 גְנָאד זֵייא מִיט אֵייךְ אוּן פְרִידֶען פוּן גָאט אוּנְזֶערֶען
פָאטֶער אוּן פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ.
4 אִיךְ דַאנְק בֶּעשְׁטֶענְדִיג מֵיין גָאט, וֶוען אִיךְ גֶעדֶענְק דִיךְ אִין מֵיינֶע גֶעבֶּע־
טֶען, 5 אִינְדֶעם אִיךְ הֶער וֶועגֶען דֵיינֶע לִיבֶּע אוּן דֵיין גְלוֹיבֶּען וָואס דוּא הָאסְט
צוּם הַאר'ן יֵשׁוּעַ אוּן צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע; 6 כְּדֵי דִיא גֶעמֵיינְשַׁאפְט פוּן דֵיין
גְלוֹיבֶּען זָאל מֶעכְטִיג וֶוערֶען אִין דֶער דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן אַלֶעם גוּטֶען וָואס אִיז
אִין אוּנְז צוּם מָשִׁיחַ. 7 וָוארִין אִיךְ הָאבּ פִיל פְרֵייד אוּן טְרֵייסְט גֶעהַאט וֶועגֶען
דֵיינֶע לִיבֶּע, וֵוייל דִיא הֶערְצֶער פוּן דִיא הֵיילִיגֶע זֶענֶען דוּרְךְ דִיר דֶערְקְוִויקְט
גֶעוָוארֶען, בְּרוּדֶער.
8 דֶעסְטְוֶועגֶען חָאטְשֶׁע אִיךְ הָאבּ פִיל פְרֵייהֵייט אִין מָשִׁיחַ אַז אִיךְ זָאל דִיר
גֶעבִּיטֶען וָואס גֶעהֶערְט זִיךְ, 9 אָבֶּער פוּן וֶועגֶען דֶער לִיבֶּע בֶּעט אִיךְ
דִיךְ לִיבֶּער, אִינְדֶעם אִיךְ בִּין אַזֶעלְכֶער וִויא פּוּלוּס דֶער אַלְטֶער, אוּן אַצוּנְד
אוֹיךְ אַ גֶעפַאנְגֶענֶער פוּן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ. 10 אִיךְ בֶּעט דִיךְ וֶועגֶען מֵיין זוּהְן
אָנֶעסִימוּס, דֶעם אִיךְ הָאבּ גֶעבּוֹירֶען אִין מֵיינֶע קֶעטֶען; 11 וֶועלְכֶער אִיז פְרִי־
הֶער אוּנְנִיצְלִיךְ צוּ דִיר גֶעוֶועזֶען, אָבֶּער אַצוּנְד נִיצְלִיךְ צוּ דִיר אוּן אוֹיךְ צוּ מִיר.
12 דֶעם הָאבּ אִיךְ צוּ דִיר צוּרִיקְגֶעשִׁיקְט, אִיהְם זֶעלְבְּסְט, דָאס אִיז מֵיין
אֵייגֶענֶעם הַארְץ. 13 וֶועלְכֶעם אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֵּייא מִיר זֶעלְבְּסְט הַאלְטֶען,
כְּדֵי עֶר זָאל מִיךְ פַאר דִיר אִין דִיא קֶעטֶען פוּן דֶער בְּשׂוֹרָה טוֹבָה בֶּעדִינֶען,
14 אָבֶּער אָהְן דֵיינֶע מֵיינוּנְג הָאבּ אִיךְ גָאר נִיט גֶעוָואלְט טְהוּן, כְּדֵי דֵיין גוּטֶעס
זָאל נִיט גֶעצְוָואוּנְגֶען זֵיין, נֵייעֶרְט פוּן גוּטֶען ווִילֶען.
15 וָוארִין אֶפְשַׁר אִיז עֶר דֶעסְטְוֶועגֶען פוּן דִיר פַאר אַ צֵייט אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט
גֶעוָוארֶען, כְּדֵי דוּא זָאלְסְט אִיהְם בֶּעקוּמֶען אוֹיף עֶבִּיג; 16 נִיט מֶעהְר
אַלְס אַ קְנֶעכְט, נֵייעֶרְט הֶעכֶער וִויא אַ קְנֶעכְט, אַלְס אַ גֶעלִיבְּטֶען בְּרוּדֶער,
בֶּעזוּנְדֶער צוּ מִיר, אָבֶּער פִיל מֶעהְר צוּ דִיר אִים פְלֵיישׁ אוּן אוֹיךְ אִים
הַאר'ן. 17 דְרוּם וֶוען דוּא הַאלְטְסְט מִיךְ פַאר אַ חַבֵר, אַזוֹי נֶעם אִיהְם אוֹיף וִויא
מִיךְ. 18 אוּן וֶוען עֶר הָאט דִיר עֶפֶּעס אוּנְרֶעכְט גֶעטְהוּן, אָדֶער עֶר אִיז דִיר
עֶפֶּעס שׁוּלְדִיג, רֶעכֶען דָאס צוּ מִיר. 19 אִיךְ פּוּלוּס שְׁרֵייבּ עֶס מִיט מֵיינֶע
אֵייגֶענֶע הַאנְד, אִיךְ וֶועל עֶס בֶּעצָאהְלֶען; חָאטְשֶׁע אִיךְ זָאג דִיר נִיט אַז דוּא
בִּיסְט אוֹיךְ דִיךְ זֶעלְבְּסְט צוּ מִיר שׁוּלְדִיג. 20 יָא בְּרוּדֶער, לָאז מִיךְ אִיבֶּער דִיר
פְרֵייעֶן אִים הַאר'ן; דֶערְקְוִויק מֵיין הַארְץ אִים מָשִׁיחַ.

21 אִים פֶערְטְרויֶען אִין דֵיין גֶעהָארְכֶען שְׁרֵייבּ אִיךְ דִיר, אִינְדֶעם אִיךְ וֵוייס
אַז דוּא וֶועסְט אַפִּילוּ מֶעהְר טְהוּן וִויא אִיךְ זָאג. 22 אוּן גְלֵייכְצֵייטִיג בְּרֵייט מִיר
אוֹיךְ אָן אַ דִירָה; וָוארִין אִיךְ הָאף אַז דוּרְךְ אֵייעֶרֶע גֶעבֶּעטֶען וֶועל אִיךְ צוּ
אֵייךְ גֶעגֶעבֶּען וֶוערֶען.
23 עֶפַּאפְרַאס מֵיין מִיטְגֶעפַאנְגֶענֶער אִין יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ גְרִיסְט דִיךְ, אוּן
מַארְקוּס, אוּן אַרִיסְטַארְכוּס, אוּן דֶעמַאס, אוּן לוּקַאס, מֵיינֶע מִיטְאַרְבֵּייטֶער
24 דִיא גְנָאד פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ זָאל זֵיין מִיט אֵייעֶר גֵייסְט.

דֶער בְּרִיף צוּ דִיא עִבְרִים.

---

1 גָאט, דֶער הָאט פָארְצֵייטֶען אִין פִילֶע חֲלָקִים אוּן אוֹיף פִילֶערְלֵייא אוֹפַנִים
גֶערֶעט צוּ דִיא אָבוֹת דוּרְךְ דִיא נְבִיאִים, 2 הָאט אִים עֶנְד פוּן דִיזֶע טֶעג
צוּ אוּנְז גֶערֶעט דוּרְךְ דֶעם זוּהְן, וֶועלְכֶען עֶר הָאט צוּם יוֹרֵשׁ פוּן אַלֶעם בֶּעשְׁטֶעלְט,
דוּרְךְ וֶועלְכֶעם הָאט עֶר אוֹיךְ דִיא וֶועלְטֶען גֶעמַאכְט. 3 וֶועלְכֶער אִיז דֶער גְלַאנְץ
פוּן זֵיינֶע הֶערְלִיכְקֵייט, אוּן דִיא גֶעשְׁטַאלְט פוּן זֵיינֶעם וֶועזֶען, אוּן דֶערְהַאלְט
אַלֶע זַאכֶען דוּרְךְ דֶעם וָוארְט פוּן זֵיינֶע קְרַאפְט, וֶוען עֶר הָאט דִיא רֵיינִיגוּנְג
פוּן זִינְד גֶעמַאכְט הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּ דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן דֶער
מַאיֶעסְטֶעט אִין דֶער הֵייךְ, 4 אִינְדֶעם עֶר אִיז אַזוֹי פָארְטְרֶעפְלִיכֶער גֶעוָוארֶען
וִויא דִיא מַלְאָכִים, אַז עֶר הָאט אַ פִיל הֶעכֶערֶען נָאמֶען וִויא זֵייא גֶעיַרְשֶׁעט.
5 וָוארִין צוּ וֶועלְכֶען פוּן דִיא מַלְאָכִים הָאט עֶר אַמָאל גֶעזָאגְט,
דוּא בִּיסְט מֵיין זוּהְן, הֵיינְט הָאבּ אִיךְ דִיךְ גֶעבּוֹירֶען?
אוּן וִוידֶער,
אִיךְ וֶועל צוּ אִיהְם זֵיין צוּם פָאטֶער, אוּן עֶר וֶועט צוּ מִיר זֵיין
צוּם זוּהְן?
6 אוּן וֶוען עֶר בְּרֶענְגְט וִוידֶער דֶעם בְּכוֹר אִין דֶער וֶועלְט זָאגְט עֶר,
אוּן לָאזֶען אַלֶע מַלְאָכִים פוּן גָאט צוּ אִיהְם זִיךְ בִּיקֶען.
7 אוּן וֶועגֶען דִיא מַלְאָכִים זָאגְט עֶר,
וֶועלְכֶער מַאכְט זֵיינֶע מַלְאָכִים רוּחוֹת
אוּן זֵיינֶע דִינֶער אַ פְלַאם פוּן פֵייעֶר.
8 אָבֶּער וֶועגֶען דֶעם זוּהְן זָאגְט עֶר,
דֵיין שְׁטוּהְל אָ גָאט אִיז פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט,
אוּן דָאס סְצֶעפְּטֶער פוּן גְרָאדְהֵייט אִיז דָאס סְצֶעפְּטֶער פוּן זֵיין
קֶענִיגְרֵייךְ.

5 תהלים ב׳ ז׳: שמואל ב׳ ז׳ יד׳.
6 תהלים עז׳ ז׳.
7 תהלים קד׳ ד׳.
6-8 תהלים ח׳ ה-ז׳.

9 דוּא הָאסְט גֶערֶעכְטִיגְקַייט גֶעלִיבְּט אוּן אוּנְרֶעכְט גֶעהַאסְט,
דְרוּם הָאט דִיךְ, אָ גָאט, דַיין גָאט מִיט דֶעם עֶהְל פוּן פְרֵייד
גֶעזַאלְבְּט מֶעהְר וִויא דֵיינֶע חֲבֵרִים.

10 אוּן
דוּא, אָ הַאר, הָאסְט אִים אָנְהֵייבּ דִיא עֶרְד גֶעגְרִינְדֶעט,
אוּן דִיא הִימֶעל זֶענֶען דִיא וֶוערְק פוּן דֵיינֶע הֶענְד;
11 זֵייא וֶועלֶען פֶערְלוֹירֶען וֶוערֶען אָבֶּער דוּא בְּלֵייבְּסְט;
אוּן זֵייא אַלֶע וֶועלֶען וִויא אַ קְלֵייד אַלְט וֶוערֶען,
12 אוּן וִויא אַ מַאנְטֶעל וֶועסְט דוּא זֵייא אוֹיפְרָאלֶען,
וִויא אַ קְלֵייד וֶועלֶען זֵייא אוֹיךְ פֶערְוֶועקְסֶעלְט וֶוערֶען;
אָבֶּער דוּא בִּיסְט דֶערְזֶעלְבִּיגֶע, אוּן דֵיינֶע יָאהְר וֶועלֶען נִיט פֶערְגֶעהֶען.
13 אָבֶּער צוּ וֶועלְכֶען פוּן דִיא מַלְאָכִים הָאט עֶר אַמָאל גֶעזָאגְט,
זִיץ צוּ מֵיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד,
בִּיז אִיךְ וֶועל דֵיינֶע פֵיינְד מַאכֶען פַאר אַ פוּסְבֶּענְקֶעל צוּ דֵיינֶע פִּיס?
14 זֶענֶען זֵייא נִיט אַלֶע בֶּעדִינֶענְדִיגֶע גֵייסְטֶער, אוֹיסְגֶעשִׁיקְט צוּ אַ דִינְסְט וֶועגֶען
דִיא וָואס וֶועלֶען יְשׁוּעָה יַרְשֶׁענֶען?
ב 1 דֶערְסְטְוֶועגֶען מוּזֶען מִיר נָאךְ מֶעהְר אַכְטוּנְג גֶעבֶּען צוּ דִיא זַאכֶען וֶועלְכֶע
מִיר הָאבֶּען גֶעהֶערְט, דֶערְמִיט מִיר זָאלֶען נִיט אַמָאל אָפְּפַאלֶען. 2 וָוארִין וֶוען
דָאס וָוארְט וָואס אִיז דוּרְךְ מַלְאָכִים גֶערֶעט גֶעוָוארֶען אִיז פֶעסְט גֶעוֶוען,
אוּן יֶעדֶע אִיבֶּערְטְרֶעטוּנְג אוּן וִוידֶערְשְׁפֶּענִיגְקֵייט הָאט אַ גֶערֶעכְטֶע פֶערְ-
גֶעלְטוּנְג דֶערְהַאלְטֶען, 3 וִויא אַזוֹי וֶועלֶען מִיר אַנְטְרִינֶען וֶוען מִיר פֶערְנַאכְלֶעסִיגֶען
אַזוֹי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה? וָואס אִיז אִים אָנְהֵייבּ דוּרְךְ דֶעם הַאר'ן גֶעזָאגְט גֶעוָוא-
רֶען, אוּן אִיז צוּ אוּנְז בֶּעשְׁטֶעטִיגְט דוּרְךְ דִיא וָואס הָאבֶּען עֶס גֶעהֶערְט,
4 אִינְדֶעם גָאט הָאט מִיטְבֶּעצֵייגְט מִיט צֵייכֶען אוּן וְואוּנְדֶער אוּן פִילֶערְלֵייא
גְבוּרוֹת אוּן אוֹיסְגֶעטְהֵיילְטֶע מַתָּנוֹת פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ נָאךְ זֵיין ווִילֶען.
5 וָוארִין נִיט צוּ מַלְאָכִים הָאט עֶר אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶעמַאכְט דִיא קוּמֶענְדִיגֶע
וֶועלְט פוּן וֶועלְכֶער מִיר רֶעדֶען. 6 אָבֶּער אֵיימִיצֶער הָאט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶען אָרְט
בֶּעצֵייגְט אוּן גֶעזָאגְט,
וָואס אִיז דֶער מֶענְשׁ אַז דוּא זָאלְסְט אָן אִיהְם גֶעדֶענְקֶען?
אָדֶער דֶער בֶּן אָדָם אַז דוּא זָאלְסְט אִיהְם בֶּעזוּכֶען?
7 דוּא הָאסְט אִיהְם אַבִּיסֶעל נִידְרִיגֶער גֶעמַאכְט וִויא דִיא מַלְאָכִים
מִיט הֶערְלִיכְקֵייט אוּן כָּבוֹד הָאסְט דוּא אִיהְם גֶעקְרֵיינְט,
אוּן הָאסְט אִיהְם גֶעזֶעצְט אִיבֶּער דִיא וֶוערְק פוּן דֵיינֶע הֶענְד,
8 דוּא הָאסְט אַלֶע זַאכֶען אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶעמַאכְט אוּנְטֶער זֵיינֶע פִּיס.
וָוארִין וֶוען עֶר הָאט אַלֶע זַאכֶען צוּ אִיהְם אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶעמַאכְט, הָאט עֶר קֵיין
זַאךְ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט וָואס אִיז נִיט צוּ אִיהְם אוּנְטֶערְטֶענִיג. אָבֶּער אַצוּנְד זֶעהֶען
מִיר נָאךְ נִיט אַלֶע זַאכֶען צוּ אִיהְם אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶעמַאכְט; 9 אָבֶּער מִיר זֶעהֶען

8,9 תהלים מה׳ ז׳, ח׳. 10-12 תהלים קד׳ כו׳-כח׳. 13 תהלים קי׳ א׳.
6-8 תהלים ח׳ ה׳-ז׳.

יֵשׁוּעַ, דֶער אִיז אַבִּיסֶעל נִידְרִיגֶער גֶעמַאכְט ווִיא דִיא מַלְאָכִים דוּרְךְ דֶעם
לֵיידֶען פוּן דֶעם טוֹיט מִיט הֶערְלִיכְקֵייט אוּן כָּבוֹד גֶעקְרֵיינְט, אַז עֶר זָאל דוּרְךְ
דֶער גְנָאד פוּן גָאט דֶעם טוֹיט פֶּערְזוּכֶען פַאר יֶעדֶען מֶענְשֶׁען.
10 ווָארִין עֶס הָאט צוּ אִיהְם גֶעפַּאסְט ווָאס אַלֶעס אִיז פוּן זֵיינֶעטְווֶעגֶען אוּן
אַלֶעס אִיז דוּרְךְ אִיהְם, אִינְדֶעם עֶר הָאט גֶעבְּרַאכְט פִילֶע זִיהְן צוּ הֶערְ־
לִיכְקֵייט, אַז עֶר זָאל דוּרְךְ לֵיידֶען דֶעם פִירְשְׁט פוּן זֵייעֶרֶע יְשׁוּעָה פָאלְקָאמֶען
מַאכֶען. 11 ווָארִין דֶער ווֶעלְכֶער הֵיילִיגְט אוּן דִיא ווָאס זֶענֶען גֶעהֵיילִיגְט זֶענֶען
אַלֶע פוּן אֵיינֶעם; דֶעסְטְווֶעגֶען שֶׁעהְמְט עֶר זִיךְ נִיט עֶר זָאל זֵייא רוּפֶען
בְּרִידֶער 12 אוּן זָאגֶען,

אִיךְ ווֶעל דֵיין נָאמֶען צוּ מֵיינֶע בְּרִידֶער אָנְזָאגֶען,
אִין מִיטֶען פוּן דֶער פֶערְזַאמְלוּנְג ווֶעל אִיךְ דִיךְ לוֹיבֶען.

13 אוּן ווִידֶער,

אִיךְ ווֶעל אוֹיף אִיהְם פֶּערְטְרוֹיעֶן.

אוּן ווִידֶער,

זֶעה אִיךְ אוּן דִיא קִינְדֶער ווָאס גָאט הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען.

14 דְרוּם ווֵייל דִיא קִינְדֶער הָאבֶּען אַ טְהֵייל אִין פְלֵיישׁ אוּן בְּלוּט, אַזוֹי הָאט עֶר
אוֹיךְ אִין זֵייא אַ טְהֵייל גֶענוּמֶען, כְּדֵי עֶר זָאל דוּרְךְ דֶעם טוֹיט צוּשְׁטֶערֶען
דֶעם ווָאס הָאט דִיא מַאכְט פוּן דֶעם טוֹיט, דָאס אִיז דֶעם שָׂטָן, 15 אוּן זָאל
בֶּעפְרֵייעֶן דִיא ווָאס דוּרְךְ דֶער פָארְכְט פוּן דֶעם טוֹיט זֶענֶען זֵייעֶר גַאנְצֶעס
לֶעבֶּען צוּ קְנֶעכְטְשַׁאפְט אוּנְטֶערְווָארְפֶען גֶעווֶען. 16 ווָארִין עֶר נֶעמְט נִיט אָן
זִיךְ דִיא נַאטוּר פוּן דִיא מַלְאָכִים, נֵייעֶרְט דֶעם זָאמֶען פוּן אַבְרָהָם נֶעמְט עֶר
אָן. 17 דֶעסְטְווֶעגֶען הָאט עֶר בֶּעדַארְפְט אִין אַלֶעס גְלֵייךְ צוּ זֵיינֶע בְּרִידֶער
ווֶערֶען, כְּדֵי עֶר זָאל בַּארֶעמְהֶערְצִיג זֵיין אוּן אַ גֶעטְרֵייעֶר כֹּהֵן גָדוֹל אִין דִיא
זַאכֶען ווָאס גֶעהֶערֶען צוּ גָאט, מְכַפֵּר צוּ זֵיין דִיא זִינְד פוּן דֶעם פָאלְק.
18 ווָארִין אִינְדֶעם עֶר הָאט אַלֵיין גֶעלִיטֶען, אוּן אִיז גֶעפְּרִיפְט גֶעווָארֶען, קֶען עֶר
הֶעלְפֶען דִיא ווָאס זֶענֶען גֶעפְּרִיפְט.

ג 1 דֶעסְטְווֶעגֶען, הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער, חֲבֵרִים פוּן דִיא הִימְלִישֶׁע בֶּערוּפוּנְג, בֶּעה־
טְרַאכְט דֶעם אַפָּאסְטֶעל אוּן כֹּהֵן גָדוֹל פוּן אוּנְזֶערֶען בֶּעקֶענְטְנִיס, יֵשׁוּעַ,
2 ווֶעלְכֶער אִיז גֶעטְרֵייא גֶעווֶען צוּ דֶעם דֶער הָאט אִיהְם אֵיינְגֶעשְׁטֶעלְט,
ווִיא אוֹיךְ משֶׁה אִין זֵיין גַאנְצֶען הוֹיז. 3 ווָארִין דִיזֶער אִיז חָשׁוּב גֶעהַאלְטֶען
פַאר גְרֶעסֶערֶע הֶערְלִיכְקֵייט ווִיא משֶׁה, אַזוֹי ווִיא דֶער ווָאס הָאט דָאס הוֹיז
גֶעבּוֹיעֶט הָאט מֶעהְר כָּבוֹד ווִיא דָאס הוֹיז. 4 ווָארִין אִיטְלִיכֶעס הוֹיז אִיז פוּן
אֵיימִיצֶען גֶעבּוֹיעֶט, אָבֶּער דֶער ווָאס הָאט אַלֶעס גֶעבּוֹיעֶט אִיז גָאט. 5 אוּן
משֶׁה אִיז אַוַדַאי גֶעטְרֵייא גֶעווֶען אִין זֵיין גַאנְצֶען הוֹיז ווִיא אַ דִינֶער, פַאר אֵיין
עֵדוּת פוּן דִיא זַאכֶען ווָאס זָאלֶען גֶערֶעט ווֶערֶען, 6 אָבֶּער דֶער מָשִׁיחַ אַלְס
אַ זוּהְן אִיבֶּער זֵיין הוֹיז; ווֶעמֶעס הוֹיז זֶענֶען מִיר, ווֶען מִיר הַאלְטֶען פֶּעסְט
דֶעם בִּטָּחוֹן אוּן דֶעם לוֹיבּ פוּן אוּנְזֶערֶע הָאפְנוּנְג בִּיז צוּם סוֹף.

12 תהלים כב׳ כג׳. 13 ישעיה ח׳ יז׳, יח׳.

7 דֶעסְטְוֶועגֶען אַזוֹי וִויא דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ זָאגְט,
הַיינְט וֶוען אִיהְר וָואלְט זַיין קוֹל הֶערֶען,
8 פֶערְהַארְטֶעט נִיט אֵייעֶרֶע הֶערְצֶער אַזוֹי וִויא אִין מְרִיבָה,
אִים טָאג פוּן מַסָה אִין דֶער מִדְבָּר,
9 וֶוען אֵייעֶרֶע אָבוֹת הָאבֶּען מִיךְ גֶעפְּרִיפְט אִין פְּרוּבִּירֶען,
אוּן הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען מֵיינֶע וֶוערְק פִיעֶרְצִיג יָאהְר.
10 דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבּ אִיךְ גֶעצֶערְנְט אוֹיף דִיזֶעם דוֹר,
אוּן הָאבּ גֶעזָאגְט, זַייא אִירֶען זִיךְ בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִין זַייעֶר הַארְץ,
אוּן זַייא הָאבֶּען נִיט דֶערְקַאנְט מֵיינֶע וֶועגֶע;
11 אַזוֹי וִויא אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁוָוארֶען אִין מֵיין צָארְן,
זַייא זָאלֶען נִיט צוּ מֵיינֶע מְנוּחָה אַרֵיינְקוּמֶען.

12 זֶעהְט צוּ, בְּרִידֶער, אַז עֶס זָאל נִיט אַמָאל אִין קֵיינֶעם פוּן אֵייךְ אַ שְׁלֶעכְ־
טֶעס הַארְץ זַיין פוּן אוּנְגְלוֹיבֶּען, אִינְדֶעם אִיהְר אָפְּקֶעהְרְט אֵייךְ פוּן דֶעם
לֶעבֶּענְדִיגֶען גָאט; 13 נֵייעֶרְט וָוארְנְט אֵייגֶער דֶעם אַנְדֶערֶען טֶעגְלִיךְ, אַזוֹי
לַאנְג עֶס הֵייסְט הַיינְט, כְּדֵי קֵיינֶער פוּן אֵייךְ זָאל נִיט פֶערְהַארְטֶעט וֶוערֶען
דוּרְךְ דֶער פֶערְפִיהְרוּנְג פוּן דֶער זִינְד. 14 וָוארִין מִיר זֶענֶען טְהֵיילְנֶעמֶער פוּן מָשִׁיחַ
גֶעוָוארֶען, וֶוען מִיר הַאלְטֶען פֶעסְט דֶעם אָנְהֵייבּ פוּן אוּנְזֶערֶען בִּטָחוֹן בִּיז צוּם
סוֹף. 15 דֶערְוֵויל עֶס אִיז גֶעזָאגְט,
הַיינְט וֶוען אִיהְר וָואלְט זַיין קוֹל הֶערֶען,
פֶערְהַארְטֶעט נִיט אֵייעֶרֶע הֶערְצֶער אַזוֹי וִויא אִין מְרִיבָה.
16 וָוארִין וֶועלְכֶע הָאבֶּען גֶעהֶערְט אוּן הָאבֶּען גֶעקְרִיגְט? הָאבֶּען דֶען נִיט אַלֶע
וָואס זֶענֶען פוּן מִצְרַיִם אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ מֹשֶׁה? 17 אוּן אִיבֶּער וֶועלְכֶע
הָאט עֶר זִיךְ גֶעצֶערְנְט פִיעֶרְצִיג יָאהְר? אִיז עֶס נִיט גֶעוֶועזֶען אִיבֶּער דִיא וָואס
הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט, פוּן וֶועלְכֶע דִיא פְּגָרִים זֶענֶען גֶעפַאלֶען אִין דֶער מִדְבָּר?
18 אוּן צוּ וֶועלְכֶע הָאט עֶר גֶעשְׁוָוארֶען אַז זַייא זָאלֶען נִיט צוּ זַיינֶע מְנוּחָה
אַרֵיינְקוּמֶען, וֶוען נִיט צוּ דִיא וָואס הָאבֶּען ווִידֶערְגֶעשְׁפֶּענִיגְט? 19 אוּן מִיר
זֶעהֶען אַז זַייא הָאבֶּען נִיט גֶעקֶענְט אַרֵיינְקוּמֶען וֶועגֶען אוּנְגְלוֹיבֶּען.

ד 1 דְרוּם לָאזֶען מִיר פָארְכְטֶען, דֶערְוֵויל עֶס בְּלֵייבְּט נָאךְ אַ הַבְטָחָה אַז
מִיר זָאלֶען אִין זַיינֶע מְנוּחָה אַרֵיינְקוּמֶען, אַז קֵיינֶער פוּן אֵייךְ זָאל פֶערְזָאמֶען.
2 וָוארִין דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה אִיז אוֹיךְ גֶעפְּרֶעדִיגְט צוּ אוּנְז אַזוֹי וִויא צוּ יֶענֶע;
אָבֶּער דָאס וָוארְט פוּן דֶעם בֶּערִיכְט הָאט זַייא נִיט גֶענוּצְט, וֵויל עֶס הָאט זִיךְ
נִיט פֶערְאֵיינִיגְט מִיט גְלוֹיבֶּען וֶועגֶען דִיא וָואס הָאבֶּען עֶס גֶעהֶערְט. 3 וָוארִין מִיר
וָואס הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט קוּמֶען אַרֵיין אִין דֶער מְנוּחָה, אַזוֹי וִויא עֶר הָאט גֶעזָאגְט,
אַזוֹי וִויא אִיךְ הָאבּ אִין מֵיין צָארְן גֶעשְׁוָוארֶען,
אַז זַייא זָאלֶען נִיט צוּ מֵיינֶע מְנוּחָה אַרֵיינְקוּמֶען;
וֶוען אוֹיךְ דִיא וֶוערְק זֶענֶען פוּן דֶער גְרִינְדוּנְג פוּן דֶער וֶועלְט גֶעוָוארֶען.
4 וָוארִין אוֹיף אֵיין אָרְט הָאט עֶר אַזוֹי גֶעזָאגְט וֶועגֶען דֶעם זִיבֶּענְטֶען טָאג,

תהלים צה׳ ז׳-יא׳, 7-11
תהלים צה׳ ז׳, ח׳, 15

אוּן גָאט הָאט גֶערוּהְט דֶעם זִיבֶּענְטֶען טָאג פוּן אַלֶע זַיינֶע וֶוערְק; 5 אוּן דָא
ווִידֶער, זַייא זָאלֶען נִיט צוּ מֵיינֶע מְנוּחָה אַרַיינְקוּמֶען. 6 דְרוּם אִינְדֶעם עֶס
בְּלֵייבְּט אַז עֶטְלִיכֶע זָאלֶען דְרִינֶען אַרַיינְקוּמֶען, אוּן דִיא צוּ וֶועלְכֶע דִיא גוּטֶע
בְּשׂוּרָה אִיז צוּעֶרְשְׁט גֶעפְּרֶעדִיגְט גֶעוָוארֶען זֶענֶען נִיט אַרַיינְגֶעקוּמֶען דוּרְךְ
אוּנְגֶעהָארְזַאם, 7 ווִידֶער עֶר בֶּעשְׁטִימְט אֵיין אַנְדֶערֶען טָאג, וֶוען עֶר הָאט
אִין דָוִד נָאךְ אַזוֹי אַ לַאנְגֶע צֵייט גֶעזָאגְט, גְלֵייךְ ווִיא שׁוֹין אוֹיבֶּען אִיז גֶעזָאגְט
גֶעוָוארֶען,

הֵיינְט וֶוען אִיהְר וֶועט זַיין קוֹל הֶערֶען,
פֶערְהַארְטֶעט נִיט אֵייעֶרֶע הֶערְצֶער.

8 וָוארִין וֶוען יְהוֹשֻׁעַ וָואלְט זַייא רוּה גֶעגֶעבֶּען, וָואלְט עֶר נִיט פוּן אֵיין
אַנְדֶערֶען טָאג גֶערֶעט. 9 אַזוֹי דֶען עֶס בְּלֵייבְּט אַ שַׁבָּת פַאר דֶעם פָאלְק פוּן
גָאט. 10 וָוארִין דֶער וֶועלְכֶער אִיז אִין זַיינֶע מְנוּחָה אַרַיינְגֶעקוּמֶען דֶער הָאט אוֹיךְ
אַלֵיין פוּן זַיינֶע וֶוערְק גֶערוּהְט, ווִיא גָאט הָאט פוּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע.
11 דְרוּם לָאזֶען מִיר דֶען מִיט עֶרְנְסְט טְרַאכְטֶען אִין יֶענֶע מְנוּחָה אַרַיינְצוּקוּמֶען,
כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִיט פַאלֶען נָאךְ דֶעם זֶעלְבִּיגֶען בֵּייְשְׁפִּיל פוּן אוּנְגֶעהָארְזַאם.
12 וָוארִין דָאס וָוארְט פוּן גָאט אִיז לֶעבֶּענְדִיג אוּן קְרֶעפְטִיג אוּן שַׁארְפֶער
ווִיא אַ צְווֵייאשְׁנֵיידִיגֶעם שְׁוֶוערְט, אוּן דְרִינְגְט דוּרְךְ בִּיז צוּ דֶער צוּטְהֵיילוּנְג פוּן
נְשָׁמָה אוּן גֵייסְט, פוּן גְלִידֶער אוּן מַארְךְ, אוּן רִיכְטֶעט דִיא גֶעדַאנְקֶען אוּן
טְרַאכְטֶען פוּן דֶעם הַארְץ. 13 אוּן קֵיינֶע בֶּעשֶׁעפֶענִים אִיז פָאר אִיהְם פֶערְבָּארְ־
גֶען, נֵייעֶרְט אַלֶע זַאכֶען זֶענֶען נַאקְט אוּן אוֹיפְגֶעדֶעקְט פָאר דִיא אוֹיגֶען פוּן
דֶעם מִיט וֶועלְכֶעם מִיר הָאבֶּען צוּ טְהוּן.
14 דְרוּם אִינְדֶעם מִיר הָאבֶּען אַ גְרוֹיסֶען כֹּהֵן גָדוֹל וֶועלְכֶער אִיז דִיא הִימֶעל
דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, יֵשׁוּעַ דֶעם זוּהְן פוּן גָאט, לָאזֶען מִיר אוּנְזֶער בֶּעקֶענְטְנִיס
פֶעסְט הַאלְטֶען. 15 וָוארִין מִיר הָאבֶּען נִיט אַ כֹּהֵן גָדוֹל דֶער קֶען נִיט מִיטְלֵייד
הָאבֶּען מִיט אוּנְזֶערֶע שְׁוַואכְהֵייטֶען, נֵייעֶרְט דֶער אִיז אִין אַלֶע זַאכֶען גֶעפְּרִיפְט
גֶעוָוארֶען גְלֵייךְ ווִיא מִיר, אָבֶּער אָהְן זִינְד. 16 דְרוּם לָאזֶען מִיר מִיט אַ בִּטָחוֹן
צוּטְרֶעטֶען צוּ דֶעם שְׁטוּהְל פוּן דֶער גְנָאד, כְּדֵי מִיר זָאלֶען בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייט
דֶערְהַאלְטֶען, אוּן זָאלֶען גְנָאד גֶעפִינֶען אוּנְז צוּ הֶעלְפֶען אִין דִיא רֶעכְטֶע
צֵייט.

ה 1 וָוארִין אִיטְלִיכֶער כֹּהֵן גָדוֹל וָואס אִיז פוּן צְווִישֶׁען מֶענְשֶׁען גֶענוּמֶען, אִיז
פַאר מֶענְשֶׁען אֵיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִיא זַאכֶען וָואס גֶעהֶערֶען צוּ גָאט, כְּדֵי עֶר זָאל
מַקְרִיב זַיין מְנָחוֹת אוּן זְבָחִים פַאר זִינְד. 2 וֶועלְכֶער קֶען מִיטְלֵייד הָאבֶּען מִיט דִיא
אוּנְווִיסֶענְדֶע אוּן פֶערְאִירְטֶע, ווייל עֶר אִיז אוֹיךְ אַלֵיין מִיט שְׁוַואכְהֵייטֶען
אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט; 3 אוּן דֶעסְטְוֶועגֶען מוּז עֶר גְלֵייךְ ווִיא פַאר דֶעם פָאלְק,
אַזוֹי אוֹיךְ פַאר זִיךְ זֶעלְבְּסְט מַקְרִיב זַיין. 4 אוּן קֵיינֶער נֶעמְט נִיט צוּ זִיךְ זֶעלְבְּסְט
דֶעם כָּבוֹד, נֵייעֶרְט וֶוען עֶר אִיז פוּן גָאט גֶערוּפֶען, גְלֵייךְ ווִיא אוֹיךְ אַהֲרֹן.
5 אַזוֹי הָאט אוֹיךְ דֶער מָשִׁיחַ זִיךְ זֶעלְבְּסְט נִיט פֶערְהֶערְלִיכְט אַ כֹּהֵן גָדוֹל

בראשית ב׳, ב׳. 4 תהלים צה׳ יא׳. 5 תהלים צה׳ ז׳, ח׳.

צוּ וֶוערֶען, גֵייעֶרְט דֶער וֶועלְכֶער הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט,
דוּא בִּיסְט מֵיין זוּהְן, הֵיינְט הָאבּ אִיךְ דִיךְ גֶעבּוֹירֶען.
6 גְלֵייךְ וִויא עֶר זָאגְט אוֹיךְ אוֹיף אֵיין אַנְדֶערֶען אָרְט,
דוּא בִּיסְט אַ כֹּהֵן אוֹיף עֶבִּיג נָאךְ דֶער אָרְדְנוּנְג פוּן מַלְכִּיצֶדֶק.
7 דֶער הָאט אִין דִיא טֶעג פוּן זֵיין פְלֵייש גֶעבֶּעט אוּן בַּקָשׁוֹת אוֹיפְגֶעבְּרַאכְט מִיט
שְׁטַארְק גֶעשְׁרֵייא אוּן טְרֶערֶען, צוּ דֶעם וֶועלְכֶער הָאט אִיהְם גֶעקֶענְט מַצִיל זֵיין
פוּן דֶעם טוֹיט, אוּן אִיז וֶועגֶען זֵיין יִרְאַת שָׁמַיִם דֶערְהֶערְט גֶעוָוארֶען; 8 אַפִילוּ
עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען אַ זוּהְן הָאט עֶר דָאךְ גֶעהָארְזַאם גֶעלֶערְנְט דוּרְךְ דִיא זַאכֶען
וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטֶען, 9 אוּן עֶר אִיז פָאלְקָאמֶען גֶעוָוארֶען, אוּן אִיז דֶער
שְׁטִיפְטֶער פוּן עֶבִּיגֶע יְשׁוּעָה גֶעוָוארֶען צוּ אַלֶע וָואס הֶערֶען אִיהְם צוּ,
10 אִינְדֶעם עֶר אִיז פוּן גָאט אַ כֹּהֵן גָדוֹל נָאךְ דֶער אָרְדְנוּנְג פוּן מַלְכִּיצֶדֶק
גֶערוּפֶען גֶעוָוארֶען.
11 וֶועגֶען וֶועלְכֶעם מִיר הָאבֶּען פִיל צוּ רֶעדֶען דָאךְ אִיז עֶס שְׁוֶוער אוֹיסְצוּלֶע־
גֶען, אִינְדֶעם אִיהְר זֶענְט אִים הֶערֶען שְׁוֶוער גֶעוָוארֶען. 12 וָוארִין אִיהְר הָאט
גֶעזָאלְט וֶועגֶען דֶער צֵייט לֶעהְרֶער זֵיין, אָבֶּער אִיהְר בֶּעדַארְפְט וִוידֶער אַז
אֵיימִיצֶער זָאל אֵייךְ לֶעהְרֶען וָואס זֶענֶען דִיא עִקָרִים פוּן דֶעם אָנְהֵייבּ פוּן דִיא
רֶעד פוּן גָאט, אוּן אִיהְר זֶענְט גֶעוָוארֶען דִיא וָואס בֶּעדַארְפֶען מִילְךְ, נִיט
שְׁטַארְקֶע שְׁפֵּייז. 13 וָוארִין אִיטְלִיכֶער וָואס אִיז דֶערְנֶעהְרְט פוּן מִילְךְ אִיז אָהְן
פֶערְפָאהְרֶען אִים וָוארְט פוּן גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, וָוארִין עֶר אִיז אַ זֵייגֶענְדִיגֶעס
קִינְד; 14 אָבֶּער שְׁטַארְקֶע שְׁפֵּייז אִיז פַאר דִיא עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְשֶׁען, וֶועלְכֶע
קֶענֶען דוּרְךְ דֶער אִיבּוּנְג פוּן גֶעבְּרוֹיךְ צְווִישֶׁען גוּטֶעם אוּן שְׁלֶעכְטֶעם אוּנְטֶערְשֵׁיידֶען.
ו 1 דֶערְסְטְוֶועגֶען לָאזֶען מִיר אִיבֶּערְלָאזֶען דֶעם אָנְהֵייבּ פוּן דֶער לֶעהְרֶע פוּן
מָשִׁיחַ, אוּן לָאזֶען מִיר וֵוייטֶער גֶעהֶען צוּ דֶער פָאלְקָאמֶענְהֵייט. אוּן לָאזֶען
מִיר נִיט נָאךְ אַמָאל אַ גְרוּנְד פוּן תְּשׁוּבָה פוּן טוֹיטֶע וֶוערְק לֶעגֶען, אוּן פוּן
גְלוֹיבֶּען אָן גָאט, 2 אוּן פוּן דֶער לֶעהְרֶע פוּן טְבִילוֹת אוּן פוּן סְמִיכַת יָדַיִם,
פוּן תְּחִיַת הַמֵתִים, אוּן פוּן דֶעם עֶבִּיגֶען מִשְׁפָּט. 3 אוּן דָאס וֶועלֶען מִיר טְהוּן
מִיט גָאטֶעס וִוילֶען. 4 וָוארִין עֶס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ אַז דִיא וָואס זֶענֶען אַמָאל
דֶערְלֵייכְטֶעט גֶעוָוארֶען, אוּן הָאבֶּען אַ טַעַם גֶעהַאט פוּן דִיא הִימְלִישֶׁע מַתָּנָה,
אוּן אַ טְהֵייל גֶענוּמֶען פוּן דֶעם רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, 5 אוּן הָאבֶּען אַ טַעַם גֶעהַאט
פוּן דֶעם גוּטֶען וָוארְט פוּן גָאט אוּן דִיא קְרֶעפְטֶען פוּן עוֹלָם הַבָּא, 6 וֶוען זֵייא
זֶענֶען דָאךְ אָפְּגֶעפַאלֶען, אַז זֵייא זָאלֶען זֵייא וִוידֶער אַמָאל דֶערְנֵייעֶרֶען צוּ
תְּשׁוּבָה, אִינְדֶעם זֵייא קְרֵייצִיגֶען צוּ זִיךְ אַלֵיין דֶעם זוּהְן פוּן גָאט, אוּן
מַאכֶען אִיהְם עֶפֶענְטְלִיךְ צוּ שַׁאנְד. 7 וָוארִין דִיא עֶרְד וָואס טְרִינְקְט אֵיין דֶעם
רֶעגֶען וָואס קוּמְט אָפְט דְרוֹיף, אוּן בְּרֶענְגְט אַרוֹיס קְרֵייטֶער נִיצְלִיךְ פַאר דִיא
דוּרְךְ וֶועלְכֶע זִיא אִיז אוֹיךְ בֶּעאַרְבֵּייט בֶּעקוּמְט בְּרָכָה פוּן גָאט; 8 אָבֶּער דִיא
וָואס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס דֶערְנֶער אוּן דִיסְטְלֶען אִיז פֶערְוָוארְפֶען אוּן אִיז נָאהֶענְט
צוּם פְלוּךְ, וֶועמֶעס סוֹף אִיז פֶערְבְּרֶענְט צוּ וֶוערֶען.

תהלים ב׳ ז׳, קי׳ ד׳.

9 אָבֶער, גֶעלִיבְּטֶע, מִיר זֶענֶען פֶערְזִיכֶערְט װֶעגֶען אֵייךְ אוֹיף בֶּעסֶערֶע זַאכֶען
אוּן דִיא װָאס גֶעהֶערֶען צוּ יְשׁוּעָה, װֶען אַפִּילוּ מִיר רֶעדֶען אַזוֹי. 10 װָארִין גָאט
אִיז נִיט אוּנְגֶערֶעכְט אַז עֶר זָאל פֶערְגֶעסֶען אֵייעֶרֶע װֶערְק אוּן דִיא לִיבֶּע װָאס
אִיהְר הָאט בֶּעװִיזֶען צוּ זַיין נָאמֶען, אִינְדֶעם אִיהְר הָאט דִיא הֵיילִיגֶע בֶּעדִינְט,
אוּן זַייא נָאךְ בֶּעדִינְט. 11 אָבֶער מִיר װִינְשֶׁען אַז אִיטְלִיכֶער פוּן אֵייךְ זָאל דִיא
זֶעלְבֶּע אֵייפְרִיגְקֵייט בֶּעװֵייזֶען צוּ דֶעם גַאנְצֶען בִּטָחוֹן פוּן דֶער הָאפְנוּנְג בִּיז
צוּם עֶנְד; 12 כְּדֵי אִיהְר זָאלְט נִיט פוֹיל װֶערֶען, נֵייעֶרְט נָאכְפָאלְגֶער פוּן דִיא
װֶעלְכֶע דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען אוּן גֶעדוּלְד דִיא הַבְטָחוֹת יַרְשֶׁענֶען.
13 װָארִין װֶען גָאט הָאט מַבְטִיחַ גֶעװֶעזֶען צוּ אַבְרָהָם, אִינְדֶעם עֶר הָאט נִיט
גֶעקֶענְט בֵּייא קֵיין גְרֶעסֶערֶען שְׁװֶערֶען, הָאט עֶר בֵּייא זִיךְ אַלֵיין גֶעשְׁװוֹירֶען
14 אוּן גֶעזָאגְט, גֶעװִיס װֶעל אִיךְ דִיךְ בֶּענְשֶׁען אוּן גֶעװִיס װֶעל אִיךְ דִיךְ פֶערְ־
מֶעהְרֶען. 15 אוּן װֶען עֶר הָאט אַזוֹי מִיט גֶעדוּלְד אוֹיסְגֶעהַארְט, הָאט עֶר דִיא
הַבְטָחוֹת דֶערְהַאלְטֶען. 16 װָארִין מֶענְשֶׁען שְׁװֶערֶען בֵּייא דֶעם גְרֶעסֶערֶען, װֵייל
דִיא שְׁבוּעָה צוּ בֶּעשְׁטֶעטִיגוּנְג אִיז צוּ זַייא אֵיין עֶנְד פוּן אַלֶע קֶעגֶענְרֶעדֶען.
17 דְרִיבֶּער גָאט, װֶען עֶר הָאט גֶעװָאלְט נָאךְ מֶעהְר בֶּעװֵייזֶען צוּ דִיא יוֹרְשִׁים
פוּן דֶער הַבְטָחָה אַז זַיינֶע עֵצָה פֶערְעֶנְדֶערְט זִיךְ נִיט, הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אַלְס
פֶערְמִיטְלֶער מִיט אַ שְׁבוּעָה; 18 כְּדֵי דוּרְךְ צְװֵייא אוּנְפֶערְעֶנְדֶערְלִיכֶע זַאכֶען,
אִין װֶעלְכֶע עֶס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ אַז גָאט זָאל לֵייקֶענֶען, זָאלֶען מִיר אַ שְׁטַארְקֶען
בִּטָחוֹן הָאבֶּען, מִיר װֶעלְכֶע זֶענֶען אַנְטְרִינֶען אַז מִיר זָאלֶען פֶעסְט הַאלְטֶען דִיא
הָאפְנוּנְג װָאס אִיז פָאר אוּנְז גֶעזֶעצְט. 19 װֶעלְכֶע הָאפְנוּנְג מִיר הָאבֶּען אַלְס אֵיין
אַנְקֶער צוּ אוּנְזֶערֶע נְשָׁמָה, זִיכֶער אוּן פֶעסְט, אוּן װָאס גֶעהְט אַרֵיין אִינֶעװֶענִיג פוּן
דֶעם פָּרוֹכֶת; 20 װוּאוּ אַהִין יֵשׁוּעַ אַלְס אַ פָארְלוֹיפֶער אִיז פַאר אוּנְז אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען,
אִינְדֶעם עֶר אִיז אַ כֹּהֵן גָדוֹל אוֹיף עֶבִּיג גֶעװָארֶען נָאךְ דֶער אָרְדְנוּנְג פוּן מַלְכִּיצֶדֶק.
ז 1 װָארִין דִיזֶער מַלְכִּיצֶדֶק, דֶער מֶלֶךְ פוּן שָׁלֵם, אַ כֹּהֵן פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען
גָאט, װֶעלְכֶער הָאט אַבְרָהָם בֶּעגֶעגֶענְט װֶען עֶר הָאט צוּרִיקְגֶעקֶעהְרְט פוּן
דֶעם שְׁלָאגֶען פוּן דִיא מְלָכִים, אוּן הָאט אִיהְם גֶעבֶּענְשְׁט; 2 צוּ װֶעלְכֶען
אַבְרָהָם הָאט אוֹיךְ מַעֲשֵׂר פוּן אַלֶעם אָפְּגֶעטְהֵיילְט, דֶער הֵייסְט צוּעֶרְשְׁט אוֹיף
טֵייטְשׁ קֶענִיג פוּן גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, אוּן דֶערְנָאךְ אוֹיךְ קֶענִיג פוּן שָׁלֵם, װָאס
הֵייסְט קֶענִיג פוּן פְרִידֶען; 3 אָהְן פָאטֶער, אָהְן מוּטֶער, אָהְן סֵפֶר הַיַחַשׂ, דֶער
הָאט קֵיין אָנְהֵייבּ פוּן טֶעג אוּן נִיט קֵיין סוֹף פוּן לֶעבֶּען, אָבֶער װֶעלְכֶער אִיז
גְלֵייךְ צוּם זוּהְן פוּן גָאט, בְּלֵייבְּט בֶּעשְׁטֶענְדִיג אַ כֹּהֵן.
4 אוּן אִיהְר זֶעהְט װִיא גְרוֹיס אִיז דִיזֶער גֶעװֶעזֶען, צוּ װֶעלְכֶען דֶער עֶלְטֶערְ־
פָאטֶער אַבְרָהָם הָאט מַעֲשֵׂר פוּן דֶעם רוֹיבּ גֶעגֶעבֶּען. 5 אוּן דִיא װָאס זֶענֶען פוּן
דִיא קִינְדֶער פוּן לֵוִי הָאבֶּען דִיא כְּהוּנָּה דֶערְהַאלְטֶען, אוּן הָאבֶּען אַ גֶעבָּאט
זַייא זָאלֶען מַעֲשֵׂר נֶעמֶען פוּן דֶעם פָאלְק נָאךְ דֶעם גֶעזֶעץ, דָאס אִיז פוּן
זַייעֶרֶע בְּרִידֶער, אַפִּילוּ זַייא קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דִיא לֶענְדֶען פוּן אַבְרָהָם;
6 אָבֶער דֶער װֶעלְכֶער שְׁטַאמְט נִיט אָפּ פוּן זַייא הָאט מַעֲשֵׂר פוּן

14 בראשית כב׳ יז׳. 1 בראשית יד׳ יח׳-כ׳.

אַבְרָהָם גֶענוּמֶען, אוּן הָאט גֶעבֶּענְשְׁט דֶעם וָואס הָאט דִיא הַבְטָחוֹת גֶעהַאט.
7 אוּן אָהְן שׁוּם וִכּוּחַ דֶער נִידְרִיגֶער אִיז פוּן דֶעם הֶעכֶערֶען גֶעבֶּענְשְׁט. 8 אוּן
דָא נֶעמֶען שְׁטֶערְבְּלִיכֶע מֶענְשֶׁען מַעֲשֵׂר, אָבֶּער דָארְט דֶער פוּן וָועלְכֶעם עֶס אִיז
בֶּעצֵייגְט אַז עֶר לֶעבְּט. 9 אוּן אַזוֹי צוּ זָאגֶען, לֵוִי וָואס נֶעמְט מַעֲשֵׂר הָאט
אוֹיךְ מַעֲשֵׂר דוּרְךְ אַבְרָהָם גֶעגֶעבֶּען; 10 וָוארִין עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִין דִיא
לֶענְדֶען פוּן זֵיין פָאטֶער וֶוען מַלְכִּיצֶדֶק הָאט אִיהְם בֶּעגֶעגֶענְט.
11 אַזוֹי דֶען וֶוען דִיא פָאלְקָאמֶענְהֵייט אִיז דוּרְךְ דֶער כְּהוּנָּה פוּן לֵוִי גֶעשֶׁע־
הֶען, וָוארִין דָאס פָאלְק הָאט אוּנְטֶער דֶער דִיא תּוֹרָה דֶערְהַאלְטֶען, וָואס הָאט
מֶען נָאךְ בֶּעדַארְפְט אַז אֵיין אַנְדֶערֶער כֹּהֵן זָאל אוֹיפְשְׁטֶעהֶען נָאךְ דֶער
אָרְדְנוּנְג פוּן מַלְכִּיצֶדֶק, אוּן זָאל נִיט נָאךְ דֶער אָרְדְנוּנְג פוּן אַהֲרֹן גֶערוּפֶען
וֶוערֶען? 12 וָוארִין וֶוען דִיא כְּהוּנָּה אִיז פֶערְעֶנְדֶערְט, אַזוֹי מוּז אוֹיךְ זֵיין אַ
פֶערְעֶנְדֶערוּנְג פוּן דֶער תּוֹרָה. 13 וָוארִין דֶער אוֹיף וֶועלְכֶעם דִיזֶעס אִיז גֶעזָאגְט
גֶעוָוארֶען גֶעהֶערְט צוּ אֵיין אַנְדֶערֶען שֵׁבֶט, וָואס קֵיינֶער פוּן זֵייא הָאט מַקְרִיב
גֶעוֶועזֶען בַּיים מִזְבֵּחַ; 14 וָוארִין עֶס אִיז קְלָאר אַז אוּנְזֶער הַאר אִיז פוּן יְהוּדָה
אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, פוּן וֶועלְכֶעם שֵׁבֶט הָאט משֶׁה גָאר נִיט גֶערֶעט וֶועגֶען כֹּהֲנִים.
15 אוּן דָאס אִיז נָאךְ פִיל קְלָארֶער, וֶוען נָאךְ דֶער גְלֵייכְהֵייט פוּן מַלְכִּיצֶדֶק אֵיין
אַנְדֶערֶער כֹּהֵן שְׁטֶעהְט אוֹיף, 16 וֶועלְכֶער אִיז נִיט נָאךְ דֶעם גֶעזֶעץ פוּן אַ
פְלֵיישְׁלִיכֶען גֶעבָּאט גֶעוָוארֶען, נֵייעֶרְט נָאךְ דֶער קְרַאפְט פוּן אַ לֶעבֶּען וָואס
הֶערְט עֶבִּיג נִיט אוֹיף. 17 וָוארִין עֶס אִיז בֶּעצֵייגְט, דוּא בִּיסְט אַ כֹּהֵן אוֹיף
עֶבִּיג נָאךְ דֶער אָרְדְנוּנְג פוּן מַלְכִּיצֶדֶק. 18 וָוארִין עֶס אִיז אַ פֶערְוַוארְפוּנְג פוּן
דֶעם פְרִיהֶערְדִיגֶען גֶעבָּאט גֶעוָוארֶען, וֶועגֶען זֵיינֶע שְׁוַואכְהֵייט אוּן אוּנְנִיצִיגְקֵייט;
19 וָוארִין דִיא תּוֹרָה הָאט גָאר נִיט פָאלְקָאמֶען גֶעמַאכְט, נֵייעֶרְט דִיא אֵיינְפִיה־
רוּנְג פוּן אַ בֶּעסֶערֶע הָאפְנוּנְג, דוּרְךְ וֶועלְכֶער מִיר קוּמֶען נָאהֶענְט צוּ גָאט.
20 אוּן אַזוֹי וִויא אַז נִיט אָהְן אַ שְׁבוּעָה אִיז עֶר כֹּהֵן גֶעמַאכְט; 21 וָוארִין יֶענֶע
זֶענֶען כֹּהֲנִים גֶעוָוארֶען אָהְן אַ שְׁבוּעָה, אָבֶּער דִיזֶער מִיט אַ שְׁבוּעָה דוּרְךְ
דֶעם וֶועלְכֶער הָאט צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, דֶער הַאר הָאט גֶעשְׁוָואוֹירֶען אוּן וֶועט
נִיט חֲרָטָה הָאבֶּען, דוּא בִּיסְט אַ כֹּהֵן אוֹיף עֶבִּיג נָאךְ דֶער אָרְדְנוּנְג פוּן
מַלְכִּיצֶדֶק; 22 אַזוֹי אִיז יֵשׁוּעַ אֵיין עָרֵב פוּן אַ בֶּעסֶערֶען בּוּנְד גֶעוָוארֶען. 23 אוּן
יֶענֶע פִילֶע זֶענֶען כֹּהֲנִים גֶעוָוארֶען, ווייל זֵייא הָאבֶּען נִיט גֶעקֶענְט בְּלֵייבֶּען
דוּרְךְ דֶעם טוֹיט וָואס הָאט זֵייא גֶעהִינְדֶערְט. 24 אָבֶּער עֶר, ווייל עֶר בְּלֵייבְּט
אוֹיף עֶבִּיג, הָאט אַ כְּהוּנָּה וָואס פֶערְגֶעהְט נִיט. 25 דְרוּם קֶען עֶר אוֹיךְ פָאלְ־
קָאמֶען רֶעטֶען דִיא וָואס קוּמֶען צוּ גָאט דוּרְךְ אִיהְם, ווייל עֶר לֶעבְּט אוֹיף
עֶבִּיג אַז עֶר זָאל פַאר זֵייא בֶּעטֶען.
26 וָוארִין אַזֶעלְכֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט אוּנְז גֶעפַּאסְט, דֶער אִיז הֵיילִיג, אוּנְשׁוּלְ־
דִיג, אָהְן אַ פְלֶעק, אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן זִינְדֶער, אוּן אִיז הֶעכֶער וִויא דִיא הִימֶעל
גֶעוָוארֶען. 27 דֶער בֶּעדַארְפְט נִיט טֶעגְלִיךְ וִויא יֶענֶע כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים, אַז עֶר זָאל
מַקְרִיב זֵיין קָרְבָּנוֹת צוּעֶרְשְׁט פַאר זֵיינֶע אֵייגֶענֶע זִינְד, דֶערְנָאךְ פַאר דִיא

21 תהלים קי׳ ד׳.　17 תהלים קי׳ ד׳.

זינְד פוּן דֶעם פָאלְק; וָוארִין דָאס הָאט עֶר אֵיין אֵיינְצִיגֶעס מָאל גֶעטְהוּן,
אִינְדֶעם עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין מַקְרִיב גֶעוֶועֶן. [28]וָוארִין דָאס גֶעזֶעץ שְׁטֶעלְט
מֶענְשֶׁען אֵיין פַאר כֹּהֲנִים גְדוֹלִים, וָואס הָאבֶּען שְׁוַואכְהֵייט; אָבֶּער דָאס וָוארְט
פוּן דֶער שְׁבוּעָה וָואס אִיז שְׁפֶּעטֶער וִויא דָאס גֶעזֶעץ, שְׁטֶעלְט דֶעם זוּהְן אֵיין,
דֶער אִיז אוֹיף עֶבִּיג פָאלְקָאמֶען.

ח [1]נוּן דָאס אִיז דִיא הוֹיפְּטְזַאךְ פוּן דֶעם וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעזָאגְט, מִיר
הָאבֶּען אַזֶעלְכֶען כֹּהֵן גָדוֹל, דֶער הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּ דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן
דֶעם כִּסֵא הַכָּבוֹד אִין דִיא הִימֶעל, [2]אַ דִינֶער פוּן דֶעם הֵיילִיגְטְהוּם אוּן פוּן
דֶעם וָואהְרֶען מִשְׁכָּן, וָואס דֶער הַאר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן נִיט קֵיין מֶענְשׁ.
[3]וָוארִין יֶעדֶער כֹּהֵן גָדוֹל אִיז אֵיינְגֶעשְׁטֶעלְט מַקְרִיב צוּ זֵיין מְנָחוֹת אוּן
קָרְבָּנוֹת; דְרוּם אִיז עֶס נֶעטִיג אַז דִיזֶער זָאל אוֹיךְ עֶפֶּעס הָאבֶּען וָואס עֶר זָאל
מַקְרִיב זֵיין.

[4]וָוארִין וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוֶועֶן אוֹיף דֶער עֶרְד וָואלְט עֶר גָאר נִיט אַ כֹּהֵן
גֶעוֶועֶן, וַוייל עֶס זֶענֶען דִיא וָואס מַקְרִיב זֶענֶען דִיא מַתָּנוֹת נָאךְ דֶער תּוֹרָה;
[5]וֶועלְכֶע דִינֶען אַ בִּילְד אוּן שָׁאטֶען פוּן דִיא הִימְלִישֶׁע זַאכֶען, גְלֵייךְ וִויא מֹשֶׁה
אִיז גֶעוָוארְנְט גֶעוָוארֶען, וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאכְט דָאס מִשְׁכָּן פָאלְשְׁטֶענְדִיג צוּ
מַאכֶען, וָוארִין עֶר זָאגְט, גִיבּ אַכְטוּנְג אַז דוּא זָאלְסְט אַלֶעס מַאכֶען נָאךְ דֶעם
פָארְבִּילְד וָואס אִיז דִיר אוֹיף דֶעם בַּארְג גֶעוִויזֶען. [6]אָבֶּער אִיצְט הָאט עֶר אַ
פִיל בֶּעסֶערֶען דִינְסְט דֶערְהַאלְטֶען, אִינְדֶעם עֶר אִיז אוֹיךְ אַ פֶערְמִיטְלֶער פוּן
אַ בֶּעסֶערֶען בּוּנְד גֶעוָוארֶען, וָואס אִיז אוֹיף בֶּעסֶערֶע הַבְטָחוֹת בֶּעשְׁטֶעלְט.
[7]וָוארִין וֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶע בּוּנְד וָואלְט אָהְן אַ פֶעהְלֶער גֶעוֶועֶן, אַזוֹי וָואלְט מֶען
נִיט קֵיין אָרְט פַאר אֵיין אַנְדֶערֶען גֶעזוּכְט. [8]וָוארִין עֶר פֶערְקְלָאגְט זֵייא אוּן
זָאגְט,

זֶעה עֶס קוּמֶען טֶעג, זָאגְט דֶער הַאר,
אַז אִיךְ וֶועל אַ נֵייעֶן בּוּנְד מַאכֶען מִיט דֶעם הוֹיז פוּן יִשְׂרָאֵל אוּן
מִיט דֶעם הוֹיז פוּן יְהוּדָה,
[9]נִיט נָאךְ דֶעם בּוּנְד וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט זֵייעֶרֶע אָבוֹת גֶעמַאכְט,
אִים טָאג וֶוען אִיךְ הָאבּ זֵייא בֵּייא דֶער הַאנְד גֶענוּמֶען זֵייא
אַרוֹיסְצוּפִיהְרֶען פוּן דֶעם לַאנְד מִצְרַיִם,
וַוייל זֵייא זֶענֶען נִיט גֶעבְּלִיבֶּען אִין מֵיין בּוּנְד,
אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייא פֶערְאַכְטֶעט, זָאגְט דֶער הַאר.
[10]וָוארִין דָאס אִיז דֶער בּוּנְד וָואס אִיךְ וֶועל מַאכֶען מִיט דֶעם הוֹיז
פוּן יִשְׂרָאֵל
נָאךְ יֶענֶע טֶעג, זָאגְט דֶער הַאר,
אִיךְ וֶועל מֵיינֶע גֶעזֶעצֶע גֶעבֶּען אִין זֵייעֶר פֶערְשְׁטַאנְד,
אוּן אוֹיף זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער וֶועל אִיךְ זֵייא אָנְשְׁרֵייבֶּען,
אוּן אִיךְ וֶועל זֵייעֶר גָאט זֵיין אוּן זֵייא וֶועלֶען מֵיין פָאלְק זֵיין.

[5] שמות כה׳ מ׳. [8-12] ירמיה לא׳ לא׳-לד׳.

11 און זייא זָאלְטֶען נִיט לֶעהְרֶען אִיטְלִיכֶער זַיין חַבֵר,
און אִיטְלִיכֶער זַיין בְּרוּדֶער, און זָאגֶען, דֶערְקֶענְט דֶעם הַאר'ן,
וָוארִין אַלֶע וֶועלֶען מִיךְ קֶענֶען,
פוּן זֵייעֶרֶעם קְלֵיינְסְטֶען בִּיז צוּם גְרֶעסְטֶען.
12 וָוארִין אִיךְ וֶועל מִיךְ דֶערְבַּארְמֶען אִיבֶּער זֵייעֶרֶע אוּנְגֶערֶעכְטִיגְקֵייטֶען,
און זֵייעֶרֶע זִינְד וֶועל אִיךְ נִיט מֶעהְר גֶעדֶענְקֶען.
13 וֶוען עֶר זָאגְט אַ נֵייעֶן בּוּנְד, אַזוֹי הָאט עֶר דֶעם עֶרְשְׁטֶען אַלְט גֶעמַאכְט;
נוּן דָאס וֶועלְכֶעס אִיז אַלְט גֶעמַאכְט און פֶערְאַלְטֶערְט, אִיז נָאהֶענְט צוּם פֶערְ־
שְׁווִינְדֶען.
ט 1 אַזוֹי דֶען דֶער עֶרְשְׁטֶע בּוּנְד הָאט אוֹיךְ גֶעהַאטֶע פוּן גָאטֶעסְדִינְסְט און
דָאס הֵיילִיגְטְהוּם וָואס גֶעהֶערְט צוּ דִיזֶער וֶועלְט. 2 וָוארִין דָאס עֶרְשְׁטֶע מִשְׁכָּן
אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארֶען, אִין וֶועלְכֶען אִיז גֶעוֶוען דִיא מְנוֹרָה און דֶער
שֻׁלְחָן, און דָאס לֶחֶם הַפָּנִים, וָואס הֵייסְט קֹדֶשׁ; 3 און הִינְטֶער דֶעם אַנְדֶערֶען
פָּרוֹכֶת אִיז גֶעוֶוען דָאס מִשְׁכָּן וָואס הֵייסְט קֹדֶשׁ הַקֳדָשִׁים. 4 וָואס הָאט אַ
גָאלְדֶענֶע פֵייעֶרְפַאן, און דֶעם אָרוֹן הַבְּרִית גֶעדֶעקְט פוּן אַלֶע זֵייטֶען מִיט
גָאלְד, דְרִינֶען אִיז גֶעוֶוען אַ גָאלְדֶענֶער קְרוּג וָואס הָאט אִין זִיךְ דֶעם
מָן גֶעהַאלְטֶען, און דֶער שְׁטֶעקֶען פוּן אַהֲרֹן וָואס הָאט גֶעבְּלִיהְט, און דִיא
לוּחוֹת הַבְּרִית; 5 און דְרִיבֶּער זֶענֶען דִיא כְּרוּבִים פוּן הֶערְלִיכְקֵייט, וָואס
בֶּעשַׁאטֶען דֶעם כַּפּוֹרֶת, פוּן וֶועלְכֶע זַאכֶען מִיר קֶענֶען אִיצְט נִיט אֵיינְצֶעלְוֵויס
רֶעדֶען.
6 און וֶוען דִיזֶע זַאכֶען זֶענֶען אַזוֹי אֵיינְגֶערִיכְטֶעט גֶעוָוארֶען, גֶעהֶען דִיא
כֹּהֲנִים בֶּעשְׁטֶענְדִיג אִים עֶרְשְׁטֶען מִשְׁכָּן אַרֵיין דִיא עֲבוֹדָה צוּ טְהוּן,
7 אָבֶּער אִים צְווֵייטֶען גֶעהְט נוּר דֶער כֹּהֵן גָדוֹל אַרֵיין אֵיין מָאל אִים
יָאהְר, נִיט אָהְן בְּלוּט, וָואס עֶר פַאר זִיךְ אַלֵיין אִיז מַקְרִיב און אוֹיךְ פַאר דִיא
שְׁגָגוֹת פוּן דֶעם פָאלְק. 8 דְרִינֶען ווַייזְט אָן דֶער רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אַז דֶער וֶועג צוּ
דֶעם קוֹדֶשׁ הַקֳדָשִׁים אִיז נָאךְ נִיט אַנְפְּלֶעקְט גֶעוָוארֶען אַזוֹי לַאנְג דָאס עֶרְשְׁטֶע
מִשְׁכָּן הָאט נָאךְ אַ בֶּעשְׁטַאנְד; 9 וָואס אִיז אַ מָשָׁל אוֹיף דִיא אִיצְטִיגֶע צֵייט,
וֶוען מֶען אִיז מַתָּנוֹת און זְבָחִים מַקְרִיב, וָואס קֶענֶען נִיט נָאךְ דֶעם גֶעווִיסֶען
פָאלְקָאמֶען מַאכֶען דֶעם וָואס טְהוּט דִיא עֲבוֹדָה, 10 אִינְדֶעם זֵייא בֶּעשְׁטֶעהֶען
נוּר אִין עֶסֶען און טְרִינְקֶען און פֶערְשִׁידֶענֶע טְבִילוֹת, וָואס זֶענֶען גֶעבָּאטֶע וֶועגֶען
דֶעם פְלֵיישׁ בִּיז צוּ דֶער צֵייט פוּן פֶערְבֶּעסֶערוּנְג אוֹיפְגֶעלֶעגְט.
11 אָבֶּער מָשִׁיחַ אִיז גֶעקוּמֶען אַ כֹּהֵן גָדוֹל פוּן דִיא בֶּעסֶערֶע זַאכֶען וָואס
זֶענֶען גֶעוָוארֶען, דוּרְךְ דֶעם גְרֶעסֶערֶען און פָאלְקָאמֶענֶערֶען מִשְׁכָּן, וָואס אִיז
נִיט מִיט הֶענְד גֶעמַאכְט, דָאס הֵייסְט, נִיט פוּן דִיזֶע בֶּעשֶׁעפֶענִיס, 12 אוֹיךְ
נִיט דוּרְךְ דֶעם בְּלוּט פוּן צִיגֶען און קֶעלְבֶּער, נֵייעֶרְט דוּרְךְ זַיין אֵייגֶענֶען בְּלוּט
אִיז עֶר אֵיין אֵיינְצִיגֶעס מָאל אִין דִיא הֵיילִיגֶע עֶרְטֶער אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען, און הָאט
עֶבִּיגֶע אוֹיסְלֶעזוּנְג אוֹיסְגֶעווִירְקְט. 13 וָוארִין וֶוען דָאס בְּלוּט פוּן צִיגֶען און אָקְ־
סֶען און דִיא אַשׁ פוּן אַ קוּה, וֶוען עֶס אִיז אוֹיף דִיא אוּנְרֵיינֶע גֶעשְׁפְּרֶענְקֶעלְט,

מאכט הייליג צו דער ריינינונג פון דעם פלייש, [14] וויא פיל מעהר וועט דאס
בלוט פון דעם משיח, דער האט זיך אליין דורך דעם עביגען גייסט אהן א
מום מקריב געוועזען, כדי צו רייניגען אונזער געוויסען פון טויטע ווערק צו
דינען דעם לעבענדיגען גאט.

[15] און דעסטוועגען איז ער פערמיטלער פון דעם נייען בונד, כדי דורך דעם
טויט וואס איז געשעהען צו דער אויסלעזונג פון דיא זינד וואס זענען אונטער
דעם ערשטען בונד געוועזען, זאלען דיא בערופענע דיא הבטחה פון דיא עביגע
ירושה דערהאלטען. [16] ווארין דארט וואו עס איז דא א צואה איז אויך מחויב
צו זיין דער טויט פון דעם וואס האט דיא צואה געמאכט; [17] ווארין א צואה
שטעהט פעסט אויף דיא טויטע, ווארין עס האט קיינע קראפט ניט דערווייל
דער לעבט וואס האט דיא צואה געמאכט. [18] דרום אפילו ניט דער ערשטע
בונד איז אויך אהן בלוט איינגעווייהט געווארען. [19] ווארין ווען משה האט
איטליכעם געבאט צו דעם גאנצען פאלק נאך דעם געזעץ אויסגערעט, האט ער
גענומען דאס בלוט פון דיא קעלבער און דיא ציגען מיט וואסער און רויטע
וואל און אזוב, און האט בעשפרענגט דאס ספר אליין און דאס גאנצע
פאלק, [20] און האט געזאגט, דאס איז דאס בלוט פון דעם בונד וואס גאט
האט אייך געבאטען. [21] און אויך דאס משכן און אלע כלים פון דעם דינסט
האט ער גלייכדעם בעשפרענגט מיט בלוט. [22] און כמעט אלע זאכען זענען
נאך דער תורה מיט בלוט גערייניגט, און אהן פערגיסונג פון בלוט איז
קיינע פערגעבונג.

[23] דרום איז עס נעטיג געוועזען אז דיא מוסטער פון דיא הימלישע זאכען
זאלען מיט דיזעם גערייניגט ווערען, אבער דיא הימלישע זאכען אליין מיט
בעסערע קרבנות וויא דיזע. [24] ווארין משיח איז ניט אריינגעגאנגען אין
ערטער וואס זענען מיט הענד געמאכט, וואס זענען מוסטער פון דיא וואהר-
רען, נייערט אים הימעל אליין, אז ער זאל זיך איצט ווייזען פאר גאט
וועגען אונז. [25] אויך ניט כדי ער זאל זיך אפט מקריב זיין, גלייך וויא דער
כהן גדול איז אין דיא הייליגע ערטער יעדעם יאהר אריינגעגאנגען מיט
פרעמדען בלוט; [26] ווארין אויף אזוי איין אופן האט ער אפט געמוזט ליידען
פון דער גרינדונג פון דער וועלט אן. אבער איצט האט ער זיך איין מאל
בעוויזען אן דעם ענד פון דיא צייטאלטער, אז ער זאל דיא זינד אויסטילגען
דורך זיין קרבן. [27] און גלייך וויא עס איז בעשטימט פאר דיא מענשען איין
מאל צו שטארבען, און דערנאך איז דאס משפט, [28] אזוי האט זיך אויך דער
משיח איין מאל מקריב געוועזען, כדי ער זאל דיא זינד פון פילע טראגען; און
ער וועט זיך צום צווייטען מאל בעווייזען אהן זינד צו ישועה צו דיא וואס
האַרען אויף איהם.

י [1] ווארין דיא תורה האט א שאטען פון דיא גוטע קומענדיגע זאכען און ניט
דאס ווירקליכע בילד פון דיא זאכען, און קען קיין מאל ניט פאלקאמען

[20] שמות כד׳ ח׳.

מַאכֶען דִיא וָואס קוּמֶען דֶערְצוּ מִיט דִיא זֶעלְבִּיגֶע קָרְבָּנוֹת וָואס זַייא זֶענֶען
בֶּעשְׁטֶענְדִיג אַלֶע יָאהְר מַקְרִיב. 2וָוארִין אַזוֹי אוֹיף אֵיין אוֹפֶן וָואלְטֶען זַייא
נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַקְרִיב צוּ זַיין, ווייל דִיא אַנְבֶּעטֶער וָואס זֶענֶען אֵיין מָאל גֶערֵיי־
נִיגְט גֶעוָוארֶען וָואלְטֶען נִיט מֶעהְר קֵיין גֶעוִויסֶען פוּן זִינְד גֶעהַאט? 3אָבֶּער
אִין זַייא אִיז יֶעדֶעס יָאהְר דֶערְמָאהְנוּנְג פוּן זִינְד. 4וָוארִין עֶס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ
אַז דָאס בְּלוּט פוּן אָקְסֶען אוּן צִיגֶען זָאל זִינְד אַוֶועקְנֶעמֶען. 5דְרוּם וֶוען עֶר
קוּמְט אִין דֶער וֶועלְט אַרֵיין זָאגְט עֶר,

קָרְבָּנוֹת אוּן שְׁפֵּייזְאָפְּפֶער הָאסְט דוּא נִיט גֶעוָואלְט, אָבֶּער אַ לֵייבּ
הָאסְט דוּא מִיר אָנְגֶעבְּרֵייט;
6בְּרַאנְדְאָפְּפֶער אוּן זִינְדְאָפְּפֶער זֶענֶען דִיר נִיט גֶעפֶעלִיג.
7דַאן הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט, זֶעה, אִיךְ קוּם, אִין דֶער מְגִלָּה פוּן דֶעם בּוּךְ
אִיז עֶס וֶועגֶען מִיר גֶעשְׁרִיבֶּען,
דֵיין ווִילֶען צוּ טְהוּן, אָ גָאט.

8וֶוען עֶר אוֹיבֶּען זָאגְט, קָרְבָּנוֹת אוּן שְׁפֵּייזְאָפְּפֶער אוּן בְּרַאנְדְאָפְּפֶער אוּן זִינְד־
אָפְּפֶער הָאסְט דוּא נִיט גֶעוָואלְט, אוּן זַייא זֶענֶען דִיר נִיט גֶעפֶעלֶען, וֶועלְכֶע
מֶען הָאט נָאךְ דֶעם גֶעזֶעץ מַקְרִיב גֶעוֶועןְ; 9דַאן זָאגְט עֶר, זֶעה, אִיךְ קוּם
דֵיין ווִילֶען צוּ טְהוּן. עֶר נֶעמְט אַוֶועק דָאס עֶרְשְׁטֶע, כְּדֵי עֶר זָאל דָאס
צְווייטֶע בֶּעגְרִינְדֶען. 10אִין וֶועלְכֶען ווִילֶען זֶענֶען מִיר גֶעהֵיילִיגְט דוּרְךְ דֶעם
אָפְּפֶער פוּן דֶעם לֵייבּ פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ אֵיין אֵיינְצִיגֶעם מָאל.

11אוּן יֶעדֶער כֹּהֵן שְׁטֶעהְט טֶעגְלִיךְ אִין דֶער עֲבוֹדָה, אוּן אִיז אָפְּט מַקְרִיב
דִיא זֶעלְבִּיגֶע קָרְבָּנוֹת, וָואס קֶענֶען נִיט קֵיין מָאל זִינְד אַוֶועקְנֶעמֶען. 12אָבֶּער דִיזֶער,
וֶוען עֶר הָאט אֵיין קָרְבָּן מַקְרִיב גֶעוֶוען פַאר דִיא זִינְד אוֹיף עֶבִּיג, הָאט זִיךְ
גֶעזֶעצְט צוּ דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן גָאט, 13אוּן פוּן אַצוּנְד אָן ווַארְטֶעט עֶר
בִּיז זַיינֶע פֵיינְד זֶענֶען גֶעמַאכְט פַאר אַ פוּסְבֶּענְקֶעל צוּ זַיינֶע פִּיס. 14וָוארִין דוּרְךְ
אֵיין קָרְבָּן הָאט עֶר אוֹיף עֶבִּיג פָאלְקָאמֶען גֶעמַאכְט דִיא וָואס זֶענֶען גֶעהֵיילִיגְט.
15אוּן דֶער רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ גִיבְּט אוּנְז אוֹיךְ עֵדוּת; וָוארִין נָאכְדֶעם עֶר הָאט
גֶעזָאגְט,

16דָאס אִיז דֶער בּוּנְד וָואס אִיךְ וֶועל מִיט זַייא מַאכֶען
נָאךְ יֶענֶע טֶעג, זָאגְט דֶער הַאר,
אִיךְ וֶועל מֵיינֶע גֶעזֶעצֶע גֶעבֶּען אוֹיף זַייעֶרֶע הֶערְצֶער, אוּן אוֹיף זַייעֶר
פֶערְשְׁטַאנְד וֶועל אִיךְ זַייא אָנְשְׁרֵייבֶּען,
17אוּן זַייעֶרֶע זִינְד אוּן זַייעֶרֶע אִיבֶּערְטְרֶעטוּנְגֶען וֶועל אִיךְ נִיט
מֶעהְר גֶעדֶענְקֶען.

18נוּן וְואוּ עֶס אִיז פַארְהַאנֶען פֶערְגֶעבּוּנְג פוּן דִיזֶע זַאכֶען, דָארְט אִיז נִיט מֶעהְר
פַארְהַאנֶען קֵיין קָרְבָּן פַאר זִינְד.
19דְרוּם בְּרִידֶער, ווייל מִיר הָאבֶּען אַ בִּטָּחוֹן אַרֵיינְצוּקוּמֶען אִין דֶעם הֵיילִיגֶען
אָרְט דוּרְךְ דֶעם בְּלוּט פוּן יֵשׁוּעַ, 20דוּרְךְ דֶעם נֵייעֶן אוּן לֶעבֶּעדִיגֶען וֶועג

5-7 תהלים מ׳ ז׳-ט׳, 13 תהלים קי׳ א׳, 16-17 ירמיה לא׳ לג׳, לד׳

וָואס עֶר הָאט פַאר אוּנְז מְחַנֵךְ גֶעוֶועזֶען דוּרְךְ דֶעם פָּרוֹכֶת, דָאס הֵייסְט זַיין
פְלֵייש, 21 אוּן וַוייל מִיר הָאבֶּען אַ כֹּהֵן גָדוֹל אִיבֶּער דֶעם הוֹיז פוּן גָאט,
22 לָאזֶען מִיר אַיינְטְרֶעטֶען מִיט אַ וָואהְרֶען הַארְץ אִים פָאלֶען גְלוֹיבֶּען,
אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער גֶעשְׁפְּרֶענְקֶעלְט פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶען גֶעוִויסֶען אוּן אוּנְזֶערֶע
לֵייבֶּער גֶעוַואשֶׁען מִיט רֵיין וַואסֶער. 23 לָאזֶען מִיר פֶעסְט הַאלְטֶען אוּנְבֶּעוֶועגְלִיךְ
דָאס בֶּעקֶענְטְנִיס פוּן אוּנְזֶערֶע הָאפְנוּנְג, וָוארִין דֶער וֶועלְכֶער הָאט דִיא הַבְטָחָה
גֶעגֶעבֶּען אִיז גֶעטְרֵייא. 24 אוּן לָאזֶען מִיר בֶּעטְרַאכְטֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען
אוֹיפְצוּאַייפֶערְן צוּ לִיבֶּע אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים, 25 אִינְדֶעם מִיר פֶערְלָאזֶען נִיט
אוּנְזֶער צוּזַאמֶענְקוּמֶען, גְלֵייךְ וִויא עֶס אִיז דֶער מִנְהַג פוּן עֶטְלִיכֶע, נֵייעֶרְט מִיר
דֶערְמָאהְנֶען אוּנְז, אוּן נָאךְ מֶעהְר אַזוֹי וִויא אִיהְר זֶעהְט דֶעם טָאג נָאהֶענְט קוּמֶען.
26 וָוארִין וֶוען מִיר זִינְדִיגֶען מוּטְווִילִיג נָאכְדֶעם מִיר הָאבֶּען בֶּעקוּמֶען דִיא
דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן דֶער וָואהְרְהֵייט, בְּלֵייבְּט נִיט מֶעהְר אִיבֶּער קֵיין קָרְבָּן פַאר
זִינְד; 27 נֵייעֶרְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶעס וַוארְטֶען אוֹיף מִשְׁפָּט אוּן פֵייעֶרְדִיגֶע קִנְאָה וָואס וֶועט
דִיא וִוידֶערְשְׁטֶעהֶענְדִיגֶע פֶערְצֶעהְרֶען. 28 וֶוען אֵיימִיצֶער אִיז עוֹבֵר גֶעוֶוען דִיא
תּוֹרַת מֹשֶׁה, אִיז עֶר אָהְן רַחֲמָנוּת גֶעשְׁטָארְבֶּען דוּרְךְ צְווייא אָדֶער דְרֵייא
עֵדוּת; 29 וִויא פִיל עֶרְגֶערֶע שְׁטְרָאף, מֵיינְט אִיהְר, וֶועט דֶער וֶוערְט זַיין וָואס
הָאט גֶעטְרֶעטֶען מִיט דִיא פִּיס דֶעם זוּהְן פוּן גָאט, אוּן הָאט פַאר אַ
גֶעמֵיינֶע זַאךְ גֶעהַאלְטֶען דָאס בְּלוּט פוּן דֶעם בּוּנְד, אִין וֶועלְכֶען עֶר אִיז
גֶעהֵיילִיגְט גֶעוָוארֶען, אוּן הָאט דֶעם גֵייסְט פוּן דֶער גְנָאד גֶעלֶעסְטֶערְט.
30 וָוארִין מִיר קֶענֶען דֶעם, וֶועלְכֶער הָאט גֶעזָאגְט, דִיא נְקָמָה אִיז מֵיין, אִיךְ
וֶועל פֶערְגֶעלְטֶען; אוּן וִוידֶער, דֶער הַאר וֶועט זַיין פָאלְק רִיכְטֶען. 31 עֶס אִיז
אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ אַרֵיין צוּ פַאלֶען אִין דִיא הֶענְד פוּן דֶעם לֶעבֶּעדִיגֶען גָאט.
32 אָבֶּער גֶעדֶענְקְט דִיא פְרִיהֶערְדִיגֶע טֶעג, אִין וֶועלְכֶע אִיהְר זֶענְט דֶערְלֵייכְ-
טֶעט גֶעוֶוען, אוּן הָאט אַ גְרוֹיסֶען קַאמְפְּף פוּן לֵיידֶען אוֹיסְגֶעשְׁטַאנֶען; 33 צוּם
טְהֵייל וֶוען אִיהְר זֶענְט דוּרְךְ חַרְפּוֹת אוּן צָרוֹת צוּם אָנְזֶעהֶען גֶעוָוארֶען, אוּן
צוּם טְהֵייל וֶוען אִיהְר זֶענְט חֲבֵרִים גֶעוָוארֶען פוּן דִיא וֶועלְכֶע זֶענֶען אַזוֹי
בֶּעהַאנְדֶעלְט גֶעוֶוען. 34 וָוארִין אִיהְר הָאט מִיטְלֵייד גֶעהַאט מִיט דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע,
אוּן אִיהְר הָאט מִיט פְרֵייד דֶעם רוֹיב פוּן אֵייעֶרֶע גִיטֶער צוּגֶעזֶעהֶען, אִינְדֶעם
אִיהְר ווייסְט אַז אִיהְר הָאט זֶעלְבְּסְט אַ בֶּעסֶערֶעס אוּן בֶּעשְׁטֶענְדִיגֶעס אֵייגֶענְ-
טְהוּם. 35 דְרוּם פֶערְוַוארְפְט נִיט אֵייעֶר בִּטָחוֹן וָואס הָאט אַ גְרוֹיסֶען שָׂכָר.
36 וָוארִין אִיהְר בֶּעדַארְפְט גֶעדוּלְד הָאבֶּען, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט טְהוּן דֶעם ווִילֶען פוּן
גָאט, אוּן זָאלְט דִיא הַבְטָחָה דֶערְהַאלְטֶען.

37 וָוארִין עֶס אִיז נָאךְ אַ קְלֵיינֶע ווַיילֶע,
דֶער וֶועלְכֶער קוּמְט וֶועט קוּמֶען אוּן וֶועט זִיךְ נִיט פֶערְזָאמֶען;
38 אָבֶּער מֵיין צַדִיק וֶועט דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען לֶעבֶּען,
אוּן וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ צוּרִיקְצִיהֶען, מֵיינֶע זֶעלֶע הָאט אִין אִיהְם
קֵיין נַחַת.

30 דברים לב׳ לה׳, לו׳. 38 חבקוק ב׳ ג׳, ד׳: ישעיה כו׳ כ׳.

39 אָבֶּער מִיר זֶענֶען נִיט פוּן דִיא וָואס זִיךְ צוּרִיקְצִיהֶען צוּם פֶּערְדַארְבֶּען,
נֵייעֶרְט פוּן דִיא וָואס גְלוֹיבֶּען צוּ דֶער רֶעטוּנְג פוּן דֶער זֶעלֶע.
יא 1 נוּן גְלוֹיבֶּען אִיז דֶער בִּטָחוֹן פוּן דִיא זַאכֶען אוֹיף וֶועלְכֶע מֶען הָאפְט,
דֶער בֶּעוַוייז פוּן דִיא זַאכֶען וָואס מֶען זֶעהְט נִיט. 2 וָוארִין דְרִינֶען הָאבֶּען דִיא
זְקֵנִים דָאס צֵיינְנִים דֶערְהַאלְטֶען. 3 דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען פֶערְשְׁטֶעהֶען מִיר, אַז דִיא
װעלְטֶען זֶענֶען דוּרְךְ דֶעם וָוארְט פוּן גָאט אֶנְגֶעבְּרֵייט, אַזוֹי אַז דָאס וָואס מֶען
זֶעהְט אִיז נִיט גֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען פוּן זַאכֶען וָואס עֶרְשֵׁיינֶען. 4 דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען
הָאט הֶבֶל מַקְרִיב גֶעוֶוען צוּ גָאט אַ בֶּעסֶערֶען קָרְבָּן וִויא קַיִן, דוּרְךְ וֶועלְכֶען
עֶס אִיז אִיהְם עֵדוּת גֶעגֶעבֶּען אַז עֶר אִיז אַ צַדִיק גֶעוֶוען, אִינְדֶעם גָאט בֶּעצֵייגְט
אוֹיף זֵיינֶע מַתָּנוֹת, אוּן דוּרְךְ דֶעם רֶעט עֶר נָאךְ אַפִילוּ עֶר אִיז טוֹיט.
5 דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען אִיז חֲנוֹךְ אַוֶועקְגֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען, אַז עֶר זָאל נִיט דֶעם טוֹיט
זֶעהֶען, אוּן אִיז נִיט גֶעפִינֶען גֶעוָוארֶען, ווייל גָאט הָאט אִיהְם אַוֶועקְגֶענוּמֶען;
וָוארִין פָאר זֵיין אַוֶועקְנֶעמֶען הָאט עֶר דָאס צֵיינְנִים גֶעהַאט אַז עֶר הָאט גָאט וְואוֹילְ-
גֶעפֶעלֶען. 6 אָבֶּער אָהְן גְלוֹיבֶּען אִיז עֶס אוּנְמֶעגְלִיךְ אִיהְם צוּ גֶעפֶעלֶען; וָוארִין
דֶער וָואס קוּמְט צוּ גָאט מוּז גְלוֹיבֶּען אַז עֶר אִיז, אוּן אַז עֶר אִיז אַ פֶערְגֶעלְ-
טֶער צוּ דִיא וָואס זוּכֶען אִיהְם. 7 דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען הָאט נֹחַ, וֶוען עֶר הָאט אַ
וָוארְנוּנְג פוּן גָאט בֶּעקוּמֶען וֶועגֶען דִיא זַאכֶען וָואס מֶען הָאט נָאךְ נִיט
גֶעזֶעהֶען, בֶּעוֶועגְט מִיט גֶעטְלִיכֶע פָארְכְט אַ תֵּיבָה צוּגֶעבְּרֵייט פַאר דֶער
רֶעטוּנְג פוּן זֵיינֶעם הויז, דוּרְךְ וֶועלְכֶעם עֶר הָאט דִיא וֶועלְט בֶּעשׁוּלְדִיגְט, אוּן אִיז
אַ יוֹרֵשׁ גֶעוָוארֶען פוּן דֶער גֶערֶעכְטִיגְקֵייט וָואס אִיז נָאךְ גְלוֹיבֶּען. 8 דוּרְךְ
גְלוֹיבֶּען אַבְרָהָם וֶוען עֶר אִיז בֶּערוּפֶען גֶעוָוארֶען הָאט גֶעהָארְכְט אוֹיסְצוּגֶעהֶען
אִין אֵיין אָרְט וֶועלְכֶען עֶר זָאל דֶערְנָאךְ פַאר אַ יְרוּשָׁה דֶערְהַאלְטֶען; אוּן
עֶר אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אָהְן צוּ וִויסֶען וְואוּ אַהִין עֶר וֶועט גֶעהֶען. 9 דוּרְךְ גְלוֹי-
בֶּען הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטֶען אִים לַאנְד פוּן דֶער הַבְטָחָה אַזוֹי וִויא אִין
אַ פְרֶעמְדֶען לַאנְד, אוּן הָאט אִין גֶעצֶעלְטֶען גֶעווָאוינְט מִיט יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב דִיא
יוֹרְשִׁים מִיט אִיהְם פוּן דִיא זֶעלְבִּיגֶע הַבְטָחָה. 10 וָוארִין עֶר הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף
אַ שְׁטָאדְט וָואס הָאט אַ גְרוּנְד, דֶערְפוּן דֶער בּוֹימֵייסְטֶער אוּן בֶּעשֶׁעפֶּער אִיז
גָאט. 11 דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען הָאט אַפִילוּ שָׂרָה קְרַאפְט בֶּעקוּמֶען מְעוּבֶּרֶת צוּ וֶוערֶען,
חָאטְשֶׁע זִיא אִיז אִיבֶּער אִיהְר עֶלְטֶער גֶעוֶוען, ווייל זִיא הָאט דֶעם גֶעטְרֵייא
גֶעהַאלְטֶען וֶועלְכֶער הָאט דִיא הַבְטָחָה גֶעגֶעבֶּען. 12 דְרוּם אִיז עֶס אוֹיךְ פוּן אֵיינֶעם
גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען וָואס אִיז אַזוֹי גוּט וִויא טוֹיט גֶעוֶוען, גְלַייךְ אַזוֹי פִיל וִויא
דִיא שְׁטֶערֶען פוּן דֶעם הִימֶעל, אוּן וִויא דֶער זַאנְד וָואס אִיז בֵּייא דֶעם
בָּארְטֶען פוּן יַם אָהְן אַ צָאהְל.

13 דִיזֶע אַלֶע זֶענֶען אִין גְלוֹיבֶּען גֶעשְׁטָארְבֶּען, אוּן הָאבֶּען נִיט דִיא הַבְטָחוֹת
דֶערְהַאלְטֶען, נֵייעֶרְט הָאבֶּען זֵייא פוּן ווייטֶען גֶעזֶעהֶען אוּן גֶעגְרִיסְט, אוּן
הָאבֶּען בֶּעקֶענְט אַז זֵייא זֶענֶען פְרֶעמְדֶע אוּן גֶעסְט גֶעוֶוען אוֹיף דֶער עֶרְד.
14 וָוארִין דִיא וָואס זָאגֶען אַזֶעלְכֶע זַאכֶען צֵייגֶען קְלָאר אָן אַז זֵייא זוּכֶען אַ
פָאטֶערְלַאנְד. 15 אוּן וֶוען זֵייא וָואלְטֶען גֶעדֶענְקְט אָן דֶעם לַאנְד פוּן וֶועלְכֶען

זַייא זֶענֶען אַרויסְגֶעקוּמֶען, וָואלְטֶען זַייא צַייט גֶעהַאט צוּרִיקְצוּקֶעהְרֶען;
16 אָבֶּער אִיצְט ווינְשֶׁען זַייא אַ בֶּעסֶערֶעס לַאנְד, דָאס אִיז אַ הִימְלִישֶׁעס.
דְרוּם שֶׁעהְמְט זִיךְ נִיט גָאט מִיט זַייא, עֶר זָאל זִיךְ הֵייסֶען זַייעֶר גָאט; וָוארִין
עֶר הָאט זַייא אַ שְׁטָאדְט אָנְגֶעבְּרֵייט.
17 דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען הָאט אַבְרָהָם מַקְרִיב גֶעוֶועזֶען זַיין זוּהְן יִצְחָק, וֶוען עֶר אִיז
גֶעפְּרִיפְט גֶעוָוארֶען, אוּן דֶער וָואס הָאט דִיא הַבְטָחוֹת דֶערְהַאלְטֶען הָאט
מַקְרִיב גֶעוֶועזֶען זַיין אֵיינְצִיגֶען זוּהְן; 18 וֶועגֶען וֶועלְכֶעם עֶס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוא־
רֶען, אַז אִין יִצְחָק וֶועט צוּ דִיר אַ זָאמֶען גֶערוּפֶען וֶוערֶען. 19 אִינְדֶעם עֶר
הָאט גֶערֶעכֶענְט אַז גָאט קֶען אִיהְם אוֹיךְ פוּן דִיא טוֹיטֶע אוֹיפְוֶועקֶען; פוּן
וַואנֶען עֶר הָאט אִיהְם אוֹיךְ אִים גְלֵייכְנִיס צוּרִיקְגֶענוּמֶען. 20 דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען
הָאט יִצְחָק גֶעבֶּענְשְׁט יַעֲקֹב אוּן עֵשָׂו אֲפִילוּ וֶועגֶען זַאכֶען וָואס וֶועלֶען גֶעשֶׁע־
הֶען. 21 דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען הָאט יַעֲקֹב בֵּיים שְׁטַארְבֶּען גֶעבֶּענְשְׁט בֵּיידֶע זִיהְן פוּן
יוֹסֵף, אוּן הָאט גֶעבֶּעטֶען אָנְגֶעלֶעהְנְט אָן דֶער שְׁפִּיץ פוּן זַיין שְׁטֶעקֶען. 22 דוּרְךְ
גְלוֹיבֶּען הָאט יוֹסֵף בֵּיים שְׁטַארְבֶּען גֶעדֶענְקְט אָן דֶעם אוֹיסְגַאנְג פוּן דִיא
קִינְדֶער פוּן יִשְׂרָאֵל, אוּן הָאט וֶועגֶען זַיינֶע בֵּיינֶער בֶּעפוֹילֶען.
23 דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען, וֶוען מֹשֶׁה אִיז גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען, הָאבֶּען אִיהְם זַיינֶע
עֶלְטֶערְן דְרַייא חֳדָשִׁים בֶּעהַאלְטֶען, ווייל זַייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אַז עֶר אִיז אַ
שֶׁעהְנֶעס קִינְד, אוּן זַייא הָאבֶּען זִיךְ נִיט גֶעפָארְכְטֶען פַאר דֶעם בֶּעפֶעהְל פוּן
דֶעם קֶענִיג. 24 דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען הָאט מֹשֶׁה, וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסֶען, נִיט
גֶעוָואלְט דֶער זוּהְן פוּן דֶער טָאכְטֶער פוּן פַּרְעֹה גֶערוּפֶען וֶוערֶען; 25 אִינְדֶעם עֶר
הָאט גֶעוֶועהְלְט לִיבֶּער מִיט דֶעם פָאלְק פוּן גָאט צוּ לֵיידֶען, אֵיידֶער דָאס
צֵייטְלִיכֶע פֶערְגְנִיגֶען פוּן זִינְד צוּ דֶערְהַאלְטֶען; 26 אוּן עֶר הָאט גֶערֶעכֶענְט
דִיא חֶרְפָּה פוּן מָשִׁיחַ פַאר אַ גְרֶעסֶערֶעס עֲשִׁירוּת וִויא דִיא אוֹצְרוֹת פוּן מִצְרַיִם;
וָוארִין עֶר הָאט הִינְגֶעבְּלִיקְט אוֹיף דֶער פֶערְגֶעלְטוּנְג פוּן דֶעם שָׂכָר. 27 דוּרְךְ
גְלוֹיבֶּען הָאט עֶר מִצְרַיִם פֶערְלָאזְט, אוּן הָאט זִיךְ נִיט גֶעפָארְכְטֶען פַאר דֶעם
צָארְן פוּן דֶעם קֶענִיג; וָוארִין עֶר הָאט אוֹיסְגֶעהַאלְטֶען גְלֵייךְ וִויא זֶעהֶענְדִיג דֶעם
וֶועלְכֶען מֶען קֶען נִיט זֶעהֶען. 28 דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען הָאט עֶר פֶּסַח גֶעהַאלְטֶען אוּן
דִיא שְׁפְּרֶענְגוּנְג פוּן דֶעם בְּלוּט, כְּדֵי דֶער מַשְׁחִית פוּן דִיא בְּכוֹרִים זָאל זַייא נִיט
אָנְרִיהְרֶען. 29 דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען זֶענֶען זַייא דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יַם סוּף וִויא
אִיבֶּער טְרוּקֶענֶעם לַאנְד, וָואס דִיא מִצְרִים הָאבֶּען גֶעפְּרִיפְט אוּן זֶענֶען דֶערְ־
טְרוּנְקֶען גֶעוָוארֶען. 30 דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען זֶענֶען דִיא מוֹיעֶרְן פוּן יְרִיחוֹ אֵיינְגֶעפַא־
לֶען, נָאכְדֶעם מֶען הָאט זַייא זִיבֶּען טֶעג אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט. 31 דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען
אִיז רָחָב הַזּוֹנָה נִיט אוּמְגֶעקוּמֶען מִיט דִיא אוּנְגֶעהָארְכֶענְדֶע, אִינְדֶעם זִיא הָאט
דִיא מְרַגְּלִים מִיט פְרִידֶען אוֹיפְגֶענוּמֶען.
32 אוּן וָואס זָאל אִיךְ נָאךְ מֶעהְר זָאגֶען? וָוארִין דִיא צַייט וֶועט מִיר
פֶעהְלֶען צוּ דֶערְצֶעהְלֶען וֶועגֶען גִדְעוֹן, בָּרָק, שִׁמְשׁוֹן, יִפְתָּח, דָוִד אוּן שְׁמוּאֵל
אוּן דִיא נְבִיאִים; 33 וֶועלְכֶע דוּרְךְ גְלוֹיבֶּען הָאבֶּען קֶענִיגְרֵייכֶע אוּנְטֶערְ־
טֶענִיג גֶעמַאכְט, גֶערֶעכְטִיגְקֵייט גֶעטְהוּן, דִיא הַבְטָחוֹת דֶערְהַאלְטֶען, דִיא

מֵיילֶער פוּן לֵייבֶען פֶערְשְׁטָאפְּט, 34 דִיא קְרַאפְט פוּן פֵייעֶר פֶערְלָאשֶׁען,
פוּן דֶער שַׁארְף פוּן דֶעם שְׁוֶוערְט אַנְטְרִינֶען, פוּן שְׁוַואכְהֵייטֶען זֶענֶען
קְרֶעפְטִיג גֶעוָוארֶען, אִין דֶער מִלְחָמָה זֶענֶען גִבּוֹרִים גֶעוָוארֶען, הָאבֶּען דִיא
פְרֶעמְדֶע חַיָלוֹת פֶערְיָאגְט. 35 פְרוֹיעֶן הָאבֶּען אִיהְרֶע טוֹיטֶע דוּרְךְ תְּחִיַת
הַמֵתִים צוּרִיקְבֶּעקוּמֶען. אוּן עֶטְלִיכֶע זֶענֶען גֶעפְּלָאגְט גֶעוָוארֶען אוּן הָאבֶּען
קֵיינֶע בֶּעפְרֵייאוּנְג נִיט אָנְגֶענוּמֶען, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען אַ בֶּעסֶערֶע אוֹיפְעֶרְשְׁטֶעהוּנְג
דֶערְהַאלְטֶען. 36 אוּן אַנְדֶערֶע זֶענֶען גֶעפְּרִיפְט גֶעוָוארֶען דוּרְךְ שְׁפָּאט אוּן
שְׁמֵייסֶען מִיט רִיטֶער, אוּן אֲפִילוּ דוּרְךְ קֶעטֶען אוּן גֶעפֶענְגְנִיס. 37 זֵייא זֶענֶען
גֶעשְׁטֵיינִיגְט גֶעוָוארֶען, גֶעפְּרִיפְט גֶעוָוארֶען, דוּרְכְגֶעזֶעגְט גֶעוָוארֶען, מִיט דֶעם
שְׁוֶוערְט גֶעטֵייטֶעט גֶעוָוארֶען, זֵייא זֶענֶען אִין פֶעל פוּן שָׁאף אוּן פוּן צִיגֶען
אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען, זֵייא זֶענֶען אִין דֶער נוֹיט אוּן אִין צָרוֹת גֶעוֶוען, זֶענֶען שְׁלֶעכְט
בֶּעהַאנְדֶעלְט גֶעוָוארֶען, 38 פוּן וֶועלְכֶע דִיא וֶועלְט אִיז נִיט וֶוערְט גֶעוֶוען; זֵייא
הָאבֶּען אַרוּמְגֶעוַואנְדֶעלְט אִין ווִיסְטֶע אֶרְטֶער אוּן אוֹיף בֶּערְג אוּן אִין הֵיילֶען אוּן
לֶעכֶער פוּן דֶער עֶרְד. 39 אוּן דִיזֶע אַלֶע הָאבֶּען עֵדוּת בֶּעקוּמֶען דוּרְךְ זֵייעֶר
גְלוֹיבֶּען, דָאךְ הָאבֶּען זֵייא נִיט דִיא הַבְטָחָה דֶערְהַאלְטֶען, 40 אִינְדֶעם גָאט
הָאט עֶפֶּעס בֶּעסֶערֶעס פַאר אוּנְז פָארְאוֹיס גֶעזֶעהֶען, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען נִיט אָהְן
אוּנְז פָאלְקָאמֶען גֶעמַאכְט וֶוערֶען.

יב 1 דֶעסְטְוֶועגֶען ווַייל מִיר הָאבֶּען אַרוּם אוּנְז אַזֶעלְכֶע וָואלְקֶען פוּן עֵדוּת,
לָאזֶען מִיר אוֹיךְ אָפְּלֶעגֶען יֶעדֶע לַאסְט אוּן דִיא בֶּעהֶעפְטֶע זִינְד, אוּן לָאזֶען
מִיר לוֹיפֶען מִיט גֶעדוּלְד דֶעם לוֹיף וָואס אִיז פָאר אוּנְז גֶעזֶעצְט; 2 אוּן אוֹיפְ-
בְּלִיקֶען אוֹיף יֵשׁוּעַ, דֶער אִיז דֶער אָנְהֵייבֶּער אוּן פָאלֶענְדֶער פוּן אוּנְזֶערֶען
גְלוֹיבֶּען, וֶועלְכֶער וֶועגֶען דֶער פְרֵייד וָואס אִיז פָאר אִיהְם גֶעזֶעצְט גֶעוֶוען
הָאט דָאס קְרֵייץ דֶערְטְרָאגֶען, מִיט פֶערְאַכְטוּנְג פוּן דֶער שַׁאנְד, אוּן הָאט
זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּ דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן דֶעם שְׁטוּהְל פוּן גָאט.
3 וָוארִין בֶּעטְרַאכְטֶעט דֶעם וֶועלְכֶער הָאט אַזֶעלְכֶען ווִידֶערְשְׁפְּרוּךְ פוּן זִינְדֶער
קֶעגֶען זִיךְ גֶעלִיטֶען, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט נִיט מִיד וֶוערֶען אוּן נִיט שְׁוַואךְ זֵיין אִין
אֵייעֶרֶע זֶעלֶען. 4 אִיהְר הָאט נָאךְ נִיט ווִידֶערְשְׁטַאנֶען בִּיז צוּם בְּלוּט אִים
שְׁטְרֵייט קֶעגֶען דֶער זִינְד. 5 אוּן אִיהְר הָאט פֶערְגֶעסֶען דִיא וָוארְנוּנְג וָואס
רֶעט צוּ אֵייךְ ווִיא צוּ זִיהְן,

מֵיין זוּהְן, פֶערְאַכְט נִיט דִיא שְׁטְרָאף פוּן דֶעם הַאר'ן,
אוּן פֶערְצַאג נִיט וֶוען דוּא בִּיסְט פוּן אִיהְם גֶעטַאדֶעלְט;
6 וָוארִין וֶועמֶען דֶער הַאר לִיבְּט דֶעם שְׁטְרָאפְט עֶר,
אוּן עֶר צִיכְטִיגְט אִיטְלִיכֶען זוּהְן דֶעם עֶר נֶעמְט אָן.

7 עֶס אִיז צוּ שְׁטְרָאף אַז אִיהְר דֶערְטְרָאגְט; הַאנְדֶעלְט גָאט מִיט אֵייךְ אַזוֹי ווִיא
מִיט זִיהְן; וָוארִין וָואסְפַאר אַ זוּהְן אִיז דֶער וֶועלְכֶען זֵיין פָאטֶער שְׁטְרָאפְט
נִיט? 8 וֶוען אִיהְר זֶענְט אָהְן שְׁטְרָאף, דְרִינֶען אַלֶע הָאבֶּען אַ טְהֵייל גֶעהַאט,
אַזוֹי זֶענְט אִיהְר מַמְזֵרִים אוּן נִיט זִיהְן. 9 דֶערְצוּ מִיר הָאבֶּען אוֹיךְ לֵייבְּלִיכֶע

משלי ג׳ יא׳, יב׳ 5,6

פֶּעטֶער גֶעהַאט וָואס הָאבֶּען אוּנְז גֶעשְׁטְרָאפְט, אוּן מִיר הָאבֶּען מוֹרָא פַאר
זֵייא גֶעהַאט. זָאלֶען מִיר נִיט פִיל מֶעהְר אוּנְטֶערְטֶענִיג זֵיין צוּ דֶעם פָּאטֶער
פוּן דִיא גֵייסְטֶער אוּן לֶעבֶּען? 10 וָוארִין זֵייא הָאבֶּען אוּנְז גֶעשְׁטְרָאפְט פַאר
עֶטְלִיכֶע טֶעג נָאךְ זֵייעֶר גֶעפֶעלֶען; אָבֶּער עֶר טְהוּט עֶס צוּ אוּנְזֶער גוּטֶען, כְּדֵי
מִיר זָאלֶען אַ טְהֵייל הָאבֶּען אִין זֵיינֶער הֵיילִיגְקֵייט. 11 קֵיינֶע שְׁטְרָאף שֵׁיינְט נִיט
פְרֶעהְלִיךְ צוּ זֵיין פַאר דִיא אִיצְטִיגֶע צֵייט, נֵייעֶרְט טְרוּירִיג; אָבֶּער דֶערְנָאךְ בְּרֶענְגְט
זִיא דִיא פְרִידְלִיכֶע פְרוּכְט פוּן גֶערֶעכְטִיגְקֵייט צוּ דִיא וָואס זֶענֶען דְרִינֶען גֶעאִיבְּט.
12 דְרוּם רִיכְטֶעט אוֹיף דִיא שְׁלַאפֶע הֶענְד אוּן דִיא קְנִיעֶן וָואס שְׁטְרוּיכְלֶען
זִיךְ, 13 אוּן מַאכְט גְלֵייךְ דִיא שְׁטֶעגֶען פַאר אֵייעֶרֶע פִיס, כְּדֵי דָאס הִינְקֶענְ־
דִיגֶע זָאל זִיךְ נִיט אָפְּקֶעהְרֶען פוּן דֶעם וֶועג, נֵייעֶרְט עֶס זָאל לִיבֶּער גֶעהֵיילְט
וֶוערֶען. 14 יָאגְט נָאךְ דֶעם פְרִידֶען מִיט אַלֶע מֶענְשֶׁען אוּן הֵיילִיגְקֵייט, אָהְן
וֶועלְכֶער וֶועט קֵיינֶער דֶעם הַאר'ן נִיט זֶעהֶען; 15 אוּן גִיבְּט אַכְטוּנְג
אַז קֵיינֶער זָאל נִיט צוּרִיקְבְּלֵייבֶּען פוּן דֶער גְנָאד פוּן גָאט, אַז עֶס זָאל נִיט
אַרוֹיסְשְׁפְּרָאצֶען אַ וָואוּרְצֶעל פוּן בִּיטֶערְקֵייט אֵייךְ צוּ בֶּעטְרִיבֶּען, אוּן דוּרְךְ
דֶעם זָאלֶען פִילֶע בֶּעפְלֶעקְט וֶוערֶען; 16 אַז עֶס זָאל נִיט זֵיין אַ נוֹאֵף אָדֶער
חָלָל וִוִיא עֵשָׂו, וָואס הָאט פַאר אַ שְׁפֵּייז זֵיינֶע בְּכוֹרָה פֶערְקוֹיפְט. 17 וָוארִין
אִיהְר ווֵייסְט אַז דֶערְנָאךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט יַרְשֶׁענֶען דִיא בְּרָכָה, אִיז עֶר
פֶערְוָוארְפֶען גֶעוֶוען; וָוארִין עֶר הָאט קֵיינֶע גֶעלֶעגֶענְהֵייט פוּן תְּשׁוּבָה גֶעפִינֶען,
וֶוען אַפִילוּ עֶר הָאט זִיא מִיט טְרֶערֶען גֶעזוּכְט.

18 וָוארִין אִיהְר זֶענְט גֶעקוּמֶען נִיט צוּ אַ בַּארְג וָואס קֶען אָנְגֶערִיהְרְט וֶוערֶען,
אוּן וָואס בְּרֶענְט מִיט פֵייעֶר, אוּן צוּ דוּנְקֶעלֶע וָואלְקֶען אוּן פִינְסְטֶערְנִיס
אוּן שְׁטוּרְם, 19 אוּן צוּם שַׁאלְל פוּן אַ שׁוֹפָר, אוּן צוּם קוֹל פוּן וֶוערְטֶער, וָואס
דִיא וָואס הָאבֶּען עֶס גֶעהֶערְט הָאבֶּען גֶעבֶּעטֶען אַז דָאס וָוארְט זָאל נִיט
מֶעהְר צוּ זֵייא גֶערֶעט וֶוערֶען; 20 וָוארִין זֵייא הָאבֶּען נִיט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְ־
טֶען דָאס וָואס אִיז גֶעבָּאטֶען גֶעוָוארֶען, אַפִילוּ וֶוען אַ בְּהֵמָה וֶועט דֶעם בַּארְג
אָנְרִיהְרֶען זָאל זִיא פֶערְשְׁטֵיינִיגְט וֶוערֶען. 21 אוּן דִיא עֶרְשֵׁיינוּנְג אִיז גֶעוֶועזֶען
אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, אַז מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק מוֹרָא אוּן בִּין זֶעהְר
דֶערְשְׁרָאקֶען. 22 נֵייעֶרְט אִיהְר זֶענְט גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם בַּארְג צִיּוֹן, אוּן צוּ דֶער
שְׁטָאדְט פוּן דֶעם לֶעבֶּעדִיגֶען גָאט, צוּ דֶעם הִימְלִישֶׁען יְרוּשָׁלַיִם, אוּן צוּ צֶעהְן
טוֹיזֶענְד פוּן מַלְאָכִים, 23 צוּ דִיא אַלְגֶעמֵיינֶע פֶערְזַאמְלוּנְג אוּן קְהִלָּה פוּן
עֶרְשְׁטְגֶעבּוֹירֶענֶע, וָואס זֶענֶען אִים הִימֶעל אֵיינְגֶעשְׁרִיבֶּען, אוּן צוּ גָאט דֶעם
רִיכְטֶער פוּן אַלֶע מֶענְשֶׁען, אוּן צוּ דִיא גֵייסְטֶער פוּן דִיא פָאלְקָאמֶענְדִיגֶע
צַדִיקִים, 24 אוּן צוּ יֵשׁוּעַ דֶעם פֶערְמִיטְלֶער פוּן אַ נֵייעֶן בּוּנְד, אוּן צוּם בְּלוּט
פוּן שְׁפְּרֶענְקְלוּנְג, וָואס רֶעט בֶּעסֶערֶע זַאכֶען ווִיא דָאס פוּן הֶבֶל.

25 זֶעהְט צוּ אַז אִיהְר זָאלְט נִיט פֶערְאַכְטֶען דֶעם רֶעדְנֶער; וָוארִין וֶוען דִיא
זֶענֶען נִיט אַנְטְרִינֶען וָואס הָאבֶּען פֶערְאַכְטֶעט דֶעם וָואס הָאט אוֹיף דֶער עֶרְד
גֶערֶעט, ווִיא פִיל מֶעהְר וֶועלֶען מִיר נִיט אַנְטְרִינֶען, וֶועלְכֶע אָפְּקֶעהְרֶען

שמות יט׳ יג׳, 20
דברים ט׳ יט׳, 21

פון דעם וועלכער רעט פון דעם הימעל. 26 וועמעס קול האט דאן די
ערד ציטערן געמאכט, אבער איצט האט ער פערשפראכען און געזאגט, נאך
אמאל וועל איך בעוועגען ניט נור די ערד, נייערט אויך דעם הימעל. 27 און
דאס ווארט, נאך אמאל, צייגט אן די פערענדערונג פון די וואס זענען
געציטערט, וויא פון זאכען וואס זענען געמאכט, כדי די וואס זענען ניט
געציטערט זאלען בלייבען. 28 דעסטוועגען אינדעם מיר דערהאלטען א קעניג־
רייך וואס איז ניט בעוועגט, לאזען מיר גנאד האבען דורך דער מיר זאלען
גאט וואוילגעפעליג דינען, מיט עהרליכקייט און פארכט. 29 ווארין אונזער גאט
איז אויך א פערצעהרענדעם פייער.

יג 1 לאז די ברידערליכע ליבע בלייבען. 2 פערגעסט ניט הכנסת אורחים;
ווארין דורך דער האבען עטליכע, אהן צו וויסען, מלאכים אויפגענומען.
3 געדענקט אן די וואס זענען געפאנגען גלייך וויא איהר זענט מיטגעפאנ־
גענע, אן די וואס זענען שלעכט בעהאנדעלט גלייך וויא איהר אליין זענט
אויך אים לייב. 4 לאז דער חתונה שטאנד צווישען אלע אין כבוד געהאלטען
זיין, און דאס בעט ניט אין חלול געמאכט; ווארין זונים און הורער וועט גאט
ריכטען. 5 לאז אייערע לעבענסארט אהן געלדליבע זיין, זייט צופרידען מיט
דעם וואס איהר האט; ווארין ער האט געזאגט, איך וועל דיר אויף קיין אופן
ניט פעהלען און איך וועל דיך בשום אופן ניט פערלאזען. 6 אזוי אז מיר
קענען מיט בטחון זאגען

דער האר איז מיין העלפער, איך וועל מיך ניט פארכטען;
וואס וועט מיר א מענש טהון?

7 געדענקט אן אייערע פיהרער, די וואס האבען צו אייך גערעט דאס
ווארט פון גאט, און בעטראכטעט דעם אויסגאנג פון זייער וואנדלען, און
פאלגט נאך זייער גלויבען. 8 ישוע המשיח איז דער זעלביגע געכטען און
היינט און אויף עביג. 9 זייט ניט ארומגעטריבען מיט פערשידענע און פרעמ־
דע לעהרען; ווארין עס איז גוט אז דאס הארץ זאל בעפעסטיגט זיין מיט
גנאד, ניט דורך שפייזען וואס נוצטען ניט צו די וואס האבען זיך דערמיט
בעשעפטיגט. 10 מיר האבען א מזבח, פון דעם די וואס דינען פאר דעם
משכן האבען ניט קיין רעכט דערפון צו עסען. 11 ווארין די לייבער פון
יענע בהמות, פון וועלכע דער כהן גדול האט דאס בלוט אריינגעבראכט
אים היילגען ארט פאר זינד, זענען אויסער דעם לאגער פערברענט געווארען.
12 דרום האט אויך ישוע געליטען אויסער דעם טויער, כדי ער זאל דאס
פאלק היילגען דורך זיין אייגענען בלוט. 13 דעסטוועגען לאזען מיר געהען צו
איהם ארויס אויסער דעם לאגער, און טראגען זיינע שאנד. 14 ווארין מיר
האבען ניט קיינע שטאדט דא וואס בלייבט, נייערט מיר זוכען די וואס וועט
קומען. 15 דרום דורך איהם לאזען מיר בעשטענדיג מקריב זיין א קרבן פון
לויב צו גאט, דאס הייסט די פרוכט פון אונזערע ליפען, וועלכע זענען

חגי ב׳ ו׳, 26 יהושע א׳ ה׳, 5 תהלים קיח׳ ו׳, 6

מוֹדֶה צוּ זַיין נָאמֶען. 16 אָבֶּער וֶועגֶען גוּטֶעס טְהוּן אוּן גֶעמֵיינְשַׁאפְט פֶערְגֶעסְט
נִיט; וָוארִין אַזֶעלְכֶע קָרְבָּנוֹת זֶענֶען גָאט וְואוֹילְגֶעפֶעלִיג.
17 הֶערְט צוּ אֵייעֶרֶע פָארְשְׁטֶעהֶער אוּן זַייט זַייא אוּנְטֶערְטֶענִיג, וָוארִין זַייא
וַואכֶען פַאר אֵייעֶרֶע זֶעלֶען, אַזוֹי וִויא דִיא וָועלְכֶע וָועלֶען רֶעכְנוּנְג אָפְּגֶעבֶּען, כְּדֵי
זַייא זָאלֶען דָאס טְהוּן מִיט פְרֵייד אוּן נִיט מִיט זִיפְצֶען; וָוארִין דָאס נוּצְט אֵייךְ נִיט.
18 בֶּעט פַאר אוּנְז, וָוארִין מִיר זֶענֶען פֶערְזִיכֶערְט אַז מִיר הָאבֶּען אַ גוּטֶעס
גֶעוִויסֶען, אִינְדֶעם מִיר וִוילֶען אִין אַלֶע זַאכֶען עֶהְרְלִיךְ לֶעבֶּען. 19 אוּן נָאךְ
מֶעהְר בִּין אִיךְ אֵייךְ מַזְהִיר דָאס צוּ טְהוּן, כְּדֵי אִיךְ זָאל צוּ אֵייךְ גֶעשְׁוִוינְדֶער
צוּרִיקְגֶעגֶעבֶּען וָוערֶען. 20 אוּן דֶער גָאט פוּן פְרִידֶען דֶער הָאט פוּן דִיא
טוֹיטֶע אַרוֹיפְגֶעבְּרַאכְט אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ, דֶעם גְרוֹיסֶען פַּאסְטוּךְ פוּן דִיא
שָׁאף, אִים בְּלוּט פוּן דֶעם עֶבִּיגֶען בּוּנְד, 21 זָאל אֵייךְ פָאלְקָאמֶען מַאכֶען אִין
יֶעדֶעם גוּטֶען, כְּדֵי צוּ טְהוּן זַיין וִוילֶען, אִינְדֶעם עֶר וִוירְקְט אִין אֵייךְ דָאס וָואס אִיז
פָאר אִיהְם וְואוֹילְגֶעפֶעלִיג דוּרְךְ יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ; צוּ אִיהְם זָאל דִיא הֶערְלִיכְקֵייט
זַיין פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט, אָמֵן.
22 נוּן בִּין אִיךְ אֵייךְ מַזְהִיר בְּרִידֶער דֶערְטְרָאגְט דָאס וָוארְט פוּן וָוארְנוּנְג;
וָוארִין אִיךְ הָאבּ צוּ אֵייךְ אִין קוּרְצֶען גֶעשְׁרִיבֶּען. 23 אִיהְר זָאלְט וִויסֶען אַז
אוּנְזֶער בְּרוּדֶער טִימוֹתִיוֹס אִיז פְרֵייא גֶעוָוארֶען, מִיט וָועלְכֶעם, וָוען עֶר וֶועט
בַּאלְד קוּמֶען, וֶועל אִיךְ אֵייךְ זֶעהֶען.
24 גְרִיסְט אַלֶע אֵייעֶרֶע פָארְשְׁטֶעהֶער אוּן אַלֶע הֵיילִיגֶע. דִיא וָואס זֶענֶען פוּן
אִיטַלְיָא גְרִיסֶען אֵייךְ.
25 גְנָאד זָאל זַיין מִיט אֵייךְ אַלֶע; אָמֵן.

דֶער בְּרִיף פוּן דֶעם אַפָּאסְטֶעל יַעֲקֹב.

---

1 יַעֲקֹב, אַ קְנֶעכְט פוּן גָאט אוּן פוּן דֶעם הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ צוּ דִיא צְוֶועלְף
שְׁבָטִים וָואס זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט אַ גְרוּס.
2 מֵיינֶע בְּרִידֶער, הַאלְט עֶס פַאר גַאנְצֶע פְרֵייד וָוען אִיהְר זֶענְט גֶעפְּרִיפְט
מִיט פֶערְשִׁידֶענֶע פְּרִיפוּנְגֶען; 3 אִינְדֶעם אִיהְר ווייסְט אַז דִיא פְּרִיפוּנְג פוּן אֵייעֶר
גְלוֹיבֶּען וִוירְקְט גֶעדוּלְד. 4 אָבֶּער לָאז דִיא גֶעדוּלְד הָאבֶּען אִיהְר גַאנְצֶעס
וֶוערְק, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט גַאנְץ אוּן פָאלְקָאמֶען זַיין אוּן זָאלְט גָאר נִיט בֶּעדַארְ־
פֶען. 5 וָוען אֵיינֶער פוּן אֵייךְ בֶּעדַארְפְט חָכְמָה, לָאז עֶר עֶס בֶּעטֶען פוּן גָאט,
דֶער גִיבְּט פְרֵייא צוּ אַלֶע מֶענְשֶׁען, אוּן שֶׁעלְט קֵיינֶעם; אוּן עֶס וֶועט אִיהְם
גֶעגֶעבֶּען וָוערֶען. 6 אָבֶּער לָאז עֶר בֶּעטֶען אִין גְלוֹיבֶּען, אוּן לָאז עֶר נִיט
צְווייפֶלֶען; וָוארִין דֶער וָואס צְווייפֶעלְט אִיז גְלֵייךְ צוּ אַ וָועלֶע פוּן דֶעם יַם וָואס
אִיז פוּן דֶעם וִוינְד אַרוּמְגֶעטְרִיבֶּען אוּן גֶעשְׁטוֹיסֶען. 7 וָוארִין לָאז נִיט יֶענֶער

מֵיינֶען אַז עֶר וֶועט עֶפֶּעס פוּן דֶעם הַאר'ן דֶערְהַאלְטֶען; [8]וֶועלְכֶער אִיז אַ
מַאן צוּטְהֵיילְט אִים הַארְץ, אוּנְבֶּעשְׁטֶענְדִיג אִין אַלֶע זַיינֶע וֶועגֶען. [9]אָבֶּער
לָאז זִיךְ רִיהְמֶען דֶער דֶעמִיטְהִיגֶע בְּרוּדֶער וֶוען עֶר אִיז דֶערְהֵייבְּט; [10]אָבֶּער
דֶער רֵייכֶער וֶוען עֶר אִיז דֶערְנִידְרִיגְט, וָוארִין גְלֵייךְ וִויא אַ בְּלוּם פוּן דֶעם
גְרָאז אַזוֹי וֶועט עֶר פֶערְגֶעהֶען. [11]וָוארִין דִיא זוּן גֶעהְט אוֹיף מִיט דֶעם גְלִיהֶענְדִי־
גֶען וִוינְד, אוּן פֶערְוֶועלְקְט דָאס גְרָאז, אוּן דִיא בְּלוּם דֶערְפוּן פַאלְט אַוֶועק,
אוּן דִיא שֶׁעהְנֶע גֶעשְׁטַאלְט אִיז פֶערְדָארְבֶּען; אַזוֹי וֶועט אוֹיךְ דֶער רֵייכֶער
פֶערְצֶעהְרְט וֶוערֶען אִין זַיינֶע וֶועגֶען.

[12]גֶעבֶּענְשְׁט אִיז דֶער מַאן וָואס בֶּעשְׁטֶעהְט אִין נִסָיוֹן, וָוארִין וֶוען עֶר הָאט
פְּרִיפוּנְג בֶּעשְׁטַאנֶען, וֶועט עֶר דֶערְהַאלְטֶען דִיא קְרוֹין פוּן לֶעבֶּען, וָואס דֶער
הַאר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ דִיא וֶועלְכֶע אִיהְם לִיבֶּען. [13]וֶוען אֵיימִיצֶער אִיז
גֶעפְּרִיפְט לָאז עֶר נִיט זָאגֶען אִיךְ בִּין פוּן גָאט גֶעפְּרִיפְט, וָוארִין גָאט אִיז נִיט
פוּן שְׁלֶעכְטֶעס גֶעפְּרִיפְט, אוּן עֶר אַלֵיין פְּרִיפְט קֵיינֶעם נִיט. [14]אָבֶּער אִיטְלִיכֶער
מַאן אִיז גֶעפְּרִיפְט וֶוען עֶר אִיז פוּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע גְלוּסְטִיגְקֵייטֶען אַוֶועקְגֶעצוֹי־
גֶען אוּן פֶערְפִיהְרְט. [15]נָאכְדֶעם דִיא גְלוּסְטִיגְקֵייט אִיז טְרָאגֶענְדִיג גֶעוָוארֶען
גֶעווינְט זִיא זִינְד, אוּן דִיא זִינְד וֶוען זִיא אִיז פָאלְקָאמֶען גֶעוָוארֶען גֶעווינְט דֶעם
טוֹיט.

[16]זַייט אֵייךְ נִיט טוֹעֶה, מֵיינֶע גֶעלִיבְּטֶע בְּרִידֶער. [17]יֶעדֶע גוּטֶע מַתָּנָה אוּן
יֶעדֶעס פָאלְקָאמֶענֶעס גֶעשֶׁענְק אִיז פוּן אוֹיבֶּען, אוּן קוּמְט אַרוּפּ פוּן דֶעם
פָאטֶער פוּן דִיא לִיכְט, בֵּייא דֶעם עֶס אִיז נִיט פַארְהַאנֶען קֵיינֶע פֶערְעֶנְדֶערוּנְג,
אוּן נִיט קֵיין שָׁאטֶען פוּן פֶערְוֶועקְסְלוּנְג. [18]דוּרְךְ זַיין ווִילֶען הָאט עֶר אוּנְז
גֶעוִוינֶען דוּרְךְ דֶעם וָוארְט פוּן וָואהְרְהֵייט, כְּדֵי מִיר זָאלֶען זַיין אַ מִין עֶרְשְׁטֶע
פְּרוּכְט פוּן זַיינֶע בְּרִיאוֹת.

[19]אִיהְר ווַייסְט דָאס מֵיינֶע גֶעלִיבְּטֶע בְּרִידֶער. אָבֶּער לָאז אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ
גֶעשְׁווִינְד זַיין צוּם הֶערֶען, שְׁוֶוער צוּם רֶעדֶען, שְׁוֶוער צוּם צָארְן; [20]וָוארִין
דֶער צָארְן פוּן דֶעם מֶענְשֶׁען ווִירְקְט נִיט דִיא גֶערֶעכְטִיגְקֵייט פוּן גָאט. [21]דְרוּם
טְהוּט אָפּ אַלֶע אוּנְרֵיינִיגְקֵייט אוּן אִיבֶּערְפְלוּס פוּן שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט, אוּן נֶעמְט
אָן מִיט אַ נִידְרִיגֶען גֶעמִיט דָאס אֵיינְגֶעפְּלַאנְצְטֶע וָוארְט, וָואס קֶען אֵייעֶרֶע
נְשָׁמוֹת רֶעטֶען. [22]אָבֶּער זַייט טְהוּעֶר פוּן דֶעם וָוארְט אוּן נִיט נוּר הֶערֶער דֶערְ־
פוּן, וֶועלְכֶע אֵייךְ אַלֵיין פֶערְפִיהְרֶען. [23]וָוארִין וֶוען אֵיימִיצֶער אִיז אַ הֶערֶער
פוּן דֶעם וָוארְט אוּן נִיט אַ טְהוּעֶר, אִיז עֶר גְלֵייךְ צוּ אַ מַאן וָואס זֶעהְט זַיין
נַאטִירְלִיכֶעס פָּנִים אִין אַ שְׁפִּיגֶעל; [24]וָוארִין עֶר זֶעהְט זִיךְ אָן אוּן גֶעהְט אַוֶועק,
אוּן גְלֵייךְ פֶערְגֶעסְט וָואסְפַאר אַ מַאן עֶר אִיז גֶעוֶוען. [25]אָבֶּער דֶער וָואס
קוּקְט אַרֵיין אִים פָאלְקָאמֶען גֶעזֶעץ פוּן פְרֵייהֵייט אוּן בְּלֵייבְּט דֶערְבֵּייא, דֶער
אִיז נִיט אַ הֶערֶער וָואס פֶערְגֶעסְט, נֵייעֶרְט אַ טְהוּעֶר וָואס ווִירְקְט, אוּן דִיזֶער
וֶועט גֶעבֶּענְשְׁט וֶוערֶען אִין זַיין טְהוּן.

[26]וֶוען אֵיימִיצֶער מֵיינְט אַז עֶר אִיז פְרוּם, אוּן הַאלְט נִיט זַיינֶע צוּנְג אִים
צוּים, נֵייעֶרְט פֶערְפִיהְרְט זַיין אֵייגֶענֶעם הַארְץ, אִיז פוּן דִיזֶעם דִיא פְרוּמִיגְקֵייט

אוּמְזוּסְט. 27 רֵיינֶע פְרוּמִיגְקֵייט אוּן אָהְן אַ פְלֶעק פָאר גָאט אוּן דֶעם פָאטֶער
אִיז דָאס, יְתוֹמִים אוּן אַלְמָנוֹת צוּ בֶּעזוּכֶען אִין זֵייעֶרֶע צָרוֹת, אוּן זִיךְ צוּ
הַאלְטֶען אוּנְבֶּעפְלֶעקְט פוּן דֶער וֶועלְט.

ב 1 מֵיינֶע בְּרִידֶער, הַאלְט נִיט דֶעם גְלוֹיבֶּען פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן פוּן הֶערְ־
לִיכְקֵייט יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ מִיט אָנְזֶעהֶען פוּן פָּנִים. 2 וָוארִין וֶוען עֶס קוּמְט אַרֵיין
אִין אֵייעֶרֶעם בֵּית הַכְּנֶסֶת אַ מַאן מִיט אַ גָאלְדֶענֶען רִינְג אִין אַ פֵיינֶען קְלֵייד,
אוּן עֶס קוּמְט אַרֵיין אוֹיךְ אֵיין אָרְמֶער מַאן אִין אַ מִיאוּסֶען קְלֵייד, 3 אוּן אִיהְר
זֶענְט נוֹשֵׂא פָּנִים דֶעם וָואס אִיז אָנְגֶעטְהוּן אִים פֵיין קְלֵייד, אוּן זָאגְט צוּ אִיהְם,
זֶעץ דִיךְ דָא אִים גוּטֶען פְּלַאץ, אוּן צוּ דֶעם אָרְמֶען זָאגְט אִיהְר, דוּא שְׁטֶעה
דָארְט, אָדֶער זֶעץ דִיךְ אוּנְטֶער מֵיינֶע פוּסְבֶּענְקֶעל, 4 זֶענְט אִיהְר נִיט
אִין אֵייעֶרֶע דֵעוֹת גֶעטְהֵיילְט, אוּן זֶענְט רִיכְטֶער גֶעוָוארֶען פוּן שְׁלֶעכְטֶע
גֶעדַאנְקֶען?

5 הֶערְט צוּ, מֵיינֶע גֶעלִיבְּטֶע בְּרִידֶער. הָאט נִיט גָאט אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט דִיא
אָרְמֶע לֵייט פוּן דֶער וֶועלְט רֵייךְ אִים גְלוֹיבֶּען צוּ זַיין אוּן יוֹרְשִׁים פוּן דֶעם
קֶענִיגְרֵייךְ וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ דִיא וָואס לִיבֶּען אִיהְם? 6 אָבֶּער אִיהְר
הָאט דִיא אָרְמֶע לֵייט מְבַזֶה גֶעוֶועןְ. זֶענֶען עֶס נִיט דִיא רֵייכֶע וֶועלְכֶע אֵייךְ
אוּנְטֶערְדְרִיקֶען, אוּן זֵייא זֶעלְבְּסְט שְׁלֶעפֶּען אֵייךְ צוּ דֶעם גֶערִיכְט? 7 לֶעסְטֶערְן
זֵייא נִיט דֶעם גוּטֶען נָאמֶען בֵּייא וֶועלְכֶען אִיהְר זֶענְט גֶערוּפֶען? 8 וֶוען אָבֶּער
אִיהְר זֶענְט מְקַיֵים דָאס קֶענִיגְלִיכֶע גֶעזֶעץ נָאךְ דֶער שְׁרִיפְט, דוּא זָאלְסְט דֵיין
גֶעזֶעלֶען לִיבֶּען וִויא דִיךְ זֶעלְבְּסְט, טְהוּט אִיהְר רֶעכְט; 9 אָבֶּער וֶוען אִיהְר
זֶענְט נוֹשֵׂא פָּנִים, טְהוּט אִיהְר זִינְד, אוּן אִיהְר זֶענְט גֶעשְׁטְרָאפְט פוּן דֶעם
גֶעזֶעץ אַלְס אִיבֶּערְטְרֶעטֶער. 10 וָוארִין דֶער וָואס וֶועט דָאס גַאנְצֶע גֶעזֶעץ
הַאלְטֶען, אוּן וֶועט דָאךְ אִין אֵיינֶעם זַאךְ שְׁטְרוֹיכְלֶען, אִיז עֶר שׁוּלְדִיג אוֹיף
אַלֶעס. 11 וָוארִין דֶער וֶועלְכֶער הָאט גֶעזָאגְט, דוּא זָאלְסְט נִיט מְזַנֶה זַיין הָאט
אוֹיךְ גֶעזָאגְט דוּא זָאלְסְט נִיט טֵייטֶען; נוּן וֶוען דוּא בִּיסְט נִיט מְזַנֶה אָבֶּער
דוּא טֵייטֶעסְט, אַזוֹי הָאסְט דוּא דָאס גֶעזֶעץ עוֹבֵר גֶעוָוארֶען. 12 רֶעט אִיהְר
אַזוֹי אוּן טְהוּט אַזוֹי וִויא דִיא וָואס וֶועלֶען דוּרְךְ דֶעם גֶעזֶעץ פוּן פְרֵייהֵייט
גֶערִיכְטֶעט וֶוערֶען. 13 וָוארִין דָאס מִשְׁפָּט אִיז אָהְן רַחְמָנוֹת צוּ דֶעם וָואס הָאט
נִיט בֶּעוִויזֶען רַחְמָנוֹת; רַחְמָנוֹת רִיהְמְט זִיךְ קֶעגֶען מִשְׁפָּט.

14 וָואס נוּצְט עֶס, מֵיינֶע בְּרִידֶער, וֶוען אֵיימִיצֶער זָאגְט אַז עֶר הָאט גְלוֹיבֶּען,
אוּן עֶר הָאט נִיט קֵיינֶע וֶוערְק? קֶען אִיהְם דֶער גְלוֹיבֶּען רֶעטֶען? 15 וֶוען אַ
בְּרוּדֶער אָדֶער אַ שְׁוֶועסְטֶער אִיז נַאקֶעט, אוּן הָאט נִיט דִיא טֶעגְלִיכֶע מִחְיָה,
16 אוּן אֵיינֶער פוּן אֵייךְ זָאגְט צוּ זֵייא גֶעהְט אִין פְרִידֶען, וַוארְמְט אֵייךְ אוּן
זֶעטִיגְט אֵייךְ, אָבֶּער אִיהְר גִיבְּט זֵייא גָאר נִיט וָואס זֵייא בֶּעדַארְפֶען פַאר דֶעם
לֵייב, וָואס נוּצְט דָאס? 17 אַזוֹי אוֹיךְ דֶער גְלוֹיבֶּען וֶוען עֶר הָאט נִיט קֵיינֶע
וֶוערְק אִיז אִין זִיךְ זֶעלְבְּסְט טוֹיט. 18 אָבֶּער אֵיימִיצֶער וֶועט זָאגֶען, דוּא הָאסְט
גְלוֹיבֶּען אוּן אִיךְ הָאבּ וֶוערְק; וַוייז מִיר דֵיין גְלוֹיבֶּען אָהְן דִיא וֶוערְק, אוּן אִיךְ

8 ויקרא יט׳ יח׳. 11 שמות כ׳ יג׳, יד׳: דברים ה׳ יז׳.

װעל דיר װײזען מײן גלױבען דורך דיא װערק. 19 דוא גלױבסט אַז גאָט
איז אײנער; דוא טהוסט רעכט; אױך דיא שדים גלױבען און ציטערן.
20 אָבער װילסט דוא װיסען, אײטעלער מענש, אַז דער גלױבען אָהן װערק איז
אומנוצליך? 21 איז ניט אונזער פאָטער אַבְרָהָם דורך װערק גערעכטפערטיגט
געװאָרען, װען ער האָט זײן זוהן יִצְחָק מַקְרִיב געװען אױף דעם מִזְבֵּחַ?
22 דוא זעהסט אַז דער גלױבען האָט מיט זײנע װערק געװירקט, און דורך דיא
װערק איז דער גלױבען פאָלקאָמען געמאַכט געװאָרען, 23 און דיא שריפט איז
דערפילט געװאָרען, װאָס זאָגט, און אַבְרָהָם האָט געגלױבט גאָט און עס איז צו
איהם גערעכענט געװאָרען פאַר גערעכטיגקײט, און ער איז דער פרײנד פון
גאָט גערופען. 24 איהר זעהט אַז אַ מענש איז דורך װערק גערעכטפערטיגט,
און ניט נור דורך גלױבען. 25 גלײכדעם איז רָחָב הַזּוֹנָה אױך ניט דורך װערק
גערעכטפערטיגט געװאָרען, אינדעם זיא האָט דיא מְרַגְּלִים אױפגענומען, און
האָט זײא אַװעקגעשיקט אױף אײן אַנדערען װעג? 26 װאָרין גלײך װיא דער
גוף אָהן דער נְשָׁמָה איז טױט, אַזױ איז אױך דער גלױבען טױט אָהן װערק.
ג 1 מײנע ברידער, זײט ניט פילע לעהרער, װײל איהר װײסט אַז מיר װעלען
אַ גרעסערעס מִשְׁפָּט דערהאַלטען. 2 װאָרין אין פילע זאַכען שטרױכלען מיר
אַלע; װען אײמיצער שטרױכעלט ניט אין װאָרט, איז ער אַ פאָלקאָמענער מאַן
און קען אױך דעם גאַנצען לײב אים צוים האַלטען. 3 נון װען מיר צױמען
לעגען אין דיא מײלער פון דיא פערד, כְּדֵי זײא זאָלען אונז געהאָרכען, אַזױ
פיהרען מיר אױך זײער גאַנצען לײב. 4 זעה אױך דיא שיפען װיא גרױס זײא
זענען און װיא זײא זענען פון שטאַרקע װינדען אַרומגעטריבען, זענען זײא
דאָך מיט אַ קלײנען רודער געפיהרט װאו אַהין דער שיפמײסטער װיל.
5 אַזױ אױך דיא צונג איז אַ קלײנעס גליד, און באַריהמט זיך פון גרױסע זאַכען.
זעה װיא אַ קלײנעס פײער צינדט אָן אַ גרױסען װאַלד. 6 און דיא צונג איז אַ
פײער, דיא װעלט פון אונרעכט, צװישען אונזערע גלידער געשטעלט, װעלכע
בעפלעקט דעם גאַנצען לײב, און צינדט אָן דאָס ראַד פון דער נאַטור,
און זיא איז פון גֵיהִנָּם אָנגעצינדען. 7 װאָרין יעדע טֶבַע פון בְּהֵמוֹת און
פון עוֹפוֹת, פון קריכענדיגע און פון חַיּוֹת אים יַם איז געצױמט און איז
געצױמט געװאָרען דורך דיא מענשליכע טֶבַע; 8 אָבער דיא צונג קען קײן
מענש ניט צױמען; זיא איז אײן אונרוהיגעס איבעל, פול מיט גיפט װאָס
ברענגט טױט. 9 מיט איהר בענשען מיר דעם האַר'ן און פאָטער, און מיט
איהר שעלטען מיר דיא מענשען װאָס זענען אין דער געשטאַלט פון גאָט
געמאַכט געװאָרען. 10 פון דעם זעלביגען מױל קומט אַרױס בְּרָכָה און קְלָלָה.
מײנע ברידער, דיזע זאַכען זאָלען ניט אַזױ זײן. 11 ברענגט דער ברונען
אַרױס פון דיא זעלביגע קװעלע זיס און ביטערעס װאַסער? 12 קען אַ פײגענבױם,
מײנע ברידער, אַרױסברענגען עהלבערען, אָדער אַ װײנשטאָק פײגען? אַזױ
קען ניט געזאַלצעס װאַסער זיסעס אַרױסברענגען.

23 בראשית טו' ו'.

13 װער איז צװישען אײך אַ קלוגער און פֿערשטענדיגער מאַן? לאָז ער
װײזען זײנע מַעֲשִׂים פֿון אַ גוטען װאַנדעל מיט זאַנפֿטמיטיגקײט פֿון חָכְמָה.
14 אָבער װען איהר האָט אין אײער האַרץ ביטערע קִנְאָה און קריג, באַריהמט
אײך ניט און לײקענט ניט קעגען דער װאָהרהײט. 15 דיזע חָכְמָה איז ניט
פֿון אױבען, נײערט איז ערדיש נאַטירליך טײפֿליש; 16 װאָרין װאו עס איז
קִנְאָה און קריג, דאָרט איז פֿערטומלונג און אַלעס שלעכטע װערק. 17 אָבער
די חָכְמָה װאָס איז פֿון אױבען איז צוערשט רײן, דערנאָך פֿרידליך, דעמי־
טיג, לאָזט זיך לײכט אױסגלײכען, פֿול מיט רַחֲמָנוּת און גוטע פֿרוכט,
אומפּאַרטײאיש, אָהן חֲנִיפָה. 18 און די פֿרוכט פֿון גערעכטיגקײט איז אין
פֿרידען אױסגעזײעט פֿאַר די װאָס מאַכען פֿרידען.

ד 1 פֿון װאַנען זענען מַחֲלוֹקֶת און שטרײטען צװישען אײך? זענען זײ ניט
פֿון דאַנען, פֿון אײערע גלוסטען װאָס שטרײטען אין אײערע גלידער?
2 איהר גלוסט און האָט ניט; איהר בעגעהט רְצִיחָה און זענט מְקַנֵא, און איהר
קענט ניט דערלאַנגען; איהר קריגט אײך און האַלט מִלְחָמָה. איהר האָט
ניט װײל איהר בעטעט ניט; 3 איהר בעטעט און בעקומט ניט, װײל איהר
שלעכט בעטעט, כְּדֵי איהר זאָלט עס פֿערצעהרען אין אײערע פֿערגניגען.
4 איהר נוֹאֲפוֹת, װײסט איהר ניט אַז די פֿרײנדשאַפֿט פֿון דער װעלט איז
פֿײנדשאַפֿט קעגען גאָט? דרום איטליכער װאָס װיל אַ פֿרײנד פֿון דער
װעלט זײן, דער שטעלט זיך צום פֿײנד פֿון גאָט. 5 אָדער דענקט איהר אַז
די שריפֿט זאָגט אומזוסט, דער גײסט װאָס ער האָט אין אונז געמאַכט
װאוינען גלוסטעט צו קִנְאָה? 6 אָבער ער גיבט מעהר גנאָד; דרום זאָגט די
שריפֿט, גאָט װידערשטעהט די שטאָלצע אָבער ער גיבט גנאָד צו די
דעמיטיגע.

7 דרום זײט אונטערטעניג צו גאָט; אָבער װידערשטעהט דעם שָׂטָן, און ער
װעט פֿון אײך אַװעקפֿליהען. 8 גענעהנט אײך צו גאָט, און ער װעט זיך צו
אײך גענעהנען. רײניגט אײערע הענד איהר זינדער, און מאַכט רײן אײערע
הערצער איהר דאָפּעלהערציגע. 9 פֿיהלט אײך עלענד און טרױערט און
װײנט; לאָזען זיך אײערע געלעכטער פֿערקעהרען צו קלאָג און אײערע פֿרײד
צו טריבקײט. 10 דערנידריגט אײך פֿאַר דעם האַר׳ן, און ער װעט אײך
דערהײבען.

11 בערעט ניט אײנער דעם אַנדערען, ברידער; דער װאָס בערעט אַ ברודער
אָדער ריכטעט זײן ברודער בערעט דאָס געזעץ און ריכטעט דאָס געזעץ; נון
װען דו ריכטעסט דאָס געזעץ, אַזױ ביסט דו ניט אַ טהוּער פֿון דעם געזעץ
נײערט אַ ריכטער. 12 עס איז אײן געזעצגעבער און ריכטער, דער קען
רעטען און צושטערען; אָבער װער ביסט דו אַז דו ריכטעסט דײן חָבֵר?
13 קומט נון, איהר װאָס זאָגט, הײנט אָדער מאָרגען װעלען מיר אַװעקגעהען
אין דיזער שטאָדט אַרײן און דאָרט אַ יאָהר בלײבען, און װעלען האַנדלען

5 הושע ב׳ כא׳: משלי ג׳ לד׳. 6 משלי ג׳ לד׳.

און פערדינגען. 14 און איהר ווייסט ניט וואס וועט זיך מארגען טרעפען. וואס
איז אייער לעבען? ווארין איהר זענט א דאמפף וואס איז פאר א קליינע
ווײלע געזעהען, דערנאך איז עס אויך פערשווינדען. 15 אנשטאט דעם זאלט
איהר זאגען, ווען דער האר וויל וועלען מיר לעבען און טהון דאס אדער
יענעס. 16 אבער אצונד בארימט איהר אייך אין אייער שטאלץ; אלע אזעלכע
באריהמעריא איז שלעכט. 17 דרום דער וואס ווייסט גוטעס צו טהון און
טהוט עס ניט, דעם איז עס א זינד.

ה 1 געהט נון איהר רייכע, וויינט און קלאגט איבער אייערע צרות וואס
וועלען קומען. 2 אייערע רייכקייט איז פערפוילט געווארען, און אייערע
קליידער זענען מולביג געווארען. 3 אייער גאלד און אייער זילבער זענען פער־
ראסטעט געווארען, און דער ראסט דערפון וועט זיין פאר א צייגניס צו
אייך, און וועט אויפפרעסען אייער פלייש גלייך וויא א פייער. איהר האט
אוצרות איינגעזאמעלט אין דיא לעצטע טעג. 4 זעה, דער לוין פון דיא
ארבייטער וואס האבען אייערע פעלדער געשניטען, וואס איז פון אייך צוריק־
געהאלטען שרייט אויס, און דאס געשרייא פון דיא וואס האבען געשניטען
איז אין דיא אויערען פון דעם האר'ן פון העערשארען אריינגעקומען.
5 איהר האט לוסטיג געלעבט אויף דער ערד און האט תענוג געהאט, איהר
האט אייערע הערצער געגעהרט אין א טאג פון שלאכט. 6 איהר האט פער־
שולדיגט און געהרגעט דעם גערעכטען; און ער האט אייך ניט ווידערשטאנען.
7 דעסטוועגען, ברידער, זייט געדולדיג ביז צום קומען פון דעם האר'ן. זעה
דער אקערערווארטעט פאר דיא טהייערע פרוכט פון דער ערד, און האט
געדולד מיט איהר, ביז זיא בעקומט דעם פריה און דעם שפעט רעגען.
8 האט איהר אויך געדולד, בעפעסטיגט אייערע הערצער, ווארין דאס קומען
פון דעם האר'ן איז נאהענט. 9 מורמעלט ניט ברידער איינער קעגען דעם
אנדערען, כדי איהר זאלט ניט פערשולדיגט ווערען; זעה דער ריכטער
שטעהט פאר דיא טהירען. 10 נעמט מיינע ברידער פאר א ביישפיל פון
ליידען און געדולד דיא נביאים, וואס האבען גערעט אים נאמען פון דעם
האר'ן. 11 זעה, מיר רופען זייא געבענשט דיא וואס האבען אויסגעהאלטען.
איהר האט פון דער געדולד פון איוב געהערט, און איהר האט דעם סוף פון
דעם האר'ן געזעהען, אז דער האר האט פיל מיטלייד און איז בארעמהערציג.
12 אבער פאר אלע זאכען, מיינע ברידער שווערט ניט, ניט ביים הימעל און
ניט בייא דער ערד און ניט קיינע אנדערע שבועה; נייערט לאז אייער יא זיין
יא, און אייער ניין זיין ניין, כדי איהר זאלט ניט אין א משפט אריינפאלען.
13 האט איימיצער צווישען אייך יסורים? לאז ער בעטען. איז איימיצער
פרעהליך? לאז ער לויב זינגען. 14 איז איימיצער צווישען אייך קראנק? לאז
ער רופען דיא זקנים פון דער קהלה, און לאזען זייא פאר איהם בעטען נאכדעם
זייא האבען איהם מיט עהל אים נאמען פון דעם האר'ן געזאלבט. 15 און
דאס געבעט פון גלויבען וועט דעם קראנקען רעטען, און דער האר וועט

איהם אויפהעבען; און ווען ער האט זינד בעגאנגען וועט איהם פערגעבען
ווערען. 16 דרום זייט מתודה דיא זינד איינער צום אנדערען, און בעטעט
איינער פאר דעם אנדערען, כדי איהר זאלט געהיילט ווערען. דיא תחנה
פון א צדיק איז פיל מעכטיג אין ווירקונג. 17 אליה איז געוועזען א מענש
גלייכארטיג וויא מיר, און ער האט ערנסט געבעטען אז עס זאל ניט רעגנען,
און עס האט ניט גערעגענט אויף דער ערד דרייא יאהר און זעקס חדשים.
18 און ער האט ווידער געבעטען, און דער הימעל האט רעגען געגעבען, און
דיא ערד האט איהרע פרוכט ארויסגעשפראצט.

19 מיינע ברידער, ווען איינער צווישען אייך פעראירט זיך פון דער וואהר־
הייט, און איינער וועט איהם אומקעהרען, 20 לאז ער וויסען אז דער וועלכער
קעהרט אום א זינדער פון דעם טעות פון זיין וועג וועט א זעלע רעטען פון
טויט, און וועט א סך פון זינד פערדעקען.

דער ערשטע בריף פון דעם
אפאסטעל פעטרוס.

---

1 פעטרוס איין אפאסטעל פון ישוע המשיח צו דיא אויסדערוועהלטע וואס
זענען אין פאנטוס, גאלאטיא, כאפאדאקיא, אסיא און ביתוניא, 2 וואס זענען
אויסדערוועהלט נאך דער פארקענטניס פון גאט דעם פאטער אין דער הייליי־
גונג פון דעם גייסט, צום געהארכען און שפרענקלען פון דעם בלוט פון
ישוע המשיח, גנאד און פרידען זאלען זיך צו אייך מעהרען.

3 געלויבט זייא גאט און דער פאטער פון אונזערעם הארץ ישוע המשיח,
דער האט אונז ווידערגעבוירען נאך זיינע גרויסע בארעמהערציגקייט צו א
לעבענדיגע האפנונג דורך דער אויפערשטעהונג פון ישוע המשיח פון דיא
טויטע; 4 צו א ירושה וואס איז אונפערדארבען, אהן א פלעק, און איז ניט
פערוועלקט, וואס איז אים הימעל בעהאלטען פאר אייך, 5 וועלכע זענען אין
דער מאכט פון גאט געהיט דורך גלויבען, צו א ישועה וואס איז אנגעברייט
אנטפלעקט צו ווערען אין דיא לעצטע צייט. 6 דרינען איהר פרייעט
אייך זעהר האטשע ווען עס מוז זיין אז איהר זענט אצונד אביסעל אין צער
געוועזען דורך פערשידענע פריפונגען; 7 כדי דיא פריפונג פון אייערעם גלויבען
וואס איז פיל טהייערע וויא דיא פון גאלד וואס איז פערדארבען, אבער איז
דורך פייער געפריפט, זאל געפינען ווערען צו לויב און כבוד און הערליכקייט
אין דער אנטפלעקונג פון ישוע המשיח. 8 וועלכען איהר ליבט האטשע איהר
האט איהם ניט געזעהען, און איהר גלויבט אן איהם, האטשע איהר זעהט

א פעטרוס א

אִיהְם נִיט אַצוּנְד, אוּן אִיהְר פְרֵייעֶט אֵייךְ מִיט אֵיין אוּנְאוֹיסְרֶעדֶענְדִיגֶע אוּן הֶערְלִיכֶע פְרֵייד, 9 אִינְדֶעם אִיהְר בֶּעקוּמְט דֶעם תַּכְלִית פוּן אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען, דִיא רֶעטוּנְג פוּן אֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת.

10 וֶועגֶען וֶועלְכֶער רֶעטוּנְג הָאבֶּען דִיא נְבִיאִים גֶעזוּכְט אוּן אֵייפְרִיג גֶעפָארְשְׁט, וָואס הָאבֶּען נְבוּאוֹת גֶעזָאגְט וֶועגֶען דֶער גְנָאד וָואס אִיז צוּ אֵייךְ; 11 דֶערְוֵוייל זֵייא הָאבֶּען גֶעפָארְשְׁט אוֹיף וֶועלְכֶער אוּן וֶועלְכֶערְלֵייא צֵייט דֶער גֵייסְט פוּן מָשִׁיחַ וָואס אִיז אִין זֵייא גֶעוֶועזֶען הָאט בֶּעדֵייטֶעט, וֶוען עֶר הָאט פְרִיהֶער דִיא לֵיידֶען פוּן מָשִׁיחַ בֶּעצֵייגְט, אוּן דִיא הֶערְלִיכְקֵייט וָואס וֶועט דֶערְנָאךְ קוּמֶען. 12 צוּ וֶועלְכֶע אִיז אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארֶען, אַז נִיט צוּ זִיךְ אַלֵיין נֵייעֶרְט צוּ אֵייךְ הָאבֶּען זֵייא בֶּעדִינְט אִין דִיא זַאכֶען וָואס זֶענֶען צוּ אֵייךְ אַצוּנְד דֶערְצֶעהְלְט גֶעוָוארֶען דוּרְךְ דִיא וָואס הָאבֶּען צוּ אֵייךְ גֶעפְּרֶעדִיגְט דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה אִים רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וָואס אִיז פוּן דֶעם הִימֶעל אַרוּפְגֶעשִׁיקְט גֶעוֶועזֶען, אִין וֶועלְכֶע זַאכֶען מַלְאָכִים הָאבֶּען בֶּעגֶעהְרְט אַרֵיינְצוּקוּקֶען.

13 דְרוּם גַארְטֶעלְט אַרוּם דִיא לֶענְדֶען פוּן אֵייעֶר פֶערְשְׁטַאנְד, זֵייט נִיכְטֶערְן, אוּן זֶעצְט אֵייעֶרֶע גַאנְצֶע הָאפְנוּנְג אוֹיף דֶער גְנָאד וָואס וֶועט צוּ אֵייךְ גֶעבְּרַאכְט וֶוערֶען אִים אַנְטְפְּלֶעקֶען פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ. 14 אַלְס קִינְדֶער וָואס גֶעהָארְ־כֶען בִּילְדֶעט נִיט אֵייעֶר חַכְקֶטֶער נָאךְ דִיא פְרִיהֶערֶע תַּאֲוֹת אִין אֵייעֶרֶע אוּנְוִויסֶענְהֵייט; 15 נֵייעֶרְט נָאךְ דֶעם הֵיילִיגֶען וֶועלְכֶער הָאט אֵייךְ בֶּערוּפֶען, אַזוֹי זֵייט אִיהְר אוֹיךְ הֵיילִיג אִין אַלֶעם וַואנְדֶעל, 16 וָוארִין עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִי־בֶּען, זֵייט אִיהְר הֵיילִיג וֵוייל אִיךְ בִּין הֵיילִיג. 17 אוּן וֶוען אִיהְר רוּפְט פָאטֶער דֶעם וֶועלְכֶער אִיז נִיט נוֹשֵׂא פָּנִים אוּן רִיכְטֶעט יֶעדֶען נָאךְ זֵיין וֶוערְק, אַזוֹי פֶערְבְּרֶענְגְט דִיא צֵייט פוּן אֵייעֶרֶע אוֹיפְהַאלְטוּנְג דָא אִין פָּארְכְט. 18 זֵינְט אִיהְר ווייסְט אַז אִיהְר זֶענְט נִיט מִיט פֶערְדֶערְבְּלִיכֶע זַאכֶען וִויא זִילְבֶּער אוּן גָאלְד אוֹיסְגֶעלֶעזְט גֶעוָוארֶען פוּן אֵייעֶר נַארִישֶׁען וַואנְדֶעל וָואס אִיהְר הָאט פוּן אֵייעֶרֶע פֶּעטֶער דֶערְהַאלְטֶען; 19 נֵייעֶרְט מִיט דֶעם טְהֵייעֶרֶען בְּלוּט פוּן מָשִׁיחַ, אַזוֹי וִויא פוּן אַ לַאם וָואס אִיז אָהְן אַ מוּם אוּן אוּנְבֶּעפְלֶעקְט, 20 דֶער אִיז אַוַדַאי בֶּעשְׁטִימְט גֶעוֶועזֶען פָאר דֶער גְרִינְדוּנְג פוּן דֶער וֶועלְט, אָבֶּער אִיז אִין דִיא לֶעצְטֶע צֵייטֶען אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארֶען פוּן אֵייעֶרְטְוֶועגֶען, 21 דִיא דוּרְךְ אִיהְם זֶענְט גְלוֹיבִּיגֶע אָן גָאט, דֶער הָאט אִיהְם אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דִיא טוֹיטֶע, אוּן הָאט אִיהְם הֶערְלִיכְקֵייט גֶעגֶעבֶּען, אַזוֹי אַז אֵייעֶר גְלוֹיבֶּען אוּן הָאפְנוּנְג זָאלֶען זֵיין אִין גָאט.

22 אִינְדֶעם אִיהְר הָאט אֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת גֶערֵיינִיגְט אִים גֶעהָארְזַאם פוּן דֶער וָואהְרְהֵייט צוּ נִיט פֶערְשְׁטֶעלְטֶע בְּרוּדֶערְלִיבֶּע, אַזוֹי לִיבְּט מִיט עֶרְנְסְט פוּן דֶעם הַארְץ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען, 23 וֵוייל אִיהְר זֶענְט וִוידֶערְגֶעבּוֹי־רֶען, נִיט פוּן פֶערְדָארְבֶּענֶעם זָאמֶען נֵייעֶרְט פוּן אוּנְפֶערְדָארְבֶּענֶעם, דוּרְךְ דֶעם וָוארְט פוּן גָאט וָואס לֶעבְּט אוּן בְּלֵייבְּט. 24 וָוארִין

אַלֶעס פְלֵייש אִיז וִויא גְרָאז,

16 ויקרא יא׳ מד׳.

אוּן אַלֶע זַיינֶע הֶערְלִיכְקַייט וִויא אַ בְּלוּם פוּן גְרָאז;
דָאס גְרָאז אִיז פֶערְדַארְבֶּען, אוּן דִיא בְּלוּם אִיז אַוֶועקְגֶעפַאלֶען;
25 אָבֶּער דָאס וָוארְט פוּן דֶעם הַאר'ן בְּלֵייבְּט אוֹיף עֶבִּיג,
אוּן דָאס אִיז דָאס וָוארְט וָואס אִיז צוּ אֵייךְ גֶעפְּרֶעדִיגְט.

ב 1 דְרוּם טְהוּט אָפּ אַלֶע שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט אוּן אַלֶע פַאלְשְׁהֵייט אוּן חֲנִיפָה אוּן
קִנְאָה אוּן אַלֶע רְכִילוֹת, 2 וִויא אִיצְט גֶעבּוֹירֶענֶע קִינְדֶער בֶּעגֶעהְרְט דִיא לוֹי־
טֶערֶע מִילְךְ פוּן דֶעם וָוארְט, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט דוּרְךְ דֶעם צוּ יְשׁוּעָה וַואקְסֶען;
3 וֶוען אִיהְר הָאט פֶערְזוּכְט אַז דֶער הַאר אִיז גִיטִיג. 4 צוּ וֶועלְכֶען אִיהְר קוּמְט
וִויא צוּ אַ לֶעבֶּעדִיגֶען שְׁטֵיין, וָואס אִיז פוּן מֶענְשֶׁען פֶערְוָוארְפֶען, אָבֶּער פוּן גָאט
אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט אוּן טְהֵייעֶר, 5 אִיהְר אוֹיךְ אַלְס לֶעבֶּעדִיגֶע שְׁטֵיינֶער זֶענְט
אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט פַאר אַ גֵייסְטְלִיכֶעס הוֹיז, אַ הֵיילִיגֶע כְּהוּנָה, אַז אִיהְר זָאלְט
גֵייסְטְלִיכֶע קָרְבָּנוֹת בְּרֶענְגֶען, וָואס זֶענֶען פָאר גָאט אָנְגֶענוּמֶען דוּרְךְ יֵשׁוּעַ
הַמָשִׁיחַ. 6 ווייל עֶס שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין דֶער שְׁרִיפְט,

זֶעה, אִיךְ לֶעג אִין צִיוֹן אֵיין עֶקְשְׁטֵיין אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְט טְהֵייעֶר,
אוּן דֶער וָואס גְלוֹיבְּט אָן אִיהְם וֶועט נִיט פֶערְשֶׁעהְמְט וֶוערֶען.

7 דְרוּם צוּ אֵייךְ וָואס גְלוֹיבֶּען אִיז דֶער כָּבוֹד; אָבֶּער צוּ דִיא וָואס גְלוֹיבֶּען נִיט,
דֶער שְׁטֵיין דֶעם דִיא בּוֹימֵייסְטֶער הָאבֶּען פֶערְוָוארְפֶען, דֶער אִיז צוּם עֶקְשְׁטֵיין
גֶעוָוארֶען, 8 אוּן עֶר אִיז אַ שְׁטֵיין פוּן אָנְשְׁטוֹיס אוּן אַ פֶעלְז פוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְג; וֶועלְכֶע
שְׁטְרוֹיכְלֶען אִינְדֶעם זֵייא זֶענֶען דֶעם וָוארְט אוּנְגֶעהָארְזַאם, דֶערְצוּ זֵייא זֶענֶען
אוֹיךְ בֶּעשְׁטִימְט. 9 אָבֶּער אִיהְר זֶענְט אֵיין אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְטֶעס דוֹר, אַ קֶענִיגְלִיכֶע
כְּהוּנָה, אַ הֵיילִיגֶעס פָאלְק, אַ פָאלְק צוּם אֵייגֶענְטְהוּם, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט דֶעם לוֹיבּ
דֶערְצֶעהְלֶען פוּן אִיהְם דֶער הָאט אֵייךְ פוּן דֶער פִינְסְטֶערְנִיס גֶערוּפֶען צוּ זַיין וְואוּנְ־
דֶערְלִיכֶען לִיכְט. 10 וָואס אִיהְר זֶענְט פְרִיהֶער נִיט אַ פָאלְק גֶעוֶועזֶען, אָבֶּער אַצוּנְד
זֶענְט אִיהְר דָאס פָאלְק פוּן גָאט; וָואס אִיהְר הָאט נִיט קֵיינֶע בַּארֶעמְהֶערְצִיגְ־
קֵייט דֶערְהַאלְטֶען, אָבֶּער אַצוּנְד הָאט אִיהְר דֶערְהַאלְטֶען בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייט.
11 גֶעלִיבְּטֶע, אִיךְ בֶּעט אֵייךְ וִויא פְרֶעמְדֶע אוּן וַואנְדֶערֶער, אַז אִיהְר זָאלְט
אֵייךְ אָפְּהַאלְטֶען פוּן דִיא גְלוּסְטֶען פוּן דֶעם פְלֵיישׁ, וָואס שְׁטְרֵייטֶען קֶעגֶען
דֶער נְשָׁמָה, 12 אוּן פִיהְרְט אִיהְר אֵייךְ גוּט אוֹיף צְווִישֶׁען דִיא גוֹיִם, כְּדֵי אִין
דֶעם אִין וֶועלְכֶען זֵייא לֶעסְטֶערְן אֵייךְ אַלְס אִיבֶּעלְטְהוּעֶר, זָאלֶען זֵייא אָנְזֶעהֶען
אֵייעֶרֶע גוּטֶע וֶוערְק, אוּן זָאלֶען גָאט לוֹיבֶּען אִים טָאג פוּן בֶּעזוּכוּנְג.
13 זַייט אוּנְטֶערְטֶענִיג צוּ יֶעדֶע מֶענְשְׁלִיכֶע אָרְדְנוּנְג פוּן וֶועגֶען דֶעם הַאר'ן;
אוֹיבּ עֶס אִיז צוּם קֶענִיג, אַלְס צוּם עֶלְצְטֶען, 14 אָדֶער צוּ פִירְשְׁטֶען אַלְס דִיא
וָואס זֶענֶען פוּן אִיהְם גֶעשִׁיקְט צוּ שְׁטְרָאפוּנְג פוּן דִיא אִיבֶּעלְטְהוּעֶר אוּן צוּם
לוֹיבּ פוּן דִיא וָואס גוּטֶעס טְהוּן. 15 וָוארִין דָאס אִיז דֶער ווִילֶען פוּן גָאט, אַז אִיהְר
זָאלְט גוּטֶעס טְהוּן אוּן זָאלְט פֶערְשְׁטוּמֶען דִיא אוּנְוִויסֶענְהֵייט פוּן נַארִישֶׁע מֶענְשֶׁען;
16 אַלְס פְרֵייעֶ מֶענְשֶׁען, אוּן נִיט אַלְס דִיא וָואס אִיהְר הַאלְט אֵייעֶרֶע פְרֵייהֵייט

24 ישעיה מ׳ ו׳, ז׳.
25 ישעיה מ׳ ח׳.
6 ישעיה כח׳ טז׳.
7 תהלים קיח׳ כב׳.
8 ישעיה ח׳ יד׳.

פַאר אַ שְׁלֵייעֶר פוּן שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט, נֵייעֶרְט אַלְס קְנֶעכְט פוּן גָאט. 17 הַאלְט אַלֶע אִין כָּבוֹד, לִיבְּט דִיא בְּרִידֶערְשַׁאפְט, פָאֽרְכְט אֵייךְ פַאר גָאט, הַאלְט אִין כָּבוֹד דֶעם קֶענִיג.

18 אִיהְר קְנֶעכְט, זֵייט אוּנְטֶערְטֶענִיג צוּ אֵייעֶרֶע הֶערְרֶען מִיט אַלֶערְלֵייא פָארְכְט, נִיט נוּר צוּ דִיא גוּטֶע אוּן עֶדְלֶע, נֵייעֶרְט אוֹיךְ צוּ דִיא הַארְטֶע. 19 וָוארִין דָאס אִיז חֵן, וֶוען אֵיימִיצֶער וֶועגֶען זֵיין גֶעוִויסֶען קֶעגֶען גָאט לֵיידֶעט צַעַר אוּן דֶערְ־טְרָאגְט אוּנְשׁוּלְדִיג. 20 וָוארִין וָואסְפַאר אַ לוֹיבּ אִיז עֶס וֶוען אִיהְר דֶערְטְרָאגְט דֶערְנָאךְ אִיהְר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן זֶענְט גֶעשְׁלָאגֶען? אָבֶּער וֶוען אִיהְר דֶערְטְרָאגְט דֶערְנָאךְ אִיהְר הָאט גוּטֶעס גֶעטְהוּן אוּן הָאט גֶעלִיטֶען, דָאס אִיז חֵן פָאר גָאט. 21 וָוארִין אִיהְר זֶענְט דֶערְצוּ בֶּערוּפֶען, ווייל מָשִׁיחַ הָאט אוֹיךְ גֶעלִיטֶען פַאר אֵייךְ, אוּן הָאט אֵייךְ אַ בֵּיישְׁפִּיל אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט זֵיינֶע שְׁרִיט נָאכְפָאלְגֶען. 22 וֶועלְכֶער הָאט קֵיינֶע זִינְד נִיט גֶעטְהוּן, אוֹיךְ אִיז קֵיין בֶּעטְרוּג אִין זֵיין מוֹיל גֶעפִינֶען גֶעוָוארֶען. 23 דֶער וֶוען עֶר אִיז בֶּעלֵיידִיגְט גֶעוֶוען הָאט עֶר נִיט צוּרִיקְבֶּעלֵיידִיגְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעלִיטֶען הָאט עֶר נִיט גֶעדְרוֹיהֶעט, נֵייעֶרְט עֶר הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צוּ אִיהְם דֶער טְהוּט רֶעכְט מִשְׁפָּט. 24 דֶער הָאט זֶעלְבְּסְט אוּנְזֶערֶע זִינְד גֶעטְרָאגֶען אִין זֵיין לֵייבּ אוֹיף דֶעם בּוֹים, כְּדֵי מִיר זָאלֶען אָפְּשְׁטַארְבֶּען צוּ זִינְד אוּן זָאלֶען לֶעבֶּען צוּ גֶערֶעכְטִיגְקֵייט; דוּרְךְ וֶועמֶעס וְואוּנְדֶען אִיהְר זֶענְט גֶעהֵיילְט גֶעוָוארֶען. 25 וָוארִין אִיהְר זֶענְט גֶעוֶוען וִויא פֶערְאִירְטֶע שָׁאף, אָבֶּער אַצוּנְד הָאט אִיהְר אֵייךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּם פַּאסְטוּךְ אוּן אוֹיפְזֶעהֶער פוּן אֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת.

ג 1 גְלֵייכְדֶעם אִיהְר וֵוייבֶּער, זֵייט אוּנְטֶערְטֶענִיג צוּ אֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע מֶענֶער, כְּדֵי וֶוען אַפִילוּ עֶטְלִיכֶע גְלוֹיבֶּען נִיט אִים וָוארְט, זֵייא זָאלֶען דוּרְךְ דֶעם וַואנְ־דֶעל פוּן דִיא וֵוייבֶּער אָהְן דֶעם וָוארְט גֶעוִוינֶען וֶוערֶען; 2 אִינְדֶעם זֵייא זֶעהֶען אֵייעֶר רֵיינֶען וַואנְדֶעל מִיט פָארְכְט. 3 אוּן לָאז אֵייעֶרֶע צִירוּנְג נִיט זֵיין דִיא אוֹיסֶערֶע פוּן גֶעפְלָאכְטֶענֶע הָאר אוּן גָאלְדֶענֶע בֶּענְדֶער אָדֶער שֶׁעהְנֶע קְלֵיידוּנְג; 4 נֵייעֶרְט לָאז זִיא זֵיין דֶער פֶערְבָּארְגֶענֶע מֶענְשׁ פוּן דֶעם הַארְץ אִין דִיא אוּנְפֶערְדַארְבְּלִיכֶע צִירוּנְג פוּן אַ זַאנְפְטְמִיטִיגֶען אוּן שְׁטִילֶען גֵייסְט, וָואס אִיז זֶעהְר טְהֵייעֶר פָאר גָאט. 5 וָוארִין גְלֵייכְדֶעם פְלֶעגֶען זִיךְ צִירֶען דִיא הֵיילִיגֶע פְרוֹיעֶן פָארְצֵייטֶען וֶועלְכֶע הָאבֶּען אִין גָאט גֶעהָאפְט, אוּן זֶענֶען אוּנְטֶערְ־טֶענִיג גֶעוֶוען צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער; 6 אַזוֹי וִויא שָׂרָה הָאט צוּ אַבְרָהָם גֶעהָארְכְט, אִינְדֶעם זִיא הָאט אִיהְם הֶערְר גֶערוּפֶען; וֶועמֶעס קִינְדֶער אִיהְר זֶענְט, וֶוען אִיהְר טְהוּט גוּטֶעס אוּן פָארְכְט אֵייךְ נִיט מִיט קֵיין שְׁרֶעקֶען.

7 גְלֵייכְדֶעם אִיהְר מֶענֶער, וְואוֹינְט מִיט זֵייא נָאךְ פֶערְשְׁטַאנְד, וִויא מִיט דִיא שְׁוַואכֶערֶע כֵּלִי אוּן גִיבְּט זֵייא כָּבוֹד, אַזוֹי וִויא אוֹיךְ מִיטְיוֹרְשִׁים פוּן דֶער גְנָאד פוּן לֶעבֶּען, אַז אֵייעֶרֶע גֶעבֶּעטֶע זָאלֶען נִיט גֶעשְׁטֶערְט וֶוערֶען.

8 נוּן צוּם לֶעצְטֶען זֵייט אַלֶע פוּן גְלֵייכֶע גֶעדַאנְקֶען, מִיטְלֵיידִיג, בְּרִידֶערְלִיךְ, בַּארֶעמְהֶערְצִיג, דֶעמִיטִיג; 9 אוּן פֶערְגֶעלְט נִיט שְׁלֶעכְטֶעס פַאר שְׁלֶעכְטֶעס

22 ישעיה נג׳ ט׳.

אָדֶער בֶּעלֵיידִיגוּנְג פַאר בֶּעלֵיידִיגוּנְג, נֵייעֶרְט אִים גֶעגֶענְטְהֵייל בֶּענְשְׁט, ווייל
דֶערְצוּ זֶענְט אִיהְר בֶּערוּפֶען, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט אַ בְּרָכָה יַרְשֶׁענֶען.

10 וָוארִין דֶער וָואס ווִיל לִיבּ הָאבֶּען דָאס לֶעבֶּען
אוּן זֶעהֶען גוּטֶע טֶעג,
לָאז עֶר הַאלְטֶען זֵיינֶע צוּנְג פוּן שְׁלֶעכְטֶעם,
אוּן זֵיינֶע לִיפֶּען אַז זֵייא זָאלֶען נִיט פַאלְשְׁהֵייט רֶעדֶען;
11 אָבֶּער לָאז עֶר פוּן שְׁלֶעכְטֶעם אָפְּקֶעהְרֶען אוּן גוּטֶעם טְהוּן,
לָאז עֶר פְרִידֶען זוּכֶען אוּן עֶס נָאכְפָאלְגֶען.
12 וָוארִין דִיא אוֹיגֶען פוּן דֶעם הַאר'ן זֶענֶען אוֹיף דִיא צַדִיקִים,
אוּן זֵיינֶע אוֹיעֶרֶען זֶענֶען אָפֶען צוּ זֵייעֶר גֶעבֶּעט,
אָבֶּער דָאס פָּנִים פוּן דֶעם הַאר'ן אִיז קֶעגֶען דִיא וָואס שְׁלֶעכְטֶעם טְהוּן.

13 וֶוער דֶען וֶועט אֵייךְ שַׁאדֶען, וֶוען אִיהְר זֶענְט אֵייפְרִיג נָאךְ דֶעם גוּטֶען?
14 אָבֶּער וֶוען אִיהְר אוֹיךְ לֵיידֶעט וֶועגֶען גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, גֶעבֶּענְשְׁט זֶענְט אִיהְר. אוּן
הָאט קֵיין מוֹרָא פַאר זֵייעֶר שְׁרֶעקֶען, זֵייט אוֹיךְ נִיט בֶּעטְרִיבְּט; 15 אָבֶּער
הֵיילִיגְט דֶעם הַאר'ן מָשִׁיחַ אִין אֵייעֶרֶע הֶערְצֶער, אוּן זֵייט בֶּעשְׁטֶענְדִיג בֶּערֵייט
צוּ עֶנְטְפֶערֶען אִיטְלִיכֶען וָואס פְרֶעגְט אֵייךְ וֶועגֶען דֶער הָאפְנוּנְג וָואס אִיז אִין
אֵייךְ, דָאךְ מִיט דֶעמִיט אוּן פָאַרְכְט. 16 אוּן הָאט אַ גוּטֶעם גֶעוִויסֶען, כְּדֵי
אִין וָואסְפַאר אַ זַאךְ אִיהְר זֶענְט בֶּערֶעט דִיא וָואס פֶערְשֶׁעהְמֶען אֵייעֶר גוּטֶען וַואנְדֶעל
אִין מָשִׁיחַ זָאלֶען צוּ שַׁאנְד וֶוערֶען. 17 וָוארִין עֶס אִיז בֶּעסֶער, וֶוען עֶס אִיז דֶער
ווִילֶען פוּן גָאט, אַז אִיהְר זָאלְט לֵיידֶען פַאר גוּטֶעם טְהוּן אֵיידֶער פַאר שְׁלֶעכְטֶעם.
18 ווֵייל מָשִׁיחַ אִיז אוֹיךְ אֵיין מָאל פַאר זִינְד גֶעשְׁטָארְבֶּען, דֶער גֶערֶעכְטֶער
פַאר דִיא אוּנְגֶערֶעכְטֶע, כְּדֵי עֶר זָאל אוּנְז צוּ גָאט בְּרֶענְגֶען, אִינְדֶעם עֶר אִיז
גֶעטֵייטֶעט גֶעוָוארֶען אִים פְלֵייש, אָבֶּער אִיז לֶעבֶּעדִיג גֶעוָוארֶען אִים גֵייסְט.
19 אִין וֶועלְכֶעם אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט צוּ דִיא גֵייסְטֶער וָואס
זֶענֶען אִים גֶעפֶענְגְנִיס גֶעוֶועזֶען, 20 וָואס זֶענֶען פָארְצֵייטֶען נִיט גֶעהָארְזַאם גֶעוֶועזֶען, וֶוען
דִיא לַאנְגְמִיטִיגְקֵייט פוּן גָאט הָאט אִין דִיא טֶעג פוּן נֹחַ גֶעוַוארְט, דֶערְווֵייל דִיא
תֵּיבָה אִיז פָארְבֶּערֵייטֶעט גֶעוֶועזֶען, אִין וֶועלְכֶער עֶטְלִיכֶע דָאס הֵייסְט אַכְט נְפָשׁוֹת
זֶענֶען דוּרְךְ וַואסֶער גֶערֶעטֶעט גֶעוָוארֶען. 21 וֶועלְכֶעם אַצוּנְד נָאךְ אַ פָארְבִּילְד אֲפִילוּ
אַ טְבִילָה רֶעטֶעט אֵייךְ, נִיט דָאס אָפְּטְהוּן פוּן דֶער אוּנְרֵיינִיגְקֵייט פוּן דֶעם פְלֵייש,
נֵייעֶרְט דִיא בֶּערוּפוּנְג פוּן אַ גוּטֶען גֶעוִויסֶען אוֹיף גָאט, דוּרְךְ דֶער אוֹיפְעֶרְ־
שְׁטֶעהוּנְג פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ; 22 וֶועלְכֶער אִיז אִין הִימֶעל גֶעגַאנְגֶען, אוּן אִיז צוּ דִיא
רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן גָאט, צוּ דֶעם דִיא מַלְאָכִים אוּן הֶערְשַׁאפְטֶען אוּן מֶעכְטֶע
זֶענֶען אוּנְטֶערְטֶענִיג גֶעוָוארֶען.

ד 1 דְרוּם ווֵייל דֶער מָשִׁיחַ הָאט אִים פְלֵייש גֶעלִיטֶען, אַזוֹי וָואפֶּענְט אִיהְר
אֵייךְ אוֹיךְ מִיט דֶעם זֶעלְבִּיגֶען פֶערְשְׁטַאנְד, ווֵייל דֶער וָואס הָאט אִים פְלֵייש
גֶעלִיטֶען הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט פוּן זִינְד; 2 כְּדֵי אִיהְר זָאלְט נִיט מֶעהְר דִיא
אִיבְּרִיגֶע צֵייט אִים פְלֵייש לֶעבֶּען צוּ דִיא גְלוּסְטֶען פוּן מֶענְשֶׁען, נֵייעֶרְט דוּרְךְ

[10-12] תהלים לד׳ יג׳-יז׳.

דֶעם ווילֶען פוּן גָאט. 3 וָוארִין דִיא פֶערְגַאנְגֶענֶע צַייט אִיז גֶענוּג אַז מִיר
הָאבֶּען דֶעם ווילֶען פוּן דִיא גוֹיִם גֶעווירְקְט, אוּן הָאבֶּען גֶעוַואנְדֶעלְט אִין
אויסְגֶעלַאסֶענְהֵייט, גְלוּסְטֶען, ווייְנְזוּיפֶּען, טַאנְצֶען, פְּרֶעסֶען, אוּן גֶעזֶעצְלוֹיזִיגֶער
אָפְּגֶעטֶערַייא. 4 דְרִינֶען אִיז זֵייא אַ חִדוּשׁ וֶוען אִיהְר לוֹיפְט נִיט מִיט זֵייא צוּ
דִיא זֶעלְבִּיגֶע פֶערְשְׁוֶוענְדוּנְג פוּן אוּנְמֶעסִיגְקֵייט, דֶערְמִיט זֵייא לֶעסְטֶערְן אֵייך;
5 וָואס וֶועלֶען חֶשְׁבּוֹן אָפְּגֶעבֶּען צוּ דֶעם וֶועלְכֶער אִיז אָנְבֶּערֵייט צוּ רִיכְטֶען
דִיא לֶעבֶּענְדִיגֶע אוּן דִיא טוֹיטֶע. 6 וָוארִין דֶערְצוּ אִיז אוֹיך דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה
גֶעפְּרֶעדִיגְט גֶעוָוארֶען צוּ דִיא טוֹיטֶע, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען אִים פְלֵייש נָאך
מֶענְשֶׁען גֶערִיכְטֶעט ווערֶען, אָבֶּער נָאך גָאט זָאלֶען לֶעבֶּען אִים גֵייסְט.
7 אָבֶּער דָאס עֶנְד פוּן אַלֶע זַאכֶען אִיז נָאהֶענְט; דְרוּם זֵייט קְלוּג אוּן וַואכְט
צוּ גֶעבֶּעט. 8 פָאר אַלֶעם הָאט הֶערְצְלִיכֶע לִיבֶּע צְווישֶׁען אֵייך; וָוארִין
לִיבֶּע דֶעקְט פִילֶע זִינְד צוּ. 9 זֵייט מַכְנִיס אוֹרֵחַ אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען אָהְן
גֶעמוּרְמֶעל. 10 גְלֵייך וויא יֶעדֶער פוּן אֵייך הָאט אַ מַתָּנָה בֶּעקוּמֶען אַזוֹי זָאל
עֶר דֶעם אַנְדֶערֶען דֶערְמִיט בֶּעדִינֶען אַלְס גוּטֶע פֶערְוַואלְטֶער פוּן דִיא פִילֶערְ־
לֵייא גְנָאד פוּן גָאט. 11 וֶוען אֵיימִיצֶער רֶעט, לָאז עֶר רֶעדֶען וויא מִיט דִיא וֶוערְטֶער
פוּן גָאט; וֶוען אֵיימִיצֶער בֶּעדִינְט, לָאז עֶר בֶּעדִינֶען וויא פוּן דֶער קְרַאפְט
וָואס גָאט הָאט גֶעגֶעבֶּען; כְּדֵי גָאט זָאל אִין אַלֶע זַאכֶען פֶערְהֶערְלִיכְט וֶוערֶען
דוּרְך יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, צוּ דֶעם אִיז דֶער כָּבוֹד אוּן דִיא קְרַאפְט פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ
עֶבִּיגְקֵייט; אָמֵן.
12 גֶעלִיבְּטֶע, לָאזְט אֵייך נִיט אָפְּוֶוענְדִיג גֶעמַאכְט וֶוערֶען דוּרְך דִיא
פֵייעֶרְדִיגֶע פְּרִיפוּנְג וָואס קוּמְט צְווישֶׁען אֵייך כְּדֵי אֵייך צוּ פְּרִיפֶען, גְלֵייך
וויא עֶס הָאט זִיך אֵייך עֶפֶּעס נֵייעֶס צוּגֶעטְרָאפֶען; 13 נֵייעֶרְט אִינְדֶעם אִיהְר
הָאט אַ טְהֵייל אִין דִיא לֵיידֶען פוּן מָשִׁיחַ פְרֵייעֶט אֵייך, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט אֵייך
אוֹיך פְרֵייעֶן מִיט גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אִין דֶער אַנְטְפְּלֶעקוּנְג פוּן זֵיינֶע הֶערְלִיכְקֵייט.
14 וֶוען אִיהְר זֶענְט וֶועגֶען דֶעם נָאמֶען פוּן מָשִׁיחַ גֶעלֶעסְטֶערְט, גֶעבֶּענְשְׁט זֶענְט
אִיהְר, ווייל דֶער גֵייסְט פוּן הֶערְלִיכְקֵייט אוּן פוּן גָאט רוּהְט אוֹיף אֵייך.
15 וָוארִין לָאז קֵיינֶער פוּן אֵייך נִיט לֵיידֶען אַלְס אַ רוֹצֵחַ אָדֶער אַ גַנָב אָדֶער
אֵיין אִיבֶּעלְטְהוּעֶר, אָדֶער וויא אֵיינֶער וָואס מִישְׁט זִיך אִין פְרֶעמְדֶע זַאכֶען;
16 אָבֶּער וֶוען אֵיימִיצֶער לֵיידֶעט אַלְס אַ קְרִיסְט, לָאז עֶר זִיך נִיט שֶׁעהְמֶען, נֵייעֶרְט
לָאז עֶר גָאט לוֹיבֶּען אִין דִיזֶען נָאמֶען. 17 וָוארִין עֶס אִיז דִיא צֵייט אַז דָאס
מִשְׁפָּט הָאט פוּן דֶעם הוֹיז פוּן גָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען; אוּן וֶוען צוּעֶרְשְׁט פוּן אוּנְז,
וָואס וֶועט דֶער סוֹף זֵיין פוּן דִיא וָואס גֶעהָארְכֶען נִיט דִיא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה פוּן גָאט?
18 אוּן וֶוען דֶער גֶערֶעכְטֶער וֶועט קוֹים גֶערֶעטֶעט וֶוערֶען, וואוּ וֶועט דֶער גָאטְ־
לָאזִיגֶער אוּן דֶער זִינְדֶער דֶערְשֵׁיינֶען? 19 דְרוּם לָאזֶען אוֹיך דִיא וָואס לֵיידֶען
נָאך דֶעם ווילֶען פוּן גָאט זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת אִיבֶּערְגֶעבֶּען מִיט גוּטֶעס טְהוּן צוּ אַ
גֶעטְרֵייעֶן בֶּעשֶׁעפֶּער.

ה 1 דְרוּם בִּין אִיך מַזְהִיר דִיא זְקֵנִים וָואס זֶענֶען צְווישֶׁען אֵייך, וָואס אִיך בִּין
אוֹיך דֶער זָקֵן אוּן עֵדוּת פוּן דִיא לֵיידֶען פוּן יֵשׁוּעַ, דֶער חָבֵר אוֹיך פוּן דֶער

הֶערְלִיכְקֵייט וָאס וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען; 2 פַּאסֶעט דִיא סְטַאדֶע פוּן גָאט
וָאס אִיז צְווִישֶׁען אֵייךְ, נִיט וִויא גֶעצְוָואוּנְגֶען גֵייעֶרְט מִיט גוּטֶעם ווִילֶען אַזוֹי וִויא
צוּ גָאט, אוּן נִיט פַאר שֶׁענְדְלִיכֶען גֶעווִינְסְט גֵייעֶרְט מִיט אַ רֵיינֶען אֵייפֶער;
3 אוּן נִיט גְלֵייךְ וִויא דִיא וָאס הֶערְשֶׁען אִיבֶּער דִיא וָאס זֶענֶען צוּ זֵייא אַנְפֶּערְ־
טְרוֹיעֶט, גֵייעֶרְט זֵייט אַ בֵּיישְׁפִּיל צוּ דֶער סְטַאדֶע. 4 אוּן וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶע
פַּאסְטוּךְ וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען, וֶועט אִיהְר דֶערְהַאלְטֶען דִיא קְרוֹין פוּן
הֶערְלִיכְקֵייט וָאס וֶועט נִיט פֶערְגֶעהֶען.

5 גְלֵייכְדֶעם אִיהְר יוּנְגֶערֶע, זֵייט אוּנְטֶערְטֶענִיג צוּ דִיא זְקֵנִים. אוּן אַלֶע פוּן
אֵייךְ זֵייט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערֶען אוּנְטֶערְטֶענִיג מִיט דֶעמִיט, וָוארִין גָאט אִיז
קֶעגֶען דִיא שְׁטָאלְצֶע, אָבֶּער צוּ דִיא דֶעמִיטִיגֶע גִיבְּט עֶר גְנָאד.

6 דְרוּם דֶעמִיטִיגְט אֵייךְ אוּנְטֶער דִיא מֶעכְטִיגֶע הַאנְד פוּן גָאט, כְּדֵי עֶר
זָאל אֵייךְ אִין דֶער צֵייט דֶערְהֶעבֶּען; 7 אוּן וַוארְפְט אַלֶע אֵייעֶרֶע דַאגָה אוֹיף
אִיהְם, וָוארִין עֶר זָארְגְט פַאר אֵייךְ. 8 זֵייט נִיכְטֶערְן, אוּן וַואכְט; אֵייעֶר פֵיינְד
דֶער שָׂטָן גֶעהְט אַרוּם וִויא אַ בְּרוּמֶענְדִיגֶער לֵייבּ אוּן זוּכְט וֶועמֶען עֶר זָאל
אֵיינְשְׁלִינְגֶען. 9 דֶעם ווִידֶערְשְׁטֶעהְט אִים גְלוֹיבֶּען, אִינְדֶעם אִיהְר ווֵייסְט אַז דִיא
זֶעלְבִּיגֶע לֵיידֶען זֶענֶען דֶערְפִילְט אִין אֵייעֶרֶע בְּרִידֶער וָאס זֶענֶען אִין דֶער וֶועלְט.

10 אוּן דֶער גָאט פוּן אַלֶע גְנָאד, דֶער הָאט אוּנְז בֶּערוּפֶען צוּ זֵיינֶע עֶבִּיגֶע
הֶערְלִיכְקֵייט אִין מָשִׁיחַ, נָאכְדֶעם אִיהְר הָאט אַ קְלֵיינֶע צֵייט גֶעלִיטֶען וֶועט
אֵייךְ פָאלְקָאמֶען מַאכֶען, וֶועט אֵייךְ שְׁטַארְקֶען בֶּעפֶעסְטִיגֶען גְרִינְדֶען. 11 צוּ
אִיהְם זָאל דִיא מַאכְט זֵיין פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט; אָמֵן.

12 דוּרְךְ סִלְוָואנוּס דֶעם גֶעטְרֵייעֶן בְּרוּדֶער, וִויא אִיךְ דֶענְק, הָאבּ אִיךְ בִּקְצוּר
גֶעשְׁרִיבֶּען, אוּן אִיךְ וָארְן אוּן בֶּעצֵייג אַז דָאס אִיז דִיא וָאהְרֶע גְנָאד פוּן גָאט
וָאס אִיהְר שְׁטֶעהְט דְרִינֶען.

13 דִיא אוֹיסְדֶערְוֶועהְלְטֶע וָאס אִיז אִין בָּבֶל, אוּן מֵיין זוּהְן מַרְקוּס גְרִיסֶען
אֵייךְ. 14 גְרִיסְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען מִיט אַ קִישׁ פוּן לִיבֶּע.
פְרִידֶען זֵייא מִיט אֵייךְ אַלֶע וָאס זֶענֶען אִין מָשִׁיחַ.

דֶער צְווֵייטֶע בְּרִיף פוּן דֶעם
אַפָּאסְטֶעל פֶּעטְרוּס.

שִׁמְעוֹן פֶּעטְרוּס, אַ קְנֶעכְט אוּן אֵיין אַפָּאסְטֶעל פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, צוּ דִיא
וָאס הָאבֶּען אַ גְלֵייכְוֶוערְטֶען גְלוֹיבֶּען מִיט אוּנְז דֶערְהַאלְטֶען, אִין דֶער גֶע־
רֶעכְטִיגְקֵייט פוּן אוּנְזֶערֶען גָאט אוּן רֶעטֶער יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ; 2 גְנָאד אוּן פְרִידֶען
זָאלֶען זִיךְ צוּ אֵייךְ מֶעהְרֶען אִין דֶער דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן גָאט אוּן אוּנְזֶערֶען
הַאר'ן יֵשׁוּעַ.

3 גלייך ווי זיינע געטליכע קראפט האט אונז געשענקט אלע זאכען וואס געהערען צו לעבען און פרומיגקייט דורך דער דערקענטניס פון איהם, וועלכער האט אונז בערופען דורך זיינע אייגענע הערליכקייט און לויב; 4 דורך וועלכע עס זענען צו אונז געגעבען די טהייערע און זעהר גרויסע הבטחות, כדי איהר זאלט דורך דיזע א טהייל האבען אין די געטליכע נאטור, אינדעם איהר האט פון דעם פערדארבען אנטרינען וואס איז אין דער וועלט דורך גלוסטען. 5 און צו דעמזעלביגען זעצט צו אלערלייא פלייסיגקייט און צו אייער גלויבען גוטע מדות, און צו גוטע מדות דערקענטניס, 6 און צו דערקענטניס מעסיגקייט, און צו מעסיגקייט גערולד, און צו גערולד פרומיגקייט, 7 און צו פרומיגקייט ברידערליכקייט, און צו ברידערליכקייט ליבע. 8 ווארין דיזע זאכען, ווען זיי זענען אין אייך און מעהרען זיך, זיי לאזען אייך ניט פויל זיין און אויך ניט אהן פרוכט וועגען דער דערקענטניס פון אונזער־רען האר׳ן ישוע המשיח. 9 ווארין דער וואס האט ניט דיזע זאכען איז בלינד, אינדעם ער זעהט נור דאס וואס איז נאהענט, און האט פערגעסען אז ער איז פון זיינע אלטע זינד גערייניגט געווארען.

10 דעסטוועגען ברידער, בעפלייסיגט אייך נאך מעהר אז איהר זאלט אייערע בערופונג און אויסדערוועהלונג זיכער מאכען; ווארין ווען איהר טהוט דיזע זאכען וועט איהר קיין מאל ניט שטרויכלען. 11 ווארין אזוי וועט אייך רייכליך געגעבען ווערען דער איינגאנג צום עביגען קעניגרייך פון אונזערען האר׳ן און רעטער ישוע המשיח.

12 דעסטוועגען וויל איך ניט אויפהערען אייך בעשטענדיג וועגען דיזע זאכען צו דערמאהנען, אפילו ווען איהר קענט זיי און זענט בעפעסטיגט אין דער וואהרהייט וואס איז מיט אייך. 13 אבער איך האלט עס פאר רעכט, אזוי לאנג ווי איך בין אין דיזען געצעלט, אז איך זאל אייך דורך דערמאהנונג דערוועקען; 14 אינדעם איך ווייס אז דאס אפלעגען פון מיין געצעלט קומט געשווינד גלייך ווי אונזער האר ישוע המשיח האט מיר געוויזען. 15 און איך וועל מיך בעמיהען אז איהר זאלט דיזע זאכען אויך בעשטענדיג געדענקען נאך מיין אפשיידען. 16 ווארין מיר האבען ניט קיינע אויסגעטראכטע ליגען נאכגעפאלגט ווען מיר האבען אייך צו וויסען געטהון די קראפט און די ערשיינונג פון אונזערען האר׳ן ישוע המשיח, נייערט מיר האבען זיינע גדולה מיט אונזערע אויגען געזעהען. 17 ווארין ער האט פון גאט דעם פאטער כבוד און הערליכקייט דערהאלטען, ווען אזעלכעס קול איז צו איהם געקומען פון די זעהר הויכע הערליכקייט, דאס איז מיין געליבטער זוהן, אין וועל־כען איך האב וואילגעפעלען. 18 און דיזעס קול האבען מיר געהערט פון הימעל קומען, ווען מיר זענען מיט איהם אויף דעם היילעגען בארג געוועזען.

19 און מיר האבען דאסווארט פון נבואה וואס איז אויך פעסטער געמאכט, דרויף וועט איהר רעכט טהון ווען איהר גיבט אכטונג גלייך ווי אויף א ליכט

17 מתי ג׳ יז׳, יז׳ ה׳.

וואס שיינט אין א פינסטערען ארט, ביז דער טאג וועט גרימערן און דער
מארגענשטערן וועט אין אייערע הערצער אויפגעהען. [20] און דאס זאלט
איהר צוערשט וויסען, אז די גאנצע נבואה פון דער שריפט איז ניט פון
אייגענע אויסלייגונג; [21] ווארין נבואה איז ניט צו יעדער צייט דורך דעם ווילען
פון מענשען געקומען, נייערט די מענשען זענען פון דעם רוח הקודש
בעוועגט און האבען פון גאט גערעט.

ב [1] און עס זענען אויך פאלשע נביאים געוועזען צווישען דעם פאלק, אזוי וויא
עס וועלען אויך זיין צווישען אייך פאלשע לעהרער, וועלכע וועלען שטילער־
הייט פערדערבליכע מינות אריינברענגען, און וועלען פערלייקענען דעם האר'ן
דער האט זייא אויסגעקויפט, און וועלען איבער זיך זעלבסט געשווינדע פערדאר־
בען ברענגען. [2] און פילע וועלען זייערע אויסגעלאסענהייטען נאכפאלגען,
דורך דיא וועט דער וועג פון וואהרהייט געלעסטערט ווערען. [3] און דורך
גייציגקייט וועלען זייא אוים אייך מיט אויסגעטראכטע ווערטער סחורה
מאכען; פאר וועלכע דאס געריכט זאמט זיך שוין ניט פון לאנג אן, און זייער
פערדארבען דרימעלט ניט.
[4] ווארין ווען גאט האט ניט פערשפארט מלאכים וואס האבען געזינדיגט,
נייערט האט זייא אין גיהנם ארופגעווארפען אין גרובער פון פינסטערנים,
און האט זייא איבערגעגעבען צום געריכט בעהאלטען צו ווערען; [5] און ער
האט ניט דיא אלטע וועלט פערשפארט, נייערט האט נח מיט זיבען אנדערע
געהיט א פרעדיגער פון גערעכטיגקייט, און האט א מבול געבראכט איבער
דער וועלט פון דיא רשעים; [6] און ער האט צו אש געמאכט דיא שטעדט
פון סדום און עמורה, און האט זייא פערשולדיגט דורך איין אומשטורץ,
דריגען ער האט א ביישפיל געמאכט פון דיא וואס וועלען רשעות טהון;
[7] און האט דעם גערעכטען לוט מציל געוועזען, וועלכען דיא רשעים האבען
געפלאגט מיט זייערע שלעכטע מדות דורך אויסגעלאסענהייט. [8] ווארין דיזער
צדיק וואס האט צווישען זייא געוואוינט, ווען ער האט געזעהען און געהערט
זייערע אונגעזעצליכע מעשים, האט ער טעגליך יסורים געהאט אין זיינע
גערעכטע נשמה. [9] דער האר ווייסט וויא אזוי דיא פרומע לייט מציל צו זיין
פון פריפונג, און דיא רשעים צובעהאלטען צום יום הדין בעשטראפט צו
ווערען, [10] דאך מייסטענס דיא וואס געהען נאך דעם פלייש דורך דעם
גלוסטען פון אונריינינקייט, און פעראכטען דיא הערשאפט. דיזע זענען עזות
פנים, עקשנים, דיא לעסטערן דיא הערליכקייטען אהן פארכט; [11] ווען אפילו דיא
מלאכים וואס זענען גרעסער אין קראפט און אין מאכט ברענגען ניט קעגען
זייא קיין אנקלאג פון לעסטערונג ביי דעם האר'ן. [12] אבער דיזע, גלייך וויא
אונפערנונפטיגע חיות, וואס זענען פון נאטור געבוירען געהאפט און אומ־
געבראכט צו ווערען, לעסטערן אין דיא זאכען וואס זייא ניט פערשטעהען, און
וועלען אויך פערלוירען ווערען אין זייער פערדארבען, [13] אינדעם זייא
ליידען אונרעכט פאר א לוין פון אונרעכט; דיא וואס האלטען עס פאר א

תַּעֲנוּג צוּ זוּיפֶען בַּיים קְלָארֶען טָאג, אוּן וִויא פְלֶעקֶען אוּן פֶעהְלֶער זַייא קְוֶועלֶען
אִין זַייעֶרֶע לִיבֶּעסְמָאהְלְצַייטֶען בְּשַׁעַת זַייא עֶסֶען מִיט אֵייךְ; [14] אוּן זַייא הָאבֶּען
אוֹיגֶען פוּל מִיט זְנוּת, אוּן וָואס קֶענֶען נִיט פוּן זִינְד אוֹיפְהֶערֶען, וֶועלְכֶע
פֶערְפִיהְרֶען לַייכְטְזִינִיגֶע זֶעלֶען, אוּן הָאבֶּען הֶערְצֶער גֶעלֶערְנְט גַייצִיג צוּ זַיין,
אוּן זֶענֶען קִינְדֶער פוּן דֶעם פְלוּךְ. [15] זַייא הָאבֶּען דֶעם רֶעכְטֶען וֶועג פֶערְ־
לָאזְט, אוּן זֶענֶען פֶערְפִיהְרְט גֶעוָוארֶען, אוּן זֶענֶען דֶעם וֶועג פוּן בִּלְעָם דֶעם
זוּהְן פוּן בְּעוֹר נָאכְגֶעגַאנְגֶען, וָואס הָאט דֶעם לוֹין פוּן אוּנְרֶעכְט גֶעלִיבְּט,
[16] אוּן אִיז גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארֶען פַאר זַיין אֵייגֶענֶעם אִיבֶּעל; אַ שְׁטִימֶער עֶזֶעל
הָאט מִיט דֶעם קוֹל פוּן אַ מֶענְשֶׁען גֶערֶעט, אוּן הָאט דִיא מְשׁוּגַעַת פוּן דֶעם
נָבִיא גֶעהִינְדֶערְט.

[17] דִיזֶע זֶענֶען בְּרוּנֶען אָהְן וַואסֶער, וָואלְקֶען וָואס זֶענֶען פוּן אַ שְׁטוּרְמְווִינְד
אַרוּמְגֶעטְרִיבֶּען, פַאר וֶועלְכֶע דִיא שְׁוַוארְצֶעסְטֶע פִינְסְטֶערְנִים אִיז אוֹיף עֶבִּיג
בֶּעהַאלְטֶען. [18] וָוארִין זַייא רֶעדֶען זֶעהְר שְׁטָאלְצֶע נַארִישְׁקַייטֶען, אוּן דוּרְךְ דִיא
גְלוּסְטֶען פוּן דֶעם פְלֵיישׁ פֶערְפִיהְרֶען זַייא דוּרְךְ אוֹיסְגֶעלַאסֶענְהַייט דִיא וָואס
זֶענֶען קוֹים אַנְטְרִינֶען פוּן דִיא וָואס וַואנְדֶלֶען אִין טָעוּת; [19] דִיא וָואס זָאגֶען
זַייא צוּ פְרַייהַייט, דֶערְוַוייל זַייא זֶענֶען אַלֵיין דִיא קְנֶעכְט פוּן פֶערְדָארְבֶּען;
וָוארִין צוּ וֶועמֶען אֵיימִיצֶער הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפֶען פוּן דִיזֶעם אִיז עֶר
אַ קְנֶעכְט גֶעמַאכְט. [20] וָוארִין וֶוען זַייא זֶענֶען אַנְטְרִינֶען פוּן דִיא אוּנְרֵיינִיגְקַיי־
טֶען פוּן דֶער וֶועלְט דוּרְךְ דֶער דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן דֶעם הַאר'ן אוּן רֶעטֶער יֵשׁוּעַ
הַמָּשִׁיחַ, אוּן דָאךְ זֶענֶען ווִידֶער דְרִינֶען פֶערְווִיקֶעלְט גֶעוָוארֶען אוּן הָאבֶּען זִיךְ
אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפֶען, אַזוֹי זֶענֶען מִיט זַייא דִיא לֶעצְטֶע זַאכֶען עֶרְגֶער ווִיא דִיא עֶרְשְׁטֶע.
[21] וָוארִין עֶס וָואלְט פַאר זַייא בֶּעסֶער גֶעוֶועזֶען אַז זַייא וָואלְטֶען נִיט דֶעם וֶועג
פוּן גֶערֶעכְטִיגְקַייט גֶעקֶענְט, אֵיידֶער נָאכְדֶעם זַייא הָאבֶּען אִיהְם גֶעקֶענְט זִיךְ
אָפְּצוּקֶעהְרֶען פוּן דֶעם הֵיילִיגֶען גֶעבָּאט וָואס אִיז צוּ זַייא אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען. [22] עֶס
הָאט זִיךְ צוּ זַייא גֶעטְרָאפֶען נָאךְ דֶעם וָואהְרֶען מָשָׁל, אַ הוּנְד קֶעהְרְט זִיךְ צוּ
זַיין אֵייגֶען מֶעקִיכְץ, אוּן אַיין אָפְּגֶעוַואשֶׁענֶער חַזִיר וַואלְגֶערְט זִיךְ ווִידֶער אִין
גְרוּב.

ג [1] דָאס אִיז שׁוֹין דֶער צְווֵייטֶע בְּרִיף גֶעלִיבְּטֶע וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ צוּ אֵייךְ,
אִין וֶועלְכֶע אִיךְ דֶערְוֶועק אֵייעֶר לוֹיטֶערֶען פֶערְשְׁטַאנְד דוּרְךְ דֶערְמָאהְנֶען;
[2] אַז אִיהְר זָאלְט גֶעדֶענְקֶען דִיא וֶוערְטֶער וָואס זֶענֶען אֵייךְ פְרִיהֶער גֶעזָאגְט
גֶעוָוארֶען פוּן דִיא הֵיילִיגֶע נְבִיאִים, אוּן דָאס גֶעבָּאט צוּ אֵייךְ פוּן דִיא אַפָּאסְ־
טֶעל פוּן דֶעם הַאר'ן אוּן רֶעטֶער. [3] דָאס זָאלְט אִיהְר צוּעֶרְשְׁט ווִיסֶען, אַז
אִין דִיא לֶעצְטֶע טֶעג וֶועלֶען שְׁפֶּעטֶער קוּמֶען מִיט שְׁפֶּעטֶערַייא, וֶועלְכֶע וֶועלֶען
זַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע גְלוּסְטֶען נָאכְגֶעהֶען [4] אוּן זָאגֶען, וְואוּ אִיז דִיא הַבְטָחָה פוּן
זַיין קוּמֶען? וָוארִין פוּן דֶער צַייט אָן דִיא אָבוֹת זֶענֶען אַנְטְשְׁלָאפֶען גֶעוָוארֶען
זֶענֶען אַלֶע זַאכֶען אַזוֹי ווִיא פוּן אָנְהֵייבּ פוּן דֶער בֶּעשַׁאפוּנְג. [5] וָוארִין
מוּטְווִילִיג פֶערְגֶעסֶען זַייא, אַז עֶס זֶענֶען הִימֶעל גֶעוֶועזֶען פוּן אַלְטֶע צַייטֶען דוּרְךְ

[22] משלי כו׳ יא׳.

דֶעם וָוארְט פוּן גָאט, אוּן דִיא עֶרְד וָואס אִיז דוּרְךְ וַואסֶער אוּן אִים וַואסֶער
בֶּעשְׁטַאנֶען, [6] דוּרְךְ וֶועלְכֶע דִיא וֶועלְט וָואס אִיז דַאן גֶעוֶועזֶען אִיז דוּרְךְ וַואסֶער
פֶערְפְלֵייצְט גֶעוֶועזֶען, אוּן אִיז פֶערְלוֹירֶען גֶעוָוארֶען. [7] אָבֶּער דִיא הִימֶעל אוּן
דִיא עֶרְד וָואס זֶענֶען אַצוּנְד זֶענֶען דוּרְךְ דֶעמְזֶעלְבִּיגֶען וָוארְט בֶּעוָואהְרְט, בֶּעהַאלְטֶען
צוּם פֵייעֶר בִּיז צוּם יוֹם הַדִין אוּן דֶער צוּשְׁטֶערוּנְג פוּן דִיא רְשָׁעִים.
[8] אָבֶּער דָאס אֵיינֶע פֶערְגֶעסְט נִיט, גֶעלִיבְּטֶע, אַז אֵיין טָאג אִיז בֵּייא דֶעם
הַאר'ן וִויא טוֹיזֶענְד יָאהְר, אוּן טוֹיזֶענְד יָאהְר וִויא אֵיין טָאג. [9] דֶער הַאר
פֶערְשְׁפֶּעטִיגְט נִיט זַיינֶע הַבְטָחָה וִויא עֶטְלִיכֶע הַאלְטֶען פֶערְשְׁפֶּעטוּנְג, נֵייעֶרְט
עֶר אִיז לַאנְגְמִיטִיג קֶעגֶען אֵייךְ אוּן וִויל נִיט אַז אֵיימִיצֶער זָאל פֶערְלוֹירֶען
וֶוערֶען, נֵייעֶרְט אַז אַלֶע זָאלֶען אוּמְקֶעהְרֶען צוּ תְּשׁוּבָה.
[10] נוּן דֶער טָאג פוּן דֶעם הַאר'ן וֶועט קוּמֶען אַזוֹי וִויא אַ גַנָב, אִין וֶועלְכֶעם
דִיא הִימֶעל וֶועלֶען פֶערְגֶעהֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶען רַעַשׁ, אוּן דִיא גְרוּנְדֶען וֶועלֶען
פַאר הִיץ צוּשְׁמֶעלְצְט וֶוערֶען אוּן וֶועלֶען צוּגֶעהֶען, אוּן דִיא עֶרְד אוּן דִיא
וֶוערְק וָואס זֶענֶען דְרִינֶען וֶועלֶען פֶערְבְּרֶענְט וֶוערֶען. [11] וֶוען אַלֶע דִיזֶע זַאכֶען
וֶועלֶען אַזוֹי צוּגֶעהֶען, וָואסְפַאר מֶענְשֶׁען קֶעהְרְט אִיהְר צוּ זַיין אִין הֵיילִיגֶען
וַואנְדֶעל אוּן פְרוּמִיגְקֵייט, [12] דֶערְוֵוייל אִיהְר וַוארְטֶעט אוּן עֶרְנְסְט בֶּעגֶעהְרְט
דִיא עֶרְשֵׁיינוּנְג פוּן דֶעם טָאג פוּן גָאט, דוּרְךְ וֶועלְכֶע דִיא הִימֶעל וֶועלֶען פֶערְבְּרֶענְט
וֶוערֶען אוּן וֶועלֶען צוּגֶעהֶען, אוּן דִיא גְרוּנְדֶען וֶועלֶען פַאר הִיץ צוּשְׁמֶעלְצְט
וֶוערֶען אוּן וֶועלֶען פֶערְנִיכְטֶעט וֶוערֶען? [13] אָבֶּער מִיר וַוארְטֶען נָאךְ זַיינֶער
הַבְטָחָה אוֹיף נֵייעֶ הִימֶעל אוּן אַ נֵייעֶ עֶרְד, דְרִינֶען וואוֹינְט גֶערֶעכְטִיגְקֵייט.
[14] דֶעסְטְוֶועגֶען, גֶעלִיבְּטֶע, וַוייל אִיהְר וַוארְטֶעט אוֹיף דִיזֶע זַאכֶען בֶּעפְלֵייסִיגְט אֵייךְ
אַז אִיהְר זָאלְט פוּן אִיהְם אִין פְרִידֶען גֶעפִינֶען וֶוערֶען, אָהְן אַ פְלֶעק אוּן אָהְן אַ
פֶעהְלֶער. [15] אוּן רֶעכֶענְט אַז דִיא לַאנְגְמִיטִיגְקֵייט פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן אִיז
יְשׁוּעָה, גְלֵייךְ וִויא אוּנְזֶער גֶעלִיבְּטֶער בְּרוּדֶער פּוֹלוֹס הָאט אוֹיךְ אֵייךְ גֶעשְׁרִי־
בֶּען נָאךְ דֶער חָכְמָה וָואס אִיז אִיהְם גֶעגֶעבֶּען; [16] אַזוֹי וִויא אוֹיךְ אִין אַלֶע
בְּרִיף רֶעט עֶר וֶועגֶען דִיזֶע זַאכֶען, אִין וֶועלְכֶע זֶענֶען עֶטְלִיכֶע זַאכֶען שְׁוֶוער צוּ
פֶערְשְׁטֶעהֶען, וָואס דִיא אוּנְגֶעלֶעהְרְטֶע אוּן אוּנְפֶערְשְׁטֶענְדִיגֶע פֶערְדְרֶעהֶען,
אַזוֹי וִויא אוֹיךְ דִיא אִיבְּרִיגֶע שְׁרִיפְטֶען, צוּ זֵייעֶר אֵייגֶענֶען פֶערְדַארְבֶּען.
[17] דְרוּם, גֶעלִיבְּטֶע, וַוייל אִיהְר וֵוייסְט עֶס פָארְאוֹיס, הִיט אֵייךְ כְּדֵי אִיהְר
זָאלְט נִיט פֶערְפִיהְרְט וֶוערֶען מִיט דֶעם טָעוּת פוּן דִיא רְשָׁעִים, אוּן זָאלְט נִיט
אַוֶועקְפַאלֶען פוּן אֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע בֶּעשְׁטֶענְדִיגְקֵייט; [18] נֵייעֶרְט וַואקְסְט אִין
דֶער גְנָאד אוּן דֶערְקֶענְטְנִיס פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן אוּן רֶעטֶער יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ.
צוּ אִיהְם זָאל זַיין דֶער כָּבוֹד אַצוּנְד אוּן אוֹיף עֶבִּיגֶע צֵייטֶען; אָמֵן.

8 תהלים צ׳ ד׳,

דער ערשטע בריף פון דעם אפאסטעל יוחנן.

1 דאס וואס איז פון אנהייב געוועזן, וואס מיר האבען געהערט, וואס מיר
האבען געזעהען מיט אונזערע אויגען, וואס מיר האבען בעטראכט און אונזערע
הענד האבען אנגעריהרט, וועגען דעם ווארט פון לעבען; 2 און דאס לעבען
איז אנטפלעקט געווארען, און מיר האבען געזעהען און בעצייגען און דער־
צעהלען צו אייך דאס עביגען לעבען, וואס איז מיט דעם פאטער געוועזן און איז
צו אונז אנטפלעקט געווארען. 3 וואס מיר האבען געזעהען און געהערט
דערצעהלען מיר אויך אייך, כדי איהר זאלט אויך געמיינשאפט מיט אונז
האבען. און אונזערע געמיינשאפט איז מיט דעם פאטער און מיט זיין זוהן
ישוע המשיח. 4 און דיזע זאכען שרייבען מיר צו אייך, כדי אונזערע פרייד
זאל פאלקאמען ווערען.
5 און דאס איז דיא באטשאפט וואס מיר האבען פון איהם געהערט און
דערצעהלען צו אייך, אז גאט איז ליכט, און אין איהם איז גאר קיינע
פינסטערניס ניט. 6 ווען מיר זאגען אז מיר האבען מיט איהם געמיינשאפט, און
וואנדלען אין דער פינסטערניס, זאגען מיר ליגען און טהון ניט דיא וואהר־
הייט. 7 אבער ווען מיר וואנדלען אים ליכט גלייך וויא ער איז אים ליכט
האבען מיר געמיינשאפט איינער מיט דעם אנדערען, און דאס בלוט פון ישוע
זיין זוהן רייניגט אונז פון אלע זינד. 8 ווען מיר זאגען אז מיר האבען ניט
קיינע זינד פערפיהרען מיר אונז זעלבסט, און דיא וואהרהייט איז ניט אין
אונז. 9 ווען מיר בעקענען אונזערע זינד, איז ער געטרייא און גערעכט אז
ער זאל אונז דיא זינד פערגעבען, און זאל אונז רייניגען פון אלער אונגערעכטיג־
קייט. 10 ווען מיר זאגען אז מיר האבען ניט געזינדיגט, מאכען מיר איהם
פאר א ליגנער, און זיין ווארט איז ניט אין אונז.

ב 1 מיינע קליינע קינדער, דיזע זאכען שרייב איך צו אייך, כדי איהר זאלט
ניט זינדיגען. און ווען איימיצער זינדיגט, אזוי האבען מיר א מליץ בייא
דעם פאטער, ישוע המשיח דעם גערעכטען; 2 און ער איז אליין א
כפרה פאר אונזערע זינד, און ניט נור פאר אונזערע זינד, נייערט אויך
פאר דיא זינד פון דיא גאנצע וועלט. 3 און דורך דעם וויסען מיר אז מיר
קענען איהם, ווען מיר האלטען זיינע געבאטע. 4 דער וואס זאגט, איך קען
איהם, און האלט ניט זיינע געבאטע, דער איז א ליגנער, און דיא וואהרהייט
איז ניט אין איהם. 5 אבער דער וואס האלט זיין ווארט, באמת אין דיזעם איז
דיא ליבע פון גאט פאלקאמען געווארען; דורך דעם וויסען מיר אז מיר זענען אין
איהם. 6 דער וואס זאגט אז ער בלייבט אין איהם, גלייך וויא יענער האט
געוואנדעלט אזוי זאל ער אליין אויך וואנדעלן.
7 געליבטע, איך שרייב צו אייך ניט קיין נייעס געבאט, נייערט איין אלטעס
געבאט וואס איהר האט פון אנהייב געהאט; דאס אלטע געבאט איז דאס

וָארְט וָאס אִיהְר הָאט גֶעהֶערְט. 8 ווִידֶער אַ נֵייעֶס גֶעבָּאט שְׁרֵייבּ אִיךְ צוּ אֵייךְ,
וָאס אִיז אֱמֶת אִין אִיהְם אוּן אִין אֵייךְ, ווייל דִיא פִינְסְטֶערְנִיס פֶערְשְׁווִינְדֶעט,
אוּן דָאס וָואהְרֶע לִיכְט שׁוֹין שֵׁיינְט. 9 דֶער וָואס זָאגְט אַז עֶר אִיז אִים לִיכְט,
אוּן הַאסְט זַיין בְּרוּדֶער, אִיז אִין דֶער פִינְסְטֶערְנִיס בִּיז אַצוּנְד. 10 דֶער וָואס
לִיבְּט זַיין בְּרוּדֶער בְּלֵייבְּט אִים לִיכְט, אוּן עֶס אִיז נִיט קֵיינֶע שְׁטְרוֹיכְלוּנְג אִין
אִיהְם. 11 אָבֶּער דֶער וָואס הַאסְט זַיין בְּרוּדֶער אִיז אִין דֶער פִינְסְטֶערְנִיס אוּן
וַואנְדֶעלְט אִין דֶער פִינְסְטֶערְנִיס, אוּן ווייסְט נִיט ווָאוּ אַהִין עֶר גֶעהְט, ווָארִין
דִיא פִינְסְטֶערְנִיס הָאט זַיינֶע אוֹיגֶען פֶערְבְּלֶענְדֶעט.

12 אִיךְ שְׁרֵייבּ צוּ אֵייךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער, ווייל אֵייעֶרֶע זִינְד זֶענֶען פֶערְגֶעבֶּען
פוּן זַיין נָאמֶענְס וֶועגֶען. 13 אִיךְ שְׁרֵייבּ צוּ אֵייךְ, פֶעטֶער, ווייל אִיהְר הָאט
אִיהְם דֶערְקַאנְט וָועלְכֶער אִיז פוּן אָנְהֵייבּ. אִיךְ שְׁרֵייבּ צוּ אֵייךְ, יוּנְגֶע
מֶענֶער, ווייל אִיהְר הָאט דֶעם שְׁלֶעכְטֶען בֵּייגֶעקוּמֶען. אִיךְ הָאבּ צוּ אֵייךְ
גֶעשְׁרִיבֶּען קְלֵיינֶע קִינְדֶער, ווייל אִיהְר הָאט דֶערְקֶענְט דֶעם פָּאטֶער. 14 אִיךְ
הָאבּ צוּ אֵייךְ גֶעשְׁרִיבֶּען פֶעטֶער, ווייל אִיהְר הָאט אִיהְם דֶערְקֶענְט וָועלְכֶער
אִיז פוּן אָנְהֵייבּ. אִיךְ הָאבּ צוּ אֵייךְ גֶעשְׁרִיבֶּען יוּנְגֶע מֶענֶער, ווייל אִיהְר
זֶענְט שְׁטַארְק אוּן דָאס וָוארְט פוּן גָאט בְּלֵייבְּט אִין אֵייךְ, אוּן אִיהְר הָאט דֶעם
שְׁלֶעכְטֶען בֵּייגֶעקוּמֶען. 15 לִיבְּט נִיט דִיא וֶועלְט, אוֹיךְ נִיט דִיא זַאכֶען וָואס
זֶענֶען אִין דֶער וֶועלְט. וֶוען אֵיימִיצֶער לִיבְּט דִיא וֶועלְט, אַזוֹי אִיז נִיט אִין
אִיהְם דִיא לִיבֶּע פוּן דֶעם פָּאטֶער. 16 ווייל אַלֶעס וָואס אִיז אִין דֶער וֶועלְט, דָאס
גְלוּסְטֶען פוּן דֶעם פְלֵייש אוּן דָאס גְלוּסְטֶען פוּן דִיא אוֹיגֶען אוּן דֶער שְׁטָאלְץ
פוּן דֶעם לֶעבֶּען, אִיז נִיט פוּן דֶעם פָּאטֶער נֵייעֶרְט פוּן דֶער וֶועלְט. 17 אוּן
דִיא וֶועלְט פֶערְשְׁווִינְדֶעט, אוּן אוֹיךְ אִיהְר גְלוּסְטֶען; אָבֶּער דֶער וָואס טְהוּט
דֶעם ווִילֶען פוּן גָאט בְּלֵייבְּט אוֹיף עֶבִּיג.

18 קְלֵיינֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז דִיא לֶעצְטֶע שָׁעָה; אוּן ווִיא אִיהְר הָאט גֶעהֶערְט
אַז דֶער גֶעגְנֶער פוּן מָשִׁיחַ קוּמְט, אַזוֹי זֶענֶען שׁוֹין אַצוּנְד דָא פִילֶע גֶעגְנֶער
פוּן מָשִׁיחַ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען; דוּרְךְ דֶעם ווִיסֶען מִיר אַז עֶס אִיז דִיא לֶעצְטֶע שָׁעָה.
19 זַייא זֶענֶען פוּן אוּנְז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער זַייא זֶענֶען נִיט פוּן אוּנְז גֶעוֶוען;
וָוארִין וֶוען זַייא וָואלְטֶען פוּן אוּנְז גֶעוֶוען וָואלְטֶען זַייא מִיט אוּנְז גֶעבְּלִיבֶּען;
אָבֶּער זַייא זֶענֶען אַוֶועק כְּדֵי זַייא זָאלֶען אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערֶען, אַז זַייא זֶענֶען
נִיט אַלֶע פוּן אוּנְז. 20 אוּן אִיהְר הָאט אַ זַאלְבּוּנְג פוּן דֶעם הֵיילִיגֶען, אוּן
אִיהְר אַלֶע ווייסְט. 21 אִיךְ הָאבּ נִיט צוּ אֵייךְ גֶעשְׁרִיבֶּען ווייל אִיהְר ווייסְט
נִיט דִיא וָואהְרְהֵייט, נֵייעֶרְט ווייל אִיהְר ווייסְט זִיא, אוּן אַז קֵיין לִיגֶען אִיז
נִיט פוּן דֶער וָואהְרְהֵייט. 22 וֶוער אִיז דֶער לִיגְנֶער וֶוען נִיט דֶער וָואס לֵיי־
קֶענְט אָפּ אַז יֵשׁוּעַ אִיז דֶער מָשִׁיחַ? דִיזֶער אִיז דֶער גֶעגְנֶער פוּן מָשִׁיחַ, וָואס
לֵייקֶענְט אָפּ דֶעם פָּאטֶער אוּן דֶעם זוּהְן. 23 יֶעדֶער וָואס לֵייקֶענְט אָפּ
דֶעם זוּהְן הָאט דֶעם פָּאטֶער אוֹיךְ נִיט; דֶער וָואס בֶּעקֶענְט דֶעם זוּהְן הָאט
אוֹיךְ דֶעם פָּאטֶער. 24 לָאז דָאס אִין אֵייךְ בְּלֵייבֶּען וָואס אִיהְר הָאט פוּן
אָנְהֵייבּ גֶעהֶערְט; וֶוען דָאס וָואס אִיהְר הָאט פוּן אָנְהֵייבּ גֶעהֶערְט וֶועט אִין

אײך בְּלײַבֶּען, אַזוֹי װֶעט אִיהְר אוֹיךְ בְּלײַבֶּען אִים זוּהְן אוּן אִים פָּאטֶער.
25 אוּן דָאס אִיז דִיא הַבְטָחָה װָאס עֶר הָאט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט, דָאס עֶבִּיגֶע לֶעבֶּען.
26 דִיזֶע זַאכֶען הָאבּ אִיךְ צוּ אֵייךְ גֶעשְׁרִיבֶּען װֶעגֶען דִיא װָאס פֶערְפִיהְרֶען
אֵייךְ. 27 אוּן דִיא זַאלְבּוּנְג װָאס אִיהְר הָאט פוּן אִיהְם דֶערְהַאלְטֶען בְּלײַבְּט אִין
אֵייךְ, אוּן אִיהְר בֶּעדַארְפְט נִיט אַז אֵיימִיצֶער זָאל אֵייךְ לֶערְנֶען; נֵייעֶרְט גְלֵייךְ
וִויא זַיינֶע זַאלְבּוּנְג לֶערְנְט אֵייךְ װֶעגֶען אַלֶע זַאכֶען אוּן אִיז װָאהְר אוּן אִיז
נִיט קֵיין לִיגֶען, אוּן גְלֵייךְ וִויא זִיא הָאט אֵייךְ גֶעלֶעהְרְט, אַזוֹי בְּלײַבְּט אִיהְר
אִין אִיהְם. 28 אוּן אַצוּנְד קְלֵיינֶע קִינְדֶער בְּלײַבְּט אִין אִיהְם, כְּדֵי װֶען עֶר װֶעט
אַנְטְפְּלֶעקְט װֶערֶען, זָאלֶען מִיר בִּטָחוֹן הָאבֶּען, אוּן זָאלֶען נִיט פוּן אִיהְם פֶערְ־
שֶׁעהְמְט װֶערֶען װֶען עֶר װֶעט קוּמֶען. 29 װֶען אִיהְר װֵייסְט אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט,
אַזוֹי זָאלְט אִיהְר װִיסֶען אַז אִיטְלִיכֶער װָאס טְהוּט גֶערֶעכְטִיגְקֵייט אִיז פוּן
אִיהְם גֶעבּוֹירֶען גֶעװָארֶען.

ג 1 זֶעהְט װָאסְפַאר אַ מִין לִיבֶּע דֶער פָּאטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבֶּען, אַז מִיר
זָאלֶען קִינְדֶער פוּן גָאט הֵייסֶען, אוּן אַזֶעלְכֶע זֶענֶען מִיר. דֶעסְטְװֶעגֶען דִיא
װֶעלְט קֶענְט אוּנְז נִיט, װֵייל זִיא הָאט אִיהְם נִיט גֶעקַאנְט. 2 גֶעלִיבְּטֶע, אַצוּנְד
זֶענֶען מִיר קִינְדֶער פוּן גָאט, אוּן עֶס אִיז נָאךְ נִיט אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעװָארֶען װָאס
מִיר װֶעלֶען זַיין. מִיר װִיסֶען אַז װֶען עֶר װֶעט אַנְטְפְּלֶעקְט װֶערֶען װֶעלֶען מִיר
גְלֵייךְ צוּ אִיהְם זַיין, װָארִין מִיר װֶעלֶען אִיהְם זֶעהֶען אַזוֹי וִויא עֶר אִיז. 3 אוּן
אִיטְלִיכֶער װָאס הָאט דִיזֶע הָאפְנוּנְג אוֹיף אִיהְם רֵיינִיגְט זִיךְ אַזוֹי וִויא עֶר אִיז
רֵיין. 4 אִיטְלִיכֶער װָאס טְהוּט דִיא זִינְד טְהוּט אוֹיךְ דָאס אוּנְרֶעכְט, אוּן דִיא
זִינְד אִיז דָאס אוּנְרֶעכְט. 5 אוּן אִיהְר װֵייסְט אַז עֶר אִיז אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעװָארֶען
כְּדֵי עֶר זָאל אוּנְזֶערֶע זִינְד אַװֶעקְנֶעמֶען, אוּן אִין אִיהְם אִיז נִיט קֵיינֶע זִינְד.
6 אִיטְלִיכֶער װָאס בְּלײַבְּט אִין אִיהְם זִינְדִיגְט נִיט; אִיטְלִיכֶער װָאס זִינְדִיגְט הָאט
אִיהְם נִיט גֶעזֶעהֶען, אוּן הָאט אִיהְם אוֹיךְ נִיט דֶערְקֶענְט.

7 קְלֵיינֶע קִינְדֶער, לָאז אֵייךְ קֵיינֶער נִיט פֶערְפִיהְרֶען; דֶער װָאס טְהוּט
גֶערֶעכְטִיגְקֵייט אִיז גֶערֶעכְט, וִויא יֶענֶער אִיז גֶערֶעכְט. 8 דֶער װָאס
טְהוּט דִיא זִינְד אִיז פוּן דֶעם שָׂטָן, װָארִין דֶער שָׂטָן זִינְדִיגְט פוּן אָנְהֵייבּ;
דֶעסְטְװֶעגֶען אִיז דֶער זוּהְן פוּן גָאט אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעװָארֶען, כְּדֵי עֶר זָאל דִיא
װֶערְק פוּן דֶעם שָׂטָן צוּשְׁטֶערֶען. 9 אִיטְלִיכֶער װָאס אִיז פוּן גָאט גֶעבּוֹירֶען
גֶעװָארֶען טְהוּט נִיט זִינְד, װֵייל זַיין זָאמֶען בְּלײַבְּט אִין אִיהְם; אוּן עֶר קֶען נִיט
זִינְדִיגֶען, װֵייל עֶר אִיז פוּן גָאט גֶעבּוֹירֶען גֶעװָארֶען. 10 דְרִינֶען זֶענֶען קְלָאר
דִיא קִינְדֶער פוּן גָאט אוּן דִיא קִינְדֶער פוּן דֶעם שָׂטָן; אִיטְלִיכֶער װָאס טְהוּט
נִיט גֶערֶעכְטִיגְקֵייט אִיז נִיט פוּן גָאט, אוֹיךְ נִיט דֶער װָאס לִיבְּט נִיט זַיין בְּרוּ־
דֶער. 11 װָארִין דִיזֶע אִיז דִיא בָּאטְשַׁאפְט װָאס אִיהְר הָאט פוּן אָנְהֵייבּ
גֶעהֶערְט, אַז מִיר זָאלֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען לִיבֶּען. 12 נִיט וִויא קַיִן
דֶער אִיז פוּן דֶעם שְׁלֶעכְטֶען גֶעװֶען אוּן הָאט זַיין בְּרוּדֶער אוּמְגֶעבְּרַאכְט.
אוּן פַארְװָאס הָאט עֶר אִיהְם אוּמְגֶעבְּרַאכְט? װֵייל זַיינֶע װֶערְק זֶענֶען שְׁלֶעכְט
גֶעװֶען, אָבֶּער דִיא װֶערְק פוּן זַיין בְּרוּדֶער זֶענֶען גֶערֶעכְט גֶעװֶען.

13 וְואוּנְדֶערְט אֵייךְ נִיט, בְּרִידֶער, וֶוען דִיא וֶועלְט הָאט אֵייךְ פֵיינְד. 14 מִיר
וִויסֶען אַז מִיר זֶענֶען פוּן דֶעם טוֹיט צוּם לֶעבֶּען אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, ווייל מִיר
לִיבֶּען דִיא בְּרִידֶער; וֶוען אֵיימִיצֶער לִיבְּט נִיט אַזוֹי בְּלֵייבְּט עֶר אִים טוֹיט.
15 אִיטְלִיכֶער וָואס הָאט זַיין בְּרוּדֶער פֵיינְד אִיז אַ רוֹצֵחַ, אוּן אִיהְר ווייסְט אַז
קֵיין רוֹצֵחַ הָאט נִיט דָאס עֶבִּיגֶע לֶעבֶּען בְּלֵייבֶּען אִין אִיהְם. 16 דְרִינֶען הָאבֶּען
מִיר זֵיינֶע לִיבֶּע דֶערְקַאנְט, ווייל עֶר הָאט פַאר אוּנְז זַיין לֶעבֶּען אַנִידֶערְגֶעלֶעגְט;
אוּן מִיר בֶּעדַארְפֶען אוּנְזֶער לֶעבֶּען פַאר דִיא בְּרִידֶער אַנִידֶערְלֶעגֶען. 17 אָבֶּער
דֶער וָואס הָאט דָאס פֶערְמֶעגֶען פוּן דִיזֶער וֶועלְט, אוּן זֶעהְט אַז זַיין בְּרוּדֶער
הָאט נוֹיט, אוּן פֶערְשְׁלִיסְט זֵיינֶע בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייטֶען פוּן אִיהְם, וִויא אַזוֹי
וְואוֹינְט דִיא לִיבֶּע פוּן גָאט אִין אִיהְם? 18 קְלֵיינֶע קִינְדֶער, לָאזֶען מִיר נִיט
לִיבֶּען מִיט רֶעד אוֹיךְ נִיט מִיט דֶער צוּנְג, נֵייעֶרְט אִין וֶוערְק אוּן אִין וָואהְרְ־
הֵייט. 19 אִין דִיזֶעם זָאלֶען מִיר ווִיסֶען אַז מִיר זֶענֶען פוּן דֶער וָואהְרְהֵייט, אוּן
זָאלֶען אוּנְזֶער הַארְץ פָאר אִיהְם בֶּעפְרִידִיגֶען, 20 אַז אִין וָואסְפַאר אַ זַאךְ
אוּנְזֶער הַארְץ פֶערְשׁוּלְדִיגְט אוּנְז, גָאט אִיז גְרֶעסֶער וִויא אוּנְזֶער הַארְץ אוּן
ווייסְט אַלֶע זַאכֶען. 21 גֶעלִיבְּטֶע, וֶוען אוּנְזֶער הַארְץ פֶערְשׁוּלְדִיגְט אוּנְז נִיט,
אַזוֹי הָאבֶּען מִיר אַ בִּטָחוֹן צוּ גָאט; 22 אוּן וָואס מִיר בֶּעטֶען בֶּעקוּמֶען
מִיר פוּן אִיהְם, ווייל מִיר הַאלְטֶען זֵיינֶע גֶעבָּאטֶע, אוּן טְהוּן דָאס וָואס אִיהְם
גֶעפֶעלְט. 23 אוּן דָאס אִיז זַיין גֶעבָּאט, אַז מִיר זָאלֶען גְלוֹיבֶּען אִים נָאמֶען פוּן
זַיין זוּהְן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ, אוּן זָאלֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען לִיבֶּען, אַזוֹי וִויא עֶר
הָאט אוּנְז אַ גֶעבָּאט גֶעגֶעבֶּען. 24 אוּן דֶער וָואס הַאלְט זֵיינֶע גֶעבָּאטֶע בְּלֵייבְּט
אִין אִיהְם אוּן עֶר אִין אִיהְם; אוּן דְרִינֶען וִויסֶען מִיר אַז עֶר בְּלֵייבְּט אִין אוּנְז,
דוּרְךְ דֶעם גֵייסְט וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבֶּען.

ד 1 גֶעלִיבְּטֶע, גְלוֹיבְּט נִיט אִיטְלִיכֶען גֵייסְט, נֵייעֶרְט פְּרִיפְט דִיא גֵייסְטֶער אוֹיבּ
זֵייא זֶענֶען פוּן גָאט, וָוארִין פִילֶע פַאלְשֶׁע נְבִיאִים זֶענֶען אִין דֶער וֶועלְט
אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען. 2 אִין דִיזֶעם דֶערְקֶענְט אִיהְר דֶעם גֵייסְט פוּן גָאט; אִיטְלִיכֶער
גֵייסְט וָואס בֶּעקֶענְט אַז יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ אִיז אִים פְלֵייש גֶעקוּמֶען אִיז פוּן גָאט,
3 אוּן אִיטְלִיכֶער גֵייסְט וָואס בֶּעקֶענְט נִיט יֵשׁוּעַ אִיז נִיט פוּן גָאט; אוּן דָאס
אִיז דֶער גֵייסְט פוּן דֶעם גֶעגְנֶער פוּן מָשִׁיחַ, וָואס אִיהְר הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶר
קוּמְט, אוּן שׁוֹין אַצוּנְד אִיז עֶר אִין דֶער וֶועלְט. 4 אִיהְר זֶענְט פוּן גָאט, קְלֵיינֶע
קִינְדֶער, אוּן אִיהְר הָאט זֵייא בֵּייגֶעקוּמֶען; וָוארִין דֶער וָואס אִיז אִין אֵייךְ אִיז
גְרֶעסֶער וִויא דֶער וָואס אִיז אִין דֶער וֶועלְט. 5 זֵייא זֶענֶען פוּן דֶער וֶועלְט;
דֶעסְטְוֶועגֶען רֶעדֶען זֵייא פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן דִיא וֶועלְט הֶערְט זֵייא. 6 מִיר
זֶענֶען פוּן גָאט; דֶער וָואס קֶען גָאט הֶערְט אוּנְז, דֶער וָואס אִיז נִיט פוּן גָאט
הֶערְט אוּנְז נִיט. דוּרְךְ דֶעם קֶענֶען מִיר דֶעם גֵייסְט פוּן וָואהְרְהֵייט אוּן דֶעם
גֵייסְט פוּן טָעוּת.

7 גֶעלִיבְּטֶע, לָאזֶען מִיר אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען לִיבֶּען, וָוארִין דִיא לִיבֶּע אִיז
פוּן גָאט, אוּן אִיטְלִיכֶער וָואס לִיבְּט אִיז פוּן גָאט גֶעבּוֹירֶען אוּן קֶענְט גָאט.
8 וֶוען אֵיימִיצֶער לִיבְּט נִיט הָאט עֶר נִיט גָאט דֶערְקַאנְט, וָוארִין גָאט אִיז לִיבֶּע.

9 אִין דִיזֶעם אִיז דִיא לִיבֶּע פוּן גָאט אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארֶען, אִינְדֶעם גָאט הָאט
זַיין אֵיינְצִיגֶען זוּהְן אִין דֶער וֶועלְט גֶעשִׁיקְט, כְּדֵי מִיר זָאלֶען דוּרְךְ אִיהְם
לֶעבֶּען. 10 דְרִינֶען אִיז לִיבֶּע, נִיט אַז מִיר הָאבֶּען גָאט גֶעלִיבְּט, נֵייעֶרְט אַז עֶר
הָאט אוּנְז גֶעלִיבְּט אוּן הָאט זַיין זוּהְן גֶעשִׁיקְט פַּאר אַ כַּפָּרָה פַאר אוּנְזֶערֶע
זִינְד. 11 גֶעלִיבְּטֶע, וֶוען גָאט הָאט אוּנְז אַזוֹי גֶעלִיבְּט, זָאלֶען מִיר אוֹיךְ אֵיינֶער
דֶעם אַנְדֶערֶען לִיבֶּען.

12 קֵיינֶער הָאט גָאט קֵיינְמָאל נִיט גֶעזֶעהֶען; וֶוען מִיר לִיבֶּען אֵיינֶער דֶעם
אַנְדֶערֶען, אַזוֹי בְּלֵייבְּט גָאט אִין אוּנְז, אוּן זַיינֶע לִיבֶּע אִיז אִין אוּנְז פָאלְקָאמֶען
גֶעוָוארֶען. 13 אִין דִיזֶעם דֶערְקֶענֶען מִיר אַז מִיר בְּלֵייבֶּען אִין אִיהְם אוּן עֶר
אִין אוּנְז, ווייל עֶר הָאט אוּנְז פוּן זַיין גֵייסְט גֶעגֶעבֶּען. 14 אוּן מִיר
הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אוּן בֶּעצֵייגֶען, אַז דֶער פָאטֶער הָאט דֶעם זוּהְן גֶעשִׁיקְט אַלְס
דֶעם רֶעטֶער פוּן דֶער וֶועלְט. 15 דֶער וָואס בֶּעקֶענְט אַז יֵשׁוּעַ אִיז דֶער זוּהְן
פוּן גָאט, בְּלֵייבְּט גָאט אִין אִיהְם אוּן עֶר אִין גָאט. 16 אוּן מִיר הָאבֶּען דֶערְ־
קַאנְט אוּן גֶעגְלוֹיבְּט אִין דֶער לִיבֶּע וָואס גָאט הָאט צוּ אוּנְז. גָאט אִיז לִיבֶּע,
אוּן דֶער וָואס בְּלֵייבְּט אִין דֶער לִיבֶּע בְּלֵייבְּט אִין גָאט אוּן גָאט אִין אִיהְם.
17 אִין דִיזֶעם אִיז דִיא לִיבֶּע מִיט אוּנְז פָאלְקָאמֶען גֶעוָוארֶען, כְּדֵי מִיר זָאלֶען
בִּטָחוֹן הָאבֶּען אִים יוֹם הַדִין, וָוארִין גְלֵייךְ וִויא עֶר אִיז אַזוֹי זֶענֶען מִיר אוֹיךְ
אִין דִיזֶער וֶועלְט. 18 עֶס אִיז נִיט קֵיינֶע פָארְכְט אִין דֶער לִיבֶּע, נֵייעֶרְט דִיא
פָאלְקָאמֶענֶע לִיבֶּע וַוארְפְט אַרוֹיס דִיא פָארְכְט, וָוארִין דִיא פָארְכְט הָאט
שְׁטְרָאף, אוּן דֶער וָואס פָארְכְט זִיךְ אִיז נִיט פָאלְקָאמֶען גֶעמַאכְט אִין דֶער לִיבֶּע.
19 מִיר לִיבֶּען, ווייל עֶר הָאט אוּנְז צוּעֶרְשְׁט גֶעלִיבְּט. 20 וֶוען אֵיימִיצֶער זָאגְט,
אִיךְ לִיבּ גָאט, אוּן עֶר הָאט פֵיינְד זַיין בְּרוּדֶער, אַזוֹי אִיז עֶר אַ לִיגְנֶער; וָוארִין
וֶוען אֵיימִיצֶער לִיבְּט נִיט זַיין בְּרוּדֶער דֶעם עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען, אַזוֹי קֶען
עֶר נִיט גָאט לִיבֶּען דֶעם עֶר הָאט נִיט גֶעזֶעהֶען. 21 אוּן דִיזֶעם גֶעבָּאט
הָאבֶּען מִיר פוּן אִיהְם, אַז דֶער וָואס לִיבְּט גָאט זָאל זַיין בְּרוּדֶער אוֹיךְ
לִיבֶּען.

ה 1 אִיטְלִיכֶער וָואס גְלוֹיבְּט אַז יֵשׁוּעַ אִיז דֶער מָשִׁיחַ אִיז פוּן גָאט גֶעבּוֹירֶען;
אוּן אִיטְלִיכֶער וָואס לִיבְּט דֶעם וֶועלְכֶער הָאט גֶעבּוֹירֶען לִיבְּט אוֹיךְ דֶעם
וֶועלְכֶער אִיז פוּן אִיהְם גֶעבּוֹירֶען. 2 אִין דִיזֶעם דֶערְקֶענֶען מִיר אַז מִיר לִיבֶּען
דִיא קִינְדֶער פוּן גָאט, וֶוען מִיר לִיבֶּען גָאט אוּן הַאלְטֶען זַיינֶע גֶעבָּאטֶע.
3 וָוארִין דָאס אִיז דִיא לִיבֶּע פוּן גָאט, אַז מִיר זָאלֶען זַיינֶע גֶעבָּאטֶע הַאלְטֶען;
אוּן זַיינֶע גֶעבָּאטֶע זֶענֶען נִיט שְׁוֶוער. 4 ווייל אִיטְלִיכֶעס וָואס אִיז פוּן גָאט
גֶעבּוֹירֶען אִיבֶּערְוֶועלְטִיגְט דִיא וֶועלְט; אוּן דָאס אִיז דֶער נִצָחוֹן וָואס אִיבֶּערְ־
וֶועלְטִיגְט דִיא וֶועלְט, אוּנְזֶער גְלוֹיבֶּען. 5 וֶוער אִיז דֶער וָואס אִיבֶּערְוֶועלְטִיגְט
דִיא וֶועלְט, וֶוען נִיט דֶער וָואס גְלוֹיבְּט אַז יֵשׁוּעַ אִיז דֶער זוּהְן פוּן גָאט?
6 דִיזֶער אִיז דֶער וֶועלְכֶער אִיז דוּרְךְ וַואסֶער אוּן בְּלוּט גֶעקוּמֶען, יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ;
נִיט נוּר אִים וַואסֶער, נֵייעֶרְט אִים וַואסֶער אוּן אִים בְּלוּט. 7 אוּן עֶס אִיז דֶער
גֵייסְט וֶועלְכֶער בֶּעצֵייגְט, ווייל דֶער גֵייסְט אִיז דִיא וָואהְרְהֵייט. 8 ווייל עֶס זֶענֶען

דריי וואס בעצייגען, דער גייסט און דאס וואסער און דאס בלוט, און דיזע
דריי זענען איינס. 9 ווען מיר אננעמען דאס צייגניס פון מענשען, איז דאס
צייגניס פון גאט גרעסער, ווייל דאס איז דאס צייגניס פון גאט אז ער האט
וועגען זיין זוהן בעצייגט. 10 דער וואס גלויבט אן דעם זוהן פון גאט האט
אין איהם דאס צייגניס; ווען איימיצער גלויבט ניט אין גאט האט ער איהם פאר
א ליגנער געמאכט, ווייל ער האט ניט געגלויבט דאס צייגניס וואס גאט האט
בעצייגט וועגען זיין זוהן. 11 און דאס איז דאס צייגניס, אז גאט האט אונז
עביגעס לעבען געגעבען, און דיזעס לעבען איז אין זיין זוהן. 12 דער וואס
האט דעם זוהן האט דאס לעבען; ווען איימיצער האט ניט דעם זוהן פון
גאט האט ער ניט דאס לעבען. 13 דיזע זאכען האב איך צו אייך געשריבען,
כדי איהר זאלט וויסען אז איהר האט עביגעס לעבען, צו אייך וואס גלויבען
אן דעם נאמען פון דעם זוהן פון גאט.

14 און דאס איז דער בטחון וואס מיר האבען צו איהם, אז ווען מיר עפעס
בעטען נאך זיין ווילען הערט ער אונז. 15 און ווען מיר וויסען אז ער הערט
אונז אין א סך וואס מיר בעטען, אזוי וויסען מיר אז מיר האבען די געבעטע
וואס מיר האבען פון איהם געבעטען.

16 ווען איימיצער זעהט זיין ברודער זינדיגען א זינד ניט צום טויט, זאל ער
בעטען, און ער וועט איהם לעבען געבען פאר די וואס זינדיגען ניט צום
טויט. עס איז פארהאנען א זינד צום טויט; איך זאג ניט וועגען יענעם אז
ער זאל בעטען. 17 יעדע אונגערעכטיגקייט איז זינד, און עס איז פארהאנען
א זינד ניט צום טויט.

18 מיר וויסען אז איטליכער וואס איז פון גאט געבוירען זינדיגט ניט,
גייערט דער וועלכער איז פון גאט געבוירען בעוואהרט איהם, און דער
שלעכטער ריהרט איהם ניט אן. 19 מיר וויסען אז מיר זענען פון גאט, און
די גאנצע וועלט ליגט אין דעם שלעכטען. 20 און מיר וויסען אז דער זוהן
פון גאט איז געקומען, און האט אונז א פערשטאנד געגעבען אז מיר זאלען
דערקענען דעם וואהרהאפטיגען; און מיר זענען אים וואהרהאפטיגען, אין זיין
זוהן ישוע המשיח. דיזער איז דער וואהרהאפטיגע גאט און עביגעס לעבען.
21 קליינע קינדער, היט אייך זעלבסט פאר די אפגעטער.

דער צווייטע בריף פון דעם אפאסטעל יוחנן.

---

1 דער זקן צו די אויסדערוועהלטע גבירה און צו איהרע קינדער, וועלכע
איך ליב אין דער וואהרהייט, און ניט נור איך נייערט אויך אלע וואס האבען
די וואהרהייט דערקאנט 2 וועגען דער וואהרהייט וואס בלייבט אין אונז

און וועט מיט אונז זיין אויף עביג; 3 גנאד זאל זיין מיט אייך, בארעמהער־
ציגקייט און פרידען פון גאט דעם פאטער און פון ישוע המשיח דעם זוהן
פון דעם פאטער, אין וואהרהייט און אין ליבע.
4 איך האב מיך זעהר געפרייעט אז איך האב געפינען צווישען דיינע קינ־
דער דיא וואס וואנדלען אין דער וואהרהייט, אזוי וויא מיר האבען א געבאט
פון דעם פאטער דערהאלטען. 5 און אצונד בעט איך דיך, גבירה, ניט אזוי
וויא איך שרייב דיר א נייעס געבאט, נייערט דאס וואס מיר האבען פון
אנהייב געהאט, אז מיר זאלען איינער דעם אנדערען ליבען. 6 און דאס איז
ליבע, אז מיר זאלען וואנדלען נאך זיינע געבאטע; דאס איז דאס געבאט,
אזוי וויא איהר האט פון אנהייב געהערט, אז איהר זאלט דרינען וואנדלען.
7 וויל פילע בעטריגער זענען אין דער וועלט ארויסגעגאנגען, וועלכע בעקע־
נען ניט אז ישוע המשיח איז אים פלייש געקומען; דאס איז דער בעטריגער
און דער געגנער פון משיח.
8 גיבט אכטונג צו אייך זעלבסט, כדי איהר זאלט ניט פערליערען דאס וואס
מיר האבען געווירקט, נייערט איהר זאלט א גאנצען לוין דערהאלטען.
9 איטליכער וואס געהט פאר, און בלייבט ניט אין דער לעהרע פון משיח,
דער האט ניט גאט; דער וואס בלייבט אין דער לעהרע פון משיח האט אויך
דעם פאטער און דעם זוהן. 10 ווען איימיצער קומט צו אייך און ברענגט ניט
דיזע לעהרע, נעמט איהם ניט אים הויז אריין, און גריסט איהם ניט מיט שלום;
11 וואָרין דער וואס זאגט איהם שלום האט א טהייל אין זיינע שלעכטע
מעשים.
12 דערוויל איך האב פילע זאכען צו אייך צו שרייבען, האב איך ניט
געוואלט מיט פאפיר און טינט שרייבען, נייערט איך האף צו אייך צו קומען
און צו רעדען פה אל פה, כדי אונזערע פרייד זאל פאלקאמען זיין.
13 דיא קינדער פון דיינע אויסדערוועהלטע שוועסטער גריסען דיך

דער דריטע בריף פון דעם אפאסטעל יוחנן.

1 דער זקן צום געליבטען גאיוס, דעם איך ליב אין דער וואהרהייט.
2 געליבטער, וועגען אלע זאכען בעט איך אז דוא זאלסט מצליח זיין
און זאלסט געזונד זיין, וויא דיינע זעלע איז מצליח. 3 וואָרין איך האב
מיך זעהר געפרייעט ווען ברידער זענען געקומען און האבען בעצייגט
וועגען דיינער וואהרהייט, וויא דוא וואנדעלסט אין וואהרהייט. 4 איך
האב ניט קיינע גרעסערע פרייד וויא דיזע, אז איך זאל הערען אז מיינע
קינדער וואנדלען אין דער וואהרהייט. 5 געליבטער, דוא האנדעלסט געטריא

אִין וָואס דוּא טְהוּסְט קֶעגֶען דִיא בְּרִידֶער וָואס זֶענֶען אוֹיךְ פְּרֶעמְדֶע;
6 וֶועלְכֶע הָאבֶּען בֶּעצֵייגְט פָאר דֶער קְהִלָּה וֶועגֶען דֵיינֶער לִיבֶּע; אוּן דוּא וֶועסְט
רֶעכְט טְהוּן וֶוען דוּא וֶועסְט זֵייא אַוֶועקְשִׁיקֶען וִויא עֶס אִיז וִוירְדִיג פוּן גָאט.
7 וָוארִין זֵייא זֶענֶען אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זֵיין נָאמֶענְס וֶועגֶען, אוּן הָאבֶּען גָאר נִיט
פוּן דִיא גוֹיִם גֶענוּמֶען. 8 דְרוּם זָאלֶען מִיר אַזֶעלְכֶע אוֹיפְנֶעמֶען, כְּדֵי מִיר
זָאלֶען מִיטְאַרְבֵּייטֶער זֵיין מִיט דֶער וָואהְרְהֵייט.
9 אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס צוּ דֶער קְהִלָּה גֶעשְׁרִיבֶּען. אָבֶּער דִיאָטְרֶעפֶּעס וֶועלְכֶער
לִיבְּט צְווִישֶׁען זֵייא דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּ זֵיין נֶעמְט אוּנְז נִיט אוֹיף. 10 דֶעסְטְוֶועגֶען
וֶוען אִיךְ וֶועל קוּמֶען וֶועל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען זֵיינֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר טְהוּט, אִינְ־
דֶעם עֶר רֶעט קֶעגֶען אוּנְז שְׁלֶעכְטֶע רֶעד, אוּן נִיט צוּפְרִידֶען דֶערְמִיט נֶעמְט
עֶר זֶעלְבְּסְט נִיט אוֹיף דִיא בְּרִידֶער, אוּן אוֹיךְ דִיא וָואס ווִילֶען זֵייא אוֹיפְנֶעמֶען
פֶערְוֶועהְרְט עֶר נָאךְ, אוּן וַוארְפְט זֵייא פוּן דֶער קְהִלָּה אַרוֹיס.
11 גֶעלִיבְּטֶער, פָאלְג נִיט נָאךְ דָאס שְׁלֶעכְטֶע נֵייעֶרְט דָאס גוּטֶע. דֶער וָואס
טְהוּט גוּטֶעס אִיז פוּן גָאט; דֶער וָואס טְהוּט שְׁלֶעכְטֶעס הָאט גָאט נִיט גֶעזֶע־
הֶען. 12 וֶועגֶען דִימֶעטְרִיוּס הָאבֶּען אַלֶע מֶענְשֶׁען גוּטֶעס בֶּעצֵייגְט אוּן אוֹיךְ
דִיא וָואהְרְהֵייט אַלֵיין; אוּן מִיר הָאבֶּען אוֹיךְ בֶּעצֵייגְט, אוּן דוּא ווֵייסְט אַז
אוּנְזֶער צֵייגְנִיס אִיז וָואהְר.
13 אִיךְ הָאבּ פִילֶע זַאכֶען גֶעהַאט דִיר צוּ שְׁרֵייבֶּען, אָבֶּער אִיךְ ווִיל נִיט מִיט
טִינְט אוּן פֶעדֶער דִיר שְׁרֵייבֶּען; 14 אָבֶּער אִיךְ הָאף דִיךְ בַּאלְד צוּ זֶעהֶען, אוּן
מִיר וֶועלֶען פֶּה אֶל פֶּה רֶעדֶען,
15 שָׁלוֹם זָאל מִיט דִיר זֵיין. דִיא פְרֵיינְד גְרִיסֶען דִיךְ. גְרִיס דִיא פְרֵיינְד
מִיט נָאמֶען.

דֶער בְּרִיף פוּן דֶעם אַפָּאסְטֶעל יְהוּדָה.

---

1 יְהוּדָה אַ קְנֶעכְט פוּן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ, אוּן בְּרוּדֶער פוּן יַעֲקֹב, צוּ דִיא בֶּערוּ־
פֶענֶע גֶעלִיבְּטֶע אִין גָאט דֶעם פָאטֶער אוּן בֶּעוָואהְרְטֶע פַאר יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ;
2 בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייט צוּ אֵייךְ אוּן פְרִידֶען אוּן לִיבֶּע זָאלֶען זִיךְ מֶעהְרֶען.
3 גֶעלִיבְּטֶע, אִינְדֶעם אִיךְ הָאבּ מִיךְ זֶעהְר בֶּעפְלֵייסִיגְט אִיךְ זָאל צוּ אֵייךְ
שְׁרֵייבֶּען וֶועגֶען דֶער יְשׁוּעָה וָואס מִיר הָאבֶּען צוּזַאמֶען, אַזוֹי עֶס אִיז מִיר נֶעטִיג
גֶעוֶועֶן אִיךְ זָאל צוּ אֵייךְ שְׁרֵייבֶּען אוּן זָאל אֵייךְ דֶערְמָאהְנֶען אַז אִיהְר זָאלְט
מִיט עֶרְנְסְט שְׁטְרֵייטֶען פַאר דֶעם גְלוֹיבֶּען וָואס אִיז אַמָאל צוּ דִיא הֵיילִיגֶע
אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען. 4 וָוארִין עֶטְלִיכֶע מֶענְשֶׁען זֶענֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אַרֵיינְ־
גֶעקוּמֶען, וָואס זֶענֶען שׁוֹין פְרִיהֶער צוּ דִיזֶעם מִשְׁפָּט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען גֶעוָוארֶען,
רְשָׁעִים וֶועלְכֶע פֶערְקֶעהְרֶען דִיא גְנָאד פוּן אוּנְזֶערֶען גָאט צוּ אוֹיסְגֶעלַאסֶענְהֵייט,
אוּן פֶערְלֵייקֶענֶען דֶעם אֵיינְצִיגֶען מֵייסְטֶער אוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָּשִׁיחַ.

5 אָבֶער אִיךְ ווִיל אֵייךְ גֶעדֶענְקֶען, אַפִּילוּ וֶוען אִיהְר ווייסְט אַמָאל אַלֶע זַאכֶען,
אַז דֶער הַאר הָאט אַ פָאלְק מַצִיל גֶעוֶוען פוּן דֶעם לַאנְד מִצְרַיִם, אוּן הָאט דָאס
צְווייטֶע מָאל אוּמְגֶעבְּרַאכְט דִיא וָואס הָאבֶּען נִיט גֶעגְלוֹיבְּט; 6 אוּן דִיא מַלְאָכִים וָואס
הָאבֶּען זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע הֶערְשַׁאפְט נִיט גֶעהַאלְטֶען, נֵייעֶרְט הָאבֶּען זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע
ווְאוֹינוּנְג פֶערְלָאזְט, הָאט עֶר בֶּעוָואהְרְט צוּ דֶעם מִשְׁפָּט פוּן דֶעם גְרוֹיסֶען טָאג
אִין עֶבִּיגֶע קֶעטֶען אִין דֶער פִינְסְטֶערְנִיס. 7 אַזוֹי ווִיא סְדוֹם אוּן עֲמוֹרָה אוּן דִיא
שְׁטֶעדְט וָואס זֶענֶען אַרוּם זֵייא הָאבֶּען אוֹיךְ אוֹיף דֶעם גְלֵייכֶען אוֹפֶן ווִיא דִיזֶע מְזַנֶה
גֶעוֶועזֶען, אוּן זֶענֶען נָאךְ פְרֶעמְדֶען פְלֵיישׁ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען פַאר אַ
בֵּיישְׁפִּיל גֶעזֶעצְט אִינְדֶעם זֵייא לֵיידֶען דִיא שְׁטְרָאף פוּן עֶבִּיגֶעם פֵייעֶר. 8 דָאךְ
גְלֵייכְדֶעם דִיזֶע זֶענֶען אוֹיךְ טְרֵיימֶער אוּן דָאס פְלֵיישׁ פֶערְאוּנְרֵיינִיגֶען, אוּן
גֶעוֶועלְטִיגְקֵייט פֶערְאַכְטֶען, אוּן הֶערְשַׁאפְטֶען לֶעסְטֶערְן. 9 אָבֶער מִיכָאֵל דֶער
עֶלְצְטֶע מַלְאָךְ, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ מִיט דֶעם שָׂטָן גֶעקְרִיגְט, אוּן הָאט אַ וִכּוּחַ
מִיט אִיהְם גֶעהַאט וֶועגֶען דֶעם לֵייבּ פוּן מֹשֶׁה, הָאט זִיךְ נִיט אוּנְטֶערְשְׁטַאנֶען
עֶר זָאל קֶענֶען אִיהְם אַ מִשְׁפָּט פוּן לֶעסְטֶערוּנְג בְּרֶענְגֶען, נֵייעֶרְט עֶר הָאט
גֶעזָאגְט, דֶער הַאר זָאל דִיךְ אָנְשְׁרֵייעֶן. 10 אָבֶער דִיזֶע לֶעסְטֶערְן דָאס וָואס
זֵייא ווִיסֶען נִיט, אוּן וָואס זֵייא קֶענֶען מִן הַטֶבַע אַזוֹי ווִיא דִיא אוּנְפֶערְשְׁטֶענְ-
דִיגֶע חַיוֹת, אִין דִיזֶע זַאכֶען פֶערְדַארְבֶּען זֵייא זִיךְ. 11 וֶועה צוּ זֵייא, ווייל זֵייא
זֶענֶען אִים וֶועג פוּן קַיִן גֶעגַאנְגֶען, אוּן זֶענֶען גֶעלָאפֶען נָאךְ דֶער בֶּעטְרִיגֶערֵייא
פוּן בִּלְעָם פַאר אַ לוֹין, אוּן זֶענֶען אִין דֶער ווִידֶערְשְׁפֶּענִיגְקֵייט פוּן קֹרַח
פֶערְלוֹירֶען גֶעוָוארֶען.
12 דִיזֶע זֶענֶען דִיא פֶערְבָּארְגֶענֶע פֶעלְזֶען אִין אֵייעֶרֶע מָאהְלְצֵייטֶען פוּן לִיבֶּע,
וֶועלְכֶע פְרֶעסֶען מִיט אֵייךְ אָהְן פָארְכְט, פַאסְטוּכֶער דִיא זִיךְ פִּיטֶערְן,
וָואלְקֶען אָהְן ווַאסֶער פוּן ווִינְד אַרוּמְגֶעטְרִיבֶּען, ווִינְטֶער בֵּיימֶער אָהְן פְרוּכְט,
צְווֵייא מָאל טוֹיט אוֹיסְגֶעווָארְצֶעלְט, 13 שְׁטוּרְמְדִיגֶע וֶועלֶען פוּן דֶעם יַם,
וָואס שׁוֹימֶען אִיבֶּער אִין זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע שַׁאנְד, פְלִיהֶענְדֶע שְׁטֶערֶען, פַאר
וֶועלְכֶע דִיא שְׁוַוארְצֶעסְטֶע פִינְסְטֶערְנִיס אִיז אוֹיף עֶבִּיג בֶּעהַאלְטֶען. 14 אוּן צוּ
דִיזֶע אוֹיךְ הָאט חֲנוֹךְ דֶער זִיבֶּענְטֶער פוּן אָדָם נְבוּאוֹת גֶעזָאגְט, אוּן הָאט
גֶעזָאגְט, זֶעה, דֶער הַאר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט צֶעהְן טוֹיזֶענְד פוּן זֵיינֶע הֵיילִיגֶע,
15 כְּדֵי עֶר זָאל אַלֶע רִיכְטֶען אוּן זָאל שְׁטְרָאפֶען אַלֶע רְשָׁעִים פַאר אַלֶע זֵייעֶרֶע
שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס זֵייא הָאבֶּען אַזוֹי שְׁלֶעכְט גֶעטְהוּן, אוּן פַאר אַלֶע הַארְ-
טֶע זַאכֶען וָואס דִיא גָאטְלָאזִיגֶע זִינְדֶער הָאבֶּען קֶענֶען אִיהְם גֶערֶעט. 16 דִיזֶע
זֶענֶען דִיא וָואס מוּרְמְלֶען אוּן קְלָאגֶען זִיךְ, וֶועלְכֶע גֶעהֶען נָאךְ זֵייעֶרֶע גְלוּסְ-
טֶען, אוּן זֵייעֶר מוֹיל רֶעט שְׁטָאלְצֶע רֶעד, אוּן זֵייא זֶענֶען נוֹשֵׂא פָּנִים פוּן אַ
פָארְטְהֵייל וֶועגֶען.
17 אָבֶער אִיהְר גֶעלִיבְּטֶע, גֶעדֶענְקְט אָן דִיא וֶוערְטֶער וָואס זֶענֶען פְרִיהֶער
גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען פוּן דִיא אַפָּאסְטֶעל פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ,
18 אַז זֵייא הָאבֶּען אֵייךְ גֶעזָאגְט, אַז אִין דִיא לֶעצְטֶע צֵייט וֶועלֶען שְׁפֶּעטֶער

14 דברים לג׳ ב׳.

קוּמֶען, וָואס וֶועלֶען נָאךְ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע גְלוּסְטֶען גֶעהֶען. 19 דִיזֶע זֶענֶען דִיא
וָואס מַאכֶען אָפְּזוּנְדֶערוּנְג, לֵייִדֶענְשַׁאפְּטְלִיךְ, וָואס הָאבֶּען נִיט דֶעם גֵייסְט.
20 אָבֶּער אִיהְר גֶעלִיבְּטֶע, בּוֹיעֶט אֵייךְ אוֹיף אִין אֵייעֶר הֵיילִיגְסְטֶען גְלוֹיבֶּען, אוּן
בֶּעט אִים רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, 21 אוּן הַאלְט אֵייךְ אִין דֶער לִיבֶּע פוּן גָאט, אִינְדֶעם
אִיהְר וַוארְטֶעט אוֹיף דֶער בַּארֶעמְהֶערְצִיגְקֵייט פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר'ן יֵשׁוּעַ
הַמָשִׁיחַ צוּם עֶבִּיגֶען לֶעבֶּען. 22 אוּן דֶערְבַּארְמְט אֵייךְ אִיבֶּער עֶטְלִיכֶע וָואס
זֶענֶען אִין סָפֵק; 23 אוּן אַנְדֶערֶע זָאלְט אִיהְר רֶעטֶען אוּן זָאלְט זֵייא מַצִיל זֵיין
אוּיס דֶעם פֵייעֶר; אוּן אִיבֶּער עֶטְלִיכֶע דֶערְבַּארְמְט אֵייךְ מִיט פָּארְכְט; אוּן
הָאט פֵיינְד אַפִילוּ דָאס קְלֵייד וָואס אִיז פוּן דֶעם פְלֵיישׁ בֶּעפְלֶעקְט.
24 נוּן צוּ דֶעם וָואס אִיז מֶעכְטִיג אֵייךְ צוּ בֶּעהִיטֶען אַז אִיהְר זָאלְט נִיט
שְׁטְרוֹיכְלֶען, אוּן אֵייךְ פָּארְצוּשְׁטֶעלֶען פָאר זֵיינֶע הֶערְלִיכְקֵייט אָהְן אַ פֶעהְלֶער
מִיט גְרוֹיסֶער פְרֵייד, 25 צוּ דֶעם אֵיינְצִיגֶען גָאט אוּנְזֶערֶעם רֶעטֶער דוּרְךְ אוּנְזֶערֶען
הַאר'ן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ זָאל זֵיין דֶער כָּבוֹד אוּן דִיא גְדוּלָה אוּן דִיא קְרַאפְט
אוּן דִיא מַאכְט פָאר אַלֶע צֵייט אוּן אַצוּנְד אוּן אוֹיף אַלֶע עֶבִּיגְקֵייטֶען; אָמֵן.

דִיא אַנְטְפְּלֶעקוּנְג פוּן יוֹחָנָן.

1 דִיא אַנְטְפְּלֶעקוּנְג פוּן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ, וָואס גָאט הָאט אִיהְם גֶעגֶעבֶּען,
צוּ ווייזֶען צוּ זֵיינֶע קְנֶעכְט דִיא זַאכֶען וָואס מוּזֶען בַּאלְד גֶעשֶׁעהֶען, אוּן עֶר
הָאט דוּרְךְ זֵיין מַלְאָךְ גֶעשִׁיקְט, אוּן הָאט זֵייא גֶעלָאזְט ווִיסֶען צוּ זֵיין קְנֶעכְט
יוֹחָנָן; 2 וֶועלְכֶער הָאט בֶּעצֵייגְט אוֹיף דֶעם וָוארְט פוּן גָאט אוּן אוֹיף דֶעם
צֵייגְנִים פוּן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ, אַפִילוּ אוֹיף אַלֶע זַאכֶען וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען.
3 גֶעבֶּענְשְׁט אִיז דֶער וָואס לֵיינְט, אוּן דִיא וָואס הֶערֶען דִיא וֶוערְטֶער פוּן דֶער
נְבוּאָה, אוּן הַאלְטֶען דִיא זַאכֶען וָואס זֶענֶען דְרִינֶען גֶעשְׁרִיבֶּען; וָוארִין דִיא
צֵייט אִיז נָאהֶענְט.
4 יוֹחָנָן צוּ דִיא זִיבֶּען קְהִלוֹת וָואס זֶענֶען אִין אַסְיָא; גְנָאד זָאל מִיט אֵייךְ
זֵיין אוּן פְרִידֶען פוּן אִיהְם וֶועלְכֶער אִיז אוּן אִיז גֶעוֶוען אוּן וֶועט קוּמֶען, אוּן
פוּן דִיא זִיבֶּען גֵייסְטֶער וָואס זֶענֶען פָאר זֵיינֶעם שְׁטוּל, 5 אוּן פוּן יֵשׁוּעַ הַמָשִׁיחַ
דֶער אִיז דֶער גֶעטְרֵייעֶ עֵדוּת, דֶער עֶרְשְׁטְגֶעבּוֹירֶענֶער פוּן דִיא טוֹיטֶע אוּן
דֶער הֶערְשֶׁער פוּן דִיא קֶענִיגֶע פוּן דֶער עֶרְד; צוּ דֶעם וֶועלְכֶער הָאט אוּנְז
לִיבּ אוּן הָאט אוּנְז לוֹיס גֶעמַאכְט פוּן אוּנְזֶערֶע זִינְד אִין זֵיין בְּלוּט, 6 אוּן
הָאט אוּנְז פַאר אַ קֶענִיגְרֵייךְ גֶעמַאכְט, כֹּהֲנִים צוּ זֵיין גָאט אוּן פָאטֶער; צוּ
אִיהְם זָאל זֵיין דִיא הֶערְלִיכְקֵייט אוּן דִיא קְרַאפְט פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ
עֶבִּיגְקֵייט; אָמֵן.

7 זֶעה, עֶר קוּמְט מִיט דִיא װָאלְקֶען, אוּן אִיטְלִיכֶעס אויג װֶעט אִיהְם זֶעהֶען,
אויךְ דִיא װָאס הָאבֶּען אִיהְם גֶעשְׁטָאכֶען, אוּן אַלֶע שְׁבָטִים פוּן דֶער עֶרְד
װֶעלֶען אִיבֶּער אִיהְם קְלָאגֶען; יָא, אָמֵן.
8 אִיךְ בִּין דִיא א אוּן דִיא ת, זָאגְט דֶער הַאר גָאט, דֶער װֶעלְכֶער אִיז אוּן
אִיז גֶעװֶען אוּן װֶעט קוּמֶען, דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער.
9 אִיךְ יוֹחָנָן, װָאס אִיךְ בִּין אֵייעֶר בְּרוּדֶער אוּן אַ טְהֵיילְנֶעמֶער מִיט אֵייךְ אִין
דֶער אַנְגְסְט אוּן דֶעם קֶענִיגְרֵייךְ אוּן דֶער גֶעדוּלְד װָאס אִיז אִין יֵשׁוּעַ, בִּין גֶעװֶען
אויף דֶער אִינְזֶעל װָאס הֵייסְט פַּאטְמוֹס, װֶעגֶען דֶעם װָארְט פוּן גָאט אוּן דֶעם
צֵייגְנִיס פוּן יֵשׁוּעַ. 10 אִיךְ בִּין אִים גֵייסְט גֶעװֶען אִים טָאג פוּן דֶעם
הַאר׳ן, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיס קוֹל הִינְטֶער מִיר גֶעהֶערְט, אַזוֹי וִויא פוּן אַ
שׁוֹפָר, 11 װָאס הָאט גֶעזָאגְט, דָאס װָאס דוּא זֶעהְסְט שְׁרֵייבּ אִין אַ בּוּךְ, אוּן
שִׁיק עֶס צוּ דִיא זִיבֶּען קְהִלוֹת, צוּ עֶפֶעסוֹס, אוּן צוּ סְמִירְנָא, אוּן צוּ פֶּערְגַאמוֹס,
אוּן צוּ תִיאַטִירָא, אוּן צוּ סַארְדִיס, אוּן צוּ פִילַאדֶעלְפְיָא, אוּן צוּ לַאוֹדִיקְיָא.
12 אוּן אִיךְ הָאבּ מִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּ זֶעהֶען דָאס קוֹל װָאס הָאט מִיט מִיר
גֶערֶעט; אוּן װֶען אִיךְ הָאבּ מִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט הָאבּ אִיךְ זִיבֶּען גָאלְדֶענֶע מְנוֹרוֹת
גֶעזֶעהֶען, 13 אוּן אִין מִיטֶען פוּן דִיא זִיבֶּען מְנוֹרוֹת אִיז אֵיינֶער גֶעװֶען גְלֵייךְ צוּ
אַ זוּהְן פוּן מֶענְשֶׁען, גֶעקְלֵייד אִין אַ מַאנְטֶעל צוּ דִיא פִּיס, אוּן גֶעגַארְטֶעלְט
מִיט אַ גָאלְדֶענֶען גַארְטֶעל אַרוּם זֵיינֶע בְּרוּסְט. 14 אוּן זֵיין קָאפּ אוּן זֵיינֶע
הָאר זֶענֶען װַייס גֶעװֶען אַזוֹי וִויא װָאל, װַייס וִויא שְׁנֶעה, אוּן זֵיינֶע
אוֹיגֶען וִויא אַ פְלַאם פוּן פֵייעֶר, 15 אוּן זֵיינֶע פִּיס אַזוֹי וִויא פֵיינֶעס קוּפֶּער,
גְלֵייךְ וִויא זֵייא זֶענֶען אִין אֵיין אוֹיבֶען גֶעגְלִיהְט גֶעװָארֶען, אוּן זֵיין קוֹל אִיז
אַלְס אַ קוֹל פוּן פִילֶע װַאסֶער גֶעװֶען. 16 אוּן אִין זֵיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד הָאט
עֶר זִיבֶּען שְׁטֶערֶען גֶעהַאט, אוּן פוּן זֵיין מוֹיל אִיז אַ צְװֵייאשְׁנֵיידִיגֶעס שַׁארְפֶעס
שְׁװֶערְט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זֵיין פָּנִים אִיז גֶעװֶען גְלֵייךְ וִויא דִיא זוּן װָאס
שֵׁיינְט אִין אִיהְרֶע מַאכְט.
17 אוּן װֶען אִיךְ הָאבּ אִיהְם גֶעזֶעהֶען, בִּין אִיךְ פָאר זֵיינֶע פִּיס אַלְס אַ
טוֹיטֶער אַנִידֶערְגֶעפַאלֶען. אוּן עֶר הָאט זֵיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד אוֹיף מִיר גֶעלֶעגְט,
אוּן הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, פָארְכְט דִיךְ נִיט; אִיךְ בִּין דֶער עֶרְשְׁטֶער אוּן דֶער
לֶעצְטֶער 18 אוּן דֶער לֶעבֶּענְדִיגֶער; אוּן אִיךְ בִּין טוֹיט גֶעװָארֶען, אוּן זֶעה אִיךְ
לֶעבּ פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט, אוּן אִיךְ הָאבּ דִיא שְׁלִיסֶעל פוּן טוֹיט אוּן פוּן
שְׁאוֹל. 19 דְרוּם שְׁרֵייבּ דִיא זַאכֶען װָאס דוּא הָאסְט גֶעזֶעהֶען, אוֹיךְ דִיא זַאכֶען
װָאס זֶענֶען אוּן דִיא װָאס װֶעלֶען דֶערְנָאךְ גֶעשֶׁעהֶען; 20 דֶעם סוֹד פוּן
דִיא זִיבֶּען שְׁטֶערֶען װָאס דוּא הָאסְט אִין מֵיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד גֶעזֶעהֶען אוּן
דִיא זִיבֶּען גָאלְדֶענֶע מְנוֹרוֹת. דִיא זִיבֶּען שְׁטֶערֶען זֶענֶען דִיא מַלְאָכִים פוּן דִיא
זִיבֶּען קְהִלוֹת, אוּן דִיא זִיבֶּען מְנוֹרוֹת װָאס דוּא הָאסְט גֶעזֶעהֶען זֶענֶען זִיבֶּען
קְהִלוֹת.

ב 1 צוּ דֶעם מַלְאָךְ פוּן דֶער קְהִלָה װָאס אִיז אִין עֶפֶעסוֹס שְׁרֵייבּ.
דִיזֶע זַאכֶען זָאגְט דֶער װֶעלְכֶער הַאלְט דִיא זִיבֶּען שְׁטֶערֶען אִין זֵיינֶע רֶעכְטֶע

הַאנְד, וָועלְכֶער גֶעהְט אַרוּם אִין מִיטֶען פוּן דִיא זִיבֶּען גָאלְדֶענֶע מְנוֹרוֹת;
2 אִיךְ ווייס דֵיינֶע מַעֲשִׂים אוּן דֵיינֶע אַרְבֵּייט אוּן דֵיינֶע גֶעדוּלְד, אוּן אַז דוּא
קֶענְסְט נִיט דֶערְטְרָאגֶען שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁען, אוּן הָאסְט גֶעפְּרִיפְט דִיא וָואס זָאגֶען
זֵייא זֶענֶען אַפָּאסְטֶעל אוּן זֵייא זֶענֶען נִיט, אוּן הָאסְט גֶעפִינֶען אַז זֵייא זֶענֶען
פַאלְשׁ; 3 אוּן דוּא הָאסְט גֶעדוּלְד, אוּן פוּן וֶועגֶען מֵיין נָאמֶען הָאסְט דוּא דֶערְ־
טְרָאגֶען, אוּן בִּיסְט נִיט מִיד גֶעוָוארֶען. 4 אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דָאס קֶעגֶען דִיר,
אַז דוּא הָאסְט דֵיינֶע עֶרְשְׁטֶע לִיבֶּע פֶערְלָאזְט. 5 דְרוּם גֶעדֶענְק פוּן וַואנֶען דוּא
בִּיסְט גֶעפַאלֶען, אוּן טְהוּא תְּשׁוּבָה, אוּן טְהוּא דִיא עֶרְשְׁטֶע מַעֲשִׂים. אָבֶּער
וֶוען נִיט, וֶועל אִיךְ צוּ דִיר קוּמֶען, אוּן וֶועל דֵיינֶע מְנוֹרָה אַוֶועקְרִיקֶען פוּן
אִיהְרֶעם אָרְט, וֶוען דוּא וֶועסְט נִיט תְּשׁוּבָה טְהוּן. 6 אָבֶּער דָאס הָאסְט דוּא, אַז
דוּא הָאסְט פֵיינְד דִיא מַעֲשִׂים פוּן דִיא נִיקָאלַאִיטֶען, וָואס אִיךְ אוֹיךְ הָאבּ
פֵיינְד. 7 דֶער וָואס הָאט אַיין אוֹיעֶר לָאז עֶר הֶערֶען וָואס דֶער גֵייסְט זָאגְט
צוּ דִיא קְהִלּוֹת. צוּ דֶעם וָואס אִיבֶּערְוֶועלְטִיגְט וֶועל אִיךְ גֶעבֶּען צוּ עֶסֶען פוּן
דֶעם בּוֹים פוּן לֶעבֶּען, וָואס אִיז אִים גַן עֵדֶן פוּן גָאט.

8 אוּן צוּ דֶעם מַלְאָךְ פוּן דֶער קְהִלָּה וָואס אִיז אִין סְמִירְנָא שְׁרֵייבּ.
דִיזֶע זַאכֶען זָאגְט דֶער עֶרְשְׁטֶער אוּן דֶער לֶעצְטֶער, דֶער אִיז טוֹיט גֶעוֶוען אוּן
אִיז לֶעבֶּעדִיג גֶעוָוארֶען; 9 אִיךְ ווייס דֵיינֶע לֵיידֶען אוּן דֵיינֶע אָרֶעמְקֵייט, אָבֶּער דוּא
בִּיסְט רֵייךְ, אוּן דִיא לֶעסְטֶערוּנְג פוּן דִיא וָואס זָאגֶען אַז זֵייא זֶענֶען יוּדֶען אוּן
זֶענֶען נִיט, נֵייעֶרְט זֵייא זֶענֶען אַ שׁוּל פוּן דֶעם שָׂטָן. 10 פָארְכְט דִיךְ נִיט פַאר
דִיא זַאכֶען וָואס דוּא וֶועסְט לֵיידֶען. זֶעה, דֶער שָׂטָן וֶועט עֶטְלִיכֶע פוּן אֵייךְ אִין
גֶעפֶענְגְנִיס אַרֵיינְוַוארְפֶען, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט גֶעפְּרִיפְט וֶוערֶען, אוּן אִיהְר וֶועט לֵיידֶען
הָאבֶּען צֶעהְן טֶעג. זֵייא גֶעטְרֵייא בִּיז צוּם טוֹיט, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבֶּען
דִיא קְרוֹין פוּן לֶעבֶּען. 11 דֶער וָואס הָאט אַיין אוֹיעֶר לָאז עֶר הֶערֶען וָואס
דֶער גֵייסְט זָאגְט צוּ דִיא קְהִלּוֹת. דֶער וָואס אִיבֶּערְוֶועלְטִיגְט וֶועט נִיט גֶע־
שָׁאדֶעט וֶוערֶען פוּן דֶעם צְוֵוייטֶען טוֹיט.

12 אוּן צוּ דֶעם מַלְאָךְ פוּן דֶער קְהִלָּה וָואס אִיז אִין פֶּערְגַאמוּם שְׁרֵייבּ.
דִיזֶע זַאכֶען זָאגְט דֶער וֶועלְכֶער הָאט דָאס צְוֵוייאשְׁנֵיידִיגֶע שַׁארְפֶע
שְׁוֶוערְט. 13 אִיךְ ווייס וְואוּ דוּא וְואוֹינְסְט, וְואוּ דֶער שְׁטוּהל פוּן דֶעם שָׂטָן
אִיז; אוּן דוּא הַאלְטֶעסְט מֵיין נָאמֶען, אוּן הָאסְט נִיט פֶערְלֵייקֶענְט מֵיין גְלוֹיבֶּען
אַפִילוּ אִין דִיא טֶעג פוּן אַנְטִיפַּאס מֵיין טְרֵייעֶן עֵדוּת, וֶועלְכֶער אִיז בֵּייא אֵייךְ
גֶעהַארְגֶעט גֶעוָוארֶען, וְואוּ דֶער שָׂטָן וְואוֹינְט. 14 אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ וֶוענִיג
קֶעגֶען דִיר, אַז דוּא הָאסְט דָארְט דִיא וָואס הַאלְטֶען דִיא לֶעהְרֶע פוּן בִּלְעָם,
וָואס הָאט בָּלָק גֶעלֶעהְרְט צוּ וַוארְפֶען אַ שְׁטְרוֹיכְלוּנְג פָאר דִיא קִינְדֶער פוּן
יִשְׂרָאֵל, אַז זֵייא זָאלֶען פוּן דִיא קָרְבָּנוֹת פוּן אָפְּגֶעטֶער עֶסֶען, אוּן זָאלֶען מְזַנֶּה
זֵיין. 15 גְלֵייכְדֶעם הָאסְט דוּא אוֹיךְ דִיא וָואס הַאלְטֶען דִיא לֶעהְרֶע פוּן דִיא
נִיקָאלַאִיטֶען. 16 דְרוּם טְהוּא תְּשׁוּבָה; אָבֶּער וֶוען נִיט, וֶועל אִיךְ צוּ דִיר בַּאלְד
קוּמֶען, אוּן וֶועל מִיט זֵייא שְׁטְרֵייטֶען מִיט דֶעם שְׁוֶוערְט פוּן מֵיין מוֹיל. 17 דֶער
וָואס הָאט אַיין אוֹיעֶר לָאז עֶר הֶערֶען וָואס דֶער גֵייסְט זָאגְט צוּ דִיא קְהִלּוֹת.

צו דעם וואס איבערוועלטיגט וועל איך א טהייל געבען פון דעם פערבאר־
געגען מן, און איך וועל איהם א ווייסען שטיין געבען, און אויף דעם שטיין
א נייען נאמען געשריבען, וואס קיינער ווייסט ניט, סיידען דער וואס איהם
בעקומט.
[18] און צו דעם מלאך פון דער קהלה וואס איז אין תיאטירא שרייב.
דיזע זאכען זאגט דער זוהן פון גאט, דער האט זיינע אויגען אזוי וויא א
פלאם פון פייער, און זיינע פיס זענען גלייך וויא פיינעם קופער. [19] איך ווייס
דיינע ווערק און דיינע ליבע און דיין גלויבען און דיין דינסט און דיינע
געדולד, און דיינע לעצטע ווערק זענען מעהר וויא די ערשטע. [20] אבער
איך האב דאס קעגען דיר, אז דוא לאזט די פרויא איזבל וואס זאגט אז
זיא איז א נביאה, און זיא לעהרט און פערפיהרט מיינע קנעכט מזנה צו
זיין און צו עסען קרבנות פון אפגעטער. [21] און איך האב איהר צייט געגע־
בען אז זיא זאל תשובה טהון, און זיא וויל ניט תשובה טהון וועגען איהרער
זנות. [22] זעה איך וועל זיא אריינווארפען אין א בעט, און די וואס מיט איהר
הורען אין גרויסע צרות, ווען זייא ניט תשובה טהון פון איהרע מעשים.
[23] און איך וועל איהרע קינדער טויט שלאגען; און אלע קהלות וועלען
וויסען אז איך בין דער וועלכער פארשט די נירען און די הערצער, און
איך וועל אייך געבען איטליכען נאך אייערע ווערק. [24] אבער איך זאג צו
אייך די איבריגע וואס זענען אין תיאטירא, וויא פילע האבען ניט דיזע לעהרע,
וועלכע האבען ניט געוואוסט די טיפענעס פון דעם שטן, וויא זייא זאגען;
איך לעג ניט אויף אייך קיינע אנדערע לאסט. [25] אבער וואס איהר האט,
האלט פעסט ביז איך וועל קומען. [26] און דער וואס איבערוועלטיגט און היט
מיינע ווערק ביז צום סוף, איהם וועל איך געבען מאכט איבער די גוים.
[27] און ער וועט איבער זייא הערשען מיט אייזערנע רוט, גלייך וויא די
כלים פון א טעפער זענען אין שטיקלעך צובראכען; אזוי וויא איך האב אויך פון
מיין פאטער דערהאלטען. [28] און איך וועל איהם געבען דעם מארגענשטערן.
[29] דער וואס האט איין אויער לאז ער הערען וואס דער גייסט זאגט צו די
קהלות.
ג [1] און צו דעם מלאך פון דער קהלה וואס איז אין סרדים שרייב.
דיזע זאכען זאגט דער וועלכער האט די זיבען גייסטער פון גאט און די זיבען
שטערען, איך ווייס דיינע ווערק, אז דוא האסט א נאמען אז דוא לעבסט
און דוא ביסט טויט. [2] זייא וואכענדיג און בעפעסטיג די איבעריגע זאכען וואס
זענען נאהענט צום טויט; ווארין איך האב ניט דיינע ווערק פאלקאמען געפינען
פאר מיינעם גאט. [3] דרום געדענק וויא דוא האסט דערהאלטען און געהערט,
און האלט פעסט און טהוא תשובה. דרום ווען דוא וועסט ניט וואכענדיג
זיין, וועל איך קומען וויא א גנב, און דוא וועסט ניט וויסען אין וועלכער
שעה איך וועל איבער דיר קומען. [4] אבער דוא האסט אויך עטליכע נעמען
אין סארדים וואס האבען ניט זייערע קליידער בעפלעקט, און זייא וועלען מיט

די אנטפּלעקונג פון יוחנן ג

מִיר אִין װײסֶען אַרוּמְגֶעהֶען, װָארִין זֵייא זֶענֶען װִירְדִיג. 5 דֶער װֶעלְכֶער אִיבֶּערְ־
װֶעלְטִיגְט װֶעט אַזוֹי גֶעקְלֵייד װֶערֶען אִין װֵייסֶע קְלֵיידֶער, אוּן אִיךְ װֶעל נִיט
זֵיין נָאמֶען אוֹיסְמֶעקֶען פוּן דֶעם סֵפֶר הַחַיִּים, אוּן אִיךְ װֶעל זֵיין נָאמֶען בֶּעקֶע־
נֶען פָאר מֵיינֶעם פָאטֶער אוּן פָאר זֵיינֶע מַלְאָכִים. 6 דֶער װָאס הָאט אֵיין אוֹיעֶר
לָאז עֶר הֶערֶען װָאס דֶער גֵייסְט זָאגְט צוּ דִיא קְהִלּוֹת.
7 אוּן צוּ דֶעם מַלְאָךְ פוּן דֶער קְהִלָּה װָאס אִיז אִין פִילַאדֶעלְפִיָא שְׁרֵייבּ.
דִיזֶע זַאכֶען זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶע, דֶער װָאהְרְהַאפְטִיגֶע, דֶער װֶעלְכֶער הָאט
דֶעם שְׁלִיסֶעל פוּן דָוִד, דֶער װֶעלְכֶער עֶפֶענְט אוּן קֵיינֶער װֶעט פֶערְשְׁלִיסֶען, אוּן
פֶערְשְׁלִיסְט אוּן קֵיינֶער עֶפֶענְט. 8 אִיךְ װֵייס דֵיינֶע װֶערְק; זֶעה, אִיךְ הָאבּ פָאר
דִיר אֵיין אָפֶענֶע טְהִיר גֶעשְׁטֶעלְט, װָאס קֵיינֶער קֶען פֶערְשְׁלִיסֶען; װָארִין
דוּא הָאסְט קְלֵיינֶע קְרַאפְט, אוּן הָאסְט מֵיין װָארְט דֶערְהַאלְטֶען, אוּן הָאסְט
מֵיין נָאמֶען נִיט פֶערְלֵייקֶענְט. 9 זֶעה, אִיךְ גִיבּ דִיא פוּן דֶער שׁוּל פוּן דֶעם
שָׂטָן, װֶעלְכֶע זָאגֶען אַז זֵייא זֶענֶען יוּדֶען, אוּן זֵייא זֶענֶען נִיט גֵייעֶרְט זֵייא
זָאגֶען לִיגֶען; זֶעה, אִיךְ װֶעל זֵייא מַאכֶען אַז זֵייא זָאלֶען קוּמֶען אוּן זִיךְ בִּיקֶען
פָאר דֵיינֶע פִיס, אוּן זֵייא זָאלֶען װִיסֶען אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעלִיבְּט. 10 װֵייל
דוּא הָאסְט דָאס װָארְט פוּן מֵיינֶער גֶעדוּלְד דֶערְהַאלְטֶען, װֶעל אִיךְ אוֹיךְ דִיךְ
דֶערְהַאלְטֶען פוּן דֶער שָׁעָה פוּן פְּרִיפוּנְג װָאס װֶעט קוּמֶען אוֹיף דִיא גַאנְצֶע
װֶעלְט, צוּ פְּרִיפֶען דִיא װָאס װְאוֹינֶען אוֹיף דֶער עֶרְד. 11 אִיךְ קוּם גֶעשְׁװִינְד;
הַאלְט פֶעסְט װָאס דוּא הָאסְט, כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִיט דֵיינֶע קְרוֹין אַװֶעקְנֶעמֶען.
12 דֶער װָאס אִיבֶּערְװֶעלְטִיגְט דֶעם װֶעל אִיךְ מַאכֶען פַאר אַ זֵייל אִים טֶעמְפֶּעל
פוּן מֵיין גָאט, אוּן עֶר זָאל נִיט מֶעהְר אַרוֹיסְגֶעהֶען, אוּן אִיךְ װֶעל אוֹיף אִיהְם
שְׁרֵייבֶּען דֶעם נָאמֶען פוּן מֵיין גָאט אוּן דֶעם נָאמֶען פוּן דֶער שְׁטָאדְט פוּן
מֵיין גָאט, פוּן דֶעם נֵייעֶן יְרוּשָׁלַיִם װָאס קוּמְט פוּן הִימֶעל אַרוּפּ פוּן מֵיין גָאט,
אוּן מֵיין נֵייעֶן נָאמֶען. 13 דֶער װָאס הָאט אֵיין אוֹיעֶר לָאז עֶר הֶערֶען װָאס דֶער
גֵייסְט זָאגְט צוּ דִיא קְהִלּוֹת.
14 אוּן צוּ דֶעם מַלְאָךְ פוּן דֶער קְהִלָּה װָאס אִיז אִין לַאוֹדִיקִיָא שְׁרֵייבּ.
דִיזֶע זַאכֶען זָאגְט דֶער אָמֵן, דֶער גֶעטְרֵייעֶר אוּן װָאהְרְהַאפְטִיגֶער עֵדוּת, דֶער
אָנְהֵייבּ פוּן דֶער בֶּעשֶׁעפְנִיס פוּן גָאט. 15 אִיךְ װֵייס דֵיינֶע װֶערְק, אַז דוּא
בִּיסְט נִיט קַאלְט אוּן נִיט װַארְם; הַלְוַאי װָאלְסְט דוּא קַאלְט גֶעװֶען אָדֶער
װַארְם. 16 אַזוֹי װֵייל דוּא בִּיסְט לֶעבְּלִיךְ, אוּן נִיט קַאלְט אוּן נִיט װַארְם,
װֶעל אִיךְ דִיךְ אוֹיסְשְׁפֵּייעֶן פוּן מֵיין מוֹיל. 17 װֵייל דוּא זָאגְסְט, אִיךְ בִּין רֵייךְ
אוּן הָאבּ פִיל פֶערְמֶעגֶען אוּן אִין קֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ נוֹיט, אוּן דוּא װֵייסְט נִיט
אַז דוּא בִּיסְט עֶלֶענְד אוּן יֶעמֶערְלִיךְ אוּן אָרְם אוּן בְּלִינְד אוּן נַאקְט. 18 אִיךְ
גִיבּ דִיר אֵיין עֵצָה אַז דוּא זָאלְסְט פוּן מִיר גָאלְד קוֹיפֶען גֶעלֵייטֶערְט אִים
פֵייעֶר, כְּדֵי דוּא זָאלְסְט רֵייךְ זֵיין, אוּן װֵייסֶע קְלֵיידֶער, כְּדֵי דוּא זָאלְסְט דִיךְ
אָנְקְלֵיידֶען אוּן דֵיינֶע בְּלוֹיסֶע שַׁאנְד זָאל נִיט אַנְטְפְּלֶעקְט װֶערֶען, אוּן זַאלְבּ
דֵיינֶע אוֹיגֶען מִיט אוֹיגֶענְזַאלְבֶּע, כְּדֵי דוּא זָאלְסְט זֶעהֶען. 19 אַזוֹי פִילֶע װָאס
אִיךְ הָאבּ לִיבּ שְׁטְרָאף אִיךְ אוּן שְׁלָאג; דְרוּם זֵייא אֵייפְרִיג אוּן טְהוּא תְּשׁוּבָה.

20 זֶעה, אִיךְ שְׁטֶעה בֵּייא דֶער טְהִיר אוּן קְלַאפּ אָן; וֶוען אֵיימִיצֶער וֶועט מֵיין
קוֹל הֶערֶען אוּן וֶועט דִיא טְהִיר עֶפֶענֶען, אַזוֹי וֶועל אִיךְ צוּ אִיהְם אַרֵיינְקוּמֶען
אוּן וֶועל מִיט אִיהְם עֶסֶען, אוּן עֶר מִיט מִיר. 21 דֶער וָואס אִיבֶּערְוֶועלְטִיגְט,
דֶעם וֶועל אִיךְ גֶעבֶּען אַז עֶר זָאל מִיט מִיר אוֹיף מֵיין שְׁטוּהְל זִיצֶען, גְלֵייךְ וִויא
אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְוֶועלְטִיגְט אוּן הָאבּ מִיךְ גֶעזֶעצְט מִיט מֵיין פָּאטֶער אוֹיף זֵיין שְׁטוּהְל.
22 דֶער וָואס הָאט אֵיין אוֹיעֶר לָאז עֶר הֶערֶען וָואס דֶער גֵייסְט זָאגְט צוּ דִיא קְהִלּוֹת.

ד 1 נָאךְ דִיזֶע זַאכֶען הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהֶען, אוּן זֶעה אַ טְהִיר אִיז אִים הִימֶעל
אוֹיפְגֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען, אוּן דָאס עֶרְשְׁטֶע קוֹל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אִיז
גֶעוֶוען גְלֵייךְ וִויא דָאס קוֹל פוּן אַ שׁוֹפָר, וָואס הָאט מִיט מִיר גֶערֶעט אוּן
גֶעזָאגְט, קוּם אַרוֹיף אַהֶער, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר ווֵייזֶען דִיא זַאכֶען וָואס מוּזֶען
דֶערְנָאךְ גֶעשֶׁעהֶען. 2 גְלֵייךְ בִּין אִיךְ אִים גֵייסְט גֶעוֶוען; אוּן זֶעה אַ שְׁטוּהְל
אִיז אִים הִימֶעל גֶעשְׁטַאנֶען, אוּן אֵיינֶער אִיז אוֹיף דֶעם שְׁטוּהְל גֶעזֶעסֶען, 3 אוּן
דֶער גֶעזֶעסֶענֶער אִיז גְלֵייךְ גֶעוֶוען צוּ אַ שְׁטֵיין פוּן אַ יַשְׁפֵה אוּן פוּן אַ סַארְדִים,
אוּן אַ רֶעגֶענְבּוֹיגֶען אִיז אַרוּם דֶעם שְׁטוּהְל גֶעוֶוען גְלֵייךְ וִויא דִיא גֶעשְׁטַאלְט
פוּן אַ סְמַארַאגְד. 4 אוּן אַרוּם דֶעם שְׁטוּהְל הָאבּ אִיךְ פִיעֶר אוּן צְוַואנְצִיג
שְׁטוּהְלֶען גֶעזֶעהֶען, אוּן אוֹיף דִיא שְׁטוּהְלֶען פִיעֶר אוּן צְוַואנְצִיג זְקֵנִים זִיצֶען,
וָואס זֶענֶען אִין ווֵייסֶע קְלֵיידֶער גֶעקְלֵייד, אוּן אוֹיף זֵייעֶרֶע קֶעפּ זֶענֶען גָאלְדֶענֶע
קְרוֹינֶען גֶעוֶוען. 5 אוּן פוּן דֶעם שְׁטוּהְל זֶענֶען בְּלִיצֶען אוּן קוֹלוֹת אוּן דוּנֶער
אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען; אוּן זִיבֶּען לַאמְפֶּען פוּן פֵייעֶר הָאבֶּען גֶעבְּרֶענְט פָאר דֶעם
שְׁטוּהְל, וָואס זֶענֶען דִיא זִיבֶּען גֵייסְטֶער פוּן גָאט. 6 אוּן פָאר דֶעם שְׁטוּהְל אִיז
גֶעוֶוען וִויא אַ גְלֶעזֶערְנֶער יַם גְלֵייךְ צוּ קְרִיסְטָאל; אוּן אִין מִיטֶען פוּן דֶעם
שְׁטוּהְל אוּן אַרוּם דֶעם שְׁטוּהְל זֶענֶען פִיעֶר חַיּוֹת גֶעוֶוען פוּל מִיט אוֹיגֶען פוּן
פָארֶענְט אוּן פוּן הִינְטֶען. 7 אוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע חַיָּה אִיז גְלֵייךְ וִויא אַ לֵייבּ
גֶעוֶוען, אוּן דִיא צְווֵייטֶע חַיָּה גְלֵייךְ וִויא אַ קַאלְבּ, אוּן דִיא דְרִיטֶע חַיָּה הָאט
דָאס פָּנִים גֶעהַאט אַזוֹי וִויא פוּן אַ מֶענְשֶׁען, אוּן דִיא פִיעֶרְטֶע חַיָּה אִיז גְלֵייךְ
וִויא אַ פְלִיהֶענְדִיגֶער אָדְלֶער גֶעוֶוען. 8 אוּן דִיא פִיעֶר חַיּוֹת הָאבֶּען אִיטְלִיכֶע
זֶעקְס פְלִיגֶעל גֶעהַאט, אוּן אַרוּם זִיךְ אוּן פוּן אִינֶעוֶוענִיג זֶענֶען זֵייא פוּל מִיט
אוֹיגֶען; אוּן זֵייא הָאבֶּען נִיט קֵיינֶע רוּהֶ טָאג אוּן נַאכְט דֶערְווֵייל זֵייא זָאגֶען,

הֵיילִיג, הֵיילִיג, הֵיילִיג, אִיז דֶער הַאר גָאט, דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער,
וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אוּן אִיז אוּן וֶועט קוּמֶען.

9 אוּן וֶוען דִיא חַיּוֹת וֶועלֶען גֶעבֶּען הֶערְלִיכְקֵייט אוּן כָּבוֹד אוּן דַאנְק צוּ
דֶעם וֶועלְכֶער אִיז אוֹיף דֶעם שְׁטוּהְל גֶעזֶעסֶען, וֶועלְכֶער לֶעבְּט פוּן עֶבִּיגְקֵייט
צוּ עֶבִּיגְקֵייט, 10 וֶועלֶען דִיא פִיעֶר אוּן צְוַואנְצִיג זְקֵנִים אַנִידֶערְפַאלֶען פָאר
דֶעם וֶועלְכֶער אִיז אוֹיף דֶעם שְׁטוּהְל גֶעזֶעסֶען, אוּן וֶועלֶען זִיךְ בִּיקֶען צוּ דֶעם
וֶועלְכֶער לֶעבְּט פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט, אוּן וֶועלֶען זֵייעֶרֶע קְרוֹינֶען
אַנִידֶערְוַוארְפֶען פָאר דֶעם שְׁטוּהְל דֶערְווֵייל זֵייא זָאגֶען;

11 וִוירְדִיג בִּיסְט דוּא, אוּנְזֶער הַאר אוּן גָאט, אַז דוּא זָאלְסְט הֶערְלִיכְקֵייט
אוּן כָּבוֹד אוּן מַאכְט דֶערְהַאלְטֶען,

וָוארִין דוּא הָאסְט אַלֶע זַאכֶען בֶּעשַׁאפֶען, אוּן דוּרְךְ דֵיין ווִילֶען זֶענֶען
זֵייא גֶעוֶועזֶען אוּן זֶענֶען בֶּעשַׁאפֶען גֶעוָוארֶען.

ה [1] אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען אוֹיף דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן דֶעם וֶועלְכֶער אִיז
אוֹיף דֶעם שְׁטוּהְל גֶעזֶעסֶען אַ בּוּךְ, גֶעשְׁרִיבֶּען פוּן אִינֶעוֶוענִיג אוּן פוּן אוֹיסְ־
וֶוענִיג אוּן מִיט זִיבֶּען זִיגֶעל פֶערְזִיגֶעלְט. [2] אוּן אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶען מַלְאָךְ
גֶעקֶענְט וָואס הָאט אוֹיסְגֶערוּפֶען מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל, וֶוער אִיז ווִירְדִיג דָאס
בּוּךְ אוֹיפְצוּמַאכֶען אוּן דִיא חֲתִימוֹת דֶערְפוּן אוֹיפְצוּבְּרֶעכֶען? [3] אוּן קֵיינֶער
אִים הִימֶעל אָדֶער אוֹיף דֶער עֶרְד אָדֶער אוּנְטֶער דֶער עֶרְד הָאט
גֶעקֶענְט דָאס בּוּךְ אוֹיפְמַאכֶען, נִיט אַפִילוּ דְרוֹיף קוּקֶען. [4] אוּן אִיךְ הָאבּ זֶעהְר
גֶעווֵיינְט, ווֵייל קֵיינֶער אִיז נִיט ווִירְדִיג גֶעפִינֶען גֶעוָוארֶען דָאס בּוּךְ אוֹיפְ־
צוּמַאכֶען, אַפִילוּ נִיט דְרוֹיף צוּ קוּקֶען. [5] אוּן אֵיינֶער פוּן דִיא זְקֵנִים הָאט צוּ
מִיר גֶעזָאגְט, ווֵיין נִיט; זֶעה, דֶער לֵייבּ וָואס אִיז פוּן דֶעם שֵׁבֶט יְהוּדָה, דִיא
ווָארְצֶעל פוּן דָוִד, הָאט אִיבֶּערְוֶועלְטִיגְט דָאס בּוּךְ אוּן דִיא זִיבֶּען חֲתִימוֹת
דֶערְפוּן אוֹיפְצוּמַאכֶען.

[6] אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען אִין מִיטֶען פוּן דֶעם שְׁטוּהְל אוּן דִיא פִיעֶר חַיוֹת אוּן
אִין מִיטֶען פוּן דִיא זְקֵנִים אַ לַאם שְׁטֶעהֶען אַזוֹי ווִיא גֶעשָׁאכְטֶען, אוּן עֶס הָאט
זִיבֶּען הֶערְנֶער אוּן זִיבֶּען אוֹיגֶען גֶעהַאט, וָואס זֶענֶען דִיא זִיבֶּען גֵייסְטֶער פוּן
גָאט דִיא זֶענֶען צוּ דִיא גַאנְצֶע עֶרְד אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט. [7] אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען
אוּן הָאט עֶס גֶענוּמֶען פוּן דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד פוּן דֶעם וֶועלְכֶער אִיז אוֹיף
דֶעם שְׁטוּהְל גֶעזֶעסֶען. [8] אוּן וֶוען עֶר הָאט דָאס בּוּךְ גֶענוּמֶען, זֶענֶען דִיא
פִיעֶר חַיוֹת אוּן דִיא פִיעֶר אוּן צְווַאנְצִיג זְקֵנִים אַנִידֶערְגֶעפַאלֶען פָאר דֶעם לַאם,
אוּן אִיטְלִיכֶער פוּן זֵייא הָאט אֵיינֶע הַארְף גֶעהַאט, אוּן גָאלְדֶענֶע בֶּעקֶען פוּל
מִיט קְטוֹרֶת, וָואס זֶענֶען דִיא תְּפִלוֹת פוּן דִיא הֵיילִיגֶע. [9] אוּן זֵייא הָאבֶּען אַ
נֵייעֶן גֶעזַאנְג גֶעזוּנְגֶען אוּן גֶעזָאגְט,

ווִירְדִיג בִּיסְט דוּא דָאס בּוּךְ צוּ נֶעמֶען, אוּן דִיא חֲתִימוֹת
דֶערְפוּן אוֹיפְצוּמַאכֶען,
וָוארִין דוּא בִּיסְט גֶעשָׁאכְטֶען גֶעוָוארֶען, אוּן הָאסְט דוּרְךְ דֵיין בְּלוּט
גֶעקוֹיפְט צוּ גָאט פוּן יֶעדֶעם שֵׁבֶט אוּן לָשׁוֹן אוּן פָאלְק אוּן גוֹי,
[10] אוּן הָאסְט זֵייא צוּ אוּנְזֶערֶעם גָאט גֶעמַאכְט פַאר אַ קֶענִיגְרֵייךְ
אוּן כֹּהֲנִים,
אוּן זֵייא וֶועלֶען הֶערְשֶׁען אוֹיף דֶער עֶרְד.

[11] אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען, אוּן הָאבּ גֶעהֶערְט אַ קוֹל פוּן פִילֶע מַלְאָכִים אַרוּם
דֶעם שְׁטוּהְל אוּן דִיא חַיוֹת אוּן דִיא זְקֵנִים, אוּן זֵייעֶרֶע צָאהְל אִיז גֶעוֶועזֶען צֶעהְן
טוֹיזֶענְד מָאל צֶעהְן טוֹיזֶענְד אוּן פִיל טוֹיזֶענְד מָאל טוֹיזֶענְד; [12] וֶועלְכֶע הָאבֶּען
מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל גֶעזָאגְט,

ווִירְדִיג אִיז דָאס לַאם וָואס אִיז גֶעשָׁאכְטֶען גֶעוָוארֶען
אַז עֶר זָאל קְרַאפְט דֶערְהַאלְטֶען אוּן רֵייכְטוּם אוּן חָכְמָה
אוּן מַאכְט אוּן כָּבוֹד אוּן הֶערְלִיכְקֵייט אוּן בְּרָכָה.

דיא אנטפלעקונג פון יוחנן ה ו

13 און איטליכע בעשעפנים וואס איז אים הימעל און אויף דער ערד און
אונטער דער ערד און אים ים, און אלעס וואס איז אין זייא, האב איך
געהערט זאגען,

צו דעם וועלכער זיצט אויף דעם שטוהל און צו דעם לאם
זאל זיין דיא ברכה און דער כבוד און דיא הערליכקייט
און דיא קראפט פון עביגקייט צו עביגקייט.

14 און דיא פיער חיות האבען געזאגט, אמן; און דיא זקנים זענען אנידערגע־
פאלען, און האבען זיך געביקט.

ו 1 און איך האב געזעהען ווען דאס לאם האט איינע פון דיא זיבען חתימות
אויפגעמאכט, און איך האב איינע פון דיא פיער חיות געהערט זאגען אזוי
וויא מיט דעם קול פון א דונער, קום. 2 און איך האב געזעהען, און זעה א
ווייס פערד, און דער וועלכער איז דרויף געזעסען האט א בויגען געהאט,
און מען האט צו איהם א קרוין געגעבען, און ער איז ארויסגעגאנגען אלס
איין איבערוועלטיגער און צו איבערוועלטיגען.

3 און ווען ער האט דיא צווייטע חתימה אויפגעמאכט, האב איך דיא צווייטע
חיה געהערט זאגען, קום. 4 און עס איז ארויסגעגאנגען איין אנדערעס פערד,
א רויטעס, און צו דעם וועלכער איז דרויף געזעסען האט מען געגעבען אז
ער זאל פרידען אוועקנעמען פון דער ערד, און אז זייא זאלען איינער דעם
אנדערען שלאכטען, און מען האט צו איהם געגעבען א גרויס שווערט.

5 און ווען ער האט דיא דריטע חתימה אויפגעמאכט, האב איך דיא דריטע
חיה געהערט זאגען, קום. און איך האב געזעהען, און זעה א שווארצעס
פערד, און דער וועלכער איז דרויף געזעסען האט א וואגשאל געהאט אין
זיינער האנד. 6 און איך האב געהערט אזוי וויא א קול אין מיטען פון דיא
פיער חיות זאגען, א מאס ווייץ פאר א גראשען* און דרייא מאס גערשטען
פאר א גראשען;* און פערדארב ניט דאס עהל און דעם וויין.

7 און ווען ער האט דיא פיערטע חתימה אויפגעמאכט, האב איך דאס קול
פון דיא פיערטע חיה געהערט זאגען, קום. 8 און איך האב געזעהען, און
זעה א בלייכעס פערד, און דער נאמען פון דעם וואס איז דרויף געזעסען איז
געוועזן טויט, און דער שאול איז מיט איהם נאכגעגאנגען, און מען האט צו
זייא געגעבען מאכט איבער דעם פיערטען טהייל פון דער ערד, זייא זאלען
אומברענגען מיט דעם שווערט און מיט הונגער און מיט טויט און דורך דיא
חיות פון דער ערד.

9 און ווען ער האט דיא פינפטע חתימה אויפגעמאכט, האב איך געזעהען
אונטער דעם מזבח דיא נשמות פון דיא וואס זענען אומגעבראכט געווארען
וועגען דעם ווארט פון גאט און וועגען דעם צייגניס וואס זייא האבען געהאל־
טען. 10 און זייא האבען מיט א הויך קול געשריגען און געזאגט, וויא לאנג
א הייליגער און וואהרהאפטיגער מייסטער, ריכטעסט דוא ניט און ביסט ניט

6 * גר׳ דינר.

דיך נוקם פאר אונזער בלוט פון דיא וואס וואוינען אויף דער ערד? 11 און
מען האט צו איטליכען פון זייא א ווייס קלייד געגעבען, און האט צו זייא
געזאגט אז זייא זאלען רוהיג זיין נאך א קליינע צייט, ביז דיא צאהל פון
זייערע מיטקנעכט און זייערע ברידער וועט דערפילט ווערען, וואס וועלען
געטייטעט ווערען אזוי וויא אויך זייא.

12 און איך האב געזעהען ווען ער האט דיא זעקסטע חתימה אויפגעמאכט,
און עס איז געשעהען א גרויס ערדציטערניש, און דיא זון איז שווארץ געווא־
רען גלייך וויא א זאק פון האר, און דיא גאנצע לבנה איז וויא בלוט געווארען;
13 און דיא שטערען פון דעם הימעל זענען אויף דער ערד ארונטערגעפאלען,
גלייך וויא א פייגענבוים ווארפט ארונטער זיינע אונצייטיגע פייגען, ווען ער איז
געשאקעלט פון א גרויסען ווינד. 14 און דער הימעל איז פארבייא געגאנגען
אזוי וויא א צוזאמענגעוויקעלטע מגלה, און יעדער בארג און אינזעל זענען פון
זייערע ערטער אוועקגערוקט געווארען. 15 און דיא קעניגע פון דער ערד און
דיא פירשטען, און דיא הויפטלייט, און דיא רייכע און דיא מעכטיגע, און
יעדער קנעכט און יעדער פרייער מענש האבען זיך פערבארגען אין דיא
הייהלען און אין דיא פעלזען פון דיא בערג. 16 און זייא האבען צו דיא בערג
און צו דיא פעלזען געזאגט, פאלט אויף אונז, און פערבארגט אונז פון דעם
פנים פון דעם וועלכער זיצט אויף דעם שטוהל, און פון דעם צארן פון דעם
לאם; 17 ווארין דער גרויסע טאג פון זיין צארן איז געקומען, און ווער קען
בעשטעהען?

ז 1 דערנאך האב איך פיער מלאכים געזעהען וואס זענען געשטאנען אויף
דיא פיער עקען פון דער ערד, און האבען דיא פיער ווינדען פון דער ערד
געהאלטען, כדי קיין ווינד זאל ניט בלאזען אויף דער ערד, און ניט אויף
דעם ים, און ניט אויף קיין בוים. 2 און איך האב איין אנדערען מלאך געזע־
הען, וואס איז אויפגעגאנגען פון מזרח, און ער האט דיא חתימה פון דעם
לעבעדיגען גאט געהאט, און ער האט מיט א הויך קול געשריגען צו דיא
פיער מלאכים וואס עס איז זייא געגעבען צו שאדען דיא ערד און דעם
ים; 3 און ער האט געזאגט, שאד ניט דיא ערד און ניט דעם ים און
ניט דיא ביימער, ביז מיר וועלען פערחתמענען דיא קנעכט פון אונזערען
גאט אויף זייערע שטערען. 4 און איך האב געהערט דיא צאהל פון דיא
וואס זענען פערזיגעלט געווארען; איין הונדערט און פיער און פירציג
טויזענד זענען פערזיגעלט געווארען פון אלע שבטים פון דיא קינדער פון
ישראל.

5 פון שבט יהודה זענען צוועלף טויזענד פערזיגעלט געווארען;
פון שבט ראובן צוועלף טויזענד;
פון שבט גד צוועלף טויזענד;
6 פון שבט אשר צוועלף טויזענד;
פון שבט נפתלי צוועלף טויזענד;

פון שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה צְוָועלְף טויזֶענְד;
7 פון שֵׁבֶט שִׁמְעוֹן צְוָועלְף טויזֶענְד;
פון שֵׁבֶט לֵוִי צְוָועלְף טויזֶענְד;
פון שֵׁבֶט יִשָּׂשכָר צְוָועלְף טויזֶענְד;
8 פון שֵׁבֶט זְבֻלוּן צְוָועלְף טויזֶענְד;
פון שֵׁבֶט יוֹסֵף צְוָועלְף טויזֶענְד;
פון שֵׁבֶט בִּנְיָמִן זֶענֶען צְוָועלְף טויזֶענְד פֶערזִיגֶעלְט גֶעוָוארֶען.

9 נָאךְ דִיזֶע זַאכֶען הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהֶען, אוּן זֶעה פִיל לֵייט, וָואס קֵיינֶער הָאט
נִיט גֶעקֶענְט צֶאהְלֶען, פוּן אַלֶע גוֹיִם אוּן שְׁבָטִים אוּן פֶעלְקֶער אוּן לְשׁוֹנוֹת,
וָואס זֶענֶען פָאר דֶעם שְׁטוּהְל גֶעשְׁטַאנֶען אוּן פָאר דֶעם לַאם, אוּן זַייא זֶענֶען
אִין ווייסֶע קְלֵיידֶער גֶעקְלֵייד, אוּן אִין זַייעֶרֶע הֶענְד הָאבֶען זַייא פַּאלְמֶען
צְווייגֶען גֶעהַאט. 10 אוּן זַייא הָאבֶען מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל גֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט,

יְשׁוּעָה זָאל צוּ אוּנְזֶערֶעם גָאט זַיין, דֶער זִיצְט אוֹיף דֶעם שְׁטוּהְל,
אוּן צוּ דֶעם לַאם.

11 אוּן אַלֶע מַלְאָכִים זֶענֶען אַרוּם דֶעם שְׁטוּהְל גֶעשְׁטַאנֶען, אוּן אַרוּם דִיא זְקֵנִים
אוּן דִיא פִיעֶר חַיּוֹת, אוּן זַייא זֶענֶען אַנִידֶערְגֶעפַאלֶען אוֹיף זַייעֶר פָּנִים פָאר
דֶעם שְׁטוּהְל, אוּן הָאבֶּען זִיךְ צוּ גָאט גֶעבִּיקְט 12 אוּן גֶעזָאגְט,

אָמֵן; בְּרָכָה אוּן הֶערְלִיכְקֵייט אוּן חָכְמָה אוּן דַאנְק אוּן כָּבוֹד
אוּן מַאכְט אוּן קְרַאפְט זָאלֶען צוּ אוּנְזֶערֶעם גָאט זַיין פוּן עֶבִּיגְקֵייט
צוּ עֶבִּיגְקֵייט; אָמֵן.

13 אוּן אֵיינֶער פוּן דִיא זְקֵנִים הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, וֶוער
זֶענֶען דִיזֶע וָואס זֶענֶען אִין דִיא ווייסֶע קְלֵיידֶער גֶעקְלֵייד אוּן פוּן וַואנֶען זֶענֶען
זַייא גֶעקוּמֶען? 14 אוּן אִיךְ הָאבּ צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, מֵיין הַאר, דוּא ווייסְט.
אוּן עֶר הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, דִיזֶע זֶענֶען דִיא וָואס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דִיא
גְרוֹיסֶע צָרָה, אוּן הָאבֶען זַייעֶרֶע קְלֵיידֶער גֶעוַואשֶׁען אוּן הָאבֶען זַייא וַוייס
גֶעמַאכְט אִים בְּלוּט פוּן דֶעם לַאם. 15 דֶעסְטְוֶועגֶען זֶענֶען זַייא פָאר דֶעם
שְׁטוּהְל פוּן גָאט, אוּן דִינֶען אִיהְם טָאג אוּן נַאכְט אִין זַיין טֶעמְפֶּעל, אוּן דֶער
וָועלְכֶער זִיצְט אוֹיף דֶעם שְׁטוּהְל וֶועט זַיין גֶעצֶעלְט בַּייא זַייא מַאכֶען. 16 זַייא
וֶועלֶען נִיט מֶעהְר הוּנְגְרִיג זַיין, אוּן נִיט מֶעהְר דוּרְשְׁטִיג זַיין, אוּן דִיא זוּן
וֶועט אוֹיף זַייא נִיט פַאלֶען, אוּן אוֹיךְ נִיט קֵיין שׁוּם הִיץ; 17 וָוארִין דָאס
לַאם וָואס אִיז אִין מִיטֶען פוּן דֶעם שְׁטוּהְל וֶועט זַייעֶר פַּאסְטוּךְ זַיין, אוּן עֶר
וֶועט זַייא פִיהְרֶען צוּ קְוֶועלֶען פוּן דִיא וַואסֶער פוּן לֶעבֶען; אוּן גָאט וֶועט
יֶעדֶע טְרֶערֶען אָפְּווישֶׁען פוּן זַייעֶרֶע אוֹיגֶען.

ח 1 אוּן וֶוען עֶר הָאט דִיא זִיבֶּענְטֶע חֲתִימָה אוֹיפְגֶעמַאכְט, אִיז עֶס שְׁטִיל
גֶעשֶׁעהֶען אִים הִימֶעל אַזוֹי וִויא אֵיין עֶרֶךְ פוּן אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה. 2 אוּן אִיךְ הָאבּ
דִיא זִיבֶּען מַלְאָכִים גֶעזֶעהֶען וָואס זֶענֶען פָאר גָאט גֶעשְׁטַאנֶען, אוּן מֶען הָאט
זַייא גֶעגֶעבֶּען זִיבֶּען שׁוֹפָרוֹת. 3 אוּן אֵיין אַנְדֶערֶער מַלְאָךְ אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן
אִיז בַּייא דֶעם מִזְבֵּחַ גֶעשְׁטַאנֶען, אוּן עֶר הָאט אַ גָאלְדֶענֶע וֶועהְרוֹיכְפַאן

גֶעהַאט, און מֶען הָאט אִיהְם גֶעגֶעבֶּען פִּיל קְטוֹרֶת, כְּדֵי עֶר זָאל עֶס זֶעצֶען
מִיט דִיא תְּפִילוֹת פוּן דִיא הֵיילִיגֶע אויף דֶעם גָאלְדֶענֶען מִזְבֵּחַ וָואס אִיז פָאר דֶעם
שְׁטוּהְל. 4 און דֶער רויך פוּן דֶעם קְטוֹרֶת אִיז אויפְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶער הַאנְד
פוּן דֶעם מַלְאָךְ פָאר גָאט מִיט דִיא תְּפִילוֹת פוּן דִיא הֵיילִיגֶע. 5 און דֶער
מַלְאָךְ הָאט דִיא וֶועהְרוֹיכְפַאן גֶענוּמֶען, און הָאט זִיא אָנְגֶעפִילְט מִיט דֶעם
פֵייעֶר פוּן דֶעם מִזְבֵּחַ, און הָאט זִיא גֶעוָוארְפֶען אויף דֶער עֶרְד; און עֶס זֶענֶען
גֶעוָוארֶען דוּנֶער און קוֹלוֹת און בְּלִיצֶען און אֵיין עֶרְדְצִיטֶערְנִיס. 6 און דִיא
זִיבֶּען מַלְאָכִים וָואס הָאבֶּען דִיא זִיבֶּען שׁוֹפְרוֹת גֶעהַאט הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעבְּרֵייט
אַז זֵייא זָאלֶען בְּלָאזֶען.
7 און דֶער עֶרְשְׁטֶע מַלְאָךְ הָאט גֶעבְּלָאזֶען; און עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אַ הָאגֶעל
און פֵייעֶר מִיט בְּלוּט גֶעמִישְׁט, און עֶס אִיז אויף דֶער עֶרְד גֶעוָוארְפֶען גֶעוָוארֶען.
און דֶער דְרִיטֶע טְהֵייל פוּן דֶער עֶרְד אִיז פֶערְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען, און דֶער
דְרִיטֶע טְהֵייל פוּן דִיא בֵּיימֶער אִיז פֶערְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען, און אַלֶעס גְרִינֶע
גְרָאז אִיז פֶערְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען.
8 און דֶער צְווֵייטֶע מַלְאָךְ הָאט גֶעבְּלָאזֶען; און גְלֵייךְ וִויא אַ גְרוֹיסֶער בַּארְג
וָואס בְּרֶענְט מִיט פֵייעֶר אִיז אִים יַם אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען גֶעוָוארֶען. און דֶער
דְרִיטֶע טְהֵייל פוּן דֶעם יַם אִיז בְּלוּט גֶעוָוארֶען, 9 און דֶער דְרִיטֶע טְהֵייל פוּן
דִיא לֶעבֶּענְדִיגֶע בֶּעשֶׁעפֶּענִים וָואס זֶענֶען אִים יַם אויסְגֶעשְׁטָארְבֶּען, און
דֶער דְרִיטֶע טְהֵייל פוּן דִיא שִׁיפֶען אִיז צוּשְׁטֶערְט גֶעוָוארֶען.
10 און דֶער דְרִיטֶע מַלְאָךְ הָאט גֶעבְּלָאזֶען; און עֶס אִיז אַרוּפְגֶעפַאלֶען פוּן
דֶעם הִימֶעל אַ גְרוֹיסֶער שְׁטֶערְן וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְט אַזוֹי וִויא אַ לַאמְפֶּע,
און עֶס אִיז אויף דֶעם דְרִיטֶען טְהֵייל פוּן דִיא שְׁטְרוֹימֶען גֶעפַאלֶען, און אויף
דִיא קְוֶועלֶען פוּן דִיא וַואסֶער. 11 און דֶער נָאמֶען פוּן דֶעם שְׁטֶערְן הֵייסְט
וֶוערְמוּט. און דֶער דְרִיטֶע טְהֵייל פוּן דִיא וַואסֶער אִיז וֶוערְמוּט גֶעוָוארֶען, און
פִילֶע מֶענְשֶׁען זֶענֶען פוּן וֶועגֶען דִיא וַואסֶער גֶעשְׁטָארְבֶּען, ווייל זֵייא זֶענֶען
בִּיטֶער גֶעוָוארֶען.
12 און דֶער פִיעֶרְטֶע מַלְאָךְ הָאט גֶעבְּלָאזֶען; און דֶער דְרִיטֶע טְהֵייל פוּן דֶער
זוּן אִיז גֶעשְׁלָאגֶען גֶעוָוארֶען, און דֶער דְרִיטֶע טְהֵייל פוּן דֶער לְבָנָה, און דֶער
דְרִיטֶע טְהֵייל פוּן דִיא שְׁטֶערֶען, כְּדֵי זֵייעֶר דְרִיטֶע טְהֵייל זָאל פִינְסְטֶער וֶוער־
רֶען, און דֶער טָאג זָאל נִיט שַׁיינֶען זֵיין דְרִיטֶען טְהֵייל, און אַזוֹי אויךְ נִיט
דִיא נַאכְט.
13 און אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען, און הָאבּ אֵיין אָדְלֶער גֶעהֶערְט פְלִיהֶען אִין מִיטֶען
פוּן דֶעם הִימֶעל, וָואס הָאט מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל גֶעזָאגְט, וֶועה וֶועה וֶועה צוּ
דִיא וָואס ווֹאוֹינֶען אויף דֶער עֶרְד, פוּן וֶועגֶען דִיא אִיבְּרִיגֶע קוֹלוֹת פוּן דִיא
שׁוֹפְרוֹת פוּן דִיא אִיבְּרִיגֶע דְרֵייא מַלְאָכִים וָואס וֶועלֶען נָאךְ בְּלָאזֶען.
ט 1 און דֶער פִינְפְטֶע מַלְאָךְ הָאט גֶעבְּלָאזֶען; און אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטֶערְן
גֶעזֶעהֶען אַרוּפְגֶעפַאלֶען פוּן דֶעם הִימֶעל אויף דֶער עֶרְד, און מֶען הָאט אִיהְם
גֶעגֶעבֶּען דֶעם שְׁלִיסֶעל פוּן דֶעם בְּרוּנֶען פוּן דֶעם אָפְּגְרוּנְד. 2 און עֶר הָאט

דיא אנטפלעקונג פון יוחנן ט

דֶעם בְּרוּנֶען פוּן דֶעם אָפְּגְרוּנְד אוֹיפְגֶעמַאכְט; אוּן עֶס אִיז אַ רוֹיךְ פוּן דֶעם
בְּרוּנֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען גְלֵייךְ וִויא דֶער רוֹיךְ פוּן אַ גְרוֹיסֶען קַאלְכְאוֹיבֶען, אוּן
דִיא זוּן אוּן דִיא לוּפְט זֶענֶען פִינְסְטֶער גֶעוָוארֶען פוּן וֶועגֶען דֶעם רוֹיךְ פוּן
דֶעם בְּרוּנֶען. 3 אוּן פוּן דֶעם רוֹיךְ זֶענֶען הֵיישְׁרֶעקֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף
דֶער עֶרְד, אוּן מֶען הָאט זֵייא מַאכְט גֶעגֶעבֶּען אַזוֹי וִויא דִיא עֶגְדִיסֶען פוּן
דֶער עֶרְד הָאבֶּען מַאכְט. 4 אוּן מֶען הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט אַז זֵייא זָאלֶען נִיט
דָאס גְרָאז פוּן דֶער עֶרְד פֶערְדַארְבֶּען, אוּן נִיט קֵיין קְרֵייט, אוּן נִיט קֵיין
בּוֹים, נֵייעֶרְט דִיא מֶענְשֶׁען וָואס הָאבֶּען נִיט דִיא חֲתִימָה פוּן גָאט אוֹיף זֵייעֶרֶע
שְׁטֶערֶען. 5 אוּן מֶען הָאט זֵייא אוֹיפְגֶעגֶעבֶּען אַז זֵייא זָאלֶען נִיט טֵייטֶען,
נֵייעֶרְט זֵייא זָאלֶען זֵייא פֵּיינִיגֶען פִינְף חֳדָשִׁים; אוּן זֵייעֶר פֵּיינִיגֶען אִיז גְלֵייךְ
וִויא דָאס פֵּיינִיגֶען פוּן אֵיין עֶגְדִים וֶוען עֶר שְׁטֶעכְט אַ מֶענְשֶׁען. 6 אוּן אִין
יֶענֶע טֶעג וֶועלֶען מֶענְשֶׁען דֶעם טוֹיט זוּכֶען אוּן וֶועלֶען אִיהְם נִיט גֶעפִינֶען, אוּן
זֵייא וֶועלֶען וִוינְשֶׁען צוּ שְׁטַארְבֶּען, אוּן דֶער טוֹיט וֶועט פוּן זֵייא אַנְטְלוֹיפֶען. 7 אוּן
דִיא גֶעשְׁטַאלְטֶען פוּן דִיא הֵיישְׁרֶעקֶען זֶענֶען גֶעוֶוען גְלֵייךְ צוּ פֶערְד וָואס זֶענֶען
פַארְטִיג צוּ דֶער מִלְחָמָה, אוּן אוֹיף זֵייעֶרֶע קֶעפּ זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי וִויא קְרוֹי-
נֶען גְלֵייךְ צוּ גָאלְד, אוּן זֵייעֶרֶע פָּנִים זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי וִויא דִיא פָּנִים פוּן
מֶענְשֶׁען; 8 אוּן זֵייא הָאבֶּען הָאר גֶעהַאט גְלֵייךְ וִויא דִיא הָאר פוּן פְרוֹיעֶן,
אוּן זֵייעֶרֶע צֵיין זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי וִויא דִיא צֵיין פוּן לֵייבֶּען; 9 אוּן זֵייא הָא-
בֶּען פַּאנְצֶער גֶעהַאט גְלֵייךְ וִויא פַּאנְצֶער פוּן אֵייזֶען, אוּן דָאס קוֹל פוּן זֵייעֶרֶע
פְלִיגֶעל אִיז גֶעוֶוען גְלֵייךְ וִויא דָאס קוֹל פוּן רֵייטְוָואגֶען פוּן פִילֶע פֶערְד, וָואס
לוֹיפֶען צוּ דֶער מִלְחָמָה. 10 אוּן זֵייא הָאבֶּען שְׁוֶוענְץ גֶעהַאט אַזוֹי וִויא עֶגְדִיסֶען
אוּן שְׁטֶעכִיגֶע שְׁפִּיצֶען, אוּן אִין זֵייעֶרֶע שְׁוֶוענְץ אִיז זֵייעֶרֶע מַאכְט גֶעוֶוען צוּ
שָׁאדִיגֶען דִיא מֶענְשֶׁען פִינְף חֳדָשִׁים. 11 זֵייא הָאבֶּען אִיבֶּער זִיךְ אַ קֶענִיג
דֶעם מַלְאָךְ פוּן דֶעם אָפְּגְרוּנְד, וָואס זֵיין נָאמֶען אִיז אוֹיף הֶעבְּרֶעאִישׁ אֲבַדּוֹן,
אוּן אוֹיף גְרֶעקִישׁ הָאט עֶר דֶעם נָאמֶען אַפָּאלְיוֹן. 12 דֶער עֶרְשְׁטֶע וֶועה אִיז
פַארְבֵּייא גֶעגַאנְגֶען; זֶעה עֶס קוּמֶען נָאךְ צְווייא וֶועהֶען נָאךְ דִיזֶע.

13 אוּן דֶער זֶעקְסְטֶע מַלְאָךְ הָאט גֶעבְּלָאזֶען; אוּן אִיךְ הָאבּ אַ קוֹל גֶעהֶערְט
פוּן דִיא הֶערְנֶער פוּן דֶעם גָאלְדֶענֶען מִזְבֵּחַ וָואס אִיז פָאר גָאט; 14 וָואס הָאט
צוּם זֶעקְסְטֶען מַלְאָךְ גֶעזָאגְט וֶועלְכֶער הָאט דֶעם שׁוֹפָר גֶעהַאט, בִּינְד אוֹיף
דִיא פִיעֶר מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען בֵּייא דֶעם גְרוֹיסֶען שְׁטְרוֹים פְּרָת גֶעבּוּנְדֶען.
15 אוּן דִיא פִיעֶר מַלְאָכִים זֶענֶען אוֹיפְגֶעבּוּנְדֶען גֶעוָוארֶען, וֶועלְכֶע זֶענֶען אָנְגֶע-
בְּרֵייט גֶעוֶוען פַאר דֶער שָׁעָה אוּן טָאג אוּן חוֹדֶשׁ אוּן יָאהְר, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען
דֶעם דְרִיטֶען טְהֵייל פוּן דִיא מֶענְשֶׁען טֵייטֶען. 16 אוּן דִיא צָאהְל. פוּן דִיא
הֶערְשַׁארֶען פוּן דִיא רֵייטֶער אִיז גֶעוֶוען צְווייא מָאל צֶעהְן טוֹיזֶענְד מָאל צֶעהְן
טוֹיזֶענְד; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶרֶע צָאהְל גֶעהֶערְט.

17 אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ דִיא פֶערְד גֶעזֶעהֶען אִין דֶער גֶעזִיכְט אוּן דִיא
וָואס זֶענֶען אוֹיף זֵייא גֶעזֶעסֶען, דִיא הָאבֶּען פֵייעֶרִיגֶע אוּן פִינְקֶעלְשְׁטֵיינִיגֶע
אוּן שְׁוֶועבְּלִיגֶע פַּאנְצֶער גֶעהַאט; אוּן דִיא קֶעפּ פוּן דִיא פֶערְד זֶענֶען גֶעוֶוען

גְלַייךְ וויא קֶעפּ פון לֵייבֶּען, און פון זֵייעֶרֶע מֵיילֶער איז פֵייעֶר און רויךְ און
שְׁוֶועבֶּעל אַרויסְגֶעגַאנְגֶען. 18 פון דִיזֶע דְרַייא פְּלָאגֶען איז דֶער דְרִיטֶע טְהֵייל
פון דיא מֶענְשֶׁען גֶעטֵייטֶעט גֶעוָוארֶען, פון דֶעם פֵייעֶר און פון דֶעם רויךְ און
פון דֶעם שְׁוֶועבֶּעל וָואס זֶענֶען פון זֵייעֶרֶע מֵיילֶער אַרויסְגֶעגַאנְגֶען. 19 וָוארִין דיא
מַאכְט פון דיא פֶערְד איז אִין זֵייעֶרֶע מֵיילֶער און אִין זֵייעֶרֶע שְׁוֶוענְץ; וָוארִין
זֵייעֶרֶע שְׁוֶוענְץ זֶענֶען גְלַייךְ וויא שְׁלַאנְגֶען, און זֵייא הָאבֶּען קֶעפּ, און דורךְ דִיזֶע
טְהוּן זֵייא שָׁאדֶען. 20 און דיא אִיבְּרִיגֶע מֶענְשֶׁען וָואס זֶענֶען נִיט דורךְ דִיזֶע פְּלָא־
גֶען גֶעהַרְגֶעט גֶעוָוארֶען, הָאבֶּען זִיךְ דָאךְ נִיט אוּמְגֶעקֶעהְרְט פון דיא וֶוערְק
פון זֵייעֶרֶע הֶענְד, אַז זֵייא זָאלֶען זִיךְ נִיט בִּיקֶען צוּ דיא שֵׁדִים און צוּ דיא
אָפְּגֶעטֶער פון גָאלְד און פון זִילְבֶּער און פון קוּפֶּער און פון שְׁטֵיין און פון
הָאלְץ, וָואס קֶענֶען נִיט זֶעהֶען און נִיט הֶערֶען און נִיט אַרוּמְגֶעהֶען; 21 און
זֵייא הָאבֶּען נִיט תְּשׁוּבָה גֶעטְהוּן פון זֵייעֶרֶע רְצִיחוֹת און אויךְ נִיט פון זֵייעֶרֶע
כִּשׁוּף און אויךְ נִיט פון זֵייעֶרֶע זְנוּת און אויךְ נִיט פון זֵייעֶרֶע גְנֵבוֹת.
י 1 און אִיךְ הָאבּ אֵיין אַנְדֶערֶען שְׁטַארְקֶען מַלְאָךְ גֶעזֶעהֶען אַרוּפְּקוּמֶען פון
דֶעם הִימֶעל, אָנְגֶעטְהוּן אִין אַ וָואלְקֶען, און דֶער רֶעגֶענְבּוֹיגֶען איז אויף זֵיין
קָאפּ גֶעוֶועזֶען, און זֵיין פָּנִים איז גֶעוֶוען גְלַייךְ וויא דיא זוּן, און זֵיינֶע פִּיס וויא
זֵיילֶען פון פֵייעֶר, 2 און עֶר הָאט אִין זֵיינֶער הַאנְד גֶעהַאט אַ קְלֵיינֶעם בִּיכֶעל
גֶעעֶפֶענְט; און עֶר הָאט זֵיין רֶעכְטֶען פוּס אויף דֶעם יָם גֶעשְׁטֶעלְט, און זֵיין
לִינְקֶען פוּס אויף דֶער עֶרְד; 3 און עֶר הָאט מִיט אַ הויךְ קוֹל גֶעשְׁרִיגֶען אַזוֹי
וויא אַ לֵייבּ בְּרוּמְט. און וֶוען עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגֶען הָאבֶּען דיא זִיבֶּען דוּנֶער
מִיט זֵייעֶרֶע קוֹלוֹת גֶערֶעט. 4 און וֶוען דיא זִיבֶּען דוּנֶער הָאבֶּען גֶערֶעט,
הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט שְׁרַייבֶּען; און אִיךְ הָאבּ אַ קוֹל פון הִימֶעל גֶעהֶערְט
וָואס הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, פֶערְזִיגֶעל דיא זַאכֶען וָואס דיא זִיבֶּען דוּנֶער
הָאבֶּען גֶערֶעט, און שְׁרַייבּ זֵייא נִיט. 5 און דֶער מַלְאָךְ, וֶועלְכֶען אִיךְ הָאבּ
גֶעזֶעהֶען שְׁטֶעהֶען אויף דֶעם יָם און אויף דֶער עֶרְד, הָאט זֵיינֶע רֶעכְטֶע הַאנְד
קֶעגֶען דֶעם הִימֶעל אויפְגֶעהויבֶּען, 6 און הָאט גֶעשְׁוָואוִירֶען בַּייא דֶעם וֶועל־
כֶער לֶעבְּט פון עֶבִּיגְקַייט צוּ עֶבִּיגְקַייט, וֶועלְכֶער הָאט דיא הִימֶעל בֶּעשַׁאפֶען
און דיא זַאכֶען וָואס זֶענֶען דְרִינֶען, און דיא עֶרְד און דיא זַאכֶען וָואס זֶענֶען
דְרִינֶען, און דֶעם יָם און דיא זַאכֶען וָואס זֶענֶען דְרִינֶען, אַז עֶס וֶועט נִיט
מֶעהְר קֵיינֶע צֵייט זֵיין; 7 אָבֶּער אִין דיא טֶעג פון דֶעם קוֹל פון דֶעם זִיבֶּענְטֶען
מַלְאָךְ, וֶוען עֶר וֶועט בְּלָאזֶען, הָאט זִיךְ דֶער סוֹד פון גָאט גֶעעֶנְדִיגְט, אַזוֹי
וויא עֶר הָאט גֶעפְּרֶעדִיגְט דורךְ זֵיינֶע אֵייגֶענֶע קְנֶעכְט דיא נְבִיאִים.
8 און דָאס קוֹל וָואס אִיךְ הָאבּ פון הִימֶעל גֶעהֶערְט הָאט ווידֶער מִיט מִיר
גֶערֶעט און גֶעזָאגְט, גֶעה און נֶעם דָאס גֶעעֶפֶענְטֶע בִּיכֶעל וָואס איז אִין דֶער
הַאנְד פון דֶעם מַלְאָךְ, וֶועלְכֶער שְׁטֶעהְט אויף דֶעם יָם און אויף דֶער עֶרְד.
9 און אִיךְ בִּין צוּם מַלְאָךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען און הָאבּ צוּ אִיהְם גֶעזָאגְט, גִיבּ מִיר
דָאס קְלֵיינֶע בִּיכֶעל. און עֶר הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, נֶעם עֶס און עֶס אויף; און
עֶס וֶועט דֵיין בּויךְ בִּיטֶער מַאכֶען, אָבֶּער אִין דֵיין מויל וֶועט עֶס זִיס וויא

הָאנִיג זִיין. 10 אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס קְלֵיינֶע בִּיכֶעל גֶענוּמֶען פוּן דֶער הַאנְד פוּן
דֶעם מַלְאָךְ, אוּן הָאבּ עֶס אוֹיפְגֶעגֶעסֶען; אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין מֵיין מוֹיל זִיס
וִויא הָאנִיג; אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיפְגֶעגֶעסֶען, אִיז מֵיין בּוֹיךְ בִּיטֶער גֶעוָוא־
רֶען. 11 אוּן זֵייא הָאבֶּען צוּ מִיר גֶעזָאגְט, דוּא מוּזְט ווִידֶער נְבוּאוֹת זָאגֶען פָאר
פִילֶע פֶעלְקֶער אוּן גוֹיִם אוּן לְשׁוֹנוֹת אוּן מְלָכִים.

יא 1 אוּן עֶס אִיז צוּ מִיר גֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען אַ רָאהְר גְלֵייךְ וִויא אַ שְׁטֶעקֶען,
אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, שְׁטֶעה אוֹיף אוּן מֶעסְט דֶעם טֶעמְפֶּעל פוּן גָאט, אוּן
דֶעם מִזְבֵּחַ אוּן דִיא וָואס בֶּעטֶען דְרִינֶען. 2 אוּן דֶעם הוֹיף וָואס אִיז פוּן
אוֹיסְוֶוענִיג פוּן דֶעם טֶעמְפֶּעל זָאלְסְט דוּא אוֹיסְלָאזֶען אוּן זָאלְסְט אִיהְם נִיט
מֶעסְטֶען, וָוארִין עֶר אִיז צוּ דִיא גוֹיִם גֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען אוּן זֵייא וֶועלֶען דִיא
הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט צוּטְרֶעטֶען צְוֵוייא אוּן פִיעֶרְצִיג חֳדָשִׁים. 3 אוּן אִיךְ וֶועל צוּ
מֵיינֶע צְוֵוייא עֵדוּת גֶעבֶּען אַז זֵייא זָאלֶען נְבוּאוֹת זָאגֶען טוֹיזֶענְד צְוֵוייא הוּנְ־
דֶערְט אוּן זֶעכְצִיג טֶעג, אָנְגֶעטְהוּן אִין זֶעק.

4 דִיזֶע זֶענֶען דִיא צְוֵוייא עֶהְלְבֵּיימֶער אוּן דִיא צְוֵוייא מְנוֹרוֹת וָואס שְׁטֶעהֶען
פָאר דֶעם הַאר'ן פוּן דֶער עֶרְד. 5 אוּן וֶוען אֵיימִיצֶער וִויל זֵייא שָׁאדֶען, גֶעהְט
פֵייעֶר אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר מוֹיל אוּן פֶערְצֶעהְרְט זֵייעֶרֶע פֵיינְד; אוּן וֶוען אֵיימִיצֶער
וִויל זֵייא שָׁאדֶען, מוּז עֶר אַזוֹי גֶעטֵייטֶעט וֶוערֶען. 6 דִיזֶע הָאבֶּען דִיא מַאכְט
דֶעם הִימֶעל צוּ פֶערְשְׁלִיסֶען, אַז עֶס זָאל נִיט רֶעגְנֶען אִין דִיא טֶעג פוּן זֵייעֶר
נְבוּאוֹת זָאגֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען מַאכְט אִיבֶּער דִיא וַואסֶער זֵייא צוּ בְּלוּט צוּ פֶערְ־
קֶעהְרֶען, אוּן אוֹיף דֶער עֶרְד צוּ שְׁלָאגֶען מִיט אַלֶערְלֵייא פְּלָאג אַזוֹי אָפְט וִויא
זֵייא ווִילֶען. 7 אוּן וֶוען זֵייא הָאבֶּען זֵייעֶר עֵדוּת גֶעעֶנְדִיגְט, וֶועט דִיא חַיָּה וָואס
קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם אָפְּגְרוּנְד מִיט זֵייא מִלְחָמָה הַאלְטֶען, אוּן וֶועט זֵייא
אִיבֶּערְוֶועלְטִיגֶען, אוּן וֶועט זֵייא טֵייטֶען. 8 אוּן זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע לֵייבֶּער לִיגֶען
אוֹיף דֶער גַאס פוּן דִיא גְרוֹיסֶע שְׁטָאדְט, וָואס אִיז גֵייסְטְלִיךְ סְדוֹם אוּן מִצְרַיִם
אָנְגֶערוּפֶען, וְואוּ אוֹיךְ זֵייעֶר הַאר אִיז גֶעקְרֵייצִיגְט גֶעוָוארֶען. 9 אוּן פוּן דִיא
פֶעלְקֶער אוּן שְׁבָטִים אוּן לְשׁוֹנוֹת אוּן גוֹיִם זֶעהְט מֶען זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע לֵייבֶּער
דְרֵייא טֶעג אוּן אַ הַאלְבּ, אוּן זֵייא לָאזֶען נִיט זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע לֵייבֶּער בֶּעגְרָא־
בֶּען. 10 אוּן דִיא וָואס וְואוֹינֶען אוֹיף דֶער עֶרְד פְרֵייעֶן זִיךְ אִיבֶּער זֵייא אוּן
הָאבֶּען שִׂמְחָה, אוּן זֵייא שִׁיקֶען מַתָּנוֹת אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען, ווִייל דִיזֶע
צְוֵוייא נְבִיאִים הָאבֶּען גֶעפְּלָאגְט דִיא וָואס וְואוֹינֶען אוֹיף דֶער עֶרְד. 11 אוּן
נָאךְ דִיא דְרֵייא טֶעג אוּן אַ הַאלְבּ אִיז דֶער גֵייסְט פוּן לֶעבֶּען פוּן גָאט אִין
זֵייא אַרֵיינְגֶעקוּמֶען, אוּן זֵייא זֶענֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע פִיס גֶעשְׁטַאנֶען; אוּן אַ גְרוֹיס
מוֹרָא אִיז גֶעפַאלֶען אוֹיף דִיא וָואס הָאבֶּען זֵייא גֶעזֶעהֶען. 12 אוּן זֵייא הָאבֶּען
אַ הוֹיךְ קוֹל פוּן דֶעם הִימֶעל גֶעהֶערְט וָואס הָאט צוּ זֵייא גֶעזָאגְט, קוּמְט אַהֶער
אַרוֹיף; אוּן זֵייא זֶענֶען אִין דֶער וָואלְקֶען אִים הִימֶעל אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זֵייעֶרֶע
פֵיינְד הָאבֶּען זֵייא אָנְגֶעזֶעהֶען. 13 אוּן אִין יֶענֶער שָׁעָה אִיז אַ גְרוֹיס עֶרְדְצִי־
טֶערְנִיס גֶעוָוארֶען, אוּן דֶער צֶעהְנְטֶע טְהֵייל פוּן דֶער שְׁטָאדְט אִיז גֶעפַאלֶען,

4 זכריה ד׳ יא׳-יד׳.

אוּן זִיבֶּען טויזֶענְד מֶענְשֶׁען זֶענֶען אִים עֶרְדְצִיטֶערְנִים גֶעטֵייטֶעט גֶעוָוארֶען,
אוּן דִיא אִיבְּרִיגֶע הָאבֶּען מוֹרָא גֶעהַאט אוּן הָאבֶּען כָּבוֹד גֶעגֶעבֶּען צוּ דֶעם
גָאט פוּן דֶעם הִימֶעל.
14 דָאס צְווייטֶע וֶועה אִיז פַארְבֵּייא גֶעגַאנְגֶען; זֶעה דָאס דְרִיטֶע וֶועה קוּמְט
גֶעשְׁווִינְד.
15 אוּן דֶער זִיבֶּענְטֶע מַלְאָךְ הָאט גֶעבְּלָאזֶען; אוּן עֶס זֶענֶען גְרויסֶע קוֹלוֹת
אִים הִימֶעל גֶעוָוארֶען, וָואס הָאבֶּען גֶעזָאגְט,
דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן דֶער וֶועלְט אִיז גֶעוָוארֶען דָאס קֶענִיגְרֵייךְ פוּן
אוּנְזֶערֶען הַאר'ן אוּן פוּן זֵיין מָשִׁיחַ,
אוּן עֶר וֶועט רֶעגִירֶען פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט.
16 אוּן דִיא פִיעֶר אוּן צְוַואנְצִיג זְקֵנִים וֶועלְכֶע זֶענֶען פָאר גָאט אוֹיף זֵייעֶרֶע
שְׁטוּהלֶען גֶעזֶעסֶען, זֶענֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע פָּנִים גֶעפַאלֶען אוּן הָאבֶּען זִיךְ צוּ גָאט
גֶעבִּיקְט 17 אוּן גֶעזָאגְט,
מִיר דַאנְקֶען דִיר הַאר גָאט דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער, דֶער דוּא בִּיסְט אוּן
בִּיסְט גֶעוֶועֶן, ווייל דוּא הָאסְט דֵיינֶע גְרויסֶע קְרַאפְט גֶענוּמֶען אוּן
הָאסְט אַלְס אַ מֶלֶךְ רֶעגִירְט. 18 אוּן דִיא גוֹיִם הָאבֶּען גֶעצֶערְנְט,
אוּן דֵיין צָארְן אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן דִיא צֵייט פוּן דִיא טוֹיטֶע אַז זֵייא
זָאלֶען גֶערִיכְטֶעט וֶוערֶען, אוּן אַז דוּא זָאלְסְט דֶעם שְׂכַר גֶעבֶּען צוּ
דֵיינֶע קְנֶעכְט דִיא נְבִיאִים אוּן צוּ דִיא הֵיילִיגֶע אוּן צוּ דִיא וָואס
הָאבֶּען מוֹרָא צוּ דֵיין נָאמֶען, דִיא קְלֵיינֶע אוּן אוֹיךְ דִיא גְרויסֶע,
אוּן דוּא זָאלְסְט פֶערְדַארְבֶּען דִיא וָואס הָאבֶּען דִיא עֶרְד פֶערְדָארְבֶּען.
19 אוּן דֶער טֶעמְפֶּעל פוּן גָאט אִיז אִים הִימֶעל אוֹיפְגֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען, אוּן דֶער
אָרוֹן פוּן דֶעם בְּרִית אִיז אִין זֵיין טֶעמְפֶּעל גֶעזֶעהֶען גֶעוָוארֶען, אוּן עֶס זֶענֶען
גֶעוָוארֶען בְּלִיצֶען אוּן קוֹלוֹת אוּן דוּנֶער אוּן עֶרְדְצִיטֶערְנִים אוּן אַ גְרויסֶער הָאגֶעל.
יב 1 אוּן אַ גְרויס צֵייכֶען הָאט זִיךְ אִים הִימֶעל בֶּעווִיזֶען, אַ פְרוֹיא גֶעקְלֵייד
מִיט דֶער זוּן, אוּן דִיא לְבָנָה אוּנְטֶער אִיהְרֶע פִיס, אוּן אוֹיף אִיהְר קָאפּ אִיז אַ
קְרוֹין גֶעוֶועֶן פוּן צְוֶועלְף שְׁטֶערֶען; 2 אוּן זִיא אִיז טְרָאגֶענְדִיג גֶעוֶועֶן אוּן הָאט
אִין גֶעבּוּרְטְסְוֶועהֶען גֶעשְׁרִיגֶען, אוּן אִיז אִין גְרויסֶער פֵּיין גֶעוֶועֶן בֵּייא דֶעם גֶעווִינֶען.
3 אוּן אֵיין אַנְדֶערֶעס צֵייכֶען הָאט זִיךְ אִים הִימֶעל בֶּעווִיזֶען, אוּן זֶעה אַ גְרויסֶע
דְרַאכֶּעשְׁלַאנְג רוֹיט ווִיא פֵייעֶר, וָואס הָאט זִיבֶּען קֶעפּ גֶעהַאט אוּן צֶעהְן
הֶערְנֶער אוּן אוֹיף אִיהְר קָאפּ זִיבֶּען קְרוֹינֶען; 4 אוּן זִיא הָאט מִיט אִיהְר שְׁוַואנְץ
מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם דְרִיטֶען טְהֵייל פוּן דִיא שְׁטֶערֶען פוּן דֶעם הִימֶעל, אוּן
הָאט זֵייא אוֹיף דֶער עֶרְד אַרוּפְגֶעוָוארְפֶען. אוּן דִיא דְרַאכֶעשְׁלַאנְג אִיז גֶע-
שְׁטַאנֶען פָאר דֶער פְרוֹיא וָואס הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ גֶעווִינֶען, כְּדֵי זִיא זָאל
דָאס קִינְד וָואס דִיא פְרוֹיא וֶועט גֶעווִינֶען אוֹיפְפְרֶעסֶען. 5 אוּן זִיא הָאט גֶעווִי-
נֶען אַ בֶּן זָכָר, וֶועלְכֶער וֶועט אִיבֶּער אַלֶע גוֹיִם הֶערְשֶׁען מִיט אֵייזֶערְנֶע
רוּט; אוּן אִיהְר קִינְד אִיז צוּ גָאט אַוֶועקְגֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען אוּן צוּ זֵיין שְׁטוּהְל.
6 אוּן דִיא פְרוֹיא אִיז אִין דֶער מִדְבָּר אַנְטְלָאפֶען, וְואוּ זִיא הָאט אֵיין אָרְט פוּן

גאָט אָנגעבּרייט, כּדי דאָרט מען זאָל זיא דערנעהרען טויזענד צװייא הונדערט
און זעכציג טעג.
7 און עס איז געשעהען אַ מלחמה אים הימעל, מיכאל און זיינע מלאכים
האָבּען מלחמה געהאַלטען מיט דער דראַכעשלאַנג. און דיא דראַכעשלאַנג און
איהרע מלאכים האָבּען מלחמה געהאַלטען, 8 און זייא האָבּען ניט איבּער־
װעלטיגט, אויך איז קיין אָרט ניט מעהר פאַר זייא אים הימעל געפינען
געװאָרען. 9 און דיא גרויסע דראַכעשלאַנג איז אַרויסגעװאָרפען געװאָרען, דיא
אַלטע שלאַנג װאָס הייסט טייפעל און שטן, װאָס פערפיהרט דיא גאַנצע
װעלט, זיא איז אויף דער ערד געװאָרפען געװאָרען, און איהרע מלאכים זענען
מיט איהר געװאָרפען געװאָרען. 10 און איך האָבּ אַ גרויס קול אים הימעל
געהערט זאָגען,

איצט איז געקומען דיא ישועה און דיא קראַפט און דאָס קעניגרייך
פון אונזערען גאָט און דיא מאַכט פון זיין משיח, װאָרין דער
פערקלאָגער פון אונזערע בּרידער איז אַרויסגעװאָרפען געװאָרען,
װעלכער פערקלאָגט זייא פאַר אונזערען גאָט טאָג און נאַכט.
11 און זייא האָבּען איהם איבּערװעלטיגט דורך דעם בּלוט פון דעם
לאַם און דורך דעם װאָרט פון זייער עדות, און זייא האָבּען ניט
זייער לעבּען געליבּט בּיז צום טויט. 12 דערסטװעגען פרייעט אייך
איהר הימעל און דיא װאָס דרינען װאױנען; װעה צו דער ערד
און דעם ים, װייל דער שטן איז צו אייך אַרופגעקומען, און ער
האָט גרויסען צאָרן אינדעם ער װייסט אַז ער האָט אַ קליינע צייט.

13 און װען דיא דראַכעשלאַנג האָט געזעהען אַז זיא איז אויף דער ערד
געװאָרפען געװאָרען, האָט זיא דיא פרויא פערפאָלגט װאָס האָט דעם זכר
געבּוירען. 14 און מען האָט צו דער פרויא געגעבּען דיא צװייא פליגעל פון
דעם גרויסען אָדלער, כּדי זיא זאָל פליהען אין דער מדבּר אַריין צו איהר
אָרט, װאו זיא איז דערנעהרט אַ צייט און צייטען און אַ האַלבּע צייט פון
דעם פּנים פון דער שלאַנג. 15 און דיא שלאַנג האָט אַ שטראָם װאַסער נאָך
דער פרויא אַרויסגעװאָרפען, כּדי זיא זאָל פון דעם שטראָם אַװעקגעשלעפּט
װערען. 16 און דיא ערד האָט דיא פרויא געהאָלפען, און האָט איהר מויל
אויפגעמאַכט און האָט איינגעשלונגען דעם שטראָם װאָס דיא דראַכעשלאַנג
האָט פון איהר מויל אַרויסגעװאָרפען. 17 און דיא דראַכעשלאַנג האָט אויף
דער פרויא געצערנט, און איז אַװעקגעגאַנגען מלחמה צו האַלטען מיט
איהרע איבּריגע זאָמען, װאָס האַלטען דיא געבּאָטע פון גאָט און האָבּען דאָס
יג ציינגים פון ישוע; 1 און זיא איז געשטאַנען בּייא דעם זאַנד פון דעם ים.
און איך האָבּ אַ חיה געזעהען אַרויסקומען פון דעם ים, װאָס האָט זיבּען
קעפּ און צעהן הערנער געהאַט, און אויף איהרע הערנער צעהן קרוינען, און
אויף איהרע קעפּ נעמען פון לעסטערונג. 2 און דיא חיה װאָס איך האָבּ
געזעהען איז גלייך צו אַ לעמפּערט, און איהרע פיס גלייך װיא דיא פיס פון

אַ בֶּער, און אִיהְר מויל וִויא דָאס מויל פון אַ לֵייבּ. און דִיא דְרַאכֶעשְׁלַאנְג
הָאט אִיהְר גֶעגֶעבֶּען אִיהְרֶע קְרַאפְט און אִיהְר שְׁטוּהְל און גְרויסֶע מַאכְט.
[3] און אֵיינֶעם פון אִיהְרֶע קֶעפּ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהֶען אַזוי וִויא פֶערְוְואוּנְדֶעט צום
טוֹיט, און דִיא פְּלָאג פון זַיין טוֹיט אִיז גֶעהֵיילְט גֶעוָוארֶען. און דִיא גַאנְצֶע
עֶרְד הָאט אִיבֶּער דֶער חַיָה פֶערְוְואוּנְדֶערְט, [4] און זֵייא הָאבֶּען זִיךְ צוּ
דֶער דְרַאכֶעשְׁלַאנְג גֶעבִּיקְט ווייל זִיא הָאט דִיא מַאכְט גֶעגֶעבֶּען צוּ דֶער
חַיָה, און זֵייא הָאבֶּען זִיךְ צוּ דֶער חַיָה גֶעבִּיקְט און גֶעזָאגְט, וֶוער אִיז גְלֵייךְ
צוּ דֶער חַיָה, און וֶוער קֶען מִיט אִיהְר מִלְחָמָה הַאלְטֶען? [5] און מֶען הָאט
אִיהְר אַ מויל גֶעגֶעבֶּען וָואס הָאט גְרויסֶע זַאכֶען און לֶעסְטֶערוּנְגֶען גֶערֶעט,
און מֶען הָאט אִיהְר מַאכְט גֶעגֶעבֶּען מִלְחָמָה צוּ הַאלְטֶען צְווֵייא און פִיעֶרְצִיג
חֳדָשִׁים. [6] און זִיא הָאט אִיהְר מויל אויפְגֶעמַאכְט צוּ לֶעסְטֶערוּנְגֶען קֶעגֶען
גָאט, צוּ לֶעסְטֶערְן זַיין נָאמֶען און זַיין מִשְׁכָּן, דִיא וָואס וְואוֹינֶען אִים הִימֶעל.
[7] און מֶען הָאט אִיהְר גֶעגֶעבֶּען אַז זִיא זָאל מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט דִיא הֵיילִיגֶע
און זָאל זֵייא אִיבֶּערְוֶועלְטִיגֶען, און מֶען הָאט אִיהְר מַאכְט גֶעגֶעבֶּען אִיבֶּער
יֶעדֶען שֵׁבֶט און מִשְׁפָּחָה און לָשׁוֹן און פָאלְק. [8] און אַלֶע אֵיינְוְוֹאוֹינֶער פון
דֶער עֶרְד בִּיקֶען זִיךְ צוּ אִיהְר, וֶועמֶעס נֶעמֶען זֶענֶען נִיט אִים סֵפֶר הַחַיִים
פון דֶעם לַאם אֵיינְגֶעשְׁרִיבֶּען גֶעוָוארֶען, וֶועלְכֶעס אִיז גֶעשָׁאכְטֶען גֶעוָוארֶען פון
דֶער גְרִינְדוּנְג פון דֶער וֶועלְט.

[9] וֶוען אֵיימִיצֶער הָאט אֵיין אוֹיעֶר לָאז עֶר הֶערֶען. [10] וֶוען אֵיימִיצֶער אִיז
צום גֶעפֶענְגְנִיס, צום גֶעפֶענְגְנִיס גֶעהְט עֶר אַוֶועק; וֶוען אֵיימִיצֶער וֶועט מִיט
דֶעם שְׁוֶוערְט טֵייטֶען, דֶער מוּז מִיט דֶעם שְׁוֶוערְט גֶעטֵייטֶעט וֶוערֶען. דָא אִיז
דִיא גֶעדוּלְד און דֶער גְלויבֶּען פון דִיא הֵיילִיגֶע.

[11] און אִיךְ הָאבּ אֵיין אַנְדֶערֶע חַיָה גֶעזֶעהֶען פון דֶער עֶרְד אַרויסְקוּמֶען,
און זִיא הָאט צְווֵייא הֶערְנֶער גֶעהַאט גְלֵייךְ וִויא אַ לַאם, און הָאט גֶערֶעט
אַזוי וִויא אַ דְרַאכֶעשְׁלַאנְג. [12] און דִיא מַאכְט פון דִיא עֶרְשְׁטֶע חַיָה טְהוּט
זִיא אִין גַאנְצֶען פָאר זִיא. און זִיא מַאכְט דִיא עֶרְד און דִיא וָואס וְואוֹינֶען
דְרִינֶען אַז זֵייא זָאלֶען זִיךְ בִּיקֶען צוּ דִיא עֶרְשְׁטֶע חַיָה, פון וֶועלְכֶער דִיא טֵייטְ־
לִיכֶע וְואוּנְד אִיז גֶעהֵיילְט גֶעוָוארֶען. [13] און זִיא טְהוּט גְרויסֶע צֵייכֶען, אַז זִיא
זָאל אויךְ פֵייעֶר אַרוּפְקוּמֶען מַאכֶען אויף דֶער עֶרְד פון דֶעם הִימֶעל פָאר
מֶענְשֶׁען. [14] און זִיא בֶּעטְרִיגְט דִיא וָואס וְואוֹינֶען אויף דֶער עֶרְד דוּרְךְ דִיא
צֵייכֶען וָואס זֶענֶען אִיהְר גֶעגֶעבֶּען גֶעוָוארֶען צוּ טְהוּן פָאר דֶער חַיָה, און זִיא
זָאגְט צוּ דִיא וָואס וְואוֹינֶען אויף דֶער עֶרְד אַז זֵייא זָאלֶען אַ בִּילְד צוּ דֶער
חַיָה מַאכֶען, וָואס הָאט דִיא וְואוּנְד פון דֶעם שְׁוֶוערְט גֶעהַאט, און דָאךְ הָאט
גֶעלֶעבְּט. [15] און מֶען הָאט אִיהְר גֶעגֶעבֶּען אַז זִיא זָאל אַ גֵייסְט גֶעבֶּען צוּ
דֶעם בִּילְד פון דֶער חַיָה, כְּדֵי דָאס בִּילְד פון דֶער חַיָה זָאל רֶעדֶען און זָאל
טְהוּן אַז וִויא פִילֶע וָואס וֶועלֶען זִיךְ נִיט בִּיקֶען צוּ דֶעם בִּילְד פון דֶער חַיָה
זָאלֶען גֶעטֵייטֶעט וֶוערֶען. [16] און זִיא מַאכְט אַלֶע, דִיא קְלֵיינֶע און דִיא גְרויסֶע,
דִיא רֵייכֶע און דִיא אָרְמֶע, דִיא פְרֵייעֶ און דִיא קְנֶעכְט, אַז מֶען זָאל צוּ זֵייא

גֶעגֶעבֶּען אַ צֵייכֶען אויף זֵייעֶר רֶעכְטֶע הַאנְד אָדֶער אויף זֵייעֶר שְׁטֶערְן, 17און
אַז קֵיין מֶענְשׁ זָאל נִיט קָאנֶען קויפֶען אָדֶער פֶערְקויפֶען חוּץ דֶער וָואס הָאט
דֶעם צֵייכֶען, דֶעם נָאמֶען פוּן דֶער חַיָה אָדֶער דִיא צָאהְל פוּן זֵיין נָאמֶען.
18דָא אִיז חָכְמָה. דֶער וָואס הָאט פֶערְשְׁטַאנְד לָאז עֶר בֶּערֶעכֶנֶען דִיא צָאהְל
פוּן דֶער חַיָה, וָוארִין עֶס אִיז דִיא צָאהְל פוּן אַ מֶענְשֶׁען. און אִיהְרֶע צָאהְל
אִיז זֶעקְס הוּנְדֶערְט און זֶעקְס און זֶעכְצִיג.

יד 1און אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען, און זֶעה דָאס לַאם אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אויף דֶעם
בַּארְג צִיוֹן, און מִיט אִיהְם הוּנְדֶערְט און פִיעֶר און פִיעֶרְצִיג טויזֶענְד, וָואס
הָאבֶּען זֵיין נָאמֶען און דֶעם נָאמֶען פוּן זֵיין פָאטֶער גֶעשְׁרִיבֶּען אויף זֵייעֶרֶע
שְׁטֶערְן. 2און אִיךְ הָאבּ אַ קוֹל פוּן דֶעם הִימֶעל גֶעהֶערְט, אַזוֹי וִויא אַ קוֹל
פוּן פִילֶע וַואסֶער און וִויא אַ קוֹל פוּן אַ גְרויסֶען דוּנֶער, און דָאס קוֹל וָואס
אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אִיז גֶעוֶועזֶען גְלֵייךְ וִויא דָאס קוֹל פוּן הַארְפֶענְשְׁפִּילֶער וָואס
שְׁפִּילֶען אויף זֵייעֶרֶע הַארְפֶען. 3און זֵייא זִינְגֶען אַ נֵייעֶס לִיד פָאר דֶעם
שְׁטוּהְל און פָאר דִיא פִיעֶר חַיוֹת און פָאר דִיא זְקֵנִים; און קֵיינֶער הָאט נִיט
גֶעקֶענְט דִיזֶען גֶעזַאנְג לֶערְנֶען, נֵייעֶרְט דִיא הוּנְדֶערְט און פִיעֶר און פִיעֶרְצִיג
טויזֶענְד דִיא זֶענֶען פוּן דֶער עֶרְד אויסְגֶעקויפְט גֶעוָוארֶען. 4דִיזֶע זֶענֶען דִיא
וָואס הָאבֶּען זִיךְ נִיט מִיט פְרויעֶן פֶערְאוּנְרֵיינִיגְט; וָוארִין זֵייא זֶענֶען יוּנְגְ־
פְרויעֶן. דִיזֶע זֶענֶען דִיא וָואס פָאלְגֶען נָאךְ דֶעם לַאם וְואוּ אַהִין עֶר גֶעהְט.
דִיזֶע זֶענֶען פוּן צְוִוישֶׁען דִיא מֶענְשֶׁען אויסְגֶעקויפְט גֶעוָוארֶען, אֵיין עֶרְשְׁטֶע
פְרוּכְט צוּ גָאט און צוּ דֶעם לַאם; 5און אִין זֵייעֶר מוֹיל אִיז נִיט קֵיין פַאלְשׁ
גֶעפִינֶען גֶעוָוארֶען; זֵייא זֶענֶען אָהְן אַ פְלֶעק.

6און אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען אֵיין אַנְדֶערֶען מַלְאָךְ פְלִיהֶען אִין מִיטֶען פוּן דֶעם
הִימֶעל, וָואס הָאט אִין זֵיין מוֹיל דִיא עֶבִּיגֶע בְּשׂוֹרָה טוֹבָה גֶעהַאט צוּ פְּרֶעדִי־
גֶען צוּ דִיא וָואס וְואוינֶען אויף דֶער עֶרְד, און צוּ אַלֶע גוֹיִם און שֵׁבֶט און
לָשׁוֹן און פָאלְק; 7און עֶר הָאט מִיט אַ הויךְ קוֹל גֶעזָאגְט, פָארְכְט אֵייךְ פַאר
גָאט, און גִיבְּט אִיהְם כָּבוֹד, וָוארִין דִיא שָׁעָה פוּן זֵיין מִשְׁפָּט אִיז גֶעקוּמֶען,
און בִּיקְט אֵייךְ צוּ אִיהְם דֶער הָאט דֶעם הִימֶעל און דִיא עֶרְד און דֶעם יַם
און דִיא קְוֶועלֶען פוּן וַואסֶער גֶעמַאכְט.

8און אֵיין אַנְדֶערֶער מַלְאָךְ אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען און הָאט גֶעזָאגְט, גֶעפַאלֶען,
גֶעפַאלֶען אִיז בָּבֶל דִיא גְרויסֶע, וָואס הָאט אַלֶע פֶעלְקֶער אָנְגֶעטְרוּנְקֶען פוּן
דֶעם וויין פוּן דֶעם צָארְן פוּן אִיהְרֶער הוּרֶערֵייא.

9און אֵיין אַנְדֶערֶער דְרִיטֶער מַלְאָךְ אִיז זֵייא נָאכְגֶעגַאנְגֶען, און הָאט מִיט
אַ הויךְ קוֹל גֶעזָאגְט, וֶוען אֵיימִיצֶער בִּיקְט זִיךְ צוּ דֶער חַיָה און צוּ זֵיין בִּילְד,
און גֶעמְט אַ צֵייכֶען אויף זֵיין שְׁטֶערְן אָדֶער אויף זֵיינֶער הַאנְד, 10אַזוֹי זָאל
עֶר טְרִינְקֶען פוּן דֶעם וויין פוּן דֶעם צָארְן פוּן גָאט, וָואס אִיז גֶעמִישְׁט גֶעוָוא־
רֶען קְלָאר אִים בֶּעכֶער פוּן זֵיין צָארְן, און עֶר זָאל דוּרְךְ פֵייעֶר און שְׁוֶועבֶעל
גֶעפֵּינִיגְט וֶוערֶען פָאר דִיא הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים און פָאר דֶעם לַאם. 11און דֶער
רויךְ פוּן זֵייעֶרֶע פֵּינִיגוּנְג גֶעהְט אויף פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט, און דִיא

וָואס בִּיקֶען זִיךְ צוּ דֶער חַיָה אוּן צוּ אִיהְר בִּילְד, אוּן אֵיימִיצֶער וָואס נֶעמְט
אָן דָאס צֵייכֶען פוּן אִיהְר נָאמֶען, הָאבֶּען נִיט קֵיינֶע רוּה טָאג אוּן נַאכְט.
12 דָא אִיז דִיא גֶעדוּלְד פוּן דִיא הֵיילִיגֶע, וָואס הִיטֶען דִיא גֶעבָּאטֶע פוּן גָאט
אוּן דֶעם גְלוֹיבֶּען פוּן יֵשוּעַ. 13 אוּן אִיךְ הָאבּ אַ קוֹל פוּן הִימֶעל גֶעהֶערְט
וָואס הָאט גֶעזָאגְט שְׁרֵייבּ, גֶעבֶּענְשְׁט פוּן אַצוּנְד אָן זֶענֶען דִיא טוֹיטֶע וֶועלְכֶע
שְׁטַארְבֶּען אִים הַאר'ן. יָא זָאגְט דֶער גֵייסְט, אַז זֵייא זָאלֶען רוּהֶען פוּן זֵייעֶרֶע
אַרְבֵּייט; וָוארִין זֵייעֶרֶע וֶוערְק מִיט זֵייא פָאלְגֶען נָאךְ.
14 אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען אוּן זֶעה אַ ווייסֶע וָואלְקֶען, אוּן אוֹיף דֶער וָואלְ-
קֶען אִיז אֵיינֶער גֶעזֶעסֶען גְלַייךְ אַ בֶּן אָדָם, דֶער הָאט אַ גָאלְדֶענֶע קְרוֹין אוֹיף
זֵיין קָאפּ גֶעהַאט, אוּן אִין זֵיינֶער הַאנְד אַ שַׁארְפֶעס שְׁנֵיידְמֶעסֶער. 15 אוּן אֵיין
אַנְדֶערֶער מַלְאָךְ אִיז פוּן דֶעם טֶעמְפֶּעל אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט מִיט אַ
הוֹיךְ קוֹל גֶעשְׁרִיגֶען צוּ דֶעם וָואס אִיז אוֹיף דֶער וָואלְקֶען גֶעזֶעסֶען, שִׁיק
אַרוֹיס דֵיין שְׁנֵיידְמֶעסֶער אוּן שְׁנֵייד, וָוארִין דִיא צֵייט אִיז גֶעקוּמֶען צוּ שְׁנֵיידֶען,
ווייל דֶער קָארְנְשְׁנִיט פוּן דֶער עֶרְד אִיז פֶערְדַארְט גֶעוָוארֶען. 16 אוּן דֶער וָואס
אִיז אוֹיף דֶער וָואלְקֶען גֶעזֶעסֶען הָאט זֵיין שְׁנֵיידְמֶעסֶער אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט צוּ
דֶער עֶרְד, אוּן דִיא עֶרְד אִיז גֶעשְׁנִיטֶען גֶעוָוארֶען. 17 אוּן אֵיין אַנְדֶערֶער מַלְאָךְ
אִיז פוּן דֶעם טֶעמְפֶּעל וָואס אִיז אִים הִימֶעל אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט
אוֹיךְ אַ שַׁארְפֶעס שְׁנֵיידְמֶעסֶער גֶעהַאט. 18 אוּן אֵיין אַנְדֶערֶער מַלְאָךְ אִיז פוּן
דֶעם מִזְבֵּחַ אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, וֶועלְכֶער הָאט מַאכְט גֶעהַאט אִיבֶּער דֶעם פֵייעֶר,
אוּן עֶר הָאט מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל גֶערוּפֶען צוּ דֶעם וָואס הָאט דָאס שַׁארְפֶע
שְׁנֵיידְמֶעסֶער, אוּן הָאט גֶעזָאגְט, שִׁיק אַרוֹיס דֵיין שַׁארְפֶעס שְׁנֵיידְמֶעסֶער אוּן
שְׁנֵייד דִיא ווייַנְטְרוֹיבֶּען פוּן דֶעם ווייַנְשְׁטָאק פוּן דֶער עֶרְד, ווייל אִיהְרֶע ווייַנ-
טְרוֹיבֶּען זֶענֶען צֵייטִיג. 19 אוּן דֶער מַלְאָךְ הָאט זֵיין שְׁנֵיידְמֶעסֶער גֶעוָוארְפֶען
אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן הָאט גֶעשְׁנִיטֶען דֶעם ווייַנְשְׁטָאק פוּן דֶער עֶרְד, אוּן הָאט
אִיהְם גֶעוָוארְפֶען אִין דִיא גְרוֹיסֶע קֶעלְטֶער פוּן דֶעם צָארְן פוּן גָאט. 20 אוּן
דִיא קֶעלְטֶער אִיז גֶעטְרֶעטֶען גֶעוָוארֶען אוֹיסֶער דֶער שְׁטָאדְט, אוּן בְּלוּט אִיז פוּן
דֶער קֶעלְטֶער אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען בִּיז צוּ דִיא צוֹימֶען פוּן דִיא פֶערְד, אַזוֹי ווייט
ווִיא טוֹיזֶענְד אוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט אַקֶערְפֶעלְד.

טו 1 אוּן אִיךְ הָאבּ אֵיין אַנְדֶערֶעס צֵייכֶען אִים הִימֶעל גֶעזֶעהֶען, גְרוֹיס אוּן
וְואוּנְדֶערְלִיךְ, זִיבֶּען מַלְאָכִים וֶועלְכֶע הָאבֶּען דִיא זִיבֶּען לֶעצְטֶע פְּלָאגֶען גֶעהַאט,
ווייל דְרִינֶען אִיז דֶערְפִילְט גֶעוָוארֶען דֶער צָארְן פוּן גָאט. 2 אוּן אִיךְ הָאבּ
גֶעזֶעהֶען אַזוֹי ווִיא אַ גְלֶעזֶערְנֶען יַם מִיט פֵייעֶר גֶעמִישְׁט, אוּן דִיא וָואס
הָאבֶּען אִיבֶּערְוֶועלְטִיגְט קֶעגֶען דֶער חַיָה אוּן אִיהְר בִּילְד אוּן דֶער צָאהְל פוּן
אִיהְר נָאמֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהֶען שְׁטֶעהֶען אוֹיף דֶעם גְלֶעזֶערְנֶען יַם, אוּן זֵייא
הָאבֶּען הַארְפֶען פוּן גָאט גֶעהַאט. 3 אוּן זֵייא זִינְגֶען דָאס לִיד פוּן מֹשֶׁה דֶעם
קְנֶעכְט פוּן גָאט, אוּן דָאס לִיד פוּן דֶעם לַאם, אוּן זָאגֶען,

גְרוֹיס אוּן וְואוּנְדֶערְלִיךְ זֶענֶען דֵיינֶע וֶוערְק, אָ הַאר גָאט דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער,
גֶערֶעכְט אוּן וָואהְרְהַאפְטִיג זֶענֶען דֵיינֶע וֶועגֶע, קֶענִיג פוּן דִיא פֶעלְקֶער.

4 וֶועֶר וֶועט זִיךְ נִיט פָארְכְטֶען פַאר דִיר, אָ הַאר, אוּן וֶועט נִיט
כָּבוֹד גֶעבֶּען צוּ דֵיין נָאמֶען? וָוארִין דוּא אַלֵיין בִּיסְט הֵיילִיג;
ווייל אַלֶע פֶעלְקֶער וֶועלֶען קוּמֶען אוּן וֶועלֶען זִיךְ פָאר דִיר בִּיקֶען,
וויל דֵיינֶע גֶערֶעכְטֶע מִשְׁפָּטִים זֶענֶען אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארֶען.
5 אוּן דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהֶען, אוּן דֶער טֶעמְפֶּעל פוּן דֶעם מִשְׁכָּן פוּן
דֶעם עֵדוּת אִים הִימֶעל אִיז אוֹיפְגֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען, 6 אוּן עֶס זֶענֶען אַרוֹיכ־
גֶעקוּמֶען פוּן דֶעם טֶעמְפֶּעל דִיא זִיבֶּען מַלְאָכִים וָואס הָאבֶּען דִיא זִיבֶּען פְּלָאגֶען
גֶעהַאט, אָנְגֶעקְלֵייד אִין רֵיינֶער אוּן פֵיינֶער לֵיינֶעוַואנְד, אוּן אַרוּמְגֶעגַארְטֶעלְט
מִיט גָאלְדֶענֶע גַארְטְלֶען אַרוּם דִיא בְּרוּסְטֶען. 7 אוּן אֵיינֶע פוּן דִיא פִיעֶר חַיוֹת
הָאט צוּ דִיא זִיבֶּען מַלְאָכִים זִיבֶּען גָאלְדֶענֶע שָׁאלֶען גֶעגֶעבֶּען, וָואס זֶענֶען
פוּל מִיט דֶעם צָארְן פוּן גָאט דֶער לֶעבְּט פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט. 8 אוּן
דֶער טֶעמְפֶּעל אִיז מִיט רוֹיךְ אָנְגֶעפִילְט גֶעוָוארֶען פוּן וֶועגֶען דֶער הֶערְלִיכְקֵייט
פוּן גָאט אוּן פוּן וֶועגֶען זֵיינֶער קְרַאפְט, אוּן קֵיינֶער הָאט נִיט גֶעקֶענְט אִים
טֶעמְפֶּעל אַרֵיינְגֶעהֶען, בִּיז דִיא זִיבֶּען פְּלָאגֶען פוּן דִיא זִיבֶּען מַלְאָכִים הָאבֶּען
זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט.

טז 1 אוּן אִיךְ הָאבּ אַ הוֹיךְ קוֹל פוּן דֶעם טֶעמְפֶּעל גֶעהֶערְט, וָואס הָאט צוּ
דִיא זִיבֶּען מַלְאָכִים גֶעזָאגְט, גֶעהְט אוּן גִיסְט אוֹיס דִיא זִיבֶּען שָׁאלֶען פוּן דֶעם
צָארְן פוּן גָאט אוֹיף דֶער עֶרְד.
2 אוּן דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זֵיין שָׁאל אוֹיסְגֶעגָאסֶען
אוֹיף דֶער עֶרְד; אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען אַ שְׁלֶעכְטֶע אוּן שְׁמֶערְצְלִיכֶע וָואוּנְדֶען
אוֹיף דִיא מֶענְשֶׁען וָואס הָאבֶּען דָאס צֵייכֶען פוּן דֶער חַיָה גֶעהַאט, אוּן וָואס
בִּיקֶען זִיךְ צוּ אִיהְר בִּילְד.
3 אוּן דֶער אַנְדֶערֶער הָאט זֵיין שָׁאל אִים יַם אוֹיסְגֶעגָאסֶען, אוּן עֶס אִיז בְּלוּט
גֶעוָוארֶען גְלֵייךְ וִויא פוּן אַ טוֹיטֶען, אוּן יֶעדֶע נְשָׁמָה פוּן לֶעבֶּען וָואס אִיז אִים
יַם גֶעוֶועזֶען אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען.
4 אוּן דֶער דְרִיטֶער הָאט זֵיין שָׁאל אִין דִיא שְׁטְרוֹימֶען אוּן דִיא קְוֶועלֶען פוּן
וַואסֶער אוֹיסְגֶעגָאסֶען, אוּן זֵייא זֶענֶען בְּלוּט גֶעוָוארֶען;
5 אוּן אִיךְ הָאבּ דֶעם מַלְאָךְ פוּן דִיא וַואסֶער גֶעהֶערְט זָאגֶען, גֶערֶעכְט בִּיסְט
דוּא, דֶער דוּא בִּיסְט אוּן בִּיסְט גֶעוֶועזֶען, דֶער הֵיילִיגֶער, ווייל דוּא הָאסְט דִיזֶע
גֶעמִשְׁפָּט; 6 ווייל זֵייא הָאבֶּען דָאס בְּלוּט פוּן דִיא הֵיילִיגֶע אוּן דִיא נְבִיאִים
פֶערְגָאסֶען, אוּן דוּא הָאסְט צוּ זֵייא בְּלוּט צוּ טְרִינְקֶען גֶעגֶעבֶּען; זֵייא זֶענֶען
עֶס וֶוערְט. 7 אוּן אִיךְ הָאבּ דֶעם מִזְבֵּחַ גֶעהֶערְט זָאגֶען יָא, הַאר גָאט דֶער
אַלְמֶעכְטִיגֶער, וָואהְרְהַאפְטִיג אוּן גֶערֶעכְט זֶענֶען דֵיינֶע מִשְׁפָּטִים.
8 אוּן דֶער פִיעֶרְטֶער הָאט זֵיין שָׁאל אוֹיף דֶער זוּן אוֹיסְגֶעגָאסֶען; אוּן מֶען
הָאט אִיהְר גֶעגֶעבֶּען אַז זִיא זָאל דִיא מֶענְשֶׁען הֵייצֶען מִיט פֵייעֶר. 9 אוּן דִיא
מֶענְשֶׁען זֶענֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע הִיץ גֶעהֵייצְט גֶעוָוארֶען, אוּן זֵייא הָאבֶּען דֶעם
נָאמֶען פוּן גָאט גֶעלֶעסְטֶערְט, דֶער הָאט מַאכְט אִיבֶּער דִיזֶע פְּלָאגֶען, אוּן זֵייא
הָאבֶּען נִיט תְּשׁוּבָה גֶעטְהוּן אִיהְם לוֹיבּ אָפְּצוּגֶעבֶּען.

16 און דֶער פִינְפְטֶער הָאט זַיין שָאל אויף דֶעם שְטוּהְל פוּן דֶער חַיָה
אויסְגֶעגָאסֶען; און אִיהְר קֶענִיגְרַייךְ אִיז פִינְסְטֶער גֶעוָוארֶען, און זַייא הָאבֶּען
זַייעֶרֶע צוּנְגֶען פַאר פֵּיין גֶעבִּיסֶען, 11 און הָאבֶּען דֶעם גָאט פוּן דֶעם הִימֶעל
גֶעלֶעסְטֶערְט פוּן וֶועגֶען זַייעֶרֶע פֵּיין און פוּן וֶועגֶען זַייעֶרֶע וְוּאוּנְדֶען, און זַייא
הָאבֶּען נִיט תְּשׁוּבָה גֶעטְהוּן פוּן זַייעֶרֶע וֶוערְק.
12 און דֶער זֶעקְסְטֶער הָאט זַיין שָאל אויף דֶעם גְרויסֶען שְטְרוֹים פְּרָת אויסְ־
גֶעגָאסֶען; און זַיין וַואסֶער אִיז פֶערְטְרִיקֶענְט גֶעוָוארֶען, כְּדֵי דֶער וֶועג פוּן דִיא
מְלָכִים דִיא זֶענֶען פוּן מִזְרַח זָאל אָנְגֶעבְּרַייט וֶוערֶען.
13 און אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען אַרויסְקוּמֶען פוּן דֶעם מויל פוּן דֶער דְרַאכֶעשְלַאנְג
און פוּן דֶעם מויל פוּן דֶער חַיָה און פוּן דֶעם מויל פוּן דֶעם פַאלְשֶען נָבִיא
דְרַייא אוּנְרַיינֶע גַייסְטֶער גְלַייךְ וִויא פְרֶעש; 14 וָוארִין זַייא זֶענֶען גַייסְטֶער פוּן
שֵׁדִים וָואס צַייכֶען טְהוּן, און וֶועלְכֶע גֶעהֶען אַרוֹיס צוּ דִיא מְלָכִים פוּן דִיא
גַאנְצֶע וֶועלְט, כְּדֵי זַייא אַיינְצוּזַאמְלֶען צוּ דֶער מִלְחָמָה פוּן דֶעם גְרויסֶען טָאג
פוּן גָאט דֶעם אַלְמֶעכְטִיגֶען. 15 זֶעה, אִיךְ קוּם אַזוֹי וִויא אַ גַנָב; גֶעבֶּענְשְט אִיז
דֶער וָואס וַואכְט און הִיט זַיינֶע קְלַיידֶער, כְּדֵי עֶר זָאל נִיט נַאקְט אַרוּמְגֶע־
הֶען, און מֶען זָאל נִיט זַיינֶע שַאנְד זֶעהֶען. 16 און זַייא הָאבֶּען זַייא אַיינְגֶעזַא־
מֶעלְט אויף דֶעם אָרְט, וָואס הַייסְט אויף הֶעבְּרֶעאִישׁ הַר מְגִדוֹן.
17 און דֶער זִיבֶּענְטֶער הָאט זַיין שָאל אויף דֶער לוּפְט אויסְגֶעגָאסֶען; און אַ
גְרויס קוֹל אִיז פוּן דֶעם שְטוּהְל אַרויסְגֶעקוּמֶען אוֹיס דֶעם טֶעמְפֶּעל און הָאט
גֶעזָאגְט, עֶס אִיז גֶעשֶעהֶען. 18 און עֶס זֶענֶען גֶעוָוארֶען בְּלִיצֶען און קוֹלוֹת און
דוּנֶער, און עֶס אִיז אַ גְרויס עֶרְדְצִיטֶערְנִיש גֶעשֶעהֶען, וָואס אִיז נִיט אַזוֹי
גֶעוֶוען זִינְט דִיא מֶענְשֶען זֶענֶען אויף דֶער עֶרְד גֶעוָוארֶען, אַ זֶעהְר גְרויס
עֶרְדְצִיטֶערְנִיש. 19 און דִיא גְרויסֶע שְטָאדְט אִיז אִין דְרַייא חֲלָקִים צוּטְהֵיילְט
גֶעוָוארֶען, און דִיא שְטֶעדְט פוּן דִיא גוֹיִם זֶענֶען גֶעפַאלֶען. און בָּבֶל דִיא
גְרויסֶע אִיז פָאר גָאט דֶערְמָאהְנְט גֶעוָוארֶען, כְּדֵי אִיהְר צוּ גֶעבֶּען דֶעם בֶּעכֶער
פוּן דֶעם וַויין פוּן דֶעם גְרִים פוּן זַיין צָארְן. 20 און יֶעדֶע אִינְזֶעל אִיז אַנְטְלָא־
פֶען גֶעוָוארֶען, און דִיא בֶּערְג זֶענֶען נִיט גֶעפִינֶען גֶעוָוארֶען. 21 און אַ גְרויסֶער
הָאגֶעל, דְרִינֶען יֶעדֶער הָאגֶעלְשְטֵיין אִיז אַזוֹי וִויא אַ צֶענְטְנֶער שְׁוֶוער, אִיז פוּן
דֶעם הִימֶעל אַרוּפְגֶעקוּמֶען אויף דִיא מֶענְשֶען; און דִיא מֶענְשֶען הָאבֶּען גָאט
גֶעלֶעסְטֶערְט פוּן וֶועגֶען דֶער פְּלָאג פוּן דֶעם הָאגֶעל, וָוארִין זַיינֶע פְּלָאג אִיז
זֶעהְר גְרויס גֶעוֶוען.
יז 1 און אַיינֶער פוּן דִיא זִיבֶּען מַלְאָכִים וָואס הָאבֶּען דִיא זִיבֶּען שָאלֶען גֶעהַאט
אִיז גֶעקוּמֶען און הָאט מִיט מִיר גֶערֶעט און גֶעזָאגְט, קוּם אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזֶען
דָאס מִשְׁפָּט פוּן דִיא גְרויסֶע זוֹנָה וֶועלְכֶע הָאט אויף פִילֶע וַואסֶער גֶעזֶעסֶען;
2 מִיט וֶועלְכֶער דִיא מְלָכִים פוּן דֶער עֶרְד זֶענֶען מְזַנֶה גֶעוֶוען, און דִיא וָואס
וְואוֹינֶען אויף דֶער עֶרְד הָאבֶּען זִיךְ בֶּעטְרוּנְקֶען מִיט דֶעם וַויין פוּן אִיהְרֶע
זְנוּת. 3 און עֶר הָאט מִיךְ אִים גַייסְט אַוֶועקְגֶעפִיהְרְט אִין דֶער מִדְבָּר; און אִיךְ
הָאבּ אַ פְרויא גֶעזֶעהֶען זִיצֶען אויף אַ רויטֶע חַיָה, וָואס אִיז פוּל מִיט גֶעמֶען

פון לעסטערונג, און וואס האט זיבען קעפ און צעהן הערנער געהאט. 4 און
דיא פרויא איז געקלייד געוועזען אין פורפור און רויטער זייד, און בעדעקט מיט
גאלד און טהייערע שטיינער און פערלען, און זיא האט אין איהרע האנד א
גאלדענעם בעכער געהאט פול מיט גרייעל און מיט דיא אונרייניגקייטען פון
איהרע זנות. 5 און אויף איהר שטערן איז א נאמען געשריבען געווארען,
א סוד, בבל דיא גרויסע, דיא מוטער פון דיא הורען
און פון דיא גרייעל פון דער ערד. 6 און איך האב דיא פרויא
געזעהען בעטרונקען מיט דעם בלוט פון דיא הייליגע און מיט דעם בלוט
פון דיא עדות פון ישוע. און ווען איך האב זיא געזעהען האב איך מיך
פערוואונדערט מיט א גרויסען וואונדער. 7 און דער מלאך האט צו מיר געזאגט,
ווארום האסט דוא דיך געוואונדערט? איך וועל דיר זאגען דעם סוד פון
דער פרויא און פון דער חיה וואס טראגט זיא, וואס האט דיא זיבען קעפ
און דיא צעהן הערנער. 8 דיא חיה וואס דוא האסט געזעהען איז געוועזען און
איז ניט, און וועט ארויפקומען פון דעם אפגרונד, און געהט אוועק צום
פערדארבען; און דיא וואס וואוינען אויף דער ערד וועלען זיך וואונדערן, וואס
זייערע נעמען זענען ניט אים ספר החיים געשריבען געווארען פון דער
גרינדונג פון דער וועלט, ווען זייא זעהען דיא חיה, אז זיא איז געוועזען און
איז ניט און וועט קומען.

9 דא איז דער פערשטאנד וואס האט חכמה. דיא זיבען קעפ זענען זיבען
בערג, אויף וועלכע דיא פרויא זיצט. 10 און עס זענען זיבען מלכים; דיא
פינף זענען געפאלען, דער איינער איז, דער אנדערער איז נאך ניט געקומען;
און ווען ער איז געקומען מוז ער אביסעל בלייבען. 11 און דיא חיה וואס איז
געוועזען און איז ניט, זיא איז דיא אכטע, און איז פון דיא זיבען, און געהט
אוועק צום פערדארבען. 12 און דיא צעהן הערנער וואס דוא האסט געזעהען
זענען צעהן מלכים, וועלכע האבען נאך ניט קיין קעניגרייך דערהאלטען,
נייערט זייא דערהאלטען מאכט אלס קעניגע פאר א שעה מיט דער חיה.
13 און דיזע האבען איינע מיינונג, און זייא געבען זייערע קראפט און זייערע
מאכט צו דער חיה. 14 דיזע וועלען מלחמה האלטען מיט דעם לאם, און
דאס לאם וועט זייא איבערוועלטיגען, ווייל ער איז דער האר פון הארען און
דער קעניג פון קעניגע, און דיא וואס זענען מיט איהם זענען בערופען און
אויסדערוועהלט און געטרייא.

15 און ער האט צו מיר געזאגט, דיא וואסער וואס דוא האסט געזעהען, וואו
דיא זונה זיצט, זענען פעלקער און פערזאמלונגען און גוים און לשונות.
16 און דיא צעהן הערנער וואס דוא האסט געזעהען און דיא חיה, דיזע וועלען
דיא חיה פיינד האבען, און וועלען זיא וויסט און נאקט מאכען, און וועלען
איהר פלייש אויפעסען, און וועלען זיא מיט פייער פערברענען. 17 ווארין
גאט האט אין זייערע הערצער געגעבען אז זייא זאלען זיין עצה טהון, און
זייא זאלען איין עצה דערהאלטען, און זאלען זייער קעניגרייך צו דער חיה

גֶעגֶעבֶּען בִּיז דִיא וֶוערְטֶער פוּן גָאט וֶועלֶען דֶערְפִילְט וֶוערֶען. 18 אוּן דִיא
פְרויא וָואס דוּא הָאסְט גֶעזֶעהֶען אִיז דִיא גְרויסֶע שְׁטָאדְט, וָואס הָאט אַ
קֶענִיגְרֵייךְ אִיבֶּער דִיא קֶענִיגֶע פוּן דֶער עֶרְד.

יח 1 נָאךְ דִיזֶע זַאכֶען הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהֶען אֵיין אַנְדֶערֶען מַלְאָךְ אַרוֹפְּקוּמֶען
פוּן דֶעם הִימֶעל, אוּן עֶר הָאט גְרויסֶע מַאכְט גֶעהַאט, אוּן דִיא עֶרְד אִיז פוּן
זַיינֶער הֶערְלִיכְקֵייט דֶערְלֵייכְטֶעט גֶעוָוארֶען. 2 אוּן עֶר הָאט מִיט אַ שְׁטַארְקֶען
קוֹל גֶעשְׁרִיגֶען אוּן גֶעזָאגְט, גֶעפַאלֶען גֶעפַאלֶען אִיז בָּבֶל דִיא גְרויסֶע, אוּן אִיז
אַ וְואוינוּנְג פוּן שֵׁדִים גֶעוָוארֶען, אוּן אַ גֶעפֶענְגְנִיס פוּן יֶעדֶעם אוּנְרֵיינֶען גֵייסְט,
אוּן אַ גֶעפֶענְגְנִיס פוּן יֶעדֶעם אוּנְרֵיינֶען אוּן פֶערְהַאסְטֶען פֵייגֶעל; 3 ווייל זִיא
הָאט אַלֶע גוֹיִם גֶעגֶעבֶּען צוּ טְרִינְקֶען פוּן דֶעם וויין פוּן דֶעם צָארְן פוּן אִיהְרֶע
זְנוּת, אוּן דִיא קֶענִיגֶע פוּן דֶער עֶרְד זֶענֶען מִיט אִיהְר מְזַנֶה גֶעוֶועזֶען, אוּן דִיא
סוֹחֲרִים פוּן דֶער עֶרְד זֶענֶען רֵייךְ גֶעוָוארֶען פוּן דֶער קְרַאפְט פוּן אִיהְרֶעם שְׁטָאלְץ.
4 אוּן אִיךְ הָאבּ אֵיין אַנְדֶערֶעם קוֹל פוּן דֶעם הִימֶעל גֶעהֶערְט זָאגֶען, קוּמְט
אַרוֹיס פוּן אִיהְר, מֵיין פָאלְק, כְּדֵי אִיהְר זָאלְט נִיט קֵיין טְהֵייל הָאבֶּען מִיט
אִיהְרֶע זִינְד, אוּן זָאלְט נִיט פוּן אִיהְרֶע פְּלָאגֶען בֶּעקוּמֶען. 5 ווייל אִיהְרֶע זִינְד
הָאבֶּען בִּיז צוּם הִימֶעל גֶערֵייכְט, אוּן גָאט הָאט גֶעדַאכְט אָן אִיהְרֶע אוּנְגֶע־
רֶעכְטִיגְקֵייטֶען. 6 פֶערְגֶעלְט אִיהְר אַזוֹי וויא זִיא הָאט אוֹיךְ פֶערְגָאלְטֶען, אוּן
בֶּעצָאהְלְט אִיהְר דָאפֶּעלְט נָאךְ אִיהְרֶע וֶוערְק; מִיט דֶעם בֶּעכֶער וָואס זִיא
הָאט גֶעמִישְׁט מִישְׁט אִיהְר אָן דָאפֶּעלְט. 7 אַזוֹי פִיל זִיא הָאט זִיךְ פֶערְ־
הֶערְלִיכְט אוּן הָאט זִיךְ שְׁטָאלְץ בֶּעטְרָאגֶען, גִיבְּט אִיהְר פֵּיינִיגוּנְג אוּן טְרוֹיעֶר.
ווייל זִיא זָאגְט אִין אִיהְר הַארְץ, אִיךְ זִיץ אַ מַלְכָּה אוּן בִּין נִיט קֵיינֶע
אַלְמָנָה, אוּן וֶועל נִיט קֵיין טְרוֹיעֶר זֶעהֶען; 8 דֶעסְטְוֶועגֶען וֶועלֶען אִיהְר
פְּלָאגֶען אִין אֵיין טָאג קוּמֶען, טוֹיט אוּן טְרוֹיעֶר אוּן הוּנְגֶער, אוּן אִין פֵייעֶר
וֶועט זִיא גַאנְץ פֶערְבְּרֶענְט וֶוערֶען; וָוארִין דֶער הַאר גָאט דֶער הָאט זִיא
גֶעמִשְׁפָּט אִיז מֶעכְטִיג.

9 אוּן דִיא קֶענִיגֶע פוּן דֶער עֶרְד וָואס זֶענֶען מִיט אִיהְר מְזַנֶה גֶעוֶועזֶען
אוּן הָאבֶּען זִיךְ שְׁטָאלְץ בֶּעטְרָאגֶען וֶועלֶען אִיבֶּער אִיהְר וויינֶען אוּן קְלָאגֶען,
וֶוען זַייא וֶועלֶען זֶעהֶען דֶעם רוֹיךְ פוּן אִיהְרֶער פֶערְבְּרֶענוּנְג. 10 אוּן זַייא שְׁטֶע־
הֶען פוּן וויי‍טֶען וֶועגֶען דֶער פָארְכְט פוּן אִיהְרֶער פֵּיינִיגוּנְג אוּן זָאגֶען, וֶועה וֶועה
דִיא גְרויסֶע שְׁטָאדְט, בָּבֶל דִיא שְׁטַארְקֶע שְׁטָאדְט, וָוארִין אִין אֵיינֶער שָׁעָה
אִיז דֵיין מִשְׁפָּט גֶעקוּמֶען. 11 אוּן דִיא סוֹחֲרִים פוּן דֶער עֶרְד וויינֶען אִיבֶּער
אִיהְר אוּן קְלָאגֶען, ווייל קֵיינֶער קוֹיפְט נִיט מֶעהְר דִיא סְחוֹרָה פוּן זַייעֶרֶע
הַאנְדְלוּנְג, 12 סְחוֹרָה פוּן גָאלְד אוּן זִילְבֶּער אוּן טְהֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער אוּן
פֶּערְלֶען אוּן פֵיינֶע לֵיינְוַואנְד אוּן פּוּרְפּוּר אוּן זַייד אוּן רוֹיטֶע זַייד, אוּן פוּן
אַלֶערְלֵייא טְהִיגֶענְהָאלְץ, אוּן אַלֶערְלֵייא כֵּלִים פוּן עֶלְפֶענְבֵּיין, אוּן אַלֶערְלֵייא
כֵּלִים פוּן זֶעהְר טְהֵייעֶרֶעם הָאלְץ אוּן פוּן קוּפֶּער אוּן פוּן אַייזֶען אוּן פוּן
מַארְמֶעלְשְׁטֵיין, 13 אוּן אוֹיךְ נִיט זַייעֶר צִימְרִינְג אוּן נְכֹאת אוּן קְטוֹרֶת אוּן
מֹר אוּן ווייהְרוֹיךְ אוּן וויין אוּן עֶהְל אוּן זֶעמֶעלְמֶעהְל אוּן ווייץ אוּן בְּהֵמוֹת

און שָׁאף, און סְחוֹרָה פון פֶערְד און וָואגֶען און לֵייבֶּער און אויךְ נְשָׁמוֹת
פון מֶענְשֶׁען. 14 און דָאס אויפְּסְט וָואס דֵיין הַארְץ הָאט גֶעגְלוּסְט הָאט
זִיךְ פון דִיר אָפְּגֶעטְהוּן, און אַלֶע פֵיינֶע שְׁפֵּייזֶען און לוּיטֶערֶע זַאכֶען זֶענֶען
פון דִיר פֶערְלוֹירֶען גֶעגַאנְגֶען, און דוּא וֶועסְט זֵייא קֵיינְמָאל נִיט מֶעהְר גֶעפִי־
נֶען. 15 דִיא סוֹחֲרִים פון דִיזֶע זַאכֶען, וֶועלְכֶע זֶענֶען פון אִיהְר רֵייךְ גֶעוָוארֶען,
וֶועלֶען פון ווייטֶען שְׁטֶעהֶען וֶועגֶען דֶער פָּארְכְט פון אִיהְרֶער פֵּיינִיגוּנְג, און
וֶועלֶען ווֵיינֶען און קְלָאגֶען, 16 און וֶועלֶען זָאגֶען, וֶועה וֶועה, דִיא גְרוֹיסֶע
שְׁטָאדְט, וָואס אִיז גֶעקְלֵייד גֶעוֶועזֶען אִין פֵיינֶער לֵיינְוַואנְד און פּוּרְפּוּר און
רוֹיטֶער זֵייד, און אִיז בֶּעדֶעקְט גֶעוֶועזֶען מִיט גָאלְד און טְהֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער און
פֶּערְל, 17 וָוארִין אִין אֵיינֶער שָׁעָה אִיז אַזֶעלְכֶע רֵייכְקֵייט פֶערְווִיסְט גֶעוָוארֶען.
און יֶעדֶער שִׁיפְמֵייסְטֶער און יֶעדֶער וָואס שִׁיפְט זִיךְ צוּ אַ בֶּעשְׁטִימְטֶען אָרְט
און דִיא מַאטְרָאזֶען און אַלֶע וָואס אִים יַם אַרְבֵּייטֶען זֶענֶען פון ווייטֶען גֶע־
שְׁטַאנֶען, 18 און וֶוען זֵייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען דֶעם רוֹיךְ פון אִיהְרֶער פֶערְבְּרֶענוּנְג
הָאבֶּען זֵייא גֶעשְׁרִיגֶען און גֶעזָאגְט, וָואסְפַאר אַ שְׁטָאדְט אִיז גְלֵייךְ צוּ דִיא
גְרוֹיסֶע שְׁטָאדְט? 19 און זֵייא הָאבֶּען שְׁטוֹיבּ אויף זֵייעֶרֶע קֶעפּ גֶעוָוארְפֶען, און
הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען, און זֵייא ווֵיינֶען און קְלָאגֶען און זָאגֶען, וֶועה וֶועה, דִיא
גְרוֹיסֶע שְׁטָאדְט, דְרִינֶען אַלֶע וָואס הָאבֶּען דִיא שִׁיפֶען אויף דֶעם יַם גֶעהַאט
זֶענֶען רֵייךְ גֶעוָוארֶען פון וֶועגֶען אִיהְרֶע טְהֵייעֶרִיגְקֵייט, וָוארִין אִין אֵיינֶער שָׁעָה
אִיז זִיא פֶערְווִיסְט גֶעוָוארֶען. 20 פְרֵייעֶ דִיךְ אִיבֶּער אִיהְר, הִימֶעל און אִיהְר
הֵיילִיגֶע און אִיהְר אַפָּאסְטֶעל און אִיהְר נְבִיאִים; ווייל גָאט הָאט אֵייעֶר מִשְׁפָּט
אִיבֶּער אִיהְר גֶעטְהוּן.

21 און אַ שְׁטַארְקֶער מַלְאָךְ הָאט אַ שְׁטֵיין אויפְגֶעהוֹיבֶּען גְלֵייךְ ווִיא אַ גְרוֹי־
סֶען מִיהְלְשְׁטֵיין, און הָאט אִיהְם אִים יַם אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען און גֶעזָאגְט, אַזוֹי
וֶועט בָּבֶל דִיא גְרוֹיסֶע שְׁטָאדְט מִיט גֶעוַואלְט אַרֵיינְגֶעוָוארְפֶען וֶוערֶען, און
וֶועט קֵיינְמָאל נִיט מֶעהְר גֶעפִינֶען וֶוערֶען. 22 און דָאס קוֹל פון הַארְפֶענְ־
שְׁפִּילֶער און זִינְגֶער און פֵייפֶער און הָארְנְבְּלָאזֶער וֶועט אִין דִיר קֵיינְמָאל נִיט
מֶעהְר גֶעהֶערְט וֶוערֶען, און קֵיין מֵייסְטֶער פון אַלֶערְלֵייא קוּנְסְט וֶועט אִין דִיר
קֵיינְמָאל נִיט מֶעהְר גֶעפִינֶען וֶוערֶען, און דָאס קוֹל פון אַ מִיהְלְשְׁטֵיין וֶועט אִין
דִיר קֵיינְמָאל נִיט מֶעהְר גֶעהֶערְט וֶוערֶען, 23 און דָאס לִיכְט פון אַ לָאמְפֶּע וֶועט
זִיךְ אִין דִיר קֵיינְמָאל נִיט מֶעהְר בֶּעווייזֶען, און דָאס קוֹל פון אַ חָתָן און פון אַ
כַּלָה וֶועט אִין דִיר קֵיינְמָאל נִיט מֶעהְר גֶעהֶערְט וֶוערֶען; ווייל דֵיינֶע סוֹחֲרִים
זֶענֶען דִיא פִירְשְׁטֶען פון דֶער עֶרְד גֶעוֶועזֶען, וָוארִין דוּרְךְ דֵיין כִּשׁוּף זֶענֶען אַלֶע
גוֹיִם פֶערְפִיהְרְט גֶעוָוארֶען. 24 און אִין אִיהְר אִיז דָאס בְּלוּט פון נְבִיאִים און
הֵיילִיגֶע גֶעפִינֶען גֶעוָוארֶען, און פון אַלֶע וָואס זֶענֶען אויף דֶער עֶרְד גֶעשָׁאכְ־
טֶען גֶעוָוארֶען.

יט 1 נָאךְ דִיזֶע זַאכֶען הָאבּ אִיךְ אַזוֹי ווִיא אַ הוֹיךְ קוֹל פון אַ גְרוֹיסֶע פֶערְ־
זַאמְלוּנְג אִים הִימֶעל גֶעהֶערְט זָאגֶען,

הַלְלוּיָה; יְשׁוּעָה און הֶערְלִיכְקֵייט און קְרַאפְט גֶעהֶערֶען צוּ אוּנְזֶערֶעם גָאט,

2 װָארִין זֵיינֶע מִשְׁפָּטִים זֶענֶען װָאהְרְהַאפְטִיג און גֶערֶעכְט; װײל עֶר
הָאט דִיא גְרױסֶע זוֹנָה גֶעמִשְׁפָּט װָאס הָאט דִיא עֶרְד פֶערְדָארְבֶּען
מִיט אִיהְרֶער זְנוּת, און עֶר הָאט זִיךְ נוֹקֵם גֶעװֶען פַאר דֶעם בְּלוּט
פון זֵיינֶע קְנֶעכְט פון אִיהְרֶע הַאנְד.
3 און זֵייא הָאבֶּען נָאךְ אַמָאל גֶעזָאגְט, הַלְלוּיָה. און אִיהְר רױךְ גֶעהְט אױף
פון עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט. 4 און דִיא פִיעֶר און צְװַאנְצִיג זְקֵנִים און דִיא
פִיעֶר חַיוֹת זֶענֶען אַנִידֶערְגֶעפַאלֶען, און הָאבֶּען זִיךְ גֶעבִּיקְט צוּ גָאט דֶער אִיז
אױף דֶעם שְׁטוּהְל גֶעזֶעסֶען, און הָאבֶּען גֶעזָאגְט, אָמֵן, הַלְלוּיָה. 5 און אַ קוֹל
פון דֶעם שְׁטוּהְל אִיז אַרױסְגֶעקוּמֶען און הָאט גֶעזָאגְט,
לױבְּט אוּנְזֶערֶעם גָאט, אַלֶע זֵיינֶע קְנֶעכְט, דִיא װָאס פָארְכְטֶען זִיךְ
פַאר אִיהְם, דִיא קְלֵיינֶע און דִיא גְרױסֶע.
6 און אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַזױ װִיא אַ קוֹל פון פִיל לֵייט, און אַזױ װִיא אַ קוֹל
פון פִילֶע װַאסֶער, און אַזױ װִיא אַ קוֹל פון שְׁטַארְקֶע דוּנֶער, װָאס הָאבֶּען גֶעזָאגְט,
הַלְלוּיָה; װָארִין דֶער הַאר אוּנְזֶער גָאט, דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער, הָאט
גֶעהֶערְשְׁט. 7 לָאזְט אוּנְז פְרֵייעֶן און פְרֶעהְלִיךְ זֵיין, און גֶעבֶּען
אִיהְם דֶעם כָּבוֹד; װײל דִיא חֲתוּנָה פון דֶעם לַאם אִיז גֶעקוּמֶען,
און זֵיין װײבּ הָאט זִיךְ פַארְטִיג גֶעמַאכְט.
8 און עֶס אִיז אִיהְר גֶעגֶעבֶּען אַז זִיא זָאל גֶעקְלֵייד װֶערֶען אִין פֵיינֶער און רֵיינֶער
לֵיינְוַואנְד; װָארִין דִיא לֵיינְוַואנְד אִיז דִיא גֶערֶעכְטִיגְקֵייטֶען פון דִיא הֵיילִיגֶע.
9 און עֶר הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, שְׁרֵייבּ, גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִיא װָאס זֶענֶען
גֶערוּפֶען צוּ דֶער מָאהְלְצֵייט פון דֶער חֲתוּנָה פון דֶעם לַאם. און עֶר הָאט
צוּ מִיר גֶעזָאגְט, דִיזֶע זֶענֶען דִיא װָאהְרְהַאפְטִיגֶע װֶערְטֶער פון גָאט. 10 און
אִיךְ בִּין פָאר זֵיינֶע פִּיס אַנִידֶערְגֶעפַאלֶען מִיךְ צוּ אִיהְם צוּ בִּיקֶען. און עֶר
הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, זֶעה, דוּא זָאלְסְט עֶס נִיט טְהוּן; אִיךְ בִּין אַ מִיטְקְנֶעכְט
מִיט דִיר און מִיט דֵיינֶע בְּרִידֶער װָאס הַאלְטֶען דָאס צֵייגְנִיס פון יֵשׁוּעַ; בִּיק
דִיךְ צוּ גָאט. װָארִין דָאס צֵייגְנִיס פון יֵשׁוּעַ אִיז דֶער גֵייסְט פון דֶער נְבוּאָה.
11 און אִיךְ הָאבּ דֶעם הִימֶעל גֶעזֶעהֶען אױפְגֶעמַאכְט, און זֶעה אַ װײס פֶערְד,
און דֶער װֶעלְכֶער אִיז אױף אִיהְם גֶעזֶעסֶען הָאט גֶעהֵייסֶען גֶעטְרֵייעֶר און
װָאהְרְהַאפְטִיגֶער, און אִין גֶערֶעכְטִיגְקֵייט רִיכְטֶעט עֶר און הַאלְט מִלְחָמָה.
12 און זֵיינֶע אױגֶען זֶענֶען װִיא אַ פְלַאם פון פֵייעֶר גֶעװֶען, און אױף זֵיין קָאפּ
זֶענֶען פִילֶע קְרוֹינֶען, און עֶר הָאט אַ נָאמֶען גֶעשְׁרִיבֶּען, װָאס קֵיינֶער הָאט נִיט
גֶעװוּאוּסְט נוּר עֶר אַלֵיין; 13 און עֶר אִיז גֶעקְלֵייד גֶעװֶען אִין אַ קְלֵייד אֵיינְ־
גֶעטוּנְקֶען אִין בְּלוּט, און זֵיין נָאמֶען אִיז גֶערוּפֶען גֶעװָארֶען, דָאס װָארְט פון
גָאט. 14 און דִיא הֶערְשַׁארֶען װָאס זֶענֶען אִים הִימֶעל זֶענֶען אִיהְם אױף
װײסֶע פֶערְד נָאכְגֶעגַאנְגֶען, און זֵייא זֶענֶען אִין װײסֶער און רֵיינֶער לֵיינְוַואנְד
גֶעקְלֵייד גֶעװֶען. 15 און פון זֵיין מױל אִיז אַ שַׁארְפֶעס שְׁװֶערְט אַרױסְגֶעגַאנְ־
גֶען, כְּדֵי עֶר זָאל דֶערְמִיט דִיא גוֹיִם שְׁלָאגֶען; און עֶר װֶעט אִיבֶּער זֵייא הֶערְ־
שֶׁען מִיט אֵייזֶערְנֶע רוּט; און עֶר טְרֶעט אַלֵיין דִיא װֵיינְקֶעלְטֶער פון

דעם גרים פון דעם צארן פון גאט דעם אלמעכטיגען. 16 און ער האט אויף
זיין קלייד און אויף זיינע דיעך א נאמען אנגעשריבען, קעניג פון קע־
ניגע און האר פון הארען.

17 און איך האב א מלאך געזעהען שטעהען אין דער זון, און ער האט מיט
א הויך קול געשריגען און געזאגט צו אלע פייגעל וואס פליהען ארום אין
מיטען פון דעם הימעל, קומט זאמעלט אייך איין צו די גרויסע סעודה פון
גאט; 18 כדי איהר זאלט דאס פלייש פון קעניגע פרעסען, און דאס פלייש פון
הויפטמענער און דאס פלייש פון גבורים און דאס פלייש פון פערד און פון
די וואס זענען דרויף געזעסען, און דאס פלייש פון אלע פרייע און קנעכט
פון קליינע און גרויסע.

19 און איך האב געזעהען די חיה און די מלכים פון דער ערד און זייערע
הערשארען איינגעזאמעלט מלחמה צו האלטען מיט דעם וועלכער איז אויף
דעם פערד געזעסען, און מיט זיינער הערשאר. 20 און די חיה איז געפאנגען
געווארען, און מיט איהר דער פאלשע נביא וואס האט די צייכען פאר איהר
געטהון, מיט וועלכע ער האט פערפיהרט די וואס האבען דאס צייכען פון
דער חיה אנגענומען, און וואס האבען זיך צו איהר בילד געביקט; די ביידע
זענען לעבענדיג אים טייך פון פייער וואס ברענט מיט שוועבעל אריינגע־
ווארפען. 21 און די איבריגע זענען געהרגעט געווארען מיט דעם שווערט וואס
איז ארויסגעגאנגען פון דעם מויל פון דעם וואס איז געזעסען אויף דעם פערד,
און אלע פייגעל זענען פון זייער פלייש זאט געווארען.

כ 1 און איך האב א מלאך געזעהען ארופקומען פון דעם הימעל, וואס האט
דעם שליסעל פון דעם אפגרונד געהאט און א גרויסע קעט אין זיינע האנד.
2 און ער האט די דראכעשלאנג גענומען, די אלטע שלאנג, וואס איז דער
טייפעל און דער שטן, און ער האט זיא געבונדען טויזענד יאהר. 3 און ער
האט זיא אים אפגרונד אריינגעווארפען, און האט איבער זיא פערשלאסען און
א זיגעל געלעגט, כדי זיא זאל ניט מעהר די גוים פערפיהרען ביז די
טויזענד יאהר וועלען געענדיגט ווערען; דערנאך מוז זיא אויפגעבונדען ווערען
פאר א קליינע צייט.

4 און איך האב שטוהלען געזעהען און זייא זענען אויף זייא געזעסען, און
דאס משפט איז זייא געגעבען. און איך האב געזעהען די נשמות פון די
וואס זענען געקעפט געווארען וועגען דעם צייגנים פון ישוע און וועגען דעם
ווארט פון גאט, און וואס האבען זיך ניט צו דער חיה געביקט און ניט צו
איהר בילד, און וואס האבען ניט דאס צייכען אנגענומען אויף זייער שטערן
און אויף זייערע האנד. און זייא האבען געלעבט, און האבען מיט דעם משיח
געהערשט טויזענד יאהר. 5 די איבריגע טויטע האבען ניט געלעבט ביז
די טויזענד יאהר זענען געענדיגט. דאס איז די ערשטע אויפשטעהונג.
6 געבענשט און הייליג איז דער וועלכער האט א טהייל אין די ערשטע
אויפשטעהונג; איבער דיזע האט דער צווייטע טויט ניט קיינע מאכט, נייערט

זַייא װֶעלֶען כֹּהֲנִים פוּן גָאט און פוּן דֶעם מָשִׁיחַ זַיין, און זַייא װֶעלֶען מִיט
אִיהְם הֶערְשֶׁען דִיא טױזֶענְד יָאהְר.
7 און װֶען דִיא טױזֶענְד יָאהְר זֶענֶען גֶעעֶנְדִיגְט װֶעט דֶער שָׂטָן פוּן זַיין גֶעפֶּענְגְ־
נִים פְרַייא גֶעמַאכְט. 8 און עֶר װֶעט אַרױסְגֶעהֶען צוּ פֶערְפִיהְרֶען דִיא גוֹיִם װָאס
זֶענֶען אִין דִיא פִיעֶר עֶקֶען פוּן דֶער עֶרְד, גוֹג וּמָגוֹג, זַייא אֵיינְצוּזַאמְלֶען צוּ
דֶער מִלְחָמָה, װָאס זַייעֶרֶע צָאהְל אִיז אַזױ װִיא דֶער זַאנְד פוּן דֶעם יַם. 9 און
זַייא זֶענֶען אױפְגֶעגַאנְגֶען אױף דֶער בְּרַייט פוּן דֶער עֶרְד, און הָאבֶּען דִיא
מַחֲנֶה פוּן דִיא הֵיילִיגֶע און דִיא גֶעלִיבְּטֶע שְׁטָאדְט אַרוּמְגֶערִינְגֶעלְט; און עֶס
אִיז פֵייעֶר אַרוּפְּגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם הִימֶעל, און הָאט זַייא פֶערְבְּרֶענְט. 10 און
דֶער שָׂטָן װָאס הָאט זַייא פֶערְפִיהְרְט אִיז אִים טֵייךְ פוּן פֵייעֶר און שְׁװֶעבֶּעל
אַרַיינְגֶעװָארְפֶען גֶעװָארֶען, װְאוּ דִיא חַיָה און דֶער פַאלְשֶׁע נָבִיא זֶענֶען, און
זַייא װֶעלֶען טָאג און נַאכְט גֶעפֵּיינִיגְט װֶערֶען פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט.
11 און אִיךְ הָאבּ אַ גְרױסֶען װַייסֶען שְׁטוּהְל גֶעזֶעהֶען, און דֶעם װֶעלְכֶער אִיז
דְרױף גֶעזֶעסֶען, און פוּן זַיין פָּנִים זֶענֶען דֶער הִימֶעל און דִיא עֶרְד אַנְטְלָאפֶען,
און עֶס אִיז פַאר זַייא נִיט קֵיין אָרְט גֶעפִינֶען גֶעװָארֶען. 12 און אִיךְ הָאבּ דִיא
טױטֶע גֶעזֶעהֶען, דִיא גְרױסֶע און דִיא קְלֵיינֶע, שְׁטֶעהֶען פָאר דֶעם שְׁטוּהְל; און
דִיא בִּיכֶער זֶענֶען אױפְגֶעמַאכְט גֶעװָארֶען. און אֵיין אַנְדֶערֶעס בּוּךְ אִיז אױפְגֶע־
מַאכְט גֶעװָארֶען, דָאס אִיז דָאס סֵפֶר הַחַיִים; און דִיא טױטֶע זֶענֶען נָאךְ זַייעֶרֶע
מַעֲשִׂים גֶעמִשְׁפָּט גֶעװָארֶען אױס דִיא זַאכֶען װָאס זֶענֶען אִין דִיא בִּיכֶער
גֶעשְׁרִיבֶּען גֶעװָארֶען. 13 און דֶער יַם הָאט דִיא טױטֶע װָאס זֶענֶען אִין אִיהְם
אַרױסְגֶעגֶעבֶּען, און דֶער טױט און דֶער שְׁאוֹל הָאבֶּען דִיא טױטֶע װָאס זֶענֶען
אִין זַייא אַרױסְגֶעגֶעבֶּען, און אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ אִיז נָאךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים גֶעמִשְׁפָּט
גֶעװָארֶען. 14 און דֶער טױט און דֶער שְׁאוֹל זֶענֶען אִים טֵייךְ פוּן פֵייעֶר אַרַיינְ־
גֶעװָארְפֶען גֶעװָארֶען. דָאס אִיז דֶער צְװֵייטֶע טױט, דֶער טֵייךְ פוּן פֵייעֶר. 15 און
װֶען אֵיימִיצֶער אִיז נִיט גֶעפִינֶען גֶעװָען גֶעשְׁרִיבֶּען אִים סֵפֶר הַחַיִים, אִיז
עֶר אִים טֵייךְ פוּן פֵייעֶר אַרַיינְגֶעװָארְפֶען גֶעװָארֶען.

כא

1 און אִיךְ הָאבּ אַ נֵייעֶן הִימֶעל און אַ נֵייעֶ עֶרְד גֶעזֶעהֶען; װָארִין דֶער
עֶרְשְׁטֶע הִימֶעל און דִיא עֶרְשְׁטֶע עֶרְד זֶענֶען פֶערְגַאנְגֶען, און דֶער יַם אִיז נִיט
מֶעהְר פַארְהַאנֶען. 2 און אִיךְ הָאבּ דִיא הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט גֶעזֶעהֶען דָאס נֵייעֶ
יְרוּשָׁלַיִם אַרוּפְּקוּמֶען פוּן דֶעם הִימֶעל פוּן גָאט, אָנְגֶעבְּרֵייט גְלֵייךְ װִיא אַ כַּלָה
װֶעלְכֶע אִיז פַאר אִיהְר מַאן גֶעצִירְט. 3 און אִיךְ הָאבּ אַ הױךְ קוֹל פוּן דֶעם
שְׁטוּהְל גֶעהֶערְט זָאגֶען, זֶעה דָאס מִשְׁכָּן פוּן גָאט אִיז מִיט מֶענְשֶׁען, און עֶר
װֶעט מִיט זַייא װְאױנֶען, און זַייא װֶעלֶען זַיין פָאלְק זַיין, און גָאט אַלֵיין װֶעט
מִיט זַייא זַיין, און װֶעט זַיין זַייעֶר גָאט. 4 און עֶר װֶעט אַלֶע טְרֶערֶען אָפְּװִישֶׁען
פוּן זַייעֶרֶע אױגֶען, און עֶס װֶעט נִיט מֶעהְר זַיין קֵיין טױט און אױךְ קֵיינֶע
קְלָאג און אױךְ קֵיין גֶעשְׁרַייא און אױךְ קֵיינֶע פֵּיין; װָארִין דִיא עֶרְשְׁטֶע זַאכֶען
זֶענֶען פֶערְגַאנְגֶען. 5 און דֶער װֶעלְכֶער אִיז אױף דֶעם שְׁטוּהְל גֶעזֶעסֶען
הָאט גֶעזָאגְט, זֶעה אִיךְ מַאךְ אַלֶע זַאכֶען נֵייא. און עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט,

שרייב, ווייל דיזע ווערטער זענען געטרייא און וואהרהאפטיג. 6 און ער האט
צו מיר געזאגט, זייא זענען געשעהען. איך בין דיא א׳ און דיא ת׳, דער אנהייב
און דאס ענד. צו דעם וואס איז דורשטיג וועל איך געבען פון דער קוועלע
פון דעם וואסער פון לעבען אומזוסט. 7 דער וואס איבערוועלטיגט וועט
דיזע זאכען ירשענען, און איך וועל זיין גאט זיין, און ער וועט זיין מיין זוהן.
8 אבער דיא פארכטזאמע און אונגלויביגע און אונווירדיגע און מערדער און
נואפים און צויבערער און געצענדינער און אלע ליגנער וועלען זייער טהייל
האבען אים טייך וואס ברענט מיט פייער און שוועבעל, וואס איז דער צווייטע
טויט.

9 און איינער פון דיא זיבען מלאכים, וועלכע האבען דיא זיבען שאלען
געהאט וואס זענען אנגעפילט מיט דיא זיבען לעצטע פלאגען, איז געקומען,
און האט מיט מיר גערעדט און געזאגט, קום איך וועל דיר ווייזען דיא כלה,
דאס ווייב פון דעם לאם. 10 און ער האט מיך אים גייסט אוועקגעפיהרט צו
א גרויסען און הויכען בארג, און האט מיר דיא גרויסע שטאדט, דאס הייליגע
ירושלים געוויזען ארופקומען פון גאט פון דעם הימעל. 11 און זיא האט דיא
הערליכקייט פון גאט געהאט; איהר ליכט איז גלייך געוועזען צו א זעהר
טהייערען שטיין, אזוי וויא א ישפה שטיין, לויטער וויא קריסטאל. 12 און
זיא האט א גרויסע און הויכע מויער געהאט מיט צוועלף טויערען, און
איבער דיא טויערען זענען צוועלף מלאכים געוועזען, און נעמען געשריבען, וואס
זענען דיא נעמען פון דיא צוועלף שבטים פון ישראל. 13 פון מזרח דרייא
טויערען, און פון צפון דרייא טויערען, און פון דרום דרייא טויערען, און פון
מערב דרייא טויערען. 14 און דיא מויער פון דער שטאדט האט צוועלף
גרונדשטיינער געהאט, און איבער זייא דיא צוועלף נעמען פון דיא צוועלף
אפאסטעל פון דעם לאם.

15 און דער וואס האט מיט מיר גערעדט האט א גאלדענעם ראהר פאר א
מאס געהאט כדי ער זאל מעסטען דיא שטאדט און איהרע טויערען און
איהרע מויער. 16 און דיא שטאדט איז פיער עקעדיג, און איהר לענג איז אזוי
גרויס וויא איהר ברייט. און ער האט דיא שטאדט געמאסטען מיט דעם
ראהר ביז צו צוועלף טויזענד אקער; איהר לענג און איהר ברייט און איהר
הויך זענען גלייך געוועזען. 17 און ער האט איהרע מויער געמאסטען אויף
הונדערט און פיער און פיערציג איילען, דאס מאס פון א מענשען, דאס איז פון
א מלאך. 18 און דאס בויאוועדק פון איהרער מויער איז ישפה געוועזען, און
דיא שטאדט איז ריינעס גאלד, גלייך וויא קלאר גלאז. 19 דיא גרונדשטיינער
פון דער מויער פון דער שטאדט זענען מיט אלערלייא טהייערע שטיינער
געצירט געוועזען; דער ערשטע גרונדשטיין איז ישפה געוועזען, דער צווייטע
סאפיר, דער דריטע כאלצידון, דער פיערטע סמאראגד, 20 דער פינפטע
סארדאניקס, דער זעקסטע סארדיאס, דער זיבענטע כריזאליט, דער אכטע
א פערל, דער נײנטע א טאפאז, דער צעהנטע כריסאפראס, דער עלפטע

הִיאַצִינְט, דֶער צְוֶועלְפְטֶע אַמֶעטְהִיסְט. 21 אוּן דִיא צְוֶועלְף טוֹיעֶרֶען זֶענֶען
צְוֶועלְף פֶּערְלֶען גֶעוֶוען; יֶעדֶע טוֹיעֶר אִיז פוּן אֵיין פֶּערְל גֶעוֶוען. אוּן דִיא
גַאס פוּן דֶער שְׁטָאדְט אִיז רֵיינֶעס גָאלְד גֶעוֶוען, גְלֵייךְ ווִיא שֵׁיינֶענְדִיגֶעס גְלָאז.
22 אוּן אִיךְ הָאבּ דְרִינֶען קֵיין טֶעמְפֶּעל גֶעזֶעהֶען; וָוארִין דֶער הַאר גָאט דֶער
אַלְמֶעכְטִיגֶער אוּן דָאס לַאם זֶענֶען אִיהְר טֶעמְפֶּעל. 23 אוּן דִיא שְׁטָאדְט הָאט
נִיט בֶּעדַארְפְט דִיא זוּן אוּן אוֹיךְ נִיט דִיא לְבָנָה, אַז זֵייא זָאלֶען פַאר אִיהְר
שֵׁיינֶען; וָוארִין דִיא הֶערְלִיכְקֵייט פוּן גָאט הָאט זִיא בֶּעלֵייכְטֶעט, אוּן דָאס לַאם
אִיז אִיהְרֶע לַאמְפֶּע. 24 אוּן דִיא גוֹיִם וֶועלֶען בֵּייא אִיהְרֶעם לִיכְט אַרוּמְגֶעהֶען,
אוּן דִיא קֶענִיגֶע פוּן דֶער עֶרְד בְּרֶענְגֶען צוּ אִיהְר זֵייעֶרֶע הֶערְלִיכְקֵייט. 25 אוּן
אִיהְרֶע טוֹיעֶרֶען וֶועלֶען נִיט בֵּייא טָאג פֶערְשְׁלָאסֶען וֶוערֶען, וָוארִין עֶס וֶועט
נִיט זֵיין דָארְט קֵיינֶע נַאכְט. 26 אוּן זֵייא וֶועלֶען צוּ אִיהְר דִיא הֶערְלִיכְקֵייט אוּן
דֶעם כָּבוֹד פוּן דִיא גוֹיִם בְּרֶענְגֶען. 27 אוּן עֶס וֶועט אִין אִיהְר נִיט אַרֵיינְקוּמֶען
קֵיינֶע אוּנְרֵיינֶע זַאכֶען, אוּן נִיט דֶער וָואס טְהוּט אוּנְווִירְדִיגְקֵייטֶען אוּן זָאגְט
לִיגֶען, נֵייעֶרְט דִיא וָואס זֶענֶען אִים סֵפֶר הַחַיִּים פוּן דֶעם לַאם גֶעשְׁרִיבֶּען.

כב 1 אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעווִיזֶען אַ שְׁטְרוֹים פוּן וַואסֶער פוּן לֶעבֶּען, לוֹיטֶער
ווִיא קְרִיסְטָאל, וָואס אִיז פוּן דֶעם שְׁטוּהְל פוּן גָאט אוּן פוּן דֶעם לַאם אַרוֹיס־
גֶעקוּמֶען. 2 אִין מִיטֶען פוּן זֵיינֶע גַאס אוּן פוּן בֵּיידֶע זֵייטֶען פוּן דֶעם שְׁטְרוֹים,
אִיז אַ בּוֹים פוּן לֶעבֶּען גֶעוֶוען, וָואס הָאט צְוֶועלְף פֵּירוֹת גֶעהַאט, אוּן הָאט
זֵיינֶע פֵּירוֹת גֶעגֶעבֶּען יֶעדֶען חוֹדֶשׁ, אוּן דִיא בְּלֶעטֶער פוּן דֶעם בּוֹים זֶענֶען
פַאר דִיא רְפוּאָה פוּן דִיא גוֹיִם גֶעוֶוען. 3 אוּן עֶס וֶועט נִיט מֶעהְר קֵיין חֵרֶם
זֵיין. אוּן דְרִינֶען וֶועט זֵיין דֶער שְׁטוּהְל פוּן גָאט אוּן פוּן דֶעם לַאם, אוּן זֵיינֶע
קְנֶעכְט וֶועלֶען אִיהְם בֶּעדִינֶען. 4 אוּן זֵייא וֶועלֶען זֵיין פָּנִים זֶעהֶען, אוּן זֵיין
נָאמֶען וֶועט אוֹיף זֵייעֶרֶע שְׁטֶערֶען זֵיין. 5 אוּן עֶס וֶועט נִיט מֶעהְר קֵיינֶע
נַאכְט זֵיין, אוּן זֵייא בֶּעדַארְפֶען נִיט קֵיין לִיכְט פוּן אַ לַאמְפֶּע אוּן נִיט קֵיין לִיכְט
פוּן דֶער זוּן, וָוארִין דֶער הַאר גָאט וֶועט אִיבֶּער זֵייא לֵייכְטֶען, אוּן זֵייא וֶועלֶען
הֶערְשֶׁען פוּן עֶבִּיגְקֵייט צוּ עֶבִּיגְקֵייט.

6 אוּן עֶר הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, דִיזֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען גֶעטְרֵייא אוּן וָואהְר־
הַאפְטִיג; אוּן דֶער הַאר גָאט פוּן דִיא גֵייסְטֶער פוּן דִיא נְבִיאִים הָאט זֵיין מַלְאָךְ
גֶעשִׁיקְט צוּ זֵיינֶע קְנֶעכְט צוּ ווֵייזֶען דָאס וָואס מוּז בַּאלְד גֶעשֶׁעהֶען. 7 אוּן
זֶעה, אִיךְ קוּם גֶעשְׁווִינְד. גֶעבֶּענְשְׁט אִיז דֶער וֶועלְכֶער הִיט דִיא וֶוערְטֶער פוּן
דֶער נְבוּאָה פוּן דִיזֶעם בּוּךְ.

8 אוּן אִיךְ יוֹחָנָן בִּין דֶער וָואס הָאבּ דִיזֶע זַאכֶען גֶעזֶעהֶען אוּן גֶעהֶערְט.
אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אוּן גֶעזֶעהֶען, בִּין אִיךְ אַנִידֶערְגֶעפַאלֶען מִיךְ צוּ
בִּיקֶען פָאר דִיא פִּיס פוּן דֶעם מַלְאָךְ וָואס הָאט מִיר דִיזֶע זַאכֶען גֶעווִיזֶען.
9 אוּן עֶר הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, זֶעה, דוּא זָאלְסְט עֶס נִיט טְהוּן; אִיךְ בִּין דֵיין
מִיטְקְנֶעכְט אוּן אַ חַבֵר פוּן דֵיינֶע בְּרִידֶער דִיא נְבִיאִים, אוּן פוּן דִיא וָואס
הִיטֶען דִיא וֶוערְטֶער פוּן דִיזֶעם בּוּךְ; בִּיק דִיךְ צוּ גָאט.

10 אוּן עֶר הָאט צוּ מִיר גֶעזָאגְט, פֶערְזִיגֶעל נִיט דִיא וֶוערְטֶער פוּן דֶער נְבוּאָה

פוּן דִיזֶעם בּוּךְ; וָוארִין דִיא צַייט אִיז נָאהֶענְט. 11 דֶער וָואס טְהוּט אוּנְרֶעכְט,
לָאז עֶר ווייטֶער אוּנְרֶעכְט טְהוּן; אוּן דֶער וָואס אִיז אוּנְרֵיין, לָאז עֶר ווייטֶער
אוּנְרֵיין זַיין; אוּן דֶער וָואס אִיז גֶערֶעכְט לָאז עֶר ווייטֶער גֶערֶעכְטִיגְקַייט טְהוּן,
אוּן דֶער וָואס אִיז הֵיילִיג לָאז עֶר ווייטֶער הֵיילִיג זַיין. 12 זֶעה, אִיךְ קוּם גֶע־
שְׁווִינְד; אוּן מֵיין לוין אִיז מִיט מִיר, צוּ בֶּעצָאהְלֶען צוּ יֶעדֶעם אַזוֹי וִויא זַיין
וֶוערְק אִיז גֶעוֶוען. 13 אִיךְ בִּין דִיא א׳ אוּן דִיא ת׳, דֶער עֶרְשְׁטֶער אוּן דֶער
לֶעצְטֶער, דֶער אָנְהֵייבּ אוּן דָאס עֶנְד. 14 גֶעבֶּענְשְׁט זֶענֶען דִיא וֶועלְכֶע וַואשֶׁען
זֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, כְּדֵי זֵייא זָאלֶען הָאבֶּען דִיא מַאכְט צוּ דֶעם בּוֹים פוּן לֶעבֶּען,
אוּן זָאלֶען דוּרְךְ דִיא טוֹיעֶרֶען אִין דֶער שְׁטָאדְט אַרֵיינְקוּמֶען. 15 דְרוֹיסֶען זֶענֶען
דִיא הִינְד אוּן דִיא צוֹיבֶּערֶער אוּן דִיא הוּרֶער אוּן דִיא מֶערְדֶער אוּן דִיא
גֶעצֶענְדִינֶער אוּן אִיטְלִיכֶער וָואס לִיבְּט אוּן טְהוּט לִיגֶען.

16 אִיךְ יֵשׁוּעַ הָאבּ מֵיין מַלְאָךְ גֶעשִׁיקְט, אַז עֶר זָאל אֵייךְ דִיזֶע זַאכֶען בֶּעצֵיי־
גֶען אִין דִיא קְהִלוֹת. אִיךְ בִּין דִיא וָואוּרְצֶעל אוּן דֶער שְׁפְּרָאצֶען פוּן דָוִד,
דֶער גְלֶענְצֶענְדִיגֶע מָארְגֶענְשְׁטֶערְן.

17 אוּן דֶער גַייסְט אוּן דִיא כַּלָה זָאגֶען קוּם. אוּן דֶער וָואס הֶערְט לָאז עֶר
זָאגֶען קוּם. אוּן דֶער וָואס אִיז דוּרְשְׁטִיג לָאז עֶר קוּמֶען; דֶער וָואס ווִיל לָאז
עֶר דָאס וַואסֶער פוּן לֶעבֶּען אוּמְזוּסְט נֶעמֶען.

18 אִיךְ בֶּעצֵייג צוּ אִיטְלִיכֶעם וָואס הֶערְט דִיא וֶוערְטֶער פוּן דֶער נְבוּאָה פוּן
דִיזֶעם בּוּךְ; וֶוען אֵיימִיצֶער וֶועט דֶערְצוּ צוּזֶעצֶען, וֶועט גָאט אִיהְם דִיא פְּלָאגֶען
צוּזֶעצֶען וָואס זֶענֶען אִין דִיזֶעם בּוּךְ גֶעשְׁרִיבֶּען. 19 אוּן וֶוען אֵיימִיצֶער וֶועט
אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דִיא וֶוערְטֶער פוּן דֶעם בּוּךְ פוּן דִיזֶער נְבוּאָה, וֶועט גָאט זַיין
טְהֵייל אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן דֶעם בּוֹים פוּן לֶעבֶּען אוּן פוּן דִיא הֵיילִיגֶע שְׁטָאדְט,
פוּן דִיא זַאכֶען וָואס זֶענֶען אִין דִיזֶעם בּוּךְ גֶעשְׁרִיבֶּען.

20 דֶער וֶועלְכֶער הָאט דִיזֶע זַאכֶען בֶּעצֵייגְט הָאט גֶעזָאגְט, יָא, אִיךְ קוּם
גֶעשְׁווִינְד. אָמֵן; קוּם, הַאר יֵשׁוּעַ.

21 דִיא גְנָאד פוּן אוּנְזֶערֶען הַאר׳ן יֵשׁוּעַ זָאל מִיט דִיא הֵיילִיגֶע זַיין; אָמֵן.

געדרוקט בייא וויליאם קלויס אנד זוהן אין לאנדאן